STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02029

# SEFER TSEENAH U-REENAH

Yaakov ben Yitzchak Ashkenazi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון דער ביבליאטעק
בערל און חיה סגל
פראווידענס ר. א.

ספר

# צאינה וראינה

על

## חמשה חומשי תורה

עם

## הפטרות וחמש מגילות ותרגום למגילות

בלשון אשכנז. עברי טייטש.

עשהו האלוף היקר כמהו' יעקב בכמהו' יצחק מק"ק יאנאווא

**חלק שני**

דער צאינה וראינה איז ארויש גינומען גיווארין פון פיל מדרשים אונ פון פיל פירושים. אונ איז גישריבין אויף טייטש כדי עש זאלין פאר שטיין. גרויש אונ קליין. אונ אויך האבין מיר אונטער די פסוקים פון דער תורה גישטעלט אלע נקודות כדי מען זאל קענען ליינען אן שום טעות. נאר דאש נימיין:

אויך האבין מיר בייא יעדין חודש גידרוקט איין לוח אויף פופציג יאהר. מען זאל ווישין ווען עש גיפאלט דער מולד. אונ וועלכער טאג איז ראש חודש. אונ ווען עש גיפאלט יום טוב. חנוכה. פורים. תעניתים. חמשה עשר. ל"ג בעומר. אונ ארבע פרשיות. אלס אויף עברי טייטש.

אויך האבין מיר גידרוקט אלע ציורים וואש זיינען גידרוקט גיוועזן פון אלע מאל.

# ווילנא


בדפוס של ר' א"צ ראזענקראנץ, ור' מ"מ שריפטזעטצער.

שנת תרנ"ה לפ"ק

ЦЕЕНА УРЕЕНА.

Переводъ Пятикнижія на жаргонъ.

Съ Виленскаго изданія 1887 г. безъ измѣненій. Часть II.

1895.

Дозволено цензурою 12. Мая 1895 г. Вильна.

ВИЛЬНА.
Типографія Розенкранца. и Шрифтзетцера.
На Лидскомъ переулкѣ, домъ № 2598/13
1895.

# סדר ארבע פרשיות ושבת הגדול

צוא וויסין דיא שבתים שקלים אונ זכור וואש מען לייענט פאר פורים. אונ שבת פרשה פרה. אונ שבת פרשה חודש וואש מען לייענט נאך פורים. אונ שבת הגדול. אין וועלכע סדרה זייא גיפאלין.

| אין יאהר | שקלים | זכור | פרה | חודש | שבת הגדול |
|---|---|---|---|---|---|
| תרל"ז | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרל"ח | ויקהל | ויקרא | צו | שמיני | מצורע |
| תרל"ט | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תר"מ | משפטים | תצוה | ויקהל פקודי | ויקרא | צו |
| תרמ"א | ויקהל | ויקרא | צו | שמיני | מצורע |
| תרמ"ב | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרמ"ג | פקודי | ויקרא | שמיני | תזריע | אחרי |
| תרמ"ד | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרמ"ה | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרמ"ו | פקודי | צו | שמיני | תזריע | אחרי |
| תרמ"ז | משפטים | תצוה | ויקהל פקודי | ויקרא | צו |
| תרמ"ח | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרמ"ט | פקודי | צו | שמיני | תזריע | אחרי |
| תר"נ | משפטים | תצוה | ויקהל פקודי | ויקרא | צו |
| תרנ"א | ויקהל | ויקרא | צו | שמיני | מצורע |
| תרנ"ב | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרנ"ג | משפטים | תצוה | ויקהל פקודי | ויקרא | צו |
| תרנ"ד | ויקהל | ויקרא | שמיני | תזריע | מצורע |
| תרנ"ה | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרנ"ו | תרומה | תצוה | ויקהל | פקודי | צו |
| תרנ"ז | ויקהל | ויקרא | שמיני | תזריע | מצורע |
| תרנ"ח | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרנ"ט | משפטים | תרומה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תר"ס | ויקהל | ויקרא | שמיני | תזריע | מצורע |
| תרס"א | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרס"ב | ויקהל | ויקרא | צו | שמיני | מצורע |
| תרס"ג | תרומה | תצוה | ויקהל | פקודי | צו |
| תרס"ד | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרס"ה | ויקהל | ויקרא | צו | שמיני | מצורע |
| תרס"ו | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרס"ז | משפטים | תצוה | ויקהל פקודי | ויקרא | צו |
| תרס"ח | ויקהל | ויקרא | צו | שמיני | מצורע |
| תרס"ט | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |

# סדר ארבע פרשיות ושבת הגדול

| אין יאהר | שקלים | זכור | פרה | חודש | שבת הגדול |
|---|---|---|---|---|---|
| תר"ע | פקודי | ויקרא | שמיני | תזריע | אחרי |
| תרע"א | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרע"ב | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרע"ג | פקודי | צו | שמיני | תזריע | אחרי |
| תרע"ד | משפטים | תצוה | ויקהל פקודי | ויקרא | צו |
| תרע"ה | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרע"ו | פקודי | צו | שמיני | תזריע | אחרי |
| תרע"ז | משפטים | תצוה | ויקהל פקודי | ויקרא | צו |
| תרע"ח | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרע"ט | ויקהל | ויקרא | צו | שמיני | מצורע |
| תר"פ | משפטים | תצוה | ויקהל פקודי | ויקרא | צו |
| תרפ"א | ויקהל | ויקרא | שמיני | תזריע | מצורע |
| תרפ"ב | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרפ"ג | משפטים | תרומה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרפ"ד | ויקהל | ויקרא | שמיני | תזריע | מצורע |
| תרפ"ה | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |
| תרפ"ו | משפטים | תצוה | תשא | ויקהל פקודי | צו |

# ויקרא

אל משה גאט האט גירופין צו משה דר בחיי שרייבט עש שטייט אין משלי עקב ענוה יראת יי עושר וכבוד וחיים שלמה המלך לאזט אונז וויסין אין דעם פסוק דאש די בעסטע מדה צווישן אלע מדות איז ענוה דאש דר מענטש זאל זיך נידעריג האלטין · אונ וויל דאש איז די בעסטע מדה דרום איז משה אין דר תורה נאר ווארין גילויבט מיט דער מדה פון ענוה אזו וויא אין פסוק שטייט והאיש משה עניו מאד משה האט זיך זייער נידעריג גיהאלטין אונ מען לויבט אים ניט מיט איין אנדערע גוטע מדה חאטשע ער האט פיל גוטע מדות גיהאט דאש איז וויל ענוה איז די בעסטע מדה · אונ וויל משה האט זיך נידעריג גיהאלטין דרום האט ער ניט גיוואלט אריין גיין אין אהל מועד וויל ער איז ווארין באדעקט מיט איין וואלקין אונ דיא שכינה איז אין אים גיוועזן · חאטשע גאט האט שוין לאנג גיזאגט צוא משה איך וועל מיט דיר ריידין אין אהל מועד פון דעשט וועגן האט ער ניט גיוואלט קומען אין אהל מועד תפלה צוא טאן · אדער נבואה צוא באקומען · אדער קרבנות צוא ברייינגען · ביז גאט האט אים גירופין ער זאל קומן אין אהל מועד · אזוא וויא דא אין פסוק שטייט ויקרא אל משה גאט האט גירופין צוא משה · רבי איסריל שרייבט דיא אלף פון ויקרא איז קליין גישריבין אין דר תורה גלייך וויא עם וואלט גישטאנן אן איין אלף ויקר דאש איז טייטש קאלט כלומר דיא דעה פון משה איז ניקילט אונ גישטילט גיווארין פון דעם וואש ער איז פריער צארינדיג גיוועזן וויל ער איז ניט קיין כהן · אבער וויא באלד גאט האט מיט אים גירעט איין גוט לשון ויקרא וואש מלאכים ריידין דער מיט אזוא וויא אין פסוק שטייט וקרא זה אל זה אזו איז דיא דעה פון משה גיקילט גיווארין דען ער האט גיזאגט חאטשע איך וועל ניט דינען אין בית המקדש אויף דר ערד · וועל איך דינען אין בית המקדש אין הימיל אזו וויא איין מלאך וויל גאט האט מיט מיר גירעט דאש לשון פון איין מלאך ויקרא ניט אזו וויא צו אנדערע רעט ער מיט דעם לשון ויקר ער האט זיך גיטראפין איין מאל צוא ריידין אזו וויא מיר גיפינען ביא בלעם שטייט ויקר אלהים אל בלעם גאט האט זיך גיטראפין צו בלעם · דר בעל הטורים שרייבט גאט האט גיהייסין משה זאל אן שרייבן אין דער תורה ויקרא מיט איין אליף אזוא וויא מלאכים ריידין האט משה זיך גיטראכט אז איך וועל אן שרייבין ויקרא מיט איין אליף וועלין ישראל זאגין איך בין איין בעל גאוה דאש איך שרייב אויף מיר אן איין חשוב לשון פון דיא מלאכים זאל איך אן שרייבין אן איין אליף וועל איך עובר זיין דאש גיבאט פון גאט וואש ער האט מיר גיהייסן מיט איין אליף שרייבין · דרום האט משה איין קליינע אליף אן גישריבן איז גלייך וויא אן איין אליף אונ האט גאטש גיבאט גיהאלטן דען ער האט איין אליף אן גישריבן חאטשע זיא איז קליין : מאהל מועד דאש קול איז גיוועזן אין אוהל מועד אונ עש איז ניט ווארין גיהערט חוץ פון דעם אוהל מועד חאטשע דאש קול פון גאט איז זייער שטארק פון דעסט וועגין קען גאט מאכין דאש אפילו דער מענטש וואש שטייט נאהענט ביי דעם קול זאל עם ניט הערין · אזו וויא מיר גיפינען ביא שמואל הנביא דאש ער איז גיוועזן איין יונג ביי עלי הכהן · אונ גאט האט גירופין צוא שמואל ביי נאכט אין שלאף האט ער גימיינט דאש זיין האר עלי רופט אים איז ער גיקומן צוא אים זאגט

עלי איך האב דיך ניט גירופן · האט שמואל
זיך ווידר גיליגט קומט ווידער איין קול אונ
רופט שמואל איז ער ווידער גיקומן צו עלי ·
האט עלי אים ווידער גיזאגט איך האב דיך
ניט גירופין גייא לייג דיך שלאפין · דען עלי
האט זיך גיטראכט דאש ערשטע מאל מעג
זיין איין טעות עס האט זיך אים פון דעם
שלאף גידאכט דאש מען רופט אים · אבער
ווען ער איז גיקומען דאש אנדערע מאל האט
עלי פאר שטאנען דאש מוז עפעס זיין דאש
מען רופט אים דרום האט עלי צו שמואל
גיזאגט גייא שלאפין אונ עלי איז אויף
גישטאנען אין דער פינצטער אונ האט
גיוואלט הערן ווער עס רופט אים · אונ האט
זיך גיטראכט וועל איך הערן ווער עס רופט
אים איז דאש גיוויש איין מענטש · וועל איך
ניט הערן איז דאש גיוויס דאש קול פון גאט
אונ אז שמואל איז גיקומען דאש דריטע
מאל צוא עלי אונ זאגט מען האט אים
גירופין האט עלי שוין גיוואוסט אז דאש
איז איין קול פון גאט · אונ אזו ווי מיר גפינען
דאש גאט קאן מאכין אז דר מענטש איז
נאנץ נאהנט צום קול אונ הערט עס דאך
ניט אזו אויך ביי דעם זעהן קען גאט מאכין
דאש צווייא מענטשין זאלין שטיין בייא
אנאנדער זאל איינער זעהען איין מלאך אונ
דער אנדערער ניט אז וויא מיר גיפינן ביי
דניאל דאש ער האט גיזעהען מלאכים אונ
וואונדר אונ די מענטשן וואס זיינן ביי אים
גישטאנן האבן ניט גיזעהן : אדם כי יקריב רשיי
שרייבט דרום שטייט אדם אונ ניט איש צו
ווייזין אזו וויא אדם הראשון איז גיוועזן אליין
אויף דר וועלט אונ אלץ איז גוועזן זיינע ער
האט ביי קיינם ניט גיגזילת אזו אויך זאל דיין
איין קרבן פון דש זיינע ניט פון גזל דען גאט
האט פיינט איין קרבן פון גזילה אדער פון
ריבית : מן הבהמה נאט האט גיהייסן ברייננן
קרבנות פון בהמות וואס זייא זיינען שטיל
אונ טייטין ניט קיין לייט אונ ניט קיין אנדרע

בהמות אונ מען זאל ניט ברייננען פון דיא
חיות וואש אין וואלד ווייל זיי טייטן לייט אונ
אנדערע חיות · אונ גאט האט ליב די וואש
לאזין זיך נאך יאגין אונ האלטין זיך נידערג
אונ האט פיינט די וואש יאגין נאך אנדערע
אונ טייטין זיי · אונ דרום האט ער קיין
עופות ניט גיהייסן ברייננן נאר טויבין אונ
טירקיל טויבין וואש זיי זיינן זייער שטיל · אונ
פון די בהמות איז זייער שטיל איין שאף אונ
איין רינד דרום האט ער פון זיי גיהייסן ברייננן
קרבנות אונ איין בהמה וואש מען האט צו איר
גידיינט אדער זיא האט מענטשין גיטייט זאל
מען איר ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח דען
זיא איז מיאום : אם עולה קרבנו אויב איין
מענטש וועט ברייננען איין קרבן עולה · אונ
דרום שטייט איין קרבן עולה פריער ווייל
דאש קומט אויף דעם וואש איין מענטש
זינדיגט מיט דער מחשבה וואש זיא איז
פריער בייא איטליכער עבירה · דרום איז איין
קרבן עולה ביי איין עושר איין אקס דאש
איז ווייל איין עושר האט איין הויכע דעה
אונ טוט מער זינדיגין מיט זיין מחשבה אונ
איין מיטיל מעסיגער מענטש וואש האט ניט
אזו איין הויכע דעה ברייננט איין שאף אונ
איין עני וואש האלט זיך נידעריג אין דער
דעה דער ברייננט איין טירקיל טויב : ושחט
ער זאל שעכטין · אונ עס שטייט ניט ושחטו
דאש איז טייטש אהרן מיט זיינע קינדער
זאלן שעכטין דאש ווייזט דאש שעכטן מעג
ווער עס וויל אפילו איין לוי אדר איין ישראל
אונ אויך אפ שינדין מעג ווער עס וויל · ונתנו
בני אהרן הכהן אש די קינדער פון אהרן זאלין
געבין פייער אויף דעם מזבח די גמרא זאגט
אין יומא דאש נדב ואביהוא זיינן דרום
גישטארבין ווייל זייא האבין גיפסקית איין
הלכה פאר זייער רבי משה · זייא האבין
גיזאגט האמשע עס קומט איין פייער פון
דעם הימיל מוז מען דאך ברייננן פייער פון
דער ערד · דער רבינו סעדיה שרייבט נדב
ואביהוא

נאביהוא האבן ניט רעכט פר שטאנן וואש
משה האט גיזאגט ונתנו דען משה האט
גימיינט מען זאל ברייננן פייער פון מענטשין
אבער דאש האלץ וועט אן צינדין דאש
פייער פון דעם הימיל אונ זיי האבין גמיינט
מען זאל מיט דעם פייער פון מענטשן דאש
האלץ אן צינדין דרום זיינען זיי גישטארבין
פון דאנען לערנן מיר אפ דאש איין מענטש
זאל גיווארינט זיין צוא הערין רעכט אונ צו
פר שטיין וואש זיין רבי זאגט דען וואלטין
נדב ואביהוא גפרעגט צוא משה זייער רבי
וואש איז טייטש ונתנו וואלטין זייא גיבליבין
לעבין · אונ איין מענטש זאל זיך ניט הויך
האלטין ניט צוא פרעגין דעם רבי פון זיין
שטאט דער בחיי שרייבט דרום האט גאט
גיהייסין ברייננען קרבנות ווייל איין מענטש
אן עבירות איז גלייך וויא איין מלאך אונ
אז ער טוט עבירות האט אים גאט גיהייסן
ברייננען קרבנות צו האבן אכפרה ער זאל
ווידער גלייך זיין וויא איין מלאך · דרום זאל
ער מתודה זיין אויף דעם קרבן זיינע עבירות
וואש ער האט גיטאן מיט זיין גוף אונ מיט
זיין נשמה · אונ מיט דריי ערלייא טוט איין
מענטש זינדיגין · מיט דער מחשבה · אונ
מיט דעם ריידין · אונ מיט דער מעשה
וואש ער טוט דיא עבירה דרום מוז דער
מענטש איין קרבן ברייננען · אונ מוז
זיינע הענט אויף דעם קרבן לייגין אי מען
שעכט אים צוא מכפר זיין אויף דער
מעשה וואש ער האט גיטאן די עבירה מיט
זיינע הענט · אונ דער נאך זאל ער זיינע
עבירות מתודה זיין מיט זיינע רייד צו מכפר
זיין אויף דעם וואש ער האט איין עבירה
גיטאן מיט דעם ריידין אונ דר נאך פאר
ברענט מען די נירין וואש ברייננן די מחשבה
אונ עצות צוא מכפר זיין אויף דעם וואש
ער האט גיזינדיגט מיט דער מחשבה · אונ
דער נאך שפריינגט מען דאש בלוט צו מכפר
זיין אויף דעם בלוט פון דעם מענטשן וואס

מען האט אים גידארפט פאר גיסין פון וועגן
דר עבירה · אונ דר מענטש זאל טראכטין
ער איז חייב פיר מיתות · סקילה · שריפה ·
הרג · וחנק · אונ דאש איז אלץ דער קרבן
מכפר · ווען מען ווארפט דעם קרבן צוא
שעכטין איז דאש גלייך וויא סקילה וואש
מען האט דעם מענטשין וואש מען האט
אים גידארפט פאר שטיינען אראפ גיווארפן
פון איין הויכין מויער · אונ דער נאך האבן
כל ישראל אויף אים שטיינער גיווארפין ·
דרום זאל דער מענטש דער ביי שטיין וויא
מען ווארפט דעם קרבן צוא דער ערד צוא
שעכטן אונ זאל טראכטן דאש אזו האט מען
גזאלט טאן צו מיר פון מיין עבירה וועגן אונ
אז מען וויל דעם קרבן שעכטין נעמט מען
אים שטארק אן ביי דעם האלז גלייך ווי מען
ווערגט אים דאש איז אנטקעגין חנק דאש
איז טייטש ווערגין אונ ווען מען שעכט דעם
קרבן דאש איז גלייך וויא הרג וואש מען
הרגת מיט איין שווערד · אונ ווען מען פר
ברענט די גלידער פון דעם קרבן אויף דעם
מזבח איז גלייך וויא שריפה · דאש אלץ
זאל דער מענטש טראכטין גלייך וויא ער
איז חייב דיא פיר מיתות · אונ זאל חרטה
האבין אויף זיינע עבירות: מן התורים או מן
בני היונה נאט האט גיהייסין פון טויבין אונ
פון טורקיל טויבין ברייננען איין קרבן ווייל
זיי באהעפטין זיך נאר צו זייער נקבה אזו
זיינען ישראל זיי באהעפטין זיך ניט צו קיין
אנדערין נאט נאר צו הקב"ה והסיר את מוראתו
מען זאל דעם קראפ אוועק ווארפין פון דיא
עופות ביי דעם קרבן ווייל טויבין פליען אין
אלע שייערין אונ עסין פון גזילה דרום וויל
גאט ניט האבין אויף דעם מזבח דאש אבר
וואש מען האט דער מיט גיצולת דאש איז
דער קראפ · אונ עש האט ניט גיהאלפין
אים אויש צוא וואשין נאר מען האט אים
גימוזט אין גאנצן אוועק ווארפין אבער איין
בהמה עסט ביי איר האר אונ גזילת נים

דרום האט מען פון דער בהמה ניט אוועק גיווארפן די אברים וואש דאש עסן ליגט דרינען פון דאנען זאל מען אפ לערנען וויא גאט האט פיינט גזילה אפילו פון איין עוף וואש האט קיין שכל ניט האט גאט ניט גיהייסן ברייננען דעם אבר אויף דעם מזבח דרום זאל דער מענטש גיווארינט זיין מיט גזל אדער ריבית כדי ער זאל אויך ניט פר שטויסן ווערין פון דעם גן עדן וואו צדיקים זיצין אונ וועט ניט קענען קומען צו דעם כסא הכבוד וואש זיין נשמה דארף צו קומן ווען זיא גייט ארויש פון דעם גוף כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לי״י קיין זויער טייג אונ קיין האניק זאלט איר ניט בריינגען פר איין קרבן ווייל עס איז גיוועזן איין מנהג ביי די עובדי כוכבים דאש זיי האבין אין אלע זייערע קרבנות גיבראכט זויער טייג אונ האניק דרום האט עש אונז די תורה פאר באטין וכל קרבן מנחתך במלח תמלח אונ איטליכן קרבן זאלסטו זאלצין מיט זאלץ דען עס איז ניט רעכט דאש איין עסן שפייז זאל זיין אן זאלץ · אונ דער רמב״ן שרייבט ווייל דיא עובדי כוכבים פלעגין ניט נעמען קיין זאלץ צו איין קרבן דרום האט די תורה גיהייסן בריינגען זאלץ ביי איטליכן קרבן אונ דער מדרש שרייבט דרום בריינגט מען זאלץ ווייל די וואשער וואש אויף דער ערד הייסן מים בוכים דען אז גאט האט גיטיילט די וואשער האלב אויף דעם הימיל אונ האלב אויף דר ערד האבין זיי גיוויינט ווארום זאלין מיר אונטן זיין ווייט פון אונזער באשעפער אונ האבין גיוואלט מיט גוואלד ארויף גיין אונ האבין פיל מויערין צו בראכין · האט גאט אין זייא גישריען אונ זיי האבן גמוזט אויף דער ערד בלייבין · האט גאט גיזאגט ווייל איר האט דאש גיטאן פון מיין כבוד וועגין דרום זאלין די אויבערשטע וואשר קיין שירה ניט זאגין ביז זיי וועלין נעמען רשות פון די אונטערשטע וואשר אונ מען זאל צו איטליכן קרבן נעמען זאלץ וואש עש קומט ארויש פון דער וואשער וואש אויף דער ערד · נאך איין פשט זאגט דער מדרש · דר ים האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם די וועלט איז גיטיילט אויף דריי חלקים איין חלק איז מדבר · אונ איין חלק איז ערד וואו מענטשן וואונען · אונ איין חלק איז ים · אין חלק מדבר האשטו גיגעבין די תורה · אונ אין חלק וואו לייט וואונן האשטו גיבויט דאש בית המקדש וואש מען איז דארטין מקריב קרבנות אונ מען טוט דארטין תפלה אונ אין חלק ים האשטו גאר ניט גיגעבין · ניט קיין תורה אונ ניט קיין תפלה · האט גאט גיזאגט מען זאל קיין קרבן ניט מקריב זיין ביז מען וועט דרויף געבין זאלץ וואש דאש איז פון דר וואסער · נפש כי תחטא ווען איין מענטש וועט זינדיגין · דר בחיי שרייבט דר גוף מיט דר נשמה מיט אנאנדער הייסן נפש דען זיי מיט אנאנדער טוען זינדיגין · די נשמה אן דעם גוף אדער דער גוף אן דער נשמה איז גאר ניט · דר בחיי בריינגט איין מדרש · עס איז גיוועזן אין ירושלים צווייא פאלשע נביאים איינער האט גיהייסן אחאב בן קוליה · אונ דר אנדערר האט גיהייסן צדקיה בן מעשיה אונ אז ירושלים איז חרוב גיווארין זיינן די נביאים פר טריבן גיווארן קיין בבל אונ זייא האבין גיזינדיגט זיי פלעגין פאלשע נביאות זאגין אונ זנות טרייבן · אחאב פלעגט גיין אונ האט גזאגט איך בין איין נביא גאט האט מיך גישיקט צו ריידין מיט דיין ווייב · זאגט דר שר גיי צו איר · איז ער גיגאנגן צו איר אונ האט גיזאגט גאט האט גיהייסן צדקיה זאל ביי דיר ליגן וועסטו האבן קינדר נביאים האט זיא גיגלויבט אונ צדקיה איז גיקומען אונ האט מיט איר שלעכטש גיטאן · אונ צדקיה איז אויך אזו גיגאנגען אונ האט אן גירעט איין אנדערע חשובי אשה אונ אחאב האט מיט איר שלעכטש גיטאן · אונ דיא צווייא נביאים האבן זיך גמאכט איין גרויש

שם אין בבל ווען איין אשה האט גיטראגין
האבן זיי איר גיזאגט וואש פר איין קינד זיא
ווערט האבין איין זון אדער איין טאכטר ער
האט צו איר גיזאגט דו וועסט האבן איין זון
אונ איז גיגאנגן צום שכן וואש זיצט נאהינט
ביי דר אשה אונ זאגט די אשה ווערט האבין
איין טאכטר אונ ווען די אשה האט גיוואונן
איין זון האט זיא גיזגט דר נביא האט אמת
גיזאגט · האט זיא גיוואונן איין טאכטר איז
גיקומן דעם שכינש ווייב אונ זאגט דר נביא
האט אונז גיזאגט דו וועסט האבין איין
טאכטער נאר ער האט דיך ניט גיוואלט
מצער זיין אזו איז דער נביא אלץ גירעכט
גיבליבן · לסוף איז גיקומן צדקיה צום ווייב
פון נבוכדנצר אונ זאגט גאט האט גיהייסין
דו זאלשט צוא הערן אחאב ועשטו האבין
קינדער נביאים האט זיא גיענטפערט איך
וועל פריער פרעגן דעם מלך נבוכדנצר האט
זיא דאש אים דער צײלט האט נבוכדנצר
באלד גישיקט נאך צדקיה אונ נאך אחאב
זיינען זיי גיקומן אונ זאגן צום מלך גאט וויל
אויף שטעלין נביאים פון דיין ווייב ענטפערט
דער מלך איך וייש וואול דאש אייער גאט
האט פיינט זנות עש זיינן פיר אונ צוואנציג
טויזנט גיטייט גיווארין פון ישראל אין דער
מדבר אין איין שעה פון וועגין זנות וואש
זמרי האט מזנה גיוועזן מיט דר מדינית אונ
איר זאגט מיר דאש אייער גאט וויל האבין
זנות איך וייש ניט · אויב איר זייט אמתי
נביאים אדער פאלשע נביאים איך האב
גפרובט חנניה מישאל ועזריה אין איין קאלך
אויבין וואש ער איז גיהייצט גיווארין זיבין
טעג אונ זיי זיינען לעבעדיג ארויש אונ איך
וועל אייך נאר איין טאג איין קאלך אויבין
אויש הייצין וועט איר לעבעדיג ארויש וועל
איך טאן דאש וואש איר וועט מיר הייסין ·
האבין זיי גיזאגט צו נבוכדנצר זיא זיינען
גיוועזן דריי צדיקים ביא אננדר דרום זיינן
זיי לעבעדיג ארויש גיגאנגען · אבער מיר

זיינען נאר צווייא נביאים דען דורך דרייא
טוט גאט גיבער איין נס וויא דורך צווייא
זאגט נבוכדנצר קלייבט אייך אויש נאך איין
צדיק וואש איך זאל אים מיט אייך ארײן
ווארפין האבין זיי אויש גיקליבין יהושע בן
יהוצדק כהן גדול זייא האבין גימיינט דורך
זיין זכות וועלן זיי ניצול ווערן האט מען אלע
דריי אין קאלך אויבין ארײן גיווארפן זיינן זיי
ביידע פאר ברענט גיווארין אונ יהושע איז
לעבעדיג ארויש גיגאנגן · אם הכהן המשיח יחטא
אויב איין כהן גדול וועט זינדיגין זאל ער
ברייננען איין קרבן · די תורה האט פריער
אן גישריבין דעם קרבן פון איין כהן גדול
וואש ער ברייננט אויף זיין עבירה וויל ער
איז דער בעסטר אונ דר חשובר פון ישראל
אונ אז ער ברייננט איין קרבן אויף זיין
עבירה נעמט גאט אן דעם קרבן · מכל שכן
דאש ער נעמט אן דעם קרבן פון אונז
פראסטע לייט דען ווען דר מענטש איז חשוב
שטראפט אים גאט פיל מער אפילו אויף איין
קליינע עבירה לאשמת העם דאש איז טייטש
אפילו דיא עבירות וואש דער מענטש איז
גיוואונט צו טאן זאל ער זיך אויך ניט שעמן
צו טאן תשובה דען גאט וועט אים מוחל זיין
אפילו די עבירות וואש ער איז גיוואונט צו
טאן אשר נשיא יחטא אז איין נשיא וועט זינדיגן
די תורה האט ביי איין נשיא אן גישריבין
דאש ווארט אשר דאש איז טייטש גיווים וויל
איין נשיא איז חשוב אונ זיין הארץ איז
האפרדיג דרום טוט ער באלד זינדיגין אונ
ביא דעם כהן גדול שטייט אם יחטא אויב ער
וועט זינדיגין וויל ער איז גיווארינט אונ טוט
ניט באלד זינדיגן וויל די שכינה רועט אויף
אים · אונ אויך ביא די סנהדרין שטייט אם
ישגו אויב זיי וועלין זינדיגין וויל די שכינה
רועט ביי זיי דרום זיינען זיי פרום אונ טוען
אויך ניט באלד זינדיגין · אונ דער מדרש
זאגט אשר נשיא יחטא וואול דעם דור וואש דר
נשיא אונ דר חשובר טאן טוט תשובה אונ

ברייגגט איין קרבן אויף זיינע עבירות וואש
ער האט אום גערין גיטאן מכל שכן דאש
ער וועט תשובה טאן אויף זיינע עבירות
וואש ער האט במזיד גטאן · אונזרע חכמים
זאגין ווען איין קהל זינדיגט שטראפט גאט
דעם נשיא אונ דעם ראש הקהל וייל ער
האט זיי ניט גווערט ונפש כי תחטא ושמעה קול אלה
ווען אמענטש וועט זינדיגן אונ וועט פאלש
שווערין · דר מדרש זאגט גאט האט בשאפן
הימיל אונ ערד. אונ מלאכים אונ מענטשין
אונ אלין וואש אויף דער ערד איז דאש
אלין האט ער בשאפין מיט איין האלבן שם
י״ה אונ דרום האט גאט זיי ניט בשאפין מיט
דעם גאנצין שם וייל ער האט ניט גיוואלט
דר מאנן דעם גאנצין שם · פון דאנן לערנן
מיר אפ וויא גרויש איז די עבירה פון דעם
וואש דר מאנט דעם נאמן פון גאט אום זיסט
אונזערע חכמים זאגין איין מענטש זאל ניט
דר מאנען גאטש נאמען צו שווערין אפילו
אמת · עש איז גיוועןאיין מעשה אין לאנד
הר המלך עש איז דריגען גיוועןצווייטויזנט
שטעט אונ זיינן חרוב גיווארן וייל זיי האבן
אפט גישווארין אויף אמת כלומר חאטשע
זיי האבין אמת גישווארין זיינען זיי דאך
חרוב גיווארין וייל זייא האבין בייא גאטש
נאמען גיטאן שווערין אום זיסט · והוא
עד ווען איין מענטש ווייש עדות צו זאגין
דעם חבר · אונ דאש בית דין רופט אים
ער זאל עדות זאגין אונ ער וויל ניט זאגין
האט ער איין גרוישע עבירה · אבר אן איין
בית דין איז דיא עבירה ניט גרויש · דר בחיי
שרייבט והוא עד גאט איז איין עדות אונ
ווייסט ווער עש ווייסט עדות זאגין אונ וויל
ניט זאגין אונ וועט אים שטראפין · די תורה
האט אן גישריבין דאשווארט לוא מיט איין
איבעריגין ואי״ו צו ווייזין ווער עש וויל ניט
עדות זאגין לייקינט אין גאט וואש האט
באשאפין די וועלט אין זעקס טעג : על חטאתו
אשר חטא אונזערע חכמים לערנן פון דאנן אפ

ווען איין מענטש האט איין עבירה גטאן אז
ער איז גוועןאיין עושר אונ איז חייב גיווארן
איין שאף פר איין קרבן אונ איז ארום גיווארן
דאש ער פר מאגט ניט צו ברייגגן איין שאף
זאל ער ברייגגן איין טירקיל טויב · אונ אז ער
פר מאגט קיין טירקיל טויב אויך ניט צוא
ברייגגן זאל ער ברייגגען איין צעהנטל מאס
זעמיל מעל · אונ אויך ווען ער האט גטאן די
עבירה אז ער איז גוועןאיין עני אונ איז חייב
גיווארין איין צענטיל מאש זעמיל מעל אונ
איז גיווארין איין עושר זאל ער ברייגגן איין
שאף : נפש כי תמעול מעל וחטאה בשגגה מקדשי יי׳ דער
בחיי שרייבט ווען מען האט הנאה פון הקדש
האט די תורה פריער גישטעלט דאס ווארט
מעילה וואש דאש איז טייטש פעלשין במזיד
אונ דר נאך דאש ווארט חטא דאס איז טייטש
איין עבירה בשוגג · צוא ווייזין דאס גאט
רעכינט אים גלייך ווי ער האט בשוגג גטאן
חאטשע ער האט במזיד גטאן · אונ ווען ער
גזלת ביי זיין חבר שטייט פריער חטא אונ דר
נאך מעילה צו ווייזין ווען ער גזילת זיין חבר
אפילו אום גערין איז אים גירעכינט גלייך ווי
ער האט גיגזילת במזיד דען גאט שטראפט
מער ווען מען גזילת ביי איין מענטשן וויא
מען גזילת ביי גאט והשיב את הגזלה אשר גזל ער
זאל אום קערן די גזילה וואש ער האט גיגזילט
די גמרא זאגט אין בבא קמא ווען איין מענטש
גזילת איין באלקין אונ בויט אים איין אין
זיין הויז איז ער חייב צו צו ווארפין זיין הויז
אונ צו אום קערין דעם באלקין אונ ניט צו
צאלין געלט פר אים נאר הלל האט גימאכט
איין תקנה מען זאל געלט צאלן פר דעם באלקן
כדי מען זאל קענן גרינג תשובה טאן דען ער
וועט זאגן איך וואלט גערן תשובה גטאן נאר
עש איז מיר שווער צו צו ווארפין דאס הויז
דרום זאל מען נעמן פון אים געלט · עס איז
גוואוסט דאש עש איז פר האנדן צוויי ערליי
עבירות · איינש וואש איין מענטש זינדיגט צו
גאט דאש טוט ער זיך אליין צוא זיין נשמה

ראש אנדרע איז ווען איין מענטש זינדיגט צו
זיין חבר וואש ער איז אים מבייש · אדער ער
שלאגט אים · אבר דר וואש גזילת זיין חבר
דר זינדיגט אנטקעגן גאט אויך דרום איז די
עבירה הארבר אונ דר מבול איז נאר גיקומען
פון גזילה ווענן אונ אז יחזקאל האט גישטרפט
די ישראל רעכינט ער פיל עבירות אונ צום
הינטערשטין רעכינט ער גזילה אונ זאגט
דרום וועל איך אייך שלאגין איז משמע פון
גזילה וועגן וועט גאט זיי שלאגן ואת אשמו יביא
ליי דר מענטש חאטשע ער האט אום גקערט
די גזילה זאל ער דאך איין קרבן ברייננן וייל
די עבירה איז זייער גרויש · אונ דאש האט
איוב גשטראפט זיינע חברים אם און בידך הרחיקהו
ווען דוא האשט איין גזילה אין דיין האנט
אויפן באר זאלשטו באלד איר אפ געבין ואל
תשכן באהליך עולה ווען דו האשט איין גזילה פר
בארגין אין דיין הויז זאלשטו איר ניט לאזן
רוען ביי דיר נאר זאלשט איר אויף באלד אפ
געבין · כי אז תשא פניך דען דענסט מאל וועשטו
קענן אויף הויבן דיין פנים פר לייטן ווען דו
וועסט איטליכן אפ געבן זיין גזילה · אונ דאס
האט דוד גיזאגט לך לבדך חטאתי צו דיר גאט
אליין האב איך גיטאן זינדיגין אונ ניט צוא
קיין מענטשין דען איך האב ביי קיינם ניט
גינזילת דרום האט ער זוכה גיוועזן צו עולם
הבא אזו זאלין מיר אויך זוכה זיין אמן :

# הפטרת ויקרא

עם זו יצרתי לי זאגט גאט דאש פאלק ישראל
האב איך בשאפין צו מיין דינשט זיי זאלין
דר צוילין מיין לויב אונ דו יעקב האסט מיך ניט
גירופין דען דו האשט דיך גיקערט צו עבודת
כוכבים אונ בישט מיד גיווארין אין מיין דינשט
די גמרא זאגט אין יומא רבי אליעזר בן חסמא
זאגט ווען איין מענטש זאגט קריאת שמע אדר
תפלה אונ ווינקט מיט זיינע אויגין אדער ער
וויזט מיט זיינע פינגער אדר ער פאר קרימט
מיט זיין מויל צו שאפין עפעס וייל מען טאר
ניט ריידין אין קריאת שמע אדר תפלה · זאגט
גאט דו טושט מיך ניט רופן כלומר אייער תפלה
איז ניט גיאכט · פון דאנען זאל מען אפ לערנן
צו זיין גיווארינט ניט צו ריידין אין דער תפלה
אפילו לשון הקודש דר מדרש זאגט אין איכה
רבתי גאט זאגט ישראל דינען עבודת כוכבים
וואלטין זיא לכל הפחות מיך אויך גידינט
וואלט רעכט גיוועזן · אונ זיי טוען ניט אזו זיי
האלטין מיך אפילו ניט וויא איין צו גאב וואש
מען גיט ביי דר סעודה אונ האבין מיך פר געסין
אונ רופין מיך גאר ניט · עש איז איין משל איין
שר פון דעם מלך מאכט איין גרוישע סעודה אונ
רופט אלע שרים אויף דר סעודה · אונ דעם מלך
רופט ער ניט · זאגט דר מלך וואלט ער מיר
לכל הפחות אזוא ערליך גיהאלטין וויא איין
אנדערין שר אונ וואלט מיר אויך גירופין אויף
דר סעודה · אזו אויך זאגט גאט לא הבאת לי שה
עולותיך דוא האשט מיר ניט גיבראכט דאש
שעפילע פון דיינע עולות נאר צו דער עבודת
כוכבים האשטו עש גיבראכט · אונ מיט דיינע
זבחים האשטו מיך ניט ערליך גיהאלטין איך
האב דיך ניט איבער גיארבעט מיט מיין מנחה
כלומר איך האב דיר ניט גיהייסין ברייננען איין
גרוישע מנחה נאר איין הייפיל מעל · אונ אפילו
דאש האב איך אויך ניט גיזאגט בתורת חיוב
איך האב דיר ניט מיד גימאכט מיט ווייעך
דען איך האב ניט גיהייסין ברייננן פיל ווייעך
לא קנית לי בכסף קנה דו האשט ניט גידארפט קויפן
פאר געלט קיין צימרונג צו קטורת ווארום עש
איז פיל אין אייער לאנד דאש אפילו ציגין עסין
עש אונ מיט דעם חלב פון דיינע זבחים האשטו
מיך ניט אן גיזעט נייערט דו האשט מיך גמאכט
דינען דורך דיינע זינד צו די עובדי כוכבים ·
אזו וויא יחזקאל האט גיזעהן בנבואה דאש די
מרכבה פון דר שכינה קומט אן פון בבל וואש
זיא איז אהין גיגאנגען איין צו נעמן די גאנצע
וועלט אונטער נבוכדנצר דר מלך פון בבל כדי
צו דר הויבין זיי מען זאל ניט זאגין אין דיא
הענט פון איין אומה שפלה האט גאט איבער
גיענטפערט זיינע קינדר אונ דו האשט מיך מיד
גימאכט מיט דיינע זינד אנכי אנכי הוא מוחה פשעיך
איך גאט וואש איך האב לאנג אפ גימעקט דיינע
זינד וועל איך היינט אויך אפ מעקין דיינע
זינד פון מיינט וועגין אונ ניט פון דיין זכות וועגן
אונ ניט פון וועגין דעם זכות פון דיינע עלטערן
אונ וועל ניט גידיינקען דיינע זינד הזכירני דר

מאן מיך ישראל וואש פאר איין גמול דארף איך דיר צו טאן אונ צו דיינע עלטערין · לאמיר זיך באווערן מיט אנאנדר · דר צייל דו פריער דיינע טענות כדי דו זאלשט גירעכט בלייבין · דען דר סדר איז חען איינער דר ציילט זיינע טענות פריער מיינט מען ער איז גירעכט אבר וואש קאנשטו טענן צו גירעכט בלייבין אביך הראשון חטא דיין ערשטר פאטר אברהם האט אנטקעגין מיר גיזינדיגט מיט דעם וואש ער האט גיזאגט במה אדע מיט וואש וועל איך וויסין דאש איך וועל ירשנן ארץ ישראל אונ האט ניט גיגלויבט אין מיר · אונ אלע דיינע מליצים וואש דו בישט דיך סומך אויף זיי · איז ניט דא איינר אן זינד · דען יצחק האט אויך גיזינדיגט וואש ער האט ליב גיהאט עשו מיין פיינט · אונ וויא קאנט איר גירעכט בלייבין אנטקעגין מיר · ואחלל שרי קודש איך וועל פאר שוועכין די הייליגע הארין פון וועגין אייערע זינד · אונ וועל געבין יעקב צו ווישטונג אונ ישראל צו איין ביוש דאש דר פיינט וועט זיי מבייש זיין ועתה שמע יעקב אונ היינט הער צו מיין קנעכט יעקב צו אום קערין זיך צו מיין תורה · אונ ישראל וואש איך האב אין אים אויש דער ווילט זאל דאש העריין כה אמר יי אזו האט גאט גיזאגט וואש ער האט דיך באשאפין · אונ זינט דו בישט ארויש גיגאנגען פון דיין מוטערש בויך טוט ער דיר העלפין · דען גאט האט גיזאגט דו זאלשט קיין מורא ניט האבין מיין קנעכט יעקב אונ ישראל וואש איך האב אויש דר ווילט אין אים כי אצק מים על צמא אזו ווי איך גאט גים וואשר אויף איין דארשטיגע לאנד · אונ רינעדיגע וואשר אויף דר טריקענש אזו וועל איך גיסין מיין רוח הקודש אויף דיינע קינדר אונ מיין ברכה אויף דיינע קינדש קינדר וצמחו בבין חציר אונ דיינע קינדר וועלן שפראצן צווישין גראז · דאש מיינט מען עמלק וואש אויף אים איז גיזאגט גיווארין דאש אין זיין וואונונג וועט וואקסין גראז · דארטין וועלין זיי שפראצן אזו וויא ווערבים ביי די טייכן וואשר כלומר עש וועט זיך צו זיי באהעפטן פיל גרים · זה יאמר ליי אני דר וועט זאגין איך בין צו גאט · דאש זיינן די צדיקים אונ דר וועט זיך אפ רופין מיט דעם נאמן פון יעקב · דאש זיינן די קליינע קינדר פון די רשעים · אונ דר וועט אן שרייבן זיין נאמן צו גאט · דאש זיינן די בעלי תשובה

אונ דער וועט זיך אן רופין מיט דעם נאמען פון ישראל · דאש זיינן די גרים · כה אמר יי אזו האט גאט גיזאגט דר מלך פון ישראל אונ זיין אויש לייזער גאט דר האר איבר אלע חילות איך בין דר ערשטר אונ דר הינטערשטר אונ חוץ מיר איז ניט דא קיין גאט ומי כמוני אונ ווער איז אזו איין גאט וויא איך · דאש איך קען זאגין וואש עש וועט זיין דען דער בית המקדש איז נאך ניט חרוב גיווארין · אונ איר זייט נאך ניט פאר טריבין גיווארין · אונ כורש איז נאך ניט גיבארין גיווארין אונ איך בין אייך מבשר דאש דער בית המקדש וועט חרוב ווערין אונ איר וועט פאר טריבין ווערין אונ דר בית המקדש וועט דורך כורש ווידער גיבויט ווערין · אל תפחדו איר ישראל זאלט קיין מורא ניט האבין צו מאכין ווישין מיין נאמן צווישין דיא אומות דען פון דענשט מאל אן וואש דוא בישט גישטאנען אויף דעם בארג סיני האב איך דיך גימאכט הערין אונ האב גיזאגט דאש עש איז ניט פאר האנדין קיין גאט חוץ מיר · אונ איר ישראל זייט מיינע עדות אויב עש איז פאר האנדין איין גאט חוץ מיר דען איך האב אייך גיעפינט אלע זיבין הימלען אונ האב אייך גיוויזין דאש עש איז ניט דא קיין גאט חוץ מיר אונ עש איז ניט דא קיין שטארקער דאש איך זאל ניט וויסין אונ זאל אים געבין דאש שטארקייט · זכר אלה יעקב גידיינק דאש יעקב דאש דו זאלשט ניט ווערין איבר גירעט צוא דר עבודת כוכבים דען דו בישט מיין קנעכט איך האב דיך דרויף באשאפין דו זאלשט זיין מיין קנעכט דרום זאלשטו ניט פאר געסין מיין מורא מחיתי כעב פשעיך איך גאט האב לאנג אפ גימעקט וויא איין וואלקן דיינע זינד דרום היינט אויך קער זיך צו מיר וועל איך דיך אויש לייזין רנו שמים זינגט איר הימלען דען גאט האט גטאן איין אויש לייזונג צו זיין פאלק ישראל אונ טוט שאלין איר אונטערשטע ערדין עפינט איר בערג איין גיזאנג דר וואלד אונ אלע בוימער זאלין עפענען איין גיזאנג דען גאט האט אויש גילייזט די קינדער פון יעקב אונ ער טוט זיך בארימען מיט ישראל אין דיא טעג פון משיח אונ גאט וועט גרויש כבוד האבין פון די אלע אומות זייא וועלין זאגין גאט האט גיטאן נסים מיט ישראל אמן :

צו את אהרן שלמה המלך זאגט אין משלי הוקר רגלך מבית רעך פן ישבעך ושנאך דער פסוק לערינט אונז האטשע איין מענטש דארף האבן גוטע פריינט דאך זאל ער ניט אפט גיין צו זיי אין הויז נאר צו צייטן כדי ער זאל זיי ניט נמאס ווערין אונ עש איז גיוואוסט דער וואש וויל צו זיך איין זאמלען אונ בהעפטין פריינט דר מוז האבן אין זיך צוויי גוטע מדות איינש איז ער מוז זיין נידעריג אונ ניט קיין בעל גאוה דען דעם בעל גאוה האבין אלע פיינט אונ שיידן זיך פון אים אפ דאש אנדרע איז ער זאל פר קיין מענטשין קיין מורא ניט האבן אונ זאל זיי ניט חנפנן אונ עש איז גוט צו האבן פיל גוטע חברים דאך זאל מען ניט אפט גיין אין זייער הויז מען זאל זיי ניט נמאס ווערן אזו וויא האניק איז זייער זיס אבר ווען מען עסט צו פיל איז עם אום גיזונט דען אלע זאכן אין דר וועלט איז צו פיל ניט גוט אפילו דר רעגין וואש ער איז דאש לעבין פון דער וועלט דען די גאנצע וועלט היינגט אום רעגן דאך אז ער גייט צו פיל איז ניט גוט אונ ער טוט פיל שאדן אונ דער פסוק זאגט מבית רעך אפילו צווא דיין בעסטין חבר זאלסטו ניט אפט קומען מכל שכן ביי מיטל מעסיגן חבר זאלשטו ניט אפט גיין דען עס איז דא עטליכע שעה אין טאג וואס מען זאל ניט גיין אין זיין חברש הויז ווען ער עסט אונ טרינקט אדר ער שלאפט אדר ער ארבעט אדער ער האנדילט · דר מדרש זאגט הוקר רגלך מיינט מען ניט גייא פיל אין בית המקדש אריין האטשע עס שטייט אין פסוק אבוא ביתך בעולות איך וועל אפט קומן אין בית המקדש צו בריינגן עולות דאש ווייל איין עולה קומט אויף דער מחשבה וואש איין מענטש האט במחשבה גיזינדיגט וואס פון דעם קען מען זיך ניט אפ היטן דרום איז גוט צו בריינגן אפט עולות אונ דאשוואש שטייט מען זאל ניט אפט קומן אין בית המקדש מיינט מען מען זאל ניט טאן קיין עבירה במעשה אונ צו בריינגן איין קרבן חטאת ·

דען גאט וויל ניט דו זאלשט טאן איין עבירה אונ זאלשט בריינגן דרויף איין קרבן חטאת אונ עם איז גיוויש דאש דר עיקר מחשבה איז ביי נאכט דרום האט די תורה גיזאגט · צו את אהרן ואת בניו לאמר וגו' היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה כלומר מען זאל דעם קרבן עולה אויף בריינגן איין גאנצע נאכט ווייל זיא קומט אויף דר מחשבה וואש איין מענטש זינדגט ביינאכט אונ עש איז גיוואוסט דאש איין עולה איז חשובר פון אלע קרבנות דרום האט מען דעם כהן גאר ניט גיגעבין פון איר אזו וויא פון אנדרע קרבנות · נאר מען האט זיא גאר פר ברענט · דאש איז ווייל איין עולה קומט איבר איין עבירה וואש מען האט גיזינדיגט במחשבה אן דעם גוף דרום זאל קיין גוף קיין הנאה ניט האבן פון דעם קרבן · דר מענטש גהערט זיך נידעריג האלטן צו דינן גאט מיט תפלה אדר מיט אנדרע מצות · אונ זאל זיין כבוד אוועק לייגין פון וועגין דם כבוד פון גאט · אזו וויא דר כהן האט אן גיטאן די גוטע קליידר וואש ער האט גטאן צו איין חשובר עבודה · האט ער זיי אויך אן גטאן צו אראפ נעמן דאש אש פון דעם מזבח · דאש לערינט אונז ווען איין מענטש טוט תפלה אדר מצות זאל ער זיך אין שיינע קליידר אן טאן אונ זאל זיך ריין האלטן אונזרע חכמים זאגן ווער עש טוט כבוד צו גאט דר ווערט פיל כבוד האבן אבר דר וואש מאכט קליין גאטש כבוד דר ווערט גשטראפט אזו וויא עש איז גוועזן איין מעשה מיט יששכר בן ברקאי כהן גדול וואש האט זיין כבוד זייער אפ גהיט אונ האט די עבודה גטאן אין זיידנע הענט שיך אויף זיינע הענט אונ מען טאר אזו ניט דען די עבודה דארף מען טאן מיט בלויזע הענט אזו האט אים גאט גשטראפט דאש איין מאל האט זיך גקריגט דר מלך מיט דר מלכה דר מלך האט גיזאגט איין ציקעלע איז בעסר צו עסין אונ די מלכה האט גזאגט איין שאף איז בעסר צו עסין האבן זיי גזאגט ווער וועט אונז ווייזן וועלכס בעסר איז דאש

קען ווייזן דער כהן גדול וואש ברײנגט פיל קרבנות האבן זיי גישיקט נאך יששכר אונ האבן אים גפרעגט ועלכם בעשר איז האט ער אויף גהויבן די הענט אונ זאגט ווען איין ציקלע איז בעסר ווארום ברײנגט מען עס ניט פאר איין קרבן תמיד אין דר פריא אונ פאר נאכט נאר מען ברײנגט איין שאף אלע טאג אין דר פריא אונ פאר נאכט זאגט דר מלך דו ביסט גרעכט נאר וויל דו האשט אויף גיהויבן די הענט אנטקעגן מיר אונ האסט מיך פאר נישט גיהאלטן אונ פאר איין מלך אדר פאר שרים מוז מען שטיין מיט מורא דרום האט דר מלך גהייסן מען זאל אים אפ האקין די רעכטע האנט האט יששכר ברקאי גיגעבן שוחד האט מען אים אפ גיהאקט די לינקע האנט איז דר מלך גיוואר גיווארין אונ האט גיהייסן מען זאל אים די רעכטע האנט אויך אפ האקין האט רב יוסף גיזאגט גילויבט איז גאט וואש ער האט גישטראפט יששכר אויף דר וועלט אונ ניט לעולם הבא · פון דאנן זאל מען אפ לערנן מען זאל גווארינט זיין צו ערליך האלטן גאט ווען מען טוט איין מצוה פון גאט · דאש דריטע לערנן מיר אפ פון דעם קרבן עולה איין גרויסן נס דען דר מזבח איז גיוועזן פון האלץ אונ איז נאר גיוועזן באדעקט מיט קופער דין וויא איין גאלד גילדן אונ דאש פייער איז אייביג דרויף גיוועזן אונ עש האט ניט פאר ברענט דאש האלץ פון דעם מזבח · דרום זאגט דר פסוק צווייא מאל לא תכבה צו ווייזן אויף דעם נס דאש דאש פייער האט תמיד גיברענט אונ עס איז ניט ווארין פאר לאשן אונ האט ניט פאר ברענט דעם מזבח · דאש פערטע לערנן מיר אפ פון דעם קרבן עולה דאש גאט ועט שטראפין די רשעים אין גיהנם · דרום זאגט דר פסוק אש תמיד תוקד על המזבח דאש איז טייטש איין פייער וועט תמיד ברענן די רשעים אין גיהנם ווייל זיי האבן ניט גיוואלט ברײנגען קרבנות צו האבן איין כפרה דורך דעם מזבח היא העולה דר וואש האלט זיך הויך אונ איז

איין בעל גאוה · דר ווערט פאר ברענט אין פייער · אזו וויא דאש דור המבול האבין זיך הויך גיהאלטין זיינן זיי פאר לארין גיווארין · אונ די לייט פון סדום האבין זיך אויך הויך גיהאלטין זיינן זיי פאר ברענט גיווארין אין פייער אזו אויך פרעה אונ סנחרב זיינן פאר לארן גיווארן ווייל זיי האבן זיך הויך גהאלטן צו את אהרן ואת בניו דרום האט די תורה אן גישריבין פריער אהרן אונ דר נאך די קינדר אונ אין ויקרא שטייט פריער די קינדר אונ דר נאך אהרן אונ פיל מאל אין ויקרא איז אהרן גאר ניט גידאכט דאש איז ווייל אהרן האט גימאכט דאש עגל · האט משה רבינו גיזאגט צו גאט רבונו של עולם די קינדר האסטו ליב אונ דר פאטר זאל ניט גיליבט זיין פאר דיר דרום האט גאט דא פריער גיזאגט אהרן פאר די קינדר : זאת תורת העולה דאס מיינט מען די נשמה פון דעם מענטשן קומט גאנץ הויך אין הימיל ווען ער לערינט תורה · על מוקדה דאש מיינט מען די נשמה קומט העכער פון אלע גלגלים אונ מלאכים דרום האבין די חכמים גזאגט די צדיקים זיינן העכר פון די מלאכים דען דורך דר תורה קומן זיי העכער פון די מלאכים וכל מנחת כהן אונ איין מנחה פון איין כהן זאל מען גאר פר ברענן · די חכמים זאגן דאש איז נאר ווען איין מאן איין כהן ברײנגט איין מנחה אבר ניט ווען איין אשה איין טאכטר פון כהנים ברײנגט איין מנחה · אזו וויא די חכמים זאגין בני אהרן די זין פון אהרן אבר ניט די טעכטער פון אהרן דען עש איז איין גרויסר חילוק צווישין איין מאנזביל אדר איין אשה פון די כהנים ווייל די ווייבר האבן גבראכט די מיתה אויף דר וועלט דרום טארן די ווייבר פון כהנים פון פיל קרבנות ניט עסין · אויך איין כהן טאר ניט נעמן איין גרושה · אונ איין אשה פון כהנים מעג נעמן איין מאן וואש ער האט גט גיגעבין זיין ווייב : במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת דר פסוק לערינט אונז מען זאל קיינעם ניט מבייש זיין · דען איין עולה

קומט

קומט אויף עבירות וואש איין מענטש טוט מיט
דר מחשבה וואש עס איז ניט מיגליך זיך אפ
צו היטין דר פון אזו איז די חרפה ניט גרויש
אונ אחטאת קומט אויף עבירות וואש מען
טוט במעשה וואש מען קאן זיך אפ היטן דר
פון אזו איז דאש איין גרוישע חרפה דרום האט
גאט גיהייסן מען זאל שעכטן דעם קרבן חטאת
אין דעם ארט וואו מען שעכט די עולה כדי
מען זאל ניט וויסין צו מען שעכט איין עולה
וואש עס קומט אויף דר מחשבה צו מען שעכט
איין חטאת וואש עש קומט אויף דר מעשה
אזו וועט דר מענטש ניט מבויש ווערין הכהן
המחטא דר כהן וואש איז ריין דר וועט עסן דעם
חטאת אונ ניט דר וואש איז טמא ואשר יזה מדמה
ווען עש וועט שפריצן דש בלוט פון דעם חטאת
אויף איין קלייד זאל מען דאש קלייד אויש
וואשן אין דעם הויף פון מקדש ווען מען האט
דעם חטאת גקאכט אין איין ערדנע כלי האט
מען זיא צו בראכן אין הויף פון דעם מקדש
אונ עש איז גיוועזן איין נס דאס די ערד האט
איין גישלונגען אלע שארבן עש זאל ניט זיין
צו פיל שארבן אין הויף אונ ווען מען האט דעם
חטאת גקאכט אין איין קופרנע כלי האט מען
זיא אויס גריבין אונ גבשירת אין הייסע וואשר
ביום צותו את בני ישראל להקריב את קרבניהם אין טאג
וואש גאט האט גיבאטן די קינדר ישראל זיי
זאלן מקריב זיין זייערע קרבנות אונ ווארום
האט דר נביא גזאגט דאש גאט זאגט איך האב
ניט גיבאטן אייערע עלטרין צו ברייגן קרבנות
דר תירוץ איז גאט האט יוא גבאטן צו ברייגן
קרבנות דען עס איז ניט דא קיין מענטש וואס
זאל ניט טאן קיין עבירות אפילו דר גרעסטר
צדיק דרום האט גאט איין חסד גטאן דאש ער
איז מוחל די עבירות דורך איין קרבן כדי דר
מענטש זאל ניט פארלארן ווערן דורך זיינע
עבירות אונ דאס וואש דר נביא האט גזאגט
גאט האט ניט גבאטן צו ברייגן קרבנות דאש
מיינט ער מען זאל ברייגן קרבנות אונ מען
זאל ניט צו הערן גאטש רייד דאס באטרט גאט

ניט דאש האט דויד המלך גזאגט זבח ומנחה לא
חפצת גאט וויל ניט קיין קרבנות ווען מען הערט
ניט זיינע רייד דען הערן גאטש רייד איז בעסר
פון איין קרבן ואת כל העדה הקהל אל פתח אוהל מועד עס
איז גוועזן איין גרוישר נס דאש כל ישראל וואש
זיינן גיוועזן זעקס הונדרט טויזנט זיינן אלע
גשטאנען פר דר טיר פון דעם משכן וואש די טיר
איז גאר ניט גרויש גוועזן דרום האט זיך משה פר
וואונדרט אונ זאגט צו גאט וויא איז עש מיגליך
דאש כל ישראל זאלן קענן שטיין פר איין טיר
וואס זיינן זעכציג מאל צעהן טויזנט אונ וואס
זיינן נאך ניט אלט קיין צוואנציג יאר וואש מען
האט זיי נאך ניט גיציילט זיינן אויך זייער פיל
האט גאט אים גענטפערט עש איז ביי מיר קיין
וואונדר ניט איך האב דעם גאנצן הימיל פון
איין פאדים אויש גיצויגן אויך אויף דעם בארג
סיני זיינן גוועזן פיל טויזנט מאל טויזנט מלאכים
אונ פיל טויזנט פון ישראל אונ וויא האבן זיי
זיך גקענט שטעלן אויף דעם בארג נאר גאט
האט דעם בארג ווייט אויס גיצויגן אזו אויך ביי
דר טיר פון דעם משכן האט גאט גיזאגט טוא
דיך דר ווייטרן אונ זיי מקבל כל ישראל אונ אויך
אז משיח וועט קומן אונ אלע מתים וועלין
לעבעדיג ווערן וואש זיינן גישטארבן פון אדם
הראשון אן אונ אלע וועלן גיין קיין ירושלים אזו
וועט גאט מאכן איין דר ווייטערונג אונ וועט די
שטאט ברייט מאכן דאש זיא זאל קענן אלע
מקבל זיין ועל בהן ידו הימנית מען האט גשפריינגט
דש בלוט פון דעם קרבן אויף דעם גראבן פינגר
פון דר רעכטר האנט דען דר מענטש איז גלייך
צו דריי עולמות צום ערשטן איז דר קאפ וואש
דרינן איז שכל אונ חכמה דאש איז אנטקעגן
דעם עולם וויש מלאכים זיינן דרינן וואש זיי זיינן
לוטר שכל דרום האט מען דש בלוט גשפריינגט
אויף דעם לעפיל פון דעם אויער וואש אין קאפ
איז דש אנדרע איז דש הארץ דאש איז אנטקגן
עולם הגלגלים וואס זיי גייען אלע צייט אונ רוען
ניט אזו אויך דש הארץ פון דעם מענטשן רועט
ניט אונ קלאפט אלע צייט דען עש זאל אויף

הערין

הערין צו קלאפין וואלט דר מענטש באלד גשטארבן · אזו אויך ווען די מזלות זאלן אויף הערין צו גיין וואלט דיא וועלט באלד חרוב גיווארין · דרום האט מען גישפריינגט דאש בלוט אויף דעם גראבן פינגר פון דר האנט וואש זיא איז אנטקעגן דעם הארצן · דאש דריטע זיינן די פים וואש זיינן נדעריג אין גוף דאס איז אנטקעגן דר וועלט וואש זיא איז נדעריג דרום האט מען דאש בלוט גשפריינגט אויף דעם גראבן פינגר פון דעם רעכטן פוס · דאש לערינט אונז דאש דר מענטש זאל זיך היטין פון עבירות ער זאל זעהן וויא ער איז חשוב ער איז ווארין בשאפין אנטקעגין דריי עולמות · דאש אלץ האט מען אים ביי דעם קרבן גיוויזין ופתח אהל מועד תשבו יומם ולילה שבעת ימים די זיבין טעג וואש איר וועט די עבודה טאן זאלט איר גיווארינט זיין ניט ארויש צו גיין בשעת עבודה · אבר מען זאל ניט מיינן דאש גאט האט גיהיישין זיי זאלן אלע זיבן טעג גאר ניט ארויש גיין דאש איז ניט מיגליך דען איין מענטש מוז עסין אונ צורך טאן · דער מדרש שרייבט די זיבין טעג האט גאט גיהיישן אבילות האלטן אויף דעם וואש נדב ואביהוא וועלן שטארבן אזו וויא ער האט גטאן אין דור המבול · דאש ער האט גיהיישן פריער אבילות טאן איי ער האט דעם מבול גבראכט ווייל די גאנצע וועלט וועט פאר לארן ווערין דער בחיי פרעגט וויא גישיקט זיך אבילות האלטן איי איין מענטש איז גישטארבן · דר תירוץ איז איין מענטש ווייסט ניט ווען איין מת וועט זיין דרום מוז ער ווארטן ביז איין מת איז דא אבער גאט ווייש ווען איין מת וועט זיין דרום האט גאט גיהייסן אבילות האלטין איידר נדב ואביהוא זיינן גישטארבן אונ די פרשה איז ווארין גיזאגט דרייא אונ צוואנציג טעג אין אדר וואש מען האט דאש משכן אויף גישטעלט · אונ זיבין טאג האט משה די עבודה גיטאן · אונ דעם אכטן טאג איז גיוועזן ראש חודש ניסן · איז ניקומען די שכינה אונ האט גרועט אויף דעם משכן אונ מען האט גיבראכט איין קרבן חטאת צוא פאר געבין אויף דעם מזבח אונ צוא הייליגין אים אונ דר נאך האט מען גבראכט איין קרבן עולה צוא באוויליגין אויף דיא כהנים זייא זאלין קענען דיא עבודה טאן אונ מען האט אויף גיבראכט שלמים צוא לויבין גאט :

# הפטרת צו

כה אמר יי צבאות אזו האט גיזאגט גאט דר האר איבר אלע חילות איך באגער ניט פון אייך איר זאלט מיר בריינגן קרבנות אונ אייערע עולות מערט בעסער אויף אייערע שלמים אונ עסט פלייש דען איין עולה פאר ברענט מען שלמים עסט מען · דרום ווארום זאלט איר הייק האבין צו בריינגען עולות אונ איך וויל זיי ניט · בעסר בריינגט שלמים וועט איר עסין פלייש · דען איך האב אייערע עלטערן ניט גיבאטן זיי זאלין בריינגן קרבנות נאר זיי זאלין צו הערין אין מיין קול כדי עש זאל זיי גוט זיין · ולא שמעו אונ זייא האבין ניט צו גיהערט אונ האבין ניט גינייגט זייערע אויערן צו מיינע רייד אונ זיי זיינן גיגאנגן אין זייערע עצות · אונ אין דעם קוקונג פון זייער שלעכט הארץ · אונ זיי זיינען גיגאנגען אין מיין דינשט הינטר זיך אונ ניט פר זיך כלומר זיי האבן אום גיקערט דעם אקין צו מיר פון דעם טאג וואס איך האב אויש גיצויגין אייערע עלטערין פון מצרים ביז אין היינטיגין טאג האב איך אלץ גישיקט צו אייך מיינע קנעכט די נביאים · אלע טאג האב איך גיפעדערט אונ גישיקט · אונ זייא האבין ניט צו גיהערט צו מיר אונ האבין ניט גינייגט זייערע אויערין צו הערין מיינע רייד · זיי האבן גיהארט זייער אקין אות האבין שלעכץ גיטאן מער פון זייערע עלטערין · זאגט גאט צו ירמיה איך ווייס ודברת אליהם דאש דוא וועסטריידין צו זיי די דאזיגע רייד אונ זיי וועלין דיך ניט צו הערין דו וועסט זיי רופין אונ זיי וועלין דיר ניט ענטפערין · אזו זאלשטו זאגן צו זיי דאש איז דאש פאלק דאש זיי האבין ניט צו גיהערט

אין דעם קול פון גאט זיין גאט אונ האבין זיך ניט
גינומען קיין שטראף די אמונה איז ווארין פר
לארין פון זיי · אונ איז ווארין פר שניטן פון זייער
מויל · דאש זיי ריידין ניט קיין אמת נאר שקר גזי
זיכך דרום רייס אויש דיינע האר אדר דיין קרוין
אונ ווארף אוועק · אונ הויב אויף איין קלאג אויף
די הויכע בערג · ווארום גאט האט ממאס גיוועזן
אונ האט פאר לאזט דעם דור וואש האט עובר
גיוועזן אויף זיינע רייד · דען די בני יהודה האבין
גיטאן וואש בייז איז אין מיינע אויגין אזו זאגט
גאט · זיי האבין גיטאן זייער אום ווירדיקייט אין
דעם הויז וואש מיין נאמן ווערט גירופן אויף אים
כדי זיי זאלין אים מטמא זיין · ובנו במות התופת
אונ זיי האבין גיבויט במות פון דר אפ גאט וואש
היישט תופת דאש איז די אפ גאט מולך · וואש
זיא איז גישטאנן אין טאל בן הנום · צו פר ברענן
זייערע זין אונ זייערע טעכטר אין פייער דען די
אפ גאט מולך איז ווארין גימאכט פון קופער אונ
האט גיהאלטן אויש גישטרעקט די הענט · אונ
ווען איינר האט גיוואלט זיין זון מקריב זיין האט
מען אויש גיהייצט אונטר דר אפ גאט אונ מען
האט דאש קינד גיגעבן אויף די הענט פון דר אפ
גאט איז עש תיכף פר ברענט גיווארין · אונ ער
פלעגט בשעת מעשה זייער שרייען פלעגט מען
פויקין כדי דר פאטר זאל ניט הערין דאש קול פון
זיין קינד אונ ווערט זיך דר בארימען איבר אים ·
דרום היישט די אפ גאט תופת דאש איז טייטש
פויקין אונ דער טאל היישט בן הנום דאש איז
טייטש דר זון ברומט אשר לא צויתי וואש איך האב
דאש ניט גיבאטין זיי זאלין זייערע קינדר מקריב
זיין צו מיר אונ עש איז ניט אויף גיגאנגען אויף
מיין הארץ דען תאמשע איך האב גיבאטין צו
אברהם ער זאל קוילין זיין זון יצחק פר מיר דש
האב איך נאר גיטאן צו ווייזין זיין צדקות · לכן
הנה ימים באים דרום וועלין קומן טעג זאגט גאט
וואש עש ווערט שוין ניט גיזאגט אונ גרופן ווערן
דאש ארט תופת אונ גיא בן הנום נייערט מען
ווערט עש רופין דר טאל וואש פיל לייט זיינען
דרינן גיהרגית גיווארן · אונ מען ווערט זיי בגראבן
ביי דער אפ גאט תופת ווייל עש ווערט ניט זיין
קיין אנדערר ארט צו באגראבן זיי ווייל זיי וועלין
פיל זיין · אונ די טויטע גופים פון דעם דאזיגן
פאלק ווערט זיין צו איין עסין צו די פויגיל וואש
זיינן אונטר דעם הימל אונ צו די בהמות כלומר
צו די חיות וואש זיינן אויף דר ערד אונ עש ווערט
ניט זיין קיין מענטש וואש זאל די פויגיל דער
שרעקין אונ אוועק טרייבין פון די טויטע גופים ·
והשבתי מערי יהודה אונ איך וועל פר שטערין פון
די שטעט פון שבט יהודה · אונ פון די מארקין
פון ירושלים איין קול פון פרייד אונ איין קול פון
שמחה · איין קול פון איין חתן אונ איין קול פון
כלה דען צו איין פאר ווישטונג ווערט זיין דאש
לאנד · בעת ההיא נאום יי אין דר דאזיגר צייט זאגט
גאט וועלין די כשדים אויש ציהען די ביינר פון די
מלכי יהודה אונ פון זייערע הארין אונ די ביינר
פון די כהנים אונ פון זייערע פאלשע נביאים אונ
פון די זיצר פון ירושלים וועלין זיי אלץ אויש ציהען
פון זייערע קברים וואש זיי זיינן דארטין בגראבן
אונ די כשדים וועלין אליין זיצן אין די קברים צו
באלעגערן אויף ירושלים דען זייערע קברים זיינן
אזו שיין גיוועזן וויא פאלאצין אונ מען ווערט די
ביינר פר שפרייטן אנטקעגן דר זון אונ אנטקעגן
דר לבנה אונ אנטקעגין אלע חיילות פון דעם
הימל וואש זיי האבין גידינט צו זיי · די ביינער
וועלין ניט ווערין איין גיזאמילט אונ וועלין ניט
ווערין באגראבין נייערט זיי וועלין זיין צו מיסט
אויף דר ערד · אונ תאמשע די מתים וועלין ליגן
בבזיון · פון דעשט וועגין ונבחר מות מחיים וועלין
זיי אויש דר וויילין דעם טויט מער וויא דאש
לעבין דיא ישראל וואש וועלין ווערין פאר
שטויסין אין אלע לענדער אזו שלעכט ווערט
זייא זיין אזו זאגט גאט · כה אמר יי אזוא זאגט
גאט עש זאל זיך ניט בארימען איין חכם
מיט זיין חכמה אונ איין גבור מיט זיין גבורה
אונ איין עושר מיט זיין עשירות · נאר מיט
דעם זאל זיך לויבין דער וואש וויל זיך
לויבין וואש ער איז קלוג אונ ווייסט מיך
דען איך בין דער גאט וואש טוט חסד אונ
משפט אונ צדקה אויף דער ערד כי באלה חפצתי
דען אין דיא דרייא זאכין באגער איך כלומר
איך גיבאט ווער עש זאל זיין איין חכם אדר
איין גבור אדער איין עושר אזו וויא דר פסוק
זאגט לי הכסף ולי הזהב נאום יי צו מיר גאט איז
דאש זילבער אונ גאלד אונ איך גיב וועמען
איך וויל ׃

ויהי ביום השמיני שלמה המלך זאגט אין משלי חכמות נשים בנתה ביתה דאש לערינט אונז דאש די תורה איז גיגליכן צוא איין קלוגע אשהי אונ דרום רופט זיא דר פסוק חכמות ווייל אין דר תורה זיינען פיל חכמות · אונ זיא איז גיגליכן צו איין קלוגע אשה וואש בויט איר הויז אויף גוטע זיילין אונ פר היט איר הויז גאנץ גוט דאש זיא ברייננט אליץ אריין אין הויז . אונ קאכט גוטע שפייז אונ מאכט גוטע גיטראנק אונ גרייט אליין דעם טיש אונ טוט רופן איר גוטע חברותה · אזו איז אויך די תורה זיא איז אן גיבריט מיט פיל חכמות אזו וויא איין טיש איז גיגרייט מיט גוטע שפייז · אונ זיא טוט רופין צוא לייטין אונ זאגט ווער עס איז איין נאר אונ האט קיין שכל ניט דר לאז קומען צו מיר ווער איך אים לערנן שכל אזו וויא דר פסוק זאגט לכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי דיא תורה זאגט צוא לייט גייט עסין מיין ברויט אונ טרינקט מיין וויין אונ ווארפט אוועק אייער וועג אונ נעמט אן חכמות וועט איר לאנג לעבין · אונ דיא היידין גלייכט ער צו איין נארישע אשה וואש מאכט זינדגין לייט מיט איר שלעכטין אזוא וויא אין פסוק שטייט אשת כסילות הומיה פתיות ובל ידעה מה וישבה לפתח ביתה די נארעשע אשה איז איין ברומערן זיא טוט אלין ריידין אונ ווייסט ניט וואש זיא רעט זיא זיצט אלין אויף דער טיר פון איר הויז אויף דר גאס אונ גרייט גאר ניט אן אין הויז אונ לסוף טוט זיא ניט גיפינען וואש צו עסן אזו איז אויך די היידין זיי גייען ארויש פון דעם שאטין פון גאט אונ זיצען ניט אונטער זיין רשות · דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק חצבה עמודיה שבעה די חכמות פון דר תורה זיינן גיקומן פון זיבן הימלן איז דר מענטש זוכה וועט ער ירשנן די וועלט וואש זיא איז אויף זיבין חלקים דאש איז זיבין ווינקלען וואש זיינען אין דר וועלט אונ דווקא אויף זיבין זיילין שטייט די תורה דען דר חשבון זיבין נייזט אויף זיבין הימלן · אונ ביי פיל מצות איז דער חשבון זיבין · אזו וויא שבת איז נאך זיבין טעג · אונ שמיטה איז נאך זיבין יאר · אונ יובל איז נאך זיבין שמיטות · אונ פסח איז זיבין טעג · אונ סוכות איז אויך זיבין טעג · אונ ביי דעם אתרוג איז דא זיבין זאכין · דר אתרוג איז איינש · דר לולב איז צוויי · אונ דריי צווייגין הדס איז פינף · אונ צוויי צווייגן ערבות איז זיבן · אונ אבילות איז זיבן טעג · אונ שמחה פון איין חתן איז אויך זיבין טעג · אונ דאש איז אן גיוויזין דא אין דר פרשה · דען זיבן טעג האט משה מקריב גיוועזן קרבנות אונ האט מיט זיי ביי נייאט דעם מזבח · אונ אין אכטין טאג דאס איז גיוועזן ראש חודש ניסן האט אהרן מיט זיינע קינדר מקריב גיוועזן קרבנות אונ צעהן ערליי כבוד איז ווארין גיטאן צו ישראל אין דעם טאג דר מדרש שרייבט אין תהלים אמרתי להוללים אל תהולו איך טוא זאגן צו די וואס פרייען זיך דאש זיי זאלין זיך ניט זייער פרייען דען זיי ווייסן ניט וואש דר נאך קען קומן זעט ביי מעשה בראשית שטייט גישריבן ישמח יי במעשיו גאט האט זיך גיפרייט מיט זיינע באשעפעניש אונ דר נאך שטייט ויתעצב אל לבו גאט האט גיטרויערט אונ האט חרטה גיהאט וואש ער האט די וועלט באשאפן ווייל די מענטשין זיינן שלעכט · אונ ווען גאט האט ניט לאנג שמחה גיהאט מכל שכן איין מענטש ווייסט בוודאי ניט וויא לאנג זיין שמחה וועט גיוועזן · אויך אברהם האט גיהאט שמחה ווייל ער איז גיוועזן זייער חשוב אונ האט גיהרגת פינף מלכים אונ גאט האט אים גיגעבן איין זון צו הונדרט יאר · אונ דר נאך האט זיך זיין שמחה באלד אויש גלאזט דען גאט האט אים גיהייסן שעכטן זיין זון · אונ אז ער איז גיקומן אהיים האט ער גיפונען דאש זיין ווייב שרה איז גישטארבן אונ האט ניט גיהאט קיין ארט צו באגראבן זיא ביז ער האט גקויפט פר פיר הונדרט שקלים איין

פעלד צוא בגראבין זיא · אויך יצחק האט גרויש שמחה גיהאט דאש ער איז גיוועזן איין עושר · אונ דר מלך מיט די שרים האבן צו אים גיזאגט מיר האבין גיזעהען פיל וואונדר בייא דיין פאטר אונ ביי דיר · אונ האבן אים זייער חשוב גיהאלטין · אונ ער איז ניצול גיווארין פון די לייט פון גרר וואש האבן מיט אים גיקריגט · אונ צום סוף איז ער בלינד גיווארין אויף דער עלטער אונ האט דער פון גיהאט גרויש צער · אונ ווען צו אזוא איין פרומען יצחק איז אזוא גישעהען וואש קען צו אנדערע מענטשין גישעהען נאך זייער שמחה · אויך יעקב האט גיהאט גרויש שמחה דאש גאט האט אים גיוויזן איין לייטר שטייט ביי די פיס אונ גרייכט ביז אין הימל אונ די מלאכים פון גאט גייען ארויף אויף דעם הימיל אונ אראפ פון דעם הימל דורך דעם לייטר אונ גאט האט אים גיזאגט איך וועל מיט דיר זיין · אונ צום סוף האט ער פיל צרות גיהאט פון עשו אונ פון לבן · אונ פון דינה · אונ יוסף איז ווארן פון אים פר לארן פיל יארין · אונ ווען דאש איז צוא יעקב גישעהען וואש קען איין אנדערין מענטשין גישעהען נאך זיין שמחה · אונ אויך יהושע האט גיהאט גרויש שמחה · דאש ער האט גימאכט ארבין צו ישראל דאש לאנד · אונ האט דר שלאגן איין אונ דרייסיג מלכים · אונ איבר דעם האבין אים כל ישראל זייער חשוב גיהאלטן · אונ האבן גיזאגט ווער עס וועט רידין איין ווארט אנטקעגן יהושע דר זאל ווערין גיטייט · אונ צום סוף איז ער גישטארבין אן זכרים וואש דאש איז אצער צו אזו איין חשיבין מענטשן דרום זאל מען איין שמחה פר נישט האלטין · אונ אויך עלי הכהן האט גיהאט גרויש שמחה דאש ער איז גיוועזן איין מלך · אונ איין כהן גדול · אונ איין אב בית דין · אונ צום סוף אז דיא פלשתים האבין אוועק גינומן דעם ארון · איז ער ווארין זייער דר שראקין אונ איז גיפאלן פון דר שטול הינטר זיך אונ האט זיך צוא בראכין זיין האלז · אונ זיינע צוויי קינדער זיינן ווארין גיטייט אין דר מלחמה אונ ווען צוא עלי איז אזו גישעהען וואש קען איין אנדערין מענטשין גישעהן נאך זיין שמחה אונ אויך דאש ווייב פון אהרן אלישבע דיא טאכטר פון עמינדב האט גהאט גרויש שמחה דאש איר מאן איז גיוועזן איין כהן גדול · אונ איר שוואגער משה איז גוועזן איין מלך אונ איין נביא · אונ אירע צוויי זין נדב ואביהוא זיינן גיוועזן די העכשטע כהנים נאך אהרן · אונ איר ברודר נחשון בן עמינדב איז גיוועזן דר העכשטער נשיא צווישין ישראל אונ צום סוף האט זיך איר שמחה אויש גילאזט דאש אירע צוויי זין זיינן ווארן פר ברענט אין משכן ביי די קרבנות · דרום זאל זיך איטליכער מענטש דר מאנן אין זיין שמחה צו טאן גוטש דהיינו ווען ער איז רייך זאל ער זעהן געבין צדקה איי דר עני מוט אים אן · קרא משה לאהרן ולבניו משה האט גיזאגט צו אהרן גינעהן צום מזבח גאט וויל דיך פר איין כהן גדול האט אהרן גיענטפערט דו האסט דיך לאנג גיטאן מיען מיט דעם משכן בויען אונ איך זאל זיין איין כהן גדול אונ דו ניט · האט משה גיענטפערט ווען דו בישט איין כהן גדול האב איך שמחה גלייך וויא איך וואלט גיוועזן איין כהן גדול · אזו וויא דענשט מאל אז גאט האט מיך גיוואלט שיקן צוא פרעה האב איך גיזאגט אהרן איז עלטר לאז ער גיין אין דעם שליחות האט גאט מיר גענטפערט אהרן וועט שמחה האבן דר פון וואש דו וועשט אזו איין כבוד האבין אונ אזו וויא דו האשט דיך גיטאן פרייען מיט מיין כבוד אזוא וועל איך זיך פרייען מיט דיין כבוד וואש דו בישט איין כהן גדול אונ גאט האט גיזאגט צו משה דו זאלשט ניט מיינן וויל דו האסט זיבין טעג מקריב גיוועזן קרבנות וועשטו זיין איין כהן גדול נייערט דו זאלשט רופן צו אהרן ער וועט זיין איין כהן

גדול אונ זאלסט רופן די זקנים זיי זאלן עדות זאגין דאש איך האב גמאכט אהרן פר איין כהן גדול אונ ניט אהרן האט זיך אליין גימאכט פר איין כהן גדול אונ אהרן זאל ברייגגען איין קאלב פר איין קרבן דאס גאט זאל אים מוחל זיין די עבירה פון דעם עגל ׳ דער מדרש זאגט דיא ישראל האבין דרום גיבראכט איין ציקעלע פאר איין קרבן צוא מכפר זיין אויף דר עבירה וואש זייא האבין גקוילעט איין ציקעלע אונ האבין איין גטונקט דאש העמד פון יוסף אין בלוט אונ האבין זייער פאטר יעקב דער מיט צער אן גיטאן אונ ווייל זיי האבן גידינט צום עגל זאלין זיי איין קאלב אויך ברייננגן אונ ווייל אהרן האט נאר גזינדיגט במעשה דאש ער האט גמאכט דאש עגל אבר זיין מחשבה איז ניט גיוועזן דר ביי נאר צו גאט דרום האט ער זיין קאלב גיבראכט פר איין חטאת וואש דאש קומט ווען מען זינדיגט במעשה אבר דיא ישראל האבין גיזינדיגט במחשבה דאש זיי האבין איין שלעכטע מחשבה גיהאט צו דינן דאש עגל דרום האבין זיי דאש קאלב גיבראכט פר איין קרבן עולה וואש דאש קומט ווען מען זינדיגט במחשבה קרב אל המזבח דר מדרש זאגט עש האט זיך אהרן אויש גיוויזן איין גישטאלט פון איין אקס דרום האט ער זיך גיפארכטן צו צו גיין הט משה צו אים גזאגט פארכט דיך ניט גיי צו דעם מזבח ׳ דר רמב״ן שרייבט מען זאל ניט מיינן דאש דר מזבח האט זיך צו אהרן אויש גיוויזן אין גישטאלט פון איין אקס נייערט עש איז אזוא גימיינט אהרן איז גיוועזן איין גרוישר צדיק אונ האט אלע צייט אין זיין מחשבה גהאט די עבירה פון דעם עגל האט משה צו אים גיזאגט גיי צו צו דעם מזבח אונ פארכט דיך ניט דען גאט האט דיר מוחל גיוועזן דיא עבירה פון דעם עגל וכפר בעדך ובעד העם דו זאלסט פריער מכפר זיין אויף דיינע עבירות אונ דער נאך אויף די עבירות פון דעם פאלק אונ אזו אויך זאל איטליכער מענטש זיך פריער גירעכט מאכין אונ דר נאך זאל ער שטראפין דאש פאלק׳ דריי ערלייא זאכין האט מען מקריב גיוועזן פון דעם קרבן דאש ערשטע דעם חלב ווייל דער חלב פון דעם מענטשין ווען דר מענטש איז פעט מאכט דאש ער האט גאוה אונ טוט עבירות דער נאך האט מען מקריב גיוועזן די נירין ווייל דר מענטש טוט די עבירה מיט דר עצה וואש קומט פון די נירין אונ דר נאך האט מען מקריב גיוועזן דאש רויט פלייש וואש דרינען איז דאש בלוט פון דעם מענטשין וואש דאש בריינגט דעם מענטשין צו עבירות וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם אהרן האט אויף גיהויבין זיינע הענט אנטקעגין דעם פאלק אונ האט זייא גיבענטשט מיט ברכת כהנים ויבא משה ואהרן אל אהל מועד משה איז מיט אהרן גיגאנגען אין אוהל מועד צוא לערנען צוא אהרן וויא צוא בריינגן קטורת אונ אטייל זאגין אהרן האט שוין פריער גיבראכט קטורת נאר ווייל דאש פייער פון דעם הימל איז נאך ניט גיקומען האט אהרן גיזאגט צוא משה דאש איז פון מיין עבירה וועגין דאש איך האב גימאכט דאש עגל אונ דו האסט מיך גיבראכט צוא איין חרפה אזו באלד איז משה מיט אהרן אריין גיגאנגן אין אהל מועד אונ האבן תפלה גטאן האט די שכינה זיך באוויזן צו ישראל אונ משה מיט אהרן זיינן ארויס גיגאנגן אונ האבין גיבעטין דאש גאט זאל מאכין רוען זיין שכינה אויף ישראל אבר די גאנצע זיבן טעג וואש משה האט מקריב גיוועזן קרבנות האט דיא שכינה זיך ניט באוויזן צו ישראל האבין זיך די ישראל גישעמט אונ האבין גיזאגט צו משה מיר האבין זיך זייער גימיעט דאש די שכינה זאל זיך צו אונז באווייזן כדי מיר זאלן וויסן אז גאט האט אונז מוחל גוועזן די עבירה פון דעם עגל אונ היינט באווייזט זיא זיך ניט האט משה זיי גיענטפערט מיין ברודר אהרן איז ראוי דאש די שכינה וועט

זיך

זיך דורך אים בווייזן דר מיט ועט איר וויסן דאש גאט האט אים אויש זר ווילט פר איין כהן גדול אזו האט זיך די שכינה באוויזן אונ עש איז גיקומן איין פייער פון דעם הימיל אונ האט פר ברענט די קרבנות האבן די ישראל גיזעהען אונ האבן גילויבט גאט אונ זיינען גיפאלין אויף זייער פנים פאר גרויש מורא · דר בחיי שרייבט דאש פייער וואש איז גיקומן פון דעם הימל צו פר ברענען די קרבנות איז גיבליבן אויף דעם מזבח אונ איז ניט ווארין פר לאשן די גאנצע צייט ביז דר בית המקדש פון שלמה איז גישטאנען אונ מיר גיפינען דאש צוועלף מאל איז גיקומען איין פייער פון דעם הימל · זעקס מאל צוא פר ברענן די קרבנות אונ זעקס מאל צו ביין צו שטראפין די לייט · דאש ערשטר פייער איז גיוועזן ביי דעם משכן · דאש אנדערער פייער איז גיקומן אין די טעג פון גדעון דאס ער האט באגערט אין איין צייכין פון גאט אונ האט גישעכט איין ציקעלע איז גיקומען איין פייער פון איין שטיין אונ האט פר ברענט דאש ציקעלע · דאש דריטער מאל אין די טעג פון מנוח וואש דר מלאך איז גיקומן צו זאגין אים דאש ער וועט האבין איין זון האט מנוח גישעכט איין ציקעלע איז גיקומן איין פייער פון איין שטיין ביז אין הימל · דאש פערטר מאל איז גיוועזן אין די טעג פון דוד דאש עש איז גיקומן איין דבר אויף ישראל האט דוד גיקויפט איין שייער אונ האט דארטין מקריב גיוועזן קרבנות איז גיקומען איין פייער פון דעם הימל אונ האט פר ברענט די קרבנות · דאש פינפטר מאל איז גיקומען איין פייער אין דיא טעג פון שלמה אז ער האט אויש גיבויט דאש בית המקדש אונ האט פיל קרבנות דרינן מקריב גיוועזן · אונ דער קופערנער מזבח פון משה וואש דאש פייער איז אויף אים גיוועזן האט ניט גיקענט פר נעמן אלע קרבנות אויף זיך · דרום האט שלמה גימוזט היילינן דעם הויף צו מקריב



זיין אין אים קרבנות אונ דאש פייער פון דעם מזבח האט מען ניט גיטארט ארויש טראגין אונ קיין פרעמדע פייער האט מען אויך ניט גיטארט נעמען דרום איז גיקומן איין פייער פון דעם הימיל אונ האט פאר ברענט די קרבנות · דאש זעקסטער פייער איז גיקומען פון דעם הימיל אין די טעג פון אליהו דאש ער האט גיוויזן צו די פאלשע נביאים וויא ער האט פיל וואשער גיגאסין אויף דעם מזבח מיט די קרבנות אונ האט גיבעטין גאט איז גיקומן איין פייער פון דעם הימיל אונ האט פר ברענט די קרבנות מיט די וואשר · אונ דיא זעקס ערליי פייער וואש זיינן גיקומן צו ביזן · דאש ערשטר פייער איז גיקומן אונ האט פר ברענט נדב ואביהוא דאש אנדערר פייער איז גיוועזן אז ישראל האבין גיקריגט אויף משה אונ אהרן אין דר מדבר איז גיקומן איין פייער פון גאט אונ האט פר ברענט דיא חשובי הארין · דאש דריטע פייער איז גיוועזן ביי קרח וואש ער האט גיקריגט מיט משה איז גיקומן איין פייער פון דעם הימיל אונ האט פר ברענט צוויי הונדערט אונ פופציג מאן דאס פערטר פייער איז גיקומן אין די טעג פון איוב אונ האט פר ברענט זיינע הייזר · דאש פינפטר אונ דאש זעקסטער פייער איז גיקומן דורך אליהו אונ האט פר ברענט זיינע פיינט ויתנו בהן אש די עבירה פון נדב ואביהוא איז גוועזן דאש זייא האבין גיבראכט פרעמדע פייער ניט פון דעם מזבח אונ האבן גוואלט מקטיר קטורת זיין · דען זייא האבין גימיינט דאש פייער פון דעם מזבח דארף מען האבין צו דיא קרבנות אונ דאש האבין זייא ניט רעכט גיטאן דען זייא וואלטין גידארפט טראכטין אויב מען וועט דארפין פייער אויף דעם מזבח קאן גאט געבין נאך פייער אונ דר מדרש זאגט זיי האבן זיך אן גיטרונקן מיט וויין אונ האבין גיוואלט דיא עבודה טאן דרום זיינן זיי גישטארבין אונ דרום איז

באלד נאך זייער מיתה גיווארין פר באטין מען זאל קיין וויין ניט טרינקן ווען מען וויל די עבודה טאן · גאט האט גיזאגט צוא נדב ואביהוא איך וועל אייך מער מכבד זיין ווי איר האט מיך מכבד גיוועזן דען איר האט פר מיר גיבראכט אום היליג פייער אונ איך וועל אויף אייך בריינגען היליג פייער פון דעם הימיל · אזו באלד האט גאט אויף זיי גיבראכט צוויי פייערדיגע פעדים פון דעם הימיל אונ איטליכר פאדים האט זיך גטיילט אויף צוויי פעדים · צוויי זיינען אריין אין די נעזליכר פון נדב אונ צוויי זיינן אריין אין די נעזליכר פון אביהוא אונ זיינן גישטארבין · דען זייער נשמה האט זיך אפ גישייד פון זייער גוף · אונ וויל זיי זיינען גיוועזן גרוישע צדיקים איז זייער נשמה ניט פאר ברענט גיווארין · אונ וויל זיי האבין גיזינדיגט מיט פייער דרום זיינן זיי גיווארין גישטראפט מיט פייער · אונזערע חכמים זאגין משה האט גזאגט צו אהרן איך האב גמיינט דאש עש וועט עפעס בייז גישעהן מיר אדר דיר דאש הויז זאל דורך אונז גיהייליגט ווערן · היינט זעה איך דאש זיי זיינע בעסר פון מיר אונ פון דיר דאש דוקא דורך זיי איז דאש הויז גיהייליגט גיווארן דען גאט האט גיזאגט דורך מיינע חשובי וועל איך גיהייליגט ווערן דאס כל ישראל וועלין זיך פארכטין פר מיר ווען איך טוא איין משפט אין די חשובי לייט מכל שכן דאש איך וועל איין משפט טאן אין די פראסטע לייט · אונ וויל זייא זיינען חשוב גיוועזן דרום דר מאנן מיר זייער מיתה אום יום כפור וויל דיא מיתה פון צדיקים איז מכפר אויף ישראל אונ זייער גוף איז ניט גיווארן פר ברענט דען עש שטייט אין פסוק דאש מען האט נדב ואביהוא נאך זייער טויט ארויש גיטראגין פון דעם משכן אין זייערע העמדר אזו איז זייער גוף פשיטא ניט פאר ברענט גיווארין · פון דאנן האבין אונזערע חכמים אפ גילערינט ווען איין מענטש איז חייב מען זאל אים פר ברענגן טוט מען אים אויך אזו דאש דער גוף זאל בלייבן אונ מען צו שמעלצט בלייא אונ מען גיסט אים אין האלז אריין ווערט זיין קנה אונ ווישט פאר ברענט אונ ער ווערט גיטייט אונ דער גוף בלייבט גאנץ אונ מיט. דר מיתה איז אויך גיטייט גיווארין דאש פאלק פון סנחריב וואס האבין באלעגערט אויף ירושלים האט גאט גישיקט איין מלאך אונ האט איטליכין איין פייערדיגן פאדים איז נאז אריין גיבלאזן זיינן זיי גיווארין גיטייט · אונ דרום האט דאש פאלק פון סנחריב זוכה גיוועזן דאש זייער גוף אונ קליידר זיינן גאנץ גיבליבן · וויל זיי זיינן גיוועזן די קינדר פון יפת דר זון פון נח · אונ אז נח איז גילעגין אין זיין גיצעלט אויף גידעקט האבן אים שם מיט יפת זיינע קינדר צו גידעקט · דרום האבין די קינדער פון יפת זוכה גיוועזן דאש זיי זיינען גיבליבין צו גידקט נאך זייער טויט מיט זייערע קליידר אונ זיינען ניט ווארין פאר ברענט אונ מיר ישראל זיינן דיא קינדער פון שם האבין מיר זוכה גיוועזן צוא באדעקין אונזער גוף מיט איין קלייד מיט ציצית וויל שם האט צוא גידעקט זיין פאטער · וידום אהרן אונ אהרן האט גישוויגין אונ האט ניט גוויינט האטשע זיינע צוויי זין זיינען גילעגין טויט פר אים אין משכן · אונ דרום האט ער זוכה גוועזן דאש די פרשה פון וויין טרינקען איז ווארין גזאגט צו אים אליין אונ ניט צו משה · דר בחיי שרייבט איין אבל איז חייב אין פינף זאכין · ער טאר זיך ניט וואשין אונ שמירין אונ עש איז אים אסור תשמיש המטה · אונ טאר ניט האנדלן קיין סחורה · אונ טאר ניט לערנן וויל דורך לערנן האט מען שמחה · אונ משה האט גירופין צו מישאל ואלצפן די קינדער פון עוזיאל דר פעטר פון אהרן אונ האט גיזאגט צו זיי טראגט ארויש נדב ואביהוא פון דעם משכן אונ מען זאל זיי באגראבין חוץ דער מחנה ישראל אונ משה האט גיבאטין צוא

אהרן אונ צו אלעזר אונ איתמר זיינע קינדר זיי זאלין זייערע האר ניט לאזין וואקסן אזו וויא איין אבל אונ זאלין קיין קריעה ניט רייסין אין זייערע קליידער אונ כל ישראל זאלין באוויינן נדב ואביהוא ווייל זיי זיינען גיוועזן די חשובי נאך משה אונ אהרן · דער אמרי נועם פרעגט ווארום לערינט די גמרא אפ מען זאל קריעה רייסין איבער איין מת פון איין פסוק אין נביאים אונ לערינט ניט אפ פון דעם פסוק וואש דא שטייט אין דר תורה וואש גאט האט אן גיזאגט דאש אהרן מיט זיינע קינדער זאלין ניט קריעה רייסין אזו מוז זיין דאש מען דארף קריעה רייסין איבער איין מת דר תירוץ איז דיא גמרא וויל נאך דינים פון קריעה אפ לערנן דאש מען דארף אויף שטיין צוא קריעה רייסין אונ מען דארף רייסין איין פויסט לאנג אונ דאש אלץ איז ניט גיוויזין אין דער תורה · אונ אין נביאים איז דאש יוא גיוויזין דרום לערינט דיא גמרא שוין דעם גאנצין דין פון קריעה אויך אפ פון נביאים דער בעל הטורים שרייבט ותאכל אותם דאש ווארט אותם שטייט מיט איין איבערינן ואיו צוא ווייזין דאש זעקס עבירות האבין נדב ואביהוא עובר גיוועזן · דאש ערשטע זייא האבין פרעמדע פייער גיבראכט · דאש אנדערע זיי האבין דינים גיפסקנט פר זייער רבי משה · דאש דריטע זייא זיינען גיוועזן פאר טרונקען אונ האבין גיוואלט די עבודה טאן · דאש פערטע זייא האבין קיין ווייבר ניט גינומען ווייל זייא האבין זיך חשוב גיהאלטין אונ דורך דעם האבין זייא קיין קינדער ניט גיהאט · דאש פינפטע זיי האבן גיוואלט מקטיר קטורת זיין כדי זייא זאלין רייך ווערין דען דער וואש איז מקטיר קטורת ווערט רייך אבער מען טאר דרויף קיין כוונה ניט האבן בשעת קטורת · דאש זעקסטע זייא האבין בייא קיינעם קיין רשות ניט גינומן · נאך שרייבט דר בעל הטורים מען האט זייא מיט איין לאנגין שפיז פון קדשי הקדשים ארויש גיצויגין דען מישאל ואלצפן האבין ניט גיטארט אריין גיין אהין יין ושכר אל תשת איר זאלט ניט טרינקען קיין וויין אונ ניט אנדערע גיטראנק וואס מאכין שיכור אויך איין מענטש וואש וויל פסקנען זאל ניט פאר טרונקען זיין · דער כתי שרייבט דער וויין האט אין זיך דריי זאכין ער מאכט שלאפין אונ מאכט גאוה אונ איז מבלבל דעם שכל פון דעם מענטשין אונ דיא אלע זיינען גיוויזין אין דער פרשה דען ער זאגט איר זאלט קיין וויין ניט טרינקן בבואכם אל אהל מועד ווייל איר דארפט קומן אין אהל מועד אונ מען טאר דארטן ניט שלאפן ווייל עש איז איין הייליג ארט אזוא וויא יעקב האט גיזאגט ווען איך וואלט וויסין אז דאש איז איין הייליג ארט וואלט איך דא ניט גישלאפין · אויך זאלט איר קיין וויין ניט טרינקען ווייל איר דארפט להבדיל בין הקודש ובין החול צו אפ שיידין צווישן קודש אונ חול אונ צווישין טמא אונ טהור · אונ ווער עש טרינקט וויין האט גאוה אונ איין בעל גאוה איז ביי אים אלץ גלייך הייליג אונ ניט הייליג טהור אונ טמא · אויך זאלט איר ניט טרינקען קיין וויין ווייל איר דארפט להורות את בני ישראל צוא פסקענען דינים צוא ישראל אונ דער וואש פסקנט דינים דארף האבין איין לויטערין שכל אונ וויין איז מבלבל דעם שכל · אונ שלמה המלך האט אויך פיל בייז גרעט אויף דעם טרינקן אזו ווי אין משלי שטייט אל תרא יין כי יתאדם דר וויין זאל דיך ניט אן רייצין ווייל ער איז זייער רויט כי יתן בכוס עינו דען דר וואש גיט אין כוס זיין אויג דר וועט ניט האבן אין זיין בייטיל אויף צערונג יתהלך במישרים ער וועט קענען גלייך גיין אונ וועט ניט פאלין דען זיין הויז וועט זיין ליידיג ער וועט אלץ פאר קויפן פון זיין הויז זאת החיה אשר תאכלו די תורה האט אן גישריבין די דינים מיט גרויש חכמה אונ מיט

סדר · צום ערשטין זאגט די תורה מען זאל ניט עסין קיין בהמה וואש איז ניט כשר מיט אירע סימנים אונ די בהמה איז גיווארן בשאפן פון דר ערד דען פיר ערליי בשעפנעש זיינען· פון דר ערד דען פיר ערליי בשעפנעש זיינען. איינש איז פון דר ערד דאש אנדרע איז פון וואשער · דאש דריטע איז פון אויר · דאש פערטע איז פון פייער · דרום זאגט ער צום ערשטין דיא בהמה וואש זיא איז גיווארין בשאפין פון דר ערד וועלכע מען זאל עסין · אונ דר נאך זאגט ער אין דר אנדרער פרשה די סימנים פון די פיש וואש זיינען גיווארין בשאפין פון דר וואשר וועלכע מען מעג עסן · אונ אין דר דריטר פרשה זאגט ער די סימנים פון די פויגיל וואש זיינן ווארין בשאפין פון דער אויר וועלכע מען מעג עסין · אונ אין דער פערטע פרשה זאגט ער די סימנים פון דעם בשעפענעש וואש קומט פון פייער דאש זאגט דר פסוק והצב למינהו דאש איז טייטש די שילט קרעט דען עש זיינן צווייא ערלייא שילט קרעטין איינע הייסט ערוד דאש איז סלמנדריא וואש ווערט באשאפין ווען מען הייצט אין קאלך אויבין זיבין יאר טאג אונ נאכט נאך אננדר קומט ארויש פון דעם פייער אין חיה וואש זיא הייסט סלמנדריא אונ ווען זיא איז איין רגע אן פייער ווערט זיא גיטייט גלייך וויא איין פיש אן וואשר ווערט גיטייט · אונ ווען רבי עקיבא איז גיקומן צו דעם פסוק האט ער גיזאגט מה רבו מעשיך יי כולם בחכמה עשית דיין חכמה איז זייער גרויש מיט דיינע בשעפענעש סנפיר וקשקשת וועלכע פיש זיי האבין שופין אונ פלוש פעדערין די זיינן כשר צו עסין ווייל זיי קענן שווימן אין דר הויך אין וואשר מיט זייערע שופין אבר די וואש האבין קיין שופין ניט די מוזן אונטן אין וואשר ליגין ביי דר ערד די זייגען אום גיזונט אונ זיינן נאר ערד אונ וואשר אונ ווער עש עסט זיי ווערט קאלט אונ זיין הארץ ווערט פאר שטאפט דרום האט גאט זיי פר באטין צו עסין מבשרם לא תאכלו ואת נבלתם תשקצו דיא

תורה זאגט מען טאר קיין טמאים ניט עסין אונ מען טאר מיט זייא ניט האנדלן · אבער זאבין זיינן וואש מען טאר מיט זיי ניט האנדלן מיט פיר פון זיי טאר מען ניט האנדלען ווייל זיי זיינן הייליגע איינש איז צדקה געלט דען גאט זאגט דו דארפשט קיין רווח ניט מאכין אין צדקה איך האב גינוג געלט גאר דאש גאלד אונ זילבר איז מיין · אונ אויך דרום טאר מען דר מיט ניט האנדלין דען טאמער ווערט מען דאש געלט נייטיג דארפן פר עניים אונ עש ווערט זיין אין סחורה אדר פאר ליגן אויף רווח אונ די עניים וועלן דר ווייל שטארבן הס ושלום · דאש אנדרע איז מען טאר ניט האנדלען מיט הקדש געלט פון דעם משכן אדער פון דעם בית המקדש · דאש דריטע איז מען טאר ניט האנדלען מיט איין בכור וואש מען האט אים גיקוילעט ווייל ער האט גיקריגן איין מום טאר מען אים ניט פר קויפן אויף דעם מארק אויף דר וואג · דאש פערטע איז מען טאר ניט האנדלען מיט די פירות פון דעם זיבעטן יאר דאש איז שמיטה · אונ פיר ערלייא זיינן וואש מען טאר מיט זיי ניט האנדלען ווייל זיי זיינן טמא דרום איז ניט רעכט צו האנדלען מיט זיי אונ דאש זיינן זיי מיט פלייש פון איין נבילה אדר איין טריפה אדר שקצים ורמשים · אבר ווען אין זיין הויז ווערט איין נבילה אדר איין טריפה מעג ער איר פאר קויפין נאר ער טאר קיין נבילות אונ טריפות ניט קויפין פאר איין סחורה צו פאר קויפין עש ואת אלה תשקצו מן העוף דר פסוק לערינט אונז דאש עופות טהורים זיינן מער פון טמאים דרום רעכינט ער די טמאים ווייל זיי זיינן ווייניג אונ איך וועל וויסין די וואש ער רעכינט ניט די זיינן אלע טהור אונ די בהמות זיינן מער טמאים פון טהורים דרום רעכינט ער די טהורים אונ איך וועל וויסין וואש ער רעכינט ניט די זיינן אלע טמא דען די תורה רעט אין קורצין דרום שטעלט זיא דאש וואש ווייניג איז · דר בחיי שרייבט גאט

האט

האט פאר באטן צו עסן די חיות אונ עופות וואש זיינן בייז אונ צו רייסן מיט זייער כעס אנדרע בהמות אונ חיות דען דאש האט גאט ניט ליב אונ ער האט אויך פאר באטן צו ברייננגען פון זיי איין קרבן אונ דרום האט ער די ישראל פאר באטן פון צו עסן זיי דען דר וואש עסט זייא באקומט די מדות פון כעס אונ רציחה׃ אויך שרייבט דער בחיי דרום רעכינט די תורה אכט שרצים וואש זיינן מטמא דעם וואש רירט אן אין זיי נאך זייער טויט אונ רעכינט ניט קיין שלאנג צו ווייזין דאש איין שלאנג איז ניט מטמא אונ דרום האט דיא תורה ניט טמא גמאכט דעם שלאנג כדי דער מענטש זאל קיין מורא ניט האבין צו אן רירין איין שלאנג צו דר שלאגן אים אויך איין עגדיש האט איין ניפט דרום האט די תורה נאר פאר באטין מען זאל אים ניט עסין אונ האט אים ניט טמא גמאכט כדי דר מענטש זאל אים מעגין אן רירין צו דער שלאגין אים והתקדשתם והייתם קדושים איר זאלט זיין הייליג דען עש איז גיוואוסט דאש דר מענטש איז גיבארין גיווארין מיט דעם יצר הרע אונ גילושט צו אלע תענוגים אין דר וועלט אבר דר יצר טוב קומט ערשט צום מענטשין נאך דרייצעהן יאר אונ האט ניט קיינעם ער זאל אים העלפין ווייל דר גוף איז שוין גיוואנט מיט תענוגים איז אים שוין זייער שווער מיט זיין שכל עפעש גוטש טאן דרום האט די תורה גימוזט גיבאטין מצות אונ תפלה אונ תענית אונ צדקה אונ גמילות חסדים כדי צו פייניגין דעם גוף דאש דר יצר טוב זאל אים קענן באצווינגען צו טאן גוטש ווארום ווען דער מענטש וויל פיל עסין אונ טרינקען אונ וויל נאך גיין דעם יצר הרע ווערט זיין גוף פאר לארין דרום מוז זיך דר מענטש גיוואנען צו אפ טאן תענוגים פון זיך׃ אונ נבול פה צווא ריידין איז איין גרויסע עבירה ער קומט אין גיהנם פון וועגין דעם בייז ריידין פון זיין מויל אבער ווער עש היט דאש מויל קומט אין גן עדן׃

# הפטרת שמיני

ויסף עוד דוד את כל בחור בישראל שלשים אלף את׃

דוד האט נאך איין מאל איין גיזאמילט אלע אויש דער ווילטע פון ישראל דרייסיג טויזינט מאן דען ער האט שוין איין מאל איין גיזאמילט ישראל ווען מען האט אים פאר איין מלך גימאכט אונ דא האט ער זייא דאש אנדרע מאל איין גיזאמילט צוא אויף ברייננגען דעם ארון פון גאט פון בעלי יהודה קיין ציון דיא שטאט פון דוד אונ זייא האבין גישטעלט דעם ארון פון גאט אויף איין נייעם וואגין אונ זייא האבין אים גיטראגין פון דעם הויז פון אבינדב וואש אין גבעה אונ עוזה אונ אחיו דיא קינדער פון אבינדב האבין גיפירט דעם נייען וואגין אונ דאש האט דוד זיך טועה גיוועזן דען עש שטייט דאש דעם ארון זאל מען טראגין אויף דיא אקסלען ניט אויף קיין וואגין אונ עוזה איז גיגאנגען לעבין דעם וואגין אונ אחיו איז גיגאנגען פאר דעם ארון ודוד וכל בית ישראל אונ דוד מיט כל ישראל האבין גיזונגען מיט אלערלייא כלי זמר אונ זייא זיינען גיקומען ביז אין שייער פון נכון האט עוזה גישטרעקט זיין האנט צוא דעם ארון פון גאט אונ האט אים אן גינומען ווייל דיא רינדער האבין זיך אויש גיגליטשט האט זיך דער ארון איין שאקיל גיטאן האט עוזה גימיינט דער ארון וויל אראפ פאלין דרום האט ער אים מיט דער האנט אן גיטאפט אזוא האט גאטש צארין גיגרימט אויף עוזה אונ האט אים גיטייט איבער זיין שוגג וואש ער האט זיך טועה גיוועזן דען ער האט גיזאלט וויסן ווען דער ארון האט בייא דעם ירדן גיטראגין זיינע טרעגער וועט ער זיך מכל שכן טראגין אונ וועט בוודאי ניט אראפ פאלין אונ עוזה איז גישטארבין בייא דעם ארון פון גאט ויחר לדוד האט דאש דוד זייער באנק גיטאן וואש עוזה איז אזוא באלד גישטארבין אונ זייער שמחה איז גיווארין פאר מישט אונ דוד האט מורא גיהאט צוא ברייננגען דעם ארון אין דעם

שטאט

שטאט ציון אונ האט אים אום גיקערט צום
הויז פון עובד אדום פון דער שטאט גת דען
ער איז גיוועזן איין לוי אונ דער ארון איז
גיוועזן אין דעם הויז פון עובד אדום דרייא
חדשים אונ גאט האט גיבענטשט דאש הויז
פון עובד אדום מיט גאר זיין הויז גיזינט ׳
רש״י שרייבט דאש זיין ווייב אונ זיינע אכט
שניר האט איטליכע גיהאט זעקס קינדער אין
איין מאל ויוגד למלך אונ עש איז ווארין
גיזאגט צום מלך דאש גאט האט גיבענטשט
דאש הויז פון עובד אדום פון וועגין דעם
ארון פון גאט איז דוד גיגאנגען אונ האט
אויף גיבראכט דעם ארון פון גאט פון דעם
הויז פון עובד אדום אין דער שטאט פון דוד
מיט פרייד ויהי כי צעדו נושאי ארון ברית יי׳ אונ
אז דיא וואש האבין דעם ארון גיטראגין זיינען
גיגאנגען זעקס טריט האט דוד גיקוילעט איין
אקס אונ איין גישטאפטין אקס אונ האבין
זיך גפרייט וויל זיי זיינען אין דיא זעקס טריט
ניט ניזוק גיווארין דען עוזה איז גישטארבין
באלד נאר אז ער איז גיגאנגען זעקס טריט
דרום אלע זעקס טריט וואש דוד איז איבער
גיגאנגען האט ער מקריב קרבנות גיוועזן ודוד
מכרכר בכל עוז דוד האט גיטאנצט מיט גאר זיין
כח פאר דעם ארון פון גאט אונ דוד איז גיגאנגן
אין איין העמדיל פון ליינען אונ דוד אונ כל
ישראל האבין אויף גיבראכט דעם ארון פון
גאט מיט שאלין אונ מיט איין קול פון שופר
והיה ארון יי׳ בא עיר דוד אונ אז דער ארון פון גאט
איז גיקומען אין דער שטאט פון דוד אונ
דיא טאכטער פון שאול דאש ווייב פון דוד
האט גיקוקט דורך דעם פענצטער אונ האט
גיזעהען דעם מלך דוד דאש ער טוט שפרינגן
אונ טאנצין פאר גאט האט זיא אים מבזה
גיוועזן אין איר הארץ הארום זיא האט זיך
גימראכט דאש שטייט ניט אן צו איין מלך ׳
אונ זייא האבין גיבראכט דעם ארון פון גאט
אונ האבין אים גישטעלט אויף זיין ארט אין
דעם גיצעלט וואש דוד האט פאר שפרייט
צוא אים ׳ אונ דוד האט גיבראכט עולות
אונ שלמים פאר גאט ׳ אונ אז ער האט
אויף גיהערט צוא ברייגגען עולות אונ שלמים
האט ער גיבענטשט דאש פאלק ישראל מיט
דעם נאמען פון גאט ׳ אונ ער האט גיטיילט

צוא גאר דעם פאלק פון איין מאן ביז איין
אשה צוא איטליכין איין קוכין ברויט אונ איין
זעקסט חלק פלייש פון איין אקס ׳ אונ איין
בעכר וויין ׳ אונ דאש פאלק איז גיגאנגען
איטליכער צוא זיין הויז : וישב דוד לברך את ביתו
דער נאך האט דוד זיך אום גיקערט צוא
בענטשין זיין הויז גיזינט ׳ אזו איז מיכל דיא
טאכטער פון שאול אים אנטקעגין גיגאנגען
אונ האט גיזאגט וואש פאר איין גיערליכקייט
דער מלך ישראל איז היינט גיווארין וואש ער
האט זיך היינט אנטפלעקט פאר די אויגין פון
די דינשטין פון זיינע קנעכט אזו וויא עש טוט
זיך אנטפלעקין איין פראסטער מענטש ויאמר
דוד אל מיכל האט דוד גיזאגט צוא מיכל דאש
האב איך גיטאן פאר גאט וואש ער האט
אין מיר אויס דער ווילט מער וויא אין דיין
פאטערס הויז גיזינט צוא שאפין מיך איך זאל
זיין איין הער איבער ישראל ׳ דרום האב איך
מיך גיפרייט פאר גאט ׳ אונ ווען איך זאל
מיך נאך גרינגער האלטין פון היינט אונ זאל
זיין נידעריג אין מיינע אויגין ׳ פון דעסט וועגין
ווערין מיך דיא דינסטין ניט מבזה זיין איך
וועל נאך מער חשוב זיין אין זייערע אויגין
דען זייא ווייסין וואול דאש איך טוא דאש פון
גאטש וועגין ולמיכל בת שאול לא היה לה ולד עד יום
מותה אונ צוא מיכל דיא טאכטער פון שאול
איז ניט גיוועזן קיין קינד פון דעם טאג אן אונ
ווייטער ביז אין איר טויט אבער פאר דער
מעשה האט זיא גיהאט איין זון ער האט
גיהייסין יתרעם : ויהי כי ישב המלך בביתו אונ אז
דער מלך איז גיזעסין בשלום אין זיין הויז ׳
אונ גאט האט אים גימאכט רוען פון אלע
זיינע פיינט האט דער מלך גיזאגט צוא נתן
הנביא ׳ זעה איך זיץ אין איין הויז פון טענען
בוימער ׳ אונ דער ארון פון גאט רועט אין איין
גיצעלט פון איין אום היינג האט נתן גיזאגט
צום מלך וואש אין דיין הארצין איז גייא טוא
ווארום גאט איז מיט דיר ׳ אונ עש איז גיוועזן
אין דער נאכט האט גאט גיזאגט צו נתן ׳ דער
מדרש שרייבט גאט האט גיזאגט צו נתן דוד
איז איין גיכער מענטש טאמער וועט ער דער
וויל פועלים דינגען צוא ארבעטין וועט ער
צוא איין שאדין קומען דרום גייא גיך אונ זאג
אים פון מיינט וועגין דאש ער זאל ניט בויען

דעם

דעם בית המקדש · נאך איין פשט איז גאט
האט גיזאגט טאמער ווערט דוד איין נדר טאן
ער זאל ניט עסין אונ טרינקען ביז ער ווערט
דעם בית המקדש בויען דרום גייא גיך אונ
זאג אים דאש ער זאל ניט בויען · פון דאנען
לערנען אונזערע חכמים אפ' דאש איין נביא
ווייסט ניט נאר וואש גאט זאגט אים דען נתן
האט גיזאגט צוא דוד ער זאל בויען דאש בית
המקדש אונ גאט האט גיווערט ער זאל ניט
בויען · אויך שמואל דאש ער איז גיוועזן איין
גרויסער נביא אונ אז גאט האט אים גיזאגט
ער זאל גיין זאלבין דעם זון פון ישי פאר איין
מלך האט ער ניט גיוואוסט וועלכין זון ער
זאל זאלבין · אונ גאט האט גיזאגט צוא נתן
גייא גיך · אונ זאג צוא מיין קנעכט דוד דוא
ווילסט בויען איין הויז דאש איך זאל לאזין
דארטין רוען מיין שכינה כי לא ישבתי בבית דען
איך האב מיין שכינה ניט גילאזט רוען אין
קיין הויז פון דעם טאג אן וואש איך האב די
בני ישראל אויף גיבראכט פון מצרים ביז אין
היינטיגן טאג אונ איך האב מיין שכינה גילאזט
רוען אין גיצעלטין דען דער משכן שילה איז
ניט גיוועזן באדעקט מיט באלקין נאר מיט
אום היינגען ועתה כה תאמר לעבדי לדוד אונ איצונד
זאלסטו אזו זאגין צוא מיין קנעכט צו דוד איך
האב דיך גינומען פון דער שטאל פון הינטער
דיא שאף דו זאלסט זיין איין האר איבער מיין
פאלק ישראל · אונ איך בין מיט דיר גיוועזן
אין אלע ערטער וואו דוא בישט גיגאנגען אונ
האב פאר שניטין דיינע פיינט פאר דיר אונ
האב דיר גימאכט איין גרוישין נאמען וויא אלע
גרוישע הארין דאש מען זאגט מגן דוד · אונ
וויל איך האב פאר שניטין דיינע פיינט דרום
איז אויף גיגאנגען אויף דיין דעה צוא בויען
דאש בית המקדש אזוא וויא אין דער תורה
שטייט ווען גאט ווערט דיר מאכין רוען פון
דיינע פיינט זאלשטו בויען איין בית המקדש
אבער דוא דוד האסט ניט רעכט פאר שטאנן
דען איך וויל דיא ישראל זאלין נאך מער
רוען פון זייערע פיינט אונ דאש ווערט זיין אין
דיא טעג פון דיין זון שלמה אונ איך וויל טאן
איין גוטין ארט צוא מיין פאלק ישראל אונ וועל
אים פלאנצין דאש ער זאל איין קיום האבין
אונ ער ווערט רוען אויף זיין ארט אונ ווערט ניט

פאר וואגילט ווערין פון זיין ארט · אונ דיא
עובדי כוכבים וועלין ניט מערין צוא פייניגין
אים אזוא וויא צום ערשטין איי דיא שופטים
פון ישראל זיינען גיוועזן ולמן היום אשר צויתי
שופטים על עמי ישראל אונ אויך אזו נייא דיא
עובדי כוכבים פלעגין טאן פון דעם טאג וואש
איך האב גיבאטין שופטים איבער מיין פאלק
ישראל אבר איך וועל דיר מאכין רוען פון אלע
דיינע פיינט · והגיד לך יי' אונ גאט זאגט דיר
דוד דורך מיר דאש ער ווערט דיר בויען איין
הויז כלומר דיין זון ווערט זיין אמלך נאך דיר
אונ עם ווערט אקיום האבין צוא דיר דאש בית
המלכות אז דיינע טעג וועלין דער פילט ווערין
אונ דוא ווערסט ליגין מיט דיינע עלטערין נאך
דיין טויט דענשט מאל וועל איך אויף ריכטין
דיין זון נאך דיר אונ וועל אן ברייטין זיין
מלוכה דאש מיינט מען שלמה המלך הוא יבנה
בית לשמי ער ווערט בויען איין הויז פון מיינט
וועגין איך וועל זיין צוא אים צוא איין פאטר
אונ ער ווערט צוא מיר זיין צוא איין זון אונ
ווען ער ווערט פאר קרימען אונ ווערט זינדיגין
וועל איך אים שטראפין מיט דער רוט פון
מענטשין דאש מיינט מען מיט הדד אונ מיט
רזון בן אלידע אונ מיט דער פלאג פון דיא
קינדער פון אדם הראשון ונאמן ביתך אונ עש
ווערט איין קיום האבין דיין הויז אונ דיין מלוכה
ביז אייביג אזוא וויא זיא איז היינט פאר דיר
אזו ווערט דיין שטול זיין אן גיברייט ביז אייביג
אזוא וויא דיא רייד אונ אזוא וויא דיא נבואה
אזוא האט נתן גירעט צו דוד · דער ירושלמי
זאגט אין פרק חלק נייגציג טויזנט זקנים האט
דוד גיצייילט אין איין טאג אונ האט אחיתופל
ניט גירעכינט צווישין זייא אונ אז דער ארון
איז גיוועזן אויף דעם וועג מיט דיא רינדער
האט דער ארון אויף גיהויבין דיא כהנים אין
דער הויך אונ האט זייא גיווארפין צוא דער
ערד האט דוד גישיקט צוא אחיתופל ער זאל
אים זאגין וואש דאש בטייט האט אחיתופל
גיענטפערט שיק צו די נייגציג טויזנט זקנים
זייא וועלין דיר זאגין האט דוד גיזאגט ווער
עש ווייסט אונ וויל ניט זאגין דער זאל ווערין
דער ווארגין · האט אחיתופל צוא אים גיזאגט
וואס קינדער לערנען בייא זייער רבי ווייסטו
אויך ניט עש שטייט דאך כי עבודת הקודש עליהם

בתתף ישאי צוא דיא בני קהת האט ער ניט גיגעבין קיין וועגין ווייל היילגע זאכין דארף מען טראגין אויף דעם אקסיל אונ ווייל מען טראגט דא דעם ארון אויף איין וואגין דרום שטראפט ער דיא כהנים ׳ די גמרא זאגט אין ברכות רבי אליעזר דר זון פון רבי יוסי הגלילי זאגט זעה וויא איין גרוישין שכר גאט גיט דעם מענטשין וואש איז מכבד איין תלמיד חכם אין זיין הויז מיט עסין אונ טרינקען דען מיר זעהען דאש גאט האט גיבענטשט דאש הויז פון עובד אדום ווייל דער ארון איז בייא אים גישטאנען חאטשע ער האט אים קיין עסין אונ טרינקען ניט גיגעבין ׳ מכל שכן ווען איין מענטש איז מכבד איין תלמיד חכם מיט עסין אונ טרינקען דעם בענשט פשיטא גאט ׳

דער ירושלמי זאגט אין פרק החולץ דר שכר פון עובד אדום איז גיוועז דאש זיינע אכט שניר האבין גיהאט צווייא קינדער אין איין חודש דען זיבין טאג איז זיא טמא גיוועזן אונ זיבין טאג איז זיא טהור גיוועזן אונ איז מעוברת גיווארין אונ האט אין פערצעהען טאג גיהאט אקינד אונ אויך דיא אנדרע פערצין טאג האט זיא גיהאט איין קינד ׳ אונ דער ארון איז גישטאנען דרייא חדשים אין זיין הויז האט איטליכע שנור גיהאט זעקס קינדער איז צוא אכט שניר אכט אונ פערציג קינדער ׳ אונ זיין ווייב האט אויך גיהאט זעקס קינדר איז גיוועזן פיר אונ פופציג ׳ אונ דיא מאנען פון דיא שניר זיינען גיוועזן אכט ׳ איז אלע מיט אנאנדער צווייא אונ זעכציג נפשות:

# לוח המולדות וראשי חדשים לחודש אייר.

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש אייר | אונ ראש חודש איז | ל״ג בעומר |
|---|---|---|---|
| תרל״ז | פרייטיג פריא פיר מינוט מיט זיבין חלקים אויף נאיין: | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרל״ח | דאנערשטיג פריא 37 מינוט מיט צוויי חלקים אויף זעקס: | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרל״ט | מאנטיג בייא טאג 25 מינוט מיט 14 חלקים אויף דרייא: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תר״מ | פרייטיג צו נאכט 14 מינוט מיט אכט חלקים אויף צוועלף: | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרמ״א | דאנערשטיג אווינט 47 מינוט מיט דרייא חלקים אויף ניין: | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרמ״ב | דינסטיג פריא 35 מינוט מיט פופצען חלקים אויף זעקס: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרמ״ג | מאנטיג פריא אכט מינוט מיט צעהן חלקים אויף פיר: | מאנטיג דינסטיג | פרייטיג |
| תרמ״ד | פרייטיג פר האלבן טאג 57 מינוט מיט 4 חלקים אויף 12: | פרייטיג שבת | דינשטיג |
| תרמ״ה | דינסטיג אווינט 45 מינוט מיט זעכצען חלקים אויף ניין: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרמ״ו | מאנטיג אווינט אכצעהן מינוט מיט עלף חלקים אויף זיבין: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרמ״ז | שבת אין דר פריא זיבין מינוט מיט פינף חלקים אויף פיר: | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרמ״ח | מיטוואך פר האלבן טאג 55 מינוט מיט 17 חלקי׳ אויף 12: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרמ״ט | דינסטיג פריא 28 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף צעהן: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תר״נ | שבת פאר נאכט 17 מינוט מיט זעקס חלקים אויף זיבין: | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרנ״א | פרייטיג ביי טאג פופציג מינוט מיט אין חלק אויף פיר: | פרייטיג שבת | דינשטיג |
| תרנ״ב | מיטוואך פאר טאג 38 מינוט מיט 13 חלקים אויף איינס: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרנ״ג | זונטיג פריא 27 מינוט מיט זיבין חלקים אויף צעהען: | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרנ״ד | שבת אין דער פריא צווייא חלקים אויף אכט: | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרנ״ה | מיטוואך בייא טאג 48 מינוט מיט 14 חלקים אויף פיר: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרנ״ו | מאנטיג פאר טאג 37 מינוט מיט אכט חלקים אויף איינס: | מאנטיג דינסטיג | פרייטיג |
| תרנ״ז | שבתות צו נאכט 10 מינוט מיט דרייא חלקים אויף עלף: | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |

# חודש אייר.

| אין יאהר | אין דער מולד פון ראש חודש אייר | אונ ראש חודש איז | ל"ג בעומר |
|---|---|---|---|
| תרנ"ח | דאנערשטיג פריא 58 מינוט מיט 15 חלקים אויף זיבין : | פרייטיג שבת | דינשטאג |
| תרנ"ט | מאנטיג בייא טאג 47 מינוט מיט נאיין חלקים אויף פיר : | מאנטיג דינשטיג | פרייטיג |
| תר"ס | זונטיג בייא טאג 20 מינוט מיט פיר חלקים אויף צווייא : | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרס"א | דאנערשטיג אווינט אכט מינוט מיט 16 חלקים אויף עלף : | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרס"ב | מיטוואך אבינט 41 מינוט מיט עלף חלקים אויף אכט : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרס"ג | מאנטיג פאר טאג 30 מינוט מיט פינף חלקים אויף פינף : | מאנטיג דינשטיג | פרייטיג |
| תרס"ד | פרייטיג בייא טאג 18 מינוט מיט 17 חלקים אויף צווייא : | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרס"ה | דאנערשטיג פריא 51 מינוט מיט 12 חלקים אויף עלף : | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרס"ו | מאנטיג אבינט פערציג מינוט מיט זעקס חלקים אויף אכט : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרס"ז | שבת אין דער פריא נאיין אונ צוואנציג מינוט אויף פינף : | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרס"ח | פרייטיג פריא איין מינוט מיט דרייצען חלקים אויף דרייא : | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרס"ט | דינסטיג פריא פופציג מינוט מיט זיבין חלקים אויף עלף: | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תר"ע | מאנטיג אין דר פריא 23 מינוט מיט צווייי חלקים אויף נייין : | מאנטיג דינסטיג | פרייטיג |
| תרע"א | פרייטיג בייא טאג 11 מינוט מיט 14 חלקים אויף זעקס: | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרע"ב | מיטוואך אין דער פריא אכט חלקים אויף דרייא : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרע"ג | מאנטיג אבינט 33 מינוט מיט דרייא חלקים אויף צוועלף: | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרע"ד | שבת אין דר פריא 21 מינוט מיט 15 חלקים אויף נאיין | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרע"ה | מיטוואך בייא טאג 10 מינוט מיט נייין חלקים אויף זעקס: | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרע"ו | דינסטיג ביי טאג 43 מינוט מיט פיר חלקים אויף דרייא : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תרע"ז | שבתות צו נאכט 31 מינוט מיט 16 חלקים אויף צוועלף : | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרע"ח | דאנערשטיג פריא 20 מינוט מיט צעהן חלקים אויף נייין : | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרע"ט | מיטוואך פריא 53 מינוט מיט פינף חלקים אויף זעקס : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |
| תר"פ | זונטיג ביי טאג 41 מינוט מיט זיבצען חלקים אויף דרייא : | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרפ"א | שבת ביי טאג 14 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף איינם : | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרפ"ב | מיטוואך אווינט דרייא מינוט מיט זעקס חלקים אויף צעהן : | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרפ"ג | מאנטיג אין דר פריא צווייא אונ פופציג מינוט אויף זעקס : | מאנטיג דינסטיג | פרייטיג |
| תרפ"ד | זונטיג פריא 24 מינוט מיט דרייצעהן חלקים אויף פיר : | זונטיג מאנטיג | דאנערשטיג |
| תרפ"ה | דאנערשטיג ביי טאג 13 מינוט מיט 7 חלקים אויף איינם : | פרייטיג שבת | דינסטיג |
| תרפ"ו | מאנטיג אווינט צווייא מינוט מיט איין חלק אויף צעהן : | מיטוואך דאנערשט' | זונטיג |

אשה כי תזריע שלמה המלך זאגט אין משלי שמחה לאיש במענה פיו עס איז ווישינליך ווען איין מענטש רעט חכמה מיט זיין מויל האט ער שמחה דען דר דבור קומט פון גאט אזו וויא אין פסוק שטייט לאדם מערכי לב ומיי מענה לשון דר מענטש דארף אן ברייטין זיין הארץ צו ריידן חכמות אונ דאש רייד איז פון גאט דרום ווען דער מענטש רעט מיט חכמה איז דאש דורך דר הילף פון גאט דרום האט ער שמחה · ודבר בעתו מה טוב אונ חאטשע דער מענטש אז ער רעט מיט חכמה איז דאש זייער גוט אבער ווען דער דיבור איז אין זיין צייט איז עס נאך בעסער דען ווען איין מענטש וויל זינגען בייא איין אבל אדר ער וויל ברויערינ זיין אויף איין חתונה איז עס ניט רעכט דאש הייסט איין דבור ניט אין זיין צייט אויך ווען ער דרשנת אום סוכות וואש עס גיהער צו פסח אדר אום פסח וואס עס גיהער צו סוכות איז דאש ניט רעכט ווייל עס איז איין זאך ניט אין זיין צייט אונ דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק שמחה לאיש במענה פיו עס איז גיוועזן איין שמחה צו גאט וואש ער ווערט גירופין איש מלחמה מיט דעם רייד פון זיין מויל וואש ער האט דער מיט די וועלט באשאפין אונ האט זיך מיט זיינע באשעפעניש גיפרייט · אונ וואש ער האט באשאפין האט ער איטליכש אין זיין צייט באשאפין · אונ חאטשע דער מענטש איז ווארין בשאפין צום הינטערשטין איז דאס אויך גיוועזן אין זיין צייט · ווייל דער מענטש איז דאש חשובי באשעפעניש אונ די גאנצע וועלט איז נאר ווארין באשאפין פון דעם מענטשן וועגין וואש ער קומט אונ דר קענט גאט מיט זיין שכל אונ אויך שבת וואש ער איז חשובר פון אלע טעג קומט נאך אלע זעקס טעג אונ אויך עולם הבא וואס איז חשובר פון דער וועלט וואש מיר זיינען דרינען · קומט זיא נאך דר וועלט · אונ אויך יעקב וואס איז חשובר פון עשו איז ער ווארין גיבארין נאך עשו · אונ זיינע קינדער זייטען ווארין גיבארין נאך די קינדער פון עשו דען עשו האט גינומען איין ווייב צו פערציג יאר אונ יעקב האט גינומען איין ווייב צווא פיר אונ אכציג יאר · די חכמים זאגין תחלת המחשבה סוף המעשה דאש ערשטע פון דער מחשבה וואש אמענטש האט אין זינן פריער צו טאן דאש איז דאש הינטערשטע פון דר מעשה · עס איז איין משל ווען איין מענטש האט אין דר מחשבה תורה צו לערנען אונ האט קיין הויז ניט צו לערנען דרינן מוז ער פריער בויען איין הויז אונ דר נאך טוט ער לערנען · דאש וואש ער האט פריער אין דר מחשבה גיהאט טוט ער צום הינטערשטין · אונ דאש איז דאש חשובי וואש דאש הויז האט ער פון דעסט וועגין גיבויט פון דאנען קען מען אפ לערנען דאש דר מענטש וואש איז ווארן באשאפין צום הינטערשטין איז ער פריער אין דר מחשבה גיוועזן אונ די אלע בשעפעניש זיינען ווארין בשאפין פון זיינט וועגין אזוא אויך אין יענער סדרה האט דיא תורה אן גישריבין וויא אזו מען זאל זיך נוהג זיין מיט בהמות אונ חיות וועלכע זיינען כשר אדער טריפה וואש זייא זיינען ווארין באשאפין פון דער ערד · אונ דר נאך זאגט אונז די תורה וועלכע פיש אין וואשר זיינען כשר · אונ דער נאך זאגט אונז דיא תורה וועלכע פויגיל אין אויר זיינען כשר אונ צום הינטערשטין זאגט אונז די תורה די דינים פון דעם מענטשין דאש ער זאל האלטין די תורה אונ מצות דען ער איז מער ניט ווארין באשאפין נאר צו האלטן די תורה אונ מצות אשה כי תזריע די חכמים לערנען פון דאנען אפ אפילו ווען איין אשה האט דאס קינד ניט גאנץ צייערט עס איז צו גאנגען איז זיא דאך טמא גלייך וויא זיא האט איין לעבדיג קינד גיהאט אונ אטייל חכמים זאגין דאש קינד קומט נאר פון דר אשה נאר דר מאן מאכט אפ שיידין פון דר אשה די אלע זאכין וואש

מען דארף עש ניט האבן צו דעם קינד אונ
די חכמים האבן דרויף פיל ראיות גבראכט
די ערשטע ראיה איז פון איין הון ווען זיא
לייגט אייער אז זיא איז מיט איין האן קען
פון די אייער זיין הינדעלעך אבער ווען זיא
לייגט אייער אן איין האן נאר וואש זיא
טארימט זיך אין אש קען פון דיא אייער ניט
זיין קיין הינדעלעך אונ די אנדערע ראיה איז
פון די פויגלען דאש זיי מאכין טראגין זייער
נקבה מיט זייער קוקין אדר מיט זייער האלזין
זיך אן זרע דאש ווייזט דאש דר מאן האט
איין קליינעם חלק אין דעם קינד נאר ער
מאכט די צורה פון דעם קינד די דריטע ראיה
איז פון די פיש דאש זיי לאזין אייער פון זיך
זעלבערט אונ דער נאך קומט דער זכר אונ
לאזט זרע אויף די אייער אזו ווערט פון זיי
פיש אונ דיא אייער וואש זיי לאזין קיין זרע
ניט אויף זיי ווערט פון זייא גאר ניט אונ ביי
דיא בוימר איז אויך אזו ווען מען באהעפט
איין טייטיל בוים איין זכר אין איין טייטיל
בוים איין נקבה וואקסין דרויף טייטלין אבר
ווען מען באהעפט איין זכר מיט איין זכר
קען דר פון גאר ניט זיין אזו אויך ווען דער
מאן גיט היין צו דר אשה דר פון באקומט
דאש קינד איין צורה · אויך שרייבט דר בחיי
ווען די אשה האט לוסט צוא איר מאן אונ
האט אים ליב אונ ווען זיא באהעפט זיך צו
אים איז נאר איר מחשבה אויף איר מאן
ווערט דרויש גיבארן איין זון דען עש הייגט
אלץ אן אין דר מחשבה וויא מיר גיפינן ביי
יעקב דאש ער האט גישטעלט גיפלעקטע
שטעקין אנטקעגין די שאף אזו האבין זייא
אויך גיוואונן גיפלעקטע שאף אונ ווען דיא
מחשבה קען פועל זיין בייא איין בהמה מכל
שכן ביי איין מענטשין וואש ער האט שכל ·
דר מדרש זאגט מעשה נסים טוט גאט מיט
דעם קינד דען ווען איין מענטש איז אין דר
תפיסה איין טאג וואלט ער גערין ארויש
אונ דאש קינד איז פאר בונדין ניין חדשים
אין זיין מוטערש לייב אונ וויל ניט ארויש
גיין אונ גאט טוט עש היטן · רבי מאיר זאגט
מעשה נסים טוט גאט מיט דעם קינד דען
איי דאש קינד ווערט גיבארין איז די אשה
פול מיט בלוט אונ וויא באלד דאש קינד
ווערט גיבארן גייט דאש בלוט אין די בריסט
פון דר מוטער אונ עש ווערט דר פון מילך
אונ דאש קינד זייגט דער פון · דער בחיי
שרייבט עש זיינען דרייא עולמות בייא דעם
מענטשין דער ערשטער עולם איז אין זיין
מוטערש לייב דאש ער זעהט גרוישע וואונדר
פון גאט איין ליכט לייכט איבר זיין קאפ אונ
ער קאן דיא גאנצע תורה · אונ מען ווייזט
אים דאש גן עדן מיט אלע זיינע חדרים אונ
דאש גיהנם מיט אלע זיינע חדרים אונ מען
זאגט אים זיי פרום אויף דר וועלט וואש דו
ווערשט גיבארין ווערשטו · קומן אין גן עדן
צווישין אלע צדיקים אונ ווערשט כבוד האבן
אזו וויא זיי אבר אז דוא ווערשט זיין שלעכט
ווערשטו קומען אין גיהנם אזוא וויא אנדערע
רשעים זיינען גיקומען אונ דאש קינד וויל ניט
ארויש גיין פון זיין מוטרש לייב אונ זיין עסין
איז דאש וואש די מוטער עסט אונ ווען עם
דארף גיבארן ווערין טוט ער וויינן ער גייט
מיט נויט ארויש אויף דר וועלט ווייל אויף
דר וועלט איז פיל צער אונ זארג אונ אז ער
קומט אויף דר וועלט אונ קריגט שכל אונ
דר קענט די תורה אונ מצות אונ די וונדער
פון גאט וואש ער טוט מיט מענטשין איז
זיין שכר זייער גרויש אונ ווען ער דארף זיך
אפ שיידן פון דר וועלט אונ דארף שטארבן
טוט ער טרויערן דען ער שטארבט מיט נויט
עם טוט אים באנק די וועלט אוועק ווארפן
אונ די צווייא עולמות האבין איין גיזעצטע
צייט דען אין דר מוטערש לייב איז זיין צייט
ניין חדשים אונ ניט מער פון צוועלף חדשים
אונ די וועלט האט אויך איין צייט זיבעציג
יאר אבער דער עולם וואש דער מענטש
קומט אהין דאש איז עולם הבא די האט

נים קיין גיזעצטע צייט נאר זיא גיווערט ביז איביג דאש זעהט מען דאש איין מענטש גייט פון איין עולם אין דעם אנדערן עולם צו גוטין אונ דר הינטערשטער עולם איז דער בעסטער עולם׃ דר אמרי נועם פרעגט ווען יוא דיא תורה וויל דיא מצות פון דעם מענטשין שטעלין נאך אלע באשעפעניש זואלט דאך די תורה גידארפט פריער שטעלן די מצות פון איין מאנזביל אונ דר נאך פון איין אשה ווייל זיא איז ווארין באשאפין נאך דעם מאן׃ דר תירוץ איז איין אשה זאל גיווינן איין קינד איז גיווינטליך אלע טאג אבער די מצות פון איין מענטשן וואס ער ווערט מצורע וויא אזו ער זאל זיך נוהג זיין דאס איז ניט גיוויינטליך דרום האט די תורה דר נאך אן גישריבן די דינים פון איין מצורע׃ דר בעל הטורים שרייבט די תורה האט פריער אן גישריבן והתקדשתם והייתם קדושים איר זאלט הייליג זיין׃ אונ נאהענט דר בייא האט דיא תורה גישריבין אשה כי תזריע צוא ווייזין דאש איין מענטש דארף זיך מקדש זיין בשעת תשמיש אונ ווען ער איז גיוועזן אין בית הכסא טאר ער ניט באלד משמש זיין אונ דארף ווארטין איין קליינע ווילע׃ אויך שרייבט דער בעל הטורים זכר האט אין דר צאל וויא ברכה צו ווייזין ווען מען האט איין זון איז איין ברכה פון גאט וטמאה שבעת ימים די תורה האט גיבאטן זיבן טעג זאל די אשה זיין טמא נאך איר גיווינען אונ אזו אויך אז דר מענטש שטארבט דארף מען נאך אים קלאגין זיבין טעג דען אלץ איז צוא זיבין דותה תטמא דער פסוק לערינט אונז דאש איין אשה זעהט אנדערש ניט קיין דם נידות סיידין עס טוט איר וויי דר קאפ אונ אירע איברים זיינן שווער אויף איר אונ זיא הייסט דרום נדה דאש איז טייטש הרם ווייל מען דארף זיך פון איר אפ שיידין גלייך וויא פון איינעם וואש איז אין חרם דאס מען טאר ניט זיצין אין זיינע פיר איילין אזו זאל מען ניט זיצין לעבין איין נדה נאר זיא זאל זיצין אליין אונ אזוא איז גיוועזן פר צייטין דר מנהג אפילו ביי די עובדי כוכבים דאש זיי האבין זיך זייער אפ גישייד פון איין נדה אפילו אירע טריט אויף דער ערד טוט שאדין דעם מענטשין ווען ער טרעט אויף זיי אונ אויך איר ריידין טוט שאדין דעם מענטשין וואס רעט מיט איר אזוא וויא מיר גיפינען בייא לבן ווען ער האט גיזוכט די בילדר ביי זיין טאכטער רחל אונ זיא איז גיזעסין אויף זיי אונ האט גיזאגט איך האב סדר נשים איך קאן ניט אויף שטיין אונ ער האט גשוויגין אונ האט איר ניט גיענטפערט אונ דרום האט זיא ניט גיקושט דעם פאטער אין זיינע הענט ווייל דר ריח פון איין נדה טוט שאדין אונ עס איז גיוורים דאס אויף ווען איין אשה נדה קוקט טוט עס אים שאדן׃ דיא חכמים זאגין איין אשה בייא איר אן הייב נדה ווען זיא זעהט אין איין גיגלאנצטר שווערד אדר אין איין שפיגיל ווערט דרויף איין פלעק דר פון זעהט מען דאס אפילו איר זעהען טוט אויך שאדין וביום השמיני ימול בשר ערלתו את אין דעם אכטין טאג זאל מען דאס קינד מל זיין אפילו ווען עס גיפאלט אום שבת׃ טורנוסרופוס האט גיפרעגט צוא רבי עקיבא וועלכע מעשים זייען בעסער די מעשים פון גאט אדר פון מענטשין׃ זאגט רבי עקיבא די מעשים פון מענטשין זיינן בעסר׃ פרעגט טורנוסרופוס קען דען איין מענטש מאכין איין הימיל זאגט רבי עקיבא פרעג מיך ניט וואש אויבין איז׃ פרעג וואס אויף דער ערד איז ביי מענטשין זאגט טורנוסרופוס ווארום טוט איר אייך באשניידין וואלט דען גאט ניט גיקענט מאכין מען זאל גיבארין ווערין באשניטין ענטפערט רבי עקיבא ווארום אז איין קינד ווערט גיבארין הייגט זיין נאפיל אין דר מוטערס לייב אונ מען מוז אים אפ שניידין וואלט דען גאט ניט גיקאנט מאכין דאש איין קינד זאל ווערין גיבארין אונ זיין

נאפיל

נאך זאל ניט היינגען אין זיין מוטערס לייב נאר גאט האט גילאזט איין זאך דאש דער מענטש אליין זאל פאר ריכטין · אזוא אויך די ערלה האט גאט גילאזט דר מענטש אליין זאל זיך פאר ריכטין אונ אויך גאט וויל דיא לייט פרובין אויב זייא וועלין האלטין זיינע מצות דרום האט ער גיבאטין מצות מילה · די אשה מוז זיין טמא בייא איין זכר פערציג טעג אונ ביי איין נקבה אכציג טעג ווייל איין נקבה איז קאלט אונ נאס אונ אירע ליחות זיינן פיל דרום מוז די אשה לאנג רייניגין זיך נאך איין נקבה מער וויא נאך איין זכר וכפר עליה די אשה דארף ברייגען איין קרבן ווען זיא שטייט אויף פון איר קינד בעט אונ דעם קרבן ברייגנט זיא אויף חוה וואס זיא האט איין עבירה גיטאן אונ האט גורם גיוועזן די ווייבר זאלין שווער קינדר האבין דען ווען חוה וואלט ניט די עבירה טאן מיט דעם עץ הדעת וואלטין ווייבר גרינג קינדר גיהאט אזו זיא איין בוים מאכט גרינג וואקסין זיינע פירות · אונ אויך דרום זיינן די ווייבר ווארין גיבאטין אויף דריי מצות חלה אונ נדה אונ ליכט צינדין אום ערב שבת פאר נאכט · ד חכמים זאגין דרום ברייגנט איין אשה איין קרבן ווייל בשעת אז זיא גייט צו קינד שווערט זיא זיא זאל שוין מער ניט קומן צו איר מאן אונ ווייל זיא איז אין צער דרום איז איר שבועה נישט אויך ווייל זיא איז מחויב צו טאן דעם מאנש ווילין קען זיא דרויף גאר ניט שווערין נאר ווייל איר מחשבה איז גיוועזן צוא שווערין דרום זאל זיא ברייגען איין קרבן אונ דרום היינט אויך וואש קיין קרבן איז ניט דא קויפט דר מאן מצות אונ איז עולה לתורה ווען דאס ווייב גייט אין שול אריין נאך איר קינד האבין : אדם כי יהיה בעור בשרו ווען איין מענטש וועט האבין איין נגע צרעת אין זיין לייב זאל ער ווערין גיבראכט צום כהן · דר בחיי שרייבט דרום האט דיא תורה ביי צרעת ניט גישריבן וידבר יי אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ווייל גאט וויל ניט דער מאנען זיין נאמען בייא ביזין דען גאט וויל ניט בייז טאן דעם מענטשין אזו וויא אין פסוק שטייט החפוץ אחפוץ מות רשע וויל איך דען דער רשע זאל שטארבן נאר גאט באגערט דר מענטש זאל לערנען תורה אזוא חיא אין פסוק שטייט יי חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר גאט וויל מען זאל תורה לערנען אונ אזוא אויך אז גאט האט בשאפין דיא ליכט אונ דאש פינצטערנעש שטייט ויקרא אלהים לאור יום ולחשך קרא לילה שטייט דער נאמען פון גאט ביי דער ליכט אונ ניט ביי דעם פינצטערנעש ווייל דאש פינצטערנעש איז שלעכט · אונ אויך אז גאט האט גבענטשט אדם אונ חוה דר מוזט ער זיין נאמען אזו וויא אין פסוק שטייט ויברך אלהים אותם גאט האט זיי גבענטשט אונ אז ער האט זיי גישאלטן שטייט ניט דר מאנט גאטש נאמען · די חכמים זאגין ביי דרייא זאכין שטייט דר מאנט גאטש נאמען ביי בייזין · איינש איז ביי דעם שלאנג וואש ער האט גרעט בייז אויף גאט האט גאט דר מאנט זיין נאמען אזו וויא אין פסוק שטייט ויאמר אלהים אל הנחש דאש אנדערע איז ווען איין מענטש איז עובר אויף דיא רייד פון דיא חכמים · אזוא וויאבין ירמיה שטייט כה אמר יי אלהי ישראל ארור האיש אשר לא ישמע את דברי הברית הזאת אזו זאגט גאט פאר שאלטין זאל זיין דר מענטש וואש וועט ניט הערין דיא רייד פון דעם דאזיגין ברית אונ דאש איז גיוועזן דיא רייד פון דיא חכמים · דאש דריטע איז ווען איין מענטש האט בטחון אויף איין מענטשין אזו וויא אין פסוק שטייט כה אמר יי ארור הגבר אשר יבטח באדם אזו זאגט גאט פאר שאלטין זאל זיין דר מענטש וואס האט איין בטחון אויף איין מענטשין · אונ צרעת קומט אויף איין מענטשין פון וועגין זנות אונ פון וועגין גאוה · דר בחיי שרייבט דיא פרשה פון צרעת איז נאהענט לעבין דער פרשה פון נדה צו ווייזין די וואש האלטין

ניט

גים רעכט נדה איז דאש קינד מצורע וואש פון זייא קומט אונ אזו האבין דיא חכמים גיזאגט ווען איינער ליגט מיט איין נדה אין איר ערשטין טאג איז דאש קינד מצורע צעהען יאר אונ אויב ער ליגט ביי איר אין דעם אנדערין טאג פון איר נדה איז דאש קינד מצורע זיבעציג יאר · דש צרעת קומט פון וועגין דיא עבירות פון דיא מענטשין · איין משל איין שלעכטער קנעכט ווערט פאר קויפט אין מארק אונ דער האר וואש קויפט אים ווייסט דאש ער איז שלעכט אונ זאגט איך וועל אים גוט מאכן אונ ברייננט קייטין אונ שטעקין צוא שטראפין אים אויב ער וועט שלעכט זיין אונ אויך גאט ווייסט פון דעם אן הויב באשעפעניש פון דעם מענטשין דאש ער וועט עבירות טאן דרום האט ער אן גיגרייט נגעים אונ אנדערע קראנקייט צוא שטראפין אים אויב ער וועט טאן עבירות · אונ אזוא האט גאט גיבראכט נגעים אונ צרעת · צום ערשטין ברייננט ער נגעים אויף דיא שטיינער פון הויז ווען דר מענטש טוט דורך דעם תשובה איז גוט איז אים גאט מוחל זיינע עבירות ווען ער טוט אבר קיין תשובה ניט ברייננט גאט נגעים אויף זיינע קליידער טוט ער תשובה איז גוט איז אים גאט מוחל זיינע עבירות ווען ער טוט אבר קיין תשובה ניט ברייננט גאט נגעים אויף זיין גוף אונ דיא נגעים וואש ער שיקט אין זיין גוף שיקט ער אויך מיט רחמנות צום ערשטין שיקט ער איין קליינע נגע אויף זיין קאפ טוט ער תשובה איז גוט אונ אויב ניט שיקט ער אויף אים שחין טוט ער תשובה איז גוט אונ אויב ניט שיקט ער צרעת אויף זיין גאנצע לייב אונ אזו זאגט דר מדרש גאט איז איין דר בארימיגר ער שטראפט מיט רחמנות אזו וויא מיר גיפינן ביי איוב דאש גאט האט אים פריער גישטראפט אין זיין גוטש אונ דר נאך אין זיין הויז אונ דר נאך אין זיינע קינדר אונ דר נאך אין זיין גוף אונ אזו אויך אין מצרים האט גאט פריער גישלאגן זייערע בהמות אונ דר נאך אין דעם גוף פון זייערע בכורים · אונ די נגעים קומן בהשגחה פון גאט אויף דעם מענטשין ער זאל וויסן דאש ער האט עבירות גיטאן אונ זאל תשובה טאן אונ די נגעים פון די הייזער זיינן נאר גיוועז אין ארץ ישראל אונ ניט אין ירושלים ווייל זיא איז זייער היילינ גיוועזן דאש די שכינה האט דארטין גירועט :

# הפטרת תזריע

ואיש בא מבעל שלשה אונ איין מענטש איז גיקומען פון דר שטאט בעל שלשה אונ האט גיבראכט צו אלישע דעם נביא ברויט פון דעם ערשטין צייטיגין גערשטין וואש מען האט צום ערשטין גישניטין דען עש איז גיוועז אין דער צייט וואש מען שנייט גערשטין האט דר נביא גיזאגט צו זיין קנעכט גחזי גיב דעם ברויט צוא דעם פאלק אונ לאזין זייא עסין אונ דאש איז גיוועזן זיינע תלמידים אונ ער האט זייא גישפייזט האט דער קנעכט גיזאגט וואש וועט דאש גינוג זיין פאר הונדערט מאן האט דער נביא גיזאגט אזוא האט גאט גיזאגט עש וועט גינוג זיין אונ עש וועט נאך איבער בלייבין האט דער קנעכט זיי גיגעבין אונ זייא האבין גיגעסין אונ האבין זיך אן גיזעט אונ האבין איבר גילאזט אזו וויא גאט האט גיזאגט · דר ילקוט פרעגט ווארום רופט ער אן דעם ברויט בכורים איז דען אלישע איין כהן גיוועזן מען זאל אים ברייננען בכורים דר תירוץ איז דאש ווייזט אונז ווען איינער גיט איין מתנה צו איין תלמיד חכם איז גלייך וויא ער ברייננט בכורים צום כהן אונ דרום רופט ער עש אן בכורים אונ ניט קיין תרומה וואש מען גיט אויך צום כהן צוא ווייזין אזוא וויא בכורים האט קיין שיעור ניט וואש דער מענטש האט גיוואלט האט ער גיבראכט דען מעשר האט איין שיעור איינש פון צעהען אונ תרומה איז צווייא פון הונדערט אבער בכורים האט קיין שיעור ניט וואש דער מענטש האט גיבראכט האט אלץ דער כהן אן גינומען פאר גוט אזו אויך וואש

מען ברענגט איין מתנה צו איין תלמיד חכם זאל ער עש אן נעמען פאר גוט ונעמן שר צבא מלך ארם אונ נעמן דער הויבט מאן פון דעם מלך ארם איז מצורע גיווארין אונ דאש פאלק פון דעם מלך ארם האבין מלחמה גיהאלטין מיט ישראל אונ האבין גיפאנגען איין קליינע בתולה אונ זיא איז גיוועזן איין דינשט בייא דער ווייב פון נעמן האט זיא גיזאגט צוא איר הארינטע לאז דער האר נעמן גיין צום נביא אלישע וואש אין שומרון וועט אים דר נביא היילין פון צרעת איז נעמן גיקומן צום מלך אונ זאגט אים דאש די בתולה האט אים איין עצה גיגעבין ער זאל גיין צום נביא וועט ער אים היילין זאגט דער מלך גייא אונ איך וועל דיר גוטע בריב געבין צום מלך ישראל איז נעמן גיגאנגען אונ האט מיט זיך גינומען צעהען צענטנער זילבר אונ זעקס טויזנט גילדין · אונ צעהען פאר קליידער אונ אז דער מלך ישראל האט די בריב גילייענט מען זאל נעמן היילין פון צרעת · האט ער צו ריסין זיינע קליידר אונ האט גיזאגט זעהעט דאש ער טראכט בלבולים אויף ישראל בין איך דען איין גאט וואש ער שרייבט מיר איך זאל היילין נעמן פון זיין צרעת ויהי כשמוע אלישע איש האלהים אונ אז דער נביא האט גיהערט דאש דר מלך האט צו ריסין זיינע קליידער · האט ער גישיקט צום מלך ישראל ווארום האשטו דיינע קליידר צו ריסין לאז נעמן קומען צו מיר אונ לאז ווישין דאש עס איז דא איין נביא צווישין ישראל · ויבא נעמן איז נעמן גיקומען אונ האט זיך גישטעלט אויף דר טיר פון דעם נביא מיט אלע זיינע פערד אונ רייטער · וישלח אליו אלישע האט אלישע ארויס גישיקט צו זאגין אים ער זאל זיך זיבין מאל וואשין אונ טובל זיין אין ירדן וועט ער גיהיילט ווערין פון זיין צרעת איז נעמן ברוגז גיווארין אונ האט גיזאגט איך האב גימיינט דער נביא וועט פאר מיר תפלה טאן צו גאט איך זאל גיהיילט ווערן אונ ער זאגט איך זאל מיך וואשין אין ירדן פאר וואר אמנה אונ פרפר די טייכין פון אונזר לאנד זיינן בעסר וויא דער ירדן אונ איך האב מיך גיבאדין אין זייא אונ בין ניט גיהיילט גיווארין מכל שכן דאש באדן אין ירדן וועט מיר בוודאי ניט העלפין אונ איז אוועק גיגאנגען מיט כעס האבין זיינע קנעכט צו אים גזאגט ווען דר נביא זאל דיר איין שווערע רפואה זאגין וואלשטו אויך גידארפט פאלגן ובפרט ער האט דיר איין גרינגע רפואה גזאגט וואס וועט דיך הארין ווען דוא וועשט דיך באדין אין דעם ירדן וירד ויטבול בירדן שבע פעמים האט זיך נעמן גיטויבילט אין ירדן זיבין מאל אונ איז ווארין גהיילט פון זיין צרעת אונ זיין לייב איז גווארין אזו וויא איין לייב פון איין יונג קינד איז נעמן גיקומן מיט גאר זיין פאלק צו אלישע אונ האט גיזאגט איך ווייש היינט וואול דאש עש איז ניט דא קיין גאט אויף דער וועלט נאר דער גאט פון ישראל אונ איך בעט דיך נעם פון מיר איין מתנה ויאמר חי יי אשר עמדתי לפניו האט אלישע צוא אים גיזאגט איך שווער בייא גאט וואס איך שטייא פאר אים דאש איך וועל בייא דיר ניט נעמען אונ נעמן האט אים זייער גיבעטין אונ ער האט ניט גיוואלט נעמען ויאמר נעמן ולא יתן נא לעבדך משא צמד פרדים אדמה האט נעמן גיבעטין מען זאל אים געבין פון ארץ ישראל ערד וואס צווייא מויל איזלען קענען דער טראגין אונ ער וועט דער פון מאכין איין מזבח אין זיין לאנד דען ער וועט שוין ניט מקריב זיין קיין קרבנות צוא דער עבודת כוכבים נאר צוא גאט חאטשע קיינער האט אים ניט גיווערט צו נעמען ערד האט ער דאך גיבעטין פון אלישע ער זאל אים רשות געבין כדי ער זאל ניט נעמען פון ארץ ישראל קיין ערד מיט גזילה לדבר הזה יסלח יי לעבדך נעמן האט גיזאגט צו אלישע איך וויל מיך מגייר זיין ניט צוא דינען עבודת כוכבים נאר איך מוז גיין מיט דם מלך אין הויז פון דר עבודת כוכבים ווען ער גייט טאן זיין עבודה אונ זיין האנט איז אן גילעהענט אויף מיר אונ ווען ער בוקט זיך מוז איך אויך מיר בוקין נאר מיין מחשבה וועט ניט זיין צוא דער עבודת כוכבים דרום בעט איך איצונדער דאש גאט זאל מיר מוחל זיין דיא עבירה האט אלישע צוא אים גיזאגט גייא לשלום איז נעמן אהיים גיגאנגען:

וידבר יי אל משה לאמר זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו שלמה המלך זאגט אין משלי מפרי פי איש תשבע בטנו תבואת שפתיו ישבע דאש לערינט אונז דאש עש איז זייער גוט צום צונג ווען ער טוט ריידן תורה אונ מצות אונ שטראפט לייטין צו גוטין אונ זיין שכר איז זייער גרויש פון גאט אבר ווען ער רעט לשון הרע אונ רכילות איז אים גינוג שטראף אן גיגרייט צו האבין דאש זאגט דר פסוק מפרי פי איש תשבע בטנו פון וועגין זיין לשון הרע ריידן וועט ער זיך אן זעטין מיט צרות תבואת שפתיו ישבע ווען אבער ער טוט ריידין גוטש וועט ער זיך אן זעטין מיט גוטין שכר אונ דאש זאגט דער פסוק מות וחיים ביד לשון דער טויט אונ דאש לעבין היינגט אן אין דעם צונג דר וויש רעט מיט איר תורה ומצות דר וועט האבין איין גוטין שכר דר פאר אבער דער מענטש וואש רעט לשון הרע דער ברייננט אויף זיך פיל צרות אונ צרעת אונ דרום רופט אים דיא תורה אן מצורע דאש איז צווייא ווערטר מוציא רע דאש צרעת קומט אויף אים ווייל ער רעט בייז אונ ווען ער ווערט גיהיילט מוז ער בריינגען איין קרבן אויף זיין לשון הרע וואש ער האט גירעט אונ ער קאן אנדרש ניט גיריינינט ווערין נאר דורך דעם כהן אונ דר כהן מוז ארויש גיין חוץ דר מחנה צוא דעם מצורע וואש ער זיצט אליין חוץ למחנה · אונ לשון הרע איז איין גרעסערע עבירה פון רציחה דען וועד עס טוט איין רציחה הרגת איין מענטשין אבר דר וואש רעט לשון הרע הרגת ער דריי מענטשין ער הרגת זיך דאש ער ווערט גישטראפט ווייל ער רעט לשון הרע אונ הרגת דעם וואש ער האט אויף אים גירעט לשון הרע · אונ דעם וואש האט אן גנומן דאש לשון הרע אויך · זעה וועלכעש איז ערגער איין פייל אדר איין שווערד איין פייל איז גיוויס ערגער דען איין שווערד קען נאר טייטין לעבין זיך אבר נים פון דר ווייטין אונ איין פייל טייט פון ווייטין אונ דרום רופט דר פסוק אן דאש לשון הרע חץ שחוט איין אויש גיצויגענע פייל ווייל עש הרגת פון ווייטין אזו וויא איין פייל אונ לשון הרע איז איין גרעסערע עבירה פון זנות אונ עבודת כוכבים אונ רציחה · אונ אפילו מרים וואש זיא האט נאר גירעט אויף איר ברודר משה דאש ער זאל זיך פון זיין ווייב ניט אפ שיידין איז זיא דאך גישטראפט גיווארן אונ איז גיווארין מצורע זיבין טעג · אונ אהרן איז אויך מצורע גיווארן נאר גאט האט אים באלד גהיילט · פון דאנגען לערנן מיר אפ וויא גרויס די עבירה איז פון לשון הרע דאש מען שיינקט ניט דיא עבירה אפילו איין גאנץ חשובין מענטשן · אונ דר מצורע וואש איז גיהיילט גיווארין האט גידארפט בריינגן צווייא פויגלן טהורים דען גאט זאגט ער זאל בריינגן פויגלען וואש זינגען אונ פיפסין מיט זייער מויל עש זאל מכפר זיין אויף אים וואש ער האט גירעט בייז מיט זיין מויל אונ ער זאל נעמען האלץ פון איין טענען בוים וואש ער וואקסט הויך צו מכפר זיין אויף אים וואש ער האט זיך בגאוה גיהאלטין אונ דורך דעם האט ער לשון הרע גרעט אונ ער האט גינומן איין בינטיל אזוב וואש וואקסט נידריג אונ איין רויטין פאדים וואס איז גיוועזן גיפארבט מיט איין ווארים צו ווייזן דר מענטש וואש האט אין זיך צרעת ווייל ער האט זיך בגאוה גיהאלטין זאל ער זיך נידעריג האלטין וויא איין אזוב אונ וויא איין ווארים וועט ער גיהיילט ווערין · ובא אשר לו הבית דיא גמרא זאגט צרעת קומט אויף הייזער ווען דער מענטש וויל קיין כלים ניט לייען פון זיין הויז דרום זאגט דר פסוק אשר לו הבית וואש דאש הויז איז זיין אונ ער וויל קיינעם ניט לייען דר פון וצוה הכהן ופנו את הבית אונ דר כהן זאל היישן אויש ראמען דאש הויז דען די תורה וויל ניט האבין דאש ישראל זאלן שאדן האבן אפילו די ערדענע כלים דאש זיי זאלן טמא ווערין אין הויז וואש דאש צרעת איז דרום

זאל

זאל דער כהן חייסן אויש ראמען נאר דיא כלים פון דעם הויז דער כהן זאל ניט טמא מאכין דאש הויז ביז עש ווערט זיין אויש גיראמט אלע כלים זיי זאלין ניט טמא ווערין דר צרור המור שרייבט אזו וויא דר גוף פון דעם מענטשן האט אין זיך קראנקייט אזו האט די נשמה אויך אין זיך קראנקייט אזו וויא אין פסוק שטייט רפאה נפשי כי חטאתי לך היל מיין נשמה וואש האט גיזינדיגט צו דיר אונ ווען ער זאגט היל מיין נשמה מוז זיין דאש זיא האט אין זיך קראנקייט אונ אזוא תאל דאש אין דעם גוף איז פאר האנדין קראנקייט וואש זיינן מסוכן חאטשע זיי זיינן גרינג נאר וויל זיי האבין קיין רפואה ניט אזו חיא צאן ווייטאג אזו אויך איז לשון הרע דר מענטש מיינט דאש ער טוט קיין עבירה ניט וויל ער טוט ניט קיין מעשה נאר ער רעט מיט דעם מויל אזוא טוט ער דרויף קיין תשובה ניט צו זוכין זיך איין רפואה דאש זיין נשמה זאל גיהיילט ווערן · אונ אזו וויא עש זיינן פאר האנדין קראנקייט דאש זייא האבין יוא איין רפואה נאר זיא איז זייער מיאוס אונ ביטער ער וויל בעסער שטארבין איידר ער זאל די רפואה טאן אזו אויך לשון הרע איז זייער ביטער די רפואה דען ער מוז גיין צו דעם וואש ער האט אויף אים לשון הרע גירעט אונ זאל אים זאגין איך האב אויף דיר לשון הרע גירעט זאיי מיר מוחל אונ דאש איז אים זייער ביטער ער האלט בעסער גישטארבין איידער ער זאל דאס אים זאגין · אונ אזו וויא עס זיינען פאר האנדין קראנקייט דאש זייער רפואה איז זייער ווייט דאש ער קאן פריער שטארבין איי[illegible] ער ווערט די רפואה בקומען אזו אויך דר מענטש וואש רעט לשון הרע איז צווא צייטין גערין תשובה טאן נאר דר מענטש וואש ער האט אויף אים גירעט איז זייער ווייט ער קאן צו אים ניט קומן דאש ער זאל פון אים מחילה בעטין אונ אויך קען ער איין מאל ניט די לייט וואש ער האט אויף זיי בייז גירעט אונ צו צייטין איז די רפואה נאהינט אונ איז ניט מיאוס נאר עס איז איין לאנגע קראנקייט אין גוף וואש די רפואה קען ניט העלפין אזו אויך איז דא איין מענטש וואש ער האט זיך גיוואונט פיל ריידין אונ דורך דעם קומט ער צו לשון הרע אונ עש איז אים שוין זייער שווער זיך אפ צו גיוואונן ער מוז שוין ריידין חאטשע ער וויל ניט דרום זאל זיך דר מענטש ניט גיוואונען פיל ריידין ווערט ער ניט קומן צו לשון הרע וגלח את כל שערו דר מצורע זאל אפ גאלין גאר זיינע האר פון זיין גוף דען די האר זיינען דאש צירונג פון דעם מענטשין אזוא וויא די בארד איז דאש צירונג פון דעם פנים אז מען גאלט זיא אפ איז דאש זייער מיאוס אונ דאש איז כדי ער זאל מער קיין עזות ניט האבין צו ריידין לשון הרע אונ דרום זאגט ווייטר די פרשה וכפר הכהן על המטהר דאש ער מוז זיינע עבירות פאר לאזין אונ דער מיט ווערט ער טהור · ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחזתכם איך וועל געבין איין נגע אין די הייזער וואש איר ווערט ירשנן אין ארץ ישראל · רש"י שרייבט דאש עס איז גיוועזן איין טובה צו ישראל דען די אמורים האבין גיוואוסט דאש די ישראל וועלין ביי זיי אפ נעמען ארץ ישראל אונ וועלין אוועק נעמען זייערע אוצרות אונ זייער געלט דרום האבין זיי פאר מויערט זייער געלט אין דיא מויערן כדי די ישראל זאלן עש ניט גיפינען דרום האט גאט גשיקט איין נגע אויף די הייזר וואש איין אוצר איז אין זיי גיוועזן האט מען די הייזער גימוזט צו ווארפין איבר דר נגע אונ מען האט גיפונען דעם אוצר · אונ דער צרור המור שרייבט דאש איין עובד כוכבים ווען ער בויט איין הויז לייגט ער דעם ערשטן שטיין פון דר עבודת כוכבים וועגין אדער פון שדים וועגין דרום האט גאט אויף דיא הייזער גישיקט איין נגע כדי מען זאל דאש הויז צווא ווארפין אונ מען זאל אויש רייסן

דעם כשוף אונ מען זאל עש בויען פון גאטש
ווענן · דר בחיי שרייבט דרום שרייבט די תורה
לאיש אשר ישכב עם טמאה לעבין דר מיתה פון די
קינדער פון אהרן צו ווייזין דאש זיי זיינען
גישטארבן ווייל זיי זיינן טמא גוועזן אונ האבן
ניט גיוואשן זייערע הענט אונ פים אונ זיינן
אריין גיגאנגען אין בית המקדש דען דרויף
איז מען חייב מיתה זעקס דעות זיינן ווארום
די קינדר פון אהרן זיינען גישטארבין · איין
דעה איז וואש מיר האבין דא גיזאגט · דיא
אנדערע דעה איז ווייל זיי האבין גיבראכט
פרעמדע פייער אין משכן · די דריטע דעה
זאגט ווייל זיי זיינן גיוועזן פאר טרונקען אונ
האבן די עבודה גיוואלט טאן אונ די פערטע
דעה זאגט ווייל זיי האבן גיפסקית אין הלכה
פאר זייער רבי משה · אונ די פינפטע דעה
זאגט ווייל זיי האבין קיין ווייבר ניט גינומען
דען זיי האבין זיך זייער חשוב גיהאלטין אונ
האבין גיזאגט דאש קיין אשה איז צו זיי ניט
ראוי · אונ פיל חשובי בתולות זייגען פאר
זעסין ווייל זיי האבין גיווארט אויף זיי דאש
זאגט דר פסוק אין תהלים בחוריו אכלה אש
ובתולותיו לא הוללו די בחורים נדב ואביהוא האט
פר ברענט איין פייער ווייל די בתולות האבן
מיט זייא ניט קיין חתונה גיהאט דען הוללו
איז טייטש חתונה · די זעקסטע דעה זאגט
נדב ואביהוא האבין אויף דעם בארג סיני
צו פיל גיזעהן אין דר שכינה אונ זיינן חייב
מיתה גיווארין נאר גאט האט זייא דענשט
מאל ניט גיוואלט טייטן ער האט ניט גיוואלט
פאר שטערין די שמחה פון דר תורה דרום
האט ער זיי דא גיטייט · והדוה בנדתה די תורה
האט גיגליכין די טומאה פון ישראל צו איין
נדה דען אזו וויא איין נדה ווערט ריין מיט
טבילה אזו אויך ישראל האטשע זיי זייגען
טמא פון וועגין זייערע עבירות וועט גאט זיי
לעתיד לבא אז משיח וועט קומן וועט ער זיי
ריינגן אזו וויא אין פסוק שטייט וזרקתי עליכם
מים טהורים וטהרתם גאט זאגט איך וועל אויף
איך שפריינגען ריינע וואשר אונ איר וועט
ווערין ריין פון אלע אייערע עבירות:

# הפטרת מצורע

וארבעה אנשים היו מצורעים פתח השער אונ פיר
מענטשין זיינען גיוועזן מצורע אונ זיינן
גיזעסין אין טויער פון שומרון די פיר מענטשין
זיינען גיוועזן גחזי דער קנעכט פון אלישע מיט
זיינע דרייא זין דען אז אלישע האט ניט גיוואלט
נעמען בייא נעמן גאר ניט דר פאר וואש ער
האט אים גיהיילט פון זיין צרעת · אונ גחזי
האט גיזעהען דאש נעמן פירט אלץ צוריק וואס
ער האט גיבראכט איז ער נאך גילאפן נאך נעמן
אונ האט גיזאגט מיין האר אלישע האט מיך צו
דיר גישיקט עש זיינען צו אים גיקומען צווייא
יונגע נביאים דרום האט ער דיך גיבעטין דוא
זאלשט אים שיקין איין צעהענטין זילבער אונ
צווייא פאר קליידר פון די יונגע נביאים וועגין ·
האט אים נעמן גיגעבין · אונ ער איז גיגאנגען
אהיים אונ האט דאש באהאלטין אונ האט זיך
ווידער גישטעלט פאר אלישע · האט אלישע
אים גיפרעגט וואו בישטו גיוועזן זאגט גחזי איך
בין אין ערגעץ ניט גוועזן זאגט אלישע איך ווייס
דאש דו האשט גינומען זילבער אונ קליידער
ביי נעמן דרום זאל דאש צרעת פון נעמן ווערין
באהעפט אין דיר אונ אין דיינע קינדר · אונ
זיי זייגען מצורע גיווארין אונ זיינען גיזעסין ביי
דעם טויער פון שומרון · אזו וויא מצורעים זיצן
חוץ דער שטאט · האבין זיי גיזאגט איינר צום
אנדערין ווען מיר וועלין דא זיצין וועלין מיר
שטארבין פאר הונגער · אונ ווען מיר וועלין
קומען אין שטאט איז אין שטאט איין גרויסער
הונגער וועלין מיר דארטין שטארבין · דרום
איז די בעסטע עצה מיר זאלין אריין פאלין צו
דעם פאלק פון ארם ווען זיי וועלין אונז לאזין
לעבין איז גוט אונ ווען זיי וועלין אונז טייטין
איז אויך נישט דריגען · דען מיר וועלין ממילא
שטארבין פאר הונגער · ויקומו בנשף אונ זייא
זייגען אויף גישטאנען ביי נאכט צו קומען אין
דער מחנה פון ארם אונ אז זיי זיינען גיקומען
אין זייערע גיצעלטין האבין זיי קיין מענטשין
ניט גיפונען · ואדני השמיע את מחנה ארם אונ גאט
האט גימאכט הערין צו דער מחנה פון ארם
גליך

אליך וויא איין קול פון רייט וועגין אונ איין קול פון פערד אונ איין קול פון איין גרויש חיל · האבין זייא גיזאגט איינער צום אנדערין דער מלך ישראל האט גיווים אויף אונז גידונגען דיא מלכים פון חתים · אונ דיא מלכים פון מצרים צוא קומען אויף אונז · אונ דרום זיינען זייא אויף גישטאנען אונ זיינען אנטלאפין בייא נאכט · אונ האבין גילאזין זייערע געצעלטין אונ זייערע פערד אונ זייערע אייזלען דיא גאנצע מחנה אזו וויא זיא איז גיוועז אז דיא זיינען גיוועז אין איר אונ זיינן אנטלאפין צו מציל זיין זייער נפש · זיינען גיקומען דיא מצורעים ביז אין עק מחנה אונ זיינען גיקומען אין איין גיצעלט אונ האבין גיגעסין אונ גיטרונקען אונ האבין גינומען זילבר אונ גאלד אונ קליידער אונ זיינען גיגאנגען אונ האבין באהאלטין · אונ זיינען ווידער גיגאנגען אין איין אנדער גיצעלט אונ האבין גינומען זילבר אונ גאלד אונ האבין באהאלטין · דער נאך האבין זייא גיזאגט איינער צום אנדערין מיר טוען ניט רעכט עש איז איין בשורה טאג מיר האבין איין גוטע בשורה צו זאגין צו ישראל אונ מיר שווייגין אונ אז מיר וועלין ווארטין ביז אין דער פריא וועלין מיר זינדיגין אנטקעגין דעם מלך ווייל מיר האבין אים דיא בשורה ניט גיזאגט דרום לאמיר גיין אונ לאמיר זאגין אין דעם הויז פון דעם מלך · זיינען זייא גיקומען אונ האבין גירופין צו דיא טויער היטער פון דער שטאט אונ האבין צו זיי גיזאגט מיר זיינען גיקומען צו דער מחנה פון ארם אונ עש איז דארטין ניט דא קיין מענטש נאר די פערד זיינן אן גיבונדין אונ דאש אייזיל איז אן גיבונדין אונ דיא גיצעלטין זיינען פול אזו וויא זיי זיינען פריער גיוועזן דען זייא האבין גאר ניט ארויש גינומען · ויקראו השוערים האבין די טויער היטר גירופין אונ האבין עש גיזאגט אין איניווייניגשטין הויז פון דעם מלך · איז אויף גישטאנען דער מלך בייא נאכט אונ זאגט צו זיינע קנעכט · איך וועל אייך זאגין וואש דאש פאלק פון מלך ארם האט גיטאן צו אונז · זיי ווייסין דאש מיר זיינען הונגעריג אונ גילושטין ארויש צו גיין צו נעמען עסין דרום זיינען זיי ארויש גיגאנגען פון דער מחנה צו באהאלטין זיך אין פעלד כדי אז מיר וועלין ארויש גיין פון דער

שטאט וועלין זיי אונז חאפין לעבעדיגר הייט אונ וועלין קומען אין שטאט ארייון · ויען אחד מעבדיו האט איינער פון זיינע קנעכט גיענטפרט אונ האט גיזאגט לאז מען נעמען פינף פון דיא איבעריגע פערד וואש זיינן איבר גיבליבין אין שטאט אונ זיינן ניט גיווארין גיטייט אין הונגער דען די רייטר פון די פערד זיינן אין דר סכנה צו שטארבין אין הונגער אזו וויא גאר דאש פאלק ישראל וואש זיינן גיבליבין אין שטאט אונ ווען דש פאלק פון ארם וועט זיי הרגנן וועלן זיי גליך זיין וויא כל ישראל וואש זיינען גישטארבין אין הונגר אונ לאמיר שיקן אונ לאמיר זעהען · האבין זיי גינומען צווייא רייטר אויף פערד אונ דר מלך האט זיי גישיקט נאך דר מחנה ארם אונ האט זיי גיזאגט גייט זעהט · זיינן זיי גיגאנגען נאך זיי ביז אין דעם ירדן אונ דר גאנצר וועג איז גיוועזן פול מיט קליידר אונ מיט כלים וואש ארם האט אוועק גיווארפין אין זייער איילין צו אנטלויפין · האבין די שלוחים זיך אום גיקערט אונ האבין דאש גזאגט צום מלך · ויצא העם ויבוזו את מחנה ארם איז דאש פאלק ארויש גיגאנגען אונ האבין גירויבט די מחנה פון ארם · איז גיוועזן איין סאה זעמיל מעל פר איין שקל אונ צוויי סאה גערשטן מעל פאר איין שקל אזו וויא די רייד פון גאט · אונ דר מלך האט גימאכט איין ממונה איבר דעם טויער דעם שר וואש ער האט זיך אן גילעהענט אויף זיין האנט האבין אים דאש פאלק צו טראטין אין טויער אונ ער איז גישטארבין · אזו וויא דר נביא פון גאט האט גיזאגט · דען אז דר מלך איז גיקומן צום נביא · האט דר נביא גיזאגט מארגן אין דער צייט וועט זיין צוויי סאה גערשטין מעל פאר איין שקל אונ איין סאה זעמיל מעל פאר איין שקל אין דער שטאט שומרון · האט דער שר גיענטפרט אונ האט גיזאגט ווען אפילו גאט וועט מאכין פענטצטער אין הימיל אונ וועט אראפ ווארפין תבואה וועט דען דאש קענן זיין · האט דער נביא צו אים גיזאגט דו וועשט עש זעהען מיט דיינע אויגין אונ וועסט דער פון ניט עסין · אונ עש איז אזו גיוועזן דאש דאש פאלק האבין אים צו טראטין אין טויער אונ ער איז גישטארבין · אונ די מעשה איז גיוועזן אום ערב פסח אויף דר נאכט דרום ווען עש איז איין עבור יאר גייט מצורע אום שבת הגדול זאגין מיר דיא הפטורה אין אים :

אחרי מות שלמה המלך זאגט אין משלי כי תשב ללחום את מושל בין תבין את אשר לפניך

ווען דוא ווילסט דיך זעצין עסין מיט איין גיוועלטיגער זאלסטו פרעגין די לייט וואש האבין מיט אים פאר דיר גיגעסין וויא מיט זיי איז דר גאנגען· דר פסוק לערינט אונז דאש דער מענטש זאל ניט נאך יאגין נאך שררות צו האנדלען מיט גרוישע לייט אזו וויא דר פסוק זאגט ובמקום גדולים אל תעמוד דו זאלסט דיך ניט מישין צווישין גרוישע לייט איך לערינט אונז דר פסוק דאש דר מענטש זאל ניט פיל טראכטין וואש איבר די הימלן איז אונ וואס גאט איז דרום זאגט דר פסוק בין תבין את אשר לפניך ווען דוא ווילסט וויסין וואש גאט איז זאלסטו זעהן דאש וואש פאר דיר איז די הימיל אונ די ערד אונ די נסים ונפלאות וואש גאט טוט אלע צייט דר מיט ווערסטו קענן גאט· אונ דרום וויל די קינדר פון אהרן נדב ואביהוא האבן צו פיל גיזעהן אין דר שכינה ביי דעם בארג סיני זיינען זיי גישטארבין· אזו וויא אין פסוק שטייט אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני יי' וימותו כלומר זיי זיינען דרום גישטארבין וויל זיי האבין צוא פיל גינעהענט פאר גאט אונ האבין פיל גיזעהן אין דר שכינה· רבי אפרים שרייבט אין כלי יקר בקרבתם איז טייטש וויל זייא זיינען גיוועזן די נאהנגשטע אונ חשובים צו גאט דרום זיינען זיי גישטארבין אזוא וויא אין פסוק שטייט גאט האט גיזאגט בקרובי אקדש דורך די נאהנשטע לייט וועל איך ווערן גיהייליגט דען גאט שטראפט דעם צדיק אפילו אויף איין קליינע עבירה אונ דער פראסטער עולם האבין דורך דעם מורא פאר גאט· אויך איז בקרבתם דר טייטש וויל זייא האבין גינעהענט צו מקריב זיין קרבנות אונ האבין גיבראכט פרעמד פייער אונ דרום האט גאט גיווארינט צוא אהרן דורך משה דאש ער זאל ניט קומן אלע צייט אין קדשי קדשים נאר אום יום כפור מיט קטורת· דר מדרש זאגט די פיר קינדער פון אהרן זיינן חייב מיתה גיוועזן פון וועגין דר עבירה וואש אהרן האט גימאכט דאש עגל נאר משה האט תפלה גיטאן זיינן נאר צוויי גישטארבין דאש זאגט דר פסוק מקרה אחד לצדיק ולרשע לטוב ולטהור אין טרעפונג קומט צום צדיק גלייך וויא צום רשע צום גוטין אונ צום בייזין· דען שלמה האט גיזעהן בנבואה וויא די דורות ווערלין זיך פירין אונ האט גיזעהן דאש דעם רשע טוט צוא צייטין גלייך גין מיט דעם צדיק דען אברהם איז גיוועזן איין צדיק אונ האט אן גירעט לייטין זייא זאלין דינען גאט· אונ נמרוד איז גיוועזן איין רשע אונ האט אפ גירעט דיא לייט פון גאט אונ זיי זיינען גלייך גישטארבין· אויך דוד האט גיהייסן טהור אונ נבוכדנצר האט גיהיישין טמא אונ דוד המלך האט גיבויט דאש בית המקדש אונ איז פערציג יאר מלך גיוועזן· אונ נבוכדנצר האט חרוב גימאכט דאש בית המקדש אונ איז פערציג יאר מלך גיוועזן· משה האט גיהיישין טוב אונ דיא מרגלים האבין גיהיישין חטאים פון דעסט וועגין איז משה גישטארבין אין דער מדבר אונ איז ניט גיקומען קיין ארץ ישראל גלייך וויא די מרגלים· נאך איין פשט איז דיא קינדר פון אהרן האבין גיהייסין טוב אונ די עדה פון קרח האבין גיהייסין חטאים אונ די קינדער פון אהרן זיינען אזוא פאר ברענט גיווארין אזו וויא דיא עדה פון קרח צווייא הונדערט אונ פופציג מאן· שלמה המלך האט גיזאגט לשחוק אמרתי מהולל צווא שמחה האב איך גיזאגט אז דאש איז צווא מישט מיט גיוויין דען שלמה המלך איז זייער רייך גיוועזן אונ האט פיל גאלד אונ זילבר גיהאט וואש די תורה האט פאר באטין דאש איין מלך זאל ניט האבין קיין פיל גאלד אונ זילבער אונ ער האט גיהאט זיבין הונדערט רעכטע ווייבער אונ דריי הונדערט קעפש ווייבער אונ האט גיהאט פערציג טויזנט

שטאלין מיט פערד אלץ וואש נאט האט עס פאר באטין צו איין מלך דאש ער זאל עס ניט פיל האבין · אונ לסוף האט מען אים גיגעבין עסין ארבעס אונ קרויט · אין דער צייט האט ער גיזאגט · דאש איז מיין חלק וואש איך האב גיוואונען פון מיין מלכות אונ עושר צוא עסין ארבעס אונ קרויט · אונ דעשט גלייכין אלישבע דאש ווייב פון אהרן האט גיהאט גרויש יחוס אונ כבוד דאס איר מאן איז גיוועזן איין כהן גדול · אונ איר שוואגער משה איז גיוועזן איין מלך איבר ישראל · אונ אירע צווי זין נדב ואביהוא זיינן גוועזן די העכשטע כהנים נאך אהרן · אונ איר ברודער איז גיוועזן דר העכשטער נשיא צווישין ישראל · אונ אז אירע צווייא זין זיינען גיווארין פאר ברענט אין משכן איז איר שמחה אויש גיווארין · דרום גיהער זיך איין מענטש ניט זייער משמח זיין חאטשע ער איז איין עושר אדר איין מיוחס · דבר אל אהרן ואל יבא בכל עת אל הקודש זאג צו אהרן ער זאל ניט קומען אלע צייט אין קדשי קדשים · עש איז איין משל איין רופא גייט צו איין קראנקען אונ זאגט אים עש ניט קיין קאלטש אונ ליג ניט אויף דער קעלט קומט דער אנדערער רופא אונ זאגט אויך עש ניט קיין קאלטש אונ ליג ניט אין דער קעלט כדי דו זאלסט ניט שטארבין אזו וויא יענער איז גישטארבין · דער ווארינט אים מער צו היטין זיך וויא דער ערשטער · אזו אויך האט די תורה אן גשריבין אהרן זאל ניט קומען אלע צייט אין קדשי קדשים בייא דעם טויט פון זיינע קינדער צו זאגין דאש ער זאל ניט שטארבין אזו וויא זיינע קינדר זיינען גישטארבין נאר אום יום כפור זאל ער קומען אין קדשי קדשים · אונ אויך מיט קטורת דאש ער זאל פאר זיך טראגין איין ריח פון גוטע בשמים אויף פייער כדי דער רויך זאל זיין פאר זיינע אויגין ער זאל ניט קענען זעהען די שכינה וואש אויף דעם

כפורת איז בזאת יבא אהרן דאש ווארט בזאת לערינט אונז דאש אזו פיל וויא בזאת האט אין דער צאל אזו פיל איז דער ערשטער בית המקדש גישטאנן דאש איז פיר הונדרט אונ צעהען יאר · אויך ווייזט בזאת דאש מיט פיל זכיות איז אהרן גיקומן אין קדשי קדשים · מיט דעם זכות פון דר תורה וואש עש שטייט בייא איר וזאת התורה אונ מיט דעם זכות פון מילה וואש עש שטייט דער בייא וזאת בריתי אונ מיט דעם זכות פון שבת וואש עש שטייט בייא אים אשרי אנוש יעשה זאת אונ נאך פיל מצות וואש עש שטייט בייא זייא זאת מיט די אלע זכיות איז אהרן גיקומען אין קדשי קדשים אונ איז בשלום ארויש גיגאנגען · כתונת בד קודש ילבש דיא תורה האט אן גישריבין דער כהן גדול זאל אין קדשי קדשים ארייין גיין אין קליידער פון ליינען אונ ניט אין דיא קליידער פון גאלד וואש ער טוט אין זיי אנאנץ יאר די עבודה אין בית המקדש דען וויל די ישראל האבין גימאכט דאס עגל פון גאלד דרום האט ער ניט גיטארט אריין ברייגגן אין קדשי קדשים קיין גאלד ער זאל ניט דער מאנען דעם עון פון דעם עגל · אונ דרום איז גיוועזן פיר קליידר אנטקעגין די פיר מחנות פון מלאכים וואש זייגען ארום כסא הכבוד אונ דרום זיינען די קליידער גיוועזן פון ליינען כדי דער כהן גדול זאל זיך נידריג האלטין דען ליינען וואקסט פון דער ערד ער זאל זיך דר מאנען דאס ער איז גיקומן פון דער ערד אונ וועט ווידער קומען אין דער ערד אבער וואל איז פון שאף וואש לעבין · אויך האט דער כהן מיט זיינע קליידער גיוויזן אויף די דרייא עולמות וואש דר מענטש איז צו זיי גיגליכין צום ערשטין האט ער אן גיטאן די מכנסים אין דעם אונטערשטין חלק וואש אין גוף דאש איז אנטקעגין דר וועלט וואש זיא איז נידעריג אונ אלץ וואש אין איר איז ווערט אלץ פאר לארין אזו אויך דר חלק גוף פאר

דארבן:

דארבט אלין וואש דער מענטש עסט · אונ דער נאך האט ער אן גיטאן דעם גארטיל אנטקעגין הארץ דאש איז אנטקעגין דעם מיטעלשטין עולם וואש דיא גלגלים גייען תמיד אזו אויך גייט דאש הארץ אין דעם מענטשין תמיד · אונ דער נאך האט ער אן גיטאן איין הויב אויף זיין קאפ וואס אין אים איז דר שכל דאש איז אנטקעגין דעם עולם המלאכים וואש זיינען לויטר שכל שעיר אחד ליי' ושעיר אחד לעזאזל מען האט גינומען צוויא ציקעלך אום יום כפור פאר איין קרבן איינס צו גאט אונ דאש אנדרע האט מען געשיקט לעבדיג אין דר מדבר · דר מדרש זאגט מען האט דרום איינס אין דער מדבר געשיקט צו געבין צום סמאל ער זאל קיין בייז ניט ריידין אויף ישראל אונ אז דער סמאל זעהט דאש ישראל טוען תשובה אום יום כפור אונ האבין חרטה אויף זייערע עבירות זאגט ער צו גאט דו האסט איין פאלק אויף דר ערד וואש זיינען גלייך וויא מלאכים אזוא וויא מלאכים גייען בארוועס אזוא גייען זיי אום יום כפור בארוועס אן שיך אונ אזוא וויא מלאכים עסין ניט אונ טרינקען ניט אזוא אויך זיינען ישראל אום יום כפור אונ אזוא וויא מלאכים האבין קיין גליד ניט אין דיא קניען אונ שטייען אויף זייערע פיס אזו אויך שטייען ישראל אום יום כפור אגאנצין טאג אויף זייערע פיס · אונ אזוא וויא מלאכים האבין שלום צווישין זיך אזו האבין ישראל שלום אום יום כפור · אונ אזו וויא מלאכים האבין קיין עבירות ניט אזו האבין ישראל קיין עבירות ניט אום יום כפור · אונ אז גאט הערט דיא רייד פון סמאל וואש ער רעט גוטש אויף ישראל איז ער זייא מוחל דיא עבירות · אונ דרום הייסט ער סמאל וויל ער איז איין סם המות צו לייטין ער טייט זייא · אונ די צווייא ציקעלעך האט אהרן גשטעלט לעבין זיך איינס אויף דער רעכטער זייט אונ איינס אויף דער לינקער זייט · אונ האט צווייא קוויטליך גינומען · אויף איינעם איז גיוועז אן געשריבין לשם יי' אונ אויף איינעם איז גיוועז אן געשריבין לעזאזל · אונ האט דיא קוויטליך אין איין כלי אריין גילייגט אונ האט זיי צו מישט · אונ האט ארויש גינומען איינש מיט דר רעכטער האנט אונ האט עש גילייגט אויף דער ציקעלע פון דר רעכטער זייט אונ האט ארויש גינומען איין קוויטיל מיט דער לינקער האנט אונ האט עם גילייגט אויף דער ציקעלע וואש איז גישטאנן אויף דער לינקער זייט · אונ אויף דער ציקעלע וואש איז גיוועז דאש קוויטיל לשם יי' איז דאש גיבליבין ליי' אונ מען האט עש גילאזין איין קרבן צוא גאט אונ אויף דער ציקעלע וואש איז גישטאנן לעזאזל איז דאש ציקלע גיבליבין לעזאזל אונ תאטשע מען האט געשיקט איין ציקעלע לעזאזל איז דאך אונזער כוונה גיוועזן צוא גאט אונ עם איז גלייך וויא דיא מתנה קומט צו גאט אליין וויל ער האט דאש גיבאטין מען זאל געבין איין ציקעלע לעזאזל · אונ וועז אפילו דער גורל איז גיפאלין אויף דער ציקעלע וואש אין דער רעכטער זייט לעזאזל האט מען ניט פאר ביטין צו מקריב זיין דאס צו גאט צוא ווייזין דאש גאט איז מוחל זיין כבוד אונ האט גיבאטין צוא געבין איין ציקעלע לעזאזל · וכל אדם לא יהיה באוהל מועד די גמרא זאגט אין יומא דאש אפילו די מלאכים וואש זיינען גיוועז אין קדשי קדשים זיינען ארויש גיגאנגען פון וועגין דעם כבוד פון דעם כהן גדול עש איז גיוועז איין כהן גדול וואש האט דאש קטורת גינעבין אויף דעם פייער אויש ווייניג אונ איז אריין גיגאנגען אין קדשי קדשים אריין אונ דאם טאר מען ניט טאן דען דאש גאנצע גישמאקייט פון קטורת איז נאר אין ערשטין מאל וועז מען גיט עש אויף דעם פייער אונ ער האט דש גשמאקייט גילאזין ארויס גיין אויש ווייניג איז גיקומען איין מלאך אונ האט אים גיטייט אין דער

עזרה האבין די כהנים גיזעהן צווישין זיינע
אקסיל אזו וויא טריט פון איין קאלב דען
די מלאכים האבין פיס אזו וויא איין קאלב
כי נפש הבשר בדם היא דר רמב"ן שרייבט דרום
איז דם אסור ווייל מען שפריינגט עס אויף
דעם מזבח אונ חלב איז אויך דרום אסור
ווייל מען ברייגגט עס אויף אויף דעם מזבח
נאך איין פשט איז דם איז דרום אסור ווייל
דאש איז דיא נשמה פון מענטשין אונ
בהמה · אונ גאט האט ניט גיהייסין עסין
די נשמת פון דער בהמה נאר דעם גוף נאך
איין פשט איז דאש דם פון דער בהמה דאש
איז איר נשמה דרום זאלין מיר ניט מישין
דיא נשמה פון איין בהמה אין אונזער גוף
דען מיר דארפין האבין איין לויטערין שכל
צוא לערנען תורה אונ ווען מיר ווערין עסין
דאש בלוט ווערין מיר האבין איין גראבין
שכל אונ איין אום דר בארימיגין שכל אזוא
וויא איין בהמה וואס שלאגט אונ טוט רציחות
דען דאס עסין וואס דר מענטש עסט ווערט
צו בלוט אין זיין גוף אונ דר שכל קומט דר
פון · דר רמב"ם זאגט דרום איז פאר באטין
גיווארין בלוט צוא עסין ווייל דער סדר איז
גיוועזן ביא די מצרים דאס זיי האבן גיגראבן
איין גרוב אונ האבין זיא אן גיגאסין מיט
בלוט אונ די שדים פלעגין זיך איין זאמלען
ארום דער גרוב אונ דר מענטש וואס האט
גיטרונקן פון דעם בלוט האט גיוואוסט וואס
עס וועט זיין דרום האט די תורה פאר באטין
צו עסין בלוט כדי מען זאל קיין כשוף ניט
טאן וחי בהם דר בחיי שרייבט די תורה לערינט
אונז דאש גאט האט גיבאטין מצות דאש
דר מענטש זאל לעבין דורך זיי אונ ניט ער
זאל שטארבין דורך זייא דען ווען מען וויל
אים הרגענען אויב ער וועט ניט עובר זיין
אויף איין מצוה · זאל ער עובר זיין אונ מען
זאל אים ניט הרגנן · די חכמים האבין גזאגט
אויף דריי מצות זאל ער זיך בעסער לאזין
הרגענען אונ זאל ניט עובר זיין דאס איז

עבודת כוכבים אונ זנות אונ רציחה אויב
מען נייט אים עבודת כוכבים דינען אדער
צוא מזנה זיין אדר ער זאל איין מענטשין
הרגענען אונ אויב ניט וועט מען אים הרגנן
זאל ער זיך בעסער לאזין הרגנען אונ זאל
ניט עובר זיין דרויף · עס איז גיוואוסט דאס
פיר ערלייא כוונות איז פאר האנדין אין
תורה לערנען אונ אין מצות טאן עס איז
פאר האנדין מענטשין וואש האלטין תורה
אונ מצות עס זאל אים וואול גיין ער זאל זיין
איין עושר אונ זאל זיין גיזונט אונ זאל לאנג
לעבין דאס איז ניט רעכט · אונ עס זיינען
מענטשין וואס האלטין תורה אונ מצות ער
זאל האבין גוטין שכר אויף יענער וועלט דר
איז זוכה צוא עולם הבא · אונ עס זיינען
מענטשין וואש האלטין תורה אונ מצות פון
וועגין ליבשאפט פון גאט ניט פון שכר וועגין
אונ האנדלען דר ביא אויך אונ באגערין ניט
די גאב פון לייט דר האט די וועלט אונ יענע
וועלט אונ עש זיינען מענטשין וואש האלטין
נאר תורה אונ מצות אונ דינען גאט טאג
אונ נאכט אונ האנדלען ניט ער איז זוכה
דאס עש קומט די נשמה מיט דעם גוף אין
גן עדן אזו וויא חנוך אונ אליהו · איש איש אל
כל שאר בשרו לא תקרבו איין מענטש זאל ניט
נעמען זיין קרובה דען עס קומט דער פון
קיין רעכט קינד ניט אונ עס בלייבט ניט
לעבין · דער בחיי שרייבט דאס זיין ביא
זיין ווייב איז גיטיילט אויף פינף חלקים
איינש איז אחיוב צוא זיין ביא זיין ווייב
כדי ער זאל קינדער האבין דאש אנדערע
איז צוא האלטין דיא צייט מיט זיין ווייב
וואש דיא תורה האט אים גיבאטין דאש
דריטע איז פון איין רפואה וועגין ער זאל
דעם גוף ריינגין דאש פערטע איז ער זאל
זיין יצר הרע פאר טרייבין ער זאל קיין בייזע
מחשבות ניט האבין · דאש פינפטע איז פון
זיין הנאה וועגין אזו וויא די בהמות דאש
איז אסור דר בחיי שרייבט שלמה האט גזאגט

היתפנה איש אש בחיקו ובגדיו לא תשרפנה קען דען
איין מענטש שארין פייער אין זיין שוים אונ
זיינע קליידר זאלין ניט ווערין פאר ברענט ·
אזו איך דר וואס רירט אן אין איין פרעמדע
אשה דעם ווערט דר גוף גישטראפט · דען
דר גוף איז גיגליכין צו איין קלייד ווייל ער
איז איין קלייד צו דר נשמה אונ דער נאך
זאגט שלמה המלך אם יהלך איש על הגחלים ורגליו
לא תכוינה קען דען איין מענטש גיין אויף
הייסע קוילין אונ זיינע פיס זאלין ניט אפ
גיברית ווערין אזו איך דר וואס ליגט בייא
איין אשת איש ווערט זיין נשמה פר ברענט
אין גיהנם . פון דאנען זאל מען אפ לערנען
מען זאל גיווארינט זיין ניט פאר שייט זיין
מיט פרעמדע ווייבער וואש האבין מאנען
דען די עבירה איז זייער גרויש ווייל זייא
האבין בייזע מחשבות : ומזרעך לא תתן להעביר
למולך פון דיינע קינדער זאלסטו ניט געבין
צו איבער פירין צו דער אפ גאט וואס הייסט
מולך · עש איז גיוועזן איין אפ גאט דאש מען
פלעגט לייגין איין פייער אויף צווייא זייטין
אונ דר פאטר האט זיין קינד גילאזט דורך
דעם פייער דורך פירין ביז עס איז פאר
ברענט גיווארין אונ האט דאש גיהאלטין
פאר איין קרבן דאס דורך דעם וועלין זיינע
איבעריגע קינדער אלע לעבין בלייבין אונ
ער וועט מזל האבין אין אלע זאכין · אונ די
תורה האט נאהענט אן גישריבין עבודת
כוכבים בייא עריות צוא ווייזין ווען ישראל
דינען עבודת כוכבים איז גלייך וויא איין
אשה איז מזנה מיט פרעמדע מאנען ונכרתו
הנפשות העושות עס וועלין ווערין פאר שניטין
די נפשות וואש וועלין טאן די עבירות · אונ
עס איז דא דריי ערלייא כריתות · איין כרת
איז דאש דר גוף אליין ווערט פאר שניטין ·
דאש אנדרע איז דאש די נשמה אליין ווערט
פר שניטין · דאס דריטע איז דאש צו צייטין
ווערט די נשמה מיט דעם גוף פאר שניטין ·
דאש וואש דר גוף אליין ווערט פאר שניטין

דאש איז ווען ער איז איין גרויסער צדיק
אונ טוט איין עבירה וואש מען איז דרויף
חייב כרת · אזו וויא איין תלמיד חכם איז
גילעגין מיט זיין ווייב אין איין בעט נאך
איר נדה אין אירע ריינע טעג איי זיא האט
זיך גיטוביל'ת איז ער גילעגין אין זיינע
קליידר אונ זיא אין אירע קליידער · איז ער
גישטארבין אין זיינע האלבע יארין צו פינף
אונ דרייסיג יאר · אונ עס איז דא כרת פון
טעג דהיינו ווען איין זקן האט גיטאן איין
עבירה וואש מען איז דרויף חייב כרת אונ
ער איז שוין אלט מען קען אים ניט פאר
שניידין זיינע יארין ווארום ער האט שוין
אוים גילעבט מער פון האלב יארין אונ כרת
פון יארין איז נאר פאר האלב יארין אזו טוט
גאט פאר שניידין זיינע טעג וואס איז ווארין
אן גיהתמת אזוא וויא דיא גמרא זאגט אין
מועד קטן · רב יוסף אז ער איז אלט גיווארין
זעכציג יאר האט ער גימאכט איין יום טוב
ווייל ער איז ארויש פון כרת · האט רבא
צוא אים גיזאגט ווען דו בישט ארויס פון
כרת פון יארין דו ווייסט אבר ניט אויב דו
בישט ארויס פון כרת פון טעג טאמר וועסטו
ניט אויס לעבין דיינע טעג וואש איז דיר
ווארין אן גיהתמת · האט רב יוסף גיענפרט
דאך בין איך מער פון האלב ארויש גיגאנגן
אונ ווייל דעם כרת פון טעג קען מען ניט
דער קענען · דען פון יארין קען מען דער
קענען ווען ער שטארבט פאר פינף אונ
דרייסיג יאר דאס איז כרת פון יארין אבער
כרת פון טעג דאש ער לעבט ניט אויש זיינע
טעג קען מען ניט דער קענען · דען קיינער
ווייסט ניט אויב ער האט אויש גילעבט
זיינע טעג אויב ניין · דרום טוט גאט דאש
ווייזין צו לייטין · אזו וויא אונזערע חכמים
זאגין ווען איינער איז איין זקן אונ איז חייב
כרת פון טעג טוט ער שטארבין צוא דרייא
טעג נאך זיין קראנקייט · דר ירושלמי זאגט
ווען איין זקן עסט חלב אדער ער איז מחלל

שבת אונ שטארבט וויא ווערט מען גיוואר
דאש ער איז מיט כרת גישטארבין טאמער
איז ער גישטארבן ווייל ער האט זיינע יארין
אויש גילעבט · דער תירוץ איז ווען ער
שטארבט אין איין טאג נאך זיין קראנקייט
איז עש איין מיתה פון בעס וואש גאט
צערינט אויף אים · שטארבט ער צו צווייא
טאג איז עש איין היילינדיגע מיתה שטארבט
ער צו דריי טאג איז עס איין מיתה פון כרת
אונ דאס איז אלין כרת פון דעם גוף דאש
דער גוף ווערט פאר שניטין · דרויף זאגט
דער פסוק ונכרתה האיש ההוא מקרב עמו כלומר זיין
גוף ווערט פאר שניטין פון זיין פאלק אויף
דער וועלט אבער דיא נשמה קומט באלד
לעולם הבא אונ ער וועט אויף שטיין צוא
תחיית המתים · דאס אנדערע איז כרת צו
דער נשמה · דאש איז ווען איינער עסט חמץ
אום פסח אדער ער עסט אום יום כפור אדר
ער איז בייא איין אשת איש אן עדות אונ
אן התראה דעם וועט זיין נשמה ניט קומען
לעולם הבא וויא אנדערע נשמות קומען
דרויף זאגט דער פסוק ונכרתה הנפש ההיא מעמיה
דיא נשמה וועט ווערין פאר שניטין אבער
דער גוף וועט ניט ווערין פאר שניטין פון
דער וועלט ער לעבט לאנג מיט עשירות אונ
שלום נאר זיין נשמה ווערט פאר לארין
לעולם הבא · דאס דריטע איז וואש דר גוף
מיט דער נשמה ווערין פאר שניטין דאס איז
ווען איינער דינט עבודת כוכבים אדער ער
שענט חס ושלום גאט אויף אים שטייט
גישריבין הכרת תכרת צווייא מאל כרת · דאס
זיין גוף אונ דיא נשמה ווערין ביידע פאר
לארין · דער גוף פון דער וועלט אונ דיא
נשמה פון יענער וועלט · אונ ניט דאש
זיין נשמה ווערט נאר פאר לארין נאר מען
פייניגט זיא לאנג אין גיהנם אבער דר נאך
וועט זיא אויך האבין רוא אונ וועט הנאה
האבין פון די אוצרות צדקה וואש אין גן
עדן זיינען · נאר זיא קען אייביג ניט קומען
אויף איר רעכט ארט וואו אלע נשמות
קומען · דער בחיי שרייבט די נשמה האט
איין לויטערע ליכט דען אפילו נאך אין דער
מוטערס לייב לייכט איין ליכט צום מענטשין
אויף זיין קאפ אזו וויא די גמרא זאגט אין
נדה דעם קינד איז איין ליכט איבער זיין
קאפ אין זיין מוטערש לייב אונ ער זעהט
פון איין עק וועלט צוא דער אנדערער
אונ אין דער פריא פירט איין מלאך
דאס קינד אין גן עדן אונ ווייזט אים
וויא צדיקים זיצין מיט זייערע קרוינען
אונ דער מלאך זאגט צום קינד דיא וואס
זיצין זיינען ווארין גיבארן אויף דער וועלט
וואס דוא וועסט אהין גיין אונ זייא
האבין גילערינט תורה אונ האבין גיהאלטין
מצות פון גאט דרום האבין זייא זוכה
גיוועזן צוא אזו איין כבוד דרום אז דוא
וועסט גיבארין ווערין זאלסטו אויך האלטין
תורה אונ מצות וועסטו אויך זוכה זיין צו
אזוא איין כבוד · אונ פאר נאכט פירט דר
מלאך דאס קינד אין גיהנם אונ ווייזט אים
מען שטראפט דיא רשעים אין גיהנם אונ
זייען מתודה אונ שרייען ווי ווי אונ דער
מלאך זאגט אים דוא זאלסט וויסן דאש די
דאזיגע האבין ניט גיהאלטין די תורה אונ
מצות דרום זיינען זייא גיקומען אין גיהנם
דרום זאלסטו זעהען צו האלטין תורה אונ
מצות כדי דו זאלסט ניט קומען אין גיהנם
אונ ער לערינט דעם קינד די גאנצע תורה
אונ אז עס קומט די צייט דאס דאש קינד
זאל ארויש גיין אויף דער וועלט שלאגט
אים דער מלאך אויף זיין מויל אזוא טוט
ער אלין פאר געסין אונ דרום טוט דאש
קינד וויינען וויא באלד עש ווערט גיבארין
אונ אזוא אויך שרייבט דער מדרש · דער
בחיי שרייבט דאס לערינט אונז דאס אפילו
אין דער מוטערס לייב קען אויך דער
מענטש מקבל זיין חכמה אונ שכל נאר
דער מלאך מאכט אים פאר געסין :

הלא כבני כושיים אתם לי בני ישראל נאום יי איר ישראל זייט אזוא וויא דיא כושיים וואש זיינען שווארץ אונ קענען ניט ווייס ווערין אזוא זייט איר ישראל איר קענט ניט בעסער ווערין אונ ווארום זאל איך אייך נעמען פאר איין פאלק אונ אויך ניט וויל איך האב אייך אויס גיצויגין פון מצרים איך האב דאך דיא פלשתים אויס גיצויגין פון כפתור אונ ארם האב איך אויס גיצויגן פון דעם לאנד קיר אונ איך האב זייא דאך ניט גינומען פאר איין פאלק הנה עיני יי אלהים בממלכה החטאה גאט זאגט מיינע אויגין ווערל איך געבין אין דעם בייזין מלכות יהוא אונ וועל זייא פאר טיליגין פון דער ערד אבר כל ישראל וואש זיינען דאש הויז גיזינט פון יעקב האטשע איך וועל זייא שטראפין אבער איך וועל זייא ניט פאר טיליגין כי הנה אנכי מצוה דען איך גאט וועל גיביטין צוא פאר טרייבין ישראל אונ צוא פאר וואגלען זייא צווישין דיא עובדי כוכבים אזו וויא איין מענטש שאקילט מיט דער זיפ ווען ער זיפט מעל אונ די דינע קלייען זיינען ארויש גיפאלין אונ דיא גראבע קלייען זיינען גיבליבין שאקילט ער בכח דאש דיא גראבע קלייען זאלין ארויס פאלין אזו שטארק וועט מען פאר וואגלן די ישראל בחרב ימותו מיט איין שווערד וועלין ווערין גיטייט אלע זינדיגע פון מיין פאלק וואש זאגין עס וועט אויף אונז ניט קומען קיין בייז פון וועגין אונזערע עבירות אפילו עס וועט קומען בייז איז דאס ניט פון וועגין אונזערע עבירות נאר איין טרעפונג פון די מזלות דען זיי האבין גילייקינט דאש גאט פירט דיא וועלט אונ האבין גיזאגט דיא וועלט ווערט גיפירט אן איין מנהיג אונ אז עס וועט שוין אויף זייא קומען אלץ וואש דא שטייט דער נאך וועט קומען דיא גאולה ביום ההוא אקים את סוכת דוד הנופלת אין דעם טאג פון דער גאולה וועל איך אויף שטעלין דיא סוכה פון דוד כלומר דאש מלכות פון דוד וואש באשיצט אויף ישראל אזוא וויא איין סוכה אבער דאש מלכות אפרים וועל איך פאר לירין אונ מלכות בית דוד וועל איך אויף בויען אזוא וויא דיא ערשטע טעג זיינען גיוועזן למען יירשו כדי דיא ישראל חייל מיין נאמען ווערט גירופין אויף זייא זאלין זייא ירשנן דאש איבער בלייבונג פון אדום הנה ימים באים זאגט גאט עש וועלין קומען טעג דאש עש וועט זייער פיל תבואה זיין דאש מען וועט אזוא לאנג שניידין ביז מען וועט ווידער דארטין אקערין אונ מען וועט אזוא לאנג טרעטין דעם וויין ביז מען וועט בגעגענן אין דעם וואש טראגט תבואה צוא זייען אונ אלע בערג וועלין טריפין זיסע וויין אונ אלע הויך וועלין זיין גיאקערט אונ וועלין ווערין ווייך פון וועגין רעגין ושבתי את שבות עמי ישראל אונ איך וועל אום קערין דאש אום קערונג פון מיין פאלק ישראל אונ זייא וועלין בויען דיא וויסטע שטעט אונ וועלין אין זייא זיצין אונ זייא וועלין פלאנצין וויין גערטנער אונ וועלין טרינקען זייער וויין אונ זייא וועלין מאכין גערטנער אונ וועלין עסין זייערע פירות ונטעתים על אדמתם אונ איך וועל זייא פלאנצין אויף זייער ערד דאס זייא זאלין אקיום האבין אויף איר אונ זייא וועלין שוין מער ניט פאר וואגילט ווערין פון זייער ערד אזוא זאגט גאט דיין גאט ׳ דיא גמרא זאגט אין פרק חלק רבי יוחנן זאגט אין דער צייט וואש משיח וועט דארפין קומען וועלין זיך מינערין דיא תלמידים אונ דאש פאלק וועט גרויסע צרות האבין איי איין צרה וועט אוועק גיין וועט באלד דיא אנדערע צרה קומען ׳ דיא חכמים זאגין אין דער צייט וואש משיח וועט דארפין קומען וועט איין יונגער מבזה זיין איין אלטין ׳ אונ דיא זקנים וועלין מוזין אויף שטיין פאר די יונגע ׳ די טאכטער וועט זיך קריגין מיט דער מוטער ׳ אונ די שנור וועט זיך קריגין מיט איר שוויגער ׳ איין זון וועט זיך ניט שעמען פאר זיין פאטער ׳ אונ עס וועט זיין ווייניג חכמים אויף דער וועלט ׳ אונ עס וועט ניט בלייבין קיין געלט אין בייטיל ׳ אונ משיח וועט אנדערש ניט קומען נאר אז ישראל וועלין זיך מיאש זיין פון אים ׳ רבי זירא אז ער האט גיפונען די רבנים האבין גירעט פון משיח האט ער גיזאגט איך בעט אייך איר זאלט אים ניט דער ווייטערין מיט דעם וואש איר רעט פון אים דען מיר האבין גילערינט דריא זאכין קומען אום גיריכט ׳ משיח ׳ אונ איין מציאה ׳ אונ איין עגדעש וואש בייסט דעם מענטשין ׳ מיר זאלין זוכה זיין צו משיח אן יסורים אמן :

קדושים תהיו איר זאלט זיין הייליג שלמה המלך זאגט אין משלי תאוה נהיה תערב לנפש ותועבת כסילים סור מרע דר פסוק לערינט אונז דר מענטש זאל ניט נאך גיין נאך דעם גילוסטן פון זיין הארץ דען דער וואס טוט פון זיך אפ דאש גילוסטין פון זיין הארץ איז גליך צווא איין מלאך אונ דר וואש גייט נאך דש גילוסטן פון זיין הארץ איז גליך צו איין בהמה · דען מיר גיפינן דאש גאט האט די וועלט באשאפן פאר דעם זעקסטין טאג אונ דער מענטש איז ווארין בשאפין אין דעם זעקסטן טאג איז גאר אלע בשעפעניש ווארין בשאפן אין פינף טעג · אונ עש איז גטיילט אויף צווייא חלקים · איין חלק איז לויטר שכל אונ חכמה אזו וויא די מלאכים וואש אין הימיל · אונ דש אנדרע חלק איז פון דר ערד אונ האבן גאר קיין שכל ניט אזו וויא די בוימר אונ קרייטר אונ בהמות אונ חיות אונ עופות · אונ דיא צווייא ערלייא בשעפעניש טוען זייערע מעשים גנייט ניט מיט זייער גוטין ווילן נאר זיי זיינן גינייט אין דר טבע צו טאן וואש זיי זיינען דר צו בשאפין גיווארין · דען איין מלאך מוז מיט זיין שכל טאן וואש ער איז דרויף גזעצט מיט נוים ניט מיט זיין ווילין · אונ אזו אויך דאש אנדרע חלק טרייבט זיי די טבע זיי זאלין טאן וואש זיי זיינן דר צו ווארין בשאפין אונ קיינר רעט זיי ניט אפ פון צו טאן זייערע מעשים דר נאך האט גאט גימאכט איין דריטע בשעפעניש איין מענטשין וואש ער האט שכל אזו וויא איין מלאך אונ האט איין גוף אזו וויא איין בהמה אונ האט אים גיגעבין רשות צו טאן קלוגע זאכין אזו וויא די מלאכים · אונ אויך נארישע זאכן אזו וויא בהמות דרום איז וואל דעם מענטשין וואש טוט שטארקן זיין שכל איבר דעם גוף אונ גייט ניט נאך דעם גילושטן פון זיין הארצין · אזו איז ער גליך וויא איין מלאך · אבר ווען ער גייט נאך דעם גילוסטן פון זיין הארץ איז ער גליך וויא איין בהמה אזו אויך אדם הראשון אידר ער האט גיזינדיגט האט ער גיזאלט זיין גליך וויא איין מלאך ער זאל איביג לעבין · אונ דר נאך אז ער האט גזינדיגט איז אויף אים נגזר גיווארין מיתה אונ אויף דר גאנצער וועלט גליך וויא איין בהמה דרום זאל איטליכר מענטש גווארינט זיין ער זאל ניט גיין נאך זיין גילושטיקייט דש זאגט שלמה המלך תאוה נהיה תערב לנפש די צו בראכנע תאוה איז זיס צום גוף אבר דר קלוגר מענטש טוט זיך אפ פון איר · ותועבת כסילים סור מרע די רשעים איז מיאוס אונ שווער צו אפ קערין זיך פון זייער בייז זיי ווילן אלץ גיין נאך זייער גילושטן אונ עש איז גיוואוקשט דר וואש גייט נאך נאך זיין תאוה דר לייקנט אין גאט ברוך הוא · אונ דר וואש גייט נאך זיין תאוה איז גיטיילט אויף פיר חלקים דש ערשטע איז ער האט זיין מחשבה טאג אונ נאכט אויף בייזע גלוסטונג דר האט איין עבירה גליך וויא ער האט דאש בייז במעשה גטאן ווייל ער איז מטמא זיין מחשבה אונ זיין שכל · דש אנדרע איז ער האט תאוה צו ריידין לשון הרע אונ ניבול פה אונ דר מיט פאר פירט אים דר יצר הרע · דען ווען דר מענטש האט איין לושט צו איין אשה אז ער זעהט זיא איז דעם יצר הרע ניט גינוג ביז ער טרייבט דעם מענטשין ער זאל זיא אפט זעהן · דר נאך טרייבט ער אים ער זאל מיט איר ריידן שלכטע רייד אונ ניבול פה · דר נאך טרייבט ער אים ער זאל מיט איר מזנה זיין · דרום זאל דר מענטש גווארינט זיין ניט צו זעהן אויף איין פרעמדע אשה אונ מכל שכן ער זאל מיט איר ניט ריידין · ובפרט די תלמידי חכמים דארפן מער גווארינט זיין דען אין זיי טוט זיך דר יצר הרע מער אנרייצן אזו וויא די גמרא זאגט ווער עשא איז חשובר פון זיין חבר אין דעם רייצט זיך דר יצר הרע מער וויא אין זיין חבר דען מיט די רשעים דארף ער זיך ניט רייצן זיי פאלגן אים שוין לאנג ער דארף שוין מיט זיי קיין גרויש טרחה. [illegible]

דריטע תאוה איז צו עסן אונ [illegible]

זיך דר מענטש אפ היטן דר פון א[illegible]

נאר מותר איז זאל ער זיך אויך ניט גיוואוינן פיל
צו עסן אונ טרינקן · די פערטע תאוה איז זנות
דרום זאל זיך דר מענטש אפ היטן דאש אפילו
מיט זיין ווייב זאל ער זיין בצניעות דרום זיינן
מיר וואורין גיבאטין אין דר סדרה קדושים תהיו
איר זאלט זיין הייליג דען דר וואש שייד זיך
אפ פון תאות הגוף הייסט קדוש אזו וויא מיר
גיפינן ביי איין נזיר ווייל ער האט זיך אפ גשייד
פון ווין טרינקן רופט אים די תורה קדוש אז
וויא אין פסוק שטייט קדוש יהיה : איש אמו ואביו
תיראו איין מענטש זאל זיך פארכטן פאר זיין
מוטר אונ פאר זיין פאטר אונ דרום שטייט דא
די מוטר פר דעם פאטר אונ ביי כבוד אב דש
מען זאל ערליך האלטן פאטר אונ מוטר שטייט
פריער דר פאטר · דאס איז ווייל איין קינד תאט
מער מורא פר איין פאטר וויא פאר איין מוטר
דרום האט די תורה פריער אן גשריבן די
מוטר צו ווייזן מען זאל אזו מורא האבן פר
דר מוטר אזו וויא פאר דעם פאטר · אונ דש
איז גיוואושט דאש איין קינד האלט ערליך די
מוטר מער פון דעם פאטר ווייל זיא איז מיט
אים אין הויז אונ גיט אים אלע גוטע שפייז
אונ רעט מיט אים מיט גוטע רייד דרום האט
די תורה פריער גשטעלט דעם פאטר צו ווייזן
מען זאל דעם פאטר גליך ערליך האלטן וויא
די מוטר · ואת שבתותי תשמרו אונ מיינע שבתות
זאלט איר דאך היטן תאטשע איך האב אייך
גיהייסן ערליך האלטין אונ מורא האבן פר
פאטר אונ מוטר פון דעסט וועגן אז זיי וועלן
אייך זאגין איר זאלט מחלל שבת זיין זאלט
איר זיי ניט הערין דען זיי זיינן אויך חייב צו
האלטן שבת דר בחיי שרייבט עס שטייט קדושים
תהיו אונ עש שטייט דר ביי כל עדת ישראל צו
ווייזן דאש אפילו ווייבר זיינן אויך חייב צו
זיין הייליג · אונ ווייל דר מאן אונ ווייב דארפן
זיך הייליג האלטין דרום שטייט קדושים תהיו
... דריי חברותות אין קינד גאט אונ
...טר גאט גיט די נשמה אונ שכל
...מוטר גיבן דעם גוף דרום זאגט

דר פסוק קדושים תהיו כי קדוש אני יי איר זאלט
זיין הייליג ווייל איך גאט בין הייליג איר זאלט
אייך פארכטין פר פאטר אונ מוטר ווייל זיי
האבן דיך אויף דר וועלט גיבראכט דרום זאגט
ער די מוטר פריער ווייל דר עיקר קדושה הייגט
אין דר מוטרש מחשבה · אונ ער האט דר ביי
גשריבן ואת שבתותי תשמרו צוא ווייזן דאש
תלמידי חכמים זאלן נאר משמש זיין וואום שבת
אונ דרום שטייט דר ביי אל תפנו אל האלילים דש
מיינט מען איר זאלט ניט קוקין אויף איין
פרעמדע אשה דען עס איז גלייך וויא מען
קערט זיך צו דר עבודת כוכבים · אונ עס
שטייט דר ביי ואלהי מסכה לא תעשו לכם דש מיינט
מען דר מאן זאל ניט האבן קיין מחשבה אויף
איין פרעמדע אשה אני יי אלהיכם גאט האט ביי
פיל מצות אזו גיזאגט ווייל אלע מצות זיינן
צו גאט אונ דר ווילין פון גאט איז נאר מען
זאל טאן מצות אזו וויא די גמרא זאגט דר
וואש לערינט תורה אונ טוט קיין מעשים טובים
ניט איז ער גלייך וויא ער האט קיין גאט ניט
דען דר וואש טוט קיין מצות ניט דר לייקנט
גיך אין גאט אונ די חכמים האבן גיזאגט ניט
תורה לערנן איז דר עיקר נאר מעשים טובים
טאן איז דר עיקר ובקצרכם את קציר ארצכם אונ
אז איר וועט שניידן אייער תבואה פון אייער
פעלד זאלט איר איבר לאזין אייער עק פעלד
מיט תבואה כדי דער עני זאל עס נעמן אונ
אויך אין ווין גארטין זאלסטו איבר לאזן די
איינציגע ווין טרויבין פון דעם עני וועגן אונ
ווען עס פאלט אראפ צוויי זאנגן בשעת שניט
זאלשטו ניט אויף הויבין נאר דר עני אבער
דריי זאל דר עני ניט נעמן נאר דר בעל הבית
לא תגנבו איר זאלט ניט גנבנן די גמרא זאגט
אין בבא מציעא מען טאר ניט גנבנן ביי דעם
חבר אפילו ווען דו ווילסט אים נאר צער אן
טאן תאטשע דו האסט בדיעה דר נאך עס
אפ געבין נאר ער זאל איין רגע צער האבין
טארשטו אויך ניט טאן אונ דר וואש גנבת
דר לייקנט אונ שווערט פאלש אונ איז מחלל
השם

השם חס ושלום דען איין עבירה ברינגט די אנדרע ולא תשבעו בשמי איר זאלט ניט שווערין ביי מיין נאמן מיט וואש פאר איין נאמן עס איז לא תעשק את רעך דו זאלסט ניט האלטן ביי דיר די שכירות פון דיין חבר וואש הט דיר געארבעט ער זאל דיר נאך לויפן נאך געלט נאר דו זאלסט אים צאלן אין דעם טאג וואש ער האט ביי דיר געארבעט ׃ ולפני עור לא תתן מכשול אונ פאר איין בלינדן זאלסטו ניט געבן איין שטרויכלונג ער זאל פאלין דהיינו נאר זאלסט אים פירין אין רעכטין וועג אונ אויך ווען דיין חבר פרעגט דיך איין עצה אין איין זאך וואש ער איז דרינן בלינד אונ ווייסט ניט וואש צו טאן זאלשטו אים איין גוטע עצה געבין דהיינו ווען ער פרעגט דיך אויב ער מעג די סחורה קויפן אויב עס איז ניט טייער זאלסטו ניט זאגין עס איז טייער כדי ער זאל אוועק גין אונ דו וועשט איר קויפן דאש טארשטו ניט טאן ׃ אונ אויב דו ווערסט דיר טראכטן ווער וועט עס וויסן דאש איך האב אים איין שלעכטע עצה גיגעבין דרום שטייט דר ביי ויראת מאלהיך דו זאלסט דיך פארכטן פאר גאט וואש ער ווייש אלץ וואש אין דיין הארצן איז בהמתך לא תרביע כלאים דו זאלסט ניט באהעפטן איין אקס מיט איין אייזיל אדר אנדרע בהמות אונ חיות זאלסטו ניט באהעפטין מיט איין אנדער מין ׃ דר בחיי שרייבט דרום טאר מען ניט בהעפטן צוויי מינים מיט אנאנדר ווייל גאט האט בשאפין איטליכש מין באזונדער אפילו קרייטר האט ער בשאפין איטליכש מין בזונדר אונ ווען דר מענטש מאכט בהעפטן איין אקס מיט איין אייזיל מיט אנאנדר קומט דר פון ארויש איין נייע בשעפעניש איין בזונדר מין וואס איז האלב אקס אונ האלב אייזיל ער ווייזט דאש ער האט מער חכמה פון גאט דש גאט האט אזו איין בשעפעניש ניט גיקאנט בשאפין ׃ אונ אויך די קרייטר אונ בוימר איז איטליכש בשאפין גיווארין וויא אזו עס זאל זיין ׃ אונ ווען ער זייט קארין אדר ווייץ אין איין תיין גארטין פאר מישט ער די מינים ׃ דען איטליכש מין האט איין בזונדר טבע ׃ אונ אז ער האט באהעפט צווייא מינים מיט אנאנדר צו מישט ער אונ מאכט קריג צווישן זיי ׃ לא תשא פני דל ווען איין עני מיט איין עושר קומן פר דיר צום משפט זאלסטו ניט טראכטן ער איז איין עני ׃ דר עושר איז אים חייב צו געבין צדקה דרום וועל איך דעם עני גרעכט מאכין כדי ער זאל האבין זיין פרנסה בכבוד דאש זאלסטו ניט טאן ולא תהדר פני גדול אונ זאלסט ניט בשיטן דעם עושר דו זאלסט ניט זאגן ער איז איין עושר וויא קען מען אים אום גירעכט מאכין עס איז אים איין חרפה דאש טארשטו ניט טאן לא תלך רכיל דו זאלסט קיין רכילות ניט זאגין לא תקום ולא תטור ווען איין שכן קומט צו דיר לייען איין כלי זאלסטו זיך ניט נוקם זיין אן אים צו זאגן דו האסט מיר ניט גיוואלט לייען קיין האק איך וועל דיר ניט לייען קיין זיפ דש טארסטו ניט טאן אונ אפילו ווען דו ווילסט אים יוא לייען נאר דו זאלסט אים זאגן חאטשע דו האשט מיר ניט גיוואלט לייען וועל איך דיר דאך לייען דאש טארסטו אויך ניט טאן ואהבת לרעך כמוך דוא זאלסטו ליב האבין דיין חבר וויא דיך אליין שלש שנים יהיה לכם ערלים ווען דו פלאנצט איין בוים זאלסטו דריי יאר זיינע פירות ניט עסין אונ אין דעם פערטין יאר זאלסטו די פירות היילגין צו גאט דען עס איז ראוי מען זאל צום ערשטן אפ געבן כבוד צו גאט צו בריינגן אים די ערשטע פירות אונ צום מיינסטן וואקסן ניט קיין פירות ביז נאך דריי יאר אזו איז אין פערטין יאר די ערשטע פירות וואש זיינען ראוי צו עסין אונ אויך דאש אויפס וואש וואקסט פאר דריי יאר איז זייער אום גיזונט ווייל דר בוים האט זיך נאך ניט רעכט דער היצט פון דר זון דרום זיינן די פירות גראב פון דעם פייכטיקייט פון דר ערד ׃ דר מדרש זאגט שלש שנים יהיה לכם ערלים דאש ווייזט דאש קינד קען ניט רעדן ביז דריי יאר אונ

אין

אין פערטן יאר אז ער קען רעכט ריידן זאל ער זיין קודש דאש זיין פאטר אונ מוטר זאלן אים לערנן איין ברכה מאכין אונ צו זאגין לויב צו גאט אונ אין פינפטין יאר זאל מען מיט אים לערנן תורה · דר תולדות יצחק שרייבט די פרשה קדושים תהיו ווייזט אונז אויף אלערליי קדושות דאש דר מענטש זאל זיך זיין האלטין ניט פיל עסין אונ טרינקען דען עס זיינן אטייל לייט וואש מוזן ווייניג עסן אונ טרינקן דען ווען זיי עסין פיל זיינן זיי קראנק דהיינו אלטע לייט עסין ווייניג אונ יונגע לייט עסן פיל אונ אפט זיינן אלטע לייט וואש עסן פיל אונ יונגע לייט וואש עסין ווייניג אונ די תורה האט ניט גיקענט אן שרייבין איטליכן מענטשין וויא פיל ער זאל עסין אונ טרינקן וויל די מענטשן זיינן ניט גליך אין די מאגינש אונ אין דר טבע · דרום האט די תורה אן גישריבין קדושים תהיו איר זאלט אייך הייליג האלטין מיט עסין אונ טרינקן אונ אויב דו זוילסט ווער עס זאל דיר זאגין וויא פיל דוא זאלסט עסין דאש זאגט דר פסוק איש אמו ואביו תיראו די מוטר אונ דר פאטר ווייזין וויא פיל דש קינד דארף עסין אונ וואש פר דעם קינד איז גיזונט אונ דרום האט די תורה דער ביי גישריבין ואת שבתותי תשמורו צו ווייזין תאמער דו ביסט גיוואנט אום דר וואכין ווייניג עסין דאך זאלשטו לכבוד שבת מער עסן וויא אום דער וואכין אבר דאך ניט צו פיל אונ דרום שטייט דער בייא אל תפנו אל האלילים צו ווייזן האטשי די שטערן זעהער אונ מכשפים זאגן מען זאל אום שבת קיין פלייש ניט עסין אונ קיין ויין ניט טרינקען וועט אים דאש מזל שבתאי געבין מזל אונ הצלחה זאלשטו דיך ניט קערין צו די אפ געטר אונ מכשפים אונ האלט שבת ערליך עס יוא פלייש אונ טרינק יוא ויין אונ קלייד אן שיינע קליידר וועט דיר גאט געבין הצלחה אונ דרום שטייט אין די עשרת הדברות פריער מען זאל האלטן שבת אונ דר נאך שטייט מען זאל ערליך האלטין פאטר אונ מוטער צו ווייזין דאש שבת איז פריער פאר כבוד אב ואם כלומר וואטשע עש איז ראוי צו ערליך האלטין פאטר אונ מוטר צו טאן אזו וויא ער האט דיך גוואונט ווייניג עסין דאך לכבוד שבת זאלשטו מער עסין וויא זיי האבין דיך גיוואונט אונ דרום שטייט בייא כבוד אב ואם למען יאריכון ימיך כלומר ווען דו וועשט ערליך האלטין פאטר אונ מוטער מיט דעם וואש זייא האבין דיך גיוואונט ווייניג עסין וועשטו לאנג לעבין דען דורך פיל עסן קומט פיל קראנקייט דאש מען מוז שטארבין דער פון אונ דרום האט דיא תורה אן גישריבין נאך כבוד אב לא תרצח לא תנאף צו ווייזין ווען איין פאטער לערנט ניט זיין קינד קומט דאש קינד צו רציחה אונ צו זנות אזוא וויא דוד האט קיין מאל ניט גן גישריען אין אבשלום דורך דעם האט אבשלום גימאכט פאר לירין פיל פון ישראל אונ האט מזנה גיוועזן מיט זיין פאטרש ווייבר אונ האט דעם פאטער אליין אויך גיוואלט הרגענען אונ ער קען אויף לא תגנוב אויך עובר זיין דען ווען ער איז גוואונט צו פרעסן אונ זויפין אונ ווען ער קריגט עש ניט טוט ער גנבנן אונ דרום האט די תורה פריער אן גישריבין מען זאל מורא האבין פאר דער מוטער וויל זיא איז דר עיקר אין הויז זיא קען מער גיוואונן דאש קינד צו גוטין מער וויא דר פאטער אזו וויא שלמה המלך האט אים זיין מוטער צו גיבונדין צו איין זייל אונ האט אים גישלאגין אונ גישטראפט · דיא תורה האט אן גישריבין וכי תזבחו זבח ווען איר וועט ברייגגן קרבנות אונ עס שטייט דר ביי מען זאל דעם עני לאזין איין עק פעלד מיט תבואה צו ווייזין דאש דיא צדקה איז גיגליכין צו קרבנות · לא תלין פעולת שכיר דוא זאלשט ביי דיר ניט לאזין איבער גענעכטיגין ביז אין דר פרי דאש גיצאלט דעם גידונגענם וואש ער האט ביי דיר היינט פאר דינט אונ וויל דר שטייגער פון אטייל מענטשין איז

ווען מען מאנט זיי געלט טוען זייא שילטין דרום האט די תורה דער בייא אן גישריבין לא תקלל דוא זאלשט ניט שילטן קיין מענטשן אונ עש קען דער פון קומען ווען מען באצאלט ניט באלד דעם פועל זאל ער שלאגין דעם בעל הבית · דרום שטייט דר בייא ולפני עור לא תתן מכשול דוא זאלשט דעם פועל באלד באצאלין כדי דוא זאלשט אים ניט ברייניגן צוא קיין מכשול דאס ער זאל דיך שלאגין בצדק תשפוט עמיתך דוא זאלשט רעכט משפטין דיין חבר אונ עס שטייט דר ביי מען זאל קיין רכילות ניט זאגין צו ווייזין ווען איין דיין האט עפעש גיפסקית זאל דר אנדערער דיין ניט זאגין אויף אים דאש ער האט דעם מענטשין פאלש גיפסקית · אונ וייל דורך רכילות דר שלאגט מען דעם וואש מען זאגט אויף אים רכילות דרום שטייט דר בייא לא תעמוד על דם מאך ניט פאר גיסין קיין בלוט · לא תקיפו פאת ראשכם איר זאלט ניט אפ שערין די פאות פון אייער קאפ אונ ניט די בארד · מפני שיבה תקום פאר איין אלטין מאן זאלשטו אויף שטיין חאטשי ער איז איין עם הארץ · אונ פאר איין תלמיד חכם זאלשטו אויף שטיין חאטשי ער איז יונג · אונ אויב דו ווערשט צו מאכין דיינע אויגין גליך וויא דו זעהסט אים ניט פיר גיין אונ ווערשט ניט אויף שטיין פאר אים דרום שטייט דער ביי ויראת מאלהיך דוא זאלשט דיך פארכטין פאר גאט וואש ער ווייסט וואש אין דיין הארצין איז · לא תעשו עול במשפט במדה במשקל ובמשורה דו זאלשט רעכט מעסטן מיט איין גירעכטר מאס · אונ מיט איין גירעכטער וואג · אונ ווען דו טושט מעסטין איין משקה זאלשטו ניט מאכין קיין שוים כדי יענער זאל מיינען עש איז פול דיא מאס אונ דער נאך ווערט עש אפ גיין · רבי זאגט פאלשע מאכין איז הארבער פון צוא מזנה זיין מיט איין אשת איש דען ווען ער איז מזנה מיט איין אשת איש אונ דאס מיט איר קיין קינד ניט קען ער תשובה טאן · אבער דער וואש מעסט פאלש דער קען קיין תשובה ניט טאן ווייל ער ווייסט ניט וועמען אום צוא קערין דאש וואש ער האט גיגזילת מיט פאלש מעסטין אונ דיא תשובה קען אנדערש ניט העלפין סיידין מען קערט אום דאש וואש מען האט גיגזילת ואיש אשר ינאף את אשת איש אשר ינאף את אשת רעהו דער תולדות יצחק פרעגט וואררום שטייט צווייא מאל אשת איש אונ אשת רעהו עש איז דאך אלץ איינס · ענטפערט דער תולדות יצחק איין תירוץ דאש ווייזט אונז ווען ראובן איז גילעגין בייא דער וייב פון שמעון אונ שמעון איז גילעגין ביי דער וייב פון ראובן זאלשטו ניט מיינען שמעון קומט קיין מיתה ניט וויל ראובן איז פריער גילעגין בייא זיין וייב דרום איז ער גילעגין בייא זיין וייב · דרום שרייבט דיא תורה צווייא מאל צו ווייזין מען זאל שמעון אויך הרגענען · ואת הבהמה תהרוגו ווען איין מענטש ליגט בייא איין בהמה זאל מען דיא בהמה אויך הרגענען וייל עש איז דורך איר גיקומן בייז אויף דעם מענטשין כדי מען זאל ניט זאגין דורך דער בהמה האט מען דעם מענטשין גיהרגת · פון דאנען קען מען זעהען חאטשע דיא בהמה האט קיין שכל ניט פון דעסט וועגין וייל דורך איר איז גיקומען בייז אויף דעם מענטשין דרום האט מען זיא גיהרגת מכל שכן ווען איין מענטש וואש האט שכל ברייננט בייז אויף זיין חבר דעם ווערט גאט פשיטא שטראפין חסד הוא ווען איין מענטש נעמט זיין שוועסטער פאר איין וייב איז עש איין גרוישע עבירה מען דארף אים טייטין · אונ אויב דוא ווערשט זאגין וואררום האט קין גינומען זיין שוועסטער · דאש איז גיווען איין חסד פון גאט כדי דיא וועלט זאל גיבויט ווערין דען אלע לייט זיינען פון זייא ארויש גיקומען נדה היא ווען איינער ליגט ביי זיין פרויא וויא ער ליגט

ביא אין נדה· דער בחיי שרייבט דרום גלייכט ער עש צוא איין נדה צוא ווייזין אז וויא איין נדה ווען זיא ווערט ריין איז זיא מותר אזוא אויך דעם ברודערש ווייב ווען דער ברודער שטארבט אן קינדער איז זיא צוא אים מותר: וָאַבְדִּיל אֶתְכֶם מִן הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי גאט זאגט ווען איר אייך אפ שיידין פון עבודת כוכבים ווערט איר זיין צוא מיר אונ אויב איר ווערט אייך ניט אפ שיידין ווערט איר זיין איבער גיענטפערט אין די הענט פון דיא עובדי כוכבים· רבי אליעזר בן עזריה זאגט איין מענטש זאל ניט זאגין מיר איז מיאוס צוא עסין חזיר נאר ער זאל זאגין איך וואלט גערין חזיר גיגעסין נאר וייל גאט האט פאר באטין ניט צוא עסין דרום וויל איך האלטין זיין גיבאט· דרום זאגט דער פסוק לִהְיוֹת לִי איר זאלט אייך אפ שיידין פון עבירות פון מיינט וועגין וייל איך האב אייך פאר באטין:

# הפטרת קדושים

וַיְהִי דְבַר יְיָ אֵלַי לֵאמֹר זאגט יחזקאל עש איז גיוועזן די רייד פון גאט צו מיר צו זאגין דו בן אדם דו זאלסט דיך באווערין מיט דער שטאט וואש מען פר גיסט אין איר בלוט מיט רציחות דען דער סדר איז מען טוט רציחות אין פעלד בסוד אבער זיי טוען רציחות אין שטאט· וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם כֹּה אָמַר יְיָ אֱלֹהִים זאג צו ישראל אזו האט גאט דער האר גיזאגט עס איז גיקומען די צייט דאש מען זאל חרוב מאכין די שטאט מיט די לייט פון וועגין זייער רציחה אונ פון וועגין וואס זיי דינען עבודת כוכבים דען איר האט מטמא גיוועזן די שטאט עס איז שוין גיקומן דיין טאג חרוב צו מאכין דיך· אונ איך וועל דיך געבין צו איין חרפה צווישין די עובדי כוכבים הַקְּרוֹבוֹת וְהָרְחֹקוֹת טְמֵאַת יִתְקַלְּסוּ בָךְ די נאהינטע אונ די וייטע ווערין שפעטין פון דיר אונ ווערין זאגין

טְמֵאַת הַשֵּׁם דאש איז איין אומה וואש האט טמא גיוועזן איר נאמען דען זיא האט פריער גיהייסין עם קדוש אונ היינט הייסין זיא עם טמא שְׂפָתַיִם הִנֵּה נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ לִזְרוֹעוֹ די הארין פון ישראל איז איטליכר גיוועזן מיט זיין שטארקייט דער וואס איז שטארקער דער האט גיוואונען אונ האט פאר גאסין בלוט· אָב וָאֵם הֵקַלּוּ בָךְ איין פאטער אונ מוטער האט מען גרינג גיהאלטין אין דיר אונ מען האט זיא ניט מכבד גיוועזן וואש אפילו גאט זאל ניט גיבאטין דרויף דארף מען אויך פאטער אונ מוטער ערליך האלטין אונ דעם גר אונ דעם יתום אונ דיא אלמנה האבין זיא גיצארט אונ דער צעדינגט קָדָשַׁי בָּזִית מיינע קדשים האסטו מבזה גיוועזן אונ מיינע שבתות האסטו פאר שוועכט· אַנְשֵׁי רָכִיל הָיוּ בָךְ עס איז אין דיר לייט וואש זאגין רכילות צו פאר גיסין בלוט אונ עס איז אין דיר די וואש דינען עבודת כוכבים אויף די בערג· ערות האט מען גיפירט צווישין דיר טְמֵאַת הַנִּדָּה עִנּוּ בָךְ איין אשה נדה האט מען גיצווינגט אין דיר שֹׁחַד לָקְחוּ בָךְ שוחד האט מען גינומען אין דיר אונ רווחים האסטו גינומען אונ האסט גיגזלת דיין חבר אונ מיך האסטו פאר געסין אזוא זאגט גאט וְהִנֵּה הִכֵּיתִי כַפִּי אונ איך טוא שלאגין איין האנט אויף דער אנדערער אזוא ווי איינער וואש איז זייך מצער אונ דאש איז פון וועגין דיין גזילה וואש דוא טושט אונ פון וועגין דיין בלוט וואש דוא האסט פאר גאסין· הֲיַעֲמֹד לִבֵּךְ אִם תֶּחֱזַקְנָה יָדַיִךְ ווערט דען קענען באשטיין דיין הארץ אדער ווערין זייך דען שטארקין דיינע הענט אנטקעגין די צרות וואש איך וועל טאן אין דיר· דען איך גאט האב גירעט אונ וועל עש גיווים טאן· וַהֲפִיצוֹתִי אוֹתָךְ בַּגּוֹיִם אונ איך וועל דיך צו שפרייטין צווישין דיא עובדי כוכבים אונ וועל אפ טאן דיא טומאה פון דיר· וְנִחַלְתְּ בָּךְ אונ דו ווערסט אליין קריינקען פאר דיא אויגין פון דיא פעלקער אויף דעם ביז וואש דוא האסט גיטאן אונ דוא ווערסט וויסין דאש איך בין גאט איך בין מקיים מיינע רייד:

אמור אל הכהנים שלמה המלך זאגט אין משלי שפתים ישק משיב דברים נכוחים לייט וואלטן גערן גיקושט דעם וואש רעט גוטע רייד · איך ווייזט דער פסוק דאש דר צדיק וואש לערינט תורה שטארבט דורך דעם קושין פון גאט אזו וויא אהרן אונ משה וואש עש שטייט בייא זיי על פי יי זייא זיינן גישטארבן דורך דעם קושין פון גאט דורך דעם איז זייער נשמה אויש גיגאנגן · אונ מרים איז איך אזוא גישטארבן נאר עש שטייט ניט בשיידליך זיא איז גישטארבן דורך דעם קושן פון גאט · אונ אזו זיינן גישטארבן אברהם יצחק ויעקב · דען רבינו הקדוש אונ רב זיינען איך אזו גישטארבין אן איין מלאך המות · אונ רבינו הקדוש איז גיוועזן איין גרוישר צדיק ער האט קיין הנאה ניט גהאט פון דר וועלט · דיא גמרא זאגט אז רבינו הקדוש איז גישטארבן האט רבי ינאי גלאזט אויש רופן אין אלע גאסין דעם. היינטיגין טאג איז ניט דא קיין כהונה כלומר דיא כהנים מעגן זיך מתעסק זיין מיט רבינו הקדוש ווייל ער איז ניט טמא אזוא וויא אנדערע מתים וואש שטארבין דורך דעם מלאך המות דען רבינו הקדוש איז גישטארבן דורך גאט אליין אונ די כהנים האבין אים באגראבין אבר צו אנדערע מתים טארין דיא כהנים זיך ניט אן רירין דאש זאגט דר פסוק אמור אל הכהנים זאג צו די כהנים זיי זאלין זיך ניט טאן מטמא זיין צו איין מת · אונ איך די קליינע קינדער פון כהנים זאל מען אפ היטין זיי זאלין זיך צוא קיין מת ניט מטמא זיין · איז קשה ווארום האט רבי ינאי מתיר גיוועזן דיא כהנים זאלין זיך מטמא זיין צו רבינו הקדוש נאך זיין טויט אמער די נשמה איז פון אים אוועק גינאנגן אין הימיל נוא ווארום האט רבי ינאי מתיר גיוועזן צו דיא כהנים זיי זאלן זיך מיט אים מתעסק זיין אמער דיא נשמה איז פון אים אוועק גינאנגן אין הימיל אריין · דר תירוץ



איז ווייל רבינו הקדוש האט די גאנצע וועלט תורה גילערינט אונ דרום רופט אים דיא גמרא אויף אלע ערטער רבי · אונ אז ער איז גישטארבן האט דיא גאנצע וועלט זיין תורה נאך גיזאגט וואש דורך דעם ריידין דיא לעפצין פון רבינו הקדוש אין קבר אזו וויא דוד המלך האט גזאגט אגורה באהלך עולמים פרעגט די גמרא וויא איז מיגליך איין מענטש זאל לעבן אויף ביידע וועלטן אין איין מאל · ענטפערט די גמרא דוד המלך האט גיבעטן מען זאל נאך זאגן פון זיינט וועגן די תורה נאך זיין טויט וועלן זיינע לעפצין ריידין אין קבר וועט עש זיין גליך וויא ער לעבט אויף דער וועלט איך · אזו וויא אין פסוק שטייט דובב שפתי ישנים דיא לעפצין פון תלמידי חכמים ריידן אין קבר ווייל מען זאגט תורה פון זייערט וועגין אונ דאש איז גיוועזן ביי רבינו הקדוש איך דאש זיינע לעפצן האבן גירעט אין קבר · אונ ווייל דיא מענטשין האבין גיזעהען דאש זיינע לעפצין ריידין נאך דעם אז ער איז גישטארבן דרום האבן זייא גימיינט דאש די נשמה איז נאך אין זיין גוף דרום האבין דיא כהנים גימעגט זיך מתעסק זיין מיט אים · אמור ואמרת דר פסוק זאגט אונז דרום לא יטמא בעמיו צוא ווייזין ווען איין מת מצוה איז דא וויש קיינר זעהט אים ניט צו באגראבין זאלין כהנים גיין צו באגראבין אים · בני אהרן דיא זין פון אהרן טארין זיך צוא קיין מת ניט מטמא זיין אבר דיא טעכטר פון אהרן מעגין זיך מטמא זיין צו איין מת ווייל איין אשה האט גיבראכט דעם טויט אויף דער וועלט דרום דארף איטליכע אשה זיך מתעסק זיין מיט מתים אפילו דיא טעכטער פון כהנים אונ דרום שטייט דיא פרשה פון כהנים נאהענט צוא יענער סדרה פון קדושים וואש עש שטייט אין איר מען זאל ניט טאן קיין כשוף פון אוב אונ ידעוני צוא ווייזין דאש ישראל דארפין ניט פרעגין אין כשוף וואש עם וועט

זיין דען זיי האבין כהנים אונ אורים ותומים דיא זאלין זיא זאגין וואש זיא דארפין · כי אם לשארו צוא זיין ווייב מעג זיך איין כהן יוא מטמא זיין צו באגראבין איר אונ אויך צוא זיין פאטער אונ מוטער אונ צוא זיין זון אונ צוא זיין טאכטער אונ צו זיין ברודר אונ שוועסטר וואש האט קיין מאן ניט צו זייא מעג ער זיך מטמא זיין אונ אז איין כהן באגראבט זיינע קרובים מעג ער גיין איבער קברים צוא באגראבין זיי אבר ווען ער גייט צוא ריק פון דעם באגראבן טאר ער ניט גיין אויף די קברים אונ ער מעג זיין אין הויז וואו זיין קרוב איין מת איז · דר בחיי אונ דר תולדות יצחק פרעגין ווארום שטייט לאמו ולאביו יטמא שטייט דיא מוטער פריער זאגט רבי אברהם איין תירוץ וויל ווייבר שטארבן גיכער פון מאנען דרום שטייט דיא מוטער פריער איז קשה ווארום שטייט ביא איין כהן גדול דאש ער טאר זיך ניט מטמא זיין צוא זיין פאטער אונ מוטער שטייט דער פאטער פריער נאר דער תירוץ איז איין כהן הדיוט וואש מעג זיך מטמא זיין צוא זיין פאטער אונ מוטער זאגט ער די מוטער פריער צוא ווייזין צוא זיין מוטער וואש זיא איז גיוויס זיין מוטער דען אלע ווייסין דאש זיא האט אים גיוואונען מעג ער זיך בוודאי מטמא זיין נאר אפילו צוא זיין פאטער וואש איך וייש ניט גיוויש אויב ער איז זיין פאטער מעג ער זיך דאך צוא אים מטמא זיין אונ ביא איין כהן גדול זאגט ער דאש איז איין פשיטא דאש צוא זיין פאטער טאר ער זיך בוודאי ניט מטמא זיין נאר אפילו צוא זיין מוטער טאר ער זיך אויך ניט מטמא זיין לא יקרחו קרחה דער כהן זאל ניט אויש רייסין קיין האר איבער איין מת זיין קרוב אונ זאל ניט צוא קראצין זיין לייב · דער תולדות יצחק שרייבט דאס איין כהן אדער איין ישראל זייגען גיגליכין צוא איין חשובן שר פון דעם מלך דרום איז ניט

ראוי דאש דער לייב האבער פון דעם מלך זאל מאכין איין קראין אדער אויס גערישענע האר דען עש איז גלייך וויא איין אנדערר האט עש אים גימאכט אזוא איז דאש דעם מלך איין חרפה דאש מען האט זיך פאר אים ניט גיפארכטין אונ מען האט זיין לייב האבער צוא קראצט אדער דיא האר אויס גירישין · נאך איין פשט איז דרום זאל מען ניט אויש רייסין דיא האר אדער צו קראצן דאש לייב איבער איין מת כדי דיא לייט זאלין ניט זאגין דאש גאט האט חס ושלום ניט רעכט גיטאן דאש ער האט אים גטייט זיינע קרובים ער זאל זיך אזו מצער זיין ווערט עש זיין איין חילול השם דרום האבן אונזרע חכמים גיזאגט דער מענטש וואש וויינט פיל איבער איין מת ווערט אים גאט שטראפן דאש ער ווערט נאך וויינן איבר איין אנדר מת · נאך איין פשט איז ווען אמענטש וויינט פיל איבער איין מת ווייזט אויס גלייך וויא דער מת איז ווארין פאר לארין פון יענעם עולם דאש איז איין חילול השם · נאך איין פשט איז איין כהן שטייט אלע צייט אין בית המקדש פאר גאט איז ניט רעכט דער באדינער פון דעם מלך זאל האבין אויש גערישענע האר אדער איין צוא קראצטין פנים והכהן הגדול מאחיו דער כהן גדול מוז זיך מער היטין האלטין פון איין כהן הדיוט ער טאר זיך ניט מטמא זיין אפילו צוא זיין פאטער אונ מוטער אונ טאר ניט נעמען קיין אלמנה אדער איין גרושה נאר איין בתולה זאל ער נעמען פאר איין ווייב אונ דרום זאל ער נעמען איין בתולה כדי ער זאל איר קענען גיוואונען אזוא וויא עש איז ראוי צוא איין כהן גדול אונ וויא אזוא ער ווערט איר גוואונען אזוא ווערט זיא בלייבין אבר איין אלמנה אדער איין גרושת וואש זייגען גיוואנט מיט זייערע מאנען ווערט זיא דעם כהן גדול אויך אן ריידין ער זאל זיך צוא איר באהעפטין אלע צייט אונ

דאש

דאש איז ניט רעכט פאר איין כהן גדול · דר מדרש שרייבט והכהן הגדול מאחיו דער כהן גדול זאל חשובר זיין פון אנדערע כהנים מיט פינף זאכין ער מוז זיין שיין אונ שטארק אונ איין עושר אונ איין חכם אונ עלטער פון אלע כהנים אונ ווען ער איז ניט רייך גיוועזן האבין אים די ברידער די כהנים רייך גימאכט איש אשר בו מום לא יקרב דער כהן וואש האט איין מום ער איז בלינד אדר ער הינקט זאל ער די עבודה ניט טאן אין בית המקדש סייא דער מום איז אין אים גיבארין גיווארין · אדער עש איז גיווארין נאך זיין גיבארין · נאר ער מעג עסין תרומה אונ פלייש פון די קרבנות אונ אויך ווען ער איז טמא טאר ער אויך דיא עבודה ניט טאן וכל זר לא יאכל קודש אונ ווער עש איז ניט קיין כהן זאל ניט עסין קיין תרומה אבער איין קנעכט איין כהן אפילו איין כנעני מעג עסין תרומה · אונ ווען איין טאכטער פון איין כהן איז צוא איין ישראל פאר איין ווייב זאל זיא קיין תרומה ניט עסין אבער ווען איר מאן שטארבט אונ זיא האט מיט אים קיין קינדר ניט · זאל זיא גיין צוא איר פאטער אונ מעג ווידער עסין תרומה · אונ ווען איין ישראל אדער איין לוי האט גיגעסין תרומה האט ער גימוזט דעם כהן אזוא פיל תבואה געבין וויא פיל ער האט אויף גיגעסין אונ נאך מער איין פינפט חלק · כל אשר בו מום לא תקריבו אונ ווען איין בהמה האט איין מום זאל מען איר ניט בריינגען פאר איין קרבן שור או כשב או עז כי יולד ווען עש וועט ווערין גיבארין איין אקס אדער איין שאף אדער איין ציג זאל עש זיבין טעג זיין מיט דער מוטער אונ פון דעם אכטין טאג אונ ווייטר זאל מען עם מעגין מקריב זיין פאר איין קרבן צוא גאט · דר מדרש זאגט דרום האט גאט גיהייסין געמן איין אקס פאר איין קרבן צוא מכפר זיין דיא עבירה פון דעם

עגל אונ אויך גאלד איז צום ערשטין ווארן גיבראכט צום משכן אזוא וויא אין פסוק שטייט זהב וכסף ונחושת צוא מכפר זיין אויף דעם עגל וואש זיי האבין גימאכט פון גאלד רבי לוי זאגט עש איז איין משל איין ווייב פון דעם שר איז אויף איר ארויש גיגאנגען איין שם רע דאש זיא האט מזנה גיוועזן האט דר מאן נאך גיפרעגט אונ גיפארשט אויב עש איז אמת איז ער גיווואר גיווארין אז דאש איז שקר אזוא האט דר מאן גימאכט איין סעודה אונ האט דאש ווייב צום ערשטין גיזעצט צוא ווייזין אז דאש איז שקר וואש מען האט זיא חושד גיוועזן אזוי אויך גאט איז גיווואר גיווארין דאש ניט ישראל האבין גימאכט דאש עגל נאר דער ערב רב וואש האבין זיך מגייר גיוועזן האבין עש גימאכט האט ער דעם אקס צום ערשטין גיזאגט אין דער פרשה אונ דרום האט גאט גיהייסין נעמען פאר איין קרבן איין אקס אדער איין שאף אדער איין ציג דיא חכמים זאגן איין אקס איז אנטקעגן אברהם וואש עש שטייט ביא אים ואל הבקר רץ אברהם ער האט גינומען איין אקס פון וועגין דיא מלאכים צוא מכבד זיין זייא דען ער האט גימיינט זייא זיינען מענטשין · איין שאף איז אנטקעגין יצחק דאש מען האט איין שאף מקריב גיוועזן פאר איין קרבן אויף זיין ארט וואש מען האט אים גיוואלט מקריב זיין · איין ציג איז אנטקעגין יעקב דאש זיין מוטער האט אים אן גיטאן איין פעל פון ציקעלעך אויף זיין האלז דאש דער פאטער זאל מיינען ער איז עשו אונ זאל אים בענטשין · נאך איין פשט איז איין אקס אונ איין שאף אונ איין ציג ווערין תמיד גיאגט פון די חיות דאש זיי אנטלויפן פאר דיא חיות ווייל זייא זיינען ניט שטארק אונ זיינען נידעריג · דרום האט זייא גאט צוא איין קרבן גינומן דען גאט האט ליב דעם וואש האלט זיך נידעריג ·

מועדי יי אשר תקראו אותם מקראי קודש די ימים טובים זיינען ווארין איבער געענטפערט צוא ישראל אין דיא הענט זייא זאלין מאכין יום טוב נאך זייער שכל נאך יחזקאל הנביא האט געוואלט מאכין איין חודש מעובר האט גאט אים געזאגט מען טאר ניט מעבר זיין קיין חדשים נאר אין ארץ ישראל · פון דאנען לערנען אונזערע חכמים אפ דאש אפילו גרוישע צדיקים אונ חכמים טארין אין חוצה לארץ קיין עבור ניט מאכין נאר אין ארץ ישראל מעגין אפילו ניט גרוישע חכמים מאכין איין עבור · אונ אזוא האבין זייא מעבר געוועזן דאש יאר אדער איין חודש מען האט געבראכט איין ספר תורה אונ אלע חכמים האבין זיך איין גיזאמילט אונ איטליכער איז געזעסין נאך זיין חשיבות נאך אונ האבין זייער פנים אראפ געהאלטין אונ דער נאך זיינען זייא אויף געשטאנען אונ האבין אויף גיהויבין זייערע הענט אנטקעגין דעם הימיל אונ דער ראש ישיבה האט דער מאנט איין שם איז איין קול גיקומען פון דעם הימיל אויב עש זאל זיין איין עבור · אבער ווען דאס דור איז זינדיג געוועזן האבין די חכמים קיין קול ניט געהערט אבער וואול דעם דור וואש דיא חכמים האבין יוא גיהערט איין קול אזוא וויא אין פסוק שטייט אשרי העם יודעי תרועה יי באור פניך יהלכון וואול דעם פאלק וואש הערן איין קול פון דעם הימיל אונ גייען אין דעם דער לייכטונג פון דיין פנים אזו וויא דו ווייזט זיי פון דעם הימיל · אונ ווען די חכמים האבין אין בית המקדש גיזאגט מקודש דר טאג איז היילג פר ראש חודש אזו האט גאט אויך גיזעצט מלאכים פר סנהדרין אונ האבין אויך היילג גימאכט דעם טאג פאר ראש חודש אונ גאט שטעלט זיין שטול אונ הייסט ברייגען די ספרים אונ סנהדרין פר אים אונ זאגט מיר

ווען משפטין די וועלט אזו וויא אין פסוק שטייט כי חוק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב ווען ישראל מאכין דעם טאג ראש השנה אזו טוט גאט משפטין די וועלט · אך בעשור לחודש צעהן טאג אין תשרי זאל זיין יום כפור דאש איז די חתימה פון דעם יום הדין · דר מדרש זאגט דאש ווארט אך ווייזט דאש יום כפור איז מכפר צוא די וואש טוען תשובה אבער ניט צו די וואס טוען קיין תשובה ניט מען זאל ניט מיינען ווייל עש שטייט כי ביום הזה יכפר עליכם דאש דער טאג איז מכפר אפילו אן תשובה עש איז ניט אזוא מען זאל זיך אויף דעם טאג אליין ניט פאר לאזין · ולקחתם לכם ביום הראשון איר זאלט נעמען דעם ערשטין טאג סוכות איין אתרוג אונ איין לולב אונ איין הדס אונ איין ערבה דען די פיר ערליי וואקסין ביי וואסר אונ אין די טעג טוען מיר תפלה אויף רעגין אונ מען זאל נעמען איין אתרוג אונ איין לולב אונ דריי הדסים אונ צווייא צווייגליך פון ערבה כפות תמרים דער בחיי שרייבט דרום שטייט תמרים צווייא טייטיל בייטר אונ עש שטייט ניט תמר איין טייטיל בוים צו ווייזן דאש איין רעכטער בוים איז נאר איין זכר מיט איין נקבה אונ ווען מען פלאנצט ניט איין זכר מיט איין נקבה קען קיין פירות דרויף ניט וואקסין · דר מדרש זאגט פרי עץ הדר איז אנטקעגן אברהם ער האט געוויזין דאש גאט איז איין יחיד אויף דער וועלט אזוא וויא איין אתרוג איז איינער · אונ דרום שטייט עץ איין בוים צוא ווייזין אזו וויא איין בוים אן וואסער ווערט פאר דארט · אבער ווען ער קריגט וואסער וואקסט ער ווידר · אזוא אויך אברהם צום ערשטין האט ער ניט געקענט קינדר האבין אונ צוא הונדערט יאר האט ער גיקריגין כח אונ האט גיהאט איין זון יצחק · הדר כלומר גאט האט אברהם באשיינט מיט

עלטער

עלטער וואש דאס איז שיין צו איין זקן כפות תמרים איז אנטקעגין יצחק דען כפות איז טייטש געבונדין דאש ווייזט אויף יצחק דאש ער איז געוועזן געבונדין אויף דעם מזבח · אונ תמרים איז טייטש רויך כלומר איין רויך איז אויף געגאנגן פון דעם מזבח וואש יצחק איז געוועזן געבונדין אויף אים וענף עץ עבות איז דר הדס דאש איז אנטקעגין יעקב דען אזוא וויא איין הדס האט פיל בלעטר ארום זיך אזוא האט יעקב פיל קינדער ארום זיך געהאט וערבי נחל איז איין ערבה דאש איז אנטקעגין יוסף דען אזו וויא איין ערבה ווערט גיך פר דארט אן וואשער אונ ווען עש באקומט וואשער טוט עש גיבער וואקסין פון אלע בוימר · אזו אויך איז יוסף געוועזן פר דארט פון פיל צרות דאש ער איז וואורן געווארפן אין איין גרוב אונ איז געווארן פר קויפט אונ איז תפוס געזעסין אונ דער נאך איז ער איין מלך געווארן אין מצרים מיט גרויש כבוד · אונ דר נאך אז זיין פאטר איז געשטארבן אין זיינע טעג איז ער געווארן גלייך וויא פאר דארט · אונ ער איז אויך געשטארבן פריער פר זיינע ברידר גלייך וויא איין ערבה וואש ווערט באלד פר דארט אונ דר מדרש לערינט אונז מיר זאלן תפלה טאן אונ זאלין דר מאנען דעם זכות פון די אבות אזו וועט אונזר תפלה ווערין אן גינומען · אויך זאגט דר מדרש איין אתרוג איז גלייך וויא איין הארץ אונ עש איז געוואוקסט דאש אין הארץ הייבן אן פיל מצות אונ עבירות גוטע מחשבות אונ בייזע מחשבות · אונ אויב ער האט איין עבירה געטאן מיט דעם הארץ האט ער איין כפרה מיט דעם אתרוג וואש ער איז געגליכן צו איין הארץ אונ ער זאל ווייטר תשובה טאן · אונ דר לולב איז גלייך וויא איין רוקין פון איין מענטשן וואש אין רוקין גייט דר פאדים פון דעם מוח וואס אין אים איז שכל אונ חכמה וואש דאש איז דר עיקר מענטש אונ דר הדס איז גלייך ווי די אויגן פון דעם מענטשן · דען דר עיקר עבירה אונ מצוה הייבט אן אין די אויגן · אונ די ערבה איז גלייך צוא לעפצין פון דעם מויל אונ פיל מצות אונ עבירות הייבט אן אין מויל · דרום זאל דער מענטש נעמן די פיר מינים צוא מכפר זיין אויף די עבירות פון די פיר גלידר דען איטליכעש גליד האט איין כפרה אנטקעגין · אזוא וויא מיר געפינן ביי הורדוס המלך דאש ער האט געהרגת פיל טויזינט פון ישראל · אונ דר נאך האט ער חרטה געהאט אונ האט געפרעגט צו בבא בן בוטא מיט וואש ער קען איין כפרה האבין האט ער צוא אים געזאגט וייל ער האט געהרגת אלע חכמים וואש זייא זיינען דיא ליכט פון דער וועלט · דרום זאלשטו בויען דאש בית המקדש וועשטו דער מיט דער לייכטין דיא וועלט אונ וועשט איין כפרה האבין · אויך שרייבט דר מדרש דר אתרוג האט איין גוטין טעם אונ איין גוטין ריח דאש איז אנטקעגין דיא צדיקים וואש זייא האבין אין זיך תורה אונ מעשים טובים · כפות תמרים איז דר לולב ער איז פון איין טייטיל בוים וואש האט איין גוטין ריח דאש איז אנטקעגין דיא וואס לערנן תורה · אונ האבן ניט קיין מעשים טובים · וענף עץ עבות איז דער הדס ער האט איין גוטן ריח אונ ניט קיין טעם דאש איז אנטקעגין דיא וואש האבין אין זיך מעשים טובים אונ ניט קיין תורה · וערבי נחל איז די ערבה וואש האט ניט קיין טעם אונ ניט קיין ריח דאש איז אנטקעגין די פושעי ישראל וואס האבין אין זיך ניט קיין תורה אונ ניט קיין מעשים טובים צו ווייזין דאש מען זאל זיך צו נויף נעמן מיט דיא פושעי ישראל אין אונזער תפלה וועט גאט אונז מוחל זיין אונזרע עבירות · אויך ביי קטורת וואש זיי זיינן געוועזן פון אלערלייא גוטע בשמים האט גאט געהייסן נעמען חלבנה וואש האט ניט קיין גוטין ריח דאש איז אנטקעגן די רשעים

צו ווייזן דאש מיר זאלן זיי צו אונז באהאפטין אין אונזר תפלה. אונ תשובה וועט גאט אונז מוחל זיין אונזערע עבירות · אויך שרייבט דר מדרש דר אתרוג איז אנטקעגין גלות בבל וואש עש שטייט ביי אים ראשה די זהב דער קאפ פון דעם צלם, איז גיוועזן פון גאלד אונ דר אתרוג האט אויך איין מראה פון גאלד · אונ דר לולב איז לאנג דאש ווייזט אויף גלות אחשורוש וואש מען האט המן גיהאנגן אויף איין לאנגע תליה · אונ דר הדס ווייזט דען אזו וויא איין הדס איז גיפלאכטין מיט פיל בלעטר אזו אויך אין גלות זיינן ישראל גיוועזן גיפלאכטן מיט פיל צרות · דאש אלץ איז צו ווייזן דאש דורך די פיר מינים ניצול צו ווערן פון די פיר גלות · דר בחיי שרייבט דר אתרוג ווייזט אויף דעם שכר פון דר וועלט דען עש זיינן פיל מצות וואש דר מענטש עסט זייער שכר פון איין יאר צום אנדערן · אזו אויך דר אתרוג בלייבט אויף דעם בוים פון איין יאר צום אנדערן · דר לולב ווייזט אויף עולם הבא דען אזו וויא דער לולב האט בלעטער איינע העכר פון דר אנדערר · אזו אויך לעולם הבא אין גן עדן איז דא שטולן אונ שטאפלן איינע העכער פון דר אנדערער צו איטליכן מענטשין אזו וויא ער האט פר דינט · אונ אזו וויא אויף איין לולב וואקסט פירות ערשט נאך זיבעציג יאר אזוא עולם הבא קומט דעם מענטשין נאך דעם אז ער לעבט אויש זיבעציג יאר אונ שטארבט · אונ דער הדס איז ביטער צוא ווייזן דאש מען קען אנדערש ניט קומען צוא עולם הבא נאר אז מען פאר ביטערט אונ מען פייניגט דעם גוף מיט תעניתים אונ מיט אנדערע זאכין · אונ דיא ערבה ווייזט דאש מען קען ניט קומען לעולם הבא נאר אז מען האלט זיך נידעריג אזוא וויא איין ערבה וואש וואקסט אין דער נידעריג אין איין טאל · אונ דרום נעמען מיר דעם אתרוג אין דער לינקער האנט ווייל ער ווייזט

אויף דעם שכר פון דער וועלט · אונ דער לולב אונ הדס אונ ערבה ווייזן אויף עולם הבא נעמן מיר זיי אין דער רעכטער האנט אזוא וויא דער פסוק זאגט ארך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד דער וואש לערינט תורה לשם שמים דער לעבט לאנג כלומר ער האט עולם הבא · אבער דער וואש לערינט ניט לשם שמים דער האט נאר עושר אונ כבוד אויף דער וועלט ניט לעולם הבא · אזוא זעהען מיר דאש דער פסוק רופט אן דעם שכר אויף עולם הבא רעכטע האנט אונ דאש עשירות פון דער וועלט לינקע האנט · כי בסוכות הושבתי את בני ישראל איר זאלט זיצין אין סוכות דען איך האב גיזעצט דיא ישראל אין סוכות אז איך האב זייא אויש גיצויגין פון דעם לאנד מצרים · אטייל חכמים זאגין דאש ישראל האבין אין דער מדבר אויך גימאכט סוכות פון האלץ אונ באדעקט מיט בוימער דרום מאכין מיר אזוא וויא זייא האבין גימאכט צוא גידייניקען דיא נסים וואש גאט האט גיטאן צוא ישראל אין דער מדבר · אונ אויב דוא ווילשט פרעגין וואו האבין ישראל גינומען בוימער אין דער מדבר דארטין וואקסט דאך גאר ניט · דער תירוץ איז סוחרים האבין גיבראכט צוא ישראל פון פרעמדע לענדער אלץ וואש זייא האבין באדארפט · אונ אטייל חכמים זאגין דיא וואלקין זיינען גיוועזן ארום ישראל פון אלע פיר זייטין אונ פון אויבין אזוא וויא איין סוכה · ויצא בן אשה ישראלית איין מענטש דער זון פון איין ישראלית איז ארויש גיגאנגען פון זיין ארט אונ האט זיך גיקריגט מיט איינעם · די חכמים זאגין ער איז ארויש גיגאנגען פון דער פרשה וואש אויבין שטייט כלומר ער האט גישפעט פון דעם וואש אויבין שטייט מען זאל אויף דעם טיש אין משכן לייגן דעם לחם הפנים פון איין שבת צום אנדערין · האט ער גיזאגט

דיא שיקט זיך אין מלך זאל אלט גיבאקין ברויט עסין · אונ ער איז גיוועזן דער זון פון דעם מצרי וואש משה האט גיהרגת אין מצרים אונ איין מענטש האט אים גיזאגט דאש משה האט גיהרגת זיין פאטער מיט איין שם · דרום האט ער גישאלטין דעם שם פון גאט ווייל זיין פאטער איז וואָרין דורך אים גיהרגת אונ ער האט ניט גיוואלט קומען צו משה צום משפט האט מען אים גיבראכט · דר בחיי שרייבט דרום האט דיא תורה ניט גישטעלט קורץ דעם דין ווער עש שילט גאט דער זאל ווערין גיטייט ווייל דיא תורה וויל אונז ווייזין צווייא זאכין · איינש ווייזט אונז די תורה דאש קיין שום מענטש האט זיך ניט דער וואוגין צוא שילטין דעם שם נאר ער · ווייל ער קומט ארויש פון איין שלעכטער זרע · דרום איז ער אזו שלעכט גיוועזן · דאש אנדערע ווייזט אונז די תורה דאש ער האט ארויש גירעט דעם שם מיט אלע פיר אותיות אונ האט אים גישאלטין אזוא וויא אין פסוק שטייט ויקב בן האשה הישראלית את השם ער האט באשיידליך ארויש גירעט דעם שם מיט זיינע אותיות אונ האט אים גישאלטין · פון דאנען זאל מען אפ לערנען ווען מען דער מאנט איין שם אין דער תפלה זאל מען אין הארצין אין זין האבין דאש באשיידענעש וואש אין דיא פיר אותיות פון דעם שם איז אזוא וועט דיא תפלה ווערין דער הערט פאר גאט ושם אמו שלומית בת דברי זיין מוטער האט גיהייסין שלומית דיא טאכטער פון דברי · דער בחיי שרייבט ווער עש האט עזות אנטקעגין לייט זאל מען זעהען נאך זיין מוטער אזוא וויא דער פסוק דער מאנט ניט זיין מוטערש נאמען נאר ערשט אז ער האט דיא עבירה גיטאן שטעלט דיא תורה דיא מוטערש נאמען צוא ווייזין דאש זיא האט אים גורם גיוועזן ער זאל שלעכט זיין דען איין קינד האט אין זיך דיא מעשים

פון דער מוטער מער וויא פון דעם פאטער ווייל ער קומט פון איר בלוט אונ וואקסט אין איר בויך אונ אז ער ווערט גיבארין זייגט ער איר מילך דרום גיראט אפט אז דאש קינד האט אין זיך גוטע מעשים דאש קומט פון דער מוטער אזוא וויא עמרם האט גינומען יוכבד האט ער מיט איר גיהאט משה אונ אהרן אונ מרים אלע גוטע קינדער אונ דער פסוק ווייזט אונז דאש צווישין ישראל איז מער קיין זונה ניט גיוועזן נאר דיא איינע · אונ ווייל זיא האט איטלעכין מאן שלום גיגעבין אונ האט מיט איטלעכין גירעט דרום האט זיך איר גיטראפין דיא מעשה · אונ דרום האט מען זיא גירופין שלומית ווייל זיא האט איטלעכין שלום גיגעבין : למטה דן זיא איז גיוועזן פון שבט דן · איין רשע ברייעגט חרפות אויף זיין משפחה אונ אויף זיין פאטער אונ מוטער · דרום זאגט דער פסוק פון וואש פאר איין שבט זיא איז גיוועזן · אונ איין צדיק ברייעגט איין גוטין שבח אויף פאטער אונ מוטער אונ אויף זיין משפחה · בנקבו שם יומת אונ עם שטייט דער בייא ואיש כי יכה צוא ווייזין ווען איינער שלאגט זיין חבר איז גלייך וויא ער שילט גאט וסמכו כל השומעים את ידיהם דיא עדים זאלין ארויף לייגין זייערע הענט אויף דעם קאפ פון דעם וואש האט גישאלטין דעם שם דען די עדים האבין גימוזט באשיידליך זאגין וויא אזוא ער האט גישאלטין דעם שם אונ דאש איז איין עבירה · דרום האבין זייא ארויף גילייגט זייערע הענט אויף זיין קאפ צוא זאגין דיא עבירה זאל זיין אויף דיר וואש מיר האבין גימוזט ארויש ריידין דעם שם :

# הפטרת אמור

והכהנים הלוים בני צדוק אשר שמרו את משמרת מקדשי זאגט גאט דיא כהנים פון שבט לוי דיא קינדער פון צדוק וואש האבין

גיהיט

גיהיט דאש היטונג פון מיין הייליקייט אין
דער צייט וואש דיא ישראל האבין אוועק
גיבלאנזעט פון אפ מיר דרום זאלין זייא
גינעהענן צוא באדינגן מיך אונ צוא מקריב
זיין צוא מיר חלב אונ דם אזו זאגט גאט דער
האר המה יבואו אל מקדשי והמה יקרבו אל שולחני
לשרתני זייא זאלין קומען אין מיין מקדש אונ
זייא זאלין גינעהענן צו מיין טיש צו באדינגן
מיך אונ צוא מסדר זיין דיא צווייא מערכות
לחם הפנים אונ זייא זאלין היטין מיין היטונג
והיה בבואם אל שערי החצר הפנימית אונ ווען דיא
כהנים גדולים וועלן קומן אין דעם אינוויינגסטין
הויף אום יום כפור כלומר אין קדשי קדשים
זאלין זייא אן קליידין ליינען קליידער אונ
זאלין ניט אן קליידין וואלענע קליידער אז
זייא וועלין באדינגען אין דעם אינווייניגסטין
הויף אין קדשי קדשים פארי פשתים יהיו על
ראשם היטלען פון ליינען זאל זיין אויף זייער
קאפ לא יחגרו ביזע זייא זאלין ניט אן קליידין
אויף דעם ארט וואש שוויצט דאש איז ניט
העכער פון דעם עלינבויגין אונ ניט נידעריגר
פון דיא לענדין ובצאתם אל החצר החיצונה אונ אז
זייא וועלין ארויש גיין אין אויסין ווייניגסטין
הויף צום פאלק דאש איז עזרת נשים וואו כל
ישראל מעגין אהין ארין גיין זאלין זייא אויש
טאן זייערע קליידער וואש זייא האבין באדינט
אין זייא אונ זאלין זייא לייגין אין איין
קאמער אין מקדש אונ זאלין אן טאן אנדערע
קליידער אונ זייא זאלין ניט אן רירין אין
פאלק מיט דיא הייליגע קליידער וראשם לא
יגלחו אונ זייערע קעפ זאלין זייא ניט גאר אפ
גאלין אונ זאלין זיך ניט גאר לאזין וואקסין
דיא האר נאר זייא זאלין זיך שערין דאש איין
שפיץ פון איין האר זאל גרייכין ביז אין
ווארציל פון דער אנדערער האר דאש דער
קאפ זאל זיין באדעקט מיט האר · דיא גמרא
זאגט איין מלך האט זיך גישארין אלע טאג
אונ איין כהן גדול אלע פרייטאג אונ איין כהן
הדיוט האט זיך גישארין אלע חודש ויין לא
ישתו אונ קיין וויין זאלין דיא כהנים ניט
טרינקען ווען זייא וועלין דארפין טאן דיא
עבודה ואלמנה וגרושה לא יקחו איין כהן גדול
זאל ניט נעמען איין אלמנה אונ איין גרושה

פאר איין ווייב אונ איין כהן הדיוט מעג
נעמען איין אלמנה · אונ איין גרושה
טאר ער ניט נעמען כי אם בתולות מזרע בית ישראל
נאר איין בתולה פון ישראל זאל איין כהן
גדול נעמען · אונ איין אלמנה זאלין נאר איין
טייל כהנים נעמען דאש זיינען דיא פראסטע
כהנים ואת עמי יורו אונ דיא כהנים זאלין לערנן
תורה מיט ישראל ועל ריב המה יעמדו למשפט אונ
אויף איין קריג זאלין זייא איין משפט געבין
ואל מת אדם לא יבא לטמאה איין כהן זאל זיך
ניט מטמא זיין צוא איין מת נאר צוא זיין
פאטער אונ מוטער אונ צוא איין זון אונ
צוא איין טאכטער אונ צוא איין ברודער אונ
צוא איין שוועסטער וואש האט נאך קיין מאן
ניט צוא דיא זאל ער זיך מטמא זיין · אונ
נאך דעם זאל ער ציילין זיבין טעג אונ זאל
זיין טהור וביום בואו אל הקודש אונ אין דעם
טאג וואס דער כהן וועט דאש ערשטע מאל
ארייין קומען אין היכל צוא טאן דיא עבודה
זאל ער מקריב זיין איין חטאת דאש איז
גימיינט דאש צעהנטעל מאס מעל וואש איין
כהן האט גידארפט מקריב זיין אין דעם
ערשטין טאג וואש ער האט אן גיהויבין דיא
עבודה טאן אין בית המקדש אזו זאגט גאט
דער האר · והיתה להם לנחלה דיא כהונה זאל
זיין צוא זייא צוא איין נחלה זייא זאלין ניט
נעמען קיין פעלדער אונ שטעט אזוא וויא
ישראל · דען איך גאט בין זייער נחלה ·
זייא וועלין האבין צוא עסין קרבנות פון מנחה
אונ חטאת אונ אשם אונ אלץ וואש מען
מאכט הקדש זאלין זייא עסין · אונ בכורים
אונ תרומה אונ חלה זאלט איר געבין צום
כהן אונ גאט וועט דיר געבין איין ברכה
אין דיין הויז פון וועגין דעם זכות · כל נבלה
וטרפה מן העוף ומן הבהמה לא יאכלו הכהנים איין
נבלה אונ איין טרפה פון איין בהמה אונ
פון איין עוף זאלין דיא כהנים ניט עסין ·
אונ איין ישראל טאר אויך קיין נבלה וטרפה
ניט עסין נאר דרום זאגט ער כהנים חאטשע
זייא עסין איין חטאת העוף וואש מען דער
ווערגט עש וואש דאש הייסט איין נבלה פון
דעקסט וועגין זאלין זייא קיין אנדערע נבלה
וטרפה ניט עסין :

בהר סיני שלמה המלך זאגט אין משלי לב צדיק
יהגה לענות ופי רשעים יביע רעות דר צדיק טוט
ריידן מיט שפלות אונ ווייכע רייד אונ דער
רשע טוט ריידן מיט גאוה אונ האפערדיגע
רייד · אונ די רייד פון דעם מענטשין ווייזין
אויף דר מחשבה פון זיין הארץ אונ דאש איז
גיוויש דאש שפלות איז די בעסטע מדה
צווישן אלע מדות דען די שכינה טוט אנדרש
ניט רוען נאר ביי דעם וואש האלט זיך נידריג
אזו וויא אין פסוק שטייט מרום וקדוש אשכון ואת
דכא ושפל רוח גאט זאגט איך בין הויך אונ הייליג
אונ טוא רוען מיט דעם וואש האלט זיך נידריג
אונ די תורה קען נאר בלייבן ביי דעם וואש
האלט זיך נידעריג אזו וויא אין פסוק שטייט
הוי כל צמא לכו למים גלייכט ער די תורה צו וואשר
וואש זיא גייט נאר אויף איין נידעריג ארט
אונ ניט ארויף אזו די תורה גייט נאר צו דעם
מענטשן וואש האלט זיך נידעריג אויך גיפינן
מיר דש גאט האט גילאזט שטיין אלע הויכע
בערג אונ האט די תורה גיגעבן אויף איין
נידעריגן בארג דאש איז דר בארג סיני · אונ
אויך דרום האט גאט גיהייסן די ערד זאל רוען
אין דעם זיבעטין יאר דאש איז שמיטה מען
זאל ניט אקערין אונ זייען אונ אפילו וואש
וואקסט פון זיך אליין זאל מען אויך ניט שניידן
אין שמטה אונ אויך אויין גארטין זאל מען
ניט ארום גראבן אונ שניידן די ויין טרויבין
פון אים כדי דער מענטש זאל וויסן דאש
ער איז ניט קיין האר איבר קיין שום זאך עש
זאל אלץ פרייא זיין צו ווייזן דאש דר מענטש
זאל זיך ניט הויך האלטין מיט זיין פעלד אונ
מיט זיין ויין גארטן ער זאל ווישן דאש גאר
דאש עשירות איז אלץ צוא גאט אליין שבע
שבתות דו זאלשט ציילן זיבן שמיטות נאך
אנאנדר צו זיבן יאר דאש איז ניין אונ פערציג
יאר אונ דש פופציגטע יאר איז יובל זאלשטו
עש מאכן הייליג אונ זאלשט בלאזן מיט איין
שופר אונ זאלשט פרייא לאזן אלע קנעכט
אונ דינשט מיידן דש זיי זאלין דיך מער ניט
דינגן אונ ווען איינער האט לאנג פאר קויפט
זיין פעלד זאל עש זיך אום יובל צו אים אום
קערין אונ אום יום כפור האט מען גיבלאזין
מיט אשופר מען זאל ווישן אז עש איז יובל
ולא תונו איש את עמיתו איר זאלט ניט נארן איין
מענטש זיין חבר · ווען דו ווילשט פאר קויפן
איין פעלד זאלשטו זעהן וויא פיל יאר עס איז
ביז יובל אויב עש איז פיל יארין זאלשטו פיל
געלט דר פאר נעמן אונ אויב עש איז ווייניג
יארן זאלשטו ווייניג געלט דר פאר נעמן נאך
דעם חשבון פון דער תבואה וואש עש קען
וואקסן ביז יובל זאלשטו אים פאר קויפן · דר
בחיי שרייבט דרום האט די תורה די פרשה
נאהינט גשטעלט ביי דר פרשה פון שמיטה צו
ווייזן מען זאל גווארנט זיין צו האלטן שמיטה
דען אז ער וועט קיין שמיטה ניט האלטן וועט
גאט אויף אים שיקן דלות וועט ער מוזן פאר
קויפן זיינע כלים אונ קליידר טוט ער תשובה
איז גוט אונ אויב ניט וועט ער מוזן פר קויפן
זיינע פעלדר אונ ווען ער טוט נאך קיין תשובה
ניט מוז ער בעטן ברויט ולא תונו איש את עמיתו איין
מענטש זאל דעם אנדרין ניט נארין אונ דער
צערינן מיט רייד אונ זאל אים מאכן וויינען
דען פון דעם מאל אן וואש דר בית המקדש
איז חרוב גיווארין זיינן פאר שלאסין גיווארן
די טויערן פון תפלה אבר די טויערן פון טרערן
וואש מען ווייניט זיינן ניט פר שלאסן אונ גאט
איז מקבל די תפלה מיט גיוויין אונ ווען מען
דר צערינט איינעם מיט רייד איז זיין הארץ
צו בראכין אונ ער טוט וויינן דרום וועט דיך
גאט שטראפין אז ער וועט הערין זיין תפלה
מיט גוויין וכי תאמרו מה נאכל ווען איר וועט זאגן
וואש וועלן מיר עסין אין דעם אכטין יאר אז
מען וועט ניט זייען אין דעם זיבעטין יאר
זאגט גאט איך וועל געבין מיין ברכה אין
זעקסטין יאר עש זאל וואקסין תבואה אויף
דריי יאר אויף דעם זעקסטין יאר אונ אויף
דעם זיבעטין יאר אונ אויף דעם אכטין יאר
אונ אין דעם אכטין יאר וועט איר זייען אזו

ועט

ווערט איר עסין פון דר אלטר תבואה ביז אין ניינטין יאר וכי ימוך אחיך ווען דיין ברודר ווערט ארום ווערין אונ ווערט פאר קויפין איין פעלד דאש לערינט אונז דש איין מענטש זאל ניט פאר קויפין איין פעלד סיידין ער האט גרויס דחקות אונ דלות מאחוזתו איין טייל פון זיינע פעלדר האט ער פר קויפט׳ די תורה לערינט דרך ארץ איין מענטש זאל ניט פאר קויפין אלע זיינע פעלדער ער זאל זיך אויך עפעס איבר לאזין ובא גואלו הקרוב אליו ווען דו האסט פאר קויפט איין פעלד האט די תורה אויף דיר רחמנות גיהאט דו זאלסט עס קענן אויס לייזין ווען דו האשט געלט נאר פאר צווייא יאר קענשטו עס ניט אויס לייזין עס מוז זיין צווייא יאר ביי דעם וואש האט עש גיקויפט אונ ווען ער האט ניט קיין געלט דאש פעלד אויש צו לייזין זאלין זיינע קרובים אויס לייזין עס אונ ווען ער האט קיין קרוב ניט זאל דאש פעלד בלייבן ביי דעם וואש האט דש גקויפט ביז יובל אזוא ווערט עס זיך אום קערין צום ערשטין הארן ואיש כי ימכור בית מושב עיר חומה אונ ווען איין מענטש פאר קויפט זיין הויז וואש דאש איז איין גרויסע חרפה מעג ער אויס לייזין אפילו אין דעם ערשטין יאר וכי ימוך אחיך ווען איין ישראל ווערט ארום זאלסטו אים העלפין מיט וואש מיגליך איז אונ אז דו ווערסט אים לייען געלט זאלשטו פון אים ניט נעמן קיין רווחים ויראת מאלהיך דו זאלשט דיך פארכטין פר גאט אני יי אלהיכם איך בין אייער גאט וואש איך האב גיוואוסט אין מצרים ווער עס איז איין בכור אונ ווער ניט וחשב עם קונהו ווען איין ישראל האט זיך פאר קויפט צו איין עובד כוכבים אונ וויל זיך אויס לייזין זאלסטו מיט דעם עובד כוכבים איין רעכטין חשבון האבין אויף וויא פיל יאר דו ביסט צו אים וואריין פר קויפט אונ וויא פיל דו האשט אים גידינט אונ זאלשט אים קיין שקר ניט טאן האטשע דר עובד כוכבים איז אונטר דר האנט פון איין ישראל זאל מען אויך קיין עובד כוכבים ניט גזלען דען עש איז איין חילול השם אונ מען זאל אים ניט מאכין ער זאל איין טעות האבן דען עש איז איין חילול השם אונ ווען מען גיט אפ אפילו דאש וואש דר עובד כוכבים אליין האט איין טעות גהאט דאש איז איין רעכטר קידוש השם אונ גאט ווערט אים טאפיל בצאלן אונ דרום האט יעקב גיהייסין זיינע קינדר זיי זאלין אום קערין דש זילבר וואש זיי האבן גיפונן אין זייער תבואה קיין מצרים פון קידוש השם ווענן די גמרא זאגט עס איז מער עבירה איין עובד כוכבים פאלשקייט צו טאן וויא איין ישראל דען דר עובד כוכבים ווערט חיז ריידין אויף גאט אונ ווערט זאגין אזו וויא ישראל זיינן פאלש אזו איז זייער אמונה פאלש אונ דרום האט שלמה המלך תפלה גיטאן אז ער האט אויף גיבויט דעם בית המקדש אונ האט גזאגט רבונו של עולם ווען איין עובד כוכבים ווערט תפלה טאן אין בית המקדש זאלסטו אן נעמן זיין תפלה האטשע ער ווערט ניט ווערט זיין כדי ער זאל קיין ביין ניט ריידין אויף דר אמונה אונ ווען די קרובים לייזין אויס דעם קנעכט פון דעם עובד כוכבים זאלין זיי אים פרייא לאזין אונ זאלין ניט זאגין מיר האבין אים אויש גלייזט לאז ער ביי אונז דינן לא תעשו לכם אלילים איר זאלט אייך ניט מאכין קיין אפ געטער איין גישטאלט פון מלאכים צו דינן זיי אונ זאלסט ניט מאכין קיין שיינעם שטיין צו בוקין זיך אויף אים׳ אונ דרום האט דיא תורה אן געשריבן מען זאל ניט דינען קיין עבודת כוכבים ביא דעם דין ווען איין ישראל פאר קויפט זיך צו איין כותי צו ווייזין דר ישראל זאל ניט זאגין מיין האר דינט עבודת כוכבים וועל איך אויך אזו טאן מיין האר איז מחלל שבת וועל איך אויך אזו טאן דאש זאל ער ניט זאגן אני יי איך בין גאט וואש איך קאן באצאלין גוטין שכר צו דיא וואש האלטין מיינע מצות אונ וועל שטראפין צו די וואש האלטן ניט מיינע מצות דרום זאל איטליכער

פענטש גיווארינט זיין צוא האלטין נאטש מצות צו מקבל זיין איין גוטין שכר :

# הפטרת בהר

ויאמר ירמיהו היה דבר יי אלי לאמר ירמיה האט גיזאגט עש איז גיוועזן די רייד פון גאט צו מיר צו זאגין עש וועט קומען צו דיר דיין פעטערש זון חנמאל בן שלום אונ וועט דיר זאגין קויף דיר מיין פעלד וואש ביי דר שטאט ענתות איז דען דו דארפשט עש קויפין וויל אז איך זאל עש פאר קויפין צו איין אנדערין וואלסטו עש גידארפט אויש לייזין וייל דוא ביסט איין קרוב אונ מכל שכן דאש דו דארפסט עס קויפין ויבא אלי חנמאל איז צו מיר גיקומען חנמאל מיין פעטערש זון אזו וויא גאט האט גיזאגט אונ האט גיזאגט קויף דיר מיין פעלד וואש ביא דער שטאט ענתות איז האב איך גיוואוסט דאש גאטס ווילין איז איך זאל עש קויפין אונ איך האב גיקויפט דאש פעלד פון חנמאל אונ האב אים באצאלט ואכתוב בספר ואחתום ואעד עדים אונ האב עש איין גישריבין אין איין ספר דאש הייסט אויף פארמעט דעם שטר מכירה אונ האב גיהייסין חתמען עדים דאש איך האב גיקויפט דאש פעלד ואקח את ספר המקנה אונ איך האב גינומען דעם ספר מיט דער חתימה אונ האב אים גיגעבין צו ברוך בן נריה פר די אויגין פון מיין פעטערש זון אונ פר די אויגין פון די עדים אונ פר די אויגין פון כל ישראל וואש זיינן דר ביי גיוועזן ואצוה את ברוך לעיניהם אונ האב גיבאטין צו ברוך פאר זייערע אויגין ער זאל נעמען דעם ספר המקנה מיט דר חתימה מיט דעם קיום פון דיינים אונ זאל עש געבין אין איין ערדענע כלי כדי עש זאל קענען גיווערין איין לאנגע צייט כי כה אמר יי צבאות דען אזו האט גיזאגט גאט דר האר איבער אלע חיילות דרום זאלסטו דעם ספר באהאלטין צו ווייזין דאש ישראל וועלין ווידער ווערין אויס גילייזט אונ וועלין קומען אין זייער לאנד צו זייערע פעלדר אונ הייזער דרום וועט מען דעם ספר דארפין צו ווייזין דאש איך האב גיקויפט דאש פעלד ואתפלל אל יי האב איך ירמיה גיבעטין צוא גאט נאך דעם אז איך האב גיגעבין די בריב צו ברוך בן נריה אונ האב גיזאגט דו גאט האסט באשאפין

הימיל אונ ערד מיט דיין כח אונ ווייסט אלע פאר בארגענע זאכין אונ ווייסט דאש מיר וועלין פאר טריבין ווערין אונ ווארום האסטו מיר גיהייסין קויפין דאש פעלד עושה חסד לאלפים דוא טוסט חסד צו צוויי טויזינט דורות אונ בצאלסט אויף די עבירות וואש דר פאטער טוט צו דיא קינדר ווען זיי טוען די עבירות וואש די פאטער האבין גיטאן גדול העצה דוא ביסט איין גרויסר חכם עצות צו געבין אונ טוסט גרויסע מעשים דיינע אויגין זיינן אפין צו זעהן אויף דעם וועג פון אלע מענטשין צו באצאלין איטליכין מיט זיין מאס אשר שמת אותות ומופתים וואש דו האסט גיטאן גרויסע וואונדר אין לאנד מצרים צו ישראל אונ צו אנדערע מענטשין ביז אין דעם היינטיגן טאג אונ האסט אויס גיצויגן די ישראל פון מצרים מיט גרויסע וואונדר ׳ ותתן להם את הארץ הזאת אונ האסט גיגעבין צו זיי דאס דאזיגע לאנד אזו וויא דו האסט גישווארין צו אברהם ויבואו וירשו אותה אונ זייא זיינען גיקומען אונ האבין גירשת דאש לאנד אונ ישראל האבין ניט צוא גיהערט צוא דיינע מצות דרום איז גיקומען אויף זייא אלע צרות הנה הסוללות באו העיר דיא לייט וואש האלטין מלחמה אויף דיא שאנצין זיינען גיקומען אין שטאט ארין צוא באצווינגען זיא אונ דיא שטאט ווערט איבער גיענטפערט אין דער האנט פון דיא כשדים וואש האלטין מלחמה אויף איר פון וועגין דער שווערד אונ פון וועגין הונגער אונ טויט אונ דאש וואש דוא האשט גירעט איז גיוועזן אונ דוא גאט זעהשט אז עש איז אזו אונ זאגשט מיר איך זאל קויפין איין פעלד פאר עדות אונ דיא שטאט וועט ווערין גיגעבין אין דער האנט פון דיא כשדים דרום וואש טויג מיר דאש פעלד דאש דיא כשדים וועלין עס חרוב מאכין ויהי דבר יי אל ירמיהו האט גאט גיענטפערט צוא ירמיה איך ווייש אלע פאר בארגענע זאכין אונ ווייש דאש ירושלים וועט חרוב ווערין דרום האב איך דיר גיהייסין קויפין דאש פעלד צוא טרייסטין דער מיט דיא ישראל זייא זאלין ווישין דאש זייא וועלין דער לייזט ווערין אונ וועלין ווידער קויפין פעלדער אונ הייזער :

אם בחוקתי שלמה המלך זאגט אין משלי עטרת חכמים עשרם אולת כסילים אולת צו חכמים איז דאש עשירות איין קרוין אונ צו דיא רשעים איז דאש עשירות איין נארישקייט עש מאכט זייא שטרויכלין אין אלע זאכין דען ווען איין חכם איז איין עושר ווערין זיינע רייד אן גינומען אונ לייט פאלגין אים. אבער ווען ער האט דעם דלות ווערין זיינע רייד ניט צו גיהערט חאטשע ער זאגט גרוישע חכמות אזו וויא אין פסוק שטייט וחכמת המסכן בזויה די חכמה פון איין ארום מאן איז מבוזה אונ אויך קען דער חכם דורך דעם עשירות פיל מצות טאן צדקה געבין אונ אויך אנדרע מצות קען ער טאן מיט דעם געלט אבר ביי דעם רשע איז דש עשירות צו איין נארעשקייט אונ צו איין שטרויכלונג דען ער גיט ניט קיין צדקה אונ האלט זיך דורך דעם זייער הויך אונ וויל ניט ריידין מיט לייט דורך דעם האבן אים לייט פיינט אונ שיידין זיך אפ פון אים אונ האלטין אים נידעריג ווייל ער וויל קיין גוטש ניט טאן צו לייען מענטשן געלט אפילו אויף איין משכון אונ דר מיט מאכט ער זיך איין בייזין שם דען איטליכער טוט פון אים ריידין אבער ווען ער זאל האבין דעם דלות וואלט מען פון אים ניט גירעט חאטשע ער האט אין זיך בייזע מעשים מען וואלט אין אים פאר געסין אבר דורך דעם געלט וואש ער האט טוט דר עני פון אים ריידין אונ דר ציילט אלע זיינע מעשים וואש ער האט אין זיך אונ מען זעצט נאך צו אפילו וואש ער האט אין זיך ניט אונ מען שענט זיין סחורה אונ מען איז זיך משמח אויף זיין מפלה אונ דרום האט די תורה אלע מאל אן גישריבין מען זאל מצות טאן אונ שטעלט דאש ער ווערט דר פאר געבין קארין אונ רעגין חאטשע דיא תורה איז ניט גיגעבין גיווארין פון דעם עולם ווענין צו עסין אונ צו טרינקן פאר איר דאך האט דיא תורה גימוזט זאגין דאש ער ווערט האבין גינוג צו עסין אונ צו טרינקען כדי מען זאל קענען תורה לערנן אונ מצות טאן מען זאל קענן קומען לעולם הבא דרום האט די תורה דא אן גיהויבין אם בחוקתי תלכו ווען איר ווערט פרום זיין צו האלטן מיינע מצות וועל איך געבין גינוג רעגין דאש איר זאלט האבין צו עסין ונתתי שלום בארץ איך וועל געבין שלום אין לאנד כדי ישראל זאלין ניט זאגין ווען יוא מיר האבן צו עסין ווען עש איז קיין שלום ניט איז עש גאר ניט ווערט דרום זאגט דר פסוק איך וועל אייך געבן שלום ורדפו מכם חמשה מאה פינף ישראל וועלן נאך יאגן הונדרט כותים ומאה מכם רבבה ירדופו אונ הונדערט פון אייך וועלן נאך יאגן צעהן טויזנט איז קשה ווען פינף יאגין נאך הונדרט קומט אויש דר חשבון דאש הונדרט דארפין נאך יאגין צוויי טויזנט אונ ניט צעהן טויזנט דר תירוץ איז עס איז ניט גלייך דער זכות פון פיל ישראל וואש זיינן ביי אנאנדער וויא דער זכות פון ווייניג ישראל דען גאט הערט ניכער די תפלה פון פיל לייט דרום ווען הונדערט פון ישראל וועלין זיין אין איינעם וועט איטליכער קענן נאך יאגין הונדרט אבר ווען נאר פינף וועלין זיין אין איינעם וועט איטליכער נאר קענען נאך יאגין צוואנציג ופניתי אליכם גאט זאגט איך וועל מיך קערין צו אייך והתהלכתי בתוככם אונ איך וועל גיין צווישין אייך כלומר לעולם הבא וועל איך מיך מיט אייך שפאצירין אין גן עדן אונ די פרשה האט צום ערשטן גזאגט דאש ער וועט אונז געבין ברויט מיר זאלין קענן לערנען תורה אונ צו קומען דורך דעם צו עולם הבא אונ דער נאך זאגט זיא דאש גאט וועט זיין מיט אונז לעולם הבא אז משיח וועט קומען ואולך אתכם קוממיות אז משיח וועט קומען וועט גאט דאש בית המקדש הויך בויען צווייא מאל אזו הויך וויא דיא הויך פון אדם הראשון אונ דיא מענטשין וועלין אויך אזו הויך זיין אונ די פרשה איז ווארין אן גיהויבין מיט איין אל"ף אונ לאזט זיך אויש מיט איין תי"ו צו ווייזין ווען ישראל

וועלין האלטין דיא תורה פון אלף ביז תי"ו
וועלין אויף זיי קומן אלע ברכות וואש אין
דער פרשה שטייט · אונ נאהינט דער בייא
האט די תורה אן געשריבין די קללות וואש
וועלין קומען אויף ישראל ווען זייא וועלין
עובר זיין אויף די מצות · אונ זייא הויבין
זיך אן מיט איין וא"ו אונ לאזין זיך אויש מיט
איין ה"א דאש זיינן די צוויי אותיות פון דעם
שם פון גאט דאש ווייזט אונז דאש גאט איז
ביי אונז אונ ווערט אונז אויש לייזין פון דיא
קללות · דר מדרש זאגט מען זאל ניט זאגין
דיא ברכות זיינען ווייניג פסוקים אונ דיא
קללות זיינען פיל פסוקים דרום האט ער דיא
ברכות אן גיהויבין מיט איין אלף אונ לאזט
אויש מיט דעם תי"ו צו ווייזן דאש די ברכות
וועלין לאנג גיוועריו אזוא וויא פון אלף ביז
תי"ו איז ווייט · אבר די קללות הויבין זיך אן
מיט איין וא"ו אונ לאזין זיך אויש מיט איין
ה"א וואש די צווייא אותיות שטייען איינש
ביי דעם אנדערין צו ווייזן דאש די קללות
וועלין ניט לאנג גיווערין · דר תולדות יצחק
שרייבט בחוקותי תלכו איז גימיינט איר זאלט
האלטין די מצות וואש האבין קיין טעם ניט
ווארום מען האלט זייא נאר ווייל גאט האט
גיהייסין מען זאל זיי האלטין · אונ דער נאך
זאגט ער מצותי תשמרו איר זאלט האלטין דיא
מצות וואש האבין יוא טעמים · אונ נאך
איין פשט איז תשמרו דאש איז טייטש ווארטן
איר זאלט ווארטין אויף די מצות צו טאן זיי
ניט די מצות זאלין אויף אייך ווארטין אונ
זאלט חשק האבין צו איטליכער מצוה אונ
דרום זאגט ער דר נאך ועשיתם אותם כלומר איר
זאלט ווארטין אויף דער מצוה צו טאן איר
אונ ווען די צייט קומט זאלט איר איר טאן ·
אויך פרעגט דער תולדות יצחק דיא תורה
זאגט פינף ישראל וועלין נאך יאגין הונדרט
כותים אונ הונדערט ישראל וועלין נאך יאגין
צעהען טויזנט כותים אבר דר חשבון קומט
ניט אויש אזו דען אז פינף יאגין נאך הונדרט

קומט אויש אויף הונדערט צווייא טויזנט
אונ ניט צעהען טויזנט · דר תירוץ איז ווען
די ישראל האלטין מלחמה איז ראוי עש זאל
זיין אזו פיל ישראל וויא פיל כותים נאר גאט
טוט זיי נסים אונ מאכט דאש פינף ישראל
יאגין נאך הונדרט אונ אז די ישראל גיווינן
די מלחמה אזו ווערט דאש הארץ פון דיא
כותים צו בראכין קענען שוין הונדערט נאך
יאגין צעהען טויזנט · אונ אויב דו וועסט
זאגין דיא ישראל וועלין ניט פיל זיין דרום
וועלין ווייניג מוזין מלחמה האלטין · דרום
זאגט דער פסוק והפריתי אתכם איך וועל אייך
מערין אונ די פרשה לערינט אונז דאש עש
זיינן פיר כתות צווישין ישראל · אטייל איז
דא וואש אקערין אונ זייען די ערד איין צו
זאמלין קארין אנטקעגין זיי זאגט דר פסוק
ונתתי גשמיכם בעתם איך וועל אייך געבין רעגין
אין דר צייט דאש זיי זאלין האבין קארין ·
אונ אטייל זיינן וואש ווילין פיל געלט אונ
אקערין ניט אונ ווילין קיין מלחמה אויך ניט
האלטין נאר זיי ווילין רוא האבין אנטקעגין
זיי זאגט דר פסוק ונתתי שלום איך וועל זייא
געבין רוא · אונ אטייל לייט זיינען וואש
האבין לושט מלחמה צו האלטין · אנטקעגין
זיי זאגט דער פסוק ורדפו מכם חמשה מאה פינף
פון אייך וועלין נאך יאגין הונדערט · אונ
אטייל לייט זיינען וואש באגערין ניט קיין
מלחמה צו האלטין אונ ניט צו אקערין אונ
ניט קיין עושר נאר זיי באגערין תורה לערנן
אונ מצות האלטין · אנטקעגין זיי זאגט דר
פסוק ונתתי משכני בתוככם והתהלכתי בתוככם איך
וועל מאכין רוען מיין שכינה צווישין אייך
פון וועגין דער תורה אונ מצות וואש איר
האלט · ואם לא תשמעו לי אויב איר וועט ניט
צו הערין צו מיר ווייל איר וועט זיך טראכטן
מיין השגחה איז ניט אויף אייך · דרום וועט
איר ניט טאן מיין גיבאט · אנטקעגין דעם
אנדערין זאגט ער ואם בחוקותי תמאסו אונ אויב
איר וועט ניט האלטין די מצות וואש דער

שכל

שכל איז ניט מחייב צו טאן די האבין קיין
טעם ניט · אונ אנטקעגין דעם דריטין זאגט
ער ואם את משפטי תגעל נפשכם איר וועט ניט
טאן מיינע מצות ווייל זיי זיינען פיל דרום
זיינען זיי אייך מיאוס · אונ אנטקעגין דעם
פערטין זאגט ער להפרכם את בריתי צוא פאר
שטערין מיינע מצות דען איר ווילט ווידער
שפעניגין אין מיר · אונ דרום שטייט אין דר
פרשה דאש גאט וועט זייא שטראפין מדה
כנגד מדה · אויף דעם וואש איר זאגט מיין
השגחה איז ניט אויף אייך דרויף זאגט דער
פסוק והפקדתי עליכם בהלה איך וועל השגחה
אויף אייך האבן אונ וועל אויף אייך ברייגגן
איין דער שרעקעניש · אונ דאש איז ווייל
איר זאגט איך האב צוא טאן מיט מלחמות
דרום בין איך צו צייטין היילנדיג אונ דער
שראקין דרום וועל איך אויף אייך ברייגגען
איין דר שרעקעניש · אונ אויף דעם וואש
איר זאגט דר שכל איז ניט מחייב די מצות
צו טאן · דרום זיינען זיי אויף אייך מיאוס
אונ דאש קומט פון ווענין גאוה וואש איר
האלט אייך חשוב דרום זאגט דער פסוק
ושברתי את גאון עוזכם איך וועל צו ברעכין אייער
גאוה אונ וועל אייך נידעריג מאכין דיא
הימלען וועלין זיין שווארץ אזו וויא אייזין
איבער פיל וואלקין וואש וועלין זיין אונ
קיין רעגין וועט דאך ניט גיין · די וואלקין
וועלין זיך ניט קערין צוא אייך זייא וועלין
אייך פאר גישט האלטין · אונ אנטקעגין
דעם וואש איר האט גזאגט דיא מצות זייגען
זייער פיל דרום זייגען זיי אייך מיאוס · דרויף
זאגט דער פסוק והשלחתי בכם את חית איך וועל
אויף אייך שיקן דיא חיות פון פעלד אונ זיי
וועלין אייך מינערין · אזו וויא איר באגערט
ניט פיל מצות · דרום וועל איך ניט באגערן
פיל פון אייך · אונ אנטקעגין דעם וואש
איר ווילט ווידר שפעניגין אין מיר אונ ווילט
אפ רייסן דעם עול מצות פון אייך · אזו וועל
איך אייך באצוויגגען אין מיינע הענט דאש
זיין

איר וועט ניט קענען אנטלויפין דרויף זאגט
דר פסוק והבאתי עליכם חרב איך וועל אויף אייך
ברייגגען איין שווערד פון דיא עובדי כוכבים
אזו וועט איר אנטלויפין אין אייערע שטארקע
שטעט וועל איך שיקן איין מארד אין אייערע
שטעט וועט איר דארפן ארויש פון זיי אזוא
וויא דר סדר איז דאש אין איין מארד גייט
מען ארויש פון דר שטאט אונ איר וועט ניט
קענען ארויש פון וועגן דר שווערד אזו וועט
איר זיין גיפאנגען אין מיין האנט · בשברי לכם
מטה לחם איך וועל צו ברעכין אייערע ברויט
דאש אין אויבין וועט פאלן פון אים שטיקר
ווייש אזו וויא איר האט צו בראכן מיין ברית
ניט צו האלטין מיינע מצות ואם תלכו עמי קרי
ווען גאט גיט דעם מענטשין עשירות זאל ער
וויסין דאש גאט האט עש אים גיגעבין מיט
זיין חסד ניט ער זאל זאגין דאש ער איז אליין
איין עושר גיווארין · אדער גאט האט אים
גיגעבן פון וועגין זיינע מעשים טובים · נאר
עס איז איין חסד פון גאט · אונ אויך ווען עש
קומט אויף דעם מענטשין צרות זאל ער עס
ניט אן הייגגן אין איין טרעפונג נאר ער זאל
ווישין אזדאש איז פון וועגין זיינע עבירות ·
אונ אויב ער וועט אן הייגגען אין איין
טרעפונג וועט גאט אויף אים נאך מער צרות
שיקין · ואפו עשר נשים צעהען ווייבער וועלן
זייער ברויט באקין אין איין אויבן אונ דאש
ברויט וועט ניט זיין אויש גיבאקין · אונ
דרום זאגט ער צעהען ווייל ווען דער פסוק
זאגט פיל זאגט ער צעהען · אונ איין מאל
זאגט דער פסוק זיבין ווען ער וויל זאגין פיל
אזו וויא אין פסוק שטייט כי שבע יפול צדיק וקם
זיבין מאל וועט דער צדיק פאלין אונ וועט
דאך אויף שטיין אויך שטייט בייא יעקב
וישתחו ארצה שבע פעמים : ושממו עליה אויביכם דער
פסוק לערינט אונז דאש קיין שום אומות
קען ניט בלייבין אין ארץ ישראל · אונ דער
מיט טרייסטין זיך ישראל דאש זייא זעהען
דאש קיינר האט נאך ניט גיבויט קיין שלאס
אונ

און קיין פעסטע שטאט אין גאנץ ארץ ישראל און וועט צו צייטין ווילין זיי בזיעגן גיפעלט זיי ניט דאש לאנד: וכשלו איש באחיו אונזערע חכמים זאגין דאש איטליכער פון ישראל איז איין ערב פר זיין חבר ווען זיין חבר טוט איין עבירה מוז ער פאר אים ליידין שטראף און כל ישראל ווערין צוא צייטין גישטראפט פון וועגין איינעם. און דרום זיינען ישראל גיגליכין צוא איין הויפין ניס ווען מען נעמט איין נוס טוען זיך אלע רירין אזו אויך זיינן ישראל ווען איינר טוט איין עבירה שטראפט גאט אנדרע ישראל פון דר עבירה וועגן: וזכרתי את בריתי יעקוב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור דר פסוק שרייבט פריער יעקב האטשע ער איז אינגר גיוועזן פון אלע אבות צו ווייזין אז עש איז גינוג דאש ישראל זאלין ניצול ווערין אין זיין זכות אליין און אויב עש וועט ניט זיין גינוג זיין זכות וועט גאט דר מאנן דעם זכות פון יצחק און אויב עש וועט נאך ניט זיין גינוג וועט גאט דער מאנען דעם זכות פון אברהם. דיא תורה האט גישריבן ביי יעקב בריתי און ביי אברהם אזכור און ביא יצחק האט ער ניט אן גישריבין דאש ער וועט אים דר מאנען דאש איז ווייל זיין אש ליגט אויף דעם מזבח צוא איין זכרון פאר גאט. יעקב שטייט מיט איין ואו און ווידער גיפינען מיר פינף מאל אליה אן איין ואו דאש ווייזט דאש אליהו האט גינעבין זיין ואו צוא יעקב פאר איין משכון ער זאל קומען זאגין דיא בשורה צוא ישראל אז משיח וועט קומן צוא אויש לייזן זייא און איין ואו איז אזו וויא איין פינגער און פינף מאל איז פינף פינגער דאש ווייזט דאש אליהו האט צוא יעקב דיא האנט תקיעת כף גינעבין ער זאל קומען אין בשורה זאגין צו ישראל מיט איין טאג פריער איידר משיח וועט קומען דאש משיח וועט קומן [illegible] נפשות ווען איין מענטש זאגט ער וויל

געבין אין הקדש וויא פיל מען וועט אים שאצין אזו זאל מען אים שאצין נאך דיא יארין נאך פון צוואנציג יאר ביז זעכציג יאר זאל ער געבין פופציג שקלים זילבער און איין נקבה פון צוואנציג ביז זעכציג זאל זיא געבן דרייסיג שקלים זילבר און פון זעכציג יאר און ווייטער זאל איין זכר געבן פופצעהען שקלים און איין נקבה זאל געבן צעהען שקלים. דען איין נקבה אויף דער עלטער איז באלד אזו חשוב וויא איין זכר דרום גיט זיא פאר זיך ניט פיל ווייניגר וויא איין זכר דיא וועלט זאגט איין אלטער מאן אין הויז איז קריג אין הויז און אלטע אשה אין הויז איז מזל און ברכה אין הויז. דער תולדות יצחק שרייבט דרום שטייט דיא פרשה פון ערכין ווען איינער וועט זיך שאצין נאהינט פון דער פרשה פון דיא קללות צו ווייזין ווען אמענטש זעהט פר זיך קללות און ווערט פון זייא ניצול זאל ער געבין צדקה און נדרים טאן ווייל גאט האט אים מציל גיוועזן. עש איז גיוואוסט דאס דרייא ערליי ביז קען קומן דורך די קללות וואש אויבין איז גישטאנען דאש ערשטע עש שטייט דאש גאט זאגט איך וועל אייך פאר שפרייטין צווישן די עובדי כוכבים אז וועלין זיך ישראל טראכטין דאש גאט וועט זייא פאר בייטין און וועט נעמען איין אנדערע אומה פאר זייא צוא זיך פאר אין גיליבט פאלק דרום זאגט דיא פרשה לא יחליפנו ולא ימיר אותו גאט וועט ישראל ניט פאר בייטין. דאש אנדערע איז אין דיא קללות שטייט ועבדתם שם אלהים אחרים וועלין ישראל מיינען דאש זייא מעגין אין גלות דינען עבודת כוכבים דרום זאגט דער פסוק אין מעשר לא יבקר בין טוב לרע מען זאל אלין גאט לויבין סייא ער גיט גוטש אדער שלעכץ און ניט מען זאל דינען עבודת כוכבים אז עש איז שלעכט. דאש דריטע איז דיא ישראל וועלין מיינען דאש ארץ

ישראל

ישראל וועט אייביג בלייבין אין דיא הענט
פון דיא ישמעאלים דרום זאגט דיא פרשה
בשנת היובל ישוב השדה לאשר קנהו כלומר ווען די
גאולה וועט קומען וועלין ישראל זיך אום
קערין צוא זייער לאנד:

# הפטרת בחוקתי

יי עזי ומעזי זאגט ירמיה דוא גאט דוא בישט
מיין שטארקער וואש דוא טושט מיר
העלפין אונ איך אנטלויף צוא דיר אין דעם
טאג פון איין צרה לכן הנני מודיעם דרום זאגט
גאט וועל איך זייא מודיע זיין מיין שלאק אונ
מיין שטארקייט אונ זייא וועלין ווישין דאש
מיין נאמען איז גאט איך קען מקיים זיין מיין
גזירה חטאת יהודה דיא זינד פון שבט יהודה
איז גישריבין מיט איין אייזערנע פען וואש
קריצט טיף אונ מען קען עש ניט גרינג אפ
מעקין אונ מיט דעם נאגיל פון דעם ווארים
וואש הייסט שמיר וואש ער קריצט טיף איין
אזוא איז זייער זינד זיא איז טיף איין גיאקערט
אויף דעם טאביל פון זייער הארץ דאש
זייא פאר געסין ניט אין זייערע אפ געטער
אונ אויף דיא ווינקלען פון אייערע מזבחות
איז אויך אן גישריבין אייערע זינד כזכור בניהם
מזבחותם אזוא וויא זייא בייוקען אז זייא דער
מאגען זיך אין זייערע קינדער אזו בייוקען
זייא אז זייא דער מאגען זיך אין זייערע
מזבחות אונ אין זייערע ליגדין בוימער דען
דיא מזבחות שטיען בייא דיא בוימער אונ
אויף אלע הויך · זאגט גאט הררי בשדה דוא
ירושלים וואש דוא בישט גיבויט אויף איין
בארג וואש ארום איז איין גלייכער פלאץ
ואלשמו ווישין דאש דיין גוטש אונ דיינע
אוצרות וועל איך געבין צוא רויבונג דאש
דיא עובדי כוכבים וועלין עש רויבין וויל
דיינע במות זיינען גימאכט גיווארין פון זינד
וועגין אין אלע דיינע גבולין דאש מען זאל
אויף זייא מקריב זיין צוא דער אפ גאט
ושמטתה דוא וועשט מוזין מיט גוואלד שמיטה
האלטין וויל דוא וועשט פאר טריבין ווערין
פון דיין לאנד · אונ איך ווער מיך נוקם זיין

אין דיר פון וועגין דיין נחלה וואש איך האב
דיר גיגעבין אונ דוא האשט אין איר קיין
שמיטה ניט גיהאלטין · ווארום איין פייער האט
איר גימאכט ברענען אין מיינע נאזלעכער עש
וועט ברענען ביז אייביג כה אמר יי אזוא זאגט
גאט פאר שאלטין זאל זיין דער מענטש וואש
פאר זיכערט זיך אין איין מענטשין אונ טוט
אויף איין מענטשין זיין שטארקייט אונ פאר
לאזט זיך אויף אים דאש איז גימיינט ער פאר
לאזט זיך אויף זיך אונ זאגט איך וועל זייען
אין שמיטה כדי איך זאל האבין עפעס צוא
עסין אונ פון גאט טוט ער אפ זיין הארץ
וואש גאט האט צוא גיזאגט אז מען וועט
האלטין שמיטה אונ מען וועט ניט זייען וועט
ער געבין זיין ברכה אין די תבואה דאש מען
וועט האבין וואש צוא עסין · והיה כערער בערבה
אונ דער מענטש וועט זיין אזוא וויא איין
איינציגער בוים וואש שטייט אליין אויף איין
פלאץ · אונ רועט אין דארקייט אין דער
מדבר אין איין גיזאלצין ארט וואש עש איז
ניט באזעסין ברוך הגבר אשר יבטח ביי גיבענטשט
איז דער מענטש וואש פאר זיכערט זיך
אין גאט אזוא וועט גאט זיין זיין פאר זיכערונג
אונ זיין הילף והיה כעץ שתול על מים אונ דער
מענטש וועט זיין גלייך וויא איין בוים וואש
איז גיפלאנצט בייא וואשער אונ בייא איין
טייך טוט ער פאר שפרייטין זיינע ווארצלען
אונ עש שאט אים ניט קיין היץ אונ זיינע
בלעטער זיינען צווייגענדיג אונ אין איין
הונגער יאר זארגט ער ניט אונ ווערט ניט
אפ גיטאן פון צוא וואקסין פירות · זאגט גאט
עקוב הלב מכל דאש הארץ פון דעם מענטשין
איז פול מיט בייזע מחשבות אונ עש איז
שלאף ער מיינט ווען ער טוט איין עבירה
וויש גאט ניט אבער עש איז ניט אזו אני יי
חוקר לב איך גאט פארשט דאש הארץ פון
דעם מענטשין אונ פרוב דיא נירין צו ווישין
וואש זיינע מעשים זיינען כדי צוא געבין צו
איטליכין מענטשין אזו וויא זיינע וועגין זיינען
אונ אזוא וויא דיא פירות פון זיינע מעשים
זיינען קורא דגר ולא ילד דער פויגיל וואש הייסט
קורא רופט צוא זיך קליינע פויגלען וואש
ער האט ניט גיוואונען אונ זייא גייען אים

נאך

נאך כל זמן זיא זיינען קליין אבער אז זייא ווערין גרויש גייען זייא אים ניט נאך אונ פאר לאזין אים אזוא איז אויך: עושה עושר ולא במשפט דער וואש זאמילט איין עשירות ניט מיט גירעכטיקייט טוט אים דאש געלט פאר לאזין אין זיינע האלבע טעג אונ צום סוף וועט ער ווערין אן גירופין שלעכטער זאגט ירמיה צוא גאט כסא כבוד מרום מראשון דוא גאט וואש דיין שטול איז דער הויבין אין הימיל פון דעם ערשטין מאל אן וואש דיא וועלט איז ווארין באשאפין אונ זיא איז מכוון אנטקעגין אונזער בית המקדש מקוה ישראל יי׳ אונ דוא גאט וואש דוא בישט דאש האפונג פון ישראל זיצט אויף דער שטול בעט איך דיך אלע וואש פאר לאזין דיך זאלין פאר שעמט ווערין אונ דיא וואש ווילין ניט צו הערין מיינע רייד וואש איך זאג פון דיינט וועגין דיא זאלין פאר שריבין ווערין צוא קומען אין דער טיפענעש פון דער ערד אין גיהנם וייל זייא האבין פאר לאזין דעם קוואל פון קוועלענדיגע וואשער דאש מיינט מען גאט וואש ער טוט זייא תמיד גוטש אזוא וויא איין קוואל וואש קוועלט תמיד רפאני יי׳ וארפא הייל מיך גאט וועל איך גיהיילט ווערין העלף מיר פון דיא וואש שטייען אויף אויף מיר וועל איך ווערין גיהאלפין דען דוא בישט מיין לויבונג איך טוא דיך לויבין אונ בארימען דאש דוא גאט העלפשט מיר תמיד:

כליק ספר ויקרא

# לוח המולדות וראשי חדשים לחודש סיון.

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש סיון | ראש חודש | שבועות |
|---|---|---|---|
| תרל״ז | שבתות צו נאכט 48 מינוט מיט אכט חלקים אויף נײַן: | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרל״ח | פרייטיג ביי טאג 21 מינוט מיט דריי חלקים אויף זיבן: | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרל״ט | מיטוואך פריא ניין מינוט מיט פופצען חלקים אויף פיר: | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטי׳ |
| תר״מ | זונטיג האלבין טאג 58 מינוט מיט ניין חלקים אויף 12: | דינשטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרמ״א | שבת אין דר פריי 31 מינוט מיט פיר חלקים אויף צעהען: | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרמ״ב | מיטוואך ביי טאג 19 מינוט מיט 16 חלקים אויף זיבין: | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטי׳ |
| תרמ״ג | דינסטיג ביי טאג 52 מינוט מיט עלף חלקים אויף פיר: | מיטוואך | מאנטיג דינסטיג |
| תרמ״ד | זונטיג פאר טאג 41 מינוט מיט פינף חלקים אויף איינס: | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרמ״ה | דאנערשטיג פריא 29 מינוט מיט 17 חלקים אויף 10: | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטי׳ |
| תרמ״ו | מיטוואך פריא 2 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף אכט: | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטי׳ |
| תרמ״ז | זונטיג ביי טאג 51 מינוט מיט זעקס חלקים אויף פיר: | דינשטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרמ״ח | פרייטיג פאר טאג פערציג מינוט אויף איינס: | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטי׳ |
| תרמ״ט | דאנערשטיג אבינט 12 מינוט מיט 13 חלקים אויף 11: | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטי׳ |
| תר״נ | מאנטיג פריא איין מינוט מיט זיבין חלקים אויף אכט: | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרנ״א | זונטיג פריא 34 מינוט מיט צווייא חלקים אויף פינף: | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרנ״ב | דאנערשטיג ביי טאג 22 מינוט מיט 14 חלקים אויף 2: | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטי׳ |
| תרנ״ג | מאנטיג אבינט עלף מינוט מיט אכט חלקים אויף עלף: | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרנ״ד | זונטיג ביי טאג 44 מינוט מיט דריי חלקים אויף אכט: | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |

# חודש סיון.

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש סיון | ראש חודש | שבועות |
|---|---|---|---|
| תרנ"ה | פרייטיג פריא 32 מינוט מיט פופצען חלקים אויף פינף : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |
| תרנ"ו | דינסטיג ביי טאג 21 מינוט מיט ניין חלקים אויף צוויי : | מיטוואך | מאנטיג דינסטיג |
| תרנ"ז | מאנטיג אין דר פרי 54 מינוט מיט פיר חלקים אויף עלף : | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרנ"ח | פרייטיג פאר נאכט 42 מינוט מיט 16 חלקים אויף 8 : | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרנ"ט | מיטוואך פריא 31 מינוט מיט צעהן חלקים אויף פינף : | מיטוואך | מאנטיג דינשטיג |
| תר"ס | דינסטיג פריא פיר מינוט מיט פינף חלקים אויף דרייא : | דינשטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרס"א | שבת פריא 52 מינוט מיט זיבעצען חלקים אויף עלף : | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרס"ב | פרייטיג פריא 25 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף נאיין : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |
| תרס"ג | דינשטיג פ ר נאכט 14 מינוט מיט 6 חלקים אויף זעקס : | מיטוואך | מאנטיג דינשטיג |
| תרס"ד | זונטיג פאר טאג דרייא מינוט אויף דרייא : | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרס"ה | פרייטיג צו נאכט 35 מינוט מיט 13 חלקים אויף 12 : | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרס"ו | מיטוואך פריא 24 מינוט מיט זיבין חלקים אויף ניין : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |
| תרס"ז | זונטיג ביי טאג 13 מינוט מיט איין חלק אויף זעקס : | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרס"ח | שבת ביי טאג 45 מינוט מיט 14 חלקים אויף דרייא : | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרס"ט | מיטוואך אבינט 34 מינוט מיט אכט חלקים אויף צוועלף : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |
| תר"ע | דינסטיג אבינט זיבין מינוט מיט דריי חלקים אויף צעהן : | מיטוואך | מאנטיג דינסטיג |
| תרע"א | זונטיג פריא 55 מינוט מיט פופצען חלקים אויף זעקס : | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרע"ב | דאנערשטיג ביי טאג 44 מינוט מיט 9 חלקים אויף דריי : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |
| תרע"ג | מיטוואך ביי טאג 17 מינוט מיט פיר חלקים אויף איינס : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |
| תרע"ד | זונטיג אבינט פינף מינוט מיט 16 חלקים אויף צעהען : | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרע"ה | פרייטיג פריא 54 מינוט מיט צעהן חלקים אויף זעקס : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |
| תרע"ו | דאנערשטיג פרי 27 מינוט מיט פינף חלקים אויף פיר : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |
| תרע"ז | מאנטיג ביי טאג 15 מינוט מיט 17 חלקים אויף איינס : | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרע"ח | פרייטיג צו נאכט פיר מינוט מיט עלף חלקים אויף צעהן : | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרע"ט | דאנערשטיג ביי טאג 37 מינוט מיט 6 חלקים אויף זיבין : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |
| תר"פ | דינשטיג אין דר פריא זעקס אונ צוואנציג מינוט אויף פיר : | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרפ"א | מאנטיג פאר טאג 58 מינוט מיט 13 חלקים אויף איינס : | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרפ"ב | פרייטיג פריא 47 מינוט מיט זיבין חלקים אויף צעהן : | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרפ"ג | דינסטיג אבינט 36 מינוט מיט איין חלק אויף זיבין : | מיטוואך | מאנטיג דינסטיג |
| תרפ"ד | מאנטיג פאר נאכט אכט מינוט מיט 14 חלקים אויף פינף : | דינסטיג | זונטיג מאנטיג |
| תרפ"ה | שבת אין דר פרי 57 מינוט מיט אכט חלקים אויף איינס : | זונטיג | פרייטיג שבת |
| תרפ"ו | מיטוואך ביי טאג 46 מינוט מיט צוויי חלקים אויף צעהן : | פרייטיג | מיטוואך דאנערשטג׳ |

**במדבר סיני** שלמה המלך זאגט אין משלי
פלס ומאזני משפט ליי מעשהו כל אבני כיס גאט
האט בייא זיין משפט אלערלייא גיוויכט פון
גרויש ביז קליין כלומר ער טוט איטליכן
רעכט משפטין גלייך וויא איינר וועגט רעכט
זיין סחורה אזוא וועגט גאט איטלעכינש
עבירות · זיינן זיי פיל באצאלט ער אים איין
גרוישין עונש זיינן זיי ווייניג באצאלט ער
אים אקליינם עונש · אונ די מעשים פון גאט
זיינן פר בארגין אונ קיין מענטש פר שטייט
זייניט אזו וויא אין פסוק שטייט משפטיך תהום
רבה דיינע משפטים זיינן פר בארגן אזו וויא
דר תהום וואש מען וייש ניט וואש אין אים
איז · אונ אזוא וויא מיר גיפינגען דאס
דער בית המקדש איז חרוב גיווארין דעם
ניינטין טאג אין חודש אונ גאט האט צוא
יחזקאל גיוויזין אז ער וועט חרוב ווערן דעם
צעהענטין טאג אין חודש אונ האט ניט
גיוואלט אנפלעקין ווען ער וועט חרוב ווערן
אבר אז גאט האט גיוואלט מאכין רוען זיין
שכינה אויף ישראל האט ער גיזאגט אין
וועלכין ארט אונ אין וועלכין יאר אונ אין
וועלכין טאג אין חודש אונ זאגט במדבר סיני
באוהל מועד באחד לחודש השני בשנה השנית לצאתם מארץ
מצרים אין דער מדבר אין דעם אוהל מועד
איין טאג אין חודש אייר אין דעם אנדערן
יאר וואש ישראל זיינן ארויש גיגאנגען פון
מצרים · דר מדרש זאגט מיט דרייא ערלייא
איז די תורה ווארין גיגעבין צו ישראל ומיט
פייער דען עש איז גיוועז גרוישע בליצין
בשעת מתן תורה · אונ מיט וואשר דען עס
איז גיוועז גרוישע רעגין · אונ אין דר מדבר ·
אונ דרום איז די תורה ווארין גיגעבן מיט
די דרייא זאכין · צו ווייזין אזו וויא פייער
אונ וואשער אונ מדבר איז ווארין גיגעבין
אום זיסט · אזו איז די תורה ווארן גיגעבין
אום זיסט איטליכר מעג זיא לערנן · אונ אזו
וויא דר מדבר איז פריי איטלעכר מעג גיין
אין אים · אזו אויך זאל זיך דר מענטש פריי
מאכין אונ זאל זיך נידעריג האלטן ווען ער
וויל תורה לערנען במדבר סיני באוהל מועד צום
ערשטין האט די שכינה גירועט אויף דעם
בארג סיני אונ דר נאך אין דעם אוהל מועד
אונ אזוא וויא אז דיא שכינה האט גירועט
אויף דעם בארג סיני האט קיינר דעם בארג
ניט גיטארט אן רירין · אזו אויך אז דיא
שכינה האט גירועט אין משכן האט גאט
גישטעלט די לוים ארום משכן צוא היטין
דאש קיין ישראל זאל אין אים ניט אן רירן ·
אונ אזו וויא עש איז גיקומען צווייא אונ
צוואנציג טויזנט מלאכים מיט גאט אויף
דעם בארג סיני · אזוא אויך איז גיוועז צווייא
אונ צוואנציג טויזנט לוים ארום דעם משכן
אונ פריער האט זיך גאט באוויזין אויף איין
דארין אין סנה אונ אין מצרים · אונ אויף
דעם בארג סיני האט זיך גאט בוויזין אלץ
אויפין באר · דר נאך האט גאט גיזאגט עס
איז ניט רעכט איך זאל מיר באווייזין אן
צניעות · דרום האט ער גיהיישן מאכן איין
משכן · רש"י שרייבט וויל גאט האט זייער
ליב צו ישראל דרום האט ער זיי גצייילט אלע
צייט · אז זייא זיינען ארויש גיגאנגען פון
מצרים האט ער זייא גיצייילט · אונ אז עש
איז פון זייא ווארין דר שלאגין איבער דער
עבירה פון דעם עגל האט ער זייא ווידער
גיצייילט · אונ דא אז ער האט גימאכט רוען
זיין שכינה צווישין זיי האט ער זיי ווידער
גיצייילט · דר תולדות יצחק שרייבט דאש
ציילין האט גיוויזין אויף דרייא ערלייא
ליבשאפט · דען עש איז גיוויש דאש איין
זון האט ליב זיין פאטר · אונ איין מאן זיין
ווייב וואש דאש איז דיא טבע פון דעם
מענטשין ער זאל ליב האבין זיין פאטר אונ
זיין ווייב אונ קינדער · אונ דאש אנדערע
איז איין מלך האט ליב זיין פאלק צו משפטין
זייא רעכט אונ צו באהיטין זיי פון מלחמה
אונ דאש דריטע איז דאש פאלק האבן ליב
דעם מלך אונ האלטין אים ערלאך אונ

דינען אים גיטרייא · אונ אויף דיא דרייא ליבשאפט האט דאש ציילן גיוויזן · דאש ערשטע אז זייא זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים האט ער זייא גיציילט · אונ האט זיי גירופן בני בכורי ישראל דאש ער האט זיי ליב אזו וויא איין פאטער איין זון · דאס אנדרע ליבשאפט איז אזו וויא איין מענטש האט ליב זיין חבר אז ער איז פרום · אזו אויך אז ישראל זיינען ווארין דער שלאגין ביא דעם עגל אונ האבן תשובה גיטאן · דען נאר משה אונ שבט לוי האבן דער שלאגין דיא וואש האבן גדינט צום עגל אונ ישראל זיינן גיוועזן זעקס הונדערט טויזנט אונ קיינער האט קיין האנט ניט אויף גיהויבן אנטקעגן משה אזוא מוז זיין דאש זייא האבן תשובה גיטאן דרום האט זייא גאט ליב גיהאט אונ האט זייא גיהיישן ציילן · דאש דריטע ליבשאפט איז גיוועזן דאש ער האט גיוואלט זיין איין מלך איבער זייא אונ האט גיוואלט מאכין רוען זיין שכינה איבער זיי אונ ישראל אלין זיין זיין פאלק דרום האט ער זייא גיציילט · אויך שרייבט דער תולדות יצחק דאש ליבשאפט פון דעם ציילן איז גיוועזן דאש דורך דעם וואש מען ציילט זייא דא דורך משה ואהרן איטליכן באזונדער · דורך דעם וועט גאט זייא אויך דר מאנן איטליכן באזונדר צוא אלעם נוטין · אונ מען האט ניט גיציילט ביא די קעפ דאש מען זאל זיי לאזין דורך גיין פאר משה ואהרן אונ זייא זאלין זייא ציילין מיט דער האנט · דען עש וואלט חס ושלום גיקומען דורך דעם איין מארד אויף ישראל · אונ אויך ניט דורך איין האלבין שקל וואש איטלעכער האט גיגעבן דען דורך דעם וואלט זייערע נעמן ניט דר מאנט גיווארין · נאר איטלעכר ישראל האט אן גישריבן זיין נאמען אויף איין קוויטיל אונ האבין די קוויטלאך גיגעבן צוא משה ואהרן אונ צוא דיא נשיאים אונ מען האט גיציילט די קוויטלאך · אויך האט זיי גאט גיהיישן ציילן כדי זייא זאלן זיין אן גבריית צו גיין אין דער מלחמה קיין ארץ ישראל · אויך דרום האט זיי גאט גיהיישן ציילין וויל די עובדי כוכבים האבן גיזאגט ישראל זיינן צום מיינשטין ממזרים דען די מצרים האבן גיוועלטיגט אין זייערע ווייבער · דרום האט זייא גאט גיהיישן ציילין כדי זייא זאלין זיך מיחס זיין נאך זייערע משפחות נאך צוא ווייזין דאש זייא זיינען ניט קיין ממזרים · דר רמב״ן אונ דר בחיי שרייבין גאט האט גיזאגט שאו את ראש בני ישראל דאש האט צוויי טייטשן עש איז טייטש דר הויבין אונ מאכט חשוב דיא קעפ פון ישראל ווען זייא וועלין פרום זיין · אונ עש איז טייטש נעמט אראפ די קעפ פון ישראל ווען זיי וועלן ניט פרום זיין · מבן עשרים שנה ומעלה כל יוצא צבא איר זאלט ציילין דעם וואש איז עלטער פון צוואנציג יאר וואש ער קאן גיין אין דער מלחמה דען ווייניגער פון צוואנציג יאר גייט ניט אין קיין מלחמה · כל יוצאי צבא מען זאל נאר ציילין דיא וואש זיינען ראוי צוא גיין אין דער מלחמה אונ ניט דאש ערב רב וואש האבין זיך מגייר גיוועזן אין מצרים אונ אויך ניט קיין אלטע אונ קיין קראנקע · תפקדו אותם דר בחיי שרייבט דרום זאגט דר פסוק תפקדו אונ ניט תספרו וואש דאש איז אויך טייטש ציילין וויל מען האט ניט גיציילט ביי די קעפ עש זאל אין זייא ניט זיין קיין מארד · נאר איטליכר האט גיגעבן איין האלבן שקל אונ דורך דעם האט מען גיוואוסט דיא צאל · דרום שטייט תפקדו דאש האט צוויי טייטשן תפקדו איר וועט ווערין דער מאנט פאר גאט דורך דעם וואש איר וועט געבן איין האלבן שקל · אונ אויך איז טייטש תפקדו ציילן דורך דעם וועט מען ווישן אייער צאל · דר בעל הטורים פרעגט ווארום שטייט אין דר פרשה אהרן אויך דר מאנט ביא דר צאל אונ אין פרשת כי תשא שטייט ניט דר מאנט אהרן ביי דר צאל · דר תירוץ איז דיא צאל פון

פרשת

פרשת כי תשא איז געוועזן נאך דעם עגל אונ דרום איז אהרן ניט דר מאנט בייא דר צאל ווייל ער האט גימאכט דאש עגל · לבני יוסף לבני אפרים דר בחיי שרייבט דרום רעכינט דער פסוק יוסף פאר אנדרע שבטים וואס זיינען פיל עלטר פון אים ווייל זיין מוטר איז געוועזן איין רעכטע ווייב צוא יעקב נאך לאה · אונ דר פסוק רעכינט אפרים פר מנשה האטשע מנשה איז עלטר געוועזן · דאש איז ווייל יעקב האט אפרים מער חשוב גימאכט פאר מנשה · אונ דר רמב"ן פרעגט ווארום האט דוד גיציילט ישראל בייא די קעפ אונ עש איז דורך דעם פיל גיפאלין פון ישראל האט דוד ניט גיוואוסט דעם פסוק ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם דאש גאט האט גיהייסין איין האלבין שקל נעמען צו ציילין ישראל כדי זייא זאלין ניט שטארבין פון וועגין דעם ציילן דר תירוץ איז דוד האט אויך ישראל מיט איין מטבע גיציילט · נאר דרום זיינען זיי גישטארבין ווייל ער האט זיי ניט גציילט פון מלחמה וועגין נאר ער זאל ווישין וויא פיל ישראל ער האט אונטר זיך צוא ווישין וויא איין גרוישער שררה ער איז · נאך איין תירוץ ענטפערט דר רמב"ן דרום זיינן זייא גישטארבין ווייל דוד האט זיי גיציילט פון דרייצעהן יאר אן · אונ אין דר תורה שטייט מען זאל ציילין פון צוואנציג יאר · אונ דוד האט זיך טועה גיוועזן דרינען · ווייל אין דר תורה שטייט ניט באשיידליך מען זאל דווקא ציילין פון צוואנציג יאר אונ ניט ווייניגער ואת כל העדה הקהילו באחד לחודש השני דער פסוק הייזט דאש משה האט גיהיילט צוא טאן גאטש גיבאט אונ האט כל ישראל איין גזאמילט אין דעם טאג וואש גאט האט אים גיהייסין ציילין · נאר ישראל זיינען גיוועזן זייער פיל האט ער זיי ניט גיקאנט אויש ציילין אלע אין דעם טאג · דרום זאגט דער פסוק ויפקדם ער האט זייא גיציילט אין מדבר סיני אין דיא אנדרע טעג · אזו שרייבט דר רמב"ן אונ דר בחיי ויתילדו על משפחותם זיי האבין גיבראכט זייער יחוס בריב אונ האבין זיך אויש גירעכינט פון וואש פאר איין משפחה איטליכר איז · אזו שרייבט רש"י אונ דר רמב"ן פרעגט וויא גישיקט זיך דאס איטליכער זאל דארפין ברייגגען איין יחוס בריב פון וואשער שבט ער איז עש איז איין גרוישע טרחה · דרום זאגט דר רמב"ן איטליכר האט גיבראכט איין האלבין שקל צוא משה אונ האט אים גיזאגט פון וואשר איין שבט ער איז אונ משה האט גיליינט דיא שקלים פון איטלעכין שבט באזונדר דורך דעם האט ער גיוואוסט אין איטלעכין שבט וויא פיל מענטשין עש איז · דר בחיי אונ דער רמב"ן שרייבין ויתילדו איז טייטש זיי האבין גיוויזין אין וואשר טאג איטליכר איז גיבארן גיווארין כדי מען זאל ווישין אויב ער איז אלט צוואנציג יאר אך את מטה לוי לא תפקוד בתוך בני ישראל דעם שבט לוי זאלשטו ניט ציילין צווישין די קינדר ישראל ווייל זיי זיינן חשוב דרום זאל מען זייא באזונדר ציילין דען זיי זיינן דינר פון גאט · נאך איין פשט איז ווייל די אלע וואש מען האט גציילט פון צוואנציג יאר זיינען אלע גישטארבין אין דער מדבר איבר דעם עגל אונ שבט לוי האבין זיך ניט טועה גיוועזן אין עגל אונ זיינן גיבליבן לעבן דרום האט מען זיי ניט גציילט צווישן ישראל אונ מען האט זיי גציילט פון איין חודש ווייל די לוים זיינן הייליג וויא באלד זייא ווערין גיבארין · דרום ציילט מען זיי אז זיי ווערין אלט איין חודש דאש ער איז שוין ניט קיין נפל· דיא גמרא זאגט דער שבט לוי איז גיוואנט צו גיציילט ווערין פון זיין גיבארין אן דען יוכבד איז ווארין גיבארין צווישין די מויערין אז יעקב איז גיקומן קיין מצרים · אונ דער פסוק ציילט זיא צווישין אלע קינדר פון יעקב דאש מיט איר איז גיוועזן זיבעציג · אונ משה האט גיזאגט זאל איך דען גיין צו איטלעכן אין גיצעלט צו זעהן

וויא פֿיל קינדר אין איטליכן בעט איז · האט
גאט אים גיענטפֿערט טוא דוא דאש דיינע
אונ איך וועל טאן דאש מיינע · אונ וויא
משה איז גיקומן צו איטליכן גיצעלט איז
ארויש איין בת קול אונ האט גיזאגט וויא
פֿיל קינדר אין דעם גיצעלט איז אונ משה
האט עש פֿר שריבן · דאש זאגט דער פסוק
בפקוד אותם משה על פי יי משה האט זייא גיצייילט
דורך דעם מויל פֿון גאט דאש גאט האט
אים גיזאגט וויא פֿיל קינדער אין איטליכין
גיצעלט איז · אונ די לוים האבין גיטראגין
דעם משכן אז מען איז גיגאנגען · אונ אז
מען האט גירועט האבין דיא לוים אויף
גישטעלט דעם משכן אונ האבין גירועט
ארום דעם משכן איש על דגלו באותות רש"י
שרייבט איטליכער שבט האט גיהאט איין
פֿאן מיט איין זיידענע טוך · אונ דיא פֿארב
פֿון דר טוך איז גוועזן אזו וויא די פֿארב פֿון
זיין אבן טוב וואש אין חושן איז גוועזן וואס
זיין נאמען איז דרויף גישטאנען · נאך איין
פשט איז באותות מיט די צייכין וואס יעקב
האט זיי גימאכט זייא זאלין אים טראגין
פֿון מצרים קיין ארץ ישראל צוא באגראבין
אים · האט ער זייא גיבאטין יהודה אונ
יששכר אונ זבולון זאלין אים טראגין פֿון
מזרח זייט אונ ראובן שמעון אונ גד פֿון
מערב זייט · אונ אזוא האט ער גיבאטין
איטליכן אויף זיין ארט אזו האבן זיי גירועט
ביי דעם משכן · דר חזקוני שרייבט אונ אויך
דער צרור המור דאש אין דיא פֿאנען זיינן
גוועזן די נעמן פֿון די אבות אין דר פֿאן פֿון
ראובן איז גישטאנן די אלף פֿון אברהם אונ
די יוד פֿון יצחק אונ נאך איין יוד פֿון יעקב
אונ אויף דער אנדערר פֿאן איז גישטאנען
אנדערע דריי אותיות · די בית פֿון אברהם
אונ די צדי"ק פֿון יצחק אונ די עין פֿון יעקב ·
אונ אויף דר דריטר פֿאן איז גישטאנען דיא
ריש פֿון אברהם אונ דיא חית פֿון יצחק אונ
די קוף פֿון יעקב · אונ אויף דער פֿערטער
פֿאן איז גישטאנען · די מם פֿון אברהם אונ
דיא קוף פֿון יצחק אונ די בית פֿון יעקב · איז
איבר גיבליבן דיא הא פֿון אברהם איז דער
וואלקן גוועזן איבר ישראל אזו וויא איין הא
דר בחיי שרייבט משה האט זיך גיפֿארכטין
פֿאר די שבטים דאש איטליכר וועט וועלין
פֿריער גיין · האט גאט צו אים גיזאגט היים
זייא גיין אזו וויא זיי האבין גיטראגין דעם
ארון פֿון יעקב אזו וועט צווישין זייא קיין
קריג ניט זיין · אויך שרייבט דר בחיי אונ דר
רמבין אונ דער תולדות יצחק אונ דער
אבן שועב דאש אויף דר פֿאן פֿון ראובן
איז גוועזן גמאלט איין צורה פֿון איין מענטש
דאש האט גיוויזן אויף ראובן וואש ער
האט גיבראכט פֿייפֿלעך פֿון דעם פֿעלד וואס
זייא האבין איין צורה פֿון איין מענטשין ·
אונ אויף דער פֿאן פֿון יהודה איז גיוועזן
גימאלט איין צורה פֿון איין לייב דען יהודה
איז גיגליכין צוא איין שטארקין לייב · אונ
אויף דער פֿאן פֿון אפֿרים איז גיוועזן גמאלט
איין אקס ווייל יוסף ווערט גירופֿין בכור שור ·
אונ אויף דר פֿאן פֿון דן איז גיוועזן גימאלט
איין אדלר דאש זיינן די פֿיר חיות פֿון דאש
כסא הכבוד אונ יהודה אונ יששכר אונ
זבולון זיינען גיגאנגען אין מזרח ווייל יהודה
איז גיגליכין צוא איין לייב וואש גייט פֿריער
דרום איז יהודה אויך גיגאנגען פֿריער אין
מזרח · אונ יששכר האט גילערינט תורה
אונ האט גיטאן מעשים טובים · דרום זיינן
זייא מיט יהודה בייא אנאנדער גיגאנגען ·
אונ זבולון האט גיהאנדילט אונ האט צוא
יששכר גיגעבין עסין · אונ יששכר האט זיך
מיט אים גיטיילט מיט עולם הבא · דרום
זיינן זיי ביי אנאנדר גיגאנגן · דר אבן שועב
שרייבט עש איז גיוועזן איין מעשה דאש
צווייא חברים האבין אפ גימאכט צווישין זיך
דאש איינער זאל לערנען תורה · אונ דער
אנדערער זאל האנדלען סחורה · אונ זאלין
זיך טיילין מיט דעם רווח פֿון דר תורה אונ

סחורה

סחורה· און זיי האבן זיך אלץ גיטיילט מיט דעם רווח פון דער סחורה· און אז עס איז גיקומן דיא צייט דאש דער תלמיד חכם איז גישטארבן· איז דר חבר גיגאנגן און האט גזאגט צו דעם מת· גדיינק וואש מיר האבן גירעט צו צו טיילן זיך מיט דעם שכר פון דר תורה· האט דר מת גשאקילט מיט דעם קאפ· כלומר ער ווערט אים איין חלק געבן לעולם הבא· און די פאן פון שבט ראובן איז גיוועזן אין דרום ווייל ראובן איז גיוועזן איין בעל תשובה און איז גיוועזן דר ערשטר וואש האט לייטן מציל גוועזן פון דעם טויט· דען ער האט מציל גיוועזן צוא יוסף זיינע ברידער זאלין אים ניט דער שלאגין· פון דרום זייט קומען גוטע ווינטין און גוטע רעגין און גוטע טויא וואש טוט צו לייטין הנאה· דרום איז ראובן גיגאנגען אויף דרום זייט· און שמעון איז גיוועזן ביי ראובן· און גד איז אויך גיוועזן בייא ראובן· ווייל ער איז זייער שטארק גיוועזן· צו ווייזין אז דר וואש וויל תשובה טאן מוז זיין שטארק אנטקעגין זיין יצר הרע· אזוא וויא דיא חכמים זאגין איזהו גבור הכובש את יצרו ווער היישט שטארק דער וואש נעמט איין זיין יצר הרע· און האטשע שמעון מיט לוי זיינען תמיד חברים גיוועזן האט זיי יעקב אפ גיטיילט פון אנאנדר· אזו וויא אין פסוק שטייט אחלקם ביעקב איך וועל זיי צוא טיילן צווישין יעקב· און דר נאך איז גיגאנגן די מחנה פון לוים און זיי זיינן גיוועזן נאר צוויי און צוואנציג טויזינט ווייל זיי האבן גיטראגן דעם ארון· און צוא צייטין האט איינר אן גירירט אדער ער האט גיזעהען דארטן וואו מען דארף ניט און איז גישטארבן דרום זיינען זיי ווייניג גיוועזן אזו זאגט דר מדרש· און דער רמב"ן שרייבט זיי זיינן דרום ווייניג גיוועזן ווייל זייא האבן ניט גיארבעט בייא פרעה אין מצרים דען ישראל האבן גיארבט דרום זיינען זייא פיל גיווארין אזו וויא אין פסוק שטייט וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ מער מען הט מיט זיי גארבעט מער האבן זיי זיך גימערט· און פרעה האט דרום ניט גיארבעט מיט שבט לוי ווייל יעקב האט זיי ניט גיהייסן טראגן זיין ארון קיין ארץ כנען ווייל זיי וועלין טראגין דעם ארון מיט לוחות אין דר מדבר· דרום האט זיי פרעה גיהאלטן פאר חשובי לייט· און האט מיט זייא ניט גיארבעט· און דר רמב"ן פרעגט אויף דעם מדרש וויא קען זיין דאש זייא זיינען דרום גיוועזן ווייניג ווייל דר ארון האט אין זיי אויס גיבראכט· אמער דעם ארון האבין זיי ערשט גיטראגין נאך דעם ציילין און זיי זיינן גיוועזן ווייניג נאך בשעת ציילין· און דאש קען אויך ניט זיין דאש זיי זיינן דרום גוועזן ווייניג ווייל מען האט מיט זייא ניט גיארבעט· דען גאט האט דאך זיי גקענט מערין האטשע מען האט מיט זיי ניט גיארבעט· דרום האט דער רמב"ן חרטה פון זיין תירוץ אויך און זאגט זיי זיינן דרום ווייניג גיוועזן ווייל יעקב האט גיצערינט אויף לוי בשעת אז ער האט גבענטשט די קינדר אזו וויא אין ויחי שטייט בקהלם אל תחד כבודי אין זייער איין זאמלונג זאל מיין נאמען ניט דער מאנט ווערין· און שבט שמעון איז אויך פון דעשט וועגן ווייניג גיוועזן דען מיר גיפינען דאש ער איז נאר גיוועזן צוויי און צוואנציג טויזינט· דאס איז אויך ווייל יעקב האט אויף שמעון גיצערנט אזו שרייבט דר רמב"ן· און דר צרור המור פרעגט אויף דעם רמב"ן וויא קאן זיין אז שבט שמעון זיינן ווייניג גיוועזן פון וועגן דעם צארין פון יעקב· אמער מיר גיפינען דאך דאש צום ערשטין זיינען שבט שמעון זייער פיל גיוועזן· נאר פון וועגין דר עבירה וואש זייא האבין מזנה גיוועזן מיט די טעכטר פון מואב איז פון זיי פיל גישטארבין· אבר ניט וועגין דעם צארין פון יעקב· דרום זאגט דער צרור המור איין אנדערין תירוץ· שבט שמעון זיינען איבר די עבירה ווייניגר

גיווארין.

גיוואהרן · אונ שבט לוי איז ווייניג גיוועזן ווייל זיי האבן טאג אונ נאכט אלין תורה גילערנט אזו וויא משה האט אויף זייא גיזאגט אין פרשת וזאת הברכה · יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל די לוים וועלין לערנן תורה צו ישראל אונ דיא תורה מאכט דעם מענטשין שלאף דרום האבין זיי קיין פיל קינדר ניט גיהאט · אונ אפילו אין מצרים האבן אויך שבט לוי גילערינט תורה דרום האבין זייא קיין פיל קינדר ניט גהאט · אונ אזו וויא דיא ישראל האבן ארום גירינגילט די לוים · אזו האבן די לוים ארום גירינגילט דעם משכן פון אלע פיר זייטין משה אונ אהרן זיינען גיוועזן אין מזרח זייט אונ די קינדר פון גרשון אין מערב זייט אונ די קינדר פון קהת אין דרום זייט אונ די קינדר פון מררי אין צפון זייט · אונ דר משכן איז גוועזן אין מיטין · אונ די דריטע פאן איז גיוועזן פון אפרים אונ זיינן גיגאנגן אין מערב זייט ווייל פון אפרים איז ארויש גקומן ירבעם וואש ער האט גיזינדיגט · דרום האט אפרים גימוזט זיין ביי ראובן וואש טוט תשובה אונ ביי יששכר וואש לערינט תורה כדי אפרים זאל זיך פון זיי לערנן תשובה טאן אונ תורה לערנען · אונ די פערטע פאן איז גיוועזן פון שבט דן אין צפון זייט · ווייל דן האט גידינט עבודת כוכבים זיי האבין גידינט פסל מיכה אונ ירבעם בן נבט האט גמאכט צווייא קעלבר איין קאלב אין דן אונ איין קאלב אין בית אל · אונ שבט דן האט זיי אויך גידינט אונ זיי האבין זיך דער מיט גימאכט פינשטער · דרום האבין זיי גירועט אין צפון זייט וואס דארטין איז פינשטר ווייל די זון איז דארטין ניט דא · אונ דרום הייסט עש צפון דאש איז טייטש פאר בארגין ווייל די זון איז פר בארגן פון דר זייט · אונ ביי אים האט גירועט אשר אונ נפתלי צו דר לייכטן אים · דען די ברכה פון אשר אונ נפתלי איז גיוועזן פול מיט בוים איל אונ זיסע עסין שפייז וואש דר לייכטין ר אויגין · כדי צו דר לייכטין די אויגן פון

דן וואש זיינן וואָרין פאר פינשטערט · ואתה הפקד את הלוים דו זאלשט ציילין די לוים · דר רמב״ן שרייבט גאט האט גיהיישן משה אליין זאל ציילין די לוים אונ זאל ניט נעמן דר צו אהרן אונ ניט די נשיאים · נאר משה האט זיך ניט גיוואלט אזו חשוב האלטין אונ האט אהרן דר צו אויך גינומן · דרום שטייט ווייטר אין דר סדרה כל פקודי הלוים אשר פקד משה ואהרן שטייט דאש ווארט ואהרן גיפינטילט אויף איטליכין אות · צו ווייזין דאש אהרן איז ניט וואָרין גיבאטין פון גאט צו ציילין דיא לוים נאר משה אליין האט אים דר צו גינומן ווייל ער האט זיך אליין ניט גיוואלט חשוב האלטין אונ אז משה האט גיזעצט די לוים איטלעכן אויף זיין דינשט האט ער די נשיאים אויך דר צו גינומן אונ האט זיי מכבד גיוועזן דאש זיי זאלין אויך דר ביי זיין · צו ווייזין דאש איין מענטש זאל איין שררה זיך אליין ניט טאן חאטשע ער איז איין חשוב אזו וויא משה · אונ גאט האט דרויף מסכים גיוועזן וואש ער האט גינומען אהרן צום ציילין אזו וויא אין פסוק שטייט אשר פקד משה ואהרן על פי יי וואש משה מיט אהרן האבן גיציילט אזו וויא גאט האט גיהיישין והלוים יחנו סביב למשכן אונ דיא לוים זאלין רוען ארום דעם משכן · דר רמב״ן שרייבט די לוים האבין ארום גירינגילט דעם משכן צו היטין אים אזו וויא מען היט דאש הויז פון איין מלך פון אלע פיר זייטין · אזו האבן זיי דעם משכן גיהיט פון אלע פיר זייטן די לוים האבין פון אוישין ווייניג גיהיט אונ די כהנים האבין איננוייניג גיהיט אזוא וויא מען היט איין מלך מנגד סביב לאוהל דיא ישראל האבין גירועט ארום דעם משכן צוויי טויזנט איילין ווייט פון דעם משכן · כדי זיי זאלין קענן קומן אום שבת אונ יום טוב אין משכן צו משה לערנן תורה וצבאו ופקודיהם אונ דער נאך שטייט כל הפקודים אונ אזו שטייט ביא איטלעכין שבט · פרעגט דר רמב״ן ווארום דארף מיר שטיין ביא איטלעכין שבט וצבאו

ופקודיהם

ופקודיהם · דער תירוץ איז דאש ווייזט אונז דאש גאט האט גיטאן איין גרוישין נס צוא ישראל אונ האט זיי באהיט פון אלעם בייזן דען עש איז גיוועזן פיל הונדרט טויזנט וואש מען האט זיי ניט גיציילט דען מען האט מער ניט גיציילט נאר די זכרים וואש זיינן אלט גיוועזן צוואנציג יאר אונ ניט די וואש זייגען ווינגער אלט אונ ניט קיין ווייבער · אונ די גיציילטע זייגען גיוועזן זעקס הונדרט טויזנט אונ איטליכער האט גיהאט איין ווייב · עש איז גיוועזן אזעלכע וואש האבין גיהאט צווא צווייא ווייבער אדר מער · אזו זיינן די ווייבר אויך גיוועזן זעקס הונדערט טויזנט אונ נאך מער · אונ עש איז גיוועזן פיל קינדער וואש מען האט ניט גציילט · אונ מען האט גציילט די ישראל צוואנציג טעג · דען מען האט זיי ניט גיקענט איבר ציילין אין פינף אדער אין זעקס טעג · אונ אין די צוואנציג טעג איז קיינר ניט גישטארבין פון ישראל דאס איז איין גרויס חידוש גוועזן · דרום זאגט דר פסוק אלע מאל וצבאו ופקודיהם דאס איז טייטש זייא זיינן אלע אין גאנצן גוועזן מיט זייערע גציילטע קיינר איז ניט אפ גיגאנגן פון זיי אויך פרעגט דר רמב״ן דא הייסט דר נשיא פון גד רעואל מיט איין ריי״ש אונ אנאנדר מאל הייסט ער דעואל מיט איין דל״ת · דר תירוץ איז דער רעואל איז גוועזן איין חשובר מאן דרום רופט אים דר פסוק דעואל דאש איז טייטש ער האט זיין דעה אלין גיהאט צו ווישין גאט אונ צו דר קענן אים · אונ אויך רופט אים דר פסוק רעואל דאש איז טייטש ער איז איין חבר צו גאט · דען ווען איינר וויל ווישן גאט אונ דינט אים דר ווערט איין חבר צו גאט · דרום האט ער גיהיישן רעואל אונ דעואל · דער בחיי אונ רש״י שרייבין יהודה אונ יששכר אונ זבולון זיינן גיוועזן אין איין פאן ניט וייט פון משה אונ אהרן · דרום זייגען זיי גיוועזן אלע תלמידי חכמים · דרויף זאגין די חכמים טוב לצדיק טוב לשכנו ווען עש איז גוט דעם צדיק איז זיין שכן אויך גוט · אבר די קינדר פון ראובן זיינן גיוועזן נאהענט ביי קרח דרום זייגען זיי ווארין פאר לארין אין דעם קריג פון קרח · דאש האבן די חכמים גזאגט אוי לרשע אוי לשכנו ווען עש איז וויא צום רשע איז וייא צו זיין שכן · אונ זיבן וואלקן זיינן גוועזן צו ישראל אין דער מדבר פיר אויף די פיר זייטין אונ איינער האט זיי פון אויבין צו גידעקט · אונ איינר איז גיגאנגן דריי טעג וועג פאר זייא · אונ האט גיהרגת אלע ברענדיגע שלאנגען וואש זיינן גיוועזן אזו גרויש וויא איין באלקן אונ האט אויש גיגלייכט אלע בערג אונ אלע טאלין · כדי ישראל זאלין גיין גלייך זיי זאלן זיך ניט מיען אויף איין בארג ארויף צו גיין אונ איין וואלקין איז גוועזן פון דר שכינה צו לייכטין זייא אזו זאגט דר מדרש ראשונה יסעו רש״י אונ דר בחיי שרייבן דאש ישראל האבן אנדרש ניט גיצויגין סיידין זיי האבין גיזעהן דאש דער וואלקין הויבט אן צו גיין פריער · אונ וויא באלד דר וואלקין האט אן גיהויבן צו גיין האבן די כהנים גיבלאזן מיט טרומייטן אונ ישראל האבין אן גיהויבין צו רירין אונ יהודה איז גיגאנגן פריער מיט זיין פאלק אונ דר נאך איז גיגאנגן ראובן מיט זיין פאלק · אונ דר נאך זיינן גיגאנגן די לוים מיט דעם משכן אונ דר נאך איז גיגאנגן אפרים מיט זיין פאלק אין דרום זייט · אונ דן מיט זיין פאלק אין צפון זייט · אויף דיא זייטין וואש זיי האבין גירועט אויף די זייטין זייגען זייא גיגאנגען איטליכר אויף זיין ארט · אלה תולדות אהרן ומשה רש״י אונ דר רמב״ן אונ דער בחיי שרייבין דר פסוק רעכינט נאר די קינדר פון אהרן אונ רופט זיי תולדות אהרן ומשה · דר תירוץ איז וויל משה האט מיט זייא תורה גילערינט רופט ער זיי אן זיינע קינדר · דען דר וואש לערינט זיין חברש זון תורה איז גלייך וויא ער האט אים גיוואונען · דרום זאגט דר פסוק תולדות אהרן · אהרן האט זיי גימאכט גיווינען אונ זיינן אויך גיוועזן די קינדר פון

משה · ווייל משה האט מיט די תורה גלערינט אונ דר פסוק זאגט ואלה שמות בני אהרן המשוחים דאש זיינן די קינדר פון אהרן וואש זיינען גיווארין גיזאלבט פאר כהנים אונ דער נאך זאגט ער וימת נדב ואביהוא דאש נדב ואביהוא זיינן גישטארבין · צו ווייזין דאס גאט איז מדקדק מיט דיא צדיקים אפילו אויף איין קליינע עבירה איז ער זיי ניט מוחל אונ חנפת זיי ניט · אזו וויא נדב ואביהוא וואש זיינן גיווארן גזאלבט פר כהנים אונ זיינן גישטארבן פון איין קליינע עבירה וועגין · ואני הנה לקחתי את הלוים תחת כל בכור מבני ישראל זאגט גאט איך האב גינומן די לוים אויף דעם ארט פון דיא בכורים וואש זיי פלעגין מקריב זיין קרבנות נאר ווייל ישראל האבין גידינט דאש עגל · דרום וויל איך ניט זיי זאלין דינען אין משכן נייערט די לוים זאלין דינען אין משכן וואש זיי האבין ניט גידינט דאש עגל · ולקחת את הלוים לי תחת כל בכור בבני ישראל גאט האט גזאגט צו משה צייל די בכורים וואש זיינן אלט איין חודש · האט משה גיציילט די בכורים איז גיוועז צוויי אונ צוואנציג טויזינט אונ צוויי הונדרט אונ דריי אונ זיבעציג · אונ די לוים זיינן גיוועז נאר צוויי אונ צוואנציג טויזינט · האט גאט גיזאגט איטלעכער לוי זאל זיין אנטקעגין איין בכור · אונ די צוויי הונדערט אונ דריי אונ זיבעצג בכורים וואש זיינן מער פון די לוים זאל איטליכר געבין פינף שקלים צו אהרן הכהן האט זיך משה גטראכט וועלכן בכור איך וועל הייסן געבן פינף שקלים וועט ער זאגן אנטקעגן מיר איז דא איין לוי וואש האט מיר אויש גילייזט · דרום האט ער גורל גיווארפין אונ האט גינומן צוויי אונ צוואנצג טויזינט קוויטלאך אונ האט אויף זייא אן גישריבן בן לוי אונ האט גינומן צוויי הונדרט אונ דריי אונ זיבציג קוויטלך אונ האט אויף זיי אן גישריבן פינף שקלים · אונ האט אלע קוויטלעך אין איינם אויש גימישט אונ האט גיהייסן איטליכן בכור איין קוויטיל ארויש נעמן · דר בכור וואש האט ארויש גינומען איין קוויטיל בן לוי איז ער פטור גיווארן פון פינף שקלים · דען איין בן לוי האט אים אויש גילייזט · אונ דר בכור וואש ער האט ארויש גינומן איין קוויטיל פון פינף שקלים האט ער גידארפט געבין פינף שקלים · פרעגט דער דבק טוב וואש האט משה גדארפט אן שרייבן צוויי אונ צוואנציג טויזינט קוויטליך מיט בן לוי · אמער האט ער גיזאלט אבין ליידיגן ליידיגע צוויי אונ צוואנצג טויזיזט קוויטלאך אונ צוויי הונדרט אונ דריי אונ זיבצג קוויטלאך מיט פינף שקלים · אונ ווער עס וועט ארויש נעמן איין ליידיגין קוויטיל וועט פטור זיין · אונ דער בכור וואש וועט ארויש נעמן איי קוויטיל מיט פינף שקלים וועט ער דארפין געבן פינף שקלים · דר תירוץ איז דרום האט משה אן גישריבן אויף קוויטלאך בן לוי כדי דר בכור זאל האבן אין עטליכע יאר צו וויין! דאש כתב פון משה אז איין בן לוי האט אים אויש גילייזט · נאך איין תירוץ איז ער וואלט נעמן ליידיגע קוויטלאך וואלטין דיא בכורים איטליכר גיהאלטין אין דר האנט איין ליידיגן קוויטיל · אונ וואלטין גיזאגט דאש ער האט פון דעם גורל אליידיגן קוויטיל ארויש גינומן אונ וואלט פטור גיוועזן · דרום האט משה אן גישריבן בן לוי אויף די קוויטלאך אונ דאש וועלין די בכורים ניט קענן נאך שרייבן ווייל איטליכר האט דר קאנט דאש כתב פון משה · פרעגט ווייטר דר דבק טוב ווארום האט משה אויף די צוויי הונדרט אונ דריי אונ זיבעציג קוויטלאך אן גישריבן פינף שקלים · אמער וואלט ער זיי גילאזט ליידיג אונ אז איין בכור וואלט ארויש גינומן איין קוויטיל בן לוי וואלט ער פטור גיוועזן · אונ אז ער וואלט ארויש גינומן איין ליידיגן קוויטיל וואלט ער גדארפט געבין פינף שקלים · אונ דא וואלט שוין דר בכור ניט גבראכט אין זיין האנט איין ליידיגן קוויטיל · דען ער האלט גידארפט דורך דעם געבין פינף שקלים · אונ ער זאגט דרויף קיי

תירוץ ניט • נשא את ראש בני קהת גאט זאגט צו משה צייל די בני קהת דאש זיי זאלן טראגן די כלי קודש אונ מען האט גצייילט פון דרייסיג יאר ביז פופציג יאר אונ ניט ווייניגר פון דרייסיג אונ ניט מער פון פופציג איז ווארן גצייילט • דען דר וואש איז פופציג יאר אלט האט קיין כח ניט צו טראגין • אונ אויך דר וואש איז נאך ניט אלט קיין דרייסיג יאר האט ער נאך ניט זיין כח אין גאנצין • פון דאנן לערנן מיר אפ דאש צו דרייסיג יאר קומט ערשט דער מענטש צו זיין רעכטן כח אונ די לוים האבן צו נומען דעם משכן אז מען האט נידארפט ציהען • אונ מען האט צו גדעקט דעם ארון מיט דעם פרוכת אונ מען האט פון אויבין צו גידעקט מיט איין פעל פון איין חיה וואש הייסט תחש • אונ אזו האט מען אלע כלים פון דעם משכן גטאן אין זייער פוטער פאס • אונ מען האט פון אויבן צו גידקט אונ האבן דעם מזבח אויך מיט גיטראגין • אונ דאש פייער וואש איז אראפ גיקומן פון דעם הימל איז גיוועזן אליץ אויף דעם מזבח עס איז ניט פאר לאשין גיווארין • אונ מען האט עס צו גידעקט מיט איין אייזרנע פאן אונ מען האט דרויף צו גידעקט מיט איין קלייד פון פירפיל וואל • אונ דאש קלייד איז ניט פאר ברענט גיווארן • אונ אז מען האט אליץ צו גידעקט זיינן גיקומן די בני קהת אונ האבין גיטראגן די כלים • ופקודת אלעזר אונ אלעזר איז גיוועזן איין האר איבר די בני קהת • אונ איז אויך גיוועזן צו אן בריטין דעם שמן המשחה אונ קטורת אונ בוימל צו דר מנחה וועען מען האט גירועט • אונ דר רמב"ן אונ דר בחיי שרייבן דאש ווארט ופקודת ווייזט דאש אלעזר האט קיין משא ניט גיטראגין נאר ער איז גיוועזן איין פקיד איבר די לוים • אבר אין ירושלמי שטייט דאש אלעזר האט גיטראגן די קטורת וואש האט גיהאלטן דריי הונדרט אונ אכט אונ זעכציג מנה • אונ דיא בוימל אויף איין גאנץ יאר איז גיוועזן הונדערט אונ דראיי אונ אכציג מאס • דאש אליץ האט אלעזר אליין גיטראגין • דען גאט האט אים גינעבין כח ער זאל דאש אליץ טראגין • אל תכריתו את שבט משפחות הקהתי גאט האט גיבאטן דש אהרן אונ זיינע קינדר זאלן היטין דאש די בני קהת זאלין רעכט טראגין די כלים אונ זאלין ניט פאר שניטין ווערין • דען ווען זיי וועלין ניט רעכט טראגן אזו וועלין זיי פאר שניטן ווערן משפחות הקהתי דר בחיי שרייבט דרום האט די תורה אן גישריבן ביי קהת איין ה"א פון פארינט אונ איין יו"ד פון הינטן • דאש איז דר נאמן פון גאט • ווייל גאט האט גיוואוסט דאש קרח אונ זיין חברותה וואש קומן ארויש פון קהת וועלין קריגין אויף משה אונ אהרן אונ וועלן ווערין פאר לארין • דרום האט גאט גילאזט רוען זיין נאמן אויף די בני קהת אונ האט זיי מציל גיוועזן זיי זאלין אלע ניט פר לארן ווערן כבלע את הקודש זיי זאלן ניט קומן זעהן בשעת אז מען וועט צו דעקן די הייליגע כלים אונ זאלן ניט שטארבן ווייל די כלים זיינן זייער הייליג:

## הפטרת במדבר

והיה מספר בני ישראל זאגט דר נביא עש וועט זיין די צאל פון די קינדר ישראל אזו וויא די זאמד פון דעם ים וואש ער קאן ניט גמאסטן אונ גיצייילט ווערין דען איר וועט אין גלות תשובה טאן אזו וועל איך גאט מיך דר בארימען איבר אייך אונ עש וועט זיין אין דעם ארט וואש איז ווארין גיזאגט אויף זיי זיי זיינן ניט מיין פאלק וועט ווערין גיזאגט אויף זיי דאש זיי זיינען די קינדר פון לעבעדיגין גאט ונקבצו בני יהודה ובני ישראל אונ זיי וועלין איין גיזאמילט ווערין דיא בני יהודה אונ די בני ישראל מיט אנאנדר אונ וועלין צו זיך מאכין איין מלך פון זרע דוד אונ וועלין אויף גיין פון דעם גלות דען עש וועט זיין גרויס דר טאג פון דעם איין זאמלונג פון זייער פר שפרייטונג אונ זייער פר זייאונג • זאגט גאט צו די נביאים אמרו לאחיכם עמי זאגט צו אייערע ברידר זיי זיינן מיין פאלק אונ צו אייער שוועסטר רופט דר בארעמיגע דען איך וועל מיך דער בארימען איבר ישראל אונ וועל זיי נעמען פר

איין

אין פאלק ווען די ווערין זיך אום קערין צו מיין תורה אבער איצונד ריבו באמכם ריבו קריגט אייך איר נביאים מיט אייער מוטר די כנסת ישראל דען זיא איז ניט מיין ווייב צו באדייטען מיך אונ איך בין ניט איר מאן צו געבן איר איר באדערפינש דרום לאז זיא אפ טאן דאש זנות וואש זיא טוט אונ איר צירונג וואש מען האט איר גימאכט פון וועגין זנות פן אפשיטנה ערומה דען טאמער וועל איך איר שטעלן נאקעט אזו וויא דעם טאג וואס זיא איז גיבארין גיווארין פון איר מוטערש לייב אזו וויא איר זייט גיוועזן אין מצרים אונ וועל איר פר וויסטין אונ איבר אירע קינדר וועל איך מיך ניט דר בארימען דען זיי זיינן קינדר פון זנות כי זנתה אמם הובישה הורתם דען זייער מוטר די כנסת ישראל האט מזנה גיוועזן אונ די תלמידי חכמים וואש לערנן זיי זיינן גיווארן פר שעמט אנטקעגן די עמי הארצים דען דר תלמיד חכם קען ניט זאגין צום עם הארץ ער זאל ניט גנבנן אונ זאל קיין רוחים ניט נעמען ווייל זיי אליין גנבנן אונ נעמען רוחים׃ כי אמרה אלכה אחרי מאהבי דען זייא זאגין מיר ווערין גיין נאך אונזערע ליב האבער דאש איז די זון אונ די לבנה וואש זיי דינען צו זיי אונ זאגין די זון אונ די לבנה גיט זיי ברויט אונ בוימיל אונ וואל אונ פלאקס׃ לכן הנני שך את דרכך בסירים דרום זאגט גאט איך וועל פר צאמען דיין וועג מיט דערנר אונ וועל פר צאמען דיין צאם דאש דו וועסט ניט גיפינען קיין וועג אונ זיי ווערין נאך יאגין צו באקומען איין הילף פון מצרים אונ פון אשור אונ זיי ווערין ניט גרייכין קיין הילף פון זיי אזו ווערין זיי זאגין איך וועל מיך אום קערין צו מיין ערשטין מאן ווארום עש איז מיר דענשט מאל אז איך האב אים גידינט בעסר גיוועזן פון היינט והיא לא ידעה אונ זיי ווייסין ניט דאש איך האב זיי גיגעבין דאש קארין אונ וויין אונ בוים אייל אונ איך האב זיי גיגעבין זילבר אונ גאלד אונ זייא האבין דאש גימאכט פר איין אפ גאט לכן אשוב ולקחתי דגני בעתו דרום וועל איך מיך אום קערין אונ וועל צוא נעמען דאש ברויט וואש איך האב זיי גיגעבין אזו ווערין זיי ווישין דאש איך האב זייא דאש גיגעבין ועתה אגלה את נבלותה אונ איצונד וועל איך אנפלעקין זייערע בייזע מעשים פר די אויגן פון זייערע ליב האבר והשבתי כל משושה אונ איך וועל פר שטערין זייער פריד אונ זייער יום טוב

אונ זייער חודש אונ זייער שבת והשימותי גפנה ותאנתה אונ איך וועל פר וויסטין זייערע וויין שטאקין אונ זייערע פייגין בוימער וואש זייא זאגין דאש זייער עבודת כוכבים האט זיי דאש גיגעבין ופקדתי עליה את ימי הבעלים אונ איך וועל ברייגען איין פורעניות אויף זייא אנטקעגין די טעג וואש זייא האבין גידינט די עבודת כוכבים אונ האבין אראפ גינומען זייער צירונג פון זייער גוף אונ האבין גיגעבין צו דר עבודת כוכבים אונ אן מיר האבין זייא פאר געסין אזו זאגט גאט לכן הנה אנכי מפתיה דרום וועל איך זיי איבער ריידין זייא זאלין גיין נאך מיר אונ וועל זייא טרייסטין פון זייערע צרות אונ וועל זייא אפ געבין זייערע וויין גערטנער אונ דעם טיפין גלות וואש האט זיי באטריבט וועל איך זייא געבין צו איין אן הויב האפונג דען דורך די צרות וואש זיי חעלין דארטין האבין ווערין זיי זיך נעמען צום הארצין זיי זאלין תשובה טאן וענתה שמה אונ זיי ווערין וואונען אין גלות אזוא וויא זייא האבין גיוואונט אין מצרים אונ אזוא וויא זיי האבין תפלה גיטאן צו מיר אין דעם טאג וואש זיי זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים אונ איך האב זיי גיהאלפין אזו וועט לעתיד אויך זיין והיה ביום ההוא אונ עש וועט זיין אין דעם טאג וואש משיח וועט קומן וועט איר מיך רופין מיין מאן דאש איז איין לשון פון ליבשאפט אונ איר וועט מיך שוין ניט רופין מיין האר דאש איז איין לשון פון מורא והסירותי את שמות הבעלים אונ איך וועל אפ טאן די נעמען פון די אפ געטר פון זייער מויל דאש זיי ווערין שוין מער ניט דער מאנען זייער נאמען וכרתי להם ברית ביום ההוא אונ איך גאט וועל פר שניידין איין ברית צו ישראל אין דעם דאזיגן טאג מיט די חיות פון דעם פעלד אונ מיט די פויגיל פון דעם הימל דאש זיי זאלין ניט שאדין טאן צו ישראל אונ די שווערד אונ מלחמה אונ דעם בויגין וועל איך צו ברעכן דש מען וועט שוין מער קיין מלחמה ניט האלטן אונ זיי ווערין רוען זיכער וארשתיך לי לעולם וארשתיך לי בצדק אונ איך וועל דיר מקדש זיין צו מיר פון וועגן דעם זכות פון דר צדקה אונ משפט אונ חסד אונ רחמים וואש דו וועשט טאן וארשתיך לי באמונה וידעת את יי׳ אונ איך וועל דיך מקדש זיין צו מיר פון וועגין דעם זכות וואש דוא וועסט גלויבין אין מיר אונ דוא וועסט וויסין גאט׃

נשא את ראש שלמה המלך זאגט אין משלי שמחה לצדיק עשות משפט עש איז איין שמחה דעם צדיק ווען ער טוט משפט דאס קיין גזילה איז ניט אין זיין שטאט אונ דעם רשע איז דאש איין פארכט ער פארכט זיך מען זאל אים ניט שטראפן אויף זיין בייז · שלמה המלך לאזט מיך וויסן דאש איין מענטש דארף זיך פרייען מיט דעם גאנצן הארצן איין מצוה צו טאן ווערט אים גאט געבין שכר אויף דר שמחה גליך וויא אויף דער מצוה אליין אזוא וויא אין פסוק שטייט עבדו את יי בשמחה דינט גאט מיט שמחה אונ דרום האט מען גיזונגען מיט דעם מויל אין בית המקדש דר וואש האט גיהאט איין גוט קול · אין משכן אין דר מדבר האט מען אויך גיזונגען מיט קולות אונ מיט כלי זמר כדי מען זאל ברייגגען שמחה אויף די לייט וואש זיינען גישטאנן ביי דיא קרבנות אונ דרום זאגט דר פסוק לעבוד עבודה באהל מועד צווא דינען איין דינשט אין אוהל מועד זאגין די חכמים וועלכעש הייסט איין דינסט צו איין דינסט דאש איז דאש גיזאנג וואש די לוים האבין גיזונגען ביי דעם קרבן כדי מען זאל דעם קרבן ברייגגן בשמחה דר חזקוני שרייבט מען האט דרום די קינדער פון קהת פריער גיציילט ווייל זיי האבין גיטראגין די הייליגע כלים דעם ארון אונ דעם טיש אונ די מנורה אונ דעם מזבח אונ דר נאך האט מען גציילט די קינדר פון גרשון חאטשע זיי האבין ניט גיטראגין דען זייא האבין גיהאט וועגין מיט אקסין פון דעשט וועגין ציילט ער זיי נאך די קינדר פון קהת ווייל גרשון איז גיוועזן דער עלצטער זון פון לוי · אונ דער צרור המור שרייבט ווייל גרשון איז גיוועזן דר עלצטר זון פון לוי דרום שטייט ביי אים נשא את ראש בני גרשון גם הם כלומר גרשון איז אויך איין ראש אזו וויא קהת אבער ביי די קינדר פון מררי שטייט ניט נשא את ראש ווייל ער איז ניט חשוב גיוועזן וויא גרשון · אונ די קינדער פון קהת זיינן חשוב גוועזן ווייל זיי זיינן גיטראגן בארוועס ביי דעם ארון דען דאש ארט וואו דער ארון איז גיוועזן וואש איז גוועזן הייליג מוז מען גיין דרויף בארוועס אונ אויך ווייל זיי זיינן גיגאנגן מיט דעם רוקין צום פאלק אונ מיט דעם פנים צום ארון אונ ווייל זיי זיינן זייער חשוב גוועזן שטייט ביי זיי ויפקוד משה ואהרן ונשיאי העדה את בני הקהתי משה אונ אהרן אונ די נשיאים פון ישראל האבן גיציילט די קינדר פון קהת אבר די קינדר פון גרשון האט נאר משה אונ אהרן גיציילט אונ ניט די נשיאים ווייל זיי זיינן ניט אזו חשוב גוועזן וויא די קינדר פון קהת ובשמות תפקדו את כלי משמרת משאם דער רמב׳ן שרייבט מען האט זייא צו איטליכן לוי צו גיציילט וויא פיל ברעטער אדר ריגלען אדר זיילן ער זאל טראגין דען ווען מען וואלט זיי הייסן אליין נעמען ברעטער אדר ריגלען נאך זייער ווילן נאך וואלט זיך איטליכר בהאלטין אונ וואלט גיטראכט לאז מיין חבר פריער נעמן ווייל דאש טראגין פון די קינדער מררי איז גיוועזן איין שווערע משא שווערע ברעטר אונ ריגלען דרום האט מען צו איטליכין לוי צו גיציילט וויא פיל ער זאל טראגין אזו וועלין זיי מוזין דאש האלטין איש איש על עבודתו דער רמב׳ן שרייבט דר פסוק ווייזט אונז איטליכר לוי זאל זיין ביי זיין עבודה אונ איינער טאר דעם אנדערין ניט העלפין אין איין אנדערע מלאכה וואש ער איז דרויף ניט גיזעצט וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש דיא ישראל זיינען גיוועזן דריי מחנות צום ערשטין גאנץ אינווייניג אין משכן איז גוועזן די מחנה כהונה אונ ארום דעם משכן איז גיוועזן די מחנה פון לוים זיי האבין גירוועט ארום דעם משכן אונ ארום די לוים איז גיוועזן מחנה ישראל זייא האבין גירוועט אויף אלע פיר זייטין פון דיא לוים איין מצורע האט גידארפט ארויש גיין פון אלע דריי מחנות ער זאל זיצן אליין אויף דעם פעלד · אונ איין זב וואש בלוט רינט פון אים האט גידארפט ארויש גיין פון מחנה

כהונה אונ לויה · אבר ער האט גימעגט זיין אין מחנה ישראל · אונ דער וואש האט אן גירירט אין איין מת האט גידארפט ארויש גיין פון מחנה כהונה אבר ער האט גימעגט זיין אין מחנה לויה אונ אין מחנה ישראל · דר רמב"ן אונ דר חזקוני אונ דר צרור המור שרייבין דרום האט די תורה גישטעלט דיא פרשה פון טומאה לעבן דר פרשה וואש מען האט די ישראל גיציילט איטלעכן אויף זיין ארט דאש איז וייל די ישראל זיינען ווארין גיציילט אויף וואש פאר איין ארט איטלעכר זאל רוען ביא דעם משכן אונ וויא מען זאל דעם משכן טראגין דרום זאגט ער באלד דיא פרשה פון טומאה מען זאל זיך היטין דעם משכן ניט פאר אום רייניגען · אויך שרייבט די פרשה מען זאל גווארינט זיין ניט צו גזלנן אונ די פרשה פון סוטה ווען איין אשה איז מזנה · למעול מעל די פרשה לערינט אונז מען זאל ניט גזלנען אונ ניט פאלש שווערין אונ גיט פאר לייקענען עפעם זיין חבר אונ ווען ער האט יוא עפעם גיגזלת ביי זיין חבר אונ האט אים פאר לייקינט אונ האט פאלש גישווארין אונ וויל תשובה טאן זאל ער אום קערין די גזילה וואש ער האט גיגזילת אונ זאל נאך געבן איין פינפטיל מער דהיינו ווען ער האט גיגזילת פיר גילדן זאל ער אפ געבן פינף גילדין אונ מוז איין קרבן אויך ברייננן אונ ווען איינער האט גיגזילת זיין חבר אונ ער איז גישטארבן אונ האט קיין קרובים ניט זאל ער אפ געבן די גזילה צו די כהנים · דר בעל הטורים שרייבט די תורה האט אן גשריבן מכל חטאת האדם אונ האט דר ביי גשטעלט מען זאל ארויש שיקין דיא טמאים פון צווישין ישראל דאש לערינט אונז דש גאר די טומאה איז גקומן פון וועגן דר זינד פון אדם הראשון וואש ער האט גיגעסן פון דעם עץ הדעת אונ די אשה האט עש אים גיגעבן אונ דר שלאנג האט זיא אן גירעט דר צו אונ האט גירעט ביז אויף גאט אונ דרום זיינען די שלאנגען גישלאגין גיווארין מיט צרעת אזו אין אשה רינט בלוט פון איר · אדם הראשון האט גיטוזט שטארבין וועגין דעם חטא אזו האט דיא תורה כסדר אן גישריבין צום ערשטין שטעלט די תורה ווען איינר איז מצורע דארף מען אים ארויש שיקין פון אלע דריי מחנות דאש איז אנטקעגין דר מכה פון דעם שלאנג צום אנדרין שטעלט די תורה ווען עש רינט בלוט פון איין מאן אדר פון איין אשה דאש איז אנטקעגן דר מכה פון חוה וואש זיא איז ווארין גישלאגין מיט דם נדה · דיא דריטע פרשה שטייט ווען איינער רירט אן אין איין מת דאש איז אנטקעגין אדם הראשון וואש אויף אים איז נגזר גיווארין ער זאל שטארבן אונ פון אים אן אונ ווייטער איז גיקומן דער טויט אויף דר וועלט ואיש את קדשיו לו יהיו רש"י שרייבט ווען איין מענטש וויל ניט רעכט מעשר געבין אזו וועט דר מעשר צו אים זיין כלומר זיין פעלד וועט וייטר מער ניט מאכן וואקסן נאר וויא פיל דר מעשר האט בטראפן איש אשר יתן לכהן לו יהיה אבר ווען איין מענטש וועט געבין מעשר צום כהן אזוא וויא מען דארף דר וועט האבין גוטש איש איש כי תשטה אשתו רש"י שרייבט ווען איין מענטש וויל ניט געבין מעשר צום כהן וועט דר סוף זיין דאש זיין וייב וועט איין סוטה זיין אונ ער וועט זיא דארפין ברייננען צום כהן דרום האט די תורה גישטעלט די פרשיות ביי אנאנדר אונ די תורה האט דרום גשטעלט צווייי מאל איש צו וייזין ווען איין אשה איז מזנה טוט זיא מורד זיין אן גאט וואש ער הייסט איש מלחמה אונ אויך אן איר מאן וואש ער הייסט אויך איש · כי תשטה די חכמים זאגין דרום שטייט תשטה צו וייזין דאש קיין מענטש טוט ניט קיין עבירה סיידין עש גייט אין אים אריין איין נארישע דעה דען תשטה איז טייטש זיא וועט פר נארעשין ושכב איש אותה ווען איין פרעמדר מאן וועט ליגין מיט דר אשה וועט זיא אום קומן פון דר וואשר וואש מען וועט

איר

איר געבין טרינקן אין בית המקדש אבר איר שוועסטר וועט ניט אום קומען אזו שרייבט רשי׳ · דען עש איז גיוועזן איין מעשה דאש צווייא שוועסטער האבין ביידע גיהאט איין גשטאלט האט איינע מזנה גיוועזן האט מען איר גיוואלט געבן טרינקן די וואשר פון דעם בית המקדש האט זיא גזאגט צו איר שוועסטר גייא דו אויף מיין ארט דען די וואשר ווערין דיר ניט שאטין איז די שוועסטער גיגאנגן אין בית המקדש אריין אונ מען האט איר גיגעבן טרינקען די וואשער אונ עש האט איר ניט גישאט · אונ אז זיא איז אהיים גיקומן האט זיא די שוועסטר אן גיהויבין צו האלזן אונ צו קושין ווייל זיא האט זיא מציל גוועזן פון דעם טויט · אזו איז אין איר אריין דער ריח פון די וואשר וואש איר שוועסטר הט גטרונקן אונ זיא איז ווארן גישוואלן אונ איז גשטארבן פון דעם ריח פון דר וואשער האט דיא זונה גישאט אונ די שוועסטר ניט ונעלם מעיני אישה ווען דר מאן האט ניט גיזעהן וויא זיא האט מזנה גיוועזן האט מען איר גיגעבין טרינקען די וואשר אבער ווען ער האט גיזעהן אדר גוואוסט האט מען איר ניט גיגעבין טרינקן די וואשר נאר ער האט איר גיגט ועד אין בה ווען אפילו איין עדות איז ניט דא דאש זיא האט מזנה גוועזן האט מען איר גיגעבן טרינקן די וואשר אבר ווען עש איז גיוועזן איין עדות דאש זיא האט מזנה גיוועזן האט זיא קיין וואשר ניט גטרונקן נאר זיא איז אסור גווארן צו איר מאן אונ ווען עש איז גיוועזן צווייא עדות מיט התראה האט מען זיא דר וואָרגין אונ מען האט איר ניט גיגעבין טרינקן סיידין דר מאן האט איר פר ווערט זיא זאל זיך ניט פאר בארגין מיט דעם מענטשן אונ עש זיינן גיקומן צוויי עדות דאש זיא האט זיך יוא פר בארגין נאר זייא ווייסין ניט אויב זיא האט מזנה גוועזן אזו האט מען איר גיגעבן טרינקן די וואשר והיא לא נתפשה אונ זיא איז ניט ווארן באצוואונגן כלומר מען האט זיא ניט גינומן

מיט גוואלד נאר מיט איר גוטין ווילן ווערט זיא אסור צום מאן אבר ווען מען האט זיא גינומן מיט גוואלד איז זיא מותר צום מאן דען זיא איז ניט שולדיג קמח שעורים זיא זאל ברייגנן איין קרבן פון גערשטין מעל אונ ניט פון קיין ווייץ ווייל זיא האט גיטאן די מעשה פון איין בהמה דרום זאל איר קרבן זיין איין מאכל פון איין בהמה דאש איז גערשטן אונ מען זאל ניט גיסין אויף איר קרבן קיין בוים אייל אזו וויא מען גיסט אויף איין מנחה ווייל בוים אייל לייכט אונ זיא האט גיטאן איר מעשה אין דר פינשטער אונ מען זאל צו איר קרבן קיין ווייראך ניט נעמן ווייל שרה רבקה רחל לאה זיינן גיגליכין צו ווייראך אונ דיא אשה האט זיך אפ גישייד פון זיי מיט אירע בייזע מעשים אונ די וואשר זאל מען נעמן פון דר האנט פאס וואש איז גיוועזן גימאכט פון די שפיגלען וואש די פרומע ווייבר האבין גיגעבן אין משכן אונ די אשה איז ווארן אפ גישייד פון זיי מיט אירע בייזע מעשים · אונ דר בחיי שרייבט דרום האט מען גיגעבן ערד אין דעם וואשר צו ווייזין ווען די אשה וועט גירעכט זיין וועט זיא האבין איין זון אזוא וויא אברהם וואש עש שטייט ביי אים ואנכי עפר ואפר איך בין ערד אונ אש אבר ווען זיא וועט ניט גירעכט זיין אזו וועט זיא שטארבן אונ עש וועט ווערין פון איר ערד אונ אש · רבי מאיר זאגט גאט צאלט מדה כנגד מדה אונ אזו אויך זאגט רבי חייא פון דעם מאלאן וואש די סנהדרין זיינן בטל גיווארין אונ מען משפט ניט די פיר מיתות בית דין אזו משפט גאט אליין די פיר מיתות נאר די לייט פאר שטייען ניט וואש דאש איז דהיינו ווען איינר האט איין עבירה גיטאן דאש ער איז חייב צו פאר שטייניגן פאלט ער אראפ פון איין דאך אדר איין חיה איז אים דורס · אונ ווען איינר איז חייב צו פאר ברענט ווערן פאלט ער אריין אין פייער אדער איין שלאנג לאזט אים איין גיפט אונ דאש ברענט אים אזו וויא פייער ·

איז ער חייב מען זאל אים דעם קאפ ארא‍פ נעמן מיט איין שווערד פאלט ער אריין צו גזלנים אין די הענט אונ זיי האקין אים אפ דעם קאפ איז ער חייב צו דר ווארגין ווערין פאלט ער אריין אין וואשר אונ ווערט דער טרונקן דאש איז אזו וויא דר ווארגין אדער איין מכה ווערט אים אין האלז אונ ער ווערט דר ווארגן פון איר אונ אזו אויך ביי דר סוטה האט מען איר אלין גיטאן מדה כנגד מדה זיא האט דעם נואף גיגעבין טרינקען מיט שיינע כלים דרום גיט מען איר די וואשר טרינקען מיט איין ערדענע כלי זיא האט דעם נואף גיגעבין ..טע וויין דרום גיט מען איר ביטער וואשר זיא האט זיך גישטעלט אויף דר טיר צו זעהן וויא איר ליב האבר גייט דרום האט זיא דר כהן גשטעלט אויף דעם טויער פון דעם בית המקדש וואו אלע לייט גייען זיא האט זיך גיצירט מיט איין שיינר הויב אונ מיט איין שיינעם שלייער כדי זיא זאל דעם ליב האבר גיפעלין דרום זאל דר כהן איר דעם שלייער אראפ נעמן פון איר קאפ אונ זאל זיא שטעלן וואר האפטיג פאר אלע לייט זיא האט אירע האר שיין גיפלאכטין דרום צו פלעכט איר דר כהן די האר אונ צו רייסט אירע קליידר ביז מען זעהט ארויש איר הארץ אנטקעגן אלע לייט זיא האט איר פנים שיין גימאכט פאר איר ליב האבער דרום ווערט איר פנים ווערין גרין אונ געל פון די וואשר טרינקן זיא האט אירע אויגין שיין גיפארבט דרום ווערין איר די אויגין ארויש שפרינגן פון די וואשר זיא האט איר ליב האבר גיגעבן גוטע עסין שפייז דרום איז איר קרבן גיוועזן פון גערשטין דער מאכל פון איין בהמה והקריב אותה הכהן רש״י שרייבט דער כהן האט זיא גיפירט פון איין ווינקל צום אנדרין כדי ער זאל זיא מיד מאכן טאמער ווערט זיא מודה זיין דאש זיא האט מזנה גיוועזן אונ מען ווערט ניט דארפן דעם שם פון גאט אפ מעקן אין וואשער פון אירט וועגין אונ מען האט איר די האר פון דעם קאפ אפ

גידעקט צווא פאר שעמען זיא אונ מען האט איר גיגעבין די מנחה אויף די הענט צו מיד מאכין זיא טאמער ווערט זיא מודה זיין דאש אז זיא האט מזנה גיוועזן אונ דער כהן האט גינומן אין זיין האנט די וואשר אונ האט זיא בשווארן אויב דוא בישט ניט גילעגן ביי איין פרעמדן מאן אונ ניט נאר מיט דעם אליין וואש מען איז דיך מיט אים חושד נייערט מען ביי שווערט דיך אויף אלע מאנן דאש דוא בישט מיט קיינעם ניט גילעגן חוץ דיין מאן אונ אויב דו בישט גילעגן מיט איין פרעמדן מאן זאל דיך גאט פאר שילטן מיט די וואשר אונ זאל דיך געבן צו איין קללה ביי אלע לייטן מען ווערט איינם שילטן זאל מען אים זאגן עש זאל דיר אזו גישעהן וויא צו דר אשה את ירכך נופלת ואת בטנך צבה דיין דיך זאל דיר איין פאלן אונ דיין בויך זאל דיר ווערן גישוואלן · אונ וויל זיא האט אן גיהויבן די עבירה טאן מיט דער דיך אונ מיט דעם בויך דרום ווערין זייא פריער גשטראפט דר נאך ווערט אוך דר גאנצר גוף שטיקר וייש צו פאלן אונ דעם נואף ווערט אויך דר גאנצר גוף שטיקר וייש צו פאלין איבר די וואסר וואש די אשה טרינקט : והניף את המנחה דר כהן האט די מנחה אויף גיהובן מיט דר האנט פון דר אשה דען די מנחה איז גוועזן אין דר האנט פון דר אשה אונ דר כהן האט זיינע הענט גילייגט אונטר דר האנט פון דר אשה אונ האט אויף גיהויבן · פרעגט דר אמרי נועם וויא גשיקט זיך דאש דר כהן זאל אן רירין אין דר האנט פון איין אשה דר תירוץ איז דר כהן איז גוועזן איין זקן וואש דר יצר הרע האט זיך אפ גטאן פון אים אונ אפילו איין יונגער כהן אין איין קליינע ווילע ווערט דר יצר הרע אים ניט ברייגגען צו קיין בייזע מחשבות ואמרה האשה אמן אמן רש״י שרייבט די אשה האט אויף די קללות גיזאגט אמן אמן כלומר די קללות זאלין אין איר מקוים ווערן אויב זיא האט מזנה גיוועזן מיט דעם וואש מען איז זיא חושד · אדר אויב זיא האט מזנה

גיוועז מיט איין אנדרין · אונ ווען מען האט
דעם שם אפ גימעקט אין דאש וואשר אונ
די אשה האט ניט גיוואלט טרינקן האט מען
איר גינייט סיידין זיא האט מודה גיוועז אז
זיא הט מזנה גוועז ונקתה ונזרעה זרע אונ ווען די
אשה האט אבר ניט מזנה גיוועז האט איר
די וואשר ניט גישאט אונ פר דר חרפה וואש
זיא האט איין גינומן האט איר גאט בצאלט
דהיינו ווען זיא האט פריער קיין קינדר ניט
גיהאט ווערט זיא היינט האבין קינדער מיט
איר מאן · אונ ווען זיא האט גיהאט קינדער
מיט צער ווערט זיא היינט גרינג האבין קינדר
אונ ווען זיא האט פריער גהאט טעכטר ווערט
זיא היינט האבן זין אונ ווען זיא האט פריער
גהאט שווארצע קינדר ווערט זיא היינט האבן
ווייסע קינדר ונקה האיש מעון דר מענטש ווערט
זיין ריין פון דר עבירה · רש"י אונ דר אמרי
נועם שרייבן דר פסוק ווייזט אונז דר מאן זאל
ניט זאגן איך בין שולדיג דאש זיא איז דורך
די ביטערע וואשר גשטארבן דרום זאגט דיא
תורה דר מאן ווערט זיין ריין פון דעם עונש ·
אויך תייזט אונז דר פסוק ווען די וואשר האט
איר ניט גשאט איז זיא ריין גיבליבן אונ איז
מותר צום מאן אזו וויא פריער · דר אמרי
נועם שרייבט דריי מאל שטייט אין דר תורה
ונקה צו ווייזן דאש דריי מאל איז מען דעם
מענטשין מוחל זיינע עבירות · איינש איז
ווען איין מענטש איז עולה לגדולה איז אים
גאט מוחל זיינע עבירות · אונ דאש אנדרע
ווען ער איז קראנק גוועזן אונ איז גזונט גיווארן
איז אים גאט מוחל זיינע עבירות אונ דאש
דריטע איז ווען איין חתן גייט אונטר דר חופה
איז אים גאט מוחל זיינע עבירות · דר רמב"ן
אונ דר בחיי שרייבן ונקה האיש מעון דאש איז
טייטש ווען דר מאן איז ריין פון זינד דש ער
האט קיין מאל ניט מזנה גיוועזן אונ איז בייא
זיין וויב ניט גילעגין זינט ער האט איר פר
ווערט זיא זאל זיך ניט פאר בארגן מיט דעם
מענטשן ניט מען זיין וויב טרינקן די וואשר

אבער אז ער איז ניט ריין ניט מען איר ניט
טרינקן אונ אויך ווען ער איז ביי זיין כלה גלעגין
פאר דר חופה האט מען זיין וויב ניט גיגעבן
קיין וואשר טרינקן אונ ווען ער האט זיין וויב
ניט פאר ווערט האט מען איר קיין וואשר ניט
גיגעבן טרינקן אונ אויך ווען איין כהן האט
גינומן איין גרושה וואש זיא איז צו אים אסור
האט מען איר אויך ניט גיגעבן קיין וואסער
טרינקן איש כי יפליא לנדור נדר נזיר להזיר ליי ווען איין
מענטש ווערט איין נדר טאן צו זיין איין נזיר
פון גאטש וועגן רש"י אונ דר בחיי שרייבן דרום
האט די תורה אן גישריבן די פרשה פון נזיר
נאהנט פון דר פרשה פון סוטה צו ווייזן ווען
איין מענטש זעהט איין סוטה איז ווארין
גישטראפט זאל ער זיך אפ שיידין פון וויין
טרינקן וויל די עבירות קומן פון וועגין וויין
טרינקן תער לא יעבור על ראשו ער זאל ניט שערן
די האר פון זיין קאפ · אונ דרום הייסט ער
איין נזיר פון גאטש וועגן וויל דורך דעם וואש
ער שייד זיך אפ פון וויין טרינקן קען ער גאט
דינן מיט איין לויטערן שכל · דר בחיי אונ דר
אבן שואב שרייבן דרום האט ער גילאזן וואקסן
די האר פון זיין קאפ דען ווען מען האט גרויסע
האר איז מען ניט פריילך דרו ער ווערט ער מורא
האבן פאר גאט אונ ווערט אים רעכט דינן · דר
תולדות יצחק אונ דר אבן שואב שרייבן דרום
איז די פרשה פון נזיר גישריבן גיווארן לעבן
דר פרשה פון סוטה צו ווייזן די סוטה אז זיא
איז מזנה איז זיא עובר אויף די עשרת הדברות
וואש משה האט מקבל גוועזן אויף דעם בארג
סיני אונ דר נזיר האלט זיי אונ טוט נאך מער
וויא מען דארף · רב הונא זאגט פון וועגן רבי
אבא איין אשה וואש איז מזנה איז זיא עובר
אויף די עשרת הדברות דאש ערשטע איז ווען
זיא איז מזנה אונ פאר לייקינט אן מאן איז
גלייך וויא זיא לייקינט אן גאט אונ איז עובר
אויף אנכי יי אלהיך איך בין דיין גאט · דאש אנדרע
איז ווען זיא איז מזנה מיט איין פרעמדן מאן
איז גלייך וויא זיא נעמט איין פרעמדן גאט אזו

איז

איז זיא עובר אויף לא יהיה לך אלהים אחרים דוא
זאלשט ניט האבין קיין פרעמדין גאט · דאש
דריטע איז ווען זיא איז מזנה אונ שווערט אז
זיא האט ניט מזנה גיוועז אזו איז זיא עובר
אויף לא תשא דו זאלשט ניט פאלש שווערן ·
דאש פערטע איז ווען זיא איז מזנה אונ האט
איין זון פון דעם זנות אונ איר מאן איז איין
כהן אזו מיינט מען אז דאש קינד איז אכהן
אונ ער טוט די עבודה אין בית המקדש אום
שבת אונ אין אמת איז ער איין זון פון איין
ישראל אונ איז אום זיסט מחלל שבת אונ
זיא איז דאש גורם דרום איז זיא עובר אויף
זכור את יום השבת · דאש פינפטע איז עש קען
זיין דאש דר זון שלאגט דעם נואף וואש ער
איז זיין רעכטר פאטער ווייל ער האלט איר
מאן פר איין רעכטן פאטר אונ זיא איז דאש
גורם אזו איז זיא עובר אויף כבד את אביך דאש
זעקסטע איז צו צייטין הרגת דר נואף דעם
מאן דורך איר איז זיא עובר אויף לא תרצח
דאש זיבעטע איז לא תנאף מען זאל ניט מזנה
זיין אונ זיא איז מזנה · דאש אכטע איז לא
תגנב אונ דר וואש איז מזנה גנבת אוועק פון
זיין חבר זיין ווייב · דאש ניינטע איז לא תענה
מען זאל ניט פאלש עדות זאגין אונ ווען זיא
ווערט טראגין פון זנות אונ זאגט צום מאן
איך בין פון דיר טראגינדיג אזו זאגט זיא
פאלש עדות · דאש צעהענטע איז לא תחמוד
מען זאל ניט גלושטן פון זיין חבר אונ דער
נואף גילושט זיין חברש ווייב · כל ימי נזרו קדוש
הוא דר נזיר דארף זיין הייליג ער זאל זיך ניט
מטמא זיין צו קיין מת ווען אפילו זיין פאטר
אונ מוטר אדר איין ברודר אדר איין שוועסטר
שטארבין זאל ער זיך צו זיי ניט מטמא זיין
וכפר עליו מאשר חטא על הנפש ווען ער איז פלוצלונג
אריין גיגאנגן אין איין הויז פון איין מת אונ
איז טמא גיווארין זאל ער ברייגן איין קרבן
פר איין כפרה אויף דר עבירה וואש ער האט
גיזינדיגט רשי שרייבט ער האט גיזינדיגט
וואש ער האט זיך ניט גיהיט צו טמא ווערין

רבי אליעזר זאגט ער האט גיזינדיגט וואש
ער האט זיך אפ גישייד פון צו טרינקען וויין
אונ האט מצער גיוועז דעם גוף דר תולדות
יצחק פרעגט נאך רשי נאך וואש ער שרייבט
ער האט גזינדיגט וואש ער איז טמא גיווארן
וואש איז ער שולדיג ווען ער איז פלוצלונג
אריין גיקומן אין איין הויז פון איין מת אונ
האט דר פון ניט גיוואוסט אונ ווארום זאל ער
איין קרבן ברייגן · דר תירוץ איז דר מענטש
וואש איז איין נזיר איז זייער פרום אונ ווען
ער קומט אריין אין איין הויז מאכט ער גידיינקן
די עבירות פון דעם בעל הבית פאר גאט ·
דען די מלאכים זאגן דר נזיר איז איין גרויסר
צדיק אונ דר בעל הבית איז אנטקעגין אים
איין רשע אזו טוט גאט טייטן דעם בעל הבית
דורך דעם נזיר דרום מוז דר נזיר איין קרבן
ברייגן דרויף וואש דר בעל הבית איז דורך
אים גישטארבין · אונ דר רמב״ן אונ דר בחיי
אונ דר אבן עזרא שרייבין דרום ברייגט דר
נזיר איין קרבן ווייל ער איז נאר איין נזיר דרייסיג
טעג אונ דר נאך איז ער אזו וויא פריער אונ
איז זיך מטמא צו מתים אונ טרינקט וויין דרויף
דארף ער איין קרבן ברייגן ווייל ער איז ניט
גיבליבן אייביג איין נזיר אזו וויא שמואל הנביא
אונ וויא אנדרע נזירים · דען דר פסוק גלייכט
דעם נזיר צו איין נביא אונ וויא גישיקט זיך
נאך דרייסיג טעג אפ שיידין דר פון דרום זאל
ער ברייגנן איין קרבן דר בעל הטורים שרייבט
על כל נפשות מת לא יבא ווייל ער איז איין נזיר אונ
די שכינה רועט אויף אים אונ ער וויים דורך
דעם וואש עש וועט זיין דרום זאל ער צו קיין
מת ניט קומן כדי מען זאל ניט זאגן ער טוט
כישוף מיט די מתים אונ דורך דעם וויים ער
וואש עש וועט זיין וזאת תורת הנזיר דאש זיינן
די דינים פון דעם נזיר ווען עש האט זיך אים
אויש גילאזן די דרייסיג טעג זאל ער ברייגן
איין קרבן · אונ זאל אפ שערין די האר פון
זיין קאפ אונ זאל זיי פאר ברענן אונטר דעם
קעסל וואו מען קאכט די שלמים יברכך יי וישמרך

גאט

גאט האט גיגעבן רשות צו די כהנים זיי זאלן בענטשין ישראל · אונ אזו זאלין זייא זאגין יברכך יי גאט זאל דיך ישראל בענטשין מיט פיל גוטש אונ געלט · וישמרך אונ ער זאל דיך היטן דען ווען איין מלך שיינקט איין מתנה אונ עש קומן גזלנים אונ נעמן עש אוועקפון אים וואש פאר איין הנאה האט ער פון דר מתנה אבר גאט ווען ער גיט עפעס איין מענטשין אזוא היט ער עש מען זאל עש ביי אים ניט אוועק נעמן · יאר יי פניו אליך ויחנך גאט זאל דיר ווייזן איין פריילך פנים אונ זאל דיר חן געבין ביי אלע וואש ווערן דיך זעהן · ישא יי פניו אליך וישם לך שלום גאט זאל צו נעמן זיין צארין פון דיר אונ זאל דיר געבין שלום · אין ערשטן פסוק איז דריי ווערטר אנטקעגן די דריי וואש מען רופט אויף שבת צו מנחה אונ מאנטיג אונ דאנערשטיג · אונ אין אנדרין פסוק איז פינף ווערטער אנטקעגין די פינף וואש מען רופט אויף אום יום טוב · אונ אין דריטין פסוק איז זיבין ווערטער אנטקעגין די זיבין וואש מען רופט אויף שבת פריא · וישם לך שלום אונ דורך דעם מאכט גאט שלום צווישין שבט לוי אונ צווישין אנדערע ישראלים דען פון שבט לוי רופט מען אויף אזו פיל וויא פון ישראלים דען אום שבת פרי רופט מען אויף צווי פון שבט לוי איין כהן אונ איין לוי·אונ צווי צו מנחה איין כהן מיט איין לוי · אונ איין כהן מיט איין לוי אום מאנטיג · אונ איין כהן מיט איין לוי אום דאנערשטאג אזו איז מיט אנאנדר אכט פון שבט לוי אונ פון ישראלים רופט מען אויך אויף אלע וואך אכט · פינף שבת פריא · אונ איינעם צו מנחה · אונ איינעם מאנטיג · אונ איינעם דאנערשטיג · אזו איז שוין קיין קריג ניט צווישין די שבטים · אונ די תורה האט אן גישריבן די ברכות כהנים לעבן דר פרשה פון נזיר וואש ער האט זיך אפ גשייד פון וויין אונ פון אנדרע תענוגים · צו ווייזן דר וואש גיט ניט נאך תענוגים קומט אויף אים דיא ברכות כהנים · אזו שרייבט דר תולדות יצחק

ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן אונ עס איז גיוועזן אין דעם טאג וואש משה האט אויף גשטעלט דעם משכן האבן די נשיאים מקריב גיוועזן זייער קרבן רשי פרעגט ווארום שטייט ניט אין וואש פאר איין טאג משה האט אויף גישטעלט דעם משכן · דר תירוץ איז משה האט זיבן טאג אלע טאג אויף גשטעלט דעם משכן אונ האט אים ווידר צו נומען אונ אין דעם אכטין טאג דאש איז גיוועזן ראש חודש ניסן האט ער אויף גישטעלט דעם משכן אונ האט אים גילאזין שטיין : ויהי המקריב וגו׳ קערת כסף אחת כף אחת דר כתיי שרייבט איטליכר נשיא האט מער ניט גיבראכט נאר איין זילבערנע שיסיל מיט איין לעפיל · אונ איין ציקעלע אונ צווי רינדר · עש איז איין משל איין מלך וואש פארט אין וועג אזו זיינען די שרים אים ניט פיל מכבד זאגט דער מלך איך בין איין מלך איבר אייך אונ איר זייט מיך ניט מכבד אזו וויא מען דארף מכבד זיין איין מלך ענטפערן די שרים מיר זיינן אין וועג אז מיר ווערין קומן אהיים אין אונזר לאנד ווערין מיר דיך רעכט מכבד זיין אזו אויך די נשיאים זיינן גוועזן אין דר מדבר ניט אין קיין באזעסין לאנד דרום האבין זיי ווייניג גיבראכט צו איין קרבן אבר אז זיי ווערין קומן אין זייער לאנד ווערין זיי פיל ברייגען צו איין קרבן אזו וויא אין פסוק שטייט היטיבה ברצונך את ציון אז יעלו על מזבחך פרים ווען עש ווערט גיבויט ווערין דיא שטאט ציון ווערין מיר ברייגען פיל רינדר אויף קרבנות אונ אזו גיפינען מיר ביי שלמה אז ער האט אויף גבויט דעם בית המקדש האט ער גבראכט איין קרבן צווייא אונ צוואנציג טויזינט רינדר אין איין מאל אונ הונדרט אונ צוואנציג טויזנט שאף ויקריבו נשיאי המטות דיא נשיאים האבין גיבראכט קרבנות זיי זיינן גיוועזן שוטרים ביי פרעה וואש ער האט זיי גיהייסן זיי זאלן זעהן די ישראל זאלין רעכט ארבעטין אונ ווען די ישראל האבן ניט רעכט גארבעט האט פרעה גיהייסן שלאגין די שוטרים אונ זיי האבן זיך

גילאזט שלאגן אונ האבן ניט שווער גמאכט
די ארבעט אויף ישראל אונ זיי ווערן גירופן
נשיאי ישראל אונ אויך נשיאי המטות צווא
ווייזן זייא האבן דרום זוכה גיוועזן צוא זיין
נשיאים ווייל זיי האבן זיך גילאזן שלאגן מיט
שטעקן פון וועגן ישראל דען מטות איז טייטש
שטעקן פון דאנן לערנן מיר אפ ווען איינער
איז גזעצט איבר ישראל פר איין ראש הקהל
אונ לאזט זיך שלאגין איבר ישראל איז ער
זוכה צו זיין איין נשיא איבר ישראל אונ גאט
ועט אים מכבד זיין מיט גרויס כבוד שש עגלות
צב די נשיאים האבן גבראכט זעקס באהאנגנע
וועגין אונ צוועלף רינדר צווייא רינדר צו איין
וואגין אונ משה האט זייא ניט גיוואלט צווא
נעמן ביז גאט האט אים גיהיישן נעמן · רבי
נתן זאגט ווארום האבן די נשיאים דא דיא
קרבנות צום ערשטין גיבראכט אונ ביי דער
נדבה צום משכן האבן זייא גיבראכט צום
הינטערשטין דער תירוץ איז ביי דער נדבה
האבן די נשיאים גיזאגט לאזין כל ישראל
פריער ברייגנן אונ עש וועט גיוויש פיל אפ
גיין וועלין מיר דאש דר לייגין אבר די ישראל
האבין נאך איבעריג גיבראכט האבן שוין די
נשיאים ניט גיהאט וואש צו ברייגנען האבן
זיי נאר גיבראכט אבנים טובות צום חושן
דרום האבין זיי זיך ביי די קרבנות גיפעדרט
צום ערשטין זיי זאלין אויך ניט פאר זאמן ·
אונ משה האט גיגעבין צוויי וועגין מיט פיר
רינדער צו די קינדר פון גרשון · דר בחיי אונ
דר חזקוני שרייבין די קינדר פון גרשון האבן
גיטראגן די אום האנג אונ די דעקין פון דעם
משכן וואש איז פון וואל אונ עס איז גרינג
דרום האבין זיי גינונג גיהאט צוויי וועגין מיט
פיר אקסין אונ צו די קינדר פון מררי האט
משה גיגעבן פיר וועגין מיט אכט רינדר ווייל
זיי האבן שווערע משאות גיטראגן די ברעטר
מיט די ריגלען אונ די זיילין אונ די שוועלין ·
אונ צו די בני קהת האט ער ניט גיגעבן קיין
וועגין ווייל זייא האבין גיטראגין די הייליגע
כלים דעם שולחן אונ דעם ארון אונ דעם מזבח
אונ די מנורה אונ נאך הייליגע כלים דאש דארף
מען טראגין אויף דעם אקסיל ניט אויף קיין
וואגין · דר בחיי שרייבט זיי האבן דרום זעקס
וועגין גבראכט אנטקעגין די זעקס הימלן אונ
דעם הימיל וואש גאט זיצט איז ניט גרעכינט
האט משה גיזאגט צוא גאט רבונו של עולם
ווען איין רינד פון די רינדר ועט פייגערן אדר
איין ראד פון די רעדר ועט צו בראכן ווערן
וועט חיו פסול ווערן דר קרבן פון די נשיאים
האט גאט צו אים גזאגט קח מאתם והיו נעם פון
זיי אונ זיי וועלין בלייבן איביג אטייל רבנים
זאגן די רינדר האבן גלעבט ביז שלמה המלך
האט דאש בית המקדש אויף גבויט אזו האט
ער זייא מקריב גיוועזן צו איין קרבן אונ רבי
מאיר זאגט זייא לעבין נאך היינט אויך פון
דאנן קען מען אפ לערנן ווען די רינדר לעבן
איביג ווייל זיי האבן גידינט ביי דעם משכן
מכל שכן ווען איין מענטש לערינט תורה אונ
דינט גאט וועט ער בוודאי איביג לעבן אויף
יענעם עולם ויאמר יי אל משה נשיא אחד ליום משה
האט ניט גיוואלט די קרבנות אן נעמען ביז
גאט האט אים גזאגט וואש מען זאל טאן מיט
זיי אונ וויא אזו מען זאל זיי מקריב זיין אונ
ווער זאל פריער מקריב זיין · צום ערשטין
האט גיבראכט זיין קרבן נחשון בן עמינדב
פון זיין געלט ניט פון דעם געלט פון זיין
שבט · דר בחיי אונ דר צרור המור אונ דער
חזקוני שרייבין עש שטייט אין דר תורה ביי
נחשון וקרבנו מיט איין ואו חאטשע ער איז
גיוועזן דר ערשטר דאש ווייזט דאש ער האט
זיך ניט הויך גיהאלטין דער מיט וואש מען
האט זיין קרבן צום ערשטין מקריב גיוועזן
דרום שטייט וקרבנו דאש איז טייטש אונ זיין
קרבן איז אויך אזו גיוועזן גלייך וויא איינער
האט שוין פריער מקריב געווען אונ אויך דרום
שטייט ניט ביי נחשון נשיא אזו וויא ביי אלע
נשיאים נאר עס שטייט ויהי המקריב ביום הראשון
את קרבנו נחשון בן עמינדב למטה יהודה צו ווייזן דש

נחשון

נחשון איז גיוועזן איין גרוישר עניו אונ האט זיך נידריג גיהאלטין גלייך וויא ער איז ניט קיין נשיא · אונ דר בעל הטורים שרייבט עש שטייט דרום ביי נחשון וקרבנו מיט איין וא"ו צו ווייזן דאש פון נחשון זיינן ארויש גיקומן זעקס חשובי קינדער וואש איטליכער איז גיבענטשט גיווארין זעקס ברכות · אונ דאס זיינן זיי דוד משיח דניאל חנניה מישאל עזריה אונ דר צרור המור שרייבט זעקס זאכין זיינן גיווארין אפ גיטאן פון אדם הראשון אז ער האט גיגעסן פון דעם עץ הדעת אונ די וועלט איז גיוועזן גימינערט פון די זעקס זאכין ביז נחשון האט מקריב גיוועזן זיין קרבן · דרום שטייט איין איבעריגער וא"ו וואש זיא האט אין דר צאל זעקס · ביום השני הקריב נתנאל בן צוער נשיא יששכר רש"י שרייבט דרום האט די תורה גישטעלט ביי דעם נשיא פון יששכר דאש ווארט הקריב מער וויא ביי אלע נשיאים דאש איז וויל דר נשיא פון ראובן האט גיזעהן דש דר נשיא פון יהודה איז צום ערשטין מקריב האט ער גיזאגט נאך אים מוז איך מקריב זיין וויל מיין שבט איז איין בכור · האט משה גיזאגט לאז דר נשיא פון שבט יששכר מקריב זיין דען אזו האט גאט גיהייסן · דרום שטייט הקריב ער איז גיווארן גינעהענט דאש משה האט אים גינעהענט ער זאל פריער מקריב זיין אונ דרום שטייט צוויי מאל הקריב צוא ווייזן פון צוויי זאכין וועגין האט דער נשיא פון יששכר זוכה גיוועזן צו ברייננן פריער זיין קרבן · איינש איז וויל שבט יששכר לערינט תורה אונ דאש אנדרע איז וויל דר נשיא פון יששכר האט די עצה גיגעבין צו די נשיאים זיי זאלין ברייננן קרבנות אויף חנוכת המזבח אונ וואש מען זאל ברייננן · דר אבן שועב שרייבט די פרשה לערינט אונז דאש עס איז ניט פאר האנדין קיין בעסערע מדה וויא צו האלטין זיך נידריג · אזו וויא מיר גיפינן ביי אברהם דאש ער האט גיזאגט ואנכי עפר ואפר איך בין ערד אונ אש · אזוא אויך משה אונ אהרן האבן גיזאגט ונחנו מה וואש זיינען מיר גיאכט · אויך שטייט ביי משה והאיש משה ענו מאוד משה האט זיך זייער נידריג גיהאלטין · אונ שאול המלך האט זיך פאר בארגן אז מען האט אים גיוואלט פאר איין מלך מאכין אונ האט ניט גיוואלט קיין שררה אן נעמן אונ ער איז גיוועזן איין גרוישר צדיק מיט צניעות · דען אז די ישראל האבין איין חרם גיגעבין מען זאל קיין טאכטער ניט געבין צוא שבט בנימין פר איין ווייב · וויל דורך זיי איז גיפאלין פיל פון ישראל איבער דר מעשה פון פלגש בגבעה · אונ דר נאך האבן די ישראל חרטה גיהאט אונ האבן גילאזט דיא בתולות פון זיי אלע יאר אטאנץ מאכין אין די ווייך גערטנער · אונ שבט בנימין זיינן גיקומן אונ האבן גיחאפט בתולות פון ישראל צוא זיך פר ווייבר · אונ די ישראל האבן דאס גלאזט כדי עש זאל ניט גימינערט ווערין איין שבט פון ישראל · אונ שאול המלך איז אויך גוועזן פון שבט בנימן אונ איז גיוועזן איין בישן ער האט זיך גישעמט צו חאפן איין בתולה ביז עש איז גיקומן איין חשובי בתולה אונ האט אים גינומן טאנצן צו ווייזן דאש זיא וויל אים פאר איין מאן · אזו האט ער דיא בתולה גינומן פאר איין ווייב · אונ האט מיט איר גיהאט איין זון ער האט גיהייסן יונתן ער איז גיוועזן איין גוטר חבר צו דוד · אונ אז שאול האט גיוואלט דוד דר שלאגן האט יונתן גיטענת מיט זיין פאטער פר דוד איז שאול ברוגז גיווארן אונ זאגט צו אים בן נעות המרדות דוא בישט איין עזות פנים דו בישט גיראטן אין דיין מוטר זיא האט אויך בווייזן עזות אנטקעגין מיר צו אן נעמן מיך טאנצן אויך גיפינן מיר דאש אונזרע חכמים זאגין דר וואש הערט וויא מען פר שעמט אים אונ שווייגט שטיל איז זיין שכר זייער גרויס אזו וויא מיר גיפינן דאש איין חסיד האט גהערט וויא איין מענטש האט אויף אים ביז גרעט האט דר חסיד אים גישיקט איין מתנה אונ

זאגט צוא אים דוא האסט מיר גיגעבן דיינע זכיות וואש דו האשט · דרום שיק איך דיר איין מתנה · דר חכם זאגט חען מען ברייננט דעם מענטשן אויף יענם עולם ברייננט מען פר אים אלע זיינע זכיות זאגט ער איך האב ניט אזו פיל זכיות גיטאן אויף מיינע טעג · ענטפערט מען אים דוא האשט אלע דיינע טעג גישוויגין אז מען האט אויף דיר ביין גירעט · דרום זאלשטו איצונד נעמען דיא זכיות אונ די מצות וואש יענר האט גיטאן וואש האט אויף דיר ביין גירעט · דרום זאל מען זעהן נידעריג זיך צוא האלטן מיט זיין עשירות אונ אין אלע זאכן · אזו וויא מיר גיפינן ביי די נשיאים דאש זייא האבין זיך ניט פאר לאזין אויף זייער זכות נאר אויף דעם זכות פון זייערע עלטערן · אזו ווי רש"י שרייבט דאש זייער קרבן איז גוועזן אנטקעגן די עלטערן · קערת כסף האט אין דר צאל ניין הונדרט אונ דרייסיג דאש איז אנטקעגן די יארן פון אדם הראשון וואש ער האט גלעבט · אונ דיא שיסל האט גיוואוגן הונדערט אונ דרייסיג שקלים · דאש איז אנטקעגן דעם וואס אדם הראשון הט גיוואונען איין זון אז ער איז אלט גיוועזן הונדרט אונ דרייסיג יאר וואש פון אים איז די וועלט בזעצט גיווארן · מזרק אחד כסף איין זילברנר שפריינג בעקן אונ מזרק אחד כסף האט אין דר צאל פינף הונדרט אונ צוואנציג · דאש איז אנטקעגן נח וואש ער האט גוואונן קינדר אז ער איז אלט גוועזן פינף הונדרט יאר אונ צוואנציג יאר פריער איז גיוועזן די גזירה פון דעם מבול · אונ דר בעקן האט גיוואוגין זיבעציג שקלים דאש איז אנטקעגן די זיבעציג אומות וואש זיינן ארויס גיקומן פון נח · כף אחת איין לעפיל דאס איז אנטקעגן דר תורה וואס זיא איז ווארן גיגעבן פון דער האנט פון גאט · דען כף איז אויך טייטש איין האנט אונ די לעפל האט גיוואוגן צעהן שקלים דאש איז אנטקעגן די עשרת הדברות · פר אחד איין אקס דאש איז אנטקעגן

אברהם וואש ער האט גיגעבן עסין דיא מלאכים איין אקס · איל אחד איין איל דאש איז אנטקעגן יצחק דאש מען האט אויף דעם מזבח איין איל מקריב גוועזן פר אים אז מען האט אים גיוואלט ברייננן פר איין קרבן כבש אחד איין שאף דאש איז אנטקעגן יעקב וואש ער האט אפ גישייד די שאף ביי לבן · שעיר עזים איין ציקעלע דאש איז איין כפרה אויף דיא קינדר פון יעקב וואש זייא האבין גקוילעט איין ציקלע בשעת אז זיי האבן פר קויפט יוסף אונ האבין איין גיטונקט זיין העמדיל אין בלוט · דער רמב"ן אונ דר בחיי פרעגין ווארום האט די תורה גידארפט ביי איטלעכען נשיא ארויס שטעלן זיין קרבן · אמער אלע קרבנות זיינן דאך גלייך גיוועזן וואלט די תורה נאר גדארפט ארויש שטעלין ביי דעם ערשטין נשיא זיין קרבן · אונ זאל ווייטר שרייבן דר אנדרר האט אויך אזו איין קרבן גיבראכט אונ דר דריטר אויך אזו אונ ביי אלע אזו דר תירוץ איז די תורה האט גוואלט איטליכן נשיא כבוד אן טאן · דרום האט זיא ביי איטליכען זיין קרבן ארויס גישטעלט · אונ אויך האט איטליכר נשיא איין אנדר טעם גהאט ווארום ער האט אזו איין קרבן גבראכט · דרום שרייבט די תורה ביי איטליכן זיין קרבן · ביום השביעי נשיא לבני אפרים אטייל חכמים זאגין דר נשיא פון שבט אפרים האט זיין קרבן גיבראכט אין דעם זיבעטין טאג אום שבת · אונ חאטשע איין קרבן יחיד טאר מען ניט מקריב זיין אום שבת נאר איין קרבן פון כל ישראל · אבער דעם קרבן הט מען מקריב גיוועזן אום שבת דען גאט האט גזאגט צו יוסף ווייל דו האסט גיהאלטן מיין גבאט לא תנאף אונ האסט ניט מזנה גיוועזן אין מצרים נאך איידר די תורה איז גיגעבן גיווארן · דרום וועלן דיינע קינדר זייער קרבן ברייננן אום שבת חאטשע זייא זיינען יחידים · אונ דער צרור המור שרייבט ווייל יוסף האט אין מצרים שבת גיהאלטין

דרום

דרום האט גאט טהיר גיוועזן זיינע קינדר זאלן זייער קרבן ברייגנן אום שבת · אויך שרייבט דר צרור המור דרום האט די תורה ניט דער מאנט דעם נאמן פון יוסף ביי די קרבנות אזו ווי זיא האט זיין נאמן דר מאנט ביי דר צאל · דר תירוץ איז ווי אנדרע חכמים זאגן דאס דרום איז יוסף פריער גישטארבן פר זיינע ברידר · ווייל איי ער האט זיך דר קענט צו זיי האבין די גיזאגט עבדך אבי דיין קנעכט אונזר פאטר אונ ער האט גישוויגן · אונ דאש איז איין עבירה גיוועזן וואש ער האט גלאזט זאגין אויף זיין פאטר קנעכט · אונ דרום האט דר פסוק זיין נאמן ניט דר מאנט · אבר פון דעסט וועגן האט ער גרויש כבוד גהאט דאס זיינע ביידע קינדר האבן מקריב גיוועזן קרבנות · כל כסף הכלים רש"י פרעגט וואש דארף דר פסוק נאך איין מאל רעכנען וויא פיל אלע כלים האבן גיוואוגן · אז איך וועל צו נויף רעכענן וועל איך אליין וויסן · דר תירוץ איז דער פסוק ווייזט דאש חאטשע מען האט איטליכע כלי באזונדער גיוואוגן · אונ מען האט ווידר אלע כלים אין איינם גיוואוגן אזו איז דאך די וואג גלייך גיוועזן · אונ דאס איז גיוועזן איין חידוש דען ווען מען וועגט פיל פונטן איטליכש פונט באזונדר · אונ מען וועגט דר נאך די אלע פונטן ווידר אין איינם גייט אפ פון דר וואג · אונ דא איז ניט אפ גיגאנגען · כפות זהב דר פסוק ווייזט אונז דאש די לעפיל זיינן גיוועזן לויטער גאלד · וישמע את הקול דער בחיי שרייבט דר פסוק לערינט אונז · דאש דאש קול איז גיקומען פון דעם הימיל צווישן די כרובים וואש זיינן גוועזן אין משכן אונ פון דיא כרובים איז דאש קול גיקומען אינווייניג אין משכן · אונ ווער עש איז גוועזן אויש ווייניג האט ניט גיהערט · וידבר אליו אונ ער האט גירעט צו משה · אונ אפילו אהרן וואש איז גישטאנען לעבין אים האט ניט גיהערט · אויך שרייבט דער בחיי וידבר אליו ווייזט דאש משה האט באלד גיענטפערט צו גאט אונ האט זיך ניט דר שראקן אזוא וויא אנדרע נביאים זיינן דר שראקן גיווארן · דאס אפילו ווען זיא האבן גירעט מיט איין מלאך איז זיי די נשמה אויס גיגאנגען פר מורא · מכל שכן ווען די שכינה אליין האט מיט זיי גרעט אבר משה רבינו איז ניט גיווארן דר שראקן ווען ער האט גרעט מיט גאט · דרום שטייט מבין שני הכרובים כלומר וויא באלד דאש קול איז גיקומען פון דיא כרובים האט משה באלד גיענטפערט:

# הפטרת נשא

ויהי איש אחד מצרעה עש איז גיוועזן איין מאן פון דר שטאט צרעה ער האט גהייסן מנוח אונ זיין ווייב האט קיין קינדר ניט גיהאט וירא מלאך יי האט זיך איין מלאך פון גאט באוויזן צו דר אשה אונ זאגט צו איר דו וועסט האבין איין זון ועתה השמרי נא אונ איצונד זיי גיווארינט דוא זאלשט ניט טרינקען קיין ווין אונ זאלשט ניט עסין קיין אום ריינקייט כלומר דאש וואש איין נזיר טאר ניט עסין טארשטו אויך ניט עסין · דר בעל הטורים שרייבט איין מאל שטייט אין הפטורה כל טמא לשון זכר אונ איין מאל שטייט כל טומאה לשון נקבה צו ווייזן דאש דר סדר איז גיוועזן מען פלעגט געבן צו איין אשה וואש האט קיין קינדר ניט גיהאט זיא זאל אויף עסין איין מאגין פון איין האז דרום האט דר מלאך צו איר גיזאגט דו זאלסט ניט עסין קיין מאגין פון איין האז איין זכר אדער איין נקבה דען גאט וועט דיר געבין איין זון אן דר רפואה כי הנך הרה וילדת בן דען דו וועסט טראגעדיג ווערין אונ וועשט גיווינען איין זון אונ ער זאל זיך ניט שערין זיינע האר דען ער וועט זיין איין נזיר צו גאט אונ ער וועט העלפין די ישראל פון דר האנט פון דיא פלשתים ותבא האשה ותאמר לאישה איז גיקומען די אשה אונ האט גיזאגט צו איר מאן עש איז צו מיר גיקומן איין געטליכר מאן אונ זיין גישטאלט איז אזו וויא איין מלאך אונ ער האט מיר גזאגט איך וועל האבין איין זון אונ איך האב אים ניט גיפרעגט וויא ער הייסט ויעתר מנוח אל יי האט מנוח תפלה גיטאן צו גאט אונ האט גיזאגט רבונו של עולם שיק אונז דעם געטליכן מאן

נאך

נאך איין מאל אונ לאז ער אונז לערנען וויא אזו מיר זאלין זיך פירין מיט דעם קינד דאש ער זאל זיין איין נזיר וַיִּשְׁמַע הָאֱלֹהִים בְּקוֹל מָנוֹחַ האט גאט צו גיהערט אין דעם קול פון מנוח אונ דר מלאך איז גיקומען צו דר אשה אונ זיא איז גיזעסין אין פעלד אונ איר מאן איז ניט גיוועזן ביי איר איז קשה ווארום זאגט נאך דער פסוק דאש דער מלאך האט זיך באוויזין צו איר אויף דעם פעלד דר תירוץ איז כדי מען זאל אים ניט חושד זיין מיט איר דרום זאגט דר פסוק וְהִיא יוֹשֶׁבֶת בַּשָּׂדֶה וּמָנוֹחַ אִישָׁהּ אֵין עִמָּהּ כלומר ער האט זיך דרום צו איר באוויזין אויף דעם פעלד וואו מענטשין גייען וויל מנוח איר מאן איז ניט גיוועזן ביי איר אונ זיא האט קיין שומר ניט גיהאט׳ אונ אזו מז מען זאגין ביי דבורה דאש זיא פלעגט זיצין אונטר איין טייטיל בוים אונ פלעגט משפטין דיא ישראל אונ ניט אין איין הויז דען טאמער וועט איין מאל אריין קומען איין פרעמדר מאן אונ זיא וועט זיין אליין אין הויז אבער אונטער איין בוים וואו לייט גייען אהין אונ הער מעג זיא זיצן׳ פון דאנן זאל מען אפ לערנן דאש איטליכע אשה זאל גיווארינט זיין ניט צו זיין אן אשומר וַתְּמַהֵר הָאִשָּׁה וַתָּרָץ וַתַּגֵּד לְאִישָׁהּ איז די אשה גילאפן אונ האט גיזאגט צו איר מאן דער געטליכער מאן האט זיך צו מיר נאך אמאל באוויזין ער איז גיקומען ביי טאג צו מיר׳ דר פסוק וויזט אונז דאש זיי ביידע האבין גימיינט ער איז איין מענטש דרום האט זיא גיזאגט ער איז צו מיר גיקומען ביי טאג אויף דעם פעלד אויפין באר ניט ביי נאכט וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ מָנוֹחַ אַחֲרֵי אִשְׁתּוֹ איז מנוח גיגאנגען נאך זיין ווייב צו דעם מאן אונ האט אים גיפרעגט דו ביסט עש דר מאן וואש האט גיזאגט צו מיין ווייב דאש זיא וועט האבין איין זון האט דער מלאך גיזאגט איך בין עש האט מנוח גזאגט צו אים זאג מיר וויא אזו מען זאל זיך נוהג זיין מיט דעם קינד האט דר מלאך צו אים גיזאגט ער זאל ניט טרינקן קיין וויין אונ זאל ניט עסן קיין טומאה וַיֹּאמֶר מָנוֹחַ אֶל מַלְאַךְ יי׳ האט מנוח גזאגט צום מלאך פון גאט קום אין מיין הויז איך וועל דיך מכבד זיין מיט איין ציקעלע זאגט דר מלאך צו אים איך וועל דיין ברויט ניט עסין נאר ווען דו ווילסט אויף ברייגן איין קרבן צו גאט ברייגנ אויף דען מנוח האט ניט גיוואושט דאס ער איז איין מלאך פון גאט האט מנוח אים גיפרעגט וויא אזו איז דיין נאמען כדי ווען דו וועסט נאך איין מאל איין שליח צו אונז שיקן זאלין מיר דיינע רייד ערלאך האלטן ענטפערט דר מלאך ווארום פרעגשטו אויף מיין נאמען מיין נאמען איז פר הוילין כלומר איך האב אלע מאל איין אנדערין נאמען נאך דר זאך וואש איך ווער גשיקט וַיִּקַּח מָנוֹחַ אֶת גְּדִי הָעִזִּים האט מנוח גבראכט דאש ציקעלע פאר איין קרבן צוא גאט אויף איין שטיין אונ דר מלאך האט אן גירירט אן שטיין איז ארויש גיגאנגן איין פייער אונ האט פר ברענט דאש ציקעלע אונ די מנחה אונ עש איז גיווארן איין גרוישער פלאם ביז אין הימיל אונ דער מלאך איז מיט דעם פלאם אויף דעם הימל ארויף גגאנגן אונ מנוח אונ זיין ווייב האבן דאס גיזעהען אונ זיינן גיפאלין צו דר ערד אונ דר מלאך האט זיך שוין מער ניט באוויזין צוא מנוח אזו האט מנוח גיוואוסט דאש ער איז איין מלאך פון גאט האט מנוח גיזאגט צו זיין ווייב מיר וועלין שטארבין דען מיר האבין גיזעהען איין מלאך פון גאט האט זיין ווייב צו אים גזאגט ווען גאט זאל אונז וועלין טייטין וואלט ער ניט אן גינומן אונזר קרבן אונ וואלט אונז ניט גוויזין די וואונדר אונ וואלט אונז ניט גילאזט הערין די גוטע בשורה דאש מיר וועלין האבין איין זון וַתֵּלֶד הָאִשָּׁה בֵּן האט די אשה גיוואונען איין זון אונ האט זיין נאמען גירופין שמשון אונ דאש קינד איז אויף גיוואקסן אונ גאט האט אים גיבענטשט וַתָּחֶל רוּחַ יי׳ לְפַעֲמוֹ איז גיקומען די נבואה פון גאט אויף שמשון צו צייטין ווייס אין דר מחנה דן צווישן צרעה אונ צווישן אשתאול אונ אצונדרט האט זיך אן גיהויבין דאש נביאות פון יעקב וואש ער האט גיזאגט עש וועט אויף שטיין איין מענטש פון שבט דן אונ וועט שלאגין דיא פלשתים׳ דיא גמרא זאגט וַיֵּלֶךְ מָנוֹחַ אַחֲרֵי אִשְׁתּוֹ מנוח איז גיגאנגען נאך זיין ווייב דאש ווייזט דאש מנוח איז איין עם הארץ גיוועזן דען עש גישיקט זיך ניט דאש איין מאן זאל גיין נאך זיין ווייב ער דארף פריער גיין׳ אויך זאגט דיא גמרא עש איז גיוועזן צוויא בערג וואש האבין גיהייסין צרעה אונ אשתאול דיא האט שמשון אום גירישן אונ האט זייא צו שטויסין׃

בהעלותך את הנרות שלמה המלך זאגט אין משלי אור צדיקים ישמח ונר רשעים ידעך דר פסוק גלייכט די נשמה פון איין צדיק צו איין ליכט · דען אזו וויא מען צינט אן איין ליכט פון דר אנדרר · אזו איז אויך די נשמה פון דעם ליכט פון דעם כסא הכבוד · אונ דאש איז איין ליכט פון זיך זעלבסט עש דארף צו זיך קיין אנדרע זאך ניט האבן עס זאל לייכטן · אבר די נשמה פון דעם רשע איז גלייך וויא איין ליכט וואש ברענט דורך אייל אדר דורך וואקס אונ אז דר אייל אדר דר וואקס לאזט זיך אויש אזו ווערט די ליכט פר לאשן · אזו אויך איז די נשמה פון דעם רשע זיא הייננט אן איין גוף וואש ער גייט נאך אויף דר וועלט נאך עסין אונ טרינקן אונ וויא באלד ער שטארבט ווערט זיין נשמה פינסטר ווייל ער איז נאך גיגאנגן נאך פינסטרע מעשים · אונ די נשמות זיינן גינומען גיווארין פון דעם כסא הכבוד וואש דארטן איז איין לויטערע ליכט דען ביי גאט איז איין לויטער ליכט · אונ פון דעסט וועגן האט ער גיבאטין צו ישראל זיי זאלין אן צינדן ליכט אין משכן פון זיין כבוד וועגן דאס זאגט דר פסוק בהעלותך את הנרות ווען דו וועסט אן צינדן די ליכט אין משכן · דער מדרש זאגט גאט זאגט ניט איך דארף דיא ליכט · נאר לייכט פר מיר אין משכן אזו וויא איך האב פאר אייך גילייכט אין דר מדבר מיט איין פייערדיגע זייל · כדי איך זאל אייך לויבין פאר די עובדי כוכבים דאס איר טוט מיר כבוד אן · דבר אל אהרן ואמרת אליו גאט זאגט צו משה דו זאלשט זאגן צו אהרן ער זאל אן צינדין ליכט אין משכן אונ איר זאלט ניט מיינן דרום צינט מען ליכט אין משכן ווייל קיין פענצטר איז אין אים ניט דא · אבר אין בית המקדש איז דא פענצטער דארף מען קיין ליכט ניט צינדן · דרום זאגט דר פסוק ואמרת אליו דו זאלשט זאגן צו אהרן ער זאל אין בית המקדש אויך אן צינדן ליכט האטשי עש איז דא פענצטער · דר תולדות יצחק אונ דער בחיי שרייבן דר מדרש זאגט איין משל · איין מלך האט זייער ליב גיהאט איין שר פון זיינע שרים אונ האט אים גיהייסן זאגן דאס ער וויל זיין בייא אים אויף איין סעודה · אונ דר שר טוט זיך אן גרייטן מיט אלדינג אונ אז דר מלך איז גיקומן איז גיקומן מיט דעם מלך פיל קנעכט מיט שיינע ליכט אויף אלע זייטן מיט גילדרנע לייכטר · אונ וויא דר שר האט גיזעהן דאס דר מלך האט מיט זיך גרויש כבוד · האט דער שר זיך גישעמט צו ווייזן זיינע לייכטר פר די קנעכט אונ נעמט צו אלין וואש ער האט אן גיגרייט זאגט דר מלך צום שר ווארום האשטו דיך ניט גיגרייט פון מיינט וועגן · ענטפרט דר שר איך האב אן גיזעהן דיין כבוד האב איך מיך גישעמט מיט מיינע וואס איך האב אן גיגרייט אונ האב אלין פר בארגן · אזו האט דר מלך גישאפט מען זאל זיינע לייכטר מיט זיינע קנעכט אונ די שיינע כלים אפ שאפין אונ וויל האבן די לייכטר פון דעם שר · אונ אז דיא קנעכט פון דעם שר זאלין דעם מלך באדינן אונ לייכטן · אזו אויך גאט איז לויטר ליכט אונ איז גיקומען אין משכן אונ האט גיבאטן די ישראל זאלן מאכן איין מנורה צו לייכטן · אונ האט גיוואלט כבוד האבן פון ישראל וואש ער האט ליב · דר חזקוני אונ דר צרור המור שרייבן ווארום איז די פרשה פון דר מנורה אן גישריבן גיווארן נאך דר פרשה וואש די נשיאים האבן גיברכט קרבנות דאש איז ווייל דיא לוים האבין גיזעהן דאש אלע נשיאים פון אלע שבטים ברייננן קרבנות אונ שבט לוי האט ניט גיבראכט · האבן די לוים גיטרויערט אונ האבן גיזאגט וואס זיינן מיר ערגר פון כל ישראל · דאס מיר זאלן קיין קרבנות ניט ברייננן · האט גאט גיזאגט צוא שבט לוי אהרן וואש איז פון אייער שבט וועט באזונדר באנייען דעם משכן דאש ער וועט אן צינדין די ליכט · וזה מעשה המנורה די

מעשה פון דר מנורה מאכן איז זייער שווער
גיוועזן אויף משה צו פאר שטיין · האט גאט
אים גיוויזן איין מנורה פון פייער אונ האט
אים גזאגט אזו זאלשטו מאכין · אונ משה
האט דאך ניט גיקאנט מאכין · האט גאט
אים גיהייסן איין צעהנטן גאלד אין פייער
אריין ווארפן. ווערט ארויש גיין איין מנורה
פון זיך אליין · דאש זאגט דער פסוק תעשה
המנורה די מנורה זועט ווערן אליין גמאכט ·
די חכמים זאגן פיר זאכן זיינן שווער גיוועזן
אויף משה · ביז גאט האט אים גיוויזן מיט
דעם פינגער ער זאל פאר שטיין · דאש
ערשטע איז דיא מנורה · דאש אנדערע
איז די קרבנות צו ברייננן · דאש דריטע איז
שקלים געבין איטליכר זאל געבן אהאלבין
שקל האט משה ניט גיוואוסט וואש פר איין
מטבע מען זאל געבין ביז גאט האט אים
גיוויזן איין מטבע פון פייער · דאש פערטע
איז משה האט ניט גוואוסט ווען מען זאל די
לבנה מקדש זיין אז זיא באהייזט זיך דאש
ערשטע מאל אין חודש ביז גאט האט אים
גיוויזן דיא לבנה אונ האט אים גיזאגט אז
דוא ווערסט זיא אזו זעהן זאלשטו זיא מקדש
זיין · אונ דאש ווארט מקשה ווייזט אויף דיא
אלע פיר זאכין די מם מאכט מנורה אונ די
קוף קרבנות אונ דיא שין שקלים אונ דיא
הא החודש אונ חאטשע גאט האט אויך
גיוויזן צו משה וועלכע חיה אונ בהמה מען
זאל עסן אונ וועלכע ניט אונ וועלכע שרצים
מען זאל עסין אונ וועלכע ניט דאך האבן די
חכמים נאר די פיר גרעכינט וואס זיינן שווער
גיוועזן אויף משה אזו שרייבט דר בחיי · אונ
דר חזקוני שרייבט עש איז משה ניט מער
שווער גיוועזן נאר דריי זאכן אבר דעם שקל
האט ער גיקענט פר שטיין נאר עש איז אים
קשה גיוועזן וויא קען איין מענטש איין כפרה
האבן מיט אזו איין קליינר מטבע · דר בחיי
שרייבט דיא מנורה איז זייער הייליג גיוועזן
דרום אז דר בית המקדש איז חרוב גיווארן
איז די מנורה פר בארגן גיווארן דאש דער
שונא האט זיא ניט גיקענט גפינן קח את הלוים
דר בחיי אונ דר חזקוני שרייבן די תורה האט
גיהייסן נעמן די לוים וואש זיינן פר מישט
גווארן צווישן. ישראל פון דעם בארג סיני אן
זאל מען זיי אויס קלייבן אונ די פרשה איז
ווארן אן גישריבן לעבן דר פרשה פון ליכט
אן צינדן דאס ווייזט אונז דיא כהנים זאלין
ליכט אן צינדן אונ די לוים זאלן די עבודה
טאן אונ דער נאך זאגט ער דאס ישראל
זאלן אויך גאט דינן זיי זאלן איין קרבן פסח
מאכן אין דר צייט אונ ווען זיי זיינן ריין וכה
תעשה להם לטהרם אונ אזו זאלסטו טאן צו דיא
לוים צו ריין מאכן זיי וויל זיי האבן גיהרגת
ווער עש האט גידינט דאש עגל דען משה
האט איין גיזאמלט דיא לוים אונ האט זייא
גיהייסן טייטן אלע די וואש האבן דאס עגל
גידינט פון דענסט מאל אן זיינן די לוים טמא
גיווארן וויל זיי האבן אן גירירט אין מתים
דרום האט מען זיי גידארפט ריין מאכן מען
זאל אויף זיי שפריינגן וואסר מיט דר אש פון
דר פרה אדומה אונ זיי זאלן אפ גאלן גאר
די האר פון זייער גוף אפילו דיא האר פון
דעם בארד זאלן זיי אויך אפ גאלין אונ דיא
פיאות פון זייער קאפ זאלן זיי אויך אפ גאלן
רש״י אונ דר בחיי שרייבן מען האט זיי דרום
אפ גיגאלט וויל זייא זיינען גיוועזן איין כפרה
אויף די בכורים וואש זיי האבן גידינט דאס
עגל אונ ווער עש דינט עבודת כוכבים ווערט
גירופן מת אונ איין מצורע ווערט אויך גירופן
מת אונ אז ווען מען וויל איין מצורע רייניגן
דארף מען אים אפ גאלין אזו זאל מען דיא
לוים אויך אפ גאלין והניף אהרן את הלוים אהרן
האט אויף גיהויבן די לוים איטליכן באזונדר
צוויי אונ צוואנציג טויזנט לוים אונ קרח האט
דר פון גישפעט אונ האט גזאגט משה האט
אונז צוא נארין גימאכט ער האט אונז אפ
גיגאלט אונ האט אונז אויף גיהויבן אזו וויא
נארין אבר פון דעם גשפעט איז אים שלעכט

איש גינאנגן · נתונים נתונים המה לי דיא לוים זיינן ווארן גיגעבן צו מיר אונ ער זאגט צוויי מאל נתונים צו ווייזן דאס זיי זיינן ווארן גיגעבן צו טראגן דאש משכן אונ זיינן ווארן גיגעבן צו זינגן אין משכן ואתנה את הלוים רש"י שרייבט אין דעם פסוק שטייט פינף מאל ישראל אנטקעגן חמשה חומשי תורה צו ווייזן דאס גאט האט זייער ליב די ישראל · אונ דר בחיי שרייבט עס איז איין משל איין קינד וואס גייט אין חדר צום רבי אזו קומט דר פאטר אהיים אונ פרעגט אויף דעם קינד האט מיין קינד גיגעסן האט מיין קינד גיטרונקען איז מיין קינד גינאנגן אין חדר אזו דר מאנט ער ביי איטליכן ווארט מיין קינד מחמת ליבשאפט אזו אויך דער מאנט גאט ישראל ביי איטליכן ווארט מחמת ליבשאפט · אויך שרייבט דר בחיי מען קען זעהען די גבורה פון אהרן דאש ער האט אויף גיהויבן צוויי אונ צוואנציג טויזנט לוים אין איין טאג מבן חמש ועשרים שנה פון פינף אונ צוואנציג יאר אונ ווייטר זאלן די לוים דינן אין משכן פרעגט רש"י אין פרשת נשא שטייט מען זאל זייא ציילין פון דרייסיג יאר אונ ווייטר זיי זאלן דינען דער תירוץ איז צו פינף אונ צוואנציג יאר האט מען זייא אן גיהויבן לערנן די עבודה טאן אונ צו דרייסיג יאר האט ער אן גיהויבן צו טאן די עבודה פון דאנען לערנען מיר אפ ווען איין תלמיד ווערט אין פינף יאר ניט גבעסערט וועט מען אין אים קיין בעסערקייט שוין ניט זעהן ולא יעבד עוד ווען דער לוי איז אלט פופציג יאר זאל ער שוין ניט ארבעטין אין משכן צוא טראגן אויף דעם אקסיל נאר ער זאל היטן די טויערן אונ זינגן אין משכן אונ האט גהאלפן אויף לייגן אויף דיא וועגין וואס מען האט גיפירט די כלים פון דעם משכן אזו שרייבט רש"י ולא יהיה בבני ישראל נגף דו זאלשט נעמן די לוים פר די בכורים וועט ניט זיין אין די בני ישראל קיין מארד · דר בחיי שרייבט ווען די בכורים וואלטן די עבודה גטאן וואלטין זייא גישטארבן דען צו ציטין איז דר בכור ביי איין פאטער וואש איז ניט קיין בכור אזוא ווייסט ער גאר ניט צו זאגן פון דר עבודת אונ זעט קיין מאל ניט די עבודה אבר אז די לוים זיינען אלע ווארן גינומן צוא טאן דיא עבודה אין בית המקדש אזו וועלן די קינדר זעהען פון יוגינט אן פון זייערע פאטער אונ וועלין בקי זיין אין דער עבודה ובפרט צוא גיוואנען די הענט אונ די פינגער צו די כלי זמר דאש מוז מען זיך לערנן פון דער יוגינט ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם עס זיינן גוועזן מענטשין וואש זיינען גיוועזן טמא אונ האבן ניט גיקענט מאכין דעם קרבן פסח אין זיין צייט זיינן די לייט גיקומן צו משה אונ אהרן אונ האבן גיזאגט מיר זיינען טמא אונ ווארום זאלן מיר זיין ערגר פון אלע דאס מיר זאלן ניט מקריב זיין איין קרבן פסח צווישין ישראל האט משה צוא זייא גיזאגט ווארט ביז איך וועל הערין וואש גאט וועט דרויף זאגין · רש"י שרייבט וואול צוא משה דאס ער האט גיקענט ריידין מיט גאט ווען ער האט גוואלט אונ גאט האט אים גענטפרט דר צרור המור פרעגט וואש האבן זיי גוואלט האבן ווען זיי זיינן טמא גוועזן קען מען דאך ניט מקריב זיין קיין קרבן פסח נאך מער איז קשה וואש האט זיי משה גיענטפרט ער וועט פרעגן גאט האט ער דען ניט גוואוסט דאש איין טמא טאר ניט מקריב זיין דעם קרבן פסח אויך איז קשה וואש האבן די מענטשן גזאגט אנחנו טמאים לנפש אדם דאש ווארט אדם איז איבעריג דען לנפש איז אויך טייטש איין מענטש דר תירוץ איז די מענטשן האבין גיזאגט מיר האבן גיטראגן נדב ואביהוא פון דעם משכן וואש זיי זיינן גשטארבן אין משכן ניט פון זייערע עבירות וועגין דען זיי זיינען גיוועזן גרויסע צדיקים נאר גאט האט גזאגט בקרובי אקדש מיט מיינע צדיקים וועל איך גיהייליגט ווערין דאש אלע לייט וועלן מורא האבן אונ וועלן זאגין ווען גאט שטראפט צו

צדיקים מכל שכן דש ער וועט אונז שטראפן אונ ווען זיי זיינן ניט גישטארבין פון זייערע עבירות וועגין זיינן מיר ניט טמא וואש מיר האבין זיי גיטראגין אונ דרום זאגין זיי לנפש אדם נדב ואביהוא זיינן נאר גישטארבין פון וועגן דר עבירה פון אדם הראשון דאש אלע לייט מוזין דורך דעם שטארבין אונ ניט פון זייערע עבירות וועגין · אונ משה האט זייא גענפערט דאש ווייס איך ניט איך וועל פרעגן גאט האט אים גאט גיענטפערט איש כי יהיה טמא לנפש אונ זאגט ניט אדם כלומר וואש פר איין טמא עש איז זאל ער אלין ניט מאכן קיין קרבן פסח ווען ער איז טמא · דר בחיי פרעגט ווארום זאגין די חכמים ווייל משה האט זיך חשוב גיהאלטן אונ האט גזאגט אלע שווערע זאכין זאלט איר ברייננען צו מיר וועל איך איך זאגין · דרום איז ער גשטראפט גיווארן דאס ער האט ניט גיוואוסט דעם דין פון דיא טעכטר פון צלפחד אונ ווארום זאגין זיי ניט דאס ער איז ווארן גישטראפט אונ האט ניט גיוואוסט דעם דין פון פסח שני · דער תירוץ איז דש איז קיין שטראף ניט וואש משה האט ניט גיוואוסט דעם דין פון פסח שני דען עס איז אחידוש מען זאל אפ לייגן דעם קרבן פון ניסן ביז אייר דרום האט משה גימוזט פרעגן גאט אבר דעם דין פון די טעכטר פון צלפחד דאס זייער פאטער האט קיין זון ניט גילאזט נאר טעכטער אונ דיא טעכטער האבין אים גיפרעגט אויב זיי זאלין ירשנן זייער פאטער דאש וואלט משה נדארפט וויסן דען איטלכר ווייסט דש ווואל ווען עס איז קיין זון ניט דא ירשנען טעכטער · אונ משה האט עס ניט גיוואושט דאש מוז זיין איין שטראף פון גאט בחודש השני גאט האט גיזאגט ווער עש איז טמא זאל מאכין איין קרבן פסח אין אנדרין חודש דאש איז אייר · אונ ביי דעם קרבן פסח האט מען גיהאלטין חמץ אונ מצה אין הויז אונ עס איז קיין יום טוב ניט גוועןנאר מצות אונ מרור האט ער גיגסן מיט דעם קרבן וביום

הקים את המשכן אונ אין דעם טאג וואס דר משכן איז ווארין אויף גישטעלט האט דר וואלקין צו גידעקט דעם משכן אונ ביי נאכט איז גוועןן איין וואלקין פון פייער ביז טאג : על פי יי׳ יסעו דורך דעם ווארט פון גאט האבין זיי גיצויגין דהיינו ווען דער וואלקין האט זיך אפ גיטאן האבן זיי גיצויגין נאך דעם וואלקן נאך · אונ ווען דר וואלקין האט זיך גשטעלט האבין זיך די ישראל גשטעלט אונ ווען דר וואלקן האט זיך אפ גטאן האט ער זיך צום אויף גוויקלט איבר די קינדר פון יהודה אונ איז איבר זיי גישטאנן צו ווייזין דאש עש איז צייט צו גיין אזו האט מען גיטרומייטערט מיט טרומייטין אונ מען האט זיך ניט גירירט ביז משה האט גיזאגט קומה יי׳ ויפוצו אויביך שטייא אויף גאט צו גיין פאר ישראל אונ לאזין ווערין פר שפרייט דיינע פיינט אונ ווען ישראל האבין גידארפט רוען איז דר וואלקין ווידר גיקומן אויף שבט יהודה אונ האט זיי באדעקט וויא איין סוכה אונ דר וואלקין האט זיך ניט אפ גיטאן פון שבט יהודה ביז משה האט גזאגט שובה יי׳ רבבות אלפי ישראל רוא גאט צווישן פיל צעהן טויזנט פון ישראל · ונעלה הענן בבוקר דר בחיי אונ דער חזקוני שרייבין דאש אלע אן הויב ציען פון ישראל איז נאר גיוועז פון אין דר פריא ביז האלבן טאג אבר ניט נאך האלבן טאג · עשה לך שתי חצוצרות כסף גאט האט גיבאטן צו משה צו מאכין צוויי טרומייטין פון זילבר מען זאל מיט זיי איין זאמלן די ישראל אדר די נשיאים ווען משה האט זיי גידארפט · ווען מען האט מיט ביידע גיבלאזין איין תקיעה זיינן ווארין איין גזאמילט כל ישראל · אונ ווען מען האט מיט איינעם גיבלאזין איין תקיעה זיינן ווארן איין גזאמילט די נשיאים · אונ ווען מען האט גידארפט ציהן האט מען מיט ביידע גיבלאזן איין תקיעה מיט איין תרועה · אונ די כהנים האבין גיבלאזין מיט די טרומייטין · אונ דרום זיינן זיי גיוועזן פון זילבער אונ ניט פון גאלד כדי מען זאל ניט דר מאנן די עבירה פון דעם

עגל

עגל וואש איז גיוועזן פון גאלד אונ אין איין
מלחמה האט מען אויך מיט זיי גיבלאזן צו
דר מאנט ווערין פאר גאט · אויך האט מען
מיט זיי גיבלאזן ווען מען האט מקריב גיוועזן
קרבנות כדי די ישראל זאלין הערין דאס מען
איז מקריב זייערע קרבנות אונ זאלן גאט בעטן
דאש זייערע קרבנות זאל ווערין אן גינומן פר
גאט רבי איסריל פרעגט ווארום האט מען נאר
גיבלאזין ווען די ערשטע צווייא פאנען האבין
גיוואלט גיין · אונ ווען די הינטערשטע צוויי
פאנן האבן גוואלט גיין האט מען ניט גיבלאזן
דר תירוץ איז משה איז גליך גיוועזן וויא איין
מלך וואש גייט אין מיטן פאלק אונ שרים גייען
פריער פאר אים אונ ווידר גייען שרים הינטר
אים · אונ אז ער וויל רידין זאגט דר מלך צו
די שרים וואש גייען פאר אים זיי זאלין רידין
אונ ער רירט נאך זיי אונ די הינטרשטע רירן
נאך אים אונ ער דארף צוא די הינטערשטע
שוין ניט זאגין זיי זאלין רידין אזו אויך משה
איז גיוועזן ביי דעם משכן אין מיטן פאלק ·
אונ ווען דר וואלקן האט זיך אפ גנומן האבן
זיך די ישראל אן גבריט צו גיין נאר זיי האבן
ניט גרירט ביז משה האט גיהייסן טרומייטן
אזו האבן אן גיהויבן צו גיין די ערשטע צוויי
פאנען אונ משה איז גיגאנגן נאך זיי אונ די
הינטרשטע צוויי פאנן זיינן גיגאנגן נאך משה
ויסע דגל מחנה בני יהודה אונ עש האט גיצויגן די
פאן פון מחנה יהודה אונ יששכר אונ זבולון
זיינן מיט זיי גיגאנגן אונ זיינען אלע פריער
גיגאנגן אונ וויא באלד די מחנה יהודה האבן
זיך אן גיהויבין צו רירין זיינן גיגאנגן אהרן
אונ זיינע קינדר אונ האבין אראפ גינומן דעם
פרוכת אונ האבין צו גידעקט דעם ארון אונ
דר נאך האבין די קינדר פון גרשון אונ מררי
צו נומען דעם משכן אונ האבין אים ארויף
גילייגט אויף די ווענין אונ די קינדר פון קהת
האבן אן גיגרייט דעם ארון אונ די כלי קודש
צו טראגין אונ אז די מחנה פון ראובן האבין
אן גיהויבן צו גיין אזו האבין זיך גרירט אלע

לוים אונ אז דר וואלקין האט זיך גישטעלט
האבין די קינדער פון גרשון אונ מררי אויף
גישטעלט דעם משכן אונ די קינדר פון קהת
זיינן גיקומן מיט דעם ארון אונ האבן גיפונן
דעם משכן גרייט אזו וויא מען גרייט אן דעם
מלך איין הארבעריג איי ער קומט : ונסע דגל
מחנה בני דן מאסף לכל המחנות דיא מחנה דן איז
גיגאנגען צום הינטערשטין · אונ ווען איינער
פון ישראל האט עפעש פאר לארין האבן זיי
דאש גיפונען אונ האבין עש אפ גיגעבן אונ
די ישראל זיינען גיגאנגען אויף פיר זייטן אזו
ווי איין קאסטין אונ שבט דן זיינען גיגאנגען
צוא צפון זייט אונ וויל זייא זיינען זייער פיל
גיוועזן זיינן זיי אויף מערב זייט אויך גיגאנגן
אונ האבן דרום אלם דינג גיפונען · דר חזקוני
פרעגט וויא קאן זיין דאש שבט דן איז דער
גרעשטר שבט גיוועזן אמער שבט יהודה איז
גרעשר גוועזן דר תירוץ איז שבט דן איז מער
גיוועזן פון די שבטים וואש זיינן גיגאנגן נאך
דעם משכן אבר שבט יהודה איז גגאנגן פאר
דעם משכן אונ ווען איינר פון ישראל האט
ניט גקאנט ציהן מיט זיין שבט איז ער גבליבן
צום הינטערשטין אונ איז גיגאנגן מיט שבט
דן דרום האט ער גיהייסן מאסף לכל המחנות ער
האט איין גיזאמילט אלע די וואש האבן ניט
גקענט ציהן מיט זייער מחנה : לכה אתנו והטבנו
לך משה האט גזאגט צו זיין שווער יתרו גייא
מיט אונז קיין ארץ ישראל אונ מיר וועלן דיר
גוטש טאן האט יתרו גיענטפערט איך וויל
ניט גיין איך וועל בעסר גיין אין מיין לאנד :
נוסעים אנחנו משה האט גזאגט צו יתרו מיר וועלן
קומן אין דריי טעג קיין ארץ ישראל אונ אזו
וואלט גיוועזן נאר זיי האבין גיזינדיגט דרום
זיינן זיי גיבליבין נאך פערציג יאר אין דער
מדבר · רש"י שרייבט משה האט זיך גשעמט
פאר יתרו צו זאגין דאש ער וועט ניט קומען
קיין ארץ ישראל דרום האט ער גיזאגט מיר
וועלין ציהען קיין ארץ ישראל אונ האט זיך
אין כלל ארין גשטעלט : אל נא תעזוב אותנו משה

זאגט

זאגט צו יתרו איך בעט דיך דו זאלשט אונז ניט פאר לאזין כדי די עובדי כוכבים זאלין ניט זאגין · דו האשט דיך נאר מגייר גיוועזן וייל דו האשט גימיינט דו ועסט האבין איין חלק אין ארץ ישראל אונ אז דו ביסט גיוואר גיווארין דאש איין גר האט קיין חלק ניט אין ארץ ישראל אזו האסטו אונז פאר לאזט אונ האסט דיך אפ גישייד פון אונז אונ פון אונזר גאט דרום גייא מיט אונז וייל דו האסט גיזעהן די נסים ונפלאות וואש גאט האט מיט אונז גיטאן אין דר מדבר: וְהָיִיתָ לָנוּ לְעֵינָיִם דו וועסט אונז זיין צו איין וועג ווייזר · פרעגט דר בחיי וואש האט יתרו גידארפט זיין איין וועג ווייזר אמער דר וואלקן האט דאך צו ישראל גפירט דר תירוץ איז דאש האט משה נאר גיזאגט אנטקעגין די שלעכטע לייט וואש זיינן גוועזן צווישן ישראל אונ האבן ניט רעכט גיגלויבט אין גאט אונ האבין אלין מורא גיהאט דאש זיי וועלין ניט קומן צו קיין לאנד דרום האט ער גזאגט צו יתרו ער זאל גיין ווייזן דעם וועג זועלן די שלעכטע לייט אויך זאגן היינט וועלן מיר קומן צו איין לאנד דען יתרו ווייסט גוט דעם וועג · נאך איין פשט איז דו זאלסט אונז זיין צו איין ווייזר כלומר דו זאלשט ווייזן די עובדי כוכבים דאש מיר דינן רעכט גאט אונ גאט האט אונז גיטאן נסים אין דר מדבר אונ דיין עדות וועט מער העלפין אנטקעגין דיא עובדי כוכבים וייל דו ביסט גיוועזן איין עובד כוכבים אונ האסט דיך מגייר גיוועזן פון וועגן די נסים ונפלאות וואש גאט האט אונז גטאן נאך איין פשט איז וְהָיִיתָ לָנוּ לְעֵינָיִם משה האט גיזאגט צו יתרו דו וועסט אונז זיין צוא איין ווייזר כלומר פון דיר וועלן זיך די ישראל לערנן פרום צו זיין דען זיי וועלן זאגן יתרו איז איין עובד כוכבים גוועזן אונ איז פרום מכל שכן מיר וואש מיר זיינן די קינדר פון אברהם יצחק ויעקב דארפן מיר בוודאי פרום זיין דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים איין וועג פון דריי טעג זיינן זיי איין גיגאנגן אין איין טאג דען גאט האט זיי באלד גוואלט

ברייגגן קיין ארץ ישראל וַאֲרוֹן בְּרִית יְיָ אונ דער ארון מיט די צו בראכענע לוחות איז גיגאנגן דריי טאג וייט פון ישראל צו אויש זעהן זיי איין רואונג אונ דר אנדרר ארון איז גוועזן אין דר מחנה ביי משה אונ אהרן אונ דר וואלקן איז גוועזן פון אלע פיר זייטן אונ איין וואלקן איז גיוועזן איבר זיי אונ איין וואלקן איז גוועזן הינטר זיי אונ איין וואלקן איז גיגאנגן פריער צו אויש גלייכין דעם וועג אונ האט נידעריג גימאכט די בערג אונ האט דר פילט די טאלן אונ האט פאר ברענט די גרויסע שלאנגן אין דר מדבר וואש זיינן אזו גרויס וויא באלקינש וַיִּסְעוּ מֵהַר יְיָ זיי זיינן באלד אוועק גילאפין פון דעם בארג סיני דען זיי האבין מורא גיהאט מען וועט זיי נאך מצות געבין אונ זיי האבן שוין מער קיין מצות ניט גוואלט אונ די תורה האט די עבירה ניט בפירוש אן גישריבן וייל זיי האבן עש נאר גיהאט במחשבה נאר גאט וויים די מחשבה דרום האט דער פסוק אונז גיוויזן דאש ער וויים · דר בחיי שרייבט דרום האט די תורה גישטעלט די פרשה וַיְהִי בִּנְסֹעַ הָאָרֹן ביי דר פרשה וואש ישראל האבן גרעט ביז אויף גאט דאש איז וייל דר ארון האט גיטאן וואונדער צו ווייזן זיי דאש גאט האט כח איבר אלין דינג אונ זיי האבן ניט גדארפט אויף גאט ריידין קיין שלעכטש אונ עש איז גוואוסט דאש די וועלט איז גטיילט אויף דריי חלקים איין חלק איז ים אונ איין חלק איז מדבר אונ איין חלק איז ישוב וואו לייט זיצן אונ אז די ישראל האבין גידארפט איין קיין ארץ ישראל האט גאט זיי גיפירט דורך אלע דריי חלקים צום ערשטין האט ער זיי גיפירט דורך דעם ים אונ האט דעם ים גמאכט פאר איין יבשה אונ ווידער צו ים צו ווייזן דאש ער האט די וועלט בשאפין אונ זיא איז ניט פון זיך אליין גיווארן אונ ער האט כח צו טאן אין איר וואש ער וויל · דר נאך האט גאט זיי גיפירט אין דר מדבר וואש קיין מענטש קען דארטין ניט גיין פון וועגין די גרוזע שלאנגן

אין

צו ווייזן דאש ער האט כח איבר אלין דינג. אונ דר נאך האט ער זיי גיבראכט קיין ארץ ישראל וואש דאש איז ישוב דאש דריטע חלק פון דר וועלט אונ האט זיי גטאן גרויסע נסים אונ האט איין גיווארפין די גרויסע מויערין פון יריחו וואש דאש איז גוועזן ווידר דר טבע נאר דורך גאטש נסים אונ דרום האט משה גיזאגט ביי דעם ארון ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך כלומר גאט וואש זיין שכינה רועט אויף דעם ארון מאכט די פיינט פון ישראל פאלין אונ טוט נסים ובנחה יאמר אונ ווען ישראל האבן גידארפט רוען האט משה גיזאגט שובה יי גאט מאך רוען די פיל צעהען טויזינט פון ישראל אויף זייער ארט דאש קיינער פון זיי זאל ניט גיבראכן ווערין בע באזני יי רשיי שרייבט דיא ישראל האבן גירעט ביז אויף גאט אונ האבן גיוואלט דאש גאט זאל דאש הערין דען זיי האבין אים גיוואלט דר צערענען אונ האבין גיזאגט מיר האבין שוין דריי טעג ניט גירועט אונ דאש איז זייער טובה גיוועזן כדי זיי זאלן באלד קומן קיין ארץ ישראל בקצה המחנה גאט האט גישיקט איין פייער אונ עש האט פאר ברענט דאש ערב רב וואש זיינן גינאנגן אין עק מחנה הינטר די ישראל אונ אטייל זאגין עס האט פאר ברענט די הארן אונ די חשובי פון דר מחנה ישראל האט משה תפלה גטאן צוא גאט אזו איז דאס פייער גיווארין איין גיזונקן אין דר ערד אונ דרום איז דאש פייער ניט פאזר לאשין גיווארין אדר ארויף גינאנגן אזו וויא דר סדר איז פון פייער דאס עס גייט ארויף דש איז דרום כדי די ישראל זאלן מורא האבין זיי זאלין מיינען ווען זיי וועלן ביז טאן וועט דאש פייער ווידער פון דר ערד ארויש קומן אונ וועט זיי פר ברענן והאספסוף אשר בקרבו אונ דאס ערב רב וואס איז גיוועזין צווישין ישראל האבן גלוסט צו עסן פלייש אונ האבן די ישראל אויך גמאכט זינדיגן אונ זיי האבן אלע גיזאגט ווער וועט אונז געבין פלייש צו עסן אונ האטשע פיל רינדר אונ שאף זיינען מיט ישראל פון מצרים ארויש גינאנגען אונ זיי האבין זיא נאך ניט גיהאט אויף גיגעסין דען עס שטייט ומקנה רב היה לבני גד ולבני ראובן זיי האבין גאר פיל בהמות גיהאט נאך דיא פערציג יאר וואש זיי זיינן גוועזן אין דר מדבר נאר זיי האבין גיוואלט בלבולים מאכין אויף גאט האטשע זיי האבין גיהאט פלייש האבין זיי גיוואלט נאך מער פלייש דר רמב״ן שרייבט דר סדר איז אין איין מלחמה וייל דאש פאלק איז ביי אנאנדר איז פלייש טייער אזו אויך אין דר מדבר וואש ישראל זיינן גיוועזן ביא אנאנדר איז אויך טייער גיוועזן פלייש נאר די רייכע האבן גינוג פלייש גהאט אבר די ארעמע האבן ניט גהאט קיין פלייש אונ האבן גשריען זיי ווילין פלייש זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם די ישראל האבין גיזאגט מיר גידיינקן די פיש וואש מיר האבן גיגעסין אין מצרים אום זיסט פרעגט רשיי מען האט זיי קיין שטרויא ניט גיוואלט געבין אום זיסט אונ וויא קאן זיין דאש מען האט זיי גיגעבן פיש אום זיסט דר תירוץ איז זיי האבן גימיינט אום זיסט אן מצות שרייבט דר דבק טוב כלומר מיר האבן גיגעסן אום זיסט ניט פון אונזרע מצות וועגן דען מיר האבין נאך קיין מצות ניט גיהאט דרום האבין מיר קיין מורא ניט גיהאט דאש מיר וועלין ניט האבין וואש צו עסין אבער היינט אז מיר האבין מצות האבין מיר מורא ווען מיר וועלין די מצות ניט האלטין וועלין מיר ניט האבין וואש צו עסין וייל גאט וועט אויף אונז ברוגז זיין איבר די מצות. אונ דר אבן שועב אונ דר חזקוני אונ דר רמב״ן אונ אויך דר בחיי שרייבן די מצרים האבן גיגעבן צו ישראל פיש אום זיסט וייל די ישראל האבן גיהאלפן ארויש ציהן די נעץ פון דעם וואשר אונ האבין גרויש מיא גיהאט דר ביי אזו איז דער סדר דאש מען גיט קליינע פישלעך צוא דעם וואש העלפט ארויש ציהען די נעץ פון דעם וואשר. אונ דר בחיי שרייבט נאך מער די גמרא זאגט גאט האט גיגעבן צו ישראל

פיש אין מצרים דאש די ווייבר זיינן גיגאנגן שעפין וואשר מיט זייערע קריג האט גאט זיי צו גשיקט פיש אין זייערע קריג · אונ דר בחיי אונ דר תולדות יצחק שרייבן הדגה איז טייטש טויטע פיש אזו וויא מיר גיפינן ביי יונה דש איין פיש האט אים איין גשלונגן שטייט ויתפלל יונה אל ה' ממעי הדגה יונה האט תפלה גיטאן צו גאט פון די גידערים פון איין טויטן פיש דען דער פיש וואש האט יונה איין גישלונגן איז באלד גיטייט גיווארין אונ גאט האט גשיקט איין אנדר פיש אריין צו נעמן יונה אין זיך אריין דען עש איז ניט קיין כבוד צו איין צדיק צו זיין אין איין טויטן פיש אונ דרום שטייט ווייטר אין פסוק ויאמר ה' לדג ויקא את יונה גאט האט גזאגט צום לעבדיגין פיש אונ ער האט אויש גישפייגין צו יונה אזו זעהן מיר דאש דגה איז איין טויטר פיש אונ דא שטייט אויך הדגה דאש מיינט מען אויך די מצרים האבן צו ישראל גיגעבין עסין די טויטע פיש וואש זיינן אלט פיר אדר פינף טעג וואש זיי זיינען אום גזונט צו עסן אבר ניט קיין פרישע פיש דען די מצרים האבן גוואלט טייטן די ישראל מיט די אלטע פיש את הקשואים די ישראל זאגן מיר גידיינקן די פלוצערין אונ די ציבעלעס אונ קנאביל אונ די בוריקעס וואש מיר האבן גיגעסן אין מצרים רש"י שרייבט דר מן האט גיהאט איין טעם פון אלערלייא שפייז וואש אויף דר וועלט איז נאר ניט אזו וויא די מינים וויש דא שטייען דרום האבן זיי גזאגט די מינים האבן מיר ניט · אונ גאט האט דאש גיטאן פון זייער טובה וועגן ווייל די מינים שאטן צו איין מעוברת אונ צו איין מינקת · אונ דער צרור המור שרייבט דר מן האט גבראכט דעם מענטשין ער זאל טאן מצות אונ זאל לערנן תורה אונ זאל טראכטין אין גאטש דינשט אונ דרום האבן זיי אויף אים גרעט ביז ווייל זיי האבן גיוואלט אזעלכע שפייז וואש זאל דעם גוף לושטיג מאכין צוא נאך גיין נאך תענוגים דאש האבן אונזרע חכמים גיזאגט

חנם בלא מצות כלומר די ישראל האבן גיזאגט מיר האבן אין מצרים גיגעסן די מינים וואש ברייגגען ניט צו טאן מצות דרום זיינען מיר גיוועזן פרייא אן מצות אבער דר מן ברייגגט דעם מענטשין צו טאן מצות אונ צו לערנען תורה ועתה נפשנו יבשה אין כל בלתי אל המן עינינו די ישראל זאגין טאג אונ נאכט עסין מיר נאר מן אונ ניט קיין אנדר שפייז עס איז שוין אונז נמאס גיווארין אלץ איינש צו עסן · אונ גאט טוט דעם מן לויבן אונ זאגט וויא דר מן איז זייער גוט ער האט איין פנים וויא גליינדר אונ איין גישטאלט וויא קרישטאל · אונ דר צרור המור שרייבט גאט האט דעם מן גילויבט דען עש איז גיוואוסט צו איין עסין עס זאל גוט זיין מוז מען האבין פיר זאכן · דאש ערשטע איז עס זאל זיין גזונט צום קאפ אונ גוף · דש אנדרע איז דאש עסין מוז זיין שיין צו זעהן עש זאל דעם מענטשן איין לוסט מאכן · דש דריטע איז עש מוז זיין זיס צום מויל · דאש פערטע איז עש מוז זיין ריין אונ דר מיט האט גאט גילויבט דעם מן · דאש ערשטע האט ער גיזאגט כזרע גד דר מן איז גיזונד אזו וויא גליינדר איז גיזונט צום קאפ אונ צו די אויגין דאש אנדרע האט ער גיזאגט כעין הבדולח דר מן איז שיין אן צו זעהן אזו וויא איין קרישטאל דאש דריטע האט ער גיזאגט לשד השמן דר מן איז זיס וויא האניק אונ בוימיל · דאש פערטע האט ער גיזאגט וברדת הטל ירד המן עליו דער מן פאלט ריין דער טל ליגט פון אונטין אונ פון אויבין · אונ דר תולדות יצחק שרייבט די ישראל האבין גיזאגט דר מן איז זייער וויש ער מאכט זיי בלינד די אויגן האט גאט גזאגט כעין הבדולח ער איז אזוא וויא קרישטאל וואש מען מאכט דר פון ברילן וואש די אלטע לייט זעהן אויף זיי כלומר ער נעמט ניט צו דאש זעהן פון די אויגין ער גיט נאך צו זעהונג צו די אויגין · אונ רש"י שרייבט נפשנו יבשה איז טייטש די ישראל האבין גיזאגט דר מן האט קיין אויש גאנג ניט פון אונזער לייב דער סוף

וועט

נעמט זיין דאש אונזרע בייכר וועלן גישוואלן
ווערין דר פון אונ מיר וועלן שטארבין דורך
דעם · פרעגט דער חזקוני גאט האט דאך
גיהייסן מאכן איטליכן ישראל איין אייזערנם
נאגיל ער זאל אים האלטן ביא זיך ווען ער
וועט זיין צורך טאן אין דער מדבר זאל ער
מיט דעם נאגיל אן גראבין ערד צו צו דעקן
זיין צורך · זעה איך דאך דאס ישראל האבן
זיא גיהאט איין אויש גאנג אין דער מדבר
תאמשע זייא האבין גיגעסין דארטין דעם
מן נאר דער תירוץ איז אזוא דיא אומות
האבן גבראכט שפייז צו פר קויפן צו ישראל
אין דר מדבר דר פון האבן זיי צורך גהאט ·
דרום האט גאט גיהייסן מאכן איין אייזערנם
נאגל צו צו דעקן דעם צורך · ופתנו ברחים או
דכו במדוכה רש"י שרייבט דער מן האט אלע
ערלייא טעמים גיהאט · ער האט אין זיך
גהאט איין טעם פון די זאכן וואש מען מאלט
אין איין מיל אונ פון דיא זאכין וואש מען
שטויטשט אין איין שטויסיל · אונ פון דיא
זאכן וואש מען קאכט אין איין טאפ · אונ
דר חזקוני זאגט די גמרא זאגט דיא צדיקים
האבן דעם מן גיקענט עסין אזו וויא ער איז
פון דעם הימיל גיפאלין · אונ דיא מיטיל
מעסיגע לייט האבן אים גימוזט צו שטויסין
אין איין שטויסיל אונ האבין אים גיגעסין ·
אונ די רשעים האבן אים גימוזט קאכין אין
איין טאפ אונ האבן דר נאך גיגעסין · בוכה
למשפחותיו רש"י שרייבט זייא האבין זיך איין
גיזאמילט משפחות וויס אונ האבן גיוויינט
בפרהסיא צו ארויש ווייזין זייער בייז הארץ
דאש זיי ליידן ביין אויף גאט · אונ די חכמים
זאגן אין דר גמרא זיי האבן גיוויינט פון ווענן
די משפחות וואש מען האט זיי פר באטין ·
פון צו ליגן ביי איין אשת איש אונ ניט צו
נעמן איין קרובה · דהיינו איין מוטר אדער
איין שוועסטר פר איין ווייב · פרעגט דר אמרי
נועם ווארום האבין זייא איצונד גיוויינט אונ
ניט אויף דעם בארג סיני בשעת אז מען
זיין

האט עס זיי פר באטין · דר תירוץ איז זייא
האבן ניט גיוואלט פר מישן די שמחה ביא
דעם בארג סיני · דרום האבין זייא איצונד
גיוויינט · נאך איין תירוץ קען מען זאגין זיי
האבין דרום גיוויינט איצונד ביא דעם מן
פאלין · אזו וויא די גמרא זאגט דר מן האט
גיוויזין ווער עש איז מזנה · אונ אויך ווען
איין אשה וואש דר מן איז איר גישטארבין ·
אונ זיא האט גינומן איין מן פר דריי חדשים
נאך דעם מאנש טויט אונ האט גיהאט איין
קינד צו זיבן חדשים · האט מען ניט גוואוסט
אויב עס איז ווארן גיבארין צו זיבן חדשים
פון דעם אנדערן מאן אדר צוא ניין חדשים
פון דעם ערשטן מאן אזו איז מען דאס גוואר
גיווארן דורך דעם מן · דען דר מן איז גיפאלן
פר איטלעכן גיצעלט אזו פיל מעסטליך וויא
פיל מענטשין אין דעם גיצעלט איז גיוועזן
איין מעסטיל צו איטלעכין · אונ אויב זייא
זיינן גיוועזן ניין מענטשן ביי דעם אנדערין
מאן חוץ דעם קינד · אונ עש איז גיפאלין
צעהען מעסטליך מן · האט מען גיוואוסט
אז דאש איז זיין קינד · אבר אז עש איז נאר
גיפאלן ניין מעסטליך מן אונ פר דעם גצעלט
פון דעם ערשטין מאן איז גיפאלין איין
איבעריגע מעסטיל · האט מען גיוואוסט
דאש דאש קינד איז פון דעם ערשטן מאן ·
אונ אויך ווען איין אשה האט גיהאט איין
קינד פון זנות האט מען גיזעהן ביא וועמש
עש איז איין איבעריגע מעסטיל מן גיפאלין
פון דעם איז דאש קינד · דרום האבין דיא
ווייבר מורא גיהאט מזנה צו זיין · דען דר מן
וועט אויש זאגין מיט וועמן זיא האט מזנה
גיוועזן דרום האבין זייא איצונד גיוויינט ·
האנכי הריתי את כל העם הזה משה זאגט צוא גאט
ווארום טושטו די משא פון דעם פאלק אויף
מיר · האב איך דען גיטראגין דאש פאלק
אדר האב איך דען זייא גיוואונן וואש דוא
זאגשט מיר איך זאל זיי טראגן · אזו וויא
איין דר ציהר טראגט איין זייגענדיגע קינד ·
הרגני

תרגני נא הרוג אויב דוא ווילסט מיר אזוא טאן זאלשטו מיך בעסר הרגן · אונ דרום זאגט ער צווייא מאל הרגני נא הרוג כלומר משה רבינו זאגט צו גאט רבונו של עולם איך וועל מסה נפשך זיין דער שלאגין · וועל איך עפעש זאגין צו ישראל וועלן זיי מיך הרגען וועל איך זיי ניט זאגין וועל איך חייב מיתה זיין וואש איך וועל ניט טאן דיין שליחות · אונ ווייל משה האט גזאגט גאט זאל אים הרגען דורך דעם איז ער גישטארבן · דען דורך דריי זאכן ברייננט מען חס ושלום אויף זיך אליין בייז · איינש איז ווען איינר ווארפט ברעקלך ברויט אויף דער ערד ברייננט ער אויף זיך דלות דאש אנדערע איז ווען איינער ניט זיך אליין איין קללה קומט דער שטן פר גאט אונ זאגט דר מענטש באגערט אויף זיך אליין בייז · אונ האטשע משה האט דאך פריער אויך גיזאגט ביי דעם עגל מחני נא מספרך מעק מיך אפ פון דיין ספר החיים · אונ פון דעשט וועגין האט ער גילעבט · דאש האט ער גיזאגט אן כעס · אבר דא האט ער גיזאגט מיט כעס דרום איז ער דורך דעם גישטארבן אונ דאס דריטע איז ווען איין מענטש צינט אן איין ליכט אין מוצאי שבת איידר מען זאגט ויהי נועם ואתה קדוש דר ברייננט אויף זיך בייז דען די מתים שילטן אים · אזו שרייבט דר צרור המור · אספה לי שבעים איש גאט האט משה גענטפערט דו ווערשט ניט אליין טראגן די משא פון ישראל · זאמל מיר איין זיבעציג אלטע לייט פון ישראל אונ זייא ווערין דיך העלפין אין אלין דינג · רש"י אונ דער בחיי פרעגן עס איז דאך אין מצרים גוען זיבעציג זקנים · דר תירוץ איז די זקנים זיינען פאר ברענט גיווארין אין תבערה וואש די ישראל האבין גירעט בייז אויף גאט אונ די זקנים האבין ניט גירעט קיין בייז אויף גאט נאר זיי זיינן חייב מיתה גיווארן בייא מתן תורה וואש זיי האבן פיל גיזעהן אין דעם וואלקן וואו גאט איז גיוועזן · נאר גאט האט זייא דערנעשט מאל ניט גיטייט ווייל ער האט ניט גיוואלט פאר מישין די שמחה פון מתן תורה · דרום זיינן זייא פאר ברענט גיווארין אין תבערה ווייל ישראל האבן אן דעם גוויינט אזו האט גאט גיזאגט לאזן זיי אויף די זקנים אויך ווייען · אונ גאט האט גיזאגט צו משה קלייב אויש זיבעציג זקנים פון די וואס האבין זיך גילאזט שלאגין אין מצרים איבר ישראל · דען זיי זיינען גיווארין גיזעצט פון פרעה איבער ישראל צוא זעהן דיא ישראל זאלין רעכט ארבעטין · אונ זיי האבין צוא ישראל גרינגר גימאכט די ארבעט אונ האבן זיך גילאזט שלאגן · דרום האבין זייא זוכה גיוועזן צוא זיין הארין איבער ישראל · אונ דו זאלסט צו זיי זאגין וואול צו אייך דאש איר זייט זוכה צו זיין הארין איבר די קינדר פון גאט · אונ שטעל דיא זקנים לעבין דיר דאש ישראל זאלין זעהען אונ זאלין מורא האבין פאר זייא · ואצלתי מן הרוח אשר עליך אונ איך וועל אפ שיידין פון דיין נבואה אונ וועל געבין אויף זיי · דר בחיי שרייבט ווייל משה האט זיך איבער גיענטפערט צום טויט פון וועגן ישראל · דרום האט ער זוכה גיוועזן דאש פון זיין רוח נבואה איז ווארין גיגעבין אויף דיא זקנים גליך וויא גאט ניט פון זיך איין רוח נבואה אויף דיא נביאים אונ אז גאט האט גירעט צו משה איז דיא נבואה אויף זיי אויך גיקומען אונ זיי האבין גיהערט וואש גאט האט צו אים גירעט · עד חודש ימים תאכלו בשר גאט האט גזאגט איר וועט עסין פלייש איין גאנצין חודש דרייסיג טעג רש"י שרייבט אטייל חכמים זאגין די כשרים פון ישראל האבין איין חודש צער גיהאט פון דעם פלייש אונ דר נאך זיינן זיי גישטארבן אונ די רשעים האבן נאך דאש פלייש גיהאט צווישין די ציין אונ זיינן באלד גישטארבן · אונ אטייל חכמים זאגין דיא כשרים זיינען באלד גישטארבין · אונ דיא רשעים האבין דרייסיג טאג צער גיהאט אונ דר נאך זיינען

זיי גישטארבין · והיה לכם לזרא איר ווערט אזוא
לאנג עסין פלייש ביז עש ווערט אייך נמאס
ווערין · אונ איר ווערט דורך דעם אום קומן ·
ויאמר משה שש מאות אלף רגלי העם הזה האט משה
גיזאגט צו גאט זעקס הונדערט טויזינט מאן
זיינען ארויס גיגאנגען פון מצרים · אונ דוא
ווילשט זיי געבן איין חודש פלייש עסין אונ
דר נאך זאלין זיי שטארבין · הצאן ובקר ישחט
להם ומצא להם איז דען רעכט מען זאל זייא
קוילין שאף אונ רינדר אונ דאש זאל זייא
גינוג זיין אויף איבינ · עש איז גלייך וויא
מען זאגט צוא איין אייזיל מען ווערט דיר
געבין איין מאס גערשטין אויף עסין אונ דר
נאך ווערט מען דיר דעם קאפ אפ האקין ·
האט גאט צוא אים גיזאגט ווען איך וועל
זיי קיין פלייש ניט געבין ווערין זיי זאגין
איך האב קיין כח ניט צו געבין פלייש אין
דר מדבר אזו ווערט מיין נאמען ווערין פאר
שוועכט · דרום מוז איך זיי פלייש געבן נאר
זיי ווערין מוזין פר לארין ווערין דורך דעם ·
דען איך ווייש וואול זיי זוכין נאר איין בלבול
ווען איך וועל זיי געבין אקסין פלייש ווערין
זיי זאגין זיי ווילין שאפין פלייש · וועל איך
זייא געבין שאפין פלייש ווערין זייא דאך
זאגין זיי ווילין אקסין פלייש אדר זייא ווילן
פיש · האט משה גזאגט צו גאט איך וועל איין
צוא ישראל אונ וועל זייא איבער ריידין
דאש זייא זאלין קיין בייז ניט ריידין · האט
גאט צו אים גיזאגט עתה תראה היקרך דברי אם לא
איצונד וועשטו זעהן אויב עש ווערט נים זיין
אזו וויא איך האב דיר גיזאגט דאש זייא
ווערין דיך ניט צו הערין איז משה גיקומען
צו ישראל אונ האט גיזאגט צו זיי האט דען
גאט קיין כח ניט צוא טאן אלץ וואש ער
וויל · ער האט אונז גינעבין וואסער פון איין
שטיין אונ מן פון דעם הימיל · האבין דיא
ישראל אים גיענטפערט ער האט קיין כח
ניט צו טאן אונזער ווילין · דרום שיקט ער
אונז איין צוא ריידין מיר זאלין ניט ווערין

קיין פלייש · אונ דר תולדות יצחק אונ דר
אבן שועב שרייבין די ישראל האבן גיהאט
גינוג בהמות צו עסין נאר זיי האבן גיזאגט
גאט האט פאר באטין מען זאל קיין פלייש
ניט עסין ביז מען זאל פריער דאש בלוט
שפריינגען אויף דעם מזבח אונ מען זאל
מקטיר זיין דעם חלב · אונ עש איז מער קיין
כהנים ניט דא נאר אהרן מיט זיינע צווייא
קינדער · אונ וואש קענען זיי גינוגין טאן צו
כל ישראל · דרום שטייט ניט מי יתן לנו בשר
נייער ווערט אונז געבין פלייש דען זיי האבין
גינוג פלייש גיהאט · נאר זיי האבין גיזאגט
מי יאכילנו בשר ווער זיינן די כהנים וואש קענען
אונז גינוג פלייש מאכן עסין · דאש זיי ווערין
מקריב זיין דאש חלב אונ דאש בלוט מיר
זאלין מעגין עסין גינוג פלייש · האט גאט
גיזאגט איך וועל אייך געבין גינוג פלייש
אונ ווערט האבן צו עסין חאטשע איר האט
ווייניג כהנים · איך וועל אייך געבן וואכטלן
דאש מען דארף ניט מקריב זיין זייער חלב
אונ בלוט אויף דעם מזבח · אויך שרייבט דר
תולדות יצחק ווארום האט גאט פריער
גיזאגט דאש זיי ווערין עסין אחודש פלייש
אונ דער נאך האט ער זייא גיטייט אז דאש
פלייש איז נאך גיוועזן צווישין זייערע ציין
אונ האט ניט גיווארט איין חודש · דר תירוץ
איז משה האט גיזאגט צוא גאט וויל דוא
האשט גיזאגט זייא ווערין עסין איין חודש
פלייש אונ ווערין שטארבן פון פיל עסין ·
אזו ווערין זייא זיך היטין ניט פיל צוא עסין
כדי זיי זאלין ניט שטארבן · אונ ווען אפילו
פיל רינדער אונ שאף ווערין גיקולעט ווערין
צוא עסין זיי · אדר אלע פיש פון דעם ים
ווערין ווערין אין גיזאמילט צוא זייא ווערין
זיי זיך דאך היטין פיל צו עסין · אזוא ווערט
דיין גזירה ניט מקוים ווערן · האט גאט צו
אים גיזאגט היד יי׳ תקצר האט דען גאט קיין
כח ניט צוא טייטין זייא חאטשע זייא ווערין
ווייניג פלייש עסין · הבשר עודנו בין שניהם דאש

פליש איז נאך גיוועזן צווישן זייערע ציין אזוא האט זיא גאט באלד גיטייט · צוא ווייזן דאש ער קען זיא טייטן חאטשע זיי עסין ווייניג פליש · וישארו שני אנשים במחנה רשי אונ דר בחיי אונ דר אבן שואב שרייבן גאט האט גיהייסן נעמען זיבעציג זקנים פון ישראל פאר נביאים · האט משה גיזאגט די ישראל זיינען צוועלף שבטים ווען איך וועל נעמן פון איטליכן שבט זעקס זקנים וועט זיין צווייא איבעריגע · דען צוועלף מאל זעקס איז צוויי-אונ זיבעציג · וועל איך נעמען פון צווייא שבטים צוא פינף זקנים וועלין זיך די שבטים מיט מיר קריגין ווייל איך נעם פון זיא ווייניגער זקנים וויא פון אלע שבטים · דרום האט משה גינומן צוויי אונ זיבעציג זקנים צוא זעקס פון איטליכען שבט · אונ האט גינומען צוויי אונ זיבעציג קוויטלאך · אויף זיבעציג האט ער אן גישריבן זקן אונ צווייא איז גיוועזן ליידיג · דער וואש וועט נעמען איין קוויטעל זקן דר וועט ווערין איין נביא · אונ דער וואש וועט נעמען איין ליידיג קוויטעל דער וועט זיך אפ שיידין · דען גאט וויל אים ניט פר קיין נביא · אונ מען האט גורל גיווארפין ווער עש זאל פריער נעמען איין קוויטעל · דען דר פריעדיגר קען גיבער קריגין איין קוויטל זקן · ווייל עש זיינען נאך דא פיל קוויטלאך זקן · אונ אלדד ומידד זיינען גיוועזן פון די זקנים וואש משה האט אויש גיקליבן צום גורל · אונ זיא זיינען זייער פרום גיוועזן אונ האבין זיך נידעריג גיהאלטין אונ האבין זיך באהאלטין אונ האבין ניט גיוואלט גיין צום גורל · דען זיי האבין גיזאגט ווען דער גורל וועט אויף אונז גיפאלין צוא זיין זקנים וועלין אנדערע צווייא זקנים ארויש גיין בחרפה · דרום זיינען זיא ניט גיגאנגען אין משכן צום גורל · אונ אטייל חכמים זאגין דאש זיי זיינען יוא גיגאנגען צום גורל ווייל משה האט זיי גיבאטין · דרום האבין זיי ניט גיוואלט עובר זיין דאש גיבאט פון משה · אונ אז זיא זיינען גיקומען צום גורל האבן אכט אונ זעכציג זקנים ארויש גינומען קוויטלאך וואש אויף זיא איז גישטאנן זקן · אונ צוויי זקנים האבין גינומען דיא ליידיגע צוויי קויטלאך · אונ זיינען איבר גיבליבין דיא הינטערשטע צוויי קוויטלאך פון זקן צו אלדד ומידד · האבין זיי ניט גיוואלט נעמן דיא קוויטלאך · אונ האבין גיזאגט לאזין זיי בלייבין צוא דיא צווייא זקנים וואש האבן גינומן די ליידיגע קוויטלאך · דען זיא זיינן מער ראוי צו זיין זקנים וויא מיר · חאטשע גאט וויל זיא ניט אונ וויל אונז · אונ ווייל זיא האבין זיך נידעריג גיהאלטין האבן זיי זוכה גיוועזן צוא האבין מער כבוד וויא אלע זקנים · דען דיא זקנים האבין מער קיין נביאות ניט גיקאנט זאגין נאר וואש עש וועט גישעהען אין זייערע צייטין · אבער אלדד ומידד האבין נביאות גיזאגט וואש וועט גישעהען אין דיא טעג פון משיח מיט גוג ומגוג · אונ דיא נעמען פון דיא זקנים זיינען ניט אן גישריבן גיווארין אין דער תורה · אבער דיא נעמען פון אלדד ומידד זיינען ווארין אן גישריבין אין דר תורה · אויך אלע זקנים האבין נביאות גיזאגט פון דעם רוח פון משה · אבער אלדד ומידד האבין נביאות גיזאגט פון דעם רוח פון גאט אונ אויך דיא אלע זקנים זיינען גישטארבין אין דער מדבר אבער אלדד ומידד זיינען גיקומען קיין ארץ ישראל וירץ הנער ויגד למשה איז גילאפין גרשום דער זון פון משה אונ האט גיזאגט צוא משה אלדד ומידד זאגין נביאות אין דער מחנה ויאמר אדוני משה כלאם האט יהושע גיזאגט צו משה מיין האר זעץ זיא איין אין דער תפיסה דען זיא האבין גיזאגט משה וועט שטארבין אונ יהושע וועט פירין דיא ישראל קיין ארץ ישראל אונ חאטשע זיא האבין נוטש גיזאגט אויף יהושע דאש ער וועט איין מלך ווערין דאך

האט אים באנק גיטאן וואש זיא זיינן מבייש זיין רבי דרום האט ער גיזאגט צוא משה זען זיא איין אין דער תפיסה ויאסף משה אל המחנה הוא וזקני ישראל משה מיט דיא זקנים זיינען ווארין איין גיזאמילט אין דר מחנה׳ דער צרור המור שרייבט דער פסוק ווייזט אונז וויא משה האט זיך נידעריג גיהאלטין אונ עש האט אים ניט גיארט וואש די זקנים האבן שררה שאפט גלייך מיט אים ניט אזו וויא אנדערע ווילין נאר זייא אליין זאלין זיין שררות אונ ניט קיין אנדערער׳ דער תולדות יצחק אונ דער צרור המור אונ דער אבן שואב שרייבין אלדד ומידד זיינען גיווען ברידער צו משה פון איין פאטער דען עמרם האט גיהאט זיין מומע יוכבד פאר איין ווייב׳ אונ וויא ער האט גיהערט פון משה דאש דיא תורה וועט פאר באטין צו נעמען איין מומע׳ אזוא האט ער זיך אפ גישייד פון יוכבד אונ האט גינומען איין אנדער ווייב אונ האט גיוואונען מיט איר אלדד ומידד אונ דרום האט איינער גיהייסן אלדד דאש איז טייטש ער איז ניט קיין פעטער׳ כלומר ער איז ניט ווארין גיבארין פון איין מומע׳ אונ מידד איז טייטש וועד איז דער פעטער כלומר ער איז אויך ניט ווארין גיבארין פון איין מומע׳ דריי בייזע מדות האבין דיא ישראל גיהאט אין דער מדבר איינם איז קנאה דאש איז גיווען ביי יהושע דאש משה האט אים גיענטפרט המקנא אתה לי ווילסטו דען דיך מקנא זיין פון מיינט וועגין׳ אונ חאטשע יהושע האט דאש גיטאן לשם שמים ווייל אלדד ומידד האבין גיפסקנת איין הלכה פאר זייער רבי משה דאך האט משה אין אים אן גישריען אונ ער איז דורך דעם גישטארבין צעהען יאר איי זיין צייט איז גיקומן אנטקעגין צעהן ווערטער פון פסוק ויען יהושע בן נון משרת משה מבחוריו ויאמר אדוני משה כלאם דאש אנדערע איז תאוה אזו וויא מיר גיפינען דאש אהרן

אונ מרים האבין גירעט אויף משה וואש משה האט זיך אפ גישייד פון זיין ווייב ווייל דיא שכינה האט אלע צייט גירעט מיט אים אונ אהרן אונ מרים האבין גיזאגט עס איז ראוי ער זאל זיך ניט אפ שיידין פון איר ווייל ער האט שלעכטע קינדר טאמער וועט ער אויף דער עלטר בעסערע קינדר האבין אונ דרום זיינען זייא גישטראפט גיווארין אויך גיפינען מיר אין דער סדרה דאש דיא ישראל האבין גיגלושט פיל פלייש צוא עסין׳ דאש דריטע איז כבוד דען מיר זעהען דיא תורה לויבט אלדד ומידד דאש זייא האבין ניט גיוואלט אן נעמען קיין שררה שאפט אונ קיין כבוד מוז זיין אז אנדערע זקנים זיינען יוא נאך גיגאנגען נאך כבוד׳ אויך גיפינען מיר דאש דורך דעם זיינן אלע זקנים גישטארבן אין דר מדבר׳ אונ אלדד ומידד זיינען יוא גיקומען קיין ארץ ישראל׳ ויאסף משה אל המחנה משה איז ארין גיגאנגען אין דער מחנה ער אונ די זקנים אונ די וואכטלן האבין זיך ניט גיוויזן ביז דיא זקנים זיינען גיקומען איטליכער אין זיין גיצעלט אונ דער נאך האט גאט גיבראכט איין ווינט אונ ער האט גיבראכט צו פליען די וואכטלען פון דעם ים אונ האט זיי פאר שפרייט ארום דר מחנה אויף אלע פיר זייטין איין טאג גאנג אויף איטלעכער זייט׳ אונ זיי זיינען נידעריג גיפלויגין גלייך אנטקעגין דעם הארצין פון דעם מענטשין כדי עש זאל זיין גרינג צוא נעמן זיי מען זאל זיך ניט דארפין איין בויגן אדר אויף הויבין צו נעמן זיי׳ אונ דר חזקוני שרייבט זיי זיינען גראב גיפאלין איינס אויף דאס אנדערע ביז צוויי איילין פון דר ערד אונ די ישראל האבין גיקליבין איין גאנצין טאג אונ איין גאנצע נאכט אונ ווידר דעם אנדרין טאג אונ דר מינסטער וואס האט ניט גיקאנט גיך קלייבין דהיינו איין הינקעדיגר האט אויך צעהען הויפין איין גיזאמילט׳ דער חזקוני

שרייבט

שרייבט איטליכער מענטש האט אן גיקליבן דריי הונדערט סאה אונ האט גיהאט אויף איין חודש אויף דרייסיג טעג אזו האט ער אויף איין טאג גיהאט צעהן סאה אונ דיא ישראל האבין עס פאר שפרייט צו טריקענן ארום דר מחנה הבשר עודנו בין שניהם דאס פלייש איז נאך גיוועזן צווישין זייערע ציין זיי האבן עש נאך ניט פאר דייעט אונ גאט האט זייא באלד גיטייט · דר חזקוני שרייבט דרום האט זיי גאט פריער פלייש גגעבן אונ דר נאך האט ער זיי גיטייט דען ווען ער וואלט זיי פריער טייטין אזוא וואלט מען גיזאגט וייל גאט האט קיין כח ניט גיהאט צו געבין זיי גינוג פלייש דרום האט ער זיי גיטייט אונ דר בחיי פרעגט ווארום האט משה דא קיין תפלה ניט גיטאן אזו וויא ער האט תפלה גיטאן בשעת אז דיא ישראל האבין גירעט בייז אויף גאט אונ איין פייער פון דעם הימיל איז גיקומען אונ האט פאר ברענט פיל פון ישראל אזוא האט משה תפלה גיטאן איז דאש פייער איין גיזונקען גיווארין אין דער ערד · דער תירוץ איז וייל דיא ישראל האבן שוין פיל בייז גיטאן דען זיי האבין גיזעהן וויא דאס פייער פון גאט האט זיי פאר ברענט אונ זיי האבין דאך בייז גירעט אונ האבין ניט גיגלויבט אין גאט דרום האט משה פאר זיי קיין תפלה ניט גיטאן אויך האט זיך משה גיפארכטין וייל ער האט דא אויך מיט כעס גירעט אנטקעגין גאט אונ האט גיזאגט וועסטו דען קענען גינוג פלייש געבין צוא ישראל · אויך האט ער גיזאגט למה הרעותה לעבדך ווארום האסטו דיין קנעכט שלעכץ גטאן דאש איך זאל אליין פירין די ישראל אונ עס איז ניט רעכט אזוא צוא ריידין אנטקעגין גאט דרום האט ער מורא גיהאט תפלה צו טאן פאר ישראל כי שם קברו את העם המתאוים דאש ארט וואו מען האט באגראבין דיא וואש האבין גיגלוסט פלייש האט מען גירופין קברות התאוה דאש איז טייטש דאש זיינען קברים וואס מען האט דארטין באגראבין די וואס האבין גיגלוסט פלייש · אונ אפילו אין קבר האבין זיי אויך גישריען דעב רעב זייא זיינען הונגעריג אונ גלוסטין נאך צוא עסין ותדבר מרים ואהרן במשה מרים אונ אהרן האבין בייז גירעט אויף משה על אודות האשה הכושית אשר לקח וייל ער האט גינומן איין שיין וייב וואס זיא איז שיין אין מעשים אונ ער האט זיך פון איר אפ גשייד אונ דרום רופט זיא דר פסוק כושית דען אזו איז דר סדר אויף איין שיין קינד זאגט מען ציגיינער כדי מען זאל אים קיין עין הרע ניט געבין אונ דרום זאגט דער פסוק אויף אים עדות והאיש משה ענו מאד משה איז גיוועזן איין גרויסער עניו את איין בייזן אונ איין צדיק ער האט ניט גיקוקט אויף זיין וייב אויב זיא איז שיין אדר ניט אזו וויא אברהם האט ניט גיקוקט אויף זיין וייב שרה אונ דר אבן שואב אונ דער חזקוני שרייבין דאס אין ספר דברי הימים שטייט דאש משה איז גיוועזן איין מלך אין לאנד כוש אז ער איז אנטלאפין גיווארין פאר פרעה אונ האט די מלכה פון כוש גינומען פאר איין וייב אונ דרום האט אהרן אונ מרים אויף אים בייז גירעט אונ האבין גיזאגט וייל גאט האט מיט אים גירעט דרום האלט ער זיך הויך אונ חשוב אונ וויל ניט נעמן איין בת ישראל פאר איין וייב נייערט איין מלכה פון דיא עובדי כוכבים אמער גאט האט דאך מיט אונז אויך גירעט · רשיי פרעגט וויא האט מרים גיוואוסט דאש משה האט זיך אפ גישייד פון זיין וייב דער תירוץ איז מרים איז גישטאנן לעבין צפורה אז מען האט גיזאגט צו משה דאש אלדד ומידד זיינען נביאים גיווארין האט צפורה גיזאגט וויא צו זייערע וייבער דען זייערע מאנען וועלין זיך אפ שיידין פון זייא אזו וויא משה האט זיך אפ גישייד פון מיר אונ מרים האט דאס גיהערט אונ איז גיגאנגען אונ האט דאש דער ציילט פאר

אהרן

אהרן אונ חאטשי מרים אונ אהרן האבין זיך
ניט מכוון גיוועזן צו שענדין משה זיינען זיי
דאך גישטראפט גיווארין מכל שכן ווער עס
איז זיך מכוון צו שענדן זיין חבר וועט ער
בשיטא גישטראפט ווערין אונ דער חזקוני
שרייבט מרים האט גפרעגט צו צפורה ווארום
זיא צירט זיך ניט אנטקגן איר מאן משה דען
עס איז איין מצוה די ווייבער זאלין זיך שיין
צירין אנטקעגין זייערע מאנען כדי די מאנן
זאלין קיין מחשבה ניט האבן אויף פרעמדע
ווייבר האט איר צפורה געענטפערט משה האט
זיך שוין לאנג אפ גישייד פון מיר אונ דרום
שטייט אין פסוק פריער מרים פאר אהרן וייל
זיא האט אן גיהויבן בייז צו ריידן דר תולדות
יצחק שרייבט מרים אונ אהרן האבין גיזאגט
משה האט זיך פון איר אפ גשייד וייל זיא איז
מיאוס דרום זאגט דר פסוק והאיש משה עניו מאוד
אויך שרייבט דר תולדות יצחק דרום האבין
זיי ביז אהער ניט גירעט וייל זיי האבן גזאגט
ער איז גירעכט וואס ער שייד זיך אפ פון זיין
ווייב וייל ער איז איין נביא אבער ישראל אבר
היינט איז גיוועזן זיבעציג זקנים נביאים מיט
אים דרום האבן זיי גרעט ווארום שייד ער זיך
מער אפ וויא אנדרע זקנים פתאום גאט האט
זיך בווייזן פלוצלונג צו משה אונ צו אהרן אונ
צו מרים · אונ אהרן אונ מרים זיינן ניט ריין
גיוועזן האבן זיי גשריען וואשר צו ריין מאכן
זיך צו ריידן מיט גאט · אונ דאס האט גאט
דרום גטאן צו וייזן זיי דאש משה האט רעכט
גיטאן וואש ער האט זיך אפ גישייד פון זיין
ווייב · וייל די שכינה טוט זיך אפט צו אים
באווייזן אונ עס איז ניט דא קיין גזעצטע צייט
דר צו · אונ דר בחיי שרייבט דרום האט זיך
גאט באלד צו זיי בווייזן וייל אין זייער ריידן
איז גיוועזן איין חלול השם דען דר וואש רעט
אנטקגן נביאים אדר אנטקגן תלמידי חכמים
איז גליך וויא ער רעט אנטקעגין גאט דרום
האט זיך גאט באלד באווייזן צו זיי כדי זייא
זאלן דר וייל קיין תשובה ניט טאן אויף זייער

עבירה · דען אויף דר עבירה פון חלול השם
וויל גאט קיין תשובה ניט בגערט ער וויל
שטראפן דרויף וייל עס איז זייער איין גרויסע
עבירה · אונ דער צרור המור שרייבט דרום
האט גאט זיך באלד בווייזן צו זיי אז זיי זיינן
נאך ביי אנאנדר גישטאנן כדי מען זאל ניט
זאגן משה איז באזונדר גיוועזן אונ האט זיך
גיקלאגט פר גאט אויף מרים אונ אהרן דען
ער האלט זיך הויך אונ וויל ניט ליידין מען
זאל אים איין ווארט ריידן · אונ דרום שטייט
וישמע יי גאט האט אליין גהערט אן דר תפלה
פון משה : ויקרא אהרן ומרים גאט האט גירופן
אהרן ומרים אונ ניט משה צו וייזן דאס משה
איז ניט אין צארין אויף אהרן אונ מרים ·
אונ דער אבן שואב שרייבט דרום האט ער
משה ניט גירופן וייל גאט האט גוואלט זאגן
דאס משה איז איין צדיק דרום האט ער ניט
גוואלט זאגן פר משה · נאך איין תירוץ איז
ער האט ניט גוואלט משה זאל הערן די חרפה
פון אהרן וויא גאט וועט אים מבייש זיין ·
בחלום אדבר בו גאט האט צו זיי גזאגט ווי זאלט
איר אייך גליכן צו משה · ווען איך רייד מיט
אנדרע נביאים טוא איך מיך בווייזן צו זייא
אין חלום אבר מיט משה רייד איך בשיידלך
פנים אל פנים · אונ איך האב אים גהייסן ער
זאל זיך אפ שיידן פון זיין ווייב · אזו שרייבט
רש"י · פרעגט דר אמרי נועם די גמרא זאגט
דאך דאס משה האט זיך אליין אפ גשייד פון
זיין ווייב · דר תירוץ איז פריער האט זיך משה
אליין אפ גשייד פון זיין ווייב · נאר דר נאך
האט גאט אים גזאגט דו האסט רעכט גטאן
וואס דו האסט דיך אפ גשייד פון דיין ווייב אונ
אזו זאלסטו דיך האלטן אלע צייט ויחר אף יי בם
וילך גאט האט זיי פריער גזאגט די עבירה וואס
זיי האבין גיטאן אונ דער נאך האט ער זיי
גישטראפט · פון דאנען זאל מען אפ לערנן
ווען איין מענטש וויל צערנן אויף זיין חבר
זאל ער אים פריער זאגין זיין עבירה וואש
ער האט גיטאן · אונ דער וואלקין האט זיך

אפ

אָפּ ניטאן פון דעם משכן און מרים איז מצורע גיוואָרין · און אהרן איז אויך מצורע גיוואָרין נאר ער איז באלד גיהיילט גיוואָרין און איין טייל חכמים זאגין דאש אהרן איז ניט מצורע גיוואָרן · און אהרן האט גיבעטן צוא משה און זאגט לאז ניט זיין אונזער שוועסטר אזו וויא איין מת דען איין מצורע איז גלייך וויא איין מת · אשר בצאתו מרחם אמו ווייל מרים איז ארויס גיגאנגין פון דר מוטרס לייב וואו מיר זיינען ארויס גיגאנגין און מיר קענען איר העלפין מיט תפלה און אז מיר וועלין איר ניט העלפין איז גלייך וויא מיר פאר דארבין אונזער פלייש דען אונזער שוועסטר איז גלייך וויא אונזער פלייש אויך האט אהרן גיזאגט צוא משה ווען דו וועסט קיין תפלה ניט טאן אויף איר וועט זיא היילין דען איין מצורע פלעגט איין כהן אים פאר שליסין פלעגט ער גיהיילט ווערין אבר איך בין איין ברודער צו מרים און איין כהן איין קרוב טאר ניט פאר שליסין זיין קרוב דעם מצורע און קיין אנדר כהן איז ניט דא ער זאל זיא פאר שליסין האט גאט גיזאגט איך וועל זיא פאר שליסין און וועל זיא היילין · דער בחיי שרייבט אשר בצאתו מרחם אמו ווייזט דאש אהרן האט גיזאגט צו משה טוא תפלה אויף מרים דען ווען דוא וועסט אויף איר קיין תפלה ניט טאן וועט אונזער שוועסטער זיין גלייך וויא איין קינד וואש ווערט גיבארין מצורע איז דאס אייביג טמא אזו וועט מרים אויך אייביג טמא זיין דען עס איז ניט דא קיין כהן וואש זאל זיא פאר שליסין און מטהר זיין האט משה תפלה גטאן צו גאט און האט גיזאגט אל נא רפא נא לה גאט היל מרים פון דעם צרעת און דרום האט ער אזו קורץ תפלה גיטאן כדי דיא ישראל זאלין ניט זאגין זיין שוועסטער איז אין איין צרה און ער טוט לאנג תפלה אדר זיא זאלין ניט זאגין פון זיין שוועסטער וועגין טוט ער לאנג תפלה און פון אונזערט וועגין ניט ואביה ירוק ירק בפניה גאט זאגט ווען דער פאטער זאל זיא פאר שעמין אזו וואלט זיא זיך גישעמט זיבען טעג מכל שכן דאש זיא האט גיזינדיגט אנטקעגין מיר גאט דרום זאל זיא זיין פאר שלאסין זיבין טאג כלומר זיא זאל זיין מצורע זיבין טעג והעם לא נסע עד האסף מרים און די ישראל האבן ניט גיצויגן ביז מרים איז ריין גיווארן פון איר צרעת און דאש האט זיא זוכה גיוועזן ווייל זיא האט גיווארט אויף משה אז מען האט אים אריין גיווארפן אין טייך און די טאכטר פון פרעה האט אים פון דעם טייך ארויס גינומן און האט גיזאגט צו מרים זיא זאל איר רופן איין זייגרן פון ישראל אן זייגן דאש קינד האט מרים גירופן די מוטר אן זייגן אים און ווייל זי הט גיווארט אויף משה איין קליינע ווייל האבן כל ישראל אויף איר גיווארט זיבין טעג פון דאנן לערנן מיר אפ דאש גאט בצאלט איטליכן שכר מדה כנגד מדה:

## הפטרת בהעלותך

רני ושמחי בת ציון זינג און פרייא דיך דו שטאט ציון דען איך וועל קומען און וועל רוען אין דיר זאגט גאט און אין דעם דאזיגין טאג פון דער גאולה וועלין זיך בהעפטין פיל עובדי כוכבים צו גאט צו דינען אים און זייא וועלין זיין צו מיר צו איין פאלק און פון דעסט וועגין וועל איך רוען צווישין דיר ישראל און דוא ישראל וועסט ווישין דאש גאט האט מיך זכריה גישיקט נביאות צו זאגין צו די ישראל ונחל יי את יהודה חלקו און גאט וועט מאכין ירשנן צוא שבט יהודה זיין חלק אויף דער היליגער ערד און ער וועט אויס דער וויילין אין ירושלים · הס כל בשר מפני יי אלע מענטשין וועלין זיין גישטילט פון פאר גאט דען גאט וועט זיך דער וועקין פון זיין היליג וואונונג · דער מדרש זאגט אין בראשית רבה רבי פנחס זאגט פון וועגין רבי ראובן פינף מאל האט דוד המלך גיזאגט קומה יי שטייא אויף גאט · האט גאט צוא אים גיענטפערט ווען דוא וועשט טויזנט מאל זאגין קומה יי וועל איך דאך ניט אויף שטיין · ווען דען וועל איך אויף שטיין ווען מען טוט עניים און אביונים אום רעבט אזו וויא אין פסוק

שטייט

שטייט משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום יאמר יי פון וועגין דאש בארויבונג פון דיא עניים אונ פון וועגין דאש גישרייא פון די אביונים וועל איך גאט אויף שטיין דאש מיינט דר פסוק הס כל בשר אלע מענטשין ווערין זיך פארכטין אונ ווערין שטיל שווייגין ווען גאט וועט זיך דער וועקין פון וועגין עניים · ויראני את יהושע הכהן הגדול אונ גאט האט מיר גיוויזין יהושע כהן גדול שטייט פאר איין מלאך פון גאט אונ דער שטן שטייט אויף זיין רעכטע האנט צו מקטרג זיין אויף יהושע כהן גדול אזו האט דער מלאך פון גאט גיזאגט צום שטן גאט זאל אן שרייען אין דיר שטן הלא זה אוד מוצל מאש דען דר יהושע איז ראוי צוא זיין איין כהן גדול וויל ער איז ווארין אפ גישייד פון דעם פייער · אונ אזו איז גיוועזן די מעשה · די גמרא זאגט אין חלק צווי פאלשע נביאים זיינען גיוועזן אין גלות בבל איינער האט גיהייסין צדקיה בן מעשיה אונ דער אנדערער האט גיהייסין אחאב בן קוליה איז גיגאנגען צדקיה צו דער טאכטער פון נבוכדנצר אונ האט גיזאגט צו איר גאט האט גיהייסין דו זאלשט צו הערין אחאב דעם נביא אונ אחאב האט אזו גיזאגט אויף צדקיה איז גיגאנגען דיא טאכטער אונ האט עס דר ציילט צו איר פאטער האט דער פאטער צוא איר גיזאגט ווען זייא ווערין קומען צו דיר שיק זיי צו מיר האט נבוכדנצר זיי גיזאגט ווארום האט אייך גאט אזו בפוילין אונ צוא חנניה מישאל ועזריה האט ער ניט אזו בפוילין האבין זייא גיענטפערט חנניה מישאל ועזריה זיינען קיין נביאים ניט גיוועזן אונ מיר זיינן נביאים האט נבוכדנאצר צו זיי גיזאגט איך וועל אייך פרובין אזו וויא איך האב גיפרובט חנניה מישאל ועזריה אונ האב זיי אין איין פייערדיגין קאלך אויבין אריין גיווארפן האבין די פאלשע נביאים גיענטפערט זיי זיינען גיוועזן דרייא דרום איז זייער זכות פיל גיוועזן זייא ניצול גיווארין אונ מיר זיינען נאר צווייא האט נבוכדנאצר גיזאגט נעמט אייך נאך איינעם צו אייך האבין זייא אויש גיקליבין יהושע כהן גדול דען זייא האבין גימיינט זיי ווערין ניצול ווערין פון זיין זכות וועגין האט מען זייא אלע דרייא אין דעם פייער אריין גיווארפין זיינען דיא צווי פאלשע נביאים פאר ברענט גיווארין אונ יהושע כהן גדול איז ניצול גיווארין נאר זיינע קליידר זיינן ווארין פאר ברענט האט נבוכדנצר צו איהם גיזאגט איך ווייש דאש דוא ביסט איין צדיק נאר ווארום זיינען דיינע קליידער פאר ברענט גיווארין אונ צו חנניה מישאל ועזריה זיינען זייערע קליידער אויך ניט פאר ברענט גיווארן האט יהושע גיענטפערט די זיינען גיוועזן דרייא אונ איך בין גיוועזן אליין זאגט נבוכדנאצר אברהם איז דאך אויך אליין גיוועזן אין קאלך אויבין אונ זיינע קליידער זיינען ניט פר ברענט גיווארין האט יהושע גיענטפערט ביי אברהם האט דאש פייער קיין רשות ניט גיהאט צוא ברענען אבער דא וויל עס האט גיהאט רשות צו פאר ברענען צדקיה אונ אחאב דרום האט עש מיינע קליידער אויך פאר ברענט אויך האט ער גיזאגט ווען צווייא דארע שטיקער האלץ ברענען מוז דאש דריטע שטיק האלץ אויך ברענען חאטשע עש איז פייכט אונ דער אמת האט יהושע פאר זינדיגט דאש זיינע קליידר זיינן פאר ברענט גיווארין וויל ער האט גילאזט זיינע קינדער גרושות נעמען וואש זיינן אסור צו איין כהן ויהושע היה לבוש בגדים צואים אונ יהושע איז גיוועזן אן גיקלייד אין איין גריכטע קליידר כלומר ער האט אויף זיך גיהאט די עבירה וואש זיינע זין האבין גינומן גרושות אונ ער האט זיי ניט גיווערט אזוא האט דער מלאך גיזאגט צו די אנדערע מלאכים וואש זיינן גישטאנען פאר אים טוט אפ דיא איין גריכטע קליידר פון יהושע כלומר לאזין זיינע זין גט געבין די גרושות וועט אים גאט מוחל זיין זיין עבירה אונ דער מלאך האט גיזאגט צו יהושע זעה איך האב גימאכט איבער פארין דיינע עבירות אונ האב דיך אן גיקלייד מיט שיינע קליידער כלומר מיט זכיות כה אמר יי צבאות אזו האט גיזאגט גאט צו יהושע אויב דוא וועסט גיין אין מיינע וועגין אונ וועסט משפטין מיין הויז אונ וועסט זיין איין האר דריבר אונ וועסט היטין מיינע הויפין ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה וועל איך דיר געבין גייערש צווישין דיא דאזיגע שטייענדיגע מלאכים כלומר דיינע קינדר ווערין לעתיד לבא גיין צווישן די מלאכים שמע נא יהושע הכהן הגדול הער צו דו יהושע כהן גדול אונ דיינע חברים חנניה מישאל ועזריה וואש זיצין פאר דיר דען צו זיי איז אויך ווארין

ניטא

גיטאן וואוהרער אזו וויא דיר זאלט איר הערין דאש איך וועל ברייגגען משיח וואש ער ווערט גירופין צמח · כי הנה האבן אשר נתתי לפני יהושע דען דער שטיין וואש איך האב גיגעבין פאר יהושע כלומר דעם יסוד וואש איר האט גילייגט אין די טעג פון כורש אונ אייערע פיינט האבין מבטל גיוועזן פון צו בויען אויף אים אונ דער יסוד איז גיוועזן קליין אין אייערע אויגין וועל איך אויף דעם יסוד מאכין אן זיכציג זיבין מאל ברייט אזו וויא דער ערשטער בית המקדש איז גיוועזן הנני מפתח פתוחה איך וועל עפענן דעם קנופ פון אייערע פיינט וואש זיי האבין גימאכט צו מבטל זיין דעם בנין בית המקדש אונ וועל פאר שטערין זייער עצה אזו זאגט גאט אונ איך וועל אפ טאן די זינד פון דעם לאנד אין איין טאג אונ עש וועט זיין גרויס שלום צו אייך דאש איר וועט רופין איטליכר מאן צו זיין חבר אונטער זיין וויין שטאק צו טרינקען וויין אונ אונטער זיין פייגין בוים צו עסין פייגין · וישב אונ דער מלאך וואש האט מיט מיר גירעט האט מיך אויף גיוועקט אזו וויא איין מענטש וועקט זיך אויף פון זיין שלאף אונ זאגט צוא מיר וואש זעהסטו האב איך גיזאגט איך זעה איין גילדערנעם לייכטער אונ איין בעקין איז אויף איר שפיץ אונ זיבין רערלעך זיינן אין דר מנורה וואש מען גיסט אין זיי בוים אייל צו די קנייטליך אונ צו איטלעכין רעריל זיינען זיבין קליינע רערלעך וואש דורך זייא רינט דער בוים אייל פון דעם בעקין אין די רערלעך פון דער מנורה אונ צווייא אייל בורט בוימער שטייט בייא דער מנורה איינער איז ביי דר רעכטר זייט אונ איינער בייא דער לינקער זייט ואען ואומר אל המלאך הדובר בי האב איך גיפרעגט דעם מלאך וואש האט מיט מיר גירעט וואש איז דאש דיא אייל בורט בוימער מאכין פון זיך זעלבערט בוים אייל אונ עס פאלט אריין אין בעקין אונ פון דעם בעקין אין דער מנורה אונ קיין מענטש ארבעט ניט דער צו ויען ויאמר אלי לאמר האט דער מלאך גיענטפערט אונ האט צו מיר גיזאגט דאש איז איין סמן אזו וויא דר בוים אייל ווערט אויש גיקוועצט פון זיך אליין אזו אויך ניט מיט חיל אונ ניט מיט כח וועט איר קענען בויען דאש בית המקדש נאר מיט מיין ווילן אז זאגט גאט דען איך וועל געבין

מיין ווילן אויף דריוש המלך אונ ער וועט שאפין מען זאל אייך געבין גאר אייער בדרפניש פון דעם בנין אונ אויך אייער פרנסה · אונ איר וועט ניט דארפין צו קיין הילף פון קיין אנדערין מענטשין : מי אתה הר הגדול לפני זרובבל למישור ווער ביסטו דער גרויסר בארג דוא וועסט זיין פאר זרובבל צו איין גלייכין פלאץ · כלומר די הארין פון עבר הנהר וואש האבין ביז אהער מבטל גיוועזן דעם בנין בית המקדש ווערין היינט מער ניט האבין קיין גדולה אונ שררות איבער זרובבל · זייא ווערין פאר אים גלייך זיין וויא איין גלייכער פלאץ · אונ דער זרובבל וועט אויש ציהען דעם בלייער שטיין וואש מען מעסט מיט אים דען ער וועט זיין דער עלצטער איבער דיא בויערס אונ זייא ווערין בויען נאך זיין בעפעל נאך אונ עס וועט זיין איין שיינער בנין תשואות חן חן לה איין ברומונג פון חן וועט זיין צו דעם בלייער שטיין כלומר איטליכער וועט זאגין וואש פאר איין שיינער בנין איז גיווארין גיבויט דורך דעם בלייא שטיין · דיא גמרא זאגט אין ברכות אויף דעם פסוק ויאמר יי אל השטן רבי יהושע בן לוי זאגט דער מלאך המות האט מיר גיזאגט דוא זאלסט ניט שטיין פאר דיא ווייבער ווען זייא קערין זיך אום פון איין מת דען איך טאנץ אונ שפרינג פאר דיא ווייבער אונ האב רשות צוא מזיק זיין וועמען איך באגעגין דען ווען חוה וואלט ניט דיא עבירה גיטאן מיט דעם עץ הדעת וואלטין מענטשין אייביג גילעבט וואלט דער מלאך המות ניט גיהאט קיינעם צו טייטין אזו וואלט זיין מלאכה גאר ניט אן גיגאנגען דרום פרייט ער זיך היינט ווען ער זעהט ווייבער בייא איין מת · דער פרדס רמונים שרייבט דרום זאל מען ניט גיין פאר קיין ווייבער בייא איין מת דען דיא ווייבער ווייגען באלד בייא איין מת אזו איז זייא דאש פנים רויט אונ ווען איין מאן וועט אויף זייא קוקין וועט דער יצר הרע זיך אן רייצין אין אים צוא האבין בייזע מחשבות דען דער מלאך המות איז דער יצר הרע אבער אז משיח וועט קומען וועט גאט מאכין פאר לירין דעם מלאך המות אזוא וויא אין פסוק שטייט בלע המות לנצח דער מלאך המות וועט ווערין פאר דארבין ביז אייביג ·

שלח לך שלמה המלך זאגט אין משלי סוס מוכן ליום מלחמה ולי״י התשועה איין פערד דארף זיין אן גגרייט צו דר מלחמה אונ די הילף איז צו גאט דר פסוק לערינט אונז דש איין מענטש זאל ארבעטין וויא ווייט מגליך איז אונ זאל זיך פאר לאזין אויף גאט דאש ער ווערט אים העלפין אזו וויא איינער וואש גייט אין דער מלחמה מוז זיך אן ברייטין אפערד אבער אז ער זאל גאר ניט טאן נאר ער זאל זיך פר לאזן אויף גאט אזו ווערט ער די מלחמה פאר לירין אונ דרום שטייט אין דער סדרה שלח לך אנשים ויתורו גאט זאגט שיק דיר מענטשין זיי זאלן אויש זעהן דאש לאנד כנען וויא אזו מען קען עס איין נעמן דש ווייזט די תורה דר מענטש זאל טאן וואש צו אים געהער אונ אין הארצן זאל ער זיך פר לאזן אויף גאט דר אבן שועב שרייבט די עבירה פון ישראל איז גוועזן ווייל זיי האבין גישיקט מרגלים דען זיא וואלטין גידארפט נאך גיין נאך דעם וואלקין ווייל זיי האבין גיזעהען די נסים ונפלאות וואש גאט טוט מיט זיי אונ משה האט מקבל גוועזן זייערע רייד דען ער האט מורא גיהאט אנטקעגין זיי צו ריידין אונ ער האט גיפרעגט גאט · האט גאט צו אים גיזאגט שלח לך שיק נאך דיין דעה נאך איך שאף דיר ניט צו שיקין נאר אויב דו ווילסט שיק רש״י שרייבט דרום איז די פרשה פון מרגלים נאהענט אן גישריבין ביי דר פרשה פון מרים צו ווייזין האטשע מרים איז מצורע גיווארין ווייל זיא האט גירעט לשון הרע אויף משה אונ די מרגלים האבין דאש גיזעהן אונ האבין דאך זיך דר פון קיין מוסר ניט ארויש גינומן אונ האבן גירעט לשון הרע אויף ארץ ישראל · ד״ר בחיי שרייבט שלח לך שיק פון דיין טובה ווענין דען ווען די ישראל וואלטין באלד גקומן קיין ארץ ישראל אזו וואלט משה באלד גימוזט שטארבין דען ער האט ניט גיטארט קומען קיין ארץ ישראל אבער היינט אז דיא מרגלים האבין גימאכט זינדיגן די ישראל אונ זיי זיינן דורך דעם נאך פערציג יאר גיבליבין אין דער מדבר אזו האט משה גילעבט נאך פערציג יאר · אונ משה האט גישיקט צוועלף מרגלים איין מענטש פון איטלעכין שבט כדי ווען זיי ווערן פרום זיין ווערן כל ישראל איין זכות האבין דורך דעם שליחות אונ ווען זיי ווערן שלעכט זיין ווערט גאט אלע מיט אנאנדר שטראפין · דר מדרש זאגט עש שטייט ביי יהושע וישלח יהושע שנים אנשים מרגלים חרש דאש איז טייטש יהושע האט גשיקט צוויי מרגלים ניט אזו וויא משה הט גשיקט צוועלף מרגלים אונ די מרגלים האבין זיך גימאכט טויב אונ שטום כדי אז מען ווערט זיי עפעש ווערן פרעגן זאלן זיי ניט קענן ענטפרן אונ חרש איז אויך טייטש טעפר דען זיי האבין גיבראכט טעפ צו פאר קויפין כדי מען זאל ניט גיוואר ווערן דאש זיי זיינן מרגלים אונ דרום האבין זיי פר קויפט טעפ ווייל דאש איז איין סחורה וואש ווייבר קויפין אונ קיין מאנן קומן ניט דר צו אזו ווערט מען ניט גיוואר ווערין דאש זיי זיינן מרגלים דען די מאנען וואלטין זיך גישטויסן אין זייער לשון אדר אין זייער פנים אבר דיא ווייבער טראכטין ניט ווייט · אויך ווייל דיא ווייבר ריידין פיל קאן מען ביי זיי אלע סודות גיוואר ווערין אונ די מרגלים האבין זיי אלין גפרעגט אויב זיי האבן מורא פר ישראל אונ האבן אלין אויש גזאגט דרום זאגט דר מדרש די מרגלים פון משה זיינן גיוועזן רשעים אונ נארין אונ די מרגלים פון יהושע זיינן גיוועזן גרוישע חכמים אונ צדיקים פנחס אונ כלב פולם אנשים משה האט אויש גיקליבין צדיקים פר מרגלים נאר אויף דעם וועג זיינן זיי גווארן רשעים כלב בן יפונה דרום האט מען אים גירופן בן יפונה דאש איז טייטש קערין ווייל ער האט זיך אוועק גקערט פון דר עצה פון די מרגלים למטה יוסף למטה מנשה דר בחיי אונ דר תולדות יצחק אונ דר חזקוני פרעגן וואררום האט די תורה דא גשטעלט יוסף ביי מנשה אונ ערגעץ אנדרש שטייט יוסף ביי אפרים דר תירוץ איז ווייל דר נשיא פון מנשה האט גרעט ביין אויף

ארץ ישראל אונ יוסף האט אויך גירעט בייז אויף די ברידר דרום שטעלט ער יוסף ביי מנשה אונ ניט ביי אפרים ווייל זיין נשיא איז גיוועזן יהושע אונ ער האט ניט גירעט קיין בייז אויף ארץ ישראל אונ דרום האט דיא תורה ניט גישטעלט מנשה אונ אפרים ביי אננדר ווייל דר נשיא פון אפרים איז פרום גיוועזן אונ דער נשיא פון מנשה איז שלעכט גיוועזן אונ פון שבט לוי איז קיין נשיא ניט גיגאנגען ווייל זיי האבין קיין חלק ניט גיהאט אין ארץ ישראל נאר מען פלעגט זיי געבן תבואות אונ מעשרות אונ צו די כהנים האט מען גיגעבן דאש פלייש פון קרבנות ויקרא משה להושע בן נון יהושע משה האט גירופן צו הושע בן נון יהושע כלומר ער האט אים גיבענטשט גאט זאל דיר העלפן דו זאלשט ניט זיין אין דר עצה פון די מרגלים דען משה האט גזעהן בנבואה דש די מרגלים וועלין בייז ריידין אויף ארץ ישראל׃ אונ דר בחיי שרייבט דרום האט ער אים מוסיף גוועזן איין יוד אויף זיין נאמן צו ווייזן דאש ער וועט געמן דעם שכר פון די צעהן מרגלים וואש האבן לשון הרע גזאגט אויך פרעגט דר בחיי ווארום שטייט דא דאש משה האט אים איין נאמען גיגעבן יהושע אמער מיר גיפינן אין דר גאנצר תורה רופט אים דר פסוק יהושע דר תירוץ איז זיין רעכטר נאמן איז גיוועזן הושע נאר די תורה האט גוואוסט דאש משה וועט אים איין נאמן געבן יהושע דרום האט אים די תורה אויך גירופין יהושע אונ דא שטעלט ער עש דאש משה האט אים איין נאמן גגעבן יהושע אונ משה האט זיין שטעקן גיגעבן צו די מרגלים כדי זיי זאלין ניצול ווערין דורך אים פון אלם בייזן אונ זאלן גיין בשלום אונ האט זיי גזאגט עלו זה בנגב גייט אויף אין דרום זייט דען דארטן איז דאש ערגשטע לאנד פון ארץ ישראל אזו וויא איין קרעמר ווען מען קומט צו אים איין סחורה קויפין ווייזט ער פריער דיא ערגשטע סחורה אונ דר נאך ווייזט ער די בעסרע אזו האט משה אויך גיהייסין׳ זעהן פריער דאש ערגשטע לאנד אונ דר נאך דש בעסטע׃ החזק הוא הרפה משה האט גזאגט צו די מרגלים איר זאלט זעהן אויב זיי זיינן איין שטארק פאלק אדר ניט דען ער האט זיי דעם סימן מוסר גוועזן זיצין זיי אין שטארקע שטעט איז עש איין סימן דש זיי זיינן שלאפע לייט אונ דרום מאכן זיי זיך שטארקע פעסטונג ווייל זיי האבן מורא פר מלחמה אונ ווען זיי זיצן אין אפינע שטעט מוזן זיי זיין שטארק דען זיי זיינן זיך סומך אויף זייער גבורה אונ האבן קיין מורא ניט פר איין מלחמה אויך זאלט איר זעהן אויב עס איז דרינן דא גוטע קוואלין מיט וואסר אונ אויב די לייט זיינן דארטן גזונט היש בה עץ איר זאלט זעהן אויב עש איז דא איין צדיק צווישן זיי וואש ער קאן מציל זיין גאר דאש פאלק מיט זיין זכות אונ איר זאלט נעמן פון די פירות פון דעם לאנד ויבא עד חברון ער איז גקומן ביז חברון פרעגט רש״י זיי זיינן דאך גוועזן צוועלף מרגלים וואלט גידארפט שטיין ויבאו זיי זיינן גיקומן דר תירוץ איז כלב אליין איז גקומן קיין חברון אונ האט זיך פאר שפרייט אויף די קברים פון די אבות אונ האט תפלה גיטאן ער זאל ניט איבר גרעט ווערן אין דר עצה פון די מרגלים אבר יהושע האט ניט גדארפט דרויף תפלה טאן דען משה האט אים מוסיף גוועזן איין יוד אויף זיין נאמן אונ האט אים גבענטשט גאט זאל דיר העלפין פון דר עצה פון די מרגלים׃ אונ דר מדרש זאגט גאט איז גקומן קיין חברון צו לאזין ווישן די אבות דאש ער וועט געבן דאש לאנד ארץ ישראל צוא זייערע קינדער וישאוהו במוט בשנים די מרגלים האבן אפ גישניטן איין הייגיל ווין טרויבן אונ ער איז אזו גרויס גוועזן דאש מען האט אים גימוזט טראגן אויף צוויי שטאנגן מיט אכט מענטשן אונ צוויי פון די מרגלים האט איינער גינומן איין פייג אונ דר אנדרר איין מיל גרוים אונ יהושע וכלב האבן גאר ניט גינומן ווייל די מרגלים האבין גיוואלט לשון הרע ריידין דורך די פירות צו זאגן אזו ווי די פירות זיינן משונה פון אנדרע

לענדער

לענדר אזו זיינן די לייט פון ארץ ישראל משונה פון אנדרע לייט אונ יהושע וכלב האבן ניט גיוואלט ריידין דרום האבן זיי די פירות ניט גינומן אונ די מרגלים זיינן אויש גגאנגן גאנץ ארץ ישראל אין דר לייננג אונ אין דר ברייט אין פערצג טאג חאטשע מען דארף דאש גיין אין אכצג טעג נאר גאט האט זיי דעם וועג קירצר גימאכט וויל ער האט גיוואושט די מרגלים וועלין מאכין זינדיגין ישראל אונ דורך דעם וועלן זיי מוזין בלייבן אין דר מדבר איין יאר אנטקעגן איטליכן טאג · דרום ווען זיי וואלטן לייננר גיין וואלטין זיי לייננר גיבליבין אין דר מדבר · אונ דר בחיי שרייבט דש יהושע וכלב האבן גיטראגן דאש הייניגל וויין טרויבן אונ צעהן מרגלים האבין אים ניט גיקענט טראגן אונ דאש האט זיי גאט גיוויזין דש זיי וועלין ניט ארבן ארץ ישראל נאר יהושע וכלב וועלן דש ארבין אונ וועלן עסין די פירות פון דעם לאנד וישיבו אותם דבר אז די מרגלים זיינן גיקומן זיינן זיי ניט גיגאנגן פריער אין זייער גצעלט נאר זיי זיינן באלד גיגאנגן צו משה אונ צו כל ישראל אונ האבין זיי גיוויזין דיא פירות פון דעם לאנד אונ האבן גזאגט דש לאנד איז פול האניק אונ מילך דען ווען איינר וויל איין ליגן זאגן מוז ער פריער עפעס אמת זאגן כדי יענר זאל אים דר נאך גלייבין אויף דעם ליגן דרום האבין זייא פריער גיזאגט עש איז איין פעט לאנד נאר דאש פאלק איז זייער שטארק אונ די שטעט זיינן אויך זייער פעסט אונ מיר האבן דארטן גיזעהען דיא ריזען אונ זייא האבין גמאכט איין מורא צו ישראל אונ זאגן עמלק זיצט אין דרום זייט אונ איר ווייסט דאך וואש פר איין בייז עמלק האט אייך גטאן · אונ דר חתי אונ דר אמורי זיצן אויף דעם בארג אונ דר כנעני זיצט ביי דעם ים · דרום איז שווער איין צו נעמן דאש לאנד ויהס כלב האט כלב גישטילט דאש פאלק אונ האט גיזאגט ציא נאר דאש אליין האט אונז דר זון פון עמרם גטאן · אזו האבן די ישראל גימיינט דאש ער וועט עפעס ריידין בייז אויף משה · אונ וויל זיי זיינן גיוועזן אין כעס אויף משה דרום זיינן זיי שטיל גיבליבין צו הערין דאש בייז · אך האט כלב גזאגט ער האט אונז פיל גוטש גטאן ער האט אונז גישפאלטין דעם ים אונ האט אונז גיגעבין דעם מן אונ די וואכטלן עלה נעלה ווען ארץ ישראל זאל זיין אויף דעם הימל אונ משה זאל אונז הייסין מאכן לייטר צו ארויף גיין וואלטין מיר באגליקט אין זיינע רייד אונ מכל שכן דאש ארץ ישראל איז אויף דר ערד אונ גאט האט אונז צו גיזאגט צו געבן דאש לאנד אזו וועלין מיר גיוויס אהין קומן · אונ די מרגלים האבין גיזאגט מיר וועלן ניט קענן אויף גיין קיין ארץ ישראל · דען ווען אפילו דש פאלק זאל ניט זיין אין די שטעט זיי זאלן נאר זיין אויף דעם פעלד וואלטן מיר זיי אויך ניט גקענט איין נעמן דען זיי זיינן זייער שטארק אונ מכל שכן ווש זיי זיצן אין שטארקע שטעט וועלן מיר זיי בוודאי ניט קענן איין נעמן אויך האבן זיי גזאגט דארטין שטארבט מען זייער אונ דאש האט גאט גיטאן פון זייער טובה וועגן · אונ האט אין דר צייט אויף זיי גשיקט איין מארד כדי זיי זאלין האבן צו טאן מיט זייערע פגרים אונ זאלן פאר זעהן די מרגלים אונ די מרגלים האבן דורך דעם נס בייז גרעט אויף ארץ ישראל אונ דורך דעם זיינן זיי ווארן גחאפט אין זייערע רייד דען זיי האבן פריער גזאגט עס איז איין שטארק פאלק אונ איצונד זאגן זיי דאש לאנד פר דארבט די ווש וואנן דרינען הנפילים בני ענק די פאלינדיגע ריזן וואש זיינן פון דעם הימל אראפ גיפאלן פון ששת ימי בראשית אונ דרום הייסן זיי נפילים וויל ווער עש זעהט זיי פאלט אים איין דש הארץ האבן מיר גזהן אונ מיר זיינן גוועזן אין זייערע אויגן וויא היישעריקן דען זיי האבן גיזאגט היישעריקין גייען אין אונזרע וויין גערטנער אין דעם גישטאלט פון מענטשן אויך האבין זיי גיזאגט כי חזק הוא ממנו די לייט זיינן שטערקר פון גאט אזו האבין די ישראל אן גיהויבן צו

זיינן · אונ האבן גזאגט לו מתנו הלוואי וואלטן מיר גישטארבן אין מצרים אדר אין דר מדבר אזו וואלטן אונזרע קינדר ניט גפאלן דורך דר שווערד פון דעם פיינט · אונ ווארום האשטו משה אונז אויף גבראכט פון מצרים צו מאכן אונז פאלן דורך דר שווערד · דרום לאמיר זיך מאכן איין עלצטין איבר זיך אונ לאמיר זיך אום קערין קיין מצרים · אונ וויא באלד משה אונ אהרן האבן דאש דר הערט זיינען זייא גיפאלן אויף זייער פנים אונ יהושע אונ כלב האבן צו ריסין זייערע קליידר פאר צער אונ האבן גזאגט דש לאנד איז זייער גוט הלוואי וואלט נאר גאט אונז גיוואלט אהין ברייננגען · נאר אין גאט זאלט איר ניט ווידר שפעניגן · אונ דיא ישראל האבן גיוויינט אין דער דאזיגר נאכט · האט גאט גיזאגט איר וויינט היינט אום זיסט דרום וועל איך אייך מאכין איין גיוויין אויף תמיד אין דר דאזיגר נאכט דאש איר וועט וויינן וויל דר בית המקדש וועט אין דר נאכט חרוב ווערן אונ דאש איז גיוועזן אום תשעה באב · אונ יהושע וכלב זאגן צו ישראל כי לחמנו הם מיר וועלן די עובדי כוכבים גרינג איין נעמען גלייך וויא עש איז גרינג איין שטיקל ברויט אויף צו עסין · זיי האבן גהאט איין צדיק איוב וואס האט אויף זיי מגין גוועזן וויא איין שאטין איז מגין אויף איין מענטשן פאר דר זון דר איז אויך שוין גישטארבין · אונ דער בחיי שרייבט סר צלם מיינט מען די מלאכים פון די זיבין אומות וואש זיינן אין הימיל האבן זיך אפ גטאן פון זיי אונ זיינן מיט אונז · אונ דרום האבן זיי גיזאגט וה' אתנו אל תיראום כלומר גאט מיט זיין בית דין דאש זיינן די מלאכים פון די זיבן אומות זיינן מיט אונז · דרום זאלט איר פר זיי קיין מורא ניט האבן · אונ דר בחיי שרייבט פון דעם רמב"ן וועגין סר צלם מיינט מען דאס ווען איין מענטש זעהט די נאכט פון הושענא רבה דאש ער האט קיין שאטין ניט וועט ער גיוויס אין דעם יאר שטארבין · דאש האט

יהושע וכלב גיזאגט זיי האבן קיין שאטין ניט · זיי זיינן וואורן אן גיתתמת צו שטארבן אין דעם יאר · אונ נאך איין פשט איז כי לחמנו הם סר צלם מעליהם מיר האבן צוויי מצות איינס וואש מיר עסין מצות אום פסח דורך דעם זכות וועלין מיר די עובדי כוכבים אויף עסן אזו וויא ברויט · אונ דאש אנדרע איז וואס מיר זיצן אום סכות אין דעם שאטן פון איין סוכה אונ פון דעם זכות וועגין וועט ווערין אפ גיטאן דר שאטן פון די עובדי כוכבים · אונ גאט האט גיזאגט צוא משה וויא לאנג נאך וועלין מיך דיא ישראל דר צארענן אונ וועלין ניט גלייבן בכל האותות אשר עשיתי בקרבו די אלע צייכן וואש איך האב גטאן צווישן אים דר בחיי פרעגט ווארום שטייט בקרבו צווישן אים גלייך וויא מען רעט צו איין מענטשן · עס וואלט גידארפט שטיין בקרבם צווישן זיי וויל ער האט גירעט אויף כל ישראל · דער תירוץ איז גאט האט גזאגט איך האב גטאן צייכינם צו ישראל אז זיי האבן גיהאט איין הארץ צו דינן מיך אונ זיינן גוועזן אלע גלייך וויא איין מענטש · אונ דר מדרש זאגט בקרבו ווייזט דאש גאט האט גיזאגט איך האב זיי גיגעבן דעם מן וואש זיי האבן קיין אויס גאנג פון אים ניט גיהאט נאר ער איז גיבליבן אין זייער בויך · דען בקרבו איז טייטש אין זיין בויך · פרעגט די גמרא אין יומא ווען ישראל האבן קיין אויס גאנג ניט גיהאט פון דעם מן ווארום האט גאט גיהייסן מאכין איין אייזערנען נאגיל צוא צו דעקין דאש צורך ענטפערט די גמרא זיי האבן גיהאט צורך פון דר שפייז וואש זיי האבן גיקויפט פון די אומות · פרעגט ווייטער דיא גמרא ווען יוא זייא האבן אנדערע שפייז גיגעסין דאך וואלט דר מן גידארפט דאש שפייז פר דייען דאש זייא זאלין דר פון אויך קיין אויש גאנג ניט האבין · ענטפערט די גמרא דעם נאגיל האבן זיי גידארפט האבן אז זיי האבן עבירות גיטאן אזו האבן זיי שוין גהאט אויס גאנג

פון דעם מן · דען גאט האט גזאגט צו ישראל
איך האב אייך גיהאלטן פר מלאכים אונ האב
אייך געגעבן מן צו עסן · אבר היינט אז איר
האט גיזינדיגט ווערט איר זיין אזו ווי אנדרע
לייט אונ מוזט אייך במיהען צו גיין דריי
מייל · דען די מחנה ישראל איז דרייא מייל
גרויש גוועזן אונ דר וואס האט גדארפט צורך
טאן האט גמוזט גיין דריי מייל אויש דר מחנה ·
אמנם במדבר גאט זאגט איך וועל ישראל דער
שלאגין מיט איין מארד דאס זייא זאלן ניט
פאלין אין די הענט פון די פיינט · כדי דיא
עובדי כוכבים זאלין ניט זאגן גאט האט קיין
כח ניט גיהאט צו ברייניגן זיי קיין ארץ ישראל
אזו ווערט עס זיין איין חילול השם · אונ גאט
זאגט צו משה ווען דו וועסט פרעגן ווען איך
וועל טייטן ישראל וויא ווערט מקוים ווערן די
שבועה וואש איך האב גישווארן צו אברהם
יצחק ויעקב צו געבן דאס לאנד צו זייערע
קינדר · זאג איך דיר איך וועל דיך מאכן צו
איין גרוים פאלק וואש דו ביסט פון זייערע
קינדר אונ דיינע קינדר וועלין ירשנן ארץ
ישראל · האט משה גיענטפערט ווען דיא
מצרים וועלן דאס הערן אונ זיי ווייסן דאס דו
האסט אויף גבראכט מיט גרוישע וואונדר די
ישראל פון מצרים · אונ היינט ווען דו וועסט
זייא טייטין אין דער מדבר וועלן זייא ניט
זאגין די ישראל האבין גיזינדיגט · נאר זיי
וועלין זאגין גאט האט קיין כח ניט צוא
ברייניגן זייא קיין ארץ ישראל דרום האט ער
זיי גטייט אין דר מדבר · ה' ארך אפים גאט וואס
דו דר לייניגערשט דיין צארן אונ שטראפסט
ניט באלד · רש"י שרייבט אז משה איז גיקומן
אויף דעם הימל האט ער גיזעהן דאש גאט
האט גישריבן ה' ארך אפים האט משה גיפרעגט
גאט דאש איז צו צדיקים האט גאט געענטפערט
צו רשעים דר לייניגר איך אויך מיין צארין ·
האט משה גזאגט לאזן די רשעים פר לארין
ווערן פון וועגן זייערע עבירות · האט גאט צו
אים גיזאגט עש ווערט זיין איין צייט וואש דו

וועסט דר צו דארפן · אונ אז די ישראל האבן
גיזינדיגט מיט דעם עגל אונ מיט די מרגלים
האט משה תפלה גיטאן אונ האט גזאגט
ה' ארך אפים האט גאט צו אים גזאגט דו האסט
אליין גזאגט מען זאל נאר צו צדיקים דער
לייניגערין דעם צארן · האט משה גיענטפערט
רבון העולמים דו האסט דאך גיזאגט דאש
דוא דער לייניגערשט דיין צארין צו רשעים
אויך · ונקה לא ינקה גאט לאזט ליידיג די וואש
טוען תשובה אונ לאזט ניט ליידיג וואס טוען
קיין תשובה ניט · אונ משה האט גיבעטן פר
גיב די זינד פון דעם פאלק אזו ווי דו האסט
פר געבן זינט דו האשט זיי אויס גיצויגין פון
מצרים אונ ביז אהער · האט גאט גזאגט איך
האב זיי פר געבן אזו ווי דו האשט בגערט ·
אבר דאס שווער איך אזו וויא איך לעב אייביג
אונ מיין כבוד איז פול די גאנצע וועלט דאס
זיי מוזין אלע שטארבן אין דר מדבר ווייל זיי
האבן גיזעהן מיינע גרוישע נסים וואש איך
האב זיי גיטאן אונ זיי האבין ניט גיגלויבט
אין מיר · אונ האבן מיך צעהן מאל גפרובט
דרום וועלן זיי ניט זעהן דאס לאנד · נייערט
אלע וועלן שטארבן אין דר מדבר אונ זייערע
ווייבר אונ קינדר וועלן קומן קיין ארץ ישראל
אבער גאט האט דיא עבירה ניט גאר מוחל
גיוועזן · נייערט דיא ישראל מוזין אלע יאר
ווייגן אום תשעה באב פון דר עבירה וועגן ·
דען דער בית המקדש איז דורך דעם חרוב
גווארן · דר בחיי אונ דר חזקוני שרייבן סלחתי
כדברך איז טייטש גאט האט גיזאגט צו משה
די עבירה פון דעם עגל האב איך מוחל גוועזן
אזו וויא דו האסט בגערט אבר די עבירה פון
די מרגלים וועל איך ניט מוחל זיין · נאר זיי
וועלן אלע שטארבן אין דר מדבר נאר ביסלך
ווייש ניט מיט איין מאל · כדי דיא עובדי
כוכבים זאלין ניט זאגין גאט האט קיין כח
ניט צו ברייניגען זיי קיין ארץ ישראל דרום
האט ער זייא גיטייט · אונ דרום האט גאט
גיבראכט זייערע קינדר קיין ארץ ישראל צו

וויזין

מייזן דאס ער האט יוא כח איבער איין אונ דבייסיג מלכים · אונ זיי ועלין אלע שטארבן ווער עש איז אלט פון צוואנציג יאר אונ ווייטער : ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו נאר מיין קנעכט כלב וויל ער האט אין זיך צווייא דעות גהאט מיט זיין מויל האט ער גזאגט צו דיא מרגלים ער וועט אויך בייז ריידן · אונ זיין הארץ איז גיוועזן צו נאט גוטש ריידין · דרום וועט ער קומן קיין ארץ ישראל · אונ זיינע קינדר וועלן ירשענען דאס לאנד · דער חזקוני פרעגט ווארום זאגט ניט דר פסוק דאס יהושע וועט קומן קיין ארץ ישראל אזו וויא ער זאגט ביי כלב · דר תירוץ איז ער דארף ניט זאגן דאש יהושע וועט קומן וויל ער וועט פירן כל ישראל קיין ארץ ישראל מכל שכן דאס ער וועט אליין קומן · נאך איין תירוץ איז דרום זאגט ער ניט יהושע וועט קומן קיין ארץ ישראל וויל יהושע האט קיין זין ניט גיהאט אזו האט דר פסוק ניט גיקאנט זאגן דאס זיינע קינדר וועלין דאש לאנד ירשנן · אונ דר תולדות יצחק ענטפערט דרום האט דר פסוק ניט גידאכט איין שכר צו יהושע אזו וויא צו כלב וויל משה האט אים גיבענשט ער זאל ניצול ווערין פון דער עצה פון די מרגלים · אבער צוא כלב האט קיינר ניט גיבענטשט אונ ער האט זיך אליין אפ גיהיט פון דיא מרגלים דרום האט גאט אים איין באזונדערן שכר גיגעבן · אונ נאך איין תירוץ איז וויל כלב האט זיין האלז גישטעלט אונ האט גישריען אנטקעגין דיא מרגלים מיר וועלן דאס לאנד ירשנן אונ עש איז איין גוט לאנד · דרום האט אים גאט איין באזונדרין שכר גיגעבן · אונ אויב דו וועשט פרעגן ווארום האט יהושע קיין גוטש ניט גירעט אויף ארץ ישראל אזו וויא כלב האט גירעט גוטש אנטקעגן די מרגלים · דר תירוץ איז יהושע איז איין גרוישר חכם גיוועזן ער האט זיך גיטראכט ווען ער וועט אויך גוטש זאגן וועלן די מרגלים זאגן איר זאגט ליגן אונ

מיר זיינן מער וויא איר דען איר זייט צווייא אונ מיר זיינען צעהען · דרום זיינן מיר מער בגלייבט וויא איר דרום האט יהושע גישוויגן אונ האט גלאזט כלב ריידן כדי דיא מרגלים זאלין מיינן וויל ער שווייגט מן הסתם איז ער מסכים צו זיי אזו וועלן זייא אים פרעגין ווער עש זאגט אמת אונ וועלין זיך אויף אים פר לאזין אזו וועט ער דעם גאנצן אמת זאגן אונ וועט מקדש השם זיין · אבער וויא ער האט גיזעהן דאס ער שווייגט אונ די מרגלים פרעגן אים ניט · אזו האט ער פריער צו ריסן זיינע קליידר אויף · דר בייזער זאך וואש די ישראל האבן גירעט · במדבר הזה יפלו פגריכם אין דר מדבר וועלין פאלין אייערע גופים אבער אייערע נשמות וועלין קומען לעולם הבא · רשי שרייבט דיא ישראל זיינן גוועזן פערציג יאר אין דר מדבר אנטקעגן די פערציג טעג וואס די מרגלים זיינן גגאנגן אין ארץ ישראל אונ האבן בייז גירעט דרויף · דרום האבן זיי גימוזט פערציג יאר אין דר מדבר בלייבן כדי די וואש זיינן היינט אלט צוואנציג יאר זאלן לעבין נאך פערציג יאר דאש קיינר זאל ניט שטארבן פאר זעכציג יאר · אם אתם תבואו אל הארץ אויב איר וועט קומן קיין ארץ ישראל · דר בחיי שרייבט גאט האט גיוויזן דאס משה אונ אהרן וועלין ניט קומן קיין ארץ ישראל אונ וועלן שטארבין אין דר מדבר אונ דאש איז לכבוד ישראל · כדי אז משיח וועט קומן וועט משה אונ אהרן אויף שטיין אונ וועלין מיט זיך פירן די וואס זיינן גישטארבן אין דר מדבר · במגפה דיא מרגלים זיינען גישטארבין אין איין מגפה · רשי שרייבט גאט האט זיי בצאלט מדה כנגד מדה זיי האבין גרעט בייז מיט זייער צונג · דרום איז זייער צונג גרויס גיווארן ביז צום נאפיל · ויתאבלו העם מאוד דיא ישראל האבין חרטה גיהאט אויף זייערע עבירות זיי האבן גזאגט מיר וועלן אויף גיין קיין ארץ ישראל · האט משה צו זיי גיזאגט גייט ניט וויל גאט איז ניט ביי אייך אזו וועט

איר ניט באגליקן אונ ווערט ווערן גישלאגין פר אייערע פיינט · דען עמלק זיצט פר אייך אויף דעם גרענץ · אונ די ישראל האבן ניט גיפאלגט אונ זיינן אויף גיגאנגן אויף דעם בארג אויף צו גיין קיין ארץ ישראל אונ משה אונ דר ארון האבין זיך ניט גירירט פון דר מחנה · אזו איז גיקומן עמלק אונ דר כנעני וואס זיצן אויף דעם בארג אונ האבין דער שלאגין פיל פון ישראל · דער אבן שועב שרייבט דיא חכמים האבין גיזאגט וחאטשע מרים האט ניט קיין כוונה גיהאט צוא ריידן לשון הרע איז זיא דאך מצורעת גיווארן · מכל שכן ווען איינר רעט לשון הרע ער זאל ליידן דר צערנן וועט ער בוודאי גישטראפט ווערן דרויף האט שלמה המלך גזאגט מות וחיים ביד לשון דר טויט אונ דאס לעבן היינגט אין דעם צונג · דער מדרש זאגט איין מעשה איין זון פון איין מלך איז זייער קראנק גיוועזן האבין דיא דאקטורים גיזאגט ער קען אנדרש קיין רפואה ניט האבן נאר ווען ער וועט טרינקן מילך פון איין לייב · איז גיקומען איינר צום מלך אונ זאגט איך וועל דיר ברייגען מילך פון איין לייב · האט דר מלך צו אים גיזאגט אז דו וועשט ברייגן וועל איך דיך מאכין פר איין גרוישן שר · האט דער מענטש זיך גיהייסין געבן צעהן ציגין אונ איז גיגאנגען צוא איין לייבן גרוב · אין דעם ערשטן טאג גיט ער די לייבין איין ציג אויף עסין · אונ אין דעם אנדערין טאג גיט ער זיי ווייטר איין ציג אויף עסין · אונ ווייזט זיך פון ווייטן פר די לייבן כדי דיא לייבן זאלן זעהן ווער עש גיט זיי די ציגן עסין · אונ אזו האט ער גטאן דעם דריטין טאג אונ האט זיך אלע מאל נעהענטר גישטעלט פר די לייבן ביז ער איז מיט זיי גיוואנט גיווארן · אונ האט זיך מיט די לייבן אן גיהויבן צו שפילין ביז אין דעם צעהנטן טאג האט ער די לייבן אויס גימאלקן אונ האט גינומן די מילך אונ איז גיגאנגען זיין וועג · ביי נאכט איז ער גיקומן אין איין הארבערג אונ האט זיך גילייגט שלאפן האט זיך אים גיחלמת · דאש דער מלך האט אים גרויש כבוד אן גטאן · האבן די פיס גיזאגט מיר האבן דאש גורם גיוועזן ווייל מיר זיינען גיגאנגען צו דעם לייבין גרוב · אונ די הענט האבן גזאגט מיר האבן דאש גורם גוועזן ווייל מיר האבין די לייבין גימאלקן · אונ די אויגן זאגן מיר האבין דאס גורם גיוועזן וואש מיר האבן גיזעהן איין לייבן גרוב · אונ די אויערן זאגין ווען מיר וואלטין ניט הערין פון דיא דאקטורים דש מען דארף לייבן מילך האבן וואלט איר ניט גיבראכט · אונ דאש הארץ זאגט ווען איך וואלט ניט די עצה געבן מיט די ציגין וואלט איר ניט גיקענט קיין מילך ברייגן · זאגט דר צונג איך האב דאס גורם גיוועזן דאש איך האב גיזאגט דעם מלך ער זאל געבן ציגן · אזוא האבין אלע אברים אן גישריען אין דעם צונג אונ זאגין דו ביסט דר נידעריגשטר אבר אין דעם מענטשן ווייל דו ליגשט תמיד אין מויל פון מענטשין אין נאסין אונ ווילשט דיך אזו חשוב האלטין · האט דר צונג גיענטפערט איר וועט זעהן דאס אלין היינגט אן אין מיר האט זיך דר מענטש אויף גיחאפט אונ האט זיך דר. שראקן פון דעם חלום אונ איז גיקומן מיט דעם לייבין מילך צום מלך אונ זאגט איך האב גבראכט מילך פון איין כלבתא · אונ איין כלבתא איז טייטש איין הונט · אזו האט דר מלך אונ די שרים אויף אים גיצערינט אונ זאגן עש איז דא גינוג הינט מילך ביי אונז אונ האבן אים גיזעצט אין תפיסה · איז ער אנטשלאפין גיווארן האט דר צונג גזאגט איך האב אייך גזאגט דאש איך בין בעסר פון אלע אברים דען מיט מיין ריידן וועט איר אלע דר שלאגן ווערן · האבן אלע אברים צו אים גזאגט מיר זיינן דיר מודה דאס דוא בישט דער בעסטר אונ מיר וועלין דיך מאכין פאר איין עלצטין נאר זייא אונז מציל פון דעם טויט · אונ אז עס איז גיקומן אין דר פריא האט דר מלך

גיבאטין

גיבאטן מען זאל דעם מענטשן הייגן · אונ
וויא מען האט אים ארויס גפירט צו הייגן
האט דר מענטש גיבעטן מען זאל אים אויס
הערין וועט ער דעם זון פון מלך מיט דעם
מילך היילין · אזו האט מען אים מיט גרויש
שמחה גיבראכט צום מלך האט ער גיזאגט
דאש וואש איך האב גזאגט איך האב גברכט
מילך פון איין כלבתא דאש האב איך גמיינט
איין לייבן · דען אין ארץ ישראל רופט מען
צו איין לייבן כלבתא אונ איך האב גירעט
מיט דעם לשון פון ארץ ישראל אזו האט דר
מלך גיפרובט אונ האט גיפונן אז דאש איז
לייבן מילך אונ האט דעם מענטשן גמאכט פר
איין גרוישן שררה · דאש זאגט דר פסוק מות
וחיים ביד לשון דר טויט אונ דאש לעבין הייגט
אין דעם צונג · כי תבואו אל ארץ מושבותיכם אז
איר וועט קומן קיין ארץ ישראל · דר רמב"ן
אונ דר בחיי אונ דר חזקוני אונ דר אבן שועב
שרייבן דרום איז די פרשה פון קרבנות ווארן
אן גישריבן ביי דער פרשה פון מרגלים צוא
טרייסטין ישראל האטשע זיי האבן גיזינדיגט
מיט די מרגלים · וועט דאך גאט אן נעמן די
קרבנות פון זייערע קינדר · דר מדרש זאגט
אזו וויא איין פאטר טוט פינף זאכן צו זיין
זון · דאס ערשטע ער איז אים מל · דאש
אנדרע ער לייזט אים אויש פון דעם כהן ווען
ער איז איין בכור · דאס דריטע ער לערנט
מיט אים תורה · דאס פערטע ער לערינט
אים איין מלאכה אדר האנדלן · דאס פינפטע
ער גיט אים איין ווייב · אזו אויך האט גאט
גטאן צו ישראל ער האט גלאזט יהושע זאל
מל זיין די ישראל אונ האט זיי אויש גלייזט
פון מצרים אונ האט זיי גיגעבין דיא תורה
אונ האט זייא גיגעבן מצות וואש איז בעסר
פון סחורה אונ האט זיי גיבאטן צו נעמען
איין ווייב צו האבן קינדר · הכרת תכרת הנפש
ההיא עונה בה רש"י שרייבט דר מענטש וואש
פאר שטערט די רייד פון גאט אונ איז חייב
כרת ווערין זיינע יארין פאר שניטין ווען ער

טוט קיין תשובה ניט אבער ווען ער טוט
תשובה איז אים גאט מוחל זיינע עבירות ·
אונ דער רמב"ן שרייבט עונה בה דר מענטש
וואס איז חייב כרת איז די עבירה ביי זיין
נשמה אויף אייביג דאס ער מוז אייביג ליידן
גיהנם דריבר · ויהיו בני ישראל במדבר די ישראל
זיינן גווען אין דר מדבר אונ האבן גיפונן איין
מענטש האט גיקליבן האלץ אום שבת ·
רש"י שרייבט דער פסוק לערנט אונז דאש די
ישראל זיינן זייער שלעכט גווען אין דר מדבר
אונ האבן נאר איין שבת רעכט גיהאלטן אונ
דעם אנדערן שבת האט דר מקושש מחלל שבת
גיוועזן אונ האט גקליבן האלץ אום שבת אונ
דר בחיי שרייבט דרום שרייבט די תורה אין
דר מדבר צו ווייזן האטשע די ישראל האבין
פיל נסים גיזעהן אין דר מדבר האבן זיי
דאש אלץ פאר נישט גיהאלטין אונ האבין
מחלל שבת גיוועזן נאך איין פשט איז דיא
תורה לערינט אונז דאש דיא ישראל זיינען
שלעכט גיוועזן אין דער מדבר דרום האט
גאט אויף זייא גיבאטין זייא זאלין שטארבן
אין דער מדבר פון וועגין דר עבירה פון דיא
מרגלים אונ איצונד האבן זיי נאך איין עבירה
גיטאן אונ האבין מחלל שבת גווען דען איין
עבירה שלעפט די אנדרע עבירה די ישראל
האבן אים גיפונן וויא ער האט גיקליבן האלץ
אונ זיי האבן אים איין התראה גיטאן ער זאל
ניט קלייבן ווארום מען וועט אים טייטן אונ
ער האט דאש ניט גיהערט האבין זייא אים
גבראכט צו משה האט משה אים איין גיזעצט
אין דר תפיסה ביז ער וועט פרעגין גאט מיט
וואש פר איין מיתה מען זאל אים טייטן אונ
דרום האט משה גיפרעגט גאט ווייל ביי שבת
שטייט חילול אונ ביי עבודת כוכבים שטייט
אויך חילול האט ער גמיינט אזו וויא ביי עבודת
כוכבים שטייט מען זאל אים אפ האקן דעם
קאפ מיט איין שווערד אזו אויך ווען מען איז
מחלל שבת זאל מען אים אויך אפ האקן דעם
קאפ מיט איין שווערד דרום האט ער גפרעגט

גאט

גאט וואש פר איין מיתה מען זאל אים אן טאן דער חזקוני פרעגט מען האט דאך גידארפט דעם מענטשין וואש האט איין עבירה גטאן איין התראה טאן מיט וואש פאר איין מיתה מען וועט אים טייטין אונ בייא דעם מקושש האט מען ניט גיוואושט מיט וואש פאר איין מיתה מען וועט אים טייטן אונ וויא האט מען אים גיקאנט איין התראה טאן דער תירוץ איז מען האט אים גזאגט ניט קלייב האלץ דען עש זיינן דא פיר מיתות וואש מען טייט מיט זיי דעם וואש איז עובר אויף גאטש גיבאט אזו האט ער גיהערט אלע פיר מיתות אונ האט דאך גיקליבן דרום הייסט דאש איין רעכטע התראה דר אבן שואב שרייבט דר וואש האט גיקליבן האלץ אום שבת דר איז גיגאנגן אין די קליידר פון אום דר וואכן דרום האט ער פר געסין אז עש איז שבת דרום זאל איטליכער מענטש זעהען צו האבין אנדרע קליידר אויף שבת אזו וועט ער גידיינקן אז עש איז שבת אונ וועט רעכט שבת האלטן · ועשו להם ציצית

גאט זאגט צו משה רייד צו ישראל זיי זאלן זיך מאכין ציצית רש״י שרייבט ציצית האט אין דר צאל זעקס הונדרט אונ אין זיי איז דא אכט פעדים אונ פינף קניפן איז דריי צעהן סך הכל איז זעקס הונדרט אונ דריי צעהן דאש איז אנטקעגן די זעקס הונדרט אונ דריי צעהן מצות וואש זיינן אין דר תורה צו ווייזן דאש די מצוה פון ציצית איז גיגליכן אנטקעגן אלע מצות פון דר תורה׳ פרעגט דר בחיי אונ דר חזקוני אונ דר אבן שואב ציצית שטייט דאך אין דר תורה מיט איין יו״ד בטרעפט עש דאך ניט קיין זעקס הונדרט דר תירוץ איז עש שטייט איין מאל לציצית מיט איין למ״ד וואש בטרעפט דרייסיג דאש איז אויף דעם ארט פון די דריי מאל יו״ד וואש גייט אפ ביי די דריי מאל ציצית וואש שטייט אין דר תורה׳ אונ דר בעל הטורים אונ דר אבן שואב שרייבין עש זיינן אכט פעדים אין די ציצית אנטקעגן די אכט אברים וואש דר מענטש טוט מיט זיי עבירות די אויערן אונ די אויגן אונ דש מויל אונ די נאז אונ די הענט אונ די פיס אונ די ערוה אונ דאש הארץ ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם איר זאלט ניט נאך זעהן נאך אייער הארץ אונ נאך אייערע אויגן דען די אויגן אונ דש הארץ זיינן צוויי מעקלרש ביי דעם מענטשן צו טאן עבירות די אויגין זעהן אונ דש הארץ גלושט צו טאן די עבירה אונ דר מענטש איז גומר אונ טוט די עבירה דר תנחומא שרייבט גאט האט ביי אלע מעשים פון דעם מענטשן זיינע מצות אן גשריבן קומט דר מענטש אקערן שטייט גישריבין מען זאל ניט אקערן מיט איין אקס אונ מיט איין איזל אין איינעם וויל ער זייען זיין גארטין שטייט גישריבן ניט זייהע קיין כלאים וויל ער שניידן זיין תבואה מוז ער איין עק פעלד איבר לאזן פון וועגין דעם עני וויל ער נעמן תבואה צו עסין מוז ער תרומה אונ מעשר פריער געבין וויל ער איין טייג קנעטין מוז ער חלה דר פון נעמן וויל ער עפעש עסין מוז ער פריער איין ברכה מאכן וויל ער זיינע שאף שערן מוז ער דעם כהן אויך וואל געבן האט זיין בהמה איין בכור מוז ער אים געבין צום כהן וויל ער איין בהמה קוילן מוז ער דעם כהן געבן די פלייצע אונ די קין באקן אונ דעם מאגן קומט ער צו איין נעסט פון א פויגל מוז ער די מוטר אוועק שיקען · קולט ער איין עוף מוז ער דש בלוט צו דעקין טוט ער אן איין קלייד זאל ער זעהן עש זאל דרינן קיין שעטנז ניט זיין ווערט אים גיבארן איין זון מוז ער אים מל זיין קומט ער זיך בהעפטן צו זיין ווייב מוז ער זיך היטן פר נדה פלאנצט ער איין בוים מוז ער דריי יאר ווארטען ער זאל די פירות ניט עסן בגראבט ער איין מת פון זיינע קרובים זאל ער זיך ניט זייער מצער זיין צו קראצין זיין לייב וויל ער זיך אפ שערן טאר ער די פיאות ניט אפ שערן בויט ער איין הויז מוז ער איין גאניק מאכן ביי דעם דאך מאכט ער איין טיר מוז ער מאכין איין מזוזה מאכט ער זיך איין קלייד מוז ער מאכען דרינן ציצית · עש איז איין משל אין

מענטש

מענטשן וואש פאלט ארויש פון דר שיף אין ים אריין אזו ווארפט אים דר האר פון דר שיף איין לאנגע שטריק אונ זאגט צוא אים האלט דיך שטארק ביי דעם שטריק וועשטו ניצול ווערן פון דעם טויט אזו אויך די נשמה פון דעם מענשן איז ווארן אראפ גווארפן פון אונטר דעם כסא הכבוד אין דר וועלט דרום האט גאט גזאגט האלט שטארק מיינע מצות וועשטו לעבן אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט דאש זאגט דר פסוק יי חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר ווייל גאט וויל דעם מענטשן גרעכט מאכן ער זאל האבן עולם הבא דרום האט ער גרויס גמאכט די תורה אונ מצות רש״י שרייבט דרום איז די פרשה פון מקושש אן גישריבן ביי דר פרשה פון עבודת כוכבים צו ווייזן דר וואש איז מחלל שבת איז גלייך וויא ער דינט עבודת כוכבים אונ שטייט דר ביי די פרשה פון ציצית צו ווייזן דש ציצית איז גיוואויגן אנטקעגן אלע מצות פון דר תורה אזו וויא שבת איז גיוואוגן אנטקעגן אלע מצות פון דר תורה אונ דרום זאל מען מאכן ציצית אין די פיר עקין פון דעם קלייד אנטקעגן די פיר לשונות וואש גאט הט גזאגט ביי יציאת מצרים והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי אונ מען פלעגט פר צייטן נעמן צו די ציצית איין פאדים תכלת וואש זיין פארב איז גלייך וויא דער הימיל אונ אכט פעדים איז אין די ציצית אטנקעגן דיא אכט טאג וואש ישראל האבין גיזאמט פון דעם ארויש גיין פון מצרים ביז זיי האבן שירה גיזאגט אויף דעם ים :

# הפטרת שלח

וישלח יהושע בן נון מן השטים יהושע האט גישיקט צווייא מענטשין זייא זאלין אויש זעהען דאש גאנצע לאנד כנען אונ אויך דיא שטאט ירחו דען ירחו איז אזו שטארק גיוועזן וויא דאש גאנצע לאנד כנען אונ דיא צווייא מענטשין זיינען גיוועזן צדיקים ניט אזו וויא דיא מרגלים וואש משה האט גישיקט וואש זיינען גיוועזן רשעים אונ זייא זיינען גיגאנגען קיין ירחו אונ האבין זיך גימאכט

טויב אונ שטום כדי מען זאל זייא ניט אויש פרעגין פון וואנען זייא זיינען אונ דער מדרש זאגט זיי האבין זיך גימאכט פאר טעפר וואש פאר קויפין טעפ כדי מען זאל זיך ניט שטויסין ווער זיי זיינען אונ אויך האבין זייא דרום פאר קויפט טעפ ווייל דאש איז איין סחורה וואש נאר ווייבר קויפין אונ ווייבער ריידין פיל אונ זאגין אויש אלע סודות אזו וועלין זיי קאנען זיי פרעגין אויב מען פארכט זיך פאר ישראל אין דר שטאט ירחו • אונ דיא צוויי מרגלים זיינען גיקומען אין הויז פון רחב הזונה וואש זיא פר קויפט עסין שפייז ויאמר למלך ירחו אונ עש איז ווארין גיזאגט צום מלך פון ירחו דאש צווייא מענטשין פון ישראל זיינען גיקומען אין הויז פון רחב אוים צו זעהען וויא אזו מען קאן איין געמן די שטאט האט דער מלך צו איר גישיקט זיא זאל ארויש געבין די צווייא מענטשין ותקח האשה את שני האנשים ותצפנו אזו האט רחב גינומן די צוויי מענטשין אונ האט זיי פאר בארגין אונ האט גיזאגט עש איז יוא גיקומן צוויי מענטשין אין מיין הויז אונ איך ווייש ניט פון ואנען זייא זיינען אונ וויא עש איז גיקומען אנטקעגין נאכט אז מען האט גיוואלט דעם טויער פון דר שטאט צו שליסין זיינען זיי ארויש גיגאנגען דרום יאגט זייא גיך נאך דען איר וועט זייא גרייכין אונ די שלוחים פון דעם מלך האבין נאך די מענטשין נאך גיאגט ביז אן דעם ירדן צו זוכין זיי אונ דעם טויער האט מען צו גישלאסין נאך דעם אז די שלוחים זיינען ארויש גיגאנגען • אונ דרום שטייט ותצפנו זיא האט פר בארגן אים חאטשע זיי זיינען גיוועזן צווייא דאש איז ווייל פנחס איז גיוועזן איין כהן איז ער גלייך וויא איין מלאך וואש מען קאן אים ניט זעהען דרום האט זיא אים ניט גידארפט פאר בארגין נאר כלב האט זיא פאר בארגין • נאך איין תירוץ איז זיא האט זייא ביידע אין איין איינגע לאך פאר בארגין וואש אהין האט ניט גיקאנט ארין נאר איינער אונ זיי זיינן ביידע אריין גלייך וויא איין מענטש דרום שטייט ותצפנו זיא האט באהאלטין אים • אונ דיא אשה האט אויף גיבראכט די מענטשין אויף דעם דאך אונ האט זיי באהאלטין אונטר דעם פלאקס וואש זיא האט גיהאט אויף דעם דאך אונ זיא איז גיקומען צו זיי אונ זאגט איך ווייש וואל דאש גאט האט אייך גיגעבין דאש

לאנד

לאנד אונ אייער פארכט איז אויף אונז גיפאלין עס איז צו גאנגען די הערצער פון אלע עובדי כוכבים אין לאנד כי שמענו את אשר הוביש יי דען מיר האבין גיהערט דאש גאט האט גישפאלטין דעם ים סוף פאר אייך אונ איר האט פר ווישט צווייא שטארקע מלכים סיחון ועוג דרום איז צו גאנגען אונזער הארץ אונ עס איז ניט גיבליבין קיין אטום אין קיין מענטשין דען גאט איז מיט אייך ער איז איין גאט אויף דעם הימל אונ אויף דער ערד ועתה השבעו נא לי אונ איצונד שווערט מיר ווייל איך טוא מיט אייך חסד זאלט איר מיט מיר אויך טאן חסד אונ גיט מיר איין אמתן צייכין דאש איר זאלט לאזין לעבין מיין פאטערש הויז גיזינט אונ מיין משפחה האבין דיא מענטשין גיזאגט מיר װעלין דיר געבין איין צייכין נאר דו זאלסט ניט אוים זאגין אונזרע רייד אויך זאלסטו דעם צייכין ניט זאגין פאר דיינע שכנים כדי זיי זאלין אויך ניט מאכין דעם צייכין וואש מיר װעלין דיר זאגין ותורידם בחבל בעד החלון אונ זיא האט די צוויי מענטשין מיט איין שטריק אראפ גילאזט דורך איין פענשטער פון דעם מויער כדי דיא שכנים זאלין זיי ניט זעהען אונ זיא האט צו זיי גיזאגט גייט צום בארג כדי די וואש יאגין אייך נאך צו זוכין אייך זאלין אייך ניט באגעגענען אונ פאר בארגט אייך דארטין דריי טעג ביז די נאך יאגער װעלין זיך אום קערין אהיים האבין די צווייא מענטשין צו איר גיזאגט דו זאלשט אן בינדין איין רויטין פאדים אין דעם פענטשטער וואש דו האסט אונז אראפ גילאזט װעלין מיר ווישין אז דאש איז דיין הויז אונ מיר װעלין ניט לאזין קיין בייז טאן צו דיין הויז אונ זאמיל איין גאר דיין משפחה אין דיין הויז אונ ווער עס וועט ארויש גיין פון דיין הויז אונ מען וועט אים דער שלאגין װעלין מיר פטור זיין פון דיא שבועה אונ מיר װעלין ניט שולדיג זיין ותשלחם וילכו ותקשור את תקות חוט השני בחלון אונ זיא האט זיי אוועק גישיקט אונ זיי זיינען אוועק גיגאנגען אונ זיא האט אן גיקניפט איין רויטין פאדים אין דעם פענטשטער אונ זייא זיינען גיגאנגען צום בארג אונ זיינען דארטין גיזעסין ביז דיא שלוחים האבין זיך אום גיקערט אונ דיא יאגער האבין גיזוכט אין דעם גאנצין וועג אונ זייא האבין קיינעם ניט גיפונען · אונ כלב אונ פינחס זיינען גיקומען צו יהושע אונ האבין אים דער צײלט וויא אזוי עס האט זיך מיט זייא גיפירט אונ האבין גיזאגט גאט האט גיגעבין די עובדי כוכבים אין אונזער האנט דען עס איז זייא צו גאנגען ווייער הארץ פאר אונז :

# לוח המולדות וראשי חדשים לחודש תמוז.

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש תמוז | אונ ראש חודש איז | י״ז בתמוז |
|---|---|---|---|
| תרל״ז | מאנטיג אין דר פרי 32 מינוט מיט ניין חלקים אויף צעהן : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרל״ח | זונטיג אין דר פרי פינף מינוט מיט פיר חלקים אויף אכט : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרל״ט | דאנערשטיג ביי טאג 53 מינוט מיט 16 חלקים אויף 4 : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תר״ם | דינסטיג פאר טאג 42 מינוט מיט 10 חלקים אויף איינס : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרמ״א | זונטיג אבינט פופצעהן מינוט מיט פינף חלקים אויף עלף : | מאנטיג דינשטיג | דאנערשטיג |
| תרמ״ב | פרייטיג פרי דריי מינוט מיט זיבעצעהן חלקים אויף אכט : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרמ״ג | דאנערשטיג פרי 36 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף פינף : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרמ״ד | מאנטיג ביי טאג 25 מינוט מיט זעקס חלקים אויף צוויי : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרמ״ה | פרייטיג צוא נאכט פערצעהן מינוט אויף עלף : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרמ״ו | דאנערשטיג פר נאכט 46 מינוט מיט 13 חלקים אויף 8 : | שבת זונטיג | דינשטיג |
| תרמ״ז | דינסטיג פריא 35 מינוט מיט זיבין חלקים אויף פינף : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרמ״ח | שבת נאך האלבן טאג 24 מינוט מיט איין חלק אויף צוויי : | שבת זונטיג | דינסטיג |

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש תמוז | און ראש חודש איז | י״ז בתמוז |
|---|---|---|---|
| תרמ״ט | פרייטיג פריא 56 מינוט מיט פערצען חלקים אויף עלף : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תר״ן | דינסטיג פר נאכט 45 מינוט מיט אכט חלקים אויף אכט : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרנ״א | מאנטיג ביי טאג 18 מינוט מיט דריי חלקים אויף זעקס : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרנ״ב | שבת פריא זעקס מינוט מיט פופצעהן חלקים אויף דריי : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרנ״ג | מיטוואך פריא 55 מינוט מיט נאיין חלקים אויף עלף : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרנ״ד | דינסטיג פריא 28 מינוט מיט פיר חלקים אויף נאיין : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרנ״ה | שבת ביי טאג 16 מינוט מיט זעכצעהן חלקים אויף זעקס : | שבת זונטיג | דינשטיג |
| תרנ״ו | דאנערשטיג פרי פינף מינוט מיט צעהן חלקים אויף דריי : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרנ״ז | דינסטיג אבינס 38 מינוט מיט פינף חלקים אויף צוועלף: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרנ״ח | זונטיג פריא 26 מינוט מיט זיבעצעהן חלקים אויף נאיין : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרנ״ט | דאנערשטיג ביי טאג 15 מינוט מיט 11 חלקים אויף זעקס : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תר״ס | מיטוואך ביי טאג 48 מינוט מיט זעקס חלקים אויף דריי : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרס״א | זונטיג אבינס זיבין און דרייסיג מינוט אויף צוועלף : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרס״ב | שבתות צו נאכט ניין מינוט מיט 13 חלקים אויף צעהן : | שבת זונטיג | דינשטיג |
| תרס״ג | דאנערשטיג פריא 58 מינוט מיט זיבין חלקים אויף זעקס : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרס״ד | מאנטיג בייא טאג 47 מינוט מיט איין חלק אויף דרייא : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרס״ה | זונטיג בייא טאג 19 מינוט מיט 14 חלקים אויף איינס : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרס״ו | דאנערשטיג אבינס אכט מינוט מיט אכט חלקים אויף 10 : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרס״ז | הינסטיג פרי 57 מינוט מיט צווייא חלקים אויף זעקס : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרס״ח | מאנטיג פרי 29 מינוט מיט פופצעהן חלקים אויף פיר : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרס״ט | פרייטיג האלבן טאג 18 מינוט מיט ניין חלקים אויף איינס: | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תר״ע | דאנערשטיג פריא 51 מינוט מיט פיר חלקים אויף צעהן : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרע״א | מאנטיג פאר נאכט 39 מינוט מיט 16 חלקים אויף זיבן : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרע״ב | שבת אין דר פריא 28 מינוט מיט צעהן חלקים אויף פיר : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרע״ג | פרייטיג פריא איין מינוט מיט פינף חלקים אויף צוויי : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרע״ד | דינסטיג אין דר פריא 49 מינוט מיט 17 חלקים אויף צעהן: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרע״ה | שבת בייא טאג 38 מינוט מיט עלף חלקים אויף זיבין : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרע״ו | פרייטיג ביי טאג עלף מינוט מיט זעקס חלקים אויף פינף : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תרע״ז | מיטוואך פאר טאג פונקט איינס : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרע״ח | זונטיג פריא 48 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף צעהן : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרע״ט | שבת אין דר פרי 21 מינוט מיט זיבין חלקים אויף אכט : | שבת זונטיג | דינסטיג |
| תר״פ | מיטוואך בייא טאג 10 מינוט מיט איין חלק אויף פינף: | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרפ״א | דינסטיג ביי טאג 42 מינוט מיט 14 חלקים אויף צוויי : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרפ״ב | שבתות צו נאכט 31 מינוט מיט אכט חלקים אויף עלף : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרפ״ג | דאנערשטיג פריא 20 מינוט מיט צוויי חלקים אויף אכט : | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג |
| תרפ״ד | מיטוואך פריא 52 מינוט מיט פופצען חלקים אויף פינף : | מיטוואך דאנערשט׳ | זונטיג |
| תרפ״ה | זונטיג האלבן טאג 41 מינוט מיט ניין חלקים אויף צוויי : | מאנטיג דינסטיג | דאנערשטיג |
| תרפ״ו | פרייטיג פר טאג 30 מינוט מיט דריי חלקים אויף עלף : | שבת זונטיג | דינסטיג |

ניקח קדח שלמה המלך זאגט אין משלי שוחר טוב יבקש רצון ודורש רעה תבואנו דאש איז טייטש דר וואש טוט תפלה אויף זיין חבר עש זאל אים גוט זיין דר טוט דעם ווילין פון גאט דרויף האבין אונזרע חכמים גיזאגט ווער עש טוט תפלה אויף זיין חבר אונ ער דארף אויך די זאך האבן ענטפרט אים גאט פריער אונ אויך ווען ער איז איין פרנס אין זיין דור זאל ער גאט בעטין פאר זיין דור אזו וויא די חכמים האבין גזאגט ביי איין רוצח וואש האט אום גערן זיין חבר גיהרגת האט ער גמוזט זיצין אין די ערי מקלט ביז דר כהן גדול איז גשטארבן אונ דש איז ווייל דער כהן גדול האט קיין תפלה ניט גטאן עש זאל זיך קיין רציחה ניט טרעפן אין זיין דור דרום טוט דר רוצח תפלה דער כהן גדול זאל באלד שטארבן ער זאל קענן ארויש גיין אונ דוד המלך האט אויך תפלה גיטאן אויף ישראל אזוא וויא אין פסוק שטייט ואני בחלותם לבושי שק ווען ישראל זיינן קראנק טוא איך תפלה אונ קלייד מיך אן אין איין זאק כדי זיי זאלין גיזונט זיין אונ עש שטייט ווייטער ותפלתי על חיקי תשוב מיין תפלה קערט זיך אום צו מיר דאש גאט ענטפערט מיר פריער אויף מיין זאך ווייל איך טוא תפלה אויף אנאנדרן אונ ווען איינר זוכט ביי אויף זיין חבר קומט דש ביז פריער צו אים דש האט שלמה גזאגט בוטח בעשרו הוא יפול ווער עש פר לאזט זיך אויף זיין עשירות אונ וויל לייטן ביז טאן דר וועט פאלין מיט זיין עשירות אונ עש קומט אויף אים ביז דורך זיין עשירות אזו וויא אין פסוק שטייט עושר שמור לבעליו לרעתו צו צייטן איז דש עשירות ביי איין מענטשן פון זיין רעה וועגן דאש ער זאל דורך דעם ווערן פאר לארין פון ביידע וועלטין אזו וויא מיר גיפינן דאש צווייא עשירים זיינען גוועזן אין דר וועלט איינער פון יהודים אונ איינר פון עמלקים קרח איז גיוועזן פון יהודים אונ המן פון עמלקים אונ ביידע זיינן גיווארן פאר לארן פון ביידע וועלטן אונ צו ביידע איז דאש גקומן ווייל זיי האבן גפאלגט

זייערע ווייבר דען דש ווייב פון המן האט אים איין עצה גגעבן צו מאכן איין תליה צו הייגן מרדכי אונ דער נאך האט מען המן אויף איר גיהאנגן אונ קרח האט אויך גפאלגט זיין ווייב דרום איז ער פר לארן גיווארן דען אז קרח איז גקומן פון דעם משכן האט דש ווייב אים גיפרעגט וואש האט משה מיט אייך הייגט גלערינט האט קרח גזאגט ער האט אונז גילערינט די פרשה פון ציצית צו נעמן איין פאדים תכלת אונ זיבן פעדים אנדרע וואל אונ מאכן ציצית אין די קליידר האט דש ווייב צו אים גזאגט איך וועל מאכן איין טלית גאר פון תכלת אונ משה שפעט פון אייך איין פאדים זאל גינוג זיין איין גאנצר טלית פון תכלת זאל ניט גינוג זיין אונ זי האט גמאכט איין טלית פון תכלת אונ קרח האט איין גזאמילט צוויי הונדרט אונ פופצג סנהדרין דאש רוב איז גיוועזן פון שבט ראובן ווייל זיי זיינען גוועזן שכנים מיט קרח אונ האט זיי אן גטאן אין טליתות פון תכלת אונ זיי זיינן נקומן צו משה אונ פרעגן אים אין די טליתות וואש זיינן גאר פון תכלת דארף מען צו מאכין איין פאדים תכלת האט משה גזאגט יוא האט קרח מיט זיין חברותה אן גהויבן צו לאכן אונ זאגן ווען דר טלית איז פון אנאנדר זאך איז גנוג ווען עש איז דרינן איין פאדים תכלת אונ ווען דר גאנצר טלית איז פון תכלת זאל מען אויך איין בזונדערן פאדים דארפן האבן אויך האט קרח מיט זיין חברותה גפרעגט איין הויז וואש איז פול מיט חומשים דארף עס האבן איין מזוזה אדר ניט האט משה געענטפרט יוא עס דארף האבן איין מזוזה האבן זיי דר פון אויך גלאכט אונ האבין גזאגט צו איין הויז וואש איז פול מיט חומשים וואש אין זיי איז דא פיל מאל די פרשיות פון מזוזה זאל מען נאך איין בזונדרע מזוזה דארפין אונ קרח האט גזאגט צו משה דו טראכשט דיר אליין אויש מצות וואש גאט האט זיי גאר ניט גיבאטן דר בחיי שרייבט די כוונה פון קרח איז גיוועזן מיט די צוויי מצות מיט איין טלית פון גאר תכלת אונ מיט איין

הויז

חויז וואש איז פול מיט חומשים וואש זיי זיינן גאר הייליג וואש דארף מען מער הייליקייט צו זיי אזו אויך כל ישראל זיינן הייליג אונ האבן גהערט די רייד פון גאט אויף דעם בארג סיני אונ ווארום דארף מען משה פר איין האר איבר אונז אונ דרום שטייט ויקח קרח כלומר קרח האט גינומן איין טלית פון תכלת אונ האט גבראכט פר משה אונ רש"י שרייבט ויקח קרח איז טייטש ער האט זיך גינומן אויף איין זייט צו קריגן אויף משה אונ האט צו זיך גינומן צוויי הונדרט אונ פופציג סנהדרין בן יצהר בן קהת בן לוי רש"י שרייבט דרום שטייט ניט בן יעקב ווייל יעקב הט גאט גבעטן זיין נאמן זאל ניט דר מאנט ווערן ביי דר קריג פון קרח אונ ווייל שבט ראובן איז נאהנט גיוועןביי דעם גצעלט פון קרח דרום האט קרח אן גרעט די קינדר פון ראובן צו קריגן אויף משה דאש האבן אונזרע חכמים גזאגט אוי לרשע אוי לשכנו מען זאל זיך היטן צו זיין איין שכן ביי איין רשעדען ווען גאט שטראפט דעם רשע ווערט דר שכן אויך גשלאגן אפילו ער איז פרום · דר אבן שועב שרייבט דר מדרש זאגט קרח האט פיל גשפעט גמאכט אונ האט גזאגט צו די קינדר פון ראובן איין אלמנה הט גהאט איין שאף האט די שאף גהאט איין בכור איז גיקומן אהרן אונ האט דעם בכור אוועק גנומן אונ אז זיא האט די שאף גישארן האט אהרן די וואל אויך גינומן אונ דר נאך האט זיא די שאף גקוילט האט אהרן גנומן די פלייצע אונ די קין באקין אונ דעם מאגין · האט זיא פר כעס גזאגט עש זאל זיין אין גאנצן הקדש זאגט אהרן אז דו האשט דאש מקדיש גוועןקומט עש אין גאנצין צום כהן אזו האט זיא גינומן אלין מיט אננדר אונ גיט עש אוועק צו אהרן אונ נאך אזעלכע גישפעט הט ער גזאגט צו די קינדר פון ראובן אונ האט זיי אפ גרעט פון גאט · רש"י שרייבט קרח האט דרום גיקריגט ווייל מען האט גמאכט אליצפן בן עוזיאל פר איין נשיא איבר דר משפחה פון קהת אונ קרח האט גזאגט קהת האט גהאט פיר זין עמרם אונ יצהר · אונ חברון אונ עוזיאל · עמרם איז דר עלצטר איז רעכט וואס זיינע ביידע זין האבן גנומן דש שררה שאפט אהרן איז איין כהן גדול אונ משה איז איין מלך אבר ווער דארף נעמן דאש נשיאות דארף איך נעמן וואש איך בין דר זון פון יצהר דר אנדערר פון עמרם אונ ער איז גיגאנגן אונ האט גמאכט דעם זון פון עוזיאל פר איין נשיא וואש עוזיאל איז דר אינגסטער זון דרום האט קרח גיקריגט אונ די קינדר פון ראובן האבן דרום גיקריגט זיי האבן גזאגט ער האט אוועק גינומן די בכורה פון ראובן אונ האט זיא גיגעבן צו יוסף ווייל יהושע האט גידינט צו משה אונ ער איז גוועןפון שבט אפרים דר זון פון יוסף דרום האבן זיי גזאגט משה טוט וואש ער וויל ער וויל זיין בדינער יהושע חשוב מאכן דרום האט ער אוועק גנומן די בכורה פון ראובן אונ האט זיא גיגעבן צו יוסף כדי זיין בדינער יהושע זאל זיין פון די בכורים דען פר צייטן האבין די בכורים די עבודה גיטאן אין בית המקדש אונ קרח איז אויך איין בכור גוועןאונ די צוויי הונדרט אונ פופציג סנהדרין זיינן אויך בכורים גוועןדרום האבין אלע מיט אנאנדר גזאגט צו משה דו האשט מבזה גוועןדי בכורים אונ האשט אוועק גינומן פון זיי דאש זיי זאלן די עבודה ניט טאן אונ דו טושט מיט דר עבודה וואש דיר וואול גיפעלט אונ האשט אויש גטראכט דאש קיינר איז ניט ראוי צו דר עבודה נאר אהרן אונ ווער דיר וואול גיפעלט · רש"י שרייבט אונ אויך דר בחיי אונ דר אבן שועב שרייבן קרח האט גזעהן אין חלום דש פון זיינע קינדר ווערט ארויש קומן שמואל הנביא אונ פיר אונ צוואנציג נביאים דרום האט קרח גטראכט אזו איין חשובי משפחה ווערט פון מיר ארויש קומן אונ איך זאל שווייגן אנטקעגן משה דען ער האט גמיינט דאש דר זכות פון זיינע קינדר ווערט אים העלפן אונ חאטשע ער האט גהערט דאש אלעוועלן פר לארן ווערן אונ איינר ווערט בלייבן האט ער גמיינט דאש ער ווערט בלייבן אבר משה האט גוואוסט דאש ער ווערט אויך

פאר

פר לארן וועלן נאר זייניע קינדר וועלן תשובה טאן אונ וועלן איבר בלייבן אונ פון זיי וועט שמואל הנביא ארויס קומען · אונ דר רמב״ן שרייבט אונ דר אבן שועב ברייננט דעם רמב״ן קרח הט דרום אן גהויבן צו קריגן נאך די מרגלים דען פריער האבין ישראל אלץ גוט גיהאט פון משה דאש אפילו ביי דעם עגל וואש זיי האבן אגרוישע עבירה גטאן דאך האט משה גיבעטן פר גאט פערצג טעג אונ פערציג נעכט אונ כל ישראל האבין משה זייער ליב גהאט אונ ווען איינר וואלט עפעש ריידן אנטקעגין משה וואלטן כל ישראל אים פר שטיינט דרום האט קרח גשוויגן אונ האט גלאזט בלייבן אהרן ביי זיין שררה שאפט אונ די בכורים האבן אויך דרום גישוויגן וואש מען האט ביי זיי די עבודה אוועק גנומן אונ מען האט זיא גגעבן צו די לוים אבר איצונד דש פיל פון ישראל זיינן אום גקומן וויל זיי האבן פלייש בגערט אונ פיל פון ישראל זיינן פר ברענט גיווארן וויל זיי האבן ביי גרעט אויף גאט אונ די מרגלים זיינן אויך אום גיקומן אונ כל ישראל האבן גיזאלט שטארבן אין דר מדבר דרום האבן זיי גזאגט להמיתנו במדבר משה פירט אונז אום אין דר מדבר צו טייטן אונז אונ האט אונז ניט גיבראכט אין דעם גוטן לאנד דרום האבן זיי היינט אן גיהויבן צו קריגן מיט משה · דר רמב״ן שרייבט אלע די וואס האבן זיך איין גזאמילט צו קריגן זיינן אלע גוועזן בכורים אונ האבן גיקריגט וואש ער האט ביי זיי אוועק גנומן די עבודה אונ האט זיא גיגבן צו די כהנים דרום האט משה גזאגט נעמט אלע פייער פאנן אונ זייט מקטיר קטורת אזו וועלן מיר זעהען אויב די בכורים זיינן ראוי צו דר עבודה אדר די כהנים ויפול על פניו משה איז גיפאלין אויף זיין פנים דען ער האט שוין ניט גקענט קיין תפלה טאן וויל דאס איז שוין גוועזן די פערטע עבירה דען ביי דעם עגל האט משה תפלה גטאן אונ ביי די מתאוננים וואס האבן גרעט ביז אויף גאט האט אויך משה תפלה גטאן אונ ביי די מרגלים האט אויך משה תפלה גטאן אבר ביי קרח איז משה שוין ווארן דר שראקן ער הט זיך גטראכט דאס איז שוין דש פערטע מאל טאמר וועט גאט ניט אן נעמן מיין תפלה · דר רמב״ן זאגט דרום איז משה אליין גפאלן אויף זיין פנים אונ ניט אהרן וויל ער הט זיך ניט גוואלט מישן אין דר קריג ער האט זיך גטראכט וואס הארט עס מיך אז זיי וועלן אלע כהנים זיין אז איך וועל אויך איין כהן זיין בוקר ויודע יי׳ את אשר לו מארגן אין דר פרי וועט גאט לאזן ווישן ווער עש זאל זיין איין כהן דען משה הט גוואלט די זאך אפ לייגן איבר נאכט טאמר וועלן זיי דר וויל תשובה טאן אונ וועלן חרטה האבן זאת עשו קחו לכם מחתות משה זאגט איר זאגט איך האב פר באטן די עבודה אויף די לוים כדי צו געבן דאש שררה שאפט צו אהרן הכהן דרום נעמט איך פייער פאנן אונ ברייננט דרויף קטורת דען דר וואש ברייננט קטורת אונ איז ניט ראוי דר צו דר מוז שטארבן אזו וועלן מיר זעהן אויב די בכורים זיינן ראוי צו דר עבודה אדר די לוים אונ וואש די חכמים זאגן סם המות איז גוועזן אין די קטורת איז אזו דר פשט ווער עש איז קיין כהן ניט איז עש צו אים סם המות כלומר ער מוז שטארבן דורך דעם · המעט מכם משה זאגט איז דען ווייניג צו אייך דש איר דינט אין משכן אונ זינגט ביי די קרבנות אונ עש זיינן פיל הונדרט טויזנט ישראל וואש טארן ניט אריין גיין אין משכן אונ איר בגערט נאך די כהונה צו זיין כהנים · ואהרן מה הוא וואש איז אהרן שולדיג וואש איר קריגט אויף אים · וישלח משה לקרוא לדתן ולאבירם האט משה גשיקט רופן צו דתן ואבירם דאש זיי זאלן צו אים קומן דען זיי זיינן אוועק גיגאנגן אבר קרח איז גוועזן נאהנט ביי אים וואו די לוים זיינן גוועזן דרום הט ער מיט קרח פריער גרעט · דר רמב״ן פרעגט ווארום האט משה ניט גשיקט רופן צו און בן פלת וואש ער איז אויך גוועזן אין דר קריג דר תירוץ איז אז און איז אהיים גגאנגן האט אים זיין ווייב אפ גרעט ער זאל ניט קריגן · דרום איז ער אין דר היים גיבליבן אונ האט שוין ווייטר ניט גקריגט אונ איז לעבן גיבליבן מיט

זיין הויז גזינד דאש איז גורם דאש גוטע ווייב מיט איר גוטע עצה אונ ער איז אויך ניט גיקומן צו די פייער פאנן · אונ דתן ואבירם האבן גענטפרט מיר וועלן ניט אויף גיין צו משה · רש"י שרייבט זייער מויל האט זיי אויש גילייגט צו ביזין דאש זיי וועלן ניט אויף גיין נאר זיי וועלן אראפ נידערן אין דר ערד · העיני האנשים ההם תנקר לא נעלה ווען אפילו דוא וועשט שיקין די מאנן אויש שטעכין זייערע אויגן וועלן מיר ניט גיין · אונ דר בחיי שרייבט זיי האבן גזאגט דו ווילשט אונז בלינד מאכן די אויגן דען מיר זעהן ניט דש דו האשט אונז אויף גבראכט אין דר מדבר צו טייטן אונז · אל תפן אל מנחתם האט משה גזאגט צו גאט דו זאלשט דיך ניט קערין צו זייער קטורת וואש די צוויי הונדרט אונ פופציג מאן וועלן ברייגן · אויך האט משה גזאגט די צוויי הונדרט אונ פופציג מאן האבן איין חלק אין די קרבנות וואש מען ברייגט אלע טאג זאלשטו גאט ניט אן נעמן זייער חלק דש פייער פון דעם מזבח זאל דאס ניט פר ברענן לא חמור אחד מהם נשאתי משה זאגט איך האב קיין שררה שאפט ניט גיוויזן איבר ישראל אפילו ווען איך האב גידארפט איין אייזל צו רייטן פון זייער טובה וועגן האב איך אויך ביי זיי ניט גינומן נאר איך האב גירייטן אויף מיין אייזל ויקהל עליהם קרח את כל העדה קרח האט די גאנצע נאכט גשפעט אונ איז גגאנגן צו אלע שבטים אונ זאגט צו זיי ניט טראכט דאש איך בין נאר אויף מיר אוישן נאר איך רייד פון כל ישראל וועגן דען משה אונ אהרן האבן זיך גאר די שררה שאפט צו גנומן ביז ער האט כל ישראל איבער גרעט · דער בחיי שרייבט ער האט פריער איבר גרעט די בכורים וואש מען האט ביי זיי די עבודה אוועק גנומן אונ מען האט זיא געגבן צו די לוים · אונ צו אנדרע שבטים הט ער גזאגט זעט וואש משה האט גטאן דען ראובן איז איין בכור אזו איז ראוי דאש זיין נשיא זאל פריער מקריב זיין זיין קרבן ביי חנוכת המזבח · אונ משה האט גיהייסן צום ערשטין מקריב זיין נחשון דער נשיא פון שבט יהודה וואש ער איז אינגער פון ראובן הבדלו מתוך העדה הזאת גאט הט גזאגט צו משה אונ צו אהרן שייד אייך אפ פון דער בייזר עדה דען איך וועל פר דארבן כל ישראל איז משה אונ אהרן גיפאלן אויף זייער פנים אונ משה האט גיזאגט רבונו של עולם איין מלך פון דער ערד ווען די לייט טוען ווידער שפעניגן אנטקעגן אים אזו וויישט ער ניט ווער עס איז שולדיג · דרום ברייגט ער אלע אום · אבר דו גאט ווייסט וואול ווער עס האט איין עבירה גטאן דעם דאזיגן טייט דרום האט ער גיזאגט אל אלהי הרוחות כלומר דו וויישט דאך אלע מחשבות אונ אלע דעות פון די מענטשן אונ ווייסט ווער עס טוט ביז הט גאט גזאגט צו משה זאג צו כל ישראל זיי זאלין זיך אפ טאן פון דעם גצעלט פון קרח דתן ואבירם · דר בחיי פרעגט ווארום האט גאט גיהייסן זיי זאלן זיך אפ שיידן פון קרח האט ער דען זיי ניט גקענט מציל זיין חאטשע זיי וועלן שטיין ביי זיי דר תירוץ איז דר אויר וואש קרח מיט זיין הויז גזינט זיינן דרינן גשטארבן הט גשאט צו די לייט וואש זיינן דר ביי גוועזן · אזו וויא מיר גיפינן ביי די ווייב פון לוט דש זיא האט גיזהן דש פייער פון סדום אזו איז זיא גשטארבן פון דעם אויר אונ בייזע ווינטן נאך איין תירוץ איז ווען דר מלאך המות האט רשות צו טייטן אזו טייט ער וועמן ער בגעגינט אויך האט ער דאש גטאן לכבוד די צדיקים דאש זיי זאלין ניט זיין ביי דר מכה · האט משה גיזאגט צו כל ישראל שייד אייך אפ פון קרח אונ פון זיין חברותא אונ נעמט גאר ניט פון זייער גוטש דען דר וואש וועט עפעש נעמן וועט ער ווערן איין גטאן מיט זיי אין דר גרוב · אונ אפילו ווען איינר האט פון לאנג איין נאדיל גיליען פון דעם גיזינט פון קרח האט זיך די נאדיל גיקייקילט ביז אין דר גרוב פון קרח · אונ כל ישראל האבן זיך אפ גשייד פון דעם גצעלט פון קרח אונ דתן ואבירם · האט משה גזאגט

וועז

ווען די לייט ווערן אויף זייער בעט שטארבן
זיא אלע לייט אזו ווערט מען ניט ווישן אויב
זיי זיינן גרעכט אונ אויב ניט · דרום מוז גאט
נייע צייכן ווייזן צו קרח דאש מען זאל ווישן
אז ער איז ניט גרעכט · אונ דרום זאגט משה
ווען עס איז ווארן בשאפן איין מויל צו דר
ערד פון ששת ימי בראשית איז גוט אונ אויב
ניט זאל גאט היינט בשאפן איין מויל צו דר
ערד אונ זיא זאל איין שלינגען קרח מיט זיין
עדה · אזו באלד האט זיך די ערד צו שפאלטן
אונ האט איין גשלונגן קרח אונ זיין עדה מיט
זייערע הייזר אונ זייער גוטש אונ די ערד האט
אויף זיי בדעקט · רש"י אונ דר בחיי שרייבן

קרח ווערט איין גיזונקען :




דיא קריג איז זייער שלעכט דען דש בית דין
וואש אויף דר ערד שטראפט ניט קיין מענטשן
נאר ווען ער איז אלט דרייצעהן יאר אונ איין
נקבה אז זיא איז אלט צוועלף יאר מיט איין
טאג אונ דש בית דין פון דעם הימל שטראפט
ניט ביז דר מענטש איז אלט צוואנציג יאר ·
אבר ביי דר קריג פון קרח הט גאט גשטראפט
אפילו קליינע קינדר אונדי וויגן זיינן אויך איין
גזונקן גווארן · דר בחיי שרייבט פון וועגן דעם

רמב"ן ווארום זאגט די תורה צום ערשטן ותבקע
הארץ די ערד איז ווארן צו שפאלטן · אונ דר
נאך זאגט די תורה ותפתח הארץ את פיה די ערד
האט געפינט איר מויל · דר תירוץ איז צו ווייזן
אז דאש צו שפאלטן פון דר ערד וואס ביי קרח
איז ניט גוועזן אזו וויא אנדרע שפאלטן דען עס
טרעפט זיך צו צייטן דאש די ערד ווערט צו
שפאלטן פון וועגן איין גרוישן שטורים ווינט
אונ עש ווערט דורך דעם איין גרוישער גרוב
אין דר ערד אונ די גרוב בלייבט אפין אבער
די גרוב פון קרח איז גיוועזן איין נס דאש עש
האט זיך געפינט איין גרוישע גרוב אונ האט
איין גישלונגן פיל לייט אונ גיצעלטן אונ דער
נאך האט זיא זיך צו גמאכט אזו וויא מען
מאכט צו איין מויל אונ עס איז ניט גיוועזן
צוא דער קענען וואו עש איז גיוועזן דיא
גרוב · דער בחיי שרייבט די קינדר פון קרח
זיינען ניט ווארין גיטייט דען זיי זיינען אויך
אין דר גרוב ארייין גיפאלין · נאר גאט האט
גימאכט איין הויכין בארג אין דר גרוב זיינן
דרויף גיבליבין די קינדר פון קרח אונ זיינן
ניט אראפ גיפאלין אין גיהנם · דאש זאגט
דר פסוק אין פרשת פנחס ובני קרח לא מתו דיא
קינדר פון קרח זיינען ניט גישטארבין אויך
שרייבט דר בחיי קרח איז ווארין פר ברענט
אין דעם פייער מיט דיא צווייא הונדערט
אונ פופציג מאן וואש האבין מקטיר גיוועזן
קטורת האט זיי איין פייער פאר ברענט אונ
קרח אויך צווישין זייא · אזו האט גאט אים
גיטייט מיט צווייא מיתות · צום ערשטין איז
ער ווארין פאר ברענט אונ דר נאך איז ער
ווארין איין גיזונקען אין דר גרוב פון גיהנם ·
אונ זיינען גיקומען אין דער טיפער גרוב פון
דעם גיהנם וואש הייסט שאול וואש דארטין
איז האלב פייער אונ האלב האגיל אונ שניי ·
אזו שפרינגען די רשעים פון דעם פייער אין
האגיל אונ פון דעם האגיל אין פייער אונ
זיינען זייער מיד אונ האבין אייביג קיין רוא
ניט · אונ די פרשה לערינט אונז דאש דער

ואש קריגט אנטקעגין דער תורה דער האט קיין חלק ניט לעולם הבא · דרום זאגט דער פסוק ויאבדו מתוך הקהל זייא זיינען ווארין פאר לארין פון קהל ישראל דאש זייא האבין ניט קיין חלק לעולם הבא · נסו לקולם דער בחיי שרייבט דאש קרח מיט זיין חברותה האבין זייער גישריען בשעת אז זייא זיינען ווארין איין גיזונקען · דרום זיינען כל ישראל אנטלאפין גיווארין זייא האבין זיך זייער גיפארכטין פאר דעם גישרייא · אונ קרח מיט זיין עדה האבין גישריען משה איז אמת אונ די תורה איז אמת · אזו וויא דיא גמרא זאגט רבה בר בר חנה זאגט איך בין גגאנגן אין דר מדבר האט צו מיר גזאגט איין סוחר קום איך וועל דיר ווייזין דאש ארט וואו קרח איז ווארן איין גיזונקן אין דר ערד · האב איך גיזעהן דאש די ערד איז צו שפאלטן אונ איין רויך גייט ארויש · האב איך גנומן איין שפיז אונ האב אויף דעם שפיז וואל גלייגט אונ האב אין דעם שפאלט ארין גטאן · אזו האב איך ארויש גנומן איז גוועזן די וואל פר ברענט פון דעם רויך האט דר סוחר גזאגט הער וואס זיי זאגין · האב איך גהערט דאש זיי זאגין גאט איז אמת אונ משה איז אמת אונ די תורה איז אמת אונ מיר זיינן ליגנר אונ אזו שרייען דיא רשעים אין גיהנם ווען מען ברענט זיי · אזו זאגן זיי גאט איז גרעכט דען ער בצאלט מדה כנגד מדה אונ וויל קרח האט זיך גוואלט הויך האלטן האט גאט אים נידעריג גמאכט אונ ער איז אין דר ערד ווארן איין גיזונקן אונ די צוויי הונדרט אונ פופציג מאן וואש האבן גבראכט פייער פאנן מיט קטורת אונ זיי זיינן ניט ראוי גוועזן דר צו דרום זיינן אלע ווארן פר ברענט אין פייער פון דאנן זאל זיך איטליכר מענטש אפ לערנן צו זיין גווארינט ניט צו קריגן זיך מיט לייטן · פחים צפוי למזבח גאט הט גבאטן צו מאכן פון די פייער פאנן איין בלעך צום מזבח כדי מען זאל גידייגקן דאס די מענטשן האבן גוואלט קריגן אויף גאט דרום זיינען זיי פאר ברענט גיווארן · כאשר דבר יי ביד משה לו עש זאל צו קיין מענטשן ניט גישעהן אזו וויא צו קרח מיט זיין עדה דאש זיי זיינן איין גיזונקן גיווארן נייערט אזו וויא גאט האט גרעט אויף דער האנט פון משה דאש זיא איז מצורע גווארן וויל ער האט גרעט בייז אויף ישראל אזו אויך וועט איטליכן אוישגיין ווער עס וועט קריגן אויף דער כהונה אתם המתם את עם יי דיא ישראל האבן נאך איין מאל בייז גרעט אויף משה אונ אהרן אונ זאגן איר האט גטייט דאש פאלק פון גאט · פרעגט דר רמב"ן אונ דר בחיי די ישראל האבן דאך גזעהן דאש איין פייער האט זיי פאר ברענט אונ זיי זיינען ווארין איין גיזונקן אונ וואש האבן זיי נאך בייז גרעט דר תירוץ איז די ישראל האבן גיזעהן דאש אהרן איז ראוי צו זיין איין כהן וויל גאט האט זיין קרבן אן גינומן נאר זיי האבן גוואלט די בכורים זאלן היטין אין משכן אונ זינגן גליך וויא די לוים אונ דאש האבן זיי גמיינט אתם המתם את עם יי כלומר ווארום האט איר מבזה גיוועז די בכורים אונ האט גינומען די לוים אויף זייער ארט עש וואלט בעסר גוועז דאש כל ישראל זאלין האבן איין חלק אין דר דינשט פון גאט דען אין איטליכין שבט איז דא בכורים אזו וועט זיין איין כבוד צו כל ישראל אונ ניט צו שבט לוי אליין כי יצא הקצף מלפני יי אזו האט זיך באלד אן גיהויבין איין מגפה אונ עש זיינען גישטארבין פיל פון ישראל דר בחיי שרייבט איין מלאך איז דא וואש הייסט קצף דען אז משה איז ארויף גגאנגן פון דעם הימיל אז די ישראל האבן דאש עגל גימאכט האבין אים בגעגינט פינף בייזע מלאכים אף אונ חמה אונ קצף אונ השמד אונ חרון אזוא האט. משה תפלה גטאן אונ האט דר מאנט אברהם יצחק ויעקב זיינן אוועק גילאפין די בייזע מלאכים דרום בייא דער מגפה קומט דער מלאך קצף אונ וואר פיל טייטין פון די בני ישראל ויעמוד בין המתים ובין החיים אהרן האט גינומן איין פייער פאן מיט קטורת אונ איז גגאנגן צו דר

עדה און האט זיך גישטעלט צווישן דיא לעבעדיגע און צווישן די טויטע און דרום זאגט ער נאך איין מאל ובין דען עש וואלט גינוג גיוועז עש זאל שטיין בין המתים והחיים צווישן די לעבעדיגע און די טויטע נאר דר פסוק ווייזט אונז דאש לעבעדיגע מענטשין זיינן גוועז פאר אהרן און הינטר אהרן און ער איז גשטאנן אין מיטין צווישן זיי · און אויך טויטע זיינן גוועז פר אהרן און הינטר אהרן און ער איז גישטאנן אין מיטן צווישן זיי און מען הט גזעהן וויא באלד אהרן הט גבראכט די קטורת האט די מגפה באלד אויף גהערט דען פריער הט דר מלאך המות גטייט פיל פון ישראל און האט די טויטע אויף איין הויפין גלייגט און די לעבעדיגע זיינן בזונדר גבליבן אבר וויא באלד אהרן איז גקומן מיט די קטורת זיינן די טויטע גבליבן ליגן צווישן די לעבעדיגע דער מלאך המות האט זיך שוין ניט גיקאנט רירן אפילו צו לייגן די טויטע אויף זייער הויפן די חכמים זאגן אהרן האט גיפונן דעם מלאך המות דאש ער האט גטייט פיל לייט · האט אים אהרן אן גינומן ביי די הענט און האט אים מיט גוואלד אויף גהאלטן און האט אים גיזאגט משה האט מיך גישיקט איך זאל דיך אויף האלטן הט דר מלאך המות גענטפערט איך בין איין שליח פון גאט און דו בישט איין שליח פון משה הט אהרן אים גענטפערט טוט דען משה איין זאך אן גאטש דעה · אויב דו ווילשט מיר ניט גלויבן קום אין משכן דארטן איז גאט און משה וועלן מיר פרעגן · זיינן זיי גנאנגן און האבן גפרעגט רש״י שרייבט דרום האט מען די מגפה אויף גהאלטן מיט קטורת וייל די ישראל האבן בייזגרעט אויף די קטורת זיי האבן גזאגט די קטורת זיינן סם המות דען דורך זיי איז וואורן גטייט נדב ואביהוא און די צוויי הונדרט און פופציג מאן. דרום הט משה גיהייסן איצונד ביי דר מגפה נעמן קטורת צו ווייזן דאש קטורת האלט אויף איין מגפה ניט עס טייט נאר דר מענטש טייט זיך אליין ווען

ער איז ניט ראוי צו מקטיר זיין קטורת און איז דאך מקטיר דר ווערט גטייט · און די ישראל האבין נאך בייז גרעט האטשע זיי האבן דריי שטראפונג גיזעהן דאש אטייל פון זיי זיינען פאר ברענט גיווארן · און אטייל זיינן אין דר ערד איין גיזונקן גיווארן · און אטייל זיינן אין דר מגפה גישטארבן האבן זיי דאך בייז גרעט דרום האט גאט גהייסן מאכין איין צייכן מטה מטה לבית אב מען זאל נעמן פון איטליכן שבט איין שטעקן און מען זאל די שטעקן לייגן אין משכן פר דעם ארון און וועלכר שטעקן עש וועט בליען און עש וועט אויף אים אויש וואקסן פירות איבר נאכט דש איז איין סימן דש גאט בגערט דעם שבט צו זיין דינשט אין משכן · דען קרח איז ווארין איין גיזונקן וואש ער איז איין בכור גוועז און די צוויי הונדערט און פופציג מענטשן וואש זיינן פאר ברענט גיווארן זיינן אויך בכורים גוועז אזו האט דש גיוויזן דאש די בכורים זיינן ניט ראוי צו דינן אין משכן נאר אהרן איז ראוי דען ער איז גישטאנן מיט זיין פייער פאן צווישן די צוויי הונדרט און פופצג מאן און איז לעבן גיבליבן פון זיי אלע און פון דעשט וועגן האבן דאך די ישראל בייז גירעט ווארום מען האט פאר ביטן די בכורים אויף די לוים · און דורך דעם איז אויף זיי גיקומן איין מגפה און עש זיינן גשטארבן פערצעהן טויזנט מיט זיבן הונדרט מאן חוץ די וואש זיינן גשטארבן מיט קרח · און נאך דעם אלעמען האבן דאך די ישראל בייזגרעט דרום האט גאט גוויזן איין סימן מיט דעם שטעקן · און גאט האט גיהייסן אויף איטלעכן שטעקן אן שרייבן דעם נאמן פון זיין שבט און אויף דעם שטעקן פון שבט לוי זאל מען שרייבן דעם נאמן פון אהרן דען האטשע זיי זיינן צוויי משפחות כהנים און לוים איז עש גרעכינט פר איין שבט און גאט האט גהייסן דעם שטעקן פון אהרן לייגן אין מיטן דיא שטעקינש כדי מען זאל ניט זאגן וייל דר שטעקן איז גלעגן נאהינט ביי דעם ארון דרום

האט

האט ער גיבליט · דער רמב"ן שרייבט אטייל זאגין מען האט די נעמען פון די שבטים אן גשריבן אויף די שטעקינש ראובן שמעון לוי און אטייל זאגן מען האט די נעמען פון דיא נשיאים אן גישריבין אויף די שטעקינש און אז מען איז גיקומן צו מארגן פון דעם אנדרן טאג האט משה ארויש גינומען די שטעקינש פון פאר גאט האט מען גיזעהן דש אויף דעם שטעקן פון אהרן הט אויש גיוואקסן מאנדלן און דרום איז אויס גיוואקסן מאנדלן צו ווייזן אזו וויא מאנדלן וואקסן גיך אזו ועט גאט גיך שטראפן די וואש וועלן קריגן אויף דר כהונה וירְאו ויקחו איש מטהו הט איטליכר דר קענט זיין שטעקן ווייל זיין נאמן איז דרויף גשטאנן און איטליכר האט זיך אפ גינומן זיין שטעקן און גאט האט גיבאטן מען זאל דעם שטעקן פון אהרן לייגן אין אוהל מועד צו איין סימן צו די בייזע לייט זיי זאלין ניט קריגן אויף דער כהונה · און די ישראל האבן גזאגט מיר זיינן ווארן פר גאנגן מיט דעם פייער פון די פייער פאן און מיר זיינן ווארן פאר לארן מיט דעם שפאלטן פון דר ערד · און מיר זיינן ווארן פר לארן אין דר מגפה דש פערצעהן טויזנט און זיבין הונדערט מאן זיינן גישטארבן און נאך מער וועלין מיר שטארבין דען דר וואש גייט גאהינט צום משכן דר מוז שטארבן און וויא קענן מיר זיך היטן מיר מוזין דאך קומען אין משכן תפלה טאן און קרבנות ברייגגן און וועען איינר גייט צו נעהענטר מיט איין טריט מער וויא מען דארף אזו מוז ער שטארבן · האט גאט געענטפרט אהרן און זיינע קינדר זאלין היטן דאש די ישראל זאלן ניט נאהנט גיין צום משכן און זאלן ניט אן רירין אין ארון און אין שלחן און אין אנדרע כלי קודש · אהרן זאל לערנן צו שבט לוי זיי זאלן ניט אן רירין די כלי קודש · און די לוים זאלן לערנן צו ישראל זיי זאלן ניט קומען צו זייער ארבעט צו היטין אין משכן · לכם מתנה גאט זאגט איך האב גיגעבן די לוים צו די כהנים פאר איין מתנה

זיי זאלן היטין דאש משכן כדי דאש קיינער פון ישראל זאל ניט קומן צו דינן אין משכן און חאטשע שמואל הנביא איז איין לוי גוועזן און האט אליין איין קרבן מקריב גיוועזן דאש איז נאר איין מאל גיוועזן ווייל עס איז גאנץ נייטיג גיוועזן · עבודת מתנה איך האב אייך גיגעבין דיא לוים צוא איין דינשט פון כבוד און ניט צוא ארבעטין מיט זייא אזו וויא בעלי מלאכות וואש ארבעטין שווערע ארבעט און מיאוסע · ואני הנה נתתי לך את משמרת תרומתי רש"י שרייבט די תורה האט גישטעלט נאך דער קריג פון קרח מען זאל געבין תרומות און מעשרות עש איז איין משל איין מלך האט גיגעבן איין פעלד צוא זיין ליב האבער און האט קיין שטר ניט גישריבין און גחתמת דאש פעלד זאל זיין זיינע אזוא זייגען גיקומען לייט און האבין דרויף גיקריגט און זאגין דאש פעלד איז ניט דיין אזו האט דר מלך גישריבן איין שטר און האט זיך גיחתמת און זאגט היינט לאז וער קריגין דרויף אזו אויך דיא ישראל האבין גיקריגט אויף דער כהונת דרום האט גאט גיזאגט איך וועל דיא זאך שטארק מאכין דאש דיא כהונה זאל בלייבן צוא אהרן מיט זיינע קינדער · און האט גיבאטין מען זאל זיי געבן תרומות ומעשרות אלע פיר און צוואנציג מתנות כהונה · אין דר פרשה איז גיוויזין וואס פר איין שלעכטע זאך איז קריג דען דיא לייט זייגען ווארין גישטראפט פון דעם הימיל און פון דר ערד דען דאש פייער וואש האט זיי פאר ברענט איז גיקומען פון דעם הימיל און דער נאך האט זיי דיא ערד איין גישלונגען און דרום זאל מען זיך היטין פון צו קריגין מיט לייט · דער תולדות יצחק שרייבט פיל נסים זייגען ווארין גישעהען בייא דעם שטעקין פון אהרן · דאש ערשטער נס איז גיוועזן דאש צווייא בליאונג איז גיוועזן אויף דעם שטעקין · איין בליאונג איז אפ גיפאלין און

עש

עש האט מאנדלען דרויף גיוואקסין · אונ דאש אנדערע בליאונג איז גיבליבין אייביג אויף דעם שטעקין אונ מען האט גיזעהען דעם שטעקין מיט זיין בליאונג אין משכן · אונ נאך איין נס איז גיוועזן דאש צווייא מאנדלען זיינען אויף דעם שטעקין גיוועזן איינר אויף דער רעכטר זייט אונ איינר אויף דער לינקער זייט דר מאנדיל פון דר רעכטר זייט איז גיוועזן זיס אונ דער מאנדיל פון דר לינקער זייט איז גיוועזן ביטער · אונ ווען ישראל האבין עבירות גיטאן האט דער מאנדיל פון דער רעכטער זייט זיין פארב פארלארין אונ איז גיווארין בלייך אונ דארי · אונ דער מאנדיל פון דער לינקער זייט איז גיווארין שיין אין זיין פארב אונ איז גיוועזן פייכט · אונ ווען ישראל זיינען פרום גיוועזן איז דער מאנדיל פון דער רעכטר זייט שיין גיוועזן אין זיין פארב אונ דר מאנדיל פון דר לינקער זייט איז פאר דארט אונ בלייך גיוועזן אזו האט מען אין דעם שטעקין גיקענט דער קענען ווען ישראל זיינען בייז אדער פרום :

# הפטרת קרח

ויאמר שמואל אל העם שמואל האט גיזאגט צום פאלק לאמיר גיין קיין גלגל אונ מיר וועלין דארטין באנייען די מלוכה פון שאול דען עש איז גיוועזן פיל פון ישראל וואש האבין שאול מבזה גיוועזן אונ האבין גיזאגט וואש וועט ער אונז העלפין אבער איצונד אז ער האט זייא גיהאלפין פון דעם מלך נחש אזו האבין אים כל ישראל אויף גינומען צו איין רעכטין מלך אונ האבין גיבראכט קרבנות צו גאט אונ זיינען זייער פריליך גיוועזן האט שמואל צו זיי גיזאגט איך האב גיטאן אייער ווילין אונ האב אייך גיגעבין איין מלך · אונ היינט וועט דער מלך גיין פאר אייך דען איך בין אלט [illegible] חכמים זאגין שמואל איז נאר אלט גיוועזן [illegible] פופציג יאר אז ער איז גישטארבין נא[illegible] גאט האט אים גרייז גרא גימאכט מען זאל מ[illegible]נען ער איז זייער אלט בדי מען זאל ניט זאגין אזו איין צדיק וויא שמואל זאל אזו יונג שטארבין ער האט גימוזט טאן עבירות אונ אין אמת האט שמואל תפלה גיטאן ער זאל שטארבין אונ זאל ניט זעהען וויא שאול וועט שטארבין בייא זיין לעבין דרום האט אים גאט גרייז גרא גימאכט הנני ענו בי נגד יי ונגד משיחו שמואל זאגט איך האב אייך גידינט פון מיין יוגינט אן ביז אהער היינט זאגט פאר גאט אונ פאר שאול המלך בייא וועמען האב איך גינומען איין אקס אדער איין אייזיל ביי וועמען האב איך גיגזלת אדער ביי וועמען האב איך גינומען מיט זיין גוטין ווילין דאש איך זאל אים איין בעטין ער זאל מיר עפעש שיינקען אדער פון וועמען האב איך שוחד גינומען איך זאל מיינע אויגין פאר הוילין פון אים אונ זאל אים ניט רעכט משפטין זאגט מיר איצונד אזו וועל איך אייך אום קערין ויאמרו לא עשקתנו האבין זיי גיזאגט דו האסט אונז ניט בגזלת אונ האסט אונז ניט גיבעטין מיר זאלין דיר עפעס שיינקען אונ האשט פון קיין מאן פון אונז קיין זאך ניט גינומען האט שמואל גיזאגט גאט זאל זיין איין עדות אונ שאול המלך זאל אויך זיין איין עדות דאש איך האב אייך קיין אום רעכט ניט גיטאן ויאמר שמואל אל העם האט שמואל גזאגט צום פאלק גאט וואש ער האט באשאפין משה אונ אהרן אונ האט אייך אויף גיבראכט פון מצרים דורך זיי דער זאל אויף מיר עדות זאגין אונ וויל שמואל האט גיוואלט שטראפין די ישראל דרום האט ער פריער גיזאגט איב איר וועט וועלין צו מיר זאגין איך האב אייך בגזלת אונ וויא זאל איך אייך שטראפין עש איז ניט רעכט דר וואש האט בייזע מעשים אין זיך זאל אנדערע לייט שטראפין דרום היינט אז איר זאגט אז איך האב ביי אייך ניט גינומען אזו מעג איך אייך שטראפין קומט אהער מיר וועלין דער ציילין די טובות וואש גאט האט גיטאן מיט אייך אונ מיט אייערע עלטערין צום ערשטין האט יעקב גינידרט קיין מצרים אונ די מצרים האבין גיארבעט מיט די ישראל אזו האבין אייערע עלטערין גישריען צו גאט האט גישיקט משה אונ אהרן אונ זיי האבין אויש גיצויגין די ישראל פון מצרים אונ גאט האט זיי בא[illegible]עצט אין דעם [illegible] לאנד אזו האבין זיי פאר געסין אין גאט האט גאט ז[illegible]

איבר

איבר געוועטפערט אין דר האנט פון סיסרא אונ אין דר האנט פון פלשתים אונ אין דר האנט פון מואב ויזעקו אל יי זיי האבין געשריען צו גאט אונ האבין געזאגט מיר האבין געזינדיגט אונ האבין געדינט עבודת כוכבים אונ היינט בעטין מיר דיך לייז אונז אויס וועלין מיר דיך דינען אזו האט גאט געשיקט גדעון אונ שמשון הגבור אונ יפתח אונ שמואל אונ זיי האבין איך מציל געוועזן פון די בייזע עובדי כוכבים · די חכמים לערנען פון דאנען אפ דאש איטליכין ראש הקהל אין זיין דור אדער רב אדער איין דין זאל מען חשוב האלטין מען זאל ניט זאגין ער איז ניט גלייך צו יענעם וואש איז פריער געוועזן אונ מען דארף אים ניט חשוב האלטין דאש טאר מען ניט דען מיר זעהען דא אין פסוק דאש ער רעכינט משה אונ אהרן אונ שמואל וואש זיינן פריער פרום געוועזן אונ זיינן ווארין געזעצט איבר ישראל אונ גלייכט צו זיי גדעון אונ שמשון אונ יפתח וואש זיינען אויך ווארין געזעצט איבער ישראל חאטשע זיי זיינען ניט גלייך געוועזן צו משה אונ אהרן אונ שמואל פון דעסט וועגין רעכינט זיי דר פסוק ביי אנאנדער צו ווייזין דאש מען זאל איטליכין רב אין זיין דור אזוא ערליך האלטין אזו וויא דעם גרוישין רב וואש איז געוועזן אין יענעם דור די חכמים לערנען פון דאנען אפ דאש די נביאים ריידין מיט זייער מויל די נבואה אונ ווייסין ניט וואש זיי זאגין אזו וויא שמואל האט אליין גירעט אונ זאגט משה אונ אהרן אונ שמואל אונ ער וואלט גידארפט זאגין משה אונ אהרן אונ איך נאר ער האט ניט געוואוסט וואש ער רעט דען די שכינה האט פון זיין מויל גירעט חאטשע ער איז געוועזן איין האר איבער אלע נביאים דאך האט ער ניט געוואוסט וואש ער רעט ותראו כי נחש מלך בני עמון בא עליכם אונ איר האט געזעהען דאש דער מלך פון עמון קומט אויף אייך האט איר צו מיר געזאגט איך זאל אייך מאכין איין מלך אונ גאט איז דאך אייער מלך אזו וואלט איר ניט גידארפט וועלין קיין מלך נאר פון דעסט וועגין האט אייך גאט געגעבין איין מלך דאש איז שאול חאש ער איז איצונד פאר אייך אם תיראו את יי אויב איר וועט

אייך פארכטין פאר גאט אונ וועט האלטין זיינע מצות אזו וועט איר מיט אייער מלך איין קיום האבין פאר גאט ואם לא תשמעו אונ אויב איר וועט ניט צו הערין אין קול פון גאט אונ איר וועט ווידער שפעניגין אנטקעגין זיינע רייד אזו וועט גאטש שלאק זיין אין אייך אזו וויא אין אייערע עלטערין דען קומט אונ זעהט די גרושע זאך וואש גאט וועט איצונד טאן פאר אייערע אויגן דען עש איז היינט די צייט וואש מען שנייט ווייץ אונ דר צו איז שלעכט רעגין אונ איך וועל תפלה טאן וועט גיין רעגין אונ גאט איז ניט גערין צו הערין צו בייז דרינן קענט איר ווישין דאש איר האט פיל געזינדיגט פאר גאט וואש איר האט אייך באגערט איין מלך · האט שמואל תפלה גיטאן איז גיגאנגן איין גרוישר רעגין מיט דונערן אונ בליצן אזו האבין די ישראל זיך זייער גיפארכטין פר גאט אונ פר שמואל ויאמרו כל העם אל שמואל אונ דאש גאנצע פאלק האבין געזאגט צו שמואל בעט גאט מיר זאלין ניט שטארבין וויל מיר האבין בייז גיטאן פר גאט וואש מיר האבין זיך באגערט איין מלך דען גאט איז אונזר מלך ויאמר שמואל אל העם אל תיראו האט שמואל געזאגט צום פאלק פארכט אייך ניט נייערט זייט ווייטער פרום אונ דינט גאט מיט דעם גאנצין הארצין אונ גייט ניט נאך דר עבודת כוכבים וואש קאן ניט העלפין אונ קאן ניט מציל זיין כי לא יטוש יי את עמו דען גאט וועט ניט פר לאזין זיין פאלק פון וועגין זיין גרויסין נאמען כדי מען זאל ניט זאגין ער קען זיי ניט העלפין דרום מוז ער זיי העלפין כדי זיין נאמען זאל ניט פר שוועכט ווערין · דר ילקוט פרעגט אויף איין ארט שטייט בעבור שמו הגדול גאט טוט אונז ניט פר לאזין פון וועגין זיין גרויסן נאמען אונ אויף איין אנדר ארט שטייט כי לא יטוש יי את עמו גאט טוט אונז ניט פר לאזין וויל מיר זיינען זיין פאלק אונ זיין ארב דר תירוץ איז אין חוצה לארץ טוט גאט אונז ניט פאר לאזין וויל מיר זיינען זיין פאלק אונ אין ארץ ישראל טוט גאט אונז ניט פאר פאר לאזין פון וועגין זיין גרויסן נאמען אזו זאלין מיר זוכה זיין דאס גא[illegible]ל אונז ניט פר לאזין פון [illegible] זיין ה[illegible]גין נאמען אמן:

**זאת** חוקת התורה דיא תורה האט דרום אן גישריבן דאש ווארט חוקת דאש איז טייטש דיא פרה אדומה איז איין גיזעץ אונ איין גיבאט פון גאט אן איין טעם · אונ אטייל חכמים זאגין גאט האט גיבאטין צו מאכין דיא פרה אדומה זיא זאל זיין איין כפרה אויף דעם עגל וואש ישראל האבין גימאכט אין דער מדבר עש איז איין משל איין קינד פון דר שפחה האט איין גידריכט דעם פאלאץ פון דעם הערין זאגט דער הער לאז קומען דיא מוטער אונ זאל ריין מאכין דעם פאלאץ אזו אויך זאל קומען דיא קוא אונ זאל זיין איין כפרה אויף דעם קאלב וואש ישראל האבין גימאכט אונ אזו וויא ישראל האבין זייערע אויער רינגען אונ נאז באנדין פון גאלד גיגעבין צום עגל אזו זאלין זייא אלע געלט געבין צו קויפין איין פרה אדומה אונ דיא פרה איז גיוועזן רויט צו מכפר זיין אויף דעם עגל וואש איז ווארין גימאכט פון גאלד וואש איז רויט אונ זיא איז גיוועזן גאנץ אן איין מום ווייל די ישראל זיינען פריער גאנץ גיוועזן אן איין מום אונ אז זייא האבין דאש עגל גמאכט האבין זיי גיקריגן איין מום אין זייער נשמה אונ דורך דער פרה וועלין זייא ווידער זיין גאנץ אן איין מום · אונ דרום האט אלעזר עוסק גיוועזן אין דער פרה אדומה ניט אהרן ווייל ישראל האבין זיך איין גיזאמילט אויף אהרן צו מאכין דאס עגל אונ ווייל ער האט גמאכט דאש עגל דרום האט ער ניט גדארפט מאכין די פרה אדומה אונ מען האט די פרה פאר ברענט אזוא וויא מען האט דאס עגל פאר ברענט אונ מען האט גינומען צו דער פרה אדומה איין בוים פון טענען האלץ אונ איין רויטין פאדים אונ ווערמעל זייד אונ אקרייטער אזוב די דריי זיינן יען אנטקעגן די דריי טויזנט מאן וואש זיינען גיפאלין פון ישראל איבר דעם עגל אונ דר טענען בוים איז דר העכשטער פון אלע בוימר אונ דר אזוב איז דאש נידעריגשטע פון אלע בוימר

צו ווייזן דר וואש האט עבירות גיטאן וואש דאש קומט ווייל ער האט זיך הויך גיהאלטן זאל ער זיך נידעריג האלטין אזו ווערט אים גאט מוחל זיין אונ דאש אש פון דער פרה אדומה האט מען אייביג גיהאלטין אזו וויא די עבירה פון דעם עגל איז ניט ווארן מוחל ביז אייביג דען גאט באצאלט אויף דר עבירה אין אלע דורות אונ אזו וויא דאש עגל האט ישראל מטמא גיוועזן ווייל עש איז איין עבודת כוכבים גיוועזן אזו האט דיא פרה מטמא גיוועזן ווער עש האט אין איר עוסק גיוועזן אונ אזו וויא מען האט פאר ברענט דאש עגל אונ מען האט דאש אש פאר שפרייט אויף וואסער אזו האט מען ביי דר פרה אויך גיטאן צוא רייניגן דיא לייט אונ אויף דער פרה אדומה האט שלמה המלך גזאגט איך האב גימיינט איך בין גאנץ קלוג אבר די חכמה פון דר פרה אדומה קאן איך ניט פאר שטיין חאטשע דר פסוק זאגט דאש שלמה איז קליגער גיוועזן פון דיא בני קדם וואש זייער חכמה איז מיט דיא מזלות אין הימיל אונ טוען חכמות מיט די פויגיל וואש פליהען אונטער דעם הימיל אונ אויך איז שלמה קליגער גיוועזן פון די מצרים דען אז שלמה המלך האט גיוואלט בויען דעם בית המקדש האט ער גישיקט צום מלך מצרים ער זאל אים שיקען בעלי מלאכות צוא מויערין דאש בית המקדש ווייל דארטין איז דא גוטע בעלי מלאכות אויף מויערין האט דר מלך מצרים איין גיזאמילט זיינע שטערן זעהר זיי זאלין זעהען וועלכער מענטש עש ווערט דאש יאר שטארבן די האט ער גשיקט צוא שלמה המלך · אונ וויא באלד שלמה האט זיי דר זעהען האט ער גיזאגט די אלע זיינען מויטע לייט דען ער האט דר קענט דאש זיי וועלין דאש יאר שטארבין אזו האט ער זיי גימאכט תכריכין אונ האט זייא אפ גישיקט צום מלך מצרים אונ האט אים גיהייסן זאגן האסטו דען ניט קהאט תכריכן

צו באנגראבין זיי וואש דו האשט זיי גשיקט צו מיר · אונ אויך איז שלמה קליגער גיוועזן פון אדם הראשון וואש ער איז קליגער גיוועזן פון מלאכים דען אז גאט האט גיוואלט בשאפין דעם מענטשן האט ער זיך בראטין מיט די מלאכים האבין די מלאכים צו אים גיזאגט נאך וואש זאלסטו באשאפין דעם מענטשין ער זאל זינדיגין פאר דיר האט גאט גיזאגט ער ווערט זיין קליגער פון אייך אזו האט גאט איין גיזאמילט אלע חיות אונ עופות אונ פרעגט די מלאכים וויא אזו מען זאל זיי איין נאמען געבין האבין זייא ניט גיוואוסט וואש צו ענטפערין אונ אז גאט האט בשאפין דעם מענטשין האט ער אים גיפרעגט וויא אזו מען זאל זיי רופין האט ער איטליכין איין נאמען גיגעבין וואש איז גאט גיפעלין האט גאט אים גיפרעגט וויא זאל מען דיך רופין זאגט ער אדם ווייל איך בין וואָרין בשאפין פון דר ערד האט אים גאט גיפרעגט וויא אזו איז מיין נאמען זאגט ער אדני ווייל דו בישט דר האר פון אלע וועלטין אונ שלמה המלך איז קליגער גיוועזן פון אברהם אונ פון משה רבינו אונ פון יוסף הצדיק דען דענשט מאל אז מען האט גזאלט יוסף צו איין שליט מאכין אזו האט מען אן גישריבין זיבעציג בריב אויף אלע זיבעציג לשונות אונ יוסף האט זייא גיקענט לייענן אונ האט זיי פאר שטאנן אונ לשון הקודש האט יוסף גיקענט נאך מער פון די מצרים דען זייא האבין קיין לשון הקודש ניט גיקענט אונ די מצרים זיינן ניט גערין גוועזן דאש יוסף זאל איין שליט ווערין דרום האבן זיי אים גיפרובט מיט די בריב נאר גאט האט גשיקט גבריאל האט ער אים אויש גלערינט אלע זיבעציג לשונות אונ שלמה המלך איז קליגער גיוועזן פון זייא אלע אונ האט דאך ניט גיקענט פאר שטיין דעם טעם פון דער פרה אדומה הנוגע במת הוא יתחטא פון דאנען לערנן מיר אף וועזן איינער האט מלוה גוועזן

אמת זאל ער זייגע העט וואשין אויך דייזט דר פסוק דאש די מתים וועלין אויף שטיין צו תחית המתים אונ גאט ועט שפריינגין ריין וואשער אויף ישראל צו ריינגין זיי אונ דרום רייסין מיר אויש גראז אויף דעם בית הקברות צו ווייזן אזו וויא דאש גראז וועֶרט פאר נאכט פאר דארט אונ אין דער פריא וואקשט עש ווידער פון דר ערד אזו וועלין די מתים אויף שטיין צוא תחיית המתים · אדם כי ימות באוהל רבי יוחנן זאגט איין מענטש זאל זיך ניט פאר מיידין פון דר תורה אפילו בשעת מיתה רבי שמעון בן לקיש זאגט די תורה הט מעהר קיין קיום ניט נאר ביי דעם מענטשין וואש לאזט זיך טייטין פון וועגין דער תורה · ותמת שם מרים מרים איז אויך גישטארבין דורך דעם קושין פון גאט נאר דר פסוק שטעלט עש ניט ווייל זיא איז איין אשה גיוועזן רבי ינאי זאגט דרום שטייט די מיתה פון מרים נאהנט ביי דער פרשה פון פרה אדומה צו ווייזן דאש דיא מיתה פון צדיקים איז מכפר אויף ישראל אזו וויא די פרה אדומה איז מכפר · ולא היה מים לעדה פערציג יאר האבין ישראל גיהאט וואשער פון וועגין דעם זכות פון מרים אונ אז זיא איז גישטארבין האבין ישראל קיין וואסער ניט גיהאט דען דיא פרומע ווייבער זייגען גיגליכין צו איין קוואל ברונען אזו וויא איין קוואל ברונען מער מען שעפט פון אים מער וועֶרט אין אים וואסער · אזו אויך די ווייבר מער זייא גיבין צדקה אונ טוען גמילות חסדים מיט זייער געלט · מער האבין זייא פיל געלט · אונ מיר גיפינן דאש צו אונזרע עלטערין האט זיך באוויזן זייער זיווג ביי דעם ברונען · יצחק האט גישיקט אליעזר · איז אים רבק אנטקעגין גיקומען ביי דעם ברונען · יעקב איז אים רחל אנטקעגן גיקומן ביי דעם ברונען · משה האט צפורה בקומן ביי דעם ברונן · דען די ווייבר האבין ווייניג מצות נאר צדקה צו געבין דרום זייגען זייא

דער

דר מיט גיגליכן צו אין ברונען · אונ וויא באלד דר ברונען האט זיך אפ גיטאן האבן זיך כל ישראל איין גיזאמילט אויף משה אונ אהרן · אונ זיי האבן גיטריערט אויף מרים האט גאט צו זיי גיזאגט ווייל איר זייט אבלים זאלין כל ישראל שטארבין פאר דארשט שטייא אויף אונ נעם דעם שטעקין אונ גיב וואסער צו ישראל · קח את המטה נעם דעם שטעקין · דער שטעקין איז גיוועזן אין דער האנט פון יעקב דאש ער האט גיזאגט מיט מיין שטעקין בין איך איבער גיפארין דעם ירדן · אונ דר שטעקין איז גיוועזן אין דער האנט פון יהודה דאש תמר האט צוא אים גיזאגט גיב מיר דעם שטעקין פון דיין האנט פאר איין משכון · אונ דר שטעקין איז גוועזן אין דר האנט פון משה דאש ער האט מיט אים גיטאן אלע צייכין אונ וואונדער אין מצרים · אונ דר שטעקין איז גיוועזן אין דר האנט פון אהרן דאש ער האט אים גמאכט פאר איין שלאנג צו פרעה אונ דר שטעקין איז גיוועזן אין דר האנט פון דוד המלך וואש ער האט מיט אים גיהרגת גלית הפלשתי אונ דר שטעקין איז גיוועזן אין דער האנט פון אלע מלכים ביז דאש בית המקדש איז חרוב גיווארין · אונ דער שטעקין וועט זיין אין דער האנט פון משיח אונ ער וועט די רשעים מיט אים שלאגין אנחנו ובעירנו וואול צו די צדיקים וואש זייערע בהמות זיינען אויף זיי גיליבט גלייך וויא זייער גוף דען זיי האבין גיזאגט לאזין מיר ניט שטארבין פאר דארשט מיר אונ אונזערע בהמות אונ אויך אזו גיפינען מיר בייא יעקב דאש ער האט גיזאגט צוא יוסף גייא זעה דעם שלום פון דיינע ברידער אונ דעם שלום פון די שאף · והשקית את העדה ואת בעירם גאט זאגט צו משה דוא זאלשט אוים ציהען וואסער פון דעם שטיין צוא אן טרינקען די עדה אונ זייערע בהמות פון דאנן לערנען מיר אפ דאש גאט האט חס אויף דעם געלט פון ישראל דען ער גלייכט די בהמות צו זיי מיט וואסער געבין אל פני הסלע משה האט איין גיזאמילט כל ישראל פאר דעם שטיין אונ דאש איז גוועזן איין גרוישער נס אז דאש ארט פון דעם שטיין וואש איז גאר קליין גיוועזן זיינען ארום אים גישטאנען כל ישראל · אונ עש איז גיוועזן צווישין ישראל פיל רשעים וואש האבן גיזאגט צו משה דו ביסט גיוועזן איין פאסטוך פערציג יאר אין דער מדבר דרום ווייסטו דאש דר שטיין האט אין זיך וואסר אונ דרום שלאגסטו אים צו געבין וואסער אבער עש איז ניט קיין נס אזו האט גאט אויף זייא גיצערינט אונ האט אויש גיצויגין פיל וואסר פון דעם שטיין אונ האט דר טרונקען פיל רשעים אזו וויא ביי דעם מבול ודברתם אל הסלע איר זאלט ריידין צום שטיין ער זאל געבין וואסער נאר זיי האבין אים ניט דער קענט דען וויא באלד דר ברונן האט זיך אפ גיטאן איז דער שטיין אוועק גיגאנגען אונ האט זיך בזעצט צווישין אנדערע שטיינר אונ זיי האבין ניט גיוואוסט וועלכער ער איז אזו האבין די ישראל גיזאגט צו משה ווען גאט האט אונז גיהייסין וואסער געבין אזו גיב אונז וואסער פון וואש פאר איין שטיין עש איז האט משה אין זיי אן גישריען אונ האט צו זיי גיזאגט איר ווידער שפעניגר קען איך דען אייך געבין וואסער פון אזו איין שטיין וואש גאט האט ניט גיבאטין ויך את הסלע במטהו פעמים אונ משה האט גישלאגין דעם שטיין מיט זיין שטעקין צווייא מאל דען פון דעם ערשטין קלאפ איז נאר גיגאנגען וואסער טראפין וויים ווייל ער האט ניט גיפונען דעם רעכטין שטיין אזו האט משה גירעט צו איין אנדערין שטיין ער זאל וואסר געבין דען ער האט גימיינט דאש איז דר שטיין · אונ דער שטיין האט קיין וואסר ניט גיגעבין · האט משה גימיינט מען מוז אים שלאגין אזו וויא בייא דעם ערשטין מאל · אונ האט אים אן גיהויבין צו שלאגין אזו האט גאט צו גישיקט

משה שלאגט דעם שטיין און עס לויפט זיך וואשער:



דעם רעכטין שטיין און ווייל משה איז געבאטין געווארין ניט צו שלאגין דעם שטיין דרום האט דר שטיין ניט געוואלט געבין קיין וואסר דורך דעם שלאגין נאר אז משה האט אים גישלאגין דאש אנדערע מאל האט ער פון כבוד משה וועגין שוין גיגעבין גינוג וואסער און משה האט אויס גיצויגין וואסער פון אין מיטין שטיין כדי די ישראל זאלין ניט זאגין עש איז איין קוואל אונטער דעם שטיין דרום האט ער זיי גיוויזין דאש עש איז איין נס דען עש גייט וואסער פון אין מיטין שטיין און די וואסער האט גירונען פיל טייכין ווייט און ברייט דען עש איז ניט מיגליך גיוועזן כל ישראל מיט זייערע בהמות זאלין טרינקען פון דעם שטיין אליין און גאט האט געהייסן משה זאל אליין כל ישראל מיט זיין האנט אן טרינקען כדי צו ווייזין דעם גרויסין נס נאר דיא ישראל זיינען זייער דארשטיג געוועזן און האבין גיהיילט אליין צו טרינקען יען לא האמנתם בי להקדישני גאט זאגט צו משה און אהרן ווייל איר האט אין מיר ניט גיגלויבט צו הייליגין מיך אנטקעגין ישראל דרום וועט איר ניט קומען קיין ארץ ישראל און האטשע משה האט גירעט אנטקעגין גאט אז דיא ישראל האבין גיוואלט פלייש האט משה גיזאגט צו גאט ווען אפילו דו וועשט זיי אלע שאף און אלע רינדער קוילין וועט דען זיי גינוג זיין און דאש איז איין גרוישע עבירה צו זאגין דאש גאט קען ניט גינוג פלייש געבין מער וויא דאש וואש, ער האט ניט גירעט צום שטיין נאר ער האט אים גישלאגן · און ווארום האט גאט דריבער ניט גישטראפט צו משה ער זאל שטארבין אין דער מדבר דאש איז ווייל די עבירה פון דעם שטיין איז גיוועזן פאר כל ישראל · איז דאש גוועזן איין חילול השם · און אויף אלע עבירות איז גאט מוחל נאר אויף דר עבירה פון חילול השם איז גאט ניט מוחל · און דאש איז גיוועזן דער חילול השם דען ווען ער וואלט גירעט צום שטיין ער זאל געבין וואשר און ער וואלט גיגעבין וואלטין כל ישראל גיזאגט ווען איין שטיין וואש רעט ניט און הערט ניט טוט דעם ווילין פון גאט מכל שכן מיר ריידין און הערין און מיר דארפין גאט זאל אונז געבין עסין דארפין מיר בוודאי טאן דעם ווילין פון גאט אזוא וואלט עש גיוועזן איין קידוש השם · און אטייל חכמים זאגין די עבירה פון משה איז גיוועזן דאס ער האט גיצערינט אנטקעגין ישראל און האט זייא גירופין ווידער שפעניגער דען די מדה פון צערענען איז דיא ערגשטע מדה פון אלע מדות און אז די ישראל האבין גיזעהן דאש משה איז ברוגז ביי דר וואשער האבין זייא גימיינט דאש גאט האט צו משה אויך מיט רוגז גיענטפערט צו געבין וואשר גליך וויא עש איז שווער ביי גאט צו געבין וואשער דען ווען מען וויל עפעש פון איינעם האבין און ער האט עס ניט צערינט ער וואש מען באגערט עש פון אים דרום איז גאט אויף משה ברוגז גיוועזן און האט גישווארין ער זאל ניט קומען קיין ארץ ישראל · און

חאטשע משה האט גרוישע תפלות גיטאן האט דאש אים ניט גיהאלפין ווייל גאט האט גישווארין • אונ אטייל חכמים זאגין זייער עבירה איז גיוועזן וואש זייא האבין גיזאגט נוציא לכם מים מיר ווערין אייך אויש ציהען וואשער אזו האבין ישראל גימיינט דאש משה אונ אהרן ציהען אויש וואשער פון דעם שטיין מיט זייער חכמה אונ עש איז ניט קיין נס דרום איז גאט אויף זייא ברוגז גיוועזן ווייל זיי האבין זיך הויך גיהאלטין אונ האבין די גדולה אן גיהאנגען אין זיך • אונ משה האט גיבעטין גאט ער זאל אן שרייבין וואש פאר איין עבירה ער האט גיטאן כדי מען זאל ניט זאגין ער איז דרום גישטארבין אין דער מדבר גלייך וויא אלע ישראל ווייל ער האט אזוא איין עבירה גיטאן וויא כל ישראל • דרום שטייט ווייל איר האט ניט גיגלויבט אין מיר צו הייליגין מיך פאר כל ישראל וועט איר ניט קומן קיין ארץ ישראל אונ גאט האט גיזאגט צו משה זעקס הונדערט טויזינט מאן האשטו אויש גיצויגן פון מצרים אונ זיי זיינען אלע גישטארבין אין דר מדבר נאר זייערע קינדער ווערין קומען קיין ארץ ישראל • דרום מוזטו שטארבין אין דער מדבר אונ זאלשט ביא זייא ליגין כדי דוא זאלשט זייא ברייגען אין די טעג פון משיח קיין ארץ ישראל אזוא זאגט רבי חמא בן חנינא גאט האט גיזאגט דאש פאלק וועשטו ניט בריינגען קיין ארץ ישראל אבר איר וועט ברייגען כל ישראל אין דיא טעג פון משיח קיין ארץ ישראל • המה מי מריבה דאש איז די וואשער וואש משה איז ווארין דורך איר גישלאגין דען די שטערין זעהער פון פרעה האבין גיזאגט צו פרעה עש וועט גיבארין ווערין איין העלפער צו ישראל אונ ער וועט גישלאגין ווערין דורך וואשער דרום האט פרעה גיהייסין אלע זכרים פון ישראל ווארפין אין טייך ארין כדי מען זאל דעם העלפער אויך אין טייך ארין ווארפין אבר זיי האבין ניט גיוואוסט אז דאש וואשער איז גימיינט דיא עבירה פון דעם שטיין • ויקדש בם ווייל משה אונ אהרן זיינען גישטארבין איז גאט ווארין גיהייליגט דורך דעם דען דיא רשעים האבין גיזאגט ווען גאט טוט דין אונ משפט אין די צדיקים מכל שכן דאש ער וועט אונז שטראפין וישלח משה מלאכים משה האט גישיקט שלוחים צום מלך אדום צו זאגין אים ער זאל לאזין דיא ישראל דורך גיין דורך זיין לאנד אונ חאטשע משה איז גישטראפט גיווארין דורך ישראל וואלט ראוי גיוועזן ער זאל זייא ניט באדינגען מיט שלוחים פון זייערט וועגין • פון דעסט וועגין האט ער דאך גישיקט שלוחים צום מלך אדום אונ אזו האט משה צוא אים גיזאגט דו בישט דאך אונזער ברודער פון יעקב מיר האבין גיזאלט ביידע זיין אין גלות מצרים דען אויף אונז ביידע האט גאט גיזאגט צוא אברהם דיינע קינדער ווערין זיין גרים אין איין פרעמדע לאנד אונ דרום האט זיך דיין פאטער אפ גישייד פון יעקב דען ער האט ניט גיוואלט ליידין קיין גלות אונ צו אונז האט מען שלעכטש גיטאן אין מצרים וישמע קולנו אונ גאט האט צו גיהערט אונזר קול • דען אונזער פאטער יצחק האט גיבענטשט אונזער פאטער יעקב מיט הקול קול יעקב דאש מיר ווערין שרייען אין אונזר תפלה אונ תורה דורך דעם וועט אונז גאט אויש לייזין פון דיא צרות • נעברה נא בארצך מיר ווערין איבער פארין דיין לאנד אונ פאר זאג עש אונז ניט • דען ווייל דו האשט אונז ניט גיהאלפין ליידין דעם גלות דרום העלף אונז היינט מיט דער קלייניר זאך לא נעבור בשדה ובכרם מיר ווערין ניט איבער פארין איבער איין פעלד אונ ניט איבער איין ויין גארטין • ולא נשתה מי באר אונ מיר ווערין ניט טרינקען דיא וואשער פון אונזער ברונעם כלומר חאטשע מיר האבין מן צו עסין אונ אונזר ברונעם צו טרינקען פון דעסט וועגין

וועלין

הלין מיר דער פון ניט עסין אונ טרינקען · נאר מיר וועלין פון אייך פאר געלט קויפין וואשער אונ ברויט צו געבין אייך געלט צו לייזין · פון דאנען לערנען מיר אפ ווען איין מענטש קומט אויף איין הארבעריג תאטשע ער האט מיט זיך צוא עסין אונ צוא טרינקען זאל ער דאך פון דעם בעל הבית קויפין צו געבין אים געלט צוא לייזין · אונ אונזערע בהמות וועלין מיר די מיילער פאר שליסין דיי זאלין אייער גראז ניט עסין אונ תאטשע מיר האבין רשות צוא טייטין אלע עובדי כוכבים · אבער אייך וועלין מיר ניט טאן מיר וועלין זיך ניט נייגין אויף דער רעכטער זייט אדער אויף דער לינקער זייט · נאר מיט דעם גלייכין וועג וועלין מיר גיין · האט אדום גיענטפערט איר בארימט אייך מיט דעם קול פון תורה אונ תפלה וואש אייער פאטער יצחק האט אייך גיבענטשט · איך וועל אויף אייך אויך קומען מיט מיין ברכה וואש יצחק האט מיך גיבענטשט ועל חרבך תחיה איך זאל מיך ווערין מיט דר שווערד דרום קומט ניט אין מיין לאנד · על אשר מריתם את פי גאט זאגט צוא משה · אהרן זאל שטארבין פון וועגין דער עבירה פון דעם שטיין · אויף איין קליינער עבירה ווערין די צדיקים גישטראפט · דען ווען דער צדיק שטארבט זעט ער די שכינה אונ אויך אדם הראשון אזו קריגט ער זיך מיט אדם הראשון אונ זאגט צוא אים דוא האשט גורם גיוועזן דאש מיר טוען שטארבין · ענטפערט אדם הראשון איך האב נאר איין עבירה גיטאן אונ איר האט פיל עבירות גיטאן · דרום ווערין דיא צדיקים גישטראפט פון וועגין קליינע עבירות כדי אדם הראשון זאל זייא קענען ענטפערין איר האט פיל עבירות גיטאן · ויסעו כל העדה אלע וואס האבין ניט זוכה גיוועזן צו קומען קיין ארץ ישראל זיינן אויש גישטארבין אונ אלע צדיקים זיינען איבער גיבליבין וואש האבין זוכה גיוועזן צו קומען קיין ארץ ישראל · הר ההר עם זייגען גיוועזן צווייא הויכע בערג איינער אויף דעם אנדערין אונ תאטשע דער וואלקין איז גיגאנגען פאר ישראל אין דער מדבר אונ האט אויש גיריסין אלע בערג אונ האט די ערד גלייך גימאכט זיינען דאך דרייא בערג איבער גיבליבין דער בארג סיני צוא געבין אויף אים דיא תורה אונ הר נבו צוא זיין איין קבר צוא משה אונ הר ההר פון וועגין אהרן ער זאל דארטין באגראבין ווערין אונ וייל די ישראל האבין זיך איצונד באהעפט מיט אדום די קינדער פון עשו דרום האבין זייא פאר לארין דעם צדיק אהרן דאש ער איז איצונד גישטארבין יאסף אהרן אהרן זאל שטארבין דאש לערינט אונז דאש גאט לאזט דעם צדיק וויסין וועלכין טאג ער וועט שטארבין כדי ער זאל זיינע קינדער צוואה לאזין קח את אהרן גאט זאגט צוא משה נעם איין אהרן מיט גוטע רייד אונ זאג אים וואל צוא דיר וואש דו בישט זוכה צוא געבין דיין כבוד אונ שררה צוא דיין זון אלעזר וואש איך האב דאש ניט זוכה גיוועזן · אונ זאלשט אויש טאן צו אהרן די בגדי כהונה אונ זאלשט זייא אן טאן צו זיין זון אלעזר · רב הונא זאגט משה איז אויף גישטאנען גאנץ פריא אונ רופט צו אהרן · זאגט אהרן וואש בישטו אזוא פריא גיקומען · ענטפערט משה איך האב בייא נאכט גילערינט ספר בראשית איז מיר דרינען פיל קשה · אזוא האבין זיי גיעפינט דעם ספר בראשית אונ האבין מיט אנאנדער גילערינט זאגט משה זעה וואש אדם הראשון איז גישעהען דאש ער האט גימוזט שטארבין · ענטפערט אהרן זעה וויא ער האט זוכה גיוועזן צוא דרייא צעהען חופות פון אבנים טובות אין גן עדן · אונ דער נאך שטייט דאש גאט האט גיזאגט צוא אדם דוא בישט פון דער ערד אונ וועשט דיך אום קערין צוא דער ערד · זאגט משה איך האב גיוועלטיגט אין

מלאכים אויף דעם הימיל אונ דוא האשט געוועלטיגט אין מלאכים אויף דער ערד · אונ האשט דעם מלאך המות אויף גיהאלטן דאש ער האט ניט גיקאנט טייטן די ישראל אונ מיר מוזין דאך שטארבין מיר האבין ניט לאנג צוא לעבין · האט אהרן פאר שטאנען אונ זאגט צוא משה דוא האשט דאש אן גיהויבין פון מיינט וועגין זאגט משה יוא · ענטפערט אהרן מיין הארץ איז אין מיר דער שלאגין · זאגט משה ווילשטו שטארבין זאגט אהרן יוא ווען גאטש ווילין איז · אזו זאגט משה לאמיר ארויף גיין אויף דעם בארג · אזוא איז משה אונ אהרן אונ אלעזר ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג אונ כל ישראל האבין ניט גיוואושט נאך וואס · דען זיי האבין גימיינט זיי האבין עפעס צוא ריידין מיט דר שכינה · אבר ווען זיי וואלטין וויסין וואלטין זיי אים ניט גילאזט שטארבין דען זיי וואלטין פאר אים גרויש תפלה גטאן אונ וויא באלד זייא זיינען גיקומען אויף דעם בארג האט זיך גיעפינט איין היל אונ דארטין איז גיוועזן איין בעט · זאגט משה צוא אהרן דא איז מרים גישטארבין אונ איך מיט דיר האבין זיך מיט איר מתעסק גיוועזן צוא באגראבין זיא אונ מיר האבין איר גרויש כבוד אן גיטאן · אונ אז דוא וועשט שטארבין וועל איך מיט אלעזר עוסק זיין אין דיר · אבער אז איך וועל שטארבין ווער וועט זיך מיט מיר מתעסק זיין · האט גאט גיענטפערט איך אליין וועל זיך מיט דיר מתעסק זיין אונ וויא זיי זיינען פון דר היל ארויש גיגאנגען איז דיא היל ווארין פאר שלאסין דען גאט האט זיי גיהיישין ארויש גיין · אונ כל ישראל האבין גיזעהען דאש משה אונ אלעזר זיינען אליין גיקומען פון דעם בארג אונ אהרן איז ניט דא מיט זייא · האבין אטייל גיזאגט משה האט אים גיהרגת ווייל ער וויל די כהונה האבין · אונ אטייל האבין גיזאגט אלעזר האט אים גיהרגת כדי ער זאל זיין איין כהן גדול · אונ אטייל האבין גיזאגט ער איז אליין גישטארבין אזוא וויא אלע מענטשין אזו האבין זיך איין גיזאמילט כל ישראל צו משה אונ זאגין וואו האשטו אהין גיטאן צו אהרן · זאגט משה ער איז גישטארבין · האבין כל ישראל גיזאגט וויא קאן דאש זיין דאש דר מלאך המות זאל אים עפעס טאן · דען ער האט אים אויף גיהאלטן ער זאל ניט טייטין די ישראל מיט דר מגפה דרום וועשטו אים ניט בריינגן צו אונז וועלן מיר דיך מיט אלעזר פאר שטיינען · אזוא האט משה תפלה גיטאן האבין מלאכים גינומען דעם ארון פון אהרן אונ האבין אים גיטראגין אונטער דעם הימיל · אונ האבין גילויבט אונ גיזונגען ביי דעם ארון אזו האבן כל ישראל גיזעהן דאש אהרן איז גישטארבן אונ אטייל חכמים זאגין גאט האט די היל גיעפינט זיינן ארין גיגאנגען כל ישראל אונ האבין גיזעהען דאש אהרן איז גישטארבין ויבכו את אהרן שלשים יום כל בית ישראל גאר דאש הויז גיזינט פון ישראל האבין גיוויינט אויף אהרן דרייסיג טעג · אבער ביי משה האבין נאר דיא מאנען גיוויינט אונ ניט קיין ווייבר ווייל אהרן האט שלום גימאכט צווישן מאנען אונ ווייבער אונ צווישן איין מענטש אונ זיין חבר · דרום האבין כל ישראל אויף אים גיוויינט · אונ אז אהרן איז גיקומען אין דר היל האט ער גיזעהען איין שיין בעט איז אן גיברייט אונ איין ליכט ברענט זייער שיין זאגט משה צו אהרן גייא אויף דעם בעט · איז ער ארויף גיגאנגען אויף דעם בעט · שטרעק אויש דיינע הענט · האט ער אויש גישטרעקט דיא הענט · שליס צו דיין מויל האט ער צו גישלאסין זיין מויל · שליס צוא דיינע אויגין · האט ער צוא גישלאסין זיינע אויגין · אזו באלד האט משה גיגלוסט ער זאל אויך אזו שטארבין · אונ עש איז גיוועזן איין גרוישער נס ביי דיא קליידער · דען משה האט אים אויש גיטאן די העמד

וואש זיא איז בייא דעם גוף איי ער האט אים אויש גיטאן דיא אויבערשטע קליידר · אונ דאש קאן קיין מענטש ניט טאן · דאש איז גיוועזן לכבוד אלעזר כדי ער זאל דיא קליידער כסדר אן טאן · וישמע הכנעני דער כנעני האט גיהערט דאש אהרן איז גשטארבן אונ דער כנעני איז גיוועזן עמלק דער זון פון עשו אונ ער האט זיך פאר שטעלט צו ריידן דאש לשון פון דיא כנענים מען זאל אים ניט דר קענען · כדי ווען די ישראל וועלין גאט בעטין מען זאל זייא געבין די כנענים אין זייער האנט וועלין זיי ניט זיין אין כלל דען זיי זיינען עמלק · אבער די ישראל זיינן קליגער גיוועזן זיי האבין גיהערט זיי ריידין מיט דעם לשון פון כנעני אונ דיא קליידער נייען זיי וויא עמלק · אזו האבין זייא ניט גיוואוסט ווער זיי זיינען · האבין זייא סתם גיבעטין גאט גיב דאש פאלק אין אונזער האנט · אונ דרום רופט דער פסוק אן דעם עמלק כנעני ווייל גאט האט פאר באטין מען זאל מיט די קינדר פון עשו קיין מלחמה ניט האלטין · אונ דער עמלק איז אויך גיוועזן דר זון פון עשו אונ האט פיל מאל אן גיהויבין מיט ישראל מלחמה האלטין · דרום האט גאט גיזאגט מען זאל זייא ניט רופין עמלק נאר כנעני כדי מען זאל זיי הרגענען אזו וויא די כנענים · אונ עשו האט צוואה גילאזין צוא עמלק ער זאל זיך נוקם זיין אין ישראל אונ זאל זעהען ווען ישראל וועלין עבירות טאן דענשט מאל וועט ער זייא קענען דער שלאגין · דרום וויא באלד זיי האבין גיהערט דאש אהרן איז גישטארבין אונ דר וואלקין האט זיך אפ גיטאן פון ישראל · דען פריער איז גיוועזן איין וואלקין ארום ישראל דאש קיין שום אומה האט זייא ניט גיקענט טאן דען די וואלקין זיינן גיוועזן גלייך וויא מויערן אבער וויא אהרן איז גישטארבין אונ דיא וואלקין האבין זיך אפ גיטאן · אזוא האבין די עמלקים זיך גיטראכט דיא ישראל האבין

גימוזט זינדיגין דרום זיינן זיי גיקומן מלחמה האלטין מיט ישראל · אבער גאט האט דיא ישראל גיהאלפין · דר נאך האבין די ישראל גיקריגט אויף משה אונ האבין גיזאגט כי אין לחם ואין מים זיי האבין ניט קיין ברויט אונ קיין וואשער · אונ חאטשע זייא האבין גיהאט מן צוא עסין אונ דעם ברונים · דאך האבין זייא גיזאגט מיר זייגען ניט גלייך צוא אנדערע אומות וואש האבין גינוג ברויט אויף פיל טעג אונ מיר האבין ניט מער וויא אויף איין טאג מן אונ דעם אנדערין טאג ניט אונז גאט ווידער מן פון דעם הימל · אבער מיר זעהן פר זיך ניט גינוג ברויט · אונ אפילו וואשר זארגן מיר דרויף אויך דאש מיר זאלין גינוג האבין · רבי עקיבא זאגט ווען איין סוחר האט גיבראכט פירות פון ארץ ישראל צו פר קויפין צו ישראל זיינען די ישראל גישטארבין פון די פירות · דען גאט האט גיזאגט עש זאל קיינר פון ישראל ניט פאר זוכין דאש גוטשקייט פון ארץ ישראל ווייל זיי האבין בייז גירעט אויף ארץ ישראל · נאר זייערע קינדער האבין זוכה גיוועזן צוא קומען קיין ארץ ישראל · רבי זאגט גאט האט גיצערנט אויף ישראל אונ האט גיזאגט איך האב זיי גיגעבין איין גרינג עסין דאש זייא האבין ניט גידארפט קיין צורך האבין · דען דער מן איז ווארין פאר דייעט אין זייער בויך אונ איז צו גאנגן אין אלע אברים · אונ זיי האבן גירעט בייז אויף דעם מן אונ האבין גיזאגט וויא איז מיגליך איין מענטש זאל עסין אונ זאל קיין אויש גאנג ניט האבין · דער סוף וועט זיין דאש אונזערע גידערים וועלין גישוואלין ווערין פון דעם מן · אבער גאט האט זייא גיוויזן דאש זייא זייגען גלייך צוא מלאכים וואש האבין קיין אויש גאנג ניט · אונ ווארום האט גאט זייא ניט גיגעבין מן מיט איין מאל אויף פיל טעג · דאש האט גאט גיטאן צו גיוואנן דיא ישראל זייא זאלין זיך פר זיכערן אויף

גאט

גאט דען גאט וויל מען זאל זיך אויף אים פר לאזין אלע צייט אונ ער שפייזט איטליכין מיט חסד אונ דאש געלט העלפט ניט דעם מענטשן · וישלח יי בעם את הנחשים אונ גאט האט גישיקט אויף ישראל שלאנגען צוא טייטין זייא · אונ דרום האט גאט אויף זיי גישיקט דיא שלאנגין ווייל זיי האבן גירעט בייז אויף דעם מן אונ דער שלאנג האט גירעט בייז אויף גאט · דרום זאל קומען דר שלאנג אונ זאל באצאלין צוא דיא ישראל זייער שכר וואש זיי האבין בייז גירעט · נאך איין טעם איז ווייל דר שלאנג איז ווארין פר שאלטין דאש אלץ וואש ער עסט פילט ער דריגען גאר איין טעם פון ערד · אבער דיא ישראל האבין גאר גינעסן דעם מן אונ האבן גפילט אין אים וואש פר איין טעם זיי האבן גוואלט אונ האבין דאך בייז גירעט אויף אים · דרום זאל קומען דר שלאנג אונ זאל באצאלין צו ישראל · נאך איין פשט איז אין דער מדבר איז גיוועזן גרוישע שלאנגן אזוא גרויש וויא באלקין אונ עש איז איין סכנה גיוועזן צו גיין פר ביי זיי נאר גאט הט גישיקט דעם וואלקין אונ ער האט פר ברענט די שלאנגן · אונ אז די ישראל האבין עבירות גיטאן אונ האבין בייז גירעט אויף דעם מן · אזו האט גאט די שלאנגען ווידר לעבעדיג גימאכט אונ זייא האבין פאר ברענט דיא ישראל מיט זייער גיפט · אונ דרום שטייט הנחשים השרפים דיא ברענענדיגע שלאנגען וואש זייא פר ברענן מיט זייער גיפט אונ עש איז אויך דר טייטש דיא שלאנגן וואש זיינען ווארן פר ברענט · והיה כל הנשוך ווער עש האט גיביסן אפילו איין ענגדש אדער איין חיה רעה אדר איין בייזער הונט איז אלין גיוועזן איין סכנה · אזו זיינען די ישראל גיקומען צו משה אונ האבן גזאגט מיר האבין גיזינדיגט אנטקעגין גאט אונ אנטקעגין דיר · טוא תפלה צו גאט ער זאל אפ טאן דיא שלאנגן פון אונז · אזו באלד האט משה תפלה גיטאן · פון דאנן זאל מען אפ לערנען איין מענטש זאל ניט הארט זיין צו איבר גיבעטין ווערין דאש חאטשע מען האט אויף אים בייז גרעט זאל ער דאך באלד מוחל זיין וויא מען בעט אים מחילה אונ ווען ער איז ניט מוחל הייסט ער איין אום דר בארימעגער מענטש אונ גאט איז אים זיינע עבירות אויך ניט מוחל אזו וויא מיר גיפינן ביי משה דאש חאטשע דיא ישראל האבין בייז גירעט אויף אים דאך וויא באלד דיא ישראל האבין אים גיבעטין ער זאל זיי מוחל זיין האט ער זייא באלד מוחל גיוועזן אונ האט פר זיי גאט גיבעטין אונ דער מענטש זאל ניט טראכטין ווען ער האט עבירות גיטאן דאש גאט וועט אים ניט מוחל זיין דען גאט איז פול מיט חסד אונ איז מוחל צו דיא וואש בעטין אים עשה לך שרף גאט זאגט צוא משה מאך דיר איין שלאנג אונ טוא אים אויף איין הויכע שטאנג אונ אז

דער קופערנער שלאנג



די ישראל וועלין דרויף זעהען וועלין זייא גיהיילט ווערין אונ אזו זאגט נאט צו משה וואש זייא האבין אנטקעגין מיר גירעט בין איך זייא מוחל אבער וואש זייא האבין אנטקעגין

אנטקעגין דיר גירעט זייא זיי ניט מוחל דען עש איז פר מיר איין גרוישע עבירה ווער עש רעט עפעש אויף א תלמיד חכם אדער אויף איין נביא אונ מיט דער שלאנג איז איין גרוישער נס גיוועזן דען דער סדר איז ווען איינעם האט איין בים גיטאן איין הונט וואש איז משוגע אזוא דאכט זיך אים אלע צייט דאש דר הונט איז פאר אים ווייל ער האט אים אלץ אין זיין מחשבה אונ ווען דער מענטש לאזט זיין השתנה אין איין גלאז זעהט ער אין דר השתנה פיל הינט אונ ווען מען זיט איבער דיא השתנה גיפינט מען אין איר גאר ניט אונ דאש קומט אלץ ווייל דר מענטש וואש איז גיביסין גיווארין דער האט אלץ אין זיין מחשבה איין משוגענעם הונט אונ אזוא זאגין די חכמים אין דר גמרא ווען איינר ווערט גיביסין פון איין הונט וואש איז משוגע דר זאל איין גאנץ יאר אין איין גלאז קיין וואשער ניט טרינקען ווארום ער ווערט זעהען אין דר גלאז קליינע הינט אונ ווערט דער פון שטארבין אונ מען טאר פאר אים ניט דער מאנען קיין הינט דען ווען ער הערט דאש ווארט הונט איז אים איין סכנה אבער בייא דעם שלאנג חאטשע זיי זיינען ווארין גיביסן פון איין שלאנג האט גאט דאך זיי גיהייסין זעהן אויף דעם שלאנג אונ זיי וועלין גיהיילט ווערין · אונ אטייל חכמים זאגין מען האט דרום דעם שלאנג אין דר הויך גישטעלט כדי איטליכער פון ישראל זאל אויף הויבין זיינע אויגין אנטקעגן דעם הימל צוא גאט אונ זאל תפלה טאן אזוא וועט ער גיהיילט ווערין אבר ניט די שלאנג היילט אונ אויך ניט דיא שלאנג איז ממית נאר די עבירה איז ממית על כן יאמר בספר מלחמות יי' גאט זאגט ווען איר וועט לערנן מיין תורה אונ מצות וועל איך פר אייך מלחמה האלטין אונ איר וועט אלע מלחמות גיווינן את והב בסופה גרוישע נסים זיינען גישעהן ביי דעם ים אונ אויך איז גישעהן גרוישע נסים אין

דעם טאל פון ארנון דען עס איז גיוועזן צוויי גרוישע בערג אונ אין מיטין איז גיוועזן איין וועג דאש דיא ישראל האבין גידארפט דורך אים גיין קיין ארץ ישראל אזו האבין זיך אין דעם טאל איין גיזאמילט פיל עובדי כוכבים אונ האבין זיך בהאלטין אין דיא היילין פון דיא בערג דען אין איין בארג איז גיוועזן ביי דער זייט היילין אונ ביי דעם אנדערין בארג אנטקעגין איז גיוועזן ארויס גיוואקסין שטיינער אונ דיא עובדי כוכבים האבין גיזאגט ווען די ישראל וועלין גיין אין דעם טאל וועלין מיר זיי טייטן אונ וויא דיא ישראל זיינען צום בארג גיקומען האט גאט גיהייסן די בערג זאלן זיך צו אנאנדר באהעפטין אונ די שטיינער זאלין אריין גיין אין די היילין אונ זאלין דר קוועטשין דיא עובדי כוכבים וואש זיינן דארטין פר בארגן אזו באלד האבין זיך די בערג צו אנאנדער באהעפט אונ האבין דער קוועטשט אלע עובדי כוכבים וואש זיינען דארטין גיוועזן באהאלטין אונ די ישראל האבן גאר ניט דר קאנט דאש עש איז גיוועזן צווייא בערג דען עס איז איצונד דר וועג גלייך גיוועזן און איין טאל אונ דר ברונן פון ישראל האט אראפ גינידערט אין דעם טאל אונ די ישראל זיינן גיגאנגען אויף דיא בערג אונ האבין ניט גיוואוסט פון דיא נסים האט גאט גיזאגט איך וועל מיינע קינדער לאזין ווייזין דעם נס אונ האט גיהייסין דער ברונן זאל ארויס בריינגען פון דעם טאל פיל ביינער אונ קעפ אונ הענט אונ פיס אזוא האבין דיא ישראל גיזעהן דיא גרוישע נסים אונ דיא ישראל האבין גיזעהן וויא דער באר שטייט אין מיטין טאל אונ לייכט וויא דיא לבנה אונ ציהט ארויש גלידר פון דעם טאל אונ דאש בלוט שיסט ארויש פון דעם בארג אזו האבן דיא ישראל שירה גיזאגט אונ דרום איז משה ניט דער מאנט בייא דר שירה ווייל ער האט איין עבירה גיטאן ביי דעם ברונען אונ

איז דריבער גישטראפט גיווארין דרום איז זיין נאמען ניט דר מאנט ביי דר שירה פון דעם ברונען אונ ווייל משה איז ניט דר מאנט אין דר שירה דרום האט גאט זיין נאמען אויך ניט גיהייסין דר מאנען ביי דר שירה עס איז איין משל איין מלך איז ווארין גיבעטין אויף איין סעודה צוא איין שר האט דר מלך גיזאגט אויב מיין גוטער פריינט איז אויף דר סעודה אזו וועל איך גיין אונ אויב ער איז ניט דא וועל איך אויך ניט גיין באר חפרוה שרים דעם ברונן האבן הארן גיגראבן דען איטליכר נשיא האט גיגראבין מיט איין שטעקין עש זאל גיין וואשר פון דעם ברונען צו זיין שבט אונ איטלעכר שבט האט גהאט איין בזונדרן טייך אונ פון איין שבט צום אנדערין האט מען זיך גימוזט שיפין מיט איין שיף דען דאש וואשער פון דעם ברונען האט ארום גירינגילט איטלעכין שבט באזונדר אונ ביי דער וואשער זיינען גיוואקסין שיינע קרייטר אונ בוימער אזו וויא אין פסוק שטייט בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני גאט האט מיך גימאכט רוען אין איין וואנונג פון גראז ביי רוענדיגע וואשער האט ער מיך גיטאן פירין אונ ווארום האבן ישראל גיזאגט שירה אויף דעם באר אונ ניט אויף דעם מן וואש איז זייא גינאנגען דאש איז ווייל ישראל האבין פיל ביז גירעט אויף דעם מן אזו האט גאט גיזאגט איך באגר ניט אייער זינגן אונ לויבן אויף דעם מן ווייל איר האט אויף אים ביז גירעט אבער אויף דר וואשער האבן זיי אלץ גוטש גירעט אונ דר ברונען איז גינאנגן מיט ישראל ביז זייא זיינען גיקומען צום ים פון טבריה · אזו איז דער ברונן אריין אין מיטין ים אונ אטייל חכמים זאגין דעם ברונען האט גיגראבין אברהם אונ ער האט גיזאגט צוא אבימלך גיב מיר אפ דעם ברונען וואש דייגע קנעכט האבין ביי מיר גיגזילת האט אבימלך גיענטפערט איך וויש פון גישט צו זאגין · זאגט אברהם שטעל דוא שאף אנטקעגין דעם ברונען אונ איך וועל שטעלין שאף אנטקעגן דעם ברונן אנטקעגין וועלכע שאף דיא וואשר וועט אויף גיין צו דעם וועט זיין דער ברונען איז דיא וואשער אויף גינאנגן אנטקעגן דיא שאף פון אברהם אונ ער האט דעם ברונען באהאלטין צו זיינע קינדער אונ זיינע קינדער האבין אויך ברונען גיגראבין ביז אהער · וממתנה נחליאל דער וואש לערינט תורה דר טוט ירשנען גאט כלומר גאט איז זיין ירושה אונ דיא תורה זאגט צוא גאט עש שטייט גישריבין דר וואש לערינט תורה דר וועט האבן עושר אונ כבוד אונ מיינע קינדר לערנען תורה אונ זיינן עניים ענטפערט גאט זיי זיינען דרום עניים כדי זייא זאלין ווייטר תורה לערנען אונ זייא וועלין אויף דר וועלט ניט נעמען קיין שכר פאר זייער תורה נאר אויף יענער וועלט וועלין זייא גרוים כבוד האבין ומבמות הגיא אונ ווער עש האלט זיך הויך מאכט אים גאט נידעריג אונ וועו ער טוט תשובה מאכט אים גאט ווידר הויך אונ חשוב אזו וויא אין פסוק שטייט כל גיא ינשא דר וואש איז גיוועזן נידעריג וויא איין טאל וועט ווערין דר הובין וישלח ישראל מלאכים אל סיחון אונ די ישראל האבן גישיקט שלוחים צו סיחון ער זאל זיי לאזן גיין דורך זיין לאנד קום זעה וואש פר איין גרוישע מצוה איז שלום דען אלע מצות איז מען ניט מחויב צו זוכן נאר אז עש קומט צו די הענט איין מצוה זאל מען זיא טאן אבר ביי שלום שטייט אין פסוק בקש שלום ורדפהו זוך אונ יאג נאך שלום צוא מאכין אזו האבין דיא ישראל איצונד אויך גיטאן דאש חאטשע גאט האט זיי גיהייסין טייטין די זיבין אומות פון לאנד כנען דאך האבין ישראל צו זיי פריער גישיקט אויב זיי ווילין שלום מאכן אונ סיחון איז גיוועזן איין שטארקער מלך אונ זיין שטאט איז אויך שטארק גיוועזן אונ ער האט זייער פיל פאלק גיהאט האט גאט גיזאגט די ישראל וועלין מוזין מיא האבין צוא דר שלאגין זייא אזוא

האט

האט גאט גיגעבין איין דיעה צוא סיחון ער
זאל איין זאמלין גאר זיין פאלק אונ איז
ארויש גיגאנגען אויף דעם פעלד פון אלע
שטארקע שטעט אנטקעגין די ישראל אזוא
האט גאט גינומען דיא שרים פון דעם הימל
וואש זיינען גיוועזן גיזעצט איבער די אומות
אונ האט זייא גיבונדין אונ האט זייא אראפ
גיווארפין פאר משה אונ זאגט צו אים זעה
איך האב דיר זיי אלע אין דיין האנט גיגעבן
דען ווען זייערע שרים אין הימל האבין קיין
כח ניט אזו האבין די אויך קיין כח ניט אונ
דרום האט ער גיהייסן סיחון דאש איז טייטש
ליידין דען גאר די וועלט האט גירעט פון זיין
שטארקייט אונ ער האט גיהאט איין זון וואש
איז אויך אזוא שטארק גיוועזן וויא ער ·
אונ דרום האט סיחון ניט גיוואלט לאזין די
ישראל איבר פארין דורך זיין לאנד ווייל אלע
אומות האבין אים מס גיגעבין ער זאל ניט
לאזין די ישראל גיין קיין ארץ ישראל דרום
האט סיחון גזאגט צו ישראל מיין גאנץ היטן
איז איר זאלט ניט קומן קיין ארץ ישראל
אונ וויא קען איך אייך לאזין דורך מיין לאנד
אונ דרום האט ער איין גזמילט זיין פאלק פון
אלע שטעט אונ זיינן ארויש גגאנגן אנטקעגן
ישראל אונ זיינן ווארין דר שלאגין אלע מיט
אנאנדער אונ די ישראל זיינען גיקומען אין
זייערע שטעט גאר אן מיא · אונ עוג מלך
הבשן איז אויך ארויש גגאנגן מיט זיין פאלק
אנטקעגין ישראל האט גאט גיזאגט צו משה
אל תירא אותו דוא זאלשט דיך פאר אים ניט
פארכטין דען די מדה פון צדיקים איז דאש
זיי פארכטין זיך אלין חאטשע גאט זאגט זיי
צו מציל צו זיין זייא דאך האבין זייא מורא
טאמר האבין זיי איין עבירה גיטאן אונ גאט
האט גזאגט פארכט דיך ניט פר עוג חאטשע
ער איז זייער שטארק איך וועל אים געבין
אין דיין האנט אונ דר עוג איז גיוועזן אין די
טעג פון אברהם אונ אז מען האט גיפאנגען
זיין ברודערש זון לוט האט עוג דאש גיזאגט

צו אברהם אונ זיין כוונה איז גיוועזן אברהם
זאל אום קומן אין דער מלחמה אונ ער וועט
נעמען שרה פאר איין ווייב אונ פון דעשט
וועגין האט ער דאך מציל גוועזן לוט מיט זיין
הויז גיזינד דרום האט ער זוכה גיוועזן אזוא
לאנג צו לעבין אונ דר נאך איז ער גיפאלין
אין די הענט פון די קינדר פון אברהם ווייל
ער האט גיוואלט אברהם זאל גיהרגת ווערין
דען גאט באצאלט איטליכין זיין שכר דרום
האט משה גיזאגט איך פארכט מיך פר אים
דען איך בין אלט הונדרט אונ צוואנציג יאר
אונ ער איז אלט פינף הונדרט יאר אונ ווען
ער זאל קיין זכות ניט האבין וואלט ער אזו
לאנג ניט גילעבט האט גאט צו אים גיזאגט
פארכט דיך ניט פאר אים ויכו אותו ואת בניו אונ
די ישראל האבין אים דר שלאגין מיט זיינע
קינדער וואש זיינן אויך אזו שטארק גיוועזן
וויא ער · גאט זאגט צו ישראל היינט טוט
איר דיא רשעים פאר דארבין איינציג ווייש
לעתיד וועט איר זיי פאר דארבן הויפן ווייש
אין איין מאל · רבי יוחנן זאגט משה האט
זיך גיפארכטין פאר עוג מער וויא פר סיחון
חאטשע זיי זיינען גיוועזן ברידער ווייל משה
האט זיך גטראכט טאמר וועט אים ביי שטיין
דר זכות פון אברהם אונ אזו האט עוג גזאגט
די מחנה פון ישראל איז גרויס דריי מייל איך
וועל אויס רייסין איין בארג וואס איז גרויס
דריי מייל אונ וועל אויף זיי ווארפן וועל איך
זיי אלע אין איין מאל דר שלאגין אזו האט
ער אויש גיריסין איין בארג פון דריי מייל אונ
האט אים גינומען אויף זיין קאפ האט גאט
גיבראכט ווערים אונ מייז אונ זיי האבין אין
דעם בארג אויס גיגסין איין לאך איז דר בארג
אויף זיין האלז אראפ גיפאלין האט ער אים
גיוואלט אראפ נעמן האט גאט גימאכט דאס
די ציין פון עוג זיינן אין בארג אריין גיוואקסן
אונ משה איז גיוועזן הויך צעהן איילין אונ
האט גינומען איין האק פון צעהן איילין אונ
האט איין שפרונג גיטאן אויף צעהן איילין

אונ

אונ האט ניט גרייכט ביז אין די קנעכיל אונ האט אים גהרגט. אבא שאול זאגט איך בין גיוועזן איין באגרעבר פון מתים איין מאל בין איך נאך גילאפין נאך איין הירש איז דר הירש אריין אין איין גרוישן ביין פון איין מת האב איך דעם הירש נאך גיאגט דריי מייל אין דעם ביין אונ בין נאך צו דעם עק ניט גיקומן אונ אז איך בין צו ריק גיגאנגען האט מען מיר גיזאגט דאש איז דער ביין פון עוג מלך הבשן ׳ אונ אטייל חכמים זאגן עוג איז גוועזן אליעזר דר קנעכט פון אברהם אונ די טריט פון זיינע פיס איז גוועזן פערציג מייל איין מאל האט אברהם אויף אים איין גישרייא גיטאן איז אים פר שרעקניש איין צאן ארויש גיפאלן האט אברהם זיך פון דעם צאן איין שיין בעט גימאכט אונ אטייל חכמים זאגן ער האט זיך איין שטול פון דעם צאן גימאכט אונ עוג הט גיבויט זעכציג שטעט די קלענשטע שטאט איז גרויש גיוועזן זעכציג מייל אונ אלע טאג האט ער אויף גיגעסין טויזנט אקסין אונ טויזנט חיות אונ ער איז ווארין גיבארן פון די מלאכים וואש גאט האט אראפ גיווארפין פון דעם הימיל אונ זיי האבן מזנה גיוועזן מיט די ווייבר אין די טעג פון נח אונ אז עס איז גיקומן דר מבול אונ האט אלץ פאר טרונקן נאר נח מיט זיין הויז גזינט זיינן איבר גיבליבן אין דר תיבה האט עוג זיך אן גיהאלטין ביי דר תיבה אונ איז ניצול גיווארן נוא קען מען זעהן וויא גאט העלפט די צדיקים דאס אפילו אזעלכע שטארקע וויא סיחון אונ עוג האבן זיך ניט גיקאנט העלפין דאש זאגט דר פסוק לא בגבורת הסוס יחפץ ולא בשוקי האיש ירצה רוצה ה׳ את יראיו את המיחלים לחסדו גאט בגערט ניט די וואש האבן שטארקע פערד אונ ניט די וואש האבן שטארקע פיס נאר ער בגערט די וואש פארבטן זיך פאר אים אונ האפין צו זיין גינאד :

## הפטרת חוקת

ויפתח הגלעדי היה גבור חיל אונ יפתח דער זון פון גלעד איז גיוועזן איין שטארקער חילש מאן ער איז גיוועזן איין זון פון איין קעפש ווייב פון גלעד דרום רופט אים דער פסוק בן אשה זונה ווייל זיא איז קיין רעכט ווייב ניט גיוועזן אונ אטייל חכמים זאגן זונה איז טייטש שפייזערין כלומר זיא האט גיהאלטין איין הארבעריג הויז וואש אורחים שטייען איין דרינען אונ דיא רעכטע קינדער פון גלעד האבין יפתח אוועק גיטריבין פון גלעדש הויז אונ האבין אים גיזאגט דוא ווערסט מיט אונז ניט ירשנן בייא אונזער פאטער איז יפתח פון זייא אוועק גיגאנגען אונ האט זיך באזעצט אין לאנד טוב אונ עש האבין זיך איין גיזאמילט צו יפתח פיל שלעכטע מענטשין לידיג גייער אונ איילענדיגע. ויהי כאשר נלחמו בני עמון אונ אז די בני עמון זיינען גיקומן מלחמה האלטין מיט די ישראל זיינען גיגאנגען די זקנים פון דר שטאט גלעד צוא יפתח אונ האבין צו אים גיזאגט גייא מיט אונז דו ווערשט זיין צו איין האר איבר אונז מיר וועלין מלחמה האלטן מיט דיא בני עמון האט יפתח צו זיי גיזאגט איר האט מיך דאך פיינט אונ האט מיך פר טריבן פון מיין פאטרש הויז אונ היינט אז עש איז אייך איינג קומט איר צו מיר האבין זיי אים זייער גיבעטין ער זאל גיין מלחמה האלטין מיט עמון אונ ער וועט זיין איין האר איבר זיי האט יפתח זיי גיפרעגט ווען איך וועל עמון דר שלאגין וועל איך גיוויש זיין איין האר איבער אייך האבין די זקנים גיזאגט צוא יפתח גאט זאל זיין איין עדות צווישן אונז אז דאס וואש דו ווערסט ריידן וועלין מיר טאן וילך יפתח עם זקני גלעד איז יפתח גיגאנגן מיט די זקנים פון גלעד אונ זיי האבין אים גימאכט צו איין האר אונ יפתח האט גירעט זיינע רייד פאר גאט אין מצפה דען דארטין זיינן ישראל גיוועזן איין גזאמילט אונ וואו ישראל זאמלן זיך איין דארטן רוט דיא שכינה אונ דאש הויז פון יפתח איז גיוועזן אין דר שטאט מצפה וישלח יפתח מלאכים אל מלך בני עמון לאמר האט יפתח גשיקט שלוחים צום מלך פון עמון אונ האט צוא אים גיזאגט ווארום ווילשטו מלחמה האלטן אויף מיין לאנד ענטפערט דער מלך פון עמון די ישראל האבן אוועק גינומען מיין לאנד אז זיי זיינען ארויש גיגאנגן פון מצרים דרום גיב עש מיר אפ בשלום האט יפתח ווידר גישיקט צו אים צו זאגן דיא ישראל האבין דיין לאנד ניט אוועק גינומען

דען זיא האבין אף גיקערט פון אדום אונ פון מואב אונ פון דיא בני עמון אונ האבין זיי ניט אן גירירט אונ דער נאך זיינען דיא ישראל גיקומען צו סיחון מלך האמורי האט זיי סיחון ניט גילאזט דורך גיין דורך זיין לאנד אונ האט איין גיזאמילט גאר זיין פאלק אין דער שטאט יהץ אונ די ישראל האבין זיי אלע דר שלאגין אונ האבין צוא גינומען וואש ער האט גיהאט ועתה יי אלהי ישראל אונ איצונד גאט אונזער גאט האט אונז גימאכט ירשענן דאש לאנד אמורי אונ דו ווילשט עש צו נעמען פאר וואר דאש וואש דיין אפ גאט כמוש האט דיך גימאכט ירשענן דאש זאלשטו ירשענן אונ דאש וואש גאט אונזער גאט האט אונז גימאכט ירשענן דאש וועלין מיר ירשענן בשבת ישראל אז ישראל זיינען גיזעסן אין חשבון אונ אין אירע דערפער אונ אין ערוער אונ אין אירע דערפער אונ אין אלע שטעט וואש ביי דעם טאל ארנון דרייא הונדערט יאר וואש משה האט זיי איין גינומען ווארום האשטו דענשט מאל ניט אפ גינומען די שטעט פון ישראל אונ וואש האב איך דיר איצונדערט בייז גיטאן וואש דו ביסט גיקומען צו מלחמה האלטן מיט מיר גאט זאל משפטן צווישין מיר אונ צווישין דיר אונ דר מלך עמון האט ניט גיוואלט אף לאזין פון ישראל ותהי על יפתח רוח יי איז גיוועזן אויף יפתח איין רוח גבורה פון גאט דאש ער האט איין שטארק הארץ באקומען צו גיין אויף עמון וידר יפתח נדר ליי אונ יפתח האט איין נדר גיטאן צום גאט אונ האט גיזאגט אז גאט וועט מיר העלפין צוא דר שלאגין די בני עמון אזו דר וואש וועט צום ערשטין ארויש גיין פון מיין הויז אז איך וועל מיך אום קערין בשלום דאש וועל איך פאר איין קרבן ברייננגן צו גאט ויעבור יפתח אל בני עמון אונ יפתח איז איבער גיפארין דעם ירדן צו דיא בני עמון אונ גאט האט עמון גיגעבין אין דער האנט פון יפתח אונ ער האט זייא דר שלאגין אונ די וואש זיינען איבער גיבליבין זיינען ווארין אונטער טעניג פאר ישראל אונ אז יפתח איז אהיים גיקומען איז זיין טאכטער אים אנטקעגן גיגאנגען מיט פויקין אונ טאנצין אונ זיא האט נאך קיין מאן ניט גיהאט אזו האט יפתח צוא

ריסין זיינע קליידר ווייל זיין טאכטער איז אים אנטקעגין גיגאנגען אונ זאגט צוא איר מיין טאכטער דו האשט מיך באטריבט דען איך האב איין נדר גיטאן ווער עש וועט מיר צום ערשטין אנטקעגין קומען פון מיין הויז דעם זאל איך אים ברייננגן פאר איין קרבן צוא גאט זאגט דיא טאכטער צו אים לאז מיך גיין אויף דיא בערג אונ לאז מיך דארטין וויינען אונ קלאגין צווייא חדשים אויף מיינע בתולים איך אונ מיינע מיידין האט זיא דער פאטער אוועק גישיקט אויף צווייא חדשים אונ זיא האט גיוויינט אונ גיקלאגט אויף אירע בתולים וואש זיא וועט אזוא פאר לארין ווערין אונ אז זיא איז ווידער אהיים גיקומען האט דר פאטער גיהאלטין זיין נדר אונ אטייל חכמים זאגין ער האט זיא ניט אויף גיבראכט פאר איין קרבן נאר זיא האט גיוויינט וואש זיא האט גימוזט פאר זיצין אונ האט ניט גיטארט קיין מאן נעמען ווייל זיא איז גיוועזן הייליג אונ חאטשע יפתח האט גיזאגט ווער עש וועט צום ערשטין ארויש גיין זאל זיין פאר איין קרבן האט ער אזו גימיינט ווען עס וועט ארויש גיין דאש וואש איז ניט ראוי פר קיין קרבן זאל עש זיין הייליג דרום האט זיין טאכטר גימוזט פאר זיצין אונ האט ניט גיטארט קיין מאן נעמען ווייל זיא איז גיוועזן הייליג • דר מדרש רבתי שרייבט פנחס איז דאך גיוועזן וואש ער האט אים גיקענט מתיר נדר זיין ווארום האט ער אים ניט מתיר נדר גיוועזן דער תירוץ איז יפתח האט זיך הויך גיהאלטין אונ האט ניט גיוואלט גיין צו פנחס אונ פנחס האט זיך הויך גיהאלטין אונ האט ניט גיוואלט גיין צו יפתח אונ דורך דעם איז ווארין פאר לארין די טאכטר פון יפתח אונ דר פאר האט זיי גאט גשטראפט דאש פון יפתח איז אפ גיפאלין דאש פלייש פון זיין לייב שטיקער ווייש אונ פון פנחס האט זיך די נבואה אפ גיטאן • די גמרא זאגט אין בבא קמא אויף דעם פסוק ויתלקטו אל יפתח אנשים ריקים עש האבין זיך צו יפתח איין גיזאמילט ליידיגע מענטשין אזעלכע מענטשין וויא ער איז גיוועזן דען ער איז ניט פרום גיוועזן האבין זיך צו אים איין גיזאמילט אויך ניט קיין פרומע מענטשין אבר צו איין צדיק באהעפטין זיך צדיקים:

וירא בלק אונ אז בלק דר מלך פון מואב האט גיזעהן דאש די צווייא שטארקע מלכים סיחון אונ עוג האבין ניט גיקענט באשטיין אנטקעגין ישראל אזוא האט ער זיך זייער גיפארכטין פאר ישראל אונ דרום שטייט בלק בן צפור אונ ניט בלק מלך מואב ווייל אז ער האט גיזעהן דאש די צווייא שטארקע מלכים האבן ניט גקענט בשטיין דרום האט זיך אים גידאכט דאש ער איז שוין קיין מלך ניט · אונ ער האט גזאגט די צווייא שטארקע מלכים וואש מיר האבין זיי מס גיגעבן זיי זאלן אונז היטין פאר ישראל האבין זייא ניט גיקאנט באשטיין פאר ישראל מכל שכן מיר וועלין בוודאי ניט קענן בשטיין ויאמר מואב אל זקני מדין אונ מואב האט גזאגט צו די עלצטע פון מדין דען אז זיי האבן גזעהן דאש די ישראל זיינן מנצח ניט אזו וויא דער סדר פון דר וועלט · האבין זיי גיפרעגט צוא די עלצטע פון מדין משה רבינו איז דאך ביי אייך גיצויגן גיווארן דרום זאגט אונז מיט וואש איז זיין כח דאש ער גיווינט אין אלע מלחמות · אונ חאטשע די צווייא מלכים האבין זיך תמיד פיינט גהאט גאר איצונד ווייל זיי האבן זיך גיפארכטן פר ישראל האבין זיי צווישין זיך שלום גימאכט עש איז איין משל צווייא בייזע הינט וואש האבן זיך תמיד מיט אנאנדר גקריגט · איין מאל איז גיקומן איין וואלף אויף איינעם האט זיך דר אנדרער גיטראכט ווען איך וועל אים היינט ניט העלפין אזו וועט מארגין דר וואלף אויף מיר קומן · אזו אויך האבן זיך די צווייא מלכים גטראכט דרום האבן זיי שלום גמאכט צווישן זיך צו גיין אנטקעגין ישראל · אונ די עלצטע פון מדין האבין גיזאגט צו מואב זיין כח איז גאר מיט זיין מויל דאש ער טוט תפלה האט מואב גיזאגט מיר וועלין אויף אים ברייגגען בלעם וואש זיין כח איז אויך נאר מיט זיין מויל אונ ער וועט זיי שילטין · כלחוך השור את ירק השדה אזוא וויא איין אקס עסט אפ דאש גראז פון דעם פעלד מיט דעם ווארציל אונ

עש קען שוין ניט ווידר אויף וואקסין · אזו וועלן די ישראל אונז אויף עסין · אונ בלק בן צפור איז גיוועזן איין מלך צו מואב אין דער צייט וואש סיחון איז גיטייט גיווארין · וישלח מלאכים אל בלעם בן בעור האט בלק גשיקט שלוחים צו בלעם דר זון פון בעור קיין פתורה אונ דרום האט דיא שטאט גיהיישין פתורה דאש איז טייטש איין וועקסלר כלומר אזו וויא צו איין ווער קסלער טראגט איטליכער מטבעות צוא בייטין אזו האבין אלע מלכים גשיקט זייערע בריב צו בלעם נאך איין פשט איז בלעם איז ווארין גירופין פתורה דאש איז טייטש איין באשיידר כלומר ווען עש האט זיך עפעס גחלמת האט ער עש בשייד אונ ער איז גוועזן איין נביא פון גאט צו די אומות אויך האט גאט גיגעבין מלכים פון די אומות נבוכדנצר וואש ער איז גוועזן איבר דר גאנצר וועלט אזו וויא שלמה המלך אונ שלמה האט דאש בית המקדש גיבויט אונ נבוכדנצר האט עם חרוב גמאכט אויך האט גאט גרויש עשירות גגעבן צו דוד האט ער דאש אלץ גילאזט אויף דעם בית המקדש אונ ער האט גיגעבן עשירות צו המן האט ער גיוואלט כל ישראל הרגענן כי ידעתי את אשר תברך מבורך דען איך וויש ווען דו בענטשט דר איז גיבענטשט אונ ווען דו שילסט איז פר שאלטין דען בלעם איז גוועזן איין שטערין זעהר אונ ווען ער האט גיזעהן איין שטערין ווייזט אויף איין מענטשין בייז האט ער אים גישאלטין אונ דר נאך אז דאש בייז איז גקומן האבן די לייט גימיינט עש איז גקומן דורך זיין קללה אונ בלק האט אויך אזו גימיינט דאש בלעם קאן שילטין וקסמים בידם אונ זיי האבן מיט גנומן אלע זאכן פון כישוף כדי בלעם זאל קיין אויס רייד ניט האבין ער האט ניט די זאכן פון כישוף אונ אויך האבן זיי מיט גינומן זילבר אונ גאלד צו געבן שכר צו בלעם אונ די עלצטע פון מדין האבן גזאגט ווען ער וועט באלד מיט אונז גיין איז גוט אונ אויב ער וועט אפ לייגין · איז אין זיינע רייד

קיין ממש ניט דא · אונ וויא באלד ער האט צו זיי גיזאגט נעכטיגט דא די נאכט זיינען די עלצטע פון מדין אוועק גיגאנגן אונ דיא הארין פון מואב זיינן גיבליבין זיצין לינו פה הלילה נעכטיגט איבר די נאכט דען גאט ווייזט זיך צו אים נאר ביי נאכט אונ דורך איין חלום מי האנשים האלה גאט האט אים גיפרעגט ווער זיינן די דאזיגע מענטשין האט בלעם גיזאגט צו גאט דאש האט בלק צו מיר גישיקט איך זאל גיין שילטין ישראל האט גאט צוא אים גיזאגט גייא ניט מיט זיי האט בלעם גיזאגט איך וועל זיי שילטין אין דר היים האט גאט צו אים גזאגט שילט זיי ניט האט בלעם גזאגט איך וועל זיי בענטשין האט גאט גיזאגט זיי זיינן שוין לאנג גבענטשט זיי דארפן ניט דיין ברכה איז גיקומן בלעם אונ זאגט צו די הארן פון בלק גייט אהיים דען גאט הייסט מיר ניט גיין מיט אייך נאר מיט גרעשערע הארין פון אייך דען ער איז איין בעל גאוה גיוועזן ער האט ניט גיוואלט זאגין דאש ער איז אין דר האנט פון גאט דרום האט ער אזו גזאגט אונ דרום האט באלד בלק גשיקט גרעשערע הארן צו זאגין צו בלעם איך וועל דיר גרויש כבוד אן טאן נאר שילט מיר די ישראל אזו האט בלעם גימוזט מודה זיין דאש ער איז ביי גאט אין דר האנט אונ האט גזאגט ווען בלק וועט מיר געבין זיין הויז פול מיט גאלד אונ זילבר טאר איך ניט אנדרש טאן נאר וויא גאט הייסט מיר אונ פון דאנן לערנן מיר אפ דאש בלעם האט גילושט צו פיל געלט אונ גוטש אונ אזו האט ער גיזאגט בלק דארף מיר געבין גאר זיין זילבר אונ גאלד דען ער וואלט גידארפט פיל חיל דינגען ערשט וואלט איין ספק גיוועזן אויב ער וועט גיווינן אבר איך וועל מיט מיין שילטין גיוויש גיווינען אונ ער האט גיזאגט צוא די שרים פון מואב נעכטיגט איר אויך איבר די נאכט אונ איך וועל הערן וואש גאט וועט מערין צו ריידין צו מיר דען גאט וועט גיוויש ניט פר ענדערן פון איין ברכה צו איין קללה הלואי גאט זאל ניט מערן זיי קיין ברכה דא האט ער נביאות גיזאגט דאש גאט וועט נאך מערין ברכות צו ישראל דורך אים אונ ער האט גזאגט צו די שרים איר זייט קנעכט פון איין מענטשין אונ מוזט טאן וואש ער הייסט אייך אונ מכל שכן דאש איך מוז טאן וואש גאט הייסט מיר אונ גאט האט גזאגט צו בלעם אויב זיי ווילן דיר שכר געבן זאלשטו גיין מיט זיא נאר וואש איך וועל דיר הייסין דאש וועשטו מוזין ריידן אונ פון דעסט וועגן איז בלעם גיגאנגן דען ער האט זיך גטראכט טאמר וועט ער קענן גאט איבר ריידן ער זאל מסכים זיין צו שילטין די ישראל · אונ בלעם איז אויף גשטאנן אין דר פרי אונ האט אליין אן גיגורט זיין אייזיל חאטשע ער האט גהאט פיל קנעכט נאר פאר גרויש שמחה וואס ער גייט שילטן די ישראל האט ער אליין אן גגורט זיין אייזיל · דען בלעם האט מער פיינט גהאט די ישראל וויא בלק · אזו האט גאט גיזאגט צו בלעם זייער פאטר אברהם האט זיך שוין גיפעדערט · דען ער איז אויף גישטאנן אין דר פרי אונ האט אליין אן גיגורט זיין אייזל צו פירן זיין זון יצחק צו דר עקידה צו שעכטן אים פאר איין קרבן צו מיר אונ פון דעם זכות וועגין וועשטו ניט קענן טאן צו ישראל קיין בייז · אונ גאט האט גיצערינט וואס ער גייט אונ חאטשע גאט האט אים גיהייסין גיין · אונ ווארום האט ער גצערינט · נאר ער האט גאר גיהייסין גיין אונ ער האט בדיעה גהאט צו שילטין · אונ דרום האט גאט צום ערשטן גיזאגט ער זאל ניט גיין אונ דר נאך האט ער אים גיהייסין גיין · צו ווייזין דאש אין דעם וועג וואס איין מענטש וויל גיין אין דעם וועג פירט מען אים · אונ מען קען פרעגן ווארום האט אים גאט גיזאגט ער זאל ניט שילטין אמער זאל ער יוא שילטין איין גאנצין טאג אונ גאט זאל מאכין דאש זיין קללה זאל צו נישט זיין · אונ אויב בלעם האט גיהאט כח צו בענטשין ווארום האט ער ניט גיבענטשט

צו בלק ער זאל ניצול ווערין פון ישראל דען בלק האט דאך מער ניט באגערט נאר צוא ניצול ווערין פון ישראל׳ אונ אפילו ווען בלעם האט ניט גיקענט שילטין דיא ישראל האט ער גיזאלט לכל הפחות בענטשין צוא בלק אזו וואלט ער אים זיין שכר באצאלט ׃ דער פון לערנען מיר אף דאש ער האט ניט גיקענט בענטשין דען ווען ער וואלט קענען בענטשין וואלט ער זיך גיבענטשט ער זאל בייך זיין׳ אונ אויך גיפינן מיר דאס ער האט זיך גיבענטשט ער זאל שטארבן מיט אגוטן טויט אונ צום סוף איז ער ווארן דר שלאגין מיט איין שווערד זעהען מיר דאך דאש זיין ברכה איז ניט אזו איז זיין קללה אויך נישט אונ ווארום האט אים גאט גיווערט צו שילטן דר תירוץ איז גאט האט גיוואושט דאס פיל פון ישראל ווערין פאלין אין דער מגפה פון ווענין זנות אונ ווען בלעם וועט זיי שילטן אזו וועט מען מיינן דאש זיי פאלין פון ווענין זיין קללה דרום האט גאט אים גווערט צו שילטן אבר בלעם האט ניט גיקענט שילטן אונ ניט בענטשין נאר ער האט גיוואוסט דיא צייט וואש גאט צערינט האט ער דאש מאל גשאלטן אונ אין דר צייט האט גאט גאר ניט גצערינט אונ איין מלאך פון גאט האט זיך גישטעלט אנטקעגין בלעם מיט איין בלויזי שווערד דר מלאך וואלט אים גיקענט פאר ברענען מיט איין בלאז נאר ווייל בלעם האט ניט גיטאן וויא דער סדר דאש זייא ווערין זיך מיט איין שווערד ביישערט ער איז גיגאנגען צו שילטין די ישראל מיט זיין מויל דרום האט דר מלאך אויך ניט גיטאן וויא זיין סדר איז אונ האט גינומען איין שווערד׳ אונ דאש אייזיל האט גזעהן דעם מלאך אבר בלעם האט ניט גזעהן דען ער וואלט זיך דר שראקין׳ אונ דר מלאך האט זיך גישטעלט אויף דעם וועג פון בלעם דריי מאל אויף דריי ערטער׳ איין מאל אויף איין פעלד וואס האט קיין צאם ניט דאס איז אנטקעגין אברהם וואס ער האט גיהאט פון



ביידע זייטין שלעכטע קינדר פון הגר אונ פון קטורה׳ דר מיט האט בלעם גיטראכט צוא שילטין זיי׳ אונ דאס אנדרע מאל האט ער זיך גישטעלט אויף איין ארט וואס האט איין צאם פון איין זייט אונ דאס אייזיל האט צו בלעם צו גיקוועצט זיין פוס צו דער וואנט׳ אונ דאש איז גיוועזן אנטקעגין יצחק וואש ער האט אויף איין זייט גיהאט איין שלעכטן זון עשו׳ אונ צום דריטין מאל האט ער זיך גישטעלט אויף איין ארט וואס האט גיהאט פון ביידע זייטין מויערין׳ דאס איז גיוועזן אנטקעגין יעקב וואש אלע זיינע קינדר זיינן גיוועזן גוט אונ פרום׳ אונ צום דריטין מאל האט זיך דאש אייזיל ניט גיקענט רירין האט ער זיך אנידר גיליגט אונטר בלעם אונ בלעם האט דאש אייזיל גישלאגין דריי מאל׳ האט גאט גיעפינט דאש מויל פון דעם אייזיל אונ זיא זאגט צו בלעם דו האסט מיך גישלאגין דריי מאל׳ ווייל דו ווילשט זיין שילטין איין פאלק וואש וועלין זיין דרייא מאל אין יאר עולה רגל זיין קיין ירושלים׳ זאגט בלעם ווען איך וואלט גיהאט איין שווערד וואלט איך דיך גיהרגת ענטפערט דאס אייזיל דו גיישט פאר לירין איין גאנצע אומה מיט דיין מויל אונ צו מיר דארפסטו האבין איין שווערד׳ אזו האט ער ניט גיקאנט ענטפערין האבין זיך די שרים פאר וואונדרט אונ זעהען דיא חרפה פון בלעם אונ דעם נס׳ פרעגין אים די שרים ווארום ביסטו ניט גירידין אויף איין פערד׳ זאגט בלעם איך האב עס גלאזט אין פעלד׳ זאגט דאש אייזיל איך בין דיין אייזיל זאגט בלעם דו ביסט מיין אייזיל צו טראגין משא׳ זאגט דאש אייזיל דו רייטשט אויף מיר זאגט בלעם עס טרעפט זיך אמאל זאגט דאש אייזיל פון דיין יוגינט אן רייטשטו אויף מיר׳ האט גאט געפינט די אויגן פון בלעם אונ ער האט דר זעהען דעם מלאך מיט איין בלויזין שווערד האט ער זיך גיבוקט אונ איז גיפאלין צו דר ערד׳ זאגט דר מלאך צו אים

ווארום האסטו גישלאגן דיין איזיל · און
האטשע דאש איזיל האט קיין זכות אבות
ניט בין איך דאך ווארין גשיקט צו שטראפן
דיך דרויף וואש דו האסט עש גישלאגן און
מכל שכן בין איך מחויב צו שטראפן דיך דו
זאלשט ניט שילטן די ישראל וואש זיי האבן
זכות אבות · ענטפערט בלעם איך האב ניט
גיוואושט דאש דו שטיישט פאר מיר · אזו
האט ער גרויש חרפה דר פון איין גנומן פון די
שרים דאש ער וייש גאר ניט און בלעם האט
גזאגט אויב גאט וויל וועל איך מיך אום קערן
דען דער סדר פון גאט איז אזוא · ער האט
גיהיישן אברהם זיין זון צוא איין קרבן
ברייגן און דר נאך האט ער דורך איין מלאך
אום גיקערט זיינע רייד און האט גיזאגט
ער זאל אים ניט אן רירין · זאגט דר מלאך
גיי מיט זיי · דר פון לערנען מיר אפ דאש
אין דעם וועג וואש דר מענטש וויל גיין אין
דעם וועג פירט מען אים · און דאש איזיל
איז גיהרגת גיווארין כדי זיי זאלין אים ניט
מאכין פאר איין אפ גאט · און אויך האט
גאט רחמנות גיהאט אויף דעם בלעם כדי
לייט זאלין ניט גידיינקן זיין חרפה וואש ער
האט איין גינומען דורך דעם איזיל · און
נאך איין פשט איז וייל דאש איזיל איז
ווארין באשאפין פון ששת ימי בראשית
צו ריידין מיט בלעם און אז ער האט אפ
גירעט מיט בלעם איז ער גיהרגת גיווארין ·
און בלעם האט גיבויעט זיבין מזבחות ער
האט גיזאגט זיבין עלטערין פון ישראל
האבין גימאכט זיבין מזבחות אדם קין נח
אברהם יצחק ויעקב משה · און איך וועל
מאכין זיבין מזבחות אנטקעגין אלע · און
זאגט צו גאט דיין כבוד איז דו זאלסט מקבל
זיין קרבנות פון פיל עובדי כוכבים אבער
גאט האט זיין קרבן ניט אן גינומען · און
בלק האט גיפירט צו בלעם אויף פיל בערג
כדי ער זאל זעהן די ישראל מיט זיינע אויגן
און זאל זיי איין עין הרע געבן און גאט איז

צו בלעם אנטקעגין גיקומען דען ער האט
ניט גיוואלט ער זאל קומן פר אים · עש איז
איין משל צוויי מענטשין קלאפין אין טיר
פון דעם מלך · איינער איז איין פריינט צום
מלך · און דער אנדערער איז איין מצורע ·
זאגט דר מלך לאז דר פריינט אריין גיין און
צום מצורע האט ער ארויש גישיקט איין
תשובה און האט ניט גיוואלט ער זאל אריין
קומען צו אים און בלעם איז גוועזן הינקעדיג
אויף איין פוס און בלינד אויף איין אויג ·
און בלעם האט זייער הויך גישריען כדי
אלע אומות זאלין הערן און זאלן זיך מקנא
זיין אין ישראל · און בלעם זאגט צו בלק
פון דער שטאט ארם ווילשטו האבין איך
זאל שילטין די ישראל זייער פאטר אברהם
איז דאך מיט פיל ברכות ארויש גיגאנגען
פון ארם · און אויך יעקב איז מיט פיל ברכות
ארויש גיגאנגען פון ארם אז ער איז אהין
אנטלאפין פאר זיין ברודער עשו · און ווען
אברהם וואלט ניט מציל זיין לוט פון סדום
וואלט לוט מיט זיינע טעכטער אום גיקומען
וואלשטו בלק אויף דער וועלט גאר ניט
גיקומען · דען מואב איז גיוועזן איין זון פון
דער טאכטער פון לוט · און ווען ניט יעקב
וואלט איך בלעם אויך אויף דר וועלט ניט
גיוועזן · דען איי יעקב איז גיקומען צוא לבן
האט לבן קיין זון ניט גיהאט · און וויא
באלד יעקב איז גיקומען צו לבן האט אים
גאט גיבענטשט מיט איין זון און פון דעם
זון איז ארויש גיקומען בלעם · און דרום
וויא קאנען מיר זייא שילטין זייערע עלטערן
האבין אונז דאך אויף דער וועלט גיבראכט
און אויך האט בלעם גיזאגט דו הייששט מיך
שילטין יעקב דאש קען איך ניט ווען דוא
זאלשט מיר הייסן שילטן אברהם אדר יצחק
דאש וואלט איך גיקאנט · אבר יעקב קען
איך ניט שילטין דען ער ווערט גירופן איין
ארב פון גאט און זיין גיליבטע פאלק · און
ווער עש שילט דיא ישראל דער שילט

זיך

זִיךְ אַלֵיין דֶען אֲפִילוּ וֶוען זֵייא זֵיינֶען חַיָיב צוּא שִׁילְטִין הָאט מֶען זֵייא דָאךְ נִיט גִישָׁאלְטִין · אַזוֹא וִויא מִיר גִיפִינֶען דָאשׁ יַעֲקֹב אַז עֶר הָאט אוֹיש גִינַארְט דִי בְּרָכוֹת בַּיי זַיין פָאטֶר יִצְחָק הָאט עֶר אִים גִדַארְפְט שִׁילְטִן אַזוֹ הָאט עֶר אִים נָאךְ מֶער גִבֶּענְשְׁט וִויא פְרִיעֶר · אוּנ אֲפִילוּ אַז זֵיי הָאבִּין דָאשׁ עֵגֶל גִימַאכְט זֵיינֶען זֵיי רָאוּי גִיוֶוען גָאט זָאל זֵיי שִׁילְטִין · פוּן דֶעשְׁט וֶועגִין הָאט זֵיי גָאט פִיל גוּטְשׁ גִיטָאן אוּנ הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין דֶעם מַן אוּנ דֶעם בְּאֵר אוּנ הָאט זֵיי אַרוּם גִירִינְגְלְט מִיט וָואלְקִין · אוּנ דְרוּם וִויא זָאל אִיךְ זֵייא שִׁילְטִין אֲפִילוּ אִיךְ וֵויים דִי צַייט וָואשׁ גָאט צֶערִינְט קֶען אִיךְ אִין דֶר צַייט שִׁילְטִן אָבֶּר דִיא הַיינְטִיגֶע צַייט צֶערִינְט גָאט נִיט דְרוּם קֶען אִיךְ זֵייא נִיט שִׁילְטִין · אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגִין וֶוען גָאט וָואלְט דִי צַייט גִיוֶוען גִיצֶרִינְט וָואלְט חַס וְשָׁלוֹם נִיט אִיבֶּער גִיבְּלִיבִּין פוּן יִשְׂרָאֵל קַיין שׁוּם אִיבֶּער בְּלַייבּוּנְג · אוּנ חָאטְשֶׁע דֶער צָארִין פוּן גָאט גִיוֶוערְט נָאר וִויא מֶען קֶען זָאגִין דָאשׁ וָוארְט רֶגַע · נָאר בִּלְעָם אִיז קְלוּג גִוֶוען עֶר וָואלְט גִיזָאגְט דָאס וָוארְט כַּלֵם דָאשׁ אִיז טַייטְשׁ פַר לֶענְד זֵיי · אָבֶּער גָאט הָאט פַר קֶערְט דָאשׁ וָוארְט כַּלֵם צוּ מֶלֶךְ דָאשׁ וַוייזְט דָאשׁ גָאט אִיז אַיין מֶלֶךְ צוּא יִשְׂרָאֵלִ· אוֹיךְ הָאט בִּלְעָם גִיזָאגְט זֵייא הָאבִּין פִיל מִצְוֹת וֶוער קֶען צֵיילִין דִי מִצְוֹת וָואשׁ זֵיי טוּעֶן מִיט דֶעם אַשׁ פוּן דֶער פָּרָה אֲדוּמָה · אוּנ מִיט דֶעם אַשׁ וָואשׁ מֶען טְרִינְקְט אָן אַיין סוֹטָה וָואשׁ פַר בָּארְגְט זִיךְ מִיט אַיין פְרֶעמְדִין מַאן אוּנ זֵייא זֵייעֶן נִיט קַיין כִּלְאַיִם אִין דֶער עֶרְד · אוּנ בִּלְעָם הָאט גִיבֶּעטִין עֶר זָאל שְׁטַארְבִּין מִיט אַיין טוֹיט אַזוֹ וִויא דִי יִשְׂרָאֵל שְׁטַרְבִּין אוּנ זַיין סוֹף זָאל זַיין אַזוֹ וִויא דֶר סוֹף פוּן יִשְׂרָאֵל וֶועט זַיין · אָבֶּר גָאט הָאט אִים גִיטַייט מִיט אַיין בֵּייזִין טוֹיט עֶר הָאט נָאר גִילֶעבְּט פִיר אוּנ דְרַייסִג יָאר אוּנ דֶר נָאךְ אִיז עֶר וָוארִין דֶער הֲרֵגְתּ מִיט אַיין שְׁוֶוערְד · אוּנ עֶשׁ אִיז קָשֶׁה וָואס

הָאט בִּלְעָם גְמֵיינְט וָואשׁ עֶר הָאט גִירֶעכִנְט דִיא מִצְוֹת וָואשׁ יִשְׂרָאֵל הַאלְטִין מִיט דֶעם אַשׁ פוּן דֶר פָּרָה אֲדוּמָה אוּנ פוּן אַיין סוֹטָה אוּנ זֵייא זֵייעֶן נִיט קַיין כִּלְאַיִם · דָאשׁ אִיז מֶען טָאר נִיט זֵייעֶן קָארְן אוּנ וַוייץ אִין אַיין וַויין גָארְטִין · וָוארוּם הָאט עֶר גְרֶעשֶׂערֶע מִצְוֹת נִיט גִירֶעכִינְט וָואשׁ יִשְׂרָאֵל הַאלְטִין · דֶר תֵּירוּץ אִיז בִּלְעָם אִיז גִיוֶוען אַיין חָכָם צוּ בֵּייזִין עֶר הָאט גִיזֶעהֶן מֶען קֶען יִשְׂרָאֵל נִיט טָאן מִיט מִלְחָמָה אוּנ נִיט מִיט שִׁילְטִין הָאט עֶר זִיךְ גְטְרַאכְט דִי יִשְׂרָאֵל זַיינֶן זֵייעֶר פְרוּם דְרוּם הָאבִּין זֵייא אַיין קִיוּם · דֶען מִיר גִיפִינֶן דָאשׁ דְרַיי עֲבֵירוֹת זֵיינֶן גְרוֹיס אַנְטְקֶעגְן גָאט וָואשׁ עֶר טַייט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן דִי עֲבֵירוֹת וֶועגִין · אַזוֹא וִויא מִיר גִיפִינֶען בַּייא דֶעם מַבּוּל · אוּנ דִיא דְרַייא עֲבֵירוֹת זֵיינֶען עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים · אוּנ זְנוּת · אוּנ גְזֵילָה · פוּן דִי דְרַייא עֲבֵירוֹת וֶועגִין הָאט גָאט גִבְּרַאכְט דֶעם מַבּוּל · דָאשׁ זָאגְט בִּלְעָם פוּן דִי דְרַייא עֲבֵירוֹת זַיינֶן דִי יִשְׂרָאֵל גִיוָוארִינְט · אַנְטְקֶעגְן דֶעם וָואשׁ זֵיי הָאבִּין גִידִינְט עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים דָאשׁ אִיז דָאשׁ עֵגֶל הָאבְּן זֵיי דָאשׁ אַשׁ פוּן דֶר פָּרָה אֲדוּמָה וָואשׁ אִיז מְכַפֵּר אוֹיף דֶעם עֵגֶל · אוּנ אַנְטְקֶעגִין זְנוּת אִיז דָאשׁ אַשׁ פוּן אַיין סוֹטָה דָאשׁ וִויא בַּאלְד מֶען הָאט אַיין אִשָּׁה חוֹשֵׁד גִיוֶוען זִיא הָאט מְזַנָּה גִיוֶוען חָאטְשֶׁע עֶשׁ אִיז קַיין עֵדוּת נִיט גִיוֶוען דָאךְ הָאט מֶען אִיר גִיגֶעבִּין טְרִינְקֶען וַואשֶׁר מִיט אַשׁ פוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ · אוּנ אוֹיבּ זִיא הָאט מְזַנָּה גִיוֶוען אִיז זִיא גִישְׁוָואלִין גִיוָוארְן פוּן דֶר וַואשֶׁער · דְרוּם הָאט אִיטְלִיכֶע אִשָּׁה מוֹרָא גִיהַאט מְזַנֶּה צוּא זַיין · דְרוּם הָאט בִּלְעָם גִיזָאגְט מֶען קֶען זֵייא נִיט טָאן · זֵייא הָאבִּין נִיט קַיין זְנוּת בַּיי זִיךְ אוּנ זֵיי זֵיינֶען גִיבָּאטִין דָאשׁ אֲפִילוּ זֵייעֶרֶע בְּהֵמוֹת זָאלִין נִיט מְזַנֶּה זַיין אַיין מִין מִיט דֶעם אַנְדֶערִין · אוּנ דֶער מַבּוּל אִיז דְרוּם גִיקוּמֶען וַוייל דִיא בְּהֵמוֹת אוּנ חַיוֹת אוּנ עוֹפוֹת הָאבִּין זִיךְ בֵּהֶעפְט נִיט מִיט זֵייעֶר מִין · אוּנ דָאשׁ הָאט

בלעם גיזאגט זיי האבן מצות ביי דעם אש
דאש ווען זייא ווילן אקערן טארין זיי ניט
אקערן מיט איין אקס אונ מיט איין אייזיל
דען ווען איין אקס מיט איין אייזיל וואלטן
ביי אנאנדער גיאקערט וואלטן זיי אין איין
שטאל גיוועזן אזו וואלטן זיי זיך באהעפט
מיט אנאנדער · דרום זאגט בלעם זיי זיינן
גיבאטן אויף זייערע בהמות זיי זאלין ניט
מזנה זיין · מכל שכן זיי אליין טוען בוודאי
ניט מזנה זיין · אונ אויך זיינען זיי גיבאטין
ביי דעם אש דאש מען זאל ניט זייען קארין
אונ ווייץ אין איין ווין גארטין · נאר מען
זאל אפ טרעטין פיר איילין כדי דאש קארן
אונ ווייץ זאל ניט אוועק גזלנן דעם כח פון
דעם ווין גארטין ווען זיי וועלין ביי אננדר
וואקסין · אונ ווען זיי זיינען גיבאטין זייער
קארין אונ ווייץ זאל ניט אוועק גזלנן דעם
כח פון איין ווין גארטין · מכל שכן זיינען
זיי גיבאטין איינער זאל ניט גזלנען ביי זיין
חבר · אונ אויך מצות מילה איז דרום ווארין
גיגעבין מען זאל ניט מזנה זיין · דאס אליץ
האט בלעם אונ בלק גיזעהען דרום האט
בלעם איין עצה גיגעבין צו בלק ער זאל זיי
מאכין זינדיגן מיט עבודת כוכבים אונ מיט
זנות אזו וויא ווייטער וועט שטיין אונ דורך
דעם וועלין ישראל פאר לארין ווערין · אונ
בלעם האט זייער הויך גישריען בייא דעם
בענטשין וואש ער האט גיבענטשט דיא
ישראלי׳ רבי יהושע בן לוי זאגט זיבעציג
מייל האט מען גיהערט דאש קול פון בלעם
רבי אלעזר הקפר זאגט גאט האט גיגעבין
כח צוא בלעם דאש מען האט זיין קול
גיהערט פון איין עק וועלט צו דר אנדערר ·
ווייל עס איז דא פיל אומות וואש בוקין זיך
צו דר זון אונ צו דר לבנה אונ צו די שטערן
דרום האט גאט אים כח גיגעבין מען זאל זיין
קול הערין אין גאנץ וועלט כדי מען זאל
וויסן דאש עס איז דא איין גאט אויף דר
וועלט דער גאט פון ישראל · אונ בלק האט
גיזאגט צו בלעם איך האב דיך גירופין צוא
שילטין די ישראל אונ דו בענטשט זייא האט
בלעם צוא אים גיזאגט איך מוז טאן וואש
גאט הייסט אל ראש הפסגה בלק האט גיזעהען
דאש משה רבינו וועט שטארבין אויף ראש
הפסגה דרום האט בלק גיפירט צוא בלעם
אויף דעם ארט צו שילטין דיא ישראל אונ
וויא באלד דיא שרים האבין גיזעהען דאש
ער בענטשט דיא ישראל האבין זיך אטייל
שרים אפ גשייד · אונ אטייל שרים אונ בלק
זיינען איבער גיבליבין אונ האבין פון אים
ליצנות גימאכט אונ פרעגין אים וואש
האט גאט גירעט דען דו ווייסט גאר ניט
אן גאט האט בלעם גיצערינט אונ זאגט
צו בלק דו זיצט דוא מעגשט זיך שטעלין
אויף דיינע פים פון וועגין דעם כבוד פון
גאט אונ בלעם זאגט גאט איז ניט גלייך וויא
איין מענטש וואש ער זאגט עפעס צו אונ
דר נאך האט ער חרטה · אבער גאט האט
מיר גיהיישין בענטשין די ישראל אונ ער
וועט קיין חרטה ניט האבין לא הביט און ביעקב
גאט איז ניט זייער מדקדק אויף די עבירות
פון ישראל נאר ער זוכט נאך וואש פאר
איין מצות זיי טוען אונ וויא זאל איך זייא
שילטין אז גאט איז זייער שומר אונ ער
שלאפט ניט · האט בלק גיזאגט צו בלעם
זעה ווער עש וועט זייא פירין נאך דעם
טויט פון משה טאמער וועסטו זייא קענען
שילטין אויף יענער צייט האט בלעם גיזאגט
איך זעה דאש יהושע וועט זייא פירין אונ
ער איז זייער חשוב דאש מיט דעם בלאזין
פון איין שופר וועט ער מאכין איין פאלין
שטארקע מויערין דאש האט בלעם גיזאגט
ותרועת מלך בו מיט זיין בלאזין שופר וועט
ווערין גיוויזין זיין מלכות אל מוציאם ממצרים
גאט האט זיי אויש גיצויגין פון מצרים ניט
אזו וויא דוא בלק זאגשט זייא זיינען אליין
ארויש גיגאנגן פון מצרים · אונ ווען ישראל
האבין ווייניג עבירות שטראפט זיי גאט ניט

באלד

באלד אונ ווען אפילו זיי זיינן ווייניג פרום מאכט זיי גאט גאנץ הויך · כי לא נחש ביעקב זיי זייגען ווערט מען זאל זיי בענטשין ווייל זיי טוען ניט קיין כישוף אונ זיי ווערן אלץ גיוואר אן כישוף דען גאט לאזט זייא אלץ וויסן דורך די אורים ותומים אונ אלע אומות האבין מלאכים אין הימיל וואש באשיצין אויף זיי אונ ווען זיי ווילין כישוף טאן מוזן זיי מיט דעם מלאך אן הויבן אבר גאט איז אליין דער האר אונ דער בשיצר פון ישראל דרום העלפט קיין כישוף ניט אין זיי אונ זיי דארפן קיין כישוף ניט צו ברויכן דען גאט ווייש אלץ וואש עס ווערט גשעהן אונ לאזט זייא וויסן אבר דיא מלאכים וויסן ניט אלץ וואש עש ווערט זיין אונ בלעם האט גזעהן ווי די ישראל ווערן זיצן פר גאט אזו ווי איין תלמיד זיצט פר זיין רבי אונ ווערן תורה לערנן מיט אים אונ די מלאכים ווערן זיין פון אוישווייניג אונ ווערן פרעגין צו ישראל וואס האט גאט מיט אייך גלערינט אונ די ישראל ווערן זיי זאגין · הן עם כלביא יקום די ישראל שטייען אויף גאנץ פריא אונ לייגן טלית אונ תפילין אונ לייען קריאת שמע אונ דאווענען שמונה עשרה אונ ביי נאכט ווען זייא לייגן זיך שלאפן לייען זיי פריער קריאת שמע אזו פליהן פון זייא אוועק די מזיקים אונ דרום וויא קענן מיר זיי כישוף טאן אונ בלעם האט אויף זיך נביאות גזאגט דאש ער ווערט פר לארן ווערן דורך דר שווערד אונ בלק האט גזוכט איין ארט וואו צו שילטן די ישראל אונ האט גיזעהן אויף שטערן דאס די ישראל ווערן זינדיגין ביי דר אפ גאט וואש הייסט פעור אונ ווערן דער שלאגין ווערן אזו האט ער גפירט בלעם צו דר אפ גאט פעור ער זאל פון דארטין שילטן די ישראל האט בלעם גיזאגט איך הער דיא רייד פון גאט אונ איך זעה די שיין פון גאט ווען איך טוא פאלין דרום האט בלעם אזוא גזאגט ווייל ער האט ניט גיקענט איין שטיין אז גאט האט זיך צוא אים בווייזן גייערט ער

האט גימוזט פאלין צו דער ערד ווייל ער איז ניט גיוועזן גימלת · אונ ער האט אן גהויבן צו בענטשין די ישראל אונ האט גזאגט ווי זייער בצניעות זיינען דיינע גיצעלטין דוא ישראל דאש עש שטייט ניט איין טיר אנטקעגין דר אנדערר כדי איינר זאל ניט זעהן וואש דער חבר טוט אין זיין גיצעלט אונ זאל דעם חבר ניט מקנא זיין אונ זאל אים קיין עין הרע ניט געבן · אויך האט ער גיזאגט וויא איין שיין משכן די ישראל האבן צו מקריב זיין קרבנות אונ זיי האבן בתי מדרשים וואש זיי לערנען אין זיי תורה · אונ זיי האבן פרומע שטארקע מלכים · רבי אבא בר כהנא זאגט אלע ברכות פון בלעם זיינן גווארן צו קללות אז דש בית המקדש איז חרוב גיווארין נאר די ברכה פון שולין אונ בתי מדרשים דאש האבן נאך די ישראל ביז היינטיגן טאג דען זיי האבן שולן אונ בתי מדרשים צו לערנן אין זיי תורה אונ בלעם האט גזאגט דיינע בענטשר זאלין זיין גבענטשט אונ דיינע שילטר זאלן זיין נשאלטן אונ אז יצחק האט גיבענטשט צו יעקב האט ער פריער גיזאגט דיינע שילטער זאלין זיין גישאלטין אונ דר נאך האט ער גזאגט דיינע בענטשר זאלן זיין גיבענטשט דאש איז ווייל די צדיקים האבין פריער שלעכט אונ דער נאך אויף יענר וועלט האבן זייא פיל גוטש אבר די רשעים האבין פיל גוטש אויף דער וועלט אונ דר נאך ווערן זיי פר לארן פון יענר וועלט · יזל מים מדליו עש טוט רינן דיא תורה וואש זיא איז גיגליכין צוא וואשער פון דיא ארמע לייט · דרום זאל מען נזהר זיין . אין די ארמע לייט דען פון זיי גייט ארויס די תורה אזו זאגט די גמרא · אונ דרום האבן די תלמידי חכמים אפט קינדר וואס קענן ניט לערנן אזו וויא זייא כדי מען זאל ניט זאגין דיא תורה איז איין ירושה וואש מען ירשת פון דעם פאטר · אונ רב ששא זאגט כדי ער זאל זיך ניט איבר נעמן צו הערשן איבר קהל רבינא אונ רב אשי זאגין דרום האבן זיי קיין קינדר

ניט

גיט וואש קענן לערנען ווייל זייא רופין דאס פאלק אייזלן אונ ווייל זיי מאכן קיין ברכה גיט אויף דר תורה ווען זיי זעצין זיך לערנן׃ וישב ישראל בשטים די ישראל זיינן גיזעסין אין שטים עש זיינן פיל וואשר אויף דער וועלט וואש גיוואונן די לייט צו גוטן אדר צו בייזין אטייל וואשר מאכן די לייט מיאוס אונ אטייל וואשר מאכן די לייט זייער שיין אטייל וואסר מאכין דיא לייט שטארק אונ אטייל וואשער מאכן זיי שלאף אונ דר טייך פון שטים ברייננט צו זנות אונ ער לויפט פאר ביי סדום אבר אז משיח וועט קומן וועט גאט דעם טייך שטים טרוקן מאכן אונ דרום אויך אז די ישראל זיינן גיקומן קיין שטים האבן זייא אן גיהויבן מזנה צוא זיין אונ בלעם האט צוא בלק איין עצה גינעבין ער זאל מאכין פאלן די ישראל אונ האט גיהייסן בויען שיינע הייזער וואש מען זאל דרינן פר קויפן עסן אונ טרינקן אונ וויים גרעט אונ די ישראל וועלן קומן קויפן אונ ער האט גזעצט אין די הייזר שיינע יונגע נקבות אונ פר דר טיר האט ער גשטעלט איין אלטע אשה׃ אונ די יונגע איז אליין גיוועזן אין הויז אונ האט פר קויפט וויין אונ פיין ברויט אונ וואש מען בדארף אונ די ישראל זיינן גיקומן אין דיא שיינע הייזר אונ האבן גיגעסין אונ גיטרונקן אונ גייען ארויס אויף דעם מארק צווישן די הייזר איז גוועזן צו פר קויפן שיינע קליידר אונ וייש גרעט זאגט דיא אלטע איך וועל דיר פר קויפן איין שיין קלייד וואש עש איז ווערט צווייא גילדין פר איין גילדין קומט ער אריין אין הויז זאגט די יונגע איך וועל דיר פר איין האלבן גילדן פר קויפין אדער נאך וואלוועלער לסוף זעהעט ער וויא זיא שטעלט זיך זייער ליבליך פר אים אונ זאגט צוא אים זעץ דיך אנידר אונ טרינק מיט מיר גוטן וויין דען דענסט מאל איז נאך ניט גוועזן פר באטן קיין וויין מיט עובדי כוכבים צוא טרינקען אונ ער האט גיטרונקן ביז ער איז שיכור גיווארין אזו האט ער צו איר גיזאגט

זייא מיט מיר האט זיא גזאגט אויב דו וועשט קושן די אפ גאט וואש הייסט פעור וועל איך דיך צו הערן דען זיי האבן ביי זיך גיהאלטין צורות פון דער אפ גאט פעור אזוא האט ער גיקושט די אפ גאט פעור אונ די טעכטר פון מואב האבן זיך אן גציירט אין שיינע קליידר אונ זיינן די ישראל אנטקעגן גיגאנגן אונ זאגן צו זיי ווארום האט איר אונז פיינט מיר קומן דאך אלע ארויס פון תרח דר פאטר פון אברהם קומט מיר וועלן קולן פון אייערט וועגן היינר אונ גענז מיר וועלן אייך ניט ווערן׃ אונ אטייל חכמים זאגן בלעם האט ניט גיהייסן קיין וויין געבן צו ישראל כדי זיי זאלן זיך ניט אן שיכרן אונ וועלן פר גאט איין תירוץ האבן מיר זיינן שיכור גיוועזן אונ בלעם האט גזאגט דר גאט פון ישראל האט פיינט זנות אונ אפ גאט אונ ווען זיי וועלן מזנה זיין וועלן זיי אפ גאט אויך דינן אונ דר נאך וועלין זייא אויך שופך דם זיין דען דר סדר איז דאש מען שלאגט זיך פון דר נואפת וועגן אונ איינר דר הרגת דעם אנדערן׃ אונ אז בלעם האט גיזעהן דאס מען האט איין נשיא גיהרגת ביי דר נואפת אזוא האט ער גזאגט עש איז מיר גיראטן די ישראל האבין שוין דריי עבירות גיטאן אפ גאט אונ שפיכות דמים אונ זנות אזוא וויא ביי דעם מבול טאמר וועט זיי גאט דר שלאגן ווי דעם דור המבול׃ אונ בלעם האט זיי עצות גיגעבן אונ האט זייא גזאגט ווען איין ישראל וועט וועלן בייא אייך זיין זאלט איר אים הייסן קוילין איין הון אדער איין גאנז צוא דר אפ גאט פעור אונ דער ישראל זאל זיך בוקן צו פעור והנה איש מבני ישראל גאט האט גבאטן מען זאל הייננען די וואש האבין די אפ גאט גידינט האט משה גיזאגט איך וייש ניט ווער עש האט גידינט האט גאט גזאגט דר וואלקן וואש איז איבר ישראל דר וועט ווערן אפ גטאן פון די לייט וואס האבן אפ גאט גידינט אונ די זון וועט שיינען אויף זייערע קעפ דרינען זאלסטו וויסן דאס זיי האבן גידינט אפ גאט

אונ

אונ זאלטן זייא הייגען אזו האבן זיך איין
גזאמילט שבט שמעון אונ זיינן גקומן צו זייער
נשיא · ער האט גיהייסן זמרי אונ זאגן צו אים
מען וויל אונז אלע טייטן אונ דוא שווייגסט
שטיל האט ער איין גזאמילט פיר אונ צוואנציג
טויזינט מאן פון זיין שבט אונ קומט צו דר
טאכטר פון דעם מלך פון מדין זיא הט גהייסן
כזבי אונ הט איר אן גימוטט הט זיא גיענטפרט
מיין פאטר האט מיר אן גיזאגט איך זאל ליגן
מיט אייער האר משה האט דר נשיא גיזאגט
איך בין השובר. פון משה דען איך בין פון
שמעון דר אנדרר זון פון יעקב אונ משה איז
פון לוי דר דריטר זון פון יעקב אזו האט ער
זיא אן גנומן ביי די האר אונ הט זיא גבראכט
צו משה אונ פרעגט אים מעג איך זיא נעמן
זאגט משה ניין האט ער גזאגט צו משה ווער
האט דיר די טאכטר פון יתרו מתיר גוועזן צו
נעמן פר איין ווייב זיא איז דאך אויך פון מדין
אונ משה אונ כל ישראל האבן אן גיהויבן צו
וויינען ווייל משה האט דעם דין פאר געסין
אונ האט ניט גוואוסט דש ער איז חייב מיתה
בשעת מעשה אונ דרום הט גאט גיטאן דאס
משה האט דעם דין פר געסין כדי פנחס זאל
דעם דין אויש זאגן אונ זאל מקבל זיין דרויף
שכר · אונ פנחס האט גיוואוסט דאס מען
דארף זיי טייטן בשעת מעשה אונ הט גינומן
איין שפיז אונ האט דאס אייזן אראפ גינומן
פון אים אונ הט בהאלטן אין בוזים כדי מען
זאל זיך ניט שטויסין דאס ער גייט מיט איין
שפיז אונ איז גקומן צו דעם גצעלט וואו זמרי
איז גילעגן מיט כזבי אונ הט זיך אן גלעהנט
אויף דעם האלץ פון דר שפיז מען זאל מיינן
עש איז איין שטעקן דען ער האט מורא גהאט
פאר שבט שמעון וואש זיינן גיוועזן פיר אונ
צוואנציג טויזינט ארום דעם גיצעלט האבין
זיי אים גיפרעגט וואס דארפסטו האט פנחס
גיזאגט איך וויל קומן צו כזבי דען וואו גיפינן
מיר דאס שבט לוי איז בעסר פון שבט שמעון
אזו באלד האבין זיי אויף גיעפינט דיא טיר
אונ לאזין אים אריין · אונ ער האט זיי גיפונן
ביי אנאנדר ליגין האט ער דאש אייזין אויף
גשטעקט אויף דעם האלץ אונ האט זיי ביידע
גישטאכן אין זייער שאנד אונ וויא פנחס הט
גיזעהן ישראל שטארבן זייער האט ער תפלה
גטאן פאר זיי אונ האט פון זיי דעם טויט אפ
גיטאן אונ דרום האט פנחס זוכה גיוועזן דאש
מען גיט צו די כהנים די זרוע פון דעם קרבן
דאס איז די האנט פון דעם קרבן ווייל פנחס
הט מיט זיין האנט גיטראגן די שפיז מיט צוויי
לייט אונ מען גיט די כהנים די קין באקן ווייל
ער האט תפלה גטאן מיט דעם מויל וואס דש
איז די קין באקן אונ אויך גיט מען די כהנים
דעם מאגין פון קרבנות ווייל פנחס האט זיי
גישטאכן אין זייער מאגן דאש האט ער זוכה
גוועזן אויף דר וועלט אונ הט אויך זוכה גוועזן
דאש אייביג לעבין אויף יענר וועלט דען ער
הט גילעבט זעקש הונדרט יאר דר נאך איז
ער לעבדיגר הייט אין הימיל אריין אונ האט
זוכה גוועזן דש עם זיינן פון אים ארויס גקומן
אכצעהן כהנים גדולים אונ נביאים אין דעם
ערשטין בית המקדש אונ אכצעהן כהנים
גדולים אין דעם אנדרין בית המקדש אונ וייל
זיינע קינדר האבן פר קויפט דאש פלייש פון
קרבנות וואש מען הט זיי גיגעבן דרום האבן
זיי ניט לאנג גילעבט דען זיי וואלטן ניט גדארפט
קיין געלט נעמן דר פר נייערט זיי וואלטן עש
גדארפט צו די ארעמע כהנים געבן פר צדקה
אונ עש איז גיפאלין פון ישראל פיר אונ
צוואנציג טויזינט אין איין שעה האטשע ביי
דעם עגל איז נאר גיפאלן דריי טויזנט דען די
עבירה פון זנות איז גרעסר פר גאט מער פון
עבודת כוכבים ובפרט דש זיי האבן עבודת
כוכבים אויך גידינט צו פעור :

# הפטרת בלק

והיה שארית יעקב בקרב עמים רבים אונ אז עש וועט
קומן גוג ומגוג וועלן ישראל זיין אין גרוישע
צרות זיי וועלן זיין גיפאנגן צווישן פיל פעלקר
אונ

אונ די וואש ווערן גלויבן אין גאט ווערן איבר בלייבן אונ ווערן אין זייערע לעבינש טעג פיל צרות איין נעמן אונ ווערן גלייטערט ווערן אזו וויא זילבר אונ ווערן זיין אזו ווי איין טויא פון גאט. אונ אזו ווי איין שפריי רעגן וואס גייט אויף גראז וואש האפט ניט אויף קיין מענטשין נאר אויף גאט אזו ווערן די ישראל ניט האפין אויף דר הילף פון איין מענטשן נאר אויף גאט והיה שארית יעקב בגוים אונ דאש איבר בלייבונג פון יעקב ווערט זיין אזו ווי איין לייב גיוועלטיגט אין די בהמות פון דעם וואלד אונ אזו ווי איין יונגר לייב גוועלטיגט אין שטאדש שאף ווען דר לייב פארט איבער צווישן די בהמות אונ חיות אונ איז הונגעריג אזו צו טרעט ער איין בהמה אדר איין חיה אונ עסט זיא באלד אויף אונ פר צוקט איין בהמה אהיים צוא טראגין צוא זיינע יונגע קינדר אונ קיינער קען ניט מציל זיין פון אים תרום ידך על צריך עש ווערט ווערן דר הויבין דיין האנט דו ישראל אויף דיינע בליידיגר אלע דיינע פיינט ווערן פר שניטן ווערין והיה ביום ההוא אונ עש ווערט זיין. דעם דאזיגן טאג זאגט גאט איך וועל פר שניידן די פערד פון צווישן דיר כלומר די הילף פון מצרים וואש איר פאר זיכרט זיך אויף זיי דאש זיי ווערן אייך געבין גינוג פערד אונ איך וועל מאכין פר לירן דיינע רייט ווענן אונ וועל פאר שניידין די שטעט פון דיין לאנד אונ וועל צו פירן אלע דיינע שטעט דאש דוא וועסט ניט דארפן זיצן אין פעסטע שטעט צוא שטארקן זיך אין זיי אנטקעגן דיינע פיינט דען עש ווערט שוין מער קיין מלחמה אויף דיר ניט קומן והכרתי כשפים מידך אונ איך וועל פר שניידין די כישוף מאכער פון צווישין דיר אונ וועל פאר שניידין פון צווישן דיר דיינע בילדר אונ דיינע מצבות וואש דו מאכשט צו דר אפ גאט אונ דו וועשט דיך ניט בוקן צוא דיא מעשים פון דיינע הענט אונ איך וועל אויש רייסין דיינע ליגדין בוימר פון צווישן דיר אונ וועל פר טיליגן דיינע פיינט ועשיתי באף ובחמה אונ איך וועל טאן מיט צארן אונ מיט גרים צארן איין נקמה אין די עובדי כוכבים וואש האבן ניט צו גהערט אין מיין קול ואגט מיכה שמעו את אשר יי׳ אומר הערט צו ישראל וואש גאט זאגט צו מיר דען אזו זאגט ער צוא מיר שטיי אויף דו נביא אונ קריג דיך מיט די בערג דאש זיינן די אבות אונ לאזן די הויך צו

הערן דיין קול דאש זיינן די אמהות אונ אזוא זאגט גאט שמעו הרים את ריב יי׳ הערט צו איר בערג די קריג פון גאט אונ די שטארקע גרונט פעסט פון דר ערד הערט צו די קריג פון גאט דען איין קריג איז צו גאט מיט זיין פאלק אונ מיט ישראל וועט ער זיך מתוכח זיין אונ אזו זאגט גאט עמי מה עשיתי לך מיין פאלק גיב דיין הארץ צו פאר שטיין די טובות וואש איך האב דיר גיטאן אונ פון דעסט וועגן מיט וואש האב איך דיך מיר גמאכט אין מיין דינשט זאג עדות אין מיר כי העליתיך מארץ מצרים דען איך האב דיך אויף גברכט פון דעם לאנד מצרים אונ פון דעם הויז וואש איר זייט דארטן גוועזן קנעכט האב איך דיך אויס גלייזט אונ האב פר דיר גשיקט משה אונ אהרן אונ מרים משה זאל דיך לערנען דינים אונ אהרן זאל מכפר זיין אויף דיינע עבירות אונ מרים זאל לערנען די ווייבער עמי זכר נא מיין פאלק גידיינק נאר וואש בלק מלך מואב האט אויף דיר איין עצה גהאלטן אונ וואש בלעם האט אים געענטפרט דען בלעם האט גזאגט מה אזעום לא זעם יי׳ וואש זאל איך צערנען ווען גאט צערענט ניט דען איך גאט האב ניט גצערינט אין דיא טעג כדי בלעם זאל אייך ניט קאנען שילטן ווארום בלעם האט גוואושט די רגע וואש גאט צערנט אונ ער פלעגט דענשט מאל שילטן ווען ער האט גוואלט אונ עש איז מקוים גיווארין · אונ אויך גדיינקט דאש גוטש וואש איך האב אייך גטאן פון שטים וואש איר האט דארטן גזינדיגט פאר מיר אונ פון דעשט וועגן האב איך מיין טובה ניט פר מיטן פון אייך ביז איך האב אייך גבראכט קיין גלגל דארטן האב איך אייך איין גינומן גאנץ ארץ ישראל אונ דאש האב איך אלץ גיטאן למען דעת צדקות יי׳ כדי איר זאלט ווישן די צדקות וואש איך גאט טוא מיט אייך אונ חאטשע איך האב אייך אזוא פיל טובות גיטאן האב איך דיך דאך ניט מיר גמאכט מיט מיין דינסט צו הייסן ברייננגן פאר מיר גרוישע קרבנות · זאגט דר נביא דו ישראל וועסט ווערן זאגן במה אקדם יי׳ מיט וואס וועל איך פערדרן את קומן פר גאט אונ מיט וואש זאל איך אונטער טעניג זיין צו גאט אין הימל · זאל איך דען קומן צו דינן גאט מיט עולות · מיט קעלבר וואס זיינן אלט איין יאר וויל דען גאט אין טויזנט ווידר צו קרבנות אונ אין צעהן טויזנט טייבין בוימיל צו

מנחות דאש איז דאך געוויש ניט אז גאט זאל
דאש פר לאנגען פון אונז זאל איך דען געבן
מיין בכור איין קרבן אויף מיין זינד אדער דיא
פרוכט פון מיין בויך דאש זיינן מיינע קינדר זאל
איך דען זיי געבן פר קרבנות צו מכפר זיין אויף
מיין לייב דאש איז דאך געוויש ניט וואש דען
זאל איך טאן דאש גאט זאל צו מיר איבר געבעטין
ווערן אזו וועשטו ישראל ווען זאגן אבר דאש
איז ניט הגיד לך אדם מה טוב דען גאט האט דעם
מענטשן געזאגט וואש איז גוט דיר צו טאן אונ
וואש גאט באגערט פון דיר דען מער ניט כי אם
עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך נאר דו
זאלשט טאן משפט אונ זאלשט ליב האבן צוא
טאן גמילות חסדים אונ זאלשט גיין בהאלטין
אין דר דינשט פון גאט אדר והצנע לכת עם אלהיך
דו מעגשט דיך בהאלטן צו גיין מיט גאט כלומר
דו מעגשט תשובה טאן בסתר · דא זעהט מען
דאש די מדה פון גאט איז בעסר פון דר מדה פון
איין בשר ודם איין מענטש ווען איינר זינדיגט
צוא אים אונ ער איז אים מזלזל אונ ער איז
אים מבייש אונ דער נאך קומט ער אים איבער
בעטן איז דר סדר דאש דר מענטש לאזט זיך
ניט איבר בעטן ביז ער בעט אים איבר פר די
מענטשן וואש ער האט אים מבייש געווען פר
זיי אבר גאט זאגט דו מעגשט פר מיר תשובה
טאן בסתר · דער מדרש רבתי שרייבט אויף
דעם פסוק עמי מה עשיתי לך רבי שמואל בר רב
נחמן זאגט · אין דריי ערטר איז גאט געקומן
צו שטראפן ישראל אונ די אומות האבן געהערט
דאש גאט וויל משפט האבין מיט ישראל זיינן
זיי פריילך געווארן אונ האבן גזאגט וויא ווען
די ישראל קענן בשטיין אנטקעגן זייער גאט ער
ווערט זיי געוויש היינט גאר פאר לירן · אונ וויא
גאט האט געזעהן דאש די אומות זיינן פריילעך
געווארן אזו האט גאט פר קערט זיינע רייד צוא
גוטן אונ האטשע ער האט אין זיי געוואלט משפט
טאן האט ער דעם משפט אפ גילאזט אונ האט
זיי גוטש גטאן · אזו פר וואונדערן זיך די אומות
אונ זאגין וואש איז דאש וואש ער טוט זיי די
עבירות מוחל זיין אונ טוט זיי גוטש עש איז איין

משל איין אשה גייט צו דיינים קלאגין אויף איר
זון דאש ער האט זיא גישלאגן אונ וויא די אשה
זעהט דאס די דיינים משפטן לייט גיך צום טויט
אזו האט זיא מורא מען וועט איר זון אויך פסקנן
צוא טייטין אונ אז דיינים פרעגן זיא וואס האט
דיר דיין זון גיטאן · זאגט די אשה אז איך האב
אים גיטראגן אין בויך האט ער מיך זייער גישטויסן
זאגן די דיינים זאג אונז וואש האט ער דיר גטאן
פון דעם מאל אן וואש ער איז ארויש גיגאנגן פון
דיין בויך זאגט די אשה ער האט מיר קיין בייז
ניט גטאן זאגן די דיינים מיר משפטן ניט אויף
דעם וואס ער האט דיר גטאן אין בויך · אזו איז
גאט אויך גלייך וויא איין מוטר · אונ טוט זיך
דר ברימן איבר ישראל וואש זייא זיינען זיינע
קינדר אונ איז זייא מוחל די עבירות וואש זייא
האבן גטאן · ומה הלאתיך וואש האב איך דיר מיד
גמאכט רבי ברכיה זאגט עש איז איין משל איין
מלך שיקט איין בריב אין לאנד צו זיינע שרים
אזו שטעלן זיך די שרים אויף אויף זייערע פים
אונ טוען אפ דיא היטלען פון זייערע קעפ אונ
לייענן די בריב מיט מורא אבר גאט האט אונז
גיגעבן קריאת שמע דאש איז זיין בריב אונ
גאט זאגט איך האב אייך ניט מטריח געווען צו
אויף שטיין אונ לייענן קריאת שמע נאר דוא
מעגשט זיצן אונ לייענן קריאת שמע אונ אויך
דארפשטו די היטל ניט אראפ הויבן פון דיין קאפ
דאש זאגט דר פסוק ומה הלאתיך וואש האב איך
דיך מיד גמאכט אזו וויא איין מלך מאכט מיד
זיינע שרים ואשלח לפניך את משה אהרן ומרים דער
ילמדנו שרייבט קום אונ זעה וואש דער חילוק
איז צווישן גאט אונ צווישן איין מלך דען איין
מלך ווען ער שיקט שרים אין זיין לאנד מוז דאש
לאנד זיי געבן גינוג עסן אבר גאט האט גשיקט
צוא ישראל משה אונ אהרן אונ מרים אונ דיא
ישראל האבין זיי ניט גידארפט קיין עסן געבין
אונ נאך מער די ישראל האבין פון זיי גיגעסין
דען דער מן איז גיגאנגען אין זכות פון משה
אונ דיא וואלקין זיינען גיוועז אין זכות פון
אהרן אונ דער ברונען וואשער איז גיוועז
אין זכות פון מרים:

פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן ווייל עש איז גשטארבן
אין דר מגפה פיר אונ צוואנציג טויזנט
פון די ישראל אזו וועלין ישראל זאגין דיא
מגפה איז מער ניט נגזר גיווארין נאר אויף
פיר אונ צוואנציג טויזנט דרום זאגט דער
פסוק איך האב מער ניט פאר דארבין דיא
ישראל פון וועגין פנחס אבר ווען ניט פנחס
וואלטין נאך פיל פון ישראל גישטארבן אונ
דרום זאגט דר פסוק ער איז דר זון פון אלעזר
בן אהרן הכהן צו ווייזן דאס חאטשע ער איז
ארויש גקומן פון כהנים אונ איז ניט גוואונט
גיוועזן מיט קיין שפיז פון דעסט וועגין האט
ער פון גאטש כבוד וועגין גינומן איין שפיז
אין זיין האנט אונ האט זיך פר זיכערט אין
גאט דאס ער וועט אים בוודאי העלפין אונ
אויך האבין אים די שבטים מבזה גוועזן דאס
זיין מוטר איז די טאכטר פון יתרו וואש ער
האט גשטאפט קעלבר צו דר עבודת כוכבים
זאל ער הרגנן איין נשיא פון איין שבט
דרום איז אים די תורה מיחס נאך זיין פאטר
ער איז דר זון פון אלעזר דער זון פון אהרן
הכהן • הנני נותן לו את בריתי שלום איך וועל צו
פנחס געבין שלום דען דיא ישראל האבין
גיזעהען וויא אטייל האבין מזנה גיוועזן אונ
האבין עבודת כוכבים גידינט צו פעור אונ
פנחס האט איין נשיא גיהרגת אזו זיינן זייא
דר שראקין גיווארין דען זיי האבין גימיינט
דאש עש איז צווישין זייא דא אלע דרייא
עבירות זנות אונ עבודת כוכבים אונ רציחה
אזו וויא ביי דעם מבול איז גיוועזן דרום האט
גאט גזאגט שרעקט אייך ניט פנחס האט קיין
רציחה ניט גיטאן • נייערט עש איז גלייך וויא
ער האט איין קרבן גיבראכט דר מיט וואש
ער האט דעם נשיא גיהרגת אונ ער האט דר
מיט מכפר גיוועזן אויף פעור אונ אויף זנות
אונ דרום גיב איך צוא פנחס שלום ווייל ער
האט גמאכט שלום אויף ישראל אונ דר סדר
איז ווען איינר טוט רציחה לאזט דאש בלוט
אים ניט רוען אבר ביי פנחס איז שלום גוועזן
דאש איז איין סימן דש ער האט קיין רציחה
ניט גיטאן • אונ שמעון ולוי האבן זיך תמיד
ביי אנאנדר גיהאלטין ביי דינה אונ ביי יוסף
אונ היינט האט פנחס פון שבט לוי גיהרגת
איין נשיא פון שבט שמעון אזו וועט מען
מיינען זיי וועלין זיך שוין פיינט האבן דרום
זאגט דר פסוק איך גיב צו פנחס שלום דאש
שמעון ולוי וועלין שלום האבין אזוא וויא
פריער • אונ ווייל פנחס האט מציל גוועזן די
ישראל פון דעם טויט דאש זיי האבן לייגגר
גילעבט דרום האט אים גאט גיגעבין דאש
לאנגע לעבין דען אונזרע חכמים זאגן פנחס
איז אליהו אונ אין די טעג פון אחאב מלך
ישראל האט ער אויך גיהרגת דיא פאלשע
נביאים פון גאטש וועגין אונ האט זיך פר
זיכערט אין גאט ויכפר על בני ישראל אונ ער
האט מכפר גיוועזן אויף ישראל ושם איש ישראל
דר פסוק זאגט אזוא זיין פאטר שמעון האט
פון זנות וועגין די שטאט שכם גיהרגת אונ
זיין זון זמרי האט מזנה גיוועזן דרום איז אים
דר פסוק מיחס נאך זיין פאטר שמעון צרור את
המדינים רבי שמעון זאגט עש איז ערגער ווער
עש מאכט זינדיגין איין מענטשין מער וויא
ער הרגת אים דען ווען ער הרגת אים ברייננט
ער אים נאר אום פון דר וועלט אבר ער האט
עולם הבא אבר ווען ער מאכט אים זינדיגין
ברייננט ער אים אום פון ביידע וועלטן דען
מיר גיפינען דאס די מצרים האבין גיוואלט
אום ברייננען ישראל אונ האבין מיט זייא
גיארבעט אונ אדום האט זיי גיוואלט דער
שלאגין מיט איין שווערד פון דעשט וועגין
האט גאט פאר באטין מען זאל דיא צוויא
אומות מצרים אונ אדום ניט פר אום ווערדיגן
אונ באליידיגין אונ ווען איין מצרי אונ איין
אדומי איז זיך מגייר מעג מען זיך מיט
זיין דריטין דור מתחתן זיין אבר די מדינים
וואש האבין מפקיר גיוועזן זייערע טעכטער
צו מאכין זינדיגין די ישראל האט גאט זיי
גידייסין הרגנן אונ מען זאל זיך מיט עמון

אונ

אונ מואב איביג ניט מתחתן זיין ווייל זייא האבין גימאכט זינדיגין די ישראל כי צוררים הם לכם בנכליהם דען זיי זיינן צו אייך באליידיגער מיט זייער טראכטין דען זייא האבין זיך גיטראכט ווען זיי וועלין שיקין איין אנדרע עבודת כוכבים צו ישראל וועלן די ישראל זיא ניט וועלין דינן דרום האבן זיי גשיקט די עבודת פעור כדי די ישראל זאלין מיינן עס איז איין גישפעט אונ איין גילעכטער אזוא וועלן זיי מיינן דש איז קיין עבירה ניט ווייל אונזרע חכמים האבין גיזאגט פון קיין שום זאך טאר מען ניט שפעטן נאר פון דר עבודת כוכבים מעג מען שפעטן אונ ווייל פנחס הט זיין האלז גיוואוגן פון גאטש וועגן אונ הט גימאכט דר האלטין די ישראל ביי דר מצוה פון מילה · אונ פינחס איז אליהו אונ ווייל ער האט גימאכט דאש די ישראל זאלן ניט מזנה זיין מיט די היידין אונ זאלין בלייבן ביי זייער מצוה · דרום האט ער זוכה גיוועזן צו זיין אויף איטליכין ברית מילה אונ מען שטעלט אים איין בזונדערין שטול וואו מען איז מל דאש קינד · אונ בלעם האט דאש אויך גיוואוסט דש דורך זנות פון איין היידען וועט אוועק גיין די מילה פון ישראל · דרום האט ער גיזאגט מי מנה עפר יעקב ווייל ער האט גיזעהן דש מען קען די ישראל ניט טאן ווייל זיי זיינן מקיים מצות מילה · דרום האט ער איין עצה גיגעבין מען זאל זיי מאכין זינדיגן מיט זנות · אונ אויך עס וואלט רעכט גיוועזן דש גאט זאל הייסן הרגנן די אומה פון מואב אויך · ווייל זיי האבין מפקיר גיוועזן זייערע טעכטר צו זנות · נאר גאט האט גיזאגט עש וועט פון זיי ארויש קומן רות וואש דש מלכות ישראל וועט פון איר גבויט ווערן דרום זאל מען זיי לאזין לעבן · אונ די מאנן פון מואב האבן ניט גיטארט איביג קומן אין קהל צו נעמן איין ישראלית פאר איין ווייב · אבר די ווייבר פון מואב האט איין ישראל גימעגט נעמן · אלה משפחות הראובני גאט האט גלאזט

וויסין אין דר תורה דאש די ישראל זייגן ריין פון עריות · דען די אומות האבן גזאגט וואש האלטין זיך די ישראל אזו חשוב די מצרים האבין דאך מיט זייערע ווייבר מזנה גיוועזן · דרום איז די תורה מיחס איטליכן מיט זיין נאמן נאך זיין פאטר · אונ גאט הט זיין נאמן ביי זיי אן גישריבן דאש זיין נאמן זאל עדות זאגין דאש זיי זיינן כשרי קינדר · אונ דרום שטייט ביי איטליכין נאמן איין ה״א אין אן הויב אונ איין יו״ד צום סוף די צוויי אותיות זיינן דר נאמן פון גאט אונ זאגין עדות אויף ישראל דאש זיי זיינן כשר גיבארין גיווארין רבי פנחס זאגט פון וועגין רבי חייא ווייל די ישראל האבן זיך גיהיט פר זנות אין מצרים דרום זיינן זיי אויש גילייזט גיווארין בהצותם על יי׳ אין זייער טאן קריגין אויף גאט · רב חסדא זאגט דר וואש קריגט אויף איין רב איז גלייך וויא ער קריגט אויף גאט אזו וויא קרח האט גיקריגט אויף משה · אונ דר פסוק שטעלט ער האט גיקריגט אויף גאט אונ די ערד האט גיעפינט איר מויל אונ האט אים איין גישלונגן · ויהיו לנס אונ דאש איז גיווארן צו איין צייכין דש מען זאל איביג ניט קריגן אויף איין רב אונ מכל שכן אויף גאט · אונ די קינדר פון קרח זיינן ניט גישטארבין דען גאט האט גמאכט איין הויכן בארג אין גיהנם אונ זיי שטייען דרויף אונ זאגין שירה · אף חאטשע זיי האבין אן גיהויבן צו קריגן מיט משה · נאר זיי האבן באלד חרטה גהאט אונ האבין תשובה גיטאן דרום זיינן זיי ניט גקומן אין גיהנם · אונ אטייל חכמים זאגין די ערד וואש זיי זיינן דרויף גישטאנן איז ניט איין גיפאלין · נאר ארום זיי איז איין גיפאלין אונ זיי קענן ניט אראפ פון דעם בארג ווייל עס איז איין טיפע גרוב ארום זיי אונ זייא זאגין זייער שיין שירה צו גאט על פי הגורל תחלק הארץ מען האט ארץ ישראל צוא טיילט מיט איין גורל אונ איין נס איז גיוועזן בייא דעם גורל · דאש אלעזר האט אן גטאן די אורים ותומים

אונ

אונ מען האט צוא טיילט ארץ ישראל אויף צוועלף חלקים · אונ מען האט איטליכן חלק אויף איין קויטיל אן גישריבן אונ מען האט די צוועלף שבטים אויך איטליכן אויף איין קויטיל אן גישריבן · אונ מען האט דיא קויטליך צו מישט אין איין כלי · אונ דער נשיא פון איטליכן שבט איז גיקומן אונ הט ארויש גינומן צווייא קויטליך · אויף איין קויטיל איז גישטאנן דר נאמן פון זיין שבט אונ אויף דעם אנדרין קויטיל איז גישטאנן דר חלק פון ארץ ישראל וואש ער הט גזאלט נעמן · אונ דר גורל האט גישריען איך גורל בין גיקומען צו דעם שבט · כדי דיא ישראל זאלין ניט חושד זיין צו אלעזר דאש ער גיט גוטע חלקים צו וועמן עס גיפעלט אים דען ניט אלע ערדן זיינן גליך · כלב בן יפנה ויהושע בן נון דיא תורה שטעלט כלב פאר יהושע האטשע יהושע איז חשובר גיוועז פון כלב דאש איז ווייל כלב האט זיך פאר גישטעלט ביי די מרגלים אז זיי האבן בייז גירעט אויף גאט אונ אויף דער לאנד אונ ער האט זייא גימאכט שווייגין פון גאטש וועגין · דרום הט אים גאט אויך כבוד אן גיטאן אונ האט אים גשטעלט פריער פר יהושע דען גאט בצאלט אלין מדה כנגד מדה · ותקרבנה בנות צלפחד די טעכטר פון צלפחד זיינן גיקומן פאר משה · די ווייבר פון ישראל זיינן תמיד פרימר גוועזן פון די מאנען · אזו וויא מיר גיפינן ביי דעם עגל האבין זייא ניט גיוואלט געבין זייערע אורינגליך צום עגל אונ ביי די מרגלים האבן די ווייבר אויך ניט מסכים גיוועזן מיט זייא · אונ דרום זיינן אלע מאנן גישטארבן אין דר מדבר אונ זיינן ניט גיקומן קיין ארץ ישראל אבר די ווייבר זיינן יוא גיקומן אזו וויא אין פסוק שטייט ובאלה לא היה איש עש האט ניט גילעבט קיין מאן פון די וואש זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים · אבר די ווייבער האבין יוא גילעבט אונ זיינן גיקומן קיין ארץ ישראל אונ דרום האט דיא תורה אן גישריבן דיא

טעכטר פון צלפחד ביי די גורלות פון ארץ ישראל צו ווייזן דאש די ווייבר האבן גגלוסט צו ירשנן דאש לאנד מער וויא די מאנען · אונ זיי האבין גיזאגט אונזער פאטער איז גישטארבין אין דר מדבר אונ הט ניט גילאזן קיין זין נאר טעכטר · דרום זאלין מיר ירשנן אין ארץ ישראל צווישין די ברידר פון אונזר פאטר · אונ ווארום זאל דר נאמן פון אונזר פאטר ווערן גימינערט פון זיין משפחה · אונ די טעכטר פון צלפחד זיינן גרוישע צדקניות גיוועזן זיי האבין ניט גיוואלט נעמן קיין מאנן נאר דר וואש איז זייער פרום אונ איז איין מיוחס אונ איבר דעם האט די אינגשטע פון זיי קיין מאן ניט גינומען פאר פערציג יאר · אונ האטשע רב חסדא זאגט איין אשה וואש נעמט ניט קיין מאן ביז פערצג יאר ועט זיא שוין קיין קינדר ניט האבין · אונ וויא האבן זיי אזו לאנג גיווארט מיט מאנן נעמן · נאר גאט האט זיי גיטאן איין נס דאש זיי האבין גיהאט קינדר צו הונדרט יאר · אונ יוכבד הט גיהאט קינדר צו הונדרט אונ דרייסיג יאר · אונ דרום זיינן די טעכטר פון צלפחד צוא פערציג יאר גיקומן פאר משה כדי משה זאל זיך ניט הויך האלטין אונ זאל ניט זאגין איך בין חשוב ווייל איך האב מיך פערציג יאר אויף גיהאלטין אן איין ווייב · דרום הט גאט גזאגט צו משה האלט דיך ניט הויך אונ זעה דאש די טעכטר פון צלפחד ווארטין פערציג יאר אונ נאך מער אונ ווילן קיין מאנן ניט נעמן נאר פרומע · אונ זיי האבן דרום גזאגט אונזר פאטר איז ניט גישטארבן אין דר עצת פון קרח דען זיי האבין גיטראכט משה ועט אונז נאך העלפן ווייל אונזר פאטר האט ניט גיקריגט מיט קרח אויף אים · אונ דורך דעם ועלין מיר קריגין איין חלק אין ארץ ישראל ווייל אונזר פאטר איז אים ניט גוועזן דר ווידר אונ דרום האט משה דעם דין פון זיך אוועק גשיקט פר גאט כדי מען זאל אים ניט חושד זיין ווייל זיי האבין אים גירעט גוטע ווערטר

דרום

דרום העלפט ער זיי נאך אונ גיט זיי איין חלק
אין ארץ ישראל דרום האט משה גזאגט לאז
דער דין קומן פאר גאט · אונ אטייל חכמים
זאגין משה רבינו האט דעם דין ניט גוואוסט
דען ער האט פאר זינדיגט וויל ער האט זיך
הויך גיהאלטין אונ האט גזאגט איין הארבע
זאך זאל פאר מיר קומן צו משפט אונ איין
גרינגע זאך זאלין אנדרע דיינים משפטין ·
דרום האט אים גאט גשטראפט דאש ער הט
דעם דין ניט גוואושט האטשע עש איז איין
גרינגער דין וואש אפילו אלע אומות וויישין
דאש ווען עס איז קיין זון ניט דא ירשענען
טעכטר · אטייל חכמים זאגן עס וואלט ראוי
גיוועזן צו שרייבין דעם דין אין דר תורה
דורך משה אזו וויא אלע דינים וואש זיינען
אין דר תורה ווארין אן גישריבין דורך משה
נאר די טעכטר פון צלפחד האבן זוכה גוועזן
דאש דר דין זאל דורך זיי ווערין אן גישריבן
אין דר תורה · אונ אויך וויל די ווייבר האבן
גיבראכט דעם טויט אויף דער וועלט וואש
דורך דעם ירשת מען ווען איינר שטארבט ·
אבר ווען מען וואלט ניט שטארבן וואלט קיין
ירושה ניט גיוועזן דרום איז דר דין פון ירושה
ווארין אן גישריבן דורך ווייבר · אונ גאט הט
גיזאגט די טעכטר פון צלפחד ריידין רעכט
גיב זיי איין חלק וואש זייער פאטר הט גזאלט
נעמן · אונ אויך גיב זיי איין חלק וואש זייער
פאטר האט גירשת צווישן זיינע ברידר ביי
זיין פאטר · עלה אל הר העברים גאט זאגט צוא
משה גייא אויף אויף דעם בארג עברים אונ
וועשט דארטין שטארבן · דען וויל גאט הט
גיהיישין משה זאל איין חלק געבין צוא דיא
טעכטער פון צלפחד אין ארץ ישראל האט
משה גימיינט דאש ער וועט שוין קומן קיין
ארץ ישראל · דרום הט אים גאט גזאגט דש
ער וועט שטארבן כאשר נאסף אהרן אחיך אזו וויא
דיין ברודר אהרן איז גישטארבין · דען משה
האט גיגלוסט צו דר מיתה פון קושין וואש
אהרן איז דער מיט גישטארבין · דרום האט

אים גאט גזאגט דו וועשט שטארבן אזו וויא
אהרן איז גישטארבין כאשר מריתם פי אזו וויא
איר האט ווידר גישפעניגט מיין מויל ביי מי
מריבה אונ גאט לאזט ווישין וואש פאר איין
עבירה משה האט גטאן דאש ער האט גמוזט
שטארבין אין דר מדבר כדי לייט זאלין ניט
זאגין ער האט אויך גרוישע עבירות גיטאן
גלייך מיט אלע די וואש זיינן גישטארבן אין
דר מדבר · עש איז איין משל צווי ווייבר הט
מען מלקות גישלאגין איינע האט גיגעסין די
פייגין פון שמטה אונ די אנדערע האט מזנה
גיוועזן · זאגט דיא אשה וואש מען האט זיא
גישלאגן פון וועגין פייגין לאז מען מיר אויף
הייגנע פייגין אויף מיין האלז כדי לייט זאלן
ווישין דאש איך ווער גישלאגין פון וועגין
פייגן פון שמטה · כדי מען זאל ניט זאגן איך
האב אויך מזנה גיוועזן אזו וויא די אנדרע ·
אזו אויך האט גאט אן גישריבין די עבירה
פון משה כדי מען זאל ניט זאגין ער איז
גישטארבין איבר דר עבירה וואש אלע זיינן
גישטארבין אין דר מדבר · פון דאנן לערנען
מיר אפ דאש גאט איז זיך מרחם איבער די
צדיקים אפילו ווען ער דארף צערענן אויף
זיי · מכל שכן ווען ער צערינט ניט אויף זיי
איז ער זיך בוודאי מרחם איבר זיי · וידבר משה
אל יי רבי יהודה זאגט הונדרט אונ פינף אונ
זיבעציג פרשיות זיינן אין דר תורה דאש דר
נאמן פון גאט ווערט דר מאנט פאר משה ·
אונ דא איז משה דר מאנט פאר גאט · דאש
איז דרום וויל גאט האט גיזאגט ביז אהער
איז משה איין מלך גיוועזן איבר ישראל דרום
איז מיין נאמען פריער דער מאנט גיווארין ·
אבר היינט אז משה שטארבט איז רעכט דש
זיין נאמן זאל אויך איין מאל פריער שטיין ·
יפקוד יי אלהי הרוחות משה זאגט צו גאט ער זאל
אויש דער ווילין איין מנהיג איבער ישראל
וואש זאל פירן זיי נאך זיין טויט · דען משה
האט גזעהן דאש גאט הייסט געבן די ירושה
פון צלפחד צו זיינע טעכטר · האט ער זיך

גיטראכט

גיטראכט הינט איז די צייט איך זאל בעטן גאט אז מיין שררה שאפט זאל גיין בירושה צו מיינע קינדר דש זיי זאלן פירן די ישראל אזו וויא איך האב זיי גפירט · האט גאט אים גיענטפערט מיין דעה איז ניט אזוא נייערט יהושע וואש האט דיך ערלאך באדינט אונ איז ניט אוועק גיגאנגען פון דיין גיצעלט אונ האט אלץ תורה גלערינט דר וועט דיין שררה שאפט ירשנן אונ וועט פירן די ישראל קיין ארץ ישראל · אונ משה האט גיזאגט צו גאט זעץ איין מלך · דאש מיינט מען אין יענע אלטע צייטן · איבר ישראל וואש זאל פריער גיין אין דר מלחמה פר ישראל · אזו וויא איך האב גטאן ביי סיחון ועוג ניט אזו וויא איין מלך פון די אומות · דאס מיינט מען אין יענע אלטע צייטן · וואש זיצט אין דר היים אונ שיקט דש פאלק אין דר מלחמה אונ ער זאל קענען מציל זיין די ישראל מיט זיין זכות אונ טוא אים ניט וויא דו האשט מיר גיטאן ער זאל אין מיטן דרינן ניט שטארבין נייערט ער זאל זוכה זיין צו ברייננען די ישראל אין דעם לאנד · קח לך את יהושע גאט זאגט צו משה נעם איין יהושע מיט גוטע רייד אונ זאג אים וואול צו דיר וואש דו בישט זוכה צו זיין איין מנהיג איבר גאטש קינדר אונ לעהען אן דיינע הענט אויף אים כדי די ישראל זאלין זעהען דאש ער ווערט אויף דיין ארט · אונ לאז אים דרשנן פאר דיין לעבין כדי די ישראל זאלין דר נאך ניט זאגין אז משה האט גילעבט הט יהושע קיין קאפ ניט גיקענט אויף הויבן · אונ גיב אים פון דיין שיינקייט וואש לייכט אין דיין פנים · דען דאש פנים פון משה האט גילויכטין אזו וויא די זון מען האט אין אים ניט גיקענט אריין קוקין · אונ דאש פנים פון יהושע האט נאר גילויכטין אזו וויא דיא לבנה · אונ פאר אלעזר הכהן וועט יהושע מוזין שטיין צו פרעגין אים אין דיא אורים ותומים · אונ דאש האט גאט גיזאגט צוא משה דו האסט באגערט דיין זון זאל ירשנן דיין שררה שאפט צו זיין איין מנהיג איבער ישראל · איצונד אלעזר איז פון דיין משפחה וועט ער האבין שררה שאפט איבר יהושע דען יהושע וועט קיין זאך ניט קענן טאן אן אלעזר · דרום איז גלייך וויא דיין זון האט דאש שררה שאפט · אונ משה האט גיטאן זיינע ביידע הענט אויף יהושע אונ הט אים מסמיך גוועזן פאר איין רב · חאטשע גאט הט אים נאר גיהיישין ער זאל איין האנט אויף אים ארויף לייגין · פון דעסט וועגן האט אים משה מסמיך גוועזן מיט ביידע הענט אונ הט אים גיבענטשט מיט דעם גאנצין הארץ וידבר יי' אל משה את קרבני לחמי גאט האט גיזאגט צוא משה דוא באגערשט פון מיר איך זאל דיא קינדר ישראל איין מנהיג געבין · אונ ווארום זאגשטו ניט אן די ישראל זיי זאלן מיך רעכט דינען מיט קרבנות · עש איז איין משל איין ווייב פון איין מלך האט גיזאלט שטארבן הט זיא דעם מלך אן גיזאגט ער זאל די קינדער רעכט האלטין · זאגט דער מלך זאג נאר אן די קינדר זיי זאלין מיך ערלאך האלטין אזו וועט זייא בוודאי גוט זיין · אונ גאט האט גיהייסן ברייננן פר איין קרבן איין שאף אונ איין צעהענטיל מאס זעמיל מעל אונ איין פערטיל עמער וויין אזו זאל מען ברייננן אין דר פריא אונ פר נאכט · דען דר עיקר שפייז פון דעם מענטשן איז פלייש אונ זעמיל מעל אונ וויין · דרום האט גאט דר פון גיהייסין איין קרבן ברייננן כדי דר מענטש זאל אלע מאל זאגן די שפייז איז פון גאט ער גיט אונז אלע מאל גינוג שפייז · אונ דרום האט מען איינש גבראכט פר נאכט ווען די לבנה דארף אויף גיין אונ איינש אין דר פריא ווען די זון דארף אויף גיין · כדי דר מענטש זאל זאגין די שפייז איז פון גאט ער פירט די זון אונ די לבנה וואש דורך זיי וואקסין די פירות · דען עס זיינן דא פירות וואש וואקסין ביי נאכט דורך דר לבנה אזו וויא קארין אונ ווייץ · אונ עס זיינן דא פירות וואש וואקסין פון דר זון

אזו וויא ווייַן אונ בוימיל · אדא בן רבי סימון
זאגט גאט זאגט צעהן בהמות האב איך דיר
גיגעבין וואש דו מעגשט זיי עסין איין אקם
איין שאף איין ציג איין אינד איין הירש איין
שמיין באק איין וויזיל טיר איין ווילדין אקם
איין תאו איין זמר · פון דעשט וועגן זאלשטו
מער ניט בריינגן צו איין קרבן נאר אזעלכע
בהמות וואש זיינן ביי דעם מענטשין אין די
הענט · דאש איז איין אקם אונ איין שאף אונ
איין ציג כדי מען זאל זיך ניט דארפין מטריח
זיין צו זוכין חיות אין וואלד אדר אין פעלד
פר איין קרבן · וביום השבת שני כבשים אום שבת
האט מען צוויי שאף גיבראכט פר איין קרבן
מוסף דען די זאכין פון שבת איז אלץ טאפל
דר מן איז גיוועזן צוויי מאס צו איין מענטשין
אונ דרום מאכין מיר צוויי קוכן אויף שבת ·
לחטאת ליי' ביי ראש חודש שטייט איין חטאת
צו גאט מער וויא ביי אלע קרבנות דאש איז
ווייל גאט האט בשאפין די זון מיט דר לבנה
מיט איין גלייכע ליכט · נאר די לבנה האט
פון זיך אליין קיין ליכט ניט זיא איז טונקיל
נאר זיא איז ליכטיג דר פון וואס די זון שיינט
אין איר אריין · האט די לבנה גיזאגט פאר
גאט רבונו של עולם האסטו דען חס ושלום
קיין כח ניט צו מאכין איך זאל קענן לייכטן
פון מיר אליין ניט איך זאל דארפין צו דר
זון · איך בין דאך אזוא נוציג אויף דער
וועלט אזוא וויא דיא זון · אונ אויך וועלן
דיא עובדי כוכבים זאגין דוא האשט קיין
כח ניט צו באשאפן איטליכם ליכט באזונדר
האט גאט גיצערינט אויף דער לבנה אונ
זאגט דוא ווילשט מיך לערנן וואש צוא
טאן דרום זאל זיך דיין ליכט מינערן · האט
דיא לבנה גיזאגט צוא גאט רבונו של עולם
ווייל איך האב גלייך גירעט זאל מיין ליכט
זיך מינערין · האט גאט גיזאגט דאש וואש
איך האב דיין ליכט באשאפין פון דער זון
ווייש איך וואול פאר וואש דאש איז · נאר
ווייל דו האסט גלייך גירעט דרום זאלין מיינע

קינדר ישראל איין קרבן בריינגן ווען די לבנה
באנייט זיך · אונ דרום האט גאט גיטאן די
לבנה מינערין · דען ווען די לבנה וואלט אזו
גילויכטן וויא די זון וואלט מען ניט גיוואושט
קיין חילוק צווישן טאג אונ נאכט · אזו האט
גאט גיזאגט די מענטשין מוזין האבין איין
צייט אז זיי זאלין רוען פון זייער ארבעט אדר
פון זייער האנדלין וואש זיי האבן דעם גאנצן
טאג גיארבעט · אונ אז עס זאל זיין ליכטיג
ביי נאכט אזו וויא ביי טאג וואלט דר מענטש
גיארבעט טאג אונ נאכט אונ וואלט באלד
גישטארבין · אונ נאך האט גאט גיזאגט די
נאכט איז ווארין גיגעבין צוא לערנען תורה
ווארום דענשט מאל זיינן די מענטשין שטיל
אונ האבין רוא קען מען תורה לערנען · אונ
גאט האט גיוויזין דיא מענטשין ווען איינער
טוט תשובה דא נעמט ער אן זיין תשובה אזו
וויא מיר גיפינען בייא דר לבנה · אונ האט
גיהייסין איין קרבן בריינגען איבר דעם וואש
זיא איז גימינערט גיווארין · אונ דעם קרבן
זאל מען בריינגען אום ראש חודש ווען דיא
לבנה טוט זיך ווייזין · אונ גאט האט גזאגט
בריינגט פון מיינט וועגין איין קרבן פר וואש
איך האב גטאן מינערין די לבנה · אונ דרום
שטייט אין דר תורה ביי ראש חודש חטאת ליי'
איין קרבן צו גאט · אונ ווייל די אומות האבן
גיבראכט קרבנות צו דער לבנה ווארום זיא
טוט זיך באנייען אלע חודש · דרום שטייט
אין דער תורה דר קרבן זאל זיין פון גאטש
וועגין אונ ניט צו דר לבנה · וביום השמיני עצרת
דר אכטר טאג פון סוכות הייסט עצרת דאש
איז טייטש אויף גיהאלטן · גאט האט גזאגט
צו ישראל אלע זיבין טעג האט איר גבראכט
קרבנות אנטקעגין דיא עובדי כוכבים · אונ
היינט וועל איך מיך מיט אייך משמח זיין אונ
בריינגט איין קרבן אונ מאכט איין טאג יום
טוב · אונ די קרבנות פון די זיבין טעג זיינן
אלע מאל גימינערט גיווארין · דעם ערשטין
טאג האט מען גיבראכט דריי צעהן אקסין

דעם אנדערין טאג צוועלף דעם דריטין טאג עלף אונ אזו אלץ איינש וויינגער · ביז אין דעם זיבעטין טאג האט מען נאר גיבראכט זיבין אקסין · דאש לערינט אונז דיא תורה דרך ארץ ווען איין גאסט קומט צוא איין מענטשין דעם ערשטין טאג גיט ער אים עסין גישטאפטע קאפ הינער · דעם אנדרין טאג גיט ער אים פיש · דעם דריטין טאג גיט ער אים רינדרין פלייש · דעם פערטין טאג גיט ער אים ארבעס · אונ וייטר גיט ער אים רעטאך אונ ציבעלעש אונ דעשט גלייכין · אונ דיא פרשה לאזט זיך אויש לשלמיכם דש איז טייטש איין קרבן פון שלום וייל אויף שלום שטייט די וועלט · אונ דרום אויך לאזין מיר אויש די שמונה עשרה המברך את עמו ישראל בשלום נאט וואש בענטשט זיין פאלק ישראל מיט שלום וייל תפלה איז אויף דעם ארט פון קרבנות:

# הפטרת פנחס

ויד יי היתה אל אליהו די נבואה פון גאט איז גקומן צו אליהו אונ ער האט אן גיגורט זיינע לענדין אונ איז גילאפין פר אחאב חאטשע אחאב איז איין רשע גיוועזן האט דאך אליהו דאש גיטאן לכבוד המלכות וייל אחאב איז איין מלך גוועזן ויגד אחאב לאיזבל אונ אחאב האט גיזאגט צו זיין וייב איזבל דאש אליהו האט גיהרגת אלע נביאים פון דר אפ גאט בעל האט איזבל גשיקט איין שליח צו אליהו צו זאגן אים מארגן וועל איך טאן דיין בלוט אזו וויא איינעם פון זיי אונ וויא אליהו האט גיזעהן דאש ער איז אין איין סכנה איז ער אנטלאפין קיין באר שבע אונ האט זיין יונג גלאזט אין באר שבע אונ איז גיגאנגן אין דר מדבר אונ האט זיך גיזעצט אונטר איין בוים אונ האט גיבעטין גאט ער זאל שטארבין אונ האט גיזאגט בין איך דען בעסער פון מיינע עלטערין וישכב ויישן אונ ער האט זיך גילייגט אונ איז אנטשלאפין גיווארין אונטר איין רותם בוים · איז גיקומן איין מלאך פון גאט אונ האט אים אויף גוועקט אונ האט גזאגט שטיי אויף אונ עש אזו האט אליהו גיזעהן איין קובן וואס איין גיבאקן אויף קוילן אונ איין קריגיל וואשער שטייט ביי זיין צו קאפין האט ער גיגעסין אונ גיטרונקן אונ האט זיך ווידר גילייגט איז דער מלאך ווידער גיקומען צו אים אונ זאגט שטייא אויף אונ עש אונ טרינק ווארום דו האסט פאר דיר איין וייטן וועג צו גיין · אזו איז אליהו אויף גישטאנן אונ האט גיגעסן אונ גיטרונקן אונ איז גיגאנגן מיט דעם כח פון דעם עסן פערציג טעג אונ פערציג נעכט ביז ער איז גיקומן צום בארג חורב איז ער זאט גיוועזן פון דעם עסן · אונ ער איז גיקומן אין איין הייל · אונ עש איז צו אים גיקומן די רייד פון גאט אונ די הייל איז גיוועזן דר שפאלט פון דעם שטיין וואש גאט האט זיך דארטן באוויזן צו משה האט גאט גיזאגט צוא אליהו וואש טושטו דא אליהו האט גיענטפערט איך האב מיך מקנא גיוועזן אין דיא פאלשע נביאים פון דער אפ גאט בעל אונ האב זייא גיהרגת אונ דרום האב איך גימוזט אנטלויפן פר איזבל וואש זיא האט אויס גיהרגת אלע גוטע נביאים אונ איך בין אליין איבער גיבליבן אונ חאטשע עש זיינען נאך נביאים איבר גיבליבין וואש זיינען פאר בארגין גיוועזן איז גלייך וויא זייא זיינען ניט אויף דר וועלט אזו האט גאט גיזאגט דוא אליהו גייא ארויש פון דר הייל אונ שטייא אויף דעם בארג אונ איך גאט וועל איבר פארין אונ עש וועט זיין איין שטארקער ווינט וואש רייסט אויש בערג אונ צו ברעכט שטיינער אונ אין דעם ווינט איז ניט גאט אונ נאך דעם ווינט וועט זיין איין שטורם ווינט אונ אין דעם שטורעם ווינט איז אויך ניט גאט אונ דר נאך וועט זיין איין פייער אונ אין דעם פייער איז אויך ניט גאט אונ נאך דעם פייער וועט זיין איין שטיל קול אין דעם קול איז גאט אונ וויא אליהו האט דאס גהערט האט ער זיין פנים צו גדעקט מיט איין קאץ אונ האט זיך גישטעלט אויף דר טיר פון דער הייל אונ גאט האט אים ווידר גיפרעגט וואש טושטו דא־ האט ער ווידר גיענטפערט זיינע ערשטע רייד האט גאט צו אים גזאגט גייא אהיים דיין וועג אונ זאלשט זאלבין חזאל פון דר שטאט דמשק פר איין מלך איבר ארם· אונ יהוא דר זון פון נמשי זאלשטו זאלבין צו איין מלך איבר ישראל אונ אלישע דר זון פון יהושפט זאלסטו מאכין צו איין נביא אויף דיין ארט דען וייל דו ווילשט שטארבן דרום דארפשטו מאכין איין

אנדערן נביא אויף דיין ארט די חכמים זאגין וייל אליהו האט בייז גירעט אויף ישראל דאס זיא האבן פיל עבירות גיטאן דרום האט גאט אים ניט גיוואלט פר איין נביא דען ואטשע דיא ישראל טוען בייז וויל דאך גאט ניט מען זאל אויף זייא בייז ריידין אזו וויא איין פאטר רעקט צו די תרפה פון זיין זון והיה הנמלט מחרב חזאל ימית יהוא די דרייא וועלין הרגנען אלע דיא וואש וועלין דינען דיא אפ געטער דען דער וואש וועט אנטרונן ווערן פון דער שווערד פון חזאל וועט אים יהוא הרגענען אונ וואש יהוא וועט איבער לאזין וועט אים אלישע הרגענען אונ איינער וועט דעם אנדערין העלפין אויש צוא ראמען דיא וואש דינען עבודת כוכבים והשארתי בישראל שבעת אלפים אונ איך וועל איבער לאזין פון ישראל זיבן טויזנט וואש האבן ניט גיקניט צו דער עבודת כוכבים אונ דאש מויל וואש האט ניט גיקושט צו דר עבודת כוכבים וילך משם וימצא את אלישע איז אליהו אראפ גיגאנגן פון דעם בארג אונ האט גיפונן צו אלישע וויא ער האט גיאקערט מיט צוועלף פאר אקסן האט אליהו גינומען זיין קאץ אונ האט זיא אויף אים ארויף גיווארפין ער האט אים דר מיט גיוויזין דאש ער זאל מיט אים גיין ויעזוב את הבקר האט אלישע פאר לאזין דיא רינדער אונ איז גילאפין נאך אליהו אונ זאגט איך וועל גיין קושן מיין פאטר אונ מוטער אונ דער נאך וועל איך גיין נאך דיר זאגט אליהו גייא וישב מאחריו אזוא האט זיך אלישע אום גיקערט אונ האט גינומן איין פאר רינדער אונ האט זיי גיקוילעט פאר גרויש שמחה וואש ער וועט גיין מיט אליהו אונ האט ניט גיוואלט זאמען אן צוא האקין דאש האלץ צוא קאכין דאש פלייש אונ האט גינומען די כלים וואש דיא רינדער גייען אין זייא גישפאנט אונ האט גיקאכט מיט זייא פלייש אונ האט גיגעבין עסין צו די לייט וויש האבין אים באלייט אונ דער נאך איז אלישע גיגאנגען נאך אליהו אונ האט אים באדיינט:

# לוח המולדות וראשי חדשים לחודש אב*).

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש אב | ר"ח חמשה עשר | תשעה באב |
|---|---|---|---|
| תרל"ז | דינסטיג אבינט 16 מינוט מיט צעהן חלקים אויף עלף : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרל"ח | מאנטיג פר נאכט 49 מינוט מיט פינף חלקים אויף אכט : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרל"ט | שבת פריא 37 מינוט מיט זיבעצעהן חלקים אויף פינף : | מאנטיג | דינסטיג |
| תר"מ | מיטוואך ביי טאג 26 מינוט מיט עלף חלקים אויף צוויי : | פרייטיג | זונטיג |
| תרמ"א | דינסטיג פריא 59 מינוט מיט זעקס חלקים אויף עלף : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרמ"ב | שבת פאר נאכט אכט אונ פערציג מינוט אויף אכט : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ג | פרייטיג בייא טאג 20 מינוט מיט 13 חלקים אויף זעקס : | שבת | זונטיג |
| תרמ"ד | מיטוואך פריא ניין מינוט מיט זיבין חלקים אויף דריי : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרמ"ה | זונטיג אין דער פריא 58 מינוט מיט איין חלק אויף עלף : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ו | שבת פריא 30 מינוט מיט פערצעהן חלקים אויף ניין : | מאנטיג | דינשטיג |
| תרמ"ז | מיטוואך ביי טאג 19 מינוט מיט אכט חלקים אויף זעקס : | פרייטיג | זונטיג |
| תרמ"ח | מאנטיג פריי אכט מינוט מיט צוויי חלקים אויף דריי : | מאנטיג | דינשטיג |
| תרמ"ט | שבתות צו נאכט 40 מינוט מיט 15 חלקים אויף צוועלף : | מאנטיג | דינסטיג |
| תר"נ | דאנערשטיג פריא 29 מינוט מיט ניין חלקים אויף ניין : | פרייטיג | זונטיג |
| תרנ"א | מיטוואך פריא צוויי מינוט מיט פיר חלקים אויף זיבין : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרנ"ב | זונטיג ביי טאג 30 מינוט מיט זעכצעהן חלקים אויף דריי : | מאנטיג | דינשטיג |

*) אין אנדערע יאהרען קומט אויס צו בענטשן ר"ח אב אין דעם שבת וואס נאך דעם אין .

# חודש אב.

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש אב | ר"ח וחמשה עשר | תשעה באב |
|---|---|---|---|
| תרנ"ג | דאנערשטיג אבינט 39 מינוט מיט 10 חלקים אויף 12 : | פרייטיג | זונטיג |
| תרנ"ד | מיטוואך אבינט 12 מינוט מיט פינף חלקים אויף צעהן : | פרייטיג | זונטיג |
| תרנ"ה | מאנטיג אין דער פריא זיבעצעהן חלקים אויף זיבין : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרנ"ו | פרייטיג ביי טאג 49 מינוט מיט עלף חלקים אויף דריי : | שבת | זונטיג |
| תרנ"ז | דאנערשטיג ביי טאג 22 מינוט מיט 6 חלקים אויף איינס : | פרייטיג | זונטיג |
| תרנ"ח | מאנטיג אבינט עלף מינוט אויף צעהען : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרנ"ט | שבת אין דר פריא 59 מינוט מיט 12 חלקים אויף זעקס : | שבת | זונטיג |
| תר"ס | פרייטיג אין דר פריא 32 מינוט מיט זיבן חלקים אויף פיר : | פרייטיג | זונטיג |
| תרס"א | דינסטיג בייא טאג 21 מינוט מיט איין חלק אויף איינס : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרס"ב | מאנטיג פריא 53 מינוט מיט פערצען חלקים אויף צעהן : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרס"ג | פרייטיג ביי טאג 42 מינוט מיט אכט חלקים אויף זיבן : | שבת | זונטיג |
| תרס"ד | מיטוואך פריא 31 מינוט מיט צוויי חלקים אויף פיר : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרס"ה | דינסטיג פאר טאג דריי מינוט מיט 15 חלקים אויף צוויי : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרס"ו | שבת אין דר פריא 52 מינוט מיט ניין חלקים אויף צעהן : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרס"ז | מיטוואך ביי טאג 41 מינוט מיט דריי חלקים אויף זיבן : | פרייטיג | זונטיג |
| תרס"ח | דינסטיג ביי טאג 13 מינוט מיט 16 חלקים אויף פינף : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרס"ט | זונטיג פאר טאג צוויי מינוט מיט צעהן חלקים אויף צוויי : | מאנטיג | דינסטיג |
| תר"ע | פרייטיג צו נאכט 35 מינוט מיט פינף חלקים אויף עלף : | שבת | זונטיג |
| תרע"א | מיטוואך פריא 23 מינוט מיט זיבעצען חלקים אויף אכט : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרע"ב | זונטיג ביי טאג 12 מינוט מיט עלף חלקים אויף פינף : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרע"ג | שבת ביי טאג 45 מינוט מיט זעקס חלקים אויף צוויי : | מאנטיג | דינשטיג |
| תרע"ד | מיטוואך אבינט פיר און דרייסיג מינוט אויף עלף : | פרייטיג | זונטיג |
| תרע"ה | מאנטיג פריא 22 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף אכט : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרע"ו | זונטיג פריא 55 מינוט מיט זיבין חלקים אויף פינף : | מאנטיג | דינסטיג |
| תרע"ז | דאנערשטיג ביי טאג 44 מינוט מיט איין חלק אויף צוויי : | פרייטיג | זונטיג |
| תרע"ח | מאנטיג אבינט 32 מינוט מיט דרייצען חלקים אויף עלף : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרע"ט | זונטיג פאר נאכט פינף מינוט מיט אכט חלקים אויף ניין : | מאנטיג | דינשטיג |
| תר"פ | פרייטיג פריא 54 מינוט מיט צוויי חלקים אויף פינף : | פרייטיג | זונטיג |
| תרפ"א | דאנערשטיג פריא 26 מינוט מיט 15 חלקים אויף דריי : | פרייטיג | זונטיג |
| תרפ"ב | מאנטיג פריא 15 מינוט מיט ניין חלקים אויף צוועלף : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרפ"ג | פרייטיג צו נאכט פיר מינוט מיט דריי חלקים אויף ניין : | שבת | זונטיג |
| תרפ"ד | דאנערשטיג פר נאכט 36 מינוט מיט 16 חלקים אויף 6 : | פרייטיג | זונטיג |
| תרפ"ה | דינסטיג פריא 25 מינוט מיט צעהן חלקים אויף דרייא : | מיטוואך | דאנערשטיג |
| תרפ"ו | שבת האלבין טאג 14 מינוט מיט פיר חלקים אויף 12 : | מאנטיג | דינסטיג |

מטות אין דער סדרה האט גאט גיזאגט ווי
שבועות איז די גרעסטע עבירה ווען
דער מענטש שווערט אונ האלט ניט אונ צו
צייטן איז איין מענטש צארינדיג אונ שווערט
אונ דר נאך האט ער חרטה דרום האט גאט
גיזאגט ווען אייער טוט איין נדר אדער איין
שבועה אונ האט חרטה זאל ער גיין צו דריי
לייט אונ זאל זיי זאגן איך האב חרטה אונ די
דריי לייט זאלין אים מתיר זיין · דאש מיינט
מען נאר אין דעם פאל אז דר מענטש טוט
איין נדר אדר איין שבועה אויף זיין אייגנעם
פארשוין אונ עש באטריבט ניט קיין אנדרין
מענטשין · אונ די תורה האט אן גישריבן
ראשי המטות ביא נדרים אונ נדבות וואש די
ישראל האבן גבראכט אום יום טוב צו ווייזין
דאש די ראשים וואש זיינן אין איטליבן דור
זאלין גייטין דאש קהל צו געבין צדקה אונ
נדבות אזו וויא. דיא חכמים זאגין אזהרה לבית
דין שיעשוך עס איז וואורן אן גיזאגט צו בית דין
זיי זאלן די ישראל גייטן צדקה געבן · ואשה כי
תדור ווען איין אשה טוט איין נדר אונ זיא איז
אין פאטערש רשות אונ דר פאטר האט איר
דעם נדר פר ווערט טאר זיא דעם נדר ניט
האלטן ווייל דר פאטר האט איר פר ווערט
אונ ווען זיא האט איין מאן אונ דער מאן פר
ווערט איר טאר זיא אויך דעם נדר ניט
האלטן דהיינו ווען זיא טוט איין נדר זיא זאל
קיין פירות ניט עסין אדער זיא זאל פאסטין
אדר זיא זאל זיך ניט צירן אדר זיא זאל אין
קיין מרחץ ניט גיין די נדרים קען דר מאן פר
ווערן אונ זיא מוז זיי פר לאזן אבר ניט קיין
אנדרע · אונ איין שבועה צו טאן איז איין
גרויסע עבירה אפילו ווען ער וויל די שבועה
האלטן אזו וויא מיר גיפינען ביי ינאי המלך
דאש ער האט גיהאט זיין אייגניש טויזנט
שטעט אונ אלע זיינן חרוב גיווארן ווייל זיי
האבן אלין גישווארין אפילו אויף אמת אונ
דאש איז ווייל זייא האבין אום זיסט גאטש
נאמן דר מאנט מכל שכן ווען איינר שווערט
פאלש ווערט ער בוודאי גשטראפט אבר ווען
דר מענטש טוט איין נדר ווייל ער האט מורא
דר יצר הרע זאל אים ניט אפ ריידן פון טאן
איין מצוה דרום טוט ער איין נדר ער זאל די
מצוה טאן דאש מעג מען אדר ווען ער איז
גיגאנגן אין שלעכטין וועג אונ וויל זיך פאר
צאמען מיט איין שבועה ער זאל ווייטר אין
דעם וועג ניט גיין אזעלכע נדרים האט גאט
גיהייסן טאן אזו ווי דוד המלך האט גיזאגט
נשבעתי ואקימה לשמור משפטי צדקך איך האב
גישווארן צו האלטן דיינע מצות נקום נקמת מאת
המדינים גאט האט גיזאגט צו משה טוא איין
נקמה אין מדין אונ דר נאך וועסטו שטארבן
דען איך מוז האלטן מיין שבועה וואש איך
האב גישווארן דו זאלסט ניט קומן קיין ארץ
ישראל אונ דרום האט דיא תורה פריער
גישטעלט די פרשה פון נדרים אונ שבועות
אונ דר נאך האט ער גזאגט צו משה דו מוזט
שטארבן ווייל איך האב גישווארן אונ איין
שבועה קען מען אנדערש ניט מתיר זיין נאר
ווען מען האט חרטה אויף איר · דאש מיינט
מען נאר אין דעם פאל אז דר מענטש טוט
איין נדר אדר אשבועה אויף זיין אייגענעם
פארשוין אונ עש באטריבט ניט קיין אנדרין
מענטשין · אבער איך האב קיין חרטה ניט
דרום קען מען מיר די שבועה ניט מתיר זיין ·
נקמת יי משה האט גיזאגט צו די ישראל דרום
האט גאט גהייסן טייטין די מדינים אונ ניט
די מואבים ווייל דוד המלך דארף פון זייא
ארויש קומן · אונ חאטשע משה האט גהערט
דאש ער וועט שטארבן נאך דר מלחמה פון
מדין וואלט ער גדארפט ווארטן ניט באלד
שיקין אין דר מלחמה האט ער דאך די זאך
באלד גטאן ווייל גאט האט אים גהייסן אבר
יהושע אז ער האט גדארפט איין נעמען דיא
מלכים פון ארץ ישראל האט ער גזאגט איך
ווייש ווי באלד איך וועל די מלכים איין נעמן
וועל איך באלד מוזן שטארבן אזו ווי משה
איז באלד גשטארבן נאך מדין דרום האט ער

גיזאגט

גזאגט אונ האט ניט באלד גיטייט די מלכים
כדי ער זאל לייננער לעבין דרום האט גאט
אים קורץ גימאכט זיין לעבין מיט צעהן יאר
ווייניגער דען יהושע האט גיזאלט לעבין
הונדרט אונ צוואנציג יאר אזו וויא זיין רבי
משה נאר וויל ער האט גזאגט די מלכים צו
טייטן הט ער נאר גילעבט הונדרט אונ צעהן
יאר דאש זאגט דר פסוק רבות מחשבות בלב איש
ועצת יי היא תקום דר מענטש טראכט פיל אבר
די עצה פון גאט בלייבט שטיין · אונ וויא
ישראל האבין גיזעהן דאש דר טויט פון משה
הייננט אן אין דר נקמה פון מדין האבין זייא
ניט גיוואלט גיין מלחמה האלטין מיט מדין
כדי משה זאל לייננער לעבין הט גאט גיזאגט
צו משה ווארף גורל ווער עש זאל גיין אזוא
מעלין זיי מוזין גיין אונ משה האט גישיקט
פנחס ער האט ניט גיוואלט גיין אליין אין דר
מלחמה וויל ער איז דר צוייגין גיווארין אין
מדין דרום האט ער זיי ניט נקאנט טייטן אונ
אויך האט משה גיזאגט צו פנחס דו האשט
אן גיהויבין צו טאן נקמות פון זנות ווענין
וואס די טעכטר פון מדין האבין גיטאן מיט
דעם נשיא דרום זייא דיך ווייטר נוקם אין זיי
דען ווען איינער הייבט אן איין מצוה דארף
ער זיא גומר זיין אונ נאך איין פשט איז דרום
איז פנחס גיגאנגן איין נקמה טאן אין מדין
ער זאל זיך נוקם זיין אין זיי וויל זיי האבין
פאר קויפט זיין עלטר פאטר יוסף קיין מצרים
דען פנחס איז ארויש גיקומען פון יוסף פון
מוטר האלבין לכל מטות ישראל תשלחו פון אלע
שבטים פון ישראל זאלט איר שיקין · דער
פסוק לערינט אונז דאש שבט לוי הט אויך
גישיקט טויזינט מאן אין דר מלחמה פון מדין
איז קשה די ישראל זיינן דאך גיוועזן צוועלף
שבטים אן שבט לוי אונ מיט שבט לוי איז
גיוועזן דריי צעהן שבטים אזו האט גדארפט
זיין דריי צעהן טויזינט מאן אונ דער פסוק
זאגט עס איז נאר גיגאנגן אין דער מלחמה
מדין צוועלף טויזינט מאן דר תירוץ איז

שבט אפרים הט ניט גישיקט אין דר מלחמה
כדי ישראל זאלין זיי ניט חושד זיין דאש זיי
זיינן גערין צו גיין אין דר מלחמה כדי משה
זאל שטארבין אונ יהושע וואש ער איז פון
זייער שבט זאל איין מלך ווערין דרום האט
שבט לוי גיזאגט מיר ווערין גיין אויף דעם
ארט פון אפרים אונ מיר ווערין גאטש גיבאט
האלטין האטשע משה איז פון אונזר שבט
אונ זיין לעבין הייננט אין דר מלחמה וכלי הקדש
זייא האבין מיט גינומן דעם ארון קודש אונ
דעם גילדערנעם בלעך וואש אויף אים איז
גישטאנן דר שם המפורש אונ דרום האבין זיי
אים גיהרגת מיט איין שווערד וויל ער האט
גיוואלט דיא ישראל שילטין מיט זיין מויל
וואש דאש איז די ברכה פון ישראל הקול קול
יעקב דאש זייער כח איז מיט דעם מויל דרום
האבין זיי אים גיהרגת מיט איין שווערד וואס
דאש איז די ברכה פון זיי ועל חרבך תחיה דוא
זאלשט דיך ווערין מיט דר שווערד אונ בלעם
איז גיקומן צו נעמן שכר פון מדין דר פאר
וואס ער האט זיי איין עצה גיגעבין אונ דורך
דעם זיינן גיפאלין פיר אונ צוואנציג טויזנט
פון ישראל פון ווענין זנות אזו האבין אים די
ישראל איין גוטין שכר בצאלט אונ משה הט
נאר גישיקט צוועלף טויזינט מאן פון ישראל
צו מדין האטשע מדין איז גיוועזן איין גרויש
פאלק אונ האבין גיהאט שטארקע שטעט
אונ פעסטע נאר משה האט זיך גטראכט עש
זיינן פיל פון ישראל וואש האבין מזנה גיוועזן
מיט די טעכטר פון מדין די קענן ניט גיין אין
דר מלחמה דרום הט ער אויש גקליבן צדיקים
זיי זאלין גיין אין דר מלחמה אונ די ישראל
זיינן זייער פרום גיוועזן אונ האבין גיבראכט
צו משה נאר דאש געלט אונ גוטין וואס זיי
האבין גירויבט פון מדין אונ משה אונ אלעזר
זיינן זיי אנטקעגין גיגאנגן אונ האבין גווערט
דאש קיינער זאל ניט עפעש חאפין פון רויב
אונ משה האט גיצערינט אויף דיא הויבט
לייט פון דעם חיל וואש זייא האבין גילאזט


לעבין

לעבין דיא נקבות פון מדין וויל זייא האבין גימאכט די ישראל די עבירה טאן פון זנות דען זיי האבין אטייל נקבות דער קענט אונ האבין גיזאגט מיט דער נקבה האט יעגער ישראל מזנה גיוועזן אונ דורך דעם האבין ישראל איין מגפה גיהאט · אויך טאמר ווערט ער מיט איר ווידר מזנה זיין דרום איז משה ברוגז גיוועזן אויף דיא עלצטע זייא וואלטין גידארפט טייטין די נקבות פון דאנן לערנען מיר אז ווען איין ראש הקהל אדער איין רב ווערט ניט אין זיין קהל וואש זייא טוען בייז שטראפט גאט דעם ראש הקהל אדר דעם רב אונ משה האט גיבאטין מען זאל הרגענן די זכרים אפילו די קינדר אין די וויגין אונ אלע נקבות וואס זיינן מיט איין מאן גילעגין אבר די נקבות וואש זיינען נאך ניט גילעגין מיט קיין מאן האט מען גילאזט לעבין ויאמר אלעזר הכהן אלעזר הכהן האט גיזאגט צו ישראל זיי זאלן כשרין די כלים פון מדין רבי שמעון בן לקיש זאגט דר וואש איז אין כעס ווען ער איז איין חכם טוט זיך די חכמה פון אים אפ אזו וויא מיר געפינן ביי משה דש ער הט גצארינט אויף ישראל וואש זיי האבין גילאזט לעבין די נקבות פון מדין דרום האט ער פאר געסין דעם דין פון כשרין אונ אלעזר איז גקומן אונ האט דעם דין גזאגט ווער עש האט גילדרנע כלים אדר זילברנע כלים אדר קופערנע כלים אדר פון בליא זאל מען די כלים פריער אויש רייבין עש זאל פון זיי דר זויבער אראפ אונ דער נאך זאל מען זיי כשרין אין איין קעסיל מיט זודיגע וואשר אונ אזו גיפינן מיר דאש משה האט נאך צווייא מאל גיצארינט אונ הט אלע מאל דריבר דינים פאר געסין אונ ווען איין נביא צערינט טוט זיך די נבואה פון אים אפ דען די שכינה רואט ניט ביי דעם מענטשן וואש צערינט די חכמים זאגין ווען איינר צו ברעכט איין כלי פאר כעס איז גליך וויא ער דינט עבודת כוכבים איז קשה ווארום האט גאט ניט גיהייסן כשרין די כלים פון סיחון ועוג אזו וויא ביי מדין דר תירוץ איז וויל דש לאנד פון סיחון ועוג איז גיוועזן איין חלק פון ארץ ישראל דען די בני גד אונ די בני ראובן האבין דאש גירשת דרום האט מען גימעגט ניצין זייערע כלים אן כשרין אונ אן טבילת דען די חכמים זאגן אפילו די זייטן פון חזירים זיינן מותר גיווארין צו ישראל בשעת אז זיי האבין איין גינומן ארץ ישראל וויל גאט הט צו גזאגט צו געבן צו ישראל אין ארץ ישראל הייזער וואש זיינן פול מיט גוטש אבער דאס לאנד פון מדין איז ניט גיוועזן פון ארץ ישראל אונ מען האט נאר איין נקמה גטאן אין מדין אבר מען האט עש ניט איין גינומן פר זייער לאנד דרום האט מען ניט גטארט ניצן זייערע כלים אן כשרין שא את ראש גאט האט גיזאגט צו משה ער זאל ציילין די מענטשין אונ דיא בהמות אונ דאש גאלד אונ זילבר אונ קליידר וואש זיי האבין גיבראכט פון מדין אונ מען זאל דאס צו טיילין העלפט זאל מען געבן צו די צוועלף טויזנט מענטשן וואש זיינן גגאנגן אין דר מלחמה אונ די אנדרע העלפט זאלין כל ישראל נעמן אונ די צוועלף טויזנט מאן זאלין פון זייער חלק מכס געבין איין מענטש פון פינף הונדרט מענטשין אונ אזו אויך פון רינדר אונ אייזלען אונ שאף זאלין זייא דעם מכס געבן אונ דאש זאל מען געבן צו אלעזר הכהן אונ פון דעם חלק וואש כל ישראל האבן גנומן זאל מען נעמן מכס אמענטש פון פופציג מענטשן אונ אזו אויך פון רינדר אונ אייזלען אונ שאף זאל מען דעם מכס געבין צו דיא לוים וואש היטין גאטש משכן : ויקח משה ואלעזר הכהן אונ משה מיט אלעזר האבין אליין צו טיילט דעם רויב פון מדין אן דיא נשיאים חאטשע גאט הט גיהייסן די נשיאים זאלן אויך דר ביי זיין כדי מען זאל ניט חושד זיין צו אלעזר דאש ער נעמט זיך מער וויא עש קומט אים נאר די נשיאים האבן גיזאגט מיר ווערן דער צו ניט גיין אלעזר אליין איז דרויף בגליבט ויהי המעצה אונ עש איז גוועזן

די העלפט שאף דריי הונדערט טויזנט אונ
זיבן אונ דרייסיג טויזנט אונ פינף הונדרט
אונ רינדר איז גוועזן זעקס אונ דרייסג טויזנט
אונ אייזלען איז גיוועזן דרייסיג טויזנט מיט
פינף הונדרט · אונ מענטשין איז גיוועזן
זעכצעהען טויזנט דאס איז אלץ גיוועזן איין
העלפט · אונ דרום האט די תורה דיא צאל
פון זיי אן גישריבן צו ווייזן זינט מען האט
זיי גיפאנגען ביז מען האט זיי צו טיילט איז
ניט גימינערט גיווארן קיין מענטש אונ ניט
קיין בהמה ולא נפקד ממנו איש עס איז פון אונז
ישראל ניט גיווארן גימינערט קיין מענטש
אין דער מלחמה אונ דאש איז גיוועזן איין
גרויסער נס דען די מדינים זיינען גיוועזן אזו
פיל וויא זאמד אין ים אונ די ישראל זיינען
נאר גיוועזן צוועלף טויזנט אונ האבין פיל
גיהרגת אונ פיל טויזנט פון זיי גיפאנגן אונ
עש איז דאך פון ישראל ניט גיהרגת גיווארן
קיין מענטש דען דיא צוועלף טויזנט מאן
זיינן אלע גוועזן צדיקים · אונ זיי האבן גזאגט
צוא משה טאמער האבין מיר איין מחשבה
גיהאט אויף די טעכטער פון מדין אונ מיר
האבין צו זיי לוסט גיהאט דען דער סדר פון
די עובדי כוכבים איז ווען זיי גייען אין דער
מלחמה צירין זיי אויש זייערע טעכטער אונ
איין שלעכטע מחשבה איז מער עבירה וויא
מזנה צו זיין דען דר וואש איז מזנה טוט זיך
נאך דעם זנות באלד דער יצר הרע פון אים
אפ אבער דר וואש טראכט אויף זנות דער
טראכט טאג אונ נאכט וויא אזו ער זאל זיין
ווילן טאן מיט דער זונה. אונ האט קיין רוא
ניט פון דר עבירה אונ דרום האט גאט מתיר
גיוועזן צו ישראל ווען זיי וועלין גיין אין איין
מלחמה אויף די אומות צו נעמן איין עבודת
כוכבים פאר איין ווייב כדי דר יצר הרע זאל
אים ווייטער צו רוא לאזין דרום האבין דיא
ישראל תשובה גטאן אויף דר מחשבה וואש
זיי האבין גיהאט אויף די טעכטער פון מדין
האבין גיבראכט אלע צירונג פון גאלד
ארום רינגען אונ פינגערלאך אונ אורינגלאך
אונ האבין דאש גיגעבין צו משה עש זאל
אויף זייא זיין איין קרבן צוא גאט אונ דיא
גילדערנע כלים וואש זיי האבין גיגעבן האט
מען זיי גינומן אין בית המקדש ארין צו גיצין
מיט זיי אזו וויא זיי זיינן גוועזן אונ דאש גוויכט
פון גאר דעם גאלד איז גוועזן זעכצעהן טויזנט
אונ זיבין הונדערט אונ פופציג שקלים · ומקנה
רב היה לבני ראובן אונ פיל פיך איז גיוועזן צו די
קינדר פון ראובן אונ גד אונ זיי האבן זייער
ליב גהאט זייערע בהמות אונ געלט די חכמים
זאגין דאש עשירות וואש קומט פון גאט דאש
האט איין קיום אבער דאש עשירות וואש
קומט ניט פון גאט דאש האט ניט קיין קיום
אויך זאגין די חכמים דריי מתנות האט גאט
אויף דר וועלט גיגעבין עושר אונ חכמה אונ
גבורה זיינן גיוועזן צוויא עשירים קרח פון
ישראל אונ המן פון דיא אומות אונ דאש
עשירות האט זיי גימאכט פאר לירין פון דר
וועלט אונ פון יענר וועלט · אונ צווי חכמים
זיינן גוועזן אויף דר וועלט בלעם פון די אומות
אונ אחיתופל פון ישראל אונ האבין מיט
זייער חכמה גיטאן דר ווידר גאט דרום זיינען
זיי ביידע ווארין פאר לארין פון דער וועלט
אונ פון יענער וועלט אונ צווי גבורים זיינען
גיוועזן שמשון פון ישראל אונ גלית הפלשתי
פון דיא אומות אונ זיינען ביידע ווארין פאר
לארין ווייל זייא האבין מיט זייער גבורה
גיטאן דר ווידער גאט אונ האבן בגזלט לייט
אונ אזו אויך די קינדער פון ראובן אונ גד
זיינן גיוועזן זייער רייך אונ האבין גיהאט פיל
בהמות אונ האבן גזאגט צו משה מיר וועלן
בלייבין אין חוצה לארץ ווייל מיר האבן פיל
בהמות אונ דא איז דא פיל פאשע אונ זייא
האבין זיך גיוואלט אפ שיידין פון זייערע
ברידער פון וועגין זייער געלט אונ בהמות
דרום זיינן זיי צום ערשטין פר טריבן גיווארן
פון זייער לאנד אונ זייערע שטעט זיינען
גיווארן פאר וויסט צו ניאין דאש עשירות
וואש

וואש קומט ניט פון גאט האט קיין קיום ניט אין נייב פון איין שר האט גיפרעגט צו רבי שמעון בן חלפתא אין וויא פיל טעג הט גאט בשאפין די וועלט האט ער גיזאגט אין זעקס טעג האט זיא אים גפרעגט אונ פון די זעקס טעג ביז אהער וואש טוט גאט הט רבי שמעון גיזאגט ער האט גימאכט ליטערש אונ פירט איין מענטשין ארויף אונ דעם אנדרין פירט ער אראפ אזו וויא אין פסוק שטייט כי אלהים שופט זה ישפיל וזה ירים גאט טוט משפטין דעם טוט ער אראפ נידערין אונ דעם אנדרין טוט ער דר הויבן אונ גאט געמט אוועק דש געלט פון איינעם אונ גיט דאש צום אנדרין אונ די בני ראובן אונ די בני גד האבן ליבער גהאט זייער געלט מער פון זייער גוף דען זיי האבן פריער גיזאגט זיי וועלין בויען שטאלן צו די בהמות אונ דר נאך שטעט צו זייערע ווייבר אונ קינדר דרום האט גאט זייא גישטראפט מיט גלות מער וויא אנדרע ישראל אונ משה האט גיצערינט אויף די קינדר פון גד אונ פון ראובן אונ זאגט צו זיי איר וועט מאכן איין מורא צו ישראל דאש זיי וועלין קוקין אויף אייך אונ וועלין אויך ניט וועלן גיין קיין ארץ ישראל האבין די קינדער פון גד אונ ראובן גיענטפערט מיר וועלין בויען שטאלין צוא אונזרע בהמות אונ הייזער צו אונזרע ווייבר אונ קינדר אונ דר נאך וועלין מיר גיין קיין ארץ ישראל פריער פאר אונזרע ברידער צו העלפין זיי מלחמה האלטין מיט די אומות מיר וועלן אהיים ניט גיין ביז מיר וועלן העלפין צו ישראל צו איין געמן זייער לאנד דען דיא קינדער פון גד אונ ראובן זיינען גיוועזן דיא שטארקסטע צווישן כל ישראל אונ זיי האבן גיזאגט נייל מיר וועלין אוועק גיין קיין ארץ ישראל דרום וועלין מיר בויען פעסטע שטעט צו אונזרע ווייבר אונ קינדר זייא זאלין זיין באווארינט פאר די אומות · הט משה גזאגט

צו די קינדר פון גד אונ ראובן אויב איר וועט האלטין אייער שבועה אונ וועט העלפין צו ישראל צו קומן אין זייער לאנד וועלין מיר אייך הייסין בלייבן אין דעם לאנד והייתם נקיים מה׳ ומישראל אונ איר זאלט זיין ריין פון גאט אונ פון ישראל פון דאנן לערנן מיר אפ דאס איין מענטש דארף זיך ריין מאכין פאר גאט אונ פאר לייט די חכמים זאגין איין משפחה האט גיהייסן בית גרמו זיי האבן גמאכט דעם לחם הפנים אין בית המקדש האבין זיי ניט גיהיישן אין זייערע הייזר זעמיל ברויט מאכן כדי לייט זאלין ניט זאגין דאש איז פון דעם זעמיל מעל פון דעם בית המקדש חאטשע זיי זיינן גיוועזן עשירים אונ האבין גימעגט עסין זעמיל ברויט דאך האבין זייא גראב ברויט גיגעסין כדי מען זאל זיי ניט חושד זיין · נאך איין משפחה איז גוועזן זיא האט גיהייסן בית אבטינס זיי האבין גימאכט קטורת אין בית המקדש פון אלערלייא בשמים אזו האבן זיי ניט גוואלט דאש איין כלה פון זייער משפחה זאל זיך צירין מיט בשמים חאטשע דר סדר איז דאש איין כלה צירט זיך מיט בשמים אבר איין כלה פון זייער משפחה האט זיך ניט גיצירט מיט קיין בשמים כדי מען זאל זיי ניט חושד זיין דאס זיי האבין גינומן בשמים פון די קטורת · ויבנו את עטרות ואת דיבון די קינדער פון גד האבין גיבויט די שטעט עטרות אונ דיבון דיא חכמים זאגין איין ווארט אין דער תורה איז ניט אן איין נוץ אן גישריבן גיווארן אפילו די נעמן פון די שטעט עטרות ודיבון · אויך האבין זייא גיזאגט איטליכער מענטש דארף אלע וואך מעביר זיין די סדרה פון דר וואך צוויי מאל אונ זאל דעם תרגום איין מאל זאגין אפילו דעם תרגום פון עטרות ודיבון וואש דער תרגום איז גלייך מיט דעם לשון פון דעם חומש זאל ער דאך דעם תרגום דער פון זאגין :

הפטורת מטות איז דיא הפטורה פון פרשת שמות :

**אלה** מסעי שלמה המלך זאגט אין משלי ראשית חכמה קנה חכמה דאש איז טייטש פאר דר חכמה פון דר תורה וועסטו קענען קויפן אלע חכמות דען דער וואס לערינט ניט קיין תורה אונ האט אין איר ניט גיזעהן די נסים ונפלאות וואש גאט האט גיטאן צו ישראל אין דר מדבר דער ווייסט ניט וואס גאט קען מאכין · אונ דר מענטש וועט ניט גלויבין אין די נסים פון גאט ער וועט זאגין די וועלט פירט זיך אליין · אונ גאט קאן זיא ניט פאר ענדרין צוא גוטין אדער צו בייזין · אונ ער וועט זאגין אלע נסים פון דער מדבר איז גישט דען דיא מדבר איז וויא אלע לענדער וואש וואקסט דרינען קארין אונ ווייץ דרום האט גאט אין דר סדרה בייא אנאנדער אן גישריבין אלע ערטער וואס ישראל האבין גיצויגין אין דר מדבר אונ לאזט אונז וויסין וואס פאר איין מדבר דאס איז גיוועזן וואש אין אים איז גוועזן גראבע שלאנגן וויא באלקין אונ ברענענדיגע שלאנגען אונ עגדעשין אונ קיין וואשר איז אין אים ניט גיוועזן · אונ אטייל וואשר איז גיוועזן ביטער אונ אן וואשער איז ניט מיגליך צו לעבין אפילו איין טאג ובפרט אזוא איין גרויש פאלק מיט ווייבער אונ קינדער וואש זיינען גיוועזן פערציג יאר אין דער מדבר וואש קיין מענטש איז דארטין קיין מאל ניט גיוועזן דרום האט דיא תורה באשיידליך אן גישריבין איטליכש ארט אין דער מדבר מען זאל זעהען דיא נסים וואש גאט האט גיטאן · אונ נאך איין פשט איז דרום האט די תורה אן גישריבין דיא ערטער וואש ישראל האבין גיצויגין אין דער מדבר כדי די אומות זאלין ניט זאגין די ישראל זיינען גיוועזן אין דער מדבר וויא בעלי תשובות זיי האבין ניט גירועט איין נאכט אין דעם ארט וואו זייא האבין דיא אנדערע נאכט גירועט דרום זאגט אונז די תורה וויא פיל זיי האבין גיצויגין אין דיא פערציג יאר צוויא אונ פערציג מסעות אין דעם ערשטין יאר האבין זייא גיצויגין פערצעהען מסעות פון רעמסס קיין רתמה פון רתמה האט משה גישיקט מרגלים · אונ דרום האט דאש ארט גיהייסין רתמה ווייל די מרגלים האבין דארטין בייז גירעט אויף ארץ ישראל דען רתמה איז טייטש ברענעדיגע קוילין דען דר וואש רעט לשון הרע [illegible] ים אויף יענער וועלט עסין ברענעדיגע קוילין אונ אין דעם פערציגסטין יאר האבין זיי גיצויגין נאך דעם טויט פון אהרן אכט מסעות פון הור ההר ביז ערבות מואב איז צוויא אונ צוואנציג מסעות אזו בלייבט איבער אויף אלע אכט אונ דרייסיג יאר צוואנציג מסעות אונ אין קדש זיינען זייא גיזעסין כסדר ניינצעהען יאר מיט פיל תענוגים אויך לאזט אונז דיא תורה וויסין דאש די ישראל זיינען ניט גיוועזן אין דער מדבר וויא פאר אירטע וואש ווייסין קיין וועג ניט אונ האבין ניט קיין רוא נייערט גאט האט זיי גיפירט בייא טאג מיט איין וואלקין צו ווייזין זייא דעם וועג אונ בייא נאכט מיט פייערגע זיילין צו לייכטין זיי · דיא חכמים זאגין עש איז איין משל איין מלך האט גיפירט זיין זון אין ווייט לאנד צו איין רופא צוא היילין אים אונ אז ער האט זיך מיט אים אום גיקערט זאגט דער מלך צו זיין זון אין דעם ארט האבין מיר גירועט אונ אין דעם ארט האבין מיר זיך גיקילט אונ אין דעם ארט האט דיר דער קאפ וויא גיטאן אזו האט גאט אויך אויש גירעכינט אלע ערטער וואס זיי האבין גיצויגין אין דיא פערציג יאר אונ זאגט אין דעם ארט האב איך אייך אזוא איין טובה גיטאן אונ אין דעם ארט האב איך אייך אזוא איין טובה גיטאן אונ די תורה ווייזט אונז אלע ערטער וואש דיא ישראל האבין גיהאט נסים אין דער מדבר אונ אזו אויך וועלין די ישראל זיין אין דער מדבר אין די טעג

פון משיח אונ גאט וועט זיי טאן די אלע
נסים וואס ער האט זיי גיטאן אין ארויש
גיין פון מצרים אונ גאט וועט זייא שפייזן
מיט גוטע שפייז אונ וועט זייא פירן מיט
איין וואלקן אונ מיט איין ליכט אזוא וויא
ער האט גיטאן צו ישראל אין דער מדבר
אזוא וויא אין פסוק שטייט והבאתי אתכם אל
מדבר העמים איך וועל אייך ברייננען אין דר
מדבר פון די פעלקער אין די טעג אונ דרום
שטייט אין דער סדרה צוויי מאל למוצאיהם
צו ווייזן אויף דעם אויש ציהען פון מצרים
אונ אויף דעם אויש ציהען פון דעם גלות
אונ וויל די מדבר האט מקבל גיוועזן דיא
ישראל אונ עס איז זייא גוט גיגאנגען אין
דער מדבר דער פאר וועט גאט איין שכר
באצאלין צו דער מדבר אין דיא טעג פון
משיח דאס עס וועט אין אים שיינע בוימער
וואקסן אונ גוטע בשמים אזו וויא נעגעלעך
אונ שיינע רויזן אונ עס וועט אין אים זיין
שיינע פעלדער אונ וויין גערטנער מיט
אלערליי פירות אונ בוים אייל אונ די מדבר
וועט ווערן איין וואוננג פאר לייט דען די
מדבר איז אזו גרויש וויא אלע לענדער אונ
פון דאנען לערנען מיר אפ ווען גאט וועט
איין גוטין שכר באצאלין צוא דער מדבר
וויל ער האט די ישראל גיהאלטין מכל שכן
ווען איין בעל הבית האלט איין תלמיד
חכם ביי זיך אין הויז אונ גיט אים בכבוד
וועט בוודאי גאט זיין שכר כפל כפלים
באצאלין אונ אטייל חכמים זאגין דרום האט
די תורה אן גישריבין די ערטער וואש גאט
האט נסים גיטאן אין זייא צוא ישראל כדי
ווען איינער פון ישראל וועט אהין קומען
זאל ער איין ברכה מאכין אויף די ערטער
אונ זאל גאט לויבין אויף דיא נסים וואש
גאט האט גיטאן צו ישראל דרום זיינן אלע
ערטער מיט זייער נאמן ווארין אן גישריבין
כדי מען זאל דער קענען די ערטער פון די
נסים דרום זאל איטליכער ישראל לערנען

די נעמען פון די ערטער צו וויסין זיי ומצרים
מקברים אונ די מצרים האבין בגראבין זייערע
בכורים וואש גאט האט גיהרגת אין דיא
דאזיגע נאכט פון פסח אונ אין זייערע
אפ געטער האט גאט גיטאן איין משפט ·
דיא חכמים זאגין דיא תורה האט אונז דא
אן גישריבין דעם פסוק דאש דיא מצרים
האבין באגראבין זייערע בכורים חאטשע
עס גיהער אהער ניט · צו ווייזן אונז דאס
גאט האט דער שלאגין זייערע אפ געטער
אין דער נאכט וואס ער האט גיהרגת דיא
בכורים אונ דיא מצרים האבין גיוויינט דיא
גאנצע נאכט אויף זייערע בכורים אונ
האבין ניט גיוואוסט דאש זייערע אפ געטר
זיינען פאר דארבין גיווארין · אונ אין דער
פריא זיינען זייא גיקומען אין זייערע תפלות
צוא באגראבין זייערע בכורים אזוא וויא
זייער סדר איז גיוועזן דאש זייא פלעגין
באגראבין זייערע פגרים אין דיא תפלות
אזוא האבין זייא גיזעהען דאס זייערע אפ
געטער זיינען צוא בראכין אונ צוא שלאגין
דען דער אפ גאט וואס איז גיוועזן פון זילבר
אדער פון גאלד איז צו גאנגען אונ דר אפ
גאט פון האלץ איז ווארין פאר פוילט אונ
דער אפ גאט פון שטיין איז צו פאלין אויף
שטיקער וימת שם אהרן בשנת הארבעים אונ אהרן
איז גישטארבין אין דעם פערציגטין יאר
אין פינפטין חודש דאש איז אב איין טאג
אין חודש דיא חכמים זאגין ווארום זאגט
דא דער פסוק אין וועלכין טאג אהרן איז
גישטארבין ער האט גיזאלט אין פרשת
חוקת שטעלין אין וועלכין טאג אהרן איז
גישטארבין דען דארטין שטייט וויא אהרן
איז גשטארבין אונ אויך געפינען מיר ניט
ביא אונזערע עלטערין אברהם יצחק יעקב
דיא תורה זאל אן שרייבין אין וואס פאר
איין טאג זיי זיינען גישטארבין נאר דרום
האט די תורה אן גישריבין דאש אהרן איז
גישטארבין אין חודש אב איין טאג אין

חודש צו ווייזן דאש דרום איז גיקומען דר כנעני מלחמה האלטין מיט ישראל ווייל ער האט גיזעהען דאש אין דעם חודש אב וועלין ישראל פיל צרות האבין ובפרט דיא וואלקין האבין זיך אפ גיטאן אז אהרן איז גישטארבן דרום האט דר כנעני זיך גיטראכט היינט וועל איך קענען מלחמה האלטין מיט ישראל דרום שטייט וימת בחודש החמישי אהרן איז גישטארבן אין חודש אב אונ עס שטייט דער ביא וישמע הכנעני דער כנעני האט גיהערט אז אהרן איז גישטארבין אין חודש אב דרום איז ער גיקומען מלחמה האלטין מיט ישראל ויחנו על הירדן אונ דיא ישראל האבין גירועט ביא דעם ירדן פון דעם ארט בית הישימות ביז אין דעם פלאץ שטים וואש אין ערבות מואב · פון דאנען קען מען וויסין וויא וייט אונ ברייט דאס ארט איז גיוועז וואו דיא ישראל האבין גירועט דען רבה בר בר חנה האט גיזאגט איך בין גיוועזן אויף דעם ארט האב איך גזעהן דאש איז גרוים דרייא מייל אזו ווייס איך וואול דאש די ישראל האבין גירועט אויף איין פלאץ פון דרייא מייל זאת הארץ אשר תפול לכם בנחלה דאס איז דאס לאנד וואש עש ווערט אייך פאלין פאר איין נחלה · דיא חכמים זאגין דער פסוק זאגט דאס לאנד וואס עש ווערט אייך פאלין פאר איין נחלה איז דאש ראוי צו אייך אונ עש קומט אייך · עס איז איין משל איין מלך האט גיהאט קנעכט אונ דינסט מידין אונ האט די קנעכט ווייבער גיגעבין פון פרעמדע לענדער אזו האט זיך דער מלך באדאכט אונ האט גיזאגט איך האב דאך אין מיין לאנד גינוג דינשט מיידין דרום וועל איך בעסער זיי געבין צו מיינע קנעכט פאר ווייבער אזו אויך האט גאט גיזאגט ארץ ישראל איז מיין לאנד אזו וויא אין פסוק שטייט כי לי הארץ די ערד איז צוא מיר גאט אונ דיא ישראל זיינען מיין פאלק אונ מיינע קנעכט אזו וויא דר פסוק זאגט כי לי בני ישראל עבדים צוא מיר זיינען די ישראל קנעכט דרום וועל איך בעסער געבין מיין לאנד צו מיינע קנעכט אונ צוא מיינע קינדער · אויך זאגין די חכמים אשר תפול לכם בנחלה איז טייטש גאט האט גימאכט אראפ פאלין פון דעם הימל די זיבין מלאכים וואס זיינען גיזעצט איבער דיא זיבין אומות פון ארץ ישראל אונ האט די מלאכים גיבונדין פאר משה אונ האט גיזאגט צו משה זעה זייא האבין קיין כח ניט דרום פארכט דיך ניט פאר דיא עובדי כוכבים דען זייערע מלאכים זיינן גיבונדין אלה שמות האנשים דאש זיינען די נעמן פון די מענטשין וואש זאלין אייך מאכין ארבין דאש לאנד איר זאלט אויש קלייבין פון איטליכין שבט איין נשיא ער זאל זעהען וויא פיל משפחות אין זיין שבט איז אונ אויב עס איז אין אים פיל משפחות דארף מען דעם שבט מער לאנד געבין אונ וויא דער נשיא וועט מאכין אזו וועט בלייבין · אונ דער פסוק זאגט דרום אלעזר פאר יהושע חאטשע יהושע וועט זיין אויף דעם ארט פון משה ווייל יהושע וועט מוזין פרעגין צו אלעזר וויא מען זאל טאן · אונ דער פסוק זאגט צעהען נשיאים חאטשע עש איז גיוועזן צוועלף נשיאים ווייל שבט ראובן אונ גד האבין זייער חלק לאנד גינומען אין חוצה לארץ · אונ מען קען פרעגין ווארום שטייט ניט ביי דריי שבטים קיין נשיאים ביא יהודה אונ שמעון אונ בנימין · נאר ביא זיבין שבטים שטייט נשיאים · דער תירוץ איז ביי שבט יהודה שטייט ניט קיין נשיא ווייל נאר דיא וועלט האבין גיוואושט דאש כלב איז זייער פרום דרום דארף אים דיא תורה ניט אן רופין נשיא דאש איז טייטש איין חשובר מאן · ווייל מען האט גיוואושט דאש כלב איז איין חשובר מאן · אונ ביא שבט שמעון וויל די תורה ניט אן שרייבין נשיא ווייל אנשיא פון שבט ש[illegible]עון האט מזנה גיוועזן חאטשע

דער שלעכטר נשיא איז ווארין גיטייט דאך רופט ער שוין אין דעם שבט קיין נשיא ניט אן · אונ ביא שבט בנימין שרייבט ער אויך קיין נשיא ניט אן ווייל דער שבט ווערט מזנה זיין ביא פלגש בגבעה · אונ אטייל חכמים זאגין דרום שרייבט דר פסוק ניט ביי בנימין קיין נשיא מען זאל ניט מיינן דאש ער איז גלייך צוא אנדערע נשיאים · אונ אין אמת איז ער חשובר גיוועזן פון אנדערע נשיאים ווייל ער איז גיוועזן איין נביא · והקריתם לכם ערים ערי מקלט איר זאלט אייך אן ברייטין שטעט עס זאל אהין אנטלויפין דער וואש ווערט איין מענטשין הרגענען אום גערין אזוא ווערט אים קיין מענטש דארטין ניט טארין טאן · אונ עש פלעגט אהין אנטלויפין איטליכער רוצח סייא ער האט במזיד גיהרגת אדער בשוגג · נאר דאש בית דין פון זיין שטאט האבין נאך אים גישיקט אונ האבין דיא זאך נאך גיקלערט · אויב ער האט גיהרגת במזיד האט מען אים גיהרגת · אונ אויב ער האט גיהרגת בשוגג האט מען אים צו ריק גשיקט אין ערי מקלט אריין אונ ער איז דארטין גיזעסין ביז דער כהן גדול איז גישטארבין אונ קיין מענטש האט אים ניט גיטארט אן רירין · דאש זאגט דוד המלך אין תהלים טוב וישר יי על כן יורה חטאים בדרך גאט איז גוט אונ רעכט פארטיג דרום ווייזט ער דעם מענטשין איין וועג וויא אזו ער זאל תשובה טאן · עד מות הכהן הגדול דער רוצח זאל זיצין אין ערי מקלט ביז דער כהן גדול ווערט שטארבין · ווייל דער כהן גדול מאכט דיא שכינה זאל רוען צווישין ישראל אונ דר רוצח וואש האט גיהרגת איין נפש מאכט ער די שכינה אפ טאן פון ישראל · דרום איז ניט רעכט ער זאל ארום גיין אויף דער וועלט ווייל דער כהן גדול לעבט · אונ אויך האט דער כהן גידארפט תפלה טאן עס זאל אין זיינע צייטין זיך ניט טרעפין קיין רציחה · דרום מוז דר רוצח זיצין ביז דער כהן גדול שטארבט · אונ דר רוצח טוט תפלה דר כהן גדול זאל שטארבן אונ נאך איין פשט איז דרום האט ער גיווארט ביז דער כהן גדול איז גישטארבין כדי אז דיא קרובים פון דעם נהרג וועלין זעהען דאש דער כהן גדול איז גישטארבין · אזוא ווערין זייא זיך טרייסטין אונ וועלין זאגין דער כהן גדול איז גיוועזן איין חשובר מאן אונ איז דאך גישטארבין · דרום איז נישט קשה וואש אונזער קרוב איז גיהרגת גיווארין · אזוא וועלין זייא אפ טאן דיא שנאה וואש זייא האבין אויף דעם רוצח · אונ דיא מוטער פון דעם כהן גדול האט גיבראכט עסין צום רוצח כדי ער זאל ניט תפלה טאן דער כהן גדול זאל שטארבין · ישוב הרוצח אל ארץ אחוזתו אז דער כהן גדול ווערט שטארבין זאל זיך דער רוצח ווידער אום קערין אהיים צו זיין ארב · רבי יהודה זאגט ער גייט ווידער צוא זיינע גיטער אונ פעלדער אונ וויין גערטנער · אבער דאש שררה שאפט וואש ער האט פריער גיהאט גיט מען אים ניט · אונ רבי מאיר זאגט מען גיט אים זיין שררה שאפט אויך אפ · לא תקחו כופר לנפש רוצח איר זאלט קיין געלט ניט נעמען פון דעם רוצח פאר איין אויש לייזונג ווען ער איז חייב מיתה אדער ער איז חייב צוא אנטלויפין אין ערי מקלט · דען דיא עבירה פון רציחה איז זייער גרויש · אזוא וויא מיר גיפינען ביא אחאב דאש ער איז גיוועזן איין גרוישער רשע דאך האט מען אין אים קיין גרעשערע עבירה ניט גיפונען פון רציחה וואש ער האט גיהייסין הרגענען צוא נבות האטשע ער האט אים מיט זיינע הענט ניט גיהרגת נאר ער האט אים גיהייסין הרגענען דאך האט אים גאט דער פאר גיטייט · מכל שכן ווען איינער הרגת מיט זיינע הענט זיין חבר איז בוודאי זיין עבירה זייער גרוים

דרום זאל מען ביא אים ניט נעמען קיין געלט צוא אויש ליזין זיך · ולא תחניפו את הארץ איר זאלט ניט חנפענען דעם וואש פאר גיסט בלוט · דיא חכמים זאגין דער מענטש וואש חנפת קומט אין גיהנם · אונ ווען איינער חנפת זיין חבר כדי ער זאל אים ערליך האלטין וועט דער סוף זיין דאש ער וועט פון אים איין גרויסין בזיון האבין · אונ דער וואש חנפת נעמט גאט זיין תפלה ניט אן · רבי אליעזר זאגט ווער עש חנפת זיין חבר דער פאלט לסוף אין זיינע הענט אונ ער חנפת אים ניט · אשר אני שוכן בתוכה גאט זאגט פירט ניט קיין חניפות וויל איך בין צווישין אייך · די ישראל זיינען גיליבט דאש אפילו ווען זייא זיינען טמא איז דאך דיא שכינה צווישין זייא · אזוא וויא אין פסוק שטייט השוכן אתם בתוך טומאותם גאט רועט צווישין ישראל אפילו ווען זיי זיינען טמא · רבי נתן זאגט וואו ישראל זיינען איז דיא שכינה מיט זייא · זייא זיינען גיזעסין אין מצרים איז דיא שכינה מיט זייא גיוועזן · אין בבל איז דיא שכינה מיט זייא גיוועזן · איצונד איז אויך די שכינה מיט אונז · אונ ווען מיר וועלין זיך ווידער קערין קיין ירושלים וועט דיא שכינה זיך מיט אונז אויך אום קערין · אזוא וויא אין פסוק שטייט ושב יי אלהיך גאט וועט זיך אום קערין קיין ירושלים · עש זאל באלד זיין אין אונזערע צייטין

אמן וכן יהי רצון:

# הפטרת מסעי

שמעו דבר יי בית יעקב וכל משפחות בית ישראל זאגט דער נביא הערט צו דיא רייד פון גאט איר הויז גיזינט פון יעקב אונ איר אלע משפחות פון ישראל כה אמר יי אזו האט גאט גיזאגט וואש פר איין אום רעכט האבין אייערע עלטערין אין מיר גיפונען וואש זייא האבין זיך דער ווייטערט פון מיר צו דינען פרעמדע אפ געטער · אונ איר האט ניט גיזאגט וואו איז דער גאט וואש האט אונז אויש גיצויגין פון מצרים אונ האט אונז גיפירט אין דער מדבר אין זייער איין ווישט ארט וואש האט דרינען גאר נישט גיוואקסין · אין אזוא איין ארט וואש קיין מענטש איז דארטין קיין מאל ניט גיוועזן · אונ איך האב אייך גיבראכט קיין ארץ ישראל אין איין לאנד וואש זיינען דרינען דא גוטע פירות · אונ איר האט דאש לאנד פאר אום רייניגט מיט עבודת כוכבים הכהנים לא אמרו איה יי דיא כהנים האבין ניט גיזאגט וואו איז גאט אונ דיא תלמידי חכמים האבין קיין תורה ניט גילערינט צוא ישראל · נאר זייא האבין פאלשע נביאים גיפאלגט וואש האבין פאלש נביאות גיזאגט צוא זייא דרום וועל איך אייך שטראפין דורך רעכטע נביאים דאש איר זאלט פרום זיין אידער איך וועל אייך פאר טרייבין אונ אייערע קינדער וועל איך אויך שטראפין כי עברו איי כתיים וראו דען פארט איבער צוא דיא אינזלען פון דיא כתים וועט איר זעהען דאש זייא דינען צוא וואשער אונ דיא טאטערין דינען צוא פייער אונ חאטשע זייא ווייסין דאש וואשער פאר לעשט פייער דאך האלטין זייא זייער אפ גאט אונ פאר בייטין זיא ניט ההימיר גוי אלהים והמה לא אלהים פאר בייטין דען איין פאלק זיין גאט וואש ער איז קיין גאט ניט אונ קען ניט העלפין אונ ישראל האבין מיך גאט פאר ביטין אויף אזוא איין גאט וואש קען זייא ניט העלפין שומו שמים על זאת עש איז רעכט דיא הימלען זאלין חרוב ווערין פון וועגין אייער בייז וואש איר טוט כי שתים רעות עשה עמי דען צווייא ערלייא בייז האט מיין פאלק ישראל גיטאן דען ווען זייא זאלין מיך פאר בייטין אויף אזוא איין גאט וויא איך וואלט איין בייז גיוועזן ווארום זאלט איר פאר בייטין אייער גאט אבער היינט האבין זייא נאך איין בייז גיטאן זייא האבין מיך פאר לאזט וואש איך בין אזוא וויא איין קוואל פון קוועלינדיגע וואשער וואש טוט אייביג ניט אויף הערין אונ האבין זיך אויש גיהאקט צוא בראכענע גריבער וואש קיין וואשער קען זיך אין זייא ניט איין האלטין דאש איז זייער עבודת כוכבים העבד ישראל אם יליד בית גאט

זאגט

זאגט איז דען דער ישראל גליך צוא איין קנעכט וואש איז ווארין גיבארין פון איין שפחה אמער דער ישראל ווערט דאך גירופין בני בכורי מיין עלצטער זון אונ ווארום איז ער גיווארין אזוא פאר שעמט אונ נידעריג עליו ישאגו כפירים דאש דיא אומות וואש זיינען שטארק אזוא וויא דיא לייבין טוען אויף אים שרייען אונ האבין פאר ווישט זיין לאנד אונ האבין צוא שטויסין זיינע שטעט דאש קיין מאן זיצט ניט אין זייא גם בני נוף ותחפנחס דיא צווייא שטעט נוף ותחפנחס וואש זיינען אין לאנד מצרים וואש איר האט זיך פאר לאזט איף זייא דאש זייא זעלין איך העלפין דיא וועלין דיר דיין קאפ צוא שטויסין הלא זאת תעשה לך פאר וואר דאש בייז וועט דיר מאכין דאש וואש דוא האשט פאר לאזט גאט דיין גאט וואש לערינט דיך צוא גיין אין רעכטין וועג • ועתה מה לך לדרך מצרים אונ איצונד וואש האסטו צוא גיין אויף דעם וועג פון מצרים צוא טרינקען דיא וואשער פון דעם טייך נילוס אונ דוא ווילשט דאש מצרים זאלין דיר העלפין אונ דער מלך אשור זאל דיר אויך העלפין אמער זייא בעסער פרום וועט דיר גאט העלפין תיסרך רעתך דיינע בייזע מעשים וועלין דיך שטראפין דען עש וועט אויף דיר קומען בייז פון וועגין דיינע בייזע מעשים אונ ווייש אונ זעה דאש עש איז ביטער וואש דוא האשט פאר לאזט גאט אונ דוא האשט מיין מורא ניט בייא דיר אין הארצין צוא מורא האבין פאר מיר אזוא זאגט גאט כי מעולם שברתי עלך דען איך האב פון אייביג צוא בראכין דיין יאך אונ האב צוא ריסין דיינע בינד רימען וואש דוא בישט גיוועזן גיבונדין בייא דיא עובדי כוכבים ותאמרי לא אעבור אונ דוא האשט גיזאגט דוא וועשט שוין זיין פרום אונ דוא וועשט שוין מער ניט עובר זיין אויף דיא רייד פון גאט אבער דוא האשט דיינע רייד ניט גיהאלטין נייערט אויף איטליכין הויכין בארג אונ אונטער איטליכין צווייגענדיגין בוים האשטו גידינט עבודת כוכבים ואנכי נטעתיך שורק כלה זרע אמת איך האב דיך גיפלאנצט פון איין גוטער צווייג דאש דוא קומשט ארויש פון גוטע עלטערין פון אברהם יצחק ויעקב • אדער

איך האב דיר גיגעבין מער מצות פון דיא זיבין מצות פון דיא בני נח אזוא פיל וויא שורק באטרעפט דאש איז זעקס התדערט מיט זעקס אונ דיא זיבין מצות פון דיא בני נח איז סך הכל זעקס הונדערט אונ דרייצעהן מצות אונ איר האט אפ גיקערט פון מיר אונ זייט גלייך גיווארין וויא איין שלעכטער ווין שטאק וואש שטייט אין וואלד • כי אם תכבסי בנתר דען ווען דוא וועשט דיך וואשין מיט קרייד אונ וועשט דיר מערין זייף כלומר ווען אפילו דוא וועשט תשובה טאן איז דאך דער פלעק פון דיין זינד גיצייכינט פאר מיר אזוא זאגט גאט • איך תאמרי לא נטמאתי וויא קענשטו ישראל זאגין איך בין ניט טמא גיווארין איך האב קיין עבודת כוכבים ניט גידינט זעה דיין וועג וואש דוא האשט גיטאן אנטקעגין דער אפ גאט בית פעור וואש דוא האשט דארטין עבודת כוכבים גידינט אונ האסט מזנה גיוועזן אונ ביז אהער גיישטו נאך אין יענעם וועג אזוא וויא איין יונג קעמיל וואש טוט אן קניפין אירע יונגע וועגין אין איר הארצין אונ עש איז שווער זיא אפ צוא גיוואנען פון אירע וועגין אזוא זייט איר ישראל פרה למוד מדבר דוא ישראל בישט גלייך וויא איין מזיל איזיל וואש איז גיוואנט צוא גיין אין דער מדבר דאש מיט דעם גילושטין פון איר לייב שלינגט זיא איין אין זיך דעם ווינט אזוא וויא איין שלאנג אונ האטשע עש קומט איר דער פון גאר ניט ארויש דאך קען מען זיא דער פון ניט אום קערין אזוא קען מען אייך ניט אום קערין פון אייערע בייזע וועגין כל מבקשיה לא ייעפו אלע דיא וואש זוכין זיא צוא האפין טוען זיך ניט מיען ווארום עש איז אום זיסט זייא וועלין זיא ניט האפין נייערט בחדשה ימצאוה אין איר חודש וועט ער זיא גיפינען דען עש איז פאר האנדין איין חודש וואש זיא שלאפט דעם גאנצין חודש דענשט מאל קען מען זיא האפין אזוא איז אייך צוא ישראל וואריין אן גיברייט איין חודש דאש איז אב וואש איר וועט אין אים גיפאנגען ווערין מנעי רגלך מיחף מיינע נביאים האבין דיר גיזאגט דוא זאלשט ניט דינען קיין עבודת כוכבים כדי דוא זאלשט ניט דארפין גיין בארוועס אין גלות אונ

זאלשט

ואלשט ניט שטארבין פאר דארשט אז דוא
האשט גיזאגט איך בין מיך מיאש פון דיא
רייד פון דיא נביאים אונ וועל זייא ניט הערין
ווארום איך האב ליב פרעמדע אפ געטער
אונ נאך זייא וועל איך גיין כבושת גנב כי ימצא
אזוא וויא איין גנב ווערט פאר שעמט אז
מען גיפינט אים דאש ער האט דאש ערשטע
מאל גיגנבת אונ מען האט אים ביז אהער
גיהאלטין פאר איין באגלייבטין מענטשין
אזוא זייען פאר שעמט גיווארין דיא ישראל
מיט זייערע מלכים אונ שרים אונ כהנים אונ
נביאים וויל מען האט זייא פאר פרום
גיהאלטין אונ היינט האט מען גיפונען דאש
דיא דינען עבודת כוכבים אומרים לעץ אבי אתה
זייא זאגין צוא איין אפ גאט פון האלץ דוא
בישט מיין פאטער אונ צוא איין אפ גאט
פון שטיין זאגין זייא דוא בישט אונזער
מוטער דוא האשט אונז גיוואונען אונ אז
עש איז זייא שלעכט זאגין זייא צוא מיר
שטייא אויף אונ העלף אונז ואיה אלהיך אשר
עשית לך אונ וואו זיינען דיינע געטער וואש
דוא האסט דיר גימאכט לאזין זייא אויף
שטיין אויב זייא וועלין דיר קענען העלפין פון
דיין שלעכטקייט כי מספר עריך היו אלהיך יהודה
דען דוא יהודה האסט אזוא פיל עבודת
כוכבים וויא פיל שטעט דוא האסט אין דיין
לאנד אין איטליכער שטאט האסטו איין
אנדער עבודת כוכבים · דער פסיקתא שרייבט
פיר זיינען וואש הערין וואש מען זאגט אטייל
הערין צו וואש מען זאגט זיי אונ האבין שאדין
דער פון אזו וויא מיר גיפינען ביי אדם הראשון
ער האט צו גיהערט וואש זיין ווייב האט אים
גיזאגט אונ האט גיגעסין פון דעם עץ הדעת
אונ האט שאדין גיהאט דער פון דאש ער
האט גימוזט שטארבין · דאש אנדערע איז ער
הערט צוא אונ האט ריוח אזו וויא מיר גיפינען
בייא אברהם דאש גאט האט צו אים גיזאגט
וואש שרה ווערט דיר זאגין זאלשטו צו הערין
אונ אברהם האט דער פאר שכר גיהאט וואש
ער האט צו גיהערט זיין ווייב · דאש דריטע
איז ער הערט ניט צוא אונ גיווינט דורך דעם
אזוא וויא מיר גיפינען בייא יוסף הצדיק דאש
ער האט ניט גיוואלט צו הערין צו זיין הארינש
ווייב צו זיין בייא איר אונ גאט האט אים דר
פאר שכר גיגעבין · דאש פערטע איז ער
הערט ניט צו אונ האט שאדין דורך דעם אזו
וויא ישראל וואש ווילין ניט צוא הערין וואש
דיא נביאים זאגין זייא אונ גאט ווערט זיי דער
פאר שטראפין · כה אמר יי מה מצאו אבותיכם בי
עול רבי יצחק זאגט ווען מען לייענט אין שול
אונ איין מענטש לאזט אוועק דאש לייענען
אונ גייט אוועק פון דער שול אזוא זאגט גאט
וואש פאר איין אום רעכט האט איר אין מיר
גיפונען דאש איר האט אייך אוועק גיקערט פון
מיר דען עש איז איין גרוישע עבירה ארויש
צוא גיין פון דער שול ווען דיא ספר תורה איז
אפין · אונ דרייא זיינען גיוועזען אין דער צייט
וואש האבין גישטראפט דיא ישראל ירמיה
פלעגט זייא שטראפין אויף דיא גאסין אויפין
באר · אונ צפניה פלעגט זיי שטראפין אין די
שולין · אונ דיא נביאה חולדה פלעגט דיא
ווייבער שטראפין אונ דאך זיינען ישראל ניט
פרום גיווארין · דער מכילתא שרייבט גאט
האט די ישראל גיפירט אין דער מדבר וואש
ער איז אכט הונדערט מייל דיא לייננ אונ עש
זיינען אין אים גרוישע שלאנגען אזוא וויא
באלקינש אונ גאט האט אלע גיטייט פאר
ישראל אונ איר האט דאש אלץ פאר געסין ·
עש איז דא איין שלאנג וואש הייסט עכס ווען
ער דער זעהעט איין פויגיל פליהען אונטר דעם
הימיל לאזט ער אים ארוין גיפט מיט דר ראיה
אונ ער פאלט אראפ שטיקר ווייש · פון דאנן
קען מען זעהן דעם חסד וואש גאט האט גטאן
אין דר מדבר דאש ער האט גטייט די שלאנגן
פאר ישראל רבי אבא זאגט איין מענטש איז
איין מאל גיגאנגען אין ארץ ישראל אויף איין
בארג האט ער דר זעהן אז איין שלאנג ליגט
אונ שלאפט אונ פאר גרויש פחד זיינען אים
דיא האר אויש גיקראכין אונ מען האט אים
גירופין אויש גיפליקטער אלע זיינע טעג אונ
ווען דער שלאנג וואלט אים דר זעהען וואלט
דער מענטש שטיקער ווייס צוא פאלין :

סליק ספר במדבר

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל דאש זיינן די שטראף רייד וואש משה האט גירעט צו כל ישראל ביי דער זייט פון דעם ירדן · ער האט זיי פיר געצייליט די עבירות וואש זיי האבן גיטאן · דאש ערשטע זייא האבין בייז גירעט אונ האבין גיזאגט עש וואלט בעסער גיוועזן מיר זאלן שטארבן אין דער מדבר · דאש אנדערע איר האט איין עבירה גיטאן אין פלאץ פון ערבות מואב אין שטים מיט זנות אונ מיט דער אפּ גאט פעור · אונ איר האט גיזינדיגט באלד ווי איר זייט גיקומן צום ים אונ האט גיזאגט איז דען ניט דא קיין קברים אין מצרים וואש דוא האשט אונז אויש גיצויגין פון דארטין צוא טייטין אונז אין דער מדבר · אונ דער נאך האט איר בייז גירעט אויף דעם מן וואש ער איז גיוועזן וויישׁ אונ גוט · אונ איר האט גיזאגט עש ווערט אייך די גידערים פון אים גישוואלין ווערן · אונ איר האט גיזינדיגט ביי די מרגלים אונ ביי קרח אונ איר האט גקריגט אויף גאט אונ אויף משה אונ איר האט דאש עגל גימאכט דאש זיינען זיבין עבירות · אונ אין דער תוכחה שטייט וְיִסַּפְתִּי לְיַסְּרָה אֶתְכֶם שֶׁבַע עַל חַטֹּאתֵיכֶם איך וועל אייך שטראפן אויף אייערע זיבין עבירות · אונ דרום האט זייא משה גישטראפט כדי זייא זאלן חרטה האבן דרויף אונ זאלין ווייטער קיין בייז ניט טאן · דען ווען דר ראש הקהל אדר דר רב ווערט ניט דעם פאלק אזו שטראפט אים גאט פאר דעם פאלק · וְדִי זָהָב רבי ינאי זאגט משה האט גיזאגט צו גאט ווייל דו האשט צו ישראל פיל גאלד גיגעבין דרום האבין זיי גימאכט דאש עגל · רבי יהושע זאגט עש איז איין משל איין קוא וואש דר בעל הבית גיט איר עסין פיל האבער אזו ווערט זיא פעט אונ שלאגט דעם בעל הבית · אזו אויך ישראל גאט האט זיי אלין דאש גוטש גיטאן אונ דורך דעם האבן זיי גיזינדיגט אנטקעגין אים · אַחַד עָשָׂר יוֹם מֵחֹרֵב דֶּרֶךְ הַר שֵׂעִיר עַד קָדֵשׁ בַּרְנֵעַ משה האט גיזאגט זעהט וויא איר האט פר זינדיגט דאש איר זייט אזו לאנג גנאנגן אין דר מדבר · דען נאך פערציג טאג נאך דעם ארויש גיין פון מצרים זייט איר גיקומן קיין חורב צום בארג סיני · אונ פון חורב איז עלף טעג ווייט קיין קדש ברנע וואש דאש איז ביי ארץ ישראל · אונ איר זייט דאש איין גינאנגן אין דריי טעג ווייל גאט האט גיוואלט איר זאלט גיך קומען קיין ארץ ישראל · אונ איר האט פון דארטן גישיקט דיא מרגלים אונ האט פאר זינדיגט דאש איר זייט איבר גיבליבן פערציג יאר אין דר מדבר · אַחֲרֵי הַכֹּתוֹ אֵת סִיחוֹן נאך זיין שלאגן סיחון · משה האט גיווארט צוא שטראפין ישראל ביז ער האט איין גינומען דיא צווי שטארקע מלכים סיחון אונ עוג · אונ האט זייער לאנד גיגעבן צו ישראל כדי די ישראל זאלין ניט זאגין וואש האט אונז משה פאר איין גוטש גיטאן וואש ער שטראפט אונז · הוֹאִיל מֹשֶׁה בֵּאֵר אֶת הַתּוֹרָה משה האט באשייד די תורה צו ישראל אויף שבעים לשון חאטשע ישראל האבין אליין גיהערט די תורה אויף דעם בארג סיני פון גאט · דאך האט משה באשייד די תורה צו די קינדר וואש זיינען וואָרין גיבארין אין דר מדבר · אונ חאטשע זיי האבין גיגלויבט וואש זייערע עלטערין האבן גזאגט דאך האט משה אליין גיוואלט צו זיי באשיידן די תורה אונ האט מיט זייא גילערנט · אונ משה האט גיזאגט צוא כל ישראל גאט האט גיזאגט אויף דעם בארג סיני איר זייט שוין גינוג גיזעסין בייא דעם בארג איר האט שוין דא גינוג מצות גיטאן · איר האט מקבל גיוועזן דיא תורה אונ האט גבויט דאש משכן אונ האט גיזעצט סנהדרין דרום ציהט ווייטער · הַנָּהָר הַגָּדֹל נְהַר פְּרָת דער טייך פרת איז דער קלענסטער טייך פון די פיר טייכין וואש שטייען אין בראשית נאר ווייל ער גייט בייא ארץ ישראל הייסט ער גדול · דען דער וואש באהעפט זיך צו איין חשובן מאן ווערט ער אויך חשוב · דיא

חכמים

חכמים זאגין אין מדרש רבתי משה האט
דרום אן גיהויבן אלה הדברים וויל דיא תורה
איז גלייך ווי איין בין דאש איר האניק איז
זיס אונ איר גיפט שטעכט לייט · אזוא אויך
איז דיא תורה איין סם חיים צוא די וואש
האלטין זיא אונ איין סם המות צו דיא וואש
האלטן זיא ניט דען הדברים איז טייטש בינען
לתת להם ולזרעם אחריהם דער פסוק זאגט אונז
דאש לאנד ארץ ישראל איז ווארין פריער
גיגעבין צו די וואש זיינן ארויש גיגאנגן פון
מצרים אונ דר נאך צו זייערע קינדר אונ דר
נאך צו די וואש זיינן ארויש גיגאנגן פון גלות
בבל אונ דר נאך וועט עש הערן גיגעבין צו
ישראל אין די טעג פון משיח · ככם אלף פעמים
משה זאגט צוא ישראל איך גיב אייך איין
ברכה וואש האט איין קצבה איר זאלט זיין
טויזינט מאל אזו פיל וויא איר זייט · אבער
גאט זאל אייך בענטשין אזו וויא ער האט
גיזאגט דאש איר זאלט זיין אזו פיל ווי דאש
שטויב פון דר ערדי איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם
וריבכם משה זאגט די ישראל זיינן זייער שווער
צו טראגן · דען ווען אייער ווערט אן דעם דין
זאגט ער איך וועל אנדרע דיינים זעצין איך
וועל נאך עדות בריינגען · דרום האט משה
גיזאגט איך קאן אליין אייך ניט משפטין ·
אונ ווען זיי האבן גיזעהען משה איז פריא
ארויש גיגאנגן האבין זיי גיזאגט ער מוז זיין
איין קריגער אין דער היים · איז ער שפעט
ארויש גיגאנגן האבין זיי גיזאגט איר מיינט
משה טראכט אויף אייך גוטש ער איז גיזעסין
אגאנצע נאכט אונ האט אויף אייך גיטראכט
בייז · איין אב בית דין זאל צום הינטערשטין
אביין גיין אין בית המדרש אדער אין שול
כדי די לייט זאלין פר אים אויף שטיין · אונ
זאל צום ערשטין ארויש גיין כדי מען זאל
פאר אים אויף שטיין · אונ אטייל חכמים
זאגין ער זאל דאש קהל ניט מטריח זיין צוא
אויף שטיין פאר אים נייערט ער זאל צום
ערשטין אביין גיין אין בית המדרש אונ זאל

צום הינטערשטין ארויש גיין כדי קיינר זאל
ניט זיין צו אויף שטיין פאר אים · ואצוה את
שופטיכם בעת ההיא אונ איך האב גיבאטין צוא
אייערע דיינים אין דר דאזיגר צייט דאש זיי
זאלן ניט הילין דעם דין אויש צוא זאגין
האטשע דר דין איז פיל מאל פר אים גקומן
פון דעסט וועגין זאל ער דאך טראכטין אין
דעם דין צוא פסקנן אמת · ושפטתם צדק דאש
איז טייטש דער דיין זאל איין פשרה מאכין
דאש הייסט צדקה · לא תכירו פנים דר דיין זאל
איינעם ניט ריידן גוטע רייד אונ דעם אנדרן
בייזע רייד דען ער וועט דורך דעם ניט קענן
רעכט טענן · כקטן כגדול תשמעון דר דיין זאל צו
הערין דעם משפט פון איין פרוטה גלייך ווי
איין משפט פון הונדערט גילדין · לא תגורו מפני
איש דער דיין זאל זיך ניט פארכטין פר קיין
שום מענטש וואש שטייט פר אים צום דין ·
אונ ווייל משה האט פריער גיזאגט דער
משפט איז צו גאט אונ דער נאך האט ער
גיזאגט אלע הארבע זאכן זאלט איר בריינגן
צו מיר אונ האט זיך גלייך גימאכט צו גאט
דרום איז ער גישטראפט גיווארין דאש ער
האט פיל דינים פר געסן · ראה נתן יי אלהיך לפניך
את הארץ עלה רש גאט זאגט צו משה זעה איך
האב די שרים פון כנענים וואש אין הימיל
אראפ גיווארפין פר ישראל דרום גייא אויף
אונ ארב זייא · ויצא האמורי וירדפו אתכם כאשר
תעשינה הדבורים די ישראל האבין ניט גיוואלט
פאלגין צו משה אונ זיינען גיגאנגען מלחמה
האלטין מיט אמורי · האבין דיא אמורים
גישלאגין די ישראל אזו ווי די בינן בייסין ·
אונ אזו ווי די בין ווען זיא לאזט דעם גיפט
אזו באלד פיינרת זיא · אזו אויך די אמורים
זיינן אליין אויך גיטייט גיווארן אז זיי האבן
איין ישראל ניהרגת אונ גאט האט גזאגט עס
איז גינוג צו אייך צו זיצין בייא דעם בארג
סיני · גייט אונ רינגילט ארום דעם בארג
שעיר אונ איר זאלט מיט אים קיין מלחמה
ניט האלטין · דען שעיר איז איין ירושה צו

עשו וויל ער האט ערלאך גיהאלטין זיין פאטער · דער מדרש רבתי שרייבט אין דר סדרה · דיא תלמידים פון רבי אליעזר האבן גיפרעגט צו רבי אליעזר זאג אונז וויא גרויש איז דער שכר פון דעם וואש האלט ערלאך זיין פאטער אונ מוטער · האט ער צו זייא גיזאגט זעהט וואש איין נכרי האט גטאן אין אשקלון ער האט גיהייסין דמה בן נתינה דאש זיין מוטער איז משוגע גיוועזן אונ האט אים גישלאגין אין מארק פר אלע לייט · אונ ער האט גישוויגין אונ האט נאר גיזאגט גינוג מיין ליבע מוטער · איין מאל זיינען די חכמים פון ישראל גיקומן צו דמה צו קויפן פון אים איין אבן טוב צום חושן דען ער האט גיהאט אזו איין אבן טוב · אונ זייא האבן צו אים גיזאגט זיי וועלין אים געבן טויזנט גילדין פר דעם אבן טוב · איז דמה גיקומען צום קאסטין איז זיין פאטער גשלאפן אויף דעם קאסטין האט ער אים ניט גיוואלט אויף וועקין · זיינן די חכמים אוועק גיגאנגן מיט נישט · אזו האבין די ישראל גימיינט ער וויל מער געלט האבין · האבין זייא צו אים גישיקט מיר וועלין דיר צעהען טויזנט גילדין געבין גיב אונז דעם אבן טוב · אונ אז דער פאטער איז אויף גישטאנען האט דמה גינומן דעם אבן טוב אונ האט אים גבראכט צו ישראל · האבין די ישראל אים גיוואלט געבין צעהען טויזנט גילדין · האט דמה גיזאגט חס ושלום דאש איך זאל הנאה האבן ווייל איך האב מיין פאטער ערליך גיהאלטין איך וועל דעם שכר פון כיבוד אב ואם ניט פאר קויפין · איך וועל מער פון אייך ניט נעמען נאר אזו ווי איך האב פון אייך בגערט די טויזנט גילדין · אונ גאט האט אים זיין שכר באצאלט דאש אין דעם יאר איז אים גיבארין גיווארן איין פרה אדומה אין זיין שטאדע · אונ ער האט זיא פר קויפט מער ווי פר צעהען טויזנט גילדין · נוא זאל מען זעהען ווי גאט באצאלט דעם שכר פון כיבוד אב ואם · רבי שמעון בן גמליאל זאגט עס האט קיינר ניט ערלאך גיהאלטין זיין פאטר אזו ווי איך · אבר עשו האט נאך מער ערליך גיהאלטין פאטר אונ מוטר · דען איך באדין מיין פאטער אונ מוטער מיט באשמירטע קליידר · אונ אין מארק גייא איך מיט שיינע קליידר · אבער עשו האט די בעסטע קליידר אן גיטאן צו באדינן זיין פאטר · אזו ווי מיר גיפינען דאש רבקה האט צו יעקב אן גיטאן די שיינע קליידר פון עשו וואש ער האט אן גיטאן אז ער פלעגט גיין דעם פאטר באדינן כדי יצחק זאל מיינן דאש איז עשו אונ זאל אים בענטשין · אונ פון דעם כיבוד אב וועגן האט גאט גיזאגט מען זאל צו עשו גאר ניט טאן · עש שטייט אין ירושלמי רבי ישמעאל האט גלערינט אין בית המדרש אונ ווען ער איז גיקומען אהיים האט זיין מוטער אים גיוואשין דיא פיס אונ האט דאש וואסער גיטרונקען · אונ ווי רבי ישמעאל איז דאש גיוואר גיווארן האט ער זיך ניט גילאזט מער וואשין די פיס · איז די מוטער גיגאנגן אין בית המדרש אונ האט זיך גיקלאגט פאר די רבנים דאש רבי ישמעאל האלט זיא ניט ערלאך · זיינן זיי זייער דר שראקין גיווארין אונ זאגין צו רבי ישמעאל עס איז אונז איין גרויש חידוש דאש דו זאלשט ניט ערלאך האלטן דיין מוטר · האט רבי ישמעאל גזאגט חס ושלום איך זאל ניט ערלאך האלטן מיין מוטער נאר זיא וויל טרינקן די וואסער פון מיינע פיס וואשין אונ איך וויל ניט · האבן די רבנן צוא אים גיזאגט ווען דאש איז איר ווילין מוזטו דאש טאן דען דאש איז אויך כיבוד אב ואם · כי יי׳ אלהיך עמך לא חסרת דבר דען גאט איז מיט דיר גיוועזן אונ דו בישט ניט ווארין גימינערט קיין זאך · דען ווען איין גאסט קומט צו איין מענטשין · דעם ערשטין טאג גיט ער אים גישטאפטע קאפ הינער · דעם אנדערין טאג גיט ער אים קעלבערנע פלייש · דעם דריטין טאג גיט ער



אים

אים ארבעס · דעם פערטין טאג גיט ער אים נאך ווייניגר · אבער גאט האט גישפייזט די ישראל פערציג יאר אין דר מדבר אלע טאג גליך דעם הינטערשטין טאג אזו וויא דעם ערשטין טאג · רב נחוניא זאגט עש איז ישראל מער ניט אפ גיגאנגן אין דר מדבר גאר דאש ריידין מיט דעם מזיל · דען וויא באלד ער האט עפעס גיוואלט האבין אזוא איז עש אים וואריז גיגעבין אונ וואש ער האט גיוואלט איז אים גיווארן פון דעם מן · האט ער גיוואלט קעלבערנע פלייש האט דר מן גהאט איין טעם פון קעלבערנע פלייש · האט ער גיוואלט הינער פלייש האט דר מן גיהאט איין טעם פון הינער פלייש · אונ אז ישראל האבין גיזעהען דאש גאט גיט זייא אלץ דאש גוטש האבן זיי גאט גילויבט אונ האבין גזאגט ה׳ רועי לא אחסר ווען גאט שפייזט מיך אזו בין איך ניט גימינערט קיין שום זאך · אל תצר את מואב דו זאלסט ניט בלעגערן מואב דען גאט באצאלט איטליכן זיין שכר · די צוויי טעכטער פון לוט זיינן גילעגין ביי זייער פאטר אונ האבן גיוואונען קינדר פון זייער פאטר · אונ די עלצטע טאכטער האט גירופן איר זון מואב דאש איז טייטש ער איז גיקומען פון מיין פאטער אזו האט זיא איר חרפה אויס גיזאגט · אבר די אינגשטע האט איר זון גירופין עמון דאש איז טייטש ער איז פון מיין פאלק אזו האט זיא בצניעות גרעט · דרום האט גאט גיזאגט צו משה מען זאל די קינדער פון עמון ניט דר שרעקין מיט קיין מלחמה · אבר די קינדר פון מואב האט גאט גיזאגט מען זאל מיט זייא קיין מלחמה ניט האלטין צו הרגנן זיי אבר מען מעג זיי דער שרעקין מיט מלחמה · אונ דרום האט גאט זייא ניט גיהייסין הרגנן ווייל משה וועט באגראבין ווערן אין זייער לאנד · אויך ווייל עש וועט פון זיי ארויש קומן רות פון מואב אונ נעמה פון עמון וואש דאש מלכות ישראל וועט פון זייא ארויש קומען · אויך האט גאט זיך איבער זייא דער בארימט ווייל זייער כוונה איז גיוועזן צוא גוטין דאש די וועלט זאל ווערין פון זייא גיבויט · דען אלע לייט פון סדום זיינען ווארין דער שלאגין · אזוא האבין די טעכטער פון לוט גימיינט דאש די גאנצע וועלט איז ווארין דר שלאגין אזו וויא ביי דעם מבול · דרום זיינען זיי גילעגין ביי זייער פאטר צו האבין קינדר דאש די וועלט זאל פון זיי גיבויט ווערין · תחת כל השמים גאט זאגט צו משה איך וועל דיין פארכט געבין אונטער גאר דעם הימיל דען אין דעם טאג וואש משה האט מלחמה גיהאלטין מיט עוג איז די זון גיבליבין שטיין אין הימיל אונ דר טאג איז לייגער גיוועזן וויא אנדרע טעג אזו האט די גאנצע וועלט גיזעהן די וואונדר פון משה דאס ער האט גימאכט שטיין די זון · אונ אזו אויך איז די זון גיבליבן שטיין אין די טעג פון יהושע · אונ אויך צו נקדימון בן גוריון אזו וויא די גמרא זאגט אין תענית איין מאל זיינען ישראל גיגאנגן אויף יום טוב קיין ירושלים אונ האבין קיין וואסער ניט גיהאט צוא טרינקן איז נקדימון בן גוריון גיגאנגען צוא איין שר אונ האט בייא אים גיליען צוועלף ברונען וואשר אונ האט אים גישטעלט איין צייט צוא באצאלין אים · אונ אויב ער וועט אין דער צייט ניט באצאלין קיין וואשר זאל ער אים געבין פאר איטליכין ברונים צעהען טויזינט גילדין · אונ אז עס איז דיא צייט גיקומען האט דר שר גישיקט צו נקדימון ער זאל אים באצאלין געלט · האט נקדימון גיענטפערט עס קען נאך הייגט גיין רעגין · האט דר שר גישפעט אונ זאגט איין גאנץ יאר איז קיין רעגין ניט גיגאנגען אונ היינטיגין טאג וועט גיין רעגין אונ דער שר איז פריילאך גיווארין אונ איז גיגאנגן אין מרחץ · אונ נקדימון איז גיגאנגן אין בית המקדש אונ תפלה גיטאן · אזו איז גיקומען איין גרוישער רעגין אונ האט אלע ברונים אן גפילט מיט וואשר מער וויא פריער

אזו האט נקדימון גישיקט צום שר גיב מיר ארוים געלט איך האב דיר איבעריג וואסער גיגעבין · ענטפערט דר שר די זון איז שוין לאנג פאר גאנגען האסטו שוין עובר דעם זמן גיוועזן · האט נקדימון ווידער תפלה גיטאן איז גיווארין טאג אונ דיא זון האט גישיינט · דער מדרש זאגט יהושע האט גיזאגט צו דר זון שווייג שטיל · דען אז די זון גייט זאגט זיא שירה צו גאט · אזו וויא אין פסוק שטייט ממזרח שמש עד מבואו מהולל שם יי פון דעם אן הויב שיינען פון דער זון ביז אין דעם פאר גיין טוט דיא זון לויבין גאט · דרום האט יהושע צוא איר גיזאגט שווייג שטיל · האט די זון צו אים גיזאגט דו בישט גאר קליין אנטקעגין מיר אונ וויא הייסטו מיר שטיין · אונ נאך מער איך בין ווארין בשאפין אום מיטוואך אונ דו בישט ווארין בשאפין אום פרייטאג שפעטר פון מיר האט יהושע גיזאגט איך בין איין בן חורין גלייך וויא איין זון ביי זיין פאטער אונ דוא בישט איין קנעכט · אונ ווען אפילו דער זון איז קליין · שאפט ער מיט דעם קנעכט האטשע ער איז גרויש · אזו באלד האט זיך דיא זון גישטעלט אין מיטין הימיל · רק הבהמה בזזנו לנו ביא דער מלחמה פון סיחון האבין ישראל אן גינומען גינוג קליידער אונ בהמות · אבער ביא דער מלחמה פון עוג שטייט בזזנו לנו דאש איז טייטש מיר האבין מבזה גיוועזן צו נעמען קליידער אונ בהמות דען עש איז אונז שוין נמאס גיווארין נאר זיי האבין גאלד אונ זילבער גינומען כי הקשה יי אלהיך את רוחו דען גאט האט הארט גימאכט דאש הארץ פון סיחון ער זאל דיך ניט לאזין גיין דורך זיין לאנד כדי ער זאל ווערין פאר לארין דורך דיין האנט · דען ווען דער רשע טוט ביז דרייא פיר מאל אונ טוט קיין תשובה ניט אזו מאכט גאט הארט זיין הארץ ער זאל ווייטער אויך קיין תשובה ניט טאן ער זאל פאר לארין ווערן ·

אונ אזו אויך האט גאט גיטאן צו פרעה · ויאמר יי אלי אל תירא אותו גאט האט גיזאגט צו מיר משה פארכט דיך ניט פאר עוג דען איך האב אים שוין לאנג גיגעבין אין דיא הענט פון ישראל נאך אין דיא טעג פון אברהם · דען אז אברהם האט מל גיוועזן זיין זון יצחק האט ער גימאכט איין גרוישע סעודה · איז גיוועזן אויף דר סעודה עוג אונ אנדרע שרים האבין זיי גיזאגט צו עוג דוא האשט גיזאגט אברהם ווערט קיין קינדער ניט האבין זעה וויא גאט האט אים איין זון גיגעבין · האט עוג גיענטפערט ווען איך וועל מיין קליינעם פינגער אויף אים ארויף לייגין אזו ווערט ער שטארבין · האט גאט גיזאגט דו רשע דוא בישט אים מבזה דוא וועשט זעהען דאש זיינע קינדר ווערין זיין פיל וויא זאמד אין ים אונ דו וועשט פאלין אין זייערע הענט · אונ אז די ישראל זיינען גיקומען אויף דעם גרענעץ פון זייער לאנד איז משה מיט דיא ישראל גיגאנגען גאנץ פריא פאר דר שטאט אדרעי · האבין זיי גיזעהען דאש עוג זיצט אויף דעם מויער גאנץ הויך אונ דיא פיס גרייכין ביז דר ערד זייא זיינען לאנג גיוועזן אכט אונ דרייסיג איילין · איז משה ווארין דער שראקין · האט גאט צוא אים גיזאגט פארכט דיך ניט פאר אים · אונ עוג האט ארויש גירישין איין גרוישין בארג אונ האט גיוואלט ווארפין אויף ישראל · אזוא האט משה גינומען איין שטיקיל ערד אונ האט גיזאגט דרויף דעם שם המפורש אונ האט עש אויף אים ארויף גיווארפין · אזו איז דר בארג אויף גיהאלטין גיווארין אויף זיין קאפ אונ דרום האבין אונזערע חכמים גיזאגט עש וואלט ראוי גיוועזן צו זאגין שירה ביא דער מלחמה פון סיחון אונ עוג אזו וויא ביי דעם ארויש גיין פון מצרים · נאר דוד המלך איז גיקומען אונ האט דרויף שירה גיזאגט · אזו וויא אין פסוק שטייט לסיחון מלך האמורי כי לעולם חסדו ׃ ולעוג מלך הבשן כי לעולם חסדו ׃

חזון ישעיהו בן אמוץ דאש איז דיא נבואה פון ישעיהו וואש ער האט נביאות גיזאגט אויף דעם לאנד יהודה אונ אויף ירושלים אונ האט ישראל גישטראפט אויף זייערע עבירות דאש זייא זאלין פרום זיין אונ ירושלים זאל ניט חרוב ווערין אונ אזוא האט ישעיה גיזאגט שמעו שמים הערט צוא איר הימלען אונ פאר נעם דוא ערד מיינע רייד דאש איר זאלט זיין עדות אין ישראל אויב זייא ווערין ניט האלטין דיא תורה אונ אזוא האט ישעיהו גיזאגט צוא ישראל פון גאטש וועגין זעהעט דיא הימלען וואש איך האב באשאפין צוא באדינען אייך אויב זייא האבין עפעש פאר ענדערט פון זייער דינשט אויב די זון פאר פעלט צו שייטען אדער צוא לייכטין אייך אונ דיא זון איז זיך נאך משמח אין איר ארויש גיין צוא באדינען אייך כדי צוא טאן מיין ווילין אזוא וויא אין פסוק שטייט והוא כחתן יוצא מחופתו דיא זון איז זיך משמח אזוא וויא איין חתן וואש גייט ארויש פון זיין חופה אונ זעהעט אויף די ערד אויב זיא האט פאר ענדערט פון צוא באדינען איך ווען איינער מאכט זייען קארין אדער ווייץ מאכט זיא דען ניט וואקסין דאש וואש מען פאר זייט ׳ נוא וואלט איר ישראל זיך גידארפט לערנען פון הימיל אונ ערד וואש זייא טוען זייער דינשט וואש גאט האט זייא גיבאטין תאמשע זייא ווערין קיין שכר ניט האבין פאר זייער דינשט מכל שכן איר ישראל וואש איר וועט האבין שכר אז איר וועט טאן גאטש דינשט אונ אויב ניט וועט איר גישטראפט ווערין ׳ גיהערט איר בוודאי צוא האלטין גאטש דינשט ׳ רבי בנאה זאגט ווען איין מענטש טוט עפעס בייז קומען דיא עדים אונ הייבין אים אן פריער שלאגין אזוא וויא אין פסוק שטייט יד העדים תהיה בו בראשונה אזוא אויך האט ישעיהו גיזאגט איר הימיל אונ ערד איך נעם אייך צוא עדות ווען ישראל ווערין זינדיגין זאלט איר זייא פריער שטראפין דער הימיל זאל ניט געבין זיין טויא אונ רעגין ׳ אונ דיא ערד זאל ניט מאכין וואקסין איר פרוכט שמעו שמים והאזיני ארץ ישעיהו האט גיזאגט הערט צוא הימלען אונ פאר נעם דוא ערד מיינע רייד אונ משה רבינו האט גיזאגט פאר נעמט איר הימלען אונ הער צוא דוא ערד ווייל משה איז נאהינט גיוועזן צום הימיל דרום האט ער גיזאגט פאר נעמט איר הימלען מיינע רייד אונ פון דער ערד איז ער ווייט גיוועזן דרום האט ער גיזאגט הער צו דוא ערד אזו וויא מען שרייט צוא איינעם פון דער ווייטין דאש ער זאל צוא הערין אבער ישעיה איז ווייט גיוועזן פון דעם הימיל דרום האט ער גיזאגט הערט צוא איר הימלען אונ פון דער ערד איז ער נאהענט גיוועזן דרום האט ער גיזאגט פאר נעם דוא ערד אונ דרום האט ער גינומען הימיל אונ ערד פאר עדות דען עש איז גלייך וויא איין מענטש שטראפט דעם אנדערין פאר זיין קרוב אונ זאגט ווייל דיין קרוב איז דער בייא דרום טוא איך דיר איין התראה פאר אים דוא זאלשט דאש נארעשקייט מערער ניט טאן אזוא אויך דער מענטש איז ווארין באשאפין דיא נשמה פון הימיל אונ דער גוף פון דער ערד אזו זיינען הימיל אונ ערד דעם מענטשינש קרובים דרום האט משה אונ ישעיה גיזאגט מיר טוען אייך התראה פאר אייערע קרובים דאש איר זאלט פרום זיין אונ נאך איין פשט איז זייא האבין דרום צוא עדות גינומען הימיל אונ ערד ווייל זייא לעבין אייביג אבער מענטשין קענען שטארבין אונ אויך דער מענטש קען פון דער ערד ניט אנטלויפין אזוא קען אים דאש עדות אלע צייט גיפינען אונ דיא הימלען שרייבין אן דיא עבירות וואש דער מענטש טוט אזו וויא אין פסוק שטייט יגלו שמים עונו די הימלען אנטפלעקן זיינע עבירות אונ דיא ערד זאגט אן וואש פאר איין עבירה דער מענטש האט גיטאן אזו וויא אין פסוק שטייט וארץ מתקוממה לו דיא ערד שטייט אויף צוא זאגין צום מענטשין זיינע עבירות ׳ אונ נאך איין פשט איז די תורה איז ווארין גיגעבין אויף דעם הימיל אונ אויף דער ערד דען גאט האט אראפ גינידערט דיא הימלען אויף דעם בארג סיני אונ האט די תורה גיגעבין דרום האט משה אונ ישעיה זיי פאר עדות גימאכט דאש ישראל זאלין ניט עובר זיין דיא תורה נאך איין פשט איז עש איז איין משל ראובן האט גיגעבין איין פקדון באהאלטין צוא שמעון אונ ראובן איז גישטארבין קומט דער זון פון ראובן צו שמעון אין הויז אונ איז מכבד שמעון מיט זיין ווייב

האבין

האבין דיא לייט אים גיפרעגט ווארום בישטו מכבד דאש ווייב פון שמעון ענטפערט דער זון פון ראובן איך ווייש ניט ביא ווען מיין פקדון איז אויב ביא שמעון אדער ביא זיין ווייב דרום בין איך זייא ביידע מכבד כדי ביא וועמען מיין פקדון איז זאל ער אים רעכט היטין אזוא אויך זאגט משה אונ ישעיה איך וועל שטארבין אונ ווייש ניט וואו מיין נשמה וועט אהין קומען אויף דעם הימיל אדער אויף דער ערד דרום האבין זיי כבוד אן גיטאן צום הימיל אונ ערד אונ האבין זייא גימאכט פאר עדות כדי וואו הין זייער נשמה וועט קומן זאל זיא זיין גיהיט אבער גאט האט גיזאגט צוא משה דיין נשמה וועט זיין הינטער דעם כסא הכבוד די חכמים זאגין אין מסכת מגילה איין אשה וואש האלט זיך בצניעות איז זיא זוכה דאש עש קומען פון איר ארויש קינדער צדיקים אונ נביאים אזוא וויא מיר גיפינען ביי תמר דאש זיא האט זיך בצניעות גיהאלטין איז פון איר ארויש גיקומען דוד המלך אונ ישעיהו הנביא דען תמר איז זייער בצניעות גיוועזן זיא האט איר פנים ניט גיוויזין ביא איר שווער יהודה אין הויז אונ דרום האט זיא יהודה ניט דער קענט אויב זיא איז זיין שנור אונ איז ביא איר גיוועזן· איז פון איר ארויש גיקומען דוד המלך אונ ישעיה הנביא אונ נאך אנדערע נביאים בנים גדלתי ורוממתי גאט זאגט איך האב דיא ישראל דער צויגין מיט תורה אונ מעשים טובים אזו וויא מען דער ציהט איין קינד אונ האב זייא דער הויכט מיט מיין שכינה אונ זייא האבין מיין תורה פאר לאזט אונ האבין אין מיר ווידער גישפעניגט ידע שור קונהו איין אקס וואש האט קיין שכל ניט ווייסט דאך זיין הארין וואש האט אים גקויפט אונ איין אייזיל וואש איז ניט אזו קלוג ווייסט ער דאך דיא קאריטע וואש זיין הער גיט אים אין איר עסין אונ ער קומט אלע מאל צוא זיין קאריטע אבער ישראל האבין שכל אונ איך האב זייא פיל גוטש גיטאן אונ זייא ווילין מיך ניט דער קענען דיא חכמים זאגין ווען מען האט איינעם מלקות גישלאגין האט מען גינומען איין רימען פון איין אקס אדער פון איין אייזיל דען גאט זאגט לאז קומען דר אקס אדער דאש אייזיל וואש האבין קיין שכל

ניט אונ דער קענען דאך זייערע הארין אונ לאזין גיצאלט ווערין פון ישראל וואש האבין שכל אונ דער קענען ניט זייער הארין· דער מדרש שרייבט גאט זאגט צוא ישראל איר דארפט אייך פון דיא בהמות אפ לערנען מיך צוא דינען דען עש איז גיוועזן איין מעשה ביא אליהו דאש דיא ישראל האבין עבודת כוכבים גידינט אונ עש איז גיוועזן פינף הונדערט פאלשע נביאים האט אליהו צוא זייא גיזאגט קלייבט אייך אויש צווייא אקסין וואש זיינען איין צווילונג אונ האבין זיך ביא אנאנדער גיפאסעט אונ זיינען וואורין דער צויגין ביא אנאנדער אונ ווארפט אויף זייא גורל איינער זאל זיין צוא גאט אונ דער אנדערער צוא דער אפ גאט בעל אונ מען זאל זיי מקריב זיין איך וועל מקריב זיין צוא גאט אונ איר צוא דער אפ גאט בעל אונ מען זאל קיין פייער ניט ברייגגען נאר איטליכער זאל בעטין צוא זיין גאט אונ וועלכער גאט עש וועט געבין פייער פון דעם הימל דעם גאט זאל מען דינגען אזו האבין זייא גורל גיווארפין איז דער אקס וואש אויף אים איז גיפאלין דער גורל צוא גאט איז ער באלד גילאפין צוא אליהו אונ האט גיוואלט מען זאל אים מקריב זיין אונ דר אקס וואש אויף אים איז גיפאלין דר גורל צו דער עבודת כוכבים האט ער ניט גיוואלט גיין צו זיין איין קרבן צוא דער עבודת כוכבים האבין זיך איין גיזאמילט אלע פינף הונדערט פאלשע נביאים אונ האבין אים ניט גיקענט רירין איין פוס פון דער ערד האט אליהו אויף אים אן גישריען אונ האט גיזאגט גייא מיט זיי האט דער אקס גיענטפערט פאר אלע פאלשע נביאים אונ האט גיזאגט איך אונ מיין חבר דער אנדערער אקס זיינען מיר אין איין בויך גילעגין ביא אונזער מוטער אונ זיינען אין איינעם דער צויגין גיווארין אין איין שטאל זאל מיין חבר זיין איין קרבן צוא גאט אונ איך זאל זיין איין קרבן צוא דער אפ גאט צו דער צערענען מיין באשעפער דרום וויל איך ניט גיין· האט אליהו גיזאגט צוא דעם אקס גייא דען דורך דיר וועט גיהייליגט ווערין גאטש נאמען דאש נאר דיא וועלט וועט זעהען דאש זייער אפ גאט האט קיין כח ניט צו געבין פייער פון דעם הימיל האט דער אקס גיזאגט איך

שווער

שווער דאש איך וועל ניט גיין אליין נאר דוא
אליהו מוזט מיך איבער ענטפערין צו זיי · אזו
וויא אין פסוק שטיט ויקחו את הפר אשר נתן
להם אליהו זייא האבין גינומען דעם אקס
וואש אליהו האט זייא גיגעבין דאש האט
נאט גיזאגט איר האט זיך גידארפט לערנן פון
דעם אקס · אונ אויך זאגט גאט ומעוף השמים
יחכמנו דאש איז טייטש די ישראל וואלטין זיך
גידארפט לערנען פון דיא פויגיל וואש פליהען
אונטער דעם הימיל דען אז אליהו איז
אנטלאפין אין דער מדבר פאר אחאב מלך
ישראל האבין אים די פויגיל וואש הייסין ראבין
גיבראכט פלייש אונ ברויט פון דעם הויז
פון יהושפט מלך יהודה אונ זייא האבין ניט
גיבראכט פון דעם הויז פון אחאב ווייל מען
האט דארטין גידינט עבודת כוכבים האבין זיי
ניט גיוואלט דאש אליהו זאל הנאה האבין
פון עובדי כוכבים · אונ מיר גיפינען אויך דאש
עש איז גיוועז איין מעשה בייא רבי פנחס
בן יאיר דאש ער איז גיקומען מיט זיין אייזיל
אויף איין הארבעריג האט מען דעם אייזיל
גיגעבין עסין גערשטין האט ער ניט גיוואלט
עסין ווייל מען האט דער פון קיין מעשר ניט
אפ גישייד · דאש זאגט ישעיה איין אקס דער
קענט זיין הארין אונ איין אייזיל דער קענט
זיין עסין דאש עש איז ניט גימעשירת אונ איר
ישראל ווילט גאט ניט קענען דרום וועט אייער
לאנד וויסט זיין אונ פרעמדע וועלין אויף
עסין אייער גוטש אונ דיא שטאט ירושלים
וועט איבער בלייבין אזוא וויא אייןביידיל אין
ויין גארטין וואש עש בלייבט ליידיג ווען
דער שומר גייט דער פון ארויש נאך דעם אז
מען רייסט אפ דיא ווייין טרויבין אזוא וועט
די שטאט אויך ליידיג בלייבין זאגט גאט ווען
איר קומט אין בית המקדש צו ווערין גיזעהען
מיט אייערע קרבנות ווער באגערט עש פון
אייך דאש איר זאלט קומען אין מיין הויף
תפלה צוא טאן ווען אייער כוונה איז ניט גוט ·
דיא חכמים זאגין תפלה איז בעסער פון
קרבנות מלאתי משפט דיא שטאט ירושלים איז
גיוועזן פול מיט משפט רבי פנחס זאגט פיר
הונדערט אונ איין אונ אכציג שולין איז גיוועזן
אין ירושלים אונ אז אספיינוס קיסר איז
גיקומען האט ער זייא אלע חרוב גימאכט צדק
ילין בה גירעכטיקייט האט אין איר איבער
גינעכטיגט רבי סימון זאגט עש האט קיין מענטש
ניט איבער גינעכטיגט אין ירושלים מיט איין
עבירה דען אויב ער האט גיטאן איין עבירה
בייא טאג האט דער קרבן תמיד פון פאר
נאכט מכפר גיוועזן האט ער איין עבירה גיטאן
בייא נאכט האט דער קרבן תמיד פון אין
דר פריא מכפר גיוועזן אבער איצונד זיינען אין
דער שטאט פיל רוצחים · דיין זילבער איז
פאלש אונ דיין גיטראנק איז צוא מישט מיט
וואשער אונ דיא דיינים נעמען שוחד פאלש
צוא פסקנען קיין יתום ווילין זייא קיין משפט
ניט געבין אונ דיא אלמנה וויל שוין גאר
ניט קומען פאר זייא מיט איר משפט רבי לוי
זאגט איין מעשה איז גיוועזן איין אשה האט
צום דיין גיבראכט איין זילבערנעם לייכטער
אונ די אנדרע וואש האט מיט איר דעם משפט
גיהאט האט גיבראכט צום דיין א גילדערנע
כלי זאגט דיא אשה עש זאל לייכטין דער דין
אזוא וויא דער זילבערנער לייכטער האט
דער דיין גיזאגט דאש גאלד האט באדעקט
אויף דעם זילבר · ווען איין יתום איז גיקומען
צום דיין ער זאל געבין אים איין משפט האט
דער דיין גיזאגט האק מיר האלץ אונ טראג
מיר וואשער צוויא טעג וועל איך דיר איין
משפט געבין · האט דער יתום דער וויל זיין
געלט אויף גיגעסין אידער ער האט איין משפט
באקומען · אונ וויא ער איז אוועק גיגאנגען
האט אים באגעגינט איין אלמנה האט זיא אים
גיפרעגט וויא איז מיט דיר גיגאנגען האט
דער יתום גיזאגט איך האב מיין געלט אויף
גיגעסין אונ האב קיין דין ניט באקומען האט
דיא אלמנה גיזאגט ווען ער איז איין מאנזביל
אונ קען קיין דין ניט באקומען וואש זאל איך
ארימע אלמנה טאן אזו גייט זיא אהיים אונ וויל
שוין גאר פאר דעם דיין ניט גיין ציון במשפט תפדה
די שטאט ציון וועט ווערין אויש גילייזט ווען זיי
וועלין רעכט משפטין אונ די ישראל וועלין זיך
אום קערין אין איר דורך דער צדקה וואש זייא
וועלין געבין · אמן כן יהי רצון:

ואתחנן אל יי׳ שלמה המלך האט גיזאגט אין משלי מלוה יי׳ חונן דל וגמולו ישלם לו איז טייטש דער וואש דער בארימט זיך איבער דעם ארימאן איז גלייך וויא ער לייט גאט געלט אונ גאט וועט אים ווידר באצאלין דען דער עושר פאר לאזט זיך אויף זיין עשירות אדער אויף זיינע גוטע פריינט אדער אויף זיינע ליב האבער אונ גאר ווייניג אויף גאט אבער דער עני האט ניט קיין געלט אונ ניט קיין ליב האבער דען איין עני האבין אלע פיינט דרום פאר לאזט זיך דער עני נאר אויף גאט דאש זאגט שלמה וייל דער עני האט ווייניג פריינט דרום ווער עס טוט זיך איבער אים דער בארעמען איז גלייך וויא ער האט זיך איבער גאט דער בארימט אזו וועט אים גאט באצאלין פיל שכר אונ וועט אים לייט זעליגין דען דיא מדה פון גאט איז דאש ער לייט זעליגט דיא לייט וואש דינען אים אפילו ווען זיי דינען אים ניט גאנץ רעכט גיט ער זיי מתנות אום זיסט דען ער איז איין דער בארעמיגער גאט דרום הויבט זיך אן די סדרה מיט ואתחנן דאש משה האט גיבעטין דאס גאט זאל אים איין אום זיסטע מתנה שיינקען דען דיא צדיקים האטשע זיי האבין מעשים טובים דאש גאט זאל זיי דער פאר שכר געבין דאך בעטין זיי פון גאט נאר איין מתנה אום זיסט אונ ווילין ניט בעטין פון זייער פרומקייט וועגין אונ די תפלה פון משה איז גיוועזן דאש גאט זאל אים לאזין גיין קיין ארץ ישראל דען משה האט גימיינט וייל ער האט איין גינומען די צווייא מלכים סיחון אונ עוג איז שוין מותר גיווארין די שבועה דאש ער זאל קומען קיין ארץ ישראל אזו האט אים גאט גיזאגט ניין דו מוזט שטארבין אין דר מדבר אונ גאט האט גיזאגט צו משה רב לך אדם הראשון איז עלטער פון דיר ער האט דעם טויט אויף דער וועלט גיבראכט דאש איטליכר מענטש מוז שטארבין האט משה גיזאגט רבונו של עולם אדם הראשון האט איין עבירה גיטאן האט גאט גיענטפערט אברהם האט דאך אויך גימוזט שטארבין וואש ער האט זיך גילאזט אין פייערווארפין פון גאט וועגין זאגט משה פון אברהם איז ארויש גיקומן ישמעאל זאגט גאט יצחק האט דאך אויך גימוזט שטארבין וואש ער האט זיין האלז גישטרעקט אויף דעם מזבח צוא גיקוילעט ווערין פר איין קרבן צו מיר זאגט משה פון אים איז ארויש גיקומען עשו זאגט גאט יעקב האט גיהאט צוועלף קינדער צדיקים אונ האט גימוזט שטארבין זאגט משה יעקב איז ניט גיגאנגען אויף דעם הימל אזו וויא איך אונ האט ניט מקבל גיוועזן דיא תורה אויך זאגט משה די ישראל זיינן ששים רבוא אונ האבין פיל עבירות גיטאן אונ דו האסט זיי מוחל גיוועזן אונ מיר ווילסטו ניט מוחל זיין האט גאט צו אים גיזאגט מען טוט מער פון איין רבים וועגין וויא פון איין יחיד וועגין זאגט משה שטראף מיך מיט יסורים אין מיין גוף אונ גיב מיך ניט אין דער האנט פון דעם מלאך המות אזו וועל איך דר ציילין דיין לויב אין דער גאנצר וועלט אזו וויא אין פסוק שטייט לא אמות כי אחיה ואספר מעשי יה אז איך וועל ניט שטארבין נאר לעבין וועל איך דער ציילין די מעשים פון גאט האט גאט צו אים גיזאגט זה השער ליי׳ צדיקים יבואו בו דר טויט איז איין טויער דאש אלע צדיקים מוזין אין אים גיין אונ וויא משה האט גיזעהען דאש זיין גיבעט העלפט ניט איז ער גיגאנגען צו הימיל אונ ערד אונ זאגט טוט פר מיר תפלה האבין הימיל אונ ערד גיענטפערט מיר מוזין פאר אונז תפלה טאן דען לסוף וועלין מיר פאר לארין ווערין אזו וויא אין פסוק שטייט שמים כעשן נמלחו והארץ כבגד תבלה די הימל וועלין צו גיין אזו וויא איין רויך אונ די ערד וועט פאר פוילט ווערין אזו וויא איין קלייד איז משה גיגאנגען צו די שטערין אונ צו דער זון אונ צו דער לבנה אונ האט זיי גיבעטין טוט פאר מיר תפלה האבין זיי גיענטפערט מיר

דארפין

דארפין פאר זיך תפלה טאן איז ער גיגאנגען
צוא אלע הויכע בערג האבין זיי אויך אזוא
גיזאגט מיר דארפין פר אונז תפלה טאן איז
ער גיקומען צום ים האט דער ים צוא אים
גיזאגט משה וואס איז דיר גישעהן דו האסט
מיך גישפאלטין אונ די שכינה איז אלע מאל
ביי דיין רעכטע האנט גיוועזן אונ היינט וואס
איז דיר · אונ וויא משה האט דער הערט
דאש דער ים האט גיזאגט זיינע וואונדער
וואש ער האט גיטאן אין דר יוגינט · אזו איז
ער גילאפין צוא דעם העכשטין מלאך אונ
האט פאר אים גיוויינט אונ גישריען אונ האט
גיזאגט טוא פאר מיר תפלה האט דר מלאך
גיזאגט איך האב גיהערט דאש דיא תפלה
וועט ניט העלפין אזו באלד האט משה אן
גיהויבין צו שרייען אונ צו וויינען האט גאט
גיזאגט איך האב צוויא שבועות גישווארין
אדער די ישראל זאלין חס ושלום פר לארין
ווערין אדער דוא זאלסט שטארבין ווילסטו
לעבין אזו וועלין די ישראל פר לארין ווערין
האט משה גיענטפערט חס ושלום איך אונ
טויזנט אזעלכע וויא איך זאלין פאר לארין
ווערין אונ איינר פון ישראל זאל ניט פאר
לארין ווערין האט גאט צו אים גיזאגט דוא
האסט מורא פאר דעם מלאך המות איך וועל
דיר אים געבין אין דיין האנט זאגט משה וויא
זאל מיין מוטר יוכבד ניט טרויערין דאש זיא
האט שוין צוויא קינדר באגראבין אונ זאל
דעם דריטין אויך באגראבין האט גאט גזאגט
עס איז שוין אבער גיקומען דיא צייט דאש
יהושע זאל זיין איין מלך איבר ישראל דרום
מוזטו שטארבין האט משה גיזאגט אויב עס
ווענט זיך דרינן וועל איך בעסר איין תלמיד
זיין ביא יהושע אונ יהושע זאל זיין דער רב
האט גאט גיזאגט אויב דו ווילסט אזו איז גוט
אזו באלד איז משה גיגאנגען צו יהושע אין
גיצעלט אריין אונ האט זיך גישטעלט ביי דר
טיר אונ יהושע האט גיזאגט תורה צו ישראל
אונ האט ניט גיזעהן וויא משה שטייט דען

משה האט זיך איין גיבויגין מען זאל אים ניט
זעהען אונ האט זיך פאר שטעלט מיט זיין
האנט מען זאל אים ניט דער קענען אונ כל
ישראל זיינען גיקומען אין גיצעלט פון משה
אונ האבין אים ניט גיפונען אונ וויא דיא
ישראל האבין דר זעהען דאש משה שטייט
אין גיצעלט ביי יהושע אונ יהושע זיצט האבין
זיי גיזאגט צו יהושע וואש איז דאש דו
זיצט אונ דיין רבי משה שטייט אזו באלד וויא
יהושע האט דער זעהען דאש משה שטייט
האט ער צוא ריסין זיינע קליידר אונ האט
גיוויינט אונ גיזאגט מיין רבי מיין האר וואש
טוסטו דא · אונ כל ישראל האבין גיזאגט צו
משה לערין אונז תורה · האט משה געענטפערט
איך טאר ניט האבין זייא מיזאגט מיר וועלין
דיך ניט לאזין איז ארויש גיגאנגען איין בת
קול פון דעם הימיל אונ האט גיזאגט לערינט
תורה פון יהושע אזו האבין זייא גילערינט
תורה פון יהושע אונ משה האט זיך גיזעצט
פון זיין רעכטער האנט אונ אלעזר פון זיין
לינקר האנט אונ יהושע האט גיזאגט תורה
פר כל ישראל אונ אז די ישראל זיינען ארויש
גיגאנגען פון דעם בית המדרש זיינען זייא
גיקומן צוא משה אונ זאגין לערין אונז אונ
באשייד אונז וואש יהושע האט גיזאגט האט
משה גיזאגט איך קאן אליין ניט · אין דער
שעה האט משה גיזאגט רבונו של עולם עש
איז שוין די צייט דאש איך וויל שטארבין ·
אזו האט מען גיזאגט צו משה פון דעם הימל
עש איז נאך איין שעה צו דיין מיתה האט
ער אן גיהויבין בעטין צו איטליכין שבט
באזונדר · דר נאך האט ער גיזעהען דאש די
צייט איז קורץ האט ער כל ישראל גיבענשט
אין איינעם · דר נאך האט מען צו משה גזאגט
עש איז נאך איין האלבע שעה צו דיין מיתה ·
האט ער אן גיהויבין מחילה בעטין פון דיא
ישראל אונ האט גיזאגט איך האב איך פיל
מאל מצער גיוועזן מיט תורה לערנן זייט מיר
מוחל · אונ זיי זאגין אויך זיי אונז מוחל וואש

מיר

מיר האבין דיר פיל מאל דר צערינט · דער נאך האט מען גיזאגט צו משה עש איז נאך איין רגע צו דיין מיתה האט ער גיזאגט ברוך שמו חי וקים לעולם ועד גלויבט איז גאטש נאמען וואש ער לעבט אונ בלייבט צו אייביג שטיין · אונ משה האט גיזאגט צו ישראל ווען איר וועט קומען קיין ארץ ישראל זאלט איר מיך גידיינקען · האבין דיא ישראל גיזאגט וויא זאלין מיר דיך ניט גידיינקען דאש דו האסט אונז אזו פיל טובות גיטאן · דער נאך האט מען צו משה גיזאגט עש איז נאך איין האלבע רגע צו דיין מיתה האט ער גילייגט זיינע הענט אויף זיין הארצין אונ זאגט צו די ישראל די הענט וואש האבין מקבל גוועזן די תורה וועלן זיין באגראבין אין דער ערד · אזו באלד איז אים די נשמה אויש גיגאנגן · אונ קיין מענטש אונ ניט קיין מלאך האט אים באגראבין נאר גאט אליין · אונ ער איז גישטארבין זיבין טאג אין אדר · אין דעם טאג וואש ער איז גיבארן גיווארין · דען גאט דר פילט די יארין פון די צדיקים פון טאג צו טאג לא תעבור את הירדן גאט האט גיזאגט צו משה דוא וועסט ניט איבער פארין דעם ירדן אונ אפילו דיינע ביינר וועלין ניט איבער פארין דעם ירדן · האט משה גיזאגט רבונו של עולם וואש בין איך ערגער פון יוסף הצדיק דאש מען טראגט זיינע ביינר קיין ארץ ישראל האט גאט צו אים גיזאגט דו האסט פר לייקנט דיין לאנד אז דו ביסט גיקומן צו יתרו האבין זיינע טעכטר גיזאגט איין מצרי האט אונז מציל גיוועזן פון דיא פאסטעכר · אונ דו האסט גיהערט וויא מען רופט דיך מצרי אונ דו האסט גישוויגין אונ האסט ניט גיזאגט דאש דו ביסט איין יהודי דרום בישטו ניט זוכה צו קומען קיין ארץ ישראל אבער יוסף האט גיזאגט צום שר המשקים איך בין ווארין גיגנבת פון דעם לאנד פון יהודים אונ האט זיין נאמען ניט פר לייקנט דאש ער איז איין יהודי דרום האט ער זוכה גיוועזן צו באגראבין ווערין אין ארץ ישראל אונ גאט האט גיזאגט צו משה ווען דו וועסט באגראבן ווערן אין דר מדבר וועט דש דור וואש זיינן גישטארבין אין דר מדבר פון דיין זכות וועגין קומען קיין ארץ ישראל עש איז איין משל איין מענטש האט פר לארין איין קופערנע מטבע אויף איין פינסטר ארט האט ער זיך גיטראכט ווען איך וועל די לייט זאגין זיי זאלין מיר לייכטין צו גיפינען דיא מטבע וועלין זיי מיך ניט צו הערין אזו האט דר מענטש אויף דעם ארט איין גאלד גילדין גיווארפין אונ שרייט ביי מיר איז פר לארין גיווארין איין גאלד גילדין אזו באלד זיינען גיקומען די לייט אונ האבין אים גילייכט אזו האט ער גיפונען דעם גאלד גילדין אונ דיא קופערנע מטבע אזו אויך האט גאט גיזאגט צו משה ווען דו וועשט באגראבין ווערין אין חוצה לארץ אזו וועסטו מיט נעמן כל ישראל קיין ארץ ישראל אין די צייט פון משיח אונ יעקב האט זוכה גיוועזן דאש מען האט אים גיטראגין אין גאנצין קיין ארץ ישראל מיט זיין פלייש אונ יוסף האט מען נאר גיטראגין די ביינער אבער דאש פלייש איז ווארין פר פוילט אין חוצה לארץ אונ אין איין לאנגער צייט נאך זיין טויט האבין אים דיא ישראל גיטראגין קיין ארץ ישראל לשמור ולעשות למען תחיו צוא היטין די תורה אונ צו טאן · פון דאנען לערנען מיר אף דאש ניט דאס לערנן איז דר עיקר נאר צו טאן מעשים טובים איז דר עיקר אונ דאש איז דאס לעבין פון דעם מענטשין לא תוסיפו איר זאלט ניט מערין אויף די מצות פון גאט צו מאכין פינף פרשיות אין תפילין אדער פינף ציצית אדער פינף מינים ביא דעם לולב אדער צו שלאפין דעם אכטין טאג סוכות אין סוכה דאש טאר מען ניט דען דאס איז גיוועזן די עבירה וואש דיא ישראל האבין גיטאן אין ערבות מואב ביא דער עבודת כוכבים פעור זיי האבין גימיינט דאש זיי זיינען מבזה די עבודת כוכבים דר מיט וואש זיי דעקין אויף אנטקעגן איר דאש

הינטער

היתטער לייב אונ אין אמת איז דאס איר דינסט וואש מען דינט זיא דר מיט אונ דרום האט זיי גאט גיטייט חאטשע זייער כוונה איז ניט גיוועזן צו דינען זיא נייארט זייא האבין גימיינט זיי טוען איין מצוה דאש זיי זיינען זיא מבזה נאר מען טאר ניט מערין אויף די מצות פון גאט דען גאט האט די תורה פול אונ גאנץ גיגעבין אן איין חסרון דרום טאר מען ניט מערין אויף דר תורה · אבער צוא ציטין איין נדר צו טאן צו פאסטין אדר ניט צו עסין קיין פלייש אדער אנדערע תשובות כדי צו ברעכין דעם יצר הרע דער מיט דאש מעג מען טאן ואתם הדבקים בי״י אונ איר זאלט אייך באהעפטין אין גאט · אונזרע חכמים זאגין וויא איז מיגליך צו באהעפטין זיך אין גאט נאר דר פסוק מיינט מען זאל טאן די מעשים פון גאט אזו וויא ער טוט חסד מיט לייט אזו זאל איינער דעם אנדערין אויך חסד טאן אדער ווער עש באהעפט זיך אין איין תלמיד חכם איז גליך וויא ער באהעפט זיך אין גאט אונ ער וועט ניצול ווערין פון אלעם בייזין פון זיין זכות וועגין אשר לו אלהים קרובים אליו כי״י אלהינו וואו איז נאך אזוא איין פאלק דאש גאט זאל זיין צו אים נאהינט אזו וויא אונזער גאט איז צוא אונז נאהינט ווען מיר רופין צו אים רבי חנניה אונ רבי יהושע זאגין וואו איז אזו איין פאלק וויא די ישראל דען ווען איינער גייט צום דין פאר דיינים אזוא זארגט ער דאש ער זאל דעם דין ניט פאר לירין אונ גייט אין שווארצע קליידער אונ לאזט זייגע האר וואקסין אבער דיא ישראל ווען עש קומט ראש השנה דאש גאט משפט די וועלט טוען זיך די ישראל אן אין ווייסע קליידער אונ שערין זיך אפ דיא האר אונ עסין גוטש אונ זייגען פריילך ווייל זיי וויסין נואול דאש גאט וועט זייא מוחל זיין זייערע עבירות דען גאט איז נאהינט צוא ישראל צו הערין זייער תפלה אונ נאך איין פשט איז דר סדר איז ווען איינר האט איין רייכין קרוב

זאגט ער דאש איז מיין קרוב · אבר ווען ער האט איין ארומען קרוב זאגט ער דאש איז ניט מיין קרוב אבער גאט איז ניט אזו · דיא ישראל זיינען גיוועזן ארום אונ נאקעט אין מצרים אונ גאט האט גיזאגט בני בכורי ישראל דש ישראל איז מיין ערשטר זון את בצר במדבר די שטאט בצר וואש אין דר מדבר איז גיוועזן איין עיר מקלט דאש ווען איינר האט גהרגת איין מענטשין בשוגג איז ער אהין אנטלאפין אונ מען האט אים דארטין ניט גיטארט טאן אונ די תורה האט נאהנט דר ביי אן גשריבין וזאת התורה צו ווייזין דאש די תורה איז איין עיר מקלט צום מענטשין דאש זיא איז מציל דעם מענטשין ווען ער לערינט זיא אזו וויא מיר גיפינען ביי רב חסדא אז עש איז גיקומן די צייט פון זיין טויט דאש דר מלאך המות האט אים ניט גיקאנט טאן ווייל זיין מויל האט ניט אויף גיהערט פון תורה לערנען אזו האט דר מלאך המות צו שפאלטין איין טענן בוים האט זיך רב חסדא דער שראקין אונ האט אויף גיהערט צו לערנען האט אים דר מלאך המות גיטייט · ריש לקיש זאגט דער מלאך המות וועט אין דער צייט פון משיח אנטלויפין קיין בצרה פאר איין עיר מקלט ווייל ער האט פיל פון ישראל גהרגת אבער ער וועט זיך טועה זיין אין דריי זאכין דאש ערשטע דאש בצרה איז ניט קיין עיר מקלט נאר בצר · דאש אנדרע איין עיר מקלט נעמט נאר צו דעם וואש הרגת בשוגג אונ ער האט גיהרגת במזיד · דאש דריטע איז דער עיר מקלט נעמט נאר צו איין מענטשין ניט קיין מלאך · אנכי י״י אלהיך די עשרת הדברות זיינן גליך וויא איין מלך וואש בויט איין נאייע לאנד אונ זעצט דרינן אריין לייט אזו שרייבט דר מלך קיומים וואש דאש פאלק דארפן טאן צום מלך אונ וויא דאש פאלק זאלין זיך פירן איינר מיט דעם אנדערין אונ דרום האט גאט גיגעבין די עשרת הדברות אויף צוויי לוחות אויף איין לוח האט ער גישריבין וויא מען

זאל זיך פירן מיט גאט אונ אויף דעם אנדרן לוח האט ער גישריבן וויא אזו איין מענטש זאל זיך פירן מיט דעם אנדערין · דר ערשטר דבור איז אנכי ה' אלהיך דאש איז טייטש זייא ווישין דאש איך בין דיין גאט וואש איך האב דיך אויש גיצויגין פון מצרים וואש דו ביסט דארטין גיוועזן איין קנעכט דרום האלט מיך פאר איין האר · אונ אויב דו וועסט זאגין דו וועשט מיך האלטין פאר איין האר גאר דו וועסט נאך איין האר נעמן דרום איז גיזאגט גיווארין דר אנדרר דבור לא יהיה לך אלהים אחרים דו זאלסט קיין אנדערין גאט ניט האבן נאר מיך אליין אונ דר נאך זאגט דער מלך צום פאלק ווען איר ווערט מיך אויף נעמן פאר איין האר זאלט איר מיך ערליך האלטין דרום האט גאט אן גישריבן דעם דריטין דבור לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא דו זאלסט ניט שווערין ביי גאטש נאמען צו פאלש דען ווען איר שווערט ביי גאטש נאמען פאלש האלט איר אים פאר נישט אונ דער נאך זאגט דר מלך צום פאלק מאכט אייך איין זכרון דאש איך האב אייך גיגעבן דאש לאנד דאש איר זאלט ניט פאר געסין צו ערליך האלטין מיך אונ רועט איין טאג אונ זייט פריילך דרויף וואש איך האב אייך דאש לאנד גיגעבן דרום האט גאט גיזאגט דעם פערטין דבור שמור את יום השבת לקדשו היט דעם טאג שבת צוא הייליגין אים אונ זאלסט גידיינקען דאש איך האב דיך אויש גיצויגן פון מצרים אונ האב דיר גיגעבן ארץ ישראל אונ דער נאך זאגט דר מלך צום פאלק איר זייט מענטשין וואש איר וועט שטארבין אונ ווער וועט נאך אייער טויט ווישין דאש איך האב אייך גיגעבן דאש לאנד אונ אייערע קינדער וועלין איין אנדרין מלך אויף נעמן דרום גיביט איך אייך דאש איין זון זאל ערליך האלטין זיין פאטער אונ זאל האלטין וואש דר פאטער וועט אים זאגין אונ איר זאלט אייערע קינדער זאגין דאש איך האב אייך דאש לאנד גיגעבן אונ דרום

אויך האט גאט גיזאגט דעם פינפטין דבור כבד את אביך ואת אמך האלט ערליך דיין פאטר אונ מוטער אונ הער צו וואש זיי זאגין דיר דאש איך האב די וועלט באשאפין אונ האב אייך פון מצרים אויש גיצויגין · דיא פינף דבורים זיינען גיוועזן אויף איין לוח וויא אזו דר מענטש זאל זיך פירן מיט גאט אונ אויף דעם אנדרין לוח איז גישטאנן וויא אזו איין מענטש זאל זיך פירן מיט זיין חבר צום ערשטן האט ער גיזאגט דו זאלסט ניט הרגנן דיין חבר דאש איז לא תרצח דר נאך האט ער גיזאגט דוא זאלסט ניט אן רירין דיין חברש ווייב דען דאש ווייב איז גלייך וויא זיין גוף דאש איז דר אנדרר דבור לא תנאף דאש איז טייטש דוא זאלסט ניט מזנה זיין מיט דיין חברש ווייב אויב דו וועסט וועלין מיינען דו וועסט דיין חבר ניט טאן אין זיין גוף אבער אין זיין געלט מעגשטו אים טאן דרום האט גאט גיזאגט דעם דריטין דבור לא תגנוב דוא זאלסט ניט גנבנן קיין געלט ביי דיין חבר אונ אויב דו וועסט וועלין מיינען איך טאר זיין געלט ניט נעמען אבר איך מעג אים שאדין טאן מיט פאלש עדות זאגין דרום האט גאט גיזאגט דעם פערטין דבור לא תענה ברעך עד שקר דו זאלסט אין דיין חבר קיין פאלש עדות ניט זאגין אונ אויב דו וועסט וועלין מיינען מיט דיין מויל טארסטו דיין חבר קיין שאדין ניט טאן אבער מיט דער מחשבה מעגסטו אים שאדין טאן דאש דו זאלסט אים איין עין הרע געבין דרום זאגט גאט דעם פינפטין דבור לא תחמוד דו זאלסט ניט גילוסטין עפעס פון דיין חבר אזו וויא זיין ווייב אדער זיין הויז אדר זיין אקס אדר זיין אייזיל דען דורך דעם גילוסטין קאנסטו אים שאדין טאן מיט איין עין הרע מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים ווער וואלט גיגעבין דאש דאש הארץ פון ישראל זאל אזו זיין צו פארכטין זיך פר מיר אלע צייט · פון דאנען לערנען מיר אפ דאש אלסדינג איז ביי גאט אין די הענט נאר

צו פארכטין זיך פאר גאט דאש איז ביי דעם מענטשין אין די הענט ער קען גוט אדר ביז זיין · שמע ישראל יי אלהינו יי אחד הער צו ישראל דאש גאט אונזער גאט איז איין גאט דער פסוק זאגט דרייא שמות (יי אלהינו יי) דער ערשטער יי ווייזט דאש גאט איז גיוועזן איין גאט איי די וועלט איז בשאפין גיווארין אונ אלהינו ווייזט דאש גאט איז איצונד אויך איין גאט אונ דר אנדרער יי ווייזט דאס גאט וועט זיין איין גאט אז די וועלט וועט חרוב ווערין אונ דאס ווארט אחד ווייזט דאס גאט איז איין גאט אין אלע צייטין אונ דר מענטש זאל זיין הארץ האבין דר ביי אונ זיין כוונה ווען ער זאגט אחד וואס אחד באטייט אונ זאל ניט לאזין זיין מויל גיין אן דער מחשבה דאס זאגט דר פסוק שמע הער צו וואס דוא זאגסט · משה האט גיזאגט צו ישראל איר האט אויף דעם בארג סיני גיזאגט נעשה ונשמע מיר וועלין טאן וואס גאט וועט אונז גיביטין אונ מיר וועלין הערין אונ אז איר האט דאס עגל גמאכט האט איר עובר גוועזן אויף נעשה איר האט ניט גיטאן וואס גאט האט גיבאטין דרום האלט חאטשע דאס ווארט נשמע צוא זאגין אלע טאג שמע ישראל עס איז איין משל איין מלך האט מקדש גיוועזן איין אשה מיט צוויי אבנים טובות האט זיא איינעם פר לארין זאגט דר מלך צו איר היט שוין רעכט דעם אנדרין אונ די ישראל האבין זוכה גיוועזן צו זאגין שמע ישראל פון יעקב אן דען אז ער האט גיזאלט שטארבין האט ער גיזאגט צו זיינע קינדער איך האב מורא אז איך וועל שטארבן וועט איר אן נעמן איין אנדרין גאט האבן די קינדער אלע מיט אנאנדר גיענטפערט שמע ישראל יי אלהינו יי אחד הער צו אונזר פאטר ישראל דעם גאט וואס מיר האלטין איצונד דר איז איין גאט מיר וועלין אים ניט פאר ביטן האט יעקב דרויף גאט גילויבט אונ האט גזאגט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד גילויבט איז זיין נאמן אונ דר כבוד פון זיין מלוכה אויף

אייביג דרום זאגן מיר אלע טאג שמע ישראל אונ ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד · נאך איין פשט איז אז משה איז ארויף גיגאנגן אויף דעם הימיל האט ער גיהערט וויא די מלאכים זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד · אונ אז ער איז אראפ גיקומען האט ער צו ישראל אויך גילערינט זיי זאלן זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אונ האט גיהייסין מען זאל עש זאגין שטיל כדי די מלאכים זאלין זיך ניט מקנא זיין אין אונז וואש מען זאגט זייער לויב · עש איז איין משל איינער גנבת איין בעקער פון דעם מלך אונ גיט אים צו זיין ווייב אונ זאגט צו איר וייז אים ניט פאר לייט · אבר אום יום כפור זאגין מיר אין דר הויך ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד ווייל אום יום כפור זיינען מיר גלייך צוא מלאכים דרום האבין מיר פאר זיי קיין מורא ניט אונ די ישראל לויבן גאט אונ גאט לויבט זיי · עש איז איין משל איין פרומר מאן האט איין פרום ווייב אזו לויבט ער זיין ווייב צווישן אלע מאנען · אונ זיין ווייב לויבט אים צווישן אלע ווייבער מיט זיין פרומקייט · אזוא אויך לויבין ישראל גאט דאש ער איז איין גאט אונ גאט לויבט ישראל פאר די מלאכים דאש עש איז קיין בעסר פאלק ניט דא וויא ישראל אזו וויא אין פסוק שטייט אחת היא יונתי גאט זאגט די ישראל איז איין אומה אונ די ישראל זאגין יי אחד גאט איז איין גאט · ואהבת את יי אלהיך דוא זאלשט ליב האבין גאט דיין גאט ווייל ער איז איינער אונ האט די וועלט בשאפן אונ דר וואש דינט גאט פון וועגין מורא דש ער האט מורא גאט זאל אים ניט שטראפין דר דינט ניט רעכט · נאר מען זאל גאט דינן פאר ליבשאפט אונ מען זאל האלטין זיינע מצות אונ מען זאל פריילך זיין ווען מען טוט איין מצוה · בכל לבבך ובכל נפשך דו זאלשט גאט ליב האבין מיט דיין גאנצין הארצין ווייל דאש הארץ איז ווארין צום ערשטין בשאפין אין דר מוטרש לייב · אונ אז דער מענטש שטארבט שטארבט דאס הארץ צום לעצטן

נאך

נאך אלע גלידר · דרום זאגט ער דוא זאלשט
גאט ליב האבן פון דעם מאל אן וואש דאש
הארץ ווערט באשאפן ביז עש שטארבט ·
ובכל מאודך דוא זאלשט גאט ליב האבין מיט
דיין געלט דאש דיין געלט זאל דיר ניט ליב
זיין אנטקעגין איין מצוה פון גאט · אזוא
וויא מיר גיפינען דאש רבן גמליאל האט
גיקויפט איין אתרוג פאר טויזנט גילדן כדי
צו האלטין דיא מצוה פון גאט · רבי זירא
זאגט ווען איין מענטש האט איין אתרוג צו
קויפין פאר פופציהן גילדין אונ עש טרעפט
זיך איין שענירער אתרוג פאר צוואנציג גילדן
דארף ער בעסער דעם שיינעם אתרוג קויפן
פאר צוואנציג גילדין ער זאל די מצוה שיין
טאן · אזו וויא אין פסוק שטייט · זה אלי ואנוהו
דאש איז מיין גאט אונ איך וועל אים בשיינן
מיט שיינע מצות · אונ אטייל חכמים זאגין
ובכל מאודך איז טייטש דו זאלשט גאט אלע
צייט לויבין סייא עש גייט דיר וואול אדער
איביל זאלשטו אלין גאט לויבין אונ אטייל
חכמים זאגין בכל לבבך איז אנטקעגין אברהם
וואש ער האט גאט ליב גיהאט מיט זיין
גאנצין הארצין אונ האט גימאכט דאש פיל
לייט זאלין ליב האבין גאט · ובכל נפשך איז
אנטקעגין יצחק וואש ער האט זיין נשמה
איבער גיענטפערט צוא גאט אונ האט זיך
גיוואלט לאזין שעכטין אויף דעם מזבח פאר
איין קרבן צו גאט · ובכל מאודך איז אנטקעגין
יעקב וואש ער האט מעשר גיגעבין פון זיין
געלט אונ פון זיינע קינדר · אשר אנכי מצוך היום
די מצות זאלין זיין גיליבט אין דיינע אויגין
גלייך וויא איך האב דיר ערשט היינט גיבאטן
צו טאן מצות ניט וויא איין זאך וואש מען
איז דרינען גיוואונט וואש דאש איז שוין
ניט גיליבט · אונ אז דו לייענשט קריאת שמע
זאל ביי דיר גלייך זיין וויא דו לייענשט איין
בריב פון דעם מלך וואש ער האט ערשט
היינט דיר גישריבין וואש דאש איז ביי דיר
ליב · אונ דו הערשט דיך צו צו איטליכין

ווארט אזו זאלשטו דיך צו הערין צו איטליכן
ווארט אין קריאת שמע · ודברת בם דיין עיקר
ריידין זאל זיין אין דער תורה ניט אין דברים
בטלים אונ זאלשט דיא תורה ריידין מיט דיין
מויל הויך ניט זאלשט טראכטין אין הארצן
דען די תורה ווערט אנדערש ניט מקוים ביי
דעם מענטשין סיידין ער רעט מיט זיין מויל
אבר תפלה איז דר עיקר אין הארצין מען
זאל ניט הויך שרייען אין שמונה עשרה ·
לאות על ידך מען זאל תפילין לייגין אויף דער
לינקער האנט העכער פון דעם עלינבויגין
אויף דעם גראבן פלייש עש זאל זיין אנטקעגין
דעם הארצין · והיו לטוטפות בין עיניך די תפילין
של ראש זאלשטו לייגין אויף דעם מוח וכתבתם
על מזוזות ביתך ובשעריך דו זאלשט אן שרייבין
מזוזות אונ זאלשט זיי געבין אויף דעם ביי
שטידיל אויף דר רעכטר זייט פון דיין אריין
גיין אין הויז אריין · דען דר מענטש טרעט
פריער אריין מיט זיין רעכטין פוס אין הויז
אריין אונ מען זאל שרייבין דעם שם שדי
אוישין ווייניג אויף דער מזוזה · ווייל דיא
היידען זאגין ווען עש גייט איין מענטשין
וואול דאש איז דורך דיא מזלות דרום האט
גאט גיהייסין שרייבן דעם שם שדי צו וויזן
דאש גאט קען קערין די מזלות וויא אזו ער
וויל · די חכמים זאגין דר מלך ארטבן האט
גישיקט צו רבי איין אבן טוב אונ זאגט לאז
רבי מיר עפעש בעשערש שיקן האט רבי
אים גישיקט איין מזוזה האט דר מלך גזאגט
איך האב אים גישיקט איין אבן טוב וואש
קיין מענטש קאן אים ניט באצאלין אונ ער
שיקט מיר איין מזוזה וואש מען קען זיא קויפן
פאר צוויי גראשין · האט רבי צו אים גזאגט
דוא האשט מיר גישיקט איין זאך וואש מען
קען דאש מיט פיל געלט בצאלין · אבר איך
האב דיר גישיקט איין זאך וואש האט קיין
שיעור ניט וויא פיל דאש איז ווערט · דען די
רייד פון דר תורה קען מען ניט שאצין מיט
אלע אבנים טובות פון דר וועלט · אונ אויך

די זאך וואס דו האשט מיר גשיקט מוז מען היטין פאר גנבים · אבער די זאך וואס איך שיק דיר דאס וועט דיך היטין מיט דיין גאנץ הויז גיזינד · אזו וויא דר פסוק זאגט בשכבך תשמור עליך והקיצות היא תשיחך ווען דוא וועסט ליגין אונ שלאפין וועט דיך די תורה היטין אז דו וועשט דיך אויף וואכין וועט די תורה פאר דיר ריידין · ובתים מלאים כל טוב גאט האט צו ישראל צו גיזאגט דאס זיי זאלין גיפינען הייזר אין ארץ ישראל וואס די אומות האבן גיוואנט פול מיט אלעם גוטין · אונ אפילו דאס פלייש פון חזירים איז מותר גיוועזן צוא ישראל ווען זיי האבין גיפונן אין די הייזער אונ אויך אנדערע זאכין וואס די תורה האט פאר באטין צוא עסין האט דאס גאט אלין מתיר גיוועזן אין די זיבין יאר וואס זיי האבן מלחמה גיהאלטין אין ארץ ישראל נאר פון עבודת כוכבים האבין זיי ניט גיטארט קיין הנאה האבין · אונ אזוא האט דער רמב"ן בפירוש גישריבן עס איז דענשט מאל מותר גיוועזן צו ישראל צו עסין נבילות אונ טריפות אונ חזיר ווען איינער איז הונגריג גיוועזן אונ האט ניט גיהאט וואס צו עסין אונ אויך יין נסך איז מותר גיוועזן · השמר לך פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך זייא גיווארינט ניט צוא פאר געסין די זאכין וואס דיינע אויגין האבן גיזעהן · די תורה לערינט אונז ווען עס גייט איין מענטשין וואול זאל ער ניט פאר געסין וויא עס איז אים איביל גיגאנגען דאס ער איז ארום גיוועזן · דרום זאגט דר פסוק אז דו וועשט האבין אלין דאס גוטש זאלשטו ניט פאר געסין וויא עס איז דיר גיגאנגען אין מצרים · אונ זאלשט גידינקען דאס גאט האט דיר דאס גוטש גיגעבין · ובשמו תשבע ווען דו ווילשט איין מצוה האלטין זאלשטו שווערין נאר ביי גאטש נאמען ניט ביי קיין אנדרין גאט · רבי יאשיה זאגט איין מענטש מעג שווערין אנמקעגין דעם יצר הרע דאס ער וועט אים ניט פאלגין · אזוא וויא מיר גיפינען ביי אברהם דאס ער האט גיזאגט הרימותי ידי אל יי איך האב אויף גיהויבין מיין האנט צו גאט אונ האב גישווארין איך זאל ניט נעמען קיין פרעמדעס · אונ אזו אויך גיפינען מיר ביי בועז אז רות איז צו אים ביי נאכט גיקומען האט ער גיזאגט חי יי איך שווער ביי גאט דאס איך זאל זיא ניט אן רירין · אונ אזו טוען אלע צדיקים · אבר די רשעים טוען פאר קערט זיי שווערין זיי זאלין דעם יצר הרע זיין ווילין טאן אונ האלטין ווארט · לא תנסו את יי אלהיכם איר זאלט ניט פרובין גאט · איין מענטש זאל ניט זאגין איך וועל גאט דינען אונ וועל זעהען אויב ער וועט מיר מזל געבין דאס טאר מען ניט · נאר מען דארף גאט דינען מיט דעם גאנצין הארצין סייא ער גיט דיר מזל אדער ניט · לא מרובכם מכל העמים חשק יי בכם ניט ווייל איר זייט מער פון אלע פעלקר האט גאט בגערט אין אייך דען איר זייט ווייניגער פון אלע פעלקער אונ דאך האט באגערט גאט אין אייך צו זיין זיין פאלק · דרום איז רעכט איר זאלט אים דינען · די חכמים זאגין גאט זאגט צו ישראל ווייל איר האלט אייך נידעריג פון אלע פעלקער דרום באגער איך אין אייך צו זיין מיין פאלק · ומשלם לשונאיו אל פניו גאט בצאלט דעם רשע באלד זיין שכר צוא פאר לירין אים אונ זאמט ניט פון צו בצאלין אים אונ אטייל חכמים זאגין גאט באצאלט דעם רשע אליין זיין שכר ניט צו זיינע קינדער · אונ ווען דר רשע טוט עפעס גוטש בצאלט אים גאט באלד אויף דער וועלט כדי ער זאל קיין גוטש ניט האבין אויף יענער וועלט · איין משל איינער איז זייער קראנק ער וועט גיוויש שטארבן זאגט דר רופא גיט אים עסין אונ טרינקען וואס ער וויל דען ער וועט דאך שטארבין · אזו זאגט גאט דער רשע וועט דאך גיוויש אויף יענעם עולם צרות האבין דרום גיט ער אים זיין לוין אויף דער וועלט פאר דעם גוטש וואס ער האט גיטאן · דען

די וועלט איז קורץ זיא ווערט זיך אים באלד אויש לאזין אזוא ווערט זיך זיין גוטש אויש לאזין · אונ איך וועל אים שטראפין פאר זיינע עבירות אויף יענער וועלט וואש זיא איז אייביג אזו ווערט זיין שטראף לאנג גיוועזן אבער דעם צדיק וועל איך שטראפין אויף דר וועלט פאר זיינע וויניג עבירות וואש ער האט גיטאן · אזו ווערט זיך די שטראף באלד אויש לאזין אונ דעם שכר פאר זיינע מצות וועל איך אים געבין אויף יענער וועלט וואש זיא איז אייביג אונ אויך אויף דער וועלט ווערט נאר גישטראפט דר גוף · אבער אויף יענער וועלט ווערט גישטראפט דר גוף מיט דר נשמה אזו ווערט דר רשע גרוישע צרות האבין אויף יענער וועלט · די חכמים זאגין פון דריי זאבין וועגין לאזט גאט דעם רשע וואול גיין אויף דר וועלט · איינש איז כדי ער זאל תשובה טאן · דאש אנדערע איז וויל ער האט איין מאל איין מצוה גיטאן · דש דריטע איז וויל עס ווערט פון אים ארויש קומען איין זון איין צדיק · דרום ווארט אים גאט אונ טייט אים ניט באלד · אשר אנכי מצוה אתכם היום לעשותם וואש איך האב אייך גבאטין היינט צוא טאן · די חכמים זאגין די וועלט איז ווארין גיגעבין צו טאן מצות אונ יענע וועלט איז ווארין גיגעבין צו נעמן שכר אבר קיין מצות קען מען דארטין ניט טאן · דרום זאל דער מענטש זעהען וויל ער לעבט צוא טאן מצות כדי ער זאל אויף יענער וועלט נעמען שכר :

# הפטרת ואתחנן

נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם זאגט ישעיה צוא ישראל אייער גאט טוט זאגין צוא דיא נביאים זייט מנחם מיין פאלק ישראל דברו על לב ירושלים רעט אויף דעם הארץ פון ירושלים אונ זאגט צו איר נביאות דש עש איז ווארין דר פילט איר צייט פון גלות דען אירע זינד זיינען פר געבין גיווארין אונ זיא איז גישלאגן גיווארין צווייא מאל וויא פיל איר זינד איז · איין מאל פאר אירע זינד אונ איין מאל פאר דיא זינד פון אירע עלטערן קול קורא במדבר פנו דרך יי׳ איין קול פון נבואה טוט רופין אין דער מדבר אונ זאגט ראמט אויש גאטש וועג כדי די פאר טריבענע ישראל זאלין קענען גיין פון דעם גלות קיין ירושלים מסלה לאלהינו מאכט איין גיטרעטענעם וועג צוא גאטש פאלק כל גיא ינשא וכל הר וגבעה ישפלו איטליכר טאל ווערט דר הויבין ווערין אונ איטליכר בארג ווערט גינידערט ווערין כדי די לייט זאלין ניט מיד ווערין אין זייער גיין ונגלה כבוד יי׳ אונ גאטש כבוד ווערט אנפלעקט ווערין אונ אלע מענטשין ווערין זעהען דאש גאטש מויל האט די אלע נביאות גירעט וויל זיי זיינן מקוים גיווארין · זאגט ישעיה קול אומר קרא איין קול פון גאט זאגט צו מיר רוף אונ זאג נביאות האב איך גיזאגט וואש פר איין נבואה זאל איך זאגין ענטפערט דאש קול זאג אלע מענטשין זיינן גלייך וויא גראז כלומר אלע רשעים פון די עובדי כוכבים איז זייער גדולה פאר קערט גיווארין אונ זיינען גיוועזן גלייך וויא גראז אונ גאר זייער חסד איז גיוועזן גלייך וויא אשפראצונג פון דעם פעלד דען דער חסד וואש די עובדי כוכבים האבין גיטאן איז נאר זינד ווארום זיי האבין גיגזלת באיי איינעם אונ האבין גיגעבין צדקה דעם אנדערין אבר די רייד פון גאט האט איין קיום אויף אייביג ווארום ער לעבט אייביג אזו קען ער זיין הבטחה מקיים זיין וואש ער זאגט צוא דרום על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון אויף איין הויכין בארג גייא אויף דוא וואש דו זאגשט ציון איין בשורה דאש מיינט מען דיא נביאים וואש זאגין צו ציון בשורות הרימי בכח קולך מבשרת ירושלים הויב אויף מיט כח דיין קול דו מבשרת פון ירושלים דאש מיינט מען דיא נביאים וואש זאגין בשורות צו ירושלים · זאג צו די שטעט פון יהודה דאש אייער גאט קומט אן אויש צוא לייזין אייך דרום זאגט ער מבשרת איין לשון נקבה · אונ ווייטר זאגט ער רגלי מבשר איין לשון זכר צו ווייזין אז דיא ישראל ווערין פרום זיין ווערט די גאולה ניך קומען פאר דער צייט אזו וויא א זכר איז גיך אונ ווען די ישראל ווערין ניט פרום זיין ווערט זיך דיא גאולה פאר זאמען אזו וויא איין נקבה וואש איז ניט גיך אונ גיאיילט · הנה אדני אלהים בחזק יבא נון גאט דער הער ווערט קומען מיט שטארקייט צוא גיצאלט

גיצאלט ווערין פון דיא עובדי כוכבים אונ זיין ארום ווערט גיוועלטיגין צו אים דען ער דארף ניט האבין קיין הילף פון קיין אנדערין הנה שכרו אתו נון זיין שכר וואש ער וועט געבין צו דיא צדיקים איז אן גיברייט מיט אים אונ דר שכר פון דער ארבעט וואש אויף אים איז צו געבין צו די צדיקים וויל זייא האבין אים גידינט איז פאר אים כרועה עדרו ירעה אזו וויא איין פאסטוך טוט פאסין זיין שטאדע מיט זיין ארום טוט ער איין זאמלען דיא שעפשעלעך אונ טראגט זייא אין זיין שוים אונ די זייגענדיגע שאף טוט ער פאמעליך פירין אזו וועט גאט די ישראל פירין אז זייא וועלין זיך אום קערין פון דעם גלות מי מדד בשעלו מים ווער האט גימאסטין מיט זיין טריט די וואשר פר ווארר גאט האט דאש גיטאן אונ דיא הימלען האט ער גימאסטין מיט איין שפאן אונ האט גימאסטין מיט איין שליש דעם שטויב פון דער ערד כלומר ער האט די וועלט אויף דריי חלקים גיטיילט איין שליש ישוב אונ איין שליש מדבר אונ איין שליש ים אונ האט גיוואוגין די בערג מיט איין וואג אונ די הויך האט ער גיוואוגין מיט איין וואג שאל כלומר ער האט גיזעהן וועלכר בארג עש איז שווער האט ער אים גישטעלט אויף הארטערע ערד אונ איין גרינגען בארג האט ער גישטעלט אויף ווייכע ערד אונ אז גאט האט יכולת דאש אלץ צו טאן מכל שכן דאש ער האט יכולת מקיים צו זיין זיינע הבטחות מי תכן את רוח ווער האט דען אן גיגרייט דעם רוח הקודש אין דעם מויל פון די נביאים ה׳ פר ווארר גאט דרום איז ראוי מען זאל אין דרינען גלויבין ואיש עצתו יודיענו אונ צו זיין עצה מענטש דאש איז דער צדיק אים טוט גאט זיין רוח הקודש מודיע זיין את מי נועץ מיט וועמען פון די עובדי כוכבים טוט זיך גאט בעראטין אזו וויא ער בעראט זיך מיט די נביאי ישראל אזו וויא מיר גיפינן דאש גאט האט זיך בעראטין מיט אברהם אז ער האט גוואלט איבר קערין סדום • ויבינהו וילמדהו בארח משפט אדער וועמען פון די עובדי כוכבים האט גאט גימאכט פאר שטיין אונ האט אים גילערינט צו גיין אין דעם וועג פון משפט אונ האט אים גילערינט שכל אונ האט אים מודיע גיוועזן דעם וועג פון פאר שטאנדיקייט אזו וויא ער האט גיטאן צו אברהם דאש ער האט אים גיגעבין שכל ער

זאל גאט דער קענען פון זיך אליין אונ זאל פר שטיין אין דער תורה • אונ זיינע קינדר האבין גיקוועלט חכמה הן גוים כמר מדלי נוא די עובדי כוכבים זיינן ביי גאט גיאכט וויא דר ביטערער טראפין פון דעם עמער וואש דער פון פוילט דר עמער • וכשחק מאזנים נחשבו אונ זיי זיינן גיאכט אזו וויא דאש אפ רייבונג פון די קופערנע וואג שאלין וואש ווערט אפ גיריבין פון דעם שימיל • הן איים כדק יטול די עובדי כוכבים זיינן גיאכט פאר גאט אזו וויא דער שטויב וואש ווערט אוועק גיטראגין דורך דעם ווינט דען זיי זיינען ניט חשוב ביי גאט דאש ער זאל פון זיי אויף שטעלין נביאים וואש ער זאל זיי מגלה זיין זיין סוד אזו וויא ער טוט צוא נביאי ישראל ולבנון אין די בער אונ דר וואלד איז ניט גנוג צו ברענן אויף גאטש מזבח וחיתו אין די עולה אונ די חיות פון דעם וואלד איז ניט גינוג צוא אויף ברייגגן עולות צו מכפר זיין אויף דער זינד פון די עובדי כוכבים כל הגוים כאין נגדו אלע עובדי כוכבים זיינן וויא נישט אנטקעגין אים מאפס ותהו נחשבו לו נאך ווייניגער פון נישט אונ ליידיקייט זיינן זיי גיאכט ביי אים אונ צו וועמען טוט איר עובדי כוכבים גלייכין גאט אונ וואש פאר איין דמות טוט איר אן ריכטין צו אים הפסל נסך חרש דיא בילד טוט דער בעל מלאכה אויש גיסין פון קופער אונ דר נאך טוט אים דער גאלד שמיד מיט גילדערנע בלעך בעדעקין • אונ ווען מען וויל מאכין איין בילד פון האלץ טוט מען אזו המסוכן תרומה דער וואש איז גילערינט צו אויש קלויבין האלץ וואש קען איין קיום האבין עש זאל ניט אזו גיך פאר פוילט ווערין עץ לא ירקב יבחר איין האלץ וואש ווערט ניט גיך פר פוילט טוט ער אויש דער ווייליו אונ איין קלוגין בעל מלאכה טוט ער זוכין ער זאל אים אן ברייטין פון דעם האלץ איין שטארקע בילד וואש זיא זאל זיך ניט אויש גליטשין אזו טוט איר עובדי כוכבים אבער איר האט דאש ניט גיהערט צו טאן הלא תדעו הלא תשמעו דען איר ווייסט דאך וואול אונ איר האט דאך גיהערט פון אנדערע מענטשין אונ עש איז דאך פון לאנג ווארין גזאגט צו אייך הלא הבינותם מוסדות הארץ פאר וואר איר פאר שטייט דאך ווער עש האט גימאכט די אפ גרונטין פון דר ערד דאש האט דאך גאט גימאכט דרום וואלט איר גידארפט

אים

אים דינען ניט קיין בילדער היושב על חוג הארץ
דער גאט וואש זיצט אויף דעם צירקיל פון דר
ערד אונ אירע זיצער זיינן פר אים גיאכט אזו
וויא היישעריקן. הנוטה כדוק שמים דער גאט וואש
האט אויש גיצויגן דיא הימיל וויא איין הויט
אונ האט זיא פר שפרייט וויא איין גיצעלט מען
זאל זיצן אונטר זיי דעם גאט וואלט איר געהערט
צו דינן הנותן רוזנים לאין דער גאט וואש גיט די
ראט הארין צו נישט אונ די שופטים פון דער
ערד האט ער גימאכט אזו וויא לערקייט אף בל
נטעו אונ זיא זיינען ווארין אויש גיריסין גלייך
וויא זיא זיינען גאר ניט גיפלאנצט גיווארין
אונ גלייך וויא זיא זיינען גאר ניט גיזייט
גיווארין אונ גלייך וויא זייער ווארציל איז
גאר ניט איין גיווארצילט גיווארין אין דער
ערד עש זאל קענען ווידער וואקסין פון אים
וגם נשף בהם ויבשו אונ ער האט נאר איין וויא
גיטאן אין זיא איין ווינט אזוא זיינען זיא
ווארין פר דארט אונ איין שטורעם ווינט האט
זיא אוועק גיטראגן אזוא וויא איין שטרויא
דעם גאט וואש טוט דיא זאכין וואלט איר
גיהערט דינען ניט די בילדער ואל מי תדמיוני
ואשוה אונ צוא ווען ווילט איר עובדי
כוכבים מיר גלייכין אונ איך זאל גלייך זיין
יאמר קדוש אזוא זאגט דער הייליגער גאט שאו
מרום עיניכם הויבט אויף צום הימיל אייערע
אויגין אונ זעהט ווער עש האט באשאפין
דיא אלע חיילות וואש ווערין אן גיזעהען
אין הימיל אונ ווער איז דער המוציא במספר
צבאם וואש טוט אלע טאג מיט דער צאל
אויש ציהען דיא חיילות פון דעם הימיל צוא
יטליכין באזונדער טוט ער רופין מיט זיין
נאמען פאר וואר דאש טוט אלץ גאט מרוב
אונים ואמיץ כח איש לא נעדר פון וועגין דיא פיל
קראפט וואש ער האט אונ איז גישטארקט
מיט כח ווערט קיינער פון דיא חילות ניט
גימינערט ער זאל אים ניט רופין: מיט זיין
נאמען · מיר וועלין שרייבין וואש דער ספרי
שרייבט אויף דיא פסוקים כל גיא ינשא אזוא
וועלין דיא ישראל זאגין צוא גאט מיר שעמען
זיך: פאר אונזערע עדות דאש איז הימיל אונ
ערד וואש זיא זאגין עדות אויף אונזערע
עבירות אונ זיא שפעטין פון אונז ווערט גאט
ענטפערין איך וועל זיא מאכין פאר לירין
אזוא וויא אין פסוק שטייט כי הנני בורא שמים
חדשים וארץ חדשה איך וועל באשאפין נאייע
הימלען אונ איין נאייע ערד · אזוא וועלין
דיא ישראל ווייטער זאגין צוא גאט אונזער
נאמען איז נאך דא אויף דער וועלט וואש
מיר האבין עבירות גיטאן ווערט גאט ענטפערין
איך וועל דיין נאמען מאכין איבער פארין
אזוא וויא אין פסוק שטייט וקרא לך שם חדש
ער ווערט דיך רופין מיט איין נייעם נאמען ·
אזוא וועלין דיא ישראל זאגין צו גאט דער
נאמען פון דער עבודת כוכבים וואש מיר
האבין גידינט איז נאך דא אויף דער וועלט
ווערט גאט ענטפערין איך וועל זיא מאכין
פאר לירין אזוא וויא אין פסוק שטייט
והכרתי שמות הבעלים איך וועל פאר שניידין
דיא נעמען פון דיא אפ געטער בעל ·
דיא גמרא זאגט אין סנהדרין איין עובד
כוכבים האט גיפרעגט צוא רבי אבוהו אייער
גאט איז דאך איין כהן וויא אין פסוק
שטייט ויקחו לי תרומה איר זאלט מיר געבין
תרומה אונ אז ער האט באגראבין משה
וואו האט ער זיך גיטובילט דען עש שטייט
באיי אים מי מדד בשעלו מים דאש אלע וואשערין
פון דער וועלט איז נאר דיא מאס פון זיין
איין טריט האט רבי אבוהו גיענטפערט ער
האט זיך טובל גיוועזן אין פייער אזו וויא אין
פסוק שטייט הנה יי באש יבא גאט ווערט קומען
אין פייער · כל הגוים כאין נגדו דער תנחומא
שרייבט קום אונ זעה וויא איין גרויש
פאלק פרעה האט אויש גיצויגן פון מצרים
צוא נאך יאגין נאך ישראל אזו האבין זיך
דיא ישראל זייער דער שראקין אונ האבין
גיזאגט ווער קען באשטיין אנטקעגין אזוא
איין גרויש פאלק האט גאט גיזאגט פארכט
איך ניט זיא זיינען גלייך וויא איין פערד
איך וועל זיא באלד פר לירין אזו וויא אין
פסוק שטייט כי בא סוס פרעה אז עש איז גיקומען
דאש פערד פון פרעה אונ אזוא אויך וועלין
דיא ישראל שירה זאגין ווען דאש פאלק פון
גוג ומגוג וועלין פאר לארין ווערין אזו ווערט
גיהייליגט ווערין דער נאמען פון גאט פאר
אלע אומות:

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן די חכמים זאגין דער פסוק
לערינט אונז דאש די מצות וואש מען
טוט מיט דיא פים דאש מען גייט אין שול
אריין אדר צו איין דרשה אדר מבקר חולה
זיין אדער מלוה זיין איין מת אדער צוא
מנחם אבל זיין אדר איין שמחת מצוה · פר
די מצות האט מען איין גרוישין שכר · אונ
אפילו אום שבת וואש מען טאר קיין גרוישן
טריט ניט טאן · אבער אין שול אריין מעג
מען לויפין · אונ ווער עש האלט ניט דיא
מצות טוען זיי נאך זיין טויט קלאגין אויף
אים · אזו וויא אין פסוק שטייט עון עקבי יסובני
די עבירות פון מיינע טריט טוען מיך ארום
רינגלען · אונ ווער עש האט גאוה מיט זיינע
טריט אדר ער לויפט צו איין עבירה דר ווערט
גישטראפט · אזו וויא מיר גיפינען ביי דער
טאכטר פון רבי חנינא בן תרדיון ווייל זיא
האט גאוה גיהאט מיט אירע טריט אזו איז
זיא גישטראפט גיווארין דאש מען האט זיא
מיט גוואלד אין איין שלעכט הויז גינומען ·
אונ זיא אליין האט גיזאגט דאש האב איך
פאר זינדיגט וואש איך האב גאוה גיהאט
מיט מיינע טריט דען גאט איז מדקדק אויף
די טריט פון די לייט · דאש זאגט דר פסוק
והיה עקב תשמעון אז איר ווערט האלטין די מצות
וואש מען טוט מיט די טריט פון דער פוס
אזוא ווערט אייך גאט געבין דאש לאנד אונ
אלין וואש ער האט אייך צו גיזאגט · אונ
נאך איין פשט איז דר שכר פון דיא מצות
ווערט צום סוף בצאלט אויף יענער וועלט ·
אבר דר שכר פון דעם רשע וואש ער האט
אויף זיין ווייניג ביסיל מצות באצאלט אים
גאט אויף דר וועלט · דאש זאגט דר פסוק
והיה עקב תשמעון ווען איר ווערט מצות טאן
ווערט אייך גאט צום סוף בצאלין שכר אויף
יענער וועלט · דען עקב איז טייטש סוף אזו
וויא די טריט איז דר סוף פון דעם גוף · אונ
נאך איין פשט איז דער פסוק ווייזט אונז
דאש אפילו דיא מצות וואש איין מענטש
האלט זיי פר גישט אזו וויא אזאך וואש מען
האלט פאר נישט אונ מען טרעט זיי מיט
די פים פון דעסט וועגין זאל ער דאך דיא
מצות האלטין · אונ מען זאל ניט וועגין די
מצות צו זאגין דאש איז איין גרויסע מצוה
וועל איך זיא טאן אונ דאש איז איין קליינע
מצוה וועל איך זיא ניט טאן · רבי אחא
זאגט אין מדרש תנחומא איין משל איין מלך
האט גינומען פועלים זיי זאלין אים פלאנצין
איין גארטין מיט אלערליי בוימער אונ זאגט
זיי ניט וואש דר שכר ווערט זיין · דען ווען
ער וואלט זיי זאגין דעם שכר וואלט איטליכר
גיוואלט ארבעטין ביי די גוטע בוימער כדי
ער זאל איין גוטן שכר נעמן · אונ עש וואלט
קיינער ניט גוואלט ארבעטן ביי די שלעכטע
בוימער · אזו וואלט דר גארטין ניט רעכט
גימאכט גיווארין · אזו אויך האט גאט ניט
גיזאגט דעם שכר פון דיא מצות כדי דער
מענטש זאל ניט אויש קלייבין וועלכע מצוה
ער זאל טאן · נאר וואש פאר איין מצוה עש
קומט אים צוא די הענט זאל ער טאן · רבי
שמעון בן יוחאי זאגט גאט האט גישטעלט
דעם שכר פון צווייא מצות פון איין גאנץ
גרינגע מצוה אונ פון דר הארבשטר מצוה ·
דאש איז ווען אייגער קומט צוא איין נעסט
פון פויגלאך אונ וויל פון זיי נעמען מוז ער
פריער אוועק שיקין די מוטער אונ דר נאך
זאל ער נעמן די קינדר · אונ גאט האט גזאגט
ווען דר מענטש ווערט אזו טאן ווערט זיין שכר
זיין דאש ער ווערט לאנג לעבין · אונ דיא
הארבסטע מצוה איז דאש מען זאל ערלאך
האלטין פאטר אונ מוטער · אונ גאט האט
אויך דר ביי גיזאגט דאש דורך דעם ווערט
מען לאנג לעבין · אזו האט גאט גיגליכין די
גרינגע מצוה צו דר הארבער מצוה צו געבן
אויף זיי גלייך שכר · אונ אזו וויא דר שכר
איז גרויש פון כבוד אב ואם אזוא איז דער
עונש גרויש ווען מען האלט ניט ערלאך
פאטר אונ מוטר · אזו וויא אין פסוק שטייט

דר וואש האלט ניט ערלאך פאטר אונ מוטר
וועלין אים די ראבין אויש פיקין דיא אויגין
אונ די אדלערש וועלין זיין פלייש אויף עסין
דען גאט בצאלט מדה כנגד מדה · דר ראב
איז אום דר בארימיג אויף זיינע קינדר וויל
זיי ווערין געבארין ווייש אונ די ראבין זייגען
שווארין · דרום זאגט דר זכר צו דער נקבה
דו האשט מזנה גווען מיט איין אנדרין פויגל
דרום זיינן דיינע קינדר ווייש · אזו לאזין זיי
די קינדער שטיין אונ שפייזין זיי ניט · מאכט
גאט דאש פון זייער צואה ווערט געבארין
פליגין אונ זיי עסין די פליגין ביז זיי ווערין
גרויש אונ דר נאך ווערין זיי שווארין · דרום
שיקט גאט דעם ראב וואש ער איז אום דער
בארימיג אויף זיינע קינדר צו אויש פיקין
די אויגין פון דעם וואש איז אום דר בארימיג
אויף זיין פאטער אונ מוטער אונ זיין פלייש
עסין זיי ניט אויף אונ גאט שיקט ווידר איין
אדלער וואש ער איז דר בארימיג אויף זיינע
קינדר צו אויף עסין דאש פלייש פון דעם
מענטשן · דען דר אדלר טראגט זיינע קינדר
אויף די פליגיל וויל ער פארכט זיך מען וועט
שיסין מיט איין פייל · דרום זאגט ער לאז
בעסער דיא פייל אריין גיין אין מיר אונ ניט
אין מיינע קינדר · ווען ער קומט צו זיין נעסט
קלאפט ער פריער מיט די פליגיל ער זאל ניט
קומן פלוצלונג דאש ער זאל ניט דר שרעקן
זיינע קינדער · ושמר יי אלהיך די אלע טובות
וואש גאט האט צו גיזאגט צו געבין אויף
דר וועלט דאש איז אלין פון די ברכות וואש
בלעם האט גיבענטשט צו ישראל · אבר די
ברכות וואש אונזערע עלטערין האבן אונז
גיבענטשט אברהם יצחק ויעקב דיא ברכות
וועלין צום סוף מקוים ווערין אויף יענער
וועלט · דאש זאגט דר פסוק ושמר דאש איז
טייטש ווארטין דאש גאט וועט ווארטן אונ
וועט בהאלטין דעם שכר אויף יענר וועלט ·
והסיר יי ממך כל חולי גאט וועט פון דיר אפ טאן
אלע קראנקייטן · רב זאגט דער פסוק מיינט

איין עין הרע · דען רב איז גיגאנגען אויף
דעם בית הקברות איז ער גיוואר גיווארין
דאש פון הונדרט מענטשן שטארבט איינר
מיט אגיוואנליכין טויט אונ וייטר שטארבן
אלע דורך איין עין הרע · כל המצוה דאס
לעריינט אונז ווען איין מענטש הויבט אן
איין מצוה טאן זאל ער זיא אין גאנצן טאן ·
דען מיר געפינען דאש משה רבינו האט איין
מצוה גיטאן אונ האט די ביינער פון יוסף
אויף גיבראכט פון מצרים צו פירין זיי קיין
ארץ ישראל · אונ וויל ער האט דיא מצוה
ניט אויס גילאזט אונ האט דיא ביינער ניט
גיבראכט קיין ארץ ישראל · אונ די ישראל
האבין די ביינער גיבראכט קיין ארץ ישראל
דרום האט די תורה אן גישריבין די מצוה
אויף די ישראל ואת עצמות יוסף אשר העלו בני
ישראל ממצרים קברו בשכם גליך וויא די ישראל
האבין די מצוה גאר אליין גיטאן ניט משה ·
ויענך ויאכלך את המן דר פסוק ווייזט אונז דאש
דר מן האט ישראל קלוג גימאכט אונ זייא
האבין דורך אים איין לויטערין שכל באקומן
דרום זאגט דר פסוק גאט האט דיך הונגעריג
גימאכט דאש דוא זאלסט פאר דייען דאש
פראסטע עסין וואש פון דר ערד · אונ דער
נאך האט ער דיר גיגעבין מן צוא עסין פון
דעם הימיל וואש דורך דעם האט איר שכל
באקומען צו באהעפטין זיך אין דר שכינה ·
שמלתך לא בלתה די קליידער פון ישראל זיינען
ניט ווארין פאר פוילט אויף ישראל די גאנצע
פערציג יאר וואש זיי זיינען גיוועזן אין דער
מדבר · אונ דאש איז גיוועזן איין גרוישר נס
צוא גיין אין איין העמד פערציג יאר · אונ
היינט אז מען גייט דרייסיג טעג אין איין
העמד לייד מען פיל צרות · נאר גאט האט
גילאזט אויף זייא וואקסין איין גוטין ווינט אונ
ער האט גימאכט די קליידער נייא אונ קיין
שווייס איז אין זיי ניט גיקומן · רבי אליעזר
האט גיפרעגט פון רבי שמעון מיט וואש
האט גאט די ישראל גיקלייד אין דר מדבר ·
האט

האט רבי שמעון אים געזאגט מיט זיידענע קליידר האבן די מלאכים צו ישראל געקלייד אונ פון קליינר הייד אן האט דאש קלייד מיט דעם קינד גוואקסן · אונ קיין שווייס האט בייא זיי ניט געשמעקט · דען בייא דעם באר האט געוואקסין גוטע קרייטער וואש האבין געשמעקט פון איין עק וועלט ביז אין אנדרין עק וועלט · אונ די ישראל האבן זיך גירוויכרט מיט די קרייטער דרום האט בייא זייא קיין שווייס ניט געשמעקט · אזו וויא אין פסוק שטייט בנאות דשא ירביצני בייא שיינע קרייטער האט ער מיך גימאכט רוען · אונ אין שיר השירים שטייט אויך וריח שלמותיך כריח לבנון דר ריח פון דיינע קליידר שמעקט וויא דיא גוטע בשמים · ורגלך לא בצקה אונ דיינע פיס זיינען ניט געשוואלין גיווארין · אטייל פון אונזערע חכמים זאגין דאש איז גימיינט די לוים האבין דעם ארון גיטראגין אין דער מדבר בארפוס אן שיך · אונ זייערע פיס זיינן ניט געשוואלין גיווארין · אונ אטייל חכמים זאגין כל ישראל זיינען בארפוס גיגאנגן · דען עש איז פאר פוילט גיווארין דר ריטען פון זייערע שיך אונ דאך איז זייערע פיס ניט ווארין געשוואלין · כי יי אלהיך מיסרך. דען גאט טוט דיך שטראפין · כלומר מיט דעם וואש גאט האט דיך גיפייניגט אונ האט דיר ניט גיגעבין ברויט מיט איין מאל · אונ דו האשט אלע טאג גמוזט האפין עש וועט דיר פאלין מן פון דעם הימיל · דר מיט האט דיך גאט גיוואנט דו זאלשט אלין אבטחון האבן אויף גאט · רבי אמי ורבי אסי קריגין איינר זאגט עש איז ניט גלייך דר וואש האט זיין ברויט וואש ער דארף אין איין מאל אדר ווער עש האט ניט · דען דר וואש האט ניט אין איין מאל דר קען ניט גיך זאט ווערין · אונ דער אנדערער זאגט עש איז ניט גלייך דר וואש זעהט וואש ער עסט צו איין בלינדין וואש זעהט ניט וואש ער עסט דען איין בלינדער קען ניט גיך זאט ווערין · אביי זאגט ווער

עס האט נאר איין סעודה צוא עסין זאל ער זיא עסין בייא טאג ניט ביי נאכט אזו וועט ער זאט ווערין · ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם ארץ ישראל איז אזו איין לאנד וואש דו וועשט דרינן גינוג ברויט האבין · די חכמים זאגין דר פסוק ווייזט מיר דאש די מענטשין פון ארץ ישראל האבין איין לויטערין שכל מער וויא די מענטשין פון אנדערע לענדער דען דר אויר פון ארץ ישראל איז לויטער אונ מאכט קלוג די לייט וואש וואונן דרינן · דאש זאגט דר פסוק דו וועשט דרינען גינוג ברויט האבין דאש מיינט מען די תורה וואש זיא איז גיגליכן צו ברויט · דען אזו וויא מען קאן ניט לעבין אן ברויט אזו קאן מען ניט לעבין אן דר תורה · דר נאך לויבט די תורה ארץ ישראל דאש דו וועסט דרינן גינוג אייזן אונ קופער האבן וואש מען דארף דאס נייטיג האבין צו אלע כלים · אבר גאלד אונ זילבר דארף מען ניט אזו נייטיג · דרום לויבט די תורה דר מיט ניט ארץ ישראל · וברכת את יי אלהיך דו זאלשט לויבין גאט דאש מיינט מען ווען דו האשט עפעש הנאה פון דער וועלט מיט עסין אדר טרינקען זאלשטו פריער איין ברכה מאכין · אונ מיט דר ברכה ווייזט מען דאש גאט האט דאס שפייז גיגעבין צום מענטשין דאש דרום לויבט ער אים · אבער ווער עס עסט אדער טרינקט אן איין ברכה איז גלייך וויא ער גזלת גאט אונ ברייגגט הונגער אויף דר וועלט · ורם לבבך ושכחת את יי אלהיך דער פסוק ווייזט אונז דאס ווען דר מענטש איז רייך אונ האט אלין דאש גוטש ווערט זיין הארץ דער הויבין אונ ער האט גאוה אונ פאר געסט אין גאט אונ זאגט איך בין דורך מיין שכל רייך גיווארן אונ מיין מזל אין הימיל האט דאש גימאכט · וזכרת את יי אלהיך דוא זאלשט גידיינקען דאש דיין גאט האט דיר דאש גיגעבין ניט דיין חכמה אדר דיין מזל · ויהי מקץ ארבעים יום אונ עש איז גיוועזן אין סוף פערציג טעג האב איך מקבל

גיוועזן

גיוועז די לוחות · פון דאנען לערנען מיר אפ דאש אין דעם טאג וואש די ישראל האבין מקבל גיוועז די לוחות דעם טאג האבין זייא דאש עגל גמאכט · אונ וויא באלד משה האט דר זעהען זיי האבין דאש עגל גמאכט האט ער צו בראכן די לוחות · דען ער האט גזאגט עש איז בעסער די לוחות זאלין צו בראכין ווערין · אזו וועט גאט די ישראל ניט זייער שטראפין דרויף וואש זיי האבין דאש עגל גימאכט ווייל זיי האבין ניט קיין תורה אונ קיין לוחות איז די עבירה ניט אזוא גרוויש · אונ אז משה האט דר זעהען דאש עגל איז ער אנטלאפין מיט די לוחות · אונ די זקנים זיינן אים נאך גילאפין אונ האבן אן גיהויבן אויש צו רייסין די לוחות פון משה · אבער משה איז שטארקער גיוועז פון אלע זקנים אונ די לוחות זיינן אין זיינע הענט גיבליבין · אונ משה האט גיזעהן דאש דר כתב פון די לוחות איז ארויש גיפלויגין צום הימעל · אזו זיינען די לוחות זייער שווער גיווארין אויף זיינע הענט אונ ער האט זיי ניט גיקאנט דר האלטין פאר שווערקייט · האט זייא משה גילאזט אראפ פאלין פון זיינע הענט אונ זיי זיינען צוא בראכין גיווארין · אונ גאט האט אים גיוויזין אונטער דעם כסא הכבוד דאס ער זאל פון דארטין אויש האקין צוויי אנדערע לוחות פון אבנים טובות אונ איך וועל אויף זיי אן שרייבין דיא עשרת הדברות · ובאהרן התאנף יי׳ אונ אין אהרן האט גאט גיצערינט אונ האט אים גוואלט טייטין זיינע פיר קינדר ווייל ער האט גימאכט דאס עגל נאר משה האט תפלה גיטאן האט דאס גיהאלפין דאס עס זיינען נאר צוויי קינדער גישטארבין אונ חאטשע די כוונה פון אהרן איז ניט גיוועז צום עגל נאר ער האט גיוואלט שטילין איין רגע די ישראל פון דעסט וועגין איז דאש גיוועזן איין חילול השם צו מאכין איין אפ גאט אונ ער האט גיסאבט זינדיגין כל ישראל דרעז גאט שטראפט דעם צדיק אפילו אויף איין קליינע עבירה שם מת אהרן דיא תורה האט גישטעלט די מיתה פון אהרן בייא דעם צוא בראכין די לוחות צו ווייזין דאש עש איז אזו ניט ליב ביי גאט די מיתה פון צדיקים אזוא וויא עס איז ניט ליב גיוועזן צו גאט דאס צו בראכין פון די לוחות · בעת ההיא הבדיל יי׳ את שבט הלוי אונ ווייל די לוים האבין ניט גידינט דאש עגל דרום האט גאט זיי אפ גישייד צו אלע הייליגע זאכין צוא טראגין דעם ארון מיט די לוחות אונ דינען אין בית המקדש · ועתה ישראל מה יי׳ אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה את יי׳ דר פסוק לערינט אונז דאש גאט איז גערין מוחל זיין דעם מענטשן נאר ער זאל תשובה טאן אויף זיינע עבירות דאס זאגט דער פסוק חאטשע איר האט גידינט עבודת כוכבים פון דעסט וועגין ווען איר וועט תשובה טאן אונ וועט זיך פארכטין פאר גאט אזו וועט גאט אייך מוחל זיין אייערע עבירות · אויך ווייזט אונז דער פסוק דאס אלץ איז אין גאטש האנט נאר דאש דער מענטש זאל זיך פארכטין פאר גאט איז ניט בייא גאט אין די הענט נאר ביי דעם מענטשין אין דר האנט דרום זאל זיך דער מענטש אליין באטראכטין פרום צו זיין אונ פארכטין זיך פאר גאט אונ צדקה צו געבין איז די גרעסטע מצוה · די חכמים זאגין איין משל איין מענטש וואש מען האט אים גינומן צום משפט פאר איין מלך אונ דער מענטש האט גיהאט דריי גוטע פריינט וואס פלעגין אים אלע מאל העלפין אונ אז מען האט אים גינומען צום משפט איז ער גיקומן צום בעשטין פריינט אונ בעט אים ער זאל מיט אים גיין פאר דעם מלך האט ער גיענטפערט איך וועל מיט דיר ניט גיין אפילו איין טריט איז ער גיקומען צום אנדערין פריינט האט ער גיענטפערט איך וועל מיט דיר גיין ביז אין דער טיר פון דעם מלך איז ער גיקומען צום דריטין פריינט האט ער גיענטפערט איך וועל מיט דיר גיין אין שטוב אריין צום מלך

נאר

גאר איך וועל פאר דיר ניט ריידין האט זיך דר מענטש דר מאנט אין איין פריינט וואס ער האט פון אים קיין מאל ניט פיל גיהאלטין איז ער צוא אים גיקומען אונ זאגט צו אים גייא מיט מיר פאר דעם מלך האט דר פריינט צו אים גיזאגט חאטשע דו האסט מיך תמיד פאר נישט גיהאלטין דאך וועל איך מיט דיר גיין פאר דעם מלך אונ וועל פאר דיר ריידין בייא דעם מלך אונ וועל דיך מציל זיין פון דעם טויט אונ אזו איז גיוועזן דאש ער האט אים גיהאלפין אזו אויך ווען דער מענטש וויל שטארבין אזו זיין בעסטר פריינט וואש ער האט אים צום בעסטין ליב דאש איז געלט דאש גייט מיט אים ניט אפילו איין טריט דר אנדערער פריינט איז זיינע קרובים אונ ווייב אונ קינדר דיא גייען מיט אים ביז אין קבר אונ דיא תכריכים זיינען דער דריטער פריינט די גייען מיט אים פאר דעם מלך אבר זיי ריידין ניט פאר אים אונ קענען אים ניט העלפין אבער דר פריינט וואש דער מענטש האט דר פון ניט פיל גיהאלטין דאש איז די צדקה אונ מעשים טובים די גייען מיט אים פאר גאט צום משפט אונ זיינען אים מציל פון דעם גיהנם אזוא וויא אין פסוק שטייט וצדקה תציל ממות דיא צדקה איז מציל פון דעם טויט · די חכמים זאגין עש איז גיוועזן איין גרויסער עושר נבל פון כרמל אונ האט קיין עני קיין מאל ניט גיוואלט לייען דרום האט גאט אויף אים איין מיתה משונה גישיקט · די חכמים לערנען אפ פון דעם פסוק מה יי' אלהיך שואל מעמך דאש דר מענטש זאל אלע טאג הונדערט ברכות מאכין דען דוד המלך האט אלע טאג גימאכט הונדערט ברכות וויל עש איז אלע טאג הונדערט מענטשין גישטארבין פון ישראל · אשר לא ישא פנים גאט חנפת ניט אפילו דעם גרעסטן צדיק שטראפט ער אויף זיין קלענסטע עבירה וואס ער טוט אונ ער נעמט ניט קיין שוחד די טויזנט מצות וואס דער צדיק האט גיטאן אנטקעגין איין עבירה וואש ער האט גיטאן ניי ערט ער שטראפט אים אויף דר עבירה אונ גיט אים שכר אויף די מצות אונ ער טוט דעם משפט פון איין יתום אונ פון איין אלמנה חאטשע גאט איז הויך אונ חשוב ולעבדו בכל לבבכם איר זאלט גאט דינען מיט אייער גאנצן הארצין דאס מיינט מען די תפלה דאס זאל זיין דר עיקר מיט דעם הארצין אונ מיט גוטע מחשבות צו גאט דו זאלסט וויסין דאס תפלה איז מבטל גזירות רעות חאטשע דאש מזל אין הימיל ווייזט אויף דעם מענטשין דאש ער וועט קיין קינדר ניט האבין קען ער דאש מזל דורך תפלה איבער מאכין אזו וויא מיר גיפינן ביי יצחק דאש ער האט תפלה גיטאן אזו האט זיין ווייב רבקה קינדער גיוואונען חאטשע איר מזל האט ניט אזו אויש גיוויזן דען די חכמים האבין די תפלה מסדר גיוועזן אונ האבין קיין איבעריג ווארט דרינען ניט גישטעלט אונ מען זאל שטיל תפלה טאן אזו וויא מיר גיפינען ביי חנה דאס זיא האט אין בית המקדש שטיל תפלה גיטאן זיא האט נאר גירידט מיט אירע לעפצן אזו האט דר כהן גדול גמיינט זיא איז שיכור אונ האט צו איר גיזאגט וואס טוסטו דא דוא שיכורי אשה · האט זיא אים גיענטפערט דו ביסט קיין רעכטער נביא ניט איך טוא תפלה אזו האט דער כהן גדול גיזאגט דוא זאלסט זיין גיבענטשט דו וועסט דאס יאר גיווינען איין זון דען גאט האט דיין תפלה אן גינומען · פון דאנען זאל מען אפ לערנען מען זאל ניט שרייען אין דר תפלה ובפרט די ווייבר דארפן בוודאי זיך אפ היטין ניט צו שרייען דען זיי זיינען מבטל מיט זייער גישרייא דאס דער אנדערער קאן ניט רעכט תפלה טאן אונ נאך איין עבירה האבין דיא ווייבער דורך זייער שרייען דאש די מאנען הערין זייער קול אונ האבין בייזע מחשבות · אונ דר מענטש זאל מיט מורא תפלה טאן ער זאל זיך איין משל נעמן ווען ער זאל שטיין פאר איין מלך בשר

וִדם

וָדָם אַזוֹא וָואלְט עֶר מִיט צִיטֶּרְנִשׁ אוּנ מִיט מוֹרָא גִישְׁטַאנֶן מִכָּל שֶׁכֵּן וָוען עֶר שְׁטֵייט פַאר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוּנ וִויא בַּאלְד דר מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף פוּן זַיין שְׁלָאף זָאל עֶר גָאט לוֹיבִּין וָואשׁ עֶר הָאט אִים זַיין נְשָׁמָה אוּם גִיקֶערְט דֶען בַּיי נַאכְט אַז דר מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט גֵייט זַיין נְשָׁמָה אַרוֹיף אִין הִימִיל אוּנ וָוען דֶער מֶענְטְשׁ הַאפְּט זִיךְ אוֹיף קֶערְט זִיךְ דִי נְשָׁמָה ווידֶר צוּ אִים אוּם אוּנ וָוען דר מֶענְטְשׁ הַאפְּט זִיךְ אוֹיף אִין דֶר פְרִיא פְרֵיילֶעךְ זָאל עֶר וִויסִין דָאס זַיין נְשָׁמָה אִיז רֵיין גִיוֶועזִן דִי נַאכְט גָאט אוּנ אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף טְרוֹיעֶרִיג אוּנ ווייסְט נִיט וָואס אִים אִיז אַזוֹ זָאל עֶר וִויסִין דָאשׁ זַיין נְשָׁמָה אִיז נִיט רֵיין גִיוֶועזִן פַאר גָאט דִי נַאכְט · אוּנ ווייל מִיר הַאלְטִין פוּן תְּפִלָּה וֶועלִין מִיר אַטֵייל דִינִים שְׁרַייבִּין פוּן תְּפִלָּה · דר מֶענְטְשׁ זָאל וִויסִין דָאשׁ עֶר זָאל זִיךְ נִיט אַלֶע מָאל בּוּקִין נָאר אַז עֶר הוֹיבְּט אָן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּנ צוּ מָגֵן אַבְרָהָם אוּנ צוּ מוֹדִים אוּנ צוּא הַטּוֹב שִׁמְךָ וּלְךָ נָאֶה לְהוֹדוֹת אוּנ אַז עֶר גֵייט אוֹיס שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּנ עֶר זָאל מִיט דֶר לִינְקֶר פוּס פְרִיעֶר אוֹישׁ גֵיין אוּנ זָאל דְרַיי טְרִיט אַהִינְטֶער גֵיין אוּנ דר נָאךְ זָאל עֶר זִיךְ בּוּקִין דְרַיי מָאל אֵיין מָאל אַטְקֶעגִין זַיין לִינְקֶע הַאנְט אוּנ נָאךְ אֵיין מָאל אַנְטְקֶעגִין זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אוּנ אֵיין מָאל גְלַייךְ אַנְטְקֶעגִין אוּנ עֶר זָאל גִיוָואוֹרִינְט זַיין עֶר זָאל זִיךְ נִיט מֶער בּוּקִין וִויא דָא שְׁטֵייט · וְנָתַתִּי מְטַר אַרְצְכֶם בְּעִתּוֹ אִיךְ וֶועל גֶעבִּין דֶעם רֶעגִין אִין זַיין צַייט וֶוען מֶען בַּאדַארְף אִים נִיט צוּ פִיל אוּנ נִיט צוּ וֵוויינִיג וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ וְתִירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ אוּנ דוּא וֶועסְט אֵיין צַאמְלֶען דַיין קָארִין אוּנ דַיין ווַיין אוּנ דַיין בּוֹים אֵייל דִיא חֲכָמִים זָאגִין הָאטְשֶׁע גָאט הָאט גִיזָאגְט דוּ זָאלְסְט טָאג אוּנ נַאכְט תּוֹרָה לֶערְנֶען זָאלְסְטוּ דָאךְ הַאנְדְלֶען אוֹיךְ דֶען עֶס אִיז גוּט תּוֹרָה מִיט סְחוֹרָה וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ אוּנ אִיךְ גָאט וֶועל מַאכִין וַואקְסִין דַיין גְרָאז אוּנ דַיין תְּבוּאָה נִיט וִויא דִיא בַּארְעֶשְׁע מֶענְטְשִׁין זָאגִין דָאשׁ דָאס גְרָאז אוּנ תְּבוּאָה וַואקְסְט דוּרךְ דִיא מַזָּלוֹת דְרוּם זָאגְט גָאט וְנָתַתִּי אִיךְ וֶועל גֶעבִּין דָאס גְרָאז אוּנ עֶס שְׁטֵייט פְרִיעֶר וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ אִיךְ וֶועל גֶעבִּין דָאשׁ גְרָאז אִין דַיין פֶעלְד צוּא דַיינֶע בְּהֵמוֹת אוּנ דֶר נָאךְ שְׁטֵייט וְאָכַלְתָּ דוּ זָאלְסְט עֶסִין צוּ וֵוייזִין מֶען זָאל פְרִיעֶר גֶעבִּין דֶער בְּהֵמָה עֶסִין אוּנ דֶר נָאךְ זָאל מֶען אַלֵיין עֶסִין הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם זַייט גִיוָוארִינְט דָאשׁ אַייֶער הָאָרֶץ זָאל נִיט אִיבֶּער גִירֶעט וֶוערִין צוּא בֵּייזִין · דִיא חֲכָמִים זָאגִין וֶוען אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז רַייךְ אַזוֹא אִיז זַיין הָאָרֶץ הָאפֶּעֶרְדִיג אוּנ הוֹיךְ אוּנ דְרוּם קוּמְט דָאשׁ עֶר טוּט בֵּייז אוּנ דְרוּם אוֹיךְ וְחָרָה אַף יְיָ בָּכֶם וְעָצַר אֶת הַשָּׁמַיִם וְלֹא יִהְיֶה מָטָר וֶועט גָאט אוֹיף אַייךְ צַארְנֶען אוּנ עֶשׁ וֶועט קֵיין רֶעגִין נִיט גֵיין אִין מַסֶּכֶת תַּעֲנִית קְרִיגִין רַבִּי אֱלִיעֶזֶר מִיט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט דִי רֶעגִין קוּמֶען פוּן דֶעם יַם אוֹקְיָנוֹס דָאס דִי וָואלְקִין טְרִינְקֶען זִיךְ אָן אִין יַם אוּנ צוּ טְרָאגִין דָאס וַואסֶער אִיבֶּער דֶר גַאנְצֶער וֶועלְט אַזוֹא וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט וְאֵד יַעֲלֶה מִן הָאָרֶץ וְהִשְׁקָה אֶת הַגָּן אֵיין וָואלְקִין גֵייט אוֹיף פוּן דֶר עֶרְד אוּנ הָאט אָן גִיטְרוּנְקֶען דִי עֶרְד אוּנ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט דִי רֶעגִין קוּמֶען פוּן דֶעם וַואשֶׂער וָואשׁ אוֹיף דֶעם הִימִיל אִיז פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית · אוּנ דֶער בְּחַיֵי זָאגְט דִי בֵּיידֶע רַבָּנִים זָאגִין אֱמֶת אַמָאל גֵייט רֶעגִין פוּן דֶעם הִימִיל אוּנ אַמָאל גֵייט רֶעגִין פוּן דֶעם יַם אוֹקְיָנוֹס דֶער רֶעגִין וָואשׁ גֵייט פוּן דֶעם יַם הֵייסְט גֶשֶׁם אוּנ דֶער רֶעגִין וָואשׁ גֵייט פוּן דֶער וַואשֶׂער פוּן דֶעם הִימִיל דֶר הֵיישְׁט מָטָר דֶר רֶעגִין וָואשׁ קוּמְט פוּן דֶעם יַם מַאכְט דִי עֶרְד טְרָאגִין אַזוֹ וִויא אֵיין אַלְמָנָה וֶוערְט טְרָאגִין פוּן אֵיין פְרֶעמְדִין מַאן דְרוּם אִיז דִיא בְּרָכָה נִיט גַאנְץ גוּט פוּן דֶעם רֶעגִין וָואס קוּמְט פוּן דֶעם יַם אָבֶּער דֶר רֶעגִין וָואס קוּמְט פוּן דֶעם וַואשֶׂער פוּן דֶעם הִימִיל אִיז גְלַייךְ וִויא אֵיין אִשָּׁה וֶוערְט טְרָאגִין פוּן אִיר מַאן אוּנ דִיא בְּרָכָה פוּן דֶעם רֶעגִין

איז גוט אזוא וויא אין פסוק שטייט יפתח יי
לך את אוצרו הטוב את השמים גאט וועט דיר
עפענן זיין גוטין אוצר פון דעם הימיל ושמתם
את דברי אלה על לבבכם די חכמים זאגין חאטשע
ישראל זיינען אין גלות זאלין זיי דאך זיין
ניצייכינט מיט מצות תפילין אונ מיט מזוזה
אונ מיט ציצית אונ מילה ולמדתם אותם את
בניכם אונ איר זאלט מאכין לערנען אייערע
קינדר ווען דאש קינד הייבט אן צו ריידין
זאל דר פאטער אים לערנען צו זאגין תורה
צוה לנו משה מורשה אונ שמע ישראל לתת
להם כימי השמים על הארץ דר פסוק לערינט אונז
דאש ארץ ישראל איז ווארין גיגעבין אויף
אייביג צו ישראל אזו לאנג וויא דר הימיל
וועט זיין אויף דר וועלט אונ חאטשע זייא
זיינען אין גלות דאך וועלין זיי זיך ווידער
אום קערין קיין ארץ ישראל כי אם שמור תשמרון
ווען איר וועט היטין גאטש מצות וועט אייך
גאט היטין פון אייערע פיינט אזו איין
גלייכעניש וויא דר פסוק זאגט והיה אם שמוע
תשמעו איז גימיינט ווען איר וועט הערין די
גיבאט פון דיא מצות וועט גאט צוא הערין
אייער תפלה לא יתיצב איש בפניכם קיין מענטש
וועט זיך אנטקעגין אייך ניט שטעלן פחדכם
ומוראכם יתן יי אלהיכם על פני כל הארץ דער פסוק
ווייזט אונז דאש דר מענטש זאל זיך פאר
לאזין אויף גאט אונ זאל זיך ניט פארכטין
פאר קיין שום מענטשין נאר פאר גאט דען
דער וואש פאר זיכערט זיך אין גאט דער
ווערט ניצול פון אלע צרות אזוא וויא אין
פסוק שטייט ובוטח ביי ישוגב דער וואש פאר
זיכערט זיך אין גאט דר ווערט גישטארקט
אונ דר וואס האלט די מצות אונ גייט אבינט
אונ מארגין אין שול דר לעבט לאנג אזוא
וויא מיר גיפינן אין ספר ילמדנו איין מעשה
מיט איין אשה וואש זיא איז זייער אלט
גיוועזן איז זיא גיקומען פאר רבי יוסי בן
חלפתא אונ זאגט איך בין זייער אלט איך
קען גיט עסין אונ טרינקען אונ ניט שלאפין
עס איז שוין מיר מיאוס דאש לעבין איך
וואלט גערין שטארבין האט רבי יוסי צוא
איר גיזאגט וואש פאר איין מצוה ביסטו
גיוואוינט צו טאן אלע דיינע טעג זאגט די
אשה איך בין צום ערשטין אין שול גיגאנגן
אבינט אונ מארגין האט רבי יוסי צו איר
גיזאגט גייא דרייא טעג ניט אין שול אריין
האט די אשה אזו גיטאן אזו איז זיא אין
דעם דריטין טאג קראנק גיווארין אונ איז
גישטארבין דאש האט שלמה המלך גיזאגט
וואול דעם מענטשין וואש גייט אלע טאג אין
שול אריין ער וועט גיפינען לאנג לעבין :

# הפטרת עקב

ותאמר ציון עזבני יי די שטאט ציון טוט זיך טרכטין
גאט האט מיך פאר לאזט אונ האט מיך
פר געסין אבער עש איז ניט אזוא התשכח אשה
עולה פר געסט דען איין אשה איר יונג קינד מרחם
בן בטנה פון צו דר בארימן זיך איבער דעם קינד
וואס גייט ארויש פון איר בויך דאס קען דאך
ניט זיין דיא זאל דאס פר געסן אזו פר געס איך
גאט דיך. איך ניט אונ ווען אפילו אמאל ווערין
די זאבן יוא פר געסן אבר איך גאט פר געס דיך
ניט הן על כפים חקותיך איך גידיינק דיך גלייך וויא
איך האב דיך אויש גיקריצט אויף מיינע הענט
אונ דיינע טויערין פון דעם בית המקדש דיינען
תמיד אנטקעגין מיר איך זאל מיך דר מאנן צו
בויען זיי מהרו בניך לאזן דיינע קינדר איילן תשובה
צו טאן אזו וועלן פון דיר ארויס גיין דיא וואש
האבין דיך חרוב גימאכט זיי וועלן דיך מער
ניט חרוב מאכין שאי סביב עיניך וראי הויב אויף
ארום אונ ארום דיינע אויגן אונ זעה דאש אלע
דיינע קינדר זיינן גיווארן איין גיזאמילט אונ זיינן
גיקומן צו דיר חי אני נאום יי דאס שווער איך אחי
וויא איך לעב אזוא זאגט גאט דאש מיט אלע
דיינע קינדער וועסטו דיך אן קליידין אזו וויא
מיט איין צירונג אונ דוא וועסט די קינדר אן
קניפין אן דיר אזו וויא מען קניפט אן צירונג ביי
איין כלה כי חרבותיך ושוממותיך דען דיינע חורבות
אונ דיינע וויסטע ערטר אונ דין צו פירט לאנד
וועט היינט איינג זיין צוא בויען דרויף הייזער
צו זיצין דרינן פון וועגין פיל זיצר וואס וועלין

קומען

קומען זיצן אין דיין לאנד אונ אלע דיינע פאר
דארבר וועלן דער וייטערט ווערין פון דיר עוד
יאמרו באזניך זיי וועלן נאך זאגן אין דיינע אויערן
די קינדר וואס דו בישט גיוועזן פר ווארפן פון
זיי עש איז מיר איינג דאש ארט צו זיצן דריגן
פון וועגן פיל פאלק אונ איינר וועט זאגין צוא
זיין חבר גינעהען פון מיטט וועגן אונ רוק זיך
אוועק אויף אנאנדער ארט אונ איך וועל מיך
זעצין אויף דיין ארט ואמרת בלבבך אזו וועסטו צו
זיך טראכטין אין דיין הארצין ווער האט מיר
אויף גיצויגין די דאזיגע קינדר איך בין דאך
גיוועזן פר ווארפן פון זיי אונ בין גיוועזן אליין
כה אמר אדני יהוה אזו זאגט גאט דר האר איך
וועל אויף הויבן צו די פעלקר מיין האנט אונ
צו די עובדי כוכבים וועל איך אויף הויבן מיין
פענדיל פר איין סימן זייא זאלן ברייגנען קיין
ציון דיא פר טריבענע ישראל אונ זייא וועלין
ברייגנן דיינע קינדר אין די עקין פון זייערע
קליידער אונ דיינע טעכטער וועלין אויף דיא
אקסלען גיטראגין ווערין צוא דיר · אונ אלע
מענטשין וועלין רענשט מאל וויסן דאש איך
גאט בין דיין העלפער אונ דיין אויס לייזער
איז דער שטארקר גאט פון יעקב כה אמר יי אזו
זאגט גאט וואו איז דער גט וואש איך האב
אייער מוטער דיא כנסת ישראל מיט אים
אוועק גשיקט אונ ווער איז פון מיינע אנטלייער
וואש איך האב ביי אים געלט גיליען דאש
איך האב אייך פאר קויפט צו אים פאר זיין
חוב איר זייט נאר פאר קויפט גיווארין איבר
אייערע עבירות אונ איבער אייערע זינד איז
גיווארן אוועק געשיקט אייער מוטר פון מיר
אונ אז איר וועט תשובה טאן וועט דאש
זיין דאש געלט פון אייער אויש לייזונג ·
מדוע באתי ואין איש ווארום בין איך גאט גיקומן
צו גינעהענען אייך צו מיר אונ קיין מענטש
קערט זיך ניט צו מיר מיט תשובה איך האב
גירופין איר זאלט צוא מיר קומן אונ קיינער
ענטפערט מיר גאר ניט איז דען ווארן גיקרצט
מיין האנט צו אויש לייזן אייך אדר האב איך
דען קיין כח צו מציל זיין אייך הן בגערתי אחריב
ים נאך מיט מיין גישרייא האב איך גימאכט
טרוקן דעם ים אונ האב גימאכט טרוקן דיא
טייכין אזו וויא מדבר אונ עש איז פר שטונקן
גיווארין זייערע פיש ווייל עש איז קיין וואסער
ניט גיוועזן אונ זיי זיינען גישטארבין פון וועגין
דארשט אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם איך טו
אן קליידן דיא הימלען מיט שווארצקייט אז
איך קום גיצאלט ווערין פון איין אומה אונ
איין זאק טוא איך זייערע קליידער אדני יהוה
נתן לי לשון למודים זאגט ישעיה גאט דער האר
האט מיר גיגעבין איין ריין לשון איך זאל
קענען דער מיט לערנען לייט דאש איך זאל
מאכין וויסן צו דעם וואש גילוסט צו הערין
גאטש רייד זאל איך אים מאכין וויסן גאטש
רייד גאט דר וועקט מיך אלע מארגין פריא
צוא גיין נביאות זאגין אונ דער וועקט מיינע
אויערין מיט רוח הקודש צו הערין דעם אמת
אונ דאש רעכט פארשטייט אזוא וויא דער
סדר איז פון די לערנונג גוי נתתי למכים מיין רוקין
האב איך גיגעבין צו דיא שלעגער אונ מיינע
קין באקין האב איך גיגעבין צוא דיא אויש
פליקער וואש ווילין מיין בארד אויש רייסין
מיין פנים האב איך ניט פר בארגין פון שאנד
אונ שפייעכץ כלומר איך האב מיך ניט פאר
מיטין פון צו גיין נביאות זאגין איבר די זאכין
ווארום איך בין בטוח גיוועזן ואדני יהוה יעזר לי
דאש גאט דר האר וועט מיר העלפין אז וייא
וועלין אויף שטיין אויף מיר דרום בין איך
ניט פר שעמט גיווארין אונ דרום האב איך
גיטאן מיין פנים אזו וויא איין שטארקן שטיין
וויל איך וייש דאש איך וועל ניט פר שעמט
ווערין · קרוב מצדיקי מיין גאט איז נאהענט צוא
גירעכט מאכין מיך דרום ווער עש וויל זיך
מיט מיר קריגין לאמיר זיך מיט אנאנדער
שטעלין אונ ווער עש וויל איין משפט מיט
מיר האבין זאל ער גינעהענען צו מיר הן אדני
יהוה יעזר לי נון גאט דר האר וועט מיר העלפן
דרום ווער וועט מיך קענן אום גירעכט מאכן
דיא אלע וואש וועלין אויף שטיין אויף מיר
וועלן ווערן פאר פוילט אזוא וויא איין קלייד ·
דר ווארעם וואש עסט אויף קליידר דר וועט
זיי אויך אויף עסין מי בכם ירא יי ווער איז צווישן
אייך וואש פארכט זיך פאר גאט וואש ער
הערט צוא אין דעם קול פון גאטש קנעכט
דאש איז דער נביא אויב ער איז גיגאנגען
אין דער פינצטער אונ עש איז אים ניט
ליכטיג דאש איין צרה איז גיקומן אויף אים
אזו זאל ער זיך פר זיכערין אין גאטש נאמן

דאש

ראש איין הילף וועט קומען צוא אים אונ זאל זיך אן לעהענען אין גאטש אוים לייזונג ראש גאט וועט אים מציל זיין פון דר צרה הן כולכם קודחי אש אבער איר אלע וואש איר הערט ניט צוא צוא דעם קול פון די נביאים טוט איר אויף אייך אן צינדין ראש פייער פון גאטש צארין אונ איר שטארקט אויף אייך דיא פונקען פון דעם פייער גייט אין דער ליכט פון אייער פייער אונ אין דיא פונקען וואש איר האט אן גיצונדין כלומר נאך אייערע מעשים נאך וועט איר גשטראפט ווערין ׳ פון מיין האנט וועט ראש זיין צוא אייך דאס איר וועט גישטראפט ווערין איר זאלט שטארבין מיט טרויערקייט ׳ זאגט ישעיה שמעו אלי רודפי צדק הערט צוא מיר דיא וואש יאגין נאך גירעכטיקייט אונ בגערין צוא הערין דיא רייד פון גאט קוקט צוא אברהם אייער עלטער פאטער אונ צו שרה וואש האט אייך גיוואונען ער איז גיוועזן איינער אין לאנד כנען ראש איך גאט האב אים פאר טריבין פון זיין לאנד אונ פון זיין גיבירט אונ האב אים חשוב גימאכט אונ האב אים גיבענטשט אונ גימערט אזוא וועל איך אייך אויך גרויסין אונ מערין דען איר זייט אויך איין איינציגע פאלק כי נחם יי ציון דען גאט האט גיטרייסט די שטאט ציון ער האט גיטרייסט אלע אירע חורבות אונ האט גיטאן איר מדבר אזו וויא דר עדן אונ אירע וויסטע ערטר וואש זיינען פריער ניט באזעצט גיוועזן האט ער גימאכט אזוא וויא גאטש גארטין פרייד אונ שמחה וועט ווערין גיפונען אין איר איין קול פון לויב אונ איין קול פון גיזאנג וועט ווערין גיפונען אין דער שטאט ציון די גמרא זאגט אין ברכות רבי יוחנן זאגט ווען גאט קומט אין שול אונ גיפינט ניט קיין מענטשין ווערט ער ברוגז אונ זאגט מדוע באתי ואין איש ווארום בין איך גיקומן אונ עש איז קיין מענטש ניט דא׳ רבי אבין בר רב אדא זאגט פון וועגין רב חסדא ווען איין מענטש איז גיוואנט צוא גיין אלע טאג אין שול אריין אונ איז איין טאג ניט גיקומען זאגט גאט מי בכם ירא יי וואו איז דער צדיק וואש פלעגט אלע טאג צוא גיין אין שול איז ער גיגאנגען איין מצוה טאן זאל אים זיין ליכטיג איז ער אבער גיגאנגען פון זיינט וועגין זאל אים פינצטער זיין דען ער האט זיך גידארפט פאר לאזין אויף גאט וואש העלפט איטליכין מענטשין :

# לוח המולדות וראשי חדשים לחודש אלול*).

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש אלול | ראש חודש | ערב ר״ה |
|---|---|---|---|
| תרל״ז | דאנערשטיג אין דער פריא עלף חלקים אויף צוועלף : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרל״ח | מיטוואך פריא 33 מינוט מיט זעקס חלקים אויף נאיין : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרל״ט | זונטיג פאר נאכט צוויי אונ צוואנציג מינוט אויף זעקס : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תר״ם | פרייטיג פאר טאג 10 מינוט מיט 12 חלקים אויף דריי : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרמ״א | מיטוואך אבינט 43 מינוט מיט זיבין חלקים אויף צוועלף : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרמ״ב | מאנטיג אין דר פריא 32 מינוט מיט איין חלק אויף ניין : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרמ״ג | זונטיג פריא פיר מינוט מיט פערצען חלקים אויף זיבין : | זונטיג מאנטיג | מאנטיג |
| תרמ״ד | דאנערשטיג ביי טאג 53 מינוט מיט אכט חלקים אויף 3 : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרמ״ה | מאנטיג אבינט 42 מינוט מיט צוויי חלקים אויף צוועלף : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרמ״ו | זונטיג אבינט 14 מינוט מיט פופצען חלקים אויף צעהן : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרמ״ז | פרייטיג פריא דריי מינוט מיט ניין חלקים אויף זיבין : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרמ״ח | דינסטיג ביי טאג 52 מינוט מיט דריי חלקים אויף דריי : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרמ״ט | מאנטיג ביי טאג 24 מינוט מיט 16 חלקים אויף איינס : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |

*) אין אנדערע יאהרין בענטשט מען ראש חודש אין שבת פרשה ראה

# חודש אלול.

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש אלול | ראש חודש | ערב ר"ח |
|---|---|---|---|
| תר"נ | פרייטיג צו נאכט 13 מינוט מיט 10 חלקים אויף צעהן : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרנ"א | דאנערשטיג פאר נאכט 46 מינוט מיט 5 חלקים אויף 7 : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרנ"ב | דינסטיג פאר טאג 34 מינוט מיט 17 חלקים אויף פיר : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרנ"ג | שבת בייא טאג 23 מינוט מיט עלף חלקים אויף איינס : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרנ"ד | פרייטיג פריא 56 מינוט מיט זעקס חלקים אויף צעהן : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרנ"ה | דינסטיג אבינט פינף אונ פערציג מינוט אויף זיבין : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרנ"ו | זונטיג פאר טאג 33 מינוט מיט 12 חלקים אויף פיר : | זונטיג מאנטיג | מאנטיג |
| תרנ"ז | שבת פאר נאכט זעקס מינוט מיט זיבן חלקים אויף צוויי : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרנ"ח | מיטוואך פריא 55 מינוט מיט איין חלק אויף צעהען : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרנ"ט | זונטיג אבינט 43 מינוט מיט דרייצען חלקים אויף זיבין : | זונטיג מאנטיג | מאנטיג |
| תר"ס | שבת פאר נאכט 16 מינוט מיט אכט חלקים אויף פינף : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרס"א | דאנערשטיג פאר טאג פינף מינוט מיט 2 חלקים אויף 2 : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרס"ב | דינסטיג אבינט 37 מינוט מיט 15 חלקים אויף עלף : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרס"ג | זונטיג אין דר פרי 26 מינוט מיט ניין חלקים אויף אכט : | זונטיג מאנטיג | מאנטיג |
| תרס"ד | דאנערשטיג ביי טאג 15 מינוט מיט 3 חלקים אויף 5 : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרס"ה | מיטוואך ביי טאג 47 מינוט מיט 16 חלקים אויף צוויי : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרס"ו | זונטיג אבינט 36 מינוט מיט צעהן חלקים אויף עלף : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרס"ז | פרייטיג אין דר פרי 25 מינוט מיט פיר חלקים אויף אכט : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרס"ח | דאנערשטיג פריא 57 מינוט מיט 17 חלקים אויף פינף : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרס"ט | מאנטיג ביי טאג 46 מינוט מיט עלף חלקים אויף צוויי : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תר"ע | זונטיג ביי טאג 19 מינוט מיט זעקס חלקים אויף צוועלף : | זונטיג מאנטיג | מאנטיג |
| תרע"א | דאנערשטיג אבינט אכט מינוט אויף נאיין : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרע"ב | דינסטיג פריא 56 מינוט מיט צוועלף חלקים אויף פינף : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרע"ג | מאנטיג פאר טאג 29 מינוט מיט זיבין חלקים אויף 3 : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרע"ד | פרייטיג ביי טאג 18 מינוט מיט איין חלק אויף צוועלף : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרע"ה | דינסטיג אבינט זעקס מינוט מיט 13 חלקים אויף ניין : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרע"ו | מאנטיג פאר נאכט 39 מינוט מיט 8 חלקים אויף זעקס : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרע"ז | שבת אין דר פרי 28 מינוט מיט צוויי חלקים אויף דריי : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרע"ח | מיטוואך פריא 16 מינוט מיט 14 חלקים אויף צוועלף : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרע"ט | דינסטיג אין דר פרי 49 מינוט מיט ניין חלקים אויף ניין : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תר"פ | שבת פאר נאכט 38 מינוט מיט דריי חלקים אויף זעקס : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרפ"א | פרייטיג ביי טאג צעהן מינוט מיט 16 חלקים אויף פיר : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרפ"ב | דינסטיג האלבע נאכט 59 מי' מיט 10 חלקים אויף 12 : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרפ"ג | זונטיג בייא טאג 48 מינוט מיט פיר חלקים אויף ניין : | זונטיג מאנטיג | מאנטיג |
| תרפ"ד | שבת פריא 20 מינוט מיט זיבעצעהן חלקים אויף זיבין : | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרפ"ה | מיטוואך ביי טאג ניין מינוט מיט עלף חלקים אויף פיר : | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרפ"ו | זונטיג אבינט 58 מינוט מיט פינף חלקים אויף צוועלף : | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה זעה איך טוא געבן פאר אייך איין ברכה אונ איין קללה · שלמה המלך האט גיזאגט וויא זייער שלעכט איז ווען דער מענטש איז איין עצל דען ער קומט דורך דעם צו פיל שאדין דען דר וואש איז איין עצל אין זיין הויז ווען איין באלקין ברעכט זיך איין אונ ער פאר ריכט אים ניט באלד אזו ווערט דאש הויז איינציג ווייש איין פאלין · אונ ווען ער איז איין עצל אין זיין גוף דאש ער גרייט זיך ניט אן קיין שפייז אין דר צייט ווען עס איז וואלוויל אזו מוז ער דר נאך טאפיל צאלין אונ צו צייטין קען ער שוין גאר ניט גיפינן אונ מוז שטארבן פאר הונגער · אונ ווען ער איז איין עצל אין זיין נשמה אונ טוט קיין מצות ניט אזו קומט ער אין גיהנם · אונ די נשמה איז גיגליכן צו איין פעלד צו צייטין גיפינט מען איין פעלד וואש איז גרינג צו אקערין אונ עש וואקסט באלד דרויף אונ צו צייטין טרעפט איין פעלד וואס איז שווער צו אקערן אונ עס וואקסט ניט באלד דרויף אונ פון דעסט וועגן אקערט מען עס וויא ווייט מען קאן כדי מען זאל דרויף תבואה מאכין וואקסין אזו איז אויך ביא מענטשן עס גיפינט זיך אטייל מענטשן דאש זייער נשמה גילוסט צוא פיל וואול טאג אונ געמט ניט קיין שטראף אונ וויל קיין תורה ניט לערנען אבר פון דעסט וועגן ווען דר מענטש ווערט זיך נייטן אונ ווערט זיך גיוואנן צו לערנן תורה ווערט ער קענן אונ ווערט פרום זיין אבר דר וואס גוואונט זיך ניט אין תורה אונ אין מצות קען ער שוין אויף יענר וועלט ניט טאן קיין תורה אונ מצות אונ דר מענטש האט ביי זיך אין דר האנט צו זיין גוט אדר בייז דרום זאגט די פרשה ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה זעה איך גיב פאר דיר דעם גוטן וועג אונ דעם בייזין וועג דו קענסט גיין אין וואס פאר איין וועג דו ווילסט אבר איך זאג דיר דו זאלסט גיין אין גוטן וועג אזו וויא אין פסוק שטייט ובחרת בחיים דוא זאלסט גיין אין גוטין וועג אזו וועסטו דורך דעם אויש דר וויילין דאש לעבין דען ווען גאט וואלט גיגעבן דאש דר מענטש מוז פרום זיין וואלט דר מענטש קיין שכר דר פר ניט גהאט ווייל ער איז גינייט צוא זיין פרום אונ אויך ווען ער זאל מוזין שלעכט זיין וואלט ער קיין עבירה ניט גהאט ווייל ער איז גינייט דר צו דרום האט גאט אפ גיגעבין דעם מענטשין אין די הענט צו זיין גוט אדר בייז אונ אז ער איז מיט זיין גוטין ווילין פרום-האט ער שכר אדר ווען ער טוט מיט זיין ווילין עבירות שטראפט אים גאט ·

כי אם אל המקום אשר יבחר יי אלהיכם גאט זאגט איר טארט קיין קרבן ניט ברייגגען נאר אין דעם ארט וואש גאט ווערט אויש דר וויילין אונ פון דריי זאכין וועגין האט גאט ניט גזאגט באלד אז דאש ארט ווערט זיין דר הר המוריה אין ירושלים דען ווען די עובדי כוכבים וואלטין וויסין דאש ארט וואלטין זיי זיך מיט אננדר גישלאגין פאר דעם ארט ווייל עס איז הייליג אונ וואלטין זיך גיטייט · דאש אנדרע איז די עובדי כוכבים וואלטן דעם ארט וויסט גמאכט ווען זיי וואלטן גיוואוסט דש די ישראל וועלן דארטן מקריב זיין קרבנות · דאש דריטע איז ווען די ישראל וואלטן גוואוסט דש ארט וואלטן זיי זיך גיקריגט מיט אנאנדר איטליכר וואלט גיוואלט דאש הייליגע ארט האבן אזו וויא זיי האבן זיך גקריגט ביי קרח פר דר כהונה דרום האבן אפילו די ישראל ניט גיוואוסט ווו דאש ארט ווערט זיין צו מקריב זיין קרבנות · כי ירחיב יי אלהיך את גבולך רבי אבוהו זאגט עש שטייט גישריבין זייא גיווארינט דו זאלסט ניט פאר לאזין דעם לוי צו געבן אים עסין אונ וואש ער דארף אזו ווערט דיר גאט דר ברייטערין דיין גבול אונ ווערט דיך רייך מאכן דאש זאגט דר פסוק מתן אדם ירחיב לו די גאב פון איין מענטשן מאכט דאש גאט דר ברייטערט אים זיין גבול עס איז גיוועזן איין מעשה דאש רבי אליעזר אונ רבי יהושע אונ רבי עקיבא זיינן גיקומען צו איין מענטשין וואש ער איז זייער פרום

גיוועזן

גוזען אונ איז ארום גיווארין אונ אז ער האט
גיזעהען די רבנים קומען אין זיין הויז אונ ער
האט זיי ניט מיט עפעש צו מכבד זיין איז ער
זייער טרויעריג גיווארין האט אים זיין ווייב
גיפרעגט וואש ביסטו אזו טרויעריג זאגט ער
וויא זאל איך ניט טרויעריג זיין דש איך האב
ניט מיט עפעש די רבנים מכבד צו זיין זאגט
דאש ווייב צו אים עס איז אונז נאך איבער
גיבליבן איין פעלד פאר קויף איין האלב פעלד
אונ זיי מכבד די רבנים האט ער פאר קויפט
איין האלב פעלד אונ האט די רבנים גיגעבן
עסין אונ טרינקן אז זיי האבן אפ גיגעסן האבן
זיי אים גבענטשט גאט זאל דיר אפ געבן כפל
כפלים אונ די רבנים זיינן אהיים גיגאנגן אונ
דר מענטש איז גיגאנגן אקערן אין דעם האלבן
פעלד · האט זיך די ערד געפינט אונטר זיינע
אקסן אונ איין אקס איז אין דר גרוב מיט איין
פוס אריין גיפאלן אונ האט זיך צו בראכן די
פוס האט ער גיוואלט דעם אקס ארויס ציהען
אזו האט אים גאט גיוויזן איין אוצר פון גאלד
אונ זילבר אין דר לאך · האט ער דאש גאלד
אונ זילבר ארויש גינומן אונ איז זייער רייך
גיווארן אונ די רבנים זיינן ווידר אמאל גיקומן
צו אים האבן זייא אים גפרעגט וויא גייט עס
דיר האט ער גזאגט אייער ברכה איז מקוים
גיווארן אין מיר · אונ די רבנים האבין אים
כבוד אפ גיגעבין · דער בחיי שרייבט עס איז
איין משל איין מענטש זאגט צו זיין חבר לייא
מיר איין גילדן ענטפערט דער חבר איך קען
דיך ניט זאגט דר מענטש פרוב מיך איין מאל
אזו גיט ער אים איין גילדן אונ אז ער בצאלט
אים באלד זאגט דר חבר נעם דיר וויא פיל
דוא ווילסט צוואנציג אדר דרייסיג גילדן אזו
אויך פרובט גאט דעם מענטשן אונ מאכט
אים רייך האלט ער ווארט אונ בצאלט באלד
דאש ער גיט דעם ארום מאן עסין אונ טרינקן
פון דעם וואש גאט האט אים גיגעבן אזו גיט
אים גאט כפל כפלים דען גאט זאגט איך גיב
דרום דעם מענטשן געלט כדי ער זאל געבן
דעם ארומאן דען דר עושר איז גלייך וויא
איין גבאי צדקה דאש ער זאל ארום טיילן צו
עניים וואש גאט האט אים גיגעבן אונ זאל
זיך טראכטן דאש געלט איז גאט דר האר
דריבר אונ האט דאש צו לייטן אויף איין
רגע גיגעבן אונ דרום זאל ער זיך ניט בארימן
מיט זיין עשירות אזו וויא אין פסוק שטייט
אל יתהלל עשיר בעשרו איין עושר זאל זיך ניט
בארימן מיט זיין עשירות · כי ירחיב די תורה
לערינט אונז דאש איין מענטש זאל ניט
גילושטן קיין פלייש צו עסין נאר ווען עס גייט
אים וואול אונ ער איז רייך · רבי אלעזר בן
עזריה זאגט ווען איין מענטש האט איין גילדן
זאל ער עסין ירקות · האט ער הונדרט גילדן
מעג ער עסין אלע טאג פלייש אבר לכבוד
שבת זאל ער עסין פלייש חאטשע ער פאר
מאגט ניט רב זאגט איין מענטש זאל גווארינט
זיין ניט צו עסין פלייש זאגט רבי יוחנן אונזר
דור איז שלאף דרום ווען אייניר האט נאר
איין גילדן זאל ער פאר אים פלייש קויפן צו
עסין · אונ רב נחמן זאגט אונזר דור איז נאך
שלאפר דרום זאל דר מענטש לייען געלט אונ
זאל עסין פלייש כדי ער זאל שטארק זיין אין
גאטש דינסט רק חזק לבלתי אכול את הדם דו זאלסט
דיך שטארקן ניט צו עסן קיין בלוט · למען ייטב
לך ולבניך אחריך כדי גאט זאל דיר גוטש טאן
אונ צו דיינע קינדער נאך דיר · דיא חכמים
לערנן פון דאנן אפ ווען גאט האט אזו איין
שכר צו גזאגט ווען מען וועט קיין בלוט ניט
עסין וואש דר מענטש גלוסט דר צו ניט ווייל
עס איז מיאוס מכל שכן ווען איין מענטש היט
זיך אפ פון זנות אדער פון גזילה וואש דער
מענטש גלוסט דר צו וועט אים גאט בוודאי
געבן איין גוטין שכר · ופן תדרוש לאלהיהם לאמר
איכה יעבדו הגוים האלה דיא תורה לערינט אונז
דאש די ישראל זאלן ניט זאגן מיר וועלן גאט
דינען מיט דעם וואש די אומות דינען זייער
עבודת כוכבים דאש טאר מען ניט דען דיא
ערשטע אומות האבין גינומן צו דר עבודת
כוכבים

כוכבים אלין וואש גאט האט פיינט · אזו וויא אין פסוק שטייט כי החליק אליו בעיניו למצוא עונו לשנוא די רשעים טוען אלין וואש גאט האט פיינט אונ ווילין אלין גאט דר צארענן · דאש זאגט דר פסוק די אומות קענן ניט ערגערט טאן אנטקעגין גאט וויא זיי נעמען זייערע קינדר אונ פאר ברענן זיי צו דר עבודת כוכבים אונ וויא קען מען מער דר צארענן גאט וויא צו פאר ברענן איין מענטשן · עס שטייט אין תהלים אחרית רשעים נכרתה דר סוף פון די רשעים איז דש זיי ווערן פר שניטין · אונ עס שטייט דר בייא ותשועת צדיקים מיי אונ די הילף פון צדיקים איז פון גאט דרום זאל דר מענטש גידיינקן די טובות וואש גאט האט אים גיטאן · אונ זאל טראכטן תשובה טאן אונ זאל פרום זיין · כי יקום בקרבך נביא אז עש ווערט צווישין דיר אויף שטיין איין נביא · אונ ווערט זאגן ער איז איין נביא אונ האט מיט גאט גרעט אונ ווערט דיר ווייזן איין צייכן אויף דעם הימל אדר אויף דר ערד · אונ ווערט דיך אפ ריידן פון גאטש דינסט צו דינען איין מזל אדר איין אנדרע עבודת כוכבים זאלסטו אים ניט פאלגין חאטשע ער האט דיר גרויסע וואונדר גיוויזן דען ער האט דאש גטאן מיט כישוף · אבר ווער עש איז לאנג אן גינומן פאר איין נביא אמת אונ זאגט לפי שעה דאש גאט וויל האבן מען זאל עובר זיין אויף איין מצוה מעג מען אים פאלגין · אונ איך האב קיין מורא ניט טאמער איז ער היינט שלעכט גיווארן · דען מיר שטעלין אימליכין מענטשן אויף זיין חזקה אזו וויא ער איז פריער גיוועזן איין נביא אמת אזו איז ער איצונד אויך · אזו וויא מיר גיפינען בייא אליהו דאש ער האט מקריב גיוועזן איין קרבן חוץ לירושלים חאטשע גאט האט פאר באטן צו בריינגען קרבנות נאר אין ירושלים · אונ דיא ישראל האבין אליהו גיפאלגט וויל זיין כוונה איז גיוועזן צו ווייזן דאש גאט איז איין גאט · אונ די עבודת כוכבים איז נישט · אונ אויך גיפינן מיר דאש יהושע האט איין גנומן

דיא שטאט יריחו אום שבת אונ כל ישראל האבן מחלל שבת גיוועזן אונ האבין גיפאלגט יהושע וויל ער האט דאש גיטאן לפי שעה אונ זיין כוונה איז ניט גוועזן חס ושלום מחלל שבת צו זיין אונ דרום האבן די ישראל הקדש גמאכט וואש זיי האבן גיפונן אין יריחו · אונ האבין קיין הנאה ניט גיוואלט האבן פון דר שטאט וויל זיא איז אום שבת איין גינומען גיווארן · אונ דש איז אלין אז דר נביא זאגט גאט האט אזו גהייסן טאן נאר דאס מאל אונ ווייטר זאלט איר גיהיט זיין ניט צו טאן אזו מעג מען אים גלויבן · אונ ווען איין בת קול קומט פון דעם הימיל אונ זאגט מען זאל די מצוה ניט טאן זאל מען דאש גישרייא ניט פאלגן אזו וויא מיר גיפינן אין דר גמרא איין קול איז גקומן פון דעם הימל אונ האט גזאגט די הלכה איז אזו וויא רבי אליעזר האט רבי יהושע גזאגט מען הערט ניט קיין בת קול דען גאט האט אונז די תורה גיגעבין אונ האט איין מאל גיזאגט מען זאל נאך גיין נאך דעם רוב אזו וויא מעהר חכמים זאגן אזו זאל די הלכה בלייבן · אונ ווען איין נביא זאגט עס ווערט קומן פיל בייז אויף דער וועלט אונ עש ווערט ניט זיין אזו וויא ער זאגט זאלט איר אים ניט האלטן פאר קיין פאלשן נביא דען ער האט גהערט פון גאט דאש עס ווערט בייז קומן נאר גאט איז איין דר בארעמיגר אונ דר בארימט זיך ווען די מענטשן טוען תשובה אונ ברייננט דאש בייז ניט אזו וויא מיר גיפינן בייא יונה הנביא דאש ער האט גיזאגט די שטאט נינוה ווערט איבר גקערט ווערן נאך פערציג טעג אבר וויל זיי האבין תשובה גיטאן איז די שטאט ניט איבר גיקערט גיווארן כי יסיתך אחיך בן אמך ווען עס ווערט דיך אן ריידן דיין ברודער פון מוטער האלב דאש דו זאלסט דינען עבודת כוכבים זאלסטו אים ניט פאלגין דער פסוק ווייזט דאש אפילו דיין ברודר פון מוטר האלב וואש ער ווערט מיט דיר ניט ירשנען זאלסטו אים דאך ניט פאלגן מכל שכן דיין ברודר פון

פאטר

פאטר האלב וואש ער הט דיך פיינט פון וועגן דר ירושה זאלסטו אים בוודאי ניט פאלגין · אשר לא ידעת אתה ואבותיך דר רשע רעט אן זיין חבר צו דינן די עבודת כוכבים וואש ער מיט זיין פאטר האבן זיי ניט גיקענט אונ עס איז גיוואוסט דאש די וואש גלויבן אין גאט זיינן גטיילט אויף צווייא חלקים · איין חלק איז דש דר מענטש גלויבט אין גאט וויא זיין פאטער האט אים פיר גזאגט דאש גאט איז איין גאט דאש גלויבין איז גוט נאר עש איז ניט קיין גאנץ רעכט גלויבין עש איז איין משל פיל בלינדע גייען מיט אנאנדר אונ איינר האלט זיך אן אין דעם אנדרין אונ איין זעהעדיגער פירט זיי אזו גייען זיי גיוויש אין דעם רעכטן וועג ווייל דר זעהעדיגער פירט זיי אבר ווען זיי גייען אליין אזו פאלן זיי אויף שטיינר אונ גריבער אזו אויך דר וואש גלויבט וואש ער האט גהערט פון זיינע עלטערן וואש זיי האבן מקבל גיוועזן ביז משה רבינו אונ גלויבט אן חכמה אזו ווען די רשעים אים באלד קענען אפ רידן אזו וויא די בלינדע וואש גייען אליין אזו ווערין זיי באלד גישטרויכלט אונ פאלין אבר ווער עש גלויבט מיט שכל דעם קען מען ניט באלד אפ רידן דען ער קאן איטליכן רשע אפ ענטפערן דרום זאל איטליכר מענטש זיך ניט פר לאזן דרויף וואש זיינע עלטערן האבן אים גזאגט דאש גאט איז איין גאט · נאר ער זאל אויך מיט שכל לערנן צו וויסן מיט שכל דאש גאט איז איין גאט · די חכמים זאגן דו זאלשט לערנן תורה כדי דו זאלסט וויסן וואש צו ענטפערן צו איין אפיקורס דאש זאגט דר פסוק אשר לא ידעת אתה ואבותיך דער רשע וועט דיך אן ריידן צו דינן אזו איין עבודת כוכבים וואש דו קענסט זיא ניט מיט דיין שכל אונ האסט זיא ניט גיהערט פון דיינע עלטערין דרום זאלסטו אים ניט פאלגין · ודרשת וחקרת דר פסוק לערינט אונז מען זאל די עדים רעכט איבר פרעגין מען זאל ניט באלד הרגן איין מענטשין דורך עדים ביז מען פרעגט פריער

גוט אויש די עדים אין וואש פר איין שמיטה אונ יובל האט ער אים גיהרגת אין וואשער יאר אין שמטה אונ אין וואשער איין חודש אין יאר אונ וויא פיל טעג אין חודש אונ וויא פיל שעות אויף דעם טאג אונ אין וואשר איין ארט אונ אין וואשערע קליידר איז ער גנאנגן אין ווייסע אדר אין שווארצע · בנים אתם ליי׳ אלהיכם איר זייט קינדר צו גאט אייער גאט · לא תתגודדו איר זאלט אייך ניט קראצין איבר איין מת דען די אומות פלעגן פאר צייטן זיך קראצין אונ אויש רייסן די האר איבר איין מת · דען זיי מיינן דאש די וועלט איז דער עיקר אונ ווען איין מענטש שטארבט זאגין זיי ער איז פאר פאלן · דרום קלאגן זיי זייער איבר איין מת · דרום זאגט די תורה איר זייט קינדער צו גאט איר זאלט אייך ניט קראצין איבר איין מת דען נאר דר עולם הבא איז אן גיבריט צו אייך · דרום איז דעם מענטשין בעסר ווען ער שטארבט אזו קומט ער צום אייביגן לעבן · לא תבשל גדי בחלב אמו דו זאלשט ניט קאבן קיין פלייש מיט מילך · דריי מאל שטייט אין דר תורה מען זאל ניט קאבן קיין פלייש מיט מילך · איינס ווייזט דש מען טאר ניט קאבן קיין פלייש מיט מילך חאטשע מען וויל עש ניט עסין נאר מען קאכט עש פון איין נכרי וועגן · אונ דריגן איז די וועלט ניט נזהר זיי קאבין פלייש מיט מילך פאר נכרים אין זייערע הייזר · דש אנדרע איז מען טאר ניט עסין קיין פלייש מיט מילך · דש דריטע איז מען טאר קיין הנאה ניט האבן פון פלייש מיט מילך ווען עס איז אין איינם ווארן גקאכט דאש אפילו פאר זיין הונט טאר ער דש ניט געבן · עשר תעשר דו זאלסט איין מאל אפ שיידן מעשר צום לוי אונ זאלסט נאך איין מאל אפ שיידן מעשר צו פירין אים קיין ירושלים אונ צו עסין אים דארטן · רבי יוחנן זאגט גיב מעשר כדי דו זאלסט רייך ווערן · אונ חאטשע מען טאר גאט ניט פרובין אבר מיט מעשר אונ צדקה מעג מען גאט פרובין · אזו וויא

אין פסוק שטייט ובחנוני נא בזאת גאט זאגט פרובט מיך מיט צדקה אונ מעשר געבן אויב איך וועל אייך ניט געבן צעהן מאל אזו פיל׳ עש איז דר סדר ווען איינער ניט דעם אנדרן איין פעלד צו אקערין אונ זייען אונ שניידן אזו גיט ער אים דר פר איין דריט חלק אדר איין פערט חלק׳ אבר גאט גיט דעם רעגן אונ גוטע טויא אונ נעמט ניט מער נאר מעשר דאש איז איין צעהנט חלק׳ עש איז גיוועזן איין מעשה בייא איינעם דאש ער האט אלע יאר פון זיין פעלד הונדרט מאס מעשר גיגעבן דען עש איז אלע יאר טויזנט מאס קארין גיוואקסין האט ער דעם זון צוואה גילאזין דאש ער זאל רעכט מעשר געבין׳ דאש ערשטע יאר האט דער זון הונדערט מאס מעשר גיגעבין׳ דער נאך האט ער גיזאגט וויא זאל איך אזוא איין סך מעשר געבין׳ האט ער דאש אנדרע יאר נאר נייגציג מאס גיגעבין׳ אזו האט דר נאך נאר ניין הונדרט מאס גיוואקסין׳ דאש דריטע יאר האט ער נאר אכציג מאס גיגעבין האט דר נאך נאר אכט הונדערט מאס גיוואקסין׳ אלין וואש ער האט מיט צעהען מאס ווייניגער גיגעבין איז אין פעלד מיט הונדערט מאס וויינגער גיוואקסין׳ ביז אין פעלד איז מער ניט גיוואקסין נאר הונדרט מאס וויא פיל מען פלעגט דר פון מעשר געבין׳ זיינען גיקומען זיינע קרובים אן גיטאן אין שיינע קליידער׳ האט ער צו זיי גיזאגט איר זייט אייך משמח אויף מיין צרה׳ האבין זיי גיזאגט חס ושלום מיר זיינען גיקומען צו פרייען זיך מיט דיר דאס דו ביסט איין כהן גיווארין׳ דען פריער ביסטו גיוועזן איין בעל הבית אין פעלד אונ האשט צו גאט מעשר גיגעבין׳ אונ איצונד ביסטו גיווארין איין כהן אונ נעמשט מעשר אין דעם פעלד׳ אונ גאט איז דר בעל הבית ער האט צו גינומען ניין הונדערט מאס אונ האט דיר גיגעבין הונדרט מאס׳ דרום זאגט די תורה גיב מעשר כדי דו זאלשט קענען

ווייטער מעשר געבין אונ זאלשט רייך בלייבין׳ את כל תבואת זרעך היוצא השדה דיא חכמים זאגין וועט איר רעכט מעשר געבין וועט איר זייען אונ דאש וואש עס וועט וואקסין וועט זיין צו אייך׳ מעשר דגנך תירושך גאט זאגט צו ישראל וועט איר רעכט מעשר געבין וועט עס ווערין גירופין דיין קארין אונ דיין וויין׳ וועט איר אבער קיין מעשר ניט געבין אזו וועט עס ווערין גירופין מיין קארין אונ מיין וויין אזוא וויא אין פסוק שטייט ולקחתי דגני בעתו ותירושי במועדו איך וועל אפ נעמען מיין קארין אונ מיין וויין אין זיין צייט׳ לא תאמץ את לבבך ווען דו גיבשט עפעס דעם עני זאלסטו מיט אים ריידין גוטע רייד אונ זאלשט ניט אן שרייען אן אים׳ אונ דאש האט שלמה המלך גיזאגט כופר נפש איש עשרו ורש לא שמע גערה דאש עשירות איז איין אויש לייזונג אויף דעם מענטשין׳ נאר ווען אז דר עני הערט פון אים ניט קיין גישרייא נייערט ער גיט אים מיט נוטע רייד׳ רבי ינאי האט גיזעהען וויא איין עושר האט צו איין עני געלט גיגעבין אויף דער גאס פאר אלע לייט׳ האט רבי ינאי צו אים גיזאגט עס וואלט בעסער גיוועזן דוא וואלסט אים ניט גיגעבין איידער דוא זאלשט אים געבין אונ דוא זאלשט אים דער מיט זיין פנים מבייש זיין׳ די חכמים זאגין ווער עס גיט קיין צדקה ניט איז גלייך וויא ער דינט עבודת כוכבים׳ שרייבט דער צרור המור דרום איז ער גלייך וויא ער דינט עבודת כוכבים דען דר וואש גיט קיין צדקה ניט איז נוייל ער זאגט איך האב מיך גימיט מיט מיין חכמה טאג אונ נאכט אונ האב מיר איין גיזאמילט עשירות אונ וויא זאל איך דער פון אוועק געבין אונ ער גלויבט ניט דאש גאט האט אים דאש עשירות גיגעבן׳ דרום איז ער גלייך וויא ער דינט עבודת כוכבים אונ לייקינט אין גאט׳ אויך מיינט דר פסוק דו זאלשט ניט שטארקן דיין הארץ נייערט

גייערט דו זאלשט דעם עני געבין גוטע רייד
ווען דו האשט קיין געלט ניט צוא געבין ·
אבר ווען דו האשט געלט לא תקפוץ את ידך
זאלשטו ניט צו שליסין דיין האנט פון צו
געבין אים געלט · אונ עס איז דא אטייל
עניים וואש זיי ווילן בעסער פאר הונגער
שטארבין אונ ווילן קיין צדקה ניט געמן ·
דרום שטייט ווייטר והעבט תעביטנו דו זאלשט
אים לייען געלט אונ דר נאך זאלשטו אים
ניט מאנען · אונ אויב דוא וועשט וועלין
זאגן קרבה שנת השבע שנת השמיטה עש גינעהענט
באלד דאש זיבעטע יאר פון שמיטה וואס
מען טאר ניט אקערין אונ זייען אונ איך
וועל אליין ווייניג האבין צו עסין אונ וויא
אזו זאל איך נאך דעם עני געבין · דאש
זאלשטו ניט זאגין דען גאט קען דיר ממלא
זיין צעהען מאל אזו פיל · והיה בך חטא ווען
דו וועסט דעם עני ניט געבין וועשטו נאך
זינדיגין מיט דעם וואש דו האלשט שמטה
דען דורך דעם ווילשטו קיין צדקה ניט
געבין · נתון תתן לו געבין זאלשטו אים געבן ·
אונ דרום האט די תורה גישטעלט נתון תתן
צווייא מאל צו ווייזין דוא זאלשט פיל מאל
צדקה געבין · דען עש איז בעסער צו געבין
הונדרט מאל צו גראשין איי מען זאל געבין
הונדערט גראשין מיט איין מאל · דען ווען
ער וועט פיל מאל געבן אזו וועט ער גיוואונט
זיין צו געבין צדקה · כי בגלל הדבר הזה דאש איז
טייטש איין גלגל גייט ארום אויף דר וועלט
היינט איז דר רייך · מארגין איז דר רייך ·
דרום זאל דר עשר גיווארינט זיין צו געבין
דעם עני כדי גאט זאל ניט איבר קערין דעם
גלגל אזו וועט ער גווערין איין עני אונ דער
עני וועט ווערין איין עושר · אונ מען זאל
דעם עני העלפין איי ער פאלט נאך אראפ ·
אזו וויא איין פסוק שטייט כי ימוך אחיך ומטה
ידו עמך והחזקת בו דאש איז טייטש ווען דיין
ברודר וועט ארום ווערין זאלשטו אים באלד
העלפין איי ער פאלט נאך אראפ דען דער
נאך איז שוין שווער אים אויש צו העלפין
אונ דאש זאגט דר פסוק אפס כי לא יהיה בך אביון
דאש איז גימיינט איי ער איז נאך איין
אביון · דען דאש ווארט אפס איז טייטש
ניט כלומר אז ער איז נאך ניט קיין אביון
זאלשטו אים העלפין עש זאל ביי דיר ניט
זיין קיין אביון דאש דו זאלשט אים לאזין
גאר פאלין · אזו שרייבט דר תולדות יצחק ·
די מחסורו דוא זאלשט אים גינוג געבין וואש
אים גייט אפ אבר דו בישט אים ניט מחויב
רייך צו מאכין · אשר יחסר לו וואש אים פעלט
דאש מיינט מען דו בישט אים מחויב איין
פור צו דינגען אויב ער דארף אונ זאלשט
אים איין ווייב געבין אויב ער האט קיין ווייב
ניט · פתוח תפתח דו בישט מחויב צו בריינגען
דעם עני די צדקה פאר דר טיר פון זיין הויז
ווען דער עני וויל צו דיר ניט קומען · אונ
מען זאל זעהען דר עני זאל ניט פאר שעמט
ווערין · אזו וויא די גמרא זאגט אין כתובות
רבי אבא פלעגט איין בינדין געלט אין איין
טיכיל אונ האט דאש הינטער זיך גיווארפין
כדי ער זאל ניט זעהען וויא דר עני נעמט ·
דאש דער עני זאל ניט פאר שעמט ווערין ·
מר עוקבא האט גיהאט איין עני אין זיין
גאס דאש ער פלעגט אים אלע פרייטאג
שיקין פיר גילדין · איין מאל האט ער אים
גישיקט דורך זיין ווייב איז זיא גיקומן צוא
ריק צו מר עוקבא אונ זאגט דר עני איז
איין רמאי · דען ער איז איין עושר אונ ער
מאכט זיך פאר איין עני צו נעמען צדקה ·
דען איך האב גיהערט דאש מען האט אים
גפרעגט אין וואש ווילשטו עסין אין זילברנע
כלים אדר אין גילדערנע כלים · רבי אליעזר
זאגט מיר דארפין דאנקען די רמאים וואש
מאכין זיך ארום · דען ווייל מיר ווייסין דאש
עש איז דא רמאים אזוא האבין מיר קיין
עבירה ניט וואש צו צייטין קומט איין עני
אונ מיר גיבין אים ניט · ווייל מיר קאנען
זאגין טאמער איז ער איין רמאי · אבר דאך
זאל

זאל איין מענטש זעהען וואש ער טוט אונ זאל טראכטין דעם רעכטין עני צוא געבין צדקה׃ רבי חייא האט גיזאגט צו זיין ווייב ווען איין עני קומט אויף דער טיר זאלשטו אים באלד ברויט געבין׃ כדי איב דיינע קינדר ווערין חס ושלום עניים זיין אז זעלין קומען אויף דיא טירין ווערט מען זייא אויך באלד געבין׃ האט זיין ווייב גיזאגט ווארום שילשטו דיינע קינדער׃ האט רבי חייא גיזאגט עס איז איין גלגל אויף דער וועלט היינט איז דר ארום מארגין איז דר ארום׃ די חכמים זאגין וויא גרויש עש איז די מצוה פון צדקה דאש דורך איין פרוטה וואש ער גיט צוא איין עני איז ער זוכה צוא זעהען דיא שכינה׃ אזו וויא אין פסוק שטייט אני בצדק אחזה פניך דורך צדקה טוא איך זעהען דיין שכינה׃ דרום זאל מען צדקה געבין איי מען שטעלט זיך דאווענען כדי דורך דר צדקה ווערט זיין תפלה ווערין גיזעהן פאר גאט אונ גאט ווערט זיין תפלה אן נעמען׃ שמור את חודש האביב זייא גיווארינט צו האלטין דעם חודש ניסן צוא ברייגען אין אים דעם עומר וויל גאט האט דיר גילאזט וואקסין דיין קארין אונ ווייץ׃ אונ גאט האט דיך אין דעם חודש אויס גיצויגין פון מצרים׃ ועשית חג שבועות ליי אלהיך מסת נדבת ידך דו זאלשט מאכן שבועות אונ זאלשט פריילך זיין אונ זאלשט דעם עני אויך פריילעך מאכין אזו וויא דיין פאר מעגין איז׃ דרום האט די תורה בייא שבועות מער אן גישריבין מען זאל פריילך זיין וויא בייא אלע ימים טובים׃ כדי דער מענטש זאל ניט זאגין פסח איז זיבין טעג אונ סוכות איז אויך זיבין טעג אבר שבועות איז נאר איין טאג דרום דארף מען ניט אום שבועות אזוא פריילעך זיין דרום זאגט דער פסוק דו זאלסט אום שבועות אויך פריילעך זיין אונ זאלסט דער פרייען די עניים׃ אונ גאט זאגט ווען דו וועשט דער פרייען מיינע פיר עניים דאש איז דעם לוי אונ דעם גר אונ דעם יתום אונ די אלמנה׃ אזוא וועל איך דר פרייען דיינע פיר׃ דיין זון אונ דיין טאכטער אונ דיין קנעכט אונ דיין דינשט׃ ושמחת בחגך דוא זאלשט דיך פרייען אין דיין יום טוב׃ פון דאנען לערנען די חכמים אז מען זאל קיין חתונה ניט האבין אום יום טוב מען זאל ניט פאר מישין די שמחה פון יום טוב מיט דר שמחה פון דר חתונה׃ אונ דיא תורה האט אן גישריבין שמחה בייא שבועות אונ ביי סוכות אונ ניט ביי פסח׃ וויל אום שבועות אונ אום סוכות איז דא אין ארץ ישראל תבואה אזו קען מען שפייזין די עניים אונ מען קען זיי פריילך מאכין׃ אבער אום פסח איז דיא נייע תבואה נאך ניט פארטיג אונ דיא אלטע תבואה האט מען שוין אויף גיגעסין דרום שטייט ניט בייא פסח קיין שמחה אונ קיין ברכה׃ דיא גמרא זאגט אין ערבי פסחים דיא מאנען זאלין זיך פרייען מיט עסין אונ טרינקען אונ ווייבער מיט שיינע קליידער׃ אונ דאש איז דער עיקר שמחה פון דיא ווייבער ניט צו טרינקען׃ אונ בייא סוכות שטייט והיית אך שמח דאש ווייזט דער מענטש זאל זיך ניט נאר פריילעך מאכין אונ זאל חס ושלום פאר געסין אין גאט׃ ובפרט אום סוכות וואש ער האט איין גיזאמילט זיין תבואה אונ זיין ווייין׃ דרום זאגט דער פסוק אך שמח אך איז טייטש מינערין כלומר דוא זאלשט מינערין דיין שמחה אום סוכות אונ זאלשט גאט לויבין׃ אזוא וויא אין פסוק שטייט עבדו את יי בשמחה דינט גאט מיט שמחה אונ זייט פריילעך מיט ציטערניש׃

הפטרת ראה איז עניה סוערה, געפינט מען אין דיא הפטרה פון נח׃

שופטים ושוטרים שלמה המלך האט גיזאגט אין משלי דרכיה דרכי נועם די וועגן פון דיא תורה מאכן שלום אונ דיא וועלט איז אויך ווארין בשאפין מיט שלום · דען גאט האט דעם הימיל באשאפין פון פייער אונ וואשער · אונ דאש איז גיוויש דאש פייער אונ וואשער קענען אין איינעם ניט זיין נאר גאט האט צווישין זיי שלום גימאכט · אזוא וויא אין פסוק שטייט עושה שלום במרומיו גאט מאכט שלום אין זיינע הימלען אונ דר נאמן פון גאט איז שלום אזו וויא אין פסוק שטייט ויקרא לו יי שלום אונ דיא ישראל הייסין שלום וויל זיי דינן גאט אונ האבין די תורה מקבל גיוועזן אזו איז שלום צוא זייער גוף אונ צוא זייער נשמה · דען ווען דר מענטש לערינט תורה גיט אים גאט גיזונט אין גאר זיין גוף · אזו וויא אין פסוק שטייט ולכל בשרו מרפא צו גאר זיין לייב איז די תורה איין היילונג · אונ די נשמה קומט אין איר רעכט ארט דורך דר תורה אונ מצות · אזו וויא אין פסוק שטייט תורת יי תמימה משיבת נפש דיא תורה פון גאט מאכט אום קערין דיא נשמה אין איר ארט אריין · אונ די שמונה עשרה לאזט זיך אויש מיט שלום אונ די קרבנות לאזין זיך אויש מיט שלום ולשלמים · אונ ווען מען איז גיגאנגען אין איין מלחמה אנטקעגן די עובדי כוכבים האט מען אן גיהויבין מיט שלום · אויב זיי האבין גיוואלט שלום מאכין האט מען זיי ניט גטאן · אונ אפילו ביי די מלאכים אין הימיל טוט גאט שלום מאכין צווישן זיי אזו וויא אין פסוק שטייט המשל ופחד עמו עושה שלום במרומיו המשל הייסט מיכאל וויל ער איז דער העכשטער מלאך וואש גיוועלטיגט איבר אלע מלאכים אונ ער טוט תפלה אויף ישראל · אונ פחד איז גבריאל אונ גאט מאכט שלום צווישן זיי · אונ אפילו די מתים דארפין שלום האבין · אזו וויא אין פסוק שטייט ואתה תבוא אל אבותיך בשלום דוא וועשט שטארבין אונ וועשט קומן צו דיינע עלטערן בשלום אונ דרום האט דיא תורה גיזאגט שופטים ושוטרים מען זאל זעצין דיינים · דען אזו וויא דורך שלום האט די וועלט אקיום אזו אויך דורך משפט האט דיא וועלט איין קיום · דען ווען עס וואלט קיין משפט ניט גיוועזן · אזו וואלט איינער דעם אנדערין בגזלת אדער ער וואלט אים גהרגת · אונ דיא דיינים אונ דיא ראשים מאכין שלום אין דער וועלט · אונ דרום האט די תורה גישטעלט די מצוה פון דיינים זעצין לעבין דר מצוה פון שלש רגלים · דאש ווייזט אונז דאש אום יום טוב קומען מענטשין צו קריג וויל זיי זיינען פאר טרונקען · דרום האט די תורה גיהייסין מאכין דיינים זיי זאלין אויף זעהען מען זאל צו קיין עבירה ניט קומן פון דעם טרינקען אונ פריילעך זיין · אונ דרום זאל מען זעצין אזעלכע דיינים וואש חנפנן ניט · אונ עש זאלן זיין דריי דיינים כדי ווען צוויי ווערלין זיך ניט קענען פאר גלייכין זאל דער דריטער מכריע זיין צווישין זייא · וויל מיט אים ווערט איין רוב אויף איין זייט · אבער איינער אליין טאר ניט משפטין דען אפילו גאט משפט ניט אליין · אזו וויא אין פסוק שטייט וכל צבא השמים עומדים עליו אלע מלאכים פון דעם הימיל שטייען אויף דער רעכטער זייט אונ אויף דר לינקער זייט פון גאט צוא משפטין די וועלט · אונ ווען מען האט גידארפט משפטין איינעם אויף מיתה זיינען גיזעסין דריי אונ צוואנציג דיינים די האבין גיהייסין סנהדרי קטנה וואש איז גיוועזן אין איטליכער שטאט · אונ אין ירושלים איז גיזעסן איין אונ זיבעציג דיינים די האבן גיהייסין סנהדרי גדולה · אונ דער גרעסטער פון זיי האט גיהייסין נשיא · ער איז צו ערשטין גיזעסין · אונ עש איז איין גרוישע מצוה רעכט צו משפטן דען ווען מען משפט רעכט אויף דר ערד איז ניט דא קיין דין אין הימיל דאש גאט שטראפט אים ניט אונ דער בארימט זיך איבער דעם מענטשין וויל מען

האט

האט אין אים איין משפט גיטאן אויף דער ערד · אבר ווען מען משפט ניט רעכט אויף דר ערד אזו איז דא משפט אין הימיל דאש גאט אליין טוט איין משפט אין דעם מענטשן לא תטה משפט דו זאלשט ניט אויף נעמן דיינים וואש חנפנן אונ גיינין אוועק דעם משפט · אונ ער זאל ווישן אלע דינים ער זאל קיין עם הארץ ניט זיין דען דר וואש נעמט אויף איין דיין איין עם הארץ איז גליך וויא ער אליין האט פאלש גימשפט · אונ דיא תורה האט דר ביי אן גישריבין לא תטע לך אשרה דו זאלשט ניט פלאנצין קיין לינדין בוים צוא דר עבודת כוכבים · דאש לערינט אונז ווען איינר נעמט אויף איין דיין וואש ער איז ניט פרום איז גליך וויא ער האט גידינט עבודת כוכבים · אונ דרום גליכט ער דעם דיין צו איין לינדין בוים צו ווייזין דאש אזו וויא איין לינדין בוים איז הויך אונ שיין אבער ער טראגט קיין פירות ניט · אזו זיינען אטייל דיינים זיי זיינען זייער שיין אונ שטעלין זיך פרום אבער אין הארץ זיינען זייא פאלש · אונ דרום זאגט דער פסוק דוא זאלשט ניט פלאנצין קיין לינדין בוים בייא דעם מזבח ווייל די דיינים זיצין ביי דעם מזבח · לא תכיר פנים דר דיין זאל ניט זאגין צו איינעם ער זאל זיך זעצין אונ דעם אנדערין זאל ער לאזין שטיין דען ער ווערט פאר שעמט ווערין אונ ווערט ניט קענען רעכט טענן · אונ דו זאלשט קיין שוחד ניט נעמען אפילו רעכט צוא משפטין · דען ווען מען נעמט שוחד איז ניט מיגליך מען מוז פאלש פסקענן דען דאש הארץ נייגט נאך נאך דעם וואש האט שוחד גיגעבין · צדק צדק תרדוף דו זאלשט נאך יאגין דאש גירעכטיקייט מיט דיין ריידין · דוא זאלשט מיט דיין מויל ניט אנדערש ריידין דיא דוא האשט גיטראכט אין הארצין · ביי דער שטול פון שלמה המלך איז גיוועזן צעקם שטאפלען אונ אז שלמה איז אויף איר ארויף גיגאנגען אז ער איז גיקומן אויף דעם ערשטין שטאפיל האט מען פאר אים אויש גישריען לא תטה משפט · בייא דעם אנדערין שטאפיל האט מען אויש גישריען לא תכיר פנים ביי דעם דריטן שטאפיל האט מען אויש גישריען לא תקח שוחד · בייא דעם פערטין שטאפיל האט מען אויש גישריען לא תטע לך אשרה · ביי דעם פינפטין שטאפיל האט מען אויש גישריען לא תקים לך מצבה · בייא דעם זעקסטין שטאפיל האט מען אויש גשריען · לא תזבח שור · דו זאלשט ניט מקריב זיין איין בהמה מיט איין מום · ובערת הרע מקרבך דוא זאלשט אויש ראמען דאש ביז פון צווישין דיר דאש מען זאל די רשעים טייטן אונ אויש ראמען אזו וויא מען ראמט אויש חמץ דרום שטייט ובערת אזו וויא ביי חמץ · צו ווייזין מען זאל נאך זוכין אין איטליכער שטאט צוא זעהען אויב מען טוט קיין עבירות ניט אזו וויא מען זוכט נאך נאך חמץ צו מבער זיין אונ דרום שטייט מקרבך גליך וויא עש שטייט מקרובך פון דיינע קרובים · צוא ווייזין דאש אפילו דיינע קרובים זאלשט ניט חנפנן ווען דו זעהעשט פון זייא עפעש ביז · ודרשת היטב דוא זאלשט רעכט אויש פארשטין די עדים אויב זיי זאגין אמת · דו זאלשט זיי ניט באלד גלויבין אונ דורך איין עד זאלסטו קיין משפט ניט טאן · אונ דיא עדים האבין צום ערשטין אן גיהויבין דעם מענטשין צו פאר שטייניגן ווען ער איז חייב מיתה גיווארין אונ דר נאך האבין כל ישראל אים פאר שטיינט · כדי איטליכער זאל זעהן וויא מען ברייניגט אום דעם וואש טוט עבירות אזו ווען זיי זיך פארכטין צו טאן עבירות · ובאת אל הכהנים ווען איינער האט איין משפט אדער איין איסור והיתר צוא פרעגין זאל ער קומען צו דיא כהנים ווערין זיי אים זאגין דעם דין · או אל השופט אשר יהיה בימים ההם אדער צום שופט וואש וועט זיין אין דיינע טעג · איז קשה וועל איך דען גיין צו דעם שופט וואס ניט אין מיינע טעג ·

דרום לערנען די חכמים דר פון אף דאש דר
פסוק ווייזט מיר דו זאלשט דעם שופט פון
דיין דור חשוב האלטין · האטשע ער איז
ניט אזו חשוב וויא דער שופט וואש פריער
איז גיווען זאלשטו אים דאך כבוד אף געבן
שום תשים עליך מלך דו זאלשט דיר מאכין איין
מלך כדי צוא פאר שניידין דעם נאמען פון
עמלק איי מען ווערט בויען דאש בית המקדש
אונ האטשע די ישראל האבין ניט גידארפט
קיין מלך דען גאט איז זייער מלך · נאר
גאט ווייסט די דעה פון ישראל דאש זייא
ווערין צום סוף איין מלך באגערין דרום האט
גאט גיזאגט נעמט אייך איין מלך נאך אייער
דעה נאך · אונ דעם מלך האט מען גימוזט
ערלאך האלטין מען האט ניט גיטארט רייטין
אויף זיין פערד מען האט ניט גיטארט זיצין
אויף זיין שטול מען האט ניט גיטארט אן
טאן זיין קרוין · אונ אלע זיינע קליידר אונ
כלים האט מען ניט גיטארט ניצין · אונ ער
האט ניט גיקענט מוחל זיין אויף זיין כבוד ·
אונ אז ער איז גישטארבין · האט מען זיינע
קליידער אונ כלים פאר ברענט · אונ קיינער
האט ניט גיטארט נעמען זיינע קנעכט אונ
דינשט מוידין נאר איין אנדערער מלך פון
ישראל · אונ זיין ווייב איז אסור גיווען צוא
נעמן · אונ ווען אפילו איין נביא איז גיקומן
צום מלך האט ער גימוזט שטיין אונ בוקין
זיך צום מלך · אשר יבחר יי אלהיך בו דר פסוק
לערינט אונז דאש אלע שררות שאפט איז
פון גאט אונ אין זיין כח · אזוא וויא אין
פסוק שטייט לך יי הגדולה והגבורה דאש איז
טייטש צו דיר גאט איז דאש שררות שאפט
אונ די גמרא זאגט אויף דעם פסוק אפילו די
קלענסטע שררות שאפט וואש דר מענטש
האט איז אלין פון גאט · אונ ווער עש האלט
זיך הויך מיט שררות שאפט דער מוז יונג
שטארבין · אזו וויא מיר גיפינען ביי יוסף
הצדיק דאש ער איז גישטארבין פאר זיינע
ברידער וייל ער האט זיך הויך גיהאלטין
מיט שררה שאפט · אונ דאש האט די
תורה מרמז גיוועזן אין דעם פסוק שום תשים
עליך מלך דאש ווייזט דאש שררה שאפט
איז איין סם חיים צו דעם וואש פירט זיך
רעכט מיט זיין שררה שאפט לשם שמים ·
לא ירבה לו סוסים דר מלך ישראל זאל זיך ניט
האלטין וויא אנדערע מלכים אונ אזו וויא
זייא זאמלען זיך איין פיל פערד אונ גאלד
אונ זילבער אונ ווייבער · דאש זאל דר מלך
ישראל ניט טאן ער זאל זיך ניט פאר לאזן
אויף פיל פערד אדער פיל גאלד · נאר דער
מלך ישראל האט גימוזט ביי זיך איין ספר
תורה האבין צו לייענען אין איר אלע צייט
צו פארכטין זיך פאר גאט · אונ דער פסוק
זאגט ער זאל ניט איין זאמלען פיל פערד
כדי ער זאל ניט אום קערין דאש פאלק קיין
מצרים · דען די בעסטע פערד קומען פון
מצרים · אונ די ישראל זאלין ניט ציין קיין
מצרים כדי זיי זאלין זיך ניט ווידער לערנן
זייערע בייזע מעשים · אבער די מצוה איז
נאר גיבאטין גיווען אין יענער צייט אבער
היינט אין די דורות מעג מען וואונען אין
מצרים דען עש זיינען גרוישע קהילות אין
מצרים · אונ אויב די תורה וואלט פאר
באטין ביז אייביג וואלטין אונזערע חכמים
גיווערט צו וואונען אין מצרים אונ וואלטין
איין חרם גיגעבין מען זאל ניט וואונען אין
מצרים · דרום מוז זיין דאש עש איז מער
ניט פאר באטין גיווען נאר אין יענער צייט ·
אונ אויך האט דער מלך ניט גיטארט פיל
ווייבער האבין נאר אכצעהען כדי זייא
זאלין אים ניט איבער רידין צוא בייזין ·
דען אדם הראשון האט איין ווייב גיהאט אונ
זיא האט אים איבער גירעט צוא בייזין ·
מכל שכן ווען ער ווערט פיל ווייבער האבין
ווערין זיי אים בוודאי אן רידין צו בייזין ·
אונ ער הט ניט גטארט פיל געלט האבן כדי
ער זאל ניט שווער מאכין אויף ישראל מיט
מסים אונ וועט זיך וועלין אוצרות מאכין ·

דען דאש עשירות איז ניגליכן צוא פייער
וויא מער האלץ מען לייגט דרויף אזו מער
ברענט עס · אזו אויך איז דר מענטש האט
ער מער געלט גילושט ער נאך מער געלט ·
אונ שלמה המלך איז גיוואורן גישטראפט
אין דיא אלע דרייא זאכן ער האט איין
גיזאמילט פיל פערד פערציג טויזנט שטאלן
אונ האט גינומן זיבן הונדרט רעכטע ווייבר
אונ דריי הונדערט קעפש ווייבר · אונ האט
איין גיזאמילט זילבער אין ירושלים אזו וויא
גרוישע שטיינער אונ האט זיך פאר לאזן
אויף זיין חכמה אונ האט גיטאן אנטקעגין
דר תורה · דרום האט ער גיזינדיגט מיט די
אלע דריי דאש די ווייבר האבן אים גימאכט
זינדיגין · אונ דורך דעם געלט אונ דורך די
פערד האט ער זיך הויך גיהאלטין · הוא ובניו
דר זון פון דעם מלך זאל ירשנן דיא מלוכה
אונ מען דארף אים ניט צוא זאלבין מיט
אייל ווייל ער איז וואורין גיבארין פון איין
מלך איז ער שוין הייליג · אונ חאטשע מען
האט שלמה גיזאלבט מיט אייל דאש איז
גיוועזן פון קריג וועגין ווייל דער זון פון דוד
וואש האט גיהייסין אדוניה בן חגית האט
גיוואלט איין מלך זיין נאך זיין פאטערש
טויט · דרום האט דוד גיהייסין מען זאל
שלמה זאלבין פאר איין מלך · לא יהיה לכהנים
הלוים חלק ונחלה דר פסוק זאגט דאש אזו וויא
דער מלך טאר ניט פיל געלד אונ זילבער
האבין אזו אויך זאלין די כהנים ניט האבין
קיין פיל עשירות נאר זייא זאלין זיך פאר
לאזין אויף גאט · אונ זאלין טאן זייער
עבודה אין בית המקדש אזו וועלן זיי האבן
גינוג צוא עסין · אונ ער זאל ניט באגערין
קיין עשירות דען עש וועט אים מבטל זיין
פון גאטש דינשט · אונ אויך דיא תלמידי
חכמים וואש זיינען אין איטליכן דור זיינען
אויף דעם ארט פון די כהנים אונ זאלן אויך
קיין עשירות ניט באגערין נאר צוא לערנען
תורה אונ צוא פסקנן שאלות אזו וויא דיא
כהנים האבין גיפסקנט · אונ דרום איז מען
מחויב צו אויש האלטין די תלמידי חכמים
זייא זאלין קענען תורה לערנען · אונ דרום
האט מען די כהנים די דרייא זאכין גיגעבין
די זרוע אונ די קין באקין אונ דעם מאגין
פון איטליכע בהמה · ווייל פינחס האט מיט
זיין האנט דר שלאגין דעם נשיא איבר זנות
אונ האט איין נקמה גיטאן פון גאטש וועגין
דרום גיט מען די כהנים די זרועות פון די
בהמות · אונ ווייל פינחס האט תפלה גטאן
מיט זיין מויל וואש דרינען זיינען דיא קין
באקין דאש דיא מגפה זאל אויף הערין פון
ישראל · דרום גיט מען די כהנים דיא קין
באקין פון דיא בהמות · אונ ווייל ער האט
גישטאכין דעם נשיא מיט דר זונה אין זייערע
גידערים דרום גיט מען די כהנים דעם מאגין
פון די בהמות · לא תלמד לעשות מען טאר ניט
לערנען צו טאן כישוף אבער צו לערנן מען
זאל ווישין דיא טבע פון כישוף מעג מען ·
דען די סנהדרין האבין גימוזט קענן כישוף
כדי זייא זאלין קענען רעכט משפטין · דען
טאמער וועלין זיין אטייל פון ישראל וואש
וועלן טאן פיל ביז אונ וועלין זיך פאר לאזן
דאש זיי וועלין מאכין מיט כישוף מען זאל
זיי ניט קענען דר טרינקען אין וואשר אדר
פאר ברענען · דרום האבין די סנהדרין גמוזט
קענען כישוף · מעביר בנו ובתו באש די תורה
האט אונז פאר באטין פון צו דינען עבודת
כוכבים דען אטייל אומות פלעגין זייערע זין
אונ טעכטער פאר ברענען אין פייער צוא
זייער עבודת כוכבים · אונ זיי האבין צוויי
בלאקערן אויף צוויי זייטין גילייגט אונ האבן
זייער ערשטע קינד דורך דעם פייער דורך
גיפירט ביז דאש קינד איז וואורין פאר
ברענט · אונ ער האט גימיינט דאש דורך
דעם וועלין אים אלע זיינע קינדער לעבין
וואש ער וועט ווייטער האבין · אונ דער
מלך אחז דר פאטער פון חזקיה האט אויך
זיינע קינדער דורך דעם פייער דורך גיפירט

צו פאר ברענגן · דרום האט די מוטר פון
חזקיה אים גישמירט מיט דעם בלוט פון דר
חיה וואש הייסט סלמנדריא דאש ווער עש
שמירט זיך מיט דעם בלוט קאן אים קיין
פייער ניט טאן · קוסם קסמים מען טאר ניט
טאן קיין כישוף · מען זאל נעמן איין שטעקן
אין דר האנט אונ מען זאל טרעפין אויב ער
זאל גיין אין דעם ארט וואש ער באגערט
אדער ניט · מעונן מען טאר קיין כישוף ניט
טאן מען זאל זאגין אין דעם טאג איז גוט
ארויש צו גיין אין וועג אונ אין דר שעה איז
גוט איין מלאכה אן צו הויבין צו טאן מנחש
ער זאגט דאש ברויט איז אים ארויש גיפאלן
פון דר האנט ווייזט דרויף · דער הירש איז
אים איבער גילאפין ווייזט דרויף · וחובר חבר
ער זאמילט איין מיט כישוף פיל שלאנגען
צו אנאנדער אדער פיל שדים ושואל אוב אונ
דר וואש ברייגגט אויף איין מת פון זיין קבר
אונ רעט מיט אים אונ דער מת זאגט אים
וואש עס וועט זיין וידעוני עש איז פאר האנדן
איין חיה וואש הייסט ידוע אונ מען נעמט
פון איר איין ביין אונ מען לייגט אים צו איין
טויטין אין מויל זאגט דער ביין וואש מען
באגערט צו ווישין ודורש אל המתים דאס איז
דער וואש לייגט זיך אויף דעם בית הקברות
צווישין דיא מתים אונ פייניגט זיך מיט
תעניתים אונ שלאפט אויף דעם בית
הקברות כדי עס זאל אויף אים רוען איין
רוח הטומאה · אונ אז רבי עקיבא איז
גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט אונ
האט גיזאגט ווען איינער לייגט זיך אויף
דעם בית הקברות רועט אויף אים איין רוח
הטומאה ווייל ער האט זיך גיפייניגט אונ
האט זיך מטמא גיוועזן מכל שכן ווען איין
מענטש פייניגט זיך מיט תעניתים אונ האלט
זיך בטהרה דארף גיוויש איין רוח הקודש
אויף אים קומען אונ מיר זיינען ניט זוכה
עס זאל אויף אונז רוען דער רוח הקודש
ווייל מיר זינדיגין אלין · תמים תהיה עם יי אלהיך

דו זאלסט זיין גאנץ מיט גאט זאלסט ניט
נאך גיין נאך כישוף נאר פאר לאז דיך אויף
גאט ער וועט דיר העלפין · אונ זייא גאנץ
מיט דיין הארץ דו זאלסט מיט דעם מויל ניט
אנדערש ריידין וויא אין הארצין איז · אונ
גאט וועט דיר געבין נביאים דאש זיי ווערין
דיר אלין אמת זאגין · אבר די מכשפים זאגן
אפט ליגין דרום האט די תורה בייא כישוף
אן גישריבין די דינים פון נביאים שלש ערים
תבדיל דו זאלסט אפ שיידין דריי שטעט עס
זאל אהין אנטלויפין דער רוצח וואש האט
גיהרגת איין מענטשין אום גערין · דר פסוק
לערינט אונז דאש עס איז ערגער דער וואס
מאכט זינדיגין זיין חבר מער וויא ער זאל
אים הרגנן · ואם ירחיב יי אלהיך את גבולך אונ אז
גאט וועט דר ברייטערן דיין גבול אין דיא
צייט פון משיח זאלסטו נאך שטעט מאכין
פאר ערי מקלט דען דענשט מאל ווערין די
ישראל מער זיין · אונ מיר גיפינען אין
דער גמרא איין מעשה דאש וויא אז נאך
אונזערע אבות זיינען גיוועזין אין ארץ
ישראל האט איינער גירייטין אויף איין
פערד אום שבת האט מען אים גיבראכט
צום בית דין אונ מען האט אים פאר
שטיינגט האטשע אויף דער עבירה קומט
קיין סקילה ניט נאר ווייל די לייט זיינען
גיוועזן אויש גיבראכין אין דער זאך דרום
האט מען אים גיהרגת כדי דיא איבעריגע
זאלין שוין מורא האבין צו טאן די עבירה ·
אונ נאך איין מעשה דאס איינער איז גיוועזן
ביי זיין ווייב בייא טאג אונטער איין פייגין
בוים פאר אלע לייט האט מען אים מלקות
גישלאגין האטשע עש קומט דער פאר קיין
מלקות ניט נאר כדי דיא לייט זאלין מורא
האבין דאס צוא טאן · אונ נאך איין פשט
איז ובערת דם הנקי דו זאלסט אויס ראמען דאס
ריינע בלוט דאס איז ווען דוא וועשט דעם
רוצח איין רעכטין משפט געבין אזו וועט ער
איין כפרה האבין אויף זיין עבירה אונ וועט

קומען

קומען ריין אויף יענער וועלט אבער ווען דו וועשט אים ניט הרגנן אזו ווערט ער ניט ריין קומען אויף יענער וועלט אונ מען ווערט אים דארטין שטראפין אזו ווערט אים ערגער זיין • פון דאנען זאל מען אפ לערנן דאש בית דין זאל קיין רחמנות ניט האבין אויף די רשעים פון צוא שטראפין זיי • דען דורך דעם וואש מען איז זיי מבייש אונ מען שטראפט זיי אויף דר וועלט האבין זיי איין כפרה אונ קומען ריין אויף יענער וועלט • אזוא וויא מיר גיפינען איין מעשה ביי רב עמרם דאש מען האט צוא אים גיברא‌כט גיפאנגענע ווייבער צו אויש לייזין זיי • האט זייא רב עמרם אויש גילייזט אונ האט זייא גילאזט ביי זיך אין איין אויבער שטיביל אונ האט צו גינומען דעם לייטער • האט רב עמרם פון אונטין גזעהען אאשה לייכט מיט איר שיינקייט • איז אים אן גיקומען דער יצר הרע האט ער גינומען דעם לייטער וואש צעהען מענטשין האבין אים ניט גיקאנט טראגין אונ ער האט דעם לייטער אליין צו גישטעלט אונ איז ארויף גיגאנגען ביז אין האלבין לייטער אונ האט אן גיהויבין צו שרייען איין פייער ברענט ביי רב עמרם זיינען גיקומען די שכנים צו לעשין דאש פייער אונ זיינע תלמידים זיינען אויך גיקומן אונ האבין צו אים גיזאגט רבי דוא האסט אונז פאר שעמט אונ איין חרפה אן גיטאן האט רב עמרם גיענטפערט עש איז בעסער איר זאלט אייך בעסער שעמען אויף דער וועלט איי איר זאלט אייך מערער שעמען אויף יענער וועלט דען דורך דעם פאר שעמען האב איך איין כפרה אויף מיינע עבירות אונ ער האט באשווארין דעם יצר הרע ער זאל פון אים ארויש גיין איז ער ארויש גיגאנגען אזוא וויא איין פייערינע זייל האט רב עמרם צו אים גיזאגט זעה דוא ביסט פייער אונ איך בין בלוט אונ פלייש אונ איך האב דיך בייא גיקומען פון דער

מעשה קען מען אפ לערנען דאש מען זאל פאר שעמען דיא וואש זייא טוען עבירות כדי זיי זאלין האבין איין כפרה אויף יענער וועלט ועמדו שני האנשים אשר להם הריב לפני יי׳ דער פסוק ווייזט ווען איין מענטש שטייט פאר דיינים זאל ער שטיין מיט מורא גלייך וויא ער שטייט פאר גאט דען ווען מען משפט רעכט איז גאט אויך דער ביי אזו וויא אין פסוק שטייט בקרב אלהים ישפוט דאש איז טייטש גאט איז אויך ביי דעם משפט צווישן די דיינים לא תסיג גבול רעך דוא זאלסט ניט פאר רוקין דעם גבול פון דיין חבר דאש דו זאלסט ניט צו נעמען איין שטיק פלאץ פון דיין חברש ערד • אונ דרום קומען פיל קריג דאש דיא שכנים קריגין זיך אלע צייט פון פלאץ וועגין אונ מען מוז דיינים אונ עדות האבין דריבער דרום האט די תורה נאהנט בייא מסיג גבול אן גישריבין דעם דין פון עדות אונ דיינים דאש מען זאל דיא עדות משפטין אז זיי האבין פאלש עדות גיזאגט מיט דעם וואש זייא האבין גיוואלט זייער חבר מחייב זיין • אונ אויב זיי האבן גיוואלט איין מענטשין אום ברייגנן מיט זייער פאלש עדות זאגין אזו זאל מען זיי אום ברייגען • דהיינו ווען זייא האבין אויף איין מענטשין עדות גיזאגט דאש ער האט מחלל שבת גיוועזן אדער אנדערע עבירות גיטאן וואש מען איז חיב מיתה דרויף אונ זייא זיינען ווארין גיפונען ליגנעריש זאל מען זייא טייטין אזו וויא אין פסוק שטייט ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו איר זאלט די עדות טאן אזו וויא זיי האבין גיוואלט זייער חבר טאן אבער אז מען האט שוין דעם מענטשין גיהרגת דורך זייער עדות אונ דער נאך זיינען זייא אפ גילייקנט גיווארין דורך אנדערע עדות האט מען זיי ניט גיטאן ווייל מען האט שוין דעם מענטשין גיהרגת דען גאט שיקט ניט צו צו דיינים זייא זאלין אום זיסט איין מענטשין הרגנן אונ ווען זיי האבין אים גיהרגת איז

ער

ער גיוויש חייב מיתה גוועזן דורך איין אנדר
עבירה דען דר רוח הקודש איז גיוועזן אויף
די סנהדרין זייא האבין קיין מענטשין אום
זיסט ניט אום גיבראכט דרום האט מען דיא
עדות ניט גיטאן · אונ אטייל חכמים זאגין
דרום האט מען דיא עדים ניט גיהרגת ווען
דער מענטש איז ווארין גיהרגת וויל מען
קען זאגן ווער זאגט מיר דאש די הינטערשטע
עדים זאגין אמת טאמער זאגין די ערשטע
עדים אמת אבער אז דער מענטש לעבט
נאך גלייב איך בעסר די הינטערשטע עדים
וויל זיי זיינען דרייא מיט דעם מענטשין אונ
די ערשטע עדים זיינען נאר צווייא אדער
דרום האט מען דיא עדים ניט גיהרגת דער
וויל דאש איז גיוואוסט דאש די מיתה פון
דעם בית דין איז איין כפרה אונ די עדות
האבין איין גרויסע עבירה גיטאן דאש דורך
זייער עדות האט מען איין אום שולדיגין
מענטשין גיהרגת דרום האט מען זייא ניט
גיהרגת כדי זיי זאלין קיין כפרה ניט האבין
אבער ווען מען האט נאך דורך זייער עדות
דעם מענטשין ניט גיהרגת אזוא איז זייער
עבירה נאך ניט זייער גרויש דרום האט מען
זיי גיהרגת כדי זייא זאלין איין כפרה האבין
שמע ישראל הערט ישראל איר גינעהנט היינט
צו מלחמה האלטין מיט אייערע פיינט דרום
ווער עש האט אויש גיבויט איין נייע הויז
אונ האט נאך דרינען ניט גיוואונט זאל ער
זיך אום קערין אהיים דען טאמער וועט ער
שטארבין אין דער מלחמה אונ איין אנדער
מענטש וועט דאש הויז באנייען · אונ ווער
עש האט איין נייע ווייב גינומען אונ האט
נאך מיט איר ניט גיוואונט זאל ער זיך אויך
אום קערין אהיים · אונ אויך ווער עש האט
איין נייעם ווייןגארטין גיפלאנצט אונ האט
נאך פון אים ניט גינעסין קיין פירות דר זאל
זיך אויך אום קערין אהיים · אונ ווער עש
האט איין ווייך הארץ אונ שרעקט זיך פון
וועגין זיינע עבירות דער זאל זיך אויך אום

קערין אהיים דאש ער זאל ניט מאכין צוא
גיין דאש הארץ פון דעם פאלק אזו וויא זיין
הארץ אונ דאש די ישראל זאלין ניט אום
קומען פון זיינע עבירות וועגין · אונ דרום
האט די תורה אן גישריבין מען זאל אהיים
גיין פון: וועגין דיא זאכין כדי דער מענטש
זאל זיך ניט שעמען צוא גיין אהיים פון
וועגין זיינע עבירות דען מען וועט מיינען
ער גייט אהיים פון וועגין איין הויז אדער
איין ווייןגארטין אבער אז מען זאל מער
ניט אהיים גיין נאר פון וועגין עבירות אזוא
וואלט זיך דער מענטש גישעמט וויל
איטליכער וואלט גיוואוסט דאש ער האט
עבירות גיטאן אונ די תורה איז אויסין מען
זאל קיינעם ניט מבייש זיין חאטשע ער
האט גיזינדיגט · אונ מען זאל זעהען דאש
שלום איז איין גרויסע מצוה דען ווען אפילו
איין מלחמה איז גיוועזן אויף די אומות האט
מען צום ערשטין זיי אן גימוט צו שלום ·
אונ יהושע האט דרייא בריב גישיקט צוא
דיא אומות איי ער האט מיט זייא מלחמה
גיהאלטין די ערשטע בריב איז גיוועזן ווער
עש וויל שלום זאל קומען · אזו איז צו אים
גיקומען די אומה גבעונים אונ האבין מיט
אים שלום גימאכט · אונ דר אנדערער בריב
האט ער גישריבין דער וואש וויל ארויש פון
דעם לאנד ארץ ישראל דער מעג ארויש גיין
אזו איז ארויש דיא אומה גרגשי פון ארץ
ישראל די דריטע בריב איז גיוועזן ווער עס
וויל מיט אונז מלחמה האלטין דר זאל זיך
אן ברייטין צו דער מלחמה אזו האבין זיך
איין גיזאמילט איין אונ דרייסיג מלכים פון
די אומות אונ האבין מלחמה גיהאלטין מיט
יהושע כי האדם עץ השדה די תורה זאגט דוא
זאלסט ניט אפ האקין איין בוים וואש
וואקסט אויף אים פירות דען דו קאנסט פון
אים עסין ובפרט ווען דו קומשט פאר איין
שטאט צו מלחמה האלטין אונ עש שטייען
בוימער פאר דער שטאט זאלסטו זיי בוודאי

ניט אפ האקין כדי דו זאלסט פון זיי קענען עסין אונ דוא טארשט ניט אפ האקין פון אים קיין צווייג אונ דרום גלייכט דר פסוק דעם בוים צו איין מענטשין דען אזו וויא דער מענטש האט אין זיך איין כח צוא וואקסן אזו הט אויך דר בוים כח צו וואקסן אונ אזו וויא דער מענטש האט קינדער אזו האט דר בוים פירות · די חכמים זאגין ווען מען האקט אפ איין בוים וואש וואקסט אויף אים פירות שרייט דר בוים אונ מען הערט זיין קול פון איין עק וועלט צו דר אנדערער אונ די תורה האט אן גישריבין כי תצא למלחמה לעבין כי ימצא חלל באדמה ווען דוא ווערסט גיפינן איין טויטין מענטשין אויף דעם וועג וואש מען האט אים גיהרגת אונ מען ווייסט ניט ווער עס האט אים גיהרגת צוא ווייזין דאס צוא צייטין האט איין ישראל שנאה גיהאט אויף זיין חבר אונ האט זיך אין אים ניט גיקענט נוקם זיין סיידין זייא זיינען גיגאנגען אין איין מלחמה אויף דיא אומות אזו האט ער אים דענסט מאל גיהרגת מען זאל מיינען די אומות האבין אים גיהרגת · דרום האט די תורה גיהייסין די זקנים פון דר שטאט זאלין זיך צוא נויף גיין אונ זאלין רעכט גיוואר ווערין אויב ער האט ניט גיהאט איין שונא פון ישראל · אונ די זקנים האבין גינומען איין קאלב אונ מען האט דאש קאלב גיהרגת אויף אזו איין ארט וואש מען האט ניט גיאקערט אונ מען האט אויף דעם ארט אייביג ניט גיטארט אקערין כדי מען זאל גידיינקען דאש איין רציחה איז דארטין גישעהען טאמער וועט מען גיוואר ווערין ווער דער רוצח איז אונ דיא כהנים האבין גיזאגט כפר לעמך ישראל דוא זאלשט פאר געבין צו דיין פאלק ישראל אונ ווען די ישראל זיינען אין דעם דור פרום גיוועזן אזו איז דאש קאלב גיגאנגען אין דעם הויז פון דעם רוצח אונ מען האט דורך דעם גיוואוסט ווער דר רוצח איז אונ מען האט אים גיהרגת אבער אז דאש דור איז ניט פרום גיוועזן איז דאש קאלב ניט גיגאנגען אזו האט מען דאש קאלב גיטייט אין דעם טאל אונ איין ווארים איז ארויש גיגאנגען פון דעם גוף פון דעם קאלב אונ איז גילאפן אין דעם הויז פון דעם רוצח אונ האט אים גיהרגת דרום זאל זיך דער מענטש היטין צו טאן ביז דען מען קען זיך פאר גאט ניט באהאלטין אין דר גאנצער וועלט אונ וויל דער רוצח האט דעם מענטשין גיהרגת וואש ער האט אין זיך דרייא נשמות אונ כוחות איינש איז וואש ער האט אין זיך איין כח פון א בהמה צו עסין אונ צו גילוסטין אנדרע זאכין · דאש אנדערע האט ער אין זיך איין כח פון איין בוים דאש ער וואקסט אזו וויא איין בוים · דאש דריטע האט ער אין זיך שכל וויא מלאכים · דרום ווען מען האט איין הורג גיפונגען האט מען דרייא זאכין גיטאן מען האט איין קאלב גינומען דאש איז אנטקעגין דעם כח וואש דער מענטש האט אין זיך פון איין בהמה · אונ מען האט דאש קאלב גיטייט אויף אזו איין ארט וואש עס איז דרויף ניט גיוואקסין דאש איז אנטקעגין דעם וואש דער רוצח האט דעם מענטשין גיטייט דאש ער קאן שוין מער גיט וואקסן · אונ די כהנים האבין איבער דעם קאלב פיל רייד גירעט אין זייער תפלה · כפר לעמך ישראל ידינו לא שפכו דאש איז אנטקעגין דער נשמה וואש אין מענטשין איז וואש דורך איר קען דער מענטש ריידין אונ האט שכל וויא דיא מלאכים דרום האבין די זקנים גמוזט תפלת טאן צוא גאט זיי זאלין גיפינען דעם רוצח אונ זיי האבין גיזאגט אין זייער תפלה מיר האבין דעם מענטשין ניט גיזעהן אונ מיר זאלין אים קיין ברויט ניט געבין אויף דעם וועג אונ מיר זאלין אים ניט באלייטין דאש לערינט אונז די תורה מען זאל קיין אורח ניט ארויש לאזין פון דעם הויז ביז מען ניט אים מיט ברויט אונ אנדערע שפייז אונ מען

זאל

זאל אים באליטין אזו וועט דער אורח זיין באהיט דעם דאזיגין וועג אונ די כהנים האבן גיזאגט כפר לעמך ישראל פאר גיב צו דיין פאלק ישראל וואש לעבין אשר פדית דאש מיינט מען די מתים וואש ווערין אויש גילייזט דורך דר צדקה וואש מען גיט פאר זייא · פון דאנעט לערנען מיר אף דאש מען זאל צדקה געבין פאר די מתים · אונ דרום איז מען מזכיר נשמות אום יום טוב אונ מען גיט צדקה פאר די מתים כדי זיי זאלין דורך דעם איין כפרה האבין · אונ אויך אז מען זאגט קדיש אויף פאטער אונ מוטער לייזט מען זיי אויש פון דעם גיהנם אזו וויא די גמרא זאגט אין מסכת כלה עש איז גיוועז איין מעשה דאס רבי עקיבא האט באגעגינט איין מענטשין וואש האט גיטראגן איין גרוישע משא האלץ אויף זיך האט רבי עקיבא אים גיפרעגט ווארום ארבעסטו אזו שווער ענטפערט דר מענטש איך האב אויף דר וועלט פיל עבירות גטאן אונ איצונד מוז איך אלע טאג האלץ טראגן צוא פאר ברענען מיך דרום זאם מיך ניט ווארום די מלאכי חבלה וועלין מיך שלאגין מיט פייעריגע ריטער דר פאר · פרעגט אים רבי עקיבא האסטו איין זון גילאזט אויף דער וועלט · האט דר מענטש גיזאגט מיין ווייב איז מעוברת גיוועז אז איך בין גישטארבין · איז רבי עקיבא גיגאנגען אין זיין שטאט אריין אונ האט נאך גיפרעגט אויף זיין ווייב אונ קינדער האבין די לייט צו אים גיזאגט ווארום פרעגשטו אויף זיין ווייב אונ קינדר ער איז גיוועזן איין גרוישער רשע איז רבי עקיבא גיגאנגען אין זיין הויז אונ האט גיווארט ביז זיין ווייב האט גיוואונן אונ רבי עקיבא האט דעם זון גינומן אונ הט אים מגדל גיוועזן אונ האט אים גילערינט צו זאגין קדיש אונ ברכו אזוא האט זיך דער מענטש ווידער באוויזין צו רבי עקיבא אונ האט אים גידאנקט וואש ער האט אים אויש גילייזט מיט דעם קדיש פון גיהנם :

# הפטרת שופטים

אנכי אנכי הוא מנחמכם איך גאט בין אייער טרייסטר דו בישט איין גרוישע צדיקות אונ פול מיט זכיות אונ ווארום זאלשטו מורא האבין פר איין מענטשין וואש ער מוז שטארבן אונ איז גיאכט וויא איין גראז ותשכח יי עושך אונ דו האסט פאר געסין דעם גאט וואש האט דיך בשאפין אונ האט בשאפין הימיל אונ ערד אונ האשט דיך ניט פאר לאזט אויף אים · אונ דו האשט מורא דעם גאנצין טאג פאר דעם צארן פון דיין באצווינגר אונ וואש איז זיין צארין מארגין קאן זיין דאש ער זאל שטארבן אונ זעה דאש דער מענטש איז גאר נישט וואש דוא האשט מורא פאר אים מהר צועה להפתח ער מוז איילין זיין יציאה צו האבין כדי ער זאל ניט שטארבין אונ מוז ווידר זעהן דאש זיין ברויט זאל ניט גימינערט ווערין כדי ער זאל ניט שטארבין ואנכי יי אלהיך אונ איך בין דיין גאט וואש האט גימאכט איין שרומפין דעם ים האטשע זיינע אינדין האבין גישטורעמט גאט דער האר איבער אלע חילות איז זיין נאמן אונ ווארום זאלט איר זיך ניט פאר לאזין אויף גאט ואשים דברי בפיך אונ איך האב גיטאן מיינע רייד פון נביאות אין דיין מויל אונ מיט דעם שאטין פון מיין האנט האב איך דיך צו גידעקט צו דר האלטין אייך וואש אויף אייך איז גיזאגט איר זאלט זיין אזו וויא די שטערין פון דעם הימל אונ וויא די שטויב פון דר ערד אונ צו זאגין צו די וואש וואונען אין ציון דו בישט מיין פאלק · זאגט ישעיה התעוררי התעוררי דער וועק דיך דו שטאט ירושלים אונ שטייא אויף וואש דוא האשט גטרונקען פון גאטש האנט דעם כוס פון זיין גרים צארין דו האשט דעם כוס אויס גיזויגן כלומר דו האשט גינוג צרות גיהאט אין גלות אין מנהל לה מכל בנים ילדה עש איז ניט דא קיין פירער צו איר פון אלע קינדער וואש זיא האט גיוואונען אונ זיא האט קיינעם נית זיא אן צו נעמען אין איר האנט פון אלע קינדער וואש זיא האט דער צויגין שתים הנה קראותיך דיינע צרות זיינען טאפיל ווער קען דיך באקלאגין אונ דאש זיינען די טאפעלע צרות דאש רויבונג אונ דאש ברעכענש אונ דער הונגער אונ דיא שווערד מיט וואש פר איין אומה קען איך דיך

ירושלים טרייסטן איך זאל זאגין די אומה האט אויך אזו גיהאט בניך עלפו דיינע קינדער זיינען פאר חלשות גיווארן און ציגען גילעגין הפקר אין אלע גאסין אזו וויא דער ווילדר אקס איז הפקר אז ער איז אין דער געץ און זיי זיינען פול מיט דעם צארין און גישרייא פון גאט און ווייל דו האשט שוין מקבל גיוועזן אין פורעניות אויף דיינע זינד דרום שמעי נא זאת עניה הער צו דוא ארימע שטאט ירושלים דוא בישט שיכור פון וועגין צרות און ניט פון ויין כה אמר אדוניך יי אזו האט גיזאגט גאט דיין הער דאש ער וועט זיך קריגין די קריג פון זיין פאלק ישראל מיט די עובדי כוכבים וואש האבין זייא שלעכץ גיטאן און איך גאט האב צו גינומען פון דיין האנט דעם כוס התרעלה די הייבין פון מיין צארין וועסטו מער ניט טרינקן ושמתיה ביד מוגיך און איך וועל דעם כוס טאן אין דער האנט פון די עובדי כוכבים וואש האבין דיך גימאכט צו גיין וואש האבין גיזאגט צו דיין לייב בייג דיך איין און מיר וועלין איבער דיר איבער פארין און דוא האשט גיטאן דיין רוקין אזו וויא די ערד און אזו וויא איין מארק וואש מען פארט איבער אים כלומר דו האשט סובל גיוועזן זייערע צרות עורי עורי לבשי עזך דר וועק דיך און קלייד זיך אן דיין שטארקייט דו שטאט ציון טוא אן דיינע שיינע קליידער דוא הייליגע שטאט ירושלים דען דיא עובדי כוכבים וועלין מער ניט קומען אין דיר התנערי מעפר קומי שבי ירושלים שאקיל דיך אפ פון דיין אש וואש דו בישט דרינען גיזעסן און האשט גיטרויערט און שטייא אויף און זעץ דיך אויף איין שטול דו ירושלים בינד אויף דיא בינד רימען פון דיין האלז דוא גיפאנגענע שטאט ציון כי כה אמר יי דען אזו האט גאט גיזאגט איר זייט אום זישט גיווארין פאר קויפט צו דיא עובדי כוכבים נאר איבער אייערע עבירות אזו וועט איר אן געלט אויש גילייזט ווערין נאר דורך תשובה · כי כה אמר יי אלהים דען אזו האט גיזאגט גאט דער האר די מצרים זיינען ניט אזו שולדיג וואש זיי האבין גיארבעט מיט ישראל ווייל ישראל האבין גינידערט צום ערשטין קיין מצרים צו וואונען דארטין און די מצרים האבין זיי גישפייזט אבער אשור האט אום זישט גירויבט די ישראל ועתה מה לי פה נאום יי און איצונד וואש האב איך דא צו זאמען

מיינע קינדער ישראל דאש מיין פאלק איז גיפאנגען ווארין אום זישט און זיינע גוועלטיגער טוען זיך בארימען דאש מיט זייער כח האבין זייא ביי גיקומען דיא ישראל און איין גאנצין טאג ווערט מיין נאמן דער צערינט לכן ידע עמי שמי דרום וועל איך מיין פאלק ישראל אויש לייזין דאש זיי זאלין ווישין מיין נאמען לכן ביום ההוא דרום אין דעם טאג פון דער גאולה וועלין זיי ווישין דאש איך בין דער וואש האט גירעט און מבטיח גיוועזן אויף דער גאולה און האב מקיים גיוועזן מיין הבטחה מה נאוו על ההרים רגלי מבשר וואש פאר איין שיינקייט איז אויף די בערג די פיס פון דעם מבשר וואש וועט מאכין הערין שלום און וועט מאכין הערין גוטש און וועט זאגין צו ציון דיין גאט האט גיקיניגט קול צופיך נשאו קול יחדו ירננו דאש קול פון דיינע זעהערש וואש שטייען אויף די מויערין צו זעהען אויב דער מבשר קומט אן דיא וועלין אלע מיט אנאנדער זינגען און לויבין גאט דען באשיינפערלך וועלין זייא זעהען גאטש גבורות אז ער וועט אום קערין זיין שכינה קיין ירושלים פצחו רננו יחדו חרבות ירושלים עפינט אייער מויל און זינגט מיט אנאנדער איר חורבות פון ירושלים דען גאט האט גיטרייסט זיין פאלק ישראל און האט אויש גילייזט דיא שטאט ירושלים חשף יי את זרוע קדשו גאט האט אנפלעקט זיין הייליגע האנט פאר די אויגין פון די פעלקר און אלע פעלקר וואש זיצין אין עק ערד וועלין זעהען די הילף פון אונזר גאט · סורו סורו צאו משם קערט אייך אפ און גייט ארויש פון דעם גלות און טוט אייך ריינגין איר כהנים און לוים וואס איר האט גיטראגין גאטש כלים פון דעם משכן אין דר מדבר כי לא בחפזון תצאו דען ניט איילנדיג וועט איר ארויש גיין פון גלות און ניט מיט לויפין וועט איר גיין ווארום גאט וועט גיין פר אייך און אייער איין זאמלר וועט זיין דער גאט פון ישראל דר וועט גיין הינטער אייך צו היטין אייך פון דיא וואס יאגין אייך נאך דרום וועט איר ניט דארפין איילענדיג ארויס גיין פון דעם גלות · די גמרא זאגט אין פסחים עס איז שווער דאש שפייזן פון איין מענטשין אזו וויא דעם ים שפאלטין אזו וויא אין דער הפטורה שטייט ולא יחסר לחמו און דר נאך שטייט רוגע הים גאט האט איין גישרומפין און גישפאלטין דעם ים :

כי תצא למלחמה שלמה המלך זאגט אין משלי תנה בני לבך לי ועיניך דרכי תצורנה דאש איז טייטש גיב דיין הארץ צוא מיר אוג דיינע אויגין זאלין היטין מיינע וועגין · דר פסוק לערינט אונז דאש דער מענטש זאל גאט דינען מיט אלע זיינע גלידר · אונ דאש איז גיוואוסט דאש דיא אויגין אונ דאש הארץ ברייגגען דעם מענטשין צוא אלע עבירות דען די אויגין זעהן אונ דאש הארץ גילושט אונ ווען די אויגן אונ דאש הארץ איז גאנץ מיט גאט אזוא איז דער מענטש פרום אין גאטש דינשט · אונ דרום זאגין מיר אין קריאת שמע ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם איר זאלט ניט נאך גיין נאך אייער הארץ אונ נאך אייערע אויגן וואש איר גייט נאך זיי נאך אונ זיי פר פירין אייך אזו וויא איין זונה פר פירט · אונ דרום זאגט ער זונים אחריהם דען דער וואש גייט נאך זיינע אויגן איז גלייך וויא ער גייט נאך איין זונה · דאש האט שלמה המלך גיזאגט כי שוחה עמוקה זונה ובאר צרה נכריה דר וואש גייט אין דעם הויז פון איין זונה איז גלייך וויא ער פאלט אריין אין איין טיפע גרוב אונ זיא איז גיגליכין צו איין ברונים וואש קוועלט · מער וואש מען נעמט ארויש וואסר מער קוועלט אן וואשר · אזו אויך דר וואש איז מזנה מער ער איז מזנה כדי ער זאל שטילין זיין יצר הרע מער קען ער זיין יצר הרע ניט שטילן · דען פון ריידן מיט אפרעמדע אשה קומט ער צו זעהן אין איר אונ פון זעהן קומט ער דש ער הט בייזע מחשבות אונ פון בייזע מחשבות קומט ער דאש ער רירט זיא אן · אונ דיא גמרא זאגט אין שבת ווער עס זעט אויף דעם קליינעם פינגער פון איין פרעמדע אשה דר האט איין גרוישע עבירה · רב חסדא זאגט ווער עס זעט איין בלויזע פוס פון איין אשה איז גלייך וויא ער איז מיט איר מזנה שמואל זאגט ווער עס הערט איין הויך קול פון איין אשה איז גלייך וויא זנות · אונ דרום האט די תורה אן גישריבין וראית בשביה אשת יפת תואר דאש איז טייטש ווען דו וועסט זעהן אין דעם גיפיינקעניש וואש דו וועסט פאנגען פון די אומות איין שיינע אשה אונ וועשט זיא וועלן נעמן אזו האט די תורה גיבאטן דו זאלשט ניט איילין צו נעמן זיא אונ דו טארסט ניט נייערט דו מוזט זיא ברייגגען אין דיין הויז · אונ וייל די תורה האט גיוואושט ווען מען וועט זיא ניט מתיר מאכן צו אים וועט ער ביי איר ליגין באיסור · דרום האט די תורה אים מתיר גיוועזן ער זאל ביי איר איין מאל ליגין אין דר מלחמה אונ דר נאך זאל ער זיא ברייגגען אין זיין הויז אונ זיא זאל אפ גאלן אירע האר אונ זאל לאזן וואקסן אירע נעגיל אונ זאל אויש טאן אירע שיינע קליידער · דען ווען די הידין גייען אין דר מלחמה טוען זיי אן זייערע טעכטער אין שיינע קליידער · אונ זיא זאל ווייגען איין גאנצן חודש אויף איר פאטר אונ מוטר וואש זיינן וואורן גהרגת אונ נאך איין פשט איז ער מוז ווארטן דרייסג טעג צו ליגין ביי איר כדי דר וייל וועט אים דעם יצר הרע אפ גיין אונ דיא וועט אים מיאוס ווערין וייל זיא טוט טרויערין אונ שערט זיך אפ די האר אונ לאזט וואקסן די נעגיל אונ טוט אן מיאוסי קליידער אזו וועט זיא אים מיאוס ווערן טאמר וועט ער זיא אוועק שיקן · אונ נאך איין פשט איז ער מוז ווארטן דרייסג טעג כדי זיא זאל פאר געסין איר פאטר אונ מוטר וואש האבן עבודת כוכבים גדינט אונ זאל זיך מגייר זיין · אונ דרום זאל זיא זיצן אין הויז בצניעות ניט אזו וויא פאר צייטין זיינן גיוועזן בעזות אונ לויפין פון איין הויז אין דעם אנדרין אונ מען זאל אירע האר אפ שערין אזו וויא איין אשה וואש דארף זיך טובל זיין דארף זיא אירע האר רעכט צוא קעמען אונ באזעהן · אבר זיא קען זיך ניט רעכט אפ היטן צו ריין מאכן אירע האר אזו וויא מען באדארף דרום זאל זיא זיך אירע האר אפ שערן אונ זיא זאל פר ריכטן אירע

גניל עש זאל אונטר זיי קיין ליים ניט זיין כדי איר טבילה זאל רעכט זיין · אונ זאל אפ טאן אירע קליידר אזו וויא איין אשה וואש טובלת זיך טוט זיא אפ די קליידער וואש זיא איז גיגאנגען אין זיי אז זיא איז גיוועזן איין נדה אונ די תורה האט גזאגט חאטשי דו וועסט דאש אלין טאן דאך וועט דיר ניט גוט אויש גיין ווען דוא וועסט זיא נעמן דען דאס קינד וואש דו וועשט פון איר האבין וועט זיין איין בן סורר ומורה דאש ער וועט אל דאס בייז טאן כי יהיה לאיש בן סורר ומורה ווען איין מענטש וועט האבן איין זון איין סורר ומורה דאש ער גנבת ביי זיין פאטר אונ קויפט פלייש אונ וויין אונ פרעסט אונ זויפט זאלין אים זיין פאטער אונ מוטר ברייגן צום בית דין אונ דאש בית דין זאלן אים פאר שטיינן אונ כל ישראל זאלין הערן אונ זאלן זיך פארכטן בייז צו טאן · דען מען האט אויש גישריען מען האט פאר שטיינט איין בן סורר ומורה לא תלין נבלתו על העץ ווען דו וועסט הייגנן דעם וואש דאש בית דין האט גיהרגת זאלשטו אים ניט לאזין איבער נעכטיגין אויף דר תליה דען עש איז ניט קיין כבוד פאר גאט · דען ווען מען האט גיהאנגן דעם וואש האט גאט גישאלטין אונ ווען מען זאל אים לאזן הייגען זואלטין די לייט גזאגט דר האט גאט גישאלטין אזו איז דאש ניט קיין כבוד פאר גאט · אונ נאך איין פשט איז דרום האט מען אים ניט גיטארט לאזן הייגן ווייל דר מענטש איז ווארן בשאפין אין גאטש פורים דרום איז ניט קיין כבוד פאר גאט זיין פורים זאל הייגען עש איז איין משל צוויי ברידר וואש האבן איין גלייכע צורה גהאט מען האט ניט דר קענט איינעם פאר דעם אנדרין · איינער איז גיווארין איין עושר אונ דר אנדרר איז גיווארין איין גזלן · אונ מען האט דעם גזלן גיהאנגען · אונ ווער עש איז פיר גיגאנגן האט ער גיזאגט דר עושר הייגט ווייל ער האט אזו איין פנים גיהאט · אזוא האט דר עושר אים גיהייסן אראפ נעמען · השב תשיבם לאחיך ווען דיין חבר האט עפעס פר לארן אונ דו האסט דאש גיפונן זאלסטו דאש אום קערן צו דיין חבר דען איינר איז מחויב צו העלפין דעם אנדרין מיט אלדינג · דיא מצוה האט גאט גיבאטין דאש דער מענטש זאל זיך גיוואנען צו טאן גוטש צו זיין חבר מיט חסד אונ צדקה אונ דורך דר מצוה וואש מען קערט אום וואש דר חבר האט פר לארין דורך דעם זכות וועט גאט די טויטע לעבעדיג מאכין אין די טעג פון משיח דען גאט טוט מדה כנגד מדה דאש ער וועט אום קערין די נשמות אין דעם גוף וואו זיי זיינן פריער גיוועזן לא יהיה כלי גבר על אשה איין אשה זאל ניט אן טאן איין קלייד פון איין מאן דען זיא וועט גיין צווישין מאנען אונ וועט מזנה זיין אונ איין מאן זאל ניט אן טאן די קליידר פון איין אשה כדי ער זאל זיך ניט פאר מישן צווישן די ווייבר · פון דאנען לערנן די חכמים אפ דאש איין מאנזביל טאר ניט זעהן אין איין שפיגיל פון ווייבער נאר ווען ער איז איין גישמירט אויף זיין פנים מעג ער זעהן אין איין שפיגיל וויא אזו ער זאל זיך אפ ווישן · אונ איין אשה טאר ניט אן טאן קיין שווערד אונ דרום האט יעל איין פלאקין גינומען אונ האט נהרגת סיסרא אונ האט ניט גינומן קיין שווערד ווייל איין אשה טאר ניט נעמן קיין שווערד אין דר האנט · שלח תשלח את האם ווען דו קומסט צו איין נעסט פון פויגלען אונ דו ווילסט די פויגלן נעמען זאלסטו די מוטער פריער אוועק שיקן אונ דער נאך זאלסטו נעמן די קינדר כדי דיא מוטר זאל ניט זעהן דעם צער פון דיא קינדר · אונ זאלסט ניט נעמן די מוטער מיט די קינדר נאר דו זאלשט זיא לאזין לעבין כדי זיא זאל ווייטר פויגלן האבן אונ דר פר וועט גאט דר לייגערן דיין לעבין · פון דאנען לערנן מיר אפ מען זאל רחמנות האבין אויף איין מענטשן דען ווען גאט האט גיהייסן רחמנות האבין אויף דיא

פויגל מכל שכן דאש מען דארף רחמנות האבין אויף איין מענטשין אונ דיא תורה האט ביי דער מצוה דעם שכר אן גישריבין דאש דו וועשט לאנג לעבין האטשי עש איז ניט זייער קיין גרוישע מצוה מכל שכן ווען מען טוט אגרוישע מצוה וועט בוודאי גאט געבין לאנג לעבין אונ איין גרוישין שכר · די חכמים זאגן דר וואש איז מקיים די מצוה צוא אוועק שיקין דיא מוטר פון דיא פייגיל דער וועט האבין קינדער זין · אזוא וויא אין פסוק שטייט שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך דו זאלשט אוועק שיקן די מוטער פון די קינדר אונ די זין וועסטו נעמן דיר כלומר דורך דעם וועסטו האבן זין · אונ אויך ווען איינר איז מכבד אורחים האט ער זין · אזו ווי מיר גיפינן ביי שרה דאס זיא האט מכבד גיוועזן די מלאכים ווייל זיא האט גמיינט זיי זיינן אורחים דרום האבן זיי איר גיזאגט זיא וועט האבין איין זון · אונ די שונמית האט מכבד גיוועזן אלישע האט ער איר גיזאגט דו וועסט האבין איין זון · ועשית מעקה לגגך דוא זאלסט מאכין איין גאניק צוא דיין דאך כדי מען זאל ניט אראפ פאלן פון דיין דאך אונ דו זאלשט ניט טאן קיין בלוט אין דיין הויז דאש קיינער זאל ניט ניזוק ווערין אין דיין הויז · אויך טאר מען ניט האלטין קיין שלעכטין לייטר אדר איין בייזן הונט בייא זיך אין הויז כדי קיינער זאל ניט ניזוק ווערן אונ האטשי דער וואש וועט פון דעם דאך אראפ פאלין אונ וועט גיהרגת ווערין דעם קומט בוודאי מיתה דען גאט טייט ניט קיין מענטשין אום זיסט פון דעסט וועגין זאל דאש דורך דיר ניט קומן דען גאט שטראפט איין רשע דורך איין רשע דרום זאלשטו דיך היטן צו מאכן איין היזק אין דיין הויז וואש מען קאן דורך דעם גיטייט ווערין לא תחרוש בשור ובחמור יחדו דוא זאלשט ניט אקערן מיט איין אקס אונ מיט איין אייזיל ביי אנאנדר · דען דר אקס האט גרויש כח אונ דאס אייזל

האט ניט אזו פיל כח אזו וועט דאש אייזיל אלץ הינטן בלייבין אונ דר האר וועט אים שלאגין ער זאל גיין גלייך מיט דעם אקס אזו וועט דאש אייזיל צער האבן · פון דאנן לערנען מיר אף דאש מען טאר קיין בהמה ניט מצער זיין · מכל שכן איין מענטשן טאר מען בוודאי ניט מצער זיין · נאך איין פשט איז דרום האט די תורה פר באטן צו אקערן מיט איין אקס אונ מיט איין אייזיל מיט אנאנדער דען ווען זיי וועלן מיט אנאנדער אקערין וועלן זיי מיט אנאנדר גיוואוינט זיין אונ וועלן זיך באהעפטין מיט אנאנדר אונ דאש האט די תורה פאר באטין דאש איין מין זאל זיך ניט בהעפטן מיט דעם אנדערין נייערט איטליכעש באשעפעניש זאל זיין באזונדר · אונ דרום האט די תורה דר ביי אן גישריבין לא תלבש שעטנז דוא זאלשט ניט אן קליידן קיין שעטנז איין קלייד פון וואל מיט פלאקס אונ זאלשט ניט זייען קיין כלאים אין דיין פעלד ווייץ אין איין ויין גארטין דאש איז אלץ מען זאל ניט פר מישן איין מין מיט דעם אנדרין · מכל שכן דאש איין אשה זאל זיך ניט פר מישן מיט איין פרעמדן מאן וואש דאש איז דיא גרעסטע כלאים · דרום האט דיא תורה דר ביי גישטעלט איין רפואה די מצוה פון ציצית דאס באהיט פון זנות · אזו וויא די גמרא ברייננט איין מעשה איינר האט זייער גיהאלטין פון מצות ציצית אונ האט גיהערט עש איז דא איין זונה איבער דעם ים וואש זיא נעמט פיר הונדרט גילדין פר איר שכר · האט ער איר גישיקט פיר הונדרט גילדן זיא זאל זיך אן גרייטן צו דר צייט · אונ אז ער איז גיקומן צוא איר האט זיא אויף גבעט זעקס בעטן זילבערנע אונ איינע איין גילדערנע · אונ צווישין איטלעכעש בעט איז גיוועזן איין זילבערנער לייטער אונ ביי דער גילדערנער בעט איז גיוועזן איין גילדענער לייטר · אונ זיא האט זיך אויש גטאן נאקעט אונ האט זיך גיזעצט

נאנץ אויבין אויף דער גילדערנער בעט · און ער האט זיך אויך אויש גיטאן נאקעט און האט זיך גיזעצט אנטקעגין איר · זיינן גיקומען זיינע פיר ציצית און האבין אים גישלאגין אויף זיין פנים איז ער אראפ גיגאנגן און האט זיך גיזעצט אויף דר ערד איז זיא אויך אראפ גיגאנגען און האט זיך גיזעצט אויף דר ערד און זאגט צו אים איך וועל דיך ניט אפ לאזן ביז דו וועסט מיר זאגן וואש פר איין מום האסטו אין מיר גיפונען האט ער איר גיזאגט איך האב אין מיינע טעג קיין שענערן מענטשין ניט גיזעהן פון דיר · נאר איין מצוה האט אונז גאט גיבאטן דאש איז מצות ציצית · און ער האט דער ביי אן גישריבין צוויי מאל אני ה׳ אלהיכם איך בין אייער גאט וואש באצאלט דעם רשע זיין בייזין שכר און באצאלט דיא צדיקים אויף זייערע גוטע מעשים · און איצונד זייגען אויף מיר אויפו גישטאנן די פיר ציצית אזו וויא עדות און ווילין אויף מיר עדות זאגין האט דיא זונה גישווארן איך וועל דיך ניט אוועק לאזין ביז דו וועסט מיר אן שרייבין דיין נאמן און דעם נאמן פון דיין שטאט און דעם נאמען פון דיין בית המדרש און דעם נאמן פון דיין רבי וואש דו לערינסט ביא אים תורה · האט ער דאש אלין אן גשריבין און האט איר גגעבין און איז אוועק גגאנגן · און די זונה האט צו טיילט איר געלט אויף דרייא חלקים · איין חלק האט זיא גיגעבין צוא עניים · און איין חלק האט זיא גיגעבן צום מלך · און איין חלק האט זיא מיט זיך גינומן און די זיבן בעטן · און איז גיקומען אין דר שטאט אין בית המדרש פון רבי חייא און זאגט צו אים רבי זייא מיך מגייר זאגט רבי חייא מיין טאכטר טאמער האסטו איין לוסט צוא איינם פון מיינע תלמידים און דרום ביסטו דיך מגייר · האט זיא ארויש גינומן דאש גישריפט און האט אים גיוויזן · הט רבי חייא צו איר גזאגט גיי און נעם דיר

דעם דאזיגן פר איין מאן און די בעטן וואס זיא האט אים אויס גיבעט באיסור האט זיא אים ווידר גיבעט בהיתר · דר פון קען מען לערנן וויא גרויס דר שכר איז פון ציצית די גיבין שכר אויף דר וועלט און אויף יענר וועלט · און דרום האט דיא תורה גישטעלט ציצית ביא כלאים לא תלבש שעטנז גדלים תעשה לך ווייל ציצית איז איין רפואה אויף כלאים · און נאך איין רפואה איז צו זנות דאש מען זאל אין דר יוגינט איין ווייב נעמן אזו וועט זיך דר יצר הרע פון אים אפ מאן · אזו וויא דיא גמרא זאגט רב חסדא זאגט דרום בין איך בעסר פון מיינע חברים ווייל איך האב איין ווייב גינומן אין דר יוגינט · ווען וויא באלד איך האב איין ווייב גינומן האט זיך דר יצר הרע פון מיר אפ גיטאן · און דרום האט די תורה גישטעלט ציצית ביי כלאים ווייל דאס קען דער מענטש מקיים זיין צוא אכט יאר אזו קאן דעם יצר הרע מבטל זיין און ער זאל נעמן איין ווייב צוא באצווינגן דעם יצר הרע · און דרום האט די תורה גישטעלט ביי ציצית כי יקח איש אשה דאש איין מענטש זאל נעמן אווייב צוא מבטל זיין דעם יצר הרע · און דרום זאל מען אווייב ערלאך האלטין דען זיא באהיט אים פון דעם יצר הרע · און דרום האט דיא תורה אן גישריבן והוציא עליה שם רע ווען איינר וועט אויש ציהן איין שם רע אויף זיין ווייב דאש זיא האט קיין בתולים ניט גיהאט און עש איז ליגין זאל ער געבן צו איר פאטר הונדרט שקלים און מען האט דעם לייליך פאר דעם בית דין גיבראכט און מען האט גינומן ווייבער זיא זאלין זעהען אויב עש איז דא בתולים אויף דעם לייליך אבר ווען עש איז ווארין גיפונען דאש זיא האט מזנה גיוועזן זאל מען זיא טייטין · און ווען איין מענטש האט מאנס גיוועזן איין אשה אזו איז זיא פטור און איז מותר צו איר מאן · אבר ווען זיא האט מיט איר ווילין מזנה גיוועזן האט מען זיא גיטייט



אפילו

אפילו ווען זיא איז מעוברת גוועזן האט מען
גיט גיוואַרט ביז זיא האט דאש קינד גיהאט
נאר מען האט זיא גיטייט מיט דעם קינד ·
אבר ווען זיא איז צו קינד גיגאנגן האט מען
גיוואַרט ביז זיא האט דאש קינד גהאט · כי
כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש ווען איינר איז
מאנס איין אשת איש איז גליך וויא ער הרגת
איין מענטשן · פון דאנן לערנן די חכמים אף
דאש אזו וואול אז איין ליסטים זאגט צו איין
ישראל טייט יענעם ישראל אונ אז ניט וועט
מען דיך טייטן זאל ער בעסר זיך לאזן טייטן
אונ זאל קיין אנדרין ישראל ניט טייטן אזו
אויך אז איין ליסטים זאגט צו איין ישראל
ליג ביא איין אשת איש אונ אויב ניט וועל
איך דיך טייטן זאל ער זיך לאזן טייטן אונ
זאל ביי קיין אשת איש ניט ליגן אונ אפילו
איין אלמנה זאגין אונזערע חכמים עש איז
גיוועזן איין מעשה איינר האט גרויס לוסט
גיהאט צו ליגן ביי איין אלמנה אונ איז פר
גרויס לוסט קראנק גיווארן דען דאש הארץ
האט אין אים גברענט · האבן רופאים גזאגט
ווען ער וועט ביא איר ניט ליגן וועט ער
שטארבן · האט מען גפרעגט די חכמים אויב
ער מעג ביא איר ליגן כדי ער זאל לעבן
בלייבן · האבן די חכמים גיזאגט לאז ער
שטארבן אונ זאל ביי איר ניט ליגן אונ אויך
זיא זאל ניט שטין פאר אים נאקעט · האט
מען זיי גפרעגט אויב ער מעג מיט איר רידן
דורך איין וואנט טאמר וועט ער בלייבן לעבן
האבין די חכמים גזאגט מען זאל דאש אויך
ניט טאן · כדי מען זאל מאכין איין צאם צו
דר עבירה · אונ אויך עש זאל ניט זיין קיין
חרפה צו איר משפחה · ואין מושיע לה ווער עס
איז מאנס איין בתולה אונ עס איז ניט דא
ווער עש זאל איר העלפין · פון דאנן לערנן
מיר אף דאש מען דארף איר העלפין מיט
וואש מען קאן · אפילו אויב מען קען אנדרש
ניט העלפן נאר אז מען זאל דעם נואף הרגנן
זאל מען אים הרגנן אונ מען זאל אים ניט

לאזין קיין עבירה טאן · אונ אויך ווען מען
זעהט איינער לויפט נאך זיין חבר צו טייטן
אונ מען קאן דעם חבר ניט העלפן · נאר אז
מען וועט דעם רוצח הרגענן זאל מען אים
הרגנן אונ מען זאל אים ניט לאזן קיין רציחה
טאן · אויך זאגין דיא חכמים ווען איין אשה
גייט שווער צוא קינד אונ איז מסוכן צוא
שטארבין דורך דעם מעג מען דאש קינד
טייטין כדי די אשה זאל לעבין בלייבן דהיינו
מען מעג איר געבין טרינקן אזעלכעם וואש
דאש קינד זאל גטייט ווערן אונ זאל פון איר
אפ גיין · אדער מען זאל זיא רויכערין מיט
אזעלכע זאכין וואש דאש קינד זאל גיטייט
ווערין · אבער ווען דאש קינד איז ארויס
גיגאנגען מיט דעם קאפ אונ מיט איין רוב
גוף טאר מען דאש קינד ניט טייטין דען ער
איז ניט קיין רוצח נייערט ער וויל אויף דער
וועלט גיין · לא יבוא ממזר בקהל יי ווען איינר איז
גילעגין ביא זיין טאכטער אדער ער איז
גילעגן ביי זיין מוטר אדר ביי איין אשת איש
אונ האט מיט איר גהאט איין קינד אזו הייסט
דאש קינד איין ממזר · אונ ער טאר קיין
ווייב ניט נעמן איין ישראלית נאר איין גיורת
מעג ער נעמען · לא יבוא עמוני ומואבי בקהל יי עש
זאל ניט נעמען איין זכר פון עמון אדר פון
מואב איין בת ישראל חאטשע ער וועט זיך
מגייר זיין · ווייל זיי האבן ניט גיבראכט קיין
ברויט אונ וואסער צו ישראל אין דר מדבר
אונ אויך ווייל מואב האט גידונגן בלעם ער
זאל דיך שילטין · אבער איין ישראל האט
גימעגט נעמען איין ווייב פון די טעכטר פון
מואב אז זיא האט זיך מגייר גיוועזן ווייל איין
אשה איז ניט דר דרך זיא זאל טראגן ברויט
אונ וואסער · אונ איין מצרי אדר פון אדום
ווען איינר האט זיך מגייר גיוועזן האט גאט
מתיר גוועזן זיך מתחתן צו זיין מיט אים נאך
דרייא דורות · חאטשע אדום איז גיגאנגש
אנטקעגין ישראל מיט איין שווערד אין דער
מדבר אונ די מצרים האבין גיווארפין דיא

קינדר פון ישראל אין וואסער נאר זיי האבן ניט גימאכט די ישראל זינדיגן · אבר עמון אונ מואב האבין גימאכט די ישראל זינדיגן מיט זנות · דרום האט גאט גיאסרת איף אייביג מען זאל זיך מיט זיי ניט מתחתן זיין דען עס איז ערגער דר וואש מאכט זינדיגן איין מענטשין מער וויא דר וואש הרגת אים דען דר וואש הרגת אים ברייננט אים נאר אום פון דר וועלט אבר ניט פון יענר וועלט אונ דער וואש מאכט אים זינדיגן ברייננט ער אים אום פון דר וועלט אונ פון יענער וועלט · ונשמרת מכל דבר רע דו זאלסט דיך היטן פון צו ריידין בייז · אונ פון דאנען לערנען דיא חכמים אפ מען זאל ניט מזנה זיין אונ ניט קיין לשון הרע ריידין אונ דאש ווייזט דאש ניט נאר מיט זנות קען מען מאכן דעם חבר זינדיגן נייערט אפילו מיט ריידין קען מען אויך דעם חבר מאכין זינדיגן צו אום ברייננען אים פון ביידע וועלטין דען דער וואש הערט צוא לשון הרע ווערט אויך גישטראפט אזו וויא די גמרא זאגט די דריי מענטשן טוט לשון הרע הרגנן דר וואש רעט לשון הרע אויף זיין חבר · אונ דאש אנדרע אויף דעם וואש מען רעט לשון הרע · אונ דער וואש הערט צו לשון הרע ווערט אויך פאר לארין פון ביידע וועלטן · אזו וויא די גמרא זאגט פון דריי עבירות וועגין ווערן די מענטשן גשטראפט אויף דר וועלט אונ אויף יענער וועלט · פון וועגין עבודת כוכבים אונ רציחה אונ זנות · אונ לשון הרע איז אנטקגן אלע דריי דאש ער ווערט דריבר פר לארן פון ביידע וועלטין · אונ דרום האט דר פסוק גיזאגט ויתד תהיה לך על אזנך דאש טייטשין די חכמים אין דער גמרא דו זאלסט אריין טאן דיין פינגער אין אויער צו פאר שטאפין אים ער זאל ניט הערין קיין לשון הרע · אונ דר פשוט פשט איז ויתד תהיה לך על אזנך דו זאלשט איין אייזערנעם פלאקין אויף היינגען אויף דיין שווערד דאש ווען דו וועשט צורך האבן זאלשטו אן גראבין ערד צוא צו דעקין דיין צורך מען זאל קיין מיאוסין ריח ניט הערין אונ דיין מחנה זאל זיין ריין אונ הייליג · אונ בפרט די הייליגע וואלקין זיינן גיוועזן ארום די ישראל · אונ דרום האט מען גימוזט גיין צורך האבין הינטער דר מחנה וואש דארטן איז קיין וואלקין ניט גיוועזן · דען דר וואלקן איז נאר אין דרייא זייטין גיוועזן אין מזרח אין דרום אונ אין צפון · אונ דאש האבין זייא גידארפט אז זיי האבן אויף גיהערט צו עסין מן · אבער אז זיי האבין גיגעסין מן האבין זיי דאש ניט גידארפט · דען דר מן איז צו גאנגען אין זייערע גלידר אונ זיי האבין פון אים קיין אויס גאנג ניט גיהאט · אונ אפילו די אנדרע שפייז וואש זיי האבין גיגעסן ביי דעם מן האט דער מן גימאכט דאש זייער אויש גאנג האט קיין מיאוסין ריח ניט גהאט אונ אז זיי האבין אויף גיהערט מן צוא עסין האבין זיי גימוזט האבין איין אייזרנם פלאקן צו צו דעקין זייער אויש גאנג · לא תביא אתנן זונה דו זאלסט ניט ברייננען אין גאטש הויז די מתנת וואש מען גיט איין זונה דען עס איז מיאוס · אונ די תורה האט דער ביי א גישטעלט לא תשיך דו זאלסט קיין ריבית ניט געבן · צו ווייזין דאש עס איז דאפיל ישראל וואש זאמלען איין געלט דורך ריבית אונ קויפין דר פאר מצות צו עולה תורה זיין דאש איז גליך וויא ער האט גיבראכט די מתנה פון איין זונה אין גאטש הויז · אונ דרויף האט דר נביא גיזאגט לא תוסיפו הביא מנחת שוא איר זאלט ניט מערין צו ברייננען פאלשע מתנות אונ פריער שרייבט די תורה אן מען זאל ניט נעמן קיין ריבית דען זיי ווערן ביידע גישטראפט דר וואש גיט אונ דר וואש נעמט ריבית · אונ אויב דו וועסט וועלן זאגן ווען איך וועל קיין ריבית ניט געבין אדער נעמען מיט וואס וועל איך מיך דער נערין · דרום האט די תורה דר ביי אן גישריבין כי יברכך ה' אלהיך בכל משלח ידך דען גאט ווערט דיך בענטשן

אין

אין אלע דייגע מעשים וואש דו וועסט טאן
מיט דיינע הענט · די תורה האט אן גשריבן
כי תשה ברעך דוא זאלשט דעם עני לייען אונ
האט דר ביי גישטעלט השמר בנגע הצרעת דאס
ווייזט אונז דר וואש וויל זיין חבר ניט לייען
דר ווערט גשטראפט מיט צרעת · אזו וויא דר
מדרש שרייבט אין דר סדרה רבי מאיר זאגט
דש צרעת קומט נאר פון וועגן איין בייז אויג
וואש מען וויל קיין צדקה ניט געבן אונ מען
וויל קיין גמילות חסדים ניט טאן · רבי יצחק
זאגט ווען איין בעל הבית קומט צום אנדרין
צו לייען איין האק אונ ער זאגט איך האב ניט
אזו שיקט גאט צרעת אין זיין הויז אזו מוז ער
אויש ראמן אלע כלים פון דעם הויז אויף דר
גאס אלע האקן אונ זיפין וואש ער האט פאר
לייקנט אזו זעהט מען זיין חרפה דש ער האט
איין בייז אויג · דאש אויך האט די תורה דא
גיוויזן דאש דר וואש לייט ניט זיין חבר דר
ווערט גשטראפט מיט צרעת · רבי לוי זאגט פיר
בייזע מידות האבן אטייל ווייבר · זיי האבן
ווייטע העלזר אזו וויא מיר גיפינן ביי חוה דש
זיא האט פון דעם עץ הדעת גיגעסן דש אנדרע
איז די ווייבר ווילן אלע סודות הערן אונ וויסן
אפילו וואש ניט זייער זאך איז דש דריטע זיי
זיינן לייטן מקנא אזו וויא מיר גיפינן ביי רחל
דאש זיא האט מקנא גוועזן איר שוועסטר לאה
וואש זיא האט קינדר גהאט אונ זיא ניט דש
פערטע איז זיי זיינן פויל אונ במעלעך · אונ
די רבנן זאגן נאך צווייא בייזע מידות האבן זיי
זיי קענן ניט סובל זיין איין זאך וואש דר ווידר
איז זיי אונ צערענן באלד · אזו וויא מיר גפינן
ביי שרה דאש זיא איז באלד ברוגז גיווארין
אויף אברהם פון וועגן הגר · אונ דש אנדרע
זיי ריידן פיל · רבי יהושע זאגט אז גאט האט
גיוואלט די אשה בשאפין האט ער גטראכט
פון וואסער איין גליד ער זאל זיא בשאפין ·
אזו וויא אין פסוק שטייט ויבן יי אלהים את הצלע
ער האט פאר שטאנן צו בשאפין זיא פון דעם
ריפ דען גאט האט גזאגט זאל איך זיא בשאפן

פון דעם אויג פון אדם הראשון וועט זיא איין
ווייט אויג האבן צו גילוסטן אלן דען חאטשע
זיא איז ניט ווארין בשאפן פון דעם אויג דאך
האט זיא איין ווייט אויג גהאט אונ האט גגלוסט
צוא עסין פון דעם עץ הדעת · זאל איך זיא
בשאפין פון דעם מויל וועט זיא אלין וועלין
ריידן · זאל איך זיא בשאפין פון דער האנט
וועט זיא וועלן גנבנן · זאל איך זיא בשאפין
פון דר פוס וועט זיא זיין איין לויפערן פון הויז
צו הויז · דרום האט גאט גזאגט איך וועל זיא
בשאפין פון איין גליד וואש איז פר בארגן
דש איז די ריפ פון אדם הראשון · אבר דאש
אלין האט ניט גיהאלפן דרום גיהער איטליכר
מענטש אונ איטליכע אשה גווארינט זיין פון
צו ריידן לשון הרע · אונ אויך האבן די ווייבר
גרינגע דעות דאס זיי קענן באלד איבר גרעט
ווערן אפילו ווען זיא טרויערט איבר איין מת
אזו וויא תוספות שרייבט אין קדושין איין
מעשה דאש איין אשה האט זייער גיווינט
אויף דעם בית הקברות איבר איר מאן וואש
איז גישטארבין · אונ ביי דעם בית הקברות
איז גוועזן איין תליה וואש איין גנב איז דרויף
גהאנגן אונ איין מענטש האט אים גהיט דש
מען זאל אים ניט אפ שניידן פון דער תליה
דען דר מלך האט דעם שומר גיזעצט · אזו
האט דר שומר גיהערט די אשה וויינט אויף
דעם בית הקברות · איז ער צו איר גיקומען
אונ האט זיא איבר גרעט זיא זאל מיט אים
מזנה זיין אויף דעם בית הקברות · אונ זיא
האט זיך באלד גילאזט איבר ריידן אונ האט
גיטאן זיין ווילין · אין דעם האט מען דעם
גנב פון דר תליה אפ גישניטן האט דר שומר
זייער גשריען וואש וועל איך טאן וואש וועל
איך ענטפערן מען וועט מיך טייטן דאש איך
האב גלאזט דעם גנב פון דר תליה אפ שניידן
האט זיך די אשה דר בארימט איבער דעם
שומר אונ האט צו אים גזאגט איך וועל דיר
איין עצה געבין · גראב אויש מיין מאן פון
דעם קבר אונ היינג אים אויף דר תליה אויף

דעם ארט פון דעם גנב · האט דר שומר אזו גטאן אונ האט איר מאן אויף דר תליה אויף גיהאנגן · פון דאנן קען מען זעהן דאש אטייל ווייבר האבן גרינגע דעות אבר חס ושלום דש מען זאל אזו זאגן אויף אלע ווייבר אונ וויל פון לשון הרע ווערן טוט זיך די שכינה אפ פון ישראל · אונ דר מדרש זאגט אויך אזו דר וואש רעט לשון הרע דר איז גליך וויא ער דינט עבודת כוכבים דאש דרום טוט זיך אפ די שכינה פון ישראל · דרום האט דיא תורה אן גישריבן זכור את אשר עשה יי אלהיך למרים גידיינק וואס גאט האט גיטאן צו מרים דאס וויל זיא האט גרעט לשון הרע האט זיך די שכינה אפ גטאן פון ישראל · אונ די תורה האט דר ביי גישריבן כי תשה ברעך דו זאלשט לייען דיין חבר צו ווייזן ווען דו האשט גרעט לשון הרע אונ די שכינה האט זיך אפ גטאן פון דיר זאלשטו געבן צדקה אזו ווערט זיך די שכינה צו דיר ווידר אום קערן אזו וויא מיר גיפינן אין מדרש רבתי רבי אבין זאגט דער עני שטייט ביי דעם עושר אויף דר מיר אונ גאט שטייט ביי דר רעכטר האנט פון דעם עני · אזו וויא אין פסוק שטייט כי יעמוד לימין אביון גאט שטייט ביי דר רעכטר זייט פון דעם אביון אונ בצאלט איטליכן זיין שכר · דרום זאגט דר פסוק ולך תהיה צדקה דו זאלשט ניט איין האלטן דעם שכר פון דעם עני וואש האט ביי דיר גיארבט אונ באצאל אים איי עש ווערט נאכט כדי ער זאל ניט רופין צו גאט אזו ווערשטו האבן איין עבירה ולא תחבול בגד אלמנה דו זאלשט ניט נעמן קיין משכון פון איין אלמנה דאש דו זאלשט ניט אריין גיין צו איר אין הויז צו נעמן איין משכון נאר זיא זאל דיר ארויש טראגין איין משכון ווען זיא איז דיר געלט שולדיג · ושכחת עמר בשדה לא תשוב לקחתו ווען דוא האשט פאר געסין איין בונד קארין אין פעלד טארשטו דיך ניט אום קערן צו נעמן אים · עש זאל בלייבן צום עני אונ גאט ווערט דיך דר פאר בענטשן · פון דאנן לערנן די חכמים אפ ווען איין עושר פר ליר איין גראשין פון זיין ביטיל אונ איין עני גיפינט אים אזו האט דער עושר איין זכות גליך וויא ער האט בכוונה אים גיגעבן חאטשע ער האט דרויף קיין כוונה ניט גהאט אזו וויא מיר גיפינן ביי דעם פר געסן קארן אין פעלד אונ דר עני נעמט עש חאטשע זיין כוונה איז דר צו ניט גוועזן דאך גיט אים גאט דר פאר איין גרוישין שכר לא תפאר אחריך דו זאלשט ניט אפ רייסן די לעצטע ויין טרויבן פון דיין ויין גארטן נייערט דו זאלשט זיא לאזין צו ארימע לייט · אויך איז תפאר טייטש ברימן דאש מיינט מען ווען דו גיבשט עפעס דעם עני זאלשטו דיך דר מיט ניט ברימען · אזו וויא דר פסוק זאגט רב אדם יקרא איש חסדו ואיש אמונים מי ימצא דאש איז טייטש עש זיינן דא פיל לייט דאש איטליכער שרייט אויש זיין צדקה וואש ער האט גיגעבן אבר וואו גפינט מען אזו איין מענטשין דאש ער גיט צדקה בסוד אונ שרייט ניט אויש · ארבעים יכנו מען זאל שלאגין פערציג מלקות אן איינם דער וואש איז עובר אויף איין גיבאט פון גאט · אונ מען האט אים מיט זיינע הענט צו גבונדן צו איין זייל אונ אויף גדעקט זיין לייב ביז זיין הארץ אונ דר שמש האט גינומן איין רימען פון איין אקס אדר פון איין איזיל אונ האט אים דר מיט גישלאגין צו ווייזן אים דאש ער איז ערגער פון איין אקס אדר איין איזיל · דען ביי זיי שטייט ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו איין אקס ווייש זיין קויפר אונ איין איזל ווייש די קארעטע פון זיין הארין אבר דער רשע וויל גאט ניט קענן · אונ דרום האט מען אים גישלאגין פערציג מלקות וויל דער מענטש איז ווארין באשאפין אין דר מוטערש לייב אין פערציג טאג · אונ ער האט עובר גוועזן אויף דר תורה וואש זיא איז ווארין גיגעבין אין פערציג טאג אונ אדם הראשון איז אויך מיט פערציג קללות גישטראפט גיווארין ער צעהן אונ חוה צעהן אונ דר שלאנג צעהען

אונ די ערד צעהן איז גוועזן פערציג אזו אויך
איבר די מרגלים זיינן ישראל וואורן גשטראפט
צו זיין אין דר מדבר פערציג יאר אונ פון דר
פרשה לערנן דיא חכמים אפ ווען איינער
שלאגט זיין חבר אדר זיין ווייב איז ער עובר
אויף איין לאו אונ ווען ער נעמט אן דיא
מלקות פאר ליב איז דאש איין כפרה אויף
זיינע עבירות • ונקלה אחיך לעיניך דיא חכמים
זאגין ווען מען האט אים מלקות גישלאגין
איז ער שוין דיין ברודר אונ דו זאלשט אים
ניט מבייש זיין צוא אויף ווארפין אים דיא
עבירה אונ דרום רופט ער אים אן אחיך דאש
האט אין דר צאל ניין אונ דרייסיג צו ווייזין
ווען ער האט גיליטין ניין אונ דרייסג מלקות
איז ער שוין דיין ברודער אזוא וויא פריער
כי ישבו אחים יחדו ווען ברידער וועלין זיצין אין
איינעם אונ איינער וועט שטארבין אן קינדר
זאל דער אנדערער ברודער זיין ווייב מייבם
זיין צוא נעמען זיא פאר איין ווייב כדי עש
זאל ניט ווערין אפ גימעקט אונ פאר געסין
דער נאמען פון זיין ברודער דען ווער עש
שטארבט אן קינדר ווערט זיין נאמען פאר
געסין אונ די מצוה איז דר עלצטער ברודר
זאל זיא מייבם זיין אדער חליצה געבין אונ
אזו איז די מצוה פון חליצה דער ברודער
שטעלט זיך פאר די דיינים אונ דיא יבמת
דארף אים אראפ ציהען זיין שוך פון דעם
רעכטין פוס אונ דארף פר דעם יבם אויש
שפייען אזו איין שפייעכץ וואש אלע דיינים
זאלין עש קענען זעהען אונ אויך איז דער
טעם פון יבום וויל דיא נשמה פון דעם
מענטשין ווערט נאך אמאל בשאפין כדי ער
זאל ניצול ווערין פון דעם גיהנם צו קומען
אין גן עדן צוא לייכטין אין דער ליכט פון
דעם אייביג לעבין • אונ אזו אויך שרייבט
דר ספר הבהיר דאש דרום איז צוא צייטין
איין צדיק זייער איביל אונ דיא נשמה לייד
יסורים ביי דעם צדיק כדי זיא זאל גלייטערט
ווערין אונ זאל לייכטין צו עולם הבא • עש
איז איין משל איינר פלאנצט איין בוים אונ
ער גיראט ניט אין דעם ארט אזו רייסט ער
אים אויש פון דעם ארט צוא פלאנצין אים
אויף איין אנדער ארט אזו אויך ווען דער
מענטש איז שלעכט מאכט גאט דיא נשמה
בשאפין אין איין אנדערין גוף והחזיקה במבושיו
ווען צוויי מענטשין וועלין זיך מיט אנאנדר
שלאגין אונ איין ווייב פון איינעם וועט קומן
צו העלפין איר מאן אונ וועט דעם פרעמדין
אן נעמען ביי זיין שאנד איז זיא ראוי מען
זאל איר אפ האקין די האנט וויל זיא האט
איין פרעמדין ביי דער שאנד אן גינומן נאר
מען נעמט געלט פון איר וואש די האנט איז
ווערט וויל זיא האט גיוואלט העלפין איר
מאן לא יהיה לך בכיסך אבן ואבן גדולה וקטנה דוא
זאלשט ניט האבין אין דיין בייטיל צווייא
ערלייא גיוויכט • קויפין וועשטו מיט דעם
גרוישין גיוויכט • אונ פאר קויפין וועשטו
מיט דעם קליינעם גיוויכט דאש טארסטו ניט
טאן אונ אויב עש וועט חס ושלום פאלשע
גיוויכט זיין צווישין ישראל וועט גאט חס
ושלום שלעכץ שיקין אויף ישראל אונ דרום
האט די תורה דר ביי גישטעלט זכור את אשר
עשה לך עמלק כלומר ווען דוא וועשט פאלש
נעגין וועט דער שונא חס ושלום אויף דיר
קומען ויזנב בך עמלק האט גיפאנגען דיא
רשעים פון ישראל וואש דער וואלקין האט
זייא ארויש גיווארפין אונ האט זייערע
מילות אפ גישניטין אונ האט זייא גיווארפין
אנטקעגין דעם הימיל אונ האט גישריען
נעם דיר דיינע מילות דרום האט גאט גהייסן
דו זאלשט אפ מעקין דעם נאמען פון עמלק
דען ווען עס וועט ווערין אפ גימעקט דער
נאמען פון עמלק אזו וועט דער כסא
הכבוד פון גאט אונ זיין נאמען גאנץ זיין •
אזו וויא אין פסוק שטייט יי' לעולם ישב כונן
למשפט כסאו :

הפטרת תצא איז רני עקרה גיפינט מען אין דיא הפטרה פון נח :

והיה כי תבא שלמה המלך זאגט אין משלי
כבד את יי מהונך ומראשית כל תבואתך וימלאו
אסמיך שבע ותירוש יקביך יפרוצו אין דעם פסוק האט
אונז שלמה המלך גיוויזין דאש דר מענטש
זאל זיך פאר זיכערן אין גאט אונ זאל גאט
מכבד זיין מיט וואש ער קאן אונ פר מאגט
אונ זאל עניים עסין געבין אונ זאל וויסין
דאש גאט ווערט אים בצאלין כפל כפלים אונ
זאל ניט טראכטין ווען איך וועל דעם עני
עפעש געבין ווערט אפ גיין פון מיין געלט נאר
ער זאל זיך פר לאזין אויף גאט אזוא ווערט
זיין געלט נאך מער ווערן אזו וויא אין פסוק
שטייט יש מפזר ונוסף עוד עש זיינן אטייל לייט
וואש זיי גיבן זייער געלט צו עניים אונ דורך
דעם האבן זיי נאך מער אונ דרום זאגן דיא
פסוקים דוא זאלסט גאט מכבד זיין פון דיין
גוטש אזו ווערט גאט דיך רייך מאכן אונ ווערט
מערין דיין תבואה אונ דיין ויין אונ אזוא
גיפינן מיר ביי מעשר בשיידליך אן גישריבן
דאש גאט האט גיזאגט ובחנוני נא בזאת פרובט
מיך אונ גיט מעשר אונ צדקה אויב איך וועל
אייך ניט רייך מאכן חאטשע ביי אלע מצות
טאר מען גאט ניט פרובן איך וועל די מצוה
טאן כדי איך זאל מזל האבן אזוא וויא אין
פסוק שטייט לא תנסו את יי איר זאלט גאט ניט
פרובן אבר ביי מעשר מעג מען זאגן איך
גיב מעשר אונ צדקה כדי איך זאל רייך ווערן
אונ די חכמים לערנען אפ פון דעם פסוק כבד
את יי מהונך דו זאלסט גאט מכבד זיין מיט וואס
גאט האט דיר גיגעבן דאש ווען איינר האט
איין שיין קול זאל ער זינגן אונ לויבן גאט אונ
זאל דאש ניט טאן כדי מאנען אונ ווייבער
זאלין אים לויבין נאר ער זאל זינגען לכבוד
גאט אונ אויך ווען ער האט זוכה גיוועזן צו
זיין איין סופר זאל ער שרייבין ספרים צוא
לערנן פון זיי אונ ווער עש שרייבט זיך איין
ספר תורה איז גליך וויא ער האט זיא מקבל
גיוועזן פון דעם בארג סיני אונ אויך ווען ער
קאן איין מוהל זיין אזו איז זיין שכר זייער

גרויש דען דרייצן בריתות זיינן גזאגט גיוואורן
ביי דר מצוה פון מילה אונ מיט וואש גאט
האט אים גילייט זעלינט זאל ער גאט מכבד
זיין דר מיט אונ דיא ישראל הייסן ראשית
דרום איז ראוי זיי זאלן ברייגנן דאס ראשית
פון דר תבואה אונ פירות צו גאט וואש ער
הייסט ראשית דאש ער איז דער ערשטער
פר אלע ערשטע דרום האט דיא תורה אן
גישריבין ולקחת מראשית כל פרי האדמה דו זאלסט
נעמן דיא ערשטע פירות פון דער ערד אונ
זאלסט ברייגנן צו גאט איי דו פר זוכסטי דר
תולדות יצחק שרייבט די כוונה איז גיוועזן
פון גאט וואס ער האט גיהייסן ברייגען
בכורים דען גאט וויל אונז לערנן דאס מיר
זאלין גאנץ זיין מיט אלע גוטע מידות מיט
גאט אונ מיט לייט דאש ערשטע ער זאל
קיין ווייטין האלז ניט האבין צוא זיין איין
פרעסר אונ איין זויפר דען דר וואס איז איין
פרעסר אונ איין זויפר קומט פיל ביז · דורך
דעם ווערט ער באלד ארום דאש ער פרעסט
אלץ אויף אונ לסוף קומט ער צו גזלען לייט
אונ צו הרגענן · אויך דר וואס עסט פיל דר
קומט צו חלאים רעים אונ מוז דר פון שטארבן
אבר די תורה לערינט אונז רפואות ווי אזו
דר מענטש זאל זיך האלטן מיט עסין דאש
ער זאל ניט קומן צו חלאים אונ די גרעסטע
דאקטורים שרייבין אין זייערע ספרים דאש
דר מענטש זאל זיך היטן פר גראב עסן אונ
פר פיל עסן אונ ניט אלם דינג צו עסין אונ
אזו שרייבט דר מנורת המאור דר וואס היט
זיך אפ ווייניג צו עסן דר באדארף קיין מאל
קיין דופא ניט דען עס קומן קיין חלאים אויף
אים ניט דרום האט דיא תורה גיזאגט דוא
זאלסט ברייגען דיא ערשטע פירות וואש
וואקסן אין דיין גארטן צו גאט אונ זאלסט
דיך אויף האלטין פון צו עסין ביז דו ווערסט
ברייגנן צו גאט חאטשע איין מענטש האט
גרויש לוסט צוא עסין איין נייע פרי וואש ער
האט איין גאנץ יאר אין זיין גארטין ניט
גיזעהן

גיזעהן דאך זאל ער זיך אויף האלטן ניט צו
עסין זיא כדי ער זאל זיך גיוואנן ווייניג צוא
עסין אונ זאל ניט עסן אלץ וואש אים גלוסט
זיך · אונ וויא דר מענטש האט דר זעהן איין
שיינע פייג אדר איין שיינם היינגל וויין טרויבן
אין זיין וויין גארטן האט ער אים ארום גבונדן
מיט איין פאדים צו איין צייכן דאש איז די
ערשטע פרי צו ברייגגן צו גאט אונ אויך האט
מען גיבראכט בכורים כדי דר מענטש זאל
זיך ניט האלטן בגאוה דרום האט ער גימוזט
ברייגגן די בכורים צום כהן וואש איז גיוועזן
אין זיינע צייטן חאטשע ער איז גיוועזן איין
השובר מענטש אונ איז רייך גוועזן דאך האט
ער אליין גימוזט קומן צו דעם כהן אונ אפילו
איין מלך האט גימוזט נעמן דעם קארב אויף
זיין אקסיל אונ האט גימוזט טראגן פון דעם
הר הבית ביז אין דר עזרה אונ האט גימוזט
זאגין די פרשה דר מיט איז גיוויזן דאש דער
מענטש זאל זיך ניט הויך האלטן אונ ער האט
מתודה גיוועזן אונ האט גזאגט דש גאט האט
מקיים גוועזן זיין הבטחה צו ברייגגן אונז אין
דעם גוטין לאנד דרום האט מען גיוויזן די
פירות אין בית המקדש וויל דורך דעם האט
מען רעכט גיגלויבט אין גאט דען די מרגלים
האבן גזאגט דאש גאט האט קיין מאכט ניט
צו ברייגגן די ישראל אין דעם גוטין לאנד
אבר איצונד וויסין זיי אלע דאש גאט האט
זיין שבועה גהאלטן צו ברייגגן אונז אין דעם
גוטן לאנד אונ מען זאל ניט זאגן דש ישראל
זיינן פון אייביג אין לאנד אונ ניט גאט האט
זיי גיבראכט אין דעם לאנד דרום האט מען
גימוזט זאגן ביי די בכורים ארמי אובד אבי לבן
הארמי האט גיוואלט מאכן פאר לירין אונזר
פאטר יעקב האט יעקב גינידרט קיין מצרים
מיט ווייניג פאלק אונ פרעה האט אונז גרויש
צרות אן גטאן אונ גאט האט אונז אויש גיצויגן
פון מצרים אונ האט אונז גבראכט אין דעם
לאנד צו די גוטע פירות דר פון לערנן מיר אפ
דאש אין בעסטן צייט וויא דעם מענטשן גייט

זאל ער גידיינקען דאש ער האט פריער דעם
דלות גהאט דרום זאגן מיר ביי דר שמחה פון
בכורים דאש מיר זיינן גוועזן אין גלות מצרים
אונ גאט האט אונז גיהאלפין אזוא וועט ער
העלפין אלע ארומע לייט · דער צרור המור
שרייבט דאש די תורה האט דרום דיא צוויי
פרשיות ביי אנאנדר גשטעלט די פרשה פון
עמלק אונ דיא פרשה פון בכורים וויל עמלק
האט זיי ניט גלאזט קומן קיין ארץ ישראל צו
נעמן די ברכות וואש יצחק האט גיבענטשט
יעקב מטל השמים ומשמני הארץ אונ עמלק קומט
ארויש פון עשו דרום האט ער זיך גיוואלט
נוקם זיין וויל יעקב האט די ברכות פון אים
אוועק גינומן דרום לויבין מיר גאט מיט דיא
בכורים וואש זייא הייסין ראשית פרי האדמה אונ
עמלק ווערט אויך גירופין ראשית · ראשית גוים
עמלק צו וויזין דאש זיין עצה איז ניט גיבליבן
אונ די ישראל האבין דאש לאנד גינומן אונ
האבן די ברכה משמני הארץ די גוטע פירות פון
דר ערד · דאש האבן מיר פון גאט וואש ער
הייסט ראשית ער איז דר ערשטער פאר אלע
ערשטע אונ מען האט גלויבט אויף דעם חסד
וואש גאט האט אונז גיהאלפין פון עמלק אונ
מען האט נאך דער ביי אנדרע טובות גזאגט
וואש גאט האט אונז גיהאלפין ארמי אובד אבי
לבן איז גיוועזן איין רמאי אונ האט גיוואלט
מאכן פאר לירין אונזר פאטר יעקב אונ גאט
האט אים גיהאלפין אונ דר נאך האט אונז פרעה
אין מצרים פיל בייז גטאן אונ גאט האט אונז
גיהאלפין אונ די פרשה ווייזט אויף עולם הבא
כי תבא אל הארץ דש ווייזט ער אז דו וועסט קומן
צו עולם הבא וואש הייסט ארץ החיים וואש
דארטן איז דאש אייביגע לעבן אונ עולם הבא
ווערט גירופן נחלה וירושה דען די וועלט איז
קיין ירושה ניט זיא איז ניט אויף אייביג צום
מענטשן ער איז ניט זיכער אלע רגע צו אוועק
גיין פון איר ולקחת מראשית כל פרי האדמה דאש
מיינט מען דו זאלשט מיט נעמן דיא תורה
וואש זיא הייסט ראשית חכמה דען אויף יענם
עולם

עולם פרעגט מען צום ערשטן אויב מען האט
תורה גילערינט דרום זעה אויף דר וועלט צו
לערנן תורה דו זאלסט האבן מיט וואש צוא
קומן אויף יענר וועלט והלכת אל המקום אונ דורך
דר תורה לערנן וועשטו קומן פאר גאט וואש
ער ווערט גירופן מקום ווייל ער איז דש ארט
פון אלע עולמות דאש אלע עולמות הייגן
אין אים ובאת אל הכהן דש מיינט מען מיכאל דר
מלאך וואש איז מקריב די נשמות פון צדיקים
פאר גאט אונ זאגט דאש איז די נשמה פון
דעם צדיק אונ דאש איז די נשמה פון יענעם
צדיק וענית ואמרת די נשמה טוט לויבן גאט וואש
ער הט איר גיהאלפן אונ האט זיא מציל גוועזן
פון דעם יצר הרע וואש ער הייסט לבן הארמי
ווייל ער איז פול מיט רמאות צו בצוויגן דעם
מענטשן אונ די נשמה זאגט ויגר שם במתי מעט
זיא האט גיוואונט אין גוף מיט ווייניג פאלק
רען אלע גלידר האבן גפאלגט דעם יצר הרע
אונ די נשמה מיט דעם יצר טוב האבן ווייניג
גלידר וואש פאלגן זיי אונ דרום זאגט ער וענית
ואמרת דאש מיינט מען די גלידער פון דעם
מענטשן זאגן אויף אים עדות אונ די בכורים
האט מען גיבראכט פון זיבן ערלייא מינים
פון ווייץ פון גערשטין פון ויין טרויבן פון
פייגן פון מיל גראמען פון אייל בירטין פון
האניק פון טייטלן אונ מען האט דש בעשטע
גיבראכט דען עש איז ראוי צו ברייגן פאר
גאט דאש שענסטע אונ דאש בעסטע אונ
אויך ווען איין מענטש האט איין אורח זאל
ער אים דאש בעסטע פון דר שיסיל געבן דען
וואש מען גיט דעם עני פון דעם טיש איז
גלייך וויא מען ברייגט איין קרבן אונ דיא
בכורים זיינן גיוועזן איין כבוד צו גאט אונ
איין כבוד צום כהן אונ איין טובה פר ישראל
איין כבוד צו גאט דאש מען הט אים גלויבט
דאש אל דאש גוטש קומט פון אים אונ איין
כבוד צום כהן דאש מען האט זיך גימיעט צו
ברייגן אים שיינע פירות צו עסן · אונ איין
טובה צו ישראל דאש זייער תבואה האט זיך
דורך דעם גמערט · אונ דר עיקר מצוה איז
גיוועזן מען זאל איטליכש מין אין איין
בזונדרין קארב ברייגן אונ אויב ער האט ניט
גיוואלט פיל כלים טראגן האט ער גמענגט אין
איין קארב טראגן אונ האט דעם גערשטן פון
אונטין גיליינט אונ דיא ווייץ דרויף אונ דיא
טייטלין דרויף אונ די מיל גראמין דרויף אונ
די אייל בירטין דרויף אונ צווישין איטליכש
מין איז גיוועזן איין בלאט אונ ויין טרויבן איז
גיוועזן לעבין דר קארב אונ איין פאר טערקיל
טויבין זיינן גיהאנגן אין דעם קארב פר איין
קרבן אונ נאך איין פאר טערקיל טויבין האט
מען גיבראכט צו שיינקען דעם כהן אונ די
כהנים האבן זיך דר מיט צו טיילט · אין דעם
גאנצין וועג אי ער איז גיקומן קיין ירושלים
האט מען גמענגט געבן צו איין קנעכט טראגן
אבר אז ער איז גיקומן צום בארג וואש דר
בית המקדש איז דרויף גשטאנן הט איטליכר
גימוזט אליין נעמן אויף זיין אקסיל אונ אז
ער איז גיקומן אין בית המקדש אונ הט דעם
קארב פון זיין אקסיל אראפ גינומן האט דר
כהן פון זיין האנט צו גנומן אונ ער הט גזאגט
דיא פרשה אונ האט גאט גילויבט אונ ווען
איינר האט גיקויפט איין בוים אונ האט קיין
קרקע ניט גיהאט האט ער גיבראכט בכורים
אונ האט די פרשה ניט גיזאגט ווייל ער האט
קיין ערד ניט גיהאט האט ער ניט גיקענט
זאגין דו האסט אונז גיגעבן איין גוט לאנד ·
אונ איין גר האט אויך גבראכט בכורים אונ
האט די פרשה ניט גיזאגט ווייל ער האט ניט
גיקענט זאגין דו האסט אונזרע עלטערן דאס
לאנד גיגעבן דען ער האט ניט קיין עלטערין
פון ישראל · אונ אטייל חכמים זאגן איין גר
האט יוא גזאגט די פרשה ווייל אברהם אבינו
איז דר פאטר פון אלע גרים אזו האט איין גר
עלטערן פון ישראל · דר מנהג איז גוועזן דאש
דר בעל הבית אליין האט גימוזט די פרשה
זאגין אונ אויב ער האט ניט גיקענט פלעגט
מען אים פיר זאגן אונ דר נאך הט מען גמאכט

איין

אין תקנה דאש מען זאל איטליכן פיר לייענן כדי עש זאל ניט מבויש ווערן דר וואש קען אליין ניט לייענן אזו וויא מיר טוען איצונד אין דר ספר תורה דאש מען לייענט איטליכן פיר · אונ אז אייני איז מיט בכורים גיגאנגן אין וועג אונ איז גקומן אין שטאט · אזו האבן זיך איין גיזאמילט פון דר שטאט די חשובי לייט מיט זייערע בכורים אונ זיינן גיגאנגען צו אים אויף דר גאס · אונ האבן אלע איבר גנעכטיגט אויף דר גאס ניט אין קיין הויז כדי זיי זאלן ניט טמא ווערן אונ אין דר פרי האט דר עלצטר פון זיי גיזאגט עש איז שוין צייט צו גיין אונ איין אקס איז גגאנגן צו איין קרבן אונ זיינע הערנער זיינן גיוועז באדעקט מיט גאלד אונ איין קראנץ מיט אייל בירטין איז גיוועזן אויף זיין קאפ אונ אטרומייטר איז פר זיי גיגאנגן אונ האט גישפילט ביז זיי זייגען גיקומן קיין ירושלים אונ אין דעם גאנצן וועג האט מען גזאגט דעם פסוק שמחתי באומרים לי בית יי נלך איך טוא מיך פרייען אז מען זאגט צו מיר מיר וועלין גיין אין גאטש הויז אונ זיי זיינן ניט גיגאנגן דעם גאנצן טאג נאר צווייא חלקים טאג זיינן זיי גיגאנגן אונ איין דריטיל טאג האבן זיי גירועט אונ אז זיי זיינן גיקומן נאהינט פון ירושלים האבן זיי שלוחים אריין גישיקט דאש זיי קומען אן אונ די שרים אונ אלע חשובים פון ירושלים זיינן זיי אנטקעגן גגאנגן אויב פיל לייט מיט בכורים זיינן גיקומן זיינן פיל לייט זיי אנטקעגן גיגאנגן אונ אויב עש איז ווייניג לייט מיט בכורים גיקומן זיינן ווייניג לייט זיי אנטקעגן גיגאנגן · אונ אז זיי זיינן גקומן אין די טויערן פון ירושלים האבן זיי גיזאגט דעם פסוק עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים אונזרע פיס טוען שטיין אין די טויערן פון ירושלים אונ אלע בעלי מלאכות פון ירושלים זיינן פר זיי אויף גישטאנן פון זייער מלאכה צו געבין זיי שלום אונ דר טרומייטר איז גיגאנגן פאר זיי ביז אין דעם בארג פון דעם בית המקדש אונ אז זיי זיינן גיקומן אין

הר הבית האט איטליכר זיין קארב אנידער גישטעלט אונ זיי האבין גיזאגט הללויה הללו אל בקדשו ביז כל הנשמה תהלל יה אונ די לוים האבן גיזונגען דאש קאפיטל ארוממך יי כי דליתני דיא עשירים האבן זייערע בכורים גיבראכט אין גילדרנע אונ אין זילברנע כלים · אונ דר עני האט זיינע בכורים גיבראכט אין איין קארב פון קארע אזו האט ער זיא גימוזט ביי דעם כהן לאזין אונ דער עושר האט זיך זיין כלי אהיים גינומן דאש זאגט די וועלט דעם עני שלעפט זיך נאך דר דלות ער מוז תמיד צוא לייגין · ארמי אובד אבי לבן הארמי הט גימאכט פאר לירין אונזר פאטר יעקב די חכמים זאגן חאטשע ער האט אים ניט גמאכט פאר לירן נאר וייל ער האט בדיעה גהאט צו מאכן אים פר לירין רעכינט אים דר פסוק גלייך וויא ער האט אים גמאכט פאר לירין אבר דוד המלך האט גיזאגט אין תהלים און אם ראיתי בלבי לא ישמע יי אויב איך האב אין זין אין מיין הארצן צו טאן איין עבירה טוט דאש גאט ניט רעכנן אונ וייל דוד הט בדיעה גהאט צו בויען דש בית המקדש אזו האט דר פסוק אויף אים אן גישריבן גלייך וויא ער האט דאש גיבויט אזו וויא אין פסוק שטייט מזמור שיר חנכת הבית לדוד גלייך וויא ער האט אויש גיבויט אונ באנייט דעם בית המקדש וגם נתתיו ללוי מען הט פריער תרומה גדולה גיגעבן צום כהן אונ דער נאך האט מען גיגעבין מעשר ראשון צום לוי אונ דר לוי האט אפ גישייד דער פון מעשר מן המעשר אונ האט גיגעבן צום כהן אונ דר נאך האט דר ישראל נאך איין מעשר אפ גשייד צו פירן קיין ירושלים אונ הט דאש דארטן גגעסן אונ אין דעם דריטן יאר פון שמטה האט ער גיגעבן מעשר עני אונ אז ער האט די בכורים גבראכט האט ער גלויבט גאט אונ הט גזאגט דאש ער האט אלע מעשרות אונ תרומות אפ גיגעבן צום כהן ולוי אונ דיא בכורים אהער גבראכט · היום הזה יי אלהיך מצוך לעשות דעם דאזיגן טאג האט דיך גאט גיבאטן צו טאן די

מצות

מצות אונ חאטשע עש איז געווען נאך פערציג יאר זינט גאט האט די תורה געגעבן אונ ער זאגט דעם היינטיגן טאג הט דיך גאט גבאטן גאר דאש לערנט אונז דאש דיא תורה זאל געליבט זיין אויף דעם מענטשן גלייך וויא זיא איז אין דעם טאג געגעבן געווארן איז זיא דאך זייער ליב ווייל זיא איז איין חידוש אזו זאל ביי דיר תמיד די תורה געליבט זיין אונ דוא זאלסט ניט פר געסן אין מתן תורה עש זאל זיך דיר דוכטן דו האסט היינט די תורה מקבל געווען • ובכל נפשך דוא זאלסט דיין לעבין איין שטעלין פון דר תורה וועגן אזו וויא ביי דעם בארג סיני איז געווען דאש עש איז געווען גרויש פייער אונ דונערן אונ בליצין אונ די ישראל זיינן דאך געשטאנן אונ האבן געוואלט הערין די רייד פון גאט • שמור את כל המצוה גאט האט גיבאטן אז דו וועשט קומן אין ירדן זאלסטו נעמן צוועלף שטיינר פון דעם ירדן אונ זאלסט זיי שטעלן פאר איין צייכן אונ איין זכרון אונ זאלסט אויף זיי שרייבן די גאנצע תורה אונ נאך אנדרע צוועלף שטיינר האט מען געלייגט אין ירדן וואש די כהנים מיט דעם ארון זיינן אויף זיי געשטאנן כדי זייערע פיס זאלין ניט ווערין איין געזונקן אין ליים אונ דיא צוועלף שטיינר וואש מען האט אויף זיי די תורה אן געשריבין האט מען געשטעלט ביי דעם בארג עיבל אונ דר נאך האט מען זיי מיט גינומען אין דר שטאט גלגל אונ פון די שטיינר האט מען ווייטר אויש גשריבן די גאנצע תורה פון בראשית ביז לעיני כל ישראל אויף זיבעציג לשונות למען אשר תבוא אל הארץ ווען דוא וועשט תורה לערנן וועסטו קומן קיין ארץ ישראל דען די תורה וועט מאכן פאר שניידן די פיינט פון דעם לאנד אלה יעמדו לברך את העם זעקס שבטים פון רחל אונ לאה זיינן געשטאנען אויף דעם בארג גריזים ביי די ברכות וואש מען האט געבענטשט דר וואש וועט די תורה מקיים זיין אונ זעקס שבטים פון בלהה מיט זלפה זיינן געשטאנן אויף דעם בארג עיבל ביי דעם שילטן וואש מען האט געשאלטן דר וואש וועט ניט מקיים זיין די תורה אונ די כהנים אונ לוים זיינן געשטאנן צווישן די בערג אונ די כהנים האבן אום געקערט זייער פנים אנטקעגן דעם בארג גריזים אונ האבן די ישראל גיבענטשט אויב זיי וועלין מקיים זיין די תורה אונ דיא אלע זעקס שבטים האבן גענטפערט אמן אונ דער נאך האבן די כהנים אום ניקערט זייער פנים אנטקעגין דעם בארג עיבל אונ האבין געשאלטן דר וואש וועט ניט מקיים זיין די תורה אונ דיא זעקס שבטים פון דעם בארג עיבל האבן גזאגט אמן • אונ מען הט עלף עבירות דער מאנט ביי דם שילטן דאש ערשטע ווער עש דינט עבודת כוכבים אונ לייקינט אין גאט דש אנדרע ווער עש האלט ניט ערליך פאטר אונ מוטר אונ די תורה גלייכט עש וויא ער לייקינט אין גאט דען עש איז דא דרייא חברותות אין מענטשן גאט אונ פאטר אונ מוטר דר פאטר גיט דאש ווייסע אונ די ביינר אונ די אדערן אונ די נעגיל אונ דעם מוח אונ דאש ווייסע פון דעם אויג אונ די מוטר גיט דאש רויטע די הויט אונ דש פלייש אונ דאש בלוט אונ דאש שווארץ אפיל פון דעם אויג אונ גאט גיט די נשמה אונ די ראיה אונ דאש הערן אונ דאש ריידן אונ דאש גיין אונ די חכמה אונ שכל אונ אז עש קומט די צייט דר מענטש זאל שטארבן אזו נעמט גאט צו זיין חלק אונ לאזט ליגן דעם חלק פון פאטר אונ מוטר רב פפא זאגט דאש זאגט די וועלט ווען דאש זאלץ גייט ארויש פון דעם פלייש אזו שטינקט דאש פלייש אונ אזו איז אויך דר מענטש כל זמן די נשמה איז אין אים איז ער זייער שיין אבר ווען די נשמה גייט פון אים ארויש ווערט דר גוף פאר שטונקן אונ די גמרא זאגט אין קדושין גאט זאגט ווייל מיר זיינען דריי חברותות דרום ווער עש האלט ערליך פאטר אונ מוטר איז גלייך וויא ער האלט מיך ערליך ארור האיש אשר לא יקים את דברי התורה הזאת פאר שאלטן זאל זיין דר מענטש וואש וועט ניט

ניט

ניט האלטן די מצות מיט דעם גאנצן הארצן דען מען מוז איין מחשבה האבן צו טאן מצות אונ מען זאל גלויבן דאש גאט הט זיי גיבאטן אונ מען זאל זיך משמח זיין ווען מען טוט איין מצוה וייל גאט האט זיי גבאטן אונ דר מענטש האט זוכה גווען צו טאן גאטש ווילן די חכמים לערנן אפ פון דעם פסוק דאש דר וואש גייט מיט הגבהה זאל אויף הויבן די ספר תורה אונ זאל דאש כתב פאר אלע לייט ווייזן זיי זאלן דאש כתב זעהן רבי יודין בר סימן זאגט עש שטייט אין פסוק שובה ישראל עד יי אלהיך דאש איז טייטש דו זאלסט תשובה טאן אפילו ווען דו האסט גידינט עבודת כוכבים וועט דיר דאך גאט מוחל זיין די חכמים זאגין אין דער פסיקתא שובה ישראל עד יי אלהיך איין משל איין מענטש האט זיין חבר מבייש גיוועזן פאר פיל לייט אונ דר נאך וויל ער אים איבער בעטין ענטפערט דר חבר ברייננג דיא לייט וואש דו האסט מיך מבייש גוועזן פר זיי אונ בעט מיך מחילה פר זיי אזו וועל איך דיר מוחל זיין אבר גאט איז ניט אזו דען חאטשע דער מענטש זנדינט פאר פיל לייט זאגט גאט זיי פרום אונ טוא תשובה אין דיין הארץ עש זאל קיינער ניט וויסין נאר איך אונ דו אזו וועל איך דיר מוחל זיין דאש מיינט דר פסוק עד יי אלהיך נאר גאט זאל וויסן אונ ניט קיין מענטש אונ זאלסט צו זאגין דאש דו ווערסט שוין די עבירה ניט טאן אונ טוא תשובה מיט דיין גאנצן הארצן בשמחה דען איטליכע מצוה דארף דר מענטש טאן בשמחה מיט איין פריילעך הארץ דאש זאגט דר פסוק אין דר סדרה תחת אשר לא עבדת את יי אלהיך בשמחה די אלע קללות וואש שטייען אין דר סדרה וועלין אויף דיר קומן וייל דוא האסט ניט גדינט גאט מיט שמחה אונ גאט בצאלט טאפיל שכר ווען ער טוט די מצוה בשמחה אונ זיין כוונה זאל זיין צו פארכטן זיך פאר גאט אזו וויא אין פסוק שטייט ליראה את השם הנכבד והנורא דו זאלסט מורא האבין פאר גאט אונ זאלסט האלטין די מצות אונ דאש איז די בעסטע מדה וואש דר מענטש זאל זיך פארכטן פאר גאט אונ די מצוה קען מען אלע רגע מקיים זיין וואו ער גייט אונ שטייט טאג אונ נאכט קען ער אליין טראכטן אין הארצן צו פארכטן זיך פאר גאט אבר אנדרע מצות דהיינו תפילן אדר ציצית קען ער אנדרש ניט מקיים זיין סיידין ער האט תפילן אדר ציצית אבר צו פארכטן זיך פאר גאט קען ער אלע צייט דש זאגט דר פסוק יראת יי טהורה עומדת לעד גאטש פארכט איז ריין אונ שטייט אויף אייבג כלומר מען קען עס אייבג טאן אונ גאט בגערט פון אונז מער ניט נאר תשובה אזו וועט ער מוחל זיין די עבירות אונ וועט אונז אויש לייזן פון דעם גלות אזו וויא דער פסוק זאגט אין פרשת נצבים והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה ושבת עד יי אלהיך ורחמך ושב וקבצך מכל העמים ווען עס וועלין אויף דיר קומן די קללות אונ דוא ווערסט פאר שפרייט ווערן צווישין די אומות אזוא זאלסטו תשובה טאן וועט דיך גאט איין זאמלען פון אלע אומות אונ וועט דיך ווידער ברייננגען אין דיין לאנד אזוא וויא דיינע עלטערין :

# הפטרת תבא

קומי אורי כי בא אורך שטייא אויף דוא ירושלים אונ לייכט דען עש איז גיקומען דיין ליכט אונ דר כבוד פון גאט וועט אויף דיר שיינען • והלכו גוים לאורך אונ די אומות וועלין גיין צו דיין ליכט • אונ דיא מלכים וועלין גיין צוא דער ליכטיקייט פון דיין שיינונג שאי סביב עיניך הויב אויף ארום אונ ארום דיינע אויגין דו ירושלים אונ זעה דאש אלע דיינע קינדר זיינן ווארין איין גיזאמילט אונ זיינען גיקומען צו דיר דיינע זין וועלין פון ווייטין קומן אונ דיינע טעכטר וועלין דער צויגין ווערין אויף דער זייט אז תראי ונהרת דענשט מאל וועסטו זעהען אונ וועסט לייכטין אונ עש וועט דר שראקין אונ דער ברייטערט ווערין דיין הארץ פון וועגין שמחה דען עש וועט פאר קערט ווערין צו דיר דאש רייכקייט פון מערב זייט אונ דאש גוטש פון די עובדי כוכבים וועט קומן צו דיר שפעת גמלים תכסך דאש מערונג

פון די קעמלען וועט דיך צו דעקין כלומר דו
וועסט פיל קעמלען האבין די יונגע קעמלן פון
מדין אונ פון דר שטאט עיפה די אלע וועלין
קומען צו דיר פון דר שטאט שבא גאלד אונ
ווייעך וועלין זיי טראגן אונ גאטש לויב וועלן
זיי זאגין כל צאן קדר יקבצו לך אלע גוטע שאף פון
די טאטערין וועלין צו דיר איין גיזאמילט ווערן
צו ברייגען גוטע שאף אויף מיין מזבח׃ אונ
מיין בית המקדש וועל איך באשיינען פון זייא
מי אלה כעב תעופינה דיא ישראל וועלין גישווינד
קומען קיין ארץ ישראל אזו וויא איין וואלקין
לויפט גישווינד אונ אזו וויא דיא טויבין פליען
גישווינד צו זייער טויבין שלאק כי לי איים יקוו
דען צו מיר גאט וועלין האפין די עובדי כוכבים
וואש וואונען אויף די אינזלען אונ די שיפן פון
דעם ים תרשיש וועלין קומען אזו וויא זיי זיינן
גיקומען אין די טעג פון שלמה המלך דאש איין
מאל אין דריי יאר פלעגין קומן שיפין צו שלמה
המלך פון דעם ים תרשיש אזוא וועלין היינט
אויך קומן שיפין צו ברייגגן דיינע קינדר ישראל
פון ווייט אונ זיי וועלין מיט זיך ברייגגען זייער
גאלד אונ זילבר פון וועגין דעם היליגן גאט פון
ישראל וואש האט דיך באשיינט ובנו בני נכר
חומותיך די עובדי כוכבים וועלין בויען די מויערן
אונ זייערע שרים וועלין דיך באדינען דען מיט
מיין צארין האב איך דיך גישלאגין אונ מיט
מיין ווילין האב איך דיר דר בארימט ופתחו שעריך
תמיד אונ דיינע טויערין וועלין טאג אונ נאכט
אפין זיין צו ברייגגען דיר דאש גוטש פון דיא
עובדי כוכבים אונ זייערע שרים וועלין ווערין
גיפירט צו דיר גיפאנגענער הייד דען די עובדי
כוכבים וואש וועלין דיך ניט וועלין דינען דיא
וועלין פר לארין ווערין כבוד הלבנון אליך יבוא מען
וועט דיר ברייגגען דיא גוטע העלצר פון דעם
וואלד צו בויען דאש בית המקדש אזו וויא דר
מלך צור האט גיבראכט אין די טעג פון שלמה
ומקום רגלי אכבד אונ דעם בית המקדש פון דער
ערד וואש ער שטייט אנטקעגן דעם כסא הכבוד
אונ ער איז מיין פוס בייגקיל וועל איך גאט אים
ערליך האלטין והלכו אליך שחוח בני מעניך אונ זיי
וועלין גיין צו דיר איין גיבויגין די קינדר פון די
עובדי כוכבים וואש האבין דיך גיפייניגט אונ
זיי וועלין זיך בוקן צו דיינע פיס אלע דיינע דר

צערנר אונ זיי וועלין דיך רופין גאטש שטאט
ציון פון דעם היליגין גאט פון ישראל תחת היותך
עזובה ושנואה ואין עובר ווייל דוא ביסט גיוועזן פאר
לאזט אונ גיפייניגט אונ עש איז קיינר אין דיר
ניט איבר גיפארין דר פאר וועל איך דיך מאכין
צו איין אייביג גרוישקייט אונ איין פרייד אויף
אייביג וינקת חלב גוים ושוד מלכים אונ דו וועסט
זייגין דיא מילך פון די פעלקר פון דיא עובדי
כוכבים אונ די בריסט פון זייערע שרים וועסטו
זייגין כלומר דו וועסט עסין זייער גוטש אונ דו
וועסט וויסין דאש איך בין גאט דיין העלפער
אונ דיין אויש לייזר איז דר שטארקר גאט פון
יעקב תחת הנחשת אביא זהב פאר דעם קופער
וואש מען האט פון דיר אוועק גינומען וועל איך
דיר ברייגגען גאלד אונ פאר דעם אייזין זילבר
אונ פאר דעם האלץ וועל איך ברייגגען קופער
אונ פאר די שטיינר וועל איך ברייגגען אייזין
ושמתי פקודתך שלום ונוגשיך צדקה איך וועל מאן
דיינע עלסטע מיט שלום אונ דיינע באצווינגר
וועל איך טאן מיט גירעכטיקייט כלומר דוא
וועסט ערליכע עלסטע האבין לא ישמע עוד חמס
בארצך עש וועט מער ניט ווערין גיהערט קיין
גזירה אין דיין לאנד אונ איין רויבונג אונ איין
ברעכעניש וועט ניט ווערן גהערט אין דיין גבול
אונ עש וועט זיך טרעפין הילף אין דיינע מויערן
אונ אין דיינע טויערין וועט זיין לויב דאש מען
וועט גאט לויבין לא יהיה לך עוד השמש לאור יומם
דו וועסט ניט דארפין די זון צו לייכטין דיר ביי
טאג אונ די לבנה וועסטו ניט דארפין צו לייכטן
ביי נאכט דען גאט וועט זיין צו דיר צו איין
אייביגע ליכט אונ צו איין שיינקייט לא יבוא עוד
שמשך וירחך לא יאסף דיין זון אונ דיין לבנה וועט
ניט אונטר גיין דען גאט וועט זיין צו דיר צו איין
אייביגע ליכט אונ זייא וועלין זיך אויש לאזין
דיינע טרויעריגע טעג ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו
ארץ אונ דיין פאלק וועלין זיין אלע צדיקים אונ
וועלין ירשנן דאש לאנד אויף אייביג זיי זיינען
די צווייג פון מיין פלאנצונג אונ די ווערק פון
מיינע הענט דאש איך וועל מיך בארימען מיט
זיי הקטון יהיה לאלף והצעיר לגוי עצום דר קלענסטר
וועט זיין צו טויזנט אונ דר אינגסטר אונ דר
שלאפער וועט זיין צו איין שטארק פאלק׃

אתם נצבים שלמה המלך זאגט אין משלי טובה תוכחת מגולה מאהבה מסותרת עש איז בעסר איין אפענע שטראף פון איין פאר בארגין ליבשאפט · וויל די שטראף מאכט לעבן דעם וואש איז זיא מקבל · אונ זיא מאכט דעם טויט צו דעם וואש הערט זיא ניט צו · אזו וויא דר פסוק זאגט מרפא לשון עץ חיים דיא צונג וואש שטראפט לייט מאכט דאש לעבן ושונא תוכחת ימות אונ דר וואש וויל די שטראף ניט צו הערן דר טוט שטארבן · אונ דר וואש וויל שטראפן זיין חבר דר מוז אים זאגן דעם אמת ער זאל אים ניט חנפן · דאש זאגט דער פסוק טובה תוכחת מגולה עש איז בעסר ווען איינר שטראפט זיין חבר אנפטלעקט אונ זאגט אים זיין אמת האטשע יענר ווערט אים דורך דעם פיינט האבן דאך איז דאש בעסר מאהבה מסותרת וויא ער זאל זיין חבר פאר בארגן זיינע עבירות אונ ווערט זיי אים ניט ארויש ריידן כדי דר חבר זאל אים ליב האבין · אונ עש איז גיוואושט דאש עש זיינן דא פיל רבנים וואש שטראפן לייט ניט לשם שמים נאר זיי ווילן זיך נוקם זיין אין זיי צו זאגן זיי זייער חרפה · דרום זאגט דר פסוק טובה תוכחת מגולה מאהבה מסותרת עש איז גוט צו ארויש זאגין די שטראף פאר לייט נאר ווען דאש קומט פון איין פר בארגן ליבשאפט דש מען האט די לייט אין הארצין ליב ניט מען זאל זייער חרפה ארויש זאגן צו נוקם זיך זיין אין זיי · אונ דר קמחי שרייבט אויף דעם פסוק עש איז גוט די שטראף אפילו ווען מען זאגט זיא ארויש · אבר ווען ער האט זיין חבר ליב אזו טוט ער אים פאר בארגינר הייט שטראפין צווישין זיך ניט פאר לייטן כדי ער זאל אים ניט מבייש זיין · אויך זאגט דער פסוק טובה תוכחת מגולה עש איז גוט די שטראף וואש קומט אויפין באר אויף ישראל פון גאט ווש הייסט אהבה · ווייל ער איז ראוי מען זאל אים ליב האבן אונ ער איז פאר בארגין פון לייט אונ וויל די שטראף קומט פון גאט איז זיא גוט · דען האטשע אלע קללות פון דר תוכחה זיינן גקומן אין ערשטן בית המקדש אונ אין אנדרן בית המקדש אין די צווייא גליות פון דעסט וועגן האבן די ישראל איין קיום · דאש זאגט דר פסוק אתם נצבים היום כולכם כלומר איר ישראל פארכט אייך ניט פאר די שטראף אונ קללות וואש מען האט אייך גזאגט אין יענר סדרה · דען האטשע זיי ווערן קומן אויף ישראל ווען זיי וועלן עבירות טאן פון דעשט וועגן וועלן די ישראל איין קיום האבן אונ וועלן בלייבין אויף אייביג שטיין פאר גאט · אונ משה האט כל ישראל איין גזאמילט צו בשווערין זיי דש זיי זאלן האלטן די תורה אונ מצות דען דיא ערשטע שבועה וואש זיי האבן גשווארן אויף דעם בארג סיני האבן זיי ניט גיהאלטין אונ זיי האבין דאש עגל גמאכט · דרום הט משה נאך איין מאל בשווארן די ישראל אין לאנד מואב אונ האט צו זיי גיזאגט אתם נצבים היום כולכם לפני יי אלהיכם איר שטייט היינט אלע פאר גאט אזו וויא ביי דעם בארג סיני דרום פארכט אייך אונ שווערט באמת צו האלטן די תורה אונ דר פסוק אתם נצבים ווייזט דאש די ישראל וועלן אייביג איין קיום האבן אויף דר וועלט אזו וויא אין פסוק שטייט לעולם יי דברך נצב אונ דר נאך זאגט דר פסוק לפני יי אלהיכם צו ווייזין דאש ניט אויף דר וועלט אליין. ווערט איר איין קיום האבן נייערט אפילו צו עולם הבא ווערט איר אויך איין קיום האבן אונ ווערט קומן פאר גאט · אונ דרום זאגט דר פסוק כולכם איר אלע ישראל וועלן קומן צו עולם הבא · אזו וויא די חכמים זאגן כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא אלע ישראל האבן איין חלק צו עולם הבא · אונ די חכמים זאגן אתם נצבים היום דש מיינט מען איר טוט שטיין אזו וויא דר טאג אזו וויא דר טאג איז פריער די נאכט פינשטער אונ דער נאך ווערט ליכטיג אזו איז אויך אייער גלות פריער איז אייך פינשטער אבר לסוף ווערט אייך לייכטן אזו וויא דר פסוק זאגט והיה לך יי לאור עולם גאט ווערט זיין צו דיר צו איין אייביג ליכט · כל איש ישראל די חכמים זאגן דאש כל ישראל זיינען

ערב איינר פאר דעם אנדרין ווען איינער טוט איין עבירה מוזן אנדרע די שטראף אויך ליידן אזו וויא אין פסוק שטייט וכשלו איש באחיו זייא וועלן ווערן גשטראפט איינר פר דעם אנדרן · אונ אויך ווען איינר איז איין צדיק האבן אלע גוטש פון זיין זכות וועגן · אזו וויא אין פסוק שטייט צדיק יסוד עולם פון וועגן איין צדיק שטייט די גאנצע וועלט · ובאלתו אונ אין זיין שבועה דען גאט האט איין שבועה גיטאן דאש ער זאל אייביג די ישראל ניט פאר בייטין אויף איין אנדרע אומה אפילו ווען זיי וועלן שלעכט זיין אונ גאט וועט זיין זייער גאט ביז אייביג · אזו וויא אין פסוק שטייט כי הואיל יי׳ לעשות אתכם לו לעם גאט האט גישווארן דאש איר ישראל זאלט זיין זיין פאלק · דען דאש ווארט הואיל איז טייטש שווערין גלייך וויא דש ווארט אלה איז טייטש שווערן · ולא אתכם לבדכם אונ ניט אייך אליין טוט גאט בשווערן · נייערט אפילו די דורות וואש וועלן נאך דעם גיבארן ווערן טוט גאט בשווערן דאש זיי זאלין האלטין די תורה · די חכמים זאגן דש אלע נשמות וואש זיינן ווארן בשאפן זינט די וועלט איז ווארין בשאפן די אלע זיינן גיוועזן ביי דר שבועה · דרום זאל איטליכר ווישן דאש ער הט גשווארן צו האלטן די תורה אונ זאל גווארינט זיין צו האלטן די שבועה · אבר עש זיינען דא פיל לייט וואש האלטן ניט פון דר שבועה אונ זיינן זיא עובר אונ זאגן איך פארכט מיך ניט פר די קללות איך וועל גיין נאך מיין גילושטן פון דעם הארץ עש זיינן דאך דא פיל צדיקים וואש וועלן בשיצין אויף מיר אונ איך בין איין יחיד וואש טוט עבירות אונ איך וועל מיין הארצן זיין גילושטין נאך געבין ביז איך וועל גינוג האבן דר נאך וועל איך אויף הערן · אבר ער ווייסט ניט דש מער ער וועט וועלן זיין לושט גינוגין טאן מער וועט ער גילושטין צו טאן עבירות ער וועט דעם יצר הרע אייביג ניט זאט מאכן ער מאכט אים נאך מער הונגעריג דר מיט וואש ער טראכט צו טאן עבירות · אונ

דר נאך שטראפט אים גאט אויף דיא בייזע מחשבות דען עש הייננט פיל אין דר מחשבה פון דעם הארצין דאש ווען דר מענטש טוט איין מצוה מיט איין פריילך הארץ איז זיין שכר זייער גרויש אונ ווען ער טוט איין עבירה מיט איין פריילך הארץ איז זיין שטראף זייער גרויש · אונ עש זיינן אטייל לייט וואש אז זיי טוען איין עבירה איז זיי דאש הארץ זייער טרויעריג אונ פר שטאפט אונ ער האט חרטה וואש ער האט זיא גטאן דעם איז זיין שטראף ניט אזו גרויש ווייל ער האט חרטה וואש ער האט די עבירה גטאן · אונ עם זיינען אטייל לייט וואש ברענין צו דר עבירה אונ וואלטין גערין זיא ווידר גיטאן דעם איז זיין שטראף טאפיל · דאש האבן די חכמים גיזאגט הרהורי עבירה קשה מעבירה דאש איז טייטש ווען איין מענטש האט גיטראכט לאנג צוא טאן איין עבירה אונ האט זיא גטאן איז די עבירה זייער גרויש · דען ער ווערט גישטראפט ווייל ער האט זיין מחשבה פאר אום רייניגט אונ ווייל ער האט די עבירה גיטאן · אונ דער רמב״ם שרייבט ווען דער מענטש איז מטמא זיין מחשבה צו טראכטן אין איין עבירה אזו איז ער מטמא זיין נשמה אונ דש איז איין גרוישע עבירה · אונ ווען ער טוט די עבירה איז אים גאט דן אפילו אויף דער מחשבה אבר ווען ער טוט די עבירה ניט אזו איז אים גאט ניט דן אויף דר מחשבה דען גאט רעכינט ניט ביי ישראל איין מחשבה וויא איין מעשה אונ איז ניט דן אויף איין מחשבה אליין · פון דעשט וועגן זאל זיך דר מענטש ניט גיוואנן צו האבן בייזע מחשבות דען ער וועט צום סוף מוזין טאן די בייזע מחשבה דען אזו וויא דר מענטש הט בדיעה אזו פירט אים גאט · פן יש בכם איש או אשה אשר לבבו פונה היום מעם יי׳ טאמר איז צווישן אייך דא איין מאן אדר איין אשה וואש זיין הארץ קערט אפ פון גאט צו טאן עבירות · זאגט דר נאך דר פסוק לא יאבה יי׳ סלוח לו אזוא וועט גאט אים ניט וועלן מוחל זיין איז קשה

דען ער טוט קיין תשובה ניט איז רעכט דש
גאט זאל אים ניט מוחל זיין אבר ווען ער טוט
תשובה ווארום זאל אים גאט ניט מוחל זיין ·
דר תירוץ איז פריער זאגט דר פסוק אשר לבבו
פונה היום דאש ער האט בדיעה צו טאן איין
עבירה וויל דר יצר הרע האט אים אן גירעט
אונ ער טוט תשובה אזו ווערט אים גאט מוחל
זיין דורך דר תשובה · אבר אז ער ווערט זאגן
כי בשרירות לבי אלך ער וויל במזיד עבירות טאן
ווען ער ווערט דער נאך תשובה טאן זאל ער
אגרעסרין שכר האבן · אזו וויא די גמרא זאגט
במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולין
לעמוד אין דעם ארט וואו די בעלי תשובות
שטייען אין גן עדן דארטין קענן קיין רעכטע
צדיקים ניט שטיין · דען די בעלי תשובות
האבן איין בעסער ארט אין גן עדן מער וויא
די וואש זיינן פון אייביג צדיקים אונ אויב דר
מענטש ווערט דרום עבירות טאן כדי ער זאל
תשובה טאן אונ זאל אגרוישין שכר האבין
דעם ווערט גאט זיינע עבירות ניט מוחל זיין ·
אזו ווי די גמרא זאגט דר וואש וויל עבירות טאן
כדי ער זאל תשובה טאן דעם איז גאט זיינע
עבירות ניט מוחל אונ מען דר לאזט אים ניט
צו טאן תשובה ויתשם יי וישליכם אל ארץ אחרת
אונ אז די ישראל ווערין טאן בייז ווערט גאט
זייא פר וויסטין אונ פר ווארפין אין אפרעמד
לאנד · אונ דרום איז דיא למ"ד פון וישליכם
גרויש דאש ווייזט דש די הויבע הערשאפט
אונ שררה שאפט איז ווארן אוועק גנומן פון
ישראל · הנסתרות ליי אלהינו דיא פאר בארגנע
עבירות וואש א מענטש טוט די זיינן צו גאט
ער ווערט אים שטראפן פר זיי אבר די עבירות
וואש מיר ישראל טוען זעהן זיינן מיר מחויב
צו שטראפן אויף זיי ווייל די ישראל זיינן ערב
איינר פר דעם אנדרין · דרום זאל מען זעהן
צו שטראפן דעם וואש טוט איין עבירה כדי
עש זאל ניט שאדין דעם אום שולדיגן · אונ
נאך איין פשט איז עש זיינן אטייל מצות ווש
מיר ווייסין ניט זייער טעם ווארום גאט האט

זיי געבאטן · דאש זאגט ער הנסתרות ליי אלהינו
די פר בארגנע מצות זאל מען טאן פון גאטש
וועגן ווייל ער האט זיי גבאטן והנגלות לנו ולבנינו
אונ די מצות וואש עש שטייט זייער טעם אונ
מיר קענן פר שטיין דעם טעם זיינן מיר מחויב
דעם טעם געבין צו פאר שטיין צו אונזערע
קינדר אזו וויא ביי יציאת מצרים האט גאט
גשריבן ולמדתם אותם את בניכם איר זאלט די תורה
לערנן צו אייערע קינדר אונ זאלסט זיי געבן
צו פאר שטיין דעם טעם פון די מצות וואש
דו ווייסט דעם טעם · אונ נאך איין פשט איז
הנסתרות ליי אלהינו די פר בארגנע עבירות וואש
קיינר ווייסט פון זיי ניט נאר גאט זאל מען צו
גאט אליין תשובה טאן אונ ער ווערט זיי מוחל
זיין · והנגלות לנו ולבנינו עד עולם אונ די עבירות
וואש ער האט גיטאן אויפין באר אונ וואש
איינר טוט צו אונז אדר צו אונזערע קינדער
דרויף דארף מען תשובה טאן אויפן באר אונ
זאל מחילה בעטן פון זיין חבר ער זאל אים
מוחל זיין · ושבת עד יי אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך
ושב יי אלהיך את שבותך דר פסוק לערינט אונז דש
משיח ווערט אנדרש ניט קומן סיידן אלע נשמות
ווערן פריער גיבארן ווערין · דען עש איז איין
אוצר אין הימיל וואש דארטין זיינען אלע
נשמות פון ששת ימי בראשית אן דרום זאגט
דר פסוק ווען אלע נשמות ווערן קומען פאר
גאט דענשט מאל ווערט משיח קומן אונ ווערט
אונז אויש לייזן פון אלע עקין פון דר ערד וואש
מיר זיינן דארטין פאר שפרייט אונ גאט ווערט
אפ טאן אלע פר שטאפטע הערצר · אזו וויא
דר פסוק זאגט ומל יי אלהיך את לבבך גאט ווערט
בשניידן דיין פאר שטאפט הארץ אונ דר יצר
הרע ווערט ווערן אפ גטאן אין די טעג פון משיח ·
לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא די תורה איז ניט
פאר הוילן פון דיר אונ ניט וויט פון דיר · דר
פסוק לערינט אונז דאש עש איז גרינג דיא
תורה צו לערנן מען דארף ניט גיין אויף דעם
הימיל אונ ניט איבר דעם ים נאך דר תורה
גייערט מען קען תורה לערנן מיט דעם מויל

אונ

אונ מיט דעם הארצן אונ דרום זאגט דר פסוק בפיך ובלבבך לעשותו דען אין די דריי זיינען אלע מצות בהאנגן דאש ערשטע מען דארף תורה לערנן מיט דעם מויל דאש אנדרע מען דארף אין הארצן טראכטן דאס גאט איז איין יחיד דאש דריטע מען זאל מצות טאן דש האבין די חכמים גיזאגט אויף די דרייא שטייט די וועלט אויף תורה דש מען מוז מיט דעם מויל תורה לערנען אונ אויף תפלה דאש מען מוז מיט דעם הארצן גוטע מחשבות טראכטן צו גאט אונ אויף צדקה דאש מען מוז מיט זיין געלט צדקה טאן · אונ דר רמב"ן שרייבט דר פסוק לערינט אונז אויף תשובה דש זיא איז זייער גרינג אויף דעם מענטשן ער דארף נאר מיט זיין מויל תפלה טאן אונ מיט זיין הארצן זאל ער חרטה האבין אויף די עבירות וואש ער האט גטאן · דאש זאגט דר פסוק כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו אונ ער זאגט ווייטר ראה נתתי לפניך זעה איך האב פאר דיר גיגעבין איין טאג וואש דר מענטש ווערט אן גישריבן צום לעבן אדר צום טויט צו גוטש אדר צו בייז דאש מיינט מען ראש השנה · דרום בטראכט זיך תשובה צו טאן דען דענשט מאל איז די צייט וואש גאט נעמט אן דיא תשובה פון איטליכן מענטשן · דרום מוז מען די לייט דער מאנן תשובה צו טאן אונ דיא תשובה איז בייא דיא לייט גיטיילט אין זיבין חלקים דיא ערשטע אונ דיא בעשטע תשובה איז וואש דר מענטש טוט באלד נאך דר עבירה אונ האט חרטה אויף דר עבירה · אויף דער תשובה האט די גמרא גזאגט אין פרק חלק אויף דעם ארט וואו דיא בעלי תשובה שטייען אין גן עדן קענן קיין רעכטע צדיקים ניט שטיין · דען דער בעל תשובה איז גרעשער פון איין צדיק ווייל איין צדיק האט קיין מאל ניט גיפילט דעם טעם פון דר עבירה · אבר דר בעל תשובה האט שוין גיפילט דעם טעם פון דער עבירה אונ האט זיך דאך אפ גישייד פון איר איז ער גרעשר פון איין צדיק אונ האט איין גרוישן שכר פון גאט דר פר · אונ אטייל חכמים זאגין דאש וואש די גמרא זאגט דש די צדיקים קענן ניט שטיין אין דעם ארט פון דיא בעלי תשובות דאש מיינט מען דער בעל תשובה מוז איין אנדערן וועג האבן צו קומן פר גאט ניט אין דעם וועג וואו אלע צדיקים גייען · דען אויף דעם וועג איידר ער קומט צו גאט זיינן פיל מלאכי חבלה וואש לאזין דעם בעל תשובה ניט גיין אונ זאגן צו אים דו האסט גרויסע עבירות גיטאן בישטו ניט זוכה צו קומן פר גאט · דרום מוז אים גאט איין אנדערן וועג מאכן ניט וואו אנדרע צדיקים גייען פר גאט ער זאל פעלן די מלאכי חבלה דען גאט איז דר ברימיג אונ וויל האבן די לייט זאלן תשובה טאן · אונ דר בעל תשובה וואש האט באלד חרטה אויף זיינע עבירות דאש איז די בעשטע תשובה · אונ דאש איז נאר גזאגט ווען ער האט אזעלכע עבירות גיטאן וואם דר שכל האלט עס ניט פאר קיין אום רעכט אונ ער האט דר צו גרויש לוסט אזו וויא זנות אונ דעסטגלייכן אונ ער שייד זיך אפ דר פון ווייל גאט האט פר באטן מען זאל דאש ניט טאן דרום איז זיין שכר זייער גרויש · אבר ווען ער האט גטאן עבירות מיט גנבנן אדר מיט גזלנן אדר רציחה וואש דר שכל האלט דאש פר איין אום רעכט · האטשע גאט וואלט עס ניט פר באטן דארף מען דאש מיט דעם שכל ניט טאן אונ ער שייד זיך פון זיי אפ אזו איז זיין שכר ניט אזו גרויס ווייל זיין שכל האט דאס פר ווערט צו טאן אונ ער האט זיך ניט אפ גשייד פון גאטס וועגן דר אנדרר חלק פון די בעלי תשובות איז ווען איין מענטש האט אלע זיינע טעג פיל עבירות גיטאן אונ טוט תשובה אין דער יוגינט אז דר יצר הרע איז נאך ביי אים שטארק אונ ברענט אין אים · דען בייא איין אלטן מאן האט זיך דער יצר הרע אפ גיטאן · אבער אין איין יונגין מאן ברענט דר יצר הרע אונ ער האט די עבירה

פיל מאל גיטאן אונ האט צו איר גרויס לוסט אונ קאן זיא ווידער טאן נאר ער לאזט זיא אוועק פון גאטש וועגן · אזו וויא די גמרא זאגט וועלכר הייסט איין בעל תשובה · רבי יהודה זאגט ווען ער איז נאך יונג אונ מיט דר אשה וואס ער האט גיטאן דיא עבירה קען ער ווידר טאן אונ טוט ניט דער הייסט איין בעל תשובה · דער דריטער חלק איז חאטשע ער איז יונג אונ שטארק דאך איז אים די עבירה ניט אן גיברייט אזו ווי פריער אדר ער שעמט זיך פאר לייט אונ שייד זיך אפ פון דר עבירה דאס איז אויך איין תשובה אונ גאט נעמט זיא אן · דרויף האט די גמרא גזאגט אשרי איש ירא את יי וואל דעם מענטשן ווש פארכט זיך פר גאט ווען ער איז נאך יונג אונ שטרק דען איש איז טייטש שטארק אונ איין פרישר מענטש · דר פערטר חלק איז ער טוט תשובה וויל ער האט מורא פר צרות עש זאל אויף אים ניט קומן אונ לייט זאלין אים ניט שטראפן · אזו וויא מיר גיפינן ביי דר שטאט נינוה דאש זיי האבן קיין תשובה ניט גטאן ביז יונה האט זיי איין מורא גימאכט דאש גאט האט גיזאגט ער וועט די שטאט חרוב מאכן אונ גאט האט זייער תשובה אן גינומן · די גמרא זאגט עש העלפט ניט ווען מען טוט אן איין זאק אונ מען פאסט נאר ווען מען האט חרטה אויף די עבירות אונ מען טוט מעשים טובים · אזו וויא אין פסוק שטייט ביי דער שטאט נינוה וירא אלהים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה דאש איז טייטש גאט האט גיזעהן זייערע גוטע מעשים וויא זייא האבן חרטה פון זייערע בייזע מעשים אבר עש שטייט ניט דאס גאט האט גזעהן זייער פאסטן · דאס פינפטע חלק פון תשובה איז דער מענטש טוט תשובה וויל צרות זיינען גיקומען אויף אים דאך נעמט גאט אן זיין תשובה · אזו וויא אין פסוק שטייט בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה ושבת עד יי אלהיך דאס איז טייטש ווען עש וועט דיר איינג זיין פר צרות

אונ דוא ווערסט תשובה טאן וועט דיר גאט מוחל זיין · דאש זעקסטע חלק פון תשובה איז ווען ער איז אלט אונ האט קיין כח ניט צו טאן עבירות אונ האט חרטה אויף דיא עבירות וואש ער האט גיטאן אין דר יוגינט אונ טוט תשובה מיט דעם גאנצן הארצין נעמט גאט זיין תשובה אויך אן · אזו ווי אין פסוק שטייט תשב אנוש עד דכא דוא מענטש זאלסט תשובה טאן אפילו ווען דוא ביסט אלט אונ צו שטויסן אונ האשט קיין כח ניט צו טאן עבירות דאך וועט גאט דיין תשובה אן נעמן · אונ דרויף זאגט דיא גמרא רבי שמעון זאגט ווען איין מענטש איז אלע זיינע טעג פרום גיוועזן אונ דעם הינטערשטן טאג איז ער שלעכט גיווארין אזו האט ער פאר לארין אלע זיינע זכיות · אזו וויא אין פסוק שטייט צדקת הצדיק לא תצילנו ביום פשעו דאש פרומקייט פון דעם צדיק וואש ער איז אלע זיינע טעג פרום גוועזן וועט אים ניט העלפן אין דעם טאג וואש ער האט גיזינדיגט אונ ווען אבער ער איז איין רשע גוועזן אלע זיינע טעג אונ צום סוף איז ער פרום גיווארן אזוא ווערן אים דיא ערשטע עבירות אפ גמעקט · אזו וויא אין פסוק שטייט ורשעת הרשע לא יכשל בה ביום שובו מרשעו דאש שלעכטקייט פון דעם רשע וועט ער דרינן ניט גישטרויכילט ווערין ווען ער וועט תשובה טאן אויף זיינע עבירות וואש ער האט לאנג גיטאן אונ וועט אויף זיי חרטה האבן · דיא זיבעטע תשובה איז ווען דער מענטש האט אלע זיינע טעג קיין חרטה ניט אויף זיינע עבירות נאר אז ער זעהט דאש ער וועט שטארבן אזו האט ער חרטה אויף זיינע עבירות אונ טוט תשובה חאטשע דאש איז די קלענשטע תשובה פון אלע תשובות דאך נעמט גאט אן די תשובה · אזו וויא די גמרא זאגט אין פרק במה מדליקין ווען דר מענטש גייט ארום גיזונט זאל ער זיך טראכטן דאש מען רופט אים צום שופט אונ זאל טראכטן מיט וואש זיך ריין צו מאכן פון

דיעם

דעם משפט · אונ ווען ער ווערט קראנק זאל ער זיך טראכטין דאש מען האט אים שוין אין דער תפיסה איין געזעצט · ווען ער לייגט זיך צוא בעט זאל ער זיך טראכטן דאש מען האט אים גיבראכט צום משפט אזו אויב ער האט פיל גוטע מליצים ווער ער ניצול ווערן אונ אויב ניט וועט ער גיטייט ווערין · אזוא אויך דר מענטש ווען ער דארף שטארבן אונ טוט תשובה אונ האט חרטה מיט דעם גאנצן הארצן איז אים גאט מוחל זיינע עבירות · אבר ווען ער שטארבט אונ האט קיין חרטה ניט אויף זיינע עבירות קומט ער אין גיהנם אויף אייביג · אונ דרויף האט שלמה המלך גזאגט אין קהלת כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה דאש איז טייטש וואש דו קענשט טאן תשובה אויף דער וועלט זאלשטו טאן איידר דו שטארבשט דען אין דער גרוב קען מען שוין ניט טאן קיין תשובה אונ קיין מעשים טובים · אונ דאש האט דר נביא גיזאגט אין יחזקאל שובו שובו מדרכיכם הרעים ולמה תמותו בית ישראל איר ישראל טוט תשובה איידער איר שטארבט אזו וועט אייך גאט מוחל זיין אל ע״ע עבירות אונ איר זאלט ניט שטארבין אן תשובה · אונ די בעלי תשובה זיינן גיטיילט אויף פינף כתות · אונ זיינן גיגליכן צו פינף כיתות וואש פארן אין איין שיף אויף דעם ים אונ זיינן זייער לאנג גיפארן אונ קענן ניט קומן צו איין יבשה · איין מאל איז גיווארין איין גרוישר ווינט אונ האט די שיף צו גיפירט צו איין בארג אין מיטן ים אונ אויף דעם בארג זיינן גוועזן שיינע בוימר מיט גוטע פירות אונ גוטע קוואלן וואסר אונ די לייט האבן דר צו זייער גיגלושט אזו זיינן אין דר שיף גיוועזן פינף כיתות · איין כיתה וויל גאר ניט ארויס פון דר שיף אונ זאגן טאמר וועט קומן איין גרוישר ווינט אונ וועט אוועק טראגן די שיף אונ מיר וועלן אויף דעם בארג פר לארן ווערן פון וועגן די גוטע פירות אונ אנדרע תענוגים

די אנדרע כיתה גייען אויף איין רגע ארויש אויף דעם בארג אונ זאמן ניט לאנג אונ גייען באלד צו ריק אין שיף אריין אונ האבן זייער ארט גיפונן גיראם די דריטע כיתה גייען ארויש פון דער שיף אויף דעם בארג אונ עסין דיא פירות ביז איין ווינט איז גיקומן אונ די לייט פון דר שיף האבן אן גיהויבן טרומייטרן מען זאל קומן אין דר שיף אריין אזו איז די כיתה באלד גילאפין אין דר שיף · אבר זיי האבין זייער ארט גיפונן איינג דען אנדרע לייט האבן זיך גזעצט אויף זייער ארט · די פערטע כיתה האבן גיגעסן גוטע פירות אונ האבן גיטרונקן אונ זיינן גיגאנגען אויף אלע זייטן פון דעם בארג אונ אז מען האט גיטרומייטערט האט דיא כתה גיזאגט מען וועט נאך פריער אויף שטעלן דעם זעגל בוים מיר וועלן נאך קענן איין רגע דא זאמן · אונ אז מען האט אויף גישטעלט דעם זעגל בוים האבן זיי גזאגט די שיף לייט מוזן נאך פריער עסן אזו וועלן מיר זיך דא נאך קענן אביסל פר זאמן אונ עסין אונ טרינקן אויף דעם בארג · ביז זיי זעהען דאש די שיף הויבט שוין אן צו רירין אזוא האבין זייא גימוזט אין ים גיין ביז אין האלז ביז זיי זיינן גיקומן צו דר שיף דען די שיף איז שוין פון דעם בארטן אוועק גיגאנגן אונ זיי האבן זייער ארט גאנץ איינג גיפונן · דיא פינפטע כתה האבן גיגעסן אונ גיטרונקן אויף דעם בארג אונ טראכטן ניט צו קומן אין דר שיף ביז די שיף איז שון לאנג אוועק גיגאנגן אונ זי זיינן גיבליבן אויף דעם בארג · אונ עס איז גיקומן ווינטער איז זיי קאלט גיווארן אונ דיא פירות זיינען אלע אפ גיפאלן אונ חיות רעות זיינן אויף זיי גיקומן אונ האבין זייא צו ריסין אונ זיי זיינן אלע פר לארן גיווארן אזו איז אויך דר מענטש אויף דר וועלט דיא מעשים טובים זיינן גליך צו איין שיף דאש ווען ער טוט מעשים טובים פירין זיי אים צו עולם הבא · אונ די וועלט איז גליך צו איין בארג מיט גוטע בוימר אונ מיט תענוגים דע

אלע

אלע תענוגים זיינן אין דר וועלט · און דיא ערשטע כיתה דאש זיינן די גרוישע צדיקים וואש האבן קיין מאל קיין עבירה ניט גיטאן נאר זיי לערנן טאג און נאכט תורה און היטן זייערע ערטר און גייען ניט נאך נאך תענוגים און די אנדרע כיתה זיינן אטייל לייט וואש זייא גייען ווייניג נאך דעם יצר הרע און טוען באלד תשובה אז זייא זיינן נאך יונג און דאש איז די בעסטע תשובה · די דריטע כיתה איז וואש גייען נאך נאך דעם יצר הרע און נאך תענוגים נאך נאר אז זיי זעהן דאס זיי ווערין אלט און עש איז איין קורצע צייט דאש זייא וועלין באלד שטארבין אזוא טוען זיי תשובה דען זיי האבן מורא זיי זאלן ניט שטארבן אן תשובה · אזו חאטשע זיי טוען תשובה דאך גיפינן זיי זייער ארט איינג אין גן עדן · די פערדטע כיתה איז וואש זאמען מיט תשובה ביז זיי דארפן שטארבן ווייל זיי האבן מורא פאר דעם טויט דרום טוען זייא תשובה · אזו חאטשע דיא תשובה העלפט אויך דאך איז זייער ארט גאנץ איינג אין גן עדן · די פינפטע כיתה איז וואש טוען קיין תשובה גיט און שטארבן אן תשובה די קומן אין דעם גרויסן פייער פון דעם גיהנם · דאס שרייבט אויך דער מדרש למי אוי למי אבוי צווא וועמן איז אוי און ווייא צו דעם וואש לאזט פיל געלט נאך זיך און פירט מיט זיך פיל עבירות אין קבר אריין דאש זיינן די וואש זאמלן איין געלט מיט אום רעכט און גיבין דער פון קיין צדקה ניט און וויל קיין אורח אין זיין הויז ניט האלטן און לייט דעם עני קיין געלט ניט · דען ווען דר מענטש שטארבט בלייבט דאש געלט איבער און גייט ניט מיט אים · אבר די צדקה און מעשים טובים גייען מיט אים און טוען אים באלייטין און זייען מליץ פר אים:

## הפטרת נצבים

שוש אשיש ביי תגל נפשי באלהי זאגט ירושלים איך וועל מיך טאן פרייען מיט גאטש רייד דאש ער האט מיך אן גיקלייד קליידר פון הילף און מיט איין העמד פון צדקה כחתן יכהן פאר אזו וויא איין חתן טוט אן שיינע קליידר און וויא איין כלה טוט אן צירין איר צירונג כי כארץ תוציא צמחה דען אזו וויא די ערד טוט אויש ציהן אירע שפראצונג און וויא איין גארטין מאכט שפראצין איר פאר זייאונג אזו וועט גאט מאכין שפראצן צו ישראל צדקה און לויב · זאגט גאט למען ציון לא אחשה פון וועגין דר שטאט ציון וועל איך דאש אלץ טאן און וועל ניט שווייגין אויף דעם בייז וואש די עובדי כוכבים האבין איר גיטאן און פון וועגין ירושלים וועל איך ניט שטיל זיין ביז עש וועט ארויש גיין אזו וויא דער מארגין שטערין איר גירעכטיקייט און איר הילף וועט ברענען אזו וויא איין פלאם פייער און אלע פעלקר וועלין זעהען דיין גירעכטיקייט און אלע מלכים וועלין זעהען דיין כבוד און מען וועט דיך רופין איין נייעם נאמן וואש גאטש מויל וועט אים בשיידן והיית עטרת תפארת ביד יי און דו וועסט זיין איין שיינע קרוין אין גאטש האנט און איין הויב פון מלכים וועסטו זיין אין דר האנד פון דיין גאט לא יאמר לך עוד עזובה עש וועט שוין מער ניט גיזאגט ווערין אויף דיר דאש דו ביסט איין פר לאזענע שטאט און אויף דיין לאנד וועט שוין מער ניט גיזאגט ווערין עש איז איין פר וויסט לאנד נאר מען וועט דיך רופין דו ביסט די שטאט וואש מיין ווילן איז אין איר און דיין לאנד וועט מען רופין איין באזעסן לאנד דען גאט האט גיוואלט אין דיר און דיין לאנד וועט באזעסין ווערין כי יבעל בחור בתולה אזוא וויא איין בחור באמאנט איין בתולה אזו וועלן דיך דיינע קינדר באמאנן און אזו וויא איין חתן פרייט זיך מיט דער כלה אזו וועט זיך גאט אויף דיר פרייען · זאגט גאט על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים אויף דיינע מויערן דו ירושלים האב איך גיזעצט היטערש דאש זיינן די מלאכים וואש דר מאנען פר גאט דעם חורבן פון ירושלים און בעטין אים ער זאל זיא ווידר בויען און אזו זאגן זיי דוא גאט זאלשט אויף שטיין און זאלשט דר בארימן ציון איין גאנצן טאג און איין גאנצע נאכט טוען זיי ניט שווייגן פון צו בעטן אויף ירושלים און איר מלאכים וואש איר טוט דר מאנן צו גאט דעם חורבן זאלט איר ניט שווייגין פון צו דר מאנען

און זאלט ניט געבן קיין שווייגונג צו גאט ביז ער ווערט אן ברייטן און ווערט מאן דיא שטאט ירושלים צו איין לויב אין לאנד נשבע יי בימינו גאט האט גישווארין מיט זיין רעכטע האנט און מיט זיין שטארקין ארים אויב איך וועל נאך געבן דיין קארין צו עסין דיינע פיינט און אויב די פרעמדע קינדר וועלן טרינקן דיין וויין וואש דו האשט דיך גימיט אין אים כי מאספיו יאכלוהו נייערט די וואש וועלין איין זאמלען דאש קארין וועלין עש עסין און וועלין גאט לויבן און דיא איין זאמלר פון דעם וויין וועלין אים טרינקן אין מיין הייליגן הויף עברו עברו בשערים זאגט גאט פארט איבר הין און הער אין די טויערין און קערט אויש דעם וועג און דאש הארץ פון דעם פאלק צו גוטין טרעט אין דעם וועג און ווארפט ארויש די שטיינר פון דעם וועג הויבט אויף איין פאן צו די פעלקר פר איין סימן דאש זיי זאלין מיר ברייגגען דיא פר טריבענע ישראל · הנה יי השמיע אל קצה הארץ נון גאט האט גימאכט הערן אין עק ערד די הילף זאגט צו דר שטאט ציון דיין העלפר קומט אן און זיין שכר וואש ער וויל געבן צו זיינע קנעכט איז אן גיברייט מיט אים און דעם שכר פון זיין פאלק וואש האבין אים גידינט איז אן גיברייט פאר אים צו געבין זיי וקראו להם עם הקודש און וועלן רופן צו ישראל דאש הייליג פאלק די אויש גילייזטע פון גאט און דיך ירושלים ווערט מען רופין די גיפארשטע שטאט און ניט קיין פר לאזענע · דאש זאגט דר נביא מי זה בא מאדום ווער איז דער דאזיגר וואש קומט פון אדום מיט גיפארבטע קליידר פון בלוט קומט ער פון דר שטאט בצרה ער איז בשיינט מיט זיין קלייד און שרייט מיט פיל כח ווערט זיי גאט ענטפערן איך בין עש דען עש איז אויף גיגאנגען פר מיר דאש איך זאל ריידין אין דעם גירעכטיקייט פון די אבות און פון ישראל און בין ווארין אנטפלעקט צו העלפין אייך ישראל · וועלין די ישראל ווידר פרעגן צו גאט מדוע אדום ללבושך ווארום זיינן דיינע קליידר רויט און זיינן גלייך וויא איינער וואש טרעט וויין אין איין קעלטר · ווערט גאט ענטפערין פורה דרכתי לבדי איין קעלטר האב איך אליין גיטראטין און קיינר פון די עובדי כוכבים האט זיך ניט גישטעלט צו מלחמה האלטין מיט מיר און איך האב זיי צו טראטין מיט מיין צארין און מיט מיין גרים צארן און עש האט גישפריצט זייער בלוט אויף מיינע קליידר און איך האב פאר שמירט אלע מיינע קליידר פון זייער בלוט כי יום נקם בלבי דען איין טאג פון נקמה איז אין מיין הארצין וואש איך וועל מיך נוקם זיין און דאש יאר פון דעם אויש לייזונג איז גיקומען ואביט ואין עוזר און איך קוק און עש איז ניט פאר האנדין קיין העלפער צו ישראל און איך שווייג און עש איז ניט פאר האנדין קיין אונטר לעהענר צו ישראל ותושע לי זרועי אזו האט מיין ארום מיר גיהאלפן ואבוס עמים באפי און איך האב צו טראטין די עובדי כוכבים מיט מיין צארין און האב זיי פר שיכורת מיט מיין גרים צארין און האב גימאכט נידעריג צו דר ערד זייער שטארקייט · זאגט דר נביא חסדי יי אזכיר איך וועל דר מאנען צו ישראל די חסדים פון גאט און גאטש לויב וועל איך דר מאנען אזו וויא גאר דאש גוטש וואש ער האט אונז באצאלט און דאש פיל גוטש וואש ער האט גטאן צו דעם הויז גיזינד פון ישראל מיט זיין דר בארמיקייט ויאמר אך עמי המה און גאט האט גיזאגט אז די ישראל זיינן ארויש גיגאנגען פון מצרים חאטשע איך ווייש דאש זיי וועלין זינדיגן פון דעסט וועגין זיינן זיי דאך מיין פאלק און זיינן ביי מיר גלייך וויא קינדר וואש לייקענן ניט און גאט איז גיוועזן צו זיי צו איין העלפר בכל צרתם לא צר אין אלע זייערע צרות וואש ער האט גיבראכט אויף זיי האט ער זיי ניט איינג גיטאן נאך זייערע מעשים נאך דען דר מלאך מיכאל וואש ער באדינט פר גאט דר האט צו ישראל תמיד גיהאלפין דורך דעם שליחות וואש גאט האט אים גישיקט צו העלפין באהבתו ובחמלתו הוא גאלם דורך דעם ליבשאפט פון גאט און דורך זיין דר בארימקייט האט ער זיי אויש גלייזט פון דר צרה וואש אויף זיי איז גיקומן וינטלם וינשאם כל ימי עולם און ער לייד זיי און ער טראגט זייא אלע טעג פון דר וועלט כלומר ביז אייביג · די פסיקתא שרייבט שוש אשיש ביי עש איז איין משל איין מלכה וואש איר מאן און איר זון און איר איידים זיינן אוועק גיגאנגן אין איין ווייטין וועג איז מען גיקומן און מען האט גיזאגט צו דר מלכה דיין זון קומט אן האט די מלכה גיזאגט לאז זיך מיין שנור פרייען · און דר נאך האט

מען

מען איר גיזאגט דיין אידים קומט אן האט זיא גיזאגט לאז זיך מיין טאכטער פרייען · אונ דער נאך האט מען איר גיזאגט דיין מאן קומט אן אזו איז זיא פריילאך גיווארין אונ זאגט די שמחה איז מיינע אזו אויך די נביאים האבין גיזאגט צו ירושלים דיינע קינדר קומן פון וויטין האט זיא גיזאגט ישמח הר ציון לאז זיך דיא שטאט ציון פרייען · דר נאך האבין די נביאים גיזאגט דיא עובדי כוכבים ועלין ברייגנען דיינע טעכטר האט ירושלים גזאגט תגלנה בנות יהודה לאזין זיך די טעכטר פון יהודה פרייען · אבער אז דיא נביאים האבין איר גיזאגט דיין מלך קומט אן האט זיא גזאגט היינט איז מיין שמחה גרויש אונ זאגט שוש אשיש בה׳ איך וועל מיך פרייען מיט גאט כחתן יכהן פאר די גמרא זאגט אין פרק אלו מגלחין רבי חנא בן חנינא זאגט פון דעם פסוק לערנען מיר אפ דאש איין חתן זאל אויבין אן בייא דעם טיש זיצין אונ זאל פריער גיין אזוא וויא איין כהן וואש גייט פריער פאר אלע לייט:

# חודש תשרי *).

## אלע ימים טובים וואש גיפאלט אין דעם חודש

| אין יאהר | ראש השנה אונ דיא ערשטע טעג סוכות | צום גדליה | יום כפור | הושענא רבה | שמיני עצרת | שמחת תורה |
|---|---|---|---|---|---|---|
| תרל"ז | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרל"ח | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרל"ט | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תר"מ | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרמ"א | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ב | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרמ"ג | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרמ"ד | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרמ"ה | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרמ"ו | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרמ"ז | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרמ"ח | מאנטיג דינשטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ט | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תר"נ | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרנ"א | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרנ"ב | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרנ"ג | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרנ"ד | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרנ"ה | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרנ"ו | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרנ"ז | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינשטיג | מיטוואך |
| תרנ"ח | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |

*) אין חודש תשרי בענטשט מען נים ר"ח האבן מיר קיין מולדות פון תשרי נים גישטעלט

| אין יאהר | ראש השנה און די ערשטע טעג סוכות | צום גדליה | יום כפור | הושענא רבה | שמיני עצרת | שמחת תורה |
|---|---|---|---|---|---|---|
| תרנ"ט | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תר"ס | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרס"א | מאנטיג דינשטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרס"ב | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרס"ג | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרס"ד | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרס"ה | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרס"ו | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרס"ז | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרס"ח | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרס"ט | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תר"ע | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"א | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרע"ב | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרע"ג | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"ד | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"ה | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינשטיג |
| תרע"ו | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"ז | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"ח | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרע"ט | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תר"פ | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרפ"א | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינשטיג |
| תרפ"ב | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינשטיג |
| תרפ"ג | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרפ"ד | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינשטיג | מיטוואך |
| תרפ"ה | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרפ"ו | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |

וילך משה שלמה המלך זאגט אין משלי לכו לחמו בלחמי ער גלייכט די תורה צו ברויט און צו וויין וואש זיי זיינן די שפייז פון דעם גוף אזו איז אויך די תורה און מצות דאש שפייז פון דר נשמה און דרום זאגט דר פסוק לכו גייט צו וויזן דאש מען מוז גיין צו זוכין די תורה וואו מען קאן זיא לערנן און מען מוז זיך נידעריג האלטן צו הערן דיא תורה פון דעם וואש קאן זיא גוט לערנן און שלמה המלך לערינט אונז דאש מען זאל דיא מדה פון קנאה פון זיך אפ טאן און מען זאל זיך ניט הויך האלטין פון צוא גיין צוא איין חבר תורה לערנען און מכל שכן צוא איין רב וואש איז חשוב זאל מען בוודאי גיין לערנען און אויך דרום האט שלמה גיגליכין די תורה צו ברויט און וויין דען דער סדר איז דאש מען מוז זיך מיען איי מען קאן צו וועגן ברייגן ברויט און וויין אזו מוז ער זיך מיען טאג און נאכט צוא לערנען תורה דען ווען ער מיעט זיך פון וועגן דעם שפייז פון דעם גוף מכל שכן דאש ער דארף זיך מיען פון וועגן דאס שפייז פון דר נשמה · און ווען דר מענטש איז מקיים מצות און לערינט תורה אויף זיין ערט האט ער אויך שכר פון גאט אבער ווען ער טוט גיין און מיד זיך צו מקיים זיין מצות און צוא לערנען תורה איז זיין שכר כפל כפלים דען ער האט איין שכר פאר דעם גאנג און ער האט אויך איין שכר פר דעם וואש ער טוט דיא מצוה דרום האט דיא סדרה אן גישריבין וילך משה משה איז גיגאנגן פון איין מחנה צוא דער אנדרר צו די לוים און צו ישראל און האט זייא גיטרייסט און זאגט האטשע איך וועל שטארבן איז דאך דא יהושע ער וועט אייך פירין און וועט מיט אייך תורה לערנן אזו ווי איך האב מיט אייך גילערינט · און חאטשע כל ישראל זיינען ביי אנאנדר גישטאנען פון דעמט וועגן האט משה גיווארט ביז זיי זיינען גיגאנגן איטליכער צו זיין הויז דער נאך איז משה גיגאנגן צו איטליכן באזונדר אין זיין הויז כדי ער זאל נעמן שכר אויף דעם גאנג בן מאה ועשרים שנה אנכי היום משה האט גילעבט הונדערט און צוואנציג יאר אנטקעגן דעם וואש ער איז גיוועזן אויף דעם בארג סיני דרייא מאל צוא פערציג טעג דאש איז הונדערט און צוואנציג טעג דאש ערשטע מאל האט ער גזאמט פערציג טעג און האט מקבל גיוועזן דיא לוחות און דיא ישראל האבן גימאכט דאש עגל אזו האט משה דיא לוחות צו בראכן און איז ווידר ארויף גיגאנגן אויף דעם בארג און האט פערצג טעג תפלה גיטאן אויף ישראל דאש גאט זאל זיי מוחל זיין דיא עבירה פון דעם עגל און אין דיא דריטע פערציג טעג האט ער מקבל גיוועזן דיא אנדערע לוחות און משה איז גיבארין גיווארן זיבן טעג אין אדר דען גאט טוט דר פילין דיא יארן פון דעם צדיק פון טאג צו טאג אזו וויא אין פסוק שטייט את מספר ימיך אמלא די צאל פון דיינע טעג וועל איך דער פילן לא אוכל עוד לצאת ולבוא איך קאן שוין מער ניט גיין אין דר מלחמה · און חאטשע זיין כח איז נאך גיוועזן ביי אים אזוא וויא אין דר יוגינט נאר ער האט גיטרייסט דיא ישראל ניט טרויערט אויף מיין טויט דען איך בין שוין ניט שטארק צו גיין אין איין מלחמה און יהושע וועט אייך רעכט פירין מער וויא איך · די חכמים זאגן וואש משה האט גיזאגט איך קען ניט גיין פר אייך דאש האט ער גימיינט איך קען מיט אייך קיין תורה מער ניט לערנען דען עס האט זיך פון אים אפ גיטאן דער שכל פון דער תורה און ער האט ניט גיקענט ענטפערן דרויף וואש מען האט אים גיפרעגט און דאש האט גאט גיטאן כדי משה זאל ניט טרויערן אויף זיין טויט ווייל ער האט דעם שכל פר לארין אזו איז אים מיאוס גיווארן דאש לעבן · און נוך איין טעם איז ער האט

דרום דיא תורה פאר געסין כדי יהושע זאל קענען בעסר ענטפערן אין דר תורה אזוא וועלין דיא ישראל זעהן דאש יהושע איז איצונד מער ראוי צו זיין איין מנהיג וויא משה · אונ משה האט פריער אן גישריבין די גאנצע תורה צוא ישראל איי ער האט פר געסן · אונ גאט האט גיזאגט צו משה הן קרבו ימיך למות נון עש האבין גינעהנט דיינע טעג צו שטארבין · דער פסוק לערינט אונז דאש גאט איז גוזר די צייט וויא לאנג דר מענטש זאל לעבין אונ צוא צייטין מאכט ער דיא צייט לייננר דאש ער לעבט לאנג אונ צוא צייטין איז ער זיא מקצר · אונ דאש איז גיוואוסט דאש גאט האט אלין גיגעבן אין כח פון דיא מזלות אין הימיל צוא מאכן איינעם ארום אדר רייך אזוא וויא דיא גמרא זאגט אין פרק אלו מגלחין דאש לעבן פון דעם מענטשין אונ דיא קינדער וואש דער מענטש זאל האבין אונ דאש שפייז פון דעם מענטשין הייננט ניט אן אין זכות פון דיא מצות נייערט אין דיא מזלות דען רבה אונ רב חסדא זיינען ביידע גיוועזן גרושע צדיקים האט איינר פון זיי גילעבט פערציג יאר אונ דער אנדערער האט גילעבט זעכציג יאר · אונ רבה האט ניט פר מאגט זיין הויז גיזינד גינוג גערשטן ברויט צו געבן אונ ביי רב חסדא האט דר הונט ניט גיוואלט קיין זעמעל ברויט עסין דען אל דאש גוטש איז גיוועזן אין זיין הויז אונ גאט האט כח איבר די מזלות צו משנה זיין זיי וויא אזו ער וויל אזו וויא מיר גיפינן ביי חזקיה דאש ער האט גיזאלט שטארבין האט גאט גיזאגט איך וועל אים נאך מערן פופצעהן יאר ער זאל לייננר לעבן פון זיין גיזעצטער צייט אונ צוא צייטין איז גאט מקצר דאש לעבן אזו וויא מיר גיפינן ביי אחזיהו דער זון פון אחאב דאש ער האט גידינט עבודת כוכבים האט גאט זיין לעבין פר קירצט אונ דר נביא האט צו אים גזאגט דו וואלסט נאך גילעבט נאר ווייל דו האסט עבודת כוכבים גידינט דרום המטה אשר עליה שם לא תרד ממנה וועסטו ניט אראפ גיין פון דעם בעט נייערט דו וועסט שטארבן פר דיין צייט · דען גאט קען פר ענדערן די מזלות · אונ אלין קען דר מענטש איבר מאכן דורך זיין זכות · חאטשע דאש מזל ווייזט אויף אים צו ביזין נאר ווען ער איז זיך מצער אין הארצין אפילו גאר אן תפלה אזו וויא אין פסוק שטייט רצון יראיו יעשה גאט טוט דעם ווילן פון זיינע צדיקים וואש זיי ווילן נאר מיט זייער הארץ אבער קינדער צוא האבין אדער לאנג לעבין אדער צוא האבין צוא עסין דאש קען מען ניט איבר מאכין נאר מיט תפלה אזו וויא אין פסוק שטייט ואת שועתם ישמע ויושיעם מיט דער תפלה קען מען דאש מזל פון דיא דריי זאכין איבער מאכן דען אזו גיפינען מיר ביי רחל דאש זיא האט קיין קינדער ניט גיהאט שטייט אין פסוק וישמע אליה אלהים ויפתח את רחמה גאט האט צו גהערט די תפלה פון רחל אונ האט איר גיגעבין קינדר אונ אזו גיפינן מיר ביי לאנג לעבן דאש מען דארף דרויף תפלה טאן אזו וויא אין פסוק שטייט ביי חזקיה דאש גאט האט גיזאגט שמעתי את תפלתך ראיתי את דמעתך הנני יוסיף על ימיך חמש עשרה שנה · איך האב צוא גיהערט דיין תפלה אונ האב גיזעהן דיינע טרערין דרום וועל איך דיר דער לייננערין דיין לעבין פופצעהן יאר · אונ ביא שפייז גיפינען מיר ביי אליהו הנביא אונ אלישע הנביא דאש גאט האט זיי דורך זייער תפלה גיגעבין שפייז אין דעם הונגר · דער מדרש שרייבט משה האט גיזאגט צו גאט איך האב גילויבט מיט דעם ווארט הן אונ האב גזאגט הן לה׳ אלהיך צו גאט זיינן דיא הימיל אונ ערד אונ היינט זאגסטו מיר הן קרבו ימיך למות דאש איך זאל שטארבין מיט דעם ווארט הן האט גאט צו אים גיענטפערט דר מיט וואש דוא האסט מיך גילויבט דר מיט וועסטו שטארבן

דען

דען דער טויט איז צוא דיר איין טובה דוא ווערסט אויף יענר וועלט מער כבוד האבין אונ דיא חכמים לערנען פון דאנען אפ דאש דיא מתים וועלין ווידער לעבעדיג ווערין דען עש שטייט הנך שוכב עם אבותיך וקם דאש איז טייטש דו ווערסט שטארבן אונ ווערסט ווידער לעבעדיג ווערין · כי לא תשכח מפי זרעו כי ידעתי את יצרו גאט זאגט דיא תורה ווערט ניט פאר געסין ווערין פון ישראל · אונ עש שטייט אין איר גישריבין דיא התראה אויף ישראל דאש זייא זאלין תורה לערנען · אונ גאט זאגט דער יצר הרע פון ישראל איז זייער ביין ער רייצט זייא אן עבירות צוא טאן דרום מוז מען זעהען תשובה צוא טאן · ובפרט איצונד איי משיח קומט איז דיא צייט פון תשובה אונ דער וואש האט חרטה אויף זיינע עבירות דר מוז מיט זיין מויל מתודה זיין אויף זיינע עבירות אונ בדארף קיין אנדערין קרבן ניט בריינגען אזוא וויא דיא גמרא זאגט רבי יצחק זאגט דיא מדה פון גאט איז ניט גליך צו דר מדה פון איין מענטשן דען ווען איין מענטש דער צערינט זיין חבר איז אים איין ספק אויב ער ווערט אים קענען איבער בעטין · אונ מיט וואש ער קאן אים איבר בעטין מיט געלט אדער מיט רייד אבער צו גאט שטייט אין פסוק קחו עמכם דברים ושובו אל יי נעמט מיט אייך גוטע רייד אונ טוט תשובה צו גאט אונ זייט מתודה אייערע זינד · דיא גמרא זאגט אין סוטה יהודה האט מודה גיוועזן דאש ער איז גיוועזן ביי זיין שנור תמר דרום האט ער זוכה גיוועזן צוא עולם הבא אונ ראובן האט אויך מודה גוועזן אונ האט תשובה גטאן דרויף דאש ער האט דאש בעט פון בלהה ארויש גיווארפין · דען אז רחל איז גישטארבין האט יעקב גישטעלט רחלש בעט אין חדר פון בלהה · אזוא האט ראובן דאש בעט ארויש גיווארפין אונ האט גיזאגט צוא בלהה דוא ביסט איין שפחה אונ וויא ווילסטו ירשענען רחלש בעט וואש זיא איז חשוב גיוועזן אונ יעקב האט דרויף גיצערינט אזוא האט ראובן דרויף תשובה גיטאן אונ גאט האט אים מוחל גיוועזן דאש ער האט איין חלק לעולם הבא · אונ דער מענטש מוז באשיידליך ארויש ריידין דיא עבירות וואש לייט וויסין דער פון כדי דיא לייט זאלין וויסין דאש ער האט תשובה גיטאן אויף זייא אונ דיא עבירות וואש לייט וויסין ניט זאל ער שטילער הייד פאר גאט דיא עבירות מתודה זיין רבי ינאי זאגט צווייא גוטע פרנסים זיינן גיוועזן צוא ישראל משה אונ דוד משה האט גיזאגט צוא גאט לאז מען אן שרייבין מיין עבירה כדי לייט זאלין וויסן איבר וואש איין עבירה איך מוז שטארבן אזו וויא אין פסוק שטייט יען לא האמנתם בי ווייל איר האט אין מיר ניט גיגלויבט צוא הייליגין מיך ביי דער וואשר דרום מוזט איר שטארבין אונ דוד האט גזאגט לאז מען מיין עבירה ניט אן שרייבן · צוא וואש איז משה אונ דוד גליך עש איז איין משל צוויי ווייבער האבן גיזינדיגט איינע האט מזנה גיוועזן אונ איינע האט גיגעסין דיא פייגין וואש זיינען ווארין גיהיט אום שמטה וואש זייא זיינען אסור אונ מען האט זייא ביידע גישטראפט אויף זייערע עבירות אזו זאגט דיא אשה וואס האט דיא פייגין גיגעסין לאז מען צוא ווישין לאזין דאש איך האב ניט אזוא איין גרוישע עבירה גיטאן וויא מיין חברתה אזו האט מען איר איין פייג אויף דעם האלז אויף גיהאנגען אונ מען שרייט אויש דאש זיא האט גיגעסין פייגין וואש זיינן אסור אונ דרום זאגין מיר על חטא אום יום כפור ווייל אלע עבירות זיינען אין

על

על חטא איש גירעכינט אונ דרום איז נוט דאש דיא אשה וואש פר שטייט ניט קיין לשון הקודש זאל זיא על חטא אויף טייטש זאגין כדי ווען זיא ווערט קומען צוא דער עבירה וואש זיא האט דאש יאר גיטאן ווערט זיא זיך צום הארצן נעמען אונ ווערט ווייגען דאש גאט זאל איר מוחל זיין אונ זיא ווערט אויף זיך נעמען דאש זיא זאל שוין מער דיא עבירה ניט טאן אבער ווען זיא ווערט ניט פאר שטיין ווערט זיא זיך ניט דער מאנען אין דער עבירה וואש זיא האט גיטאן אונ ווערט ניט בעטין אויף איר דען דער מענטש מוז טרויערין מיט זיין הארצן אויף די עבירות וואש ער האט גיטאן · אונ מער ער וויינט מער איז זיין תשובה בעסער אזוא וויא אין פסוק שטייט לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה איין צו בראכין אונ איין טרויעריג הארץ טושטו גאט ניט פאר שעמען אונ ווען איינער האט איין עבירה גיטאן מיט זיין אויג דאש ער האט גיזעהן וואו מען טאר ניט זאל ער וויינען אונ טרערין לאזין פון דיא אויגין דען וויינען העלפט פיל צו תשובה · די חכמים זאגין זינט דער בית המקדש איז חרוב גיווארין זיינען פאר שלאסין גיווארין אלע טויערין אין הימיל פון תפלה אבער דיא טויערין וואש טרערין גייען אין זיי אריין די זיינען אפין דען אזוא וויא אז דר גוף איז קראנק עבט מען נאך איין רפואה דאש דאש חלאת זאל אוועק גיין פון אים אזו אויך ווען דיא נשמה איז קראנק מוז מען אויך איין רפואה זוכין דער צוא דאש חלאת זאל אוועק גיין אונ ווען דיא נשמה איז קראנק אונ גלוסט פיל געלט צוא האבן זאל ער זיך גוואונען צדקה צו געבין אונ זאל ניט קארג זיין צו געבן צדקה אזו ווערט דאש גילוסטין פון געלט אוועק גיין אונ ער זאל טראכטין דאש דאש געלט ווערט אוועק גיין אונ פיל

ביז קען דורך דעם קומען · אונ ווען זיין נשמה האט גאוה מוז ער זיך גיוואנען נידעריג צוא האלטין אונ צוא גיין איין גיבויגין אונ זאל גידיינקען דעם טויט דיא ווערים וועלין אים עסין אין קבר אונ זאל דאש לאנג טראכטין ביז ער ווערט גיוואנט זיין נידעריג זיך צוא האלטין אונ דיא גאוה ווערט זיך פון אים אפ טאן · דער ספר רוקח שרייבט עש זיינען פיר ערליי תשובות · איין תשובה הייסט תשובת הבאה דאש איז טייטש ווען ער האט איין עבירה גיטאן מיט איין אשת איש אונ דיא אשה קומט אים ווידער צוא האנדין אונ ער האט לוסט צוא איר אונ עש איז ווידער אין דעם אייגענעם ארט דאש ער קאן מיט איר ווידער די עבירה טאן אונ ער האלט איין זיין יצר הרע דאש הייסט תשובת הבאה · דיא אנדרע תשובה איז תשובת הגדר · דאס איז טייטש ער זאל זיך איין צוים מאכן · צוא דער עבירה דאש ער זאל ניט קוקין אויף ווייבער אונ אויף זייערע קליידער אונ ניט צוא זעהן וויא ווייבער טאנצין אונ מכל שכן דאש ער זאל מיט זייא ניט טאנצין · די דריטע תשובת המשקל דאש איז טייטש אזוא וויא ער האט איין הנאה גיהאט פון דער עבירה אזוא זאל ער זיך דרויף מצער זיין דאש ער זאל פאסטין אונ זאל קיין פלייש ניט טאן עסין אונ קיין ווין ניט טרינקען נאר אום שבת אונ יום טוב · אונ זאל אין קיין באד ניט גיין נאר אויף שבת אונ אויף יום טוב · אונ זאל אויף קיין סעודה ניט גיין אונ זאל זיך אליין מלקות שלאגין אונ זאל אויף קיין קישין ניט ליגין נאר אום שבת אונ אום יום טוב · דיא פערטע תשובה איז תשובת הכתוב דאש איז טייטש ער זאל זיך אזו איין צער אן טאן גליך ווי דיא מיתה וואס

שטייט

שטייט אין דר תורה אויף דער עבירה אונ זאל ווייטער גיווארנט זיין ניט צו ריידין מיט קיין ווייבר אונ זאל אלע טאג מתודה זיין אויף דער עבירה: דען וייל ער האט דיא אשה גיאסרת אויף איר מאן דרום מוז ער גרוישע פיין ליידין דען ווען ער רעט איבער איין אשת איש איז זיא אסור צו איר מאן · אבער ווען ער האט מאנס גיוועזן איין אשת איש איז דיא אשה ניט אסור צו איר מאן אזו בדארף דר מענטש מער ניט טאן נאר ער זאל זיך מלקות שלאגן אונ זאל פאסטן פערציג טאג אונ זאל ליגן אויף דר ערד אונ טאר אויף קיין שמחה ניט גיין · אונ זאל אלע טאג דרייא מאל ווידוי זאגין מיט טרערין אונ ויינן · אונ ווען ער איז גילעגין בייא איין אשה וואש האט קיין מאן ניט · איז זיא דאך איין נדה דען זיא האט זיך צו אים ניט גיטוייבילט אזו זאל ער ליגן אויף דער ערד אונ זאל זיך מלקות שלאגין אלע טאג אונ זאל פאסטין פערציג טאג אונ זאל מתודה זיין אלע טאג דרייא מאל מיט גיוויין אונ זאל אויף קיין שמחה ניט גיין · אונ ווען ער איז גילעגין בייא איין פרעמדע אשה זאל ער זיך מלקות שלאגין אונ זאל פאסטין פערציג טאג אונ זאל קיין פלייש ניט עסין אונ קיין וויין ניט טרינקען אונ זאל זיך ניט באדין אין דיא פערציג טאג אונ אויב ער האט גינבת ביי זיין חבר זאל ער די גניבה אפ געבין אים אדער צו זיינע יורשים אונ זאל מתודה זיין אונ זאל זיך ווייטר אפ היטן פון פרעמד געלט אונ זאל צדקה געבן אונ זאל מחילה בעטין פון זיין חבר אונ אזוא אויך אויף אלע עבירות זאל ער תשובה טאן אונ זאל אפ גיוואנן דעם יצר הרע דאש האט דיא תורה אן גישריבין כי ידעתי את יצרו איך וייש דעם יצר הרע פון דעם מענטשין אונ ווען עש ווערט אויף אים קומען צרות אזוא וועט דיא שירה אויף אים עדות זאגן דאש איך האב אים איין התראה גיטאן · אונ פון דאנן לערנן די חכמים אפ דאש צום סוף אז משיח וועט קומן וועט בטל ווערין דיא מצות פון דר תורה דען ווען דר יצר הרע וועט בטל זיין וועט דיא תורה אויך בטל ווערין נאר פורים וועט אייביג ניט בטל זיין אפילו אז משיח וועט קומן דאש זאגט דער פסוק כי לא תשכח מפי זרעו כי ידעתי את יצרו דיא תורה וועט ניט פאר געסין ווערין וייל דער יצר הרע איז בייא זיי אבער אז דער יצר הרע וועט בטל ווערין וועט די תורה אויך בטל ווערין דען דיא תורה איז נאר גיגעבין גיווארין צו מציל זיין דעם מענטשין פון דעם יצר הרע אונ דאש וועט זיין בשעת תחית המתים דען תחית המתים וועט זיין פיל יארן נאך משיח · דרום זאל מען תשובה טאן מען זאל ווישן דאש גאט האט אונז איין התראת גיטאן דאש מיר זאלין פרום זיין אזו וועט גאט צו אונז שיקין משיח:

# הפטרת וילך

גיען נצבים וילך גייען מיט אנאנדער לייענט מען דיא הפטורה פון נצבים שוש אשיש אבער ווען זייא גייען צו טיילט גיים וילך אין שבת תשובה אזוי לייענט מען דיא הפטורה שובה ישראל · ··· נאך זאגט מען פסוקים אין מיכה אבער ווען האזינו גיים אין שבת תשובה לייענט מען אויך שובה ישראל · אונ דער נאך תקעו שופר:

מי אל כמוך נושא עון ווער איז נאך אזוא איין גאט וויא דוא דאש דוא בישט מוחל דיא עבירות צו דיא ישראל וואש זייא ווערין איבער בלייבין אין דיא טעג פון משיח · אונ ער האט ניט גישטארקט ביז אייביג זיין צארין · דען ער באגערט חסד אונ ווערט באלד איבער גיבעטין ישוב ירחמנו יכבוש עונותינו ער זאל זיך אום קערין צו דער בארימען אונז אזוא ··א פריער אונ זאל איין טרעטין אונזערע עבירות אין דער ערד · אונ דוא זאלשט ווארפין אין דער טיפענעש פון דעם ים אלע אונזערע זינד דאש זייא זאלין אייביג ניט ווערין דער מאנט פאר דיר: תתן אמת

ליעקב

ליעקב חסד לאברהם דוא זאלשט אמת מאכין אונ מקיים זיין דיין הבטחה וואש דוא האשט צוא גיזאגט צוא יעקב · אונ דאש וועט זיין איין שכר פאר דעם חסד פון אברהם וואש ער האט גיבאטין זיינע קינדער צוא היטין דעם וועג פון גאט אונ צוא טאן צדקה אונ משפט · אונ דוא זאלשט מקיים זיין וואש דוא האשט גישווארין בייא דער עקידה פון יצחק דאש זיינע קינדער זאלין ירשנן דאש לאנד פון זיינע פיינט :

ווען האזינו גייט אום שבת תשובה זאגט מען תקעו אויך צוא דער הפטורה פון שובה ישראל :

תקעו שופר בציון קדשו צום זאגט דער נביא בלאזט שופר אין ציון אונ בריט אן איין טאג צוא פאסטין · אונ רופט אויש איין אויף האלטונג פון מלאכה מען זאל קיין מלאכה ניט טאן · אספו עם קדשו קהל זאמילט איין דאש פאלק בריט אן דאש קהל זאמילט איין אלטע אונ יונגע אונ אפילו זיגינדיגע קינדער צוא טאן תשובה דער חתן זאל ארויש גיין פון זיין חדר אונ דיא כלה פון איר חופה זייא זאלין אלע פאסטין אונ תשובה טאן בין האולם ולמזבח יבכו הכהנים צווישין אולם אונ צווישין דעם מזבח זאלין וויינען דיא כהנים וואש באדינען גאט אין בית המקדש אונ זאלין תפלה טאן אונ זאלין זאגין דער בארים דיך גאט אויף דיין פאלק אונ זאלשט ניט געבין דיין ארב צוא קיין חרפה דען פון וועגין הונגער וועלין זייא אלע מוזין גיין אין איין פרעמדע לאנד אזו וועלין זייא זיין צוא איין חרפה אונ עש וועלין אין זייא גיוועלטיגין דיא עובדי כוכבים · ווארום זאלין דיא עובדי כוכבים זאגין צו ישראל וואו איז אייער גאט וואש ער האט אייך פאר לאזט דאש איר האט ניט וואש צוא עסין ויקנא יי לארצו אונ גאט וועט דורך אייער תשובה אונ תפלה זיך דער בארימען אויף זיין פאלק · ויען יי ויאמר לעמו אונ גאט וועט ענטפערין אויף אייער תפלה אונ וועט זאגין צוא זיין פאלק איך וועל אייך שיקין דאש קארין אונ וויין אונ אייל אונ איר וועט זיך דער מיט אן זעטין אונ איך וועל אייך מער ניט געבין צוא קיין חרפה צווישין דיא פעלקער דאש זייא וועלין אייך שוין מער ניט מבזה זיין פון וועגין הונגער ואת הצפוני ארחיק מעליכם אונ דעם היישעריק וועל איך דער ווייטערין פון אייך אונ וועל אים פאר שטויסין אין איין ווישט לאנד · אדער דאש מיינט מען דעם יצר הרע וואש ער הייסט צפוני וויל ער זיצט פאר בארגין אין הארץ דעם וועל איך אפ טאן פון אייך אונ וועל אים טייטין את פניו אל הים הקדמוני וויל ער האט גיטאן זיין פנים אין דעם ערשטין בית המקדש אונ אין דעם אנדערין בית המקדש אונ האט אים חרוב גימאכט דורך אייערע עבירות וואש ער האט אייך דער צוא גיבראכט ועלה באשו אונ ער האט גיהרגת פיל תלמידי חכמים אונ האט גילאזט שטיין דיא עובדי כוכבים אונ האט זיך אלץ גירייצט מיט ישראל אל תיראי אדמה גילי ושמחי דוא זאלשט דיך ניט פארכטין דוא ערד פון ארץ ישראל אויב איר וועט תשובה טאן פרייא דיך דען גאט האט גיטאן איין גרוישע הילף אל תיראו בהמות שדי איר זאלט אייך ניט פארכטין איר בהמות פון דעם פעלד דען עש וואקסט שוין גראז אין דיא וואונונג פון דער מדבר · אונ דער בוים וועט מאכין וואקסין זיינע פירות אונ דער פייגין בוים אונ דער וויין שטאק וועלין געבין זייער גוטש אונ איר קינדר פון ציון פרייט אייך מיט אייער גאט דען גאט האט אייך גיגעבין נביאים זייא זאלין אייך לערנען צוא רעכטין כדי צוא גירעכט מאכין אייך אונ ער וועט אייך מאכין נידערין דעם פריען רעגין אונ דעם שפעטן רעגין אום ניסן דאש דיא תבואה וועט אויף וואקסין אין עלף טעג · ומלאו הגרנות בר אונ דיא שייערש וועלין פול ווערין מיט קארין אונ דיא קעלטער וועלין רוישין פון וויין אונ אייל ושלמתי לכם את השנים אשר אכל הארבה אונ איך וועל אייך באצאלין דיא יארין וואש דער היישעריק האט אויף גיגעסין וואש איך האב אויף אייך גישיקט · ואכלתם אכול ושבוע אונ איר וועט עסין אונ וועט זאט זיין אונ וועט לויבין גאט וואש ער האט מיט אייך גיטאן וואונדער אונ מיין פאלק וועט שוין אייביג ניט פר שעמט ווערין :

האזינו השמים ואדברה שלמה המלך האט גזאגט אין משלי פי צדיק ינוב חכמה ולשון תהפוכות תכרת דאש מויל פון איין צדיק רעט אלין חכמה אונ פרומקייט אונ דר צונג וואש רעט פאר קערטע רייד אונ שלעכטע דר זאל פאר שניטן ווערן ׳ דען דר צדיק איז גיגליכן צו איין בוים וואש מאכט וואקסין פירות אונ מאכט וואקסן בלעטר וואש בשיצין אויף די פירות דאש זיי זאלן ניט פאר ברענט ווערן פון דר היץ פון דר זון ׳ אבר דר עיקר זיינן די פירות ׳ אזו אויך דר צדיק צו צייטן רעט ער פראסטע רייד צו שטראפן זיין הויז גזינט אונ לערינט זיי האנדלען וואש דאש דארף מען אויך האבן אונ דר נאך לערינט ער תורה אבר די תורה איז דר עיקר ׳ נאר יענע רייד דארף מען אויך האבן צו דר תורה דען ווען מען קען ניט האנדלען אזו קען מען ניט זיצן אונ לערנן ווען מען האט ניט וואש צו עסן ׳ אבר דר רשע זיינע מדות זיינן פר קערט פון דעם צדיק דאש דר צדיק גייט אלין נאך זיין נשמה אבר דר רשע גייט אלין נאך זיין גוף וואש ער וועט פאר פאלן ווערן ׳ אונ עש איז גיוואושט דאש דר גוף איז ווארין בשאפין פון דר ערד אונ די נשמה פון דעם הימיל ׳ אונ אז דער מענטש לעבט האט ער איין חלק פון דער ערד אונ פון דעם הימיל גלייך וויא די ערד אונ דר הימיל זיינן זיינע קרובים ׳ דרום האט משה אן גיזאגט צוא ישראל זיי זאלן די תורה האלטין ׳ אונ האט גישטעלט עדות הימיל אונ ערד אזוא וויא מען טוט איינעם התראה פאר זיינע קרובים דרום האט משה גיזאגט האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי פאר נעמט איר הימלען אונ איך וועל ריידין אונ די ערד זאל הערן די זאג פון מיין מויל ׳ אונ דרום האט משה גיזאגט צו די הימלען זיי זאלין פאר נעמען זיינע רייד אזו וויא מען זאגט צו איין מענטש וואש מען שטייט נאהינט ביי אים ׳ דאש איז ווייל משה איז דעשט מאל נאהינט גוועזן צום הימיל דאש ער האט גיזאלט שטארבין אונ עש האבן זיך אפ גיטאן אלע כוחות פון זיין גוף ׳ אונ ער האט אלין גיצויגן נאך דר נשמה וואש זיא איז פון דעם הימיל ׳ אונ צו דער ערד האט ער גיזאגט ותשמע הארץ די ערד זאל הערין מיינע רייד גלייך וויא מען זאגט צוא איין מענטשין וואש מען איז וייט פון אים ווייל ער איז וייט גיוועזן פון דר ערד ׳ דען די כוחות פון דעם גוף וואש ער איז פון דער ערד האבין זיך פון אים אפ גיטאן ׳ אונ אויך דרום האט ער הימיל אונ ערד צו עדות גינומן כדי אז דיא ישראל וועלין ניט האלטין דיא תורה וועלין קומן הימיל אונ ערד אונ וועלין זיי שטראפין ׳ דר הימיל וועט ניט געבן קיין טויא אונ קיין רעגין אונ די ערד וועט ניט מאכין וואקסין קיין תבואה אונ קיין פירות ׳ נאך איין פשט איז ער האט דרום הימיל אונ ערד גינומען פאר עדות ניט קיין מענטשין ווייל הימיל אונ ערד וועלן אייביג שטיין אבר מענטשן קענן שטארבן אזו וועט קיין עדות ניט זיין ׳ נאך איין פשט איז משה הט גזאגט צו ישראל זעהעט אויב הימיל אונ ערד פאר ענדערין די גיבאט פון גאט זעהעט אויב די זון גייט אנדערש אויף וויא אין מזרח ׳ אונ אויך דיא ערד זעהעט אויב זיא האט פאר ענדערט דאש גיבאט פון גאט ׳ דען אז איינר זייט ווייין אדר גערשטן אויב עש גייט ניט אויף אזו וויא דר סדר איז ׳ רבי יהודה בן מנסיא זאגט אין דער צייט וואש משה האט גיזאגט צום הימיל פאר נעם מיינע רייד איז דר הימיל שטיל גיבליבן ׳ אונ אין דער צייט אז ער האט גיזאגט צו דר ערד הער מיך צו איז שטיל גיבליבן דיא ערד אונ אלין וואש אויף איר איז ׳ נאך איין פשט איז דרום הט משה גיזאגט פאר נעמט איר הימיל אונ איך וועל ריידין אונ די ערד וועט הערין די זאג פון מיין מויל ׳ אונ ער האט ניט גיזאגט ושמעי הארץ הער צו דו ערד ׳ נאר דר פשט איז אזו דר הימיל ווייזט דאש גאט האט דא וועלט

בשאפין דען מען זעהעט אלע טאג גייט די זון אויף אין מזרח אונ פאר גייט אין מערב אזו מוז זיין דאש איינער האט זיא בשאפין אונ פירט זיא · אבר אז משה האט די תורה מקבל גיוועזן וואש אין איר שטייט דאש גאט האט די וועלט בשאפין אזו דארף מען שוין ניט דר הימיל זאל זאגין דאש גאט האט די וועלט באשאפין · דרום האט משה גיזאגט האזינו השמים שווייגט שטיל איר הימלען פון צו זאגין דאש גאט האט די וועלט בשאפין ואדברה אונ איך וועל ריידין אין דר תורה דש גאט איז דר בשעפר פון דר גאנצער וועלט · ותשמע הארץ אמרי פי אונ די זיצער פון דר ערד וועלין הערין דיא תורה וואש איך זאג מיט מיין מויל וועלין זייא ווישין דאש גאט האט בשאפין די וועלט · האט דר הימיל גיזאגט צו משה ווארום זאל איך שטיל שווייגין אונ דו זאלשט זאגין דאש גאט איז דר בשעפער פון דר וועלט · האט משה גיענטפערט איר קענט אבר ניט זאגין דעם נאמען פון דעם בשעפער בשיידליך אונ איך וועל יוא זאגין דעם נאמען פון דעם בשעפער באשיידליך · דאש זאגט דר פסוק כי שם יי אקרא הבו גודל לאלהינו דאש איז טייטש איך קען אן רופן דעם נאמן פון גאט בשיידליך · דרום זאלט איר הימלען שווייגין אונ זאלט נאר געבין איין לויב צוא אונזר גאט · נאך איין פשט איז משה זאגט כי שם יי אקרא אז איך וועל רופין דעם נאמען פון גאט אונ וועל איין ברכה מאכן הבו גודל לאלהינו זאלט איר זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד נאך איטליכר ברכה אין בית המקדש אונ אין גאנצין לאנד זאלט איר נאך איין ברכה זאגין אמן · יערוף כמטר לקחי עש זאל טריפין אזו וויא איין רעגין מיין לערנן · אונ עש זאל דיינען אזוא וויא טויא מיין זאג · דאש האט משה תפלה גיטאן דאש די תורה זאל ווערין אן גינומן ביי די לייט אזו וויא איין רעגן אונ איין טויא מאכט אלץ וואקסן אזו זאל מיין לערנן זיין אן גינומן ביי לייט · אונ דר מדרש

למד

זאגט יערוף כמטר לקחי אזו וויא איין רעגן מאכט לעבין די גאנצע וועלט אזו אויך דיא תורה מאכט לעבין די גאנצע וועלט · אונ אזו וויא איין טויא מאכט פרייד צו דר גאנצר וועלט אזו אויך דיא תורה מאכט פרייד צו דיא מענטשן · הצור תמים פעלו חאטשע גאט איז שטארק דאך אז ער ברייגנט איין צרה אויף די רשעים ברייגנט ער זיא ניט מיט כעס נאר מיט דין אונ משפט ווייל ער איז גאנץ מיט זיינע מעשים · אונ דער צרור המור שרייבט ווייל משה האט גיזאגט דיא הימיל אונ ערד זאלין שטיל שטיין אזו וועלין די נארן זאגין וויא איז דאש מיגליך דיא וועלט זאל ניט אונטער גיין ווען דר הימיל מיט דיא מזלות וועלין שטיל שטיין · דרום האט משה גזאגט יערוף כמטר לקחי עש זאל טריפין אזו וויא איין רעגין מיין לערנען כלומר דורך דער תורה וועט די וועלט איין קיום האבן אונ עש וועט גיין רעגין אונ טויא חאטשע דיא הימלען וועלין שטיל שטיין דען די גאנצע ליכט פון דעם הימיל איז פון דר תורה · אונ ווען דער צדיק לערינט די תורה אזו איז ער העכער פון די הימלען · דאש זאגט דער פסוק דיא מלאכים זאגין יי אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ וויא גאר שטארק איז דיין נאמן אונזר האר אויף דר ערד · אשר תנה הודך על השמים דאש די לייט פון דר ערד גיבין שיינקייט אונ ליכט אין דעם הימיל מיט זייער תורה לערנן · מפי עוללים ויונקים יסדת עוז פון דר תורה וואש קליינע קינדר לערנן פון דעם קומט איין ליכט אין הימיל · נאך איין פשט שרייבט דער צרור המור יערוף כמטר לקחי משה האט גיזאגט ווען אפילו מיינע רייד אין דר סדרה וועלין זיין גליך וויא איין גרוישער רעגין וואש רייסט אויש אלע בוימער אונ תבואה אונ טוט פיל שאדין אזוא וועלין זיין מיינע רייד מיט פיל שטראף וואש איך וועל אייך זאגן דאש גאט וועט אייך שטראפין מיט אלע שטראף ווען איר וועט די תורה ניט האלטן דאך תזל כטל

אמרתי

ישרתי וועט ריטען פון דעם שטראפן אזו וויא איין טויא וואש גיט שמחה צו לייט · כלומר ווען מען נאט האט ליב דעם שטראפט ער כדי ער זאל זיך דר מאנען פרום צו זיין אונ זאל קיין בייז ניט טאן · כשעירים עלי דשא מיין רייד זיינן גליך אזו וויא איין שטורים ווינט קומט אויף גראז גליך וויא ער וויל דש אויש רייסן אבר אין אמת איז דר ווינט גוט פאר דעם גראז אונ תבואה דען דער ווינט מאכט עס וואקסין אונ שטארקן · נאר מענטשן שרעקן זיך פאר דעם ווינט · אזו זיינען אויך מיינע רייד לייט שרעקין זיך מען וועט זיי שטראפין אז זיי וועלין שלעכט זיין · אבער אין אמת איז דאש איין טובה דען דורך דעם וועלן זיי פרום זיין אונ וועלן האבן ברכה · דרום זאגט דר פסוק כי שם יי אקרא הבו גודל לאלהינו אז איך טוא רופין גאטש נאמן אונ זאג אייך עפעס פון גאטש וועגין סייא גוטש אדר שלעכטש זאלט איר אלין גאט לויבן דען עש וועט אייך אלין זיין איין טובה · נאך איין פשט שרייבט דר צרור המור משה האט גזאגט צו ישראל איך האב איין קליינע עבירה גיטאן איך האב אייך גירופין המורים ווידר שפעניגר אזו האט מיך גאט גישטראפט אונ פון דעסט וועגין כי שם יי אקרא רוף איך דעם נאמען פון גאט אונ זאג דאש גאט איז גירעכט מיט זיינע מעשים · מכל שכן איר ישראל האט פיל מאל עבירות גיטאן דרום הבו גודל לאלהינו דארפט איר נאך מער גאט לויבין אונ זאלט גאט גירעכט מאכין אויף אלעמען וואש ער טוט אייך · אונ משה האט פיר עבירות גטאן אנטקעגין גאט אונ ער האט אויף אלע פיר עבירות גאט גילויבט דאש גאט האט אים רעכט גישטראפט · די ערשטע עבירה איז גיוועז גאט האט אים גיוואלט שיקין צו פרעה מלך מצרים האט משה גיזאגט לא איש דברים אנכי איך האב איין שווער מויל אונ איין שווערין צונג איך קאן ניט גוט ריידן · [illegible] ניט געענטפערט ווער האט

בשאפין איין מויל צו איין מענטשין דאש האב איך בשאפין · אזו קען איך מאכן דאש דו וועשט קענען גוט ריידין פאר פרעה · אונ וייל דו ווילשט ניט גיין אין מיין שליחות צו פרעה דרום וועשטו ניט זוכה זיין צוא פירין די ישראל קיין ארץ ישראל צוא איין נעמען דיא איין אונ דרייסיג מלכים · דרויף האט משה גיזאגט הצור תמים פעלו גאט איז גירעכט וואש ער האט מיך גשטראפט דען איך האב ניט רעכט גיטאן אנטקעגין גאט וואש איך האב גיזאגט איך קען ניט גוט ריידין דען גאט האט מיך גיקענט היילין ער איז איין בעל מלאכה איבר אלע בעלי מלאכות · אונ אנטקעגין דער אנדערר עבירה וואש משה האט גזאגט צו גאט ווארום האשטו שלעכטש גטאן צוא דיא ישראל דאש פרעה האט נאך שווערער גימאכט די ארבעט נאך דיין שיקן אונ גאט האט אים גענטפערט איצונד וועסטו זעהען דיא נסים וואש איך וועל טאן צוא ישראל אין ארץ ישראל · דרויף האט משה גיזאגט כי כל דרכיו משפט גאטש וועגין זיינן מיט משפט ער איז גירעכט מיט זיינע מעשים · אונ אנטקעגין דר דריטער עבירה וואס משה האט גיזאגט הצאן ובקר ישחט להם וועט דוא וועסט קוילין פון וועגין ישראל אלע שאף אונ רינדער וועט דען זיי גינוג זיין מען קען זיי ניט גינוג פלייש געבין · אזו האט גאט גיזאגט האב איך דען קיין כח ניט צו געבן גינוג פלייש צוא ישראל אז איך וויל · איך האב דאך אלין בשאפין · דר פר האט אים אויך גאט גיזאגט דו וועסט ניט זעהן דיא נסים וואש איך וועל טאן צוא ישראל אין ארץ ישראל · דרויף האט משה גיזאגט אל אמונה ואין עול גאט איז גירעכט אונ טוט קיין אומרעכט ניט וואש ער האט מיך גשטראפט אונ אנטקעגין דר פערטר עבירה וואס משה האט גידארפט ריידין צום שטיין ער זאל געבין וואשער אונ ער האט גישלאגין דעם שטיין · אונ גאט האט אים באשיידליך

גיזאגט

גזאגט דו וועסט ניט קומן קיין ארץ ישראל דוא וועסט שטארבין אין דער מדבר דרויף האט משה גזאגט צדיק וישר הוא גאט איז גרעכט מיט זיין דין אונ משפט וואש ער האט מיר גיטאן · דאש האט משה גיזאגט צו ישראל איר דארפט נאך מער גאט גירעכט מאכין אונ צוא לויבין אים דאש ער האט אייך אייערע עבירות מוחל גוועזן · אונ אויך האט דיא תורה דא גיוויזין וואש די ישראל וועלין האבין פון וועגין זייערע עבירות · דאס ערשטע גלות איז בבל דאש איז גיוועזן איין שווערר גלות אזו וויא איין שטארקער שטיין מערער פון גלות מצרים · דרויף האט ער גיזאגט הצור תמים פעלו דאש איז טייטש דר גלות פון בבל וואש איז שטארק אזו וויא איין שטיין אונ שווערער פון גלות מצרים דר מיט איז גאט אויך גירעכט וואש ער האט אונז דר מיט גישטראפט אונ דער נאך זאגט ער כי כל דרכיו משפט דאש איז אויף גלות מדי וואש גאט האט די ישראל דרום גישטראפט וייל זיי האבין זיך גבוקט צום צלם פון נבוכדנצר אונ האבין גיגעסין אויף דער סעודה ביא אחשורוש · אונ דרום האט אסתר גיזאגט וצומו עלי ואל תאכלו ואל תשתו איר זאלט פאסטין אונ זאלט ניט עסין אונ טרינקען · איז קשה ווען זיא זאגט איר זאלט פאסטין ווייס איך דאך וואול דאש מען וועט ניט עסין אונ ווארום האט זיא נאך גיזאגט איר זאלט ניט עסן נאר דר תירוץ איז זיא האט גזאגט איר זאלט ניט עסין וייל איר האט גיגעסין אויף דר סעודה פון אחשורוש · אונ אנטקעגין דעם וואס זיי האבין זיך גיבוקט צום צלם האט זיך מרדכי ניט גיוואלט בוקין צו המן אונ האט זיך אין איין סכנה גיבראכט פון דעסט וועגן · דרויף זאגט ער כי כל דרכיו כלומר גאט טוט אלץ מדה כנגד מדה אזו וויא ביי אחשורוש · אונ דר נאך זאגט ער אל אמונה ואין עול דאש איז וואס זיי האבין גיוואלט די ישראל פר שטערן פון תורה אונ מצות אונ גאט האט זיינע רייד מקיים גיוועזן וואש ער האט גיזאגט צוא די כהנים ברך יי חילו גאט האט גיבענטשט זייער כח אונ זייא האבין מלחמה גיהאלטין מיט גרוים כח אנטקעגין דיא אומות · אונ דאש איז גיוועזן אין דיא צייטין פון יוחנן כהן גדול דאש זיינע קינדר די כהנים האבין פיל אומות דער שלאגין · אונ דער נאך זאגט ער צדיק וישר הוא אונ דר בחיי שרייבט הצור תמים פעלו דאש האט משה גיזאגט אנטקעגין אדם הראשון וואש ער האט גיבראכט דיא מיתה אויף דער וועלט · דרום האט משה דאש גיזאגט אין דעם טאג וואש ער האט גזאלט שטארבין הצור תמים פעלו · גאט האט אדם הראשון באשאפן ער זאל פרום זיין אונ זאל אייביג לעבן · אבר וייל ער האט איין עבירה גיטאן איז אויף אים נגזר גיווארן ער זאל שטארבין · דאש האט ער גיזאגט כי כל דרכיו משפט גאט האט רעכט גיטאן וואש ער האט אדם הראשון גיטייט אונ דר נאך זאגט ער וואש איז גיוועזן די עבירה פון אדם הראשון שחת לו לא ער האט פאר דארבין דאש ווארט לא וואש גאט האט צוא אים גיזאגט לא תאכל זאלסט ניט עסין פון דעם עץ הדעת אונ ער האט יוא גיגעסין · אויך האט דיא תורה דא גיוויזין דיא פיר עולמות די וועלט אונ יענע וועלט אונ אז די מתים וועלן לעבעדיג ווערין אונ אז גאט וועט זייא משפטין נאך דעם אז מען וועט זיי לעבעדיג מאכן · אונ מען זאגט דעם פסוק הצור תמים פעלו ווען איין מענטש שטארבט אונ מען בריינגט אים אויף דעם בית הקברות דאש ער קומט פון איין וועלט אויף דער אנדערר · אונ דער תולדות יצחק שרייבט אויך דאש דר פסוק וייזט אויף פיר עולמות צום ערשטן אויף דר וועלט וואס מיר זיינען דרינען דאש איין צדיק גייט עש איבל מיט דלות אונ איין רשע גייט עש וואול מיט עשירות דרויף זאגט ער הצור תמים פעלו גאט איז גירעכט מיט זיינע מעשים וואש ער טוט אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט

ווען

ווען דר מענטש שטארבט אזו פירט מען דעם רשע וואס איז רייך גווען אין גיהנם דען ער האט גינוג גוטש גיהאט אויף דר וועלט פר זיין ביסיל מצות וואס ער האט גיטאן · אונ דער צדיק וואס האט גיהאט פיל צרות אויף דר וועלט פאר זיין ביסיל עבירות דען עש איז ניט מיגלאך דאש איין מענטש זאל קיין עבירות ניט טאן אזו וויא אין פסוק שטייט כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא עס איז ניט דא קיין צדיקים וואש זאלין ניט זינדיגן דרום האט ער צרות אויף דער וועלט · אונ אויף יענער וועלט קומט ער באלד אין גן עדן דאש זאגט דער פסוק כי כל דרכיו משפט אויף יענער וועלט קען מען זעהן דאש גאטש ווענין זיינען אלין מיט משפט · דאש זאגט דר פסוק משפטי יי אמת צדקו יחדיו דיא משפטים פון גאט זיינען אמת אונ גירעכט ווען מען וועט באהעפטין ביידע וועלטין ביי אנאנדר אזו זעהט מען דאש דרום גייט עס דעם צדיק איביל אויף דר וועלט כדי ער זאל האבן עולם הבא אונ דעם רשע גייט עש וואול אויף דר וועלט כדי ער זאל קומן אין גיהנם · אונ אויף עולם המשיח זאגט ער אל אמונה ער איז איין באגלייבטער גאט ער וועט גיוויש ברייגגען משיח · אונ אויף דעם עולם זאגט ער ואין עול גאט טוט ניט קיין אום רעכט וואס ער וועט איין טייל לעבעדיג מאכין אונ אטייל ניט · אונ נאך דעם אז זיי וועלין לעבעדיג ווערין אזוא וועט גאט זייא משפטין אויף זייערע עבירות · אונ אטייל וועלין לעבין בלייבן מיט זייער גוף אונ נשמה דאש הייסט עולם הבא אונ אטייל וועלין פר לארין ווערן מיט זייער גוף אונ נשמה · דרויף זאגט דער פסוק צדיק וישר הוא ער איז איין צדיק וואש ער לאזט זיי לעבין וישר אונ ער איז גירעכט וואש ער האט די רשעים פאר לארין · אויך זאגט דער תולדות יצחק די חכמים האבן סימנים גיגעבין אויף דיא פרשיות וואו מען זאל אן הויבין אונ וואו מען זאל אויש לאזן ווען דר חזן רופט אויף צו דר תורה · דען דער חזן דארף אויף רופין אונ זאל אן הייבין מיט גוטע רייד אונ זאל אויש לאזן מיט גוטע רייד אין דר ספר תורה · אבר אין האזינו שטייט אין מסכת מגילה מען זאל די פרשיות אויש לאזין מיט בייזע רייד כדי מען זאל די לייט דר שרעקין צו טאן תשובה · אונ מען זאל ניט צערענען אויף דעם חזן דען די חכמים האבן גיצייכינט וואו מען זאל אן הויבן אונ וואו מען זאל אויש לאזין אונ דר סימן איז הזיו לך · ובפרט עש איז נאהענט צווא יום כפור דאש דר מענטש דארף זיך באטראכטן תשובה צו טאן · אונ די פרשה איז גיטיילט אויף זעקס חלקים די ערשטע פרשה הייבט זיך אן האזינו דאש זאגט דר פסוק דאס גוטש וואש גאט האט גיטאן מיט ישראל וויל זייא זיינען דאש באשעפעניש פון גאט דען גאט טוט חסד מיט איטליכין מענטש אפילו ווען ער איז ניט קיין ישראל · דרום זאגט ער הלא הוא אביך קנך ער האט דיך באשאפן אונ טוט דיר חסד דרום איז ראוי צו לויבין אים די אנדערע פרשה הייבט זיך אן מיט איין זיין זכור ימות עולם דאש זאגט ער דאש גוטש וואס גאט האט גיטאן צווא ישראל אין דער מדבר וויל זיי האבן תורה גילערינט · דרום שטייט אין דר פרשה כי חלק יי עמו דיא ישראל זיינען דאש חלק פון גאט דרום טוט ער זייא פיל גוטש · דיא דריטע פרשה הייבט זיך אן מיט איין יויד ירכיבהו דאש זאגט ער דאש גוטש וואש גאט האט גיטאן צו ישראל דרום זאגט ער ירכיבהו על במתי ארץ ער האט אים גימאכט רייטין אויף דער הויך פון דר ערד דאש איז ארץ ישראל וואש דאש איז העכר פון אלע לענדער אונ עס איז איין גוט לאנד מיט פיל מילך אונ האניק · די פערטע פרשה הייבט זיך אן מיט איין וואו וירא יי וינאץ דאש זאגט ער דיא ישראל זיינען שלעכט גיווארן וויל זייא האבין פיל גוטש גיהאט פון גאט אונ האבין גיטאן עבירות · דרום האט גאט אויף

זיי גיצערינט אונ האט גיזאגט אסתירה פני מהם איך וועל פאר בארגין מיין פנים פון ישראל אונ וועל זיי ניט העלפין אין זייער נויט · די פינפטע פרשה הויבט זיך אן מיט איין למ״ד לולי כעס אויב דאש זאגט ער האטשע גאט האט צו ישראל גישטראפט אויף זייערע עבירות דאך טוען זיי קיין תשובה ניט דען זיי טראכטן דאש בייז איז ניט פון גאט עש איז איין טרעפונג זיי גישעהן דורך דער נאטור · דרום זאגט ער לו חכמו ישכילו זאת ווען דיא ישראל זאלין קלוג זיין אונ זאלן טראכטין וויא קומט עש דאש איינער יאגט נאך טויזינט פון ישראל אונ צווייא יאגין נאך צעהען טויזינט פון ישראל דאס מוז גיוויס זיין דאש גאט טוט עש ער האט אונז איבר גיענטפערט אין דר האנט פון דעם פיינט · דיא זעקסטע פרשה הייבט זיך אן מיט איין כ״ף כי אשא אל שמים ידי דער חזקוני שרייבט הצור תמים פעלו גאט וואש ער ארבעט איז אין גאנצין זיין מעשה · אבער איין מענטש ווען ער מויערט איין מויער האט ער די שטיינער ניט גמאכט נאר זיי זיינן פון לאנג גיוועז אונ אויך דאש האלץ אדר דיא ליים האט ער ניט גימאכט · שחת לו לא ווען איין מענטש ווערט גישטראפט דאש איז ניט פון גאט נאר זיינע עבירות טוען דאש · הלה׳ תגמלו זאת זאלט איר דען צו גאט בייז טאן וואש ער האט איך די אלע טובות גיטאן ער איז דיין רעכטער פאטר ער האט דיך בשאפין · גידיינקט דאס גאט האט גישטראפט די דורות וואש זייגען פאר איך גיוועזן · פרעגט די נביאים אונ די זקנים וועלן זיי איך זאגין · צום ערשטין איז גיוועזן דר דור הפלגה וואש האבין איין גרויסן טורים גיבויט ארויף צו גיין אין הימיל אזוא וואלט גאט זיי גיקאנט דער טרינקן אין וואשר אדר פאר ברענען אין פייער · נאר ער האט זייא גילאזט לעבין כדי ער זאל פון זייא ארויש ברייגען די צוועלף שבטים פון ישראל · כי חלק ה׳ עמו די ישראל זייגען דאש חלק פון גאט

אונ זיי זיינן ווארין גיבארין פון דיא עובדי כוכבים · דרום האט גאט דיא עובדי כוכבים ניט גיטייט · ימצאהו בארץ מדבר גאט האט דיא ישראל גיפונען באגלייבט אין דער מדבר דש ישמעאל אונ עשו האבין ניט גיוואלט די תורה מקבל זיין אונ דיא ישראל האבין דיא תורה מקבל גיוועז אונ זיינען גיגאנגען נאך גאט אין דער מדבר וואש קיין מענטשין גייען דארטין ניט אונ גאט האט זייא ארום גרינגילט מיט זיינע גוטע וואלקינש אונ האט זייא גימאכט פיר פאנען אזוא וויא מלכים פלעגין צו גיין אונ האט זיי גילערינט חכמה אונ תורה אונ האט זיי גיהיט פון שלאנגן אונ חיות אונ פון דיא אומות · אראה מה אחריתם דר ספר כלי יקר שרייבט די ישראל האבין דרייא נעמן ישראל יעקב ישורון דאש זאגט גאט איך זעה דיא הינטערשטע אותיות פון די דריי נעמן איז לבן כלומר פון וועגין דעם זכות יעקב וועט זייערע עבירות וייס ווערין דאש איך וועל זייא מוחל זיין דען לבן איז טייטש וויס · אבר די ישראל טוען עבירות אונ קערין אום דאש ווארט לבן צו נבל דאש איז טייטש שאנד · דאש זאגט דער פסוק כי דור תהפוכות המה דיא ישראל זיינען איין פאלק וואש פר קערין דאש ווארט לבן · כנשר יעיר קנו גאט האט דיא ישראל גיפירט אין דער מדבר אזוא וויא איין אדלער טראגט זיינע קינדר אויף די פליגיל · אונ אז ער קומט צו זיין נעסט קלאפט ער מיט די פליגיל אין די צווייגין פון דיא בוימער צוא אויף וועקין זיינע קינדר זיי זאלין זיך ניט דר שרעקין אונ זאלין אים קענען דער לידין · אזו איז אויך גיוועזן גאט ער האט זיך באוויזין אויף דעם בארג סיני מיט פיל מלאכים אונ איז גיקומן פון די פיר זייטין פון דער וועלט צום בארג סיני כדי דיא ישראל זאלין אים קענען דער לידין · אונ אזו וויא איין אדלער אז ער טראגט זיינע קינדער פון איין ארט אויף דעם אנדערין טראגט ער זיי אויף די פליגיל דען

ער

ער האט קיין מורא ניט פאר קיין אנדערין פויגיל דאש ער זאל זייא אוועק חאפין וייל קיין שום פויגל פליט ניט העכר פון אים נאר ער האט מורא מען זאל אים ניט שיסן מיט איין פייל דרום טראגט ער זיי אויף די פליגל אונ זאגט עש איז בעסער די פייל זאל אריין גיין אין מיר ניט אין מיינע קינדער · אבער אנדרע פייגלין נעמן זייערע קינדער צווישין דיא פיס וייל זיי האבין מורא צוא טראגן זיי אויף דיא פליגיל דאש איין אדלער וואש פליהעט העכער זאל זייערע קינדער ניט אוועק נעמען · אזו אויך אז די ישראל זיינן גיגאנגען פון מצרים אונ די מצרים האבן זיי נאך גיאגט אונ האבין גישאסין מיט פיילן · האט זיך דר וואלקן גשטעלט צווישן ישראל אונ צווישין דיא מצרים אונ האט די פיילין אין זיך אריין גינומען · אונ גאט טוט פיל גוטש מיט ישראל · אונ האט זיי גיגעבן ארץ ישראל וואש דאש איז איין רייך אונ איין פעט לאנד מיט גוטע פירות אונ גוטע שאף אונ ויין · אונ וייל זיי האבן פיל גוטש גיהאט זיינען זיי שליבט גיווארין · אזוא האט גאט גצערינט אויף ישראל אונ האט גזאגט אפאיהם איך ועל זיי פאר שפרייטין אויף אלע עקין פון דער וועלט · די גמרא זאגט אין חלק דרייא גליות האבין די ישראל גיהאט אמייל האט גאט פאר טריבין אונטער דעם טייך סמבטיון · אונ אמייל זיינן אין לאנד אנטיוכם אונ אמייל איז אויף זיי גיקומן איין וואלקין אונ האט זייא צוא גידעקט · כי ידין יי עמו גאט וועט זיך דער בארימן איבער זיין פאלק דאס זייא האבין שוין גינוג צרות גיהאט אני אני הוא ואין אלהים עמדי איך בין דער גאט צוא מאכין לעבעדיג די ליט אונ צוא הויך מאכין דיא ליט · אונ עש איז ניט דא קיין גאט וואש זאל מיר קענן ווערין איך האב דיא ישראל גיטייט אונ איך ועל זייא ווידער לעבעדיג מאכין · פון דאנען לערנען מיר אפ דאס גאט וועט דיא טויטע לעבעדיג מאכין אין דיא טעג פון משיח · דר בחיי פרעגט ווארום האט דיא תורה ניט באשיידליך אן גישריבין דאס גאט וועט דיא טויטע לעבעדיג מאכין דער תירוץ איז דיא תורה איז ווארין גיגעבין פאר אלע מענטשין · אונ עש זיינן גיוועזן פראסטע מענטשן וואש קענן ניט אליין פר שטיין בפרט אזו איין חידוש · דרום האט דיא תורה דאש נאר גישטעלט אין איין רמז דאש די חכמים זאלין דר פון פר שטיין · וכפר אדמתו עמו דיא גמרא אין כתובות לערינט אפ פון דעם פסוק ווער עש ווערט באגראבין אין ארץ ישראל דעם איז גאט מוחל זיינע עבירות דען דיא ערד איז מכפר אויף זיין פאלק :

# הפטרת האזינו

וועו נצבים ויילך גייען צוא טיילט זאגט מען צוא האזינו דיא הפטורה :

וידבר דוד ליי את דברי השירה הזאת דוד האט גירעט די שירה צוא גאט אין סוף זיינע טעג אז גאט האט אים מציל גיוועזן פון אלע זיינע פיינט אונ פון דר האנט פון שאול · ויאמר יי סלעי ומצודתי אונ ער האט גיזאגט גאט איז מיין שטארקער שטיין אונ מיין אנטרינער וואש איך האב מיך אין אים גטאן בשיצין פאר מיינע פיינט מגני וקרן ישעי משגבי דוא גאט בישט מיין בשיצער אונ דר הארין פון מיין הילף אונ מיין שטארקייט מהולל אקרא יי גילויבטער הייד טוא איך רופין גאט ווארום איך בין בטוח אין גאט דאש פון מיינע פיינט וועל איך גיהאלפן ווערין · כי אפפוני משברי מות דען עש האבין מיך ארום גרינגילט ברעכינש פון טויט אונ טייכין פון די שלעכטע ליט האבין מיך דר שראקין · בצר לי אקרא יי ווען עש איז מיר איינג רוף איך גאט אונ טוא שרייען צו אים אונ ער נעמט אן מיין תפלה אונ הערט פון דעם הימיל מיין קול אונ מיין גישרייא קומט אין זיינע אויערין ויתגעש ותרעש הארץ ווען גאט האט גיטאן צערענען אויף די עובדי כוכבים וואש זייא האבין די ישראל וויא גטאן אזו האט גטאן די ערד אונ די גרונד פעסט ציטערין די הימיל האבין גטאן ציטערין פון דעם רוגז פון גאט דען עש גייט גלייך אז איין רויך אויש זיין נאז לעביר פאר גרושין רוגז אונ

פייער

פיער גייט ארויש פון זיין מויל ויט שמים וירד
ווען גאט האט גיטאן איין נקמה אין די מצרים
אונ אין פרעה האט גאט אראפ גינידערט פון
זיין הימל אונ איין נעפיל איז גיוועזן אונטער
זיינע פיס יקדמוני ביום אידי ויהי יי משען לי דוד זאגט
אז איך בין אנטלאפין גיווארין פאר שאול זיינן
מיר די פיינט פריער אן גילאפין אונ האבן מיך
פאר שאול גמסירת אבר גאט האט מיר גהאלפן
מיט מיין גירעכטיקייט דאש איך בין אים נאך
גיגאנגן אין דר מדבר אונ האב מיך סומך גיוועזן
אויף זיין הבטחה · כבור ידי ישיב לי אזו וויא דאש
לויטערקייט פון מיינע הענט זאל ער אום קערן
צו מיר דען איך האב גיהיט די וועגין פון גאט
אונ האב ניט גישולדיגט צוא גאט דען אלע
זיינע משפטים זיינען אנטקעגין מיר אונ איך
האב ניט אפ גיקערט אפילו פון איין גיזעץ עם
חסיד תתחסד מיט אברהם וואש ער איז גיוועזן
איין חסיד טושטו חסד מיט זיינע קינדער אונ
מיט יצחק וואש ער איז גוועזן שטארק אונ גאנץ
אין דיין דינשט טושטו זיינע קינדער אויך
בצאלין גאנץ גוטש עם נבר תתבר ועם עקש תתפל
מיט דעם לויטערין דאש איז יעקב וואש ער איז
גיוועזן לויטר פאר דיר האשטו אויש דר וויילט
זיינע קינדר פון אלע פעלקער אונ האשט זייא
גילויטערט פון זייערע פסולת · אונ מיט דעם
פאר קרימטין דאש איז פרעה האשטו גיטאן
פאר קרימען אונ האשט מבלבל גיוועזן זיינע
בייזע מחשבות וואש ער האט גיטראכט אויף
ישראל · ואת עם עני תושיע אונ דאש ארום פאלק
ישראל האשטו גטאן העלפן ועיניך על רמים תשפיל
אונ דיינע אויגין טושטו אויף די וואש האלטין
זיך הויך דו זאלשט זיי נידעריג מאכין · כי אתה
נרי יי דען דוא גאט בישט מיין ליכט אונ גאט
טוט דר לייכטין מיין פינצטערנעש · כי בכה ארץ
גדוד דען דורך דיין בטחון לויף איך צווישן דעם
חיל פון די עובדי כוכבים אונ דורך דר הילף
פון מיין גאט טוא איך שפרינגען אויף זייערע
מויערין אונ נעם זיי איין האל תמים דרכו גאט זיין
וועג איז גאנץ די זאג פון גאט איז לויטער ער
איז מקיים וואש ער זאגט ער איז איין פאנצר
צו אלע די וואש בשיצין זיך אין אים · כי מי אל
מבלעדי יי דען ווער איז איין גאט חוץ דר גאט
פון ישראל אונ ווער איז איין בשעפער חוץ
אונזער גאט המאזרני חיל גאט האט מיך גשטארקט

מיט כח אונ ער האט גימאכט אוועק שפרינגן
אלע שטרויכלונג פון מיין וועג איך בין גיגאנגן
ביז דאש מיין וועג איז גיבליבן גאנץ משוה
רגלי כאילות ער האט גימאכט גרינג מיינע פיס
אזו וויא די אינדין אונ אויף מיין הויך טוט ער
מיך שטעלין מלמד ידי למלחמה ער לערינט מיינע
הענט צו מלחמה האלטן אונ עש ווערט גטראכטן
דר קופערנער בויגין דורך מיינע ארום דען עש
פלעגין היינגען קופערנע בויגין בייא דוד אין
הויז אונ אז די מלכים פון די אומות פלעגין זיי
זעהען פלעגין זיי זאגין איינער צום אנדרין איר
מיינט דוד קען די בויגין אן ציהען ניין עש איז
ניט מער נאר צו דער שרעקין אונז מיר זאלין
פאר אים מורא האבין אונ אז דוד פלעגט עש
דער הערין פלעגט ער נעמען דיא בויגין אונ
פלעגט זייא אן ציהען פאר זייערע אויגין · ותתן
לי מגן ישעך אונ דוא האשט מיר גיגעבין דיין
הילף וואש זיא איז גלייך אזו וויא איין פאנצער
אונ דיין מדה פון ענוה האשטו גיגרוישט מיט
מיר דאש דו האשט זיך נוהג גיוועזן מיט מיר
מיט פיל ענוה דו האשט גימאכט ברייט מיינע
טריט אונטער מיר כדי איך זאל ניט פאלין אונ
זיי האבין זיך ניט אויש גיגליצט מיינע טריט
ארדפה אויבי ואשמידם איך האב נאך גיאגט מיינע
פיינט אונ האב זיי פאר טיליגט איך האב מיך
ניט אום גיקערט ביז איך האב זיי פאר לענט ·
ותזרני חיל למלחמה אונ דו האשט מיך אן גיגורט
מיט כח צו מלחמה האלטין דו האשט גימאכט
קניען מיינע פיינט אונטער מיר אונ מיינע
פיינט האשטו גימאכט אנטלויפין דאש זייא
קערין זיך צו מיר אום מיט דעם אקין אונ מיינע
פיינט טוא איך פאר שניידין · ישעו ואין מושיע
זיי טוען זיך קערין צו זייערע אפ געטער אבר
עש קען קיינער פון זיי ניט העלפין · נאך דעם
קערין זייא זיך צו גאט אונ ער וויל זייא ניט
ענטפערין · ואשחקם כעפר ארץ איך טוא זייא צו
רייבין אזו וויא די שטוב פון דער ערד אזוא
וויא דיא ליים פון דיא גאסין טוא איך זייא צוא
דינען אונ צוא טרעטין ותפלטני מריבי עמי דוא
האשט מיך גימאכט אנטרינען פון די קריגערש
פון מיין פאלק דאש איז דואג אונ אחיתופל
אונ שאול אונ די זיפים דו האשט מיך גיהיט
איך זאל זיין איין ראש איבער דיא פעלקער ·
דאש פאלק וואש איך ווייש ניט טוען מיך דינן

בני נכר יתכחשו לי דיא קינדער פון דיא פרעמדע אומות זאלין פאר מיר ליגין זאגין פון וועגין מורא צוא דעם הערין פון דעם אויער וואש דיא וועלין הערין מיין גיבאט אפילו אונטער מיינע אויגין זאלין זיי מיר צו הערין בני נכר יבולו די קינדער פון די פרעמדע אומות זאלין מיד ווערין אונ זאלין הינקידיג ווערין מחמת דעם פאר שליסונג וואש איך וועל זיי פאר שליסין · חי יי דער גאט וואש לעבט איביג דער האט מיר גטאן די אלע נסים וברוך צורי אונ גבענטשט איז מיין באשעפר וירום אלהי צור ישעי אונ דער הויבין איז גאט וואש ער איז דר שטארקער פון מיין הילף · האל הנותן נקמות לי דער גאט וואש גיט נקמות צוא מיר פון מיינע פיינט · אונ ער מאכט נידערין פעלקער אונטער מיר דיא וואש ווילין מיר בייז טאן · אונ ער איז מיין אויש ציהער פון מיינע פיינט פון דעם מענטשין וואש וויל מיר בארויבין טושטו מיך מציל זיין על כן אודך יי בגוים דרום וועל איך דיך לויבין צווישין דיא פעלקער אונ צוא דיין נאמען וועל איך זינגען מיט לויב מגדול ישועות מלכו ער דער גריישט דיא הילף פון זיין מלך · אונ ער טוט חסד צו זיין גיזאלבטין · צוא דוד אונ צו זיינע קינדער ביז איביג · דער מדרש שוחר טוב שרייבט אויף דעם פסוק וירכב על כרוב ויעף דאש איז די צייט אז פרעה האט גיוואלט נאך יאגין דיא ישראל · רבי אחא זאגט עש איז איין משל צו איין מלך וואש גזלנים האבין זיין זון אוועק גינומען אזו זיינען דיא קנעכט באלד גילאפין אונ האבין דעם מלך אן גיבריית זיין רייט וואגין מיט פיל פערד צו נאך יאגין דיא גזלנים · האט דר מלך גיזאגט איידער מען וועט דעם רייט וואגין מיט די פערד איין שפאנען דר וויל וועט מיין זון פאר פאלין ווערין · אזו האט דר מלך גינומען איין פערד פון דעם רייט וואגן אונ האט גירייטין דרויף צו נאך יאגין די גזלנים אזוא אויך האט גאט ניט גיוואלט זאמין צוא רייטין אויף דעם כסא הכבוד מיט די חיות אונ כרובים · אונ האט גינומען איין כרוב פון דעם כסא הכבוד אונ האט אויף אים גירייטין צוא מלחמה האלטין מיט פרעה · דער מדרש רבה שרייבט פיר מלכים זיינען גיוועזן וואש איטליכר האט אנדערש גיזאגט צוא גאט · דוד האט

גיזאגט · ארדפה אויבי ואשמידם לאם איך נאך יאגין מיינע פיינט אונ לאם איך זיי דר שלאגין אזו האט גאט זיין תפלה צוא גיהערט אונ ער האט דער שלאגין זיינע פיינט · אונ דער מלך אסא האט גיזאגט איך האב קיין כח ניט דיא פיינט צו דער שלאגין נאר איך וועל זייא נאך יאגין · אונ דוא גאט זאלשט זיי דער שלאגין · האט גאט גיזאגט איך וועל דאש טאן דרום שטייט ביי אים כי נשברו לפני יי זיי זיינן גיווארין דער שלאגין פאר גאט · אונ דר נאך איז גוועזן דר מלך יהושפט ער האט גיזאגט צו גאט איך האב קיין כח ניט אפילו נאך צוא יאגין דיא פיינט נאר איך וועל שירה זאגין אונ דו זאלשט זייא דער שלאגין האט גאט גיזאגט איך וועל עש טאן זאג דוא שירה אונ איך וועל דיינע פיינט דר שלאגין · דער נאך איז גיוועזן חזקיהו המלך ער האט גיזאגט צו גאט · איך קאן ניט נאך יאגין אונ דער שלאגין מיינע פיינט אונ קאן קיין שירה אויך ניט זאגין · אונ דוא גאט זאלשט מיינע פיינט דער שלאגין · האט גאט גיזאגט איך וועל דאש טאן אזו וויא אין פסוק שטייט ויצא מלאך יי ויך במחנה אשור עש איז ארויש גיגאנגען איין מלאך פון גאט בייא נאכט אונ האט דער שלאגין דיא מחנה פון אשור · דער תנחומא שרייבט אויף דעם פסוק וענותך תרבני · מען גיפינט ניט אזוא איין עניו וויא גאט איז · דען איין מענטש זאגט צוא זיין חבר לאמיר גיין איין כלה משמח זיין אדער מבקר חולה זיין אדער איין מת מלוה זיין · ענטפערט דער חבר עש איז פאר מיר נידעריג איך זאל גיין צוא דער כלה אדער צוא דעם קראנקין אדער צוא דעם מת · אבער גאט האלט זיך ניט הויך ער האט חוה אליין גיצירט אזוא וויא מען צירט איין כלה אונ האט זיא גיפירט צוא איר חתן אדם הראשון · אונ צוא אברהם איז ער גיקומען מבקר חולה זיין אין דעם דריטין טאג פון דער מילה דאש ער איז זייער שלאף גיוועזן אונ משה רבינו האט גאט אליין אים באגראבין · דרום זאל קיין מענטש קיין גאוה ניט האבין · אונ זאל מצות מקיים זיין אזוא וועט משיח קומען · אמן :

וזאת הברכה דער בחיי שרייבט שלמה המלך זאגט אין משלי אשת חיל מי ימצא ווער קען איין קלוג ווייב גיפינען דאש זיא טוט ארבעטין טאג אונ נאכט אונ האלט אויש איר הויז אונ גיט צדקה צוא עניים אזוא איין אשה איז ראוי צוא לויבין · דען איין אשה קען איר מאן אונ קינדער ברייגגען צו עולם הבא · ווען זיא ארבעט וואש מען באדארף אין הויז אונ דער מאן אונ קינדער קענען זיצין אונ לערנען תורה אונ אזו וויא דער גוף איז ווארין גיגעבין צוא דער נשמה כדי דער מענטש זאל קענען רעכט גאט דינען · אזוא איז אויך דאש ווייב ווארין גיגעבין צום מענטשין זיא זאל אים העלפין ער זאל קענען רעכט גאט דינען · דאש האבן דיא חכמים גיזאגט זכה עזר אז דער מענטש איז זוכה גיט אים גאט איין ווייב דאש זיא העלפט אים ער זאל קענען רעכט גאט דינען · אבער שקר החן והבל היופי עס איז ניט ראוי צוא לויבין דיא אשה ווייל זיא איז שיין נאר זיא איז ראוי צוא לויבין ווען זיא האט גוטע מעשים אין זיך · אונ דער מדרש זאגט אשת חיל מי ימצא דאש מיינט מען די תורה זיא איז גיגליכין צוא איין קלוגע אשה · דען אין דער תורה איז פיל חכמות אונ גוטע מעשים גישריבין דאש מען קען דורך זייא קומען צוא עולם הבא · אונ לייט לויבין דעם מענטשין וואש לערינט תורה אונ בענטשין אים · חאטשע דער מענטש איז גיבענטשט פון גאט · פון דעסט וועגין האט גאט גיגעבין אין דיא הענט פון מענטשין זיי זאלין אויך קענען לייט בענטשין · צום ערשטין האט גאט גיבענטשט אדם הראשון אונ נח ביז אברהם איז גיקומן האט גאט אים גיגעבין די ברכה אין האנט ער זאל בענטשין וועמן ער וויל זאל זיין גיבענטשט · דער נאך האט גאט גיגעבין דיא ברכה צוא יצחק אין זיין האנט אונ יצחק האט גיבענטשט צו יעקב אונ יעקב האט גיבענטשט צוא זיינע קינדער פאר זיין טויט · אונ אזוא אויך האט משה גיטאן אונ האט גיבענטשט צו כל ישראל פאר זיין טויט דאש זאגט דער פסוק וזאת הברכה אשר ברך משה דאש איז דיא ברכה וואש משה האט גיבענטשט דיא ישראל פאר זיין טויט · אונ גאט האט גיזאגט בלעם האט גיוואלט בענטשין דיא ישראל מיט זיבין ברכות דער פאר וואש ער האט גיבויט זיבין מזבחות נאר ער האט איין בייז אויג גיהאט אונ האט זיי נאר גיבענטשט מיט דרייא ברכות · דרום זאל קומען משה וואש האט איין גוט הארץ אונ איין גוט אויג אונ זאל דיא ישראל נאך מיט פיר ברכות בענטשין כדי עס זאלין דער פילט ווערין דיא זיבין ברכות · איז קשה דיא פרשה הייבט זיך אן מיט וזאת הברכה דאש איז טייטש דאש איז דיא ברכה וואש משה האט גיבענטשט צוא ישראל אונ דער נאך זאגט ער גאר פיל פסוקים מיט אנדערע רייד אידער ער בענטשט זיי · דער תירוץ איז משה האט זיך נידעריג גהאלטין אונ האט זיך גטראכט וויא קום איך צוא בענטשין ישראל דער סדר איז איין פאטער בענטשט זיינע קינדר אונ איך בין ניט זייער פאטער אונ אויך איין מלך בענטשט זיין פאלק אונ איך בין ניט קיין מלך דרום האט משה גיזאגט יי מסיני בא גאט האט דיא תורה צו ישראל גיגעבין אויף דעם בארג סיני אונ דער נאך זאגט ער והם תוכו לרגליך דיא ישראל האבין זייערע פיס צוא שטויסין אונטער דעם בארג סיני צוא מקבל זיין דיא תורה אונ דער נאך זאגט. ער ישא מדברותיך דיא ישראל האבין נאר גיהערט צווייא דבורים פון גאט אנכי יי אלהיך אונ לא יהיה לך אלהים אחרים אונ וויל דאש קול פון גאט איז זייער שטארק גיוועזן אזו זיינען דיא ישראל

אלע

אלע טויט גיווארין אונ האבין גיזאגט צו משה ער זאל זייא זאגין דיא אנדערע דברות דאש זאגט ער תורה צוה לנו משה משה האט אונז גילערינט דיא תורה׳ אונ זיי האבין אים אויף גינומען פאר איין רבי דרום איז ראוי ער זאל בענטשין דיא ישראל אזוא וויא איין רבי בענטשט זיינע קינדער דיא תלמידים׳ ויהי בישורון מלך דער הזקוני שרייבט משה איז גיוועז איין מלך איבער דיא ישראל בהתאסף ראשי עם וויל ער האט איין גיזאמילט מיט טרומייטין דיא עלצטע פון דעם פאלק אזוא וויא איין מלך זאמילט איין דאש פאלק צוא אנאנדער דרום איז רעכט ער זאל בענטשין דיא ישראל אזוא וויא איין מלך בענטשט זיין פאלק׳ אונ רש״י שרייבט ויהי בישורון מלך מיינט מען גאט איז איין מלך איבר ישראל נאך די ביידע פשטים נאך לערינט אונז דער פסוק ווען מען נעמט אויף איין ראש הקהל אדער איין דיין מוז מען רעכט נאך זעהען אויב ער איז ראוי צוא זיין איין ראש הקהל אדער איין דיין דאש זאגט דער פסוק והביטו אחרי משה זייא האבין נאך גיקוקט נאך משה אויב ער איז ראוי צו זיין אמלך׳ אונ נאך רש״י זאגט דער פסוק ויהי בישורון מלך זייא האבין גאט אויף גינומן פאר איין מלך נאך דעם נאך קוקין אונ פרובין וואש זיי האבין אים גיפרובט דען בישורון איז טייטש קוקין׳ איש האלהים משה איז ווארין גירופין איין געטליכער מאן וויל ער האט אלין גיטאן דיא מצות פון גאט׳ אדער דרום האט משה גיהייסין איש האלהים דען משה האט גיזאגט צוא גאט קומה יי שובה יי שטייא אויף גאט אונ אז ער האט גיוואלט האט ער גיזאגט רוא בייא אונז גאט לפני מותו דער מלאך המות איז גישטאנן בייא משה צו צו נעמען זיין נשמה אונ משה האט אים גיזאמט אונ האט גבענטשט דיא ישראל׳ יי מסיני בא דער תולדות יצחק

שרייבט פון וועגין דעם רמב״ן משה האט פריער גיזאגט דיא גוטע מעשים פון ישראל אונ זאגט גאט האט זיך אן גיהובין באווייזין צו ישראל אויף דעם בארג סיני אונ דער נאך איז דיא שכינה גיקומען אין משכן אונ איז גיבליבין בייא ישראל׳ אונ דער מדרש זאגט גאט איז גיקומען צוא אלע אומות זייא זאלין מקבל זיין די תורה האבן זייא ניט גיוואלט דיא תורה אן נעמען דאש זאגט דער פסוק חאטשע עשו אונ ישמעאל זיינען דיא קינדער פון אברהם אונ יצחק האבין זייא דאך דיא תורה ניט גיוואלט אן נעמען דרום אף חובב עמים האט גאט צוא ישראל גיגעבין דיא תורה אונ האט זייא גירופין מיין גיליבט פאלק׳ כל קדושיו בידך אלע דיא וואש האבין מקדש השם גיוועז זיינען אין דיינע הענט דאש איז שבט לוי וואש האבין בייא דעם עגל מקדש השם גיוועז אונ האבין זיך מסכן נפש גיוועזן אונ האבין גיהרגת דיא וואש האבין גידינט דאש עגל והם תוכו לרגליך אונ זייא האבין זיך צוא שטויסין פון דיינט וועגין כלומר די לוים זיינען אין איין גרוישר סכנה גיקומען וויל זייא פלעגין טראגין דעם ארון אונ אנדערע כלי הקודש אונ זייא פלעגין אום קומען ווען זייא פלעגין זייא ניט רעכט טראגין ישא מדברותיך אויך האבין דיא לוים זייא תורה גילערינט אונ האבין דינים גיפסקנת צוא דאש פאלק ישראל׳ תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב דיא לוים זאגין מיר האבין מקבל גיוועזן דיא תורה פון משה פאר איין ירושה וואש מיר זיינען דאש איין זאמלונג פון יעקב׳ אונ דרום דער מאנט ער יעקב אונ ניט אברהם אונ יצחק וויל ישמעאל דער זון פון אברהם אונ עשו דער זון פון יצחק האבין ניט גיוואלט דיא תורה מקבל זיין אונ דער פסוק לערינט אונז אויך דאש פון דער תורה וועגין איז צוא ישראל ווארין גיגעבין דאש

לאנד

לאנד ארץ ישראל אונ ווען זייא ווערין דיא תורה ניט האלטין ווערין זייא פאר טריבין ווערין פון דעם לאנד אזוא וויא מיר זיינען איצונד פאר טריבין ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם גאט איז איין מלך צווישין ישראל ווען זיי זיינען איין גיזאמילט מיט אנאנדער אונ האבין שלום צווישין זיך דאש קיין קריג איז ניט דא צווישין זייא · יחי ראובן ואל ימות ראובן זאל לעבין אויף דער וועלט אונ זאל ניט גישטראפט ווערין אויף יענער וועלט עש זאל אים ניט דער מאנט ווערין דאש וואש ער האט פאר שטערט דאש גילעגער פון זיין פאטער יעקב אונ ער זאל גצײלט ווערין צווישין זיינע ברידער אונ משה האט פריער גיבענטשט צוא ראובן ווייל ער איז איין בכור אונ ראובן האט אויך פריער גינומען איין חלק אין ארץ ישראל · דער נאך זאגט משה איין ברכה צוא יהודה ווייל ער האט גינומן איין חלק נאך ראובן פאר אנדערע שבטים · רש״י שרייבט ער זאגט דרום יהודה בייא ראובן ווייל זייא האבין ביידע מתודה גיוועזן זייערע עבירות אונ האבין תשובה גיטאן · אונ ער האט גיבענטשט יהודה ער זאל שטארק זיין צוא מלחמה האלטין מיט דיא עובדי כוכבים · דיא גמרא זאגט אין מכות דאש אלע פערציג יאר וואש דיא ישראל זיינען גיוועזן אין דער מדבר האבין זייא מיט זיך גיטראגין די ביינער פון דיא שבטים איטליכין אין איין באזונדערין ארון אונ דיא ביינער פון יהודה האבין זיך גיקייקילט אין ארון אונ האבין ניט רוא גיהאט ווייל ער האט ערב גיוועזן פאר בנימין צוא זיין פאטער אונ האט גיזאגט וחטאתי לאבי כל הימים איך זאל אייביג אין חרם זיין אויב איך וועל בנימין ניט אפ ברייננגען אונ דיא קללה פון איין חכם אפילו ווען זיא איז גיזאגט אויף איין תנאי אזוא ווערט זיא מקוים דאש האט משה גיזאגט ווער

האט גימאכט דאש ראובן האט מתודה גיוועזן אויף זיינע עבירות דאש האט יהודה גימאכט ווייל ער האט מתודה גיוועזן אויף זיינע עבירות אזוא האט ראובן אויך מתודה גיוועזן אזו באלד האט גאט די תפלה פון משה אן גינומען אונ האט באהעפט דיא ביינער פון יהודה איינער צום אנדערין · נאר מען האט אים ניט גילאזט גיין אויף דער ישיבה אין הימיל צוא לערנען תורה · האט משה ווידער תפלה גיטאן האט מען אים ארין גילאזט אין דער ישיבה צו לערנן · האט יהודה זיך ניט גיקענט מפלפל זיין אין לערנען האט משה דרויף אויך תפלה גיטאן · האט ער קיין קשיא ניט גיקענט פר ענטפערין אונ האט קיין הלכה ניט גיוואוסט האט משה דרויף אויך תפלה גיטאן · וללוי אמר אונ צו לוי האט ער גיזאגט ווייל זיי האבן דער שלאגין אלע וואש האבין דאש עגל גידינט אפילו ווען איין לוי האט גיהאט איין שטיף פאטער איין ישראל אונ איין ברודער איין ישראל פון איין מוטער האט ער זיי גיהרגת ווען זייא האבין דאש עגל גידינט · אויך האט זיך שבט לוי מל גיוועזן אין דר מדבר אונ כל ישראל האבן זיך ניט מל גיוועזן אין דער מדבר · אונ זייא פסקענען דינים צוא ישראל אונ ברייננגען קרבנות · אונ יעש איז ווארין גיטייט דיא רשעים פון זיי וואש האבין גיקריגט אויף דר כהונה אין דר מדבר אויך האט ער נביאות גיזאגט דאש אנטיוכס וועט קומן אויף ישראל אין דיא טעג פון דיא חשמונאים די קינדר פון מתתיהו הכהן אונ דיא חשמונאים ווערן אים דר שלאגין לבנימין אמר דר בחיי שרייבט ער האט גיוויזין דאש עש וועט זיין דרייא בתי מקדשים צווייא וועט זיין אין חלק פון בנימין · אונ ווייל בנימין האט זוכה גיוועזן דיא שכינה זאל רוען אין זיין חלק · דרום האט ער זוכה גיוועזן דאש קיין ווארים האט בייא אים ניט גירועט אין זיין קבר · דען

דיא

דיא גמרא זאגט זיבן זיינען וואש קיין ווערים האבן זייא ניט גיגעסן אין קבר אברהם יצחק יעקב משה אהרן מרים אונ בנימין · אונ אטייל זאגין דוד המלך האבין אויך קיין ווערים ניט גיגעסין · אונ וויל בנימין איז מער גיבענטשט גיווארין פון אלע שבטים. דאש די שכינה זאל רוען אין זיין חלק · דרום שטייט ניט קיין ואיז ביא זיין נאמען פון פארינט אזו וויא ביי אלע שבטים צו ווייזן דאש דיא ברכה פון בנימין איז באזונדער ניט גליך צוא אלע שבטים · וליוסף אמר צוא יוסף האט ער גיבענטשט דאש אין זיין לאנד זאל זיין גוטע תבואה אונ פירות אונ פון זיין ערד וועט מען גראבין גאלד אונ זילבר · דער מדרש זאגט ווארום איז יוסף ווארן גיבענטשט מיט דר ערד · וויל אדם הראשון האט זיין וויב צוא ביזן גיפאלגט אזוא איז דיא ערד פון זיינט וועגין גישאלטין גיווארין אבר יוסף האט ניט גיוואלט הערן זיין הארינש וויב דרום איז דיא ערד פון זיינט וועגין גיבענטשט גיווארין · אונ די תורה האט ביא יוסף אן גישריבן איין לאנג ווארט תבואתה עש וואלט גינוג גוועזן עש זאל שטיין תבוא דאש ווייזט אזו וויא יוסף איז פריער גיקומען קיין מצרים פאר אלע שבטים אזוא וועט ער אין די טעג פון משיח אויך פריער קומען קיין ארץ ישראל מיט פינף אונ פערציג יאר · רבי איסריל שרייבט ווארום האט משה ניט גיבענטשט שבט שמעון אזו וויא ער האט גיבענטשט אנדרע שבטים דאש איז וויל דיא גמרא זאגט אין פרק מקום שנהגו דאש פיר אונ צוואנציג תעניתים האבין דיא אנשי כנסת הגדולה גיפאסט דאש קיין סופרים אדער מלמדים זאלין ניט רייך ווערין דען ווען זיי וועלין רייך ווערין וועלין זיי ניט וועלין זיין קיין מלמדים אדער סופרים · דרום זעהן זייא קיין סימן ברכה ניט אין



דעם קנעלין אדער אין דעם שרייבין · אונ דרום אויך האט משה ניט באשיידליך גיבענטשט צוא שבט שמעון וויל פון דעם שבט וועט ארויש קומען מלמדים אונ סופרים · אונ ער האט אים נאר דר מאנט ביי שבט יהודה אונ דר אבן שואב שרייבט וויל יעקב האט גיצערינט אויף שמעון ולוי נאר לוי האט תשובה גיטאן אונ האבין פיל גוטש גיטאן אונ האבין תורה גילערינט צוא ישראל אונ זייא האבין זייער האלז גישטעלט ביא דעם עגל אונ האבין גיהרגת דיא וואש האבין דער צוא גידינט אונ אז דיא ישראל האבין מזנה גיוועזן מיט דיא טעכטער פון מואב אונ דער נשיא פון שבט שמעון האט מזנת גיוועזן מיט דער טאכטער פון דעם מלך פון מדין איז גיקומען פנחס וואש ער קומט ארויש פון שבט לוי אונ האט זיין לעבין איין גישטעלט אונ האט דעם נשיא מיט דער זונה דר שלאגין אונ האט אין זיי איין נקמה גיטאן פון גאטש וועגין · דרום האט משה צוא שבט לוי גיבענטשט · אבער שמעון האט נאך גיזינדיגט מיט דיא טעכטער פון מואב · דרום אויך האט זייא משה ניט בשיידליך גיבענטשט · אונ רבי איסעריל פרעגט ווארום האט משה פריער גיזאגט דעם שבח פון שבט לוי אונ דער נאך האט ער אים גיבענטשט אונ ביא אנדערע שבטים האט ער זייער שבח ניט גזאגט פריער דער תירוץ איז משה האט זיך גיוואלט גירעכט מאכין אנטקעגין דער וועלט מען זאל ניט זאגין דאש ער חנפת שבט לוי אונ זיי וועלין זאגן ער בענטשט ניט צוא שמעון וויל יעקב האט אויף אים גיצערינט · אונ אויף לוי האט יעקב אויך גיצערינט אונ משה בענטשט זייא דאך וויל זייא זיינען זיינע קרובים · דרום האט משה פריער גזאגט דעם שבת

פון שבט לוי צוא זאגין איך טוא זייא
ניט חנפענען נאר זייא זיינען ווערט איך
זאל זייא בענטשין ווייל זייא זיינן פרום
אונ לערנען תורה צוא ישראל פון דאנן
זאל מען אפ לערנען דאש איטליכער
ראש הקהל אדער איין פרנס זאל ניט
חנפענען זיינע קרובים אונ זאל זיך גירעכט
מאכין מען זאל אים ניט חושד זיין · אונ
זאל לייט צו קיין זינד ניט ברייניגען דאס
זייא זאלין אים חושד זיין · שמח זבולון
בצאתך משה האט גיבענטשט זבולון זאל
האנדלען אונ זאל שפייזין צו שבט יששכר
וואש זייא וועלין לערנען תורה · אונ
דרום דער מאנט דיא תורה זבולון פאר
יששכר האטשע ער איז דאך אינגער
גיוועזן ווייל זבולון האט גימאכט דאש
שבט יששכר האבין גיקענט לערנן תורה ·
דרום האט אים משה פריער גיבענטשט
פאר זיין עלצטין ברודער יששכר · פון
דאנען לערנען אונזערע חכמים אפ ווען
איין עושר האלט אויש תלמידי חכמים
זייא זאלין קענען זיצין אונ לערנען איז
ער זוכה צוא זעהען דיא שכינה · אונ
משה האט זבולון לאנג גיבענטשט אונ
יששכר האט ער קורץ גיבענטשט ווייל
דיא ברכות פון יששכר זיינען ניט אויף
דעם עולם אליין נייערט אויף דער וועלט
אונ אויף יענער וועלט דרום שטייט ביי
יששכר צווייא שינען אין זיין נאמען
דאש ווייזט אויף צווייא ערלייא שכר
דאש גאט וועט אים געבין אויף דר וועלט
אונ אויף יענער וועלט דען די שי"ן ווייזט
אויף שכר · אין פרשת ויחי שטייט זבולון לחוף
ימים ישכון זבולון וועט רוען ביי דעם בארטין
פון דיא ימים · זאגט דר מדרש דרויף דאש
זבולון האט גיזאגט צוא גאט ווארום
האסטו מיין חלק לאנד גיגעבין ביי דיא
ימים אונ צוא אנדערע שבטים האסטו
גיגעבין גוטע פעלדער אונ ויין גערטנער

האט גאט אים גיענטפערט עש וועט
ארויש גיין ווערים פון דעם ים וואש
הייסין חלזון אונ כל ישראל וועלין טייער
צאלין דער פאר צוא פארבין דער מיט
תכלת צוא ציצית · איז קשה זבולון
האט בגערט פעלדער אונ ויין גערטנר
אונ גאט האט אים גיענטפערט ער וועט
אים געבין בלאע וואל דער תירוץ איז
אזוא זבולון האט גיזאגט צוא גאט אלע
טייכין גייען אריין אין ים אונ דר טייך
שטים האט גימאכט אן רייצין דיא לייט
פון סדום צוא זנות · אונ אויך אז די
ישראל זיינען גיקומען צום טייך שטים
האבין זייא מזנה גיוועזן מיט די טעכטר
פון מואב דאש האט זבולון גיזאגט איך
זיץ ביי דעם ים אונ דער טייך שטים
קומט אויך אין ים אריין האב איך מורא
איך זאל ניט אן גירייצט ווערין צוא
זנות האט גאט אים גיענטפערט ווייל
דוא וועסט מיט ציצית האנדלען דאש
מען וועט פון דיר תכלת קויפין צוא
ציצית דרום וועסטו ניצול ווערין פון
זנות דען מצות ציצית איז מציל פון
זנות אזוא וויא עס איז גיוועזן איין מעשה
דאש איינער האט גיוואלט ליגין בייא
איין זונה · אונ אז ער האט דער זעהען
דיא ציצית איז ער אנטלאפין גיווארין
פון דער זונה · אבר אז משיח וועט קומן
וועט דער יצר הרע בטל ווערין · אונ
איין טייך וועט ארויש גיין פון דעם בית
המקדש אונ וועט פאר טרינקען דעם
טייך שטים אזוא וויא אין פסוק שטייט
ומעין מבית יי יצא והשקה את נחל השטים איין
טייך וועט ארויש גיין פון גאטש הויז אונ וועט
פר טרינקן דעם טייך שטים אמן כן יהי רצון:

# הפטרת ברכה

דאש לייענט מען אום שמחת תורה:

ויהי אחרי מות משה עבד יי אונ עש איז גיוועזן נאך
דעם טויט פון משה דר קנעכט פון גאט
האט

האט גאט גיזאגט צו יהושע מיין קנעכט משה איז גישטארבן אבער וואלט ער גילעבט וואלט איך מיט דיר ניט גירעט דען ער איז גיוועזן מער באגלייבט צו מיר · די חכמים זאגין דאש מען האט איבר דעם אבילות פון משה פאר געסין דרייא טויזינט הלכות · אונ אידער משה איז גישטארבן האט ער גיזאגט צו יהושע חזר איבר די הלכות דו זאלשט זיי ניט פאר געסין האט יהושע צו אים גיזאגט איך האב ביי דיר ערינכט טאג אונ נאכט תורה גלערינט דארף איך זיי ניט איבר חזרין איך וועל זיי ניט פר געסין · אונ וויל ער האט זיך הויך גיהאלטין אונ האט גיזאגט איך דארף זיי ניט צו חזרין דרום האט ער פאר געסין די הלכות · אזו זיינן גיקומן די ישראל צו יהושע אונ האבין גיזאגט צו אים לערין אונז די הלכות אונ אז ניט וועלין מיר דיך פאר נישט האלטין · האט יהושע גאט גבעטין ער זאל אים זאגין די הלכות האט גאט גיזאגט משה עבדי מת מיין קנעכט משה איז גישטארבין אונ די תורה ווערט גירופן תורת משה אונ ניט תורת יהושע דרום קען איך דיר די הלכות ניט זאגין נייערט שטייא אויף אונ מאך גיין די ישראל אין דער מלחמה אזו וועלן זיי פר געסין אין דיר אונ וועלן דיך צו רוא לאזין פון דאנען לערנן מיר אפ ווער עש איז איין בעל גאוה פון דעם טוט זיך אפ די תורה אונ חכמה אזו וויא עש איז גישעהן צו יהושע ועתה קום עבור את הירדן אונ היינט שטייא אויף אונ פאר איבר דעם ירדן דו אונ גאר דאש פאלק צו דעם לאנד וואש איך גיב צו די קינדר ישראל אלע ערטר וואו עש וועט טרעטין דיא טריט פון אייערע פים אפילו חוץ לארץ האב איך גיגעבן צו אייך אזו וויא איך האב גירעט צו משה מהמדבר והלבנון הזה פון דר מדבר קדש אונ דר דאזיגר וואלד אונ ביז דעם גרוישן טייך פרת דאש גאנצע לאנד פון די חתים אונ ביז דעם גרוישן ים וואו די זון גייט אונטר וועט זיין אייער גבול לא יתיצב איש לפניך קיין מענטש וועט זיך אנטקעגין דיר ניט שטעלין ווייל דו וועסט לעבין אזו וויא איך בין גיוועזן מיט משה אזו וועל איך זיין מיט דיר איך וועל דיך ניט שלאף מאכין אונ וועל דיך ניט פר לאזין רק חזק ואמץ נייערט שטארק דיך אונ קרעפט דיך צו היטין אונ צו טאן אזו וויא גאר דיא תורה וואש מיין קנעכט משה האט דיך גיבאטין דו זאלשט ניט אפ קערין פון דר תורה אויף דר רעכטר זייט אונ אויף דר לינקר זייט כדי דו זאלשט באגליקין אין אלע ערטר וואו דו וועסט גיין הלא צויתיך איך האב דיך נאך לאנג גישאפט נאך אין די טעג פון משה דאש דו זאלשט דיך שטארקין אין דר מלחמה אונ זאלשט פאר קיינעם קיין מורא ניט האבין דען גאט איז מיט דיר אין אלע וועגין וואש דו וועשט גיין ויצו יהושע את שוטרי העם אונ יהושע האט גיבאטין צו די עלצטע פון דעם פאלק אונ האט גיזאגט פארט איבר צווישן דעם פאלק אונ גיביט דעם פאלק זייא זאלין זיך אן ברייטין אלע זאכין וואש מען דארף האבין אין וועג דאש איז כלי זיין דען נאך אין דרייא טעג וועט איר איבר פארין דעם ירדן צו קומן צו ירשנן דאש לאנד וואש אייער גאט גיט עש אייך צו ירשנן ולראובני ולגדי אונ צו שבט ראובן אונ צו שבט גד אונ צום האלבין שבט מנשה האט יהושע גיזאגט איר האט גיזאגט צו משה ער זאל אייך געבין אייער חלק לאנד אין לאנד פון סיחון אונ עוג ווייל דרינען איז פיל פאשע פאר בהמות אונ איר האט פיל בהמות אונ איר וועט דרינן בויען שטעט צו אייערע ווייבר אונ קינדר אונ איר וועט גיין פר די ישראל קיין ארץ ישראל צו העלפין זיי איין צו נעמען דאש לאנד דרום זייט היינט מקיים אייער תנאי אונ קומט מיט אונז אונ אייערע ווייבר אונ קינדר זאלין בלייבן אין חוץ לארץ אין די שטעט וואש איר האט גינומן צו אייער חלק ביז מיר וועלין איין נעמן דאש גאנצע לאנד האט גיענטפרט שבט ראובן אונ גד אונ דר האלבר שבט מנשה אלץ וואש דו וועשט גיביטין וועלין מיר טאן אונ וואו הין דו וועשט אונז שיקין וועלין מיר גיין אזו וויא מיר האבין גיפאלגט צו משה אזו וועלין מיר פאלגין דיך נאר האלט די מצות פון גאט דאש גאט זאל זיין מיט דיר אזו וויא ער איז גוועזן מיט משה כל איש אשר ימרה את פיך איטליכר מענטש וואש וועט דיך ניט צו הערין זאל ווערין גיטייט נאר שטארק דיך אין תורה אונ אין מעשים טובים אמן:

תמו ותשלמו חמשה חומשי תורה · ונזכה לבוא לבית הבחירה:

# מפתחות

## צוא גיפינגען וואס מען לייענט אום אלע ימים טובים אונ ארבע פרשיות אונ תעניתים׳ אויך דיא הפטרות זייערע וואש מען לייענט אין וועלכע סדרה זייא גיפינגען זיך.

אום ראש חודש לייענט מען פ׳ (התמיד) מים (ובראשי חדשיכם) אין פ׳ (פנחס):

אום יום כפור שחרית לייענט מען (אחרי מות) אין פ׳ (אחרי מות)׳ צו מנחה פ׳ (עריות) סוף אחרי מות:

דעם ערשטין אונ אנדערין טאג סוכות לייענט מען (שור או כשב) אין פ׳ (אמור):

חוה״מ סוכות לייענט מען קרבנות (מוסף) פון (סוכות) אין פ׳ (פנחס):

שמיני עצרת לייענט מען (כל הבכור)׳ אום שבת (עשר תעשר) אין פ׳ (ראה):

שמחת תורה לייענט מען די פ׳ (וזאת הברכה) אונ פון אן הויב פ׳ (בראשית):

חנוכה לייענט מען די קרבנות פון (נשיאים) אין פ׳ (נשא):

שבת פרשה זכור לייענט מען (זכור את אשר עשה עמלק) סוף פ׳ (תצא):

שבת פ׳ פרה לייענט מען (זאת חקת התורה) אין פ׳ (חקת):

דעם אנדערין טאג פסח לייענט מען (שור או כשב) אין פרשת (אמור):

דעם פערטין טאג חוה״מ פסח (במדבר סיני) אין פ׳ (בהעלותך):

אחרון של פסח (כל הבכור)׳ אום שבת (עשר תעשר)׳ אין פרשת (ראה):

דעם אנדערין טאג שבועות (כל הבכור)׳ אום שבת (עשר תעשר) אין פ׳ (ראה):

תשעה באב אין שחרית לייענט מען (כי תוליד בנים) אין פ׳ (ואתחנן)׳ צו מנחה (ויחל משה) אין פ׳ (תשא):

### הפטרות

הפטורת שביעי של פסח (וידבר דוד) געפינט מען אין הפטורת (האזינו):

הפטורת שמחת תורה (ויהי אחרי מות משה) אין פרשת (וזאת הברכה):

הפטורת פון ערשטין שבת חנוכה (רני ושמחי) געפינט מען אין פ׳ (בהעלותך):

**וואש מען לייענט אין דיא איבעריגע ימים טובים גיפינט מען אין ערשטין חלק:**

# הפטרת שבת ראש חודש

איצונד וועלין מיר שטעלין דיא הפטורה פון שבת ראש חודש אונ פון מחר חודש אונ פון ארבע פרשיות אונ פון אלע ימים טובים:

כה אמר יי השמים כסאי אזו האט גאט גיזאגט דר הימיל איז מיין שטול אונ די ערד איז דאס ביינקיל פון מיינע פים דרום דארף איך ניט אייער בית המקדש וועלכעס איז דאש הויז וואש איר זאלט בויען צו מיר דאס עס זאל ראוי זיין צוא מיין שכינה אונ וועלכעס איז דאש ארט פון מיין רואונג דען די הימיל אונ ערד האב איך בשאפין אונ זיי זייגען דא אונ דאש וואש איך האב גמאכט רוען מיין שכינה צווישין אייך אז איר האט מיך צוא גיהערט דאש איז גיוועז וויל מיין שטייגער איז דאש איך קוק צו דעם עני אונ צוא דעם וואש האט איין צוא בראכינע גימיט אונ איילט אויף מיינע רייד צוא טאן זיי אבער היינט וויל איך אייך שוין ניט אונ דער נביא האט אונז אין דיא פסוקים גיוויזין וויא דער מענטש זאל זיך פירן אין זיין הויז צוא געבין צדקה אונ צוא מכבד זיין ארימע לייט צו געבין זייא עסין אונ עס זאל זיך אים דאכטין דאש הויז וואס ער האט גבויט איז ניט זיין נאר גאטש דאש זאגט דער נביא גאט זאגט וועלכעס הויז ווילשטו מיר בויען איך זאל דרינען וואונען מיין הויז איז אויף דעם הימיל נאר ווען דו ווילשט איין הויז בויען איך זאל בייא דיר וואוגען זאלשטו אין דעם הויז אריין נעמן ארימע לייט אונ ארימע אורחים אונ זיי זייא מכבד וועל איך גיוויס ביי דיר וואנען דאש זאגט די גמרא· הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר דער מענטש וואש וויל זיינע נכסים זאלין אים איין קיום האבין זאל ער אין זייא באזעצין גאט וואש ער הייסט אדיר דאש דער מענטש זאל זאגין דאש הויז איז ניט זיין נאר גאטש· דאש זאגט דער פסוק אין פרשת מצורע ובא אשר לו הבית ווער עש זאגט אויף דעם הויז עש איז זיין אונ וויל קיין אורחים דרינען ניט אריין נעמען אונ וויל צוא זיין שכן ניט לייען פון זיין הויז אזו שיקט גאט אויף דעם הויז צרעת וואש דאש איז נוהג גיוועז פאר צייטין אז דער בית המקדש איז גישטאנען אזו איז גיקומען דער כהן אין דעם הויז אונ האט גיהיישין ארויש טראגין אלע כלים אונ קליידר פון דעם הויז זייא זאלין ניט טמא ווערין אין דעם הויז אונ מען האט דאש אליץ גישטעלט אויף דער גאס· אזו האט מען גיזעהן די כלים שטיין וואש ער האט זיי גילייקינט פאר זיינע שכנים אונ דאש האט אליץ גאט גיטאן וייל ער האט קיין אורחים ניט גיוואלט אריין לאזין אין זיין הויז אונ האט זיינע שכנים ניט גיוואלט אנטלייען עש שטייט אם יי לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו דאש איז טייטש דער וואש זאגט ניט דאש גאט האט דאש הויז גיבויט אזו איז אום זיסט די וואש מידין זיך צוא בויען דאש הויז דען דאש הויז וועט קיין קיום ניט האבין ער מוז זאגין דאש הויז איז פון גאט אליין אונ ניט זיין אונ דר מענטש מוז וויסן דאש ער איז גלייך וויא איינער וואש דינגט זיך אן בייא איין בעל הבית צו וואנען אויף איין יאר· אונ גאט איז דר בעל הבית פון דעם הויז אונ עש איז גיוויס דאש פון דריי זאכין וועגין קען דר מענטש זיך ניט אן דינגן ביי איין בעל הבית איינם וייל ער וייס דאש ער וועט זיין האנדיל ניט קענן פירן ביי דעם בעל הבית ער וועט אים מסיג גבול זיין אין זיין האנדל אויך הט ער מורא זיין געלט ארויש צו ווייזין פר דעם בעל הבית פון וועגן מס דאש אנדרע איז ער קען זיך ביי דעם בעל הבית ניט אן דינגען וייל ער האט איין גרויש הויז גיזינד מיט פיל קינדער אזו וועט דר בעל הבית שרייען די קינדר מאכין אים איינג דאס דריטע ער האט מורא דער בעל הבית זאל ניט אויש זאגין וויא ער איז זיך נוהג מיט זיין עסין אונ וואו ער פאר טוט זיין געלט אונ אויך ווען ער איז קארג מיט עסין וויל ער ניט דאס לייט זאלין וויסין וויא ער איז זייער קארג אונ דרום דינגט ער זיך ניט אן בייא קיין בעל הבית נאר ער בויט זיך איין הויז אונ דיא דריי זאכין האט דער פסוק גיוויזין· צום ערשטין זאגט ער גאט איז דר בעל הבית פון דעם הויז אבר דר מענטש דארף קיין מורא ניט האבין מיט זיין פרנסה פאר גאט· גאט וועט זיין פרנסה ניט אוועק נעמען דען גאט גיט איטליכין זיין פרנסה דאש זאגט דער פסוק שוא לכם משכימי קום כלומר עש העלפט ניט דיין פריא אויף שטיין צוא נאך גיין דיין פרנסה ווען גאט וויל ניט העלפין אבער דער וואש פאר לאזט זיך אויף גאט אזו שיקט אים גאט זיין פרנסה ווען ער שלאפט

אויף זיין בעט דאש איז טייטש כן יתן לידידו שנא אזוא גיט גאט פרנסה צו זיין גיליבטין ווען ער שלאפט נאך · דאש אנדערע איז ער דארף זיך ניט צוא פארכטין אויב ער האט פיל קינדער דאש דער בעל הבית וועט שרייען זיי מאכן אים איינג דרויף זאגט דר פסוק · הנה נחלת יי בנים שכר פרי הבטן כלומר דער בעל הבית איז גאט אונ אלע קינדר איז צוא גאט אזו וויא די גמרא זאגט דריי חברותות זיינען אין דעם מענטשין גאט אונ דער פאטער אונ מוטער אונ אז דער מענטש שטארבט זאגט גאט צו די לייט נעמט אייך אייער חלק דאש איז דר גוף אונ איך וועל מיר נעמען מיין חלק דאש איז די נשמה · אונ וויל גאט האט איין חלק אין איטליכין קינד איז ער גלייך וויא איין פאטר דאש זיינע קינדר זיינען אים ניט מיאוס אונ מאכין אים ניט איינג דרום דארף זיך דער מענטש ניט צו פארכטין מיט זיינע פיל קינדער ווען גאט איז דער בעל הבית · דאש דריטע איז מען פארכט זיך דער בעל הבית זאל אים ניט אוים ריידין דאם ער איז קארג אדר איין פרעסער אבר אז גאט איז דר בעל הבית דארף מען קיין מורא ניט האבן ער וועט ניט אויש זאגין וואש דער מענטש טוט · אזו וויא מיר גיפינן דאש איין חכם האט גיזאגט צוא איינם וואש האט אים מבזה גוועזן אונ האט אויף אים בייז גירעט פר לייט · זאגט דר חכם מיר דארפין גאט לויבין טאג אונ נאכט וואש ער וייש אלע אונזרע עבירות אונ זאגט קיינם ניט אויש אונ איין מענטש ווען ער זעהט איין קליינע עבירה אויף זיין חבר זאגט ער זיא באלד אויש פאר לייט צו פר שעמן אים דאש זאגט דר פסוק · כי ידברו את אויבים בשער כלומר ווען גאט איז דר בעל הבית זאגט ער ניט אויש וואש דר מענטש טוט דאש זיינע פיינט וועלן פון אים ריידן אויף דעם מארק וואו מען ברעט איטלעכין וויא אזוא ער איז זיך נוהג דאש איז טייטש בשער זיי ריידין מיט וואש פר איין מאס זיי עסין אדער טרינקען · דאש זאגט דר פסוק כחצים ביד גבור דאש רכילות וואש דיא בעלי בתים ריידין ווען זייא זאמלען זיך צו נויף אין מארק אונ שמועסין פון איטלעכין אין שטאט · דאש איז גלייך וויא איין פייל וואש שיסט פון וויטין · אזוא אויך רכילות טרעפט פון ווייטין דעם מענטשין וואש מען רעט אויף אים בייז ·

אונ וייל מיר האבן גיוויזין דאש דער מענטש זאל זאגין אויף זיין הויז דאם דאש הויז איז פון גאט ניט זיינעש דרום איז דר מענטש מחויב אריין צוא נעמען די קרובים פון גאט דאם זיינן דיא עניים אזוא וויא אין פסוק שטייט אם כסף תלוה את עמי את העני אזוא רופט דער פסוק דיא עניים דאש זיי זיינן דאש פאלק פון גאט אונ אזו אויך זאגט דער פסוק אין ישעיה כי נחם יי עמו ועניו ירחם גאט וועט טרייסטין זיין פאלק אונ זיינע עניים וועט ער דר בארימן רופט ער די עניים זיין פאלק אונ דר סדר איז ווען איין עושר האט רייכע קרובים טוט ער זיך צו זיי בהעפטן אבר ווען ער האט ארימע קרובים פר לייקינט ער זייא אבער גאט טוט פר קערט די ארימע לייט האלט ער פאר רעכטע קרובים אונ טוט זיך צוא זיי באהעפטין אזו וויא דר פסוק זאגט אין דר הפטורה ואל זה אביט אל עני ונכה רוח צוא דעם טוא איך קוקין צו איין עני אונ צו דעם וואש האט איין צו בראכינעם גימיט דר מדרש זאגט דר עני שטייט אויף זיין טיר אונ גאט שטייט אויף זיין רעכטער האנט דען וויא באלד דר עני קומט אין איין הויז גייט אים גאט נאך אין דעם הויז אונ דר וואש וויל דיא עניים ארויש טרייבין פון זיין הויז איז גלייך וויא ער טרייבט ארויש דעם בעל הבית פון דעם הויז אונ די עניים זיינען זיין פאלק דאש זאגין דיא חכמים אין פרקי אבות יהי ביתך פתוח לרוחה ויהיו עניים בני ביתך איז קשה וואש דארף ער זאגין דיין הויז זאל זיין ברייט אפין אונ עניים זאלין דריגען זיין קען דען ניט זיין דאש עניים זאלין דריגן זיין ווען דאש הויז וועט זיין צו גימאכט דר תירוץ איז אזו זאגט דער פסוק דוא זאלשט דיין טיר ברייט עפענן דאש דר שטן זאל אין דיין טיר ניט שטיין דען ווען דר שטן וועט אין דיין טיר שטיין וועט די טיר איינג זיין דאם דו וועשט ניט קענן אריין גיין אין דיין טיר דען עש איז איין סכנה צו גיין ביי דעם שטן אבר ווען עניים זייגען אין דיין הויז אזו קומט דער שטן ניט אין דיין הויז נאר גאט שטייט אויף דיין טיר · אונ דאש וואש מיר זאגין דאש דר שטן שטייט אויף דר טיר וואו קיין עניים זיינן ניט דא גיפינען מיר דאש אין איטליכר סעודה וואו איין שמחה איז קומט דר שטן אונ שטעלט זיך אויף דר טיר אונ זעהט אויב עניים זיינען

רא אין דעם הויז אונ אויב קיין עניים זיינן ניט אין דעם הויז גייט דער שטן אויף דעם הימיל אונ זאגט פאר גאט דאש קיין עניים זיינן ניט אין דעם הויז אזו צערינט גאט אזוא וויא מיר געפינן ביי אברהם אבינו דאש ער האט גמאכט איין סעודה צו זיין זון יצחק אונ האט פיל געסט מכבד גיוועזן אונ האט אליין פר זיי בדינט אונ שרה האט אויך קיין צייט ניט גיהאט וויל זיא האט פיל קינדער גיזייגט דען די שרות פון די אומות האבין ניט גיוואלט גלויבין דאש שרה זאל איין קינד האבן אויף דר עלטער זיי האבין גיזאגט שרה האט גינומען איין פרעמד קינד פון דער גאס אונ זאגט עש איז איר קינד דרום האבין זיי מיט זיך גיבראכט זייערע זייגענדיגע קינדער אן די אמען צו זעהן אויב שרה האט מילך אין אירע בריסט אן צו זייגין די קינדער אזו האט שרה אלע קינדער זייגין גיגעבין אונ דר שטן איז גיקומן אונ האט זיך גימאכט פר איין ארימן אונ האט זיך גישטעלט אוף דר טיר אונ האט גיבעטין איין שטיקיל ברויט • אונ קיין מענטש האט זיך צו אים ניט גקערט • דען אברהם האט קיין צייט ניט גיהאט • אונ שרה האט אויך קיין צייט ניט גיהאט • אזו איז דר שטן גיגאנגן פר גאט אונ האט גיזאגט דוא האשט אברהם זייער גילויבט אונ היינט האב איך ביי אים ברויט גיבעטין אונ ער האט מיר ניט גיגעבין אונ ער האט ניט קיין עניים אין זיין הויז • אזוא באלד האט גאט פר מישט דיא סעודה אונ האט גיהייסין יצחק צו דער עקידה ברייננן אונ שרה איז גישטארבין אז מען האט איר גיזאגט אז מען האט יצחק שיר גיקוילעט אויף דר עקידה פון דאנען לערנען מיר אפ ווען קיין עניים זיינן ניט אין הויז איז דר שטן אין דר טיר אונ מאכט איינג אין דר טיר אונ עש איז אסכנה צו גיין אויף דער טיר דאש האבין דיא חכמים גיזאגט יְהִי בֵיתְךָ פָּתוּחַ לִרְוָחָה וְיִהְיוּ עֲנִיִּים בְּנֵי בֵיתֶךָ דיין טיר זאל ברייט אפין זיין דאש דר שטן זאל אויף דיין טיר ניט שטיין דרום נעם עניים אין דיין הויז אזו וועשטו דער מיט דעם שטן פאר טרייבין שׁוֹחֵט הַשּׁוֹר מַכֵּה אִישׁ דער וואש קוילעט פון אייך איין אקס פאר איין קרבן דר האט פריער גיהרגת דעם בעל הבית פון דעם אקס אונ האט דעם אקס אוועק גגזילת דרום זוֹבֵחַ הַשֶּׂה עוֹרֵף כֶּלֶב דער וואש קוילעט איין

שאף פאר איין קרבן איז פאר מיר גלייך וויא ער האט אפ גיהאקט דעם קאפ פון איין הונט אונ דר וואש ברייננט אויף איין מנחה איז פאר מיר גלייך וויא ער האט אויף גיבראכט דאש בלוט פון איין חזיר אונ דער וואש דעמפט וויירך איז גלייך וויא ער ברייננט מיר איין מתנה פון אום רעכט זיי האבין אויש דר ווילט אין זייערע וועגן אונ אין זייערע אום ווערדיקייט האט זייער ווילן באגערט אונ איך וועל אויש דר וויילן אין זייער גישעפט אונ זייער פארכט וואש זיי האבין מורא דער פאר וועל איך עש ברייננען צו זיי דאש וועט זיין וויל איך האב גירופין צו זיי דורך מיינע נביאים זיא זאלין זיך אום קערין צו מיר אונ קיינער האט מיר ניט גיענטפערט צו זאגין איך וועל מיך אום קערין איך האב גירעט אונ זייא האבין ניט צו גהערט מיינע רייד אונ זייא האבין גיטאן דאש וואש בייז איז אין מיינע אויגין אונ אין דעם וואש איך האב ניט גיוואלט האבין זייא אויש דער ווילט זאגט דער נביא שִׁמְעוּ דְּבַר יְיָ הערט צוא גאטש רייד איר צדיקים וואש איר איילט צו זיינע רייד די וואש האבין אייך פר וואגילט אונ האבין גיזאגט צו אייך ישראל איר זייט אום ריין אונ פון אונזערט וועגין וועט גאט מער גערליכט ווערין וויא פון אייך אבער עש איז ניט אזו נאר מיר וועלין זעהן אין אייער שמחה אונ זייא וועלין פאר שעמט ווערן קוֹל שָׁאוֹן מֵעִיר דען דאש קול פון זייער ברומונג איז גיקומען פאר גאט פון וועגין זייערע בייזע מעשים וואש זייא האבין גיטאן אין גאטש שטאט דאש איז ירושלים אונ איין קול גייט ארויש פון דעם היכל אונ איז מקטרג אויף דיא וואש האבין אים חרוב גימאכט דרום וועט ארויש גיין גאטש קול צו באצאלין איין בצאלונג צו זיינע פיינט בְּטֶרֶם תָּחִיל יָלָדָה איידר ציון וועט ווייטיגין וועט זיא גיוויגען כלומר אירע קינדער וואש זיא איז פאר ווישט אונ פאר וואגילט גיווארין פון זייא וועלין זייא איין גיזאמילט ווערין אין איר אונ עש וועט זיין גלייך וויא זיא האט זייא אן ווייענעש גיוואונען דען אלע עובדי כוכבים וועלין זייא ברייננען צו איר בְּטֶרֶם יָבֹא חֵבֶל לָהּ אונ איידער עש וועט קומען איין ווייטיג צוא איר וועט זיא גיווינען איין זון דאש מיינט מען דער מלך המשיח זאגט ישעיה מִי שָׁמַע כָּזֹאת

ווער

ווער האט אזו איין וואונדער גיהערט וויא דר וואונדער איז אונ ווער האט אזו איין וואונדער גיזעהען קאן דען איין אשה וויעפעש קריגין צו גיווינען אין איין טאג פיל קינדער אדער קען דען איין גאנץ פאלק גיבארין ווערין אין איין מאל אזוא וויא דא איז גישעהען דאש ציון האט גיחדייטיגט אונ האט גיוואונען אירע קינדר אין איין מאל אבער אין אמת איז דאש קיין חידוש ניט האני אשביר ולא אוליד וועל איך גאט דען זעצין איין אשה אויף דער בראך שטול אונ וועל זיא ניט מאכין גיווינען כלומר וועל איך דען אן הויבן איין זאך אונ וועל ניט אויש לאזן איך גאט בין דאך דער וואש מאכט גיווינען אלע גיווינערינש אונ צו ציון זאל איך אויף האלטין פון צו גיווינען אירע קינדער זאגט דיין גאט שמחו את ירושלים וגילו בה כל אהביה פרייט אייך מיט ירושלים אונ פרייט אייך מיט איר אלע ליב האבער פרייט אייך מיט איר אלע וואש איר האט גיטרויערט אויף איר אז זיא איז חרוב גיוועזן למען תינקו ושבעתם משוד תנחומיה ווייל איר וועט זייגין אונ וועט אייך אן זעטין פון דיא ברוסט פון איר טרייסטונג אונ איר וועט אייך תענוגים אן טאן פון איר כבוד וואש וועט קומען צו איר כי כה אמר ה׳ דען אזו האט גאט גיזאגט איך וועל נייגין צוא ירושלים פיל שלום אזוא וויא איין טייך אונ אזו וויא איין טייך וואש פלייצט גיך אזו גיך וועל איך צוא איר נייגין דעם כבוד אונ איר וועט זייגין דאש גוטש אויף דיא זייטין פון אייערע דער ציהערש וועט איר גיטראגין ווערין אונ אויף זייערע קניא וועט איר גישפילט ווערין אזו וויא מען שפילט זיך מיט איין קינד מען זאל עש פריילך מאכין אונ וויא איין מענטש וואש זיין מוטער טוט אים טרייסטין אזו וועל איך גאט אייך טרייסטין וראיתם ושש לבכם אונ איר וועט דאש אלץ זעהען אונ אייער הארץ וועט זיך פרייען אונ אייערע ביינער וועלין גישטארקט ווערין אונ עש וועט גיוואוקסט ווערין די גבורה פון גאטש האנט צו זיינע קנעכט די צדיקים אז ער וועט טאן נקמות אין דיא רשעים אונ ער וועט צערנען אויף זיינע פיינט כי הנה ה׳ באש יבא דען גאט וועט קומען מיט צארין פון פייער אונ מיט איין גרוישין שטורעם ווינט המתקדשים והמטהרים אל הגנות וואש ברייטין זיך אן אונ רייניגין זיך צו דינען עבודת כוכבים אין דיא גערטנער אונ גייען איין חברותה נאך דער אנדערער צו דינען עבודת כוכבים אין מיטין גארטין די וועלין אלע מיט אנאנדר איין גיטאן ווערין אזו זאגט גאט ואנכי מעשיהם ומחשבותיהם אונ איך גאט מוז דאש טאן ווייל זייערע מעשים אונ זייערע מחשבות זיינען גיקומען פאר מיר ושמתי בהם אות אונ איך וועל אין זייא טאן איין צייכין פון איין מכה אונ וועל פון זיי איבר לאזין מענטשין זיי זאלין דער ציילין מיין כבוד צווישן די פעלקער והביאו את כל אחיכם אונ דיא עובדי כוכבים וועלין ברייננען אייערע ברידר ישראל פאר איין מתנה צוא גאט מיט פערד אונ מיט רייט וועגין אונ מיט קארעטעם אונ מיט מויל אייזלען אונ מיט שאף וועלין זיי ברייננען זייא אויף מיין הייליגין בארג ירושלים אזוא זאגט גאט אזו וויא די ישראל ברייננען איין מנחה אין איין ריינע כלי אין גאטש הויז אזוא וועלין דיא עובדי כוכבים ברייננען דיא ישראל פאר איין מנחה צו גאט וגם מהם אקח לכהנים ללוים אונ פון זייא וועל איך אויך נעמען צוא כהנים אונ לוים דען איך ווייש ווער עש איז איין כהן אדער איין לוי אפילו די וואש זיינען צו מישט גיווארין צווישין די עובדי כוכבים אזוא זאגט גאט כי כאשר השמים החדשים דען אזו וויא דיא נייע הימלען אונ ערד וואש איך וועל באשאפין וואש זייא וועלין שטיין פאר מיר אונ וועלין איין קיום האבין אזו וועט שטיין אייערע קינדר אונ אייער נאמן · דער תנחומא שרייבט איין עובדת כוכבים האט גיפרעגט צו רבי יוסי בן חלפתא עש שטייט גישריבין אין אייער תורה דאש דיא ישראל וועלין לעבין אזו לאנג וויא הימיל אונ ערד וועלין שטיין אונ ישעיה האט גיזאגט די הימיל וועלין פאר דארבין אונ פאר לארין ווערין אם כן וועלין די ישראל אויך פאר לארין ווערין האט רבי יוסי איר גיענטפערט ישעיה האט גיזאגט די הימיל וועלין ווידער נייא ווערין דען די זון אונ די לבנה ווערין אלע טאג נייא באשאפין דען די זון גייט אלע טאג אונטער אין מערב אונ וואשט זיך אין ים אוקינוס אונ איר ליכט ווערט פאר לאשין אונ בלייבט אזו איין גאנצע נאכט אונ אין דר פריא וואשט זיא זיך ווידער אין נהר דינור וואש ער איז לויטער פייער אונ זיא נעמט זיך אן ווידער

ליכט

ליכט אונ לייכט אויף דער גאנצער וועלט אונ אזו אויך די לבנה אונ די שטערין אונ אזו אויך וועלין די הימלען ווידער נייא באשאפין ווערין אונ אז משיח וועט קומען וועט זיי גאט בנייען מיט פיל גרעשערע ליכט והיה מדי חודש בחדשו אונ עש וועט זיין פון ראש חודש צו ראש חודש אונ פון שבת צוא שבת וועלין אלע מענטשין קומען צו בוקין זיך פאר מיר אזו זאגט גאט אונ זיי וועלין ארויש גיין אונ וועלין זעהען אין דיא גופים פון דיא מענטשין וואש האבין אין מיר גאט ווידער גישפעניגט דאש זייערע ווערים וועלין ניט טויט ווערין אונ זייער פייער אין גיהנם וועט ניט פאר לאשין ווערין אונ זייא וועלין זיין איין שאנד צו אלע מענטשין דער תנחומא זאגט וויא לאנג גיווערט דאש גיהנם צו די רשעים צוועלף חדשים אזוא וויא מיר גיפינען דאש די מצרים האבין צוועלף חדשים מכות גיליטין די גמרא זאגט אין ראש השנה דאש פייער פון דעם גיהנם איז אום מאנטיג באשאפין גיווארין אונ עש ווערט אייביג ניט פאר לאשין אונ די רשעים נידערין אין גיהנם מיט זייער גוף אונ ווערין גמשפט צוועלף חדשים דר נאך ווערט זייער גוף פאר לארין אונ דיא נשמה ווערט פאר ברענט אויף אש אונ דער ווינט פאר שפרייט דאש אש אונטער די פיס פון די צדיקים דאש זאגט די וועלט אין שפראך ווארט דאש איינער זאגט צום אנדערין ווען דו וועשט העכער פון מיר אין גן עדן קומען וועסטו מיר מיט אש מיינע אויגין פאר שיטין אונ גאט זאגט צו ישראל וואש גייען אויף אין בית המקדש נאר דריי מאל אין יאר אבער אז משיח וועט קומען וועט איר אלע חודש אויף גיין אין בית המקדש אזו וויא אין פסוק שטייט והיה מדי חודש בחדשו וגו׳:

# הפטרת מחר חודש

ווען ראש חודש איז אום זונטאג לייענט מען אום שבת דער פריער דיא הפטורה:

ויאמר לו יהונתן מחר חודש, יהונתן האט גיזאגט צו דוד מארגין איז ראש חודש אונ דער סדר איז דאש אום ראש חודש עסין אלע שרים בייא דעם טיש פון דעם מלך אונ דוא וועשט ווערין דער מאנט דאש מיין פאטער וועט אויף דיר פרעגין וואו דוא בישט ווארום דיין ארט וועט ליידיג בלייבין וואו דו פלעגשט צו זיצין אונ אין דעם דריטין טאג פון היינט זאלשטו דיך זייער באהאלטין דען דענשט מאל וועט מען דיך זייער זוכין אונ דר נאך זאלשטו ווידר קומען אין דעם ארט וואו דו בישט באהאלטין גיוועזן היינט ביום המעשה אום ערב ראש חודש וואש מען מעג טאן איין מלאכה אבער אום ראש חודש טוען ווייבער קיין מלאכה ניט דען מען האט זייא דאש פאר איין יום טוב גיגעבן ווייל זיי האבין ניט גיוואלט געבין זייער אויער רינגעלעך צו מאכין דאש עגל אונ דוא זאלשט זיך זעצין ביי דעם אבן האזל דאש איז איין שטיין וואש ער איז איין צייכין צו די וואש גייען אין וועג אונ איך וועל דרייא פיילין ווארפין צוא דעם שטיין אונ דעם סימן זאלשטו האבין אויב דו דארפשט אנטלויפין אונ אויב ניט איך וועל שיקין דעם יונג אונ וועל אים זאגין גייא גיפין דיא פיילין אויב איך וועל אים זאגין דיא פיילין זיינען פון דיר אונ אהער צו אזו זאלשטו אליין ארויש גיין פון דיין באהאלטין ארט אונ זאלשט נעמען די פיילין אונ זאלשט קומען צוא מיר אונ זאלשט קיין מורא ניט האבין דען עש איז שלום צוא דיר אונ עש איז ניט דא קיין שום זאך וואש דו זאלשט דער פאר מורא האבין אבער אז איך וועל זאגין צום יונג דיא פיילין זיינען פון דיר אונ ווייטער אזו זאלשטו אוועק גיין דען גאט האט דיך אוועק גישיקט אונ ער היישט דיר אנטלויפין כדי דוא זאלשט ניצול ווערין פון מיין פאטער אונ די זאך וואש מיר האבין גירעט איך אונ דוא כלומר וואש מיר האבין מיט אנאנדער כורת ברית גיוועזן זאל גאט זיין איין עדות צווישין מיר אונ צווישין דיר ביז אייביג ויסתר דוד בשדה האט זיך דוד באהאלטין אין פעלד אונ עש איז גיוועזן ראש חודש האט זיך דער מלך גיזעצט בייא דעם ברויט צו עסין וישב המלך אונ דר מלך האט זיך גיזעצט אויף זיין ארט וואו ער פלעגט תמיד זיצין נאהנט בייא דער וואנט איז יהונתן אויף גישטאנען פון זיין ארט דען עש איז ניט קיין דרך ארץ צוא זיצין אן גילעהענט לעבין איין פאטער דען זיי פלעגין זיצין אן גילעהענט אויף בעטלעך ביי דער סעודה אונ אז דוד איז גוועזן פלעגט ער זיצין צווישין יהונתן אונ צווישין שאול אבער היינט אז דוד איז ניט גיוועזן האט

זיך יהונתן ניט גיזעצט אויף זיין ארט האט זיך אבנר גיזעצט לעבין שאול און יהונתן האט זיך גיזעצט לעבין אבנר· און עש איז ווארן ליידיג דאש ארט פון דוד האט שאול ניט גירעט אין דעם טאג דען ער האט זיך גיטראכט עש איז איין מקרה דאש ער איז ניט ריין און האט זיך גיטויבלת דרום איז ער ניט גיקומען צו דער סעודה דאש ער זאל ניט מטמא זיין די סעודה· ויהי ממחרת החודש און עש איז גיוועזן אין דעם אנדערין טאג ראש חודש איז ווארין גימינערט דאש ארט פון דוד האט שאול גיפרעגט צו זיין זון יהונתן ווארום איז ניט גיקומען דער זון פון ישי ניט נעכטין ניט היינט צוא דער סעודה· ויען יהונתן האט יהונתן גיענטפערט צו שאול ער האט פון מיר רשות גינומען צו גיין קיין בית לחם און ער האט גיזאגט איך בעט דיך שיק מיך אוועק דען איין שעכטונג פון קרבנות איז צו מיין משפחה אין דער שטאט בית לחם· און מיין עלצטער ברודער אליאב האט מיר גיבאטין איך זאל דארטין זיין און היינט אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגין לאז מיך אנטרינען און וועל זעהען מיינע ברידער איבר דעם איז ער ניט גיקומען צו דעם טיש פון דעם מלך· ויחר אף שאול ביהונתן איז שאול ברוגז גיווארין אויף יהונתן און האט אים גיזאגט דוא בישט דער זון פון איין אשה וואש האט אין זיך עזות דען איך וויים דאש וואש דו טוסט אויש דער וויילין אין דעם זון פון ישי איז דאש דיר איין שאנד און דיין מוטער דען מען וועט זאגן ווען דו האשט ליב דעם וואש איך האב פיינט כוזטו ניט זיין מיין זון און דאש וואש שאול האט גיזאגט דיין מוטער האט אין זיך עזות איז איבער דעם דען עש איז איין מעשה גוועזן דאש איינער האט גינומען איין קעפס ווייב און ער איז גיוועזן איין לוי און האט גיוואונט אויף דעם בארג פון אפרים· און דאש קעפס ווייב איז גיוועזן פון בית לחם און דאש קעפס ווייב האט גיטאן אויף אים צערענען און איז אוועק גגאנגן צו איר פאטער קיין בית לחם· און איז גיזעסין ביי איר פאטער פיר חדשים· איז דר מאן נאך איר גיגאנגען· און האט מיט זיך גינומען איין יונג און איין פאר איזלען· און איז גיקומן צום שווער איז דער שווער זייער פרייליך גיווארין און האט אים מכבד גיוועזן דרייא טעג· און ער האט נאך גימוזט בלייבין דעם פערטין טאג און אין דעם פינפטין טאג איז ער אוועק גיגאנגען מיט זיין קעפס ווייב און מיט זיין יונג· און זיי זיינען גיקומען אין דער שטאט גבעה· און האבין זיך גישטעלט אויף דער גאס דען קיינער האט זייא ניט גיוואלט אריין לאזין אין הויז אריין· איז גיקומען איין זקן און האט זייא גיבעטין זיי זאלין צו אים אריין גיין איבר נאכט זייא וועלין גינוג האבין עסין און טרינקען איז דער מענטש גיגאנגען מיט זיין ווייב מיט דעם זקן צוא אים אהיים און אז זייא האבין אפ גיגעסין און זיינען פריילך גיוועזן האבין זיך איין גיזאמילט דיא לייט פון גבעה ארום דעם הויז און זאגין צום זקן גיב אונז ארויש דעם מענטשין איז דער בעל הבית צו זייא ארויס גיגאנגען און זאגט מיינע ליבע לייט איך בעט אייך טוט דעם מענטשין נישט דען עש איז איין גרויסע חרפה אזוא צוא טאן נייערט איך וועל אייך מיין טאכטער געבין און דאש קעפס ווייב פון דעם מענטשין· האט דער מענטש גינומען דאס קעפס ווייב און האט זיא גיגעבין צו די לייט אויף די גאנצע נאכט און אז עש איז טאג גיווארין איז די אשה גיגאנגען אויף איר הארבעריג און פאלט אויף דער גאס פאר דר טיר און איז גישטארבין אזו האט דר מאן זיא גינומען און האט זיא גילייגט אויף זיין איזיל און האט זיא גיבראכט אין זיין שטאט און האט גינומען איין מעסער און האט זיא צו שניטין אויף צוועלף שטיקער און האט גישיקט צו איטליכין שבט פון ישראל איין שטיק און כל ישראל האבין זיך פר וואונדערט און האבין גיזאגט אזו איין מעשה איז נאך ניט גישעהן זינט אונזערע עלטערין זיינן ארויש גיגאנגן פון מצרים אזו האבין זיך איין גיזאמילט כל ישראל אין דער שטאט מצפה פיר הונדערט טויזינט מאן מיט בלויזע שווערדין און דער מענטש האט דר ציילט די מעשה פאר כל ישראל האבין כל ישראל גיזאגט עש זאל קיין מענטש ניט אהיים גיין ביז מיר וועלין די זאך אויס פארשטין און זיי האבין גישיקט צו שבט בנימין צו זאגין ווארום האט איר אזוא איין בייזע מעשה גיטאן דרום גיט אונז ארויש די רשעים פון דר שטאט גבעה און מיר וועלן זיי טויטין און שבט בנימין האבין ניט גיוואלט קיין מענטשן געבין צו טויטן

און

און האבין זיך איין גיזאמילט אלע פון זייערע שטעט און זיינען גיקומען אין דר שטאט גבעה צו האלטין מלחמה מיט כל ישראל און זייא זיינען גיוועזן זעקס און צוואנציג טויזינט מאן און פון דער שטאט גבעה איז גיוועזן זיבין הונדערט מאן און כל ישראל זיינען גיוועזן פיר הונדערט טויזינט און שבט בנימין איז ארויש גיגאנגען פון דער שטאט גבעה און האבין גיהרגת פון ישראל צוויי און צוואנציג טויזינט אזו האבין די ישראל גיוויינט און גיטרויערט און האבין גיפרעגט אין די אורים ותומים אויב זיי זאלין ווידר גיין מלחמה האלטין מיט שבט בנימין האט גאט זייא גיענטפערט זיי זאלין גיין איז ווידער גיקומען שבט בנימין און האבין פון ישראל גיהרגת אכצעהן טויזינט מאן אזו האבין זיך איין גיזאמילט כל ישראל און האבן תשובה גיטאן און האבין גיפאשט און האבין גיבראכט קרבנות צו גאט את פנחס בן אלעזר הכהן האט ווידער גיפרעגט אין די אורים ותומים האט גאט גיענטפערט דריטינגין טאג גייט אויף בנימין איר וועט זייא איין נעמן און די ישראל האבין גישטעלט מענטשן הינטער דר שטאט אז שבט בנימין וועט ארויש גיין פון דר שטאט זאל מען די שטאט אן צינדין אין פייער און די ישראל האבין זיך גיוויזין גלייך ווייא זיי אנטלופין פאר שבט בנימין און שבט בנימין זיינען ארויש גיגאנגען פון דער שטאט צו נאך יאגין זיי און די מענטשין וואש זיינען גישטאנן הינטער דר שטאט האבין דיא שטאט אן גיצונדין און דיא ישראל האבין גיהרגת שבט בנימין און עס איז פון זייא אנטרונען גיווארין זעקס הונדערט מאן און דיא ישראל האבין גישווארין דאס קיינער זאל זייא ניט געבין קיין טאכטער פאר איין ווייב און דער נאך האבין זייא חרטה גיהאט און האבין זייער גוויינט און האבין גזאגט וואס האבין מיר גיטאן דאש מיר האבין גמאכט פר לירין איין גאנצין שבט פון ישראל און דיא שטאט גלעד איז ניט גיקומען העלפין צו ישראל האבין די ישראל גישיקט צוועלף טויזינט מאן און זייא האבין גיהרגת אלע זכרים פון דער שטאט גלעד און אלע ווייבער וואש האבין גיוואוסט פון איין מאן האבין זיי אויך גיהרגת און זייא האבין אין דער שטאט גיפונען פיר הונדערט בתולות וואש האבין ניט גיוואוסט

פון קיין מאן האט מען גילאזט לעבין און מען האט ניט גיטאן וויא בייא די טעכטער פון מדין דאש מען האט זייא דורך גיפירט פאר דעם בלעך און דיא אשה וואש האט גיוואוסט פון איין מאן איז איר פנים גיווארין גרין און געל פון דאנען זאל מען אפ לערנען מען זאל קיין מענטשין ניט מבייש זיין און אפילו ווען ער האט בייז גיטאן זאל מען אים דאש ניט אויף ווארפין און די פיר הונדערט בתולות האט מען גיבראכט קיין שילה און דיא ישראל האבין גישיקט צו דיא וואש זיינען איבער גיבליבין פון שבט בנימין און האבין צוא זייא גיזאגט קומט צו אונז מיר ווילין שלום מאכין און זייא האבין. זייא גיגעבין די פיר הונדערט בתולות פון דער שטאט גלעד פאר ווייבער און עש איז זייא ניט גינוג גיוועזן דען זייא זיינן גיוועזן זעקס הונדערט מאן אזו האבין די ישראל אוים גיטראכט איין עצה דען עש פלעגט אלע יאר איין יום טוב זיין אין שילה דאש דיא בתולות פלעגין גיין טאנצין אין די ווייך גערטנער האבין זייא גיזאגט צו שבט בנימין איר זאלט ארייך שפרינגען אין די וויין גערטנער און איטליכער זאל חאפין איין בתולה פאר איין ווייב און ווען דער פאטער פון דער בתולה וועט קומען פאר אונז קלאגין ווילין מיר דאש פאר ענטפערין האבן שבט בנימין אזו גיטאן און האבין גחאפט בתולות פון דעם טאנץ איטליכער וויא עש איז אים ווואל גיפעלין און שאול המלך איז אויך איבר גיבליבין פון שבט בנימין און איז גיוועזן זייער שיין און זייער הויך און ער איז אויך גיקומען צום טאנץ און איטליכע בתולה וואלט גערין ער זאל זיא נעמען און זייא האבין זיך אלע פיר גישטעלט ער זאל זי נעמען צו טאנצין נאר שאול איז גיוועזן איין ביישן און האט זיך גישעמט צו נעמען איין בתולה צו טאנצין איז גיוועזן איין בתולה וואש האט זיך ניט גישעמט און האט שאול אן גינומען צו טאנצין און שאול האט זיא פאר איין ווייב גינומען און האט מיט איר גיהאט דעם זון יהונתן דאש האט שאול גזאגט צו יהונתן בן נעות המרדות דו ביסט גיראטן אין דיין מוטער וואש זיא האט מיך אן גינומן אזו בישטו אויך מיט עזות אנטקעגין מיר און ווען איך האב פיינט האשטו ליב דען עש הייסט אלץ אן אין דער מחשבה פון דער מוטער

מוטער כי כל הימים אשר בן ישי חי דען כל זמן דער זון פון ישי וועט לעבין וועשטו ניט זיין אן גיברייט מיט דיין מלוכה אונ דרום שיק אונ נעם אים צו מיר דען ער איז חייב מיתה · ויען יהונתן האט יהונתן גיענטפערט צו זיין פאטער שאול ווארום זאל דוד ווערין גיטייט וואס האט ער גיטאן ויטל שאול את החנית האט שאול אויף גיהויבין די שפיז אויף אים צו דער שלאגין אים אזו האט יהונתן גיוואוסט דאש עש איז שוין פאר בליבין בייא זיין פאטער צו טייטין דוד ויקם יהונתן מעם השולחן איז יהונתן אויף גישטאנן פון דעם טיש מיט גרים צארין אונ האט ניט גיגעסן דעם אנדערן טאג אין חודש קיין ברויט ווארום ער איז טרויעריג גיווארין איבער דוד דאש זיין פאטער האט אים פאר שעמט איבר דוד ויהי בבקר אונ עש איז גיוועזן אין דער פריא איז יהונתן ארויש גיגאנגען אין פעלד אין דער צייט וואש דוד האט אים אפ גישטעלט אונ איין קליינער יונג איז גיוועזן מיט אים אונ יהונתן האט גיזאגט צו זיין יונג לויף גיפין דיא פיילין וואש איך וועל דא ווארפין אונ דער יונג איז גילאפין אונ יהונתן האט גיווארפין איין פייל דיא זאל גיין ווייטער פון דעם יונג אונ דער יונג איז גיקומען ביז אין דעם ארט פון דער פייל וואש יהונתן האט צום ערשטין גיווארפין האט יהונתן נאך איין פייל גיווארפין אונ זאגט צום יונג פאר וואר די פייל איז פון דיר אונ ווייטער אונ יהונתן האט גירופין צום יונג אייל דיך ניט זאם דיך האט דער יונג אויף גיקליבין די פיילין אונ האט זיי גיבראכט צו יהונתן זיין האר אונ דער יונג האט גאר ניט גיוואושט נאר יהונתן אונ דוד האבין די זאך גיוואוסט האט יהונתן גיגעבן זיין גיווער צום יונג וואש איז גיוועזן מיט אים אונ זאגט צו אים גייא בריינג אין שטאט אריין דער יונג איז גיגאנגען אין שטאט אריין אונ דוד איז אויף גישטאנן פון דרום זייט שטיין אונ איז גיפאלין אויף זיין פנים צו דער ערד אונ האט זיך גיבוקט דרייא מאל אונ זיי האבין זיך גיקושט איינער דעם אנדערין אונ האבן גיוויינט איינר איבער דעם אנדערין ביז דוד האט מער גיוויינט ויאמר יהונתן לדוד האט יהונתן גיזאגט צו דוד גייא צו שלום דיא שבועה וואש מיר האבין ביידע גישווארין בייא דעם נאמען פון גאט זאל גאט זיין איין עדות צווישין מיר אונ צווישין דיר אונ צווישין מיינע קינדער אונ צווישין דיינע קינדער ביז אייביג :

# הפטרת פרשת שקלים

ויכרות יהוידע את הברית אונ יהוידע הכהן האט כורת ברית גיוועזן צווישין דעם מלך יהואש אונ צווישין דעם פאלק ישראל דען די מעשה איז אזו גיוועזן עש איז גיוועזן איין מלך אחזיה אונ זיין מוטער האט גיהייסין עתליה אונ דער אחזיה איז גישטארבין אונ האט גילאזין עטליכע קינדער האט עתליה גיהרגת אלע קינדער פון אחזיה אונ איז מיט גוואלד איין מלכה גיווארין איבר ישראל · נאר יהושבע דיא שוועסטר פון אחזיה האט אוועק גיגנבת איין זון פון אחזיה ער האט גיהייסין יהואש אונ האט אים בהאלטין אויף דעם בוידים פון קדשי קדשים מיט זיין אם פר עתליה אונ זעקס יאר איז ער דארטין גיוועזן באהאלטין אונ דיא עתליה איז זעקס יאר איין מלכה גיוועזן איבר ישראל אונ אין זיבעטין יאר האט יהוידע הכהן גימאכט מיט דעם פאלק מען זאל דר שלאגין עתליה אונ מען זאל מאכין קיניגין יהואש אונ מען האט יהואש אויש גיצויגין פון קדשי קדשים אונ מען האט אים גימאכט פר איין מלך אונ זייא האבין גישריען אונ גיקלאפט מיט זייערע הענט אונ האבין גיזאגט עש זאל לעבין דער מלך יהואש אונ עתליה האט גיהערט דאש גישרייא אונ איז גיקומן אין בית המקדש אונ האט גיזעהן שטיין דעם מלך מיט זיין קרוין אונ מיט פיל פאלק אויף אלע זייטין אונ מיט טרומייטין אונ מיט גרויש שמחה האט זיא צו ריסין אירע קליידער אונ יהוידע האט גיבאטין מען זאל זיא הרגענן אזוא באלד האט מען זיא ארויש גישלעפט פון דעם מקדש אונ מען הט זיא גיהרגת אונ יהוידע האט כורת ברית גיוועזן מיט דעם מלך יהואש ויבואו כל עם הארץ אונ גאר דאש פאלק פון דער לאנד זיינען גיקומן אונ האבין צוא שטויסין דיא צורת עבודת כוכבים אונ האבין גיהרגת דעם כהן פון דר עבודת כוכבים וואש האט גיהייסין מתן אונ יהוידע הכהן האט גינומען דאש פאלק אונ זיי האבין גיפירט דעם מלך פון דעם בית המקדש צוא דער מלוכה הויז אונ האבין אים גיזעצט אויף דעם מלוכה שטול אונ גאר דאש פאלק האבין זיך זייער גיפרייט וואש יהואש איז

איין

איין מלך גיווארין בן שבע שנים יהואש במלכו זיבין יאר איז יהואש אלט גיוועזן אז ער איז איין מלך גיווארן אונ פערציג יאר האט ער גיקיניגט אין ירושלים ויעש יהואש הישר בעיני יי אונ יהואש האט גיטאן וואש גוט איז אין גאטש אויגין כל זמן יהוידע האט אים גילערינט צו גוטין אבער וויא באלד יהוידע איז גישטארבין זיינן גיקומען די ישראל אונ די שרים אונ האבין אים גזאגט דוא בישט גיוועזן זעקס יאר אויף דעם קדשי קדשים וואו דר כהן גדול גייט אהין אריין איין מאל אין יאר אום יום כפור אונ איז דארטין נאר איין שעה גיוועזן מיט גרוייש סכנה · אונ דוא בישט דארטין גיוועזן זעקס יאר אונ עש איז דיר נישט גישעהען קיין שום זאך מוזטו זיין איין גאט אונ ער האט גלאזט מען זאל אים האלטין פר איין גאט אונ מען זאל זיך בוקין צוא אים ויאמר יהואש אונ יהואש האט גיזאגט צוא דיא כהנים גאר דאש זילבר וואש מען ברייננט אין בית המקדש דען צוויא האלבע שקלים האט איטליכער ישראל גיבראכט אלע יאר אין בית המקדש אריין איין האלבער שקל איז גיוועזן איין אויש לייזונג פאר זיין לייב פאר דעם וואש מען האט אים גיצייילט אונ דער פון האט מען גיבראכט אלע קרבנות ציבור אונ נאך איין האלבין שקל האט מען גיבראכט איין נדבה אין בית המקדש צו פר ריכטין דעם בית המקדש יקחו להם הכהנים אזוא האט דער מלך גיזאגט צו די כהנים נעמט איך דאש זילבער אונ איר זאלט דער מיט פאר ריכטין דעם בית המקדש · ויקרא אונ דער מלך האט גירופין צוא יהוידע אונ האט צו אים גיזאגט ווארום האבן דיא כהנים ניט פר ריכט דעם בית המקדש פון דעם געלט דרום זאל מען זייא מער דאש געלט ניט געבין ויאותו הכהנים האבין די כהנים גיוואלט זיי זאלין ניט נעמן דאש געלט אונ זאלין ניט פר ריכטין דאש בית המקדש ויקח יהוידע אזוא האט יהוידע גינומן איין קאסטין אונ האט דרינן גימאכט איין לאך צוא ווארפין דרינען דאש זילבר ווער עש האט גבראכט אין בית המקדש אונ אז דר קאסטין איז פול גיווארין מיט געלט אזוא איז גיקומען דער סופר פון דעם מלך אונ דר כהן גדול אונ האבין איבער גיצייילט דאש זילבר אונ מען האט דאש זילבר גיגעבין צוא דיא וואש טוען איין מלאכה דהיינו צוא דיא

וואש האקין האלץ אונ שטיינער אונ צוא דיא וואש מויערין אין בית המקדש ולא יחשבו את האנשים אונ מען האט קיין חשבון ניט גינומען פון די מענטשין וואש האבין דאש געלט גיהאט אין זייער האנט דען זיי האבין באמונה גיטאן · פון דאנען לערנן די חכמים אפ מען זאל קיין חשבון ניט אפ נעמן פון איין גבאי צדקה מען זאל ניט זאגין זיי האבין ניט רעכט גיטאן מיט דעם צדקה געלט כסף אשם וכסף חטאות ווען איין מענטש האט אפ גישייד געלט צו קויפן איין קרבן אשם אדר איין קרבן חטאת · אונ עש איז איבר גיבליבין פון דעם געלט · האט מען דאש ניט גיגעבין צוא פאר ריכטין דעם בית המקדש · נאר מען האט דאש גיגעבין צוא דיא כהנים צו קויפין דר פר קרבנות צו מקריב זיין ווען דר מזבח איז ליידיג גיוועזן:

# הפטרת פרשת זכור

ויאמר שמואל אל שאול שמואל האט גיזאגט צוא שאול המלך גאט האט מיך גישיקט צו מאכין דיך פאר איין מלך דרום איז רעכט דוא זאלשט הערין די רייד פון גאט דו זאלשט איין נקמה טאן אין עמלק · כה אמר יי צבאות אזו האט גיזאגט גאט דער האר איבער אלע חיילות איך גידיינק וואש עמלק האט גיטאן צו ישראל אין וועג אין זיין אויף גיין פון מצרים עתה לך והכיתה את עמלק דרום גייא היינט אונ זאלשט שלאגין דעם עמלק · אונ זאלשט פאר ווישטין אלץ וואש צוא אים איז · אונ זאלשט דיך ניט דר בארימן איבר אים אונ זאלשט אים טייטין פון איין מענטש ביז איין אשה את פון יונגע קינדר ביז זייגינדיגע קינדר פון איין אקס ביז איין שאף פון איין קעמל ביז איין אייזיל · אונ דרום האט גאט גיהייסין די בהמות אויך אום ברייגגן ווארום דיא עמלקים זיינן גיוועזן מכשפים אונ האבין זיך פר שטעלט פאר בהמות וישמע שאול את העם אונ שאול האט גימאכט איין זאמלן דאש פאלק אונ האט זייא גיצייילט דורך שעפעלאך ער האט גיהייסין איטליכר זאל זיך נעמן איין שאף פון דעם מלך נאך דעם האט מען איבר גיצייילט די שאף דען עש איז אסור צו ציילין די ישראל ביי דיא קעפ אונ זיי זיינן גיוועזן צוויי הונדערט טויזנט פוס גייער אונ צעהן טויזנט מיט דיא מענטשין פון יהודה איז שאול גיקומן ביז אין דר שטאט

פון עמלק וירב בנחל און האט מלחמה גיהאלטין
אין טאל · די חכמים זאגין וירב בנחל מיינט מען
שאול המלך האט זיך אפ גילערינט פון עגלה
ערופה וואש זיא ווערט גיהרגית אין טאל ווען
מען גיפינט איין הרוג און מען ווייסט ניט ווער
עש האט אים גיהרגית האט מען גידארפט
ברייגען איין עגלה ערופה · דער פון האט זיך
שאול איין קל וחומר אפ גילערינט ווען פון איין
נפש וועגין האט מען גידארפט ברייגגען איין
עגלה ערופה מכל שכן איבר אזו פיל נפשות און
ווען דיא גרוישע האבין גיזינדיגט וואש האבין
דיא קליינע קינדער גיזינדיגט און ווען
מענטשין האבין גיזינדיגט וואס האבין דיא
בהמות גיזינדיגט איז איין בת קול ארויס
גיגאנגן און האט גיזאגט אל תהי צדיק הרבה דוא
זאלשט ניט מער צדיק זיין וויא גאט האט דיך
גיבאטין און אז ער האט גיהרגית דיא שטאט
נוב מיט די כהנים איז גיקומן איין בת קול און
האט גיזאגט אל תרשע הרבה דוא זאלסט ניט זיין
קיין גרוישר רשע ויאמר שאול אל הקיני און שאול
האט גיזאגט צום קיני דאש זיינן דיא קינדר פון
יתרו גיי אוועק פון צווישן עמלק ווארום טאמר
וועל איך דיך פאר דארבין מיט אים און דוא
האשט גיטאן חסד מיט דיא ישראל אין זייער
אויף גיין פון מצרים דען פון זיין סעודה האבין
הנאה גיהאט משה און אהרן און אלע זקנים
פון ישראל דרום איז גלייך וויא ער האט מהנה
גוועזן כל ישראל ויך שאול את עמלק און שאול האט
גישלאגין עמלק פון חוילה ביז אין דיין קומען
קיין שור וואש איז פר מצרים און ער האט
באצוואונגן אגג דעם מלך פון עמלק לעבעדיגר
הייד און גאר דאש פאלק האט ער פאר ווישט
צו דר שארף פון דער שווערד און שאול מיט
דעם פאלק האבין זיך דער בארימט אויף
אגג און אויף דיא בעשטע שאף און רינדער
און אויף דעם אלעם גוטין און זייא האבין ניט
גיוואלט פר ווישטין און אלץ וואש איז גיוועזן
מבוזה און שלאף דאש האבין זיי פר ווישט ויהי
דבר יי אל שמואל און עש איז גיוועזן דיא רייד פון
גאט צו שמואל צו זאגין איך האב חרטה וואש
איך האב גימאכט שאול פר איין מלך ווארום
ער האט אפ גיקערט פון מיין דינשט און האט
ניט מקיים גיוועזן מיינע רייד · האט עס צוא
שמואל זייער גיגרימט און ער האט גישריען
צו גאט אגאנצע נאכט און שמואל האט זיך
גיפעדערט צו גיין אנטקעגין שאול אין דר פריא
און עש איז ווארין גזאגט צו שמואל דאס שאול
איז גיקומן קיין כרמל און ער שטעלט זיך דארטן
איין ארט כלומר מאכין איין מזבח צו מקריב
זיין דרויף קרבנות און האט ארום גירינגילט
און איז איבר גיפארן קיין גלגל און שמואל איז
גיקומען צוא שאול האט שאול צו אים גיזאגט
גיבענטשט בישטו צוא גאט איך האב מקיים
גיוועזן דיא רייד פון גאט האט שמואל גיזאגט
און וואש איז דאש קול פון די שאף אין מיינע
אויערין · און דאש קול פון די רינדר וואס איך
הער · האט שאול גיזאגט פון עמלק האבן זייא
גבראכט וואש דאש פאלק האבן זיך דר ברימט
אויף די בעשטע שאף כדי צו שעכטין זיי צוא
גאט דיין גאט און דאש איבעריגע האבן מיר
פר ווישט האט שמואל גיזאגט צו שאול ווארט
איך וועל דיר זאגין וואש גאט האט גירעט צו
מיר די דאזיגע נאכט האט שאול צו אים גזאגט
רייד · האט שמואל צוא אים גיזאגט ווען דוא
בישט קליין אין דיינע אויגין בישטו דאך דער
עלצטר פון אלע שבטים פון ישראל און גאט
האט דיך גיזאלבט פר איין מלך אויף ישראל
און גאט האט דיך גיבאטין צו פר ויסטין דעם
עמלק און ווארום האשטו ניט גיהערט אין דעם
קול פון גאט און בישט גיפלויגין צום זאק רויב
און האשט גיטאן וואש שלעכט איז אין גאטס
אויגין · האט שאול גיזאגט צוא שמואל איך
האב צו גיהערט אין גאטש קול און בין גיגנגן
אין גאטש וועג וואש ער האט מיך גישיקט
און האב גיבראכט אגג מלך עמלק און דעם
עמלק האב איך פאר ווישט און דאש פאלק
האבין גינומען פון דעם רויב שאף און רינדר
איידער מען האט זייא מחרים גיוועזן צו קוילין
זיי פאר גאט אין גלגל · האט שמואל גיזאגט
וויל דען גאט אין עולות און אין זבחים אזו וויא
צו צו הערן אין דעם קול פון גאט עש איז ביי
גאט בעסער מען זאל אים צוא הערין מער פון
איין גוטן זבח · צו פאר נעמן אין גאטש רייד
איז ביי אים בעסר פון דעם חלב פון די ווידר
דען אזו וויא עש איז איין עבירה צוא פרעגן
אין כישוף אזו איז איין עבירה צו ווידר שפעניגן
אין די רייד פון גאט און אזו וויא עש איז איין
עבירה צו נאך גיין נאך אפ געטר אזו איז איין

עבירה

עבירה דער וואש מערט אויף די רייד פון גאט אונ ווייל דו האשט מאס גיוועזן די רייד פון גאט דרום האט דיך גאט ממאס גיוועזן פון צו זיין איין מלך׃ האט שאול גיזאגט צוא שמואל איך האב גיזינדיגט דען איך האב עובר גיוועזן אויף די רייד פון גאט אונ אויף דיינע רייד אונ דאש איז גיוועזן ווייל איך האב מורא גיהאט פר דעם פאלק דרום האב איך זיי צו גיהערט רש״י שרייבט כי יראתי את העם דאש מיינט מען אזו איך האב מורא גיהאט פאר דואג האדומי וואש ער איז אזו חשוב וויא גאר דאש פאלק אונ היינט פאר טראג מיינע זינד אונ קער זיך אום מיט מיר אונ איך וועל מיך בוקין צו גאט׃ האט שמואל גיזאגט צו שאול איך וועל מיך ניט אום קערין מיט דיר ווייל דו האשט ממאס גיוועזן דיא רייד פון גאט דרום האט דיך גאט ממאס גיוועזן-פון צו זיין איין מלך אונ שמואל האט זיך אוועק גיקערט צוא אוועק גיין האט שאול אן גינומען איין עק פון זיין העמדיל אונ האט דאש צו ריסין אדר שמואל האט אן גינומען אין דעם העמדיל פון׃ שאול אונ האט דאס צוא ריסן עש זאל אים זיין פר איין סימן דער וואס וועט אפ רייסין זיין עק קלייד דר וועט זיין איין מלך נאך אים אונ דרום אז דוד האט אים אפ גיריסין דאש עק קלייד האט שאול גיזאגט צוא אים איך וייש דאס דוא וועשט איין מלך זיין אונ שמואל האט צו אים גיזאגט גאט האט צוא ריסין דיא מלוכה פון ישראל פון דיר אונ האט זיא גיגעבין צו דיין חבר וואש איז בעסר פון דיר אונ אויב דו וועסט זאגין איך וועל תשובה טאן עס וועט דיר אבער ניט העלפין דען גאט וועט ניט צו נעמן די מלוכה וואש ער האט זיא אים גיגעבין וגם נצח ישראל לא ישקר ווארום דער שטארקער גאט פון ישראל וועט ניט לייקענען אונ וועט קיין חרטה ניט האבין ער זאל ניט געבין דיא טובה צו דעם וואש ער האט זיא צו גיזאגט ווארום ער איז ניט קיין מענטש ער זאל חרטה האבין׃ האט שאול גיזאגט איך האב גיזינדיגט דאך האלט מיר ערליך אנטקעגין דיא עלצטע פון מיין פאלק אונ אנטקעגין די ישראל אונ קער זיך אום מיט מיר אונ איך וועל מיך בוקין צוא גאט׃ האט זיך שמואל אום גיקערט נאך שאול אונ שאול האט זיך גיבוקט צו גאט ויאמר שמואל האט שמואל גיזאגט גינעהענט צוא מיר אגג דעם מלך פון עמלק איז אגג צוא אים גיגאנגן מיט שמחה צום טויט דען דער טויט איז אים ליבר גיוועזן פון צו לעבין אין דר שביה אדער מעדנות איז טייטש בינדין ער איז גיבונדן גיוועזן מיט קייטין האט אגג גיזאגט עש האט צו מיר אפ גיקערט דער ביטערער טויט ויאמר שמואל האט שמואל גזאגט אזו וויא דיין שווערד האט פר ווארפין די ווייבר פון זייערע מאנען דאש דו האשט זיי גימאכט צוא אלמנות דורך דעם וואש דוא האשט גיהרגת זייערע מאנען אזו אז דו וועשט גיטייט ווערין וועט דיין מוטר ווערן פאר ווארפין פון קינדער מער פון אלע ווייבער׃ האט שמואל צו שפאלטין דעם אגג אויף פיר חלקים פאר גאט אין גלגל וילך שמואל הרמתה איז שמואל גיגאנגן קיין רמה אונ שאול איז אויף גיגאנגן צו זיין הויז קיין גבעת שאול׃

# הפטרת פרשת פרה

ויהי דבר יי׳ אלי לאמר גאט האט צו מיר יחזקאל גיזאגט דו מענטש זעה דיא ישראל זיצין אויף זייער ערד אונ האבין זיא פאר אום ריינגט מיט זייערע בייזע מעשים אזו וויא דיא טומאה פון איין נדה אזו זיינען זייערע וועגין פאר מיר אין מיינע אויגין אונ דרום זיינען זייא גיגליכין צו איין נדה׃ דאש אזוא וויא איין נדה האפט דר מאן דאש זיא וועט זיך טובל זיין אונ וועט קומען צוא אים אזוא אויך האפט גאט דאש ישראל וועלין תשובה טאן אונ וועלין זיך אום קערין צו אים ואשפוך חמתי אונ איך גאט האב פאר גאסין מיין צארין אויף זיי פון וועגין דעם בלוט וואש זיי האבין פר גאסין אונ מיט זייערע אפ געטער האבין זייא זייער לאנד פאר אום ריינגט אונ איך וועל זיי פאר שפרייטן צווישן דיא עובדי כוכבים פון וועגין זייערע בייזע מעשים ויבוא אל הגוים אונ זייא וועלין קומען צווישין די פעלקער אונ מיין נאמען וועט פאר שוועכט ווערין דורך זיי דאש די עובדי כוכבים וועלין זאגין איך האב מער קיין כח ניט צוא העלפין די ישראל אונ איך וועל מיך דר בארימן איבער ישראל פון וועגין מיין הייליגין נאמען ער זאל ניט פאר שוועכט ווערין לכן אמור לבני ישראל דרום זאג דוא יחזקאל צום הויז גיזינד פון ישראל ניט פון אייערט וועגין וועל איך אייך אויש לייזין נאר פון מיין הייליגין נאמען וועגין

ער

ער זאל ניט ווערין פאר שוועכט צווישין דיא עובדי כוכבים אונ איך וועל אייך איין זאמלען צוא מיר פון אלע לענדער אונ אויב איר וועט זיך טראכטין וואש וועט זיין דאש גאט וועט אונז אום קערין אונ וועט ברייננען אין אונזער לאנד דאש לאנד קען ניט ליידין קיין עבירות אזו וועלין מיר ווידער פאר טריבין ווערין דען עש קען ניט זיין דאש דער מענטש זאל ניט זינדיגין וייל ער האט ביי זיך דעם יצר הרע דרום זאגט גאט וזרקתי עליכם מים טהורים איך וועל אויף אייך שפריינגען ריינע וואשער צוא ריינינין אייך איך וועל אייך געבין איין נייע הארץ דאש איר וועט צו הערין אלץ וואש איך האב גיבאטין אונ וועל אפ טאן דעם יצר הרע פון אייך אונ וועל אייך געבין איין וייך הארץ ואת רוחי אתן בקרבכם אונ מיין גוטן ווילין וועל איך געבין צווישין אייך דאש איר וועט צוא הערין מיין גיבאט אונ וועט מער ניט זינדיגין דרום פארכט אייך ניט דען איר וועט שוין מער ניט פאר טריבין ווערין פון אייער לאנד אונ איר וועט דרינן זיצין ביז אייביג אונ איך וועל אייך העלפין פון אייערע עבירות אונ איך וועל רופין צום קארין אונ וועל אים מערין דאש איר וועט מער קיין הונגער ניט ליידין אונ וועל אייך געבין גוטע פירות כדי איר זאלט שוין מער קיין חרפה ניט איין נעמען פון די עובדי כוכבים פון וועגין הונגער אונ איר וועט גידיינקן אייערע בייזע וועגן אונ אייערע בייזע מעשים וואש איר האט גיטאן אונ איר וועט זאגין גאט האט רעכט גיטאן וואש ער האט אונז פאר טריבין פון אונזער לאנד דען מיר האבין פיל בייזע מעשים · זאגט גאט לא למענכם אני עושה ניט פון אייערט וועגין וועל איך דאש טאן נאר מען זאל ווישין צווישן דיא עובדי כוכבים דאש איך בין גאט דרום שעמט אייך פון וועגין אייערע עבירות איר הויז גיזינד פון ישראל כה אמר יי׳ אזו האט גאט גזאגט אן אנק וועל אייך ריינינין פון אייערע עבירות אזו וועל איך בויען אייערע שטעט וואש זיינן גיוועזן פאר וויסט איצונד וועלין זיי זיין גיבויעט פאר אלע לייט אונ די לייט וועלין זאגין דאש לאנד איז גיוועזן פאר ווישט אונ היינט איז דאש גיבויעט אזו שיין וויא דר גן עדן וידעו הגוים אונ די פעלקער וועלין ווישין דאש איך גאט האב גיבויעט די פאר ווישטע שטעט כה אמר יי׳ אזו

זאגט גאט איך וועל נאך מער גיפארשט ווערין צום הויז גיזינט פון ישראל איך וועל זיי מערין אזו וויא שאף אונ זיי וועלין זיין פיל אזוא וויא די הייליגע שאף וואש מען ברייננט קיין ירושלים אום יום טוב אזו וועלין זיין דיא שטעט וואש זייגען חרוב:מיט פיל לייט אונ זיי וועלין ווישין דאש איך בין גאט · דער תנחומא שרייבט כטומאת הנדה דרום גלייכט דר פסוק זיי צו דער טומאה פון איין נדה אונ ניט צו דר טומאה פון איין מת וייל מיט איין נדה מעג איין כהן זיין מיט:איר אין איין חדר אבער מיט איין מת טאר איין כהן ניט זיין אין איין הויז דרום אויך ווען ישראל וואלטין גיגליכין גיוועזן צו איין מת אזו וואלט גאט ביי זייא ניט גיוועזן אבער אז ער האט זיי גיגליכן צו איין נדה אזו איז גאט אויך בייא זייא אין זייערע צרות אונ האפט דאש זיי וועלין תשובה טאן אונ וועלין פרום ווערין אזו וויא איין מאן האפט דאש זיין ווייב איין נדה וועט זיך טובל זיין אונ מותר ווערן׳ עש שטייט אין פסוק ויבוא אל הגוים אונ ניט ויבואו צו ווייזין דאש גאט איז צווישין די פעלקער צו זיין מיט די ישראל אין גלות· די גמרא זאגט אין סוכה זיבין נעמן האט דר יצר הרע גאט האט אים גירופין רע דוד האט אים גירופין טמא שלמה האט אים גירופין שונא וייל ער איז איין רעכטער שונא צו אלע לייט · ישעיה האט אים גירופין מכשול וייל ער מאכט שטרויכלען אלע לייט יחזקאל האט אים גירופין אבן וייל ער ליגט אויף דעם וועג פון דעם מענטשין אזו וויא איין שטיין צו מאכין פאלין אים אין עבירות · יואל האט אים גירופין צפוני וייל ער איז פאר בארגן ביי דעם מענטשין כדי דר מענטש זאל זיך פר אים ניט היטין צאן אדם דער תנחומא שרייבט ער גלייכט די ישראל צו שאף אזוא וויא שאף צו ברעכין גוטע בוימער אין גארטין אונ דר האר טוט זיי ניט אזו אויך חאטשע די ישראל טוען פיל עבירות שטראפט זיי גאט ניט:פיל · אונ ער גלייכט זיי ווידער צו איין מענטשין אז זיי זיינען פרום באצאלט ער זיי שכר אזו וויא עש איז ראוי צו באצאלין איין מענטשין וואש האט שכל אבער שטראפין שטראפט ער זייא נאר אזו וויא מען שטראפט שאף וואש האבין קיין שכל ניט:

דיא הפטורה איז חארין גיזאגט אז משיח וועט קומען זאל זיך דער נשיא אזו פירין אונ עש איז גיוואוסט דאש משיח וועט קומען אום ניסן דרום לייענט מען דיא הפטורה דעם שבת וואש פאר ראש חודש ניסן אונ צו צייטין איז שבת ראש חודש ניסן אזו לייענט מען דיא הפטורה אין שבת ראש חודש :

כל העם הארץ גאר דאש פאלק פון דעם לאנד זאלין געבין די דאזיגע תרומה צום נשיא אונ דר נשיא זאל ברייגגען איין קרבן אום יום טוב אונ אום ראש חודש אונ אום שבת צוא פאר געבין אויף כל ישראל · כה אמר יי׳ אזו זאגט גאט אום ראש חודש ניסן זאל דר כהן נעמען איין אקס וואש ער האט אין זיך קיין מום ניט אונ זאלשט דר מיט רייניגין דעם בית המקדש ולקח הכהן אונ דר כהן זאל נעמן פון דעם בלוט אונ זאל שפריינגען אויף דעם ביי שטידיל פון דעם בית המקדש אונ אויף די ווינקלען פון דר עזרה אונ אויף דעם בייא שטידיל פון דעם איניווייניגשטין הויף וכן תעשה בשבעה בחודש אונ אזו זאלשטו טאן זיבין טאג אין חודש אונ דאש האט מען דרום גיטאן וויל מען הט אן גיהויבין ברייגגען קרבנות אין ערשטין טאג אין ניסן אונ פאר שמחה וועט איינר אריין גיין אין דעם ארט וואו מען טאר ניט דרום זאל מען ברייגגן קרבנות צו פאר געבן אויף זיי אונ דעם קרבן פסח זאלט איר שעכטין פערצעהן טאג אין ניסן אונ זיבין טעג זאלט איר מצות עסין ועשה הנשיא אונ דער נשיא זאל אין דעם טאג מאכין איין אקס פאר זיך אונ פאר כל ישראל ושבעת ימי החג אונ זיבין טעג פון יום טוב זאל ער איין עולה ברייגגען צוא גאט זיבין אקסין אונ זיבין ווידער אלע זיבין טעג זאל ער אזוא ברייגגען אונ איין ציקעלע צו איין קרבן חטאת ומנחה איפה אונ איין מנחה זאל ער ברייגגן איין מאס צו איין אקס אונ איין מאס צו איין ווידר אונ בוים אייל איין עמער צו דער מאס מעל בשביעי אין זיבעטין חודש דאש איז תשרי פופצעהן טעג אין חודש זאלט איר זיבין טעג סוכות מאכין אונ זאלט קרבנות ברייגגען אזו וויא אום פסח איין חטאת אונ איין עולה אונ איין מנחה אונ בוים אייל · כה אמר יי׳ אזו זאגט גאט דר טויער פון דעם איניווייניגשטין הויף זאל זיין צו אלע זעקס טעג אין דר וואך פאר שלאסין אונ אום שבת אונ אום ראש חודש זאל ער ווערין גיעפינט ובא הנשיא אונ דר נשיא זאל קומען דורך דעם אוישין ווייניגשטין טויער אונ זאל שטיין אויף דר טיר אונ דיא כהנים זאלין ברייגגען זיינע קרבנות אונ ער זאל זיך בוקין אויף דר טיר אונ זאל ארויש גיין אונ דר טויער זאל אפין זיין ביז נאכט כדי דר וואש וויל קומן זאל קומען אונ זאל זיך בוקין אין דעם טויער דען דר טויער איז גווען אנטקעגן טיר פון היכל אונ דאש פאלק זאלין זיך בוקין אום שבת אונ אום ראש חודש · פון דאנען זאל מען אפ לערנן דאש עש איז איין גרוישע מצוה צו בוקין זיך ווען מען קומט אין שול אריין דען עש איז גלייך ווי מען בוקט זיך אין בית המקדש והעולה אונ די עולה וואש דר נשיא ברייגגט אום שבת זאל זיין זעקס שאף אונ איין ווידער אונ איין מנחה זאל ער ברייגגען איין מאס מעל צו איין ווידער אונ צו איין שאף זאל ער ברייגגען איין מנחה וויא ער פאר מאגט אונ איין עמער בוים אייל צוא איין מאס מעל וביום החודש אונ אום ראש חודש זאל ער ברייגגען איין אקס אונ זעקס שאף אונ איין ווידער אונ איין מאס מעל צוא דעם ווידער אונ צו די שאף זאל ער מאכין איין מנחה וויא ער פאר מאגט אונ איין עמער בוים אייל צו איין מאס מעל ובבוא הנשיא דרך אולם השער יבוא ובדרכו יצא אונ אין דעם וועג וואש דר נשיא וועט אריין גיין אין דעם וועג זאל ער ארויש גיין פון דאנען זאל מען אפ לערנען דאש מען זאל ניט ארויש לויפין פון דר שול גלייך וויא די שול איז אים צו שווער גיוועזן אונ ער לויפט באלד ארויש אבער די ישראל אז זייא וועלין קומן אום רגל זאלין זיי דורך איין טויער אריין גיין אין בית המקדש אונ דורך דעם אנדערין טויער זאלן זיי ארויש גיין כדי זיי זאלן זיך ווייזין אויף אלע זייטין אין בית המקדש אונ דר נשיא זאל צווישין זיי גיין אונ אזו זאל זיין די מנחה אין די ימים טובים איין מאס מעל צו איין אקס אונ איין מאס מעל צו איין ווידער אונ צו די שאף אזו וויא ער פאר מאגט אונ איין עמער בוים אייל צו דר איפה וכי יעשה אונ אז דר נשיא וועט מאכין איין נדבה איין עולה אדר שלמים אזו זאל מען אים עפענן דעם טויער אזו וויא אום שבת אונ ער זאל ארויש גיין אונ זאל צו שליסין דעם טויער נאך זיך וכבש בן שנתו אונ מען זאל אלע טאג אין דר פריא ברייגגען איין

שאף

שאף וואש איז אלט איין יאר אונ איין מנחה דרויף איין זעקסטיל מאס מעל אונ איין דריט חלק עמער בוים איל אויש צו מישן די מנחה דאש זאל זיין אשטענדיגע מנחה צו גאט כה אמר יי' אזו האט גאט גיזאגט דער נשיא ווען ער ווערט געבין איין מתנה צו זיין זון פאר זיין לעבין זאל די מתנה צו אים בלייבין ביז אייביג אבער ווען ער ווערט געבין איין מתנה צו זיין קנעכט זאל די מתנה ביי אים זיין ביז יובל אונ אז עש ווערט קומען יובל זאל די מתנה זיך אום קערין צום נשיא אונ דר נשיא זאל ניט אוועק נעמען קיין פעלד פון איין ישראל אונ זאל עש געבין צו זיינע קינדער כדי די ישראל זאלין בלייבין איטליכער ביי זיין פעלד אונ בייא זיין גוטש:

# הפטרת שבת הגדול

וערבה ליי' מנחת יהודה וירושלים עש ווערט זיין זים די מנחה פון יהודה אונ ירושלים אזו וויא אין די ערשטע טעג וקרבתי עליכם למשפט אונ איך גאט וועל גינעהענען צו אייך צוא טאן משפט אונ וועל זיין איין עד צו עדות זאגין אין ישראל אויף זייערע עבירות די גמרא זאגט אין חגיגה רבי יוחנן אז ער איז גיקומען צוא דעם פסוק האט ער גיוויינט אונ האט גיזאגט איין קנעכט וואש דער האר ברייננגט אים צום משפט אונ זאגט אליין אויף אים עדות קען ער דען בשטיין אנטקעגין זיין האר רבי לוי זאגט ווען אמענטש משפט ניט רעכט איין גר אדער איין יתום איז גלייך וויא ער משפט ניט רעכט צו גאט דרום שטייט אין פסוק ומטי גר ניט ומטה גר צו וויזין דאש גאט זאגט ער נייגט אוועק מיין משפט ווען ער משפט ניט רעכט דעם גר אונ איך גאט וועל אליין איין גיכער עדות זיין צו שטראפין צו די וואש טוען כישוף אונ זיינן מזנה אונ גזלנן איין אלמנה אונ איין יתום אונ פארכטין זיך פר מיר ניט אזו זאגט גאט כי אני יי' לא שניתי דען איך גאט טוא מיין דעה ניט פר ענדערין פון פריער חאמשע איך דר לייגר מיין צארין פון דעשט וועגין בין איך ניט משנה צו ליב האבין בייז אונ צו פיינט האבין גוטש דען חאטשע איר שטארבט מיט אייער שלעכטיקייט אונ איך שטראף אייך ניט פאר אייער לעבין דאך זייט איר ניט פאר לענט פון מיר איך וועל פון אייך גיצאלט נעמען אין גיהנם אדער אזו איז דער פשט איך האב קיין אומה צוויא מאל ניט גישלאגין נאר איך האב זיא אין איין מאל פאר לענט אבער אייך האב איך גילאזט לעבין נאך פיל פורעניות אונ איר זייט ניט פאר לענט גווארן אזוא וויא איין אנדרע אומה למימי אבותיכם סרתם מחקי פון דיא טעג פון אייערע עלטערין האט איר אפ גיקערט פון מיין גיזעץ אונ איר האט זייא ניט גיהיט דרום קערט אייך אום צוא מיר וועל איך מיך אום קערין צוא אייך אונ אויב איר ווערט זאגין מיט וואש זאלין מיר תשובה טאן היקבע אדם אלהים וויא גזלת איין מענטש צוא גאט אזוא וויא איר גזלת מיך אונ אויב איר ווערט זאגין מיט וואש האבין מיר דיך גיגזלת מיט דעם וואש איר ווילט ניט געבין קיין מעשר אונ תרומה דאש איז גלייך וויא איר גזלת מיך במארה אתם נארים מיט איין קללה ווערט איר גישאלטין איבער דר עבירה אונ איר גזלת מיך דאך איר אלע הביאו את כל המעשר אל בית האוצר ברייננגט דעם גאנצין מעשר אין דעם אוצר פון מיין הויז אונ לאז זיין שפייז צו די וואש באדיגן אין מיין הויז ובחנוני נא בזאת אונ פרובט מיך דר מיט זאגט גאט אויב איך וועל אייך ניט עפענן דיא פענצטער פון דעם הימיל אונ וועל אייך געבין ברכה ביז איר ווערט אליין זאגין עש איז גינוג די גמרא זאגט אין תענית רבי יוחנן האט גיפונען איין קינד איז גיגאנגן פון זיין רבי האט רבי יוחנן אים גיפרעגט וואש האסטו היינט גילערינט בייא דיין רבי האט דאש קינד גיזאגט עשר תעשר האב איך גילערינט · זאגט דאש קינד צוא רבי יוחנן וואש איז דער טייטש פון דעם פסוק זאגט רבי יוחנן גיב מעשר כדי דוא זאלסט רייך ווערין האט דאש קינד אים גיפרעגט וויא מעג מען פרובין גאט עש שטייט דאך לא תנסו את יי' איר זאלט ניט פרובין גאט האט רבי יוחנן גיזאגט בייא מעשר שטייט גישריבין ובחנוני נא בזאת פרובט מיך דער מיט אויב איך וועל אייך ניט רייך מאכין וגערתי לכם באוכל אונ איך וועל אייך אן שרייען אין דעם היישעריק אונ ער ווערט ניט פר דארבן די פרוכט פון דר ערד אונ דעם וויין שטאק פון דעם פעלד אזוא זאגט גאט דער האר ואשרו אתכם כל הגוים אונ זייא וועלין אייך לויבין אלע פעלקער דען איר ווערט זיין אין דעם לאנד וואש מיין ווילין איז דרינען · דער ילמדנו שרייבט ווען עש לויבין איין מענטשין

זיינע

דיינע ליב האבער איז דאש קיין חידוש ניט אבער ווען עש לויבין אים זיינע פיינט איז דאש איין חידוש אונ איין כבוד צוא דעם מענטשין דאש ער ווערט גילויבט פון זיינע פיינט חזקו עלי דבריכם איר שטארקט אויף מיר אייערע רייד דאש איר רעט פיל אנטקעגין מיר אונ איר זאגט וואש האבין מיר גירעט אויף דיר אמרתם שוא עבוד אלהים איר האט גיזאגט עש איז אום זיסט צו דינען גאט מיר ועלין קיין שכר דער פאר ניט נעמען אונ וואש וועלין מיר גיווינען ווען מיר וועלין היטין זיינע מצות אונ וועלין גיין איין גיבויגין פאר גאט ועתה אנחנו מאשרים זדים אונ איצונד טוען מיר לויבין דיא רשעים וואש עש גייט זיי גוט אונ זיי האבין גיפרובט גאט אונ האבין גיזאגט מיר וועלין טאן ביז אונ לאמיר זעהן וואש ער וועט אונז טאן אונ זיי זיינן אנטרונן גיווארן דאש עש איז אויף זיי קיין ביין ניט גיקומען אז נדברו יראי יי איש אל רעהו דענשט מאל אז די רשעים ריידן אזו טוען ריידן גאטש פארכטיגע איינר צום אנדערן דאש זיי זאלן זיך ניט באהעפטין מיט די רשעים אונ גאט פאר נעמט זייערע רייד אונ טוט עש אין איין ספר זכרון פאר זיך צו דיא וואש פארכטין זיך פאר גאט אונ טראכטין אין דעם גרוישקייט פון זיין נאמען והיו לי אמר יי צבאות אונ זייא וועלין זיין צו מיר צו דעם טאג וואש איך וועל מאכן איין אוצר צו באצאלין איטליכין אויף זיינע מעשים דענשט מאל וועט איר ווישין וואש דער חילוק איז צווישין איין צדיק אונ צווישין איין רשע אונ איך וועל מיך דר בארימען איבער זיי אזו וויא איין פאטער דער בארימט זיך איבער איין זון וואש דינט אים ושבתם וראיתם אונ איר וועט אייך אום קערין אונ וועט זעהען איין חילוק צווישין איין צדיק אונ צווישין איין רשע צווישין דעם וואש דינט גאט אונ צווישין דעם וואש דינט אים ניט כי הנה היום בא דען דיא זון וועט קומען אונ וועט ברענען אזוא וויא איין אויבין אונ אלע רשעים וועלין זיין אזוא וויא שטרויא אונ דיא זון וועט זייא פאר ברענען אונ וועט צו זיי ניט איבער לאזין איין זון אדער איין איניקיל אזוא זאגט גאט דער האר וזרחה לכם יראי שמי אונ עש וועט שיינען צוא אייך איר וואש פארכט אייך פאר מיין נאמען די זון מיט צדקה אונ זיא וועט אייך היילין מיט אירע פליגל אונ איר וועט ארויש גיין אונ וועט פעט ווערין אזוא וויא די גישטאפטע קעלבער ועסותם רשעים איר וועט צו טרעטין דיא רשעים דאש זייא וועלין זיין אש אונטר די טריט פון אייערע פיס אין דעם טאג וואש איך האב מיר גימאכט צו איין אוצר ׳ אזוא זאגט גאט דער האר זכרו תורת משה עבדי גידיינקט די תורה פון מיין קנעכט משה וואס איך האב אים גיבאטין אין חורב אויף כל ישראל חוקים אונ משפטים הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא נון איך וועל צו אייך שיקין אליהו הנביא איידער עש וועט קומען דער פארכטיגער טאג פון גאט אונ ער וועט פרום מאכין די פאטער מיט די קינדער ׳ דער מדרש בראשית שרייבט גאט וועט אויש ציהען דיא זון פון איר פוטער פאס וואש זיא גייט דרינען אונ עש וועט פאר ברענען דיא רשעים אונ די צדיקים וועלין גהיילט ווערין דורך דער זון ׳ דיא גמרא זאגט אין שבת זכרו תורת משה עבדי רבי לוי זאגט אז גאט האט גיגעבין דיא תורה צו משה אונ משה איז אראפ גיגאנגען פון דעם בארג סיני ׳ איז דער שטן גיקומען אונ האט גיפרעגט צו גאט וואו איז דיא תורה האט גאט אים גיענטפערט איך האב זיא גיגעבין אויף דער ערד ׳ איז ער גיקומען צו דער ערד אונ פרעגט וואו איז די תורה זאגט דיא ערד גאט ווייסט וואו זיא איז ׳ איז ער גיגאנגען צום ים אונ צום תהום אונ צום גיהנם צו זוכין די תורה אונ ער האט זיא ניט גיקענט גיפינען האט גאט צו אים גיזאגט גייא צו משה איז דער שטן גיקומען צו משה אונ זאגט וואו איז די תורה זאגט משה וואש בין איך פאר איין חשוב מען זאל מיר געבין די תורה זאגט גאט צו משה דו זאגסט ליגין האט משה גיענטפערט וויא זאל איך מיך בארימען מיט דער תורה וואש דוא האשט דיך מיט איר אלע טאג גיפרייט אין הימיל אונ איך זאל זאגין דוא האסט זיא מיר גיגעבין האט גאט גיזאגט ווייל דו האסט דיך נידעריג גימאכט דרום זאל דיא תורה ווערין גירופין אויף דיין נאמען אזו וויא אין פסוק שטייט זכרו תורת משה עבדי דער מדרש שוחר טוב שרייבט רבי אבא זאגט ווער עס לערינט תורה ערינסט ווערט דיא תורה גירופין אויף זיין נאמען אזו וויא מיר גיפינען ביי משה דאס ער איז גיוועזן פערציג טעג אונ פערציג נעכט

אויף

אויף דעם בארג סיני אונ האט גילערינט תורה דרום איז דיא תורה ווארין גירופין אויף זיין נאמען תורת משה די גמרא זאגט אין שבת רבי יהושוע בן פזי זאגט פון וועגין רבי יהושע בן לוי פון וועגין בר קפרא דער מענטש וואש איז מקיים דיא דרייא סעודות אום שבת דער וועט ניצול ווערין פון די צרות וואש וועט זיין אין די טעג פון משיח אונ וועט ניצול ווערין פון דעם גיהנם אונ פון דער מלחמה פון גוג ומגוג דר פרקי רבי אליעזר שרייבט רבי יהודה זאגט ווען ישראל וועלין קיין תשובה ניט טאן וועלין זיי ניט דער לייזט ווערין · אונ זיי וועלין אנדערש קיין תשובה ניט טאן סיידין זיי וועלין האבין צרות אונ וועלין קיין פרנסה ניט האבין אונ זייא וועלין אנדערש קיין תשובה ניט טאן סיידין אליהו וועט קומען אזוא וויא אין פסוק שטייט הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא איך וועל אייך שיקין אליהו הנביא אונ דער נאך שטייט · והשיב לב בנים דאש איז טייטש ער וועט זייא מאכין תשובה טאן :

# הפטרת יום ראשון של פסח

ויאמר יהושע אל העם אונ יהושוע האט גיזאגט צום פאלק ברייט אייך אן דען מארגין אז איר וועט איבער פארין דעם ירדן וועט גאט טאן צווישין אייך וואונדער אונ יהושוע האט גיזאגט צו די כהנים טראגט איר דעם ארון פון גאט דען ביז אהער האבין דיא לוים גיטראגין אבער היינט זאלין די כהנים טראגין אונ פארט איבער פר דעם פאלק האבין די כהנים גיטראגין דעם ארון פון גאט אונ זיינען גיגאנגען פאר דעם פאלק ויאמר יי׳ אל יהושע האט גאט גיזאגט צוא יהושוע דעם היינטיגין טאג וועל איך אן הויבין צו גרויס מאכין דיך אין די אויגין פון כל ישראל דאש זייא זאלין וויסין אזו וויא איך בין גיוועזן מיט משה אזו וועל איך זיין מיט דיר דען משה האט גישפאלטין דעם ים אונ דו וועסט שפאלטין דעם ירדן בעת ההיא אמר יי׳ אין דער צייט האט גאט גזאגט צו יהושע מאך דיר שארפע שווערדין אונ קער דיך אום אונ זייא מל די קינדער פון ישראל דאש אנדערע מאל דען אין דער נאכט וואש זייא זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים האבין זייא זיך אלע מל גיוועזן אונ היינט זאלסטו מל זיין די וואש זיינען ווארין גיבארין

אין דער מדבר דען דיא גאנצע פערציג יאר וואש דיא ישראל זיינען גיוועזן אין דער מדבר האבין זיי זיך ניט מל גיוועזן ווייל דער צפון ווינט האט ניט גיווייט אונ ער איז איין גיזונטער ווינט אונ דיא חכמים זאגין שנית מיינט מען פריעה דען ישראל האבין ביז אהער קיין פריעה ניט גיהאט אבער היינט האט זיי גאט גיגעבין דיא מצוה פון פריעה אונ דיא ישראל האבין גינומען די ערלות וואש זיי האבין אפ גישניטין פון זייער לייב אונ האבין פון זיי גמאכט איין גרויסין בארג אונ האבין דאש צו גידעקט מיט אש דאש האט בלעם גיזעהען אונ האט גיזאגט ווער קאן ציילין די מצות פון ישראל וואש זייא טוען מיט דעם אש כלומר מען קען די ישראל ניט טאן ווייל זיי האלטין מצות מילה אזו זיינען זייא אפ גיהיט פון זנות דרום האט גאט זייא ליב אונ דרום האט ער צו בלק איין עצה גיגעבין ער זאל די ישראל מאכין זינדיגין מיט זנות אונ ער האט גימאכט פאלין פיל טויזינט פון ישראל אונ די מצוה פון מילה האבין די ישראל גיהאלטין ביז אין דיא צייטין פון אליהו אבער אין זיינע צייטין האבין די ישראל זיך ניט גיוואלט מל זיין אזו האט ער גישווארין דאש עש זאל ניט גיין קיין טויא אונ קיין רעגין אונ דרום האט איזבל אים גיוואלט הרגנן אונ ער איז אנטלאפין אין דער מדבר צום בארג חורב האט גאט צו אים גזאגט וואש טוסטו דא האט ער גזאגט איך האב גימוזט אנטלויפין ווייל איך האב איין נקמה גיטאן אין ישראל ווייל זייא האלטין ניט קיין מצות מילה האט גאט גיזאגט דוא ביסט אלע צייט זיך מקנא פון מיינט וועגין אין שטים אז די ישראל האבין מזנה גיוועזן אזו האסטו גיהרגת איין נשיא פון ישראל איבער זנות אונ איצונד אז די ישראל ווילין קיין מצות מילה ניט האלטין האשטו אויך אין זייא איין נקמה גיטאן דרום וועסטו זוכה זיין דאס ביי איטליכן ברית מילה זאלין דיא ישראל דיר איין באזונדערע שטול שטעלין · דען אליהו איז גיוועזן פנחס וואש ער האט איין נשיא גיהרגת פון זנות וועגין · אונ ער האט גילעבט פיל הונדערט יאר · אונ דער נאך איז ער לעבעדיגער הייד אין הימיל ארייין אונ פון וועגין די צווייא נקמות וואש ער האט גיטאן דרום האט ער זוכה גיוועזן דאש מען זאל אים איין באזונדערע שטול שטעלין ביי איטליכן

ברית

ברית מילה וזה הדבר אשר מל יהושע אונ דאש זיינען די רייד וואש דורך זייא האט יהושע מל גיוועזן דיא ישראל דען ער האט זייא אין גינומען מיט גוטע רייד כדי זייא זאלין זיך מל זיין אונ האט צו זייא גיזאגט אויב איר ווילט יירשנן דאש לאנד מוזט איר אייך מל זיין דען אויף דעם תנאי האט גאט צו גיזאגט צו אברהם ער זאל געבין דאש לאנד צו זיינע קינדער אויב זייא וועלין זיך מל זיין דרום זאלט איר אייך מל זיין · גאר דאש פאלק וואש זיינען ארויס גיגאנגען פון מצרים די זכרים אלע לייט פון דר מלחמה זיינען גישטארבין אין דער מדבר אין דעם וועג אז זייא זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים · כי מולים היו דען זייא זיינען גיוועזן גימלת גאר דאש פאלק וואש זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים · אונ גאר דאש פאלק וואס זיינען ווארין גיבארין אין דר מדבר · די האבן זיך ניט מל גיוועזן וועיל דער צפון ווינט האט ניט גיווייט די האט יהושע מל גיוועזן אונ זייא זיינען גיזעסין אויף זייער ארט ביז זיי זיינן פאר היילט גיווארין פון דער מילה · ויאמר ה' אל יהושע האט גאט גיזאגט צו יהושע · היינט האב איך אפ גיטאן די חרפה פון מצרים פון אפ אייך · דען די שטערין זעהער פון פרעה האבין גזאגט מיר זעהען איין רויטין שטערין שטיין אנטקעגן ישראל אין דער מדבר אונ דאש באטייט ביז אויף זיי דען ער איז איין סימן אויף דם · אבר היינט אז דיא ישראל האבין זיך מל גיוועזן אונ עש איז פון זייא אפ גיגאנגען בלוט איז דיא חרפה ווארין אפ גיטאן אונ יהושע האט דאם ארט גירופין גלגל ביז אין דעם היינטיגן טאג כלומר די חרפה איז ווארין אפ גיוועלגערט פון ישראל: ויחנו בני ישראל בגלגל אונ די בני ישראל האבין גירועט אין גלגל אונ האבין גימאכט דעם קרבן פסח אין פערצעהן טאג אין חודש · ויאכלו מעבור הארץ אונ זיי האבין גיגעסין פון דר תבואה פון דעם לאנד אין דעם אנדערין טאג פסח דאש איז זעכצעהן טאג אין ניסן וואש מען איז מקריב אין אים דעם עומר אזו האבין זייא פריער מקריב גיוועזן דעם עומר אונ דער נאך האבין זייא גיגעסין פון דער נייער תבואה מצות אונ גיברענטע זאנגען: וישבות המן ממחרת אונ דער מן האט אויף גיהערט אין דעם אנדערן טאג פסח אז זיי האבין גיגעסין פון דר תבואה פון דעם לאנד אונ די ישראל האבין שוין קיין מן ניט גיהאט דרום האבין זייא גיגעסין פון דער תבואה אבר ווען עש זאל גיוועזן זיין נאך מן וואלטין זיי בעסר גיגעסין מן דען ער איז בעסר גיוועזן פון דער תבואה · ויהי בהיות יהושע ביריחו אונ אז יהושע איז גיוועזן אין פלאץ פון יריחו האט ער אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ האט גיזעהען דאש איין מאן שטייט אנטקעגין אים אונ איין בלויזע שווערד איז אין זיין האנט איז יהושע צו אים גיגאנגען אונ האט גיזאגט צו אים · צוא ביסטו גיקומען אונז העלפין · אדער דו בישט גיקומען העלפין צו אונזערע פיינט · האט דער מאן גיזאגט צו יהושע ניט אזו וויא דוא מיינסט דאש איך בין איין מענטש נייערט איך בין איין מלאך אונ איין האר איבער דעם חיל פון גאט דאש זיינען די ישראל אונ דאש איז גיוועזן דער מלאך מיכאל איך בין היינט גיקומען צו העלפין אייך איין צו נעמען די שטאט יריחו דען קיין מענטש קאן זיא ניט איין נעמען איז יהושע גיפאלין אויף זיין פנים צו דער ערד אונ האט זיך גיבוקט אונ האט צו אים גזאגט וואש רעט מיין האר צו זיין קנעכט האט דער מלאך צו אים גיזאגט ציא אפ דיינע שיך פון דיינע פים ווארום דאש ארט וואש דו שטייסט דרויף איז הייליג האט יהושע אזו גטאן · אונ די שטאט יריחו איז גוועזן פר שלאסן פר ישראל · עם האט ניט גקענט קיינר ארויס גיין אונ ארין קומען:

# הפטרת יום שני של פסח

וישלח המלך יאשיהו אונ דער מלך יאשיהו האט גישיקט אונ האט איין גיזאמילט צו זיך אלע זקנים פון יהודה אונ ירושלים אונ דר מלך איז גיגאנגן אין בית המקדש אונ אויך די כהנים אונ דיא נביאים · אונ גאר דאש פאלק פון קליין ביז גרויש אונ ער האט פר זיי גיליינט די ספר תורה אין בית המקדש · אונ דער מלך איז גישטאנן אויף דר בימה אונ האט גימאכט איין ברית אונ איין שבועה מיט ישראל דאש זייא זאלין גיין אין גאטס וועגין מיט דעם גאנצין הארצין ויצו המלך את חלקיהו אונ דער מלך האט גיבאטין צו חלקיה כהן גדול אונ צו די אנדערע כהנים וואש זיינען מיט אים גיוועזן אונ צו דיא הארין וואש זיינען גיזעצט אין ב"ה צוא אויש ציהען אלע כלים וואש זיינן ווארין גמאכט

צו דער עבודת כוכבים און מען זאל זייא פאר ברענן חוץ דער שטאט אין דעם טאל קדרון און מען זאל דאש אש טראגין אין בית אל וואש דארטין איז גיוועזן זייער עיקר עבודת כוכבים און מען זאל פר שטערין די מענטשין און די כומרים וואש האבן באדינט צוא דער עבודת כוכבים און זייא האבין אויש גיצויגין דעם לינדין בוים וואש איז גיוועזן אין בית המקדש און מען האט אים פאר ברענט חוץ דר שטאט און מען האט דאש אש גיווארפין אויף די קברים פון דיא מענטשין וואש האבין צו אים גידינט און מען האט צוא שטויסין אלע הייזער וואש מען האט דרינען עבודת כוכבים גידינט און די ווייבר וואש האבין גיוועבט אום הייגען צוא דעם לינדין בוים דאש אלץ האט מען גימאכט פר לירין ויבא את כל הכהנים און דר מלך האט גיבראכט אלע כהנים פון דעם לאנד יהודה צו מטמא זיין אלע מזבחות פון זייערע עבודת כוכבים און מען האט אהין גיווארפין אלע נבילות און טריפות צו ווייזן דאש זייער עבודת כוכבים איז טמא: אך לא יעלו כהני הבמות און אלע כהנים וואש האבין מקריב גיוועזן אויף דיא במות צוא דר אפ גאט די האט דער מלך ניט גלאזט מקריב זיין אין בית המקדש צו גאט גלייך וויא זיי האבין איין מום׳ אבר איין חלק האבין זייא גיטמן אין דיא קרבנות גלייך מיט אלע כהנים׳ ויצו המלך און דער מלך האט גיבאטין מען זאל מאכין איין קרבן פסח צוא גאט אזו וויא עש שטייט אין דר תורה דען די ישראל האבין שוין איין לאנגע צייט קיין קרבן פסח ניט גיבראכט נאר אין דעם אכצעהנטין יאר צום מלך יאשיהו האבין זיי גיבראכט איין קרבן פסח און אלע עבודת כוכבים און אלע בילדער וואש איז גיוועזן אין לאנד יהודה און אין ירושלים האט דר מלך אויש גיראמט כדי ער זאל די תורה האלטין׳ וכמוהו לא היה לפניו מלך און אזא איין מלך וויא יאשיהו איז גיוועזן איז ניט גיוועזן פר אים און ניט נאך אים אשר שב אל יי׳ וואש ער האט תשובה גיטאן צוא גאט מיט זיין גאנצין הארצין דען ער איז פריער שלעכט גיוועזן און אטייל חכמים זאגן ער איז אלע זיינע צייטין איין צדיק גיוועזן ער איז קיין מאל ניט שלעכט גיוועזן און וואש דען איז דער טייטש אשר שב אל יי׳ דאש מיינט מען דיא אלע דינים וואש יאשיהו האט גיפסקנת פון דעם מאל אן אז ער איז מלך גיווארין ביז ער איז אלט גיווארין אכצעהן יאר האט ער איטליכין געלט אום גיקערט פון זיין בייטיל וייל ער האט מורא גיהאט טאמער האט ער ניט רעכט גיפסקנת פון דאנען זאל מען אפ לערנן מען זאל רעכט משפטן דען משיח וועט קומן פון וועגן רעכט משפט אמן:

# הפטרת שבת חול המועד של פסח

כה אמר יי׳ אזו זאגט גאט דר האר נאך מער וועל איך ווערן איבר גיבעטן צו ישראל דורך זייער תפלה דאש איך וועל זיי מערין אזו ווי די שאף וואש מען ברייננגט קיין ירושלים צו מקריב זיין אין די רגלים דריי מאל אין יאר אזו וועלן זיין די ווישטע שטעט פול מיט שאף און מיט מענטשן און זיי וועלין ווישין דאש איך בין גאט׳ זאגט יחזקאל׳ היתה עלי יד יי׳ עש איז גיוועזן אויף מיר די נבואה פון גאט און דר ווילין פון גאט האט מיך ארויש גיצויגין און האט מיך גיבראכט אין איין פעלד פול מיט ביינער די ביינר זיינן גוועזן פון די לייט פון שבט אפרים וואש זיינן ארויש גיגאנגן פר דר צייט פון מצרים האבין זיי די לייט פון גת גיהרגת און ער האט מיך ארום גיפירט ארום די ביינר׳ וייל יחזקאל איז איין כהן גוועזן דרום האט ער ניט גיטארט גיין אויף די ביינער און גאט האט צו מיר גיזאגט דו בן אדם וועלין לעבעדיג ווערין דיא דאזיגע ביינער האב איך יחזקאל גזאגט גאט דר האר דו ווייסט: ויאמר אלי הנבא על העצמות האלה האט גאט צו מיר גזאגט זאג נביאות אויף די ביינר׳ און זאלשט צוא זיי זאגן איר דארע ביינר הערט צו די רייד פון גאט אזו האט גאט גיזאגט צו די ביינר איך וועל אין אייך ברייננגן איין רוח און איר וועט לעבעדיג ווערין ונתתי עליכם גידים און איך וועל אויף אייך געבין אדערין און פלייש און הויט און וועל אייך געבין איין רוח און איר וועט לעבעדיג ווערין און וועט ווישין דאש איך בין גאט און בייא איוב שטייט דאש ער האט פריער גיזאגט דו האשט מיך אן גיקלייד מיט הויט און פלייש און דר נאך שטייט דו האשט מיך ניטאן ארום רינגלען מיט ביינר און אדערן נאר דר תירוץ איז איוב האט גאט גילויבט דרויף וואש ער באשאפט דעם מענטשין אין זיין מוטערש לייב אזו באשאפט גאט פריער דיא הויט און דאש

פלייש

פליש און דר נאך ביינר און אדרין אבר דיא ביינר פון יחזקאל זיינן גלייך וויא איין מענטש וואש טוט אויש זיינע קליידר איז דאש קלייד וואש ער טוט אויש צום הינטערשטין דאש טוט ער אן צום ערשטין אזו אויך דר מענטש וואש פוילט אין דר ערד ווערט פריער פר פוילט די הויט און דר נאך דאש פליש און דר נאך דיא אדערין דרום ווען זייא ווערין לעבעדיג ווערט אויף זייא פריער דיא אדערין און דער נאך דאש פליש און דער נאך דיא הויט וְנִבֵּאתִי כַּאֲשֶׁר צֻוֵּיתִי און איך האב נביאות גיזאגט אזוא וויא איך בין ווארין גיבאטין און עש איז גיווארין איין קול אז איך האב נביאות גיזאגט און איין רעש דאש דיא ביינער האבין גיקלאפט איינר אין דעם אנדערין און זיי האבן גינעהענט די ביינר איינר צום אנדערין אזו וויא זיי זיינן גיוועזן אז זיי זיינן באשאפין גיווארן און איך האב גיזעהן אויף זייא אדערין און עש איז אויף גיגאנגען אויף זייא פליש און הויט ׳ און קיין רוח איז ניט גיוועזן אין זיי האט גאט צוא מיר גיזאגט זאג נביאות אזו האט גאט גיזאגט פון אלע פיר זייטין פון דר וועלט זאלן די נשמות פון די ביינר ארייז קומען אין די ביינר און איך האב נביאות גיזאגט אזוא וויא גאט האט מיך גיבאטין און עש איז אין זיי גיקומען דר רוח און זיי זיינן ווארן לעבעדיג און זיינן אויף גישטאנען אויף זייערע פיס איין גרויש חיל האט גאט צוא מיר גיזאגט דיא דאזיגע ביינר זיינן איין סימן נאר אויף דעם הויז גיזינט פון ישראל אין גלות וואש זיי זאגין עש איז ווארין פר דארט אונזרע ביינר עש איז ווארין פר לארין אונזר האפונג מיר זיינן שוין ווארין פר שניטן דאש האט גאט מיט דיא ביינר גיוויזין דאש ער וועט ישראל לעבעדיג מאכין אין דיא טעג פון משיח דרום זאג נביאות און זאלשט זאגין צו זיי אזו האט גאט דר האר גיזאגט איך וועל עפענן אייערע קברים. און וועל אייך אויף ברייגגן פון אייערע קברים און וועל אייך ברייגגן קיין ארץ ישראל און איר וועט ווישין דאש איך בין גאט ׳ פון דעם פסוק קען מען אפ לערנען אזוא וויא דיא חכמים וואש זאגין דיא מתים פון חוצה לארץ וועלן זיך ניט קייקלן אונטר דר ערד אז משיח וועט קומען נייערט זייא וועלין אויף שטיין אין זייערע קברים און וועלן קומען קיין ארץ ישראל אזוא וויא דא אין פסוק שטייט וְהַעֲלֵיתִי אֶתְכֶם מִקִּבְרוֹתֵיכֶם עַמִּי וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל אַדְמַת יִשְׂרָאֵל איך וועל אייך אויף ברייגגן פון אייערע קברים און וועל אייך ברייגגן קיין ארץ ישראל און איר וועט ווישין דאש איך בין גאט און איך וועל אייך געבין איין רוח און איר וועט לעבין און איר וועט ווישין דאש איך גאט האב דאש גזאגט און גטאן דר פרקי רבי אליעזר שרייבט דיא הרוגים זיינען גיוועזן וואש נבוכדנצר האט גיהרגת דען ער האט גימאכט איין בילד און האט גיזאגט ווער עש וועט זיך ניט בוקן צום בילד זאל ווערין פאר ברענט אין פייער האבין זיך די ישראל גיבוקט צו אים ׳ חנניה מישאל ועזריה האבין זיך ניט גיוואלט בוקין צום בילד האט מען זייא ארייז גיווארפין אין פייער איז גיקומען מיכאל און האט זייא מציל גיוועזן פון דעם פייער האט נבוכדנצר גיזאגט צו ישראל איר האט גיוואוסט דאש איר האט אזוא איין גאט וואש קען אייך מציל זיין פון דעם פייער און איר האט זיך גיבוקט צוא דר בילד וואש נישט איז אזו באלד האט ער זיי גיהרגת און צוואנציג יאר נאך דעם האט זיי יחזקאל לעבעדג גימאכט און וויל יחזקאל האט ניט גיגלויבט דאש זיי וועלין ווידער לעבעדיג ווערן דען אז גאט האט אים גיפרעגט וועלין לעבעדיג ווערין די ביינר האט יחזקאל גיזאגט דוא גאט ווייִשט דאך כלומר איך גלויב דאש ניט דרום איז ער גישטראפט גיווארין דאש ער איז ניט בגראבן גיווארין אין ארץ ישראל און די הרוגים זייגען גיוועזן זעכציג מאל צעהן טויזינט אזו פיל וויא עש זיינען ארויש גיגאנגן פון מצרים און זייא זיינן אלע אויף גישטאנן נאר איין מענטש איז איבר גיבליבן דאש ער איז ניט לעבעדג גיווארן האט יחזקאל גיפרעגט צו גאט ווארום ווערט דר מענטש ניט לעבעדיג האט גאט גזאגט ער האט בייא זיין לעבן ריבית גינומן דרום ווערט ער ניט לעבעדיג וויא אנדרע ישראל און דאש האט גאט גיוויזין דאש דר וואש נעמט ריבית דר וועט ניט אויף שטיין אין די טעג פון משיח דען עש איז איין גרוישע עבירה צוא נעמען ריבית דער ספר חסידים שרייבט עש שטייט אין דער תורה מען זאל ניט נעמען קיין ריבית נאהינט דר ביי דאש מען זאל ניט ברייגגען אין בית המקדש דיא גאב וואש מען גיט צוא

אײן זונה פר איר שכר צו װײזין דאש דר װאס נעמט ריבית אונ װיל דר פר קויפין מצות צוא ברײנגן אײן קרבן אין בית המקדש איז גלײך װיא ער ברײנגט די גאב פון אײן זונה די גמרא זאגט אין סנהדרין די מתים זײנן אויף גישטאנן אונ האבן שירה גיזאגט יי׳ ממית ומחיה גאט טײט אונ מאכט װידר לעבעדיג מיט זײן חסד אונ זײ האבין װײבר גינומן אונ האבין קינדר׃ גיהאט אין ארץ ישראל׃ רבי יהודה בן בתירה זאגט איך בין פון זײא ארויש גיקומען׃

הפטרת שביעי של פסח גיפינט מען נאך פרשת האזינו וידבר דוד׃

## הפטרת יום אחרון של פסח

דיא הפטורה זאגט מען דרום אום פסח װײל אין דער הפטורה שטײט װיא גאט האט דער שלאגין דאש חיל פון סנחריב אונ װיא משיח װעט קומען אונ די מעשׂה פון סנחריב איז גישעהן אום פסח אונ משיח װעט אויך קומען אום פסח אונ װעט אונז טאן נסים אמן׃

עוד היום בנוב לעמוד סנחריב דר מלך פון אשור האט גימאכט מידען זײן חיל צו גײן דעם װעג װאש זײ האבין גידארפט גײן אין עלף טעג זײנען זײ גיגאנגען אין אײן טאג דען די שטערן זעהר האבין אים גיזאגט אז דו װעשט הײנטיגן טאג ניט מלחמה האלטין אויף ירושלים װעשטו זיא ניט אײן נעמען אונ אז ער איז גיקומן קײן נוב װאש דאש איז נאהינט גיװען פון ירושלים אונ ער האט גיזעהן דאש ירושלים איז קלײן האט ער ניט גיפרעגט אויף די שטערן זעהער אונ האט אויף גיהויבין דיא האנט מיט גאוה אנטקעגין ירושלים אונ זאגט אויף אזו אײן שטאט האב איך גימאכט שטורימן די דאזיגע חילות לאמיר בעסער דא איבער נעכטיגן אונ מארגין װעט איטליכער פון אונז אין איר ארײן װארפין אײן שטײן װעט זיא פול װערין מיט שטײנער אבער עש איז ניט גיװען אזוא װיא ער האט גיזאגט נײערט הנה האדון יי׳ צבאות גאט דר האר איבער חילות האט אפ גיהאקט דיא בעסטע צװײגין פון זײנע בוימר אונ האט זײנע הויכע בוימר אפ גיהאקט דאש מײנט מען זײנע מלכים אונ שׂרים אונ זײנע גבורים זײנן װארין גיטײט אין אײן נאכט והלבנון באדיר יפול אונ דר װאלד דאש מײנט מען דאש פיל חיל פון סנחרב װעלין פאלין דורך אײן שטארקין מלאך דאש ער װעט זײ ארײן בלאזין אײן פײעריגן פארים אין זײער נאז אונ זײא װעלין פאר ברענט װערין דאש זאגט דער פסוק איר ישׂראל װעט װעלין זאגין דאש איז אײן טרײסטונג צוא חזקיהו אונ צו זײן פאלק דאש זײ װעלין ניט פאלין אין דר האנט פון סנחרב װאש װעט אבער דער סוף זײן פון די ישׂראל װאש סנחרב האט פר טריבן קײן לחלח וחבור זאגט דר פסוק דר סוף װעט זײן דאש משיח װעט קומען אונ װעט זײ אויש לײזין ויצא חוטר מגזע ישי אונ עש װעט ארויש גײן אײן שטעקין פון דעם װארציל פון דוד בן ישי אונ אײן צװײג פון זײנע װארצלען װעט בליען דאש מײנט מען דער מלך המשיח װאש ער װעט ארויש קומן פון דוד בן ישי ונחה עליו רוח יי׳ אונ עש װעט אויף אים רוען אײן רוח נבואה פון גאט אונ אײן רוח פון חכמה אונ פר שטאנד אונ אײן רוח פון גוטע עצות אונ פון שטארקײט אונ פון װישין שאפט אונ פון גאטש פארכט אונ ער װעט דר פילט װערין דורך גאטש פארכט אונ ער װעט ניט משפטין דורך דעם זעהן מיט זײנע אויגין אונ דורך דעם הערין מיט זײנע אויערין נײערט דורך גאטש חכמה װעט ער פר שטײן װער עש איז גירעכט אונ װער עש איז אום גירעכט אונ ער װעט משפטין מיט גירעכטיקײט דיא ארימע לײט אונ ער װעט שטראפין מיט װײכע רײד צו די גוטע פון דעם לאנד אונ ער װעט שלאגין די רשעים פון דער ערד מיט דר רײד פון זײן מויל דאש ער װעט זײ שילטין אונ זײ װעלין שטארבן וגר זאב עם כבש אונ אין די טעג פון משיח װעט זײן גרויש שלום אויף דר װעלט דאש עש װעט װאוגן אײן װאלף מיט אײן שאף אונ דער װאלף װעט ניט אויף עסין די שאף אונ אלעמפערט װעט הויערין אונ רוען מיט אציקעלע אונ װעט דאש ניט. אויף עסין אונ אײן קאלב אונ אײנגער לײב אונ אײן פעטער אקס װעלין רוען אין אײנעם אונ אײן קלײן קינד װעט זײא פירין אונ זײ װעלין דאש קינד ניט מזיק זײן אונ אײן קוא מיט אײן בער װעלין זיך פאשין אין גראז דאש דר בער װעט שוין מער ניט פאר צוקין קײן בהמות נאר ער װעט עסין גראז אזו װיא אײן קוא אונ זײ װעלן בײ אנאנדער מאכין רוען זײערע קינדער אונ װעלין קײן מורא ניט האבין אײנער פאר דעם אנדערין אונ אײן לײב װעט עסין שטרויא אזו װיא אײן רינד אונ װעט מער קײן בהמות ניט

פאר

פאר צוקין זיי ווערין ניט טאן קיין שלעכץ אונ ווערין ניט פאר דארבין אין מיין גאנצין הייליגן בארג דען עס וועט פול ווערין דאס לאנד צו ווישין גאט גלייך אזו וויא דאס וואשער דעקט צוא דעם ים אונ מאכט אים פול והיה ביום ההוא אונ עס וועט זיין אין דעם טאג וועט זיין דער ווארציל פון ישי דאס מיינט מען דער מלך המשיח וואס ער קומט ארויס פון ישי וועט ער זיין איין פענדיל צו די פעלקר דאס אזו וויא אין איין מלחמה גייען אלע נאך דעם פענדיל אזו ווערין אלע פעלקר פארשטין צו נאך גיין נאך דעם מלך המשיח אונ זיין רואונג וועט זיין מיט כבוד ׳ והיה ביום ההוא אונ עס וועט זיין אין דעם טאג פון משיח וועט גאט מערין דאס אנדערע מאל זיין האנט צו קויפין אונ צו אויס לייזין דאס איבער בלייבונג פון זיין פאלק איין רעכט אויס לייזונג גלייך וויא ער האט זיי אויס גילייזט פון מצרים אונ ער וועט אויס לייזין די וואס ווערין איבער בלייבין פון אשור אונ פון מצרים אונ פון אלע עובדי כוכבים אונ גאט וועט אויף הויבין איין פענדיל צו די פעלקער פון איין סימן וועגין דאס זיי זאלין די ישראל פאר איין מתנה ברייננגען צו גאט אונ ער וועט איין זאמלין די ישראל פון די פיר זייטין פון דר וועלט אונ עס וועט ווערין אפ גיטאן די קנאה אונ שנאה וואס איז פריער גיוועזין צווישין ישראל ועפו בכתף אונ אפרים מיט יהודה ווערין באנאנד לויפין צו דיא פלשתים וואס זיצין אין מערב זייט פון ארץ ישראל אונ זיי ווערין איין נעמין זייער לאנד אונ צו מואב ווערין די ישראל בארויבין אונ די בני עמון ווערין פאלגין די ישראל וואס זייא ווערין זייא זאגין והחרים יי׳ את לשון ים מצרים אונ גאט וועט אויס טריקענן דעם שטראם פון דעם ים פון מצרים כדי די ישראל וואס זיינען פאר טריבין אין מצרים זאלין דורך דעם ים איבער פארין קיין ארץ ישראל אונ ער וועט אויף הויבן זיין שלאק אויף דעם טייך פרת מיט איין שטארקן ווינט אונ וועט דעם טייך שלאגין אויף זיבין טייכין צו מאכין אין אים זיבין וועגן צו ישראל והיתה מסלה לשאר עמו אונ עס וועט זיין איין וועג אין דעם טייך פרת צו דעם איבר בלייבונג פון אשור אזוא וויא עס איז גיוועזין איין וועג צו ישראל אין ים סוף אין דעם טאג וואס זיי זיינן ארויס גיגאנגען פון מצרים ואמרת ביום ההוא אונ דו ישראל וועשט זאגין אין דעם טאג איך טוא דיך גאט לויבין וואס דוא האשט אויף מיר גיצערינט אונ האשט מיך פאר טריבן אין גלות דען דורך דעם איז ווארין פאר געבין מיינע עבירות אונ איצונד לאז דיך אפ קערין דיין צארין פון מיר אונ דו זאלשט מיך טרייסטן אונ אז די גאולה וועט זיין וועט איר זאגין הנה אל ישועתי גאט איז מיין הילף איך טוא מיך אין אים פאר זיכערין אונ האב פאר קיינעם קיין מורא ניט דאס שטארקייט אונ דאס לויבונג פון גאט איז גיוועזן צו מיר צו איין הילף ושאבתם מים בששון אונ איר וועט שעפין וואשער מיט פרייד פון די קוואלין פון הילף כלומר עס וועט צו אייך אנטפלעקט ווערין נייע סודות אין דר תורה ווייל אייער שכל וועט גרעשער ווערין דורך דר הילף פון גאט ואמרת ביום ההוא הודו ליי׳ אונ איר וועט זאגין אין דעם טאג איינער צום אנדערין לויבט צו גאט רופט אין זיין נאמן זייט מודיע זיינע מעשים דר מאנט אים צו לויב דען זיין נאמען איז שטארק לויבט צו גאט דען ער האט גיטאן גרוישע זאכין אונ זיין גרוישקייט איז ווארין גיוואושט אין דער גאנצער וועלט צהלי ורני יושבת ציון קלינג מיט דיין קול אונ זינג דו זיצערין פון דר שטאט ציון דאס מיינט מען דיא ישראל ׳ דען דער גרוישער גאט אונ דער הייליגער גאט פון ישראל רועט אין דיר׃

## הפטרת יום ראשון של שבועות

ויהי בשלשים שנה זאגט יחזקאל עס איז גיוועזן דרייסיג יאר אין יובל אין פערטין חודש דאס איז תמוז ׳ בין איך גיוועזן אין גלות ביא דעם טייך כבר אונ האב גיזעהען די נבואה פון גאט היה דבר יי׳ עס איז גיוועזן די רייד פון גאט צו יחזקאל בן בוזי הכהן אין לאנד כשדים ביי דעם טייך כבר ׳ אונ איך האב גיזעהען וויא עס איז גיקומן איין שטורעם ווינט פון צפון זייט אונ איין גרויסער וואלקין אונ איין פייער האט גיברענט אין דעם וואלקין אונ איין ליכט איז גיוועזן ארום דעם וואלקין אונ אין דעם פייער איז גיוועזן איין מלאך וואס הייסט חשמל ׳ אונ איין גישטאלט פון פיר חיות איז דרינען ווארין גיזעהען אונ צו זיי איז גיוועזן איין גישטאלט פון איין מענטשין אונ פון איין לייב אונ פון איין אקס אונ פון איין אדלער אונ פיר פנים איז צו



איין

איין חיה אונ פיר פליגיל איז צו איין חיה אונ זייערע פיס זיינען גלייך אן איין גליד אונ דיא טריט פון זייערע פיס זיינען קיילכדיגע · אונ זיי פינקלען אזו וויא גיליטערטע קופר אונ זייערע פליגיל זיינען פאר שפרייט פון איין חיה צו דר אנדערער · אונ ווען זיי ווילין גיין דארפין זייא זיך ניט אום קערין דען זייא האבין איין פנים אויף אלע פיר זייטין אויף וועלכער זייט זייא ווילין גיין אונ אלע פיר חיות האבין איין פנים פון איין מענטשין אונ פון איין לייב אויף דער רעכטער זייט אונ איין פנים פון איין אקס אויף דר לינקר זייט אונ איין פנים פון איין אדלער אונ זייערע פליגיל זיינען פאר שפרייט איבער זייערע פעניטר איטליכר דעקט צו דעם פנים מיט צווייא פליגיל אונ מיט צוויי פליגיל דעקט ער צו דעם גוף · אונ דאש גישטאלט פון דיא חיות איז אזו וויא ברענינדיגע קוילין אונ אזוא וויא איין בראנד גייט צווישין די חיות אונ איין בליץ גייט ארויש פון דעם פייער אונ די חיות לויפין אהין אונ הער אזו וויא איין בליץ אונ איך יחזקאל האב גיזעהען רעדר ביי איטליכר חיה אונ זיי האבין איין גישטאלט פון קריסטאל אונ די רעדר זיינען טאפיל איין ראד אין דער אנדערער אונ זיי האבין איין רוקין אונ איין הויך אונ שטייען מיט מורא אונ זייער רוקין איז פול מיט אויגין כדי זיי זאלין קענען זעהען אויף אלע פיר זייטין אונ אז די חיות גייען גייען די רעדער מיט זיי דען דר רוח פון די חיות איז אין די רעדער אונ איבער די קעפ פון די חיות איז איין הימיל מיט איין גישטאלט פון ווייס אייז איז פאר שפרייט איבער זייערע קעפ פון אויבין אונ אונטער דעם הימיל זיינען זייערע פליגיל באהעפט פון איין חיה צו דר אנדערער ואשמע את קול כנפיהם אונ איך האב גיהערט דאש קול פון זייערע פליגיל איז אזוא שטארק גיוועזן אזו וויא דאש קול פון פיל וואשער אונ אזו וויא דאש קול פון דעם אלמאכטיגין גאט אונ דאש קול איז גיגאנגען פון דעם הימיל וואש אויף זייערע קעפ איז אונ אז זיי בלייבין שטיל לאזין זיי אפ זייערע פליגיל אונ העכר פון דעם הימיל איז איין גישטאלט פון איין שטול פון איין אבן טוב וואש הייסט ספיר אונ אויף דר שטול איז איין גישטאלט פון איין מענטשין אונ איין ווינט האט מיך אויף גיהויבין אונ איך האב גיהערט

איין קול האט גיזאגט ברוך כבוד יי ממקומו דער תנחומא שרייבט דא שטייט גישריבין פיר פליגיל איז צו איין חיה אונ איין אנדערר פסוק שטייט גישריבין דאש זעקס פליגיל איז צו איין חיה רבי יעקב בן זבדא זאגט פון וועגן רבי אבוהו דאש גאט האט צו איטליכער חיה גמאכט נאך צווייא פליגיל נאך דעם אז דיא ישראל האבין דאש עגל גימאכט דען די חיות אונ מלאכים האבין פיס וויא איין קאלב דרום האט גאט פון וועגין דעם ליבשאפט פון ישראל נאך צווייא פליגיל גימאכט צוא צו דעקין זייערע פיס דאש די עבירה פון דעם עגל זאל ניט גידאכט ווערן פאר גאט די גמרא זאגט אין ברכות רבי יוסי בן חנינא זאגט פון וועגין רבי אליעזר בן יעקב דר וואש שטייט שמונה עשרה זאל זיינע פיס ביי אנאנדער שטעלין אזו וויא מלאכים טוען דאש עש שטייט ביי זיי ורגליהם רגל ישרה עש שטייט אין פסוק קרוב יי לכל קוראיו גאט איז נאהינט צו אלע דיא וואש רופין אים רבי לוי זאגט פון דר ערד ביז אין הימיל איז פינף הונדערט יאר גאנג אונ איטליכער הימיל איז גראב פינף הונדערט יאר גאנג אונ צווישין איטליכין הימל איז אויך פינף הונדערט יאר גאנג ביז אין זיבעטין הימיל וואש דרויף זיצט גאט אונ איז דאך נאהינט צו הערן צו דעם וואש טוט צו אים תפלה רבי ברכיה זאגט די טריט פון די חיות איז אויך הויך פינף הונדערט אונ פופצעהן יאר אזו וויא דאש ווארט ישרה האט אין דר צאל:

## הפטרת יום שני של שבועות

ויי בהיכל קדשו גאט אין זיין הייליגין היכל איז אן ניברייט צו גיצאלט ווערין פון די רשעים אונ עש וועט שטיל ווערין פאר אים די גאנצע וועלט דאש זיא וועט חרוב ווערין תפלה לחבקוק הנביא על שגיונות חבקוק הנביא האט תפלה גיטאן אויף דעם וואש ער האט גיזינדיגט אנטקעגין גאט אונ האט גירעט אויף דעם מדת הדין אונ אזו האט ער גיזאגט יי שמעתי שמעך יראתי דו גאט איך האב גיהערט פון לאנג דיין הערונג דאש דו נעמשט גיצאלט פון די וואש דער צערגען דיך אונ פון דער אומה ישמעאל טושטו אזו לאנג ליידין דרום האב איך מיך גיפארכטן דאש דר מדת הדין ווערט חס ושלום פאר ענדערט איבר די עבירות פון ישראל דיין שטראף

שטראף וואש דו פלעגשט לאנג שטראפין די רשעים זאלסטו זיי דער וועקין אין די היינטיגע יארין וואש מיר זיינען אין איין צרה · אונ אין דעם רוגז וואש דוא ועסט צערענן אויף דיא רשעים די עובדי כוכבים זאלשטו דיא ישראל דער מאנען צו גוטין · דער מדרש זאגט רחם האט אין דער צאל וויא אברהם דאש זאגט דר פסוק ברוגז רחם תזכור אין דיין כעס זאלשטו דר מאנען דעם זכות פון אברהם צו דער בארימן זיך איבער אונז · אלוה מתימן יבא דאש טוט דר נביא דער מאנען די ערשטע מעשים פון גאט דאש ער זאל דער וועקין דאש ליבשאפט פון ישראל אונ דאש פורעניות פון די רשעים די עובדי כוכבים אונ ער זאגט גאט איז גיקומען פון דרום זייט כלומר פון עשו וואש ער וואונט אין דרום זייט אונ דר היילגער גאט איז גיקומן פון דעם בארג פארן וואם דארט זיצט ישמעאל אונ האט זייא גיוואלט געבין דיא תורה אבער זייא האבין ניט גיוואלט זיא צוא נעמען אזוא האט דר הימל צו גידעקט מיט גאטש שיינקייט צו ישראל בייא דעם בארג סיני · אונ גאטש לויב איז פול גיוועזן די גאנצע וועלט אונ איין ליכט איז גיוועזן אזו וויא דיא ליכט פון ששת ימי בראשית איין שיינדיגע ליכט פון גאטש האנט איז גוועזן צו ישראל אונ ער האט אנפלעקט זיין שטארקע שכינה וואש זיא איז גיוועזן פאר בארגין ביז אין דער צייט וואש ער האט דיא תורה גיגעבן · לפניו ילך דבר אז גאט האט גוואלט געבין די תורה צו ישראל האט ער פאר טריבן דעם מלאך המות ער זאל ניט מקטרג זיין אויף ישראל צו זאגין וויא ווילשטו געבין די תורה צו ישראל זיי וועלין דאש עגל מאכן נאך פערציג טאג נאר ברענעדיגע מלאכים זיינען מיט אים גיוועזן אויף דעם בארג סיני עמד וימודד ארץ ער האט גיווארט צו דעם דור המבול אונ האט זיי גישטראפט מדה כנגד מדה דען זייא האבין גיזינדיגט מיט זנות וואש זיא איז הייש אונ ער האט זייא גישטראפט מיט היישע וואשער פון דעם הימיל אונ ער האט גיזעהען דעם דור הפלגה דאש דורך דעם וואש זייא זיינען אין איין לשון גיוועזן דורך דעם האבין זיי איין עצה גיהאלטין צו בויען איין מגדל אונ צו מורד זיין אין גאט דרום האט ער זייא צו שפרייט אויף שבעים לשונות אונ זיי זיינן צו שפרייט גווארן

די שרים פון די עובדי כוכבים אין די הויך פון דער וועלט תחת און ראיתי אהלי כושן אז ישראל האבין גיזינדיגט האב איך גיזעהען אויף דיא גיצעלטין פון כושן דאש זיי פאר דארבין דיא ישראל · אונ אז ישראל זיינען וואָרין אונטער טעניג אונ האבין תשובה גיטאן האבין גצעטערט די יריעות פון מדין דאש דו האשט די ישראל פון זיי גיהאלפין דורך גדעון בן יואש · הבנהרים חרה יי אין זייערע שרים וואש זיינען פיל וויא די וואשער פון דעם טייך האט גאט גיצערינט · אונ אז וויא דער ים האשטו זיי גילאזט וויסין דיין גבורה דאש דוא האשט אנפלעקט דיין שכינה · אונ דיינע רייט וועגין איז גיוועזן צו ישראל איין הילף · עריה תעור קשתך עש איז וואָרין אנפלעקט דיין גבורה · די שבועה וואם דו האשט גישווארין צו די שבטים דאש איז איין זאג וואש האט איין קיום ביז אייביג · דו האשט זיי גישפאלטין איין שטיין אונ עש איז פון אים גיגאנגען טייכין וואשער וואש האבין פאר פלייצט די ערד · ראוך יחילו הרים זיי האבן דיך דער זעהען די בערג פון ארנון זיינען זייא וואָרין באהעפט איינער צום אנדערין · דיא שטראם וואשער פון דעם ירדן זיינען אראפ גיגאנגען אז ישראל זיינען אים איבער גיפארין אזו איז די אונטערשטע וואשער אפ גילאפין אונ דיא אויבערשטע וואשער איז גיבליבן שטיין אונ די ישראל זיינען אין אים טרוקן איבר גיפארין אלע זיצער פון דער ערד האבין גאט גילויבט די תיילות פון דעם הימיל האבין גאט גילויבט די זון אונ די לבנה זיינען גיבליבן שטיין אין זייער וואונונג דען ביי דער מלחמה פון גבעון האט יהושע גמאכט שטיין די זון אין גבעון אונ די לבנה האט ער גמאכט שטיין אין עמק אילון צו דער ליכט פון דיינע פיילין זיינן דיא ישראל גיגאנגן · צו דער ליכט פון דער גלאנץ פון דיין שווערד · מיט צארין טושטו טרעטין אויף דער ערד מיט גרים צארין טושטו צו טרעטין דיא עובדי כוכבים דו בישט ארויש גיגאנגען צו דר הילף פון דיין פאלק צו העלפין דיינע גיזאלבטע מלכים שאול אונ דוד דוא האשט צו וואגרין דעם עלצטין פון דעם הויז גיזינד פון דעם רשע אונ האשט צו ווארפין די הויכע מויערין פון דיא עובדי כוכבים אונ האשט אנפלעקט זייער אפ גרונט · נקבת במטיו ראש פרזיו דוא האשט גילעבער

גילעכערט מיט די שטעקין פון סנחרב וואש ער איז גיקומען מיך ישראל צו שלאגין מיט זייא האשטו גילעכערט דיא הויבט הארין פון זיינע אפינע שטעט זייא האבין גישטורעמט צו פאר שפרייטין מיך · אונ האבין גיוואלט אויף עסין די ישראל וואש הייסין עם עני אין דער פאר בארגעניש · דו האשט גמאכט טרעטין אין דעם חיל פון סנחרב וואס איז גיוועזן אזו פיל וויא זאמד פון דעם ים אונ האשט גימאכט טרעטין מיט דיינע פערד אין הויפין פון פיל וואסר שמעתי ותרגז בטני זאגט בבל איך האב גיהערט דעם דין וואש גאט האט גיטאן אין מצרים אזו טוט מיין בויך ציטערין פון וועגין דעם קול וואש איך האב גיהערט טוען מיינע לעפצין קלינגען איינש אין דעם אנדערין פר גרויש ציטערניש · עש טוט קומען איין פוילונג אין מיינע ביינר אונ אויף מיין ארט טוא איך ציטערן דאס איך טוא ארצונד רוען אונ בין אן גיברייט צו דעם טאג פון איין צרה צו דעם טאג וואש גאט וועט זאגין דאש דאש פאלק ישראל זאלין פון בבל גיין קיין ארץ ישראל כי תאנה לא תפרח דען דר פייגין בוים וועט ניט בליען דאש מיינט מען דאש מלכות בבל וועט קיין קיום ניט האבן אונ וועט ניט גיוועלטיגן איבער ישראל אונ עש וועלין גיהרגת ווערין די מלכים פון מדי אונ די גבורים פון ישמעאל וועלין ניט באגליקין אונ וועלין פאר לענט ווערין אונ וועלין קיין שפענדילו ניט קענען אויף הויבין אין ירושלים ואני ביי אעלוזה אונ איך ישראל וועל מיך פרייען מיט גאט · אונ וועל מיך פרייען מיט דעם גאט פון מיין הילף גאט דער הער איז מיין שטארקייט אונ ער האט גיטאן מיינע פיס גרינג אזו וויא די אינדין זייגן גרינג אונ אויף מיין הייך האט ער מיך גיטאן שטעלן אונ איך וועל מיך שטארקין מיט מיינע גיזאנגען צו גאט :

## הפטרת תשעה באב

אסוף אסיפם נאום יי׳ איך וועל זיי פר לענדין אזו זאגט גאט עש וועט ניט איבער בלייבין קיין וויין טרויבין אין וויין שטאק אונ קיין פייגין אין פייגין בוים אונ די בלעטר וועלן פר וויאלט ווערין דאש עש וועט זיי ניט איבר בלייבן קיין שום זאך אונ דאש איז וויל איך האב זיי גיגעבן מצות אונ זיי האבין עובר גיוועזן אויף זיי זאגט דער נביא על מה אנחנו יושבים פון וועשט וועגין זיצין מיר זאמלט אייך איין אונ לאמיר קומן אין די פעסטע שטעט אונ מיר וועלין דארטין שטיל שווייגין אונ טרויערין דען גאט האט אונז גימאכט טרויערין אונ האט אונז אן גיטרונקען מיט איין כוס פון קללה וואש איז ביטר אזוא וויא דר גיפט פון איין שלאנג ווייל מיר האבין גיזינדיגט צוא אים מיר האפן צו שלום אונ עש איז ניט גוט מיר האפין צו דר צייט פון היילונג אונ עש קומט איין דער שרעקעניש פון וועגין דר עבירה וואש די ישראל האבן גידינט דאס עגל וואש איז גישטאנען אין דן דרום האבן זיי גיהערט דאש קול פון די פערד פון די פיינד פון וועגין דעם קול פון די שטארקע פערד פון זיינע פיינט טוט שטורעמען די ערד אונ זייא וועלין קומען אונ וועלין פאר דארבין דיא ערד מיט די מענטשין וואש דער פילין זיא דיא שטאט אונ די וואש זיצין אין איר וועלין זייא פאר דארבין דען איך גאט וועל אן רייצין אין אייך די בייזע שלאנגען וואש הערין קיין שפראך ניט אונ זיי וועלין אייך בייסין אזוא זאגט גאט זאגט דער נביא איך וואלט מיר גיטראכט אויף צו האלטין מיך איך זאל ניט אזוא ארץ טרויערין אבער איך קען ניט ווארום מיין הארץ טוט מיר וויא פון וועגין דאש פורעניות וואש איך זעה בנבואה דאש עש וועט קומען אויף ישראל הנה קול שועת בת עמי מארץ מרחקים איך זעה בנבואה דאש דיא ישראל וועלין צום:סוף שרייען פון איין ווייט לאנד אונ זיי וועלין זאגין איז דען גאט ניט דא אין ציון אדער איז דען איר מלך ניט אין איר ווארום איז אונז אזוא שלעכט וועט גאט ענטפרן ווארום האבין זיי מיך דער צערינט מיט זייערע בילדער אונ מיט פרעמדע נארישקייט דאש מיינט מען דיא עבודת כוכבים זאגט ווייטער דער נביא מיר האבין גיהאפט : צו דר הילף פון מצרים אונ מיר האבין גיזאגט לאז אוועקגיין די צייט פון שניט אונ דיא צייט וואש מען טריקינט פייגן אזוא וועלין די מצרים ליידיג זיין אונ וועלין קומען צוא העלפין אונז אבער עש איז דר פון נישט גיווארן דען עש איז אוועק גיגאנגן די צייט פון שניט אונ דיא צייט וואש מען דארט פייגן אונ מיר זיינן דאך ניט גיהאלפן גיווארין דורך זיי דען די מצרים זיינן ניט גיקומען צוא העלפין אונז על שבר בת עמי השברתי זאגט ירושלים

ירושלים אויף דעם בראך פון מיין פאלק בין איך צו בראכן געווארין אונ שווארץ געווארין אונ עס האט מיך אן גינומן איין פר וואונדרונג זאגט ירמיה הצרי אין בגלעד איז דען ניט דא קיין רפואות אין גלעד אדער איז דען דארטין קיין רופא ניט דא אונ ווארום איז מיין פאלק ניט גיהיילט געווארן פון זייער בראך דאש מיינט ער איז דען ניט דא קיין צדיקים צווישן ישראל וואש מען קען זיך אפ לערנען פון זייערע גוטע מעשים אונ ווארום זיינען די ישראל ניט פרום מי יתן ווער וואלט געבין דאש מיין קאפ זאל זיין פול מיט וואשר אונ מיינע אויגין זאלן זיין קוואלין פון טרערן וואלט איך גיוויינט טאג אונ נאכט אויף די דער שלאגענע פון מיין פאלק זאגט גאט מי יתנני במדבר ווער וואלט מיך גיגעבן איך זאל זיין אין דר מדבר אין דעם איבר נעכטונג פון די אורחים אונ זאל פר לאזין מיין פאלק אונ זאל אוועק גיין פון זיי ווארום זיי זיינן אלע נואפים איין זאמלונג פון פעלשער זייא האבין גיטראטן זייער צונג אזו וויא איין בויגן וואש מען גרייט אים אן צוא שיסין מיט אים אזו טוען זיי אן גרייטין זייער צונג צוא זאגין ליגין אונ ניט מיט אמת טוען זיי זיך שטארקן איינער איבר דעם אנדערין אין לאנד דען פון איין עבירה צו דר אנדערער זיינן זייא ארויש גיגאנגן אונ מיך האבן זייא ניט גיוואלט ווישין אזו זאגט גאט דאש שטראפט זיי דר נביא וויא זיי זיינען פאלש אונ זאגט איש מרעהו השמרו איין מענטש פר זיין חבר זייט גיהיט אונ אויף קיין שום ברודער זאלט איר אייך ניט פאר זיכערין ווארום איטליכר ברודר טוט לאקירין צו חאפין דעם אנדרן ברודר אונ איטליכר חבר טוט גיין רכילות זאגן אויף זיין חבר אונ איטליכר מענטש טוט שפעטן פון זיין חבר אונ זיי ריידן קיין אמת ניט זיי גיוואוינען זייער צונג צו ריידן ליגין זייא מידין זיך צו פר קרימן זייערע וועגין שבתך בתוך מרמה דיין זיצונג איז אין פאלשקייט דאש אין דיין זיצונג טראכסטו פאלשע מחשבות אונ איבר דעם פאלשקייט ווילן זיי מיך ניט ווישן אזוא זאגט גאט לכן כה אמר יי צבאות הנני צורפם דרום האט אזו גיזאגט גאט דר האר איבר אלע חיילות איך וועל לייטערן די ישראל מיט יסורים אונ וועל זיי פרובין ווארום וואש דען זאל איך טאן פון וועגין דר זינד פון מיין פאלק חץ שחוט

לשונם איין אויש גיצויגענע פייל אדער איין פייל וואש קוילעט איז זייער צונג דען מיט דעם לשון הרע וואש זיי ריידין מיט זייער צונג טוען זיי הרגענען פון ווייטין אזו וויא מיט איין פייל איטליכר פון זיי רעט פאלשקייט מיט זיין מויל רעט ער שלום מיט זיין חבר אונ אין זיך טוט ער איין לאקירונג אויף אים על ההרים אשא בכי ונהי אויף דעם חורבן פון דיא בערג טוא איך אויף הויבין איין גיוויין אונ איין קלאג אונ אויף דעם חורבן פון דעם וואוינונג פון די פאסטיכר וואש זיצין אין דער מדבר טוא איך אויף הויבן איין קלאג ווייל זיי זיינן פר ווישט דאש קיין מענטש פארט דארטין ניט איבר אונ מען הערט דארטין ניט קיין קול פון בהמות אזוא חרוב איז דאש לאנד פון די פויגיל וואש פליהן אונטר דעם הימיל ביז די בהמות זיינען אלע פאר וואגילט גיווארין פון דעם ארט אונ זיינן אוועק גיגאנגן ונתתי את ירושלים לגלים אונ איך וועל געבן ירושלים צו הויפין שטיינר דאש זייערע מויערין וועלין צו שטויסין ווערן אונ עש ווערט פון זיי ווערין הויפין שטיינר אונ די שטעט פון לאנד יהודה וועל איך געבן ווישט דאש קיינר ווערט ניט זיצן אין זיי מי האיש החכם ויבן את זאת ווער איז דר קלוגר מענטש וואש זאל פר שטיין וואש דא ווייטער שטייט אדר ווער איז דער נביא וואש גאטש מויל האט צוא אים גירעט אונ לאז ער דאש זאגן איבר וואש איז פר לארן אונ חרוב גיווארין דאש לאנד אונ זיא איז וויסט גיווארן אזו וויא איין מדבר דאש קיינער פארט דארטין ניט איבר האט גאט גיזאגט ווייל זייא האבין פאר לאזט מיין תורה וואש איך האב גיגעבן פר זיי אונ זיי האבין ניט צו גיהערט אין מיין קול אונ זיינן ניט גיגאנגן אין דיא וועגין פון דר תורה אונ זיינן גיגאנגען נאך דעם קוקין פון זייער הארץ נאך די אפ געטר בעלים וואש זייערע עלטערן האבין זיי גיוואנט צו גיין נאך זיי לכן כה אמר יי צבאות דרום האט אזוא גיזאגט גאט דער האר איבער אלע חיילות דער גאט פון ישראל איך וועל מאכין עסין דאש דאזיגע פאלק ווערמיט דאש איז איין ביטר גראז אונ וועל זיי אן טרינקן איין כוס פון קללה וואש איז ביטר אזו וויא דר גיפט פון איין שלאנג אונ וועל זיי פר שפרייטן צווישין אזעלכע פעלקער וואס זיי אונ זייערע עלטערין האבין זיי ניט גיקענט כה אמר יי צבאות

אזוא האט גיזאגט גאט דער האר איבר אלע חיילות גיט אכטונג אויף דעם ביז אונ רופט צו די קלאגערינס אונ לאזין זיי קומן אונ שיקט צו די קלוגע ווייבר לאזין זיי קומן קלאגין דען אזו איז דר סדר דאס ווייבר קלאגין איבר אמת אונ לאזין זיי אײלין אונ לאזין אויף אויבן אויף אונז איין קלאג אונ לאזין זיי מאכן רינן אונזרע אויגין טרערין אונ אונזערע ברעמען זאלן רינען וואשר דען איין קול פון קלאג איז ווארן גיהערט פון ציון דאש זיא קלאגין אונ זאגין זעהט וויא מיר זיינן ברויבט גיווארין מיר שעמן זיך זייער דאש מיר האבן פר לאזט אונזר לאנד אונ דיא פיינט האבין אום גיווארפן אונזר רואונג צו דר ערד כי שמענה נשים דבר יי הערט איר ווייבר דיא רייד פון גאט אונ לאזן אייערע אויערן פר נעמן דיא רייד פון דעם נביא אונ לערינט אייערע טעכטר קלאגין אונ איין אשה זאל לערנען דיא אנדרע צו קלאגין דען דר טויט איז אויף גיגאנגן אין אונזרע פענשטר ער איז גיקומן אין אונזרע פאלעשין צוא פאר שניידין דאש קינד פון דעם מארק אונ דיא בחורים פון די גאסין זאגט גאט צום נביא דבר כה נאום יי רייד אזו זאגט גאט עס וועט פאלן די גופים פון די טויטע מענטשן אזו וויא מיסט אויף דעם פעלד אונ אזו וויא איין בונד פון די שניטר וואש שניידין תבואה אונ עש וועט ניט זיין ווער עש זאל איין זאמלן דיא הרוגים אין קבר ארייין כה אמר יי אזו האט גאט גיזאגט עש זאל זיך ניט בארימן איין חכם מיט זיין חכמה ווארום אז זייא האבין ממאס גיוועזן גאטש רייד וואש פר איין חכמה איז אין זייא אונ לאז זיך ניט לויבן דר גבור מיט זיין גבורה אונ לאז זיך ניט לויבן דר עושר מיט זיין עשירות כי אם בזאת יתהלל המתהלל נאר דער מיט זאל זיך לויבין דר וואש וויל זיך לויבין דאש ער זעהעט צו קליגין אונ וויים מיך גאט דען איך גאט בין דר וואש טוט חסד אונ משפט אונ צדקה אויף דר ערד דען אין דיא זאכין באגער איך אזוא זאגט גאט ׳ דר בעל העקרים שרייבט דר חכם זאל זיך ניט בארימען מיט זיין חכמה ווען ער וויל זיא זיך אליין האלטין אונ וויל קיינעם קיין חכמה ניט לערנען אונ דער גבור זאל זיך ניט בארימן מיט זיין גבורה ווען ער וויל זיין חבר ניט העלפן מיט זיין גבורה צו מציל זיין אים פון גזלנים וואש בארויבן אים אויך ווייזט עס דאס איין ראש הקהל וואש קאן העלפין מיט משפט געבין צו איין מענטשין אנטקעגן זיין חבר אדר איין פשרה מאכין וואש דאש הייסט גבורה דאש דעם שטארקשטין מענטשין קאן ער ביי קומן מיט משפט אונ ווען דר ראש הקהל גיט קיין משפט ניט זאל ער זיך מיט זיין גבורה ניט בארימן אונ דר עושר זאל זיך ניט ברימן מיט זיין עשירות ווען ער האלט עש צוא זיך אליין אונ וויל דר פון קיין צדקה ניט געבן דאש זאגט דר פסוק כי אני יי עושה חסד ומשפט וצדקה דר מענטש זאל זעהען דאש איך גאט האב מער חכמה פון דר גאנצר וועלט אונ האלט זיא ניט צו מיר אליין נייערט איך טוא חסד מיט מיין חכמה אונ גיב זיא צו לייטן אונ איך טו משפט צו לייטין אונ העלף זייא מיט מיין גבורה אונ האלט ניט די גבורה צו מיר אליין אונ איך האב עשירות אונ האלט דאש אויך ניט צו מיר אליין נייערט איך גיב צדקה צו די לייט אויף דר ערד אונ ווען די ישראל וועלן די דריי זאכן האלטין אזו וועט משיח קומען אמן:

# הפטרת יום א׳ של ראש השנה

ויהי איש אחד מן הרמתים צופים אונ עש איז גיוועזן איין מענטש פון רמה אונ זיין נאמען איז גיוועזן אלקנה אונ ער האט גיהאט צוויי ווייבר איינע האט גיהייסין חנה אונ די אנדרע האט גיהייסין פנינה אונ פנינה האט גיהאט קינדער אונ צו חנה איז ניט גיוועזן קיין קינדר ועלה האיש ההוא מעירו אונ דר מענטש פלעגט אויף גיין פון זיין שטאט אלע יאר צו בוקין זיך אונ צו שעכטן קרבנות פר גאט אין שילה אונ ער פלעגט אלע יאר אויף איין אנדר וועג גיין כדי צו לאזן הערן די ישראל זיי זאלין אויך אויף גיין קיין שילה אונ אין שילה איז גיוועזן דיא צווייא זין פון עלי חפני אונ פנחס כהנים צוא גאט דער מדרש שרייבט רבי תחליפא זאגט פון וועגין רבי יצחק דיא תפלה איז גלייך אזוא וויא קרבנות דען עש שטייט להשתחות צוא בוקין זיך דאש הייסט תפלה אונ דר נאך שטייט ולזבוח צו קוילן קרבנות ויהי היום אונ עש איז גיוועזן דער טאג פון יום טוב האט אלקנה גישעכט שלמים אונ האט גיגעבין צוא פנינה זיין ווייב אונ צו אלע אירע זין אונ אויך צו אירע טעכטר האט ער גיגעבין חלקים פון דעם פלייש אונ צו חנה זיין

ווייב האט ער גיגעבן איין חשוב חלק וואס עס איז ראוי צו געמן עש מיט איין שיין פנים ווארום ער האט חנה ליב גיהאט אונ גאט האט פר שלאסן איר טראכט אונ זיא האט קיין קינדר ניט גיהאט אונ פנינה פלעגט זיא דר צערנען אונ פלעגט איר זאגן ווארום האסטו ניט גקויפט איין מאנטיל צוא דיין גרוישין זון אדער איין העמדיל צו דיין קליינם זון כדי זיא זאל זיא דר צערנען די חכמים זאגין פנינה האט זיך מכוין גיוועזן לשם שמים צוא דר צערנן חנה כדי זיא זאל תפלה טאן צו גאט צוא האבין קינדר אונ חנה האט גיוויינט אונ האט ניט גיוואלט עסין האט איר מאן אלקנה צוא איר גיזאגט ווארום וויינשטו אונ ווילשט ניט עסין אונ ווארום איז דיין הארץ טרויעריג איך האב דיך ליבר פון די צעהן זין וואש פנינה האט צו מיר גיוואונן ותקם חנה איז חנה אויף גישטאנן נאך דעם עסין אין שילה אונ נאך דעם טרינקן אונ עלי הכהן איז גיזעסין אויף איין שטול בייא דיא בייא שטידלאך פון דעם היכלי'דען אין דעם טאג האט מען אים גימאכט פר איין שופט איבער ישראל אונ חנה איז גיוועזן מיט איין ביטערע הארץ אונ האט תפלה גיטאן צו גאט אונ האט גיוויינט אונ זיא האט איין נדר גיטאן אונ האט גיזאגט יי צבאות דוא גאט בישט איין האר פון צווייא חיילות דו האשט באשאפין אין הימיל מלאכים וואש האבין קיין קינדר ניט אונ זייא לעבין אייביג אונ דו האסט באשאפין מענטשן אויף דר ערד וואש האבין קינדר נאר זיי מוזן שטארבין דרום אויב איך בין פון די מענטשין וואש זיינען ווארין באשאפין אויף דער ערד לאז מיך קינדר האבין אונ אויב איך בין פון די מלאכים וואש זיינען ווארין בשאפין אין הימיל וואש האבן קיין קינדר ניט לאז מיך אייבג לעבן אזו וויא דיא מלאכים וואש לעבין אייביג אונ דרום האט חנה גיזאגט דריי מאל אמתך צו ווייזן איך בין דיין דינשט מיט די דריי מצות וואש די ווייבער זיינען גיבאטין חלה נדה אונ ליכט צינדין אונ איך האב אויף איינע פון זייא ניט עובר גיוועזן דרום דארפשטו מיר געבין איין זון אונ חנה האט גאט גיבעטין אונ האט גיזאגט גיב מיר איין זון איין צדיק אונ איך וועל אים געבין צו גאטש דינשט אין בית המקדש דען אנדרע לוים טוען ערשט זייער עבודה אין בהמ"ק אז זיי זיינען אלט דרייסיג יאר אבער איך וועל מיין זון געבן צו צוויי יאר אין בית המקדש אונ קיין גאל מעסער זאל ניט אויף גיין אויף זיין קאפ אונ זיא האט גימערט תפלה צו טאן אונ עלי האט גיווארט ווען זיא וועט אויף הערין צו ריידין מיט איר מויל אונ חנה האט גירעט אין איר הארץ נאר אירע לעפצן האבן זיך גשאקילט אבר איר קול איז ניט ווארין גיהערט האט עלי גיטראכט דאש זיא איז שיכור דען פאר צייטין פלעגין זיי הויך מתפלל זיין אונ עלי האט צוא איר גזאגט ביז וויא לאנג נאך וועסטו זיין שיכור טוא אפ דיין ויין פון דיר האט חנה גענטפרט ניט מיין האר דו בישט ניט קיין האר אין דער זאך כלומר דו האשט גיוויזן דאש דער רוח הקודש רועט ניט אויף דיר דען איך בין ניט שיכור נאר איך בין איין אשה וואש האט איין שווער גימיט אונ איך האב קיין ויין ניט גטרונקן אונ איך טוא פאר גיסין מיין הארץ פאר גאט אונ ווייל זיא האט אים גירעט בייזע רייד האט זיא אים איבר גיבעטין אונ האט גיזאגט אל תתן את אמתך דו זאלשט דיין דינשט ניט געבין צו איין שאנד פאר מיין צרה פנינה ווארום מחמת מיין פיל קלאג אונ צארין האב איך גירעט צוא דיר ביז אהער שארפע רייד אדר מחמת דעם צארין וואש מיין צרה פנינה האט מיר גיטאן דר צערענן האב איך גירעט אזו לאנג אין מיין תפלה׃ ויען עלי ויאמר האט עלי גיענטפערט אונ האט צו איר גיזאגט גייא צו שלום אונ דר גאט פון ישראל וועט געבן דיין גבעט וואש דו האסט גיבעטין פון אים האט חנה גיזאגט לאז דיין דינשט גיפינען חן אין דיינע אויגין דאש דוא זאלשט פר מיר גאט בעטין אונ חנה איז גיגאנגן צוא איר וועג אונ האט גיגעסין אונ האט שוין מער קיין טרויעריג פנים ניט גיהאט אונ זייא האבין זיך גיפעדערט אין דר פריא אונ האבין זיך גיבוקט פאר גאט אונ זיינן גיגאנגן אהיים קיין רמה אונ גאט האט דר מאנט חנה אונ עש איז גיוועזן נאך זעקס חדשים מיט צווייא טעג דאש זיא איז מעוברת גיווארן האט זיא גיוואונן איין זון אונ האט אים איין נאמן גיגעבן שמואל ווארום זיא האט גיזאגט איך האב אים גיליען פון גאט אונ אין די אותיות שמואל איז דא דיא אותיות שאול דאש איז טייטש לייען׃ ויעל האיש אלקנה אונ דר מאן אלקנה איז אויף גיגאנגן מיט

גאר זיין הויז גיזינט צו שעכטין פאר גאט דיא קרבנות פון ימים טובים אונ די קרבנות וואש ער האט מנדר גיוועזן צווישן דיא ימים טובים האט ער גיבראכט אום יום טוב אונ חנה זיין ווייב איז ניט אויף גיגאנגן זיא האט גיזאגט צו איר מאן. איך וועל ווארטין ביז דר יונג וועט ווערין אנטוויינט נאך פיר אונ צוואנציג חדשים אזו וועל איך אים אויך ברייננגן אונ מיר וועלין ווערין גיזעהן פאר גאט אונ ער וועט דארטין זיצין ביז אייביג · די חכמים זאגן דר אייביג פון די לוים איז פופציג יאר דען זיי זיינען גיוועזן אין בית המקדש ביז זייא זיינען אלט גיווארין פופציג יאר אונ אזו איז שמואל גיוועזן אין בית המקדש זינט ער איז גיבראכט גיווארין ביז ער איז גישטארבן דען צוויי יאר איז ער אלט גיוועזן אז מען האט אים גיבראכט אין בית המקדש אונ צוויי אונ פופציג יאר איז ער אלט גיוועזן אז ער איז גישטארבן אך יקם יי את דברו נאר גאט זאל מקיים זיין זיינע רייד דען אז דוא האשט גיבעטין גאט ער זאל דיר געבין איין זון איין צדיק האט דיר עלי בנבואה גיזאגט דאש גאט וועט טאן דיין גיבעט דאש זאל דיר גאט מקיים זיין אונ דער מדרש שרייבט דאש אלע טאג פלעגט ארויש גיין איין בת קול אויף דר גאנצר וועלט אונ האט גיזאגט עש וועט איין צדיק גיבארין ווערין וואש וועט הייסין שמואל דרום איטליכע אשה וואש האט גיהאט איין זון האט זיא אים איין נאמען גיגעבין שמואל דען זיא האט גיטראכט טאמר וועט ער זיין איין צדיק · אבר אז מען האט גיזעהן זיינע מעשים האט מען גיזאגט דאש איז ניט דר שמואל · אבר אז דר שמואל איז גיבארין גיווארין אונ מען האט גיזעהן זיינע מעשים האט מען גיזאגט עש דאכט זיך דש ער איז שמואל הצדיק דרום האט אלקנה גיזאגט גאט זאל מקיים זיין זיינע רייד דאש ער זאל זיין אצדיק אונ חנה איז גיזעסין אין דר היים אונ האט גיזייגט איר זון ביז זיא האט אים אנטווייגט ותעלהו עמה כאשר גמלתו אונ זיא האט אים אויף גיבראכט מיט זיך אז זיא האט אים אנטווייגט מיט דריי אקסין אונ איין מאס מעל אונ איין לאגיל ויין אויף נסכים אונ זיא האט אים גיבראכט אין גאטש הויז קיין שילה אונ שמואל איז נאך גיוועזן יונג אונ מען האט גקוילעט דעם אקס אונ מען האט גבראכט

דאש קינד צו עלי דאש ער זאל זעהן דאש זיין נבואה איז מקוים גיווארין · די גמרא זאגט דאש שמואל האט גיפסקנת דאש איין ישראל מעג קולין קרבנות דרום האט מען אים גיבראכט צו עלי דען ער האט אים גיוואלט שטראפין וויל ער האט גפסקנת אדין פר זיין רבי אונ חנה האט אים אפ גיבעטין ותאמר אונ חנה האט גיזאגט צו עלי איך בעט דיך מיין האר דו זאלשט דיין השגחה געבין אויף דעם קינד דאש ער זאל זיין דיין תלמיד אונ נאך דר גמרא נאך האט זיא אים גזאגט איך בעט דיך דוא זאלסט אים ניט שטראפן דאש שווער איך בייא דעם לעבן פון מיין האר דאש איך בין די אשה וואש איז דא גשטאנען מיט דיר צו בעטין צו גאט · אונ דו עלי זאלשט ניט זאגין דוא וועסט אים שטראפין ער זאל שטארבין אונ וועסט גאט בעטין ער זאל מיר געבין איין אנדערין זון זאג איך דיר דווקא צו דעם יונג האב איך גיבעטין אונ גאט האט מיר גיגעבין מיין גיבעט וואש איך האב גיבעטן פון אים אונ איך האב אים גיליען צו גאט אלע טעג וואש ער וועט זיין אויף דר וועלט איז ער גליען צו גאט דרום מוז גאט אים ווידער אום קערין מיר טארשטו אים ניט שטראפין אונ שמואל האט זיך דארטין גיבוקט צו גאט ותתפלל חנה אונ חנה האט תפלה גיטאן אונ האט גילויבט גאט אונ האט גזאגט מיין הארץ טוט זיך פרייען מיט דר הילף פון גאט מיין הערשאפט איז דר הויבן גיווארין דורך דער הילף פון גאט מיין מויל איז דער ברייטערט גיווארין אויף מיינע פיינט דאש איז פנינה אונ אנדערע פיינט דען איך טוא מיך פרייען מיט דיין הילף וואש דו האסט מיר גיהאלפין פון מיינע פיינט אונ האשט מיר גיגעבין איין זון עש איז ניט דא קיין הייליגער אזוא וויא גאט אונ עש איז ניט דא קיינער חוץ דיר דאש ער זאל ראוי זיין מען זאל בעטין פון אים אונ עש איז ניט דא קיין מלייער אזו וויא אונזער גאט דאש ער מאלט אויש איין צורה אין דער אנדערער דאש איז איין קינד אין דער מוטערש לייב איר זאלט ניט מערין צו ריידין הויך אונ גרוישקייט עש זאל מער ניט ארויש גיין שטארקע רייד אדער אפ קערונג פון אייער מויל דען גאט ווייסט אלץ וואס ביי דעם מענטשין איז אין הארצן אונ אלע מעשים פון דעם מענטשין ווערין גיצייילט פאר גאט אונ

אזו

אזו איז דער מנהג פון גאט דעם בויגין פון די גבורים וואש פאר לאזין זיך אויף זייער בויגין טוט גאט אים צו ברעכין אונ די שלאפע טוען זיך אן גורטין מיט כח אונ אויך די זאטע מאכט ער ארים דאש זיי מוזין זיך פאר דינגען פאר ברויט אונ די וואש זיינען הונגעריג אונ טוען זיך מידין צו פאר דינגען ברויט ווערין פר מיטין פון צו מידין זיך דען גאט שיקט זייא צו זייער ברויט אן מידיקייט ביז דיא עקרה חנה האט גיוואונען זיבין קינדר אונ די וואש האט גיהאט פיל קינדר דאס איז פנינה וואש זיא האט גהאט צעהן קינדר איז זיא ווארין פר שניטן פון אירע קינדער דען עש זיינען ביי פנינה אכט קינדער גישטארבין אונ עש איז איר נאר צווייא קינדר גיבליבין וואש חנה האט זיי אויש גיבעטין ביי גאט דרום זיינען זיי גירעכינט גלייך וויא חנם קינדר אבער חנה אליין האט נאר גיהאט פינף קינדר ה׳ ממית ומחיה גאט טוט טייטין אונ מאכט ווידער לעבעדיג ער מאכט נידערן אין דר גרוב אונ ברייננט ווידער אויף גאט מאכט ארים אונ מאכט רייך ער מאכט איין מענטשין אראפ נידערין אונ טוט אים דר הויבין גאט טוט אויף שטעלן פון דר ערד דעם ארימאן פון די מישטין טוט ער אויף הויבין דעם אביון צו זעצין אים מיט די שררות אונ איין שטול פון כבוד טוט ער זיי מאכין ירשנן דען צו גאט זיינען די גרונד פעסטן פון דער ערד אונ ער האט גיטאן אויף זיי די וועלט רגלי חסידו ישמר די פים פון זיינע חסידים טוט גאט היטין אונ דרום שטייט חסידו אן איין יו״ד דאש איז טייטש נאר איין חסיד אונ לייענן לייענט מען מיט איין יו״ד דאס איז טייטש פיל חסידים צו ווייזין סיי פיל אדר ווייניג וועו אפילו נאר איינער טוט תשובה אונ איז גוט טוט אים גאט היטין אבער די רשעים ווערין פאר שניטין אין דער פינצטערניש דען ניט מיט כח קען זיך איין מענטש שטארקין אנטקעגין גאט עש ווערין צו בראכין די וואש קריגין זיך מיט גאט דאש מיינט מען דר וואש קריגט מיט איין צדיק איז גלייך וויא ער קריגט מיט גאט אונ אויף דעם רשע טוט גאט שטורימען אין הימיל דאש אפילו ווען דער רשע איז דר הויבן ביז אין הימל טוט אים גאט אראפ ווארפין גאט וועט משפטין די האריון פון דער וועלט אונ ער וועט געבין שטארקייט צו זיין מלך אונ וועט דער הויבין דאש הערשאפט פון זיין גיזאלבטן מלך דאש איז דער מלך המשיח דיא גמרא זאגט אין כתובות רבי יהודה זאגט מען זאל ניט פיל וויין געבין צו ווייבר טרינקן אונ אויך ניט אנדערע גיטראנקן וואש מאכין שיכור אונ דאש לערינט מען פון חנה דאש עש שטייט ביי איר גישריבן אחרי שתה נאך זיין טרינקן דאש דער מאן האט וויין גיטרונקן אבער זיא ניט • איין בעכער וויין איז גוט צו איין אשה צוויי בעכר איז מיאוס איין אשה זאל טרינקען ווען זיא טרינקט דריי בעכער שעמט זיא זיך ניט צו אן מוטין מיט איר מויל ווען זיא טרינקט פיר בעכר אזו איז איר קיינער ניט מיאוס זאגט רבא דאש איז נאר גיזאגט אז דער מאן איז ניט מיט איר אבער אז דער מאן איז מיט איר מעג זיא פיל וויין טרינקן פרעגט די גמרא אונ ווארום האט חנה קיין וויין ניט גיטרונקן אין שילה אמער איר מאן אלקנה איז דאך גיוועז ביי איר ענטפערט דיא גמרא ווייל אונטער וועגין איז גלייך וויא דער מאן איז ניט ביי איר זאגט רבי יהודה פון דאנען לערנן מיר דאש איין אורח איז אסור בתשמיש די גמרא זאגט אין ברכות איין מענטש זאל זיך אנדערש ניט שטעלין דאווענען סיידין ער זאל זיך פריער אן נעמן איין מורא אין הארץ אונ זאל איין בייגין דעם קאפ אונ ניט מיט איין גרינג דעה אונ דאש אלץ לערנען מיר אפ פון חנה דאש עס שטייט ביי איר והיא מרת נפש זיא האט תפלה גיטאן מיט איין ביטערן הארץ מיט מורא רב המנונא זאגט מען קען פון דר פרשה פון חנה פיל דינים אפ לערנן וויא אזו מען זאל זיך נוהג זיין אין דער תפלה דאש ערשטע איז עש שטייט ביי חנה גישריבין וחנה היא מדברת על לבה דאס ווייזט דאש איין מענטש דארף איין כוונה האבין צו גאט מיט זיין הארצין אין דיין תפלה דאש אנדערע שטייט ביי חנה רק שפתיה נעות דאש ווייזט מען זאל מיט די לעפצין ריידין אין דר תפלה ניט מען זאל טראכטן אין הארצן אליין דאס דריטע שטייט ביי חנה וקולה לא ישמע דאש ווייזט איין מענטש זאל ניט מאכין הערין זיין קול ווען ער טוט תפלה דאס פערטע שטייט ביי חנה ויחשבה עלי לשכורה דאש ווייזט דאש איין שיכור טאר קיין תפלה ניט טאן דאש פינפטע לערנן מיר פון דאנען דאש ווען איינער טוט תפלה אונ איז שיכור איז גלייך וויא ער

רינט עבודת כוכבים דען עש שטייט ביי חנה גישריבן דאש זיא האט גיזאגט אל תתן את אמתך לפני בת בליעל זאלשט מיך ניט האלטן דאס איך בין שיכור אונ טוא תפלה וואס דאש איז גלייך וויא איך וואלט גידינט עבודת כוכבים וואש דאש הייסט אויך בליעל דאש זעקסטע לערנן מיר פון דאנען דאש ווען מען איז איינם חושד מיט איין עבירה זאל ער זיך פאר ענטפערין אנטקעגין לייט אזו וויא חנה האט גיזאגט צו עלי איך האב קיין וויין ניט גיטרונקן דו ביסט מיך ניט רעכט חושד דאש זיבעטע איז ווען איין מענטש איז אום זישט חושד זיין חבר אזו מוז ער אים איבער בעטין אזו וויא עלי האט איבר גיבעטין צו חנה אונ האט צו איר גיזאגט לכי לשלום רבי אליעזר זאגט עש שטייט אין פסוק וחנה היא מדברת על לבה דאש מיינט מען זיא האט גירעט פון וועגין די בריסט וואש זיינען אויף דעם הארץ דען זיא האט גזאגט רבונו של עולם דו האסט פיל גלידער אין דעם מענטשן בשאפן אונ עש איז ניט קיין שום גליד אום זיסט אונ דו האשט מיר בשאפין אויף מיין הארץ בריסט דאש איז גיווים דאש איך זאל זויגין איין קינד דרום גיב מיר איין קינד צו זייגן:

# הפטרת יום ב' של ראש השנה

כה אמר ה' אזו האט גאט גזאגט דאס דור המדבר האט גיפונען חן אין מיינע אויגין אין דער מדבר דאש פאלק וואש איז איבער גיבליבין פון דער שווערד פון פרעה אונ פון עמלק אונ פון כנען די האבין גיפונען חן אין מיינע אויגין אונ גאט איז גיגאנגען צו גיפינען זיי איין רואונג אין ארץ ישראל זאגט ירמיהו מרחוק ה' נראה לי פון וויטין כלומר פון וועגין זכות אבות האט זיך גאט צו מיר באוויזין אונ האט צו מיר גזאגט איך זאל צו דיא ישראל מיט דעם לשון זאגין איין אייביג לבשאפט האב איך גאט דיך ישראל ליב איבער דעם האב איך דיך גיצויגין אונ גיפירט מיט חסד אונ וויל דער בית המקדש איז צוויי מאל גיבויט גוואריו דורך מענטשין דרום איז ער חרוב גיווארין אבער היינט וועל איך גאט אליין דאש בית המקדש בויען אזו וועט ער אויף אייביג בלייבין עוד תעדי תופיך דו וועסט נאך אן צירן דיינע פויקין צו גיין מיט חברותות צו טאנצין עוד תטעי כרמים דו וועסט נאך פלאנצין וויין גערטנער אויף דיא בערג פון שומרון אונ וועסט דיא פירות פון דעם פערטין יאר אויש לייזין צוא ברייננען דאש געלט קיין ירושלים כי יש יום קראו נוצרים בהר אפרים דען עש וועט זיין איין טאג וואש די היטער פון דר תורה וועלין זאגין איינר צום אנדערין שטייט אויף אונ לאמיר אויף גיין קיין ציון צו גאטש הויז צו לויבין גאט אויף דיא גרוישע טובות וואש ער טוט אונז כי כה אמר ה' רנו ליעקב שמחה אזו האט גאט גיזאגט צום הויז גיזינד פון יעקב זינגט מיט איין קול פון שמחה אונ קלינגט מיט איין גרויש קול אויף די הויכע ערטר וואש אין די לענדר פון די פעלקר כדי מען זאל וויט הערין דאש קול מאכט הערין די בשורה אונ לויבט גאט אונ זאגט גאט דו האשט גיהאלפין דיין פאלק דאש איבער בלייבונג פון ישראל דען איך גאט וועל זיי ברייננן פון צפון לאנד אונ איך וועל זיי איין זאמלען פון די עקין פון דר ערד אונ אין זיי וועט זיין די בלינדע אונ די הינקעדיגע אונ די טראגעדיגע ווייבר אונ די גיווינערנש אלע מיט אנאנדר כלומר אפילו די שלאפע וואש צווישין זיי איז וועל איך אויך ניט ממאס זיין אונ וועל זיי אויך איין זאמלען מיט איין גרויש איין זאמלונג וועלין זיי זיך אום קערן אהער בבכי יבואו ובתחנונים אובילם פון וועגין דעם גיוויין וואש זיי וועלין וויינן אונ וועלין תשובה טאן וועלין זייא קומען פון דעם גלות אונ מיט גרויש דער בארימקייט וועל איך זייא פירין פון דעם גלות איך וועל זיי פירין בייא טייכין וואסער אונ אין איין גלייכין וועג דאש זיי זאלין ניט גישטרויכילט ווערין אין דעם וועג ווארום איך בין צו ישראל אזו וויא איין פאטער אונ די עשרת השבטים וואש זייער ערשטער מלך איז גיוועז פון שבט אפרים די זיינען מיר אזו ליב אזו וויא איין עלצטער זון איז גיליבט ביי זיין פאטער שמעו דבר ה' גוים הערט צו גאטש רייד איר פעלקר אונ זאגט צו דיא עובדי כוכבים וואש זיצין אויף די אינזלען פון דעם ים אין איין וויט לאנד אונ אזו זאלט איר צו זייא זאגין דר גאט וואש האט פר שפרייט די ישראל אין גלות דר וועט זיי ווידר איין זאמלען אונ ער וועט זיי היטין אזו וויא איין פאסטוך היט זיין שטאדע כי פדה ה' את יעקב דען גאט וועט

אויש לייזין ראש הויז גיזינט פון יעקב אונ ער וועט זיי אויש לייזין פון דר האנט פון די וואש זיינען שטארקר פון זיי ובאו ורננו במרום ציון אונ זיי וועלין קומן אונ וועלין גאט לויבין אין בית המקדש וואש ער ווערט גיבויט ווערין אויף דעם הויכין בארג וואש אין ציון איז אונ זייא וועלין זיך איין זאמלען אונ וועלין זיך ציהען אזו וויא איין טייך צו דעם גוטש וואש גאט ווערט זיי געבין צו דעם קארין אונ צו דעם וויין אונ צו דעם בוימיל אונ צוא יונגע שאף אונ רינדר וואש גאט וועט זיי געבין אונ זייערע לייבער וועלין זיין אן גיזעט מיט תענוגים אזוא וויא אגארטן וואש איז גיזעט מיט פיל וואשר זיי וועלין ניט מער טרויערין אז תשמח בתולה במחול דענקשט מאל וועט זיך פרייען איין בתולה אין איר טאנץ׳ יונגע אונ אלטע וועלין זיך מיט אנאנדער פרייען אונ איך גאט וועל פר קערין זייער טרויערקייט צו פרייד אונ וועל זייא דער פרייען פון זייער טרויערקייט ורויתי נפש הכהנים דשן אונ איך וועל אן זעטן די לייבר פון די כהנים מיט פעטע קרבנות וואש מען וועט ברייגגען אין בית המקדש אונ מיין פאלק וועלין זיך אן זעטין מיט דעם גוטש וואש איך וועל געבן צו זיי אזו זאגט גאט כה אמר יי׳ אזו זאגט גאט איין קול איז ווארין גיהערט אין דר הויך פון דער וועלט דאש איז דאש קול וואש דיא ישראל טוען וויינן אויף ירמיה הנביא וואש נבוזראדן האט אים אום גיקערט פון דעם גלות צו גדליה בן אחיקם איין קלאג אונ איין ביטערע גיוויין איז ווארין גיהערט אונ רחל אונזר עלטר מוטר טוט וויינען אויף אירע קינדער זיא וויל ניט גיטרייסט ווערן אויף אירע קינדר וועיל זיי זיינן ניט אין זייער לאנד דר מדרש זאגט די אבות אונ די אמהות זיינן גיגאנגן צו איבר בעטן גאט אויף דעם וואש מנשה האט גישטעלט איין דמות אין היכל האט גאט ניט גיוואלט מוחל זיין איז רחל ארין גיגאנגן אונ האט גיזאגט פר גאט רבונו של עולם דיין רחמנות איז דאך גרעסר פון דעם רחמנות פון איין בשר ודם אונ איך האב דאך ארין גיבראכט איין צרה אין הויז ארין דען יעקב האט ביי מיין פאטר לבן פר מיר גידינט אונ אז עס איז גיקומען די צייט מען זאל פירין אונטר דר חופה האט מען ארונטער גיפירט מיין שוועסטר לאה אונ ניט גינוג וואש איך האב גישוויגין האב איך איר נאך מוסר גיוועזן די סימנים וואש יעקב האט מיר מוסר גיוועזן כדי ער זאל וויסן אויב איך בין ראש אונ אויב ניט׳ דרום אויך אז מיינע קינדר האבין ארין גיבראכט איין דמות אין היכל גיהערשטו אויך שווייגן. אונ מוחל זיין צו זייא כה אמר יי׳ אזו האט גאט גזאגט אונ האט גענטפרט צו רחל דו האסט מלמד זכות גוועזן אויף ישראל פר מייד דיין קול פון גיוויין אונ דיינע אויגין פון טרערן דען עש איז דא איין גוטין שכר צוא דיינע מעשים וואש דו האסט מוסר גוועזן דיינע סימנים צו דיין שוועסטר אזו זאגט גאט׳ אונ דיינע קינדר וועלין זיך אום קערן פון דער לאנד פון דעם פיינט אונ עש איז פר האנדן איין האפונג צו דיין סוף אזוא זאגט גאט אונ דיינע קינדער וועלין זיך אום קערין צו זייער גבול׳ זאגט גאט שמוע שמעתי אפרים מתנודד איך האב גהערט אפרים טוט זייער קלאגין אונ ער זאגט צוא מיר גאט דו האסט מיך גיטאן שטראפין מיט יסורים אונ איך בין ווארין גישטראפט איך בין גיוועזן ווילד אזו וויא איין קאלב וואש איז ניט גוואונט צו ציהען אין דער משא דרום האב איך גיזינדיגט היינט בעט איך דער וועק מיין הארץ איך זאל מיך אום קערין צוא דיין דינסט וועל איך מיך אום קערן ווארום דו ביסט דאך מיין גאט דרום איז ראוי מען זאל זיך אום קערן צו דיין דינסט כי אחרי שובי נחמתי דען נאך מיין אום קערין צוא דיין דינסט אונ צוא זיין תורה האב איך חרטה אויף מיינע מעשים רעים וואש איך האב גטאן אונ נאך דעם אז איך האב גיוואוסט דאס איך האב גיפעלשט אין דיר האב איך גקלאפט מיין האנט אויף מיין דיך אזו וויא איינר וואס האט חרטה אויף איין זאך׳ אונ איך בין מבויש אונ פאר שעמט גיווארין וואש איך טראג דיא שאנד פון מיין יוגינט דען דיא פיינט זיינן מיך מבזה אויף די זינד וואש איך האב גיטאן אין מיין יוגינט אזו קלאגט אלץ אפרים זאגט גאט דרויף הבן יקיר לי אפרים דר אפרים איז מיר אזו טייער אזו וויא איין בן יחיד וואש מען טוט אים אלץ זיין ווילין ער איז מיר גלייך אזו וויא איין קינד וואש דער פאטער שפילט זיך מיט אים דען ווען איך ריד פון אים טוא איך אים דער נאך אויף דער מאנען אונ דרום טוען מיינע גידערים ברומען אויף אים רחם

ארחמנו

אֹרְחֹתֶינוּ נְאֻם יְיָ איך טוא מיך איבער אים דער בארימען אזו זאגט גאט:

# הפטרה לצום גדליה

## און אויך אויף אנאנדער תענית צבור

דִּרְשׁוּ יְיָ בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב פארשט גאט ווען ער לאזט זיך געפינען צו אייך דאש איז אײדער עש ווערט נגזר דער דין רופט אים אז ער איז נאהענט צו אייך יַעֲזֹב רָשָׁע דַּרְכּוֹ לאז דר רשע פר לאזין זײנע שלעכטע מחשבות און לאז ער זיך אום קערן צו גאט וועט זיך גאט דר בארימן איבר אים און ער זאל זיך אום קערין צו אונזר גאט דען ער טוט מערן צו פר געבין די עבירות׃ כִּי לֹא מַחְשְׁבוֹתַי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם דען ניט אזו וויא מײנע מחשבות זײנן אײערע מחשבות און ניט אזו וויא אײערע וועגין זײנן מײנע וועגן דרום הײם איך דער רשע זאל פאר לאזין זיין שלעכטין וועג און זאל גיין אין מיין וועג און דר אום רעכטער זאל פר לאזין זײנע שלעכטע מחשבות און זאל טראכטן צו טאן וואש עש וואול געפעלט אין מײנע אויגין כִּי גָבְהוּ שָׁמַיִם מֵאָרֶץ דען אזו וויא הויך די הימלן זײנן פון דער ערד אזו הויך זײנען מײנע וועגן פון אײערע וועגין און מײנע מחשבות פון אײערע מחשבות דען איר טראכט צו מורד זיין אין מיר און איך גיב אין מיין הארץ צו אום קערן אייך צו מיר און דר מדרש זאגט כִּי לֹא מַחְשְׁבוֹתַי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם מיינט מען מיין דין איז ניט גלייך צוא אײער דין דען בײ אײער דין ווען אײנער איז מודה בלײבט ער חייב און בײ מיין דין ווען אײנר איז מודה איז ער פטור און ווערט נאך דר ברימט כִּי כַּאֲשֶׁר יֵרֵד הַגֶּשֶׁם וְהַשֶּׁלֶג מִן הַשָּׁמַיִם דען אזוא וויא דר רעגן און דר שנײ נידערט פון דעם הימיל און קערט זיך ניט אום לײדיג נאר ער מאכט וואקסין תבואה און פירות און גיט ברויט צוא עסין אזו זײנען מײנע רײד וואש גײען ארויש פון מיין מויל דאס איך בין אייך מודיע דורך מײנע נביאים וועלין זיך צו מיר ניט אום קערין לײדיג נאר זיי וועלן טאן דאש וואש איך וויל׃ און זײא וועלין באגליקין דאש וואש איך האב אים געשיקט נאר איר זאלט צוא הערין אין די רײד פון דיא נביאים כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ וּבְשָׁלוֹם תּוּבָלוּן דען מיט פרייד וועט איר ארויש גיין פון גלות און מיט שלום וועט איר געבראכט ווערן צו אײער לאנד דיא בערג און די הויך וועלין עפענן פאר אייך איין געזאנג דאש עש וועט אויף זיי וואקסן גוטע פירות דאש מענטשין וועלין זינגן איבר זיי און אלע בוימער פון דעם פעלד וועלן רוישין מיט זײערע צווייגן׃ תַּחַת הַנַּעֲצוּץ יַעֲלֶה בְרוֹשׁ וְתַחַת הַסִּרְפַּד יַעֲלֶה הֲדַס אויף דעם ארט פון דעם דארין וואש הײסט נעצוץ וועט אויף גיין איין באקסערן בוים און אויף דעם ארט פון דעם דארין וואס הײסט סרפד וועט אויף גיין איין הדס דאש מײנט מען אויף דעם ארט פון די רשעים וועלן אויף גיין צדיקים דאש די רשעים וועלן פר לארין ווערין און די זאך וועט זיין צו גאט צו איין אײביגין שם דאש ער וועט ניט פר שניטין ווערן כֹּה אָמַר יְיָ אזוא האט גאט געזאגט היט דעם משפט און טוט גירעכטיקייט דען מיין הילף איז נאהענט צו קומן און מיין גירעכטיקייט איז נאהענט צו אנפלעקט ווערן ווען איר וועט טאן גוטע מעשים אַשְׁרֵי אֱנוֹשׁ יַעֲשֶׂה זֹּאת וואול דעם מענטשין וואש טוט דיא זאכין וואש וועלין ווייטר שטיין און וואול צו דעם מענטשין וואש נעמט אן אין די זאכין דאש ער היט שבת פון מחלל זיין און היט זיין האנט דאש ער זאל ניט טאן דאש וואש בייז איז:

# הפטרת שחרית של יום כפור

וְאָמַר סֹלּוּ סֹלּוּ פַּנּוּ דָרֶךְ הָרִימוּ מִכְשׁוֹל מִדֶּרֶךְ עַמִּי דער נביא זאגט פון גאטש וועגין טרעט אין דעם וועג ראמט אויש דעם יצר הרע פון אײער וועג הויבט אויף דאש שטרויכלונג פון דעם וועג פון מיין פאלק כלומר טוט אפ אײערע שלעכטע מחשבות וואש איר ווערט אין זיי געשטרויכילט כִּי כֹה אָמַר רָם וְנִשָּׂא דען אזוא האט געזאגט דער הויכער און דר געהויבענער גאט וואש ער רועט ביז אײביג זיין נאמען איז הייליג האט ער געזאגט מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן הויך און הייליג טוא איך רוען און פון דארטין בין איך מיט דעם פאר שטויסענעם׃ און מיט דעם וואש האט איין נידעריג געמיט צוא דער נערין דאש געמיט פון די נידעריגע און צו דער נערין דאש הארץ פון דיא פאר שטויסענע׃ דען ניט אויף אײביג קריג איך מיט דעם מענטשין׃ און ניט אויף אײביג טוא איך צערענען דען וויא באלד דר רוח פון דעם מענטשן וואש איז ווארין געגעבין פון פאר מיר גאט ווערט נכנע און איז מודה דאש ער

האט גיזינדיגט אנטקעגין מיר אונ די נשמות
וואש איך האב בשאפין ווערין אונטער טעניג
פאר מיר גאט · אזו באלד בין איך מבטל מיין
קריג אונ מיין צארין · בעון בצעו קצפתי איבר דר
עבירה פון זיין גזילה האב איך גאט פריער
גיצערינט אויף אים אונ האב אים גישלאגין ·
אונ איבער דר עבירה האב איך פאר בארגין
מיין פנים פון זיין צרה אונ האב גיטאן צערענן
אויף אים ווייל ער איז גיגאנגען ווילד אין דער
וועג פון זיין הארצין אבער היינט דרכיו ראיתי
וארפאהו האב איך גיזעהען זיינע וועגין דאש ער
איז אונטר טעניג גיווארין פאר מיר דרום וועל
איך אים היילן פון זיינע צרות אונ וועל אים פירן
אין איין וועג פון רפואה אונ וועל אים מאכין
רוען אונ וועל בצאלין איין טרייסטונג צו אים
אונ צו די וואש האבין גיטרויערט אויף זיינע
צרות בורא ניב שפתים איך וועל צו אים בשאפין
נייע רייד פון לעפצין אנטקעגין דעם וואש ביז
אהער איז גיקומען אויף אים צרות אונ אלע
האבין גיקריגט אויף אים וועלין היינט רופין
אלע צו אים שלום שלום צו דעם ווייטן דאש איז
דר וואש איז גוואנט פון דר יוגינט אן אין תורה
אונ מעשים טובים אונ צו דעם נאהענטן וואש
האט זיך ניט לאנג מקרב גיוועזן צוא גאט אונ
האט תשובה גיטאן אויף די ביידע גלייך זאגט
גאט איך וועל אים היילין פון זיין קראנקייט אונ
פון זיינע עבירות והרשעים כים נגרש אונ די רשעים
וואש ווילין קיין תשובה ניט טאן די זיינן גלייך
אזו וויא דר ים וואש ער ווערט תמיד גטריבן
פון דעם ווינט ער קען ניט גישטילט זיין · אונ
זיינע וואסערין טוען תמיד ארויש טרייבן מיסט
אונ ליים · אזו זיינען די רשעים דען דער סדר
איז פון דעם ים דאש זיינע אינדין דער הויבין
זיך אין דר הויך אונ ווילין ארויש גיין חוץ דר
זאמד וואש איז גימאכט גיווארין פאר איין גבול
צום ים אונ אז איין אינד קומט צום זאמד ווערט
זיא צו בראכין · אונ די אנדרע אינדין זעהען
דאש אונ טוען דאך אזו וויא יענע אינד האט
גיטאן אזו זיינען אויך די רשעים האטשע זייא
זעהען אנדרע רשעים ווערין גישטראפט איבר
זייער רשעת פון דעסט וועגין טוען זייא דאך
רשעת · אונ אזו וויא ביי דעם ים ליגט דאש
מיסט אונ ליים אויף דעם טויל דאש איז זיין
בארטין אזו אויך ליגט ביוא די רשעים זייערע

שלעכטע רייד אויף זייערע מיילר אונ צו דיא
רשעים האט מיין גאט גיזאגט דאש עש וועט
קיין שלום ניט זיין צו זיי · זאגט גאט צום נביא
קרא בגרון אל תחשוך רוף מיט דיין האלז אונ זאלסט
ניט פאר מיידין פון צו רופין אזו וויא דאש קול
פון איין שופר הויב אויף דיין קול אונ זאג צוא
מיין פאלק דאש זיינן די תלמידי חכמים זייערע
פשעים וואש זיי טוען במזיד דען איין תלמיד
חכם אפילו ווען ער טוט איין עבירה בשוגג
ווערט עש גירעכינט וויא איין מזיד אונ צוא
דעם הויז גיזינט פון יעקב דאש זיינען די עמי
הארצים זאלסטו זאגין זייערע חטאים וואש זיי
האבין גיטאן בשוגג דען ווען אפילו זיי זינדיגן
במזיד איז דאש נאר גירעכינט פאר איין שוגג
ווייל זיי ווייסין ניט אויב די עבירה איז אסור
צו טאן · זאגט גאט ואותי יום יום ידרשון מיך טוען
זייא אלע טאג פארשטין אונ ווילין וויסין מיינע
וועגין דען זיי פרעגין שאלות צו תלמידי חכמים
גלייך וויא זייא ווילין ווישין מיינע וועגין צוא
מקיים זיין זייא אזו וויא איין פאלק וואש טוט
גירעכטיקייט אונ דעם משפט פון זיין גאט האט
ער ניט פאר לאזט אזוא פרעגין זייא מיך אלין
גירעכטע משפטים אונ ווייזין זיך גלייך וויא זיי
ווילין זיך מקרב זיין צו גאט אונ ווילין ווישין
זיינע משפטים אונ מצות אבר זייער דעה איז
ניט צו מקיים זיין זיי אונ אז זייא פאסטין אונ
ווערין ניט גיענטפערט זאגין זיי למה צמנו ולא ראית
ווארום האבן מיר גיפאסט אונ דוא גאט האשט
דאש ניט גיזעהן מיר האבן גפייניגט אונזערע
לייבער אונ דו גאט מאכשט דיך גלייך וויא דו
ווייסט עש ניט אונ העלפשט אונז ניט פון דר
זאך וואש מיר האבין דרויף גיפאסט ענטפערט
גאט דרום בין איך ניט מקבל אייערע תעניתים
הן ביום צומכם תמצאו חפץ ווייל אין דעם טאג וואש
איר פאסט גייט איר נאך אייערע בדערפינעש
אונ אויב איר קענט זייא ניט קריגן בהיתר
קריגט איר זיי באיסור מיט גזילה אונ מיט אום
רעכט אונ אלע אייערע בעלי חובות טוט איר
באצווינגען אין דעם טאג וואש איר פאסט
דאש איר מאנט שטארק אייערע חובות נון צו
קריג טוט איר פאסטין אונ צו שלאגין מיט דר
פויסט פון רשעת לא תצומו כיום איר פאסט ניט
אזו וויא דר משפט איז פון איין פאסט טאג
דאש איר זאלט צו ברעכין אייער הארץ בדי

איר

איר זאלט מאכין הערין אין הימיל אייער קול
הכזה יהיה צום אבחרהו זאל איך דען אין אזו איין
פאסט טאג אויש דר וויילין אזו איין טאג וואש
דר מענטש טוט פייניגן זיין לייב וויל איך דען
דאש דר מענטש זאל איין בייגן זיין קאפ אזו
וויא איין ווענדע וואש מען האפט דר מיט פיש
אונ איין זאק אונ אש זאל ער אויש בעטן אונטר
זיך ווילשטו דען אזו איין טאג אן רופין איין
פאסט טאג אונ איין יום רצון פאר גאט הלא זה
צום אבחרהו פאר וואר דאש איז איין פאסט טאג
וואש איך טוא אין אים אויש דער וויילין צוא
עפענען די קניפין פון רשעת אונ צו אויף בינדן
די בונד פון די פאלשע משפטים אונ צו שיקין
פרייא די קנעכט אין זיבעטין יאר אונ אלע אפ
קערונג פון דין זאלט איר אפ טאן הלא פרוס לרעב
לחמך דו זאלשט צו ברעכין צום הונגעריגין דיין
ברויט אונ דיא ארימע לייט וואש קלאגין אויף
זייער ארימקייט זאלשטו ברייגגן אין דיין הויז
ווען דו וועשט זעהען איין נאקעטן זאלשטו אים
צו דעקין אונ פון דיין קרוב זאלשטו ניט פאר
הוילין דיינע אויגין אז יבקע כשחר אורך דענשט
מאל וועט אויש גישפאלטין ווערין דיין ליכט
אזו וויא דר מארגין שטערין שפאלט דורך די
וואלקינש אונ לייכט אויף דר וועלט אונ דיין
רפואה וועט גיך שפראצין אונ עש וועט גיין
פר דיר דיין גרעכטיקייט אונ נאכש כבוד וועט
דיך איין זאמלען נאך דיין טויט אין דעם ארט
וואש די נשמות פון די צדיקים זיינען דארטין
איין גיזאמילט אז תקרא וי׳ יענה דענשט מאל
וועשטו רופין צוא גאט אונ גאט וועט דיר
ענטפערן דו וועשט שרייען אונ גאט וועט זאגן
דא בין איך צו געבין דיין גיבעט נאר אויב דו
וועשט אפ טאן פון צווישן דיר דאש אפ נייגונג
פון דעם דין ׳ אונ צו ווינקין מיט דעם פינגער
אויף שלעכץ אונ צו ריידין אום רעכט ותפק לרעב
נפשך אונ דוא וועשט אויש ציהען צוא דעם
הונגעריגין דיין גוטין ווילין דאש דו וועשט מיט
אים ריידין גוטע רייד אונ דאש נפש וואש איז
גיפייניגט איבר הונגער וועשטו אן זעטין אזו
וועט שיינען אין דער פינצטערנעש דיין ליכט
כלומר ווען עש וועט קומן איין פינצטערנעש
אויף דר וועלט וועט דיר ליכטיג זיין אונ דאש
פינצטערנעש פון דיין צרה וועט אזו ליכטיג
ווערין אזוא וויא דיא ליכט פון אין מיטין טאג

ונחך יי׳ תמיד אונ גאט וועט דיך תמיד פירין אין
דעם גוטין וועג עש זאל דיר גוט זיין אונ ווען
עש וועט אויף דר וועלט זיין הונגער אונ דארשט
וועט גאט דיין לייב אן זעטין אונ דיינע ביינער
וועט ער שטארקין מיט כח אונ דו וועשט זיין
אזו וויא איין גארטן וואש איז זאט מיט וואשר
אונ אזו וויא איין אויש גאנג פון וואשער וואש
גייט ארויש פון איין קוואל דאש זיינע וואשערן
ווערין ניט אויף גיהערט פון דאנען לערנן מיר
אפ דאש עש העלפט ניט פאסטין אליין נאר
מען מוז גוט אונ פרום זיין אונ צדקה געבין
וויל אלע עבירות קומען פון דעם געלט דרום
איז רעכט מען זאל צדקה געבין פון זיין געלט
דען דורך דעם ווערין זיך אפ טאן פון אים די
בייזע מעשים וואש קומן דורך געלט אונ וויל
דר טאג פון יום כפור איז איין טאג וואש מען
טאר זיך קיין תענוגים אין אים ניט אן טאן אזו
וויא אין אנדרע ימים טובים דרום האבן אונזרע
חכמים אפ גילערינט פון דעם פסוק לקדוש יי׳
מכובד דאש איז טייטש דעם הייליגין טאג יום
כפור זאלשטו ערלאך האלטן מיט שיינע קליידר
אונ אם יום כפור זאל איטליכר זיך צום הארצן
נעמן אויב ער האט איין עבירה גיטאן מיט איין
מחשבה אויף איין אשה דען מיט דר מחשבה
טוען פיל לייט עבירות בפרט אויף ווייבער איז
דר יצר הרע זייער גרויש דרום לייענן מיר אין
שול די פרשה פון עריות דאש רעט פון זנות
מען זאל ניט ליגין ביי קיין פרעמדע ווייבר אונ
מען זאל קיין מחשבה אויף זיי ניט האבן איצונד
ווערין מיר שרייבין מנהגים פון יום כפור מען
זאל שטיין ווען מען זאגט אשמנו אונ חאטשע
ער האט פריער אליין גיזאגט אשמנו זאל ער
מיט דעם חזן נאך איין מאל זאגין ׳ אונ ווען
איינער האט איין עבירה גיטאן פאר דעם יאר
וואש דא איז גיוועזן ׳ אונ האט אויף איר מתודה
גיוועזן דעם יום כפור וואש איז גוועזן פאר דעם
יאר זאל ער פון דעשט וועגין אין דעם יום כפור
אויך אויף איר מתודה זיין אונ זאל גאט בעטין
ער זאל זיא אים מוחל זיין ׳ אונ מען דארף זיך
טובל זיין אום ערב יום כפור אונ מען דארף זיך
נאר איין מאל אונטר טונקן אונ אן איין ברכה
אונ חאטשע ער איז איין אבל מעג ער זיך דאך
אום ערב יום כפור טובל זיין ווען עש איז שוין
נאך שבעה חאטשע איין אבל טאר זיך ניט

וואשין

וואשין אבער צו איין מצוה מעג מען זיך טובל
זיין אונ מען זאל עסין אום ערב יום כפור גרינגע
זאכין וואש מען קען עש גרינג פאר דייען אונ
מען זאל ניט צו פיל עסין אונ מען זאל קיין פיל
בשמים ניט עסין דאש ער זאל זיך ניט דר היצין
אונ מען זאל קיין מילך ניט עסין אום ערב יום
כפור · ווען איינעם ווערט זיין ליכט פאר לאשן
אום יום כפור טאר מען ניט הייסן אן צינדין נאר
נאך יום כפור זאל ער זיא אן צינדן אונ זאל זיא
לאזין אויש ברענען אונ זאל שוין אלע יאר
לאזין די ליכט אויש ברענען נאך יום כפור ·
איין גיוויינערין מעג גיין אין שיך פאר פיר וואכין
דען עש איז איר איין סכנה באָרוועס צו גיין זיא
זאל זיך ניט פאר קילין אונ ווען עש גייט איין
רעגין מעג מען גיין אין שיך ביז אין שול · איין
גיוויינערין די ערשטע דריי טאג נאך איר גווינן
מעג זיא עסין אום יום כפור אונ ווען אפילו עש
איז איין ספק אויב יום כפור איז דער דריטער
טאג אדר דר פערטער טאג מעג זיא אויך עסין
אונ ווען איינער איז קראנק אונ דר רופא זאגט
עש איז אים איין סכנה ווען ער וועט ניט עסן
מעג מען אים געבין עסין חאטשע דער חולה
זאגט ער בדארף ניט עסין אונ ווען דער חולה
זאגט ער דארף עסין אזוא אפילו ווען הונדערט
רופאים זאגין ער דארף ניט עסין פאלגט מען
דאך דעם חולה אונ מען גיט אים עסין אונ ווען
איין רופא זאגט דר חולה דארף עסין אונ דר
אנדערער רופא זאגט ער דארף ניט עסין אזוא
פאלגט מען דעם וואש זאגט ער דארף עסין אונ
מען זאל גיווארינט זיין ווען מען גיט אגיווינערין
אדר איין חולה עסין אום יום כפור זאל מען זיי
ניט געבין פיל אין איין מאל נאר ביסליך ווייש
איצונד וועלין מיר שרייבין צוא דער מאנען
דעם מענטשין ער זאל תשובה טאן אין אזוא
איין טאג וואש גאט האט אונז גיגעבין צוא
פאר געבין אונזערע עבירות דרום זאל ער
זיך באדיינקען תשובה צוא טאן אידער ער
שטארבט ווארום נאך דעם טויט העלפט שוין
קיין תשובה ניט אזוא וויא דער פרקי רבי
אליעזר שרייבט רבי שמעון בן לקיש האט גהאט
צווייא חברים וואש ער פלעגט מיט זייא
פיל גזלנן אונ אנדערע בייזע מעשים טאן אונ
רבי שמעון האט גרויש תשובה גיטאן מיט
פאסטין אונ מיט תפלה אונ מיט תורה לערנען

אונ האט שוין מער קיין בייזע מעשים ניט גטאן
אונ ער איז אין איין טאג גישטארבין מיט זיינע
צווייא חברים אזו איז רבי שמעון גיקומן אין גן עדן
אונ די צווייא חברים זיינן גיקומען אין גיהנם
האבין זיינע חברים גיזאגט רבונו של עולם איז
דען איין אום רעכט אין הימיל דאש רבי שמעון
קומט אין גן עדן אונ מיר אין גיהנם האט גאט
גיענטפערט רבי שמעון האט תשובה גיטאן אונ
איר האט קיין תשובה ניט גיטאן האבין זייא
גיזאגט מיר וועלין נאך תשובה טאן האט גאט
גיענטפערט נאך דעם טויט טוט מען קיין
תשובה ניט עש איז איין משל איינער פארט
איבער דעם ים ווען ער קויפט זיך ניט קיין
ברויט אויף דר יבשה האט ער ניט צו עסין אין
ים אזו אויך ווען איינר טוט ניט קיין תשובה
בייא זיין לעבין דער קאן נאך דעם טויט קיין
תשובה ניט טאן אונ דער וואש שטארבט אן
תשובה דר ווערט זייער גישטראפט אויף יענר
וועלט אזו וויא עש שטייט גישריבין אין ספר
המוסר דרויף איין משל איין מלך האט גיהאט
פיל שרים אונ האט זיי זייער ליב גיהאט אונ
האט זיי זייער ערליך גיהאלטין אונ די שרים
האבין צווישין זיך איין עצה גיהאלטין דאש זיי
זאלין אויש גנבנן דעם אוצר פון דעם מלך אונ
זיי האבין ביי נאכט אויש גיבראכין די טיר פון
דעם אוצר אונ האבין אלע בעסטע כלים ארויש
גיגנבת אמאל קומט דר מלך אין זיין אוצר אונ
זעהט דאש מען האט אים אויש גיגנבת אזוא
האט דר מלך גיהיישין מען זאל נאך פרעגין
אונ נאך זוכין ווער עש האט אים בייא גנבת
אזו האט מען דעם מלך גיזאגט די שרים וואש
דו האשט צום ליבשטין ליב די האבין דאש
גיטאן האט דעם מלך זייער באנק גיטאן זיינע
גוטע כלים נאר פון וועגין גרויש ליבשאפט
האט ער גיזאגט עש איז שקר די שרים זיינען
ערליכע שרים זיי וועלין דאש ניט טאן האבין
די לייט צו אים גיזאגט דוא וועשט דיין גניבה
בייא די שרים גיפינען אזו האט זיך דער מלך
גיטראכט וואש זאל איך טאן ווען מען וועט
בייא זיי די גניבה גיפינען וועט מען זיי הרגנן
אונ איך וועל זיי ניט קענען מציל זיין אזו האט
דר מלך גבאטן מען זאל זיי צום משפט ברייננן
אויב זיי האבין די גניבה ביי זיך אונ אין זייער
וועג וויא זיי האבן גידארפט קומן צום מלך איז

גיוועי

גיוועזן איין וואשער האט דר מלך גישיקט צו
די שרים בסוד זיי זאלין די גניבה אין וואשער
ווארפין אונ ער וועט זיי מוחל זיין דיא גניבה
אונ לאז אייך ניט באנק טאן דאש גאלד אונ
זילבר אונ אבנים טובות כדי איר זאלט לעבין
בלייבין האבין די שרים אזו גיטאן אונ האבין
די גניבה אין וואסר אריין גיווארפין נאר איינר
פון זיי האט דיא גניבה ביי זיך גיהאלטין אונ
אז זיי זיינן גיקומן פר דעם מלך האט מען זיי
באזוכט אונ מען האט ביי זיי ניט גיפונען דיא
גניבה אונ אז מען האט באזוכט דעם איינעם
האט מען ביי אים גיפונען אבנים טובות אזו
איז דר מלך אויף אים זייער ברוגז גיווארין אונ
האט גיזאגט ווארום האשטו דיא גניבה ניט
גיווארפין אין וואסער אזו וויא דיא אנדערע
שרים האבין גיטאן אונ דרום מוזטו גיטייט
ווערין דען די אנדרע עבירה איז גרעשער פון
דער ערשטער עבירה דען צום ערשטין האשטו
גיגנבת ווייל דער יצר הרע האט דיך אן
גירעט אבער איצונד האב איך דיר גיזאגט דו
זאלשט דיא גניבה אוועק ווארפין כדי דוא
זאלשט ניצול ווערין פון דעם טויט ובפרט דוא
האשט גיזעהען דיינע חברים ווארפין אוועק
דיא גניבה אין וואשער ווארום האשטו אויך
אזוא ניט גיטאן אונ האשט מבזה גיוועזן מיין
גיבאט דרום זאלשטו גיטייט ווערין אונ מען
האט אים גיטייט אונ די איבעריגע שרים האט
דר מלך גישיקט רופין אונ האט זיי גרויס כבוד
אן גיטאן אונ איז מיט זייא פריילך גיוועזן אזו
אויך האט גאט גיבאטין מען זאל תשובה טאן
כדי מען זאל ניט שטארבין דעם אייביגן טויט
וויא אין פסוק שטייט שובו שובו מדרכיכם הרעים
ולמה תמותו בית ישראל דאש איז טייטש טוט
תשובה פון אייערע ביזע וועגן איר בית ישראל
אונ ווארום זאלט איר שטארבין דרום דארף
מען תשובה טאן מיט פאסטין אונ מיט תפלה
טאן אונ מיט צדקה געבין דען דיא צדקה איז
מכפר די עבירות אונ מאכט דעם מענטשן רייך
אזו וויא מיר גיפינן אין מדרש רבתי אין פרשת
בחוקותי איין מעשה דאש צוויי ברידר זיינען
גיוועזן איינער האט פיל צדקה גיגעבין אונ דער
אנדערער האט קיין צדקה ניט גיגעבין אונ דר
האט פאר קויפט זיין הויז אונ וואש ער האט
גיהאט אונ האט צדקה דער פון גיגעבין איין

מאל אום הושענא רבה האט אים זיין ווייב
גיגעבין צעהן גילדין ער זאל די קינדער עפיס
קויפין האט אים באגעגינט דר גבאי צדקה וואס
האט צו נויף גינומען געלט חתונה צו מאכין
איין כלה איין יתומה האט דער גבאי צו אים
גזאגט גיב עפעס אויף דר יתומה האט ער גינומן
די צעהן גילדין אונ האט זיי אוועק גיגעבן צום
דעם גבאי אונ האט זיך גשעמט אהיים צו קומן
אונ איז גיגאנגען אין שול אריין אונ די יונגע
קינדער האבין זיך גיווארפין מיט אתרוגים דען
דער מנהג איז גיוועזן דאש אום הושענא רבה
פלעגין זיך די יונגע קינדר מיט אתרוגים שפילן
האט דר מענטש די אתרוגים גינומן אונ האט
זיי אין איין זאק גילייגט אונ איז אוועק גיפארין
איבר דעם ים אונ איז גיקומען אין איין שטאט
אונ דער מלך פון דער שטאט איז גיוועזן שלאף
אויף זיין בויך איז אים גיקומען צו חלום דאס
ער מוז עסין די אתרוגים וואס די יהודים האלטן
אום סוכות אין שול האט דר מלך גיהייסן נאך
זוכין נאך דעם אונ מען האט עש ניט גיקענט
גיפינען אונ מען האט גיזוכט אין אלע שטעט
אונ אין אלע שיפין פון דעם ים אונ מען האט
ניט גיפונען אונ אז מען איז גיקומען צו דעם
יהודי האבין זייא אים גיפרעגט וואש האשטו
צו פאר קויפין האט ער גיזאגט איך בין איין
ארימאן זיינען די לייט פון דעם מלך איבר דיין
זאק גיגאנגען אונ האבין גיפונען די אתרוגים
האבן זייא אים גיפרעגט וואס פר איין אתרוגים
איז דאש האט ער גזאגט דאש זיינן די אתרוגים
וואש די יהודים בענטשן אום סוכות האבן זיי
גינומען דעם זאק מיט אתרוגים אונ האבין אים
גיבראכט צום מלך אונ דער מלך האט פון זיי
גיגעסין אונ איז גיזונד גיווארין האט דער מלך
גיהייסין מען זאל דעם יהודי דעם זאק מיט
גאלד גילדין דער פילין אונ דער מלך פרעגט
דעם יהודי וואש באגערשטו נאך מער האט
דער יהודי גיזאגט איך באגער מען זאל מיר
אום קערין מיין הויז אונ מיינע כלים וואש איך
האב פאר קויפט אונ איך וועל זיי זייער געלט
אום קערין אונ דיא גאנצע שטאט זאלין מיר
אנטקעגין גיין האט דער מלך גישאפט עס זאל
אזו ווערין גיטאן אונ וויא באלד ער איז גיקומן
צו זיין שטאט האט מען אויש גישריען מען זאל
אים אנטקעגין גיין אזו איז מען אים אנטקעגין

גיגאנגען

גיגאנגן די גאנצע שטאט אונ זיין ברודער מיט זיין ווייב אונ קינדער זיינען אויך אים אנטקעגין גיגאנגן אזו איז גיווארין איין גרוים וואשער אין וועג׳ איז דער ברודער מיט גאר זיין הויז גיזינד דער טרונקין גיווארין אונ דר וואש האט צדקה גיגעבין האט גירשת גאר דאש גוטש אונ געלט פון זיין ברודער דאש זאגט דער פסוק כי פועל אדם ישלם לו דאש איז טייטש וויא דער מענטש פאר דינט באצאלט אים גאט אונ זעהעט וואש צדקה איז גורם :

## הפטרה למנחה של יום כפור

ויהי דבר יי׳ אל יונה בן אמתי לאמר אונ עם איז גיוועזן די רייד פון גאט צו יונה בן אמתי צו זאגין גייא אין דער שטאט נינוה אונ זאלשט זיי זאגין זיי זאלין תשובה טאן אונ די נבואה איז דרום גיווארין אן גישריבין צו ווייזין דאש די עובדי כוכבים האבין באלד תשובה גיטאן וויא דער נביא האט צו זייא גיזאגט דאש גאט וועט זייא שטראפין אונ דיא ישראל האבין פיל נביאים צווישן זיך אונ ווילין דאך קיין תשובה ניט טאן אונ ער לאזט אונז ווישין דעם גרוישין נס וואש דער נביא האט גיהאט דאש ער איז גיוועזן דריי טעג אין איין פיש אונ האט גילעבט אונ דער נאך האט אים דער פיש אויש גישפויגין אויף דער יבשה אויך לאזט ער אונז ווישן דאס גאט איז מוחל די עבירות צו דער גאנצער וועלט אונ גאט האט גיזאגט צו יונה גיי אונ רוף אין נינוה די גרוישע שטאט דאש גאט וועט זיי איבר קערין פון וועגין זייערע עבירות ויקם יונה איז יונה אויף גישטאנען אונ איז אנטלאפין קיין תרשיש צו בהאלטן זיך פר גאט אין חוץ לארץ דאס די שכינה זאל אויף אים ניט רוען אזו וועט ער ניט דארפן גיין צו שטראפן די שטאט נינוה דען יונה האט זיך גיטראכט ווען איך וועל די עובדי כוכבים שטראפין אונ זיי וועלין באלד תשובה טאן אונ די ישראל טוא איך אלע טאג שטראפין אונ זיי האבין נאך פיל נביאים וואס שטראפין זייא אונ זיי קערין זיך ניט דער צו אזו וועט גאט חם ושלום שטראפין די ישראל מיט יסורים דרום האט ער ניט גיוואלט שטראפן די עובדי כוכבים פון דער שטאט נינוה וירד יפו אונ ער האט גינידערט צום ים יפו אונ האט דארטין גיפונען איין שיף וואש וויל גיין קיין



תרשיש אונ ער האט אליין בצאלט דעם שכר פר דער גאנצער שיף כדי זיי זאלין ניט ווארטן אויף נאך סוחרים אונ אז זיי זיינען גיקומן אין מיטין ים איז גיווארין איין גרוישער שטורעם ווינט אונ די שיף לייט האבן גטראכט דאש די שיף וועט צו בראכין ווערין אונ וויא זיי האבין דאס גיזעהן האבן זיי זיך זייער גפארכטן אונ איטליכר האט גישריען צו זיין גאט דען עש איז אין דר שיף גיוועזן פון שבעים אומות אונ זיי האבין גיווארפין די כלים פון דער שיף אין ים ארייו צו גרינג מאכין די שיף אונ דער עלצטער פון דר שיף איז גיקומן צו יונה אונ זאגט צו אים ווארום שלאפסטו שטיי אויף אונ רוף צו דיין גאט טאמר וועט ער אונז ענטפערין דאש מיר זאלין ניט פר לארין ווערין אונ זיי זאגין איינער צום אנדערן לאמיר גורל ווארפין פון וועסט וועגין דיא שיף וויל אונטר גיין אונ אנדערע שיפן לעבין אונז גייען גוט אוועק עס מוז צווישן אונז איין זינדיגר מענטש זיין דרום וועלין מיר גורל ווארפן אויף וועמען דער גורל וועט גיפאלן וועלין מיר אים אין ים ארייין ווארפין איז דר גורל גיפאלין אויף יונה אזו האבין די לייט אים גיפרעגט וואש פר איין בעל מלאכה בישטו טאמער טושטו לייט רמאות מיט דיין מלאכה אדער פון וואסר שטאט בישטו טאמער איז איין גזירה נגזר גיווארן אויף דיין שטאט אונ דו בישט אויך אין דר גזירה אדער פון וואש פאר איין פאלק בישטו טאמר איז איין גזירה נגזר גיווארין אויף דיין פאלק האט יונה גיענטפערט איך בין איין יהודי אונ איך האב מורא גיהאט פאר גאט וואס ער האט בשאפין דעם ים אונ די יבשה אונ ער האט זיי דר ציילט די מעשה אזו האבן זיך די שיף לייט זייער גיפארכטין אונ זאגין צו יונה וואש זאלין מיר טאן דאש דער ים זאל שטיל בלייבין האט יונה צו זיי גזאגט נעמט מיך אונ ווארפט מיך אין ים ארייו וועט עס שטיל ווערין דען איך ווייש דאס דורך מיר איז דאס בייז צו אייך אונ די לייט האבין זיך גרודערט צו קומן צום בארטין אונ האבין ניט גיקאנט אזו האבין זייא גישריען צו גאט לאמיר ניט פאר לארין ווערין פון דעם מענטשין וועגן אונ זיי האבין גינומען יונה אונ האבין אים ארייין גיווארפין אין ים ארייו אזוא האט דער ים אויף גיהערט צו שטורימען וימן יי׳ דג אונ גאט האט אן גיבריים איין גרוישן

פיש צו איין שלינגן יונה און דר פיש איז גוועזן
אן גיבריים פון ששת ימי בראשית דר צו און
יונה איז גיגאנגן אין דעם מויל פון דעם פיש אזו
וויא מען גייט אין אגרוישן טויער פון איין שול
און עש איז אים דארטין זייער ליכטיג גיוועזן
רבי מאיר זאגט איין אבן טוב איז גיוועזן אין
דעם פיש און ער האט גלויכטין צו יונה דאס ער
האט אלין גיזעהן וואש אין ים איז אזוא באלד
האט יונה תפלה גיטאן און האט גיזאגט רבונו
של עולם וואו אהין זאל איך גיין און וואו אהין
זאל איך אנטלויפן דיין שטול איז אין הימל און
דו בישט איין מלך איבר אלע מלכים און דיא
ערד איז דאש בייגקלע פון דיינע פיס אלע
מעשים פון דר וועלט זיינן צו דיר אנפלעקט די
טריט פון דעם מענטשין פרובשטו איך בעט
דיך טוא מיר ענטפערין פון דעם מיטין גרוב
און העלף מיר אין דר טיפעניש דו גאט וואש
דוא זיצט ווייט פון מיר ענטפר מיר אין דער
נאהענט דו טושט טייטן און מאכשט לעבעדיג
אזו באלד האט גאט גיזאגט צום פיש צו אויש
שפייען צו יונה האט דר פיש יונה אויש גשפויגן
ניין הונדרט און פינף און זעכציג מייל ווייט
אויף דר יבשה און די שיף לייט האבן גיזעהן
די וואונדר פון גאט וואש גאט האט גיטאן מיט
דעם נביא אזוא באלד זיינען זייא גיגאנגן קיין
ירושלים מיט זייער הויז גיזינד און זיי האבין
זיך מגייר גיוועזן אויף זייא זאגין מיר אין דער
תפלה ועל גרי הצדק: ויהי דבר יי אל יונה שנית און
גאט האט נאך איין מאל גיזאגט צו יונה גייא
קיין נינוה און זאג דאש זיי זאלין תשובה טאן
און אויב ניט וועלן זיי פר לארין ווערן נאך אין
פערציג טאג און די שטאט נינוה איז גרויש גוועזן
דריי טאג גאנג און יונה איז גיגאנגן איין טאג
גאנג אין דר שטאט און שרייט טוט תשובה און
אויב ניט וועט איר פר לארין ווערין אין פערציג
טאג ארום און זיי האבין אים באלד גיגלויבט
דען עש איז אין דער שטאט גיוועזן דיא לייט
וואש זיינן גיוועזן מיט יונה אין דר שיף און
זיי האבין גיפאסט און האבין זיך אן גיקלייד
אין זאק פון גרויש ביז קליין און וויא דר מלך
איז דאש גיוואר גיווארין איז ער אויף גישטאנן
פון זיין שטול און האט אראפ גיווארפין זיינע
קליידר און האט אן גיטאן איין זאק און האט
זיך גיזעצט אין אש און האט גיבאטין מען זאל
ניט געבין עסין קיין מענטשן און קיין בהמה
און אזוא האט דער מלך גיבאטין זייא זאלין
פאסטין און מען זאל שטעלין מאנען באזונדער
און ווייבר באזונדער און בהמות באזונדר און
קעלבר באזונדר און קינדר האבן גזעהען זייער
מוטר און האבן גיוויינט דאש זיי האבן גוואלט
זייגין און די מוטער האבין אויך גיוויינט און
עש איז גיוועזן הונדערט און דריי און צוואנציג
טויזינט זייגעדיגע ווייבער און זייא האבין אויף
גיהויבן זייערע קינדער אנטקעגן דעם הימיל
און האבין גיזאגט רבונו של עולם טוא פון די
קינדערש וועגן וואש זיי האבן נאך קיין עבירות
ניט גיטאן און אין דעם דריטין טאג האבן זייא
גרויש תשובה גיטאן ווען איינער האט עפעש
גיגזלת ביי זיין חבר האט ער אים אום גיקערט
אפילו ווען איינער האט גיגזלת איין באלקן און
האט אים איין גיבויט אין זיין הויז האט ער צו
ווארפין דאש הויז און האט דעם באלקין אום
גיקערט און אויך איין שטיין פון זיין מויער
האט ער צו בראכין דעם מויער צו אום קערן
דעם שטיין מי יודע ישוב ונחם האלהים זייא האבן
גישריען ווער עש וויש וואש פר איין עבירה
ער האט גיטאן זאל ער תשובה טאן אזוא וועט
זיך גאט דער בארימען איבער אונז דאש מיר
זאלין ניט פאר לארין ווערין און אז גאט האט
גיזעהן זייערע גוטע מעשים האט ער זיך מרחם
גיוועזן איבר זיי און האט זיי גילאזט לעבין איז
יונה הנביא זייער טרויעריג גיווארין דאש זיין
נבואה איז ניט מקוים גיווארין און ער האט
גיזאגט צו גאט איך האב דרום ניט גיוואלט
גיין ווייל איך האב גיוואושט דאש דו בישט
איין דר בארמיגר גאט און וועשט זיי מוחל זיין
און איך וועל איין נביא שקר בלייבין דרום
טייט מיך ליבערשט איידער איך זאל זעהן די
צרות פון ישראל וואש זיי וועלין ליידן ווייל זיי
טוען קיין תשובה און די עובדי כוכבים האבין
יוא תשובה גיטאן האט גאט צו אים גענטפערט
דו בישט ברוגז וואש איך האב גוטש גיטאן און
האב מיך דר בארימט איבער דער שטאט איז
יונה ארויש גיגאנגן פון דר שטאט און האט זיך
גימאכט איין סוכה פון ווייטין צו זיצין דרינן צו
זעהן וויא עש וועט דר שטאט אויש גיין האט
גאט גילאזט אויש וואקסין איין גרוישע בלאט
איבר זיין קאפ צו מציל זיין אים פון דער היץ

האט

האט יונה זיך משמח גיוועזן מיט דר בלאט דר
נאך האט גאט גישיקט איין ווארים אונ האט
פר דארבין די בלאט אונ די זון האט גישלאגין
אויף דין קאפ האט יונה גיוויינט אונ איז חלש
גיבליבין אונ זאגט צו גאט טייט מיך דען דער
טויט איז מיר בעסר פון דעם לעבין האט גאט
צו אים גיזאגט דו בישט דיך מצער אויף דער
בלאט׃ וואש דו האשט דיך ניט גימידעט מיט
איר צו אקערין אונ זייען נאר אין איין נאכט איז
זיא אויף גיוואקסין אונ אין איין נאכט איז זיא
פאר לארין גיווארין אונ וויא זאל איך מיך ניט
מצער זיין אויף נינוה וואש אין איר איז פיל
טויזינט מענטשין וואש איך האב זיי באשאפין
אונ פיל טויזינט קינדר וואש האבין קיין עבירה
ניט גיטאן נאר זיא האבין גימוזט ליידין דיא
עבירות פון זייערע פאטר אונ היינט אז דיא
פאטרש האבן תשובה גיטאן האבין די קינדער
אין זיך קיין שום עבירה ניט׃

# הפטרת יום א׳ של סוכות

הנה יום בא ליי וחולק שללך בקרבך עש ווערט קומען
איין גיליבטר טאג צו גאט דאס עש ווערט
ווערין צו טיילט דיין רויבונג וואש דו ווערשט
רויבן פון די עובדי כוכבים צווישן דיר ירושלים
ואספתי את כל הגוים אונ איך ווער איין זאמלן אלע
פעלקר קיין ירושלים צו מלחמה האלטין אונ די
שטאט ווערט איין גינומען ווערין אונ דיא הייזר
ווערין בארויבט ווערין אונ דיא ווייבר ווערין
באלעגערט ווערן אונ איין האלבע שטאט ווערט
גיין אין גלות אונ דאש איבעריגע פאלק ווערט
ניט פר שניטין ווערין פון דר שטאט אונ דרום
ווערט גאט לאזין איין האלבע שטאט פר טרייבן
כדי די עובדי כוכבים זאלין זיך ניט קענן פאר
ענטפערין מיר זיינן ניט גיקומן מלחמה האלטן
נאר צו בוקין זיך צו גאט אונ גאט ווערט ארויס
גיין אונ ווערט מלחמה האלטין מיט דיא עובדי
כוכבים אזוא וויא דער טאג וואש ער האט
מלחמה גיהאלטין מיט דיא מצרים ביי דעם ים
סוף ועמדו רגליו ביום ההוא אונ דיא פיס פון גאט
ווערין שטיין אין דעם טאג אויף דעם הר הזיתים
וואש פאר ירושלים איז אין מזרח זייט אונ דער
הר הזיתים ווערט צו שפאלטין ווערין פון דער
מיטין ביז קיין מזרח זייט אונ ביז קיין מערב
זייט אונ עש ווערט זיין אין מיטין איין גרוישר
טאל אונ עש ווערט זיך אוועק רוקין איין האלבר
בארג קיין צפון אונ איין האלבער בארג קיין
דרום׃ אונ דורך דעם וואש די בערג ווערין זיך
צו גיין פון זייערע ערטר ווערין פאר שטאפט
ווערין די טאלין פון די בערג וואש זיינן ארום
ירושלים דען עש ווערט גרייכן די טיף פון דעם
טאל צו די הויך פון דיא שפיץ בערג׃ אונ אז
איר ווערט זעהן דעם וואונדר ווערט איר אנטלויפן
אזו וויא איר זייט אנטלאפין פר דעם רעש וואס
איז גיוועזן אין דיא טעג פון עוזיהו מלך יהודה
וואש ער איז מצורע גיווארין וויל ער האט
גיוואלט מקטיר קטורת זיין׃ אונ גאט ווערט קומן
אונ אלע מלאכים ווערין זיין מיט אים׃ והיה
ביום ההוא לא יהיה אור יקרות וקפאון אונ אין דעם
טאג ווערט ניט זיין קיין טונקלע אונ קיין פינצטערע
ליכט אונ עש ווערט זיין איין טאג ער איז גיווים
צו גאט דאש ער איז ווארין אן גיבריט צוא
זיין הילף עש ווערט אין אים ניט זיין די ליכט פון
ביי טאג כלומר דאש גוטש פון עולם הבא אונ
ניט דאש פינצטערנש פון ביי נאכט כלומר די
צרות פון דעם גלות אונ איידער עש ווערט זיך
אויש לאזין דיא זעקסטע טויזינט יאר ווערט זיין
גאר דאש גוטש וואש איז גיזאגט גיווארין אויף
ישראל׃ והיה ביום ההוא אונ עש ווערט זיין אים
דעם טאג ווערין ארויש גיין קוואלין וואשר פון
ירושלים האלב ווערין גיין צום ים וואש איז אין
מזרח זייט פון דר וועלט אונ האלב ווערין גיין
אין דעם ים וואש גייט אין מערב זייט פון דר
וועלט אום זומר אונ אום ווינטר ווערין זיי גיין׃
דר אבן שועב שרייבט אין פרשת פנחס דאש
דאש וואשער ווערט ארויש גיין פון דעם בית
המקדש אונ ווערט פר טרינקן דעם טייך שטים
וואש די ישראל האבין דורך אים מזנה גיוועזן
דען עש איז דא וואשערין ווען מען טרינקט
זיי מוז מען נאך גיין נאך זנות וויל די וואשר
גייט איבר אזעלכע קרייטר וואש האבין אין דר
טבע צו ברייננן צו זנות׃ אונ עש איז דא אטייל
קרייטר וואש טוען אפ דעם מענטשין פון זנות
דאש זאגט דער פסוק וזרקתי עליכם מים טהורים
איך ווער אויף אייך שפריינגן ריינע וואשר דאס
איר ווערט מער ניט נאך גיין נאך דעם יצר הרע
פון זנות דרויף זאגט דר פסוק בלע המות לנצח דר
יצר הרע ווערט מער ניט זיין אויך זאגט דר פסוק
ואת הצפוני ארחיק מעליכם איך ווער פון אייך [illegible]

מאן דעם יצר הרע וואש ער איז באהאלטין
אין דעם מענטשין דאש זאגט דר פסוק יצאו מים
חיים עש וועט פון דעם בית המקדש ארויס גיין
קוואלין וואשר וואש וועלין געבין דאש לעבין
דאש דר יצר הרע וועט דורך זייא בטל ווערין
והיה יי למלך על כל הארץ אונ גאט וועט זיין איין
מלך איבר גאר דר וועלט אין דעם טאג וועט
גאט זיין איין גאט דאש אלע עובדי כוכבים
וועלין מודה זיין דאש קיין אנדערער גאט איז
ניט דא אונ זיין נאמן וועט זיין גיאיינציגט יסוב
כל הארץ כערבה גאט וועט פר קערין די גאנצע
וועלט צו איין גלייכין פלאץ אונ ירושלים וועט
שטיין אויף איין בארג אזו וועט מען זיא ארויס
זעהן אויף דער גאנצר וועלט וויל קיין בערג
וועלן זיא ניט פר שטעלין אונ די ישראל וועלין
זיצין אין איר אונ זיא וועט שוין מער ניט פר
וויסט ווערן אונ וועט זיצין זיכר וזאת תהיה המגפה
אשר יגוף יי אונ אזו וועט גאט שלאגין די עובדי
כוכבים וואש וועלין קומן מלחמה האלטין אויף
ירושלים עש וועט אפ פאלין זייערע גלידר פון
זייער לייב אונ זיי וועלן שטיין אויף זייערע פיס
אונ זייערע אויגן וועלן צו גיין אין זייערע לעכר
אונ זייער צונג וועט צו גיין אין זייער מויל והיה
ביום ההוא אונ עש וועט זיין אין דעם טאג וועט
פר מישט ווערן דר שכל פון די עובדי כוכבים
וואש וועלין קומן מלחמה האלטין אויף ירושלים
אונ איינר וועט אן נעמן אין דעם אנדערן אונ
וועט אים הרגענען אונ דאש פאלק פון יהודה
וואש וועלין זיין פר טריבין אין גלות וועלין
מוזין קעמפן מיט דיא עובדי כוכבים מלחמה
האלטין אויף ירושלים אונ עש וועט ווערן איין
גיזאמילט גאר דאש גוטש פון דיא עובדי
כוכבים ארום ירושלים גאלד אונ זילבער
אונ קליידער גאר פיל וכן תהיה אונ אזוא
אויך וועלין גיטייט ווערין דיא פערד אונ
די מויל איזלען אונ די קעמלן אונ די איזלן אונ
אלע בהמות וואש וועלן זיין אין דר מחנה וועלן
גיטייט ווערין מיט דער מגפה וואש די עובדי
כוכבים וועלין מיט איר גיטייט ווערין׃ והיה כל
הנותר מכל הגוים אונ די וואש וועלין איבר בלייבן
פון אלע פעלקער אין דר מלחמה די וועלן אלע
יאר אויף גיין קיין ירושלים צו בוקין זיך פאר
גאט אונ צו האלטין חג הסוכות דרום וועלן זיי
מאכין איין זכרון וויל זיי זיינען ניצול גיווארין

פון דער מלחמה אונ וועלכע משפחה פון דיא
עובדי כוכבים וואש וועט ניט אויף גיין קיין
ירושלים וועט אויף זיי קיין רעגין ניט גיין אונ
זיי וועלין פאר הונגער שטארבין׃ ואם משפחת
מצרים לא תעלה אונ ווען די מצרים וועלן ניט גיין
קיין ירושלים אום סוכות אונ זיי דארפן קיין רעגן
ניט דען דער טייך נילוס טרינקט אן זייערע
פעלדער וועל איך מאכין דאש דר נילוס וועט
ניט אן טרינקן זייערע פעלדר אונ זיי וועלן אויך
פאר הונגער שטארבין גלייך וויא אלע עובדי
כוכבים ביום ההוא יהיה על מצלות הסוס קודש ליי אין
דעם טאג וועלין אפילו די גלאקין פון די פערד
זיין היילג צו גאט דען זיי וועלין אלץ מקדיש
זיין צו מאכין דר פון כלי שרת אין בית המקדש
וויל מען וועט בדארפין פיל טעפ ווארום מען
וועט פיל קרבנות ברייגגן אין דיא טעג והיה כל
סיר בירושלים וביהודה קודש ליי צבאות עש וועט
אום סוכות אזו פיל קרבנות זיין דאש מען וועט
ניט האבין אין עפעש צו קאכין אונ מען וועט
פון די הייזער פון ירושלים נעמן טעפ צו קאכן
קרבנות אונ עש וועט קיין סוחר ניט זיין אין
גאטש הויז אין דעם דאזיגין טאג׃ אדר כנעני
מאכט כאן עני קיין ארימאן וועט ניט זיין אין
גאטש הויז דען אלע וועלן זיין רייך דר תנחומא
שרייבט אויף דעם פסוק ויצא יי ונלחם בגוים ההם
רבי לוי זאגט די רשעים וועלין קלוג זיין צוא
טראכטין בייז אויף ישראל אונ איטליכער זאגט
איך בין קליגער פון יענעם׃ עשו האט גיזאגט
קין איז איין שוטה גיוועזן דאש ער האט גהרגת
הבל זיין ברודר אז דר פאטר האט נאך גלעבט
אונ ער האט ניט גיטראכט דאש זיין פאטער
וועט נאך קינדר האבין אונ ניט ער אליין וועט
ירשענן די וועלט אזו וויא ער האט גימיינט׃
אבר איך וועל ווארטין ביז מיין פאטער וועט
שטארבין אונ דר נאך וועל איך מיין ברודער
יעקב הרגנן׃ אונ פרעה האט גיזאגט עשו איז
איין שוטה גיוועזן אונ איך בין איין חכם ער
האט גווארט ביז זיין פאטר יצחק וועט שטארבן
אונ האט ניט גיוואושט דאש יעקב קען פיל
קינדר האבין ביז יצחק וועט שטארבן אונ וואש
וועט אים העלפין וואש ער וועט הרגענען צו
יעקב אז זיינע קינדר וועלין לעבין בלייבין אבר
איך וועל היישן די קינדר הרגענן וויא באלד
זיי גייען ארויש פון זייער מוטערש לייב׃ המן

האט גיזאגט פרעה איז איין שוטה גיוועזן דאש ער האט גיהרגת דיא זכרים אונ האט גילאזט לעבין די נקבות אונ האט ניט גיטראכט דאש די נקבות וועלין מאנען נעמען אונ וועלין פיל קינדר האבין׃ אבר איך וועל ישראל טייטן מאנן אונ ווייבער אונ קליין אונ גרויש עש זאל קיינר ניט איבער בלייבין׃ אונ אז גוג ומגוג וועט קומען וועט ער זאגין אלע זיינען שוטים גיוועזן זיי האבין ניט גיזעהן דאש די ישראל האבן איין מלך איבער זיך דאש איז גאט אין הימיל דרום וועל איך פריער מיט גאט מלחמה האלטן דר נאך וועל איך מיט די ישראל מלחמה האלטן אזו וועט גאט ענטפערין דוא ווילשט מיט מיר מלחמה האלטין איך וואלט גערין דוא זאלשט מיט מיר מלחמה האלטין דאש זאגט דר פסוק יי׳ כגבור יצא גאט וועט ארויש גיין צו דר מלחמה אזוא וויא איין גבור׃

דיא הפטורה פון דעם אנדערין טאג סוכות גיפינט מען אין פרשה פקודי ותשלם כל המלאכה

## הפטרת שבת חול המועד סוכות

והיה ביום ההוא ביום בוא גוג על אדמת ישראל אונ עש וועט זיין אין דעם טאג וואש גוג ומגוג וועט קומען אויף ארץ ישראל וועט אויף גיין מיין צארין אין מיין נאז אונ עש וועט זיין איין גרוישער שטורעם פון דונערין אונ בליצין אונ עש וועלין ציטערין פאר מיר די פיש אין וואשר אונ די פויגיל וואש פליען אונטער דעם הימיל אונ דיא חיות פון דעם פעלד אונ אלע שרצים וואש טוען קריכין אויף דער ערד אונ אלע מענטשין וואש זיינען אויף דער ערד אונ עש וועלין איין פאלין די שטאפלען אונ אלע הויכע מויערין וועלין פאלין צו דער ערד אונ איך וועל אויף אים אן ברייטין איין שווערד אויף אלע מיינע בערג דאש איינער וועט דעם אנדערין דר הרגנן ונשפטתי אתו בדבר ובדם אונ איך וועל אים משפטן מיט מארד אונ מיט בלוט אונ מיט גרוישע רעגין וואש פלייצין גלייך וויא איין מבול אונ מיט גרוישע האגיל שטיינר די חכמים זאגן דר האגיל וואש איז גיגאנגן אין מצרים אונ משה האט תפלה גיטאן ער זאל אויף הערין אזו איז דר האגיל גיבליבין הייגען אין דר לופטין דר האגיל וועט קומן אויף גוג ומגוג אונ פייער אונ שוועביל וועל איך מאכין רעגינען אויף אים אונ אויף זיין פאלק אונ אויף די פיל פעלקער וואש וועלין זיין מיט אים והתגדלתי והתקדשתי אונ איך גאט וועל גיאכפערט אונ גיהייליגט ווערין אונ וועל גיוואוסט ווערין צו די אויגין פון פיל פעלקר אונ זיי וועלין ווישין דאש איך בין גאט ואתה בן אדם אונ דו בן אדם זאג נביאות אויף גוג ומגוג אונ זאלשט זאגין אזו הט גאט גזאגט איך בין אן גיברייט צו דיר גוג דער האר פון משך ותובל אונ איך וועל דיך פאר ווילדין אונ וועל דיך אן רייצין אונ וועל דיך אויף ברייגן פון די זייטין פון צפון אונ וועל דיך ברייגן אויף דיא בערג פון ישראל אונ וועל אויש שלאגין דיין בויגן פון דיין לינקער האנט אונ דיינע פיילין וועל איך פון דיין רעכטער האנט מאכין ארויש פאלין אויף די בערג פון ישראל וועשטו פאלין מיט דיינע הארין אונ גאר דיין פאלק וואש מיט דיר וועלין פאלין פאר די פויגיל וואש האבין פליגיל אונ צו די חיות פון דעם פעלד וועל איך דיך געבין צוא עסין אויף דעם פעלד וועשטו פאלין דען איך האב גירעט אזו זאגט גאט אונ איך וועל שיקין איין פייער אין מגוג אונ אין דיא וואש זיצין אויף די אינזלען זיכער אונ זיי וועלן ווישן דאש איך בין גאט ואת שם קדשי אודיע אונ מיין הייליגין נאמען וועל איך מודיע זיין צווישן מיין פאלק ישראל אונ וועל שוין מער ניט פאר שוועכין מיין הייליגין נאמען עש וועט קומען אונ עש וועט זיין דר טאג אזו זאגט גאט דאש איז דער טאג וואש איך גאט האב גירעט ויצאו יושבי ערי ישראל אונ זייא וועלין ארויש גיין דיא זיצער פון די שטעט פון ישראל אונ וועלן ברענן אונ הייצין מיט דעם כלי זיין פון די עובדי כוכבים זיבין יאר אונ וועלין ניט טראגין קיין האלץ פון דעם פעלד אונ וועלין ניט האקין פון די וועלדער דען פון די כלי זיין וועלין זיי ברענען פייער אונ זיי וועלין רויבין זייערע בארויבר אזו זאגט גאט דר האר׃ והיה ביום ההוא אתן לגוג מקום שם קבר בישראל אונ עש וועט זיין אין דעם טאג וועל איך גאט געבין צו די הרוגים פון גוג ומגוג איין ארט צוא איין קבר דעם טאל וואש מען פארט דארטין ארום צום ים כנרת צו ברייגען די פירות פון גינוסר פון מזרח זייט ים גינוסר אונ עש וועט דארטין זיין אזו פיל הרוגים דאש עש וועט פאר שליסין אונ פאר מיידין די איבר פארער דאש זיי וועלין ניט קענן דורך פארין

אונ

# הפטרת שבת חול המועד של סוכות

און מען וועט דארטן באגראבן גוג מיט גאר זיין חיל און מען וועט דאס ארט רופן דער טאל פון דעם חיל פון גוג און דרום וועט ער זוכה זיין צו קבורה ווייל ער וועט זיין פון דיא קינדער פון יפת וואס ער האט צוא גידעקט מיט זיין ברודער שם די שאנד פון זיין פאטער אז ער איז גילעגין שיכור דרום האט אים גאט זיין שכר באצאלט דאס די ערד האט אים צוא גידעקט און דיא ישראל וואס זיינען פון דיא קינדער פון שם האבין דר פאר זוכה גיוועזן צוא בארעקט ווערין מיט איין טלית מיט ציצית ווייל שם האט מיט מער לושט צו גידעקט זיין פאטרי און ווייל דיא ישראל האבין זוכה גיוועזן צוא ציצית דורך דעם וואס שם האט ניט גיוואלט זעהען זיין פאטערש שאנד · איבער דעם איז זיי דיא ציצית מציל פון זנות · אזוא וויא עש האט זיך איין מעשה גיטראפין דאס איין מענטש איז נזהר גיוועזן אין דער מצוה פון ציצית און האט גיוואלט זיין ביא איין זונה אזוא האבין אים די ציצית ניט דר לאזט און דאס איז גיוועזן די כוונה פון תמר אז יהודה האט גיוואלט ביי איר ליגין האט זיא זיך גהיישין געבין זיין טלית מיט ציצית ווייל זיא האט מורא גיהאט די ציצית זאלין אים ניט לאזין ביא איר זיין · און דאס זאגט דיא גמרא אין שבת פון וועגין דער עבירה וואס מען האלט ניט רעכט די מצוה פון ציצית דורך דעם שטארבין זיינע קינדר אזוא וויא אין פסוק שטייט גם בכנפיך נמצאו דם נפשות ווייל מען האלט ניט די ציצית אין ארבע כנפות דרום שטארבין דיא קינדער ווייל דער וואס האלט ניט די מצוה פון ציצית דער קומט צוא זנות דרום שטראפט אים גאט דאס זיינע קינדער שטארבין דאס איז מדה כנגד מדה ווייל ער איז מזנה צו האבין קינדער פון זנות דרום נעמט גאט צוא זיינע רעכטע קינדער · און ווער עש איז נזהר פון זנות דער האט קינדער אזוא וויא מיר גיפינען ביא איין סוטה ווען זיא איז ריין גיבליבין פון דער וואשער וואס דער כהן האט איר גיגעבין טרינקען און זיא האט ניט מזנה גיוועזן אזוא אז זיא האט קיין קינדר ניט גיהאט האט איר גאט דער נאך גיגעבין פיל קינדער און ווען זיא האט גיהאט פריער טעכטער · האט זיא דער נאך גיהאט זין · וקברום בית ישראל למען טהר את הארץ און דאס הויז גיזינד פון ישראל וועלין זיא באגראבין צו ריינוגין דאס לאנד · און זיבין חדשים וועלין זייא עוסק זיין אין זייער קבורה און דאס וועט זייא זיין צוא איין גוטין שם דאס אלע וועלין צוא ישראל לויבין דאס עש איז ניט דא אזוא איין דער בארמיג פאלק וויא די ישראל דאס זייא באגראבין זייערע שונאים וואס האבין זייא גיוואלט הרגנן און דאס וועט זיין אין דעם טאג וואס איך גאט וועל גיערליכט ווערין אזוא זאגט גאט ואנשי תמיד און די ישראל וועלין אפ שיידין מענטשין זיי זאלין באגראבין דיא הרוגים וואס זיינן פאר שפרייט אויף דעם פעלד און זייא וועלין זייא באגראבין מיט דיא וואס וועלין איבער פארין דעם ים כנרת און דיא הרוגים פאר האלטין זייא דעם וועג וועלין זייא אויך העלפין צוא באגראבין זייא · און די וואס וועלין זיין וויט פון דעם וועג פון דיא איבער פארער די וועלין באגראבין דיא לייט וואס וועלין ווערין דער צו אפ גישייד צו ריין מאכין דאס לאנד און נאך זיבין חדשים דאס עש וועט שוין אזוא פיל הרוגים ניט זיין אויף דעם פעלד אזוא וועלין זייא נאך זוכין אין דיא פאר בארגענע ערטער צווישין דערנער און זיי וועלין באגראבין די וואס זייא וועלין גיפינען ועברו העוברים בארץ און די איבער פארער וועלין איבער פארין אין לאנד און דער וואס וועט זעהען ליגין אייןביין פון איין מענטשין וועט ער מאכין לעבין אים איין צייכין מען זאל ווישין אז דא ליגט איין מת כדי עש זאלין זיך פון דעם ארט אפ שיידין די איבער פארער און די וואס מאכין טהרות ביז עש וועלין קומען די לייט וואס זיינען דר צו ווארין אפ גישייד און וועלין אים באגראבין אין טאל וואס הייסט המון גוג וגם שם עיר המונה און אויך דיא שטאט וואס הייסט המונה ווייל עש איז אין איר איין ברומונג פון פיל לייט די וועלין זייערע טויטע לייט אויך אין דעם טאל באגראבין און די ישראל וועלין ריין האלטין אין לאנד זייערע טהרות און תרומות דאס זייא וועלין היטין זייא זאלין ניט טמא ווערין :

# הפטרת שמיני עצרת

ויהי ככלות שלמה להתפלל און עש איז גיוועזן אז שלמה האט אויף גיהערט צו מתפלל זיין צו גאט און פון צו קניען אויף זיינע קניא און

זיינע

זיינע הענט זיינן גיוועזן פאר שפרייט צום הימיל
פון דאנען לערנען מיר אפ דאש איין מלך האט
גיפוטט דיא גאנצע תפלה שטיין איין גיבויגין
ויעמוד ויברך את כל קהל ישראל איז ער אויף גישטאנן
אונ האט גבענטשט כל ישראל אונ האט גזאגט
גילויבט איז גאט וואש ער האט גיגעבן מנוחה
צו זיין פאלק ישראל אונ האט מקיים גיוועזן
זיינע רייד וואש ער האט צו גיזאגט דורך משה
רבינו דאש די ישראל וועלין מנוחה האבן אונ
גאט זאל זיין מיט אונז אזו וויא ער איז גיוועזן
מיט אונזערע עלטערין ער זאל אונז ניט פאר
לאזין מיר זאלין גיין אין אלע זיינע וועגין אונ
צו האלטין זיינע מצות ויהיו דברי אלה אונ מיינע
רייד די דאזיגע וואש איך האב גיבעטין פאר
גאט זאלין זיין נאהינט צו גאט אונזער גאט ער
זאל אונז שפייזן אונ זאל אונז געבין גאר אונזר
באדערפינעש · למען דעת כל עמי הארץ כדי אלע
פון דער ערד זאלין ווישין דאש גאט איז איין
גאט · עס איז ניט דא קיין אנדערער · אונ דאס
הארץ פון ישראל זאל זיין גאנץ מיט גאט צוא
האלטין זיינע מצות · והמלך וכל ישראל עמו אונ דער
מלך מיט גאר דעם פאלק האבן גיקוילט קרבנות
אונ שלמה האט גיקוילעט צוויי אונ צוואנציג
טויזינט אקסין אונ הונדרט אונ צוואנצג טויזינט
שאף אונ מען האט באנייט דעם מזבח ביום ההוא
אין דעם טאג האט דר מלך גיהייליגט דעם הויף
פון דעם בית המקדש צו ברייגגן דרינן קרבנות
דען דער קופערנער מזבח איז קליין גיוועזן צו
ברייננן דרויף די אלע קרבנות · ויעש שלמה אונ
שלמה המלך האט אין דער צייט גימאכט איין
בנייאונג צום בית המקדש מיט כל ישראל איין
גרויש פאלק זיבין טאג פאר סוכות אונ זיבין
טאג סוכות וואש דאס איז מיט אנאנדר פערצן
טאג אונ זיי האבין די קרבנות גיגעסין אום יום
כפור · ביום השמיני שלח את העם דעם אכטין טאג
דאש איז שמיני עצרת האט דר מלך גישיקט
דאש פאלק ניט זיי זיינן גיגאנגן אום יום טוב
נאר זיי האבין רשות גינומן פון דעם מלך צו
גיין אבער זיי זיינען גיגאנגן נאך יום טוב אונ
זיי האבין גבענטשט דעם מלך אונ זיינן אהיים
גיגאנגען פריילך אונ מיט גוטע הערצר אויף
דיא אלע טובות וואש גאט האט גיטאן צו זיין
קנעכט דוד דאש ער האט אים מוחל גיוועזן די
עבירה פון בת שבע אונ האט דאש גילאזט
צו אלע ווישין אז ער האט אים די עבירה מוחל
גיוועזן דען אז שלמה האט גיוואלט דעם ארון
אריין טראגין אין קדשי קדשים האבין זיך דיא
טויערין באהעפט איינר צום אנדערין אונ האבן
זיך ניט גיוואלט עפענן אזו האט שלמה המלך
גיזאגט פיר אונ צוואנציג גיבעט אונ זיי האבין
זיך ניט גיעפינט ביז ער האט גיזאגט טוא פון
וועגין דעם זכות פון מיין פאטער דוד אזו באלד
האבין זיך די טויערין גיעפינט אזו האט מען
גיוואוסט דאש גאט האט צו דוד מוחל גיוועזן
די עבירה אונ אויך די טובות וואש גאט האט
גיטאן צו זיין פאלק ישראל דאש ער האט זיי
מוחל גיוועזן די עבירה וואש זיי האבן גיגעסין
אום יום כפור דען עש איז ארויש גיגאנגן איין
בת קול פון דעם הימיל אונ האט גיזאגט איר
אלע זייט אן גיברייט צו עולם הבא :

סליק ההפטרות על סדר נכון מסודרות

# שיר השירים

ועתה נתחיל חמש מגילות בעזרת עושה גבורות

**שיר** השירים דער ילקוט זאגט אלע מעשים פון
שלמה זיינן גוועזן אין דריי גישטאלט רבי
יהודה זאגט שלמה איז צום ערשטין איין מלך
גיוועזן אונ דער נאך האט אים דר אשמדאי אין
איין וויט לאנד פאר ווארפין וואס מען האט
אים הארטין ניט גיקענט אונ ער איז גיוועזן איין
בעטלער אונ דער נאך איז ער ווידר איין מלך
גיווארין אונ רבי חנינא זאגט שלמה איז צום
ערשטין איין מלך גיוועזן דר נאך איז ער גיבליבן
איין בעטלר אונ איז שוין אייביג צו זיין מלוכה
ניט גיקומן דריי נעמען האט ער גיהאט ידידיה
קהלת שלמה אונ דריי ספרים האט ער גימאכט
משלי שיר השירים אונ קהלת · אשר לשלמה דאס
איז דאש גיזאגט וואש שלמה האט גילויבט צו
גאט וואש דער שלום איז זיין דאש ער מאכט
צווישין אלע שלום דען די זון אונ די לבנה אונג

די שטערן גייען אין הימיל אונ עש טוט איינר דעם אנדערין קיין שאדין ניט אונ עש גייט רעגן אונ האגיל פון וואשר אונ דונערין אונ בליצין פון פייער אונ זיי גייען מיט אנאנדר אויף דער וועלט אונ דאש וואשער פאר לעשט ניט דאס פייער ישקני מנשיקות פיהו רבי יוחנן זאגט איין מלאך איז גיגאנגן אויף דעם בארג סיני אז מען האט די תורה גיגעבין אונ גאט האט גזאגט אנכי יי׳ אלהיך איז דער מלאך גיגאנגן צו איטליכן פון ישראל אונ זאגט זייט מקבל וואש גאט האט גיזאגט אונ פר שטייט וואש ער וויל האבן מיט דעם ריידין האט דער ישראל גיענטפערט איך וואלט גערין פאר שטיין וואש גאט זאגט אונ וואלט גערין מקבל גוועז וואש גאט טוט גיביטן אזו באלד האט דער מלאך דעם ישראל גיטאן קושין אונ דעם דיבור אנכי יי׳ אלהיך וואש דיא ישראל האבין גיהערט פון גאט אליין האבן זיי ניט פר געסין אבער די איבעריגע דברות וואס זיי האבין גיהערט פון משה האבין זיי פר געסן אזו האבן זיי גיזאגט צו משה ווער וואלט דאש גאט זאל זיך נאך איין מאל צו אונז באווייזין אונ זאל מיט אונז נאך איין מאל ריידין דאש מיר זאלין אונזער לערנן ניט פאר געסין דאש מיינט דער פסוק ישקני מנשיקות פיהו דאש גאט אליין זאל מיט אונז ריידן האט משה געענפערט צו ישראל דאש קאן ניט זיין אויף דעם בארג סיני נאר אז משיח וועט קומען אזו וועט זיך גאט באווייזן אונ וועט אליין תורה לערנן מיט ישראל אונ זייא וועלין זייער לערנען ניט פאר געסין אזו וויא אין פסוק שטייט נתתי את תורתי בקרבם ועל לבם אכתבנה איך וועל געבין מיין תורה צווישן זיי אונ אויף דעם טאביל פון זייער הארץ וועל איך זיא אויף שרייבין דאס זיי וועלן זיא ניט פאר געסין כי טובים דודיך מיין דיין תורה איז בעסר פון גוטין ויין אונ דרום גלייכט ער די תורה צו ויין דאש אזו וויא ויין מוז מען האלטין אין ערדענע כלים · אונ אין זילבערנע אדער אין גילדערנע כלים ווערט ער זויער אזו אויך קען זיך די תורה ניט האלטין נאר בייא דעם וואש האלט זיך נידעריג אזו וויא ערד אבער דר וואש האלט זיך הויך ווערט די תורה פון אים אפ גיטאן לריח שמניך ער גלייכט די תורה צו בוים איל אזו וויא בוים איל איז איין רפואה צום גוף אונ מאכט לויטער דאש פנים אזו אויך דער וואש לערינט תורה איז זיא צו אים איין רפואה צו זיין גוף אונ מאכט אים לויטער דאס פנים אונ אזו וויא בוים איל ווען מען גיסט אים אין וואשער בלייבט ער פון אויבין אזו אויך דער וואש האט גילערנט תורה אונ איז פול מיט תורה אונ רעט דברים בטלים גייט פון אים אזו פיל תורה ארויש וויא פיל דברים בטלים וואש ער האט גירעט משכני אחריך נרוצה דער ילקוט שרייבט רבי מאיר זאגט אויף דעם בארג סיני האט גאט גיזאגט צו ישראל ברייננט מיר איין ערב דאש איר וועט די תורה האלטין אזו וועל איך אייך די תורה געבין האבן די ישראל גיענטפערט מיר וועלן געבין אברהם יצחק ויעקב צו ערבים האט גאט גזאגט אברהם וויל איך ניט ווייל ער האט גיזאגט במה אדע מיט וואש וועל איך וויסין דאש מיינע קינדר וועלין ירשנן דאס לאנד אונ האט ניט גיגלויבט וואש גאט האט אים צו גיזאגט · אונ יצחק וויל איך אויך ניט פאר קיין ערב ווייל ער האט ליב גיהאט צו עשו אזו וויא אין פסוק שטייט ויאהב יצחק את עשו אונ יעקב וויל איך אויך ניט פאר קיין ערב ווייל ער האט גזאגט נסתרה דרכי מיי׳ עש איז פר בארגין מיין וועג פון גאט דאש גאט זעהט ניט מיינע וועגין האבין די ישראל גיזאגט אונזערע קינדר וועלין פאר אונז ערב זיין האט גאט גיזאגט די וועל איך אן נעמען פאר ערבים אונ וויא באלד די ישראל האלטין ניט די תורה מוזין די קינדר ליידין יסורים פר זייערע פאטער אונ גאט זאגט ניט דאש אליין דאש זייערע קינדר מוזין ליידין נאר כביכול איך אליין מוז אויך דורך דעם שאדין האבן דען ווען איך וועל טייטין די קינדר ווער וועט דאך זאגין ברכו אונ אמן יהא שמיה רבא וואש די קינדר זאגין אין שול אזו וויא דר פסוק זאגט ותשכח תורת אלהיך אשכח בניך גם אני דו ישראל טושט פאר געסין די תורה פון דיין גאט וועל איך גאט פאר געסין דיינע קינדער אזו וועלין זיי גישטראפט ווערין אונ דר פסוק זאגט גם אני כלומר איך גאט האב אויך דורך דעם שאדין הביאני המלך חדריו דאש איז טייטש גאט האט די נביאים גיבראכט אין הימיל אונ האט זיי אלץ גיוויזן · צו אליהו האט גאט גיוויזן די חדרים פון דעם הימיל אונ דאש אין די טעג פון משיח וועט זיין איין שור הבר אונ איין לויתן · צו יחזקאל האט גאט גיוויזן די מרכבת

ראש

ראש איז דר כסא הכבוד אונ אויך צו אנדרע נביאים האט ער זיי גיוויזן • שחורה אני ונאוה די ישראל זאגין האטשע איך בין גיוועזן שווארץ אין מצרים אונ בין גיוועזן פר שמירט מיט ליים פון די ציגיל ארבעטן בין איך אבר וויים גיווארן מיט זילבער אונ גאלד וואש איך האב ביי די מצרים גינומען ביי דעם ים אונ ווען איך בין איין גאנצע וואך שווארץ פון דר ארבעט אונ פון דעם האנדיל בין איך אבר שיין אום שבת כאהלי קדר ער גלייכט די תלמידי חכמים צו די גיצעלטן פון די טאטערין דאש זייא זיינן פון אויש ווייניג באהאנגן מיט שווארצע אום היינג אבר אינעווייניג לייכטין זיי מיט אבנים טובות אזו אויך זיינן די תלמידי חכמים דאש זייער פנים איז שווארץ פון פיל תורה לערנן אבער אין זייער הארץ זיינען זיי פול מיט משניות אונ מדרשים וואש לייכטין אזו וויא אבנים טובות צאי לך בעקבי הצאן דער ילקוט שרייבט גאט האט גיוויזן צו משה אלע מנהיגים אונ פרנסים וואש ווען זיין אויף דער וועלט ביז אין די טעג פון משיח לסוסתי ברכבי פרעה דיא פסיקתא רבתי שרייבט פון וועגין רבי שמעון די אינדרן פון דעם ים האבין איין גישטאלט גיהאט וויא פערד נקבות אונ די מצרים האבין גיהאט פערד זכרים אזו זיינען זיי נאך גילאפין נאך די אינדרין דען זיי האבין גימיינט דאש איז פערד נקבות דורך דעם זיינען זיי אלע אין ים דר טרונקן גיווארן אזו וויא אין פסוק שטייט סוס ורוכבו רמה בים דאס פערד מיט זיין רייטער האט גאט גיווארפן אין ים נאוו לחייך בתורים דר ילקוט שרייבט פון וועגן רבי יהושע פון איטליכן דבור וואש גאט האט גיזאגט אויף דעם בארג סיני איז פול גיווארין די גאנצע וועלט מיט איין ריח פון גוטע בשמים אונ אויב דו וועסט פרעגין ווען די וועלט איז פול גיווארין מיט איין גוטין ריח ביי דעם ערשטן דבור וואו איז אהין גקומן דר ריח פון די איבערגע דברות • עס איז גיקומן איין ווינט אונ האט דעם ריח פון דעם ערשטן דבור אוועק גיטראגן אין גן עדן אונ אז גאט האט דעם אנדערן דיבור גזאגט איז די וועלט ווידער פול גיווארן מיט איין גוטין ריח אונ דר ווינט האט אים ווידער • אין גן עדן אוועק גיטראגן אונ אזו אויך בייא איטליכין דיבור אויך זאגט רבי יהושע פון איטליכן דיבור וואש גאט האט גיזאגט איז אויש גיגאנגען די נשמות פון ישראל אזוא איז גיקומען דר טויא וואש וועט די מתים לעבעדיג מאכין אין די טעג פון משיח אונ האט די ישראל בייא דעם בארג סיני לעבעדיג גימאכט עיניך יונים דיא ישראל זיינען גיגליכין צו איין טויב אזו וויא איין טויב גייט ניט אין דעם טויבין שלאק פון דר חברתה אזו אויך די תלמידי חכמים זעצין זיך ניט איינר אויף דעם אנדערינש ארט דען איטליכער דר קענט זיין ארט וואש איז צו אים ראוי נאך איין פשט איז אזו וויא אטויב ווען מען וויל זיא קוילין שטרעקט זיא אליין אויש איר האלז אונ צאפילט ניט אזו אויך זייגען ישראל אין פאר צייטיגין גלות האבין זיי זייער האלז אויש גישטרעקט צו מקבל זיין יסורים • קורות בתינו ארזים די גמרא זאגט אין מסכת יומא עש איז גיוועזן איינער וואש האט גיהייסן ניקנור דאש ער איז גיגאנגן קיין אלכסנדריה של מצרים צו ברייגגן ברעטער צו מאכין טויערין אין בית המקדש אונ אז ער איז ג[illegible]רין אהיים אויף דעם ים האבין זיך אויף גיהויבין גרוישע אינדין אונ האבין גיוואלט דיא שיף דר טרינקען האט ער גינומען איין ברעט אונ האט זיא גיווארפין אין ים אבער ער איז ניט גישטילט גיווארין האבין די לייט פון דר שיף גיוואלט נאך ברעטער אין ים אריין ווארפין צו גרינגער מאכין די שיף האט ניקנור אן גיהויבין צו ווייגען אונ זאגט ווארפט מיך אויך מיט די ברעטער אין ים עש איז מיר בעסער דר טויט אזו באלד איז דר ים גישטילט גיווארין אבער פון דעשט וועגין האט ער זיך מצער גיוועזן אויף דר ברעט וואש ער האט אריין גיווארפין אונ אז ער איז גיקומען אויף דר יבשה האט ער דער זעהען דאש די ברעט איז גיקומען צו שווימען אטייל חכמים זאגין איין באשעפעניש איז אין ים דאש ער האט גיבראכט די ברעט צום בארטן • אני חבצלת השרון דר מדרש שוחר טוב שרייבט די חכמים זאגין די ערד האט דעם פסוק גיזאגט איך ערד האב איין פקדון בייא מיר דאש אלע טויטע לייט זיינן אין מיר באהאלטין אונ דרום בין איך גיליבט צוא גאט אונ ווען גאט וועט באגערין די טויטע וועל איך זייא ווידער אום קערין אין די טעג פון משיח אונ איך וועל דערנסט מאל פריש אונ שיין זיין אזו וויא איין רויז אונ וועל שירה זאגין אזו וויא אין פסוק שטייט מכנף הארץ זמרות שמענו פון די עקין פון דר ערד האבין

מיר גיהערט איין גיזאנג פון שירה אויך זיינען די ישראל גיגליכן צו איין רויז אזו וויא איין רויז חאטשע זיא שטייט צווישן דערנער איז זיא דאך זייער שיין אונ ווערט דר קענט צווישן די דערנער כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים ער גלייכט די ישראל צוא איין עפיל בוים וואש וואקסט אין וואלד דאש ער וואקסט אין חודש סיון אזו האבין ישראל די תורה מקבל גיוועזן אין חודש סיון ופריו מתוק לחכי דאש איז גימיינט דר מן איז גיוועזן זיס צו מיין גומען דען דר מן האט אין זיך גיהאט פינף הונדערט אונ זעקס אונ פערציג טעמים אזו וויא דאש ווארט מתוק באטרעפט הביאני אל בית היין ער גלייכט די תורה צו וויין אזו וויא וויין מער מען טרינקט מער וויל מען נאך אזו איז אויך די תורה מער מען לערינט זיא מער וויל מען זיא נאך לערנען נאך איין פשט איז אזו וויא ווייא וויין ווען דער מענטש טרינקט אים ווערט ער דער קענט דאש ער האט וויין גיטרונקען וויל ער רעט פיל אונ זאגט אויש פיל סודות אזוא אויך איז דיא תורה דער וואש לערינט זיא ווערט דער קענט דורך זיינע רייד דאש ער האט תורה גילערינט ודגלו עלי אהבה רב אחא זאגט אפילו איין עם הארץ וואש קאן ניט רעכט קיין עברי אונ היפט איבער זאגט גאט דאש איז אויך פאר מיר גיליבט ווען ער לייענט אין דר תורה גלייך וויא עש וואלט גישטאנען ודלגו דאש איז טייטש זיין איבר היפין פון דאנן קען מען זעהן דאס איטליכער מענטש מוז תורה לערנען חאטשע ער קען ניט איז דאש אויך גיליבט צוא גאט ווען זיין כוונה איז פון גאטש וועגן קול דודי הנה זה בא רב יהודה זאגט אז משה איז גיקומען צוא ישראל אונ האט גיזאגט די גאולה איז גיקומען צוא ארויש גיין פון מצרים האבין דיא ישראל גיענטפערט מיר האבין גיזאלט די מצרים דינען פיר הונדרט יאר אונ איצונד דינן מיר נאר צוויי הונדערט אונ צעהן יאר האט משה גענטפערט ווען גאט וויל אייך אויש לייזין טוט ער איבער היפין די צייט אונ זעהט ניט אויף די חשבונות פון דעם גלות יונתי בחגוי הסלע הראיני את מראיך השמיעני את קולך וויז מיר דיא תורה וואש דוא האסט אליין גיזעהען אין ספרים אונ מאך מיר הערין די תורה וואש דו האסט גיהערט פון איין אנדערנש קול דאש ער האט מיט דיר גלערינט כי קולך ערב ומראיך נאוה דען די תורה וואש דוא האסט מקבל גיוועזן דורך דעם קול פון איין אנדערן וואש ער האט מיט דיר גילערינט איז זיס אונ גישמאק אונ די תורה וואש דו האשט אליין גיזעהען אין ספרים איז שיין אבער ניט זיס דען עש איז פיל בעסר צו הערין תורה פון איין אנדערן וויא מען זאל אליין לערנן אין ספרים עד שיפוח היום ונסו הצללים דער תנחומא שרייבט דאש גייט אויף אברהם דאש עש שטייט ביי אים כחום היום דאש גאט האט גימאכט איין גרוישע היץ אין דעם טאג וואש אברהם האט זיך מל גיוועזן האט גאט גיזאגט צו די מלאכים לאמיר גיין אין הויז פון אברהם צוא מבקר חולה זיין אים ער איז אין מיינע אויגן גשמאקר פון אלע גוטע בשמים דאש זאגט דער פסוק אלך לי אל הר המור איך וועל גיין צו דעם בארג פון די ערלות וואש שמעקט מיר וויא דיא גוטע בשמים לבבתני אחותי כלה דוא באהארצט מיך מיין שוועסטער כלה לבבתני באחת מעיניך דוא באהארצט מיך מיט איינע פון דיינע אויגן דאס זיינען די גוטע מדות וואש אין דיר זיינען באחד ענק מצורוניך מיט איין האלז באנד פון דיין האלז דאש איז אברהם וואש ער הייסט ענק אזו וויא אין פסוק שטייט האדם הגדול בענקים אונ דאש רעט אלץ גאט צו ישראל דורך איין משל אזו וויא איין חתן רעט צו איין כלה נאר מען קען פרעגין וואש האט דר חתן צו לויבין די כלה מיט איין אויג אמער עש איז פיל בעסר ווען זיא האט ביידע אויגין דר תירוץ איז עש איז איין משל איין מלך האט גיוואלט נעמן איין מלכה פון איין ווייט לאנד אונ האט זיא גוואלט פריער זעהן אויב זיא האט קיין חסרון ניט אין אירע גלידר אונ דר וועג איז זייער ווייט גיוועזן אהין צו קומען אזו האט דר מלך אהין גישיקט איין מיילר ער זאל איר גישטאלט אפ מאלין מיט אלע גלידר אונ דער מיילער האט זיא אויש גימאלט אונ האט זיך גיפלייסט אונ האט דאס גישטאלט גיבראכט פר דעם מלך אונ וויא דר מלך האט דאש גישטאלט דער זעהן האט ער עש אוועק גיווארפין אונ האט גיצעדינט אויף דעם מיילער אונ שיקט איין אנדערין מיילר ער זאל רעכט איר גישטאלט אפ מאלין אונ דער אנדערר מיילער האט זיך גישטויסן וואש דר מלך מיינט אונ זאגט ווען איך וועל זיא מיט

דעם

דעם פנים אפ מאלין מיט ביידע אויגן גלייך וויא איין מענטש שטייט אנטקעגין דעם אנדערין אזו קען מען גאר זעהען דאש פנים האט קיין חסרון ניט אבער מען קען ניט זעהן דעם רוקין טאמר האט זיא איין הארב אויף דעם רוקן דרום האט דער מיילער זיא אפ גימאלט פריער דיא רעכטע זייט פון איר גוף מיט איין אויג אונ דר נאך דיא לינקע זייט פון איר גוף מיט דעם אנדערין אויג אונ דורך דעם קען מען זעהען דעם רוקין אונ האט גיבראכט דאש גימעל צום מלך אונ וויא דר מלך האט דאש גימעל גיזעהן האט ער דאש גימעל זייער ליב גיהאט אונ האט זיך גיפרייט דאש דאש גימעל איז מיט חכמה גימאכט גיווארין אונ האט דעם מיילר גרווישע מתנות דר פר גיגעבן דאם זאגט דר פסוק דאם דר חתן באריממט זיך אונ זאגט כלה דו האשט מיך באהארצט מיט איין אויג דאש דורך דעם וויש איך דאש דו האשט קיין חסרון ניט אין דיין רוקין אזו אויך זאגט גאט צוא ישראל דוא האשט מיך באהארצט מיט איינע פון דיינע אויגין דאש איך וויש דאש דו האשט אין דיר קיין חסרון ניט כפלח הרמון רקתך דיא לוידיגע פון ישראל זיינן פול מיט מצות אזו וויא איין מיל גרוים איז פול מיט קערנר אל גנת אגוז דר ילקוט שרייבט דיא תורה איז גיגליכין צו איין נוס אזו וויא איין נום האטשע ער איז פאר שמירט איז ער דאך ניט מיאום אזו אויך איין תלמיד חכם האטשע ער איז ארום איז ער דאך שיין מיט דער תורה וואש אין אים איז • נאך איין פשט איז אלע פירות ווען זיי פאלין צו דר ערד ווערט איר קול ניט גהערט אבר איין נוס ווען ער פאלט צו דר ערד הערט מען איין קלאפ אזו אויך ווען איין תלמיד חכם שטארבט גייט זיין קול אונ זיין שם טוב גאנץ וויט • נאך איין פשט איז עם איז פר האנדן דריי ערלייא נים אטייל זיינן גרינג צו עפענן אונ ארויש נעמן וואש אין זייא איז אונ אטייל דארף מען אויף שלאגין צוא ארויש נעמן וואש איגעווייניג ליגט אונ אטייל נים זיינן וואש מען דארף זיי שטארק שלאגין צו עפענען אונ מען האט פון זיי ווייניג הנאה אזו אויך זיינן אטייל ישראל וואש לאזין פון זיך גרינג הנאה האבין אונ גיבין צדקה פון זיך אליין אונ אטייל ישראל זיינן דאש מען מוז מיט זיי ריידן זיא זאלין צדקה געבין אונ אטייל זייגען ווען אפילו

מען רעט מיט זיי ווילין זיי דאך קיין צדקה ניט געבין אונ וואש איז זייער סוף זאגט רבי לוי הפתח שאינו פתוח למצוה פתוח לרופא די טיר וואש איז ניט אפין צו געבן צדקה איז זיא אפין ח״ו אז ער ווערט קראנק צוא דאקטורים דאש פיל חולאים קומען אין דעם הויז אונ דקטורים דארפין דרינען ארריין גיין מלך אסור ברהטים דער ילקוט שרייבט דוד המלך האט גיזאגט אגורה באהלך עולמים לאם מיך לעבן אויף ביידע וועלטן איז קשה וויא קאן מען וואונען אין איין מאל אין ביידע וועלטין דר תירוץ איז דוד המלך האט גיבעטין מען זאל נאך זאגין תורה פון זיינט וועגן נאך זיין טויט אזו וועלן זיינע לעפצן ריידן אין קבר וועט דאש גלייך זיין וויא ער לעבט אויף ביידע וועלטין דאש זאגט ווייטער דער פסוק דובב שפתי ישנים עש טוען ריידין דיא לעפצין פון די תלמידי חכמים ווען זיי שלאפין אין קבר הדודאים נתנו ריח דער ילקוט שרייבט דאש מיינט מען דיא פייפלעך וואש לאה האט גיגעבין צו רחל וואש דורך דעם זיינן גיבארין גיווארין צוויי שבטים יששכר אונ זבולון דיא האבן גיגעבן איין גוטין ריח דען זבולון האנדלט מיט סחורה אונ גיט אלע באדערפינש צו זיין ברודר יששכר וואש ער זיצט תמיד אין געצעלט אונ לערינט תורה אזוא וויא אין פסוק שטייט שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך דאש איז טייטש פרייא דיך זבולון אין דיין ארויש גיין נאך סחורה אונ יששכר אין דיין גיצעלט צו לערנן תורה מי יתנך כאח לי דיא ישראל זאגין צו גאט ווער וואלט גיגעבין דו זאלסט זיך מיט אונז נוהג זיין מיט ליבשפט אזו וויא איין ברודר מיט דעם אנדרין אויף דעם פסוק זאגט דר ילקוט וועלכן ברודר מיינען ישראל מיר גיפינן דאך אין אן הויב פון דר וועלט דאש ברידר האבין זיך פיינט גהאט דיא ערשטע ברידר זיינן גיוועזן קין אונ הבל האט קין גהרגת הבל אונ ישמעאל האט פיינט גיהאט יצחק אונ עשו צו יעקב אונ האט אים גיוואלט הרגנן אונ די ברידר פון יוסף האבן צו יוסף פיינט גיהאט אונ וואש פר איין ברודער מיינן ישראל דאש מיינן זיי משה אונ אהרן די ברידר האבין זיך ליב גהאט דען אז משה האט גינומן דאש מלכות אונ אהרן די כהונה האבין זיי זיך משמח גיוועזן אונ איינער דעם אנדערין האט ניט מקנא גיוועזן דאש זאגט ווייטר דער

פסוק

פסוק אמצאך בחוץ אשקך איך געפין דיך אויף דר גאס אונ טוא דיך קושין דאש מיינט ער אז גאט האט געשיקט משה דאש ערשטע מאל צוא פרעה מלך מצרים האט גאט גיזאגט צוא אהרן אין מצרים ער זאל אים אנטקעגין גיין איז אהרן גיגאנגן אונ האט באגעגינט משה ביא גאטש בארג אין חורב אונ האט אים גיקושט דאש זאגין ישראל גאט זאל זיי איין ליבשאפט ווייזין וויא משה מיט אהרן נאך איין פשט איז ער מיינט וויא יוסף הצדיק האט ליב גיהאט צו זיינע ברידער דאש זיי האבין אים פיל בייז גטאן פון דעסט וועגן האט ער זיך דר בארימט איבר זיי אונ האט זיי גיקושט אונ האט צו זיי גזאגט אנכי אכלכל אתכם איך וועל אייך שפייזן אזו אויך בעטין דיא ישראל חאטשע זייא זינדיגין צוא גאט פון דעסט וועגין זאל ער זיך דר בארימן איבר זיי אזו וויא יוסף האט גיטאן צוא זיינע ברידער ברח דודי מאך אונז ארויש לויפין מיין פריינט גאט פון דעם גלות ודמה לך לצבי דאש מיינט מען די ישראל זיינן גיגליכן צו איין הירש אזו וויא איין הירש ווען אפילו ער זאל לויפין אין עק וועלט קומט ער ארויש דאך אין זיין ערשטין ארט פון וואנען ער קומט ארויש אזוא וויא מיר גיפינען איין מעשה איין מלך האט גיחאפט עטליכע הירשין אונ האט באדעקט זייערע הערנר מיט גאלד אונ האט זייא אוועק גישיקט אין איין פרעמד לאנד קיין אפריקא אונ אין דריי צעהן יאר זיינן זיי ווידר גיקומן צוא זייער ערשטין ארט אונ דר מלך האט זיי ווידר גחאפט אונ האט זיי דר קענט איבר די גילדרנע הערנר אזוא זיינן די ישראל אויך גיגליכין צוא הירשין חאטשע זיי זיינן פר שפרייט אין גלות פון איין עק וועלט צו דר אנדערר אבער אז משיח וועט קומען וועלין מיר ווידר קומן צוא אונזר ערשטין ארט קיין ירושלים אזו וויא אין פסוק שטייט אלכה ואשובה אל מקומי איך וועל גיין אונ וועל מיך אום קערין צוא מיין ארט קיין ירושלים דאש זאל זיין באלד אין אונזרע טעג דרויף וועלן מיר זאגן אמן:

סליק שיר השירים

# מגילת רות

ויהי בימי שפוט השופטים אונ עש איז גיוועין אין דר צייט וואש די שופטים האבין גימשפט איז גיוועין איין הונגער אין ארץ ישראל איז גיגאנגען איין מענטש פון בית לחם צו וואונען אין פעלד פון מואב ער אונ זיין ווייב אונ זיינע צוויי זין דר פסוק לאזט מיך הערין צוויי זאכין איינש איז דאש די מעשה פון רות אונ בועז איז גיוועין אין דר צייט וואש קיין מלך איז נאך ניט גיוועין איבר ישראל נאר שופטים האבן גמשפט אונ גיפירט די ישראל אונ דרום שטייט שפוט השופטים דאש איז טייטש זיי האבין גימשפט די שופטים דען די שופטים אליין זיינען אויך שלעכט גוועין אונ מען האט זיי גדארפט משפטן אונ שטראפין אדער מען מיינט די לייט זיינען זייער שלעכט גיוועין אונ האבין ניט גיוואלט צו הערין צום שופט אונ ווען דר שופט האט זייא גישטראפט האבן זיי אים מבזה גוועין אונ האבן צו אים גיזאגט דו שטראפסט אונז שטראף דיך אליין אונ דרום שטייט ויהי דאש ווייזט דאש די ישראל האבין גישריען וויא ווייל זיי האבן ניט גיוואלט פאלגין די שופטים דרום האבין זיי פיל צרות גיהאט אונ דרום שטייט צוויי מאל ויהי צו ווייזין דאש זיי האבין צווייא ערלייא צרות גיהאט איינם איז דר הונגער פון ברויט דאש זיי האבין קיין ברויט ניט גיהאט דאש אנדערע איז דר הונגער פון תורה דאש זייא האבין קיין תורה ניט גיהאט אין לאנד דאש לערינט אונז ווען עש איז איין הונגער פון תורה קומט חס ושלום איין הונגער פון ברויט אונ איבער דעם הונגער איז גיקומען דאש אלימלך מיט זיין הויז גיזינט זיינען גישטארבין אונ זיינע קינדר האבין זיך מתחתן גיוועין מיט די עובדי כוכבים דען אלימלך איז גיוועין איין גרויסער עושר אונ אז עש איז גיקומען דר הונגער האט ער גיזאגט איצונד וועלין אלע לייט פאר מיין טיר קומן צו בעטן ברויט אונ איך וועל ניט קענן אויש שטיין דען ער האט איין בייז הארץ גיהאט אונ האט ניט גיוואלט לייט זאלין הנאה האבין פון זיין געלט אונ דרום איז ער אוועק גיגאנגן פון ארץ ישראל קיין חוצה לארץ דען ער האט גמיינט

ער

ער וועט דארטין רייך בלייבין אבער גאט איז אין דר גאנצר וועלט אונ גיפינט דעם מענטשן צו באצאלן אים זיין שכר דען דר מענטש מיינט ווען ער וועט דעם עני עפעס געבין וועט ער דורך דעם ארום ווערין אונ ער וויש ניט דאש ער עסט דורך דעם זכות פון דעם עני אונ גאט האט זייער גישטראפט צו אלימלך ווייל ער איז ארויש גיגאנגן פון דעם הייליגין לאנד אין איין אום ריין לאנד אונ האט זיך פאר מישט מיט די עובדי כוכבים דר פון לערינט מען אף דאש איין עבירה ברייננט די אנדרע עבירה דען ווייל זיי זיינען ארויש גיגאנגען פון ארץ ישראל דרום האבין זיי זיך מתחתן גיוועזן מיט עובדי כוכבים אונ דר פסוק ווייזט וויא גאט האט זייער ליב דעם מענטשין וואש גייט קיין ארץ ישראל אונ וויא גאט האט זייער פיינט דעם וואש גייט ארויש פון ארץ ישראל אונ דרום זאגט דר פסוק וילך איש מבית לחם יהודה איין מענטש איז גגאנגן פון בית לחם יהודה אונ זאגט ניט דאש ער איז גיגאנגען מיט זיינע בהמות דען ער האט דאך פיל בהמות גיהאט נאר ווייל גאט האט פיינט דעם מענטשן וואש גייט ארויש פון ארץ ישראל דרום וויל ער פון אים פיל ניט ריידין וויא אזו ער איז ארויש גיגאנגן · אונ מיר גיפינן צעהן הונגער פון אן הויב וועלט ביז משיח וועט קומן דר ערשטר הונגער איז גיוועזן אין די טעג פון אדם הראשון דר אנדרר אין די טעג פון למך דר דריטר אין די טעג פון אברהם דר פערטר אין די טעג פון יצחק דר פינפטר אין די טעג פון יעקב דר זעקסטר אין די טעג פון בועז דר זיבעטר אין די טעג פון דוד המלך דר אכטער אין די טעג פון אליהו הנביא דר ניינטער אין די טעג פון אלישע אין דר שטאט שומרון דר צעהענטער וועט זיין אין די טעג פון משיח ניט איין הונגער פון ברויט וועט זיין אונ ניט איין דארשט צו וואשער נאר איין הונגר צו הערין די תורה פון גאט אונ דרום זאגט מען רות אום שבועות ווייל מען האט די תורה גיגעבן אום שבועות צו ווייזן דאש די תורה ווערט אנדרש ניט מקוים אין דעם מענטשן נאר דורך יסורים אונ פיין אזו וויא רות האט גיהאט אונ אטייל זאגין דרום זאגט מען רות אום שבועות ווייל אין ארץ ישראל איז די צייט פון שניט אום שבועות ווייזט מיר דאש מען זאל צדקה אונ חסד טאן מיט דר תבואה אזו וויא בועז האט גיטאן מיט רות ושם האיש אלימלך אונ דר נאמען פון דעם מאן איז גיוועזן אלימלך אונ דר נאמן פון זיין ווייב איז גיוועזן נעמי אונ דר נאמען פון זיינע צוויי זין איז גיוועזן מחלון וכליון פיינע בריות פון דר שטאט בית לחם יהודה אונ זיינן גיקומן אין פעלד פון מואב אונ זיינן דארטין גיזעסין אונ דרום זאגט ער וויא אזו דר מאן האט גהייסן אונ איז גיוועזן אחשובר מאן צו ווייזן חאטשע ער איז גיוועזן איין מיוחס דר זון פון נחשון בן עמינדב וואש ער איז גיוועזן איין נשיא צווישן ישראל אין די צייטן פון משה רבינו פון דעסט וועגן אז ער איז ארויש גיגאנגן פון ארץ ישראל האט אים גאט זייער גישטראפט אונ אפילו זיינע זכות אבות האט אים ניט גהאלפן חאטשע זיינע עלטערן זיינן זייער פרום גוועזן אונ אטייל חכמים זאגין אין דעם מאל האט גאט די וועלט גימישפט אונ דאש בית דין פון דעם הימיל זיינען גישטאנן פאר גאט האט גאט פר בארגן צו אלימלך פאר דעם בית דין מען זאל אים ניט דן זיין דרום שטייט וילך איש מבית לחם איין מאן איז גיגאנגען פון בית לחם אונ דר מאנט אים ניט ביי זיין נאמען אבער דר נאך שטייט אין פסוק ושם האיש אלימלך דר נאמען פון דעם מאן איז גיוועזן אלימלך דר מאנט ער אים ביי זיין נאמן דען די מלאכים פון דעם מדת הדין האבן אים ניט גיוואלט מוחל זיין אונ האבן דר מאנט זיין נאמען אונ אזוא באלד איז אויף אים נגזר גיווארין די גזירה דאש ער זאל שטארבין מיט זיינע קינדר אונ דרום זאגט דר פסוק וויא זיין ווייב אונ קינדער האבין גיהייסין צו ווייזן ווען דר מאן וויל קיין צדקה ניט געבין אונ זיין ווייב אונ קינדר זאגין ער זאל יוא צדקה געבן אדער פאר קערט אזו איז די גזירה בטל אבער ווען זיי זיינען אלע מסכים מען זאל קיין צדקה ניט געבין אזו איז די גזירה שטארק אונ גיך אונ דא האבין אלע מסכים גיוועזן ניט צו געבן קיין צדקה אונ די קינדער האבין עש ניט גיווערט דרום זיינען זיי אלע גישטארבן דרום דר מאנט ער זייא ביי זייער נאמען צו ווייזן דאש זיי זיינן אלע גלייך גיוועזן ניט צו געבין קיין צדקה אונ אטייל חכמים זאגין חס ושלום דאש אלימלך אונ מחלון וכליון זאלין ארויש גיין פון ארץ ישראל ווייל זיי האבין ניט גיוואלט קיין צדקה געבין

זיי זיינן געוועזן גדולי הדור זיי וואלטן ניט ארויש גיגאנגען פון ארץ ישראל ווען אפילו זיי וואלטן קיין ברויט ניט גיהאט אונ זיי זיינן דרום אוועק גיגאנגען פון ארץ ישראל ווייל זיי האבין ניט גיקענט צו זעהען דעם צער פון דיא ארימע לייט נאר פאר וואש דען זיינען זיי גישטראפט גיווארין ווייל זיי האבין קיין תפלה ניט גטאן אויף זייער דור דען זיי זיינן גוועזן חשובי לייט דען די חכמים זאגין רות איז גוועזן די טאכטר פון עגלון מלך מואב אונ האט גינומען מחלון פאר איין מאן מוז זיין דאש זיי זיינן גוועזן חשובי לייט דאש דר מלך האט זיך מיט זיי מתחתן גיוועזן אטייל חכמים זאגין דרום האבין מחלון וכליון גינומען די טעכטר פון מואב פאר ווייבר ווייל זיי האבין אין זיך גהאט די מדה פון מואב דאש ער האט ניט גיוואלט געבין קיין ברויט צו ישראל אז זיי זיינן ארויש גיגאנגן פון מצרים אונ די קינדר האבין אויך ניט גיוואלט געבין קיין ברויט צו עניים אין הונגער דרום האבן זיי גינומן ווייבר פון מואב זייער גלייכן וימת אלימלך איש נעמי אונ אלימלך דער מאן פון נעמי איז גישטארבין אונ עש איז איבר גיבליבין. די אשה מיט אירע צוויי זין אונ דרום זאגט דא דר פסוק נאך איין מאל דאש אלימלך איז גוועזן דר מאן פון נעמי חאטשע עש שטייט שוין פריער דאש ער איז גיוועזן איר מאן נאר עם ווייזט מיר איין מאן שטארבט נאר אפ זיין ווייב אונ דאש ווייב שטארבט נאר אפ דעם מאן אזו וויא יעקב אבינו האט גיזאגט מתה עלי רחל רחל איז מיר אפ גשטארבן ניט קיינעם וישאו להם נשים מואביות אונ מחלון וכליון האבין צו זיך גינומען ווייבר פון מואב איינע האט גיהייסין ערפה אונ דיא אנדערע האט גיהייסין רות אונ זיי זיינן גזעסן אין פעלד פון מואב צעהן יאר די חכמים זאגן די קינדר האבין דיא מואביות גינומען אונ זייא האבין זיך ניט מגייר גיוועזן אונ האבין זיך אויך ניט גטויבלת אונ עש איז אויך נאך ניט גדרשת גיווארן אין בית המדרש דאש מען מעג נעמען איין ווייב פון עמון אונ מואב דאש די נקבות מעגין קומן צווישין ישראל אונ איין זכר פון עמון ומואב טאר ניט קומן צווישן ישראל צו מגייר זיין זיך צו נעמען איין ישראלית דער דין איז נאך ניט גידרשת גיווארין אזו איז איין נקבה נאך אסור גיוועזן אזו וויא איין זכר אונ

מחלון וכליון האבין דאך ווייבער גינומען פון מואב ווייל זיי האבין פון דר תורה ניט גהאלטן אבר אז בועז האט גינומען רות דענשט מאל איז שוין גיוועזן דיא הלכה גילערינט דאש איין ישראל מעג נעמן איין ווייב פון עמון ומואב ווען זיא איז זיך מגייר אבר איין ישראלית טאר ניט נעמן קיין מאן פון עמון ומואב חאטשע ער איז זיך מגייר אונ אטייל חכמים זאגין די ווייבער האבין זיך יוא מגייר גיוועזן נאר ניט רעכט דען מיר זעהען דאש נעמי האט צו זיי גזאגט גייט אייך מיינע טעכטר איטליכער אין איר מוטרש הויז • אונ וויא קאן דאש זיין דאש זיי האבן זיך רעכט מגייר גיוועזן אונ זיינן גוועזן וויא רעכטע ישראלית וויא אזו האט זיי נעמי גיהייסן ווערין גויות אונ זאל מאכין פרומע ווייבער זינדיגין דרום מוז זיין דאש זייא האבין זיך ניט רעכט מגייר גוועזן אונ אויך עפעש האבן זיי אידישקייט יוא גיהאלטין דען מיר גיפינען נעמי האט צוא רות גיזאגט הנה שבה יבמתך אל עמה ואל אלהיה דיין שוועגערין האט זיך אום גיקערט צו איר פאלק אונ צו איר גאט גייא דו אויך צו דיין גאט כוז זיין דאש פריער זיינן זיי עפעש ישראלית גוועזן אונ דרום האט זיא גיהייסין ערפה איז טייטש אקין דאש זיא האט אפ גיקערט איר אקין פון איר שוועגער אונ וואש פאר איין זכות האט גיהאט דר מלך מואב דאש זיין טאכטער רות איז ווארין בהעפט צו ישראל אונ דאש מלכות פון דוד איז פון איר ארויש גיקומען די מעשה איז אזו גיוועזן אין די טעג פון די שופטים זיינן די ישראל גיוועזן אונטר דר האנט פון דעם מלך מואב אונ ער האט זיי גרווישע צרות אן גיטאן אונ זיי האבין אים גידינט אכצעהן יאר ביז זיי האבין גישריען צו גאט אונ גאט האט זיי גיגעבן איין העלפר אהוד בן גרא פון שבט בנימין אונ ער איז גיוועזן גילינקט אויף זיין האנט אונ דיא ישראל האבן איין מתנה גישיקט צום מלך מואב דורך אהוד האט אהוד זיך גילאזט מאכין איין שווערד מיט צוויי שארפין קורץ איין שפאן די לייננג כדי ער זאל זיא קענען טראגען אונטער זיינע קליידער מען זאל זיא ניט זעהען אונ ער האט די שווערד אן גגורט אויף זיין רעכטע זייט ווייל ער איז גיוועזן גילינקט כדי זיא זאל אים זיין צו דער האנט אונ ער האט זיינע חברים אוועק גישיקט וואש זיי האבין מיט אים דיא

מתנה גיבראכט דען ער האט זיך גיטראכט איינער וועט בעסער קענען אנטלויפין אונ ער האט גיבראכט די מתנה צום מלך אונ דר מלך איז גיוועזן גראב אונ פעט אונ איז גיזעסין אויף זיין שטול האט אהוד גיזאגט צום מלך איך האב מיט דיר איין סוד צוא ריידין האט דער מלך גיהייסן אלע לייט ארויש גיין איז אהוד צו אים גיגאנגען אונ זאגט צוא אים אדוני המלך איך האב צו ריידין מיט דיר די רייד פון גאט אזו איז דר מלך באלד אויף גישטאנן פון דר שטול פון גאטש כבוד וועגין אונ אהוד האט אים די שווערד ארייין גישטאכין אין זיין בויך איז אים די גידערים ארויש גיפאלין אונ דיא שווערד איז גיבליבין שטעקין אין זיין בויך אונ אהוד איז ארויש גילאפין אונ האט פאר שלאסין דעם מלך אין זיין חדר אונ האט די ישראל גיהאלפין פון זייערע צרות אונ וויל דער מלך איז אויף גישטאנן פון דער שטול פון גאטש כבוד וועגין האט גאט גיזאגט ווייל דו בישט אויף גישטאנן פון מיין כבוד וועגין דרום וועל איך פון דיר אויף שטעלין איין זון דאש ער וועט זיצין אויף גאטש שטול דאש איז דוד המלך אונ די קינדער זיינען אין פעלד מואב גיזעסין צעהן יאר דאש ווייזט אונז דאש די גזירה האט גידויערט צעהן יאר ׃ וימותו גם שניהם אונ זייא ביידע מחלון אונ כליון זיינען גישטארבין אונ די אשה נעמי איז איבער גיבליבין אליין פון אירע צווייא קינדער אונ פון איר מאן אונ דרום זאגט דר פסוק גם שניהם אונ ניט וימותו שניהם דאשווארט גם ווייזט מיר דאש פריער זיינן גיטייט גיווארן אלע אייזלן אונ קעמלן אונ זיי האבין דורך דעם קיין תשובה ניט גיטאן דרום זיינען זיי אויך גישטארבין דען גאט איז דער בארמיג ער שטראפט ניט באלד דעם מענטשין מיט דעם טויט נאר ער שטראפט אים פריער מיט זיין געלט אונ קליידער דר נאך מוז ער פאר קויפין זיין פעלד ׃ טוט ער תשובה איז גוט ׃ אונ אויב ניט שטראפט אים גאט דאש ער מוז זיין הויז פאר קויפין אונ ווען ער טוט נאך קיין תשובה ניט מוז ער זיך אליין פאר איין קנעכט פאר קויפין ׃ אונ ניט נאר דאש ער פאר קויפט זיך צו איין ישראל נאר צוא איין עובד כוכבים דען גאט איז דער בארמיג אונ וואלט גערין דר מענטש זאל תשובה טאן אונ מיט דר קלייגער שטראף טוט ער אים התראה ער זאל תשובה טאן כדי עש זאל אויף אים קיין גרעשרע שטראף ניט קומן ׃ אונ אטייל חכמים זאגין דאש ווארט גם ווייזט דאש זיי זיינן אויך גישטארבין חוץ דעם קינד וואש נעמי האט מפיל גיוועזן אזו וויא אין פסוק שטייט אני מלאה הלכתי וריקם השיבני יי׳ איך בין אוועק גיגאנגען פול כלומר מעוברת אונ גאט האט מיך אום גיקערט ליידיג אונ דרום שטייט וימותו מיט איין וא״ו נאך דר מ״ם צוא ווייזין ווער עש שטארבט אונ לאזט קיין קינדר ניט אזו וויא מחלון וכליון ׃ איז דאש איין רעכט פולע מיתה דרום שטייט וימותו פול מיט איין וא״ו נאך דער מ״ם אונ אויך דרום שרייבט ער איין איבעריגע וא״ו צוא ווייזין דאש זייא זיינען דריבער אוועק גישטארבין פון דר וועלט וואש זיא איז ווארין באשאפין אין זעקס טאג ווייל זיי האבין ניט גיוואלט געבין קיין צדקה וואש זיא איז גיטיילט אין זעקס טייל דאש ערשטע עש איז איין מצוה צו געבין איין אינו יהודי צדקה דאש אנדערע צו געבין צו איין ישראל אפילו ווען ער וואונט אין איין אנדערע שטאט ׃ דאש דריטע עש איז בעסער צו געבין צו איין ישראל וואש וואונט אין דיין שטאט מער וויא צו איין ישראל פון איין אנדערע שטאט דאש פערטע עש איז בעסער צו געבין זיינע קרובים וויא צו איין פרעמדין דאש פינפטע עש איז בעסער צו שפייזין זיינע קינדר וויא אנדערע קרובים דאש זאגט דער פסוק אשרי שומרי משפט עושה צדקה בכל עת וואול צו דיא וואש היטין דעם משפט אונ טוען צדקה אלע צייט איז קשה וויא איז דען מיגליך צו טאן צדקה אלע צייט נאר דאש מיינט מען דר וואש שפייזט זיינע זין אונ טעכטער אז זייא זיינען קליין דר טוט צדקה אלע צייט ׃ די זעקסטע צדקה איז דער וואש שפייזט פאטער אונ מוטער דאש איז די העכשטע צדקה דאש ער איז מקיים צווייא מצות אין איין מאל ׃ מצות צדקה אונ מצות כבוד אב ואם אונ דער וואש גיט צדקה ווערט גיבענטשט מיט זעקס ברכות דאש אלץ ווייזט דיא וא״ו פון וימותו ׃ ותצא מן המקום אונ נעמי איז ארויש גיגאנגען פון דעם ארט וואש זיא איז דארטין גיוועזן אונ אירע צווייא שניר אויך מיט איר אונ זייא זיינען גיגאנגען צו אום קערין זיך אין דער לאנד יהודה דען זיי האבן גהערט דאש גאט האט דער מאנט דיא ישראל אונ האט זייא גיגעבין ברויט די חכמים

פרעגן

פרעגין וואש דארף דער פסוק צו זאגן זיא איז
ארויש גיגאנגען פון דעם ארט ער האט דאך
שוין פריער גיזאגט דאש זיא האט זיך אום
גיקערט פון דעם פעלד פון מואב אונ ווען זיא
האט זיך אום גיקערט פון דארטין ווייס איך
דאך וואול דאש זיא איז פון דארטין ארויש
גיגאנגען דר תירוץ איז דאש וויזט מיר ווען איין
צדיק גייט ארויש פון דר שטאט גייט מיט אים
אוועק דאש שיינקייט אונ דיא לויב פון דער
שטאט אונ דרום שטייט ותצא מן המקום זיא איז
ארויש גיגאנגען פון דעם ארט דאש מען האט
אן גיזעהען איר ארויש גיין יעש יי עמכם חסד נעמי
זאגט צו אירע שניר גאט זאל מיט אייך טאן חסד
אזו וויא איר האט גיטאן מיט מיר אונ וואש פר
אחסד האבין דיא שניר גיטאן מיט נעמי זייא
האבין זיא גישפייזט אונ. האבין איר מוחל גיוועזן
די כתובה פון זייערע מאנען דען מחלון וכליון
האבין קיין פעלדר ניט גיהאט אונ האבין ניט
גיהאט וואש צו פאר שרייבין אין דער כתובה
דען זייא זיינען גיוועזן אין איין פרעמד לאנד
האט נעמי גימוזט ערב זיין פאר זייערע כתובות
אונ איצונד נאך די קינדערש טויט האבין דיא
שניר איר מוחל גיוועזן זייערע כתובות דאש איז
דער חסד יתן יי לכם ומצאן מנוחה אשה בית אישה
גאט זאל אייך געבין איר זאלט גיפינען איין
רואונג איין אשה אין איר מאנש הויז אונ דרום
שטייט ומצאן, אן איין ה״א דאש איז טייטש זיא
זאל גיפינען איין רואונג אונ ניט ביידע דען נעמי
האט גיזעהען בנביאות דאש נאר רות וועט
האבין רוא אונ ניט ערפה אונ פון וועגין דעם
זכות וואש ערפה איז גיגאנגען מיט נעמי פערציג
טריט האט זיא זוכה גיוועזן דאש גלית איז
גיבליבן שטיין פר ישראל אונ פאר שאול המלך
פערציג טעג איידער מען האט אים גיהרגעט
אבער ער האט ניט לאנג גוועזט אונ איז גפאלין
אין דר האנט פון דוד המלך וואש ער איז ארויש
גקומען פון רות אונ אויך דרום האט נעמי
גיזאגט גאט זאל אייך געבין איין רואונג איין
אשה בייא איר מאן אין הויז רבי יוחנן זאגט
דר פסוק וויזט דאש איין אשה האט מער קיין
רואונג אונ תענוג ניט נאר בייא איר מאן אין
הויז שובנה בנותי קערט אייך אום מיינע טעכטער
דען איך בין אלט פון צו זיין צוא אמאן אונ ווען
אפילו איך זאל טראכטין עש איז צוא מיר איין

האפונג צו נעמען איין מאן אונ אויך איך זאל
שוין די נאכט טראגינדיג ווערן אדער ווען אפילו
איך זאל שוין גיווינען קינדר וועט איר דען אזו
לאנג ווארטין ביז זייא וועלין גרויש ווערן · איז
קשה וואש האט נעמי גיזאגט ווען איך זאל
האבין קינדר וועט איר דען אויף זייא ווארטין
איר זאלט זייא נעמען אמער זייא וואלטין דאך
זייא ניט גיטארט נעמען ווייל זייא זיינן גיבארין
גיווארין נאך זייערע ברידערש טויט אונ איין
ברודער וואש ווערט גיבארן נאך דעם ברודרש
טויט דר טאר ניט נעמען דעם ברודערש וויב
צו מיבם זיין זיא דר תירוץ איז די קידושין פון
מחלון וכליון זיינען קיין קידושין ניט גיוועזן דען
איצונד האבין זייא זיך ערשט גיוואלט מגייר
זיין דרום וואלטין זייא ניט גיהייסין די ווייבער
פון זייערע ברידער אונ דרום שטעלט דר פסוק
דאש ווארט לכן, אן איין ה״א ווייל עש האט אין
דער צאל הונדערט דאש האט נעמי דער מיט
גיוויזין אז עש וועט ארויס קומען דוד המלך פון
רות וואש וועט נעמען די טאכטער פון שאול
המלך וואש זיא הייסט מיכל וואש דאש האט
אויך אין דר צאל הונדערט אונ דוד וועט זיא
מקדש זיין מיט הונדערט פלשתים דען שאול
האט זיא אים אנדערש ניט גיוואלט געבין פאר
איין וויב נייערט ער זאל פריער דער שלאגין
הונדערט פלשתים חאטשע ער האט אים צוא
גיזאגט זיא צו געבין ווייל ער האט גיהרגעט גלית
הפלשתי דאך האט שאול אים זיא ניט גיוואלט
געבין סיידין ער וועט הרגנן הונדערט פלשתים
די חכמים זאגן דרום האט נעמי גיזאגט ווען איך
וואלט די נאכט גינומען איין מאן דאש לערנט אונז
דרך ארץ דאש מען זאל ביי טאג ניט זיין מיט
איין מאן די חכמים זאגן מען האט זיא דרום גרופן
רות ווייל רות באטרעפט זעקס הונדערט אונ
זעקס דען פריער אז רות איז איין היידין גיוועזן
האט זיא אויך זיבין מצות גיהאלטן וואש גאט
האט גיבאטן צו נח אונ אז זיא האט זיך מגייר
גיוועזן האט זיא אויף זיך מקבל גוועזן נאך זעקס
הונדערט אונ זעקס מצות אזו האט זיא אלע
תרי״ג מצות גיהאלטן ותאמר רות האט רות גזאגט
צו נעמי ניט טוא בעטין אין מיר צו פאר לאזין
דיך נאר וואו אהין דו וועסט גיין וועל איך אויך
גיין אונ וואו דו וועשט נעכטיגין וועל איך אויך
נעכטיגין אונ דיין פאלק איז מיין פאלק אונ דיין
נאט

גאט איז מיין גאט · די חכמים לערנן אפ פון דער זאך פון רות וויא אזו מען פלעגט דאס פר צייטין זיך נוהג זיין מיט איין גר ווען ער איז גיקומן זיך מגייר זיין דען דרום שטייט דריי מאל דאש ווארט שבה צו ווייזין ווען איין גר האט זיך גוואלט מגייר זיין האט מען אים פריער דריי מאל גיהייסין אוועק גיין כדי מען זאל אים פרובין אויב ער וויל אין אמת איין גר ווערין פון גאטש וועגין אונ רות האט גיזאגט אויב דו ווילשט מיך ניט מגייר זיין וועל איך מיר גיין צו איין אנדערין ישראל ער זאל מיך מגייר זיין נאר איך וויל דורך דיין האנט איין גיורת ווערן אונ אז נעמי האט דר הערט דאש זיא וויל אין אמת זיך מגייר זיין האט זיא איר פריער אטייל מצות גזאגט אויב זיא וועט זיי האלטין אונ זאגט צו איר דו זאלשט ווישין דאש דער סדר איז ניט פון די טעכטר פון ישראל צו גיין אליין אין הויז פון איין ארמי האט רות איר גיענטפערט וואו דו וועשט גיין וועל איך אויך גיין האט ווידער נעמי גיזאגט איין בת ישראל טאר ניט וואונן אין איין הויז וואו עס איז קיין מזוזה ניט דא האט רות געטפערט וואו דו וועסט נעכטיגן וועל איך אויך נעכטיגן אונ אטייל חכמים זאגן נעמי האט צו איר אזו גיזאגט מיר זיינען פאר באטן מיר זאלין אום שבת ניט גיין חוץ לתחום האט רות גיענטפערט וואו דו וועשט גיין וועל איך אויך גיין האט נעמי צו איר גזאגט מיר זיינן אויך פאר באטין דאש איין אשה טאר ניט זיין אליין אין איין חדר מיט איין פרעמדן מאן האט רות גיענטפערט וואו דו וועסט נעכטיגן וועל איך אויך נעכטיגן האט נעמי צו איר גיזאגט די ישראל זיינן אפ גשייד פון די עובדי כוכבים מיט זעקס הונדערט אונ דרייצעהן מצות האט רות גענטפערט דיין פאלק איז מיין פאלק מיט מצות האט נעמי צו איר גיזאגט ביי אונז טאר מען ניט דינען קיין עבודת כוכבים האט רות גיענטפערט דיין גאט איז מיין גאט זאגט נעמי צו איר פיר מיתות זיינן איבר גיענטפערט גווארן צום בית דין וואש מען טייט דעם וואש האלט ניט גאטש גבאט איינע איז דאס מען פר שטיינט די אנדערע איז דאש מען פר ברענט די דריטע איז דאס מען הרגת מיט איין שווערד די פערטע איז מען דער ווערגט האט רות גיענטפערט וויא דו וועשט שטארבין וועל איך אויך שטארבן ·

זאגט נעמי עש זיינען צוויי בית הקברות ביי דעם בית דין איינש וואש מען בגראבט דארטין די וואס מען פר שטיינט אונ מען פר ברענט · אונ דר אנדערער וואש מען בגראבט די וואש מען הרגת מיט איין שווערד אונ די וואש מען דר ווערגט · האט רות גיענטפערט וואו דו וועסט באגראבן ווערין וועל איך אויך באגראבן ווערן האט נעמי צו רות גיזאגט דו זאלשט וויסין דאס וויא פיל מצות דו קאנשט טאן אויף דר וועלט זאלשטו טאן דען אויף יענער וועלט קאן מען קיין מצות ניט טאן דאש זאגט דער פסוק כי המות יפריד ביני וביניך כלומר טוא מצות אויף דר וועלט דען דר טויט וועט אפ שיידן צווישן מיר אונ צווישין דיר דאש דו וועסט דארטין שוין ניט קאנען קיין מצות טאן אונ מען זאל ניט מיינן דאס אויף יענער וועלט שטייט איין רשע לעבן איין צדיק נייערט איטליכער צדיק האט איין באזונדר חופה · אזו וויא מיר גיפינן איין מעשה ביי רבי שמעון בן חלפתא דאש איין מאל אום ערב שבת האט ער ניט גיהאט אויף שבת איז ער ארויס גיגאנגן פון דר שטאט אונ האט תפלה גיטאן צו גאט איז גיקומן איין האנט אונ האט אים גיגעבן איין אבן טוב איז ער באלד גיגאנגן צו איין קרעמר אונ האט פאר קויפט אים אונ האט גיקויפט גוטע מאכלים אויף שבת האט זיין ווייב אים גיפרעגט וואו האסטו דאש געלט גינומן דאס דו האשט גיקויפט אויף שבת האט ער איר ניט גיוואלט זאגין האט זיא צו אים גזאגט ווילסטו מיר ניט זאגין וועל איך ניט עסין האט ער איר דער צוילט די מעשה האט זיין ווייב צו אים גיזאגט שווער מיר דאס דו וועסט דעם אבן טוב אום קערין שבת צו נאכט אונ אויב דו ווילשט ניט וועל איך ניט עשין האט רבי שמעון זיא גיפרעגט פר וואש זאל איך אום קערין האט זיין ווייב גיזאגט ווילשטו דען האבן דאש דיין חופה זאל אויף יענר וועלט גמינערט זיין איין אבן טוב וויא די חופה פון דיינע חברים · איז רבי שמעון גיגאנגן צו זיין רבי אונ דר צוילט אים די זאך האט דער רבי צו אים גזאגט זאג דיין ווייב ווען דיין חופה אדר דיין שטול וועט גימינערט זיין וועל איך פון מיין חלק דר לייגין · איז רבי שמעון גיגאנגן אונ האט גזאגט צו זיין ווייב וואש זיין רבי האט אים גיזאגט האט זיין ווייב צו אים גיזאגט וועט מיר דיין רבי זיינן זיי

בידע גיקומן פאר דעם רבי האט דאש ווייב פון רבי שמעון גיזאגט צו זיין רבי ועט דען אויף יענער וועלט איין צדיק זעהן אין דר חופה פון זיין חבר איטליכר צדיק האט דאך איין באזונדרע חופה אונ וויא ווילסטו פון דיין חופה געבין צו רבי שמעון איז גיגאנגען רבי שמעון אונ האט דעם אבן טוב ווידער צוריק גיגעבן · איז ווידר גיקומן איין האנט אונ האט דעם אבן טוב צו גינומען אונ דער הינטערשטער נס איז גרעסר גיוועזן פון דעם ערשטין נס דען פון דעם הימיל גיט מען אראפ אבער מען נעמט ניט צוריק · אויך אז ער האט דעם אבן טוב גינומן פון דר האנט איז די האנט פון רבי שמעון אונטן גיוועזן אונ די האנט פון דעם מלאך איז אויבין גיוועזן איבער דער האנט פון רבי שמעון אבער איצונד אז ער האט אים צוריק גגעבין איז די האנט פון רבי שמעון אויבין גיוועזן איבער דר האנט פון דעם מלאך אזו וויא איינער וואש גיט זיין חבר עפעש אין דער האנט אונ דאס זאגט דער פסוק כי המות יפריד ביני ובינך נעמי האט גזאגט צו רות דו זאלשט ניט מיינען דאש דו וועסט אויף דער וועלט רייך זיין דורך דעם וואס דו האסט דיך מגייר גיוועזן דאש איז ניט אויף דר וועלט דען אויף דר וועלט איז ניט קיין צווישן שייד פון איינעם צום אנדערין דען איטליכער האלט זיך פאר פרום · אבער אויף יענר וועלט איז איין צווישן שייד · צדיקים זיינען באזונדר אונ רשעים זיינן באזונדר דאש זאגט דר פסוק כי המות יפריד ביני ובינך אויף יענר וועלט נאך דעם טויט וועט זיין איין צווישן שייד צווישן מיר אונ צווישן דיר ותרא כי מתאמצת היא ללכת אתה אונ אז נעמי האט גיזעהן דאש זיא שטארקט זיך צו גיין מיט איר · האט זיא אויף גיהערט צו ריידין צו איר · ותלכנה שתיהם אונ זיי זיינען בידע גיגאנגן אונ זיינען גיקומן קיין בית לחם אונ אז זיי זיינן גיקומן קיין בית לחם האט זיך די גאנצע שטאט אויף זיי פאר וואונדערט אונ זאגין אויב דאש איז נעמי · די חכמים זאגין וויא זייער גיליבט איז פאר גאט איין גר דען וויא באלד רות האט אין זין גיהאט צו מגייר זיין זיך זאגט דר פסוק ותלכנה שתיהם זיי זיינן בידע גיגאנגן גלייכט ער זיא צו נעמי · די חכמים זאגן אין דעם טאג אז רות איז גיקומן קיין בית לחם האט מען גיטראגן דאס ווייב פון בועז צו בגראבן זיא אזו זיינן אלע גקומן

גומל חסר זיין צו דער ווייב פון בועז אוז צו באלייטין זיא אויף דעם בית הקברות · אונ וויא באלד מען האט זיא פון דעם הויז ארויש גיטראגין אזו איז באלד רות גיקומען נעמען צו בועז אונ די גאנצע שטאט איז גיוועזן ביי אנגדר קליין אונ גרויש אונ האבין גיזעהען דאש נעמי קומט אן אזו האבין זיי זיך פר וואונדערט אונ האבין גיזאגט דאש איז נעמי וואש זיא פלעגט פארין אין באהאנגענע וועגין אונ איצונד גייט זיא בארוועס אונ אין צו ריסענע קליידר אונ איר פנים פלעגט זיין ליכטיג פון די גוטע עסין אונ טרינקען אונ איצונד איז איר פנים גרין אונ געל האט נעמי צו זייא גיזאגט רופט מיר ניט נעמי דאש איז טייטש זיס · אונ גוט מיט גוטע מעשים דען מיינע מעשים זיינען ניט גוט וואלטן מיינע מעשים גוט גיוועזן וואלט מיך גאט ניט גישטראפט אזו אונ וואלט מיר אזו ביטר ניט גיטאן · עש איז איין משל איינר פר קויפט איין אקס צוא אקערין אונ ער לויבט דעם אקס ער אקערט וואול זאגין די לייט ווען דר אקס איז אזו גוט ווארום האט ער שלעק אונ ביילין אזו אויך האט נעמי גיזאגט וואלטין מיינע מעשים גוט גיוועזן וואלט מיך גאט ניט גישטראפט רבי חייא זאגט אלע יסורים זיינען שווער אויף דעם מענטשין אבר ארימקייט איז שווערר פון אלע יסורים · דען אלע יסורים ווען זיי גייען אוועק איז דר מענטש אזוא וויא פריער · אבער דאש ארעמקייט מאכט פינצטער דיא אויגין פון דעם מענטשין · אזוא וויא אין פסוק שטייט עיני דאבה מני עני מיינע אויגין זיינען אויש גירונן פון וועגין ארימקייט · עש איז גיוועזן איין מעשה מיט איין חסיד דאש ער האט ניט גיוואלט פון קיין מענטשין קיין הנאה האבין אונ האט ניט מער גהאט וויא איין קלייד אונ איין ליילך אונ האט גיוויינט אגאנצע נאכט אונ האט גיבעטין צו גאט לסוף איז ער זייער ארים גיווארין אונ איז גילעגין אויף דעם מישט מיט צוא ריסענע קליידר איז גיקומן אליהו אונ האט זיך אים אנטקעגן גשטעלט אונ זאגט צו אים ווילשטו האבין איך זאל דיר לייען צווייא גראשין דוא זאלשט דר מיט האנדלען אונ זאלשט דיך דער נערין דר מיט האט דער חסיד גיזאגט יוא אונ האט ביי אים גינומן די צוויי גראשן אונ האט מיט זיי גיהנדילט אונ איז דאש יאר זייער רייך גיווארין

גיווארין אונ האט פר געסין תפלה צו טאן אונ
נאך פיל מצות פון וועגין פיל געלט האט גאט
גיזאגט צו אליהו איין חסיד האב איך גיהאט
אויף דער וועלט וואש ער האט בכוונה תפלה
גיטאן האשטו מיר אים פאר יאגט איז אליהו
גיגאנגן צוא דעם חסיד אונ האט אים גיפונען
דאש ער האט איין מלאכה גיטאן זאגט אליהו
צו אים איך בין דר מענטש וואש איך האב דיר
די צווייא גראשין גיליען הייגט גיב זייא מיר
ווידר אפ האט ער אים זייא אפ גיגעבין אזוא
באלד נאך דעם איז דר חסיד ווידר זייער ארום
גיווארין אונ זיצט ווידר אויף דעם מישט מיט
די צו ריסנע קליידר קומט ווידר אליהו צו אים
אונ זאגט וויא גייט עש דיר זאגט דער חסיד
זייער שלעכט האט אליהו צו אים גיזאגט אויב
דוא וועסט מיר שווערין דאש דו וועסט פרום
זיין אז דוא וועסט רייך זיין אונ וועשט תפלה
טאן בכוונה אזו וועל איך דיר ווידר געבן דיא
צווי גראשין האט דר חסיד גישווארן אונ אליהו
האט אים דיא צווייא גראשין גיגעבין איז ער
ווידר אזו רייך גיווארין אזו וויא פריער · ולנעמי
מודע לאישה איש גבור חיל ושמו בועז אונ צוא נעמי
איז גיוועזן איין פריינד צו איר מאן אונ זיין נאמן
איז גיוועזן בועז אונ דרום שטייט פריער דאש
ווארט שמו פאר זיין נאמן אונ מיר גיפינן בייא
גלית גלית שמו אדער נבל שמו שטייט זיין נאמען
פריער פר דעם ווארט ושמו דען ביי די רשעים
שטייט דר נאמן פר דעם ווארט ושמו אבר ביי
די צדיקים שטייט פריער דאש ווארט ושמו אזו
וויא מיר גיפינן ושמו בועז · ושמו אלקנה · ושמו מרדכי
וויל די צדיקים זיינן גיגליכין צו גאט דאש עש
שטייט ביי אים ושמי יי שטייט אויך דאש ווארט
ושמי פר זיין נאמן · ותאמר רות האט רות המואביה
גיזאגט צו נעמי איך וועל גיין אין פעלד אונ
וועל קלייבן צווישן די גארבין ביי וועמן איך
וועל גיפינן חן אין זיינע אויגין · האט נעמי צו
איר גיזאגט גיי מיין טאכטר · די חכמים זאגין
דר פסוק ווייזט מיר דאש דר מענטש זאל ניט
זיין פויל ווען ער ווייסט ערגעץ צו גיווינן אונ
זאל ניט זאמען אזו וויא מיר גיפינען ביי רות
דאש זיא איז ניט פויל גיוועזן אונ האט ניט לאנג
גיזאמט צו זיצן אין הויז אונ איז פון זיך זעלברט
גיגאנגן צוא זמבין איר שפייז אויך לערנן דיא
חכמים אפ פון דעם פסוק דאש איין מענטש
זאל ניט פיר האבן מיט איינם וואש האט איין
בייז אויג דען חאטשע דער בעל הבית האט
קיין חלק ניט אין לקט אונ שכחה אונ פאה וויל
גאט האט גיבאטין מען זאל דאש געבין דעם
עני פון רעשט וועגן זאל דר עני ניט קלייבן אין
איין פעלד פון דעם וואש האט איין בייז אויג
אזו וויא רות האט גיזאגט איך וועל קלייבן אין
דעם פעלד ביי דעם וואש איך וועל גיפינן חן
אין זיינע אויגן דאש ער וועט גערין זיין איך
זאל קלייבין והנה בועז בא מבית לחם אונ בועז איז
גיקומן פון בית לחם אונ זאגט צו די שניטער
גאט איז מיט אייך האבן זיי אים גיענטפערט
גאט זאל דיך בענטשין אונ דרום האט בועז
גיזאגט צו דיא שניטר יי עמכם פריער דעם שם
אונ די שניטר האבין אים גיענטפערט יברכך יי
דעם שם דער נאך כדי דער שם זאל זיין פון
פארינט אונ פון הינטין דרום איז הייגט דער
מנהג ווען מען גיט צוא איין גאסט שלום זאגט
מען אים שלום עליכם פריער דאש ווארט שלום
אונ דר גאסט ענטפערט עליכם שלום דאש ווארט
שלום דר נאך כדי דאש ווארט שלום זאל זיין פון
פארינט אונ פון הינטין דיא חכמים לערנען אפ
פון דעם פסוק דאש מען זאל קיין בעל גאוה ניט
זיין חאטשע מען איז רייך אונ אפילו מיט זיינע
קנעכט זאל ער זיך ניט פירין בגאוה אונ זאל
זיינע קנעכט אדר די גידונגענע אויך שלום געבן
ניט אזו וויא אטייל עשירים זיינן דאש זיי גיבן
ניט צו זייערע קנעכט אדר צו די גידונגנע קיין
שלום פון וועגין גאוה דאש שרייבט דער פסוק
דאש בועז איז גיוועזן איין עושר אונ איין שופט
אונ האט דאך זיינע גידונגענע שלום גיגעבין אונ
האט זיי גבענטשט ויאמר בועז לנערו הנצב על הקוצרים
אונ בועז האט גיזאגט צו דעם יונג וואש שטייט
איבר די שניטער ווער איז די יונג פרויא דיא
חכמים פרעגין איז דען דער סדר גיוועזן פון
בועז וואש ער איז גיוועזן איין שופט איבער
ישראל ער זאל פרעגן אויף ווייבר ווער זייא
זיינן דר תירוץ איז בועז האט אין איר גרויש
צניעות גיזעהען אונ גוטע מעשים דרום האט
ער גיפרעגט ווער זיא איז דען ער האט גיזעהן
דאש אלע ווייבר בייגן זיך איין צו אויף הייבין
איין זאנג פון דר ערד אזו הייבין זיך פון הינטן
אויף אירע קליידר אונ מען זעהט ארויש אירע
בלויזע פיס אונ דאש איז איין עבירה אונ רות

האט

האט זיך צו דר ערד גיזעצט צו אויף הייבן איין זאנג אונ איין שטייענדיגע זאנג. האט זיא שטייענדיג אויף גיקליבן אונ אויך אלע ווייבר זיינן גינאנגן זייערע קליידער מיט איין גארטיל אונטר גגארטילט אונ רות האט זיך ניט אונטר גיגארטילט כדי די קליידר זאלין אראפ הייגגן מען זאל ניט ארויש זעהען אירע בלויזע פיס אונ אויך האט בועז גיזעהן דאש אלע ווייבער שפילין זיך מיט די שניטר אונ רות האט דאש אלץ ניט גיטאן דרום האט בועז אויף איר גפרעגט ווער זיא איז ויען הנער הנצב על הקוצרים האט דר יונג געענטפערט וואש איז גישטאנן איבר די שניטר זיא איז די יונג פרויא וואש האט זיך אום גיקערט מיט נעמי פון דעם פעלד מואב די חכמים זאגין דאש דר יונג האט אים גיענטפרט ווארום האלשטו זיא אזוא חשוב זיא איז דאך ניט לאנג גיקומען פון דעם לאנד מואב האט בועז אים געענטפערט זיא האט אבר איין גוטן רבי גיהאט איר שוויגער נעמי איז זייער פרום אונ האט זיא גוט גילערינט אונ זיא האט אפ גיטראטין פון דעם וועג פון דיא מואבים דאש זאגט דער פסוק השבה עם נעמי משדי מואב כלומר זיא האט זיך אפ גיטאן פון דיא מעשים וואש מען טוט אין פעלד מואב אונ האט זיך אום גיקערט מיט נעמי וואש האט זיא גילערינט ותפל על פניה איז זיא גיפאלין אויף איר פנים אונ האט זיך גיבוקט צוא בועז ביז צו דר ערד אונ זאגט צוא אים ווארום האב איך גיפונען חן אין דיינע אויגין צו דר קענן מיך אונ איך בין איין פרעמדע דיא חכמים זאגין זיא האט בנבואה גיזאגט דאש ער וועט זיא פאר איין ווייב נעמן דען דאש באהעפטין פון מאן אונ ווייב הייסט דר קענן אונ ווישין אזוא וויא עש שטייט ביי אדם והאדם ידע את חוה אשתו דאש איז איין לשון פון חכמה אונ שכל אונ אויך דרום הייסט דאס באהעפטין דר קענן דען איטליכר פרומר מאן אונ ווייב דארף זיך איין סימן אונ איין דער קענונג מאכין מיט זיין ווייב כדי ער זאל זיך חס ושלום ניט טועה זיין אין איין אנדער אשה אדר זיא מיט איין אנדערין מאן וויא מיר גיפינן ביי שלומית בת דברי דאש דר מצרי האט איר מאן אויף גיוועקט צו דער ארבעט אונ איז בייא איר גוועזין אונ זיא האט גימיינט דאש איז איר מאן דרום הייסט דאש באהעפטין דער קענען

דאש איטליכר דארף דורך איין סימן דר קענן אויב דאש איז זיין ווייב אונ אויב דאש איז איר מאן אונ פון דאנן לערנן מיר אויך אפ דאס איטליכע פרומע אשה וואש דארף גיין צווישן מאנן זאל זיא מיט זיך אנדרע ווייבר נעמן כדי מען זאל זיא ניט חושד זיין דאש זיא איז בייא איינעם גילעגין אונ זיא מאכט לייטין זינדיגין דען עריות גלייבט מען קיין מענטשין ניט דען מיר זעהען דאש רות איז דא גיוועזן מיט נאך ווייבר אבער דעם וואש לייט זיינען אים חושד אום זיסט אזו טוט גאט אפ זיין חשד אזוא וויא מיר גיפינן ביי ישי דר פאטר פון דוד דאש ער האט זיין ווייב חושד גיוועזן אונ גאט האט די זאך אנפלעקט אונ האט גיוויזן דאש דוד המלך איז פון איר ארויש גיקומן אויך איז גיוועזן איין מעשה מיט איין גרוישין עושר ער האט גיהייסן נתן דצוציתא · האט ער לוסט גיהאט צוא איין אשה זיא האט גיהייסין חנה אונ איר מאן איז זייער ארום גוועזן אונ דר נתן איז קראנק גווארן נאך דר אשה אונ די רופאים האבין גזאגט ער קאן קיין רפואה ניט האבן ביז ער וועט ביי איר זיין האבין דיא רבנים גזאגט ער זאל בעסער שטארבין איידר ער זאל אפילו מיט איר רעדין אונ דר מאן פון חנה האט אויף זיך גיהאט פיל בעלי חובות אונ מען האט אים אין דר תפיסה איין גיזעצט פון וועגין די חובות אונ דיא חנה האט טאג אונ נאכט גישפינט אונ האט דעם מאן גיבראכט עסין אונ טרינקן אמאל האט דר מאן גיזאגט צוא חנה עש איז מיר מיאוס מיין לעבין אין דר תפיסה איצונד גיי צוא דעם נתן דצוציתא אונ לאז ער מיר געלט לייען צו אויש לייזן מיך האט חנה צו אים גיזאגט דו ווייסט דאש דער נתן איז קראנק פון מיינט וועגין אונ ער שיקט אלע טאג שלוחים פון מיינט וועגין איך זאל צו אים גיין אונ וויא אזו זאל איך היינט צוא אים גיין ער וועט גיוויס וועלין מיט מיר שלעכין טאן איך האלט דאש דו ביסט משוגע אונ זיא איז פון אים אוועק גיגאנגען ברוגז אונ ער האט זיא נאך איין מאל גיבעטין זיא זאל צו אים גיין געלט לייען האט זיא צו אים גזאגט גיב מיר גט אזוא וועל איך צו אים גיין אונ לאז מיך ניט קומן צוא קיין זינד האט דר מאן צוא איר גיזאגט איך ווייש לאנג וואול דאש דוא בישט גערין איך זאל שטארבין אין דר תפיסה

פרי דוא זאלשט נעמן דעם נתן אונ וויל דוא זעהשט דאש איך שטארב ניט ווילשטו פון מיר איין גט האבין אזוא איז זיא גיגאנגן אונ האט תפלה גיטאן צוא גאט אונ האט גיזאגט איך בעט דיך גאט זייא מיך מציל פון איין עבירה אונ אז זיא איז ואהין גיקומן זיינן גיגאנגן דיא קנעכט אונ דיא דינשט מיידין פון נתן אונ זאגן אים דיא בשורה דאש חנה איז גיקומן אין דיין הויז האט ער פאר גרויש שמחה זיי אלע פריי גילאזט אונ זאגט צו חנה וואש דו ווילשט וועט דיר ווערין גיגעבין האט חנה גיזאגט איך בין גיקומן געלד לייען צו אויש לייזין מיין מאן אזו באלד האט ער איר אזו פיל געלט גיגעבן וויא פיל זיא האט גידארפט נאך דעם זאגט ער צוא איר איך האב גיטאן דיין ווילין טוא מיין ווילין האט חנה גיזאגט איך בין אין דיין האנט נאר דו זאלשט וויסין דו קאנסט אין דער קליינע ווייל עולם הבא דיר קויפין אונ אויך קענשטו דורך מיר פר לירין עולם הזה אונ עולם הבא דען איך בין צו דיר אסור ווייל איך האב איין מאן׳ לאז דיר דוכטין דו האסט שוין דיין ווילן גיטאן דוא וועסט דר נאך חרטה האבין אויף דר גרוישער עבירה׳ איז דר נתן גיפאלין מיט זיין פנים צו דר ערד אונ האט גישווארין צו גאט אונ האט צו בראכין זיין יצר הרע אונ חנה איז גיגאנגען אונ האט אויש גילייזט איר מאן׳ אבר דר מאן האט איר ניט גיגלויבט אונ האט תמיד גיזאגט דוא בישט גיוויס מיט נתן גיוועזן אונ זיא האט גיזאגט זיא איז ריין׳ איין מאל האט נתן גיריטן אויף איין פערד אויף דר גאס האט גאט גמאכט דאש איין ליכט האט גילויכטין אויף זיין קאפ אונ רבי עקיבא האט אים גיזעהן רייטין האט ער גיפרעגט צוא זיינע תלמידים ווער רייט דאש האבין דיא תלמידים גיזאגט דאש איז דער נתן דצוציתא דר רועה זונות זאגט רבי עקיבא צו זיינע תלמידים זעהט איר עפעס אויף זיין קאפ זאגן די תלמידים מיר זעהן ניט האט רבי עקיבא אים גירופין אונ זאגט צו אים דו וועשט האבין איין חלק לעולם הבא דען איך זעה איין גרויסע ליכט אויף דיין קאפ איך בעט דיך לאז מיך ווישין וואש דוא האסט גיטאן האט ער אים גיזאגט דיא מעשה וואש אים איז דר גאנגען מיט חנה האט זיך רבי עקיבא פאר וואונדרט וויא ער האט דעם יצר הרע באצוואונגען אונ

זאגט צו אים דו האסט איין גרוישע זאך גיטאן דרום האט דיר גאט גיוויזין דאס דוא וועסט האבין איין חלק לעולם הבא אונ ווען דו האסט אויף דר וועלט אזו איין ליכט מכל שכן דאש דו וועשט האבין אויף יענער וועלט נאך מער ליכט אונ איצונד לערין ביי מיר תורה אונ דער נתן האט אזו גטאן אונ איז גיווארן איין גרוישר תלמיד חכם אונ איז גיזעסן אין דר זייט פון רבי עקיבא׳ איין מאל איז גיקומן דר מאן פון חנה אין בית המדרש פר רבי עקיבא אונ איין תלמיד האט גיפרעגט צוא זיין רבי זאג מיר רבי וויא קומט עש דאש דר נתן דצוציתא איז אזו באלד איין גרויסער תלמיד חכם גיווארין האט רבי עקיבא אים דער ציילט וויא ער איז באשטאנען אויף דער מעשה פון חנה אונ דער מאן פון חנה האט די מעשה גיהערט אזו האט ער גיגלויבט דאש זיין ווייב איז גירעכט אונ האט זיא נאך ליבר גיהאט וויא פריער ווייל גאט האט פון איר דעם חשד אפ גיטאן אבר פון דעסט וועגן זאל זיך ניט איטליכר דרויף סומך זיין דען רבי עקיבא האט זיך פאר וואונדרט וויא אזוא ער האט גיקענט זיין יצר הרע באצווינגן אונ דרום האט אים גאט גיגעבין איין גרוישין שכר דאש האט בועז גיזאגט וכה תדבקין עם נערותי דוא זאלשט דיך ווייטער אויך באהעפטין מיט מיינע מיידין אזוא וויא דוא האשט דיך ביז אהער באהעפט דאש ווייזט אונז דאש רות אליין האט זיך אפ גיטאן פון חשד אונ איז גיגאנגן אין פעלד מיט די מיידין אויך לערינט אונז דער פסוק ווען איין מענטש זעהעט דאש איינר וויל אים איין טובה טאן זאל ער אים פרעגין ווארום ווילשטו מיר איין טובה טאן דען טאמער איז זיך דר מענטש טועה אונ האט גימיינט איין אנדערין איין טובה טאן אונ ער נעמט צו די טובה פון זיין חבר דאש האט רות גיזאגט ווארום האב איך גיפונען חן אין דיינע אויגן איך בין דאך איין פרעמדע האט בועז איר גיענטפערט איך וויים ווער דו בישט עש איז ראוי דיר פיל גוטש צו טאן׳ ויען בועז אונ בועז האט גיענטפערט אונ האט איר גיזאגט עש איז מיר ווארין גיזאגט וואש דו האסט גיטאן מיט דיין שוויגער נאך דיין מאנש טויט דאש דו האשט פאר לאזט דיין פאטר אונ מוטר אונ דאש לאנד פון דיין גיבארין אונ בישט גיגאנגן

צו איין פאלק וואש דוא קענשט עש ניט פון נעכטין אונ אייער נעכטין אונ דאש וואש דר פסוק זאגט דו האסט פאר לאזט דיין פאטר אונ מוטער דאש מיינט ער די עבודת כוכבים אונ דאש וואש ער זאגט דו ביסט גיגאנגן צו איין פאלק וואש דו קענשט עש ניט פון נעכטן אונ פון אייער נעכטין דאש מיינט ער ווען דוא וואלשט גיקומען נעכטין אדער אייער נעכטין וואלט מען דיך ניט מגייר גיוועזן דען היינט איז די הלכה גילערינט גיווארין אין בית המדרש דאש איין נקבה פון עמון ומואב מעג מען זיא נעמען ווען זיא וויל זיך מגייר זיין · אבר איין זכר פון עמון ומואב טאר ניט קומען צווישין ישראל · דען דרום טאר עמון ומואב ניט קומן צווישן ישראל ווייל זיי האבן ניט גיוואלט קיין ברויט אונ וואשער געבין צו ישראל אז זייא זיינען ארויש גיגאנגען פון מצרים אונ דר סדר איז דאש זכרים ציהען אויש ברויט אונ וואשר צוא דעם וואש גייט אין וועג אבער ניט קיין נקבה אזו האבין די נקבות דר מיט קיין עבירה ניט גיטאן דרום מעגין זיי קומן צווישן ישראל ויאמר לה בועז האט בועז צו איר גיזאגט אין דר צייט פון עסין קום אהער אונ זאלשט עסין פון דעם ברויט וואש דיא יונגען עסין אונ זאלשט איין טונקען דיין ברויט אין עסיק אונ זיא האט זיך גיזעצט אין דר זייט פון די שניטר אונ בועז האט איר דר לאנגט גיריבענע זאנגען אונ זיא האט גיגעסין אונ איז זאט גיווארין אונ האט איבר גילאזט · די חכמים זאגן ווען איין מענטש וויל איין מצוה טאן זאל ער זיא טאן מיט דעם גאנצין הארצין דען וואלט ראובן גוואוסט דאש די תורה וועט אויף אים אן שרייבן וישמע ראובן ויצילהו מידם דאש איז טייטש ראובן האט גהערט דאש די ברידר ווילין הרגנן צו יוסף האט ער אים מציל גוועזן פון זייערע הענט ווען ער וואלט דאש וויסין דאש די תורה וועט אזו אויף אים אן שרייבן וואלט ער אים אויף דיא אקסלען גיבראכט צו זיין פאטר · וואלט בועז גוואוסט דאש די תורה וועט אויף אים אן שרייבן ויצבט לה קלי ער האט איר דער לאנגט איין גריבענע זאנג אונ זיא האט גיגעסין אונ איז ווארין זאט וואלט בועז דאש גוואוסט וואלט ער איר גגעבן עסין גישטאפטע קעלבער די חכמים זאגן פאר צייטין ווען איינער האט איין מצוה גטאן האט

זיא דר נביא אן גישריבין אונ היינט אז איינר טוט איין מצוה שרייבט זיא אליהו אן אונ גאט אונ דר מלך המשיח חתמן זיך דרויף ותקם ללקט אונ זיא איז אויף גישטאנען צוא קלייבין אונ בועז האט גיבאטין צו זיינע יונגען צוא זאגין איר זאלט זיא לאזין קלייבן צווישן די בינטליך אונ איר זאלט זיא ניט פאר שעמען פון דאגען לערנען מיר אז מען זאל קיין עני ניט מבייש זיין מיט צדקה געבין אזו וויא מיר גיפינען ביי די חכמים דאש זיי האבין איין גיבונדין געלט אין זייערע קליידר פון הינטין אונ האבין עש גילאזט פאלין פאר ארימע לייט כדי דער עני זאל דאש גיפינען אונ זאל ניט מבויש ווערין מיט צדקה נעמען וגם שול תשולו לה מן הצבתים אונ אויך זאלט איר מאכן פאר געסין פון די בינטליך אונ זיא זאל עש אויף קלייבין אונ איר זאלט ניט אן שרייען אין איר ותאמר לה חמותה האט די שוויגער צו איר גיזאגט וואו האסטו היינט גיארבעט דיין דר קענער זאל זיין גיבענטשט האט רות צו איר גיזאגט האיש אשר עשיתי עמו היום בועז דר מענטש וואש איך האב מיט אים היינט גיארבעט הייסט בועז דרום האט זיא גיזאגט עשיתי עמו איך האב מיט אים גיטאן צו ווייזן דאש מער גוטש וויא דר בעל הבית טוט מיט דעם עני טוט דר עני מיט דעם בעל הבית גוטש דען זיין הויז ווערט גיבענטשט דורך דעם עני כפל כפלים דאש האט רות גיזאגט אשר עשיתי עמו כלומר איך האב מיט אים פיל גוטש גטאן ער וועט דורך מיר פיל גוטש האבין דש ער האט מיר גיגעבין ברויט עסין ביי זיין טיש אונ ווען דר בעל הבית טוט ניט קיין גוטש מיט דעם עני ווערט ער גישטראפט דורך דעם עני אונ ווען גאט וויל איין נקמה טאן אין אים ענטפערט ער אים איבר אין דר האנט פון דעם עני אזו וויא איין פסוק שטייט וקרא עליך אל יי והיה בך חטא ווען דו וועסט דעם עני קיין צדקה ניט געבין וועט ער אויף דיר רופין צו גאט אזו וועט זיין אין דיר איין זינד דען דר עני שטייט אויף דיין טיר אונ גאט שטייט אויף זיין רעכטע זייט טוט דער בעל הבית גוטש מיט דעם עני אזו באלד בענטשט אים גאט אונ אויב ער גיט ניט דעם עני וועט אים גאט צום סוף בצאלן ותאמר נעמי האט נעמי גיזאגט גיבענטשט זאל זיין בועז צו גאט וואש ער האט ניט פאר לאזט

זיין

זיין גינאד מיט די לעבדיגע אונ מיט די טויטע אונ נעמי האט צו רות גיזאגט דר בועז איז איין פריינט צו אונז אונ אונזער אויש לייזר · דיא חכמים זאגין זיא האט גיזאגט בועז האט גטאן חסד מיט לעבעדיגע אונ מיט די טויטע דען ער גיט תכריכים צו מתים אונ עש איז קשה ווארום האט זיא גיזאגט קרוב לנו האיש דער מענטש איז אונזער פריינט אונ האט זיך חשוב גיהאלטין דאש זיא האט אים צו זיך מייחס גוועזן זיא וואלט גדארפט זאגן מיר זיינן זיינע פריינט דען דר סדר איז ווען איינר איז רייך איז מען זיך מייחס צו אים דאש מען איז זיין קרוב דר תירוץ איז דר עני טוט פיל גוטש מיט דעם בעל הבית דאש זיין הויז ווערט גבענטשט דורך דעם וואש ער האט גגעבן דעם עני דרום הט נעמי זיך חשוב גהאלטן אונ זאגט בועז איז אונזר פריינט ותאמר רות אונ רות האט גיזאגט צוא נעמי בועז האט מיר גיזאגט איך זאל מיך באהעפטין מיט זיינע יונגען ביז עש וועט זיך אויש לאזין זיין גאנצער שניט איז קשה ווארום האט רות ליגין גיזאגט דאש בועז האט איר גיהייסן בהעפטין זיך מיט די יונגין אונ וויא שיקט זיך דאש בועז זאל הייסין איין אשה זיא זאל זיך באהעפטין מיט יונגן אמער בועז האט דאך איר גזאגט וכה תדבקין עם נערותי דו זאלשט דיך בהעפטין מיט מיינע מיידין דרום זאגין די חכמים דאש דרום רופט זיא דר פסוק דא מואביה צו ווייזן דאס דרום דאט זיא איין ליגין גיזאגט ותאמר לה נעמי האט נעמי צו איר גיזאגט מיין טאכטר איך וועל דיר זוכין איין רואונג וואש זאל דיר גוט זיין דען דר בועז איז אונזער פריינט אונ ער ווינד שויבלט דיא תבואה אין שייער היינטיגע נאכט · פון מגילת רות לערינט מען אפ פיל מנהגים וויא אזו דער מענטש זאל זיך פירין ווען איינר דינגט ארבעטר דאש ער זאל אלע צייט זעהן זיי זאלין רעכט ארבעטן אונ זאלין ניט לידיג גיין אזו וויא בועז האט גיטאן ער האט גשטעלט איין יונג איבר די שניטער אונ איז אליין אויך אלע מאל גיקומן זעהן אויב זיי חנפנן ניט דעם יונג ער זאל זיי לאזין לידיג גיין חאטשע ער איז גיוועזן איין גרויסר עושר אונ איין שופט איבר ישראל דען די צדיקים זיינען מדקדק דאש זייער געלט זאל ניט ווערין אויש גיגעבן צו אום רעכטין אזו וויא מיר גיפינען ביי יעקב אבינו עליו השלום

דאש ער האט פר געסין איין קריגיל איבר דעם וואשר האט ער זיך אום גיקערט צו נעמן דאס אונ אויך בועז אליין איז גילעגין אין שייער צו היטין זיין תבואה אונ אויך רות האט אויש גיקלאפט באלד דיא תבואה וואש זיא האט גיקליבין דעם טאג אונ האט גיבראכט צו איר שוויגער ווייל געלט איז ביי איר טייער גיוועזן אויך לערנען מיר אפ פון מגילת רות ווען איין מענטש טוט דעם אנדערין עפעש גוטש זאל ער אים גוטש בצאלין קאן ער דאש ניט בצאלין זאלין זיינע קרובים אים בצאלין אזו וויא בועז האט גיטאן ווייל רות האט חסד גיטאן מיט נעמי דאש ווייב פון אלימלך זיין קרוב דרום האט ער צו איר אויך חסד גיטאן אונ האט איר גיהייסין פר געסין גארבין · אונ אויך ווייל זיא האט זיך מגייר גוועזן אונ ווייל נעמי האט גיזעהן דאש זיא האט פיל גוטש דורך רות דרום האט זיא איר גיזוכט איין רואונג עש זאל איר גוט זיין דאש בועז זאל זיא נעמען אונ האט ניט גיזאמט פון צו באצאלין איר דעם חסד ורחצת וסכת דוא זאלשט דיך וואשין אונ זאלסט דיך שמירן אין גוטין בוים איל אונ מיט בשמים אונ זאלשט אן טאן דיינע גוטע קליידר אונ זאלסט נידערן אין שייער אונ זאלסט ניט ווערן גוואוסט צו קיין מענטשין ביז ער וועט אויף הערין צו עסין אונ צו טרינקן · די חכמים לערנן אפ פון דעם פסוק דאש חאטשע איין מענטש איז ניט רייך זאל ער דאך צוויי ערליי קליידער האבין איינע אויף אום דער וואכין אונ איינע אויף שבת · דען נעמי האט צו איר גזאגט דו זאלסט אן טאן דיינע קליידר וויא דען וואלט רות גטאן זיא וואלט גגאנגן נאקעט נאר נעמי האט גמיינט די קליידר פון שבת אונ חאטשע רות איז זייער ארום גיוועזן דאש זיא האט גימוזט גיין תבואה קלייבין דאך האט זיא גיהאט קליידר אויף שבת אונ דרום שטייט אין פסוק וירדתי דאס איז טייטש איך וועל נידערין אונ עש וואלט גידארפט שטיין וירדת דו זאלשט נידערין ווייל נעמי האט דאש דאך גזאגט צו רות נאר דאש ווייזט דאש נעמי האט גזאגט צו רות מיין זכות וועט נידערן מיט דיר ויהי בשכבו אונ עש וועט זיין ווען ער וועט זיך לייגין זאלשטו ווישין דאש ארט וואו ער ליגט אונ זאלשט קומן אונ זאלשט אנפלקין זיינע פים אונ זאלשט דיך לייגין דארטן אונ ער

וועט דיר זאגין וואש דו זאלשט טאן האט רות צו איר גיזאגט כל אשר תאמרי אלי אעשה וואש דו זאגשט וועל איך טאן אונ זיא האט אלץ גטאן וואש איר שוויגער האט איר גיהייסין אונ דאס ווארט אלי שטייט ניט גישריבין אין פסוק נאר דיא נקודות פון דעם ווארט שטייען צו ווייזין דאש רות האט גיזאגט צו נעמי אלץ וואש דו זאגשט מיר וועל איך טאן נאר וואש דו זאגשט איך זאל פריער אן טאן מיינע גוטע קליידר אונ זאל גיין אין שייער דאש וועל איך ניט טאן דען ווען מען וועט מיך זעהען בייא נאכט גיין גיצירט וועט מען מיינען איך בין איין זונה דרום וועל איך פריער גיין אין שייער אונ דארטין וועל איך אן טאן די גוטע קליידער אונ דרום שטייט ווייטער אין פסוק ותרד הגורן ותעש ככל אשר צותה חמותה זיא האט פריער גינידערט אין שייער אונ דער נאך האט זיא גיטאן וואש איר שוויגער האט זיא גיבאטין אונ פון די פסוקים לערנן מיר אפ ווען איין מענטש קאן איין גוטע זאך ניט אויש פירין נאר דורך עזות זאל ער די גוטע זאך ניט אוועק לאזין פון וועגין דעם עזות אזו וויא רות איז ביי נאכט גיגאנגען אין שייער צו בועז אין בעט חאטשע דאש איז איין עזות האט זיא דאך דאש גיטאן וויל עש קאן איין גוטע זאך דר פון ארויש קומען · אונ פון דעשט וועגין וויא ווייט זיא האט גיקאנט בארעקן די זאך האט זיא בדעקט אונ איז שטיל גיגאנגען דאש קיין מענטש זאל דער פון ניט ווישן ויאכל בועז אונ בועז האט גיגעסין אונ גיטרונקן אונ זיין הארץ איז גוט גיוועזן אויף אים פון תורה אונ פון תפלה אונ ער איז גיקומן צו לייגין זיך אין עק פון דעם הויפן תבואה איז זיא גיקומן שטילר הייד אונ האט אויף גידעקט זיינע פים אונ האט זיך גילייגט · דיא חכמים זאגין דאש וואש דא שטייט וייטב לבו איז וויא אין פסוק שטייט מצא אשה מצא טוב דער וואש גיפינט איין ווייב דער גיפינט גוטש אויך זאגין די חכמים וויא קומט עש דאש בועז איז גיוועזן איין עושר אונ איין שופט אונ זאל ליגין אין איין שייער נאר דר דור פון בועז זיינן נאך גיגאנגן נאך זנות אונ האבין גינומען פון די שייערש אונ האבן דאש אוועק גיגעבין צו די זונות אונ די צדיקים ווילין ניט האבין מען זאל עבירות טאן מיט זייער גוטש אונ אויך איז ביי צדיקים זייער חשוב זייער

גוטש וויל זייא באגערן ניט קיין פרעמדע דרום גיבין זייא אליין אכטונג אויף זייער גוטש ויהי בחצי הלילה אונ עס איז גיוועזן אין מיטין דר נאכט האט זיך בועז דר שראקין אונ האט אן גטאפט דאס איין אשה ליגט ביי אים צו פוסין אונ זאגט צו איר חער בישטו טאכטער האט זיא גיזאגט איך בין רות דיין דינשט מייד אונ דו זאלסט פר שפרייטין דיינע קליידר אויף דיין דינשט מויד דען דו בישט איין אויש לייזער די חכמים זאגין אז בועז האט גיזעהן דאש איין אשה ליגט ביי אים צו פוסין האט ער זיא אן גיטאפט ביי דעם קאפ האט ער זיא גיפרעגט ווער בישטו האט זיא גיזאגט איך בין איין אשה האט ער זיא גיפרעגט האשטו איין מאן זאגט זיא ניין פרעגט ער זיא בישטו ריין זאגט זיא איך בין ריין די חכמים זאגין עש זיינן דריי אין דר וועלט וואש דער יצר הרע האט זייא גיוואלט חאפין איינר איז יוסף דער אנדערר איז פלטיאל דער דריטר איז בועז · די מעשה פון יוסף שטייט אין חומש אונ פון פלטיאל איז אזו די מעשה גיוועזן שאול המלך האט גיהאט איין טאכטר מיכל אונ האט זיא גיגעבין צו דוד פאר איין ווייב אונ דער נאך איז שאול ברוגז גיווארין אויף דוד אונ האט אפ גינומען זיין טאכטער מיכל אונ האט זיא גיגעבין צו פלטיאל אונ ער האט זיא גימוזט נעמן חאטשע דוד האט איר קיין גט ניט גיגעבן ער איז אבער גיוועזן איין גרוישר צדיק אזו האט ער אלע נאכט איין בלויזע שווערד גילייגט אין בעט צווישין זיך אונ צווישין מיכל אונ האט גישווארין ווער עש וועט איינש דאש אנדערע אן רירין דער זאל ווערין גישטאכין מיט דער שווערד · אונ אויך בייא בועז איז גיקומען דר יצר הרע אונ האט אים אן גירעט צו שלעפין אזו האט בועז גישווארין בייא גאט ער וועט זיא ניט אן רירין דער מיט האט ער דעם יצר הרע באצוואונגען דרום זאל זיך איטליכער מענטש פון דאנען אפ לערנן ווען דר יצר הרע רעט אים אן צו איין עבירה זאל ער באלד שווערן ער זאל די עבירה ניט טאן אזו וועט דער יצר הרע אים ניט אן ריידין מער דען דר מענטש ווייש וואול דאש איין שבועה איז זייער הארב אונ אויב ער וועט אויף איר עובר זיין וועט אים גאט שטראפין מיט גרוישע יסורים אונ דרום האט גאט ניט גיזאגט ביי דיא עשרת הדברות דאש ער וועט

שטראפין

שטראפין דעם וואש וועט אויף זייא עובר זיין גאר בייא עבודת כוכבים דינען אונ ביי פאלש שווערין האט גאט באשיידליך אן גישריבן דאש ער וועט שטראפין דעם וואש וועט דרויף עובר זיין דרום זאל מען שווערין צו באצווינגן דעם יצר הרע ויאמר ברוכה את לה׳ בתי האט בועז צוא איר גיזאגט גיבענטשט זאלסטו זיין צו גאט מיין טאכטער דוא האשט פאר בעסערט דיין הינטערשטין חסד מער וויא דעם ערשטין ניט נאך צו גיין נאך די יונגען ארום אדער רייך אונ איצונד פארכט דיך ניט מיין טאכטער אלץ וואש דוא וועשט זאגין וועל איך דיר טאן דען גאר דאש פאלק פון מיין שטאט ווייסין דאש דוא בישט איין אשת חיל די חכמים זאגין בועז האט דרום גיזאגט צוא רות דיין הינטערשטער חסד וואש דוא בישט נאך גיגאנגען נאך איין אלטין וויא איך דער חסד איז בעסער פון דעם ערשטין וואש דוא האשט דיך מגייר גיוועזן אונ האשט גוטש גיטאן מיט דיין שוויגער אונ מיט די מתים צו געבין זיי תכריכים. פון דעם פסוק קען מען אפ לערנען ווען דר עני איז זיך מבזה אונ קומט צום עושר געלט לייען זאל ער אים באלד לייען אונ אויב ער קאן אים ניט לייען זאל ער מיט אים גוטע רייד ריידין ועתה כי אמנם כי גואל אנכי אונ איצונד חאטשע איך בין איין אויש לייזער עש איז אבער דא איינער וואש איז נאהינטער פון מיר צוא אויש לייזין דיך דרום נעכטיג איבר די נאכט אונ מארגין וועט ער דיך אויש לייזין איז גוט אונ אויב ניט וועל איך דיך אויש לייזין אזו וויא גאט לעבט ליג ביז אין דער פריא די חכמים זאגין יענער קרוב האט גיהייסין טוב דאש זאגט דר פסוק אם יגאלך טוב וועט דיך טוב אויש לייזין איז גוט דען בועז איז גוועזן דער זון פון שלמון אלימלכם ברודר. אונ טוב איז גוועזן דר ברודער פון אלימלך אזוא איז ער גוועזן צוא מחלון איין פעטער דרום איז ער בילכר גיוועזן צו אויש לייזין צו רות ויאמר הבי המטפחת אונ בועז האט גזאגט ברייט אן דעם לייליך וואש אויף דיר איז אונ נעם אן אין אים אונ זיא האט אן גינומען אין אים אונ ער האט איר אפ גימאסטין זעקס מאס גערשטין אונ האט דאש גיטאן אויף איר. אונ זיא איז גיקומען אין שטאט איז קשה וויא קאן איין אשה דער טראגין זעקס מאס גערשטין אטייל חכמים זאגין גאט האט איר גיטאן איין נס דאש זיא האט גיקענט דר טראגין אונ דרום האט ער איר זעקס מאס גיגעבין ער האט איר גיוויזין דאש זעקס צדיקים וועלין פון איר ארויש קומן דוד. דניאל. חנניה. מישאל. ועזריה. אונ משיח. אונ איטליכער פון זיי איז וואָרין גיבענטשט מיט זעקס ברכות רוח חכמה ובינה רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה׳. אונ דרום שטייט ויבא העיר ער איז גיקומען אין שטאט אונ עש וואלט גידארפט שטיין ותבא זיא איז גיקומן נאר דאש ווייזט דאש בועז איז גיגאנגן מיט איר צו באלייטין זיא עש זאל זיא קיינער אויף דעם וועג ניט אן רירין ותבא אל חמותה אונ זיא איז גיקומען צו איר שוויגער האט איר שוויגר זיא גיפרעגט ווער בישטו האט רות איר גיזאגט אלץ וואש בועז האט איר גטאן אונ זיא זאגט די זעקס מאס גערשטין האט ער מיר גיגעבין דען ער האט גזאגט דו זאלשט ניט קומן ליידיג צוא דיין שוויגער אונ דרום האט זיא נעמי גיפרעגט ווער בישטו האט זיא דען ניט דער קענט זיא נאר זיא האט גימיינט וואש בישטו צו בישטו נאך איין אלמנה אדר דיא האסט די נאכט אמאן גינומן ובועז עלה השער אונ בועז איז אויף גיגאנגן אין טויער וואו דאש בית דין זיצט אונ האט זיך דארטין גיזעצט איז פיר גיגאנגען דר אויש לייזער וואש בועז האט גיזאגט האט בועז צוא אים גיזאגט קער אפ אהער דו פלוני אלמוני אונ זעץ דיך. די חכמים זאגן וויא קומט עש דאש דר גואל האט זיך אזו באלד גטראפן איז ער דען הינטר דר טיר גיזעסין נאר ווען אפילו ער זאל גיוועזן זיין אין עק וועלט וואלט אים אויך גאט גבראכט כדי דר צדיק בועז זאל זיך ניט מצער זיין דאש ער קען דיא זאך ניט אויש פירין אונ דרום האט ער אים גירופן פלוני אלמוני ווייל אלמוני איז טייטש איין שטומר אין דער תורה דען ער האט גיזאגט מחלון וכליון זיינען דרום גישטארבן ווייל זיי האבין גינומען ווייבר פון מואב דרום חס ושלום איך זאל דאש טאן צו נעמען רות אונ זאל מאכין איין פסול צווישין מיינע קינדר אבר ער איז שטום גוועזן אין דר זאך אונ האט ניט גהערט די הלכה אין בית המדרש דאש איין זכר פון מואב טאר ניט קומן צווישין ישראל אבר איין נקבה פון מואב מעג קומן ויאמר לגואל חלקת השדה אשר לאחינו לאלימלך אונ בועז האט גיזאגט צו דעם גואל דאש טייל

פעלד

פעלד וואש צו אונזר ברודר צו אלימלך האט פאר קויפט נעמי וואש האט זיך ווידר גיקערט פון דעם פעלד פון מואב אזו האב איך מיר גיטראכט איך וועל אנפלעקין דיינע אויערין צו זאגין קויף דאש אנטקעגין דיא וואש זיצין דא אונ אנטקעגין די עלצטע פון דעם פאלק אויב דו ווילשט עש אויש לייזין אזו לייז עש אויש אונ אויב ניט זאג מיר וועל איך עש אויש לייזין דען נאך דיר בין איך ראוי צו אויש לייזין אונ דרום האט ער גזאגט ואנכי אחריך · ויאמר אנכי אגאל מיט דעם ווארט ואדעה האט ער גימיינט איך וועל זיא צו איין ווייב נעמען ניט אזו וויא דו מיינשט צו נעמען זיא אין הויז פר איין קעבין דען ואדעה איז טייטש באשלאפין אזו וויא עש שטייט וידע אדם את חוה אשתו · ויאמר בועז האט גיזאגט אין טאג פון דיין קויפין דאש פעלד פון דר האנט פון נעמי אונ פון רות דיא מואביה דאש ווייב פון דעם טויטין זאלשטו אויך קויפין צוא אויף שטעלין דעם נאמען פון דעם טויטין אויף זיין נחלה · האט דער קרוב טוב גיזאגט איך קאן ניט אויש לייזין דען איך האב פיל קינדר אונ האב פון פריער איין ווייב אונ אויך איך זאל ניט פאר דארבין מיין נחלה לייז דיר אויש מיין אויש לייזונג דען איך קאן זיא ניט אויש לייזין ווארום זיא איז איין מואביה איך וועל דורך איר פאר דארבין מיין משפחה דיא חכמים זאגין פריער האט דר גואל גמיינט דאש בועז זאגט אים ער זאל דאש פעלד קויפין אונ זאל רות ביי זיך האלטין צו געבין איר עסן אונ טרינקען אבר ניט פאר קיין ווייב אבר אז בועז האט אים גיזאגט דו מוזט זיא פאר איין ווייב נעמען האט ער גיזאגט דאש קאן איך ניט טאן פון מיינע קינדערש וועגין אונ פון מיין משפחה וועגין אונ דרום שטייט אין פסוק קניתי מיט איין איבעריגע יו"ד נאך דר תי"ו צו ווייזן דאש בועז האט גיזאגט צו דעם גואל ווען דו ווילשט זיא ניט נעמען ווייל זיא איז איין מואביה אזוא וועל איך זיא נעמען דאש ווייזט די יו"ד כלומר איך האב איין מיין דעה זיא צו קויפן וזאת לפנים בישראל אונ דאש איז פאר צייטין דער מנהג גיוועזן צווישן ישראל אויף איין פאר קויפונג אונ אויף איין פאר ביטונג צו מקיים זיין אלע זאכן האט איין מענטש אויש גיטאן זיין שוך אונ האט אים גיגעבין צוא זיינן חבר אונ דאש איז גיוועזן דאש עדות צווישן ישראל דאש דר מקח זאל בלייבין אזו וויא מיר טוען היינט דאש מען איז מקבל קנין מיט איין מאנטיל · ויאמר הגואל האט דר אויש לייזער גזאגט צו בועז קויף דיר דש האט בועז אפ גיצויגין זיין שוך אונ האט גיקויפט דאש פעלד פון נעמי אונ קויפט רות צו אווייב ויאמר בועז אונ בועז האט גיזאגט צו די עלצטע אונ צו גאר דעם פאלק זייט עדות דאש איך האב גיקויפט אלץ וואש צו אלימלך אונ וואש צו מחלון אונ כליון פון דר האנט פון נעמי אונ אויך רות המואביה דאש ווייב פון מחלון האב איך גיקויפט צוא מיר צו איין ווייב צוא אויף שטעלין דעם נאמען פון דעם טויטין אויף זיין נחלה אונ עש זאל ניט ווערן פאר שניטין דער נאמען פון דעם טויטין פון צווישן זיינע ברידר אונ איר סנהדרין זאלט זיין עדות דריגן אונ דרום וועט ניט פאר געסין ווערן דר נאמן פון מחלון פון זיין נחלה ווייל מען וועט זעהען רות ארין גיין אונ ארויש גיין אין דעם פעלד פון איר מאן מחלון וועלין לייט זאגין דאש איז דאש פעלד פון איר מאן מחלון אזוא וועט זיין נאמען ניט פאר געסין ווערין ויאמרו כל העם האבן גיזאגט גאר דאש פאלק וואש זיצין אין טויער אונ אלע עלצטע גאט זאל געבין די אשה וואש קומט אין דיין הויז זאל זיין אזו וויא רחל אונ לאה וואש האבן ביידע גיבויט דאש הויז גזינד פון ישראל מיט צוועלף שבטים אונ זאלסט טאן גוטש אין אפרת אונ עש זאל ווערן גרויש דיין נאמן אין בית לחם די חכמים זאגן דאטשע די לייט זיינע גיוועזן פון שבט יהודה וואש ער איז גיוועזן דר זון פון לאה האבן זיי דאך פריער דר מאנט רחל פאר לאה אונ האבן מודה גוועזן דאש זיא איז גוועזן דר עיקר ביי יעקב דען גאר זיין דינען וואש ער האט גידינט ביא לבן איז גיוועזן פון וועגין רחל · דיא חכמים זאגין דיא ישראל וועלן אויש גילייזט ווערין נאר אין דעם זכות פון די פרומע ווייבר וואש וועלן זיין אין דעם דור אזוא וויא אין פסוק שטייט זכר חסדו ואמונתו לבית ישראל ער גדיינקט זיין חסד אונ זיין אמת צום הויז פון ישראל דאש מיינט מען די ווייבער זיי הייסין הויז ווייל איין אשה איז דער עיקר פון דעם הויז · אזו וויא מיר גיפינען איין מעשה מיט איין חסיד וואש ער איז זייער ארים גיוועזן · אונ האט גיהאט איין ווייב איין צנועה

און איין כשרה · און ער האט זיך פאר דונגען בייא איינעם צוא אקערין אין פעלד · האט זיך אליהו פאר שטעלט און איז צו אים גיקומן און זאגט צו אים דו האסט זיבין גוטע יאר ווילסטו זיי האבין איצונד אדר אין סוף דיינע טעג האט דר חסיד צו אים גיזאגט גייא אוועק דו מכשף דו האסט אליין ניט און וואש ווילסטו מיר געבן און ער איז צו אים דריי מאל גיגאנגן צום דריטן מאל האט ער אים גיזאגט איך וועל גיין פרעגן מיין ווייב · איז ער גיגאנגן צו זיין ווייב און האט איר דר ציילט די זאך · האט דאש ווייב צו אים גיזאגט גייא אהין און זאג אים די זיבן יאר זאלין זיך באלד אן הויבין איז ער ווידער גיקומן אויף דעם פעלד און זאגט צו אליהו די זיבין יאר זאלין זיך באלד אן הויבן זאגט אליהו צו אים גייא אהיים אידער דוא וועסט אהיים קומען וועסטו רייך ווערין אזוא באלד האבין זיינע קינדער גיזוכט אין אש און האבין פיל גאלד גיפונען און האבין דאש געלט גיבראכט צו דער מוטער און דיא מוטער איז גילאפין אנטקעגין דעם חסיד און זאגט גאט האט אונז דער פרייט פון אונזערע צרות · און זיא האט גילויבט גאט און האט גרויש צדקה און חסד גיטאן די גאנצע זיבין יאר · נאך די זיבין יאר איז גיקומען ווידער אליהו און זאגט צוא דעם חסיד דוא זאלשט וויסין דאש דיא זיבין יאר זיינען שוין אויש גיגאנגען אזוא מוסטו דאש געלט ווידער אפ געבין האט דער חסיד אים גיענטפערט אזו וואול אז דוא האשט מיר דאס געלט גיגעבן האב איך מיין ווייב גפרעגט אזו וועל איך זיא איצונד אויך פרעגין אויב זיא וועט מיר הייסין אפ געבין און איז גיגאנגן צו זיין ווייב און דער ציילט איר די זאך דאס דער אלטער איז ווידר גיקומן דאש געלט אפ נעמן · האט דאס ווייב צו אים גיזאגט גייא און זאג אים אויב ער קען גיפינען בעסרע לייט פון אונז דאש זיי זאלין דאס געלט האלטין אזו וועל איך דאס אפ געבין האט גאט גיזעהן אירע גרעכטע רייד און די צדקה און גמילות חסדים וואש זיא האט גיטאן און האט זיי נאך מער געלט גיגעבן און זיי זיינען אלע טאג רייכער גיווארן דען ווען די ווייבר זיינען פרום איז זייער גלייכין ניט דא און אז זיי זיינען בייז איז אויך זייער גלייכן ניט דא · אזו וויא די סנהדרין האבן גזאגט צו שלמה המלך ווארום האשטו גיזאגט דאש מען גפינט ניט קיין פרומע אשה אין דער וועלט און מיר גיפינען פיל פרומע ווייבער און צדיקות האט שלמה צו זיי גיזאגט איך וועל אייך דאש ווייזין גייט זוכט ערגעץ איין חסיד וואס האט איין שיין ווייב און איז פרום און איין חסידה האבין די סנהדרין גזאגט עש איז דא איין חסיד וואס האט זייער איין פרום ווייב וואש איר גלייכן איז ניט דא אין שוינקייט אויב דו ווילסט וועלין מיר זיא רופין אהער האט שלמה גזאגט רופט אים אהער זיינן זיי גיגאנגן און האבן איר גירופין צו שלמה איז שלמה מיט אים גינאנגן אין איין פר שלאסן חדר · און זאגט צו אים מיינע קנעכט האבין מיר גיזאגט דאש דו בישט איין גרוישער חכם און איין גרוישר צדיק איך וויל דיר מיין טאכטר צו איין ווייב געבין און איך וועל דיך חשוב מאכין איבער אלע שרים זאגט דר חסיד וואס בין איך חשוב אדר וואש איז מיין משפחה דאס איך זאל נעמן די טאכטר פון איין מלך צו איין ווייב ענטפערט דער מלך דאש איז דיין חכמה דאש דו האלסט דיך נידעריג דרום איז ראוי צו דיר מיין טאכטער נאר גייא דו היינטיגע נאכט און בריינג מיר דעם קאפ פון דיין ווייב זאגט דער חסיד עש איז גוט און איז גיגאנגן אהיים און טראכט דעם גאנצין וועג וויא אזו ער זאל זיין ווייב הרגנן און טראכט ווידר זיא איז זייער שיין און פרום און קלוג און איך האב פון איר קינדר דרום וועל איך זיא ניט הרגנן און וויא ער איז גיקומען אהיים האט דאש ווייב אים גיפרעגט ווארום ביסטו אזו טרויעריג זאגט דר חסיד מיין הארץ טוט מיר וויא אזו ברייט זיא אים אן עסין און טרינקן אבר ער קען ניט עסין און דאס ווייב עסט און גייט שלאפין מיט אירע קליינע קינדר און איז אנשלאפן גיווארן און דר חסיד טרויערט און האט מחשבות גוטע און בייזע און זאגט וויא זאל איך זינדיגין צו גאט צו דער הרגענן אום זיסט איין קלוגין און איין פרומען מענטשן און וואש טויג מיר די מתנות פון דעם מלך וואש ער וויל מיר געבין און איין רגע דר נאך דער מאנט ער זיך אין דעם גרויסן כבוד פון דעם מלך און שטייט אויף און ציהט גיך אויש זיין שווערד און קומט צו דער בעט צו אפ האקין דעם קאפ פון זיין ווייב און דעקט זיא אויף און זעהט זיא שלאפין און איין קליין

קינד

קינד ליגט צווישן אירע בריסט אונ דאס אנדרע אויף איר האנט איז ער אוועק גיגאנגן הינטער זיך דאש דריטע מאל טראכט ער ווידער דאס ער וועט מער כבוד האבין פון אלע שרים אונ קומט ווידער צו איר בעט מיט איין בלויזע שווערד אונ האט זיא גיזעהען ליגין אונ אירע האר הייגגן ביז דער ערד דען די הויב איז פון איר קאפ אראפ גיפאלן האט ער זיך דר בארימט איבער איר אונ האט גיזאגט אפילו דער מלך זאל מיר געבין גאר זיין געלט וועל איך דאש אויך ניט טאן אונ האט זיך גילייגט שלאפין · אין דער פריא שיקט דער מלך אים רופין אונ פרעגט אים וואו איז דיא קאפ זאגט ער איך קאן דאש ניט טאן זאגט דער מלך צו אים גייא אוועק דו בישט ניט ווערט קיין כבוד דר נאך שיקט דר מלך נאך דעם חסידיש ווייב אונ זאגט צו איר מען האט מיר גזאגט דיין שיינקייט אונ דיין חכמה וואלט איך דיך גינומן פר איין קעפס ווייב נאר דו בישט צו מיר אסור וויל דו האסט איין מאן דרום דער שלאג דיין מאן וועל איך דיך מעגין נעמן האט זיא גיזאגט עס איז זייער גוט · מארגין וועל איך דיר זיין קאפ ברייגגן אונ דר מלך האט גוואוסט דאס זיא וועט דאש בוודאי טאן האט דר מלך צו איר גיזאגט איך וועל דיר איין שארפע שווערד געבן דו וועסט קענען אין איין מאל זיין קאפ אפ האקין אונ דר מלך האט גיבאטין מען זאל איר מאכין איין שווערד פון צין אונ בליי דאש זיא זאל גלינצרין אונ לייכטין אונ מען האט זיא באלד גימאכט אונ דער מלך האט זיא צו איר גיגעבין אונ זיא האט דר פון ניט גוואוסט וואש פר איין שווערד דאש איז אונ זיא קומט אהיים אויף דר נאכט אונ דער נאך איז גיקומן איר מאן אזו לויפט זיא אים אנטקעגין אונ האלזט אים אונ קושט אים אונ גיט אים גוטע עסין אונ זייא עסין אונ טרינקן אונ זאגט צום מאן מיר וועלן היינט מיט אנגדר פריילך זיין אונ מיר וועלין טרינקן וויין אונ דר חסיד האט זיך גילאזט איבר ריידן אונ האט אזו לאנג גיטרונקן ביז ער איז אנשלאפין גיווארין איז דאש ווייב אויף גישטאנן אונ ציט אויש די שווערד אונ גיט אים איין האק אויף זיין האלז זיא האט גימיינט זיא וועט אים גיוויס דעם קאפ אפ האקין מיט דער שווערד דען זיא איז גיוויס גוט אונ דר מאן חאפט זיך אויף אונ

טוט איין גישריי פון וועגין דעם קלאפ וואס זיא האט אים גיטאן אויף זיין האלז אונ האט זיא דער זעהן שטיין מיט איין בלויזע שווערד אונ זאגט צו איר וואש האסטו גיוואלט טאן מיט דער שווערד אזו איז זיא גיפאלן צו דער ערד אונ האט גוויינט אונ זאגט דר מלך האט גיהייסן איך זאל דיר דעם קאפ אפ שניידין האט מען זיי ביידע גיפירט צו דעם מלך · אונ אלע סנהדרין זעהען אונ דער מלך זעהט אויך דאס זיי קומן האבין זיי מיט אנאנדר גילאכט אונ דער מלך זאגט דער ציילט וויא אזו עש איז גיוועזן דיא גאנצע מעשה · אונ זיי האבין אים די גאנצע מעשה דער ציילט וויא אזו עש איז צו גגאנגען האט דער מלך גזאגט איך האב דאש גוואוסט דאש דו וועשט דיין מאן דעם קאפ אפ האקין דרום האב איך דיר איין שווערד פון צין גיגעבן כדי דו זאלסט אים ניט אפ האקין דעם קאפ · אזו באלד האבין די סנהדרין מודה גיוועזן דאס עש איז ניט צו גיפינען קיין פרומע אשה זיי זיינען תמיד צארענדיג אונ דער צערענן זייערע מאנען אונ ווען אפילו דער מאן איז זייער פרום אונ חשוב דאך האלטין זיך די ווייבר העכר פון אים אזו וויא מיר גיפינען איין מעשה ביי רבי יוסי הגלילי דאש ער האט גיהאט זייער איין בייז ווייב · אונ זיא איז גוועזן זיין שוועסטרס טאכטער האבין זיינע תלמידים צו אים גיזאגט רבי גיט איר גט האט רבי יוסי גיזאגט זיא האט איין גרוישע כתובה איך פר מאג איר זיא ניט צו געבין אמאל זייגען ביא אנאנדער גיזעסין זייער חשובי רבנים אונ רבי אליעזר אויך ביי זיי אונ האבין גילערינט אין בית המדרש אונ אז זיי האבין אפ גילערינט זאגט רבי יוסי צו זיי קומט מיט מיר עסין: אונ זיי זיינן מיט אנאנדר גיגאנגן אונ אז זיי זיינן גיקומן אין הויז ארין איז דאש ווייב ברוגז גיווארין אונ האט גיוויזן איין צארנדיג פנים אונ האט אלץ אראפ גקוקט אונ איז ארויס גגאנגן פון דעם הויז פרעגט רבי יוסי צו זיין ווייב איז דא וואס צו עסן זאגט זיא עס איז דא קרויט צו עסין איז רבי יוסי גיגאנגן אונ האט גיזעהן איין טאפ מיט קאפ הינער · אונ רבי אליעזר האט דאש אלץ גיהערט אונ האט פר שטאנען דאש זיי האבן זיך פיינט מיט אנגדר · אונ האט גישוויגין · אונ זייא האבין אפ גיגעסין · זאגט רבי יוסי צו זיין ווייב דוא האשט גיזאגט עש

איז דא קרויט צוא עסין אונ איצונד עסין מיר גישטאפטע קאפ היינר ענטפרט דאס ווייב עס איז איין נס גישעהן דאש עש איז גיוואורן פון דר קרויט קאפ היינר זאגט רבי אליעזר צו רבי יוסי גיט אייער ווייב גט איך וועל אייך איין בעסערע ווייב געבין ענפערט רבי יוסי איך האב איר די כתובה ניט צו געבין האבין דיא תלמידים אלע מיט אנאנדר צו אים גיזאגט עש איז ניט לפי כבודכם דאש זיא האלט אייך ניט ערליך עש איז אונז איין חרפה מיר וועלין אייך געלט געבין אויף דער כתובה אונ גיט איר גט אונ רבי יוסי האט זיי גיפאלגט אונ האט זיין ווייב גט גיגעבין אונ אויך די כתובה אונ האט איין פרום ווייב גינומן אזו וויא ער איז ווערט גיוועזן אונ זיא פון וועגין אירע זינד האט גאט איר צוא גישיקט דאש זיא האט גינומען איין טויער היטער פון דער שטאט אונ דר טויער היטר איז באלד בלינד גיווארן אונ האט גיהאט דעם גרוישין דלות אונ זיא האט אים גימוזט פירין פון הויז צו הויז בעטן ברויט אונ פון איין גאס צו דער אנדערער אונ וויא זיי זיינן גיקומן אין דער גאס וואו רבי יוסי זיצט האט זיא זיך אום גיקערט אונ האט דעם בלינדין ניט אריין גיפירט אין דר גאס דער בלינדר האט אבער דר קענט די גאסין אין די טריט דען ער איז זייער בקי גיוועזן אין אלע גאסין פון דער שטאט אונ פרעגט זיין ווייב ווארום פירשטו מיר ניט אין דר גאס פון רבי יוסי איך ווייס דאש ער גיט פיל צדקה האט זיא גיענטפרט איך שעם מיך צו גיין וויל איך בין זיין ווייב גיוועזן אונ ער האט מיר גט גיגעבין אמאל זיינן זיי גיקומן אין דר גאס פון רבי יוסי צו בעטין אויף די טירין האט דאש ווייב אים פיר גיפירט פר דר טיר פון רבי יוסי · אזו האבין זיי זיך מיט אנאנדר גיקריגט אונ גישלאגין · אונ רבי יוסי האט דער הערט דאש גרוישע גישרייא אונ דאס שלאגין · האט רבי יוסי גיפרעגט ווארום שלאגסטו דיין ווייב ענטפערט דער בלינדר זיא טוט מיר אלע טאג שאדין דאש ברויט פון דער גאס · זיא וויל מיך ניט אריין פירין אין דער גאס · האט רבי יוסי זייא גיגעבין איין באזונדער הויז אונ האט זייא גישפייזט פון זיין געלט לאנג זיי האבן גילעבט צו מקיים זיין דאש אין פסוק שטייט ומבשרך לא תתעלם פון דייני קרוב זאלשטו דיך ניט פר הוילין

פון צו טאן אים גוטש ווארום זיא איז דאך גוועזן זיין שוועסטערס טאכטער נון זעהט וואש עש איז איר אויש גיגאנגן וואש זיא האט איר פרומן מאן ניט גיוואלט ערליך האלטין אזו זאל אויש גיין צו איטליכר אשה וואש האלט ניט ערליך איר פרומען מאן · אבער ווען איין אשה איז פרום איז זיא גיגליכן צו דער תורה דען איין גוט ווייב מאכט פרום איר מאן אזו וויא מיר גיפינן איין מעשה דאש איין חסיד האט גיהאט זייער איין פרום ווייב אונ האבין מיט אנאנדער קיין קינדער ניט גיהאט אונ האבין זיך דורך דעם גיגט האט דר חסיד גינומן איין שלעכט ווייב האט זיא אים צו איין רשע גימאכט אונ דאש ווייב האט גינומען איין רשע אונ האט אים פאר איין גרוישין חסיד גימאכט אזו זעהט מען באשיידליך דאש עש ווענט זיך פיל אין די פרומע ווייבער · דאש זאגט דר פסוק יתן יי את האשה כרחל וכלאה אשר בנו שתיהן את בית ישראל היינגט דר פסוק אן דאש הויז גיזינד פון ישראל אין דיא ווייבר רחל אונ לאה ויהי ביתך כבית פרץ אונ דיין הויז גיזינד זאל זיין אזו וויא דאש הויז גיזינד פון פרץ וואש תמר האט גיוואונען צוא יהודה אזו זאל דיר גאט געבן פון דיא קינדער פון דער אשה אונ בועז האט גינומן רות אונ זיא איז אים גיוועזן צוא איין ווייב אונ ער איז גיקומען צו איר אונ גאט האט איר גיגעבן דאש זיא איז טראגין גיווארין אונ האט גיוואונן איין זון די חכמים זאגין אלע פסוקים וואש זיינן אין ספר רות הייבן זיך אן מיט ווין נאר אכט פסוקים הייבן זיך ניט אן מיט קיין ווין דאש ווייזט אונז דאש רות איז איין היידענע גיוועזן אונ האט זיך באהעפט צוא ישראל וואש זיינען זיך מל צוא אכט טאג אונ די ווין ווייזין ווי דאש מיינט מען ווי דעם דור וואש מען משפט דיא שופטים די חכמים זאגין רות איז ווארין טראגין פון דער ערשטער נאכט אונ בועז איז באלד גישטארבן די נאכט אויך ווייזט דר פסוק דאש איין אשה גיווינט אין צוויי הונדערט אונ איין אונ זיבעציג טאג אזו פיל וויא דאש ווארט הריון באטרעפט ותאמרנה הנשים אונ דיא ווייבער האבין גיזאגט צו נעמי גילויבט איז גאט דאש ער האט דיר ניט פר שטערט קיין אויש לייזער דעם היינטיגן טאג אונ עש וועט ווערין גירופין זיין נאמען צווישין ישראל אונ ער וועט דיר זיין איין דר

גייקונג צוא דיין ליב אונ צוא שפייזין דיין גרייזקייט דען דיין שנור וואש האט דיך ליב האט אים גיוואונען וואש זיא איז דיר בעסער פון זיבין זין די חכמים זאגין די ווייבער האבין גיזאגט זיינע קינדער זאלין זיין גיבענטשט אונ זאלין גיוועלטיגין אזו וויא דער טאג איז לויטר אונ גוועלטיגט דש זאגט דר פסוק אשר לא השבית לך גואל היום גילויבט איז גאט וואש האט דיר ניט פר שטערט איין דר לייזער וואש וועט זיין אזו וויא דר טאג אזו וויא דר טאג איז לויטר אונ גיוועלטיגט אזו זאלין זיינע קינדר אויך זיין לויטר אונ זאלין גיוועלטיגין ותקח נעמי את הילד אונ נעמי האט גינומן דאש קינד אונ האט אים גיטאן אין איר שוים אונ זיא איז אים גיוועזן צו איין דר ציהערין אונ די שכנים האבין צו אים גירופין איין נאמן צו זאגין עש איז וואורן גיבארן איין זון צו נעמי אונ זיא רופט זיין נאמען עובד ער איז גיוועזן דער פאטר פון ישי וואש ער איז גיוועזן דער פאטר פון דוד ואלה תולדות פרץ דיא חכמים זאגין דרום איז דער פסוק אים מייחס פון פרץ וייל די לייט האבין אים מייחס גיוועזן נאך רות המואביה דרום איז אים דער פסוק מייחס נאך פרץ וואש ער קומט ארויש פון יהודה אונ די לייט האבין זיך מיט דוד גיקריגט אונ האבין גיזאגט דוא קומשט ארויש פון רות המואביה האט דוד גיענטפערט איר קומט אלע ארויש פון יעקב וואש ער האט צוויי שוועסטר גינומן אונ אויך יהודה האט גינומען זיין שנור

תמר זייט איר דאך אויך פון איין משפחה וואס איז פסול די חכמים זאגין בועז איז איין גרוישר צדיק גיוועזן ער האט מיט זיין תפלה דעם הונגר מבטל גיוועזן אונ האט גיוואונן איין זון וואס ער הייסט עובד אונ דר עובד הט גוואונן ישי ער איז אויך גיוועזן איין גרוישר צדיק אונ איז ניט גישטארבן פון וועגן זיינע עבירות דען ער האט קיין עבירות ניט גיטאן נאר ער איז גישטארבן פון וועגין דר גזירה פון דעם שלאנג וואש דורך דעם איז וואורין גיבראכט דר טויט אויף דער וועלט דיא חכמים זאגן דאש ווארט תולדות שטייט ניט גישריבין מיט צווייא ווין נאר אז גאט האט דיא וועלט באשאפין שטייט אלה תולדות השמים והארץ מיט צווייא ווין אונ דא בייא פרץ שטייט אויך ואלה תולדות פרץ מיט צוויי ווין דאש וויזט דאש אין דעם זעקסטין טאג פון דעם באשאפין פון דער וועלט האט אדם הראשון גיזינדיגט אונ עש איז ביי אים צו גינומן גיווארין זעקס זאכין זיין לעבין איז קורץ גיווארין זיין ליכט איז פר לאשין גיווארין זיין הויך איז איין גיבויגין גיווארין די ערד איז ווארן גימינערט אונ דר טויט איז נגזר גיווארן אונ ער זאל מוזין אין פעלד ארבעטן צו עסן ברויט · אונ די זעקס זאכין וועלין זיך ווידר אום קערין אזו וויא פריער אין דיא טעג פון משיח וואש ער וועט ארויש קומען פון פרץ דאש ווייזין דיא איבעריגע ווין :

סליק מגילת רות

# מגילת איכה

איכה ישבה בדד העיר וויא אזו איז גיבליבן זיצין די שטאט ירושלים אליין אן פאלק וואש אין איר איז גיוועזן פיל פאלק זיא איז גיווארין גלייך וויא איין אלמנה חיה וואש איר מאן איז וויט אוועק גיגאנגן איבר דעם ים אבר זיין דיעה איז זיך אום צו קערין צו איר דרום זאגט דר פסוק היתה כאלמנה זיא איז גיוועזן גלייך וויא איין אלמנה אבר ניט קיין רעכטע אלמנה דען גאט וועט זיך אום קערין קיין ירושלים מיט דיא ישראל בבתי בגוים זיא איז גוועזן איין מיניסטערין צווישין די פעלקער אונ איין הארינטע איבער די מדינות אונ איצונד מוז זיא מס געבין צו

די פעלקער בכו תבכה בלילה זיא טוט וויינן ביי נאכט וייל דאש בית המקדש איז בייא נאכט חרוב גיווארן נאך איין פשט איז וייל די ישראל האבין ביי נאכט גיוויינט בייא די מרגלים אין ניין טאג אין אב דרום מוזין די ישראל אלע יאר וויינן ניין טאג אין אב אויף חורבן בית המקדש נאך איין פשט איז וועז מען וויינט בייא נאכט הערט מען דאש קול זייער וויט אונ די וואש הערין עש וויינען אויך מיט אים · נאך איין פשט איז וייל ער האט גיגליכין די שטאט צו איין אלמנה וואש זיא וויינט ביי נאכט דען ביי טאג קאן זיא אירע צרות פאר געסין ווען זיא

טוט

טוט ריידין מיט אירע חברותות אבר ביי נאכט
האט זיא ניט קיין חברותות מיט זיך טוט זיא זיך
דר מאנען אין איר מאן אונ וויינט דרום זאגט
ער די שטאט ירושלים טוט וויינען ביי נאכט
אזו וויא איין אלמנה ודמעתה על לחיה אונ אירע
טרערין זיינען אויף אירע באקין פון וועגין פיל
גיוויין אונ עש איז קיין טרייסטער ניט צו איר
פון אלע אירע ליב האבער אלע אירע גיזעלין
האבן גיפעלשט אין איר אונ זיינען גיווארן איר
צו פיינט גלתה יהודה מעוני די ישראל זיינן ווארן
פאר טריבין פון וועגין פיין אונ פון וועגין דיא
שווערע ארבעט וואש די עובדי כוכבים האבן
מיט זיי גיארבעט זיי זיינן גיזעסין צווישין דיא
פעלקער אונ האבין ניט גיפונען קיין רוא אלע
זייערע נאך יאגער האבין זיי גיגרייכט צווישן
די גימארקין כלומר אין איין טאל צווישין בערג
דאש מען קאן ניט אנטלויפין נאך איין פשט
איז דאש מיינט מען פון שבעה עשר בתמוז
ביז תשעה באב דרכי ציון אבלות דיא וועגין פון
ציון זיינען פאר וואקסין מיט גראז וויל מען
קומט אהין ניט אום יום טוב דען מען פלעגט
עולה רגל זיין דריי מאל אין יאר פסח אונ שבועות
אונ סוכות אלע אירע טויערין זיינן פאר וויסט
אירע כהנים זיפצין וויל זייא האבין ניט קיין
עבודה פון קרבנות אירע בתולות טוען טרויערן
וואש זייא פלעגין טאנצין אום תשעה באב אונ
אום יום כפור אונ עש איז זייער ביטר היו צריה
לראש אירע באלייידיגר זיינן גיווארין צו עלצטע
כלומר דיא וואש האבין ישראל שלעכץ גיטאן
זיינען גיווארין הארין אונ אירע פיינט זייגען
גיזעסין מיט שלום דען גאט האט דיא ישראל
גימאכט טרויערין פון וועגן זייערע פיל עבירות
אירע קינדר זיינען גיגאנגען אין גיפיינקענעש
פאר דעם באלייידיגער ויצא מן בת ציון כל הדרה
אונ עש איז ארויש גיגאנגן פון דר שטאט ציון
גאר איר שיינקייט אירע הארין זיינען גיווארין
וויא די אינדין וואש גיפינען ניט קיין פאשע
אונ זיינען גיגאנגען אן כח פאר דעם נאך יאגר
זכרה ירושלים זיא טוט גדיינקן די שטאט ירושלים
אין די טעג פון איר פיין טוט זיא דר מאנן אלע
אירע גילושטיקייט וואש זיא האט אין דיא
ערשטע טעג גיהאט אונ איר פאלק טוט פאלן
אין די הענט פון דעם באלייידיגער אונ עש איז
קיין העלפער ניט דא צו איר זיי האבין גיזעהן

זיא אירע באלייידיגר אונ האבן זיך גיפרייט אויף
איר פאר שטערונג וואש איר שמחה איז פאר
שטערט גיווארין נאך איין פשט איז זיי האבין
גישפעט אויף אירע רואונג כלומר אויף אירע
שמיטות דען די ישראל האבן אין גלות גיהאלטין
שמיטה האבן די עובדי כוכבים פון זיי גשפעט
אונ האבין גיזאגט אין ארץ ישראל האט איר
ניט גיוואלט קיין שמיטה האלטין אונ אין גלות
האלט איר יוא שמיטה חטא חטאת ירושלים אזינד
האט גיזינדיגט דיא שטאט ירושלים דרום איז
זיא גיוועזן צו איין פאר וואגלונג אין גלות אונ
אלע עובדי כוכבים וואש פלעגן ירושלים ערליך
האלטין האבין זיא פאר שעמט וויל זיי האבין
גיזעהן איר שאנד אונ זיא טוט אויך זיפצן אונ
האט זיך אום גיקערט הינטער זיך טומאתה בשוליה
איר דם נדה איז אויף דר זיים פון אירע קלייד
כלומר אירע עבירות זיינן אויפין ווארדר קענט
אונ אז זיי האבין עבירות גיטאן האבין זיי ניט
גיטראכט וואש דר סוף קאן דער פון זיין דרום
האט זיא גיטאן נידערין דאש אלע פר וואונדרן
זיך דרויף דאש עש איז צוא ירושלים מער
גישעהן וויא צו דר גאנצר וועלט אונ עש איז
ניט דא קיין טרייסטער צו איר אונ זיא זאגט
זעה גאט מיין פיין דאש עש האט זיך גיגרוישט
דער פיינט : ידו שלח צר דער באלייידיגער האט
גישטרעקט זיין האנט אויף אלע אירע גלושטונג
דאש מיינט מען עמון ומואב האבן פר ברענט
אירע ספרי תורות מער וויא אלע עובדי כוכבים
דען אנדרע עובדי כוכבים האבין גינומן זילבער
אונ גאלד אונ עמון ומואב האבין גינומען ספרי
תורות וויל אין דער תורה שטייט דאש עמון
ומואב זאלין אייביג ניט ארין קומען צווישין
ישראל צו מגייר זיין זיך אונ מען זאל זיך מיט
זיי ניט מתחתן זיין דרום האבין זייא זיך נוקם
גיוועזן אין די ספרי תורות כל עמה נאנחים מבקשים
לחם גאר איר פאלק טוען זיפצן אונ בגערן ברוט
זיי גיבין אוועק גאר זייער גלושטיקייט פר עסין
שפייז דרום זעה גאט דאש איך בין גיווארן איין
פרעסערן לא אליכם כל עוברי דרך די שטאט ירושלים
זאגט צו די וואש טוען פארין דורך איר ניט צו
אייך זאל גישעהן אזו וויא מיר איז גישעהן
זעהעט וועמען איז אזו גישעהן וויא מיר וואש
גאט האט מיך גימאכט טרויערין אין דעם טאג
פון זיין צארין ממרום שלח אש בעצמותי פון דעם

הימיל

הימיל האט גאט גישיקט איין פייער אין מיינע ביינער אונ האט צו בראכין זיי ער האט פאר שפרייט איין נעץ צו מיינע פיס אונ האט מיך גיגעבין צו איין פאר ווישטונג איין גאנצן טאג איז מיר וויא נשקד עול פשעי עש איז וואריז גיפינטילט אונ גיצייכינט דער יאך פון מיינע עבירות אין זיין האנט זיי זיינען אויף גינאנגען אויף מיין האלז אונ האבין גימאכט שטרויכלען מיין כח ער האט מיך איבער גיענטפערט אין אזעלכע הענט וואש איך קאן ניט אויף שטיין סלה כל אבירי גאט האט צו טראטין אלע מיינע שטארקע צווישין מיר ער האט אויף מיר גרופין איין זאמלונג פון עובדי כוכבים צו צו ברעכין מיינע בחורים גאט האט גילאזט פאר גיסין דאש בלוט פון די בתולות פון שטאט יהודה אזו וויא איין קעלטער וואש טוט פון אים רינן יוין על אלה אני בוכיה דרויף טוא איך וויינען מיינע אויגין טוען רינען וואשער דען עש האט זיך פון מיר דר ווייטערט איין טרייסטר מיינע קינדר זיינען גיווען פאר וויסט דען עש האט זיך גישטארקט דער פיינט פרשה ציון בידיה דיא שטאט ציון טוט ברעכין מיט אירע הענט אונ קיין טרייסטער איז ניט דא צו איר גאט האט גיבאטין אויף יעקב דאש זיינע באלייידיגר זאלן זיין נאהינט צו אים כלומר וואו אהין די ישראל זיינן וואריז פאר טריבין האט גאט אהין גשיקט עמון ומואב צו רייצין זיך מיט ישראל ירושלים איז גיווארין צו איין פאר וואגלונג צווישין זייא צדיק הוא יי אז מען האט גישטאכן מיט פיילין צו יאשיהו מלך יהודה האט ער גיזאגט גאט איז גירעכט דען מיר האבן ניט גיהאלטן זיינע מצות אונ אז ער איז גישטארבן האט ירמיה אויף אים גיקלאגט אונ האט גיזאגט הערט צו איר אלע פעלקר אונ זעהעט מיין ווייטאג מיינע בתולות אונ מיינע בחורים זיינען גיגאנגן אין דר שביה קראתי למאהבי המה רמוני זאגט ירושלים איך האב גירופין צו מיינע ליב האבער וואש זיי האבין מיך ליב דאש זיינען די קינדער פון ישמעאל וואש זיי זיינען צו ישראל אנטקעגין גיגאנגען אז מען האט זיי פאר טריבין אונ זיי האבין מיך גינארט דען זיי האבין צו דיא ישראל גיבראכט גיזאלצין עסין אונ אן גיבלאזינע לאגיל אונ די ישראל האבין גיגעסין דר נאך האבן זיי גיוואלט טרינקען האבין זייא מיט דיא ציין דעם לאגיל

גיעפינט זיי האבין גימיינט עש איז אין אים וויין אזו איז דר אטום אין זיי אריין אונ זיי זיינען דר פון גישטארבן מיינע כהנים אונ מיינע אלטע לייט זיינען וואריז פאר גאנגען אין שטאט דען זיי האבין בגערט ברויט צו עסין צו דר קוויקן זייער לייב ראה יי ועה גאט דאש עש איז מיר איינג עש איז וואריז איין גישרומפין מיינע גידערים עש איז וואריז פאר קערט מיין הארץ אין מיר וויל איך האב ווידער גישפעניגט אין דיר פון אויסין וויינט טוט הרגנן די שווערד פון דעם פיינט אונ אין הויז איז אזו וויא דער טויט שמעו כי נאנחה אני די פעלקר האבין גיהערט דאש איך טוא זיפצין אונ עש איז דאך צו מיר ניט דא קיין טרייסטער אלע מיינע פיינט האבין גהערט מיין בייז אונ האבין זיך גיפרייט דען דוא גאט האשט דאש גטאן דאש זיי זאלן מיך פיינט האבין דען דו האשט אונז פאר באטין מען זאל מיט די ארמים ניט עסין אונ מען זאל זיך מיט די ארמים ניט מתחתן זיין דרום דר בארימן זיי זיך ניט איבר אונז אונ איבר אונזערע קינדער תבא כל רעתם לפניך עש זאל ווערין דר מאנט אלע זייערע עבירות פאר דיר גאט אונ זאלשט צו זיי טאן אזו וויא דו האשט מיר גיטאן איבר מיינע עבירות דען עש איז פיל מיינע זיפצין אונ

מיין הארץ איז וויא :

איכה יעיב באפו וויא האט גאט פאר פינצטערט

מיט זיין צארין די שטאט ציון ער האט די שטאט זייער הייליג אונ גאנץ הויך אונ חשוב גמאכט אונ דר נאך האט ער זיא אראפ גיווארפן גלייך וויא מען ווארפט אראפ פון דעם הימיל צו דר ערד אזו האט ער אראפ גיווארפן דאש שיינקייט פון ישראל אונ האט ניט דר מאנט דאש בייינקיל פון זיינע פיס דאש איז דר ב"ה אין דעם טאג פון זיין צארין בלע אדני ולא חמל גאט האט פאר דארבין אונ האט זיך ניט דער בארימט איבער די הייזער פון יעקב ער האט צו פירט מיט זיין גרים צארין די פעסטע שטעט פון יהודה ער האט זייא גימאכט גרייכין אונ פאלין צו דער ערד אונ ער האט פאר שוועכט אלע אירע מלכים אונ אירע הארין גדע בחרי אף כל קרן ישראל ער האט פר שניטין מיט גרים צארן גאר דאס הערשאפט פון ישראל ער האט אום גקערט אהינטר זיין רעכטע האנט פון צו העלפן ישראל אונ ער האט אן גיצונדין אין יעקב אזו

וויא

וויא איין פלאם פייער אונ עס האט פר ברענט
ארום אים דרך קשתו ער האט גיטראטין זיין
בויגין וויא איין פיינט ער האט גישטעלט זיין
רעכטע האנט וויא איין בלײדיגר אונ ער האט
גיהרגית אלע גלושטיקייט פון דעם אויג אין די
גיצעלטין פון דער שטאט ציון אונ ער האט פר
גאסין אזו וויא פייער זיין צארין היה יי כאויב גאט
איז גיוועזן אזו וויא איין פיינט ער האט פאר
דארבין ישראל ער האט פאר דארבן אלע אירע
פאלאצן ער האט פאר דארבין זיינע פעסטע
שטעט אונ ער האט גימערט אין דער שטאט
פון יהודה איין גרוישע קלאג אונ איין קליינע
קלאג ויחמוס כגן שוכו ער האט פאר שניטין זיין
בײדיל אזו וויא מען שנייט אפ איין גארטין ער
האט פאר דארבין זיין הייליג ארט דאש מיינט
מען דאס בית המקדש · גאט האט גמאכט פאר
געסין אין דער שטאט ציון יום טוב אונ שבת
אונ האט גמאכט דר צערענן אונ האט דר שלאגן
מיט זיין צארן צדקיהו המלך אונ שריה כהן גדול
רש"י שרייבט גאט האט גרויש חסד גיטאן מיט
ישראל וואש ער האט זיין צארין אויש גילאזין
אויף דיא שטיינער אונ העלצער פון דעם בית
המקדש דען ווען ניט וואלט פון ישראל קיין
שריד ופליט ניט איבר גיבליבן · זנח אדני מזבחו
גאט האט פאר לאזט זיין מזבח ער האט פאר
שטערט זיין בית המקדש ער האט איבער
גיענטפערט אין דער האנט פון דעם פיינט די
מויערין פון אירע פאלאצין אונ די פיינט האבן
גישריען אונ גישפעט אין גאטש הויז אזו הויך
וויא מען פלעגט צו זינגען אום יום טוב אין
בית המקדש · חשב יי להשחית גאט האט פון לאנג
גיטראכט צו פר דארבן די מויערין פון ציון אונ
האט גינייגט איין שנור דאש עש זאל זיין גלייך
אנטקעגין זייערע עבירות ער האט ניט אום
גיקערט זיין האנט פון צו פאר דארבין אונ ער
האט גמאכט טרויערין די קליינע מויערין אונ די
גרוישע מויערין זיי זיינען מיט אנאנדר גיווארן
פאר שניטין טבעו בארץ שעריה זיי זיינען גיווארן
איין גיזונקן אין דער ערד די טויערין פון דעם
בית המקדש דאש קיין פיינט זאל אין זיי ניט
אן רירין אונ דאש האבין די טויערין זוכה גיוועזן
וויל זייא האבין זיך אויף גיעפינט אז שלמה
המלך האט אריין גיטראגין דעם ארון מיט די
לוחות אין בית המקדש אונ אטייל חכמים זאגין

וויל דוד המלך האט אליין גימאכט די טויערן
דרום האבין די פיינט ניט גיקענט גיוועלטיגין
אין זייא ער האט גימאכט פאר לירין אונ צו
ברעכין אירע רינגלען איר מלך אונ אירע הארין
זיינען צווישין די פעלקער אונ עש איז ניט דא
איינער ביי זיי דאש ער זאל קענען פסקנן איין
דין פון דר תורה אונ אויך זייערע נביאים האבן
ניט גיפונען קיין נבואה פון גאט ישבו לארץ זייא
טוען זיצין צו דר ערד אונ טוען שווייגן די אלטע
לייט פון דר שטאט ציון זיי האבין אויף גבראכט
אש אויף זייערע קעפ זיי האבין זיך אן גיטאן
אין זעק אונ האבין גימאכט נידערן צו דר ערד
זייערע קעפ די בתולות פון ירושלים · דר מדרש
זאגט אויף דעם פסוק דאש צדקיהו האט
גישווארן צו דינען צו נבוכדנצר אונ דער נאך
האט ער אין אים מורד גוועזן איז גיקומן נבוכדנצר
אונ האט גישיקט נאך די סנהדרין זיי זאלין אים
די גאנצע תורה בשיידין אונ אז זיי זיינן גיקומן
צו דער סדרה וויא מען איז מתיר נדרים אונ
שבועות האט נבוכדנצר גיזאגט דאש האט איר
גיוויש מתיר גיוועזן די שבועה פון צדקיהו דאס
ער זאל מיך ניט דינען אזו באלד האט נבוכדנצר
גימאכט נידערין זייערע קעפ צו דער ערד אונ
האט אן גיבונדין זייערע האר צו די עקין פון די
פערד אונ האט זייא גיטאן שלעפין כלו בדמעות
עיני זיי זיינען גיווארין פאר לענט דורך טרערן
מיינע אויגין עש זיינען גיווארין איין גישרומפן
מיינע גידערים עס איז גיווארין פאר גאסין צו
דער ערד מיין לעבער וויל איך האב גיזעהן
דעם בראך פון מיין פאלק דאש עס ליגין חלשות
די יונגע קינדער אונ די זייגעדיגע קינדער אין
די גאסין פון דער שטאט לאמותם יאמרו צו זייער
מוטער טוען זיי זאגין וואו איז קארין אונ ויין
אז זייא ליגין פאר חלשות אזו וויא איין דער
שלאגענר אין די גאסין פון דער שטאט אז עס
טוט זיך פר גיסין זייער בלוט פון זייערע לייבר
אין דער שוים פון זייער מוטער מה אעידך וואש
זאל איך דיר עדות זאגין אדער צו וועמען זאל
איך דיר גלייכין דו שטאט ירושלים צו זאגין
יענעם האט זיך אויך אזו גיטראפין דאש איך
זאל דיך דער מיט טרייסטין די בתולות פון דר
שטאט ציון דען עש איז גרויש אזו וויא דר ים
דיין בראך ווער קאן דיך היילין דאס ער זאל דיך
טרייסטין פון דיינע צרות דר מדרש זאגט אויף

דעם פסוק אז גאט האט באשאפין דעם הימל אונ האט גימאכט איין צווישין שייד צווישן די אויבערשטע וואסר אונ צווישן די אונטערשטע וואסר אזו האט דר ים גיווייגט אונ האט גיוואלט בלייבן אויף דעם הימל האט גאט אים צו גזאגט מען זאל צו אלע קרבנות נעמן זאלץ וואס ווערט פון דעם ים אבער היינט אז דאס בית המקדש איז חרוב גיווארן אונ מען איז ניט מקריב קיין קרבנות אזו איז דאש ברעכענש פון דעם ים גלייך צו דעם ברעכענש פון דעם בית המקדש נביאיך חזו לך שוא ותפל דיינע נביאים האבין דיר פאלש נביאות גיזאגט אונ האבין דיך ניט גשטראפט אויף דיינע זינד צו אום קערין דיין ווילדיקייט אונ האבן דיר פאלשע נביאות גזאגט צו פאר שטויסין דיך פון גאט ספקו עליך כפים כל עוברי דרך זייא האבין גיקלאפט אויף דיר מיט זייערע הענט די וואש פארין איבר דעם וועג פון דער שטאט זייא האבין גישמועט מיט דעם מויל אונ האבין גשאקילט מיט דעם קאפ אויף דער שטאט ירושלים אונ האבין גיזאגט דאש איז די שטאט וואש איז גיוועזן איין שיינע קרוין איין פרייד צו גאר דר וועלט פצו עליך פיהם זייא האבין גיעפינט אויף דיר זייער מויל אלע דיינע פיינט זייא האבין גישמוצערט אונ האבין גיקריצט מיט די ציין אונ האבין גיזאגט מיר האבין זיא פר דארבין נייערט דאס איז דר טאג וואס מיר האבן גהאפט אויף אים אונ מיר האבן אים גיפונן אונ גיזעהן רש"י פרעגט די איכה איז דאך גימאכט גיווארין נאך דעם (א"ב) נאך אונ ווארום שטייט דער פסוק וואש הייבט זיך אן מיט דער (פ"א) פאר דעם פסוק וואס הייבט זיך אן מיט דר (ע"ן) דער תירוץ איז די (פ"א) הייסט פה אמויל אונ (ע"ן) איז טייטש איין אויג דאש ווייזט דאש זייא האבין גירעט מיט דעם מויל וואש זיי האבין ניט גיזעהן מיט די אויגין דרום שטייט דיא (פ"א) פאר דער (ע"ן): עשה יי אשר זמם גאט האט גיטאן דאש וואש ער האט גיטראכט אונ האט אויש גילאזט זיין זאג וואש ער האט גיבאטין פון לאנג ער האט צוא פירט אונ האט זיך ניט דער בארימט אונ האט אויף דיר גימאכט פרייען דעם פיינט ער האט אויף גיהויבין דאש הערשאפט פון דיינע באלײדיגער צעק לבם אל אדני עש טוט שרייען זייער הארץ צו גאט די מויערין פון דר שטאט ציון זייא מאכין

גידערין טרערין אזוא וויא איין טייך טאג אונ נאכט דוא זאלשט ניט לאזין קיין אויף הערונג צוא דיר עש זאל ניט שווייגין דאש שווארץ אפיל פון דיין אויג: קומי רוני בלילה שטייט אויף איר ישראל אין גלות אונ לערינט משניות ביי נאכט דען גאט איז ביי דיר אונ טוא לערנן פר טאג ווען דר מארגין שטערין גייט אויף אונ פר גים דיין הארץ אזוא וויא וואשר פאר גאט אונ טוא תפלה אויף דעם לייב פון דיינע יונגע קינדר וואש ליגין פאר חלשות אין הונגער אין אלע גאסין ראה יי והביטה זעה גאט אונ קוק צו וועמן נאך האשטו אזו גיטאן וויא צו מיר אויב עס זאלין ווייבר אויף עסין זייערע קינדר וואס זיי האבין זיי גימאסטין מיט גאלד דער מדרש שרייבט עש איז גוועזן איינר וואש האט גיהייסן דואג בן יוסף וואש זיין מוטר האט אים אלע טאג גיוואוגין אונ גימאסטין וויא פיל ער איז צוא גיוואקסין אזו פיל גאלד פלעגט זיא געבין אין בית המקדש אונ אז עש איז גיווארין הונגר אין ירושלים האט זיא אים גיקאכט אונ האט אים אויף גיגעסין דאש קלאגין ישראל זעה גאט וועמען האסטו אזו ווייא גיטאן ענטפערט גאט דאש איז אייך איין חידוש איר האט דאך גרוישע עבירות גיטאן דאש איר האט גיהרגת זכריה הנביא אין בית המקדש אום יום כפור וואש ער האט אייך גיוואלט שטראפין אונ ער איז גיוועזן איין כהן ונביא שכבו לארץ חוצות זייא זיינן גילעגין אויף דר ערד אין דיא גאסין יונגע אונ אלטע בתולות אונ בחורים זיינען גיווארין דר שלאגין מיט דר שווערד דו גאט האסט זיי גילאזט דר שלאגין אונ שעכטין אונ האשט דיך ניט דער בארימט תקרא כיום מועד דוא גאט האשט גירופין צוא איין זאמלן די פיינט אויף מיר גלייך וויא מען פלעגט זיך איין זאמלן אום יום טוב אונ עש איז ניט גיוועזן קיין אנטרינער אונ איין איבער בלייבר: די קינדר וואש איך האב גימאסטן אונ דר צויגן האט זיי מיין פיינט פאר לענט: אני הגבר ראה עני בשבט עברתו איך ירמיה האב מער פיין גיזעהן פון אלע נביאים וואש גאט האט גיטאן מיט דער רוט פון זיין גרים צארין אותי נהג וילך חושך ולא אור מיך האט ער גיפירט אין דער פינשטר אונ ניט אין דער ליכט אך בי נאר אין מיר פר קערט ער זיין האנט איין גאנצין טאג בלה בשרי ער האט פר דארבן

מיין

מיין פלייש אונ מיין הויט אונ האט צו בראכן
מיינע ביינר בנה עלי ער האט גיבויט אויף מיר
איין גיפיינקעניש את האט מיך ארום גירינגילט
מיט גאל אונ מיט ביטערניש במחשכים הושיבני
כמתי עולם אין דער פינשטער האט ער מיך
גיזעצט אזוא וויא די טויטע פון דר וועלט גדר
בעדי ער האט פר צאמט פר מיר אונ איך קאן
ניט ארויש גיין אונ ער האט שווער גימאכט
מיינע קייטין גם כי אזעק ואשוע שתם תפלתי אונ
אויך ווען איך טו הויך שרייען אונ טוא תפלה
איז פאר שטאפט מיין תפלה גדר דרכי ער האט
פר צאמט מיינע וועגין מיט שטיינער אונ האט
פר קרימט מיינע וועגין דאש איך קאן ניט גיין
אויף דעם וועג וואו לייט גייען פון וועגין דיא
פיינט וואש שלאגין מיך דוב אורב הוא לי גאט
איז גיווארין צו מיר אזוא וויא איין בער וואש
לאקירט אונ אזו היא איין לייב קוקט ארוים פון
זיין פאר בארגעניש • דרכי סורר מיין וועג האט
ער פר שפרייט מיט דערנר אונ האט מיך דר
בריטערט דאש איך מוז איבער דעם מאכין
ברייטע טריט • אונ ער האט מיך גיטאן פאר
וויסטין דרך קשתו ער האט גיטראטין זיין בויגין
אונ האט מיך גישטעלט צו איין ציל צו שיסין
אין מיר • הביא בכליותי ער האט גיבראכט אין
מיינע נירין זיינע פיילן הייתי שחוק אין בין גווען
איין גילעכטער צוא אלע פעלקר זייער גישפעט
בין איך אייך גאנצין טאג השביעני במרורים ער
האט מיך אן גיזעט מיט ביטערניש אונ ווערמוט
ויגרס בחצץ שני אונ ער האט צוא בראכין מיט
קליינע שטיינדליך מיינע ציין דען אז די ישראל
זיינען גיגאנגען אין גלות האבן זיי ניט גיהאט
קיין כלים צו קנעטין דריגען זייער טייג האבין
זיא גימוזט מאכין גריבר אין דער ערד צוא
קנעטין דריגען דאש טייג איז דאש טייג גיווארין
מיט שטיינדליך ער האט מיך בארעקט מיט
אש ותזנח משלום נפשי אונ עש איז ווארין פאר
לאזט פון שלום מיין לייב איך האב פאר געסין
די טובות וואש איך האב גיהאט ואומר אונ איך
האב מיך גיטראכט עש איז ווארין פר לארין
מיין שטארקייט אונ מיין האפונג פון גאט זכר
עניי ומרודי גידיינק דו גאט די טעג פון מיין פיין
אונ מיין קלאגן וואש איז ביטר אזו ווי ווערמוט
זכור תזכור מיין לייב טוט גידיינקען מיין פיין
דרום טוט זיך מיין לייב אויף מיר איין בייגין

פון וועגין צרות זאת אשיב אל לבי דאש טוא איך
אום קערין צו מיין הארץ דאש גאט קאן העלפין
דרום טוא איך צו אים האפין חסדי יי כי לא תמנו
די חסדים פון גאט האבן זיך ניט אויש גילאזט
אונ זיי זיינען ניט ווארין פאר לענט זיינע דער
בארימקייט חדשים לבקרים דיא חסדים טוען זיך
אלע פריא מארגין באנייען אונ זיין אמת איז
גרויש אונ וואול דעם מענטשין וואש טוט זיך
אין גאט פר זיכערין חלקי יי עש איז רעכט איך
זאל האפין צו גאט ווייל ער איז מיין חלק טוב יי
גאט איז גוט צו דיא וואש האפין צו אים צוא
דעם לייב וואש טוט אים פארשטין טוב עש איז
גוט צו האפין צו גאט אונ צוא ווארטין צו זיין
הילף טוב עש איז גוט צוא דעם מענטשין וואש
טראגט דעם יאך פון גאט פון זיין יוגינט ישב
בדד וידום ווען עש קומט איין אבילות צוא איין
מענטשין זאל ער זיצין אליין אונ זאל ווארטין
אונ האפין צו דער נחמה ווייל גאט האט אליץ
גיבאטין אויף דעם מענטשין יתן בעפר פיהו ער
זאל געבין אין אש זיין מויל טאמער וועט זיין
איין האפונג יתן ער זאל געבין: זיין באק צוא
דעם וואש שלאגט אים אונ זאל זיך אן זעטין
מיט חרפה • כי לא יזנח דען גאט וועט ניט פאר
לאזין אויף אייביג דרום איז גוט צו פר זיכערין
זיך אין אים כי אם הוגה ווען דר מענטש ברייגט
אויף זיך טרויערקייט פון וועגין זיינע עבירות
פון דעשט וועגין טוט זיך גאט אויף אים דער
בארימן מיט זיינע גרוישע חסדים כי לא ענה מלבו
דען גאט פייניגט ניט דעם מענטשין פון זיין
ווילן נאר די עבירות מאכין דאש אליץ לדכא תחת
רגליו גאט באגערט ניט צו שטויסן דעם מענטשין
אונטער זיינע פיס נאר די עבירות טוען דאש
להטות משפט גאט באגערט ניט מען זאל אוועק
נייגין דעם משפט פון דעם מענטשין ניט צוא
גוטין אונ מען זאל פר קרימען דעם מענטשין
אין זיין קריג אונ אויב דער מענטש וועט זאגין
די זאכין וואש זיינן אויף אים גיקומען איז איין
טרעפונג אונ ניט פון גאט דרויף זאגט דר פסוק
מי זה אמר ווער האט גיזאגט איין זאך אונ עש
איז אזו גיווארן וואש גאט האט דאש ניט גיבאטין
מפי עליון לא תצא פון גאט גייט ניט ארויש קיין
בייז אונ קיין גוטש וואש דען האט דר לעבדיגר
מענטש צו קלאגין נאר אויף זיינע עבירות אונ
ער זאל זאגין לאמיר נאך זוכין אונזערע וועגין

אונ

אונ לאזין מיר תשובה טאן צוא גאט נשא לבבנו לאמיר אויף הויבין אונזערע הערצער צוא דעם וואלקין אונטער דעם הימיל צוא גאט וואש איז אין הימל נחנו פשענו מיר האבין גיזינדיגט אונ ווידר גישפעניגט אונ דו גאט האסט ניט פר געבן חאטשע דוא בישט פול חסדים סכותה באף דוא האסט דיך בארעקט מיט צארין אונ האסט אונז גיאגט מיט דעם צארין אונ האשט דיך ניט דער בארימט סכותה בענן לך דוא האכט דיך בארעקט מיט אוואלקין דאש די תפלה זאל ניט קומען פאר דיר סחי ומאוס דוא האסט אונז מיאוס גימאכט אזו וויא שפייעכץ פצו עלינו פיהם אונזרע פיינט האבין גיעפינט אויף אונז זייערע מיילער פחד ופחת פאר פחד זיינען מיר אריין גיפאלין אין די גריבר עש איז צו אונז גוועז דיש גשווילעכץ אונ דר בראך פלגי מים טייכן וואשר טוט הינען פון מיינע אויגין פון וועגין דעם בראך פון מיין פאלק עיני נגרה מיינע אויגין טוען רינען אונ שווייגין ניט שטיל אונ הערין ניט אויף עד ישקיף וירא ביז גאט וועט זעהען פון דעם הימיל אויף מיר עיני עוללה לנפשי דאש זאגט ירמיה מיינע אויגין טוען באשמירין מיין לייב מיט טרערין מער וויא גאר מיין פאלק ווייל מיין משפחה זיינען כהנים דרום איז דר חורבן בית המקדש זיי ערגר וויא פאר כל ישראל צוד צדוני מיינע פיינט האבין מיך גיחאפט אזו וויא איין פויגיל אום זיסט צמתו בבור זיי האבין מיין לעבן גבונדין אין דער גרוב אונ האבין אויף מיר גיווארפין איין שטיין צפו מים דיא וואסער האבין גיטאן פלייצין אויף מיין קאפ • אונ ווען איין מענטש קומט אין וואסער איבער זיין קאפ מיינט ער דאש ער איז שוין ווארין פאר שניטין אבר איך ירמיה האב זיך פאר זיכערט אין גאט קראתי איך האב גירופין גאט פון דעם טיפין גרוב אונ האב גיזאגט קולי שמעת מיין קול האסטו גאט תמיד צו גיהערט זאלשטו איצונדערט אויך מיין קול הערין קרבת דו גאט האסט גינעהענט צו מיר אונ האסט גיזאגט צו מיר דו זאלשט דיך ניט פארכטין רבת יי׳ דו גאט פלעגשט קריגין דיא קריג פון מיין לייב אונ האשט אויש גילייזט מיין לעבין פון די פיינט ראיתה דרום זעה גאט דיינט אויך דאש פר קרימונג וואש דיא עובדי כוכבים פאר קרימען צו מיר אונ משפט מיין משפט אזו וויא פאר צייטין ראיתה זעה גאט

דאש אלע זייערע מחשבות אונ גידאנקן זיינען אויף מיר שפתי קמי והגיונם עלי דיא לעפצין פון מיינע פיינט אונ זייער טראכטין איז אויף מיר דעם גאנצין טאג שבתם וקימתם זייער זיצין אונ זייער אויף שטיין בין איך זייער גיזאנג זייא שפעטין אלין פון מיר תשיב להם דו גאט זאלשט זיי אום קערין איין בצאלונג אזו וויא זיי האבין גיטאן תתן להם דוא זאלשט זיי געבין איין צו בראכינע הארץ דיין מידיקייט זאל זיין צו זייא תרדוף באף דו זאלשט זיי נאך יאגין אונ זאלשט זיי פאר טיליגין פון אונטר דעם הימל דו גאט :

איכה יועם זהב וויא איז טונקיל גיווארין דאש גאלד כלומר דיא קינדר וואש האבין גיגלייכט אזו וויא גאלד אונ גין גאלד עש איז ווארין פר גאסין די קינדר וואש האבין גיגלייכט מיט זייער פנים אזו וויא אבנים טובות איצונד ליגין זייא אין אלע גאסין בני ציון היקרים די קינדר פון ציון די טייערע וואש זיינען ווארין גילויבט אזו וויא גין גאלד וויא זיינען זיי גיווארין אזו וויא דיא שארבן פון איין טעפער • גם תנים חלצו שד אפילו איין שלאנג וואש אירע בריסט זיינן צו גידעקט מיט איין הויט אונ זיי זייגען אום דר בארימיג דאך ציהען זיי אויש זייערע בריסט כדי זייערע קינדר זאלין זעהען אונ זאלין קומען זייגן אבער דאש פאלק ישראל זיינען אום דער בארימיג אזו וויא די שטרויזין וואש אין דער מדבר דען זיי ווילין ניט געבין עסין צו זייערע קינדר אין הונגער זיי זאגין אונזר לעבין איז פריער פאר זייער לעבין • דבק לשון יונק אל חכו עש איז ווארן באהעפט דער צונג פון דיא זייגענדיגע קינדער צוא זייער גומען פון וועגין דארשט די קליינע קינדער באגערין ברויט אונ קיינער ברעכט ניט אפ צו זייא האוכלים למעדנים דיא קינדער וואש פלעגין עסין גוטע זיסע שפייז דיא ליגין פאר וויסט אין דיא גאסין אונ דיא וואש זיינען ווארין דער צויגין אויף זיידין בעט גיוואנט דיא ליגין אויף דיא מיסטין ויגדל עון בת עמי מען קען פאר שטיין אין דער גרוישער מכה דאש די עבירות פון די ישראל זיינן גרעסער פון די עבירות פון סדום דען סדום האט גאט באלד איבר גיקערט אין איין רגע אזו איז דר צער ניט זייער גרויש גיוועזן אונ עש האבין דריגען ניט וויא גיטאן די הענט פון די פיינט נאר מלאכים האבין דאש אלץ גיטאן נזו נזיריה משלג זיי זייגען

לויטער

לויטער גיוועזן אירע שרים פון שנייא זיי זיינען
ווייסער גיוועזן פון מילך זייער געשטאלט איז
גיוועזן רויט אזו וויא רובין זייער אן זיכט איז
גוועזן אזו וויא ספיר חשך משחור תארם איצונד איז
שווארץ גיווארן זייער גישטאלט מער פון קוילין
מען דר קענט זיי ניט אין די גאסין עש איז איין
גישרומפין זייער הויט אויף זייערע ביינער איז
דאר גיווארין אזו וויא האלץ טובים היו חללי חרב
עש איז בעסער גיוועזן די דר שלאגענע פון דר
שווערד מער וויא די דר שלאגענע פון הונגער
דען זייער בויך איז ווארין צו שפאלטן ווייל זיי
זיינען גילעגין אויף דעם פעלד וויא דיא פיינט
האבין גיבראטין פלייש אזו איז דר ריח אין זיי
פאר גאנגען איז דר פון צו שפאלטין גיווארין
זייער בויך אונ עש האט ארויש גירונען זייער
מיסט איז דאש זייער מיאוס גיוועזן פאר אלע
לייט • ידי נשים רחמניות דיא הענט פון דיא דער
בארימיגע ווייבער האבן גיקאכט זייערע קינדר
אונ האבין זיי גיגעסין כלה יי גאט האט היינט
פאר לענט זיין צארין וואש ער האט פון לאנג
גיהאט אויף ישראל אונ האט פאר גאסין זיין
גרים צארין אונ האט אן גיצונדין איין פייער אין
ציון אונ האט פאר ברענט אירע גרונד פעסט
לא האמינו די גאנצע וועלט האבין ניט גיגלויבט
דאש דר פיינט זאל קומען קיין ירושלים מחטאת
נביאיה פון וועגין דער זינד פון אירע נביאים אונ
פון וועגן עבירות פון אירע כהנים וואש פר גיסן
אין איר דאש בלוט פון צדיקים איז איר דש ביין
גיקומען נעו עורים בחוצות די בלינדע זיינן ווארין
פאר וואגילט אין די גאסין זיי זיינן ווארין פאר
שמירט אין בלוט דאש מען קאן ניט אן רירין
אין זייערע קליידר סורו טמא קראו למו קערט אפ
איר זייט אום ריין טוען זיי רופין צו די בלינדע
קערט אפ איר זאלט אונז ניט אן רירן פני יי חלקם
גאטש צארין האט זייא צו טיילט אונ צוא שייד
ווייל זיי האבין ניט גיוואלט צו הערין צוא דיא
כהנים אונ צו די זקנים וואש האבן זיי גשטראפט
אויף די עבירות עודינה תכלינה עינינו עש טוען נאך
האפין אונזרע אויגין צו אונזער נארעשע הילף
וואש מיר האבין צו איין פאלק וואש קאן ניט
העלפין : צדו צעדינו אונזערע פיינט לויערין אויף
אונזערע טריט דאש מיר קענען איבר זיי ניט
גיין אין אונזערע גאסין עש איז נאהענט אונזר
סוף עש איז דר פילט גיווארן אונזערע טעג עש

איז גיקומען אונזער סוף קלים היו רודפינו אונזערע
נאך יאגער זיינען גרינגער גיוועזן מער וויא דיא
אדלער וואש פליהען אונטר דעם הימיל אויף
די בערג האבין זיי אונז נאך גיאגט אין דער
מדבר האבין זיי גילויערט אויף אונז רוח אפינו
משיח יי דר אטום פון אונזר נאז דר גיזאלבטר
פון גאט דאש איז יאשיהו המלך ער איז ווארן
באצוואונגן אין זייערע גריבר וואש מיר האבן
גיזאגט אין זיין זכות וועלין מיר לעבין צווישין
די פעלקר שישי ושמחי בת אדום טוא זיך פרייען
דו שטאט אדום אויף איין קליינע רגע אבער
דר סוף וועט זיין דאש דו וועשט אויך טרינקן
איין ביטער גיטראנק אונ וועסט שיכור ווערין
פון וועגין צרות תם עונך בת ציון עש האט זיך
אויש גילאזט דיינע זינד דוא שטאט ציון גאט
וועט ניט מערין צו פאר טרייבן דיך ער האט
דער מאנט דיינע עבירות דוא אדום אונ האט
אנטפלעקט דיינע זינד: זכור יי גידיינק גאט
וואש צו אונז איז גיוועזן זעה אונזר חרפה נחלתנו
נהפכה לזרים אונזר נחלה איז ווארין פאר קערט
צו פרעמדע אונ אונזערע הייזער צוא ארמיים
יתומים היינו ואין אב מיר זיינען אזו וויא יתומים
וואש האבן קיין פאטר ניט אונ אונזרע מוטרש
זיינען אזו וויא אלמנות מימינו בכסף שתינו אונזר
וואסער טרינקען מיר פאר געלט אונ אונזער
האלץ טוען מיר קויפין ווייל מיר האבין מורא
פאר די עובדי כוכבים צוא גיין האקין האלץ
אונ צו שעפין וואשער על צוארנו אויף אונזער
האלז זיינען מיר גיאנט גיווארין מיר זיינן מיד
אונ עש איז ניט קיין אפ רוא צוא אונז מצרים
נתנו יד קיין מצרים האבין מיר גיגעבין אונזער
האנט זיי זאלן אונז העלפין אונ אשור זאל אונז
אן זעטין מיט ברויט אבותינו חטאו ואינם אונזערע
עלטערין האבין גיזינדיגט אונ זיי זיינען ניט דא
אונ מיר מוזין זייערע עבירות ליידן עבדים משלו
בנו קנעכט האבן גטאן אין אונז גיוועלטיגן אונ
קיין אויש לייזר איז נים דא פון זייערע הענט
בנפשנו נביא לחמנו מיר האבין אונזער לעבין איין
גישטעלט צו ברייגען ברויט פון וועגין דער
שווערד פון דר מדבר • עורנו כתנור נכמרו אונזר
הויט איז ווארין דער היצט אזו וויא איין אויבין
פון וועגין דעם גישווילעכץ פון הונגר נשים בציון
ענו זיי האבין גיפייניגט ווייבער אין דר שטאט
ציון אונ בתולות אין די שטעט פון יהודה שרים

בידם

אדם נתלו די שרים זיינען ווארין גיהאנגען ביי
זייערע הענט · דעם פנים פון די אלטע לייט
האבין זייא ניט באשיינט בחורים טחון נשאו דיא
בחורים האבין זיי גימאכט טראגן מיל שטיינר
אונ די יונגע האבין זיי מיד גמאכט מיט האלץ
טראגן זקנים משער שבתו די זקנים זיינען ווארין
פאר שטערט פון דעם טויער אונ די יונגע פון
זייער גיזאנג שבת משוש לבנו עס איז ווארין פאר
שטערט די פרייד פון אונזר הארץ דאש זיינען
דיא סנהדרין עס איז ווארין פאר קערט צוא
טרויערקייט אונזער טאנץ נפלה עטרת ראשנו עס
איז אראפ גיפאלין דיא קרוין פון אונזער קאפ
וויא צו אונז דאש מיר האבין גיזינדיגט על זה
היה דוה לבנו אויף דעם האט גיטאן וויא אונזער
הארץ אויף דעם איז ווארן פינצטר אונזרע אויגן
על הר ציון אויף דעם בארג ציון וואש ער איז פר
ווישט אונ פוקסין גייען אין אים אתה יי׳ לעולם
תשב דוא גאט זיצט ביז אייביג אונ דיין שטול
איז ביז אייביג אונ דו האסט דאך גישווארן צו
אונז דאש דוא וועשט אונז ניט פאר לאזין אונ
אזו וויא דו ביסט ביז אייביג אזו איז דיין שבועה
ביז אייביג השיבנו דרום מאך אונז אום קערין
דו גאט צו דיר אזו וועלן מיר תשובה טאן באניי
אונזרע טעג וויא פריער כי אם דען דוא האשט
אויף אונז זייער גיצערינט · השיבנו יי׳ אליך מאך
אונז גאט אום קערין צוא דיר אזוא וועלין מיר
תשובה טאן באניי אונזרע טעג אזו וויא פריער:

דעם פסוק זאגין מיר צווייא מאל כדי מען זאל
אויש לאזין מיט גוטע רייד:

סליק מגילת איכה

# חורבן בית המקדש

אמר רבי יוחנן רבי יוחנן זאגט מאי דכתיב וואש
מיינט דר פסוק אשרי אדם מפחד תמיד וואול
דעם מענטשין וואש פארכט זיך תמיד דאס איז
גימיינט ווען ער וויל עפעס טאן טראכט ער וואס
דר פון קאן ארויס קומן ווארום ווען איין מענטש
באטראכט זיך ניט קען פיל בייז דר פון ארויש
קומען דאש בית המקדש איז דורך דעם חרוב
גיווארין וואש אונזערע עלטערין האבין זיך ניט
בטראכט דען עש איז גיוועזן איין מענטש וואס
האט גיהייסין קמצא אונ דער אנדערער האט
גיהייסין בר קמצא איבער די צוויי איז ירושלים
חרוב גיווארין אונ פון וועגין איין האן מיט איין
הון איז חרוב גיווארין די חשובי שטאט טור
מלכא · אונ פון וועגין איין אקס פון איין וואגין
איז חרוב גיווארין דיא שטאט ביתר דען אין
ירושלים איז גיוועזן איין מענטש וואש זיין ליב
האבר איז גיוועזן קמצא אונ זיין פיינט איז גוועזן
בר קמצא איין מאל האט דער מענטש גמאכט
איין סעודה אונ האט גישיקט זיין קנעכט ער
זאל אים רופין אויף דער סעודה זיין ליב האבער
קמצא אונ דר קנעכט האט ניט רעכט דר הערט
אונ האט גירופין בר קמצא אונ וויא דר מענטש
איז ארייין גיקומן אין שטוב אונ האט גיפונן זיין
פיינט בר קמצא זיצט ביי דר סעודה האט ער
צו אים גזאגט דו ביסט דאך מיין שונא פון לאנג
אן וואש האסטו דא צו טאן אויף מיין סעודה
שטייא אויף אונ גיי ארויש האט בר קמצא צו
אים גזאגט איך בעט דיך ווייל איך בין גיקומן
טוא מיר די חרפה ניט אן איך וועל דיר בצאלן
וואש איך וועל עסין אונ טרינקן ענטפערט דר
מענטש איך וויל דיך דא ניט האבין · זאגט דר
בר קמצא איך וועל דיר בצאלין וויא פיל איין
האלבע סעודה טרעפט אן לאז מיך זיצין זאגט
ער איך וויל דיך ניט · זאגט ער איך וועל דיר
געבין וואש די גאנצע סעודה טרעפט אן טוא
מיר די חרפה ניט אן האט ער גיזאגט איך וויל
ניט אונ האט אים אן גינומען ביי דער האנט
אונ האט אים ארויש גיפירט · האט בר קמצא
גיזאגט עש איז דאך פיל חשובי רבנים גיזעסן
אונ האבין אים ניט גיווערט מן הסתם איז זייא
ניחא מען זאל מיר איין חרפה אן טאן דרום וועל
איך גיין צום קיסר אונ וועל איבר זיי אלע איין
מסירה געבין · אונ איז גיגאנגען צום קיסר אונ
זאגט די יהודים האבן אין דיר מורד גיוועזן האט
דער קיסר גיזאגט ווער זאגט עס טאמער איז
דאס ליגין זאגט בר קמצא שיק קיין ירושלים איין
קרבן זייא זאלין פון דיינט וועגין מקריב זיין
וועשטו זעהן אויב זיי וועלין דאש מקריב זיין·
האט דער קיסר גינומען איין קאלב אונ האט
דאש גישיקט מיט אים איז ער גיגאנגן אונ האט
אין

אין קאלב גימאכט איין מום אין די לעפצן וואס ביי אונז הייסט דאס איין מום אונ מען טאר דאס ניט מקריב זיין אונ ביי די רוֹמים הייסט דאש קיין מום ניט אונ מען מעג דאש מקריב זיין אונ ער האט דאש דרום גיטאן כדי זיי זאלין זיך ניט קענן פר ענטפערין פר דעם קיסר דאש דאש קאלב האט איין מום גיהאט דרום האבן זיי דאש ניט מקריב גיוועזן אונ אז בר קמצא איז גיקומען מיט דעם קאלב האבין די רבנים דאש גיוואלט מקריב זיין כדי מען זאל ניט דר צערענן דעם קיסר האט רבי זכריה גיזאגט לייט וועלין זאגין איין בהמה מיט איין מום איז מען מקריב אויף דעם מזבח האבין זיי גיוואלט דעם בר קמצא הרגנן כדי ער זאל ניט גיין זאגן דעם קיסר אז מען האט דאס קאלב ניט מקריב גיוועזן האט רבי זכריה גיזאגט לייט וועלין זאגין דער וואש מאכט איין מום אין איין בהמה וואס מען דארף זיא מקריב זיין דארף מען אים טייטין איז דער בר קמצא גיגאנגן אונ האט דאש קאלב ווידר גיבראכט צום קיסר אונ האט גיוויזין דאס די יהודים האבן אין אים מורד גיוועזן האט רבי יוחנן גיזאגט דאס פרומקייט אונ דאס גידערקייט פון רבי זכריה האט חרוב גימאכט דעם בית המקדש ווייל ער האט ניט גילאזט דאש קאלב מקריב זיין אונ ניט דעם בר קמצא הרגנן אזו האט דער קיסר גישיקט דעם נירון קיסר אויף ירושלים אונ אז ער איז גיקומען נאהענט פון ירושלים האט ער גיוואלט זיין מזל פרובין אונ דאט גישאסין איין פייל קיין מזרח האט זיך די פייל אום גיקערט אונ איז גיפאלן קיין ירושלים דר נאך האט ער גישאסין קיין מערב איז ווידר די פייל גיפאלין קיין ירושלים אויף וועלכר זייט ער האט גיווארפן איין פייל איז זיא אלץ גיפאלן קיין ירושלים האט ער פאר שטאנען דאש ער וועט די שטאט איין נעמען דער נאך האט ער גיפונען איין קליין קינד זאגט ער צו אים זאג מיר איין פסוק וואש דו האשט היינט גילערינט דען ער האט דורך דעם אויך גיוואלט זיין מזל פרובין וואש פאר איין פסוק דאש קינד וועט אים זאגין האט דאש קינד אים גיזאגט דעם פסוק ונתתי את נקמתי באדום ביד עמי ישראל דאש איז טייטש גאט זאגט איך וועל איין נקמה טאן אין אדום דורך מיין פאלק ישראל כלומר אז אדום וועט דאש בית המקדש חרוב מאכן אונ וועט די ישראל אין גלות האלטין וועל איך גאט דער נאך אין זיי איין נקמה טאן האט דר נירון קיסר גיזאגט גאט וויל זיין הויז חרוב מאכן אונ וויל דער נאך איין נקמה טאן אין דעם וואש וועט דאס חרוב מאכן אזו איז ער אוועק גילאפן אונ האט זיך מגייר גיוועזן איז פון אים ארויש גיקומן רבי מאיר האט דער קיסר גישיקט איין אנדערין ער האט גיהיישין אספסינוס איז ער גיקומען אונ האט באלעגערט די שטאט דריי יאר אונ האט איר ניט גיקענט טאן אונ אין ירושלים זיינען גיוועזן דריי עשירים איינר האט גיהיישין נקדימון בן גוריון דר אנדערער האט גיהייסן בן כלבא שבוע דר דריטר האט גיהייסן בן ציצית הכסת אונ דאס איז ניט גיוועזן זייערע רעכטע נעמען דר ערשטר האט דרום גיהייסן נקדימון בן גוריון ווייל עש איז אים גישעהען איין נס דאש די זון האט פון זיינט וועגן גישיינט לייננגער וויא זיא דארף דען די ישראל פלעגין אויף גיין קיין ירושלים דריי מאל אין יאר · אום פסח אונ אום שבועות אונ אום סוכות · איין מאל זיינן די ישראל אויף גיגאנגן אונ האבין ניט גיהאט קיין וואשער צו טרינקן איז גיגאנגן דר בוני בן גוריון צו איין שררה וואש האט גיהאט צוועלף ברונען וואסער אונ האט צו אים גיזאגט לייא מיר די ברונען וואשר ביז אין דר צייט אונ ווען איך וועל דיר אין דר צייט קיין וואסר ניט אפ געבין וועל איך דיר פר איטליכן ברונן איין צעהענטין גאלד געבין אונ די צייט איז אויש גיגאנגן אונ קיין רעגין איז ניט גיגאנגן צו דער פילין די ברונען מיט וואשר · אין דר פריא פון דעם הינטערשטן טאג האט דר שררה צו אים גישיקט ער זאל אים דאש געלט צו שטעלן אדר וואשער האט בוני גיענטפערט דר טאג איז נאך גרויש עש קאן נאך פיל רעגין גיין דאש דיינע ברונען זאלין פול ווערין האט דר שררה דר פון גילאכט אונ האט גיזאגט דאש גאנצע יאר איז קיין רעגין ניט גיגאנגן אונ היינט וועט רעגנן אונ ער איז זייער פרייליך גיוועזן ער האט גמיינט ער וועט גיוויש געלט נעמן אונ איז פר שמחה גיגאנגן אין מרחץ אריין אונ דער צדיק בוני איז גיגאנגן אין בית המקדש אריין אונ האט זיך אן גיטאן איין טלית אונ האט תפלה גיטאן אונ האט גיזאגט רבונו של עולם עש איז גוואושט פאר דיר דאש איך האב דאש ניט גיטאן פון מיין

כבוד

כבוד וועגין אוך ניט פון מיין עלטערינס כבוד יועגין נאר פון דיין כבוד וועגין כדי די ישראל וואש זיינן עולה רגל קיין ירושלים זאלן האבן צו טרינקן אזו באלד איז גיקומן איין גרוישער רעגין דאש אלע ברונען זיינען פול גיווארן מיט וואשער אונ עש איז נאך איבעריגע גיוועזן אונ דער שררה איז פון דעם באד ארויש גיגאנגען אונ בוני איז פון דעם בית המקדש ארויס גיגאנגן אונ האבן זיך בגעגינט האט בוני גיזאגט צום שררה גיב מיר געלט ארויס דאש איך האב דיר מער וואשער גיגעבין וויא איך האב בייא דיר גינומען האט דר שררה גיזאגט איך ווייס גיוויס דאש דער רעגין איז נאר גיגאנגען פון דיינט וועגין אבער איך האב דאך איין טענה דאש דו מוזט מיר דאש געלט געבין דען די זון איז שוין לאנג אונטער גיגאנגען אזו האט זיך שוין דיא צייט אויש גילאזט אונ דער רעגין איז גיגאנגן אין מיין רשות איז דער צדיק בוני ווידר גיגאנגן אין בית המקדש אונ האט ווידער תפלה גיטאן · אונ האט גיזאגט רבונו של עולם איך בעט דיר ווייז אויף דער וועלט דאש מיר זיינען דיין פאלק אונ אז וויא דוא האשט מיר איין נס גיטאן מיט דעם רעגין טוא מיר איין נס מיט דער זון אז זיא זאל ווידער אן הויבין צו שיינען אזו באלד איז גיקומן א ווינט אונ האט צו שפרייט די וואלקינש אונ דיא זון האט ווידר אן גיהויבין צו שיינען אזו האט דר שררה גיזאגט היינט קען איך דיך ניט מאנען ווייל דיא זון שיינט דרום האט ער גיהיישן נקדימון דאש איז טייטש שיינען דאש פון זיינט וועגין האט דיא זון גישיינט אבער זיין רעכטער נאמען איז גיוועזן בוני דער אנדערער האט דרום גיהיישן בן כלבא שבוע ווייל דער וואש איז צו אים אריין גיגאנגען הונגעריג וויא איין הונט איז ער ארויש גיגאנגען זאט דען כלבא איז טייטש איין הונט אונ שבוע איז טייטש זאט · דער דריטר האט דרום גיהיישן בן ציצית הכסת ווייל זיינע ציצית האבין זיך אים נאך גישלעפט ביז דער ערד · איינער פון די דרייא עשירים האט גיזאגט איך וועל דיא גאנצע שטאט שפייזן מיט ווייץ אונ גערשטן · דער אנדערער האט גיזאגט איך וועל די גאנצע שטאט שפייזן מיט ווין אונ בוים איל · אונ דר דריטר האט גיזאגט איך וועל זייא שפייזן מיט האלץ · האבין די חכמים גילויבט צו דעם וואש האט גיגעבין האלץ דען צו איין מאס ווייץ מוז מען האבין פיל מעסטלעך האלץ אוך רב חסדא האט אלע זיינע שליסלען גיגעבין צו זיין קנעכט נאר דעם שליסיל פון האלץ האט ער ניט גיגעבין צו זיין קנעכט אונ דיא עשירים האבין גיהאט צו שפייזן דיא שטאט איין אונ צוואנציג יאר אונ אין שטאט זיינען גיוועזן פיל שלעכטע לייט האבין די חכמים גיזאגט לאמיר ארויש גיין פון דר שטאט צו שלום מאכין מיט זיי האבין דיא שלעכטע לייט ניט גיוואלט אונ האבין גיזאגט לאמיר בעסער גיין מיט זייא מלחמה האלטין האבין די חכמים ניט גיוואלט דען זייא האבין גיוואושט דאש מען ווערט ניט באגליקין אזו זיינען די שלעכטע גיגאנגען אונ האבין פאר ברענט דיא אוצרות פון ווייץ אונ גערשטין כדי מען זאל ניט האבין וואש צו עסין אזו וועלין זיי מוזין גיין מלחמה האלטין אונ עש איז גיווארין איין גרוישער הונגר אין שטאט · אבא סיקרא איז גיוועזן דער עלצטר פון דיא שלעכטע לייט וואש זיינען גיוועזן אין ירושלים אונ ער איז גיוועזן איין זון פון דער שוועסטער פון רבי יוחנן בן זכאי אזו האט רבי יוחנן נאך אים גישיקט אונ האט גיהיישן ער זאל צו אים קומען בסוד דאש קיין מענטש זאל דר פון ניט ווישן איז ער גיקומען האט רבי יוחנן צו אים גיזאגט וויא לאנג נאך ווערט איר ניט לאזן שלום מאכין מיט דעם קיסר אונ איר טייט די גאנצע וועלט אין הונגר ווייל מען האט ניט וואש צו עסין האט אבא סיקרא גיזאגט וואש זאל איך טאן ווען איך וועל זיי עפעש זאגין וועלין זייא מיך הרגנן האט רבי יוחנן צו אים גיזאגט גיב מיר איין עצה וויא אזו איך זאל קענען פון דער שטאט ארויש גיין צו דעם קיסר טאמער וועל איך עפעש קענען מציל זיין האט אבא סיקרא צו אים גיזאגט טוא אזו מאך דיך קראנק אונ די גאנצע שטאט ווערט גיין דיך מבקר חולה זיין אונ דיינע תלמידים זאלין ארום דיר שטיין גלייך וויא דו בישט גוסס אונ נעם פלייש פון איין נבילה אונ לייג לעבין דיר וואש דאש שטינקט אזו ווערט מען מיינען דו בישט גישטארבן וועלן זיי דיך ארויש לאזין מען זאל דיך צו קבורה ברענגען אונ לאז דיר קיין אנדערער ניט טראגין נאר דיינע תלמידים כדי מען זאל ניט ווישן

דאש דו בישט לעבעדיג דען איין לעבעדיגר איז גרינגר פון איין טויטין האט רבי יוחנן אזו גיטאן אונ זיינע תלמידים האבין אים גטראגין אונ אז זיי זיינן גיקומען צום טויער האבין די שלעכטע לייט אים גיוואלט שטעכין צו פרובין אויב ער לעבט ניט האט אבא סיקרא גיזאגט די עובדי כוכבים וועלין זאגין זייער אייגינעם רבי האבין זיי גישטאכן · האבין זיי אים גיוואלט שטויסין האט אבא סיקרא גיזאגט דיא עובדי כוכבים וועלין זאגין זייער אייגינעם רבי האבין זייא גישטויסן אזו האבן זיי גיעפינט דעם טויער אונ מען האט אים ארויש גיטראגין אונ אז ער איז ארויש גיקומען איז ער גיגאנגן צום קיסר אונ זאגט צוא אים פריד אויף דיר מלך פריד אויף דיר מלך האט דר קיסר גיזאגט צו רבי יוחנן דו בישט צוויי מאל חיב מיתה איין מאל איך בין ניט קיין מלך אונ דוא רופשט מיך מלך אזוא שפעטשטו פון מיר דאש אנדרע ווען איך בין יוא איין מלך ווארום בישטו ביז אהער צו מיר ניט גיקומן האט רבי יוחנן צו אים גיזאגט דוא בישט גיוויש איין מלך דען איך וייש דאש ירושלים אונ דער בית המקדש וועט איבער געגנטפערט ווערן אין דיין האנט אונ מיר לערנן אפ פון איין פסוק דאש דער בית המקדש וועט גאר ווערין איבער גיענטפערט אין דר האנט פון איין מלך אזו וועשטו גיוויש איין מלך זיין אונ דאש וואש דו זאגשט ווארום בין איך צוא דיר פריער ניט גיקומן די שלעכטע לייט וואש אין דר שטאט האבין מיך ניט גילאזט גיין האט דר קיסר גיזאגט ווען איינער האט איין פאס מיט האניק אונ איין שלאנג איז ארום איר ארום גיוויקילט דאש דורך אים קען מען דעם האניק ניט נעמען אזו צו ברעכט מען די פאס צו נעמן דעם האניק אזו אויך וואלשטו גידארפט דעם טויער צו ברעכין כדי דו זאלשט קענען ארויש קומען האט רבי יוחנן שטיל גישוויגין אונ האט ניט גיקענט ענטפערין האט רבי עקיבא גיזאגט עש איז אין רבי יוחנן מקוים גיווארן דר פסוק משיב חכמים אחור ודעתם יסכל דאש איז טייטש גאט פר קערט די קלוגע הינטער זיך אונ זייער דיעה טוט ער פר נארישן דען ווען עש קומט אויף דעם מענטשין חלילה בייז קען ער זיך ניט פר היטין מיט זיין חכמה אזו אויך האט רבי יוחנן ניט גיקאנט ענטפערין דעם קיסר דען ער האט אים גיוואלט ענטפערן מען נעמט איין צוואנג אונ מען נעמט אראפ די שלאנג אונ מען לאזט די פאס גאנץ אזו האב איך אויך גיווארט איך זאל דיא שלעכטע לייט איבר קומן אונ די שטאט זאל גאנץ בלייבין אונ איך וועל מיט דיר שלום מאכן אונ וויא ער האט מיט אים אזוא גירעט איז גיקומן איין שליח פון רוים אונ זאגט צוא אים דער קיסר איז גישטארבין אונ דיא גרוישע לייט פון רום באגערן דיך פר איין קיסר האט ער גיהאט אן גיטאן איין שוך אונ האט גיוואלט אן טאן דעם אנדערין האט ער ניט גיקענט ארויף גיין האט ער דעם שוך גיוואלט אויש טאן האט ער ניט גיקענט אראפ האט דר קיסר גיזאגט וואש איז דאש האט רבי יוחנן גיזאגט צום קיסר זיי דיך ניט מצער דען דיר איז איין גוטע בשורה גיקומען איז דיין ביין פעט גיווארין אזו וויא אין פסוק שטייט שמועה טובה תדשן עצם איין גוטע בשורה מאכט פעט דעם ביין זאגט דער קיסר וואש זאל איך טאן דאש דר שוך זאל אראפ האט רבי יוחנן גיזאגט לאז פאר ביי דיר גיין דיין פיינט וועט דער ביין מאגער ווערין דען אזוא שטייט אין פסוק ווען איינער זעהעט איין שונא פאר זיך פאר גיין ווערט זיין ביין מאגר האט דר קיסר אזו גיטאן איז אים דער שוך אראפ האט דר קיסר צו אים גיזאגט ווען דו בישט אזו קלוג ווארום בישטו צוא מיר פריער ניט גיקומען האט רבי יוחנן גיזאגט איך האב דיר גיזאגט דאש איבער דיא שלעכטע האב איך ניט גיקאנט קומן האט דר קיסר צו אים גיזאגט איך האב דאך דיר אויך גיזאגט דאש דו האשט גידארפט דעם טויער צו ברעכין אונ איצונד וועל איך אוועק גיין אונ וועל איין אנדערין אויף מיין ארט שיקין נאר בעט עפעש פון מיר וועל איך דיר טאן האט רבי יוחנן צוא אים גיזאגט גיב מיר די שטאט יבנה אונ די חכמים וואש זיינען אין איר דאש דו זאלשט זיא ניט חרוב מאכין אונ לאז לעבן די משפחה פון רבן גמליאל דען ער איז פון דר משפחה פון דוד המלך אונ גיב מיר איין דאקטר צו היילין רבי צדוק דען צו רבי צדוק זיינען די גידערים ווארין איין גישרומפין פון וועגין פיל פאסטין וואש ער האט גיפאסט דאש דער בית המקדש זאל ניט חרוב ווערין האט רבי עקיבא גיזאגט גאט האט אים דא אויך זיין שכל צוא

גינומען

גיטעמען דען ער האט גידארפט צו בעטין דאש ער זאל אויף ירושלים קיין מלחמה ניט האלטין אבר רבי יוחנן האט זיך גטראכט ווען ער וועט איין גרוישע זאך אן מוטין וועט ער אפילו איין קליינע זאך אויך ניט טאן וויל ער וועט ברוגז ווערין איך וועל בעסער איין קליינע זאך אן מוטין. אזו וועט ער דאש גיוויש טאן מרתא בת ביתוס איז גיוועזן די רייכשטע פון ירושלים האט זיא גיזאגט צו איר קנעכט גייא אויף דעם מארק אונ קויף מיר ווייסע זעמיל מעל איידער ער איז גיקומן אויף דעם מארק איז אלץ פר קויפט גיווארין איז ער גיקומען אונ זאגט קיין ווייסע זעמיל מעל איז ניט דא · פראסטע ווייסע מעל איז דא · האט זיא גיזאגט גיי קויף · איידר ער איז דער גאנגן האט ער די ווייסע מעל אויך פר זאמט איז ער ווידר גיקומען אונ זאגט קיין ווייסע מעל איז שוין אויך ניט דא נאר גראבע מעל איז דא · האט זיא גיזאגט גיי קויף · איידער ער איז דר גאנגן האט ער דיא גראבע מעל אויך פר זאמט איז ער גיקומן אונ האט גיזאגט קיין גראבע מעל איז אויך ניט דא גערשטין מעל איז דא · האט זיא גיזאגט גייא קויף · איידר ער איז דר גאנגן האט ער דיא גערשטין מעל אויך פאר זאמט זיא האט נאך ניט גיהאט אן גיטאן אירע שיך אזו האט זיא גיזאגט צוא איר קנעכט איצט וועל איך אליין גיין זעהן טאמר וועל איך עפעש קריגין עסין אונ וויא זיא איז גיגאנגען האט זיך באהעפט צואה פון איין בהמה אין אירע פיס איז זיא דר פון גישטארבין וויל זיא איז זייער איידיל גיצויגין גיווארין אונ אטייל זאגין זיא איז דער פון ניט גישטארבין נאר זיא האט אויף גיגעסן דיא פייג פון רבי צדוק אזוא איז זיא דער פון גישטארבין דען רבי צדוק האט גיוואוסט דאס דר בית המקדש וועט חרוב ווערן אזו האט ער גיפאסט פערציג יאר דאש דער בית המקדש זאל ניט חרוב ווערין אונ ווען ער האט גיגעסן האט מען פון אויסן ווייניג גיזעהן וואס ער האט גיגעסין אונ אלע נאכט ווען ער האט גיזאלט אן בייסין האט מען אים גיבראכט איין פייג האט ער זיא אויש גיזויגין אונ האט זיא דער נאך אוועק גיווארפין · דיא פייג האט מרתא גיפונן אונ האט זיא אויף גיגעסין פאר גרויש הונגר אונ איז דר פון גישטארבן פר מיאוסקייט

אונ אז זיא האט גיזאלט שטארבין האט זיא גיהייסן נעמן איר גאלד אונ זילבר אונ ווארפן אין דיא גאסן אונ האט גזאגט וואש דארף איך דאש נאך דעם טויט אזו איז מקוים גיווארין דר פסוק זייערע זילבר אונ גאלד וועלן זיי ווארפן אין די גאסין אונ דר קיסר איז גיגאנגן קיין רום אונ האט גישיקט טיטוס הרשע אונ אז ער איז גיקומן האט ער די שטאט איין גינומן אונ האט גיזאגט וואו איז דר גאט פון ישראל וואש זייא פר זיכערין זיך אין אים ווארום קומט ער זייא ניט העלפין אונ וואש האט טיטוס גטאן ער איז אריין גיגאנגען אין בית המקדש אין קדשי הקדשים וואש קיינער האט ניט גיטארט אהין אריין נאר דער כהן גדול אום יום כפור אונ האט גינומן: איין ספר תורה אונ האט איר פר שפרייט אויף דער ערד אונ זאט אויף איר שלעבץ גיטאן דר נאך האט ער גישטאכן מיט דר שווערד אין דעם פרוכת איז פון אים ארויס גיגאנגן בלוט האט דר רשע גמיינט ער האט גאט גטייט נאך מער האט דער רשע גיטאן ער האט גמאכט פון דעם פרוכת אזו וויא איין קארב אונ האט דרינען אריין גילייגט אלע כלים פון דעם בית המקדש אונ האט דאש גלייגט אויף איין שיף אונ איז גיפארין פון איין שטאט צו דר אנדרר אונ האט זיך דער מיט באריממט דאש ער איז זייער שטארק דען ער האט דאש בית המקדש חרוב גימאכט אונ וויא ער איז גיפארין אויף דעם ים איז גיקומן איין ווינט אונ האט גוואלט די שיף דר טרינקען האט טיטוס גיזאגט איך זעה דאש דר גאט פון די יהודים האט מער קיין שטארקייט ניט נאר אויף דעם וואשער ער האט מלחמה גיהאלטין מיט פרעה האט ער אים דר טרונקן אין וואשר אונ סיסרא האט ער אויך דר טרונקען אין וואשר אונ מיך וויל ער אויך דר טרינקען אין וואשר אויב ער איז שטארק לאז ער גיין אויף דר טריקעניש מיט מיר מלחמה האלטין אזו איז ארויש גיגאנגען אין בת קול פון דעם הימיל אונ זאגט דאש איינקיל פון עשו איך האב איין קליין באשעפעניש וואש איז קלענער פון אלע באשעפעניש דאש איז איין מין פליג קום אויף דר טריקעניש אונ מאך מיט איר מלחמה אזו איז ער ארויש גיגאנגען אויף דר טריקעניש איז אים די פליג אין דער נאז אריין גפלויגין אונ האט אים דעם מוח זיבן יאר

גילעבירט

גילעכערט · איין טאג איז ער פיר גיגאנגן פאר איין שמיד האט די פליג גהערט דעם קלאפ פון דעם האמער האט זיא זיך דר שראקין אונ איז שטיל גיבליבין פון צוא לעכערין האט טיטוס גיזאגט ווען עש איז דא איין הילף אזו האט ער אלע טאג גידונגען איין שמיד ער זאל פאר אים קלאפין כדי די פליג זאל שטיל זיין: איין הייד איין שמיד האט ער אלע טאג פיר גילדן גיגעבין אבר איין יהודי איין שמיד האט ער גאר ניט גיגעבין דען ער האט גיזאגט עש איז דיר גינוג דאש דוא זעהשט איין נקמה אין דיין פיינט ביז דרייסיג טאג איז די פליג שטיל גיבליבין פאר דעם קול פון דעם האמער אונ דר נאך איז דיא פליג גוואונט גיווארן אונ איז ניט שטיל גבליבן פאר דעם קול פון דעם האמער ביז ער איז גשטארבן דורך דר פליג די חכמים האבן גזאגט אז ער איז גישטארבין האט מען אים די קאפ אויף גיהאקט צו זעהן וואש דרינען איז אזוא האט מען גיזעהן די פליג אונ זיא איז אזו גרויש גיוועזן וויא איין טויב פון איין יאר אונ האט גיוואויגין צוויי פונט אונ דאש מויל איז גיוועזן פון קופער אונ די נעגיל פון אייזין אונ אז טיטוס האט גיזאלט שטארבן האט ער גזאגט מען זאל אים נאך זיין טויט פאר ברענען אויף אש אונ מען זאל צו שפרייטין דאש אש אויף זיבן ימים כדי דער גאט פון יהודים זאל אים ניט קאנען גיפינען צו משפטין אים · עש איז גיוועזן איינר וואש האט גיהייסין אונקלוס ער איז גוועזן דר זון פון דר שוועסטער פון טיטוס האט ער זיך גיוואלט מגייר זיין האט ער צו טיטוס גיפרעגט ווער איז חשוב אויף יענער וועלט האט ער גזאגט די ישראל האט אונקלוס גיזאגט זאל איך מיך מגייר זיין אונ באהעפטין זיך אין זיי האט טיטוס גיזאגט די ישראל האבין פיל מצות דו וועשט זיי ניט קענען האלטין טוא אזו זיי זייא מצער וועשטו ווערן איין עלצטער · אזו וויא אין פסוק שטייט היו צריה לראש די באליידיגער פון ישראל זיינען גיווארין צוא עלצטע האט אים אונקלוס גיפרעגט מיט וואש איז מען דיך דן אויף יענער וועלט האט טיטוס גזאגט מיט דעם וואש איך האב אויף מיר גיפסקנת מען זאמילט אלע טאג איין מיין אש אונ מען באשאפט מיך אונ מען פאר ברענט מיך אונ מען צו שפרייט מיין אש אויף זיבן ימים רבי אליעזר זאגט זעהט

וויא איין גרוישע זינד איז ווען מען איז איינעם מבייש דען וויל מען האט דעם בר קמצא מבייש גיוועזן אונ מען האט אים פון דר סעודה ארויש גיטריבן אזו האט אים גאט גיהאלפין אין זיין מסירה אונ האט פר ווישט זיין בית המקדש אונ האט פאר ברענט זיין פאליש דרום זאל איינער דעם אנדערין ניט מבייש זיין · אונ פון וועגין איין האן מיט איין הון איז חרוב גיווארן די שטאט טור מלכא דען עש איז גיוועזן איין מנהג ווען מען האט גיפירט איין חתן מיט איין כלה אונטער דר חופה האט מען פאר זי גטראגן איין האן מיט איין הון צו ווייזין זייא זאלין זיך מערן אזו וויא הינער איין מאל איז דורך גגאנגן איין חיל פון רום אונ האבין די הינער אוועק גינומען אזו זיינען די יהודים אויף זיי אן גפאלן אונ האבין זיי גישלאגין איז דאש חיל גיקומען צום קיסר אונ האבין גיזאגט די יהודים האבין אין דיר מורד גיוועזן איז דר קיסר גיקומן אויף זיי איז גיוועזן איין מענטש צווישין די יהודים וואש האט גיהייסן בר דרומא ער פלעגט געבן איין שפרונג אויף איין מייל אונ האט גיהרגת אלע וואש זיינען גישטאנען אין דר מייל האט דר קיסר גינומען די קרוין אונ האט זיא גלייגט אויף דר ערד אונ האט גיזאגט רבונו של עולם אויב דו ווילשט איך זאל אום קומן זאלשטו מיך ניט איבער ענטפערין מיט מיין פאלק אין דר האנט פון איין מענטשן אונ דר בר דרומא האט זיין מויל גישטרויכילט דען ער האט גיזאגט דו גאט האסט אונז פאר לאזט אונ גיישט ניט אין אונזערע מלחמות אזו איז ער גיגאנגען אין בית הכסא איז גיקומען איין שלאנג אונ האט אים גילאזט איין גיפט אין דיא גידערים איז ער גישטארבין אזו האט דר קיסר גזאגט וויל גאט האט מיר איין נס גיטאן דרום וועל איך איצונד דר שטאט ניט טאן אונ איז פון דר שטאט אוועק גיגאנגען אונ אז די יהודים האבין גיזעהן דאש דר קיסר איז אוועק גיגאנגען זיינן זיי פריילעך גיווארין אונ האבין גיגעסין אונ גיטרונקן אונ האבין פיל ליכט אן גיצונדין ביז מען האט פאר איין מייל פון דער שטאט גיקאנט זעהען דאש כתב וואש אויף דעם חותם פון איין פינגעריל איז · האט דר קיסר גיזאגט די יהודים שפעטן פון מיר אונ זיינען פריילעך אזוא האט ער זיך ווידער אום גיקערט צו דר שטאט דיא חכמים

האבין

האבן גיזאגט דריי הונדרט טויזנט מאן מיט בלויזע שווערדין זיינן מיט איין מאל אין דער שטאט ארין גיגאנגען אונ האבן גיהרגת דריי טאג אונ דריי נעכט אין איין זייט שטאט אונ אין דר אנדרר זייט שטאט האבן זיי גיטאנצט אונ גישפרונגען אונ האבן איינר פון אנדערין ניט גוואוסט אזו גרויש איז זיא גוועזן עש שטייט אין פסוק בלע יי ולא חמל את כל נאות יעקב דאש איז טייטש גאט האט פאר דארבין אונ האט זיך ניט דר בארימט איבר אלע וואונונג פון יעקב דאש מיינט מען זעקס הונדרט טויזנט שטעט האט ינאי המלך גהאט אונ אין איטליכר שטאט זיינען גיוועזן אזו פיל יהודים וויא פיל עש איז ארויש גיגאנגען פון מצרים אונ דרייא שטעט זיינן גיוועזן וואש אין איטליכר איז גוועזן טאפיל וויא פון מצרים איז ארויש גגאנגן אונ זיי האבן גיהייסין כפר סכניא אונ כפר שחלים אונ כפר דכריא אונ זיי זיינן אלע חרוב גיווארין עש זיינן גיזעסן דריי חכמים ביי אנאנדר האבן זיי גזאגט ווער עש ווייש עפעש צו זאגין פון דר שטאט כפר סכניא דר זאל זאגין האט דר ערשטר אן גיהויבין אונ האט גיזאגט עש איז גיוועזן איין מעשה איין בחור הט מקדש גוועזן איין בתולה אונ זיי זיינן ביידע גיפאנגן גיווארין צווישין די עובדי כוכבים אונ די עובדי כוכבים האבין זיי צו נויף גינומען זיי זאלין מיט אנאנדר וואונען האט זיא צו אים גזאגט איך בעט דיך דו זאלשט אן מיר ניט אן רירין דען איך האב פון דיר קיין כתובה ניט אזו בין איך צו דיר אסור האט דר בחור זיין יצר באצוואונגן אונ האט זיא ניט אן גירירט אונ דר אנדרר האט דר ציילט עש איז גיוועזן איין מעשה דאש עש איז גוועזן פערציג מאס ווייץ פאר איין גילדין איין טאג איז גווארן גיין אונ דרייסיג מאס פאר איין גילדין אזוא האבין זיי נאך גיזוכט פאר וואסער איין עבירה עש איז טייערער גיווארין האבין זייא גיפונען דאש איין פאטער אונ איין זון זיינן גילעגין אום יום כפור בייא איין בתולה וואש זיא איז גיוועזן מקודש צו איין מענטש האט זיי דאס בית דין פר שטיינט איז ווידר גיווארין פערציג מאס פאר איין גילדין האט דער דריטער דער ציילט איין מעשה עס איז גוועזן איין מענטש וואס האט פיינט גיהאט זיין ווייב אונ האט איר גיוואלט גט געבן אונ זיא האט גהאט איין גרויסע כתובה

אונ ער האט ניט גיהאט צו געבין אזו האט ער גמאכט איין גרויסע סעודה אונ האט פיל מענטשן גיבעטין אונ האט זיי אן גיטרונקן אונ האט זיי גילייגט אויף דעם בעט וואו זיין ווייב ליגט אונ האט גינומן דאש ווייסיל פון איין איי אונ האט גיווארפין צווישן זיי אונ האט גיבראכט עדות אונ האט זיי דאש גיוויזין גלייך וויא זיא האט מיט זיי מזנה גיוועזן כדי זיא זאל נעמען גט אן כתובה אונ ער איז גגאנגן צום בית דין אונ האט דאש גיוויזין איז גיוועזן צווישן זיי איין זקן האט ער גיזאגט איך האב מקבל גיוועזן פון מיין רבי דאס ווייסל פון איי ווערט הארט ווען מען האלט דאש אנטקעגין דעם פייער אונ זרע גייט ארין אין קלייד אנטקעגן דעם פייער האט מען דעם ליילעך גיהאלטן אנטקעגן דעם פייער איז דאס הארט גיווארין אונ איז אראפ גיפאלן אזו האט מען אים מלקות גישלאגן וויל ער האט גוואלט זיין ווייב מבייש זיין אונ ער האט איר גימוזט גט געבין מיט דער כתובה האט איינר גפרעגט ווען זיי זיינן אזו פרום גיוועזן ווארום זיינן זייא חרוב גיווארן האבין זיי גיזאגט וויל זיי האבן ניט רעכט גטרויערט אויף חורבן בית המקדש' דען אין פסוק שטייט זיי וועלין פרייליך זיין די אלע וואש טרויערין אויף ירושלים אבער די וואש טרויערן ניט רעכט אויף ירושלים די וועלן ניט זוכה זיין צו זעהן אין דער שמחה ווען זיא וועט גיבויט ווערין' אונ פון וועגין איין אקס פון איין וואגן איז חרוב גיווארן די שטאט ביתר דען זייער מנהג איז גיוועזן ווען ביי איינם איז גיבארן גיווארן איין זון האט ער גפלאנצט איין טענען בוים איין זכר אונ ווען ביי איינעם איז גיבארין גיווארין איין נקבה האט ער גפלאנצט איין טענען בוים איין נקבה אונ ווען מען האט זיי חתונה גימאכט האט מען זיי פון די ביידע בוימער איין חופה גימאכט איין מאל איז דורך גיפארן דעם קיסרש טאכטער איז איר צו בראכן גיווארן די אקס פון דעם וואגין האט מען אויס גיהאקט איין טענען בוים אונ מען האט איר איין אקס גימאכט זיינען די יהודים אויף זיי אן גיפאלין אונ האבין זיי גישלאגן זיינן זיי גיקומען צום קיסר אונ האבין דאש אים דר ציילט אזו איז ער גיקומען אויף דער שטאט ביתר מיט אכציג טויזנט הויבט לייט וואש איטליכר האט אונטער זיך גיהאט פיל חיל אונ האבין גיהרגת

טאנען

מַאנֶען אוּנ װײַבֶּער אוּנ קִינֶדער בִּיז דָאס בְּלוּט הָאט גִירוּנֶגען אִין יַם הַגָּדוֹל װָאשׁ עֶר אִיז גִיוֶוען אַיין מַייל פוּן דֶער שְׁטָאט דִיא חֲכָמִים הָאבִּין גִיזָאגְט עֶשׁ אִיז גִיוֶוען אַיין גְרױשֶׁער טַייךְ אִיז עֶר גִיוֶוען צְװֵיי חֲלָקִים װַאשֶׁער אוּנ אַיין חֵלֶק בְּלוּט פוּן דִי הֲרוּגִים װָאשׁ אִין בֵּיתָר אוּנ זִיבִּין יָאר הָאבִּין זֵיי דָארְטִין נִיט גִידַארְפְט מִיסְטִיגְן זַייעֶרֶע פֶעלְדֶר װַייל דָאשׁ בְּלוּט פוּן דִי הֲרוּגִים אִיז גִילֶעגִין רַבִּי חִיָיא זָאגְט אַיין זָקֵן פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאט מִיר גִיזָאגְט דָאשׁ אִין אַיין טָאל הָאט נְבוּזַרְאֲדָן גִיהַרְגֶת צְװֵייא הוּנֶדערְט אוּנ צֶעהֶען טױזִינְט מָאל צֶעהֶען טױזִינְט מֶענְטְשִׁין אוּנ אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאט עֶר גִיהַרְגֶת פִיר אוּנ נַיינְצִיג מָאל צֶעהֶען טױזִינְט מֶענְטְשִׁין אוֹיף אַיין שְׁטֵיין בִּיז דָאשׁ בְּלוּט הָאט גִירוּנֶען צוּ דֶעם בְּלוּט פוּן זְכַרְיָה הַנָּבִיא דָאשׁ דִי יִשְׂרָאֵל הָאבִּן אִים גִיהַרְגֶת אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ װִיא נְבוּזַרְאֲדָן הָאט גִיזֶעהֶן דָאס בְּלוּט װִיא עֶס זִיט אוּנ הֶערְט נִיט אוֹיף הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דִי יְהוּדִים װָאשׁ פַאר אַיין בְּלוּט אִיז דָאשׁ װָאשׁ עֶשׁ װִיל נִיט שְׁװַייגִין הָאבִּן זֵיי גִיזָאגְט דָאס אִיז דָאס בְּלוּט פוּן דִי קָרְבָּנוֹת װָאס עֶשׁ אִיז פַאר גָאסִין גִיװָארִין אוּנ װִיל נִיט רוּעֶן הָאט עֶר גִיהַיישִׁין בְּרֵיינְגֶען בְּלוּט פוּן קָרְבָּנוֹת אוּנ הָאט דֶער צוּ צוּ גִיגְלַייכְט אִיז דָאשׁ נִיט גְלַייךְ גִיוֶוען הָאט עֶר גִיזָאגְט װֶעט אִיר מִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת אִיז רֶעכְט אוּנ אוֹיבּ נִיט װֶעל אִיךְ רַייסִין אַייעֶר פְלֵייש מִיט אַייזֶערְנֶע קַאמֶען הָאבִּין דִיא יְהוּדִים גִזָאגְט װָאס זָאלִין מִיר לֵייקֶענֶן מִיר הָאבִּן גִיהַאט אַיין נָבִיא צְװִישִׁין אוּנְז װָאשׁ עֶר הָאט אוּנְז גִישְׁטְרָאפְט װַייל מִיר הָאבִּין בֵּייז גִיטָאן הָאבִּין מִיר אִים נִיט גִיװָאלְט לַיידִין אוּנ הָאבִּין אִים גִיהַרְגֶת אוּנ עֶשׁ אִיז שׁוֹין פִיל יָארִין דָאשׁ דָאשׁ בְּלוּט װִיל נִיט רוּעֶן · הָאט נְבוּזַרְאֲדָן גְזָאגְט אִיךְ װֶעל דָאס בְּלוּט מַאכִין רוּעֶן אוּנ הָאט גִינוּמֶן דִי חֲשׁוּבֵי לַייט פוּן יִשְׂרָאֵל דִי גְרױשֶׁע סַנְהֶדְרִין אוּנ דִי קְלֵיינֶע סַנְהֶדְרִין אוּנ הָאט זֵיי גִיהַרְגֶת אוֹיף דֶעם בְּלוּט אוּנ דָאשׁ בְּלוּט הָאט נִיט גִיװָאלְט רוּעֶן הָאט עֶר גִינוּמֶן בַּחוּרִים אוּנ בְּתוּלוֹת אוּנ הָאט זֵיי גִיטֵייט אוֹיף דֶעם בְּלוּט הָאט נָאךְ דָאס בְּלוּט נִיט גִיװָאלְט רוּעֶן הָאט נְבוּזַרְאֲדָן גִינוּמֶן דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם רַבִּי אוּנ הָאט זֵיי גִיהַרְגֶת אוֹיף דֶעם בְּלוּט הָאט דָאס בְּלוּט נָאךְ נִיט גִיװָאלְט רוּעֶן · הָאט נְבוּזַרְאֲדָן גִיזָאגְט זְכַרְיָה אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶע חֲשׁוּבֵי מֵמִית גִיוֶוען אוּנ דַיין בְּלוּט װִיל נִיט רוּעֶן װִילְשְׁטוּ אִיךְ זָאל אַלֶע מֵמִית זַיין אִיז בַּאלְד דָאשׁ בְּלוּט גִיבְּלִיבִּין שְׁטִיל אַזוּ הָאט זִיךְ נְבוּזַרְאֲדָן גִיטְרַאכְט דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבִּן נָאר אַיין נֶפֶשׁ מֵמִית גִוֶוען הָאט זֵיי גָאט אַזוּ גִשְׁטְרָאפְט מִכָּל שֶׁכֵּן אִיךְ װָאס אִיךְ הָאבּ פִיל טױזִינְט נְפָשׁוֹת גִיהַרְגֶת װֶעל אִיךְ בְּוַודַאי דֶער פַאר גִשְׁטְרָאפְט װֶערִין אַזוּ הָאט עֶר אַיין צַוָּואָה אַהֵיים גְשְׁרִיבִּין אוּנ אִיז אַװֶעק גְלָאפִין אוּנ הָאט זִיךְ מְגַייֵר גִוֶוען אוּנ אִיז גִיװָארְן אַיין גֵר צֶדֶק · עֶס אִיז גִיוֶוען אַיין מַעֲשֶׂה דָאס עֶס אִיז גִיפַאנְגֶן גִיװָארְן פִיר הוּנֶדְרְט בַּחוּרִים אוּנ פִיר הוּנֶדערְט בְּתוּלוֹת װָאשׁ מֶען הָאט זֵיי גִיװָאלְט מְטַמֵּא זַיין מִיט זְנוּת אוּנ זֵיי הָאבִּין דָאשׁ פַאר שְׁטַאנֶען הָאבִּין דִי בְּתוּלוֹת גִיפְרֶעגְט דִי בַּחוּרִים װֶען מִיר װֶעלִין זִיךְ אַרַיין װַארְפִן אִין יַם װֶעלִן מִיר הָאבִּין אַיין חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא הָאט דֶער עֶלְצְטֶר פוּן דִי בַּחוּרִים גִיזָאגְט צוּ זֵיי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אָמַר יְיָ מִבָּשָׁן אָשִׁיב אָשִׁיב מִמְּצוּלוֹת יָם גָאט הָאט גִזָאגְט אִיךְ װֶעל אוּם קֶערִן דִי װָאשׁ װֶעלִין װֶערִין דֶער טְרוּנְקֶען אִין טִיפִין יַם אוּנ װִיא דִי בְּתוּלוֹת הָאבִּין דָאס דֶר הֶערְט זַיינֶען זֵיי אַלֶע אִין יַם אַרַיין גִישְׁפְּרוּנְגֶען הָאבִּן דִי בַּחוּרִים גִיזָאגְט װֶען דִי בְּתוּלוֹת װָאשׁ זַיינֶן דֶר צוּ בַּשַׁאפִין גִיװָארִין זַיינֶן זֵיי דָאךְ אִין יַם אַרַיין גִישְׁפְּרוּנְגֶן מִכָּל שֶׁכֵּן מִיר װָאשׁ מִיר זַיינֶן נִיט דֶר צוּ בַּשַׁאפִין גִיװָארִין דַארְפִין מִיר בְּוַודַאי אִין יַם אַרַיין שְׁפְּרִינְגֶען אוּנ זַיינֶען אַלֶע אִין יַם אַרַיין גְשְׁפְּרוּנְגֶען אוֹיף זֵיי זָאגִין דִי יִשְׂרָאֵל צוּ גָאט כִּי עָלֶיךָ הוֹרַגְנוּ כָּל הַיּוֹם פוּן דַיינְט װֶעגִין װֶערִין מִיר גִיהַרְגֶת אַלֶע טָאג עֶס אִיז גִיוֶוען אַיין מַעֲשֶׂה אַיין אִשָּׁה הָאט גִיהַאט זִיבִּין זִין אוּנ מֶען הָאט זֵייא גִיפַאנְגֶן הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דֶעם עֶלְצְטִין זוּן פַאר דֶעם קֵיסַר · הָאט דֶער קֵיסַר צוּ אִים גִיזָאגְט בּוּק דִיךְ צוּ דֶעם בִּילְד הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה דָאשׁ גָאט הָאט גִיזָאגְט אִיךְ בִּין דַיין גָאט דְרוּם װִיל אִיךְ מִיךְ נִיט בּוּקִין צוּ דֶער בִּילְד הָאט מֶען אִים אַרױשׁ גִיצוֹיגִן אוּנ מֶען הָאט אִים גִיהַרְגֶת · דֶער נָאךְ הָאט מֶען גִבְּרַאכְט דֶעם אַנְדֶערִין זוּן פַאר דֶעם קֵיסַר הָאט דֶער קֵיסַר צוּ אִים גִיזָאגְט בּוּק דִיךְ צוּ דֶר בִּילְד הָאט עֶר גִיזָאגְט עֶשׁ שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה דוּ זָאלְשְׁט נִיט הָאבִּין קֵיין אַנְדֶערְן גָאט דְרוּם װִיל אִיךְ דַיין גָאט נִיט דִינֶן הָאט מֶען אִים אוֹיךְ אַרױס גִיצוֹיגִין אוּנ מֶען הָאט אִים גִיהַרְגֶת · דֶער נָאךְ הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דֶעם דְרִיטִין זוּן הָאט דֶער

קיסר צו אים גיזאגט בוק דיך צו דר בילד האט ער גזאגט עש שטייט אין דער תורה דו זאלסט דיך ניט בוקין צו קיין אנדערן גאט האט מען אים אויך גטייט. דער נאך האט מען גבראכט דעם פערטן זון האט דר קיסר צו אים גזאגט בוק דיך צו דר בילד האט ער גזאגט עס שטייט אין דר תורה דער וואש וועט שעכטין צו איין אנדערין גאט דר זאל ווערין פאר וויסט אזו האט מען אים אויך גיטייט. האט מען גיבראכט דעם פינפטין זון האט דר קיסר צו אים גיזאגט בוק דיך צום בילד האט ער גיזאגט עש שטייט אין דר תורה הער צו ישראל גאט אונזר גאט ער איז איין גאט האט מען אים אויך גיטייט. דער נאך האט מען גיבראכט דעם זעקסטין זון האט דער קיסר צו אים גיזאגט בוק דיך צום בילד האט ער גיזאגט עש שטייט אין דר תורה גאט דיין גאט איז צווישין דיר איין שטארקער אונ איין פארכטיגר דרום וויל איך דיין גאט ניט דינען האט מען אים אויך גיטייט. דר נאך האט מען גיבראכט דעם קלענסטין זון דעם זיבעטין האט דער קיסר צו אים גיזאגט מיין קינד בוק דיך צום בילד האט ער גיזאגט חס ושלום האט דער קיסר גיזאגט פאר וואש. האט ער גיזאגט עש שטייט גאט איז אין הימיל פון אויבין אונ אויף דר ערד פון אונטין אונ עש איז ניט דא מער קיין גאט אויך האבין מיר גישווארין דאש מיר זאלין אים ניט פר בייטין אויף איין אנדערין גאט. האט דר קיסר צו אים גיזאגט זעה דיינע ברידר האבין לאנג גילעבט אונ האבין פיל גוטש שוין גיהאט אזו איז קיין חידוש ניט וואש זיי האבין זיך גילאזט אום בריינגען אבער דוא האשט נאך ניט גיהאט קיין גוטש אונ בישט נאך יונג ניט לאז דיך ממית זיין אונ טוא מיין ווילין אזו וועל איך דיר פיל גוטש טאן האט דאש קינד גיזאגט עש שטייט גישריבין גאט וועט קיניגין ביז אייביג אונ איר עובדי כוכבים מיט אייער מלוכה וועלין אלע פאר שטערט ווערין היינט לעבשטו אונ מארגין שטארבשטו וואש בישטו מיט גאר דיין גוטש אבער גאט איז ביז אייביג האט דר קיסר צו אים גיזאגט זעה וויא דיינע ברידר ליגין טויט פאר דיר באטראכט דיך אונ טוא מיין ווילין איך וועל נעמען איין פינגעריל אונ וועל אראפ ווארפין אויף דר ערד אונ בייג דיך איין נאך דעם פינגרל כדי לייט זאלין מיינען דו בוקשט דיך צום בילד אונ בישט מקיים מיין גיבאט האט דאש קינד גיזאגט וויא גישריען אויף דיר קיסר דו נאר דו ווילשט האבין איך זאל מיך בוקין פון לייטנש וועגין דען דו שעמסט דיך פאר לייטין אונ וויא זאל איך מיך ניט שעמען אונ פארכטין פר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא וואש ער לעבט אייביג אונ ער איז דר באשעפר פון דר גאנצער וועלט זאגט דר קיסר איז דען דא איין גאט אויף דר וועלט. זאגט דאש קינד דוא שוטה ווען ניט אונזר גאט וויא וואלט גיווארין באשאפין דיא וועלט. ביי דיין בילד שטייט גישריבין ער האט איין מויל אונ קען ניט ריידין ער האט אויגין אונ קען ניט זעהען ער האט אויערין אונ קען ניט הערין ער האט פים אונ קען ניט גיין ער האט הענט אונ קען מיט זיי ניט טאן אבער ביי אונזר גאט איז אלץ פאר קערט זאגט דר קיסר ווען אייער גאט איז אזו שטארק ווארום איז ער אייך ניט מציל פון מיין האנט אזו וויא ער האט מציל גיוועזן חנניה מישאל ועזריה פון דעם קאלך אויבין וואש נבוכדנצר האט זיי אריין גיווארפין. האט דאש קינד גיענטפערט חנניה מישאל ועזריה זיינען פרום גיוועזן אונ זיינען ניט חייב גיוועזן דעם טויט. אונ נבוכדנצר איז איין רעכטער מלך גיוועזן דרום האט גאט דורך אים איין נס גיטאן אבער דו בישט ניט ראוי דר צו אונ מיר זיינן חייב דעם טויט פון וועגין אונזערע זינד ווען דו וועסט אונז ניט טייטין איז פאר האנדין פיל שלוחים צו גאט וואש קאנען אונז ממית זיין אבער גאט וועט זיך לסוף אין דיר נוקם זיין פון וועגין אונזר בלוט אזו באלד האט דער קיסר אים גיהיישין הרגנן האט די מוטר גיזאגט צום קיסר גיב מיר מיין קינד לאם איך אים האלזין אונ קושין פר זיין טויט האט מען איר דש קינד גיגעבן האט זיא גזאגט צום קיסר איך בעט דיך לאז מען מיך פריער טייטין האט ער גיזאגט איך טאר דאש ניט טאן דען עש שטייט אין דר תורה איין מוטער מיט איין זון זאלשטו ניט קוילין אין איין טאג האט דיא מוטער צו אים גיזאגט דוא שוטה האשטו דען מער קיין עבירה ניט גטאן אונ מען האט דאש קינד גיהרגת אזו האט די מוטער גיזאגט ליבע קינדר גייט צוא אברהם אבינו אונ זאגט אים ער האט גיבויט איין

מזבח אונ האט זיין זון יצחק גיוואלט שעכטין
אויף אים אונ איך האב גיבויט זיבין מזבחות
אונ האב זיבין זין מקריב גיוועזן ׳ ער איז נאר
גיפרובט גיווארין אונ איך האב דיא מעשה
גטאן ׳ די חכמים זאגן די זיבעטע קינד איז נאר
צווייא יאר מיט זעקס חדשים אלט גיוועזן אונ
אז מען האט דאש קינד גיטייט איז די מוטער
ארויף גיגאנגען אויף איין דאך אונ איז אראפ
גיפאלין אונ איז גישטארבין איז איין בת קול
גיקומן פון דעם הימיל אונ האט גיזאגט דיא
מוטר מיט אירע קינדר וועט זיך פרייען לעולם
הבא ׳ אמר רבי יוחנן רבי יוחנן האט גזאגט פערציג
מאס תפילין האט מען גיפונן אויף די קעפ פון
די הרוגים פון ביתר אונ ניין מאס גיהערין האט
מען גיפונן אויף איין שטיין פון ביתר אמר שמואל
שמואל האט גיזאגט פיר הונדערט מיט איין אונ
אכציג שולין איז גיוועזן אין ביתר אזוא פיל
וויא מלאתי באמרעפט אונ אין איטליכר שול
איז גיוועזן פיר הונדרט מלמדים אונ איטליכער
מלמד האט גיהאט פיר הונדרט תלמידים אונ
ווען איין שונא פלעגט צו קומן פלעגין זיי אים
דר שטעכין מיט טייט העלצער אונ היינט אז
דר שונא האט זיך גישטארקט האט ער זיי איין
גיוויקילט אין זייערע ספרים אונ האט זיי מיט
דיא ספרים פר ברענט עש איז גוועזן איין מעשה
דאש רבי יהושע בן חנניה איז גיקומען קיין
רום האט מען אים גיזאגט עש איז פר האנדן
איין פיין יודיש קינד אין דר תפיסה ׳ איז רבי
יהושע גיגאנגן אונ האט זיך גישטעלט אויף
דר טיר פון דר תפיסה אונ האט גיזאגט דעם
פסוק מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים ווער האט
גיגעבין צוא איין רויב יעקב אונ ישראל צוא
רויבער ׳ האט דאש קינד גיענטפערט הלא יי זו
חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך פאר וואר גאט האט
דאש גיטאן וויל מיר האבין צו אים גיזינדיגט
אונ ישראל האבין ניט גיוואלט הערן זיין תורה
האט רבי יהושע גיזאגט איך בין בטוח דאש
דאש קינד וועט שאלות פסקנן צווישין ישראל
דאש שווער איך דאש איך וועל פון דאנען ניט
אוועק גיין ביז איך וועל אים אויש לייזין פאר
וויא פיל געלט מען וועט וועלין פר אים אונ
עש איז ניט גיוועזן קיין לאנגע צייט דער נאך
ביז דאש קינד האט שאלות גיפסקית צווישין
ישראל ער איז גיוועזן רבי ישמעאל בן אלישע

עש איז גיוועזן איין מעשה דאש דר זון אונ די
טאכטר פון רבי ישמעאל כהן גדול זיינן גיפאנגן
גיווארין צו צוויי כותים איין מאל זיינן די צווייא
הארין זיך צו נויף גיקומען האט איינר גיזאגט
איך האב איין קנעכט וואש זיין גלייכין גיפינט
זיך ניט אין דר גאנצר וועלט זאגט דר אנדרר
איך האב איין דינשט וואש איר גלייכן איז ניט
דא אין דר גאנצר וועלט האבין זיי גזאגט לאמיר
זיי צו נויף פירין וועלין מיר זיך צו טיילין מיט
די קינדר אזו האבן זיי ביי נאכט צו נויף גפירט
זיי אין איין פינצטערין קאמר אונ זיי האבן ניט
גיוואושט דאש זיי זיינן שוועסטר אונ ברידר
אזו האט ער זיך גיזעצט אין איין ווינקיל אונ
האט גיוויינט אונ האט גיזאגט איך בין איין
כהן פון לויטר כהנים גדולים אונ זאל געמן איין
שפחה אונ זיא האט זיך גיזעצט אין דעם אנדרין
ווינקיל אונ האט גיוויינט אונ האט גיזאגט איך
בין די טאכטר פון איין כהן גדול וויא זאל איך
ווערן גינומן צו איין קנעכט אונ זיי האבן גוויינט
דיא גאנצע נאכט אונ אז עש איז טאג גיווארין
האבין זיי זיך דר זעהן אונ האבין זיך דר קענט
דאש זיי זיינן שוועסטר אונ ברידר האבן זייא
אן גיהויבין צוא וויינן אונ צו שרייען ביז עש
איז זיי ביידע די נשמה אויש גיגאנגן אויף זייא
האט ירמיהו גיקלאגט אונ האט גיזאגט דרויף
טוא איך וויינן מיינע אויגין טוען רינן וואשער
עש איז גיוועזן איין מעשה דאש איינר האט
גיגעבין זיין אויג אויף דער ווייב פון זיין רבי
וואש האט אים גילערינט איין מלאכה איין
מאל האט זיין רבי גידארפט געלט האט ער
אים גיבעטין ער זאל אים לייען האט ער צוא
אים גיזאגט שיק דיין ווייב צו מיר אהיים וועל
איך דיר שיקין געלט האט ער גישיקט זיין ווייב
אזו האט ער זיא ביי זיך גיהאלטן דריי טאג איז
זיין רבי צו אים גיקומען אונ האט אים גיפרעגט
וואו איז מיין ווייב וואש איך האב צו דיר גשיקט
האט ער גיזאגט איך האב זיא באלד אהיים
גישיקט נאר איך האב גיהערט דאש זיא האט
מיט בחורים מזנה גיוועזן אויף דעם וועג האט
זיין רבי צו אים גיזאגט וואש זאל איך טאן מיט
איר האט ער גיזאגט ווילשטו מיך פאלגין גיב
איר גט זאגט דער רבי זיא האט איין גרוישע
כתובה איך האב איר ניט צוא געבן האט ער
גיזאגט איך וועל דיר לייען האט ער גינומן דאס
געלט

געלט אונ האט איר געגעבין גט אונ די כתובה אונ וויא באלד זיין רבי האט איר גט גיגעבין האט ער זיא גינומן פר איין ווייב דער נאך איז גיקומן די צייט וואש זיין רבי האט אים גדארפט דאש געלט באצאלין האט ער אים ניט גיהאט צו באצאלין האט ער אים גיזאגט גיב מיר אפ מיין געלט האט ער גיזאגט איך האב ניט האט ער צו אים גיזאגט ווען דו האשט קיין געלט ניט מוזטו ביי מיר דינן דו זאלשט מיר דאש געלט אפ ארבעטין האט ער גימוזט ביא אים דינען אזו איז ער גיזעסן מיט זיין ווייב אונ האט גיגעסין אונ גיטרונקן אונ ער האט פר זיי גמוזט שטיין אונ האט זיי דיא בעכר וויין אן גיגאסין איז אים די טרערין גיפאלין אין דיא בעכר וויין דאש מאל איז אן גחתמת גיווארן דאס ירושלים זאל חרוב ווערין גאט זאל געבן דאש מיר זאלן זוכה זיין דאש ירושלים זאל ווידר גיבויט ווערן במהרה בימינו אמן · עש שטייט אין פסוק אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי דאש טוא איך גידיינקן אונ טוא פר גיסין אויף מיר מיין לייב דאש מיינט מען די ישראל זאגין צוא גאט רבונו של עולם איך טוא גידיינקן דאש גוטש אונ שלוה וואס איך האב גיהאט אונ איצונד האשטו דיך פון אונז דר ווייטרט דרום טוא איך וויינן אונ זאג ווער זאל מיך געבין אזו וויא איך בין פריער גוועזן דאש דר בית המקדש איז צווישן אונז גישטאנן אונ דו האשט גימאכט רוען דיין שכינה צווישן אונז אונ אלע פעלקר האבין מיך גילויבט אונ ווען איך האב תפלה גיטאן אויף מיינע זינד האשטו מיר באלד געענטפערט אונ איצונד בין איך פול מיט בושה אונ חרפה נאך מער האב איך צער ווען איך גייא פיר פר דעם הויז וואו די זרע פון אברהם אבינו פלעגין דרינן מקריב זיין קרבנות אונ די כהנים אונ לוים האבן דיך דרינן גילויבט מיט גיזאנג אונ מיט ארגלן אונ מיט הארפין אונ איצונד איז דאש חרוב דאש פוקסין אונ אלע חיות לויפין דרינען אבר וואש זאל איך טאן מיינע זינד האבין דאש גימאכט אונ די פאלשע נביאים וואש זיינן צווישן מיר גיוועזן זייא האבין מיך אראפ גיפירט פון דעם גוטין וועג צו דעם בייזין וועג עש שטייט אין פסוק אין ישעיה ויקרא יי אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד דאש איז טייטש גאט האט גירופין אין דעם טאג צו גיוויין אונ צו קלאג דען אין דר

צייט וואש גאט האט באגערט זיין הויז חרוב מאכין האט ער גיזאגט וויל איך בין דרינען דרום קען דר שונא דר צו גאר ניט טאן דרום וועל איך מיינע אויגין דער פון אוועק טאן אונ וועל שווערין דאש איך זאל דרויף קיין השגחה ניט האבין ביז עש וועט חרוב ווערין אזו האט גאט דרויף גישווארן ביי זיין רעכטע האנט אין דער צייט זייטן גיגאנגען דיא שונאים אין בית המקדש אריין אונ האבין עש פר ברענט אזו האט גאט גיזאגט איצונד האב איך ניט קיין וואונונג אויף דער ערד איך וועל אפ טאן מיין שכינה אונ וועל ווידער גיין אויף דעם הימיל אין מיין ערשטין וואונונג אין דר צייט האט גאט גיזאגט וואש האב איך גיטאן איך האב גלאזט רוען מיין שכינה אויף דר ערד פון וועגן ישראל אונ איצונד האבין זיי גיזינדיגט האב איך גמוזט ווידר גיין אין מיין ערשטן ארט אזוא וועל איך ח״ו זיין צו גישפעט אין די אויגין פון די פעלקר אין דר צייט איז גיקומן דר מלאך מטטרו״ן אונ איז גיפאלין פר גאט אונ זאגט רבונו של עולם לאז מיך וויינן האט גאט גיענטפערט צוא דיא מלאכים קומט מיר וועלן גיין אין מיין הויז אונ וועלין זעהן וואש דר שונא האט דרינן גיטאן אזוא זיינען זייא גיגאנגען אונ ירמיהו הנביא איז גיגאנגן מיט זיי אונ וויא גאט האט דאס בית המקדש דער זעהען האט ער גיזאגט דאש איז בוודאי מיין הויז אונ די שונאים האבין דרינען גיטאן וואש זיי האבין גיוואלט וואו זיינן מיינע כהנים וואו זיינן מיינע פריינד אבר וואש זאל איך אייך טאן איך האב אייך גינוג גיווערט אונ איר האט זיך ניט גוואלט קערין צו מיינע רייד דר נאך האט גאט גיזאגט צו ירמיהו איך בין היינט גלייך וויא איינער וואש האט איין זון גיהאט אונ האט אים איין חופה גימאכט אונ דר זון איז גישטארבין אין דר חופה איז ניט פאר האנדין קיין גרעשערר ווייטאג דר פון אזו איז מיר גיקומן פון מיין זון ישראל אונ גאט האט גיזאגט צו ירמיהו גייא רוף מיר אברהם יצחק ויעקב אונ משה לאזין זיי אויף שטיין פון זייערע קברים אונ לאזין וויינען דען זיי האבין פיל צוא וויינן איבר זייערע קינדר האט ירמיה גיזאגט איך ווייש ניט וואו משה איז באגראבין האט גאט צו אים גיזאגט גיי שטעל דיך ביא דעם ירדן אונ זאג בן עמרם שטייא אויף אונ פאסע

דיינע שאף דען די פיינט האבן זיי איין גשלונגן אזו באלד איז ירמיה גיגאנגן אין דר היל וואו דיא אבות ליגין אונ האט גיזאגט איר אבות שטייט אויף איר זייט ווארין באגערט צו קומן פר גאט האבין דיא אבות אים גיפרעגט וואש איז היינט מער וויא אלע מאל דאט ער גזאגט איך ווייש ניט דען ער האט מורא גיהאט זיי צו זאגין כדי זיי זאלין אים ניט זאגין דו בישט דאך זייער נביא גיוועזן ווארום האשטו זיי ניט רעכט גישטראפט זיי זאלין ניט זינדיגין דר נאך איז ירמיה פון דארטין גיגאנגען אונ האט זיך גישטעלט ביי דעם בארטין פון דעם ירדן אונ שרייט משה בן עמרם שטיי אויף עש איז דיא צייט דאש דו בישט ווארן באגערט צו קומען פאר גאט האט משה גיזאגט וואש איז היינט מער וויא איין אנדער מאל האט ירמיה גיזאגט איך ווייש ניט דען ער האט אים אויך ניט גוואלט זאגין איז משה גיגאנגן צו די מלאכים אונ זאגט צוא זיי איר דינער פון גאט ווייסט איר ניט וואש איך בין היינט ווארין בגערט פר גאט האבין די מלאכים אים גיזאגט דו ווייסט דען ניט דאש בית המקדש איז חרוב גיווארין אונ די ישראל זיינן פר טריבן גיווארן אזו האט משה אן גיהויבן צו שרייען אונ צוא וויינן ביז ער איז גיקומן צו די אבות האבן דיא אבות אויך אן גיהויבן צו שרייען אונ צו וויינן ביז זיי זיינן גיקומען אין דעם בית המקדש אונ זיי זיינן גיגאנגען פון איין טויער צום אנדערין אונ שרייען אונ וויינן גלייך וויא איינער וואש איין מת ליגט פאר אים אונ גאט האט גישריען אונ האט גיזאגט ווי ווי אין דער צייט איז גיקומען אברהם אבינו פאר גאט אונ וויינט אונ רייסט זיך זיינע האר אונ שיט אש אויף זיין קאפ אונ שרייט אונ קלאגט אונ זאגט פאר גאט ווארום בין איך ווארין פר ענדערט פון אלע פעלקער וואש איך בין גיקומען צו דר שאנד אונ פר שעמונג אונ אז די מלאכים האבן אים דר זעהען האבין זיי אן גיהויבין צו קלאגן שורות ווייש אונ האבן גזאגט צו גאט די וועגן וואש דוא האסט גימאכט דאש ישראל זאלין אויף גיין צום רגל קיין ירושלים וויא האשטו זיי חרוב גימאכט אונ וויא האשטו פר שוועכט די הבטחה וואש דו האשט מבטיח גיוועזן צו אברהם אבינו וואש ער האט דיך גימאכט דר קענן אויף דר גאנצר וועלט דאש דו בישט דר באשעפער פון דר וועלט אונ וויא האשטו פר שעמט די אויש דער ווילטע הייליגע שטאט ירושלים הט גאט גזאגט צו די מלאכים ווארום קלאגט איר אזו שורות ווייש האבן די מלאכים גזאגט פון וועגין דיין ליבין פריינט אברהם וואש איז גיקומען אין דיין הויז אונ קלאגט אונ וויינט האט גאט גיזאגט פון דעם טאג אן וואש מיין ליבער פריינט אברהם איז גישטארבין איז ער ניט גיוועזן אין מיין הויז אונ וואש וויל ער איצונד אין מיין הויז · האט אברהם גיזאגט פאר גאט ווארום האשטו פאר טריבין מיינע קינדר אונ האשט זיי איבר גיענטפערט אין די הענט פון די בייזע היידין אונ זיי האבין דיא גיטייט מיט אלערליי מיתות משונות אונ דוא האשט פאר ווישט דאש ארט וואש איך האב דארטין מיין זון פאר איין קרבן גיבראכט האט גאט גענטפערט זיי האבין גיזינדיגט אונ האבן עובר גיוועזן אויף כל התורה אונ אויף דעם גאנצין (א״ב) האט אברהם גיזאגט רבונו של עולם ווער וועט עדות זאגין אויף ישראל דאש זיי האבין דאש עובר גיוועזן האט גאט גיזאגט די תורה זאל קומן אונ זאל עדות זאגין אזו איז גיקומען די תורה אונ האט גיוואלט עדות זאגין האט אברהם צו איר גיזאגט מיין ליבע טאכטר דו ווילשט עדות זאגין אויף ישראל דאש זייא האבין דיך עובר גיוועזן וויא שעמשטו דיך ניט פאר מיינע קינדר גידיינק אין דעם טאג וואש מען האט דיך גיגעבין האט דיך גאט ארום גיטראגין צו אלע פעלקר אונ קיינער האט דיך ניט גיוואלט מקבל זיין ביז מיינע קינדר זיינען גיקומען צום בארג סיני אונ האבין דיך מקבל גיוועזן אונ האבן דיך גהערט אונ היינט ווילשטו איבר זיי עדות זאגין אין זייערע צרות אזו באלד האט זיך די תורה גישטעלט אויף איין זייט אונ האט ניט גיוואלט עדות זאגין האט גאט גזאגט צו אברהם לאזין קומען די צוויי אונ צוואנציג אותיות פון (א״ב) אונ זאלין עדות זאגן אזו באלד זיינען גיקומען דיא אותיות אונ האבין גיוואלט עדות זאגין איז גיקומן צום ערשטין די (א) אונ האט גיוואלט עדות זאגין האט אברהם צו איר גיזאגט (א) דוא בישט דאש ערשטע אות פון אלע אותיות אונ ווילשט עדות זאגן אויף מיינע קינדר אין זייערע צרות גידיינק דעם טאג וואש

גאט האט דיא תורה גיגעבין אויף דעם בארג סיני אונ האט אן גיהויבין מיט דער (א) אנכי האט דיך קיינער ניט גיוואלט מקבל זיין נאר די ישראל אונ איצונד ווילשטו אויף זיי עדות זאגן אזו האט זיך די (א) גשטעלט אויף איין זייט אונ האט ניט גיוואלט עדות זאגן · דער נאך איז גיקומען די (בי"ת) אונ האט גוואלט עדות זאגן האט אברהם צו איר גיזאגט דו ווילשט עדות זאגין אויף ישראל גידיינק אין דער תורה וואש זיא הייבט זיך אן מיט איין (בי"ת) בראשית האט זיא קיינר ניט גיוואלט מקבל זיין נאר ישראל אונ דו ווילשט אין זייא עדות זאגין אזו באלד האט זיך די (בי"ת) גישטעלט אויף איין זייט אונ האט ניט גיוואלט עדות זאגן · דר נאך איז גיקומען די (גימ"ל) אונ האט גוואלט עדות זאגן האט אברהם צו איר גיזאגט דו ווילשט עדות זאגין אויף ישראל וואו איז איין פאלק וויא ישראל וואש זיינען מקיים מצות ציצית וואש זיא הייבט זיך אן מיט איין (גימ"ל) אזו וויא אין פסוק שטייט גדלים תעשה לך דו זאלשט דיר מאכן ציצית אזו באלד האט זיך די (גימ"ל) גשטעלט אויף איין זייט אונ האט ניט גיוואלט קיין עדות זאגין · אונ אז די אנדערע אותיות האבן דאש דר זעהן וויא אברהם האט זיי גמאכט שווייגן האבין זיי זיך גישעמט אונ האבין ניט גיוואלט גיין עדות זאגין · אזו באלד האט אברהם אן גיהויבין צו זאגין פאר גאט רבונו של עולם צו הונדרט יאר האשטו מיר איין זון גיגעבין אונ אז ער איז אלט גיוועזן זיבין אונ דרייסיג יאר האשטו מיר גיזאגט איך זאל אים שעכטן פאר איין קרבן אונ איך האב איין גיהאלטין מיין רחמנות אונ האב אים אליין גיבונדן זאלשטו מיר דאש ניט גידיינקען אונ זאלשט דיך ניט דר בארימען איבר מיינע קינדר · דר נאך האט יצחק אן גיהויבין אונ האט גיזאגט רבונו של עולם אז מיין פאטער האט מיך גיוואלט פאר איין קרבן ברייננגן האב איך פון דיינט וועגין מיך אויף גיהאלטין מיט מיין גוטין ווילין אונ האב מיך גילאזט בינדין אויף דעם מזבח אונ האב מיין האלז גישטרעקט צו שעכטין אונ דו ווילשט מיר דאש ניט גידיינקען אונ ווילשט דיך ניט דר בארימען איבר מיינע קינדר · דר נאך האט יעקב אן גיהויבין אונ האט גיזאגט רבונו של עולם צוואנציג יאר האב איך גדינט בייא לבן פון וועגין מיינע קינדר אונ אז איך בין פון אים אוועק גיגאנגן האט מיך באגעגינט מיין ברודר עשו הרשע אונ האט מיך גוואלט הרגן מיט מיינע קינדער האב איך מיין לעבין איין גשטעלט פון וועגין מיינע קינדר אונ הייגט זיינן זיי איבער גיענטפערט אין די הענט פון זייערע פיינט אזו וויא שאף וואש מען וויל קוילין אונ איך האב זיי דר צויגין אונ דו גאט זאלשט דש מיר ניט גידיינקען אונ זאלשט דיך ניט דער בארימען איבר מיינע קינדר · דר נאך האט משה אן גיהויבין אונ האט גיזאגט רבונו של עולם בין איך דען ניט גוועזן איין וואר האפטיגר פאסטוך איבר ישראל פערציג יאר אונ בין פר זיי גילאפין אין דר מדבר מיט גאר מיין כח אונ אז עש איז גיקומען די צייט זיי זאלין גיין אין דעם הייליגין לאנד האשטו אויף מיר גיבאטין איך זאל שטארבין אין דר מדבר אונ זאל אהין ניט קומען אונ איצונד אז זייא זיינען שוין פאר טריבין גיווארין האשטו נאך מיר גישיקט איך זאל וויינען אונ קלאגין · אין דר צייט האט משה גיזאגט צו ירמיהו קום מיט מיר איך וועל זייא פון דעם גלות ארויש נעמן אונ וועל זעהן ווער עש וועט זיי פון מיין האנט ארויש נעמן האט ירמיה גזאגט מען קאן ניט גיין ווייל פיל הרוגים ליגין אויף דעם וועג · האט משה גיזאגט פון דעסט וועגין וועלין מיר גיין אזו איז גיגאנגען משה אונ ירמיה אונ אז זיי זיינען גיקומן צום טייך פון בבל האבין די ישראל דר זעהן משה האבין זיי גיזאגט איינער צום אנדערן משה איז אויף גישטאנען פון זיין קבר ער וועט אונז אויש לייזין פון אונזערע באליידיגר · איז גיקומן איין בת קול פון דעם הימיל אונ האט גיזאגט עש איז אזו איין גזירה פאר מיר עש קאן אנדערש ניט זיין · האט משה גיזאגט צו ישראל מיינע ליבע קינדער איך קאן אייך אויך ניט ארויש נעמען דען עש איז אזו נגזר גיווארין פאר גאט דר האר גאט זאל אייך דר לייזין אונ אז זייא האבין דאש דר הערט האבן זיי אלע אן גהויבן צו וויינען אזו וויא אין פסוק שטייט על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו ביי דעם טייך בבל זיינען מיר גיזעסין אונ האבין גיוויינט דר נאך איז משה גיגאנגען צו די אבות האבין זיי גיזאגט וואש האבין די שונאים גיטאן מיט אונזערע קינדער האט משה גיזאגט איין טייל האבין זיי גיהרגט

און

און איין טייל האבן זיי די הענט אהינטער גבונדן
און איין טייל זיינען גיפאנגען און איין טייל
ליגן נאקעט אין די גאסין טויט און די חיות עסן
זייער פלייש · האבין זיי אלע מיט אנאנדר אן
גיהויבין צו שרייען אוי ווייא גישריען וואש איז
גישעהען צו אונזערע קינדר וויא זייט איר אזו
פר לארין אן איין פאטר וויא האט איר גשלאפן
אויף דר קעלט זומער און ווינטר אן קליידער
וויא מוזט איר גיין אויף די בערג און שטיינר
בארוויס אן שיך וויא זיינן אייערע הענט גבונדן
אהינטער דר נאך האט משה גיזאגט פאר פלוכט
זאל זיין די זון ווארום איז זיא ניט פינצטר גווארן
אין דר שעה וואש דר שונא איז אריין גיגאנגן
אין בית המקדש האט די זון צו אים גיענטפערט
משה דו וואר האפטיגער פאסטוך וואש האב
איך גיקאנט טאן מען האט מיך גישלאגן זעכציג
שלעק מיט איין פייעריגע רוט און מען הט מיר
גיזאגט גייא לייכט דיין ליכט · דער נאך האט
משה גיזאגט אוי ווייא גישריען אויף דעם
לויטערקייט פון דעם בית המקדש וואש איז פר
פינצטערט גיווארין אוי ווייא וויא איז גיקומן
די צייט וואש דו בישט חרוב גיווארין און דש
היכל איז פאר ברענט גיווארין און די פאטרש
מיט די קינדר גייען אין גלות און אין גפיינקניש
דר נאך האט משה גיזאגט איר פאנגערש איך
ביי שווער אייך ביי אייער לעבין דש איר זאלט
די ישראל ניט טייטין מיט איין אום דר בארמיגן
טויט און זאלט זיי ניט גאר פאר דארבין און
איר זאלט ניט טייטין איין זון פאר איין פאטער
און מוטר דען עש ווערט ווידר קומען די צייט
וואש אונזר גאט ווערט פון אייך חשבון אפ נעמן
און די שונאים האבין ניט אזו גטאן נייערט זיי
האבין פלייסיג גיבראכט איין קינד און האבין
גיזאגט צום פאטר ער זאל דאש שעכטן און דר
פאטר האט דאש גימוזט אליין שעכטין האט
משה גיזאגט רבונו של עולם עש שטייט אין

דר תורה מען זאל ניט שעכטן איין זון מיט איין
פאטר אין איין טאג און די רשעים האבן פיל
פאטר און מוטער מיט זייערע קינדר אין איין
טאג גישאכטין און דו שווייגסט · אין דעם איז
גיקומן רחל אונזער מוטר פאר גאט און האט
גיזאגט רבונו של עולם דוא ווייסט דאש דיין
קנעכט יעקב האט מיך זייער ליב גיהאט און
האט מיין פאטר פאר מיר גידינט זיבין יאר און
אז די זיבין יאר זיינען אויש גיגאנגען און עש
איז גיקומען די צייט פון דער חתונה האב איך
גיהערט דאש מיין פאטר וויל מיך צו אים ניט
געבין נאר מיין שוועסטר לאה האב איך דאש
מיין מאן יעקב גיזאגט און האב מיט אים איין
סימן גימאכט ער זאל ווישין וועלכע מען וועט
אים געבן כדי מיין פאטר זאל ניט קענען פאר
בייטין דר נאך האב איך חרטה גהאט און האב
מיך דר בארימט איבר מיין שוועסטר לאה זיא
זאל ניט מבויש ווערין און האב זיא אויש
גילערינט דיא סימנים וואש יעקב האט מיר
איבר גיענטפערט כדי יעקב זאל ניט ווישין דש
זיא איז לאה און איך האב פאר איר גרעט כדי
יעקב זאל זיא ניט דר קענען אין קול און איך
האב אין איר ניט מקנא גיוועזן און היינט ווען
רבונו של עולם איך בין איין מענטש פון בלוט
און פלייש און פון ערד און אש און האב ניט
מקנא גיוועזן מיין שוועסטר און דו בישט איין
דר בארימיגר גאט ווארום האשטו מקנא גוועזן
אין ישראל וואש האבין גידינט עבודת כוכבים
וואש האט דיר גישאט דר בילד וואש ער הט
קיין ממש ניט און האשט דורך דעם פר טריבן
מיינע קינדר און די פיינט האבין מיט זיי גטאן
וואש זיי האבין גיוואלט אזו באלד האט זיך
גאט דער בארימט און האט גיזאגט רחל פון
דיינט וועגן וועל איך די ישראל ווידר קערן צו
זייער לאנד קיין ארץ ישראל אמן סלה:

# ספר קהלת

א דברי קהלת דאש זיינען די שטראף רייד וואס
שלמה המלך האט גזאגט וואס זיין נאמן
איז גיוועזן קהלת ווייל ער האט איין גיזאמילט
פיל חכמות און נאך איין פשט איז דרום האט
ער גיהייסין קהלת ווייל ער פלעגט אלץ זאגין
זיין חכמה פאר פיל לייט וואש האבין זיך איין
גיזאמילט צו הערין זיין חכמה מלך בירושלים ער
איז גיוועזן איין מלך אין ירושלים וואש דאש איז

אין שטאט פון פיל חכמות הבל הבלים אמר קהלת
שלמה האט גיזאגט אלע באשעפעניש פון דער
וועלט זיינען נארעש מה יתרון לאדם וואש פאר
איין איבעריגן שכר קומט ארויש דעם מענטשן
פון זיין ארבעט אונ האנדיל פון דר וועלט ווען
ער לערינט קיין תורה ניט דור הולך ודור בא וואס
זאל דער מענטש פיל גזילות טאן צו איין זאמלן
פרעמדע געלט עש וועט ביי אים ניט בלייבן
עש וועט קומען נאך איין דור נאך אים אונ וועט
עס אוועק נעמן פון זיינע קינדער אבר די צדיקים
וואש לערנן תורה אונ טוען מצות די בלייבין
אייביג שטיין דאש זיי נעמען מיט זייערע גוטע
מעשים אויף יענער וועלט • וזרח השמש דאש
געלט וואש דער רשע זאמילט איין מיט אום
רעכט בלייבט עש ביי אים ניט גלייך אזו וויא
די זון גייט אויף אין דר פריא אונ פר גייט אויף
דר נאכט • כל הנחלים הולכים אל הים אזו וויא אלע
טייכין גייען אין ים אריין אונ דר ים איז ניט פול
ווייל זיי קוועלן ווידר צוריק אין די טייכין אונטר
דער ערד אזו אויך איז דער רשע אזו וויא ער
איז גיקומן אויף דר וועלט אזו וועט ער אוועק
גיין אונ וועט גאר ניט מיט נעמן מיט זיך כל
הדברים יגעים אלע זאכין וואש דער מענטש פר
גייט פאר זיי די תורה די מאכין אים מיד לא
יוכל איש לדבר דער מענטש וועט ניט קענן אויס
ריידין אלע דברים בטלים אונ דאש אויג וועט
ניט ווערין זאט פון צו זעהען אונ דער אויער
וועט ניט ווערין פול פון צו הערין דרום זאל
דער מענטש ניט נאך גיין נאך דברים בטלים
דען ער וועט קיין חידוש ניט זעהען מה שהיה
הוא שיהיה וואש עש איז גיוועזן פון לאנג אן דאס
וועט ווייטער אויך זיין אבער ניט קיין חידוש
יש דבר עש איז פאר האנדין איין זאך וואס איין
מענטש וועט דרויף זאגין זעה דאש איז איין
נייע זאך אבער אין אמת איז דאש פון פריער
אויך גיוועזן נאר די לייט גידיינקן דאש ניט דרום
דאכט זיך זיי אז דאש איז איין חידוש אבר די
וואש לערנן תורה די גיפינן אלע מאל חידושים
אין דער תורה וואש מאכין דער פרייען דאש
הארץ אני קהלת איך שלמה בין גיוועזן איין מלך
איבער דער גאנצער וועלט אונ דר נאך איבר
ישראל אליין אונ דער נאך איבר ירושלים אליין
אונ דער נאך האט מיך דר אשמדי פאר ווארפן
נאר פיר הונדערט מייל אונ איך האב ניט מער

גיהאט מיט מיר נאר מיין שטעקין דער תרגום
שרייבט אויף דעם פסוק אז שלמה איז גיזעסין
אויף זיין שטול האט ער זיך גיהאלטין בגאוה
ווייל ער איז איין גרוישר עושר גיוועזן אונ האט
עובר גיוועזן אויף די דריי מצות וואש גאט הייסט
פר באטין צו איין מלך דאש ער זאל ניט האבן
קיין פיל פערד אונ קיין פיל געלט אונ קיין פיל
ווייבער אבר שלמה האט זיך פאר לאזט אויף
זיין חכמה אונ האט גינומען פיל ווייבר אונ זיי
האבין אים אן גירעט צו פיל בייז ונתתי את לבי
זאגט שלמה המלך איך האב גיגעבן מיין הארץ
צו זוכין אין דר חכמה האב איך פר שטאנן דאס
גאט האט גיגעבן איין זאך פר די לייט זיי זאלין
זיך פירין דרינען • כלומר גאט האט גיגעבן דעם
האנדיל פאר די לייט דאש ער קאן דורך דעם
קומען צום אייביגין לעבין ווען ער האנדילט
ערליך • אונ ער קאן ווידר קומן צו פיל שטראף
ווען ער האנדילט ניט ערליך אונ פאר לאזט די
תורה דער תרגום שרייבט שלמה האט גיזאגט
אין גבעון האט מיך גאט גיפרעגט וואש איך
באגער פון אים • האב איך גיבעטן פון אים ער
זאל מיר געבין פיל חכמה צו ווישין אלע זאכין
אזו האב איך גיזעהען אין די מעשים פון גאט
וואש ער האט גיגעבן צו די לייט צו פייניגן זיי
ווען זיי פירין זיך מיט אום רעכט אונ דאס זיינן
זיי מעות לא יוכל לתקן ווען איין מענטש פר קרימט
אונ טוט עבירות אונ שטארבט אן תשובה אזו
קען ער שוין ניט פאר ריכטין אויף יענר וועלט
אונ דר מענטש וואש מינערט זיך פון צו לערנן
תורה אונ צו טאן מצות דער קען ניט גיציילט
ווערין צווישן די צדיקים אויף יענער וועלט אין
גן עדן • דברתי אני עם לבי לאמר זאגט שלמה היינט
אז איך בין אפ גיקומען פון מיין גדולה טראכט
איך מיר אין מיין הארץ ווער וואלט אויף מיר
גיזאגט דאש איך זאל קומען צו אזו איין זאך
דאש איך זאל אזו נידעריג זיין • איך בין דאך
זייער חשוב גיוועזן אונ האב גמערט חכמה מער
וויא אלע וואש זיינן פר מיר גיוועזן אין ירושלים
אונ איך האב גיגעבן מיין הארץ צו ווישן פיל
חכמה אונ אלע האנדלן האב איך גיזעהן דאס
עש איז אלץ נארעש אונ איין צו בראכענע
גימיט צו די לייט וואש האבין פיל חכמות •
כי ברוב חכמה רב כעס דען ווען דר מענטש האט
פיל חכמה קומט פון אים פיל צארין צו גאט

אזו

ז וויא איך שלמה האב עובר גוועזן אויף דעם
כבאט פון גאט אונ האב איין גזאמילט פיל פערד
ונ האב מיך פאר לאזט אויף מיין חכמה דאס
יך וועל ניט אום קערין דאש פאלק קיין
צרים אבר מיין חכמה האט מיר ניט גיהאלפן
ונ איך האב זיי דורך די פיל פערד אום גקערט
יין מצרים · אונ איך האב מיך פר לאזט אויף
יין חכמה אונ האב גינומן פיל ווייבער · אונ
יי האבין מיך גמאכט זינדיגין · דאש איז מיר
לין גיקומן דורך מיין גרויש חכמה · דר תרגום
טרייבט כי ברוב חכמה רב כעס דער מענטש וואס
ערינט פיל תורה אונ טוט איין עבירה דער
קומט פיל צארין פון גאט דען גאט שטראפט
עם צדיק זייער אפילו אויף איין קליינע עבירה
וסיף דעת יוסיף מכאוב אונ דער וואש האט פיל
שכל אין דער תורה אונ שטארבט יונג · דער
זוט מערן פיל ווייטאג אונ טרויערקייט צו זיינע
קרובים : ב אמרתי אני בלבי זאגט שלמה וויל די
חכמה ברייגנט דעם מענטשין צו פיל בייז ·
האב איך מיר גטראכט אין מיין הארץ איך זאל
מיין לייב תענוגים אן טאן מיט וויין טרינקען
אזו האב איך גיזעהן דאש בלשאצר המלך האט
אלע צייט גרוישע סעודות גימאכט אונ איז
דורך דעם גיטייט גיווארן · אונ ביי נח אונ לוט
איז אויך פיל בייז גיקומען פון דעם טרינקען ·
הגדלתי מעשי אז איך בין גיוועזן ביי מיין מלוכה
האב איך מיר גמאכט חשובי זאכין · איך האב
יבויט שיינע הייזער אונ האב גיפלאנצט וויין
גערטנר · עשיתי לי גנות איך האב מיר גימאכט
גערטנער מיט אלערליי בוימער אונ אלערלייא
פירות · דען שלמה המלך האט גיוואושט
וועלכע ערד עש איז גוט צו פלאנצין פעפער
האט ער דארטין גיפלאנצט פעפער אונ וועלכע
ערד עש איז גוט צו באקסארן האט ער דארטין
גיפלאנצט באקסארן אונ אזו אויך אלע פירות ·
עשיתי לי ברכות מים איך האב מיר גימאכט טייכן
וואשר צו אן טרינקן פון זיי די גערטנר · קניתי
עבדים איך האב גיקויפט קנעכט אונ דינשט
מיידין · אונ האב גיהאט צוועלף שרים וואש
איטליכער האט מיך איין חודש גישפייזט מיט
מיין פאלק אונ האב גהאט פיל בהמות מער וויא
אלע וואש זיינן פאר מיר גיוועזן אין ירושלים ·
כנסתי לי איך האב מיר איין גיזאמילט פיל זילבר
אונ גאלד · אונ אוצרות פון מלכים אונ סוחרים ·

אונ אלערליי כלי זמרים האבין פאר מיין טיש
גישפילט · אונ האב מיר גימאכט רייט וועגין
אונ היינג וועגן אונ האב פיל חכמות גיטאן אונ
האב די תורה ניט פר געסין אונ אלץ וואס די
סנהדרין האבין מיך גיפרעגט דינים אונ איסור
והיתר האב איך זיי אלץ באשייד דען איך האב
צייט גיהאט צו לערנן אבער דר שכר פון עולם
הבא דאש איז מיין חלק פון אלע מיינע ארבעט
ופניתי אני דען איך האב מיך גיקערט אין אלע
מיינע מעשים זעה איך דאס איך בין גימינערט
פון זיי נאר דאש שכר פון דר תורה אונ מצות
דאש בלייבט מיר אויף עולם הבא ופניתי אונ
איך האב מיך אפ גיטאן פון די אלע מעשים אונ
האב גילערינט תורה אונ די עונשים פון דיא
עבירות כדי גאט זאל אויף מיר ניט גוזר זיין איין
בייזע גזירה דען ווען די גזירה גייט שוין ארויס
פון גאט העלפט שוין ניט קיין גיבעט דרום האב
איך פריער גיזעהן ניט צו קומען צו איין גזירה
פון גאט החכם עיניו בראשו דער חכם טראכט
פריער אויף איין זאך וואש דער סוף קען דר פון
זיין אבער דר רשע איז גלייך וויא איינר וואס
גייט אין דר פינצטר ער טראכט ניט וואס דר
סוף וועט דר פון זיין אונ חאטשע איך לויב דעם
חכם מער וויא דעם רשע פון דעשט וועגין
ווייס איך וואול דאש ביידע וועלין שטארבין
ואמרתי אני בלבי האב איך מיר גטראכט אין מיין
הארץ וויל דער חכם אונ דער רשע שטארבן
ביידע גלייך אונ ווארום זאל איך דען זיין איין
צדיק האב איך מיך ווידער בטראכט דאס איך
רייד ניט רעכט דען עס איז ניט גלייך דר זכרון
פון איין צדיק צו דעם זכרון פון איין רשע דען
דעם צדיק דער מאנט מען צו גוטין אונ ער לאזט
איין גוטין זכרון צו זיינע קינדר דאס זיי האבין
כבוד דורך אים אבער דער רשע ווען ער
שטארבט טוט מען אים דער מאנען צו בייזין
אונ עש איז איין חרפה צו זיינע קינדער אונ
חאטשע ער האט גיהאט הצלחה אונ עשירות
בייא זיין לעבין ווערט דאש אלץ פאר געסין
ושנאתי אני את כל עמלי אונ איך האב פיינט דיא
מעשים וואש איך האב גיארבעט וויל איך מוז
זיא לאזין צו איין מענטשין וואש וועט זיין נאך
מיר אונ ווער ווייסט אויב ער וועט זיין איין צדיק
אדער איין רשע אונ ער וועט מיר ירשנן ויסבותי
אונ איך האב מיך מיאש גיוועזן דאש איך זאל

מיך

מיך ניט מיען צו ארבעטין דען עש איז פאר האנדין איין מענטש וואש מיעט זיך צו איין זאמלען געלט מיט רעכט פארטיקייט אונ צוא איין מענטשן וואס ער האט זיך דרינן ניט גימיט טוט ער לאזין זיין חלק דאש איז אויך נארעש אונ פיל בייז כִּי מֶה הֹוֶה לָאָדָם דען וואש פאר איין רווח האט דער מענטש ווען ער זאמילט איין געלט מיט זארג אונ דר נאך מוז ער דאס איבר לאזין צו איין אנדערן מענטשן כִּי כָל יָמָיו מַכְאוֹבִים דען אלע זיינע טעג וואש דער מענטש לעבט איז ער פול מיט ווייטאג אונ אפילו ביי נאכט טוט זיין הארץ ניט רוען דאש איז אויך נארעש אֵין טוֹב בָּאָדָם איז דען ניט גוט פר דעם מענטשן דאש ער זאל עסין אונ טרינקן אונ זאל ווייזן זיין לייב צו טאן גוטש מיט זיין געלט כִּי מִי יֹאכַל וּמִי יָחוּשׁ חוּץ מִמֶּנִּי דען ווער דען איז ראוי צו עסין פון מיין געלט חוץ מיר וואש איך האב מיך דערינן גימיט צו איין זאמלען עש כִּי לְאָדָם דען צו דעם מענטשין וואש איז גוט פאר גאט דעם גיט גאט איין גוט הארץ ער זאל תורה לערנן אונ זאל זיך משמח זיין בחלקו צו עסין אונ צו טרינקן אונ צו גיין אין שיינע קליידר אונ צום רשע גיט גאט איין הארץ צו איין זאמלען פיל געלט אונ דער נאך גיט עש גאט צו איין צדיק אזו וויא מיר גיפינען דאש עשירות פון המן איז אן גיקומן צו מרדכי ואסתר: ג לַכֹּל זְמָן איין מענטש זאל זיך ניט משמח זיין דער מיט וואש ער האט פיל געלט איין גיזאמילט דען עש וועט קומען איין צייט וואש דאס געלט וועט פון אים אוועק גיין דען צו אלע זאכין איז איין גיזעצטע צייט ווען עש זאל זיין עֵת לָלֶדֶת עש איז איין צייט צו גיווינען קינדער דאש איז צוא ניין חדשים אונ עש איז איין צייט צוא שטארבין וויא לאנג איטליכע משפחה אונ דור זאל לעבין עש איז איין צייט דאש איין אומה זאל ווערין גיפלאנצט אונ עש איז איין צייט דאש די אומה זאל ווערין אויש גירסין עש איז איין צייט דאש איין אומה זאל ווערין דער שלאגין אונ עש איז איין צייט דאש די אומה זאל ווידר ווערין גיהיילט פון אירע ברעכענעש · עש איז איין צייט דאש די מויערין פון ירושלים זאלין צו בראכין ווערין אונ עש איז ווידער איין צייט דאש זי וועלין ווידער גיבויט ווערין עש איז איין צייט צו וויינען אים תשעה באב אונ עש

איז איין צייט צו לאכין ווען משיח וועט קומע עש איז איין צייט צו קלאגין ביי איין אבל אונ עש איז איין צייט צו טאנצין פר חתן וכלה עש איז איין צייט דאש דיא בחורים פון ישראל וועלין זיין גיווארפין אין דיא גאסין אין חורבן ירושלים אונ עש וועט ווידער זיין איין צייט דאש זיי וועלין ווידר ווערין איין גיזאמילט אין די טעג פון משיח עש וועט זיין איין צייט דאש גאט וועט זיך באהעפטין צו ישראל אזו וויא איין מאן האלזט זיין ווייב אונ עש איז ווידער איין צייט דאש גאט טוט צערנען אויף ישראל אונ טוט זיך אפ שיידין פון זיי עש איז איין צייט דאש גאט וועט זוכין צו איין זאמלען די וואש זיינען פאר שפרייט אין גלות אונ עש איז איין צייט דאש גאט טוט פר לירין די ישראל אין גלות עש איז איין צייט דאש גאט וועט היטין ישראל ווען זיי וועלין פרום זיין אונ עש איז איין צייט דאש גאט וועט זיי פר ווארפין אין איין פרעמדע לאנד אונ עש איז איין צייט דאש גאט וועט זיי ווידער איין זאמלען עש איז איין צייט דאש עש וועט צו ריסין ווערין דאש מלכות פון דוד אונ עש וועט זיין איין צייט דאש גאט וועט ווידער באהעפטין דאש מלכות צו אנאנדר אונ זיי וועלין ניט זיין צו טיילט צו צוויי מלכות עש איז איין צייט דאש מען זאל שטיל שווייגין אזו וויא אהרן האט גישוויגין או גאט האט אים גיטייט זיינע צוויי קינדר דרום האט ער זוכה גיוועזן דאש גאט האט צו אים אליין גיזאגט די פרשה וואש כהנים זאלין ניט ארין גיין אין בית המקדש ארין ווען זיי האבין וויין גיטרונקען אונ עש איז איין צייט צו ריידין אזו וויא משה האט שירה גיזאגט אונ האט גילויבט גאט עש איז איין צייט וואש גאט האט דיך ליב ווען דו ביסט פרום אונ עש איז איין צייט וואש גאט האט דיך פיינט ווען דו ביסט ניט פרום עש איז אצייט פון מלחמה אונ עש איז אצייט פון שלום אונ ווייל צו אלין דינג איז איין צייט נוא ווארום זאל דער מענטש איין זאמלען געלט מיט אום רעכט עש וועט דאך קומען איין צייט דאש עש וועט פר לארין ווערין פון אים אֶת הַכֹּל עָשָׂה יָפֶה בְעִתּוֹ אלין דינג האט גאט גיטאן גוט אין דער צייט דהיינו אין דער צייט וואש דער מענטש איז פרום איז ראוי ער זאל מקבל זיין אגוטין שכר אונ אין דר צייט וואש

דר מענטש טוט עבירות איז ראוי צו באצאלין
אים אויף זיינע עבירות גם את העולם אונ אויך
די חכמות פון דער וועלט זיינען ניט וואורין
גיגעבין צו אין מענטשין אליין נייערט צו
עטליכע לייט האט גאט גיגעבין די חכמה אונ צו
אנדערע לייט האט ער גיגעבין אנדערע חכמות
כדי דר מענטש זאל ניט וויסין אלע מעשים פון
גאט אונ זאל ניט וויסין ווען ער וועט שטארבין
כדי ער זאל אלע טאג זארגין טאמער וועט ער
היינט אדער מארגין שטארבן אזו וועט ער אלע
טאג תשובה טאן אויך ווען דער מענטש זאל
וויסין ווען ער וועט שטארבן וואלט ער קיין הויז
ניט גיבויט אונ וואלט קיין ויין גארטין ניט
גיפלאנצט אזוא וואלט גאר דיא וועלט ניט
גיוועזן אין זיין שטאנד דרום האט גאט ניט
גילאזט וויסין דיא צייט ווען דער מענטש
וועט שטארבין כדי דער מענטש זאל בויען
הייזער אונ זאל פלאנצין וויין גערטנער דען
ער וועט זיך טראכטין טאמער וועט ער נאך
לאנג לעבין ידעתי כי אין טוב בם אונ ווייל
דער מענטש וויים ניט ווען ער וועט שטארבין
דרום איז פר אים ניט בעסער נאר ער זאל זיך
פרייען דר מיט וואש גאט האט אים גיגעבין
אונ זאל וואול לעבין אונ זאל צדקה געבין ווייל
ער לעבט נאך וגם כל האדם אונ אויך איטליכער
מענטש וואש גאט האט אים גיגעבין שכל אין
זיין הארצין ער זאל עסין אונ טרינקען אונ זאל
צדקה דר בייא אויך טאן דאש איז איין מתנה
פון גאט ידעתי איך וויים דאש אלץ וואש גאט
האט באשאפן ביי מעשה בראשית דאש בלייבט
אויף אייביג אונ עש ווערט ניט פר ענדערט
אונ ווען עש ווערט צו צייטין פאר ענדערט
דאש טוט גאט כדי מען זאל מורא האבן פר אים
אזו וויא מיר גיפינען ביי דור אנוש דאש זייא
האבין גידינט עבודת כוכבים האט גאט אויף
גיבראכט דעם ים אונ האט פר טרונקען איין
שליש וועלט מענטשין אונ בהמות אונ דאש
דור המבול האבין מזנה גיוועזן האט גאט גמאכט
דיא זון אויף גיין אין מערב אונ איז אונטער
גיגאנגען אין מזרח זיבין טאג אזו איז וואורין
דר שראקין די גאנצע וועלט אונ אין דיא טעג
פון אחז דער פאטר פון חזקיהו המלך אין דעם
טאג וואש ער איז גשטארבין האט גאט גימאכט
קורץ דעם טאג כדי מען זאל אים ניט באקלאגן

מיט כבוד אונ אין די טעג ־־ין זיין זון חזקיהו
האט גאט דעם טאג לייגער גימאכט דרום
זאל דער מענטש תורה לערנען אונ זאל זיך
פארכטן פר גאט מה שהיה וואש עש איז גיוועזן
דאש וועט זיין אונ חאטשע מיר האבן דאש
אליין ניט גיזעהען אבר מיר האבן דאש גיהערט
פון אנדערע לייט אונ מיר זעהען דאש גאט
באגערט דעם וואש ווערט גיאגט אזו וויא מיר
גיפינן ביי יעקב דאש עשו האט אים נאך גיאגט
דרום האט גאט ליב צו יעקב ווייל ער האט זיך
גילאזט נאך יאגין אונ צו עשו האט גאט פיינט
ווייל ער האט נאך גיאגט צוא יעקב אונ אויך
דיא מצרים האבין נאך גיאגט די ישראל זיינן
זייא דורך גיגאנגען דעם ים מיט שמחה דרום
וואורום זאל איין מענטש נאך יאגין דעם חבר
שלעכץ טאן גאט וועט אים גיוויס שטראפין
ועוד אונ נאך האב איך גיזעהען דורך דער
נבואה דאש אין בית המקדש וואש דארטין איז
גוועזן גירעכטע דינים אונ משפטים דארטין איז
דר נאך גיוועזן פאלשע דינים אונ משפטים מיט
שוחד אונ איך האב ווידר גיזעהען זייער עונש
דאש זייא וועלין מוזין ליידין גרוישע צרות אונ
יסורים פון נבוכדנצר אונ פון זיין פאלק אמרתי
דרום האב איך מיך גיטראכט אין מיין הארץ
דאש דעם צדיק אונ דעם רשע טוט גאט משפטן
דען עש איז צו אלע זאכן איין צייט אונ חאטשע
ער באצאלט ניט באלד דעם רשע אויף זיינע
עבירות אבר דר סוף וועט זיין דאש דר רשע
וועט גישטראפט ווערן אמרתי אני איך האב מיך
גיטראכט אין מיין הארץ ווען מענטשין פירן זיך
מיט גאוה אונ מיט שררה איבר דיא קלענערע
פון זיי אזו לאזט זיי גאט וויסן דאש זיי זיינן גאר
ניט מיט זייער שררה שאפט דען זיי זיינן גלייך
וויא אנדערע בהמות צו זיך אליין כי דען וואורום
זאל דר מענטש גאוה האבין ער שטארבט דאך
גלייך וויא איין בהמה אונ דאש וואש ער האט
גיהאט מער עשירות אונ מזל פון איין בהמה
דאש ווערט ניט אן גיזעהן ווען ער שטארבט
הכל הולך עש גייט אלץ אין איין ארט אלץ קומט
פון דר ערד אונ אלץ קערט זיך אום צו דר ערד
מי יודע ווער וויש עש דאש דר רוח פון מענטש
גייט אויף אויבין אין הימל נאך זיין טויט צוא
געבין חשבון פאר גאט אויף זיינע מעשים את
דער ריח פון איין בהמה גייט אראפ אין דער

ערד

עד אז דארף קיין חשבון ניט געבין דער
מענטש וואש ווייש דאש דער דארף זיך ניט
פירין אזו וויא איין בהמה וואש זיא קוקט זיך
ניט צו אויף אירע מעשים וראיתי כי אין טוב אונ
איך האב גיזעהן אין דיא אלע זאכין אזו האב
איך פר שטאנן דאש עש איז קיין בעסרש ניט
דא נאר דער מענטש זאל זיך פרייען מיט זיין
געלט וואש ער האט פר ארבט מיט זיינע הענט
אונ זאל דאש עסין אונ ניט צו גילושטן רייך צו
ווערין דען דאש איז זיין חלק וואש מען האט
אים גיגעבן פון דעם הימל דען ווער וועט דעם
מענטשין ברייננן נאך זיין טויט צוא זעהן אויב
זיינע קינדר וועלן בגליקין מיט זיין געלט וואס
ער האט זיי גילאזט אדר ניט: ד ושבתי אני איך
האב מיך אום גקערט אונ האב גיזעהן בנבואה
דאש דיא רשעים וועלין בארויבט ווערין אין
גיהנם דורך די מלאכי חבלה פר זייערע בייזע
מעשים וואש זיי האבין אויף זיי פר ביטין דיא
תורה אונ זיי וועלן דורך זיי ווערן ברויבט מיט
כח אונ וועלין ווייגן מיט פיל טרערין אונ קיינר
וועט זיי ניט טרייסטין ושבח אני את המתים אונ
איך לויב די טויטע וואש זיינן לאנג גישטארבין
אונ זיינן פרום גיוועזן אין גאטש דינשט מער
פון די וואש לעבין נאך וטוב משניהם אונ עס איז
בעסר פון ביידע דר וואש איז נאך ניט גיבארן
גיווארין וואש ער האט ניט גיזעהן דיא בייזע
מעשים פון דער וועלט וראיתי אני אונ איך האב
גיזעהן דאש איין טייל לייט טוען עבירות אונ
אטייל טוען מצות אבער ניט לשם שמים נאר
וויל זיי זייגען זיך מקנא אין אנדרע לייט דיא
ביידע זיינן נארעש אונ איין צו בראכינע גימט
הכסיל חובק את ידיו דר רשע לייגט צו נויף זיינע
הענט אונ וויל ניט ארבעטן אונ עסט פון גזילה
אבר אז ער וועט קומן אויף יענער וועלט אונ
וועט זעהען די צדיקים זיצין מיט גרויס כבוד
וועט ער עסין זיין פלייש פון זיין לייב טוב מלא
כף נחת עש איז בעסער ווייניג געלט וואש מען
זאמילט איין מיט גירעכטיקייט וואש דאש איז
איין נחת רוח צו גאט מער וויא דאש עשירות
וואש דר רשע זאמילט איין דורך גזילה וואש
וואש איז איין מידיקייט אונ איין צו בראכינע
גימיט פאר גאט יש אחד ואין שני עש איז ניט גוט
אליין צו זיין דען עש גיפינט זיך צו צייטן איין
תלמיד חכם וואש ער האט קיין חבר ניט צוא

ריידין מיט אים אין דר תורה אונ ער האט ניט
קיין תלמיד וואש ער איז גלייך צו איין זון אונ
אויך ניט קיין חבר וואש איז גלייך וויא איין
גוטר ברודר אונ עש גפינט זיך איין בחור וואס
האט ניט קיין ווייב וואש זיא איז גלייך צו איין
ברודר צו העלפין אים אונ צו גיווינן קינדר אונ
אויך ווען ער איז איין סוחר אונ האט ניט קיין
חבר ער זאל מיט אים האנדלען דאש איז אלץ
ניט גוט דען ער וועט באלד מיד ווערן אויב ער
וועט זיין אליין אונ ווען ער וועט אליין לערנן
וועט ער ניט זאט זיין מיט דיא טעמים פון דר
תורה דען פיל תורה טוט מען מקבל זיין פון
תלמידים אונ איין סוחר איז אויך גוט ווען ער
האט איין חבר דען עש זיינן פיל מלאכות אונ
האנדלן וואש מען קאן אליין ניט אן הויבן טובים
השנים מן האחד עש איז בעסר צוויי צו אלע זאכין
דען ווען איינר פאלט הויבט אים זיין חבר אויף
אונ אויך ווען איין תלמיד חכם האט עפעס פר
געסין פון זיין לערנן טוט אים דער חבר דער
מאנן גם אם ישכבו שנים וחם להם אויך ווען צוויי
מענטשן ליגין מיט אנאנדר איז זיי ווארים אבר
איינר קאן זיך ניט דר ווארימן ואם יתקפו האחד
אונ ווען עש קומען גזלנים אויף איינעם ווען ער
האט איין חבר קאן ער זיך ווערין אונ מכל
שכן ווען עש זיינן דריי חברים ביי אנאנדער
איז פיל בעסר· נאך איין פשט איז ווען איינר
איז איין תלמיד חכם אונ זיין זון איז אויך
איין תלמיד חכם אונ זיין איניקל איז אויך איין
תלמיד חכם אזוא וועט שוין דיא תורה ניט
גיך אוועק גיין פון דער משפחה אזוא וויא
אין פסוק שטייט לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי
זרע זרעך אמר יי מעתה ועד עולם ווען דיא תורה
וועט ניט ווערין אפ גיטאן פון דיין מויל אונ
פון דיינע קינדערש מויל אונ פון דיינע קינדרש
קינדערש מויל זאגט גאט דאש דיא תורה
וועט ביי דיר בלייבן ביז אייביג ווען איר וועט
באגערין זיא צו לערנען· טוב ילד מסכן וחכם עש
איז בעסער דר יצר טוב וואש ער הייסט ילד
איין קינד וויל ער קומט צו דעם מענטשן ערשט
צו דרייצהן יאר אונ ער הייסט מסכן איין ארום
מאן וויל זיינע רייד ווערין ניט צו גיהערט צום
גוף אזו וויא די רייד פון איין ארום מאן אונ ער
הייסט חכם דאש ער מאכט דעם מענטשן קלוג
איז ער בעסער פון דעם יצר הרע וואש ער

הייסט

הישט מלך זקן ער הייסט מלך ווייל אלע גלידר הערין אים צו אזו וויא איין מלך אונ ער הייסט זקן ווייל ער איז עלטער ביי דעם מענטשן פון דעם יצר טוב דען ער קומט צום מענטשן וויא ער ווערט גיבארין אונ ער הייסט כסיל ווייל ער מאכט דעם מענטשן צו איין רשע כי מבית הסורים יצא למלוך דען פון דעם פאר שטונקן הויז איז ער ארויש גיגאנגען צו קיניגין כלומר דער יצר הרע קומט באלד צום מענטשין וויא ער ווערט גיבארין אז דאש קינד איז נאך אום ריין פון דר מוטרש בלוט אונ אז די מלוכה פון דעם יצר הרע איז שוין ביא דעם מענטשין גאנץ שטארק אזו קומט ערשט דר יצר טוב אן דש איז צו דרייצעהן יאר דש דענשט מאל איז שוין דר מענטש ריין פון דר מוטרש בלוט ראיתי את כל החיים איך האב גיזעהן דעם דור המבול אונ אויך נח מיט זיינע קינדר וואש פון זיי איז גיווארין די וועלט אין קץ לכל העם איך האב גיזעהן דאש עש איז קיין עק ניט גיוועזן צו גאר דעם פאלק דען זיי האבין זיך זייער גימערט דאש זייערע ווייבער האבין גיוואונען דעם דריטין טאג פון זייער טראגן אונ עש איז אויך קיין עק ניט גוועזן צו גאר דעם גוטש וואש גאט האט צו זיי גטאן אונ אין איין רגע איז דאש אלץ ווארין פארלארין • אויך דר דור הפלגה וואש איז גיוועזן נאך זיי האבין זיך ניט גיפרייט מיט דעם גוטש וואש עש איז צו זיי ווארין גיגעבין אזו זעהט מען דאש עש איז נארעש אונ איין צו בראכינע גימיט דר וואש גייט נאך דעם יצר הרע שמור רגלך היט דיינע פיס ווען דו גיישט אין גאטש הויז דאש דו זאלשט אהין נאר ברייגן קרבנות פון דיין גוטין ווילין אונ זאלשט ניט זינדיגין דאש דו זאלשט ברייגן קרבנות צו מכפר זיין אויף דיינע זינד דען עש איז צו גאט ליבערשט דו זאלשט צו הערין די תורה אונ מצות מער וויא די קרבנות וואש די נארין ברייגען אויף זייערע זינד דען זיי ווייסין ניט דאש זייא טוען זיך אליין בייז מיט זייערע זינד: ה אל תבהל על פיך דו זאלשט ניט איילין אויף דיין מויל צווא ריידין עפעס בייז אנטקעגין גאט ווייל גאט איז אויף דעם הימיל אונ דו בישט אויף דער ערד דרום זאלן דיינע רייד זיין ווייניג דען ווען אפילו איין שלאפער איז אויבין אונ איין גבור איז אונטן קען דר שלאפער אים ביי קומען מכל שכן ווען איין גבור איז אויבין אונ איין שלאפער אונטן כי בא החלום דען אזו וויא דר חלום קומט צום מענטשין פון וועגין פיל מחשבות וואש ער האט גטראכט ביי טאג אזו אויך דורך פיל רייד רעט מען זיך אויש איין נארישקייט דרום זאלשטו ניט פיל ריידין כאשר תדור אז דו וועשט איין נדר טאן זאלשטו באלד אים באצאלין דען גאט באגערט ניט אין די רשעים וואש טוען נדרים אונ באצאלין גיש נייערש וואש דו האשט איין נדר גיטאן דאש באצאל אל תתן את פיך דו זאלשט ניט קיין נדר טאן מיט דיין מויל צו פר זינדיגן דיינע קינדר ווען דו ווערשט אים ניט בצאלן אונ זאלשט ניט זאגן פאר דעם גבאי וואש טוט דיך מאנען דעם נדר איך האב אום גערין איין נדר גיטאן איך האב גימיינט איך וועל האבן געלט אונ היינט האב איך ניט דען ווארום זאל גאט צערענען פון וועגין דיין קול וואש דו זאגשט דו ווערשט דעם נדר ניט באצאלין אונ דו ווערשט דורך דר עבירה פאר לירין אלע מצות וואש דוא האשט אין דיין האנט כי ברוב חלומות דען וואש פיל חלומות וועלן דיר זאגין זאלשטו דאש ניט הערין נייערט דו זאלשט דיך פארכטן פר גאט אם עושק רש ווען דו זעהשט אין דר מדינה דאש מען טוט גזלנן ארימע לייט אונ זיי גזלנן אוועק דעם משפט דאש זיי טוען ניט קיין משפט אונ צדקה אזו זאלשטו דיך דר נאך ניט פר וואונדרין אז גאט ווערט אויף זיי ברייגען איין פורעניות דען גאט איז העכער פון אלע אונ זעהט אלץ אונ האט פיל שלוחים צו באצאלין זייא • נאך איין פשט איז ווען דו זעהעשט איין מדינה טוט גזלנן ארימע לייט אונ גזלנן אוועק דעם משפט אונ דו זעהעשט דאש עש גייט דר מדינה זייער וואול אונ גאט שטראפט זייא ניט זאלשטו דיך ניט פאר וואונדערין דרויף דען גאט טוט אויף האלטן זיין צארין ביז זייער מאס ווערט דר פילט ווערין אונ ער האט פיל שלוחים צו ברייגען אויף זייא איין פורעניות ווען זייער צייט ווערט קומען ויתרון ארץ אונ וואש די מענטשן פון דר ערד האלטין זיך בגאוה אונ זינדיגין אנטקעגין גאט קען גאט זיי בצאלין מיט אלע באשעפעניש אפילו דורך פליגן אזו וויא מיר גיפינן ביי טיטוס הרשע דאש גאט האט אים גישיקט איין פליג אין זיין מוח אונ זיא האט אים גיטייט מלך לשדה נעבד דאש איז גימיינט גאט ווערט בצאלין צווא

די עובדי כוכבים וואש האבין ירושלים חרוב
גימאכט אונ האבין זיא צו אקערט אזוא וויא
איין פעלד אוהב כסף דער וואש האט ליב מצות
דר ווערט ניט זאט פון זיי אונ דר וואש האט
פיל מצות אונ האט ניט צווישן זיי איין חשובי
מצוה דהיינו צו בויען איין שול אדר ער קויפט
ניט קיין ספר תורה איז דאש נארעש דען אלע
זיינע מצות זיינען ניט חשוב · נאך איין פשט
איז דר וואש ארבעט די ערד דאש איז דיא
בעסטע מלאכה דען אפילו איין עושר דארף
האבין צו דר ערד ווארום ווען די תבואה טוט
ניט וואקסין אזו מוז דר עושר אויך שטארבין
אונ ווען אפילו איינער האט פיל זילבר קען ער
זיך דר מיט ניט אן עסין נייערט ער מוז ברויט
עסין נאך איין פשט איז דר שכר פון די ישראל
איז דורך אלימען דורך פסוק אונ דורך משניות
אונ דורך גמרא אויף אלין דינג בצאלט זיי גאט
איין גוטין שכר אונ דר מענטש וואש קען פסוק
אונ משניות מוז ער דאך האבין צום בעל גמרא
ער זאל אים באשיידין דעם טעם פון משניות
אונ זאל אים ווייזין וויא אזו צו פסקענען ברבות
הטובה ווען די ישראל זיינען פרום מיט זייערע
מעשים איז פיל זייער שכר אונ וואש קומט גאט
דר פון ארויש נאר וואש ער זעהעט דאש דיא
ישראל זיינען אונטר טעניג אונטר אים אונ טוען
זיין ווילין · נאך איין פשט איז ווען די ישראל
ברייגען פיל קרבנות אזו האבין די כהנים פיל
פלייש צו עסין אונ וואש קומט גאט דער פון
ארויש נאר וואש דיא ישראל טוען זיין ווילין
מתוקה שנת העובד עש איז זיס דר שלאף פון דעם
וואש ארבעט די ערד סייא ער עסט ווייניג אדר
פיל טוט ער אלין גישמאק שלאפין · אונ דיא
פיל נכסים אונ סחורות פון דעם עושר לאזין
אים ניט שלאפין דען ער טוט איין גאנצע נאכט
דרינען טראכטין · נאך איין פשט איז עש איז
גישמאקדר שלאף פון דעם מענטשן וואש דינט
גאט סייא ער דינט ווייניג אדער פיל נעמט ער
דר פאר גלייך שכר אזו וויא מיר גיפינען דאש
משה האט די ישראל פערציג יאר גיפירט אין
דר מדבר אונ שמואל האט די ישראל צעהען
יאר גפירט טוט זיי דר פסוק גלייך מאבן שמואל
אזו וויא משה אונ דר וואש האט גיהאט פיל
תלמידים וואש ער האט מיט זיי גילערינט דר
קאן ניט שלאפין אין קבר דען ווען די תלמידים

זאגין תורה פון זיינט וועגין אזו רירין זיך זיינע
לעפצין אין קבר יש רעה חולה עש איז פאר האנדן
איין בייז קראנקהייט האב איך גיזעהן אויף דר
וועלט דאש עש איז פאר האנדן איין עשירות
צו איין מענטשין פון זיין בייז וועגין צו פר לירן
אים אזו וויא קרח איז גיוועזן איין גרוישר עושר
אונ האט זיך זייער הויך גיהאלטן אונ איז איין
גיזונקען גיווארין מיט זיין עשירות ואבד העושר
ההוא אונ ער ווערט פאר לארין דר עושר אין
איין שלעכטין ענין אונ ער גיווינט איין זון אונ
דר זון האט גאר ניט אין זיין האנט ניט קיין געלט
אונ ניט קיין זכות אבות דען דר פאטר איז איין
רשע גוועזן כאשר יצא אזו וויא דר עושר איז ארויש
גיגאנגן פון זיין מוטערש לייב נאקעט אזו וועט
ער זיך אום קערן צו דר ערד אונ ער האט ניט
קיין זכות פון צדקה ער זאל דאש פירן מיט זיך
אויף יענער וועלט אזוא איז דאש איין בייזע
קראנקהייט דאש ער זאל אוועק נאקעט אזוא
וויא ער איז גקומן אונ וואש איז אים ארויש גקומן
דאש ער האט זיך גיטאן מידין פון דעם ווינט
וועגין אונ אלע זיינע טעג האט ער גיגעסין אין
דר פינצטערנעש כלומר מיט זארג אונ האט פיל
כעס גיהאט אונ קריג אונ צארין הנה אשר ראיתי
נון איך האב גיזעהען דאש עש איז גוט צום
מענטשין ער זאל עסין אונ טרינקען אונ זאל
צדקה טאן פון זיין געלט אונ זאל תורה לערנן
וויא לאנג גאט שיינקט אים זיין לעבין אונ זאל
ניט זעהען צוא איין זאמלען פיל געלט נאר ער
זאל זיך משמח בחלקו זיין דען דאש איז זיין
חלק וואש מען האט אים גיגעבן פון דעם הימל
גם כל האדם אויך איטליכער מענטש וואש גאט
האט אים גיגעבין עושר אונ גוטש אונ לאזט
אים דר פון עסין אונ איז דר ביי נאך זוכה צו
לערנען תורה אונ מצות צו טאן דאש ער וועט
דר פון האבין שכר לעולם הבא דאש איז איין
מתנה פון גאט · כי לא הרבה דען ניט פיל לעבט
דר מענטש אויף דר וועלט · ער זאל גידיינקען
דאש זיינע טעג זיינן ניט פיל דרום ווארום זאל
ער זיך מטריח זיין צו איין זאמלען פיל געלט
וואש דאש בלייבט ניט אויף עולם הבא · בעסר
זאל ער זיך מטריח זיין צו לערנען תורה וואש
דער שכר וועט אים בלייבין לעולם הבא דען
גאט טוט עדות זאגין אויף דעם מענטשן וואש
טוט זיך פרייען צו טאן גוטש ביי זיין לעבין :

ו יש רעה עש איז פאר האנדרין איין בייז וואש
איך האב גיזעהען אויף דר וועלט אונ עש איז
ביי פיל לייט · איין מענטש וואש גאט האט
אים גיגעבין עושר אונ כבוד אונ גאט לאזט
אים דער פון ניט עסין דאש ער זאל זיך וואול
טאג אן טאן נייערט טאג אונ נאכט זאמילט
ער אן געלט אונ טוט אויך ניט קיין צדקה דש
ער זאל מיט זיך נעמן דעם שכר אויף יענער
וועלט נייערט עש קומט איין פרעמדר מענטש
אונ האט זיך יוא״ל פון זיין עשירות אונ טוט
צדקה דר מיט אם יוליד איש ווען אפילו דר מענטש
ווערט גיווינען הונדרט קינדר אונ ווערט פיל יאר
לעבין אונ האט זיך ניט משמח גיוועזן מיט זיין
עשירות אונ צוא צייטין קומט דאש ער קומט
ניט צו קבורה די הינט עסין אים אויף האב איך
גיזאגט עש איז בעסער פון אים איין נפל וואש
איז טויט גיבארין גיווארין דען דער האט קיין
גוטש ניט גיזעהן אונ איז זיך ניט מצער אויף
דר וועלט ואלו חיה ווען דר מענטש זאל לעבין
צווייא מאל טויזנט יאר אונ האט קיין גוטש ניט
גיטאן פון זיין געלט וואש קומט אים ארויש
דר פון ער מוז דאך אין דר ערד גיין וויא אנדרע
עניים כל עמל האדם אלע ארבט פון דעם מענטשן
איז פון וועגן ער זאל דר פון עסין אויף דר וועלט
אונ דיא נשמה זאל הנאה האבין אויף יענער
וועלט אבר דר מענטש וואש האט קיין הנאה
ניט גהאט פון זיין געלט דר טוט ניט זאט מאכן
זיין גוף אויף דער וועלט אונ אויך ניט דיא
נשמה לעולם הבא כי מה יותר דען ווען ער טוט
זיך קיין הנאה ניט אן פון זיין עשירות מיט
וואש איז ער מער מיט זיין חכמה פון די נארין
אונ וואש גייט דעם עני מער אפ פון דעם עושר
וואש האט קיין הנאה ניט פון זיין געלט דר
עני לעבט אזו וויא דער עושר טוב מראה עינים
מהלך נפש דעם קארגין איז בעסער צו זעהן זיין
עשירות פאר זיינע אויגין מער וויא דאש עסין
וואש גייט ארייז אין לייב · נאך איין פשט איז
עש איז בעשער דעם רשע נאך צו גיין נאך
זיינע אויגין צו גילושטין פרעמדע געלט וויא
צו געבין זיין הארץ צו טראכטין וואו זיין נשמה
ווערט אהין קומען נאך זיין טויט מה שהיה דאש
וואש דער עושר האט גיהאט איין גרויסין שם
דאש איז שוין לאנג ווארין פאר לארין אונ עש
איז ווארין גיוואושט דאש ער איז איין מענטש

אונ ניט קיין גאט אונ מוז שטארבין אונ קאן זיך
ניט ווערין אנטקעגן דעם מלאך המות וואש ער
איז שטארקר פון אים כי יש דברים דען עם זיינען
פאר האנדין פיל זאכין וואש דער עושר האט
גילושט צו שפילין זיך דער מיט אזו וויא אפין
אונ העלפאנדין אונ לייבין אונ וואש קומט אים
דער פון ארויס ווען ער שטארבט כי מי יודע דען
ווער עש ווייסט צו טאן מעשים טובים דאש
עש זאל אים דער פון גוט זיין לעולם הבא זאל
ער דאש טאן ביי זיין ווייניג לעבין וואש זייא
גייען גיך אוועק אזו וויא דער שאטין פון איין
פויגיל וואש פליהט גיך אוועק דען ווער וועט
אים זאגין וואש נאך זיין טויט וועט זיין אויב
עש וועט בלייבין דאש געלט וואש ער לאזט
איבר צו זיינע קינדר : ז טוב שם עש איז בעסר
איין גוטין שם מער וויא גוטער בוים אייל אונ
דער טאג וואש מען שטארבט איז בעסר וויא
דר טאג וואש מען ווערט גיבארן דען אז מרים
איז גיבארין גיווארין האט מען ניט גיוואוסט
וואש זיא איז אונ אז זיא איז גישטארבן · האט
זיך דער ברונען וואשער אפ גיטאן פון ישראל
אין דר מדבר אזו האט זיא איין שם טוב גיקריגן
דאש פון איר זכות וועגין האבין ישראל גהאט
וואשער אין דר מדבר · אונ אויך אז אהרן איז
גישטארבן האבין זיך די וואלקין אפ גיטאן פון
ישראל · אונ אז משה איז גישטארבן האט דר
מן אויף גיהערט האט מען גיוואוסט דאש עש
איז אלץ גיוועזן פון זייער זכות וועגין · אונ
דרום גלייכט ער איין שם טוב צו גוטין אייל
דען אזו וויא אייל ווען מען גישט דאש ארויף
אויף אנדערע משקים שווימט עש ארויף פון
אויבין אזו אויך איין שם טוב קומט ארויף פון
אויבין טוב ללכת אל בית אבל עס איז בעסר צו גיין
אין דעם הויז פון איין אבל צו טרייסטין אים
דער מיט טוט ער איין כבוד צום מת אונ גוטס
צו די לייט דאש ער טרייסט זיי דאש איז בעסר
פון צו גיין אויף איין סעודה דען דאש איז נאר
איין כבוד צו די לעבעדיגע · אונ אויך ווען מען
גייט אין דעם הויז פון איין אבל טוט מען זיך
דר מאנען אין דעם טויט אונ מען טוט תשובה
אונ אויך וועט ער זיך דער מאנען דאש מען
וועט מיט אים אויך אזו דארפין גומל חסד זיין
אונ וועט זיך רעכט מתעסק זיין אין דעם מת ·
אויך דרום איז בעסר צו גיין אין דעם הויז פון

איין אבל ווייל דאס איז דר סוף פון דעם מענטשן דען ער וועט שוין מיט דעם מת מער ניט קענן גומל חסד זיין אבר ביי איין סעודה קאן ער זאגן איך וועל צו דיר איין אנדערש מאל גיין טוב כעס משחוק עש איז בעסר דר כעס וואש גאט ווייזט צו די צדיקים אויף דער וועלט כדי זיי זאלין האבן עולם הבא מער וויא דאש גילעכטר וואס גאט ווייזט צו די רשעים אונ גיט זיי גוטש אויף דר וועלט אונ זיי ווערין דורך דעם פאר לארין אזו וויא דער דור המבול האט זיי גאט גיגעבן פיל עשירות אויף דער וועלט אונ זיי זיינען דר נאך פאר לארין גיווארין דען ווען גאט ווייזט איין צארין צו איין מענטשן מאכט דאש אים גוט זיין הארץ אונ ער טוט תשובה לב חכמים דאש הארץ פון די חכמים טוט אלץ טראכטין אויף דעם טויט אונ ער טוט מצות אונ די רשעים טראכטין אלץ צו טרינקען אונ פאר געסין אין דעם טויט טוב לשמוע עש איז בעסר צו הערין די שטראף פון איין חכם וויא צו הערין דאש גיזאנג פון די רשעים כי כקול הסירים דען אזו וויא די דערנר וואש מען לייגט אויף דעם פייער שרייען זיי אונ קלאפין דען זיי ווייזין דאש זיי זיינן אויך חשוב אזו וויא אנדערע האלץ אזו אויך זאגט דר רשע דאש ער איז אזו חשוב וויא די צדיקים כי העושק דען דער רשע ווען ער קריגט זיך מיט דעם צדיק מאכט ער אים מבולבל זיין דעה אונ ער קומט דורך דעם צו עבירות אזוא וויא משה אז ער איז גיגאנגען צו פרעה האט פרעה נאך שווערער גמאכט די ארבעט צו ישראל אזוא האבין זיך דתן ואבירם גיקריגט מיט משה אונ האבין דורך דעם גורם גיוועזן דאש משה האט גיזאגט צו גאט ווארום האשטו ניט גיהאלפין צו ישראל דו האשט נאך ערגער גמאכט דאס פרעה זאל אונז פיינט האבן אונ מאכט שווערר די ארבעט · אונ משה איז דורך דעם גשטראפט גיווארן דאש ער האט גימוזט שטארבן אין דר מדבר אונ האט ניט זוכה גיוועזן צו פירן ישראל קיין ארץ ישראל אונ דתן ואבירם האבין אים גימאכט פאר לירין דאש קלוגע הארץ וואש דאש איז איין מתנה צו דעם מענטשן טוב אחרית עס איז בעסר דער סוף פון איין זאך מער פון דעם אן הויב דען אז דער סוף קומט זעהעט מען אז די זאך איז גוט אונ מען ווערט גיוואר וואש די זאך איז · עש איז בעסער דר וואש

האלט איין זיין צארין פון איין בעל גאוה וואש צארינט באלד אונ קומט צו קריג · אל תאמר דו זאלשט דיך ניט פאר וואונדערין דרויף וואש די ערשטע דורות האבין גוט גיהאט אזו וויא דער דור המדבר אונ דאש דור פון יהושע אונ דאס דור פון דוד המלך דאס זאל דיר קיין חידוש ניט זיין דען זיי האבין פיל זכיות גיהאט טובה חכמה עש איז זיי בייא גישטאנען זייער חכמה מיט זייערע זכות אבות וואש זיי האבן גירשנט פון זייערע עלטערן דען די חכמה פון דר תורה איז גוט צו אלע לייט כי בצל החכמה דען דורך דר חכמה קען מען קומן צו עשירות אונ די חכמה איז נאך בעסר פון דעם עשירות דען זיא מאכט דער נערין איר האר ראה את מעשה האלהים זעה די מעשים פון גאט דאש זיי זיינען זייער רעכט ער האט בשאפין דעם גן עדן צו צדיקים אונ דעם גיהנם צו די רשעים דרום זעה וואו דוא זאלשט דיך באהעפטין דען ווער קען פר ריכטין נאך זיין טויט וואש ער האט גיזינדיגט ביי זיין לעבין ביום טובה אין דר צייט וואש איז דיר גוט זאלסטו טאן גוטש אונ צדקה כדי ווען עס וועט קומען צרות אויף דיא רשעים וועסטו זעהען אין זייערע צרות דען גאט האט אלץ רעכט גימאכט דיא מצוה מיט איר שכר אונ דיא עבירה מיט איר שטראף כדי דער מענטש זאל ניט קענען ריידין אנטקעגין גאט את הכל ראיתי דאש אלץ האב איך שלמה גיזעהען דאש איין צדיק חאטשע ער ווערט פאר לארין אין צרות דאך בלייבט ער שטיין ביי זיין צדקות אונ איין רשע חאטשע ער לעבט לאנג אונ עש גייט אים גוט איז ער דאך איין רשע אל תהי צדיק הרבה דוא זאלשט ניט זיין קיין גרוישר צדיק אונ זאלשט ניט זיין צו קלוג אזו וויא שאול המלך דען אז גאט האט אים גיהייסין די עמלקים הרגנן האט ער גיזאגט ווען מען גיפינט איין טויטן מענטשן אויף דעם פעלד האט די תורה גיהייסן ברייננן איין קאלב אונ מען זאל מעסטין צו וועלכער שטאט ער איז נאהינט אונ מען זאל דעם קאלב דעם קאפ אפ האקין מכל שכן דאש מען טאר קיין פיל מענטשן ניט טייטין אונ ער האט עובר גיוועזן אויף גאטש גיבאט דורך זיין פרומקייט אל תרשע הרבה דו זאלשט ניט פיל זינדיגן כלומר ווען אפילו דו האשט שוין אביסיל גיזינדיגט זאלשטו מער ניט זינדיגין דען ווארום זאלסט

שטארבין

שטארבין ופאר דיין צייט אזו וויא שאול איז
געשטארבין דורך דר עבירה וואס ער האט גהרגת
נוב די שטאט פון כהנים טוב אשר תאחז בזה עם איז
גוט דו זאלשט האלטין אין צדקות אונ פון דעם
רשעות זאלשטו אויך ניט אפ לאזין כלומר ווען
דער נביא אמת זאגט דיר איין זאך פון גאטש
וועגין אונ עש דאכט זיך דיר דאש עש איז
איין רשעות זאלשטו דאש דאך טאן ווייל גאט
האט דאש געבאטין דען דער וואש פארכט זיך
פאר גאט דער האלט דאש צדקות אונ דאש
רשעות אזו וויא עש דארף צו זיין החכמה תעוז
לחכם די חכמה טוט שטארקין דעם חכם דאש
זיא גיט אים איין עצה ער זאל תשובה טאן
אזו וויא מיר געפינן ביי יאשיהו המלך דאש
דר פסוק זאגט אויף אים דאש אזו איין פרומער
מלך איז ניט געוועזן פאר אים דאש האט אים
געמאכט זיין חכמה אונ דאש איז בעסער פון
צעהן מלכים רשעים וואש זיינן געוועזן פר אים
כי אדם דען עש איז ניט פר האנדן קיין מענטש
דאש ער זאל זיין איין צדיק אונ זאל ניט זינדגן
דרום זאל דר מענטש זעהן תשובה טאן • נאך
איין פשט איז החכמה תעוז לחכם די חכמה טוט
מציל זיין דעם חכם פון די צעהן אברים דאש
זיינן די צוויי אויגין וואש זעהען אלע עבירות •
אונ דיא צווייא אויערין וואש הערין אלע
דברים בטלים • אונ דיא צווייא הענט וואש
גנבנן אונ גזלענן • אונ די צוויי פים וואש גייען
צו דר עבירה • אונ דאש מויל רעט • אונ דאש
הארץ גילוסט גם לכל הדברים אויך צו אלע רייד
פון רכילות וואש מען וועט דיר זאגין זאלשטו
ניט געבין דיין הארץ צוא צוא הערין דאש •
דען עש וועט דורך דעם קומען דאש מען וועט
דיך שילטין כל זה דאש אלץ האב איך גפרובט
מיט דר חכמה פון דער תורה איך האב גמיינט
איך וועל זיא פר שטיין אבר עש איז וייט פון
מיר צו פר שטיין • רחוק מה שהיה עש איז וייט
צו פאר שטיין די זאכן וואש זיינען געוועזן פון
ששת ימי בראשית אונ עש איז גאנץ טיף ווער
קען דאש פר שטיין דען מען טאר ניט טראכטן
וואש העכר פון אלע הימלן איז אונ וואס אונטער
דר ערד איז סבותי אני ולבי איך האב גיקערט
מיין הארץ צו פר שטיין דעם טעם פון דר פרה
אדומה אונ דעם חשבון ווען משיח וועט קומן
אונ צו וויסין דעם טעם פון די מצות אונ דאס

נארישקייט אבער איך האב דאש ניט גיקאנט
פאר שטיין ומוצא אני מר ממות את האשה אונ איך
טוא געפינן ביטערער פון דעם טויט דאש איז
דאש אפיקורסית דאש עש ווערט דרינן גחאפט
דאש הארץ אזוא וויא אין איין נעץ אונ ווערין
געבונדין אין איר דיא הענט פון דעם מענטשין
אזו וויא מיט שטריק דער צדיק ווערט פון איר
אנטרונן אונ דער רשע ווערט אין איר געחאפט
ראה זה מצאתי זעה דאש האב איך געפונען טוט
זאגין דאש איין זאמלונג פון דר חכמה כלומר
דאש נפש פון שלמה וואש זיא האט איין
גיזאמילט פיל חכמה אחת לאחת אלע מצות וואס
די צדיקים טוען אונ די עבירות וואש די רשעים
טוען די אלע ווערין גיציילט פאר גאט איינש
צום אנדערן ביז עש ווערט דר פון איין גרוישר
חשבון אשר עוד בקשה נפשי אונ נאך איין זאך
האט מיין לייב גיזוכט צוא געפינען איין פרומע
אשה אונ איך האב ניט געפונן דען אלע ווייבר
זיינן גרינג אין זייער דיעה • אדם אחד מאלף מצאתי
פון טויזנט מענטשין האב איך געפונן איינעם •
דען טויזנט קינדער גייען אריין אין חדר צוא
לערנן פסוק • אונ עש גייט פון זיי נאר ארויש
הונדרט וואש זאלין ראוי זיין צו לערנן משניות
אונ פון דיא. הונדרט גייען נאר ארויש צעהען
אויף גמרא • אונ פון די צעהן גייט נאר איינער
ארויש צו פסקענען שאלות • אזו איז איינר פון
טויזנט • אונ איין אשה געפינט מען ניט אפילו
צווישין טויזנט איינע דרום זאלסטו גיווארינט
זיין אין זיי לבד ראה זה מצאתי נאר ביז האב איך
אין זייא געפונן • דען גאט האט אדם הראשון
גאר רעכט פארטיג אונ פרום באשאפין • אונ
וויא חוה איז צוא אים גיקומען האט זיא אים
גימאכט זינדיגין : ח מי כהחכם ווער איז אזוא
חשוב אויף דר וועלט אזו וויא איין חכם • אונ
ווער ווייסט צו באשיידין איין זאך אזוא וויא דר
חכם דען דניאל ווייל ער איז געוועזן איין חכם
אזו האט אים גאט גילאזט וויסין צו באשיידין
אלע זאכן • נאך איין פשט איז ווער איז אזוא
וויא משה דאש ער האט גימאכט פשרות
צווישין גאט אונ צווישין ישראל • דיא חכמה
פון דעם מענטשן טוט מאכין לייכטן זיין פנים
אונ די שטארקע ליכט פון זיין פנים ווערט פר
ענדערט פון אנדרע לייט • אזו וויא ביי משה
האט גישיינט דיא ליכט פון זיין פנים דאס מען

האט זיך גיפארכטן צו גינעהנן צו אים · אני פי מלך שמור דרום וועל איך היטן דאס גיבאט פון גאט · אונ אויך ווייל מיר האבן גישווארן צוא גאט אויף דעם בארג סיני צו היטן זיינע מצות · אל תבהל מפניו תלך דו זאלשט ניט היילן צו זאגן דו וועשט אנטלויפן פון גאט אין אזו איין ארט וואש ער גיוועלטיגט ניט דען גאט גיוועלטיגט אין דר גאנצר וועלט דרום נעם דיך ניט צו טאן בייזע זאכין דען גאט וואו ער וועט וועלן קען ער דיר באצאלין דען גאט איז איין מלך איבר דר גאנצר וועלט אונ ווער קאן אים זאגן וואש טושטו · שומר מצוה אונ ווען דו וועשט האלטין די מצות וועשטו ניט וויסין פון קיין בייז · אונ דר חכם ווייסט דאש עש איז פאר האנדין איין צייט וואש גאט וועט באצאלין צוא די רשעים אויף זייערע עבירות · כי לכל חפץ דען צוא דיא עבירות וואש דר מענטש טוט מיט זיין ווילן איז פר האנדן איין צייט וואש גאט וועט אים דרויף שטראפן אז זיין מאס וועט פול ווערן פון עבירות · כי איננו יודע דען דר רשע אז ער טוט די עבירה טראכט ער ניט אויף זיין סוף דאס גאט וועט אים שטראפין אבר עש איז ניט גוט פאר אים דען אז דאס פורעניות וועט אויף אים קומען ווער וועט עש אים זאגן · מען וועט אים קיין עצה ניט פרעגן אויב מען זאל אים שטראפין נייערט פלוצלונג וועט אויף אים די צרה קומן · אין אדם שליט ברוח דר מענטש קען ניט גיוועלטיגן אונ קען זיך ניט ווערין אנטקעגן דעם מלאך המות דש ער זאל זיין נשמה ניט צו נעמן · אונ עס איז ניט פר האנדן קיין גיוועלטיקייט אין דעם טאג וואש דער מענטש שטארבט · דען אלע טאג וואש דוד המלך האט גילעבט האט אים דר פסוק גירופין מלך אונ אין דעם טאג וואס ער האט גיזאלט שטארבן שטייט ויקרבו ימי דוד למות אונ עש שטייט ניט דוד המלך אונ ווען עס קומט דעם מענטשינש צייט צו שטארבין קאן ער ניט שיקין זיין זון אדר זיין קנעכט אויף זיין ארט · אונ זיינע בייזע מעשים מאכין אים ניט אנטרינן · את כל זה ראיתי דאש אלץ האב איך גיזעהן אונ האב גיגעבין מיין הארץ צוא אלע מעשים דאש צוא צייטין טוט גיוועלטיגין איין מענטש אין דעם אנדערין אונ דער נאך קומט אויש פר קערט דאש יענר׳ שטארקט זיך איבר אים אונ טוט אים בייז אזוא וויא עמלק האט

זיך צום ערשטין גישטארקט איבר ישראל אונ דר נאך איז ער ווארן פאר לארין וי״ה ישראל · אזו פרעה · אונ נבוכדנצר · אונ סנחרב · ובכן ראיתי רשעים קבורים אונ אין דר נבואה האב איך גיזעהן רשעים וואש זיינן ראוי צוא באגראבין ווערין אין דער ערד אשר אין נעשה ווייל גאט שטראפט ניט באלד דיא רשעים אויף זייערע בייזע מעשים דרום מיינען זיא גאט וועט זיא שיינקען אונ עש טוט זיך דר פילן זייער הארץ צו טאן בייז · אשר חוטא ווייל די רשעים זעהען דאס גאט ווארט דעם רשע אונ לאזט אים טאן הונדרט מאל בייז דרום מיינן זיא דאש גאט שטראפט ניט די רשעים · אבר פון דעסט וועגן וויים איך דאש גאט וועט באצאלין אגוטין שכר צו די צדיקים וואס פארכטין זיך פר אים · אונ קיין גוטש וועט ניט זיין צום רשע אונ ער וועט ניט מאריך ימים זיין אזו וויא איין שאטין וואס פליהט גיך איבר ווייל ער פארכט זיך ניט פר גאט · יש הבל עש איז פר האנדן איין זאך וואש מאכט דר שרעקין לייט דאש עש איז פר האנדן צדיקים וואש גייט זיי זייער שווער וואש עש איז ראוי עש זאל אזוא גיין איין רשע אונ דעם רשע גייט עש וואול דאש עש איז ראוי עש זאל אזו גיין איין צדיק · האב איך מיך גיטראכט דאש דאש איז אויך איין נארעשקייט אין דער וועלט ושבחתי אונ איך לויב די שמחה דאש דר מענטש זאל זיך פרייען מיט זיין חלק וואש גאט האט אים גיגעבן אונ ער זאל לערנן תורה וואש דאש דער פרייט דאש הארץ · אונ זאל זיך ניט מיען צו איין זאמלען פיל געלט פון רווחים אונ צוא נארין לייטן נאר ער זאל עסין אונ טרינקן דר פון וואש גאט האט אים גיגעבן אונ דאש וועט זיך מיט אים באהעפטן לעולם הבא · כאשר נתתי את לבי אז איך האב גיגעבין מיין הארץ צו וויסין חכמה אונ צו זעהען דיא מעשים פון דר ערד אזו האב איך גיזעהן דאס דר רשע וואש גייט נאך געלט איין זאמלן אדר ער גייט נאך נאך זנות דר זעהט ניט טאג אונ נאכט קיין שלאף אויף זיינע אויגין · וראיתי אונ איך האב גיזעהן אלע מעשים וואס גאט האט גיגעבן צו די לייט דאס מען קאן ניט פר שטיין וואס גאט טוט דאס דעם רשע גייט עם גוט אונ דעם צדיק גייט עש איבל · אונ עם טוען זיך פיל מענטשין דרינן מיען צו וויסין ווארום

דאש איז אזו · אונ קיינר קען עס ניט פר שטיין
אונ אויב דר חכם וועט זאגין ער ווייסט דאס
קאן דאש ניט זיין · דען אפילו משה רבינו האט
אויך גיבעטין גאט לאז מיך וויסן דיינע וועגן :
ט כי את כל זה דען דאש אליץ האב איך גיגעבין
מיין הארץ צו וויסין · אזו האב איך פר שטאנגן
דאש דיא צדיקים אונ דיא חכמים אונ זייערע
תלמידים זיינן אין דער האנט פון גאט דאש ער
שטראפט זיי כדי ער זאל זיי באצאלין איין גוטן
שכר לעולם הבא · אויך ווייסט ניט דר מענטש
אונ גיט ניט זיין הארץ צו וויסן מיט וואש ער
קאן מאכן דאש גאט זאל אים ליב האבן אדער
פיינט האבין דאש איז אליץ פר די צדיקים אונ
חכמים · הכל כאשר לכל אלע לייט וויסין וואול
דאש איין טרעפונג איז צו אלע לייט דאס דר
סוף פון צדיקים אונ רשעים איז צו שטארבין
פון דעשט וועגין טוט דער צדיק מצות דען ער
ווייסט דאש ער וועט האבין איין גוטן שכר
לעולם הבא · אזו וויא מיר גיפינן דאס דר צדיק
נח אונ דער רשע פרעה האבן ביידע גיהונקען
אויף זייערע פיס · אויך גיפינען מיר דאש משה
וואש ער האט גיהייסן טוב אונ אהרן וואס האט
גיהייסין טהור · אונ דיא מרגלים וואש האבין
גיהייסין טמאים די אלע האבין ניט זוכה גווען
צו קומן קיין ארץ ישראל אזו האבן זייא אלע
איין טרעפונג גיהאט · אויך יאשיהו וואש ער
האט מקריב גיווען קרבנות צו גאט אונ אחאב
האט מבטל גיווען די קרבנות האבן זיי ביידע
איין טרעפונג גיהאט דאש זיי זיינן ווארין גיטייט
דורך פיילין · אויך דוד המלך וואש האט גיהייסן
טוב ווייל ער האט דעם בית המקדש גיבויט ·
אונ נבוכדנצר וואש האט גיהייסין חוטא ווייל
ער האט דעם בית המקדש חרוב גימאכט דיא
ביידע זיינן גווען מלך צוא פערציג יאר אויך
צדקיהו המלך וואש האט פאלש גישווארין ·
אונ שמשון הגבור וואש האט אמת גישווארין
די ביידע האט מען בלינד גימאכט אונ זיי זיינן
דר פון גישטארבן זה רע דאש דאכט מיר צו זיין
בייז דאש צו איין צדיק אונ צוא איין רשע זאל
זיך איינש טרעפין אונ דאש הארץ פון דעם
מענטשין איז דורך דעם פול מיט בייז זיי זאגין
דאש עש איז חס ושלום קיין דין ניט דא דאש
זאגין זיי פאר זייער לעבין אונ זייער סוף וועט
זיין דאש זיי וועלין קומן אין גיהנם כי מי אשר יחבר

דען ווען דער מענטש לעבט האטשע ער איז
איין רשע אונ באהעפט זיך צו איין רשע איז
דאך איין בטחון טאמר וועט ער חרטה האבן
אונ וועט תשובה טאן דען צו איין לעבעדיגין
הונט איז בעסר פון איין טויטין לייב · האטשע
זיי זיינן ביידע רשעים עס איז בעסר צו נבוזראדן
וואש ער איז גיווען איין קנעכט צו נבוכדנצר
הרשע וואש ער האט חרוב גמאכט דאש בית
המקדש אונ ער האט זיך מגייר גיווען איידער
ער איז גישטארבין אונ איז גיקומען אין גן עדן
אונ זיין האר נבוכדנצר איז גיקומן אין גיהנם
כי החיים דען ווען דר מענטש לעבט ווייסט ער
וואול דאש ער וועט שטארבין אונ פארכט
זיך אונ טוט תשובה אבער די טויטע ווייסין
גאר ניט כלומר עש העלפט זיי גאר ניט אויף
יענר וועלט ווייל ער הט קיין תשובה ניט גטאן
אז ער האט גילעבט גם אהבתם אויך זייער
לבשאפט וואש זיי האבן ליב גהאט נארעשקייט
אונ ליצנות אונ זייער פיינט שאפט וואש זייא
האבין פיינט גיהאט דעם שכל אונ זייער דער
צערנן וואש זייא האבן דר צערינט גאט דאש
איז שוין אליץ ווארין פר לארין אונ עש העלפט
זיי ניט דר זכות פון זייערע זין אדר טעכטר צו
די רשעים · לך אכול בשמחה לחמך אבר דו צדיק
וואש דו טושט גאטש ווילן גיי עס מיט שמחה
דיין ברויט דען דו וועסט האבן עולם הבא ·
אונ טרינק מיט איין גוט הארץ דיין ויין דען
גאט האט בוויליגט דיינע מעשים בכל עת גרייט
דיך אלע שעה מיט גוטע מעשים טאמר וועסטו
היינט שטארבין דרום זאלשטו מצות טאן וואס
זיי זיינן גיגליכן צוא שיינע קליידער · עש איז
איין משל איין מלך האט גיבעטין זיינע שרים
אויף איין סעודה אונ האט זיי ניט אפ גיזעצט
איין צייט ווען זיי זאלן קומן אזו האט זיך דער
חכם אלע צייט גיגרייט מיט שיינע קליידער
כדי צו זיין גרייט ווען דער מלך וועט שיקין
נאך אים אבר דער נאר טוט זיך ניט גרייטין
אונ ווען דר מלך שיקט נאך זיי פלוצלונג זייא
זאלין קומען אזוא קומט דער חכם מיט שיינע
קליידער אונ דער נאר קומט מיט צוא ריסענע
קליידר אזו פרייט זיך דר מלך מיט דעם חכם
אונ אויף דעם נאר ווערט דר מלך ברוגז · אזו
אויך זאל זיך דער מענטש תמיד גרייטין מיט
מצות כדי ער זאל זיין גרייט ווען מען וועט
אים

אים באגערן אויף יענר וועלט · ראה חיים עם אשה אשר אהבת זעה צו לערנן זיך איין מלאכה צו דר נערין זיך דר פון מיט דר תורה וואש דו האסט ליב דען אויב די וועסט אזו טאן וועסטו דאס האבן צוא איין חלק אויף דר וועלט אונ דוא וועסט האבן איין גוטן שכר לעולם הבא · כל אשר תמצא אלץ וואס עש קומט דיר צוא דער האנט צו טאן גאטש ווילן אז דוא בישט נאך ביי דיין לעבן זאלשטו טאן דען אין קבר וועסטו ניט קענען טאן קיין מצות צו זוכה זיין לעולם הבא אונ ווען דו וועסט אזוא טאן וועסטו ניט דארפין קיין חשבון צו געבן אין קבר פר גאט · שבתי וראה איך האב מיך ווידר גקערט אונ האב גיזעהן דאש עש העלפט ניט צום מענטשין ווען ער קען גרינג לויפן עש האט ניט גיהאלפן צוא עשהאל דאש וואש ער האט גיקענט גרינג לויפין אז עש איז זיין צייט גיקומן צוא גיטייט ווערין אונ עש האט ניט גיהאלפין צוא אבנר זיין גבורה אז זיין צייט איז גיקומען צוא גיטייט ווערין אונ עש העלפט ניט צוא חכמים זייער חכמה זייא זאלין דורך דעם האבין ברויט אזוא וויא איך שלמה וואש מיין ברויט איז גיוועזן זעכציג מאס זעמיל מעל אויף איין טאג אונ היינט האב איך ניט מער נאר מיין שטעקן אונ עש העלפט ניט צוא פאר שטאנדיגע לייט זייער פאר שטאנד דאש זייא זאלין דורך דעם האבין עשירות אזוא וויא עש איז גישעהען צוא איוב דאש ער איז גיוועזן איין גרוישער עושר אונ ער האט דאש נאך אן גיוואורין אונ עש האט ניט גיהאלפין צו משה זיין וויסין שאפט דאש ער זאל דורך דעם האבן חן ביי גאט מיט זיין תפלה דאש ער זאל קומען קיין ארץ ישראל דען איין צייט אונ איין טרעפונג טוט טרעפין צו אלע לייט כי גם לא ידע האדם אונ אויך ווייסט איין מענטש ניט זיין צייט אזו וויא גרוישע פיש וואש מען חאפט זיי אויף איין שלאפע ווענטקע אונ אזו וויא פויגיל וואש ווערין גיחאפט אין איין נעץ אזו ווערין גיחאפט דיא מענטשין ווען זייער צייט קומט ווערין זיי פלוצלונג גיחאפט אין דער נעץ · גם זה ראיתי אויך האב איך גיזעהן איין קליינע שטאט אונ עש איז אין איר ווייניג מענטשן אונ עש איז גיקומן איין גרוישר מלך אונ האט באלעגערט דיא שטאט צו איין געמען זיא אונ עש איז אין דער

שטאט גיוועזן איין ארום מאן איין חכם אונ ער האט מציל גוועזן די גאנצע שטאט מיט זיין חכמה אונ קיינער האט ניט גידיינקט אין דעם ארום מאן אונ מען הט אים גאר ניט גיאכט אזו האב איך מיר גיטראכט עש איז בעסער חכמה פון גבורה דען די חכמה פון דעם אריםאן איז גוועזן מבוזה אונ זיינע רייד זיינען ניט ווארין צוא גיהערט אונ ער האט די גאנצע שטאט מציל גיוועזן מיט זיין חכמה · דר מדרש זאגט דר גוף פון דעם מענטשין איז גיגליכין צו איין קליינע שטאט אונ די ווייניג מענטשין דאש זיינן די גלידער פון דעם מענטשין אונ דר גרוישר מלך דאש איז דר יצר הרע וואש אלע גלידער פאלגן אים אונ דר ארום מאן דאש איז דר יצר טוב וואש זיינע רייד ווערן ניט גיהערט חאטשע ער איז איין חכם אונ דר יצר טוב איז מציל דעם מענטשין פון דעם גיהנם · דברי חכמים די רייד פון די חכמים ווערין צו גיהערט ווען אפילו זיי ריידין גאר שטיל דאש איז די גיבאט פון משה רבינו דען עש איז שוין פיל טויזינט יאר דאש משה רבינו האט גיבאטין די תורה אונ מצות אונ די ישראל האלטין זיי נאך גאנץ שטארק · טובה חכמה עש איז בעסער די חכמה פון דער אשה סרח וואש זיא איז גיוועזן איין קלוגע אונ האט מציל גיוועזן דיא גאנצע שטאט מיט איר חכמה · דען יואב האט באלעגערט די שטאט אונ האט זיא גיוואלט דער שלאגין פון וועגין שבע בן בכרי וואש ער האט מורד גיוועזן אין דוד המלך · האט סרח גימאכט מיט חכמה דש מען האט דיא קאפ פון שבע בן בכרי ארויש גיגעבין אונ יואב האט גילאזט לעבין די גאנצע שטאט · אזו איז איר חכמה בעסער גיוועזן פון דר מלחמה וואש זיי האבין גיוואלט מלחמה האלטין מיט יואב אונ דורך דעם שבע בן בכרי וואש ער האט גיזינדיגט האט דורך אים גזאלט פאר לארין ווערין איין גאנצע שטאט : זבובי מות יבאיש איין טויטע פליג מאכט פאר שטינקן גוטין אייל אזו מאכט איין קליינע זאך פר לירן איין חשובי זאך · אזו אויך מאכט איין קליינע עבירה פאר לירין פיל זכיות · דען אז די וועלט איז האלב זכיות אונ האלב עבירות אונ איין רשע קומט אונ טוט איין קליינע עבירה אזוא מאכט ער מיט זיין עבירה איבר וועגן די גאנצע וועלט צו ביזן דאש רוב עבירות שלאגט

אוועק די מצות · לב חכם דאש הארץ פון דעם חכם איז אן גבריית צו נייגן אים אין דר רעכטר זייט צו טאן גוטש אונ דאש הארץ פון דעם נאר איז אן גיבריית צו נייגין אים אין דר לינקר זייט צו טאן בייז · וגם בדרך אונ אויך אין דעם וועג וואש דר נאר גייט איז זיין הארץ גמינערט אונ ער זאגט צו אלע לייט דאש ער איז איין נאר · כלומר מיט זיין גיין אונ מיט זיין רייידין ווערט ער דר קענט צו לייטין דאש ער איז איין נאר · אם רוח המושל ווען גאט טוט דיך שטראפֿן זאלשטו ניט זאגן וואש העלפֿט מיר מיין צדקות אונ זאלשט ניט אפ לאזין דיין פרומקייט דען די יסורים מאכן דיר אפ טאן פיל גרוישע עבירות · יש רעה עש איז פאר האנדין איין בייז אויף דר וועלט דאש גאט טוט גיבטין איין זאך אום גערין אונ עש מוז בלייבין · נתן הסכל במרומים אונ דאש איז דאש בייז · איך זעה בנבואה דאש די רשעים וואש וועלן דאש בית המקדש חרוב מאכן די וועט גאט חשוב מאכן · אונ די ישראל וואש זיינען איצונד עשירים אונ האבין גרויש שררה שאפֿט די וועלין זיצין אין דר נידר אויף דער ערד אין חורבן בית המקדש : ראיתי עבדים איך זעה די כשדים וואש זיי זיינן די נידריגשטע אומה די וועלן רייטין אויף פערד · אונ די שרים מוזין צו פוס גיין ביי זייערע וועגין · חופר גומץ בו יפול אזו וויא איינער גראבט איין גרוב אונ פאלט צו צייטין אליין ארין אין איר אזו אויך נבוכדנצר האט צו גינומען דיא כלים פון דעם בית המקדש · אונ דורך דעם האבין זיך אויש גילאזט זיינע קינדר · אונ ווען איין מענטש איז עובר אויף די תקנות פון די חכמים דר ווערט גיביסין פון איין שלאנג כלומר ער שטארבט · מסיע אבנים דר וואש רייסט ארויש שטיינער פון דעם בארג דר ווערט מיד דורך דעם אזו אויך דר וואש טוט עבירות וועט ער גשטראפֿט ווערן פאר זייא · בוקע עצים אונ דער וואש האקט האלץ דער ווערט דער היצט דורך זייא · אזו אויך דר וואש לערינט תורה אונ טוט מצות דר וועט דער פאר שכר נעמן · אם קהה הברזל ווען דיא שווערד איז ניט שארף אונ איז ניט אויש גריבן דאש זיא זאל גלינצערן דאך קען מען מיט איר גיווינען די מלחמה · אזו אויך זיינען די תלמידי חכמים חאטשע זייער פנים איז שווארץ פון וועגין הונגער · דאך איז ער מציל דיא גאנצע

וועלט אונ איז מקבל שכר לעולם הבא דאש זיין פנים וועט לייכטין · דברי פי חכם חן די רייד פון דעם מויל פון דעם חכם האט חן בייא די לייט וואש הערין זיי פון אים · אונ ער האט גדולה פון וועגין זייא אבער דיא לעפצין פון איין רשע טוען אים פאר דארבין · תחלת דברי פיהו דר אן הייב פון די רייד פון בלעם זיינען גיוועזן נארעש דען אז גאט האט אים גיפרעגט ווער זיינען די לייט וואש זיינען ביי דיר · האט ער גידארפֿט צו ענטפֿערין דו גאט דו ווייסט דאך וואול אלע זאכין אזו ווייסטו ווער זיי זיינן · אונ ער האט גיענטפֿערט מיט גאוה בלק בן צפור דר מלך פון מואב האט צוא מיר גישיקט כלומר חאטשע איך בין ניט חשוב אין דיינע אויגין דאך בין איך חשוב אין די אויגן פון די מלכים · אונ צום סוף איז ער גיוועזן פאר מישט אונ משוגע אונ האט זיי איין עצה גיגעבין צוא מזנה זיין · והסכל ירבה דברים אונ דר נאר טוט זאגין מארגין וועל איך אזו טאן צו יענם מענטשן אונ ער ווייס ניט וואש מארגין וועט זיין · אונ אפילו וואש איצונד איז הינטר אים ניט אנטקגן זיינע אויגין מוז מען אים זאגן וואש דארטן איז אונ ער ווייס אליין ניט · עמל הכסילים תיגענו דיא נארעשקייט פון נארין טוט זיי מיד מאכין ווייל זיי זיינען ניט גילערינט די וועגין פון דר שטאט אונ די גאסין · אזו מוזין זיי זיך מידין צו ארין גיין דורך גריבער אונ זומפין וואסער אזוא איז אויך דר וואש לערינט ניט קיין תורה דר וועט זיין מיד אין גיהנם ווייל ער ווייש ניט דעם רעכטן וועג צו אפ שיידין זיך פון דר עבירה ווייל ער האט קיין תורה ניט גילערינט · אי לך ארץ שמלכך נער וויא דעם לאנד וואש דער מלך פירט זיך וויא איין יונגער אן חכמה אונ אירע שרים עסין גאנץ פרי ניט וויא דר סדר איז פון שרים · אשריך ארץ וואול צו דעם לאנד וואש דר מלך איז איין חכם אונ אירע שרים עסין אין דר צייט אונ זיינן עוסק אין דער גבורה פון דר תורה אונ ניט אין טרינקען · בעצלתים ימך המקרה ווען איין מענטש פוילט זיך צו פאר ריכטין איין קליינע לאך אין זיין הויז אזו פאלט צום סוף איין דאש גאנצע גיבעלק אונ ווען ער פוילט זיך צוא צו דעקן זיין הויז אזו טוט דרינן ארייין רינן רעגן אזו אויך ווען ישראל ווילין קיין תורה ניט לערנן אונ זיינן פויל צו טאן מצות ווערט זייער שררה שאפֿט פון די

אוועק גינומען לשחוק עושים לחם צו אלע שמחות מאכט מען איין סעודה אזו וויא צו איין חתונה אדער אז מען וויל איין מלך אויף נעמן אונ וויין דארף מען אויף דער סעודה וואש דאש מאכט פריילעך די לעבעדיגע מענטשין אזו דארף מען געלט האבין דרום זאל איין מענטש ניט פויל זיין פון צו ארבעטין כדי ער זאל האבין געלט מיט עפעש צו מאכין סעודות גם במדעך אפילו אין דייגע מחשבות זאלשטו קיין מלך ניט שילטין אונ אויך ניט אין דייגע חדרים וואש דו שלאפסט דען דר פויגיל וואש פליהט אונטר דעם הימיל ווערט עש אויש זאגין כלומר עש קען זיין דאש איינער ווערט עש הערין אונ ווערט עש אויש זאגין · אונ דער דרש איז אפילו אין דייגע מחשבות זאלשטו גאט ניט דער צערענן דען דיין נשמה וואש זיא ווערט לסוף אוועק פליהן אויף דעם הימיל ווערט זיא עש אויס זאגן אונ דער מלאך וואש באלייט דיך ווערט עש אלץ אויש זאגין · דער תרגום שרייבט דער מלאך רזיאל שרייט אויש אלע טאג אויף דעם בארג חורב אונ זיין קול גייט אין דער גאנצר וועלט אונ אליהו פליהט אונטער דעם הימיל אזו וויא איין אדלער אונ זאגט אויש אלע סודות וואש גישעהן אין דר וועלט שלח לחמך על פני המים טוא איין טובה אפילו צו אזו איין מענטשין וואס דו ווייסט וואול דו ווערסט אים שוין מער ניט זעהן גלייך וויא איין מענטש וואש ווארפט זיין ברויט אויף דעם וואשער דען עש קאן קומן איין צייט וואש דו ווערסט באצאלט ווערין דער פאר אזו וויא עש איז גיוועזין בייא יתרו דאש ער האט גזאגט רופט צו משה לאז ער עסן ברויט חאטשע ער האט גימיינט דאש ער איז איין מצרי אונ ער ווערט אים מער ניט זעהן אונ דער סוף איז גיוועזין דאש ער איז גיווארין זיין איידים אונ איז גיוועזין איין מלך איבר ישראל אונ ער האט צו יתרו מגייר גיוועזן אונ זיינע איינקלעך זיינן גוועזן סנהדרין תן חלק לשבעה גיב איין חלק ברויט צו זיבין ארימע לייט אונ אויך צו אכט אונ זאלשט ניט זאגין איך האב שוין גינוג צדקה גיגעבין דען דו ווייסט ניט וואש פאר איין בייז עש ווערט זיין אין דר וועלט אונ דורך דר צדקה ווערסטו ניצול ווערין פון דעם בייז אם ימלאו העבים גשם ווען די וואלקין ווערין פול מיט רעגין אזו וועלין זיי גיסין אויף דער ערד כלומר אין דעם ארט וואו מען זעהעט זיי דארטין טועון זיי רינגען אזו אויך דער תלמיד חכם וואש איז אין איין שטאט ווערט ער דארטין דר קענט דורך זיין גוטין נאמן אונ דורך זיינע גוטע מעשים וואס ער האט די שטאט מדריך גיוועזן צו גוטין שומר רוח לא יזרע דער וואש ווארט מיט זיין תבואה זייען ביז איין ווינט ווערט זיין דער ווערט אפט ניט זייען דען עש קען זיין דאש עס ווערט קיין ווינט ניט זיין אונ דער וואש האט מורא צוא שניידין אז ער דער זעהט וואלקינש דער ווערט ניט שניידין דען עש קאן אמאל איין לאנגע צייט וואלקינש שטיין כאשר אינך יודע אזוא וויא דוא ווייסט ניט וואש אין בויך איז פאר שלאסין אויב איין זכר אדער איין נקבה אזוא אויך ווייסטו ניט ווען איין ווינט ווערט זיין דען צו צייטין מיינט דר מענטש עש ווערט זיין איין ווינט אונ עש איז ניט אזוא · אזוא אויך קענסטו ניט וויסין דיא מעשים פון גאט ווער עש ווערט זיין רייך אדער ארים · דרום זאלשטו טאן חסד אונ צדקה אונ זאלשט ניט זאגין ווען איך וועל צדקה געבין וועל איך ארים ווערין · אדער ווען איך וועל תורה לערנען וועל איך ניט קענען האנדלען אונ וועל ארים ווערין אדער ווען איך וועל איין ווייב נעמען וועל איך פיל קינדער האבין אונ וועל ארים ווערין דורך זייא דאש אלץ זאלשטו ניט זאגין בבוקר זרע את זרעך ווען דו האשט אין דער יוגענט תורה גילערינט זאלשטו אויף דר עלטער אויך תורה לערנן אונ אויב דו האשט גילערינט מיט תלמידים אין דער יוגינט זאלשטו אויף דער עלטער אויך לערנען מיט תלמידים אונ אויב דו האסט גיהאט קינדער אין דער יוגינט זאלשטו אויף דער עלטער אויך נעמען איין ווייב צו האבין קינדר אונ אויב דו האסט גיגעבין צדקה אין דיין יוגענט זאלשטו אויך געבין צדקה אויף דיין עלטער · דען דו ווייסט ניט וועלכעש עש ווערט בעסער זיין · כלומר דו קענשט ניט ווישין וועלכע תלמידים אדער קינדער וועלין דיר בלייבין · אויב דיא פון דר יוגינט אדער פון דר עלטר אזו וויא מיר גיפינן בייא רבי עקיבא דאש ער האט גיהאט אין דר יוגינט פיר אונ צוואנציג טויזינט תלמידים אונ זיי זייגען אלע אויש גישטארבן פון פסח ביז שבועות אבער דיא תלמידים וואש ער האט גיהאט אויף זיין עלטער די זיינן אים גיבליבן ·

אויך

אויך גיפינן מיר ביי בועז דאש ער האט גיהאט
דרייסיג זין אונ דרייסיג טעכטר אונ זיינען אלע
גישטארבין ביי זיין לעבין אונ דער נאך האט
ער גינומן רות אונ האט מיט איר גיהאט איין
זון ער האט גיהייסן עובד · דער איז גיבליבין
לעבין אונ עש איז פון אים ארויש גיקומן דוד
המלך · ומתוק האור עש איז זים די ליכט פון דר
תורה · אונ וואול צו די תלמידים וואש זעהן
איין לויטערע הלכה אזו וויא די זון אונ זיי פאר
שטייען זיא · כי אם שנים הרבה דען ווען שוין דר
מענטש לעבט לאנג זאל ער זיך אלע זיינע טעג
פרייען מיט זיין חלק · אבער ער זאל גידיינקן
די פינצטערע טעג דאס איז די צייט פון שטארבן
אונ זאל תשובה אונ מעשים טובים טאן · דאש
ער זאל ניצול ווערין פון דעם טאג דען די טעג
זיינן מער וויא די טעג פון זיין לעבין · אונ עס
וועלין אויף אים קומען פורעניות אין די טעג ·
שמח בחור בילדותך פרייא דיך בחור וויל דו ביסט
יונג · אונ גיי נאך דאש גילושטן פון דיין הארץ
אונ דאש זעהן פון דיינע אויגן · אבר דו זאלסט
ווישין דאש גאט וועט דיך פאר די אלע זאכין
ברייננן צום משפט והסר כעס מלבך אונ טוא אפ
פון דיין הארץ אלע זאכין וואש דער צערענן
גאט אונ טוא אפ דעם יצר הרע פון דיין לייב ·
דען די מעשים פון דר יוגינט ווס דעם מענטשינס
האר זיינן דענשט מאל שווארץ די זיינן נארעש :
יב וזכור את בוראיך אונ גידיינק אין די דרייא
זאכין אין דיין יוגינט דאש דו בישט ווארין
בשאפין פון איין נישט · אונ וועשט קומן אין
קבר · אונ וועסט דארפין חשבון געבין פר גאט
אויף דיינע עבירות דרום דער מאן דיך איידר
עש וועלין קומען די בייזע טעג דאש זיינן די
טעג פון דער עלטער וואש דער מענטש איז
דענשט מאל שוין שלאף · אונ עש וועלין קומן
די יארין וואש דו וועשט זאגין דו באגערשט
זיי ניט עד אשר לא תחשך השמש באטראכט דיך
איידער דיין שטערין וועט פינצטר ווערין אונ
גיקנייטשט אונ איידער דיין נאז וועט לאנג אונ
שפיציג ווערין · אונ איידער דיין נשמה וועט
פון דיר אוועק גיין אונ עש וועט פאר גיין די
ליכט פון דיינע אויגין · אונ איידר דיינע באקין
וועלן דיר איין פאלין אונ עש וועלין ווערן לעבר
אין דיין פנים אונ איידער דיינע אויגין וועלין
טונקיל ווערין פון וועגין פיל גיוויין ביום שיזועו
שומרי הבית בטראכט דיך איידער דיינע דיפין
אונ פלאנקין וועלין ציטערן אונ איידר עס וועט
אן חאפין איין קראמפ אין דיינע פיס · אונ איידר
דיינע ציין וועלין ארויש פאלין · אונ איידר עס
וועלין טונקיל ווערין דיינע אויגין · אונ איידר
דיין טיר וועט צו גישלאסן ווערן דאש דיין אויס
גאנג וועט דיר שווער אן קומען · אונ איידר
דיין מאגין וועט דיר פאר דארבין ווערין דאש
דו וועשט ניט קענן פאר דייען קיין עסין · אונ
איידר דו וועשט ניט קענן שלאפין דאס אפילו
דאש קול פון איין פויגיל וועט דיך אוף וועקן אונ
דו וועסט ממאס זיין אלע כלי זמר גם מגבוה יראו אונ
אויף דר עלטר פארכט זיך דר מענטש אפילו פר
איין קליינם בארג צו גיין אויף דר גאס דאש ער
זאל ניט פאלין דריבר · אונ עש ווערט מאגער
זיין לייב דש דר ביין פון זיין דיך שטארצט אים
ארויש אזו וויא איין טייטיל בוים · אונ עש
ווערט אויף אים שווער זיין גיזעם אונ עש
ווערט פון אים פר שטערט די לושט פון ווייבר
אונ דער מארך ווערט אויש גיטריקינט פון זיין
חוט השדרה אונ דר חוט השדרה ווערט פאר
קרימט אונ ער קען ניט משתין זיין · אונ דער
בויך טוט אים איין פאלין אונ צו בראכין ווערין
אזו וויא איין קרוג ביי דעם ברונען · וישוב העפר
אונ אז דר מענטש שטארבט קומט ער אין דר
ערד אונ זיין נשמה גייט ארויף צו גאט וואש ער
האט זיא גיגעבן · דרום באטראכט דיך בצייטין
ויותר שהיה קהלת חכם אונ נאך מער וויא שלמה
האט דא אין ספר קהלת אן גישריבין איז ער
גיוועזן איין חכם ער האט גילערינט חכמות צו
לייטין ער האט גימאכט אויערין צו דר תורה
אזו וויא מען מאכט צו איין כלי דאש מען זאל
זיא דר מיט טראגין אונ ניט ביי דר כלי אזו
אויך האט ער מתקן גיוועזן דאש מען זאל איין
ערוב לייגין אין איין חצר כדי מען זאל דורך
דעם היטין מען זאל ניט טראגין אום שבת ·
אונ ער האט מתקן גיוועזן מען זאל זיך וואשין
דיא הענט צום עסין אונ צו תפלה בקש קהלת
שלמה המלך האט גיגעבין זיין הארץ צו ווישין
אלע זאכין אונ ער האט פאר שטאנען דען ער
האט גיוואושט אלע די הלכות וואש זיינן ווארין
גיגעבין צו משה אויף דעם בארג סיני אונ אויך
די תורה שבכתב דברי חכמים ער האט גיוואושט
די רייד פון די חכמים וואש זיי האבין גימאכט
איין

אין צאם צו דר תורה מיט גזירות דאש דורך דעם וועט דר מענטש גיין אין רעכטין וועג גלייך וויא דער האלץ פון דעם אקיר מאכט דאש דער אקס זאל גלייך גיין מיט דעם אקיר אונ זייערע רייד זיינען אזו שטארק גלייך וויא מען שלאגט צו איין זאך מיט נעגיל אונ אזו וויא אגיפלאנצטע זאך טוט זיך מערין אזו טוט זיך מערין די רייד פון די חכמים · זיי זיינען אלע ווארין גיגעבין פון איין פאסטוך דאש איז משה רבינו וואש ער האט זיי מקבל גיוועזן פון גאט · ויותר מהמה אונ נאך מער וויא דא אויבן שטייט זאלשטו מיין קינד גיווארינט זיין צו האלטין תורה שבעל פה וואש די חכמים האבין אוישין ווייניג גיזאגט · אונ אויב דוא וועשט וועלין זאגין ווען מען דארף האבין דיא רייד פון דיא חכמים ווארום זיינען זיי ניט גישריבן גיווארין · דאש איז דרום ווייל צו מאכין פיל ספרים האט קיין עק ניט · אונ ווען דער מענטש וויל געבין זיין זין צו לערנען פיל תורה מער וויא ער קאן דער גרייכין אזו וועט ער מיד ווערין אונ דוא זאלשט ניט זאגין ווייל איך וועל די תורה ניט אויש לערנען נאך וואש זאל איך זיא אן הויבין · דרום זאגט דער נאך דר פסוק סוף דבר הכל נשמע דוא זאלשט אלץ תורה הערין חאטשע דוא קענשט דאש ניט פאר שטיין אונ פארכט דיך פאר גאט אונ האב דיין הארץ צו גאט אונ היט זיינע מצות דען וועגין דער תורה איז ווארין באשאפין דיא גאנצע וועלט דאש מען זאל תורה לערנען · כי את כל מעשה האלהים דען אויף אלע מעשים וואש דער מענטש טוט ווערט ער גיבראכט פאר גאט צום משפט אפילו ווען ער טוט אום גערין · אונ אפילו ווען ער טוט איין מצוה אונ ער טוט זיא ניט וויא מען בדארף דהיינו ער גיט איין ארים מאן צדקה אויפין באר ווערט ער אויך דער פאר גישטראפט :

סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם :

# מגילת אסתר

ויהי בימי אחשורוש אונ עש איז גיוועזן אין דיא טעג פון אחשורוש דיא חכמים זאגין וואו עש שטייט ויהי איז איין צרה אונ דא איז אויך גיוועזן צו ישראל איין צרה דען אחשורוש איז גיוועזן איין גרוישער רשע המלך ער האט פון זיך וועלבערט גיקיניגט אונ איז ניט גיוועזן פון זרע מלוכה אונ ער איז גיוועזן איין מלך איבר הונדערט אונ זיבין אונ צוואנציג מדינות אזוא וויא ער איז גיוועזן איין מלך פון הודו ביז כוש ווש זיי זיינן גוועזן נאהינט ביי אנאנדר אחשורוש האט זוכה גוועזן צו זיין איין מלך איבר הונדערט אונ זיבין אונ צוואנציג מדינות ווייל ער האט גינומן אסתר פאר איין ווייב וואש זיא קומט ארויש פון שרה וואש זיא האט גילעבט הונדרט אונ זיבן אונ צוואנציג יאר · אין קשה ווארום האט מען גימאכט אום פורים זאל מען לייענן דיא מגילה אונ אום חנוכה האט מען גימאכט איין אנדרין זכרון אויף דעם נס אונ ניט קיין מגילה לייענן דער תירוץ איז אום חנוכה האט מען באשיידליך גיזעהען דעם נס דאש ווייניג יהודים האבין פיל טויזינט אויש גיהרגת דרום האט מען ניט גידארפט קיין מגילה לייענן אבר ביי אחשורוש וועלין דיא לייט זאגין עש איז קיין נס ניט גיוועזן נאר אחשורוש האט ליב גהאט צו אסתר אונ האט דורך איר אוים גהרגת פיל עמלקים ווייל זיא האט אים גיבעטין אונ אחשורוש איז משוגע גוועזן אונ איין נאר דרום האבן די חכמים גימאכט מען זאל לייענען די מגילה וואש שטייט דרינן דאש ושתי וואס זיא איז גיוועזן איין מיוחסת דאס איייניקיל פון דעם גרוישן מלך נבוכדנצר פון דעשט וועגין האט זיא אחשורוש ניט גחנפת אונ האט זיא גיהייסן הרגנן אזו זעהען מיר דאש אחשורוש האט ניט גיטאן קיין אום רעכט פון וועגין ווייבער נאר גאט האט גיטאן איין נס אונ האט גימאכט דאש די יהודים האבין דר שלאגין פיל פון די עובדי כוכבים בימים ההם דער פסוק לערינט אונז דאש גאט האט איין טובה גטאן אונ האט גימאכט דאש אחשורוש טוט וואונן אין שושן וואו מרדכי ואסתר זיינן גיוועזן דען פריער האבין די מלכים גוואונט אין בבל אונ אחשורוש מיט אלע זיינע שרים האבין גיוואונט אין שושן ברי

מרדכי

מרדכי אונ אסתר זאלן זיין נאהינט צום מלך צו מציל זיין דיא ישראל פון זייערע צרות לכל שריו ועבדיו איז קשה ווארום שטעלט ער פריער דאש ער האט גימאכט איין סעודה צוא זיינע קנעכט אונ דר נאך זאגט ער ושרי המדינות דאש ער האט גמאכט איין סעודה צו די שרי המדינות דר תירוץ איז אחשורוש האט בעסר ליב גהאט דיא קנעכט וואש ער האט גיהאט פון פריער איידר ער איז איין מלך גיווארין מער וויא דיא שרי המדינות. שמונים ומאת יום ער האט גימאכט סעודות אונ האט גיוויזן זיין עשירות הונדערט אונ אכציג טעג אונ דרום זאגט ער ניט זעקס חדשים אזו וויא עש שטייט ווייטער בייא דיא וויבר דאש מען האט זיי גיצירט זעקס חדשים דען הונדערט אונ אכציג טעג זיינן דאך זעקס חדשים דאש ווייזט מיר דאש ער האט אלע טאג איין אנדרע עשירות אונ אנדרע חדושים גיוויזן פר אלע וואש זיינן גיזעסין למגדול ועד קטן ער האט גימאכט איין סעודה פון גרויש ביז קליין אונ דרום שטייט למגדול ועד קטן אונ ביי לוט שטייט מקטון ועד גדול וויל אחשורוש האט איטליכן מכבד גיוועזן אויף דער סעודה אזו וויא דר סדר איז דעם גרעשערן פריער. דער ילקוט שרייבט אויף דעם פסוק בהראותו דאש אחשורוש האט אן גיטאן די קליידר פון דעם כהן גדול אונ האט זיך גיזעצט צוא דער סעודה אונ האט גיוויזן זיין עשירות אונ אז די ישראל האבין גיזעהען דיא כלים פון דעם בית המקדש האבין די ישראל אן גיהויבין צו וויינן אונ גיוואלט אוועק גיין האט אחשורוש זיי גיהייסין מאכן איין באזונדער ארט דאש זיי זאלין ניט זעהען די כלים פון דעם בית המקדש אונ דאש עשירות האט אחשורוש גיפונען אין אין דר ערד וואש נבוכדנצר האט עס דארטין באהאלטין. חור כרפס ער האט גיזעצט די לייט אין איין גארטין וואס איז גיוועזן שיין גיצירט מיט גילדרנע בעטן אונ זילברנע אונ דיא ערד איז גיוועזן גידעקט מיט אבנים טובות אונ דרום איז ניט גיוועזן קיין כלי זמרים ביי דער סעודה וויל אחשורוש האט גיטאן איטליכן זיין ווילן אונ מיט כלי זמרים האט ער ניט גיקאנט טאן איטליכן זיין ווילן דען איינר האט ליב טרומייטן אונ דר אנדערר האט ליב פייפלין אונ דר האט ליב פידלין דרום האט ער גאר קיין כלי זמרים ניט גינומען והשקות בכלי זהב וכלים מכלים שונים דיא כלים פון אחשורוש זיינען ווארין פאר ענדערט אנטקעגין די כלים פון דעם בית המקדש. אונ נאך איין פשט איזו אז איינר האט אויס גיטרונקן די כלי האט מען אים אין איין אנדרע כלי גיגעבן צוא טרינקן. נאך איין פשט איז די כלים זיינען ווארין פאר ענדערט מיט אלערליי גוטע וויינען זיסע אונ שטארקע. והשתיה כדת אונ דאס טרינקן איז גיוועזן אזו וויא דר דת פון דר תורה איז מען זאל מער עסין וויא טרינקען. אונ דיא ויינן האט מען איטליכין גיגעבין נאך זיינע יארין נאך אזו וויא ער איז אלט גיוועזן אזוא איין וויין האט מען אים גיגעבין. אונ מען האט איטליכין גיגעבן ויין פון דעם לאנד וואש ער איז גיבארן גיווארין דאש ער איז מיט אים גיוואנט אין אונז מען האט קיינם ניט גינייט צוא טרינקן. רבי לוי זאגט דר סדר איז גיוועזן אין לאנד פרס ווען איינר האט גימאכט איין סעודה האט מען גשטעלט איין כלי פון פערצג מאס אונ איטליכר האט גימוזט די כלי אויש טרינקן ער זאל אפילו שטארבין אונ די כלי האט גיהייסן אושקא אונ וועער עש האט ניט גוואלט די כלי אויש טרינקן האט ער גימוזט געבן שוחד צום שר המשקים ער זאל אים דיא כלי ניט אן גיסין אבער בייא אחשורוש האט מען די כלי ניט גשטעלט דרום שטייט אין אונס מען האט קיינם ניט גינייט צוא טרינקן. נאך איין פשט איז אחשורוש האט באפוילין מען זאל ניט נייטין קיין יהודי צוא טרינקן יין נסך כדי דר יהודי זאל מיט זיין גוטן ווילין טרינקן יין נסך אזוא וועט ער טאן איין עבירה אבר אז ער וועט טרינקן מיט נויט וועט ער קיין עבירה ניט האבן. נאך איין פשט איז עש איז בייא דעם טיש פיל כלים גיוועזן דאש מען האט ניט גידארפט קיינם נייטין ער זאל גיך אויש טרינקן וויל מען דארף אין דר כלי איין אנדערן געבן כרצון איש ואיש אחשורוש האט גיוואלט גינוגין טאן צו מרדכי אונ צו המן האט גאט גיזאגט דו רשע איינר פון זיי מוז גיהאנגן ווערין אונ דר אנדערער וועט חשוב אונ הויך זיין אונ וויא וועשטו קענן צו איטליכן זיין ווילן טאן נאר גאט קען טאן צו איטליכן באשפענש זיין ווילין בית המלכות דיא מלכה ושתי האט גמאכט איין סעודה צו די וויבר אין די גבאלטע חדרים פון דעם מלך. יבי אבין זאגט די וויבר

האבן

האבן מער הנאה פון שיין גימעל אונ צירונג ווייא פון עסין אונ טרינקען ביום השביעי אין דעם זיבעטין טאג אז עש איז וואול גיווארין דאש הארץ פון דעם מלך אין ווין האבין זיך דיא שרים בארימט איטליכער האט גיזאגט איך האב איין שיין ווייב האט אחשורוש גיזאגט אייערע ווייבר הייבן זיך ניט אן אנטקעגן מיין ווייב מיט איר שיינקייט אונ איר זאלט ניט מיינן ווייל זיא גייט אין שיינע קליידר פון איין מלכה דרום איז זיא שיין איך וועל זיא הייסין ברייגן נאקעט ווערט איר זעהן איר שיינקייט אזוא באלד האט אחשורוש גיהייסן ברייגן צוא ושתי נאקעט נאר דיא קרוין זאל זיא אן טאן אויף איר קאפ׳ רבי אבא זאגט דער זיבעטער טאג איז גיוועזן שבת׳ איז קשה ווארום שטייט להראות העמים והשרים את יפיה אזוא שטייט פריער דאש ווארט העמים וואס דאש ווייזט אויף פראסטע לייט אונ דר נאך שטייט דאש ווארט והשרים וואש דאש ווארט איז טייטש די הארין עש וואלט גיקענט פאר קערט שטיין אין פסוק פריער דש ווארט השרים וואש דאש ווייזט אויף די הארין אונ דער נאך וואלט גיקענט שטיין דאש ווארט והעמים דען די הארין זיינען גרעסער פון די פראסטע דער תירוץ איז איבר דעם שטייט פריער דש ווארט העמים דען די פראסטע לייט זיצן אונטן וועלן זיי פריער זעהן וויא די מלכה קומט אן׳ נאך איין תירוץ איז די פראסטע לייט האבין לושט צו זעהען אבנים טובות אונ גאלד דרום שטייט בכתר מלכות להראות העמים זיא זאל אריין קומען מיט דר קרוין צו ווייזן דאש די פראסטע לייט אונ דר נאך שטייט והשרים את יפיה דיא שרים האבין ניט גיוואלט זעהען די קרוין נאר דאש שיינקייט פון דר מלכה׳ אויך איז קשה ווארום שטייט להביא את ושתי המלכה שטייט פריער ושתי אונ דר נאך מלכה אונ אין אנדרן פסוק שטייט ותמאן המלכה ושתי שטייט פריער דש ווארט מלכה דר תירוץ איז דאש זיא האט באפוילן צום מלך איך בין איין מלכה אן דיר דען איך בין ווארן גיבארן איין מלכה ווייל מיין פאטר איז איין מלך גיוועזן דרום שאף ניט צו פיל מיט מיר אונ זיא האט אים גיזאגט דו נאר טאמער זיינן אנדרע ווייבר שענער פון מיר אזו וועשטו איין ליגנר בלייבין אונ אויב איך וועל זיין שענער וועלן

די שרים דיך הרגנן אונ וועלין מיך פאר איין ווייב נעמען אזו האט דער מלך גילייגט דעם משפט פאר די שרים כדת מה לעשות במלכה ושתי ער האט גיוואלט מען זאל זיא ניט אום ברייגן דרום האט ער גיזאגט זיא איז פריער איין מלכה גיוועזן איידער איך האב זיא גינומן ויאמר ממוכן האט המן גיזאגט אונ ער הייסט ממוכן ווייל ער איז גיוועזן אן גיגרייט צו אלע צרות האט ער גיזאגט ניט דעם מלך אליין האט ושתי איין חרפה גיטאן נייערט זיא האט אלע שרים איין חרפה אן גיטאן דען זייערע ווייבער וועלין זייא אויך ניט וועלין פאלגין אזו וויא די מלכה האט גיטאן דרום זאל מען פאר שרייבין אין בוך פון פרס ומדי ווייל דיא מלכה האט ניט גיוואלט קומען פאר דעם מלך האט מען זיא גיהרגת אונ איר מלוכה זאל דר מלך געבין צו איין אנדרע אשה לרעותה הטובה ממנה דאש איז טייטש מען זאל אויש קלייבין איין אשה וואש זיא איז גוט פון זיך זעלברט אונ קומט ניט ארויש פון מלכים דען דיא אשה וואש זיא איז איין מיוחסת דיא האלט זיך חשוב אונ וויל ניט צו הערן צו איר מאן להיות כל איש שורר בביתו מען האט די בריב גישריבן אין אלעלענדר דאש איטליכר מאן זאל גיוועלטיגן אין זיין הויז אונ דאש ווייב זאל איבער אים ניט גיוועלטיגין כדי עש זאל איר ניט גישעהן אזו וויא צו ושתי איז גישעהען ומדבר כלשון עמו אונ דאש ווייב זאל ריידין מיט דעם לשון וואש דר מאן רעט: ב אחר אונ אז עש איז ווארן גשטילט דר צארין פון דעם מלך האט ער זיך דר מאנט אין ושתי וואש זיא איז ווארין גיטייט אונ עש האט אים באנק גיטאן אזו האבין זיינע יונגען צוא אים גיזאגט מען זאל זוכין צום מלך נערות בתולות טובות מראה שיינע בתולות איז קשה פשיטא ווערט מען אויש קלייבין שיינע וואש האבין זיי דרויף גידארפט אן זאגין דער תירוץ איז זיי האבין גיזאגט מען זאל נאר נאך זוכין נאך שיינע ניט נאך קיין מיוחסת דען זיא ווערט זיך הויך האלטין אונ דרום שטייט פריער נערות בתולות וואש דאש איז טייטש פיל מיידין אונ דר נאך שטייט ויקבצו את כל נערה צו ווייזן דאש מען האט גימאכט פקידים אין אלע מדינות אונ איטליכער פקיד האט אויש גיקליבין די שיינע בתולות פון זיין מדינה אונ דער נאך האט ער פון זיי אויש גיקליבין די שענשטע אונ די האט

מען

מען געבראכט קיין שושן אונ אזוא האט מען גיטאן אין הונדערט אונ זיבין אונ צוואנציג מדינות אויך איז קשה ווארום האבן די יונגען גיזאגט מען זאל געבין זייער צירונג דורך דער האנט פון הגי דער תירוץ איז כדי דיא בתולות זאלין זיך ניט צירין מיט פאלשע פארבין דאש האסליכע זיא וועט ניט זיין שיין וועט מען מיינן זיא איז שיין · דרום זאל הגי אויף זעהען מיט וואש פאר איין פארבין זייא וועלין זיך צירין · אויך איז קשה נאך וואש האבין דיא יונגען גידארפט זאגין די וואש וועט דעם מלך געפעלן די זאל זיין איין מלכה ווער ווייסט דאש ניט · דר תירוץ איז מען זאל ניט זעהן נאך יחוס נאר די וואש וועט וואול גיפעלין אין שיינקייט די זאל זיין איין מלכה אונ דרום האבן זיי גיזאגט דיא זאל זיין איין מלכה אויף דעם ארט פון ושתי אונ איך ווייס דאך דאש אליין נאר זיי האבין גיזאגט די בתולה וואש וועט וואול גיפעלן זאל מען זיא ניט קריגען נאר זיא זאל זיין גלייך וויא ושתי לעבט אונ די בתולה איז אין איר ארט מלכה כדי די בתולה זאל זיך ניט הויך האלטין דען עש איז די גרעשטע גאוה ביי די ווייבר ווען מען טוט זייא אן איין קרוין ויהי אומן את הדסה היא אסתר מרדכי האט דר צויגין צו אסתר זיא איז געוועזן איין יתומה דאש איר פאטר אונ מוטר זיינען גישטארבין אונ מרדכי איז איר געוועזן איין פעטער אונ מרדכי האט איר איין נאמן גיגעבין אסתר אונ צום ערשטין האט זיא גיהייסין הדסה דאש איז איין נאמן פון יהודים אונ מרדכי האט זיך גיפארכטין דאש אחשורוש זאל ניט גיוואר ווערין דאש זיא קומט ארויש פון יהודים דרום האט ער איר איין נאמען גיגעבין אסתר וואש דאש איז אין זייער לשון גלייך וויא הדסה אין אונזער לשון עש איז קשה ווארום זאגט דער פסוק דאש אסתר האט ניט גיהאט קיין פאטר אונ מוטר אונ דר נאך זאגט ער זיא איז שיין גיוועזן אונ דר נאך הייבט ער ווידר אן אונ זאגט אז איר פאטר אונ מוטר זיינען גישטארבן האט זיא מרדכי גינומן צו זיך פאר איין טאכטר דר תירוץ איז דר פסוק זאגט מיר דאש מרדכי איז איין צדיק גיוועזן אונ האט אסתר ניט אן גירירט דען דער סדר איז ווען איינער איז מגדל איין יתומה ביי זיך אין הויז האסליכע זיא איז שיין האט ער דאך צו איר קיין יצר הרע ניט וויל ער גידיינקט דאש זיא איז קליינער הייד מיאוס גיוועזן דרום זאגט דער פסוק דאש אסתר איז שיין גיוועזן איידער זיא איז גיקומען צו מרדכי אונ ער האט זיא דאך ניט אן גירירט · ותלקח אסתר אונ אסתר איז ווארין גינומען אין הויז פון דעם מלך אין דעם פסוק איז קשה וואש דארף ער מיר זאגין אז מען האט פיל בתולות גבראכט קיין שושן איז אסתר ווארין גינומען אין דער האנט פון הגי מיר ווייסין דאך לאנג וואול דרש מען האט פיל בתולות גיבראכט קיין שושן · דר תירוץ איז דער פסוק ווייזט אונז דאש אסתר האט זיך פאר בארגין זיא זאל ניט ווערין גנומן צום מלך נאר אז מען האט גיהערט מען זאל ברייגגען אלע שיינע בתולות מען זאל קיינע ניט אויש לאזין אזוא האט זיך אסתר שוין גיפארכטן צו פאר בארגין זיך דרום שטייט אין פסוק ותלקח אסתר דאש איז טייטש אסתר איז ווארין גינומען מיט גוואלד אין הויז פון הגי · ותיטב הנערה בעיניו אונ די בתולה אסתר איז וואול גיפעלין אין די אויגין פון הגי · ער האט גיזאגט זיא וועט גיוויס איין מלכה זיין דרום האט הגי באלד גיגעבין קליידונג צו אסתר אונ האט איר גיגעבין זיבין מיידין צו באדינען זיא · אונ זיי זיינען גיוועזן פון יהודים · איינע האט גיהייסין זונטאג · אונ די אנדרע האט גיהייסן מאנטאג אונ אזו נאך אלע טאג פון דער וואך אונ דיא זיבעטע האט גיהייסין שבת אונ מיט איטליכר האט זיא גיארבעט איין טאג אין דר וואך כדי זיא זאל וויסין ווען שבת איז וויל זיא איז גוועזן צווישין עובדי כוכבים אין דעם הויז פון דעם מלך וּבְכׇל יום וָיוֹם מרדכי מתהלך לפני חצר בית הנשים אונ אלע טאג איז מרדכי גיגאנגען פאר דעם הויז פון דיא ווייבער צו ווישין דעם שלום פון אסתר איז קשה ווארום האט מרדכי גדארפט זעהען דעם שלום פון אסתר ווארום זאל זיא דען קיין שלום ניט האבין אין דעם הויז פון הגי · אויך איז קשה ווארום האט איר מרדכי פאר באטין דאש זיא זאל ניט זאגין פון וואש פאר איין פאלק זיא קומט ארויש · דער תירוץ איז מרדכי איז אלע טאג גיגאנגען זעהן אויב מען האט ניט פאר מסרת צו אסתר דאש זיא האט זיך פאר בארגין אונ אויב דער מלך וועט עש גיוואר ווערין וועט ער ברוגז זיין אויף איר אונ דרום אויך האט איר מרדכי פאר באטין זיא זאל

ניט זאגין פון וואש פאר איין פאלק זיא איז כדי דר מלך זאל ניט ברוגז זיין אויף די יהודים אונ ווער זאגין זיי האבן זיא אזו גילערינט ווייל זיא קומט ארויש פון שאול המלך דרום האלט זיא זיך אזוא חשוב ובהגיע תור נערה ונערה אין דעם פסוק איז קשה וואש באדארף מיר דר פסוק צו זאגין דאש מען האט איטליכע בתולה גיפירט צום מלך נאך צוועלף חדשים דער תירוץ איז דאש ווייזט מיר דאש מען האט צוא איטליכע בתולה אן גירעט צוועלף חדשים דאש זיא זאל מיט איר גוטין ווילין ליגין בייא דעם מלך אונ מען האט איר גיגעבין גוטע בשמים אונ גוטע זייף צו וואשן איר גוף דאש עש זאל זיין לויטר צו דעם מלך אבער די פרומע אסתר האט זיך ניט גילאזט איבר רעדין אין די צוועלף חדשים זיא האט אלץ שטיל גישוויגין · את כל אשר תאמר ינתן לה לבא עמה מבית הנשים עד בית המלך דר סדר איז גוועזן ווען מען האט איין בתולה גפירט פון דעם הויז פון הגי צו דעם מלך האט זיך דיא בתולה גיהיישן געבין פיל מתנות פון די קראמן דען עש איז פיל רייכע קראמען גישטאנען פון דעם הויז פון הגי ביז אין דעם הויז פון דעם מלך · אונ מען האט דיא בתולה גיגעבין וואש זיא האט גיזאגט · אבר אסתר האט ניט בגערט קיין שום זאך נאר הגי האט איר אלץ גיזאגט באגער וואש דו ווילסט ווערט מען דיר געבין אונ איטליכע בתולה האט מען אויף דר נאכט גבראכט צו דעם מלך · אונ אין דר פריא האט מען זיא גיפירט אין דעם הויז פון שעשגז דער היטער פון די ווייבר אונ זיא איז שוין מער צו דעם מלך ניט גיקומען · נאר די וואש דר מלך האט באגערט אין איר האט ער זיא גיהייסין רופין · דאש לאזט אונז דער פסוק הערין וויא באלד דר מלך האט גיהאט אסתר ביי זיך אזו האט ער זיא שוין ניט גילאזט ארויש פירין פון זיין הויז אונ האט זיא גיהאלטן ביי זיך חאטשע עש איז נאך גיוועזן פיל שיינע בתולות אין דעם הויז פון הגי · אונ ער האט שוין ניט גיטראכט טאמער איז נאך דא איין שענערע פון אסתר · אונ בפרט די מלכים פלעגין צו נעמען בתולות חאטשע זיי האבין ווייבר גיהאט · נייערט גאט האט גיגעבין חן צוא אסתר אין די אויגין פון אחשורוש דאש ער האט זיא ליב גהאט אונ הט ניט גיוואלט מער קיין ווייבער זעהן נאר אסתר

אונ מען האט גינומען צו אסתר אין דעם הויז פון דעם מלך אין חודש טבת וואש דענשט מאל איז די קעלט גרויש אונ ווען צוויי מענטשן ליגן ביי אנאנדער איז זיי ווארעם אזו האט דרום אחשורוש ליב גיהאט צו אסתר ויאהב המלך את אסתר אונ דער מלך האט ליב גיהאט צו אסתר מער פון אלע ווייבר וואש זיינן קיין בתולות ניט גיוועזן · אונ זיא האט ביי אים גיהאט חן מער פון אלע בתולות · אונ ער האט גטאן די קרוין פון דעם מלכות אויף איר קאפ · חאטשע די עצה איז גיוועזן דאש מען זאל קיין אשה די קרוין ניט אן טאן נאר דר מלך האט צו אסתר זייער ליב גיהאט אונ האט איר די קרוין אן גיטאן אונ דר מלך האט גמאכט איין גרוישע סעודה פון וועגן אסתר דאש זיא זאל זאגין פון וועלכן פאלק זיא איז · אונ ער האט נאך גילאזט דעם מס פון דיא מדינות פון וועגין גרויש שמחה וואש ער האט צוא אסתר זייער ליב גהאט אונ האט גישיינקט מתנות צו דיא שרים · אבער צו די יהודים האט אחשורוש ניט נאך גילאזט קיין מס. אונ דאש האט גאט אלץ גיטאן צוא גוטין דאש ווייל די יהודים האבין גיגעבין מס אזוא האט המן גימוזט צו זאגן צו געבין פר ישראל צעהען טויזינט צענטער זילבער מס אבער אז מרדכי האט אום גיבראכט דיא עמלקים האט ער פאר זיי קיין מס ניט גידארפט געבין ווייל דער מלך האט זיי דעם מס נאך גילאזט ובהקבץ בתולות שנית אונ אז מען האט נאך איין מאל איין גיזאמילט בתולות אונ מרדכי איז גיזעסין אין טויער פון דעם מלך איז קשה נאך וואס האט מען נאך איין מאל איין גיזאמילט בתולות אונ וואש הייננט דאש אן דאש מרדכי איז גיזעסן אין טויער פון דעם מלך · דער תירוץ איז דאש מען האט נאך איין מאל איין גיזאמילט בתולות כדי אסתר זאל זיך אין זייא מקנא זיין אונ זאל מורא האבן טאמער וועט דר מלך איין אנדערע נעמען אזוא וועט זיא זאגין איר משפחה אונ דרום איז מרדכי גיזעסן אין טויער פון דעם מלך צו זעהען אויב מען טוט צוא אסתר קיין צרה ניט אן ווייל זיא וויל איר משפחה ניט זאגן אונ דר מלך האט זייא קיינם ניט גיוואלט אונ האט די אהיים גישיקט אונ ער האט נאר צו אסתר גינומן פר איין ווייב · קצף בגתן ותרש עש האבן גיצערינט די צוויי קאמר דינר פון דעם מלך אונ

האבין גיזאגט פון דר צייט אן וואש דר מלך האט גינומען אסתר האבין מיר קיין רוא ניט · דרום האבין זיי גיזאגט איינר צום אנדרין זייא זאלין דעם מלך געבן סם המות דען מיר קענן גאנצע נעכט ניט שלאפין וויל מיר מוזין דעם מלך אלץ טרינקען געבין · נאך איין פשט איז די צווייא שרים זיינען אלץ גישטאנן אויף דער שוועל פון דעם מלך אונ מרדכי איז אלץ גיזעסין אין טויער דרום האבן זיי גזאגט דר יהודי מרדכי זיצט אלץ אונ מיר מוזין אלע צייט שטיין דרום האבין זייא גיוואלט איין געבין סם המות צום מלך אונ מרדכי האט פר שטאנען זייער לשון אונ האט דאש גיזאגט צו אסתר דאש די צווייא שרים ווילן געבן סם דעם מלך האט דאש אסתר גיזאגט צו דעם מלך דאש מרדכי האט איר אזו גיזאגט אונ מען האט דאש דר קלערט אז דאס איז אמת האט מען די צווייא שרים גיהאנגן אונ מען האט פר שריבן אין דברי הימים פון דעם מלך דאש מרדכי האט מציל גיוועזן דעם מלך פון דעם טויט: ג אחר הדברים האלה נאך דעם אז עש איז גישטילט גיווארין דער צארין פון דעם מלך האט דער מלך אחשורוש גרויש גימאכט המן בן המדתא איבר אלע שרים אונ גאט האט גישיקט די רפואה פר דר מכה דאס מען האט פאר שריבין דאש מרדכי האט מציל גיוועזן דעם מלך פון טויט דאש חאטשע המן וועט גאנץ חשוב זיין דאך וועט מרדכי דורך דעם מציל זיין כל ישראל אונ גאט מאכט פריער גרויש דעם רשע נאך דעם טוט ער אים פאר לירין עס איז איין משל איין פערד אונ איין אייזיל אונ איין גאנז זיינן ביי איין האר גיוועזן זאגט דאש אייזיל צו דעם פערד מיר ארבעטן טאג אונ נאכט אונ מען גיט אונז קארג עסין אונ די גאנז ארבעט ניט אונ מען גיט איר פיל אונ גוט עסין ענטפערט דאש פערד דוא שוטה ווייא באלד עש וועט קומן די צייט וועט מען די גאנז שעכטין דרום גיט מען איר פיל עסן אזו אויך האט מען המן חשוב גימאכט אונ מען וועט אים באלד הרגענן וכל עבדי המלך אשר בשער המלך כורעים ומשתחוים להמן אונ אלע קנעכט פון דעם מלך האבין זיך גיבוקט צו המן אונ מרדכי האט זיך ניט גיוואלט בוקין וויל המן האט גיהאט איין בילד אויף זיין הארץ אונ מרדכי האט גיוויזין דאש המן איז זיין קנעכט דען זייא זיינען ביידע גיוועזן אין איין מלחמה איז צווא המן אויש גיגאנגען ברויט אזוא האט ער זיך פאר קויפט צוא מרדכי פאר איין קנעכט פאר ברויט אונ האט אויף זיך איין בריב גיגעבין דאש ער איז זיין קנעכט אונ דיא בריב האט מרדכי גיוויזין צו אלע שרים אונ דרום האט זיך מרדכי ניט גיוואלט בוקין צו המן אונ המן איז אויף מרדכי ברוגז גיווארן · אונ ער האט זיך גיטראכט עש איז מיר איין חרפה איך זאל איין יהודי דער שלאגין איך וועל בעסר אלע יהודים אין איין מאל אויש הרגענן וירא המן כי אין מרדכי כורע ומשתחוה לו אונ המן האט גיזעהן דאס מרדכי בוקט זיך ניט צו אים · איז קשה וואָרום דארף מיר דען שטיין ומשתחוה לו צו אים האט ער זיך ניט גיבוקט · צו ווען האט ער זיך יוא גיבוקט · דער תירוץ איז מרדכי האט זיך יוא גיבוקט דען ער האט מורא גיהאט פאר די שרים נאר ער האט זיך ניט גיבוקט אויף איין זייט אנטקעגין המן דרום איז המן ברוגז גיוועזן הפיל פור הוא הגורל המן האט גיווארפין גורל אין וואס פאר איין חודש ער זאל לאזין די יהודים דער שלאגין · איז דר גורל גיפאלן אויף חודש אדר האט ער גיזאגט אין דעם חודש איז משה רבינו גישטארבן אזו וועלין די ישראל קיין מזל ניט האבין · ער האט אבער ניט גיוואוסט דאס משה רבינו איז אויך ווארין גיבארן אין חודש אדר · ויאמר המן למלך אחשורוש האט המן גיזאגט צום מלך אחשורוש עש איז פאר האנדין איין פאלק וואש עש איז פאר שפרייט אונ אפ גישייד צווישין די פעלקער · איז קשה וואש האט ער גזאגט פאר שפרייט אונ דער נאך אפ גישייד דער תירוץ איז המן האט מורא גיהאט צו ריידין פר דעם מלך צו פאר לירין איין גאנצע אומה דען עש איז דעם מלך איין כבוד ווען ער האט פיל אומות אונטער זיך דרום האט ער גזאגט צו דעם מלך עש איז איין פאר שפרייט פאלק זיי זיינן ניט גיאכט פאר איין אומה אונ אויב דו וועסט וועלין מיינען וויל זיי זיינן פאר שפרייט צווישין אנדרע אומות דאש זיי האבן זיך מיט זיי מתחתן גיוועזן אזו וועלין די אנדרע אומות וואש זיי האבין זיך מיט זייא מתחתן גיוועזן אויף זיי רחמנות האבין אונ וועלין זיי ניט לאזין פאר לירין דרום האט המן גיזאגט זיי זיינן אפ גישייד פון אנדרע אומות זיי זיינן זיך

מיט

מיט זיי ניט מתחתן אונ זיי עסין אונ טרינקן אפילו ניט מיט אנדערע אומות אונ זייא האבן אנדערע ימים טובים מער וויא אנדערע אומות אזו האט גאט גזאגט דז רשע דז שרייבשט אויף זייערע ימים טובים דאש זיי האבין פיל אונ ברייגגן אויש פיל געלט אויף עסין אונ טרינקן איך וועל זיי געבין נאך איין יום טוב ער ועט הייסין פורים דאש מען וועט דיך הייגגען אזו וועלן זיי פריילעך זיין אונ וועלן עסין אונ טרינקן גלייך וויא אלע ימים טובים · אונ חאטשע אלע ימים טובים וועלין בטל ווערין אז משיח וועט קומען אבער פורים וועט אייביג בלייבן · יכתב לאבדם אויב עש איז דעם מלך וואול גיפעלין זאל ער שרייבין צו פאר לירין זייא אונ דרום האט המן גיבעטין מען זאל שרייבין צו פאר לירין זייא דען ער האט מורא גיהאט צו זאגין בשיידליך מען זאל זיי הרגנען דרום האט ער גיבעטין דער מלך זאל שרייבין צו פאר לירין זיי דאש מען זאל זיי פון דעם לאנד פר טרייבן אונ ער האט זיך גיטראכט איך וועל זאגין דאס דער מלך מיינט מען זאל זיי הרגנן האט דער מלך גיזאגט צו המן דאש זילבער שיינק איך דיר והעם לעשות בו כטוב בעיניך אונ צו דעם פאלק זאלשטו טאן אזו וויא עש טוט וואול גיפעלן אין דיינע אויגין כלומר ער האט גיזאגט צו המן דו בגערשט צו פאר לירין זיי וואש מען קען עש זאגין אויף צוויי זייטן צו הרגנן זיי אדר צו ארויס טרייבין זיי דו מעגשט מיט זיי טאן וואש דו ווילשט ויקראו סופרי המלך אונ זייא זיינען וואַרין גירופין די שרייבר פון דעם מלך צו שרייבן צו איטליכן שר איין בזונדערן בריב אונ מען האט פר חתמית מיט דעם חותם פון דעם מלך צו פר לירן די יהודים אונ קיין שר זאל ניט דארפן ווייטר זאגן דעם אנדערין שר דען עס איז גיווען פיל יהודים וואש האבין גהאט קענט שאפט מיט די שרים אזו וועלין זיי שוחד געבין זייער שר דאס ער זאל ווייטר דאש ניט זאגין דרום האט מען צו איטליכן שר איין באזונדערן בריב גישריבן אונ דרום שטייט אל אחשדרפני המלך ואל הפחות ואל שרי עם ועם ביי איטליכן שטייט דאש ווארט אל אבר ווען דר מלך אליין שרייבט איין בריב שרייבט ער אויפין וואר צו אלע שרים איין בריב אזו וויא מרדכי האט גטאן דאש ער האט איין בריב גישריבין צו אלע שרים מען זאל פאר לירין די עמלקים דרום שטייט ניט ביי מרדכי ביי איטליכן שר דאש ווארט אל להיות עתידים ליום הזה אונ צו אלע אומות האט המן גישריבן אפענע בריב דאש זיי זאלין זיין אן גיברייט אויף איין פאלק אונ האט זיי ניט גילאזט ווישן וואש פאר איין פאלק אונ האט זייא אויך ניט גילאזט ווישין וואש מען זאל זייא טאן נאר זייא זאלין זיין אן גיברייט כדי די יהודים זאלין גאר פון קיין ביין ניט ווישין והעיר שושן נבוכה אונ די שטאט שושן איז גיוועזן פאר אירט זיי האבין נישט גיוואוסט וואש די שלוחים בטייטין דען עש איז אלץ גיוועזן בסוד : ד ומרדכי ידע את כל אשר נעשה אונ מרדכי האט גוואוסט וואש דא איז ווארן גיטאן דען אליהו איז גיקומן צו מרדכי אונ האט אים גיזאגט דעם סוד דאש מען האט אין הימיל אן גישריבין צו פאר לירין חס ושלום די יהודים · האט מרדכי אים גיפרעגט אויב עש איז פאר חתמית מיט ליים האט אליהו גיזאגט יוא דרום טוט תשובה וועט גאט צו רייסין די גזירה · אזו האט מרדכי צו ריסין זיינע קליידער ויזעק זעקה גדולה ומרה אונ האט גישריען איין גרויש גישריי אונ איין ביטערע כלומר ער האט צוויי ערליי גישריי גישריען איינש פון וועגין דעם אום גליק פון ישראל אונ דאש אנדרע וויל ער האט דאס גורם גיוועזן וויל ער האט זיך ניט גיוואלט בוקן צו המן ויבא עד לפני שער המלך אונ מרדכי איז גיקומן מיט איין זאק ביז אין טויער פון דעם מלך אונ האט ווייטר ניט גיטארט גיין אין איין זאק אין דעם טויער פון דעם מלך · אונ דרום איז ער גיגאנגען אין איין זאק צו זאגין עש צו אסתר חאטשע ער האט גיוואוסט דאש מען טאר ניט קומען אין דעם טויער פון דעם מלך אין איין זאק נאר ער האט גיוואלט פריער תשובה טאן אונ אויך זאל אסתר ניט געבן קיין מתנות שוחד ביז זיא זאל פריער תשובה טאן דרום איז ער צו איר גיגאנגן אין איין זאק צו ווייזין איר דאש מניע אבל גדול ליהודים די שרים האבין דעם סוד גזאגט צו אטייל יהודים דאש המן האט גישריבן איין בריב מען זאל הרגנן די יהודים אזו זייגן די יהודים זייער טרויעריג גיווארין אונ האבין גיפאסט אונ האבין תשובה גיטאן אונ האבין זיך גילייגט אויף דר ערד אין אש ותתחלחל המלכה מאוד דיא מיידין האבין גיזאגט צו אסתר דאש מרדכי גייט אין איין זאק איז זיא זייער דר שראקן

גיווארין

גיווארין אונ האט גישיקט קליידר צו אן קליידן צו מרדכי אונ צו אויש טאן דעם זאק פון אים אונ ער האט ניט גיוואלט אן נעמען איז קשה האט דען מרדכי ניט גיהאט אן איר קיין קליידר צו אן טאן וואש זיא האט אים גישיקט קליידר אונ נאך איז קשה וואש האט אסתר גזאגט טוא אויש דעם זאק אונ טוא אן קליידר פשיטא ווען ער ווערט דארפין אן טאן קליידר ווערט ער מוזין דעם זאק אויש טאן דער תירוץ איז מרדכי איז גיגאנגן אין צוויי זעק איינעם אויף זיין לייב אונ דעם אנדערין פון אויבין אויף זיינע קליידר דרום האט אסתר צו אים גיזאגט טוא אויש דעם אויבערשטן זאק אונ טוא אן קליידר אויף דעם אונטערשטין זאק כדי דו זאלשט קענן צו מיר אריין גיין אין דעם טויער פון דעם מלך אבער מרדכי האט ניט גיוואלט ער האט גיוואלט תשובה טאן אין דעם זאק דרום שטייט ולהסיר שקו מעליו כלומר צו אפ טאן דעם אויבערשטין זאק פון אפ זיינע קליידער אונ אז אסתר האט גיזעהן דאש מרדכי וויל ניט אויש טאן דעם זאק אונ זאגט אויך ניט וואש דאש איז האט זיא צו אים גשיקט התך דאש איז דניאל וואש ער האט בדינט צו אסתר אונ צו אים מעג מען איין סוד פאר טרויען אונ זיא האט צו אים גיזאגט גייא צו מרדכי לאז ער דיר זאגין דעם סוד לדעת מה זה ועל מה זה אונ אסתר האט גיזאגט צו דניאל גייא צו מרדכי אונ ווער גיוואר וואש דער סוד איז אונ דרום שטייט צוויי מאל מה זה ועל מה זה כלומר ווער גיוואר וואש די צרות זיינן אונ פון וואנען די צרות זיינען גיקומן ויגד לו מרדכי את כל אשר קרהו האט מרדכי צו אים גיזאגט וואש אים איז גישעהן איז קשה וואש איז אים מער גישעהן פון כל ישראל דער תירוץ איז מרדכי האט גיזאגט די צרות קומען פון מיר וויל איך האב מיך ניט גיוואלט בוקין צו המן · אונ ער האט גיהייסין זאגין צו אסתר דאש המן האט גישריבין בריב צו פר לירין ח״ו כל ישראל דרום גיביט איך אויף דיר דו זאלשט גיין צום מלך אונ זאלשט בעטין פר ישראל · איז קשה וויא גישיקט זיך דאש אזו איין צדקת זאל מען דארפן גיבעטין זיא זאל גיין צום מלך בעטין פר ישראל אונ זיא זאל אליין ניט גיין דר תירוץ איז אסתר האט אליין ניט גוואלט גיין צו אחשורוש האט איר מרדכי גימוזט מתיר זיין זיא זאל גיין צו

אחשורוש צו בעטן פאר ישראל אונ אסתר האט גיזאגט איך בין ניט ווארין גירופין צום מלך שוין דרייסיג טעג אונ עש איז שוין אויש דרייסיג טעג אזו ווערט מען מיך רופין צום מלך דרום האט זיא פריער ניט גיוואלט גיין אונ אסתר האט גיזאגט צו מרדכי עש איז פאר שריבין אין דעם בוך פון דעם מלך דאש דער וואש ווערט קומן צום מלך אום גירופין דער זאל ווערין גיטייט האט מרדכי גיזאגט צו אסתר ניט טראכט דיר דאש דו ווערסט אנטרונען ווערין פון דעם טויט מער פון אלע יהודים איז קשה וויא גישיקט זיך דאש מען זאל צו אסתר איין מורא מאכין אונ זיא זאל ניט וועלין גיין אן איין מורא דר תירוץ איז אסתר האט גיזאגט צו מרדכי דו הייסט מיר גיין צום מלך איך זאל איין עבירה טאן קעגן מלך פון וועגין כל ישראל איז דען אזו רעכט האט מרדכי גיזאגט דו אסתר בישט דיך טועה דען עש איז פאר דיר אויך איין סכנה דרום מעגסטו גיין צום מלך פון דיינט וועגין דען ווער ווייסט דאש דוא ווערסט איבער איין יאר איין מלכה זיין דרום זאם ניט אונ גיי באלד צו דעם מלך איידר מען רופט דיך לך כנוס את כל היהודים האט אסתר גיזאגט גייא זאמיל איין אלע יהודים וואש ווערין גיפונען איז שושן אונ פאסט פון מיינט וועגין ווייל איך וועל איין עבירה טאן צו זיין מיט דעם מלך אל תאכלו ואל תשתו איר זאלט ניט עסין אונ טרינקן איז קשה ווען מען ווערט פאסטין מן הסתם ווען מען ניט עסין אונ טרינקן וואש האט זיא דאש גדארפט צו זאגין · דער תירוץ איז אסתר האט גיזאגט איך טאר מיך ניט פייניגין מיט בארוויס גיין אונ אויך ניט מיט באדין אונ שמירן וויל איך בין איין מלכה גאר איך מיט מיינע מיידין וועלין פאסטין מיט עסן אונ טרינקן דרום זאלט איר אויך אזו פאסטן כדי די תעניתים זאלין זיין גלייך דרום שטייט גם אני ונערותי אצום כן איך אונ מיינע מיידין וועלן אויך אזו פאסטין וויא איר פאסט · אשר לא כדת אסתר זאגט איך וועל קומען צום מלך חאטשע איך וועל איין עבירה טאן אונ וועל טאן דער ווידער די תורה אויך האט אסתר גיזאגט איך וועל גיין צום מלך ניט וויא רעכט איז דאם איין מלכה זאל זיך פייניגן איידר זיא גייט צום מלך דען זיא דארף זיך צירין צו זיין שיין אנטקעגן דעם מלך ויעבר מרדכי את מרדכי האט עובר גוועז

אונ

אונ האט גיפאסט דעם ערשטין טאג פסח דען די מעשה איז גיוועז אום פסח אונ אום יום טוב טאר מען ניט פאסטין האט מרדכי עובר גיוועזן אונ האט דאך גיפאסט ותלבש אסתר מלכות אונ אסתר האט אן גיטאן קליידער פון מלכות איז קשה וואש דארף ער דאש צו זאגין פשיטא ווען זיא איז גיגאנגען צום מלך האט זיא אן גיקלייד קליידר פון מלכות · דער תירוץ איז אסתר איז פריער גיגאנגן אין איין זאק אונ אז זיא איז גיגאנגן צום מלך האט זיא ערשט אן גיטאן די קליידר פון מלכות ויהי כראות המלך אונ אז דר מלך האט דר זעהען דאש אסתר שטייט אין הויף האט זיא גיפונען חן אין זיינע אויגין תאמשע זיא האט זיך ניט גיצירט אונ האט זיך ניט גיפארבט אונ האט גיפאסט דאך האט זיא גיהאט חן אין זיינע אויגין אז זיא איז גישטאנען פון וייטן אבר אז זיא איז גיקומן נאהינט האט מען גיזעהען דאש זיא איז בלייך אונ גרין פון דעם פאסטין · אונ נאך איין נס האט גאט גיטאן דער מלך האט קיין מאל די רוט אין דר האנט ניט גהאלטין נאר ווען ער האט ערגעץ גדארפט גיין אבער דא האט גאט גיטאן איין נס דאש ער האט די רוט גיהאלטין אין דער האנט כדי ער זאל זיא דר לאנגן צו אסתר · אונ ער האט גיזאגט צו אסתר וואש באגערשטו אפילו דאס האלבין מלכות וועל איך דיר געבין אבר דאס בית המקדש וואש עש שטייט אין דר העלפט פון דר מלוכה דאש קאן איך דיר ניט טאן ביז איך זאל דאש לאזן בויען · יבוא המלך והמן אסתר האט גיזאגט צום מלך איך בעט דיך מיט המן היינט אויף דר סעודה די חכמים זאגן זיא האט דאש גיטאן כדי די שרים זאלין זיך מקנא זיין אין המן אונ זאלין המן פיינט האבין · נאך איין פשט איז אסתר האט זיך גיטראכט וויל איך וועל בעטין דעם מלך מיט המן אזו וועט מיך דער מלך חושד זיין מיט המן אונ וועט מיך הרגנן מיט המן טאמער וועלין דורך דעם דיא ישראל ניצול ווערין פון זיינע הענט · עש איז קשה ווארום שטייט ניט ביי דעם ערשטן בעטן אויף דער סעודה דאש אסתר האט גיזאגט צום מלך אויב איך האב גיפונן חן אין דיינע אויגין אזו קום אויף דער סעודה אונ ביי דעם אנדרין מאל האט אסתר גיזאגט אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגין אזו קום אויף דער סעודה · דר תירוץ איז אסתר איז גיוועזן ביי דעם ערשטן בעטין אליין מיט דעם מלך דרום האט זיא ניט גיוואלט זאגין אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגין אבער ביי דעם אנדערין מאל איז גיוועזן המן אויף דער סעודה אונ אנדרע שרים וואש האבין באדינט דרום האט אסתר גיזאגט אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגן קום מארגין מיט המן אויף דר סעודה אונ זיא האט זיך ניט גיפארכטן וייל עש זיינן פיל לייט ביי דר סעודה גיוועזן · נאך איז קשה ווארום האט אסתר ניט גיזאגט ביי דר ערשטר סעודה דאס המן וויל פאר לירין די ישראל דער תירוץ איז אסתר האט זיך גיטראכט איך מוז דעם מלך פאר טרינקן כדי ער זאל אויף המן זייער ברוגז זיין דען ווען איין מענטש איז פאר טרונקן איז זיין צארין זייער גרויש אונ ביי דער ערשטר סעודה האט נאך אסתר גיפאסט אונ האט נאך ניט גיטרונקן דרום האט זיא גיזאגט צום מלך מארגין וועל איך מיט דיר טרינקען אויף דער סעודה אזו וועל איך דיר זאגין מיין באגער אונ ווען אסתר וועט אויך טרינקן אזו וועט זיא מער קענן ריידין צום מלך ער זאל טרינקן אונ זיא וועט אים פאר טרינקן · ויאמר המלך מהרו את המן האט דער מלך גיזאגט איילט צו המן אונ לאז ער קומן אויף דער סעודה איז קשה וואס האט זיך אסתר אונ אחשורוש אזו גיאיילט · דער תירוץ איז אסתר האט זיך גיאיילט וייל דיא סעודה וועט פריא זיין אונ אחשורוש האט גיאיילט וייל ער איז גערין גיוועזן דיא סעודה אפ קומען אונ דער מלך האט גיזאגט צו אסתר בייא דער סעודה וואש איז דיין גיבעט אויב עס איז מיגליך וועט עס באלד ווערין גיגעבין אונ וואש איז דיין באגער אזו וועט עש ווערין גיטאן ותען אסתר ותאמר האט אסתר גיזאגט מיין בגער אונ מיין גבעט · איז קשה ווארום שטייט ניט וואש זיא האט גיבעטין דער תירוץ איז אסתר האט גיזאגט צום מלך איך באגער צווייערלייא זאכין פריער גיב מיר מיין גיבעט אויף מיין גוף אונ איין באגער האב איך צו מציל זיין מיין פאלק · אונ אסתר האט גיבעטן דעם מלך אונ המן צו דר סעודה אויף מארגין אונ המן איז אוועק גיגאנגען פון דר סעודה מיט איין פריילעך הארץ אונ אז ער האט גיזעהען דאש מרדכי איז גיזעסן אין דעם טויער פון דעם מלך

און ער איז פאר אים ניט אויף גישטאנען אזוא איז ער אויף מרדכי פול גיווארין מיט צארין · איז קשה וואש הייגט איינס אין דעם אנדערן ווייל ער איז ארויש גיגאנגן פרייליך דרום איז ער ברוגז גיווארין · דער תירוץ איז המן האט אלץ מורא גיהאט פאר מרדכי ווייל אסתר איז ביי אים אויף גיצויגן גיווארין טאמר וועט ער מציל זיין אויף כל ישראל דאש אסתר וועט בעטין דעם מלך פאר כל ישראל אבער אז המן האט גיזעהן דאש אסתר האט אים גיבעטין אויף דער סעודה און ניט מרדכי אזו האט זיא צו מרדכי ניט ליב דרום איז ער איצונד ברוגז גיווארין אויף מרדכי און איז גיקומען אין זיין הויז און האט גירופין זיין הויז גיזינד און זיינע קרובים און האט פאר זיי גיזאגט זיין עשירות און דרום האט ער זיך איצונד בארימט מיט זיין עשירות ווייל ער האט גיזעהן דאש מרדכי איז פאר אים ניט אויף גישטאנען אזו איז אים דיא גאל איבר גיגאנגען דרום האט ער זיך גטרייסט מיט זיין עשירות אזוא איז ער ווידר פרייליך גיווארין אף לא הביאה אסתר המלכה המן הט גזאגט צו זיינע קרובים אסתר האט ניט גירופן קיינעם אויף דר סעודה נאר מיך און מרדכי ניט · אזו האב איך שוין קיין מורא ניט ווייל מרדכי האט אסתר אויף גיצויגין און דאש גאנץ עשירות גייט מיר ניט איין אז איך זעה מרדכי זיצין אין דעם טויער פון דעם מלך · אזו האט זיין ווייב צו אים גיזאגט מאך איין תליה הויך פופציג איילין און מארגין גייא צום מלך און לאז מען מרדכי הייגן אויף איר און דרום האט זיא אים גיהייסין מאכין איין תליה הויך פופציג איילין ווייל זיא האט אים גיוואלט איין עצה געבין דאש ער זאל ווידר גיזונד ווערין וואש די גאל איז אים איבר גיגאנגען דרום האט זיא צו אים גיזאגט ווען מען וועט מרדכי הייגען אויף דער תליה חוץ דער שטאט אזו וועסטו קיין רפואה ניט האבין ווייל דו וועסט די תליה ניט זעהען אזו וועסטו קיין שמחה ניט האבן און אין שטאט קאן מען קיין תליה ניט מאכן דען מען מוז אלע נבילות פופציג איילין פון דר שטאט לייגן דרום האט זיין ווייב גזאגט מאך איין הויכע תליה פון פופציג איילין אין שטאט אזו וועשטו קענן זעהן אלע צייט וואו דוא וועשט גיין דאש מרדכי הייגט און וועשט גזונד ווערן · דרום גייא גאנץ פריא איידר מען וועט די סעודה פארטיג מאכן און לאז אים הייגען און וועשט גיין מיט דעם מלך אויף דר סעודה פרייליך ווייל דו וועשט אים זעהן הייגן :

ה בלילה ההוא אין דיזער נאכט האט דר מלך ניט גיקענט שלאפין ער הט אלץ גיטראכט וואש קאן דאש זיין דאש אסתר וויל גיוויש עפעס גרויש בעטין אויף מרדכי וואש ער האט זיא אויף גיצויגין אזו האט זיך דר מלך דר מאנט דאש מרדכי האט אים מציל גיוועזן פון דעם טויט אזו האט ער גיהייסין זוכין אין בוך אויב מען האט צו מרדכי באצאלט פאר דער טובה וואש ער האט דעם מלך גיטאן הט מען גיפונען דאש עש איז נאך ניט בצאלט גיווארין צו מרדכי אזו הט זיך דר מלך זייער דר שראקן דען ער האט גימיינט דאש אסתר וועט בעטין אויף מרדכי איין גרויש שררה שאפט ווייל ער האט מציל גיוועזן דעם מלך פון דעם טויט און אז עש איז טאג גיווארן האט דר מלך גיפרעגט ווער איז אין הויף האט מען גיזאגט המן איז אין הויף דען ער האט גיוואלט דעם מלך זאגן מען זאל גאנץ פריא הייגען מרדכי · אזו האט דער מלך גיזאגט לאז ער אריין קומן · איז המן גאנץ גיך אריין גיגאנגען כדי ער זאל איילין איידער אסתר וועט קומען צו בעטין אויף מרדכי פאר דר טובה וואש ער האט דעם מלך גטאן האט אחשורוש זיך גיטראכט איך האב צו המן מער ליב פון אלע שרים נאר מיר מוזין באצאלין צו מרדכי אויף דר טובה איידער אסתר וועט קומן בעטין אויף אים דר פאר דרום האט ער צוא המן גיפרעגט וואש פאר איין כבוד זאל מען אן טאן צו דעם מענטשין וואש דר מלך בגערט אין זיין כבוד האט זיך המן גטראכט צו וועמען האט דר מלך מער ליב ווייא מיך אזו האט המן גיזאגט מען זאל דעם מענטשין מאכין רייטין אויף דעם פערד וואש דר מלך הט דרויף גריטן אז מען האט אים גיקריינט און מען זאל אים אן טאן אין די קליידער וואש דר מלך איז דערנשט מאל גיגאנגען און מען זאל פאר אים שרייען אזו טוט מען צו דעם מאן וואש דר מלך בגערט אין זיין כבוד · האט דער מלך גיזאגט צו המן גייא גיך און טוא אלץ וואש דו האשט גיזאגט צו מרדכי דעם יהודי · האט המן גיזאגט עש זיינען דא פיל יהודים וואש הייסין מרדכי · האט דר מלך גזאגט דר מרדכי וואש זיצט אין טויער

פון

פון דעם מלך· דרום גייא דו המן אונ נעם די קליידער אונ דאש פערד אונ פיר מרדכי אין אלע גאסין אונ שרייא פאר אים אזו טוט מען צו דעם מענטשין וואש דר מלך באגערט אין זיין כבוד· אונ אחשורוש האט גזאגט צו המן איך האב דיך ניט פיינט נאר איך פארכט מיך פאר אסתר דאש זיא וועט קומען בעטין אויף מרדכי איין גרוישע טובה אבר ווען דו וועשט גיין אונ וועשט מרדכי אין אלע גאסין פירין וועט אסתר זעהען דאש מען האט צוא מרדכי אזו איין גרוישין כבוד אן גיטאן אזו וועט זיא שוין מער ניט קענען בעטין אויף מרדכי· אונ אז המן איז גיקומען צו מרדכי איז ער גיזעסין אין בית המדרש אונ האט גילערינט אונ האט תשובה גיטאן· האט המן צו אים גיזאגט קום אונ טוא אן די קליידער פון דעם מלך· האט מרדכי צו אים גיזאגט איך מוז פריער גיין אין מרחץ צו וואשין מיין גוף דען עש איז ניט רעכט צו גיין אין די קליידר פון דעם מלך מיט איין אום ריינעם גוף האט המן אליין גימוזט וואשין צו מרדכי אין מרחץ· אונ אז מרדכי הט גוועלט אויף דעם פערד ארויף גיין האט ער ניט גקאנט האט זיך המן גימוזט איין בייגין אונ מרדכי הט זיך גישטעלט אויף זיין רוקין אונ איז אויף דעם פערד ארויף גיגאנגן· אונ המן האט אים גפירט אויף דעם פערד אזו האט די טאכטר פון המן דאש גיזעהען האט זיא גימיינט דר וואש זיצט אויף דעם פערד איז המן אונ דער וואש פירט דאש פערד איז מרדכי אזו האט זיא גינומן איין טאפ אונ האט ארויף גיווארפן צו המן אויף דעם קאפ ווייל זיא האט גימיינט דאש דאש איז מרדכי אונ אז זיא האט דר זעהען אז דאש איז המן האט זיא זיך ארפ גיווארפן פון דעם דאך אונ איז גישטארבין פאר חרפה אזוא איז המן גיוועזן איין אבל פון וועגין זיין טאכטר אונ פאר שעמט ווייל ער איז גיוועזן פאר שמירט אין טינוף אונ אסתר האט גיזעהען דאש מען פירט מרדכי מיט גרויש כבוד איז זיא גיווארין זייער פריילעך אונ האט גילויבט גאט ויספר המן האט המן דר ציילט צו זיין ווייב זרש וואש עש איז אים גישעהען איז קשה וואש האט ער זיי גדארפט דר ציילין זיי האבין דאך דאש אליין גיזעהען דער תירוץ איז המן האט גיטרייסט צו זיין ווייב אונ צו זיינע פריינט אונ האט

צוא זייא גיזאגט איר זאלט ניט מיינען דאש דער מלך האט מיר פאר באטין פון צו הייננען מרדכי איך האב נאך מיט דעם מלך דר פון גאר ניט גירעט נאר דר מלך האט מיר גזאגט ער האט מורא דאש אסתר זאל ניט בעטין איין גרוישע טובה אויף מרדכי ווייל ער האט דעם מלך מציל גיוועזן פון דעם טויט דרום האט דער מלך צוא מיר גיזאגט איך האב דיך ליבער פון אלע שרים דרום מושטו אליין צוא מרדכי דעם כבוד אן טאן אזו וועט אסתר מער ניט קענן בעטן אויף אים אונ היינט האט שוין מרדכי זיין גיצאלט אפ גינומען אונ איך וועל אים קענן ביי קומן אבער זיינע חכמים האבין אים גיזאגט דו וועשט אים שוין ניט קענן ביי קומן דען די יהודים זיינן גיגליכין צוא דיא שטערין אונ צו דר ערד ווען זיי פאלן פאלן זייא ביז צו דר ערד ווען זיי ווערן גיהויבן ווערן זייא גיהויבן ביז אין דיא שטערין· אין דעם זיינען גיקומן די שלוחים פון דעם מלך אונ האבן פון אוישין ווייניג גיהערט דאש המן זאגט ער וויל מרדכי הייננן· אזו האבן די שלוחים צוא אים גיזאגט ער זאל באלד גיין צו עסין מיט אסתר המלכה ויבוא המלך והמן איז גיקומן דר מלך מיט המן צו טרינקען מיט אסתר המלכה אונ דרום שטייט ביי דר סעודה זיי זיינן גיקומן צו טרינקן אונ ביי דר ערשטר סעודה שטייט ניט דאש זיי זיינן גיקומן צו טרינקן דאש איז ווייל אסתר האט ביי דר ערשטר סעודה גיפאסט אונ האט דעם מלך צו גיזאגט דאש זיא וועט ביי דער אנדערר סעודה טרינקן מיט אים דרום שטייט זיי זיינן גיקומן צו טרינקן מיט אסתר המלכה אונ דר מלך האט גיזאגט צוא אסתר וואש איז דיין באגער אסתר המלכה זאל דאש דיר ווערן גיגעבן אונ דרום האט ער זיא ביי דר סעודה גירופין אסתר המלכה אונ ביי דער ערשטער סעודה האט ער איר ניט גיזאגט מלכה דאש איז ווייל אחשורוש האט זיך גיפארכטין דאס אסתר זאל איצונד ניט בעטין מען זאל מרדכי גרויש מאכין דרום האט ער צו אסתר גזאגט דו בישט מיין מלכה אונ וואש עש גייט דיר אפ פון דיין גוף וועגין זאל דאש אלץ ווערין גיגעבן אבר ניט צו קיין פרעמדין מענטשן אונ אסתר האט דאש אלץ פאר שטאנן אונ האט גיזאגט איך בעט אויף מיין גוף דען ווען איך

זעה

ווער מיין פאלק אין צרות איז מיר אויך ניט גוט אונ איך וועל מוזין שטארבין פר צרות · אונ דרום האט זיא גזאגט תנתן לי נפשי מען זאל מיר געבן מיין גוף אין מיין גיבעט אונ מיין פאלק אין מיין באגער אזו האט זיא אויף איר גוף פריער גיבעטין ווייל דר מלך האט גיזאגט דוא זאלשט נאר בעטין אויף דיין גוף אונ זיא האט גיזאגט מיין פאלק זאל מיר ווערן גיגעבן דורך מיין באגער כלומר אויף מיין גוף בעט איך נאר אבער אויף מיין פאלק באגער איך זייער · איין שטארק באגער ואלו לעבדים דען וואלטן מיר גאר ווארין פאר קויפט פאר קנעכט אונ פאר דינשטין וואלט איך גישוויגין אבר איצונד זיינן מיר ווארן פר קויפט צו דר הרגן אונז דען המן האט דיר אלץ גיזאגט ער וויל פאר לירין דיא ישראל דאש הייסט מען זאל זייא פאר טרייבין אונ ניט הרגען אבר זיין כוונה איז צו דר הרגן חס ושלום כל ישראל ויאמר המלך האט אחשורוש גיזאגט צו אסתר ווער איז דר וואש האט דאש גיוואלט טאן אונ דרום שטייט צוויי מאל ויאמר ווייל דער סדר איז ווען איין מלך הערט איין נייע זאך פרעגט ער איבר זיין מארשאליק ער זאל אים געבין צו פאר שטיין די זאך אונ דא האט אויך דר מלך גיפרעגט צו המן וואש ער איז גיוועזן זיין מארשאליק אבר המן האט ניט גיקאנט ענטפערין ער איז דער שראקין גיווארן דרום האט דר מלך גימוזט פרעגן נאך איין מאל צו אסתר ווער איז דר וואש וויל דיך טייטן מיט דיין פאלק דרום שטייט צוויי מאל ויאמר אזו האט אסתר גיזאגט דר בייזער המן וויל מיך דר שלאגין מיט מיין פאלק אונ המן איז ווארן דר שראקין פאר דעם מלך מיט דר מלכה דען ער האט זיך גיטראכט פאר צוויי מענטשין איז זיך שווער צו פאר ענטפערין אונ אז דר מלך איז ארויש גיגאנגען איז ער גיקומן צו אסתר אליין אונ האט זיך גיוואלט פאר ענטפערין פאר איר אזו האט אים דער מלך חושד גיוועזן דאש ער וויל ביי איר ליגין אונ איז נאך מער ברוגז גיווארין אויף אים והמלך אונ דר מלך איז אויף גישטאנען פון דעם ויין טרינקען מיט צארין אונ איז גיגאנגן אין ויין גארטין · אונ המן איז אויף גישטאנן צו פאר ענטפערן זיך פאר אסתר המלכה אונ האט גיזאגט דאש ער האט ניט גיוואוסט דאש אסתר איז פון ישראל דען אז ער וואלט וויסין וואלט ער דאש ניט אן גהויבן אונ דאש האט ער מורא גיהאט פאר דעם מלך צו זאגין ווייל ער פלעגט אלץ פריער דעם מלך זאגין דאש עש איז ניט קיין סברא צוא לאזין לעבין ישראל אונ איצונד פון וועגין די חניפה פון אסתר וויל ער זיי לאזין לעבין אזו וועט דר מלך נאך מער ברוגז זיין אויף אים · אונ אז דער מלך איז גיקומען פון דעם ווין גארטין איז המן גיפאלין אויף דער בעט וואש אסתר איז גיזעסין דען אמלאך האט אים איין שטויס גיטאן אהין האט דער מלך צו אים גיזאגט דו ווילשט נאך באצווינגען די מלכה ביי מיר אין הויז אזו איז המן זייער פר שעמט גיווארין ויאמר חרבונה האט חרבונה גיזאגט צו דעם מלך · המן הט גמאכט איין תליה וואש זיא איז הויך פופציג איילן צו הייגען מרדכי אויף איר וואש ער האט גרעט גוטש אויף דעם מלך צו מציל זיין אים פון דעם טויט אונ דאש איז גיוועזן זיין מפלה דאש ער האט גימאכט איין הויכע תליה אזו האט זיא דר מלך גיקענט זעהען · אונ דר חרבונה איז פריער גיוועזן איין שליח פון דעם מלך צו רופן המן אויף דר סעודה · אזו האט ער גיהערט דאש המן האט זיך בראטין מיט זיינע פריינט צו לאזין ווייטער הייגען צו מרדכי אדר ניט · אונ די פריינט האבין אים גיראטין ער זאל אים שוין ניט לאזין הייגען ווייל מרדכי איז גווארן חשוב דאש מען האט אים אן גטאן די קליידר פון דעם מלך אונ ער האט גיריטין אויף דעם פערד פון דעם מלך · אונ המן האט גישריען דאש ער וועט אים דאך לאזין הייגן דאש אלץ האט חרבונה גיהערט אונ האט דאש גיזאגט דעם מלך · ויתלו את המן אונ מען האט גיהאנגן צו המן אויף דר תליה · וואש ער האט גימאכט צו מרדכי · ביום ההוא אין דעם דאזיגן טאג הט דר מלך גיגעבין דאש הויז פון המן צו מרדכי אונ אסתר · אונ מרדכי איז גיקומן פאר דעם מלך דען אסתר האט גיזאגט דאש ער איז איר קרוב אונ גאט האט צו המן בצאלט מדה כנגד מדה דען המן האט גישריבן מען זאל די יהודים הרגען אונ מען זאל זייער געלט רויבין אין איין טאג · אזו האט גאט אויף אים אויך גיבראכט דאש מען האט אים גיהאנגען אונ מען האט גירויבט זיין געלט אין איין טאג · ויסר המלך את טבעתו אונ דר מלך האט אפ גיטאן דש פינגעריל

וואש

וואש ער האט אראפ גינומען פון המן אונ האט דאש גיגעבין צו מרדכי אונ דורך דעם איז ער גיווארין איין מארשאליק ביא דעם מלך אונ אסתר האט גימאכט צו מרדכי איבר דעם הויז פון המן ׳ ותוסף אסתר אונ אסתר האט גימערט צו ריידין אונ איז גיפאלין פאר דעם מלך אונ האט אים גיבעטין צו פאר שטערין די בייזע גזירות פון המן ׳ אונ דרום האט זיא דרויף שטארק גיבעטין וועיל זיא האט מורא גיהאט דאש אחשורוש וועט שוין ניט וועלין מציל זיין צו ישראל וועיל ער האט גיגעבין דאש הויז פון המן אונ דאש פינגעריל צו מרדכי אזו האט ער אים שוין גינוג טובות גיטאן דרום האט זיא שטארק גיבעטין אונ דאש האט זיא גימיינט צו אפ טאן דאש בייז פון המן אונ זיינע מחשבות וועיל המן האט גישריבין בריב צו די פראסטע שרים דאש זיי זאלין זיין גריט צו איין מלחמה אונ האט ניט גיזאגט מיט וועמען ׳ אונ צו די הויכע שרים האט ער באשיידליך גישריבין צו זיין אן גיברייט צו הרגנן די יהודים ויושט המלך לאסתר אונ דר מלך האט דער לאנגט צו אסתר די גילדערנע רוט זיא זאל אויף שטיין ׳ איז אסתר אויף גישטאנען אונ האט גיבעטין פאר דעם מלך צוא פאר שטערין די בייזע גזירה פון המודען וויא וועל איך קענען זעהען אין דעם בייז פון מיין פאלק ׳ אונ וויא וועל איך קענען זעהען אז עש וועט ווערין פאר לארין מיין משפחה ׳ דען מיין משפחה איז פון שאול המלך אונ אויב דו וועשט הרגנן די ישראל אונ וועשט מיין משפחה לאזין לעבן אזו וועט מיין משפחה ניט חשוב זיין ׳ ויאמר המלך האט דר מלך גזאגט צו מרדכי זאג צוא אסתר דאש זיא טרויערט דייער זיא מיינט דאש איך וועל איר פאלק ניט מציל זיין דרום זאג איר דאש איך האב איר גיגעבין דאש הויז פון המן אונ אים האט מען גיהאנגען ׳ אזו וועלין זיך אלע אומות פארכטין פאר דיר וועיל דו בישט מיין מארשאליק ׳ אונ איר שרייבט בריב צו אלע שרים וויא עש וועט אייך וואול גיפעלין אונ פאר חתמת מיט דעם חותם פון דעם מלך כלומר שרייבט צו די הויכע שרים וואש המן האט זיי באשיידליך גישריבין דאש מען זאל די יהודים פאר לירין ׳ זאלט איר צו זיי שרייבן אז דאש איז גוועזן איין פאלשקייט דרום האט מען אים גיהאנגען אבער צוא דיא נידעריגע שרים וואש המן האט זייא נאר גישריבין זיי זאלין זיין גרייט אויף איין פאלק צו מלחמה האלטין אונ האט זייא ניט גיזאגט וואש פאר איין פאלק די ווייסין אליין וואול אז דאש איז איין פאלשקייט דען דאש וואש דער מלך אליין שרייבט איז אויפין באר מען מאכט דר פון קיין סוד ניט דרום זאל מען גרייט זיין צו דר שלאגין די עמלקים ׳ אונ אסתר האט גיבעטין מען זאל קיין מלחמה ניט האלטין וועיל זיא האט מורא גיהאט קיין יהודים זאלין חס ושלום ניט אום קומען אין דר מלחמה אונ דער מלך האט גיזאגט עש קען אנדערש ניט זיין נאר מען מוז מלחמה האלטין וועיל מען האט אויפין באר גישריבין דאש עש זאל זיין איין מלחמה ׳ ויקראו סופרי המלך אונ מען הט גירופין די שרייבער פון דעם מלך אין דר צייט דרייא אונ צוואנציג טעג אין חודש סיון דאש זייא זאלין שרייבין בריב צוא דיא יהודים אונ צוא דיא שרים צו דר שלאגין די עמלקים איז קשה ווארום דארף דר פסוק זאגין אין דר צייט ׳ אויך איז קשה ווארום הט מרדכי אונ אסתר אזו לאנג גיווארט מיט דעם בריב שרייבין פון פסח ביז נאך שבועות ׳ דער מלך האט דאך גיהייסין די בריב שרייבן באלד נאך פסח דר תירוץ איז דרום שטייט אין דער צייט ניט וויא מען האט גידארפט שרייבין דען מרדכי האט גיווארט ביז די שלוחים וואש המן האט גישיקט זיינן צוריק גיקומן ׳ די זעלביגע שלוחים האט מרדכי ווידר גישיקט זיי זאלין זאגין דאש די ערשטע בריב זיינען פאלש גיוועזן וואש המן האט גישיקט אבר איצונדערט האט מען אונז ווידער צוריק גישיקט צו פאר שטערין די ערשטע בריב אונ מען זאל די עמלקים אויש הרגנן דרום שטייט ביי די שלוחים פון מרדכי דאש זיי זיינען ארויש גיגאנגען דר שראקין וואש מען האט זיי צוריק גישיקט צו פאר שטערין די ערשטע בריב אונ בייא מרדכי שטייט דאש ער האט אליין דיא בריב גישריבין אבר ביי המן שטייט ניט דאש ער האט די בריב גישריבין דען ער האט קיין צייט ניט גיהאט וועיל ער האט גימוזט גיין אויף דר סעודה אונ אין די בריב איז גישטאנן דאש מען זאל הרגנן אלע פעלקר וואש טוען וויי צו ישראל וועיל ער האט ניט גיוואושט וועלכע אומה טוט די יהודים שלעכטש דרום האט ער

סתם

סתם גישריבן מען זאל הרגנן אלע וואס טוען שלעכטש צו יהודים אונ די יהודים זאלין זיך איין זאמלען צו אנאנדר ווייל זיי זיינען ווייניג אונ מרדכי האט גיבאטן מען זאל הרגנען דיא עמלקים אונ צו רויבן זייער געלט אין איין טאג אבער המן האט גיבאטן מען זאל אין איין טאג הרגנן אונ אין דעם אנדערן טאג רויבן דען ער האט גיזאגט ווען מען וועט דאש געלט פון ישראל אין איין טאג רויבן אזו וועלן פיל אומות נאר געלט רויבן אונ וועלין די ישראל לאזין לויפין דרום האט ער אן גיזאגט מען זאל קיין געלט ניט רויבן ביז מען וועט זיי דר שלאגין אבער מרדכי האט גיזאגט מען זאל הרגנען די עמלקים אונ מען זאל זייער געלט רויבן אין איין טאג אונ מען זאל ניט רירין קיין געלט פון די אנדרע אומות כדי די אומות זאלין אויך קומן אונ זאלין העלפין צו דער שלאגין די עמלקים אונ צו רויבן זייער געלט דען די ישראל זיינן ווייניג אזו וועלין זיך די עמלקים אנטקעגין זיי שטעלן דרום האט ער גדארפט האבן צו אנדרע אומות ומרדכי יצא מלפני המלך אונ מרדכי איז ארויש גיגאנגן פון פאר דעם מלך אין קליידער פון מלכות וואש דער מלך פלעגט צו גיין אונ אין אלע שטעט האט מען סעודות גימאכט אונ אין שושן האט מען קיין סעודות ניט גימאכט ווייל מרדכי האט מורא גיהאט עש זאל חס ושלום ניט אום קומען פון די יהודים נאר דער נאך אז ער האט גיזעהן דאש עש איז קיינר ניט אום גיקומן פון ישראל האט מען גימאכט איין סעודה · אונ אין אלע שטעט וואו די בריב זיינן אן גיקומן איז גיוועזן גרוישע שמחות ביא דיא יהודים אונ פיל עובדי כוכבים האבין זיך מגייר גיוועזן ווייל זיי האבין מורא גיהאט פאר מרדכי אונ דיא יהודים האבין זיך איין גיזאמילט אין אלע שטעט צו דער שלאגין די עמלקים אונ קיינער האט זיך ניט גישטעלט אנטקעגין זייא דען זיי האבין זיך גיפארכטן פאר די יהודים · אונ אלע שרים האבין דער הויבן די יהודים דען מרדכי איז זייער חשוב גיוועזן אין הויז פון דעם מלך אונ זיין שם איז גיגאנגן אין אלע מדינות אונ די יהודים האבין גיטאן אין די עמלקים אזו וויא זיי האבין גיוואלט אונ אין שושן האט מען גיהרגת פינף הונדערט מאן אונ אויך די צעהן קינדר פון המן אונ דרום האבין זיך די יהודים

ניט איין גזאמילט אין שושן אזו וויא אין אנדרע שטעט · דאש איז ווייל אין שושן איז גיוועזן דר מלך דרום האבן זיך די יהודים ניט גפארכטן פאר די אומות אונ האבין זיך ניט גדארפט איין זאמלען אונ ווען איין יהודי האט בגעגינט איין עמלק האט ער אים גיהרגת אונ דרום שטייט מען האט גיהרגת פינף הונדערט מאן אונ מען האט זיי גיטאן פאר לירין אונ די צעהן קינדר פון המן האט מען גיהרגת מיט איין שווערד אונ איידר די נשמה איז זיי אויש גיגאנגן האט מען זיי גיהאנגן לעבין המן · ביום ההוא בא מספר ההרוגים בשושן הבירה לפני המלך אין דעם דאזיגין טאג איז גיקומען די צאל פון די הרוגים פאר דעם מלך דען מרדכי האט זיך גיפארכטן פאר דעם מלך ער זאל ניט ברוגז זיין דרום האט ער גיהיישן פריא פאר נאכט אויף הערין צו הרגנן דאש מען האט גיקענט זיי דר ווייל איבר צייליןהאט אחשורוש גיזאגט צו אסתר די יהודים האבן אין שושן גיהרגת פינף הונדערט מאן אונ די צעהען קינדער פון המן אונ זיי האבין דרום פריא אויף גהערט ווייל זיי האבין פר מיר מורא גיהאט אונ אין אנדערע שטעט האבין זיי גיוויס מער דער שלאגין דען זיי האבין אפילו בייא נאכט גהרגת אזו האט אסתר גזאגט אדוני המלך ווייל די יהודים האבין זיך יוא פר דיר גיפארכטן אונ האבין פריא אויף גיהערט דרום גיב צו די יהודים נאך איין טאג צו דער הרגנן די עמלקים אזו האט זיי דער מלך גיגעבין איין בריב זייא זאלין דער שלאגין וויא פיל זיי ווילין אזו האבן זיך איין גיזאמילט די יהודים דעם פערצעהנטן טאג אין אדר אונ האבין גיהרגת דריי הונדערט מאן אונ האבין זייער געלט פון די עמלקים ניט אן גירירט אונ אין אנדערע שטעט האבין די יהודים גהרגת פינף אונ זיבעצג טויזינט עמלקים אונ די יהודים האבן זיך איין גזאמילט אין דעם דרייצעהנטין טאג אונ האבן גירועט אין דעם פערצעהנטין טאג אונ האבין גימאכט יום טוב צו עסין אונ טרינקן ויכתוב מרדכי אונ מרדכי האט גישריבן בריב אין אלע מדינות צו די יהודים דאס מען זאל האלטן פורים אין דעם פערצעהנטן טאג אונ אין דעם פופצעהנטין טאג אין אדר אונ מען זאל שיקין עסין ווארג איין מענטש צו זיין חבר אונ מתנות צו ארימע לייט · אונ מען זאל זיין פאר טרונקען ביז מען זאל ניט ווישין

קיין חילוק צווישן ארור המן און צווישן ברוך מרדכי · און דרום שטייט פריער ארור המן און דר נאך ברוך מרדכי ווייל עש איז פריער גיקומן בריב אויף דעם נאמן פון דעם מלך דאש מען זאל הרגנן די עמלקים אזו האבין די יהודים פון די ווייטע מדינות ניט גיוואושט ווער עס האט די גאולה גיבראכט דרום האבין זיי נאר גיזונגן ארור המן און דער נאך אז מרדכי האט גשיקט בריב דאש מען זאל האלטין פורים אזו האבין אלע יהודים גיוואוסט דאש מרדכי האט דיא גאולה גיבראכט דרום האבין זיי דר נאך גיזונגן ברוך מרדכי קימו וקבלו און כל ישראל האבין גיהאלטין פורים אפילו פון די ווייטע מדינות וואש זיי האבין גאר ניט גוואוסט די מעשה פון דער מגילה דען מרדכי האט גאר קורץ גישריבן מען זאל פורים האלטין דאך האבן זיי גיהאלטין פורים · ותכתוב אסתר און אסתר המלכה און מרדכי האבין גישריבן די גאנצע מגילה צו אלע יהודים דאש מען זאל האלטין פורים מיט פאסטן פריער און דער נאך צו עסין און טרינקן · כי מרדכי היהודי משנה למלך דען מרדכי איז גיוועזן אין מארשאליק צום מלך אחשורוש און איז גיוועזן חשוב אין דער תורה און האט אלץ גיטראכט גוטש אויף די יהודים · דר אבן עזרא שרייבט דרום האט מרדכי ואסתר ניט אן גישריבין גאטש נאמען אין דר מגילה כדי די לייט פון פרס און מדי זאלין ניט אן שרייבן דעם נאמען פון זייער אפ גאט אויף דעם ארט פון גאטש נאמען און דר ספר שמן המור שרייבט דרום האבין די חכמים אזו הארב גמאכט מיט דער מגילה לייענן דאש מען זאל זיא לייענען ביי נאכט און נאך איין מאל ביי טאג דאס איז ווייל די ישראל זיינען אין דער צייט גיוועזן זייער ווייט פון גאט דרום האט גאט גיוויזן דאש חאטשע ישראל זיינן אין גרוישע צרות און זיינן נידעריג צווישן די אומות דאך האט גאט זייא ניט פאר געסין און האט זיי אויש גילייזט פון זייערע צרות כדי די ישראל זאלין זיך ניט מייאש זיין פון דר גאולה און ווען חס ושלום עס וועט קומען איין צרה צו ישראל זאלין זיי שרייען צו גאט און ער וועט זייא ענטפערין אזו וויא ער האט גענטפערט צו מרדכי און אסתר אדר מען זאל לייענן די מגילה צוויי מאל איינש ביי נאכט אנטקעגין דעם נס פון מרדכי וואש עש איז גישעהען ביי נאכט דאש מען האט גיפונען אין ספר הזכרונות דאש ער האט מציל גיוועזן דעם מלך פון דעם טויט און איין מאל זאל מען לייענן ביי טאג אנטקעגן דעם נס וואש עס איז גישעהן צו אסתר דורך די סעודות וואש דורך דעם איז המן ווארין גיהאנגן און עש איז קשה ווארום ווערט גירופן די סעודה פון אחשורוש אויף דעם טרינקן אזו וויא עש שטייט משתה לכל עבדיו און אויב דו וועסט וועלין זאגין מען האט מער גיטרונקן וויא גיגעסין דאש קאן ניט זיין דען עס שטייט והשתיה כדת דאש טרינקן איז גיוועזן אזו וויא די רעכט איז פון דר תורה דאש מען זאל מער עסין וויא טרינקן · דער תירוץ איז ווייל איטליכער שר האט מיט זיך גיבראכט ויין פון זיין מדינה וואש ער איז גיוועזן עלטר פון דעם שר און דאש איז איין חידוש דרום רופט ער אן דיא סעודה נאך דעם ויין · עש איז קשה עש שטייט אין פסוק והשקות בכלי זהב מען האט גיגבן ויין טרינקן אין גילדערנע כלים און דיא גמרא זאגט ווען מען גיט ויין אין גילדרנע כלים ווערט ער קיילע דר תירוץ איז ווען ער שטייט לאנג אין גילדרנע כלים ווערט ער קיילע אבר ווען מען טרינקט אין גילדרנע כלים ווערט ער ניט קיילע רשי פרעגט ווארום שטייט ומרדכי ידע את כל אשר נעשה מרדכי האט גיוואושט וואש עש איז ווארין גיטאן איז קשה וואש האט ער דען מער גוואושט פון אלע יהודים עש שטייט דאך והעיר שושן נבוכה די שטאט שושן איז גווען פר אירט · אויך שטייט אבל גדול ליהודים דאש דיא יהודים האבין זייער גיטרויערט · דר תירוץ איז דער מלאך פון דיא חלומות האט גיזאגט צו מרדכי דאש מען האט אין הימל מסכים גוועזן צו פר לירין ישראל און דאש האט נאר מרדכי אליין גיוואוסט · זרש האט גיזאגט צוא המן נפול תפול דאש איז טייטש ווייל מרדכי איז זייער גיפאלין און איז זייער שפל און איז נידעריג ביז אין דער ערד דרום וועשטו שוין פאלן והמן נופל און המן איז גיפאלן אויף דעם בעט וואש אסתר איז גיזעסן שרייבט רשי דאס איין מלאך האט אים גישטויסן דען ווען עס וואלט שטיין נפל אזו וואלט דר טייטש גיוועזן המן איז אליין גיפאלין אבער ווען עש שטייט נופל דאש איז טייטש ער פאלט אלץ דען ער האט אלץ גוואלט אויף שטיין און דר מלאך האט אים גישטויסן

און האט אים ניט גילאזט אויף שטיין · עס איז קשה וואָרום שטייט חור מיט איין גרוישער (ח) אונ צום סוף שטייט ותכתוב אסתר מיט איין גרוישער (ת) דר תירוץ איז דיא (ח) האט איין גישטאלט פון איין טויער אונ אויך די (ת) צו ווייזין דאש אום פורים זאל מען אפין האלטין די טיר פארינט אונ הינטין צוא לאזן קומן צו זיך גוטע לייט ארום אונ רייך אונ חאטשע עש שטייט ומשלוח מנות איש לרעהו מען זאל שיקן מתנות צוא ארימע לייט אהיים דאך איז דיא גרעשטע מצוה צו לאזין אין זיין הויז אריין גיין אום פורים ארום אונ רייך אונ דרום איז דיא גרוישע (ח) ביי דעם ווארט חור ווייל דאש איז טייטש וויש דאש ווייזט דאש מען זאל ניט וויש מאכן דעם פנים אונ מבייש זיין דעם וואס קומט אום גירופן אונ דר חזקוני שרייבט די (ח) איז אזו וויא איין טיר אונ דאש ווייזט אויף חיים דאש ווען דו וועשט די טיר אפין האלטין אום פורים דאש ארימע לייט זאלין אריין גיין וועשטו זוכה זיין צו לעבן לאנג אזו וויא אין פסוק שטייט שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו דאש איז טייטש גיב דיין ברויט צו ארימע לייט דען דו וועשט דורך דעם גיפינען פיל טעג דאש דו וועשט לאנג לעבין אמן סלה:

# תרגום שני על מגילת אסתר

והוה ביומי אונ עש איז גיוועזן אין דיא טעג פון אחשורוש וואש ער האט גיקיניגט פון הודו ביז כוש הונדרט אונ זיבן אונ צוואנציג מדינות הוא אחשורוש דער אחשורוש איז איינר פון די צעהן מלכים וואש האבן גיקיניגט איבר דר גאנצר וועלט אונ וועלין נאך קיניגין דאש זיינן זיי דער ערשטער קיניג איז מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא זיין קיניגרייך זאל באלד גיגרייסט ווערן איבר אונז דר אנדערער איז נמרוד דער דריטר איז פרעה מלך מצרים דר פערטר איז שלמה מלך ישראל דר פינפטר איז נבוכדנצר דר מלך פון בבל דר זעקסטער איז אחשורוש דער זיבעטר איז אלכסנדר מלך יון · דר אכטער איז מלך רוים דר ניינטער איז מלך המשיח דר צעהענטר וועט זיין מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא מיר האפן דאס זיין קיניגרייך זאל באלד גיגרייסט ווערן איבר אונז אז נבוכדנצר איז גישטארבן אונ דאש מלכות פון בבל האט גיזאלט פאר לארן ווערן אונ זיין מלוכה האט גיזאלט אפ גיטאן ווערן דא האבן די בני בבל ניט גיוואושט וועמן מען זאל מאכן צו איין מלך אזו איז אויף גישטאנן זיין זון אויל מרודך אונ האט גיוואלט אפ נעמן דיא מלוכה דא האבן די לייט פון דער מדינה ניט גיוואלט ער זאל מלך זיין זייא האבין גיזאגט צו אים דוא אויל מרודך עש איז ווארר דאש די מלוכה איז ראוי צו דיר אבר דו ווייסט דאך וואול דאש גאט האט שוין איין מאל גישטראפט דיין פאטר מיט זיין גרויש צארין דאש ער הט אים גמאכט נאקעט ארום לויפין אין וואלד זיבין יאר אונ ער האט גיגעסין גראז אונ ווארצלען אזו וויא די חיות וואש לויפין ארום אין וואלד אונ ער האט גיהאט לאנגע האר אויף זיין לייב גלייך וויא די ווילדע מענטשין אונ ער האט גיהאט נעגיל אזו וויא דער אדלער אונ ער האט גאר קיין שכל ניט גיהאט אזו וויא די בהמות אונ איטליכר האט גימיינט דאש ער איז שוין לאנג טויט נאך די זיבין יאר האט ער באקומען זיין שכל אונ האט אויף גיהויבן זיינע אויגן אנטקעגן הימיל אונ האט גידאנקט גאט דאש ער האט אים רעכט גיטאן אויף זיינע גרוישע זינד אונ איז ווידער גיקומן צו רייטין אין זיין לאנד אויף אשטארקין לייב אונ האט גיטייט זיין זון ווייל ער האט אים גיפונען דאש ער איז איין מלך גיווארין אויף זיין ארט אויך פיל פון זיינע הערן אונ זיין פאלק נוא טאמער איז ער היינט אויך אזו אוועק גילאפן נאר ווייל דו ווילשט די מלוכה אפ נעמן זאגשטו ער איז גישטארבין אונ דר נאך וועט ער קומען אונ וועט אונז שטארק שטראפן דען ער וועט זאגן מיר וואלטין גדארפט אים זוכין ביז מיר וואלטין אים גיפינן אונ אים האלטין ביז ער זאל באקומען זיין שכל דרום האב אונז ניט פאר איבל ליבר הערי · אז אויל מרודך האט דר הערט די דאזיגע רייד האט ער גיזאגט איר רעט רעכט אבר איך זאג אייך איר בדארפט איצונד קיין מורא ניט האבין ער איז איצונד בוודאי טויט אונ דעם וואש מיר האבן באגראבין דאש איז מיין פאטער דאך זאגין זיי ווידער צו אים האב אונז ניט פאר איבל מיר האבין וואול גיזעהען איין טויטין מענטשין נאר

מיר ווייסין ניט אויב דאש איז גיוועזן דיין פאטר און מיר פארכטן זיך זייער פאר אים דו ווייסט דאך וואול אז ער האט די גאנצע וועלט גמאכט ציטערין און ווער עש האט גיהערט זיין קול איז דר שראקין גיווארין דרום ווייסין מיר ניט וואש מיר זאלין טאן וויא אויל מרודך האט גיזעהען דאש ער קאן זיי ניט איבער ריידין אזו לויפט ער און נעמט אייזערנע קייטין און גראבט אויש זיין פאטער און טוט אים די קייטין אויף זיינע פים און האט אים גישלעפט איבער דיא ווייטע גאסין און אויף דר גאנצער שטאט און איטליכער האט גיזעהען באשיידליך דאש נבוכדנצר איז טויט און דר ביי איז גיוועזן גאטש ווילין מען זאל אים די שאנד אן טאן נאך זיין טויט און דאש שטייט באשיידליך אין פסוק זויא עש וועט אים גישעהען נאך זיין טויט אז די לייט האבין גיזעהען דאש אויל מרודך האט גיטאן זייער ווילין זיינען זיי אויף גישטאנן מיט גרויש שמחה און האבין אים גימאכט צו איין מלך דא האט גיזאגט דניאל צוא אים ליבער אויל מרודך אונזער הער און קיניג פאר וואר אלע טעג פון דיין פאטער נבוכדנצר איז קיין גיבונדענער ניט ארויש פון זיין תפיסה און אז ישראל האבין פאר זינדיגט קעגן השי"ת אזו הט גאט אויף זיי גצערינט און דיין פאטר איז אויף גיגאנגען אויף זייא מיט גאטש ווילין און האט חרוב גימאכט ארץ ישראל און האט בארויבט דיא שטאט ירושלים און אויך אנדרע שטעט און האט פאר ברענט דאש בית המקדש און האט גיפירט די יהודים קיין בבל און מיט זיי האט ער אויך מיט גיפירט יהויכין מלך יהודה און עש איז שוין זיבין און דרייסיג יאר דאם ער איז גיפאנגן אין דר תפיסה פון זיינע זינד וועגין און דרום וייל ער האט אונזר הער גאט דער ווידער גיטאן אבער דיין פאטער האט עש ניט גיטראכט דאש ער האט אים גיפאנגן פון זיינע זינד וועגין נאר ער האט גימיינט ער האט אים מיט זיין גרויש קראפט גיפאנגן און באצוואונגן און אזו האט ער גיזאגט ווער קאן זיך צו מיר גלייכן און דרום איז ער גוועזן אום דר בארימיג אויף אים און האט אים ניט גיוואלט גרינגער מאכין זיין גיפיינקעניש פון גאטש וועגין נוא איצונד בעט איך דיך דו זאלשט יהויכין ארויש לאזין דען ער איז איין אלטר מאן אזו הט אויל

מרודך אים ארויש גילאזט און אויך אנדערע מלכים וואש זיין פאטר האט גיזעצט אין דער תפיסה און ער האט גיזעצט יהויכין פאר איין ראש איבער אלע קיניגין אין דר צייט איז ער אריין גיגאנגען אין זיין אוצר און האט גינומען גוטין אייל און זאלב און האט גישמירט צוא יהויכין און האט אים אן גיקלייד קעסטליכע קליידר און יהויכין פלעגט אלע זיינע לעב טאג עסין אויף זיין טיש הוא ער איז דר אחשורוש וויש ער האט פאר קויפט דאש ארימע פאלק יהודים ער איז דר אחשורוש דאש אין זיינע צייטין איז שווארץ גיווארין דאש פנים פון ישראל וויא די זוים פון איין טאפ ער איז דר אחשורוש וואש האט גיזאגט צוא בריינגען טענען בוימער פון לבנון און גאלד פון אופיר אבר מען האט ניט גיבראכט ער איז דר אחשורוש וואש אין זיינע צייטין איז מקוים גיווארין וואש אין דר תוכחה שטייט דו וועסט ניט גלויבין אין דיין לעבין · ביי פינף מענטשין שטייט דאש ווארט הוא און זיי זיינען גיוועזן רשעים און בייא פינף שטייט אויך דאש ווארט הוא און זייא זיינען גיוועזן צדיקים דאש זיינען דיא פינף צדיקים אברהם משה אהרן חזקיהו עזרא · און דאש זיינען דיא פינף רשעים נמרוד עשו דתן ואבירם און דער מלך אחז און אחשורוש ער איז דר אחשורוש אז דאש וואש ער האט גיזאגט איז אלץ ניט גיטאן גיווארין דרום איז גיקירצט גיווארין זיין מלוכה · פריער איז ער גיוועזן איין מלך פון הודו ביז כוש דאש איז די גאנצע וועלט דר נאך איז ער נאר גיוועזן איין מלך איבר הונדערט און זיבן און צוואנציג מדינות · ער איז דר אחשורוש וואש האט גיטייט זיין ווייב ושתי פון וועגן זיין ליב האבער המן ער איז דער אחשורוש וואש האט גיטייט זיין ליב האבער המן פון וועגין זיין ווייב אסתר ער איז דער אחשורוש וואש האט גיקיניגט פון הודו ביז כוש עש איז קשה הודו מיט כוש זיינען נאהענט גיוועזן איינע פון דער אנדערע נוא וואש איז דש פר אגרוישקייט נאר ער לאזט מיך וויסין אזוא וויא ער האט גיקיניגט איבער די צווייא אזוא האט ער אויך גקיניגט אויף הונדערט און זיבין און צוואנציג מדינות דעסט גלייכין גיפינען מיר אויך בייא שלמה המלך ער האט גיקיניגט איבר דר גאנצר וועלט פון תפסח ביז עזה די צווייא זיינען דאך נאהינט

גאהינט איינע צו די אנדרע נאר אזו וויא ער האט גיקיניגט איבער די צוויא אזו האט ער אויך גיקיניגט איבר דר גאנצער וועלט · פיר זיינען וואש האבין גיקיניגט פון איין עק וועלט ביז דעם אנדערין צוויי פון ישראל אונ צוויי פון די עובדי כוכבים שלמה אונ אחאב איבר ישראל נבוכדנצר אונ אחשורוש איבר די עובדי כוכבים אבער אחשורוש איז אפ גיקירצט גיווארין זיין מלכות אונ ער האט נאר גיקיניגט איבר הונדרט אונ זיבין אונ צוואנציג מדינות דאש האט ער דרום זוכה גיוועזן ווייל הקדוש ברוך הוא האט גיוואוסט ער וועט נעמען אסתר דאש אייניקיל פון שרה וואש זיא האט גילעבט הונדרט אונ זיבין אונ צוואנציג יאר דרום האט ער גיקיניגט איבר הונדרט אונ זיבין אונ צוואנציג מדינות:

בימים ההם אין דיא זעלביגע טעג אז דער מלך אחשורוש איז גיזעסין אויף זיין שטול

וואש איז אין שושן אונזערע חכמים זאגין דיא שטול וואש אחשורוש איז גיזעסן איז ניט זיינע גיוועזן אונ ניט פון זיינע עלטערין נאר זיא איז גיוועזן פון שלמה המלך וואש חירם דר מענטש פון צור האט זיא גימאכט מיט זיין גרוים חכמה ער איז דר שלמה דר גרוישר מלך דאש הקדוש ברוך הוא האט אים גימאכט קיניגין פון איין עק וועלט ביז דעם אנדערין עק וועלט גאט האט אים אויש דער ווילט איידער ער איז גיבארין גיווארן אונ גאט האט אים ליב גיהאט אונ הט אים מגלה גיוועזן גרויסע סודות אונ וויסן שאפט אונ חכמה ער האט גיקענט זעהען ווען מען איז גיקומען צום משפט וועלכער עש איז גירעכט אדר אום גירעכט אונ קיינער האט ניט גקענט זאגין קיין פאלשע רייד · לויטערקייט אונ שוינהייט איז גיגאסין גיווארן אויף אים אונ די קרוין פון מלכות איז גיוועזן אויף זיין קאפ ער איז גיוועזן אן גיקלייד חן אונ חסד אזו וויא זיין פאטער צו דרייצעהען יאר איז ער מלך גיווארן ער האט דרום גיהייסין ידידיה ווייל גאט האט אים ליב גיהאט · שלמה האט ער גיהייסן ווייל עש איז גיוועזן שלום אין זיינע צייטין · בין האט ער גיהייסין ווייל ער האט גיבויט דאש בית המקדש · איתיאל האט ער גיהייסין ווייל דיא רייד פון גאט זיינען גיוועזן זיינע עדות אז ער איז גיוועזן קליגער פון גאר דר וועלט · יקה הט ער גיהייסין ווייל ער איז גיוועזן איין הער איבר דר גאנצער וועלט אלע עובדי כוכבים האבין זיך גיפארכטן פאר אים אלע פיש אונ פייגלאך אונ חיות פלעגין אים ברייגען מס דיא חיות פלעגין קומן אין שעכט הויז מען זאל זיי שעכטן צו דער סעודה פון שלמה ער איז גיוועזן זייער רייך אונ האט גיהאט פיל גאלד אונ זילבער אונ גיטער ער האט פיל משלים גישפראכן ער האט מגלה גיוועזן סודות וואש האבין קיין סוף ניט זיינע שונאים זיינען גיווארין צו אים גוטע פריינט אונ אלע מלכים האבין אים גיפאלגט זיי האבין גיגלוסט אים צו זעהען אונ צו הערין · גאט האט אים דער הויבין פון וועגין דוד זיין פאטער זיין נאמען איז גיגאנגען צווישין אלע מלכים אונ זיין חכמה אונטער אלע חכמים ער איז גיוועזן גאנץ אונ ווארהאפטיג אונ האט אפ גיקערט פון דעם בייזין וועג אונ האט גוואוסט אלע סודות אין הימיל אונ זיין פר שטאנדיקייט איז גיוועזן מער פון אלע מענטשין אלע מלכים פלעגין קומען צו פרעגין זיין שלום אונ האבין גיציטערט פאר אים זייא האבין אים גישיקט זייערע זין אונ טעכטר פאר קנעכט אונ דינסטן אונ זאלין לויפין פאר אים צוא לערנען חכמות פון אים אז ער האט גיעפינט זיין מויל האבן זיי גיקניט אונ גיבוקט פאר אים אונ אלע הערין האבן פאר לאזט זייערע לענדר אונ זיינן גיקומן צו הערן זיין חכמה צו אים איז גיגעבין גיווארן אלע שליסיל פון חכמות ער הט פאר שטאנן די רייד פון חיות אונ עופות לייבין אונ לעמפערטין זיינען גילאפין פאר אים צוא אים איז גיגעבין גיווארין די קרוין פון שטארקייט איין מלך מיט דעם אנדרין האבן מורא גיהאט מלחמה האלטן דען זיי האבין גיציטערט פאר אים ער האט גיווארפין מס אויף אלע לענדער דאש האט ער זוכה גיוועזן ווייל ער הט צדקה אונ גמילות חסד גיטאן ער האט זוכה גיוועזן צו זיין איין מלך אויף דר גאנצער וועלט אונ וועט אויך האבין עולם הבא ער איז דר שלמה וואש האט גימאכט די גרויסע שטול · אונ ווען שלמה פלעגט זיך זעצין אויף זיין שטול מיט דער קרוין אויף זיין קאפ צו טאן משפט דא האט ער גיוואוסט מיט זיין גרויסער חכמה וואש די לייט וואש זיינען פאר אים גיקומן האבין אין זייער הארצין אונ ער האט גיזעהען אין זייער פנים ווער עס איז גירעכט אונ אויך האט ער גיוואוסט אויב די

עדות האבין אין דר מחשבה פאלש עדות זאגין דרום שטייט אין פסוק שלמה זיצט אויף גאטס שטול דש גאט היט די שטול גלייך זיא וואלט גיוועזן זיינע דרום האט ער אויף איר אוים גזאגט גרויסע משפטים אונ די שטול איז גמאכט גיוועזן מיט גרויש מייסטער שאפט דאש קיין שום מייסטר אין דר וועלט קען אזו איין שטול ניט מאבין די שטול האט גיהאט צוועלף גילדערנע לייבן אונ צוועלף גילדערנע אדלערס אגילדרנר לייב אנטקעגן אגילדערנם אדלר אונ אגילדרנר אדלער אנטקעגין אגילדערנעם לייב גלייך די אנטקעגין די · איין פוס פון דעם לייב אנטקעגן דעם פליגיל פון דעם אדלער אונ איין פליגיל פון דעם אדלער אנטקעגין דעם פוס פון דעם לייב אונ זעקס טרעפ איז גיוועזן צו איר ארויף צוא גיין (איטליכער טרעפ האט גיהאט צוועלף גילדערנע לייבין אונ צוועלף גילדערנע אדלערס ווי זיינן גימאכט גיווארין דריין די ביינער פון איין העלפאנד אונ די צאל פון די לייבין איז גיוועזן צווייא אונ זיבעציג אונ אזו אויך דיא אדלערס) · אויף דר ערשטר טרעפ איז גילעגין איין גילדערנר אקס אונ אנטקעגן אים איז גילעגן איין גילדערנר לייב · אויף דער אנדערר טרעפ איז גילעגן אגילדערנר וואלף אונ אנטקעגן אים אגילדערנר שעפס · אויף דער דריטער טרעפ איז גילעגין אגילדערנר לעמפערט אונ אנטקעגן אים אגילדערנר קעמיל · אויף דר פערטר טרעפ איז גילעגין איין גילדערנר אדלר אונ אנטקעגן אים אגילדערנע פאווע · אויף דער פינפטער טרעפ איז גילעגין אגילדרנע קאץ אונ אנטקעגן אים אגילדערנר האן · אויף דר זעקסטר טרעפ איז גילעגין אגילדערנר שפארוויר אונ אנטקעגן אים אגילדערנע טויב · אונ דאש אלץ באטייט אז אין משפט דארף דער שלאפער ניט מורא האבין פאר דעם שטארקין אונ אלע די חיות אונ פייגלען ווארין מיט גרויש חכמה אונ קונצין גמאכט אונ אזו איז גוועזן ווען ער האט גשטעלט דעם רעכטין פוס אויף דער ערשטר טרעפ דא האט אים דער גילדערנר אקס גיגרייכט איין פוס אונ ער האט זיך אן גיהאלטן אין אים אונ אז ער האט גיטאן דעם אנדערין פוס אויף דר ערשטר טרעפ האט אים גגרייכט דר גילדערנר לייב איין פוס אונ האט אים אויף גיהויבן אויף דער אנדערר טרעפ אזו האט אים גיגרייכט

דער גילדערנר אקס די אנדערע פוס אונ האט אים גיוויזין איין בריוויל דרויף איז גישטאנען מיזאל קיין שוחד ניט נעמען אונ דר לייב האט אים אויך גיוויזין די אנדערע פוס מיט איין בריוויל דו זאלשט אין משפט קיינם ניט דער קענן דאש מיינט מען דו זאלשט ניט גידיינקן דער האט מיר גוטש גיטאן אדער דר איז רייך אדער דר איז איין קעקטליכר מאן איך וועל אים גירעכט מאבין אדער דר איז איין ארימאן איך וועל אים טאן העלפין דאש טאר מען ניט טאן נאר וואש רעכט איז · אזו אויך פלעגין טאן די חיות פון דעם אנדערין טרעפ מיט איין פוס האבין זיי אים אויף גיהויבן ווייטער ארויף אונ מיט דעם אנדערין פוס האבין זיי אים גיוויזין אבריוויל וויא דער דיין זאל זיך רעכט האלטין אין משפט אונ אזו האבין אלע זעקס טרעפ גיטאן ביז ער האט זיך גיזעצט אויף דר שטול · אויף דעם שפיץ פון דר שטול איז גיוועזן איין גילדרנע טויב זיא האט גיהאלטן איין שפארוויר אין אירע הענט דען די ישראל זיינען גיגליכין צו איין טויב אזו וויא אין פסוק שטייט אונ אויך אויבין אויפין קאפ פון דער שטול איז גיוועזן איין גילדערנע מנורה זיא איז גימאכט גיווארן מיט אירע לעמפלעך אונ קנעפ אונ בעכערלך אונ בלומונג דאש איז אלץ גיוועזן ביי דר זייט פון דער מנורה אונ אנטקעגין זיינען גיוועזן זיבין גילדערנע רערין אויף זיי איז גיוועזן אוים גמאלט די זיבין אבות דאש איז אדם נח שם אברהם יצחק יעקב אונ איוב צווישין זיי אונ אויף דר אנדערר זייט איז אויך גיוועזן זיבין רערין אויף זיי איז גיוועזן גימאלט די זיבין גרוישע חסידים פון דר וועלט דאש איז לוי קהת עמרם משה ואהרן אלדד ומידד אונ חור אונ אטייל זאגין חגי צווישן זיי אונ אויפן שפיץ פון דר מנורה איז גישטאנן איין גילדרנע קרוג פול מיט דעם בוים אייל וואש מען האט גיברענט אין בית המקדש אונ אונטר דעם איז גישטאנן אגרוישער בעקין פון גאלד אונ אויף דעם איז גיוועזן גימאלט עלי הכהן · אונ צווייא רערלעך זיינען ארויש גיגאנגן דער פון אויף זיי איז גיוועזן גימאלט זיינע צוויי קינדער חפני אונ פנחס אונ פון די צוויי רערין זיינן ארויש גיגאנגן אנדערע צוויי רערין אויף זיי איז גיוועזן גימאלט די צוויי קינדר פון אהרן נדב ואביהוא נאך צוויי שטולין פון גאלד זיינן גיוועזן · איינע פון דעם

כהן גדול וועגין · אונ איינע פון וועגין דעם סגן הכהנים · אונ ארום זיי איז גיוועזן זיבעציג שטולן דאש אויף זיי זיינן גיזעסין די זיבעציג סנהדרין אונ האבין גירירכט דעם משפט פאר דעם מלך שלמה · אונ נאהינט פון זיינע אויערין זיינען גימאכט גיווארן צווייא טויבין איינע פון דר זייט אונ די אנדערע פון דר אנדערר זייט אונ איבר דר שטול איז גימאכט גיווארן פיר אונ צוואנציג רעדין פון גאלד דאש זיי האבן גמאכט אשאטן איבער דעם קיניג · אונ וואו אהין ער האט גיקערט אונ איז גיגאנגן מיט דר שטול איז ער גיוועזן אונטער דעם שאטין אונ אז דער מלך שלמה איז גיקומן אויפין זעקסטין טרעפ · דא איז גיוועזן אגילדערנר אדלר אונ ער האט גזעצט דעם מלך שלמה אויף זיין שטול אונ דאש ארט וואו ער איז גיזעסן איז גיוועזן אויס אייטל זילבר · אונ ווען די פרעמדע הערין אונ מלכים האבין גיהערט דאש דער מלך שלמה זיצט אויף זיין שטול · דא זיינען זיי אלע גיקומען אונ האבין זיך גיבוקט אונ גינייגט פר אים אונ האבן גזאגט עס איז ניט פאר האנדין קיין שום קיניג ער זאל האבין אזו איין שטול · אונ קיין שום מייסטער אין דער וועלט קען אזו איין שטול ניט מאכין מיט אלערליי מייסטער שאפט פון דער וועלט אונ אז דער מלך שלמה האט זיך גיזעצט אויף זיין שטול דא איז גמאכט גיווארן איין גילדערנר אדלר מיט חכמה אונ ער האט גיהאלטן די קרוין פון דעם קיניג פון אויבן איבער זיין קאפ דאש זיא האט אים ניט אן גירירט כדי עש זאל אים ניט צו שווער זיין · אונ גילדערנע לייבין אונ אדלערש זיינען גימאכט גיווארין מיט חכמה דאש זיי האבין גישוועבט ארום דעם קיניג אונ האבין אים גימאכט איין שאטין · אונ איין גילדערנע טויב האט אראפ גינידערט פון דיא זיילין אונ האט גיעפינט דעם ארון קודש אונ האט ארויס גינומען איין ספר תורה אונ האט זיא גיגעבין אין די הענט פון שלמה המלך מקיים צו זיין דעם פסוק אונ די תורה זאל זיין מיט אים אלע זיינע לעב טעג כדי עש זאל דר לייננערט ווערן זיין מלוכה אונ די מלוכה פון זיינע קינדר איבער ישראל אונ דר כהן גדול מיט די זקנים זיינען גיקומן פרעגין דעם שלום פון דעם מלך שלמה אונ די דיינים אונ סנהדרין זיינען גיזעסן פון זיין רעכטער זייט אונ פון זיין לינקער זייט



צו משפטין דאש פאלק אונ ווען די עדות זיינן ארייין גיגאנגן פאלש עדות זאגין אזו האט דער קיניג גימאכט דאש די וואגין האבין זיך גקערט אונ די רעדער האבין זיך גידרייט אונ די אקסין האבין גישריען די לייבין האבין גיברומט די בערין האבן גיהאפט גלייך וויא זיי האבן גיוואלט עפעס צו רייסין אונ אלע די חיות פון דר שטול האבין איטליכר גישריען זיין גישריי גלייך וויא זייא וואלטין לעבעדיג גיוועזין דאש אלץ איז גימאכט גיווארין דאש די עדות זאלין פיל מורא האבין אונ זאלין זיך טראכטין ווארום זאלין מיר פאלש עדות זאגין אונ מיר זאלן אזו איין וועלט פר לירן מיט אונזערע זינד דאש וועלין מיר ניט טאן אונ אז דיא חיות האבן גיעפינט זייער מויל אונ האבין גישריען זייער גישריי איז ארויש גיגאנגן פון זייער מויל איין גוטר ריח וויא דער ריח פון דעם גן עדן אונ אויך אלערליי בשמים אונ זייא זיינן גיוועזן פול מיט אלערליי ריחות וואש גאט האט בשאפין אויף דר וועלט אונ אז די ישראל האבין פאר זינדיגט דא איז גיקומן אויף זיי נבוכדנצר מלך בבל אונ האט פר דארבין גאנץ ארץ ישראל אונ האט גירויבט די הייליגע שטאט ירושלים אונ האט פאר ברענט דאש בית המקדש בעונותינו הרבים גאט זאל זיך דר בארימען · אונ האט גיפירט די ישראל אין גלות אזו האט ער דיא שטול אויך גיפירט מיט זייא אונ אז נבוכדנצר האט זיך גיוואלט זעצין אויף דעם שטול אזו האט ער ניט גיוואוסט די חכמה וויא אזו ארויף צו גיין · אונ אז ער האט גישטעלט דעם ערשטן פוס אויף דעם ערשטין טרעפ דא האט זיך אויף גישטעלט דר גילדרנר לייב אונ האט אים גיוואלט ווייטער ארויף הייבין אונ נבוכדנצר האט ניט גיוואוסט וואש צו טאן אזו האט אים דר לייב אקלאפ גיטאן מיט דר לינקר פוס אויף זיין רעכטר דיך · אונ ער איז גיבליבן הינקעדיג אלע זיינע לעב טאג אונ אז אלכסנדרוס מוקדון האט איין גינומן דאש לאנד בבל אזוא האט ער די שטול מיט זיך גינומן אונ האט זיא גיפירט קיין מצרים אונ ער איז גיוועזן זייער פרום אונ האט די שטול גיהאלטן זייער הייליג דאש ער האט זיך אויף איר ניט גיוואלט זעצן אונ נאך זיין טויט האט גיגלוסט שישק מלך מצרים צו זיצין אויף דר שטול אזו איז אים אויך

אזו געשעהן וויא צו נבוכדנצר אונ ער איז אויך גיוועזן הינקידיג אלע זיינע לעב טאג אונ מען פלעגט אים רופן פרעה נכה דער הינקעדיגער פרעה אונ דר נאך איז גיקומן אניפונים דר זון פון אנטיוכוס אונ האט אוועק גינומן די שטול פון מצרים אונ האט זיא אריין גילייגט אין איין שיף אונ האט זיא גיפירט אין זיין לאנד אונ אונטער וועגין האט זיך אפ גיבראכין איין פוס אונ ער האט ניט גיקענט גיפינן אלע זיינע לעב טאג קיין מייסטער דאש ער זאל קענען פאריכטן די שטול אונ עש איז שוין ניט גוועזן קיין שום קיניג אין דער וועלט דאש ער זאל קענן לאזין מאכין אזו איין שטול אונ דר נאך איז די שטול גיוועזין בייא כורש מלך פרס אונ וייל ער האט גילאזט בויען דעם בית המקדש אין זיינע צייטן דרום האט ער זוכה גוועזן אויף איר צו זיצן אן שאדין בשנת שלוש למלכו אין דעם דריטן יאר פון זיין מלוכה האט ער גימאכט איין סעודה צו אלע זיינע הערן אונ קנעכט פון פרס ומדי אונ אלע ראט הערן פון זיינע מדינות זיינן גיוועזן פר אים · אין דעם דריטין יאר פון דער מלוכה פון נבוכדנצר האבין די ישראל גוויינט אונ גיזיפצעט אונ האבין גיזאגט וויי צו אונז דאש דר נבוכדנצר האט זיך גישטארקט איבר אונז אונ האט פר וויסט אונזר לאנד ער האט חרוב גימאכט אונזער מדינה אונ האט אונז גיפירט אין גלות אונ וואש ניט רעכט איז האט ער גיטאן אין אונז אונזרע זקנים האט ער פר שלאסין אין קייטין אונזרע הערין האט ער פר טריבן אונזרע יונגן האט ער דר שלאגן אונזרע קליינע קינדר האט ער גינומן אין שביה אריין אונ דיא קרוין פון לויב איז אוועק גינומן גיווארין פון אונז פריער פר חורבן הבית איז דוד אויף גישטאנן אונ איז מלך גיווארין איבר ישראל אונ נאך אים איז אויף גישטאנן זיין זון שלמה אונ הקדוש ברוך הוא האט אים גימאכט קיניגין איבר דר גאנצר וועלט אונ דר נאך איבר דיא חיות פון דעם פעלד אונ איבר די עופות וואס אונטערין הימיל אונ אויף אלע ווידמונג אונ ער האט פר שטאנן זייערע רייד אונ זיי האבן פר שטאנן זיינע רייד אונ אז עש איז פריילך גיווארן דאש הארץ פון שלמה אזוא האט ער גישיקט לאזין בעטין אלע מלכים פון מזרח אונ מערב אונ זיי זיינן גיקומן אין זיין פאליש אז ער איז

נאך מער פריליך גיוועזן האט ער גיהייסן ברייננן כלי זמרים פידלן אונ שלמייען אונ פויקן אונ הארפין וואש זיין פאטר פלעגט שפילן אונ אז ער איז נאך מער פריילך גיוועזן האט ער גלאזט ברייננן די חיות אונ עופות אונ ווידמונג זיי זאלין טאנצן פאר אים אונ פר אלע מלכים כדי צוא ווייזין זיין הערשאפט אונ אלע זיינען גיקומען אן גינייט אונ קיינער האט זייא ניט גיפירט אמאל האט ער גיפרעגט די פויגל אויב זיי זיינן דא אלע אזו האבן די פויגיל זיך ארום גיזעהען אויב עש גייט ניט אפ איינר פון זייא איז גיפונן גיווארין דאש דער אויער האן איז ניט דא זאגין זייא עש דעם קיניג שלמה אזוא באלד האט שלמה שטארק פר זאגט אונ האט גיהייסן אים ברייננן מיט גרויש צארין אונ ער איז גיבראכט גיווארין אונ אז ער איז גיקומען פאר דעם מלך איז ער גיפאלין פאר אים מיט גרויש מורא אונ האט גיזאגט מיין ליבער הער קיניג עש איז שוין אלאנגע צייט דאס איך האב גיגעסין מיין שפייז מיט טרויערקייט אונ האב גיטרונקן מיט ציטערנעש דען איך בין ארום גיפלויגין אין דר וועלט צו זוכין איין ארט וואס דו האסט ניט צו שאפין אונ צו גיביטן איבער זיי · ביז איך בין גיקומן אין איין מדינה דאש זייער הייבט שטאט הייסט קיטור אונ איר ערד איז אייטיל גאלד אונ אירע ביימר זיינן וויא די ביימער פון דעם גן עדן · אונ איין פרויא גיוועלטיגט איבר דער גאנצער מדינה · אונ זיי דינען צו דער זון אויב דוא ווילסט וועל איך איין זאמלען אלע בייזע פויגיל אונ וועל פליהען אין זייער מדינה · אונ וועל זייא פר דארבין · אזו האט גיזאגט דר מלך שלמה ניין · נאר ער האט גלאזט באלד רופין דעם שרייבר אונ האט גישריבין מיט דעם לשון · פון מיר דר קיניג שלמה צו דר קיניגין פון דעם לאנד קיטור פריד צו דיר אונ צו דיינע הערן · זיי וויסין אז גאט יתברך האט מיך גימאכט קיניגין איבער אלע פעלקער אונ פויגיל אונ חיות אונ עופות דרום וויל איך אז מיין נאמן זאל אויף דיר אויך גירופן ווערן אונ זעה שיק מיר אריין מס אזוא וויא אלע מלכים טוען וועשטו עש טאן אזו זיץ מיט פרידין · אונ אויב ניט זיי וויסין אז איך וועל שיקן פיל חיילות דאש זיי וועלין דיך אונ דיין מדינה פר דארבין אונ ניט חיילות

אליין

אליין נייערט די ווילדע פייגיל אונ די ווילדע וויזיל טירין זיי וועלן קומן אויף אייער מדינה אונ וועלן זיא פר דארבן · אונ איך אין אייערע הייזער וועלן זייא דער ווערגין · אונ מיט דעם אויהר האן שיק מיר איין ענטפער ושלום · אונ מען האט די בריף אן גיקניפט צו די פליגיל פון דעם אויהר האן אונ ער האט איין גזאמילט פיל בייזע פויגיל אונ זיי זיינען גיפלויגין קיין קיטור צו דר מלכה שבא אין איר מדינה · זיי זיינן אהין אן גיקומן גאנץ פריא אז די זון איז גאר אויף גיגאנגין אונ די קיניגן איז אויף גישטאנן אונ האט זיך גיוואלט בוקין אנטקעגן דר זון אזו וויא איר סדר איז · אונ דיא פויגיל זיינן גיוועזן אזו פיל דאש זיי האבין צו גידעקט דיא שיין פון דר זון האט די קיניגן זיך זייער דער שראקן אונ האט באלד צו ריסין אירע קליידר · אזוא באלד האט אראפ גנידרט דר האן אונ גרייכט איר די בריב · אונ זיא לייענט עם אונ צו רייסט ווידר אירע קליידר דרום וויל ער האט אזוא גיוועלטיגליך צו איר גיבאטין · האט זיא באלד גישיקט נאך אירע הערן אונ זאגט זייא וואש אין דעם בריב שטייט · אבר זיי האבן עם ניט גיוואלט הערין · אונ האבין גיזאגט מיר אכטן ניט דעם מלך שלמה אונ אויך ניט זיין מלוכה אבער דיא קיניגין האט זיך אין דעם ניט פאר זיכערט · אונ האט גשיקט נאך פיל קעסטליכע שיף לייט אונ האט אן גילאדן אשיף מיט זילבר אונ גאלד אונ גוטע שטיינר אונ גוטע האלץ · אונ זיא האט אוים גיקליבן זעקס טויזינט יונגליך אונ מיידליך זייער שיינע אונ זיי אלע זיינן אין איין טאג גיבארין גיווארין · אונ זיא האט זייא אלע אן גיקליידעט גליך מיט זיידענע קליידר אונ פירפיל וואל · אונ האט גישריבן איין בריב מיט דיא שיף לייט · מיט דעם לשון פון מיר די קיניגין פון קיטור צו מיין הער קיניג שלמה אונ צו אלע זיינע הערן אונ לייט פיל פריד פון מיר · אונ אנטפאנג די מתנה וואש איך שיק אייך · אונ איך בעט אייך זייער איר זאלט מיר שטעלן איין צייט ווען איך זאל קומן צו אייך · דען איר ווייסט וואול אז זיבין יאר רייז איז צווישין מיין מדינה אונ אייער מדינה אין דריי יאר ארום וועל איך מיין מיגליכקייט טאן אונ וועל צו אייך קומען אונ איך וועל זיך בוקין קעגן אייערע הערשאפט · אונ זיא איז גיקומן

סוף דריי יאר · אז שלמה המלך האט דר הערט אז זיא קומט אן · אזו האט ער איר אנטקעגין גישיקט זיין הייבט מאן בניהו בן יהוידע אונ ער איז גיוועזן זייער אשיינער מאן אונ אויך פיל פאלק מיט אים אז זיא האט אים דר זעהן איז זיא אראפ גישפרונגען פון דעם קארט אונ האט זיך גיבוקט אנטקעגין אים דען זיא האט גמיינט דאש איז שלמה המלך אזו האט גזאגט יהוידע איך בין ניט שלמה נאר איך בין איינר פון זיינע באדינער וואש שטייען פר אים האט זיא זיך אום גיקערט צו אירע הערין אונ האט גיזאגט האט איר ניט גיזעהן דעם לייב אזו זעהט וויא זיינע קנעכט זיינן איר קענט וואול מארקן וויא דער הער שלמה איז איין גרוישער קיניג אונ בניהו האט זיא גיבראכט פאר דעם מלך · אז דר קיניג האט גיהערט אז זיא קומט אן האט ער זיך גיזעצט אין איין חדר פון גלאז אונ זיא האט גימיינט ער זיצט אין וואשער · אזו האט זיא זיך אויף גיהויבין אביסל אירע קליידער אזו האט דער זעהן דר מלך שלמה אירע פים האט ער גלאכט אונ האט גזאגט דיין שוינהייט איז פון ווייבער אונ דיינע פים זיינן שיין פאר מאנזבילין אבער פאר נקיבות איז עש גאר ניט שיין האט זיא זיך גינייגט פר אים אונ ער האט זיא אנטפאנגן גאר קעסטליך · דער נאך האט זיא גיזאגט צוא אים ליבר הער איך וויל דיך פרעגין דריי רעטעניש אז דו וועסט זיי מיר זאגן דא וועל איך זעהן אז דו בישט אגרויסר חכם אונ אויב ניט בישטו גליך צו אנדרע מענטשן האט זיא אים גיפרעגט אונ ער האט איר אלץ גיענטפערט גליך וויא זיא האט גיהאט אין איר מחשבה אונ אז זיא האט דער זעהן זיין גרוישקייט אונ כבוד אונ דאש פירונג פון זיין טיש · אונ דיא קליידר וואש איטליכער האט גיטראגין · אונ זיא האט אויך גיזעהן דעם וועג וואש שלמה המלך האט גימאכט אין זיין הויז צו גיין אין בית המקדש אריין אונ וויא ער איז גיזעסין אונ האט גיטאן משפט אזוא איז אין איר קיין נשמה ניט גיבליבן · אונ האט גזאגט גילויבט איז גאט דאש ער האט דיר גיגעבן אזו איין מלוכה · אונ וואול דעם פאלק ישראל דאס דוא בישט זייער קיניג אונ וואול צו דיא לייט וואש זיינן תמיד ביי דיר · האט זיא גישיינקט דעם קיניג גרוישע מתנות גאלד אונ זילבר אונ

גוטע שטיינר · אונ גוט האלץ אונ פיזום · אונ עס איז נאך ניט גיהערט אונ ניט גיזעהן גיווארן אזו איין מתנה אונ דער מלך שלמה האט איר גיגעבין אלץ וואש זיא האט גיוואלט · האט זיא זיך גזעגינט מיט אים אונ איז ווידר גיפארן אין איר לאנד מיט אירע הערן אונ אלע מלכים פון דר וועלט וואש האבין גיהערט זיין נאמען זיינען דער שראקין גיווארין אונ האבין אים גבראכט דיא בעשטע פירות פון זייער לאנד אונ וואלטין דיא ישראל גיפאלגט צו ירמיהו הנביא אונ וואלטין תשובה גיטאן · אזו וואלטן מיר נאך גיוועז אין אונזער חשיבות אונ מיר וואלטין ניט גיקומן אין גלות · אונ כל זמן ירמיה איז גיוועז אין ירושלים האט ער גרויש תפלה גיטאן צו השי"ת אונ האט אויף גיהאלטין מיט זיין זכות דאש דער נבוכדנצר האט ניט גקענט קומען חרוב מאכין ירושלים אבער דר נאך איז ער אוועק אין לאנד בנימין אזו האט גישיקט נבוכדנצר זיין הויבט מאן נבוזראדן דען נבוכדנצר אליין האט זיך גיפארכטין אויף צו גיין אויף ירושלים דאש עס זאל אים ניט גישעהן וויא זיינע עלטערין דאש איז סנחריב ער איז גיקומן אויף ירושלים מיט פיל פאלק אזו וויא דאש זאמד פון דעם ים אבער ער האט ווייניג גליק גיהאט דער צו עש איז פיל דער פון צו שרייבן לסוף ביי נאכט איז גיקומן איין מלאך אונ האט גיטייט גאר זיין פאלק נאר ער מיט צעהן קנעכט זיינן גיבליבן וויא דר נבוזראדן איז אהין גיקומן האט ער חרוב גימאכט די מויערין דער נאך איז ער גיקומען מיט נבוכדנצר צום בית המקדש אבער זיי האבין ניט גיקענט ארין קומען דען די טויערן האבן זיך פר שלאסן אונ אז נבוכדנצר האט דער זעהן דאש קיינער קען זיי ניט עפענען אזו האט ער זיי גיוואלט צו האקין אבער ער האט צו בראכן פיל העק אונ האט זיי ניט גקענט עפענען אזו איז גיקומן איין מענטש וואש ער האט גיהייסין פרניטוס אונ האט גישעכט איין בהמה טמאה אונ האט גישפריינגט דאש בלוט אויפין בית המקדש אונ האט אים מטמא גיוועזן אזו האבין זיך געפינט די טירן פון זיך זעלברט דא איז ארין גיגאנגן נבוכדנצר אונ האט גיזעהן גאטש וואונדער אין דעם זעלביגן גיבייא אזו האט ער דער זעהן בלוט אויף איין שטיין אונ עש ריגט אונ זידט אלע צייט אין דער הויך אזו האט ער גיפרעגט אלע די אלטע יהודים וואס דאש איז האבין זייא אים גיענטפרט דאש בלוט איז פון קרבנות אזו איז גיפונן גיווארן אז דאש איז ליגין דא האט גיזאגט נבוכדנצר וועט איר מיר זאגין איז גוט אונ אויב ניט וועל איך אייך רייסין דאש פלייש מיט גליענדיגע צוואנגען אזו האבין זיי אים גיזאגט דעם אמת דאס זיי האבן גיהאט צווישין זיך דעם נביא זכריה ער האט זיי אלע צייט גישטראפט אונ זייא האבין זיך ניט גקערט צו זיינע רייד אונ האבן אים פר שטיינט אום שבת פון יום כפור אין בית המקדש אונ פון דער זעלביגר צייט אן איז דאש בלוט ניט שטיל דא האט נפרעגט נבוכדנצר ווארום האט איר דאש בלוט ניט אפ גיוואשן האבן זיי אים גיענטפערט מיר האבין עש איטליכע מאל אפ גיוואשין אבער עש קומט ווידער עש העלפט אלץ ניט מיר האבן שוין אויס גבראכן די שטיינר אונ האבין איין גיזעצט אנדרע שטיינר אבער עש העלפט אלץ ניט דאש בלוט קומט ווידער אויף די שטיינר אזו האט נבוכדנצר גירופן זיין הויבט מאן נבוזראדן אונ האט אים גיזאגט ער זאל באווילגן דאש בלוט אזו האט ער גינומען פיל טויזינט כהנים אונ האט זיי גישאכטן אויף דעם בלוט אבר עש האט ניט גיהאלפן אזו האט ער גישאכטין די סנהדרין אונ די בעכטע פון ישראל גאר אן צאל אונ דאם בלוט איז אלץ ניט שטיל גיווארין דר נאך האט ער גישאכטן אויף דעם בלוט די קליינע קינדר פון דעם רבי אונ עש איז פארט ניט שטיל גיבליבן אזו האט זיך נבוזראדן דר בארימט אונ האט גיזאגט צו דעם בלוט זכריה זכריה איך האב דאך גשאכטן אויף דיין בלוט אלע די בעסטע וואש אונטר ישראל שטיי שוין שטיל אונ זונסט וועל איך כל ישראל שעכטין פון דיינט וועגין דא איז דאש בלוט שטיל גיווארין אונ עש האט פאר זונקען אין דר ערד אונ נבוזראדן האט זיך גטראכט די יהודים האבין דאך נאר איינעם גיהרגת האט זיי גאט אזו גשטראפט אונ איך האב אזו פיל קעסטליכע ישראל גטייט וויא וועט עש מיר גיין אונ באלד איז ער אוועק גילאפן אונ האט זיך מגייר גיוועזן אונ האט גרויש תשובה גיטאן אונ איז גיווארן איין גר צדק אז דר כהן גדול מיט די איבערגע האבין גיזעהן אז דאש בית המקדש אונ אלץ וואש צו דעם גיהער איז שוין פאר ברענט גיווארין

גיווארין אזו האבין זיי זיך גיווארפן אין פייער מיט זייער ארגלן אונ אז נבוכדנצר האט גיוואלט אריין גיין אין קדשי קדשים דא האבן זיך די טויערן פר שלאסין ביז עס איז ארויס גיגאנגן איין בת קול אונ האט גיזאגט עפין אויף דיין טיר דוא בית המקדש אונ עס זאל ברענן אין דיר איין פייער דער נאך האבין זיי זיך אליין גיעפינט אונ ער איז אריין גיגאנגען אונ האט גיזעהן גאטש לויב דרינען אונ די הייליגע כלים פון דעם בית המקדש וואש די הייליגע מלכים פלעגין ניצין מיט זיי זיינן פאר שוואונדן גיווארן פאר זיינע אויגן · דא איז ער ארויש גיגאנגען מיט גרויש צארין אונ האט גיטייט פיל יהודים · אונ האט פיל יהודים גיבונדן אין קייטן אונ האט זייא גיפירט נאקעט · אונ האט זיי גימאכט טראגין זאמד אויף זייערע העלזר אונ האט זיי גרויש פיין אן גיטאן אונ ירמיה הנביא איז מיט זיי גיגאנגן ביז ער איז גיקומען צו די קברים פון די אבות דא איז גיפאלן ירמיה אויף זייערע קברים אונ האט גיוויינט אונ האט גיזאגט איר דר בארימיגע לייט אברהם יצחק ויעקב שטייט אויף אונ זעהט וויא מען פירט אייערע קינדער אין גלות נאקעט אונ בארוועס אונ שווער גילאדין אונ ער איז ווידר גשווינד אויף גישטאנן אונ איז גילאפין אויף די קברים פון שרה רבקה רחל ולאה אונ האט גיוויינט אונ האט גיזאגט שטייט אויף איר מוטרש אונ זעהט וויא מען פירט אייערע קינדר נאקעט אין גלות אונ וויא עס גייט זייא זייער ביטער דער נאך איז ער גיגאנגן גישווינט אויף די קברים פון משה אונ אהרן אונ מרים אונ האט גיזאגט זעהעט איר הירטין וויא מען פירט אייערע שאף אין גלות איר האט זיי גיטריי גיהיט זעהט וויא די בייזע וועלף צו רייסין זייא אונ פירין זייא נאקעט אונ בארוועס איבר אלע בערג אונ דורך די שטעט אונ זיינען אויך שווער גילאדן אונ די רשעים גייען מיט זיי גאר אום דער בארימג ער האט זיך ווידער גישווינט אום גיקערט צו די אבות · אונ זיי האבין אים גיפרעגט ווארום האסטו קיין תפלה ניט גיטאן דאש עס זאל זיי אזעלכש ניט גישעהן אונ איצונד בישטו נאך צו אונז גיקומן די בייזע בשורה דר ציילין זיינן זיי אזו גיגאנגן ביז אין דעם פלאץ וואש הייסט בית כור דארטן האט נבוכדנצר גיהייסן אראפ נעמן פון זיי די משא אונ מען זאל געבין קליידר דא האט גזאגט ירמיה הנביא צו נבוכדנצר טאמר וועשטו זיך בארימן אין דיין עבודת כוכבים הויז אונ וועסט זאגין דו האשט גיטאן מיט דיין שטארקר מאכט אבער מיט אמת זאלשטו גידיינקן וויא עס איז גישעהן צו דיא וואש זיינען גיוועזן פאר דיר אונ ירמיה איז אזו גיגאנגן מיט די יהודים אונ האבן גיוויינט אונ גיקלאגט ביז זיי זיינן גיקומען צו דעם ארט וואש הייסט יהוד מדינתא אונ ביז אין די טייכין פון בבל אונ נבוכדנצר איז גיוועזן זייער פריילעך דאש ער איז אזו וויט בשלום גיקומען אזו האט ער גיזאגט אז די כהנים מיט די לוים זאלין פאר אים שפילין אונ זינגען מיט זייערע ארגלען אונ שלמייען וויא זיי פלעגין טאן אין בית המקדש האבין זייא אים גיענטפערט וואלטן מיר דאש גיטאן אין בית המקדש דאש מיר וואלטן גיזונגן אונ גישפילט פר השי"ת אונ גוטש גיטאן אזו וואלטין מיר ניט איבער גיענטפערט גיווארין אין דיין האנט וויא זאלין מיר איצונד זינגען גאטש גיזאנג אין פרעמדע לענדער אין אום ריינע מדינות וויא נבוכדנצר האט דאש דער הערט איז ער זייער צארינדיג גיווארין אונ האט זיי גיהייסן הרגנן אזו איז גיוועזן צווישן זיי איין קעכטליכר מאן ער האט גיהייסן פלטיא בן יהוידע האט ער גיזאגט צו דעם קיניג נבוכדנצר די שאף וואש מען האט גיגעבן דעם פאסטוך צו די הענט אונ ער האט זיי ניט רעכט גהיט פון וועמן ווערט דאס גמאנט דא ענטפערט נבוכדנצר פון דעם פאסטוך ווערט דאש גימאנט אונ ער מוז אים וואול בצאלין דא זאגט פלטיא ליבער הער מען וועט פון דיר חשבון אפ נעמן דאש דו זאלשט די שאף ווידר אפ געבין וויא נבוכדנצר האט דאש דר הערט האט ער גיהייסן אראפ נעמען די קייטין פון דעם האלז פון דעם מלך צדקיהו אונ האט אים גיבראכט אנדערע קליידר :

**בהראותו** אין זיין טאן ווייזין דאש ער האט גיוויזין די כלים פון דעם בית המקדש

**אונ דיא גדולה** פון זיין קיניגרייך אונ דיא ווערדיקייט אונ צירונג פון זיין אכפערקייט זעקס ערלייא רייכקייט האט ער גיוויזין אזוא וויא עס שטייט אין פסוק מלכות אונ עושר אונ יקר אונ תפארת אונ כבוד אונ גדולה דש האט ער אלץ גיוויזין הונדערט אונ אכציג טעג

דורך: אנאנדר אונ אז די יהודים האבן דר זעהען די כלים פון דעם בית המקדש דא האבין זייא ניט גיוואלט זיין ביי דר סעודה אזו האט מען דר ציילט אחשורוש וויא די יהודים וויינען אונ יאמערין ווען זיי דער זעהען די כלים אזו האט אחשורוש גיזאגט זייא זיינען גרעכט אונ האט זיי גמאכט אבאזונדר ארט ובמלאת אז די דאזיגע הונדרט אונ אכציג טעג זיינען דר פילט גיווארן האט דר קיניג גימאכט סעודות צו גאר דעם פאלק וואש זיינען גיפונען גיווארין אין שושן די הייבט שטאט פון גרויש ביז קליין זיבין טאג לאנג אין דעם פיר הויף פון דעם גארטין אין דעם קיניגליכין הויז אונ דער מלך: האט גימאכט צו זיינע שטאט לייט פון שושן נאך: מער וויא צו אנדערע לייט פון אנדערע מדינות אונ דער קיניג האט זיך: גיפרייט מיט זיי אלע פון קליין ביז גרויש אין זיין אונטערשטין גארטין וואש זיי זיינן פריער אין אים ניט גיזעסין אונ דארטין איז גוועזן אלע קעסטליכע ווארצלען אונ אויבם ער האט צו גיבויגין פון אויבין די ביימער צו אנאנדער אונ האט גימאכט וויא גיוועלבין כדי ער זאל מאכין אשאטין איבער די לייט וואש זיצין פון אונטין כדי די לייט זאלין קענן רעכט זיצין אונ האט גישטעלט פאר זיי אבנים טובות אונ פעריל אונ דרום האט ער מערער כבוד אן גיטאן צו די לייט פון שושן דען זיי זיינן תמיד ביא אים אונ האבין גיהיט זיין קרוין אונ זיין לעבין חור כרפס אונ פון איין בוים צום אנדערין איז גהאנגן ווייסע לייגען וויא ספיר אונ אלערליי מאטעריעס גרין אונ בלא אונ זייד איז גוועזן דורך: גיפלאכטין אונ איין קלייד פון פירפיל וואל איז גיוועזן דריבער גיצויגין מיט העקלעך: אונ ארום אונ איז גיוועזן גיבונדן מיט גילדרנע קייטלעך: אונ זיילין פון מירמיל שטיין גפארבט מיט אלערליי פארבין גרין אונ רויט אונ ווייס אונ דרויף האט ער גימאכט זיידענע בעטלעך: זיי זיינן גילייגט גיווארין אויף גילדרנע רעדליך: אונ די פים זיינען גיוועזן פון זילבער אונ דיא ביינק זיינען גיוועזן קריסטאל אונ דיא מירמיל שטיינרנע זיילין האבין גיהאט זייער אשיין גישטאלט אונ פון אונטין איז גוועזן זייער שיין גיפלאסטערט והשקות אונ דאש גיטראנק איז גיוועזן מיט גילדערנע כלים אונ איין כלי צו דער אנדערער איז ניט גליך: גיוועזן אונ דער כום

וואש מען האט שוין איין מאל גיטרונקען אין אים האט מען שוין דאש אנדערע מאל ניט גיטרונקען נייערט אלע מאל נייע כלים אונ ווען מען האט אויש גיצויגין די כלים פון דעם בית המקדש אזו זיינען דיא אנדערע כלים גיוועזן קופער קעגין זייא אונ דער וויין איז גיוועזן פיל אונ איטליכער מענטש האט גיטרונקען וויא פיל ער האט גיוואלט אונ איטליכין האט מען גיגעבין אזו איין וויין וואש ער איז אלט גוועזן וויא פיל דער מענטש איז אלט אונ מען האט אים גיגעבין גינוג ווערליג דעם קיניגש פאר מעגין והשתיה אונ דאש גיטראנק איז גיוועזן וויא רעכט איז מען האט איטליכין גיגעבן וויא פיל ער האט גיוואלט עש זאל אים ניט שאדין דען תמיד פלעגט זיין דר מנהג פון דר מדינה אז עש איז גיוועזין איין שמחה דא הט גבראכט דר שיינקער איין גרוישין בעכער אונ מען האט אים גירופין פיתקא ער האט גאר פיל גיהאלטין אונ וועמען דר שיינקער האט אים גיגעבן דער האט אים גימוזט אויש טרינקען אונ עש האט אים קיינער ניט גיקענט אויש טרינקען נאר אחשורוש אונ דר וואש האט אים ניט גקאנט אויש טרינקען האט ער גימוזט געבין דעם שיינקער פיל געלט דרום זיינען די שיינקערס זייער רייך: גיווארין איצונדערט פאר די דאזיגע לייט האט אחשורוש ניט גיוואלט נייטין מען זאל טרינקען דעם בעכער נייערט איטליכער זאל טרינקען וויא פיל ער וויל גם ושתי די מלכה ושתי האט אויך: גימאכט איין מאל צייט פאר ווייבער אין דעם קיניגש הויז אונ האט זייא גיגעבין טרינקען שווארצין אונ רויטין וויין אונ האט זיי אלע גיזעצט אין איין פאלעץ דאש זיא האט זיי גיוואלט ווייזין דעם קיניגש רייכקייט אונ זיי האבין זיא גיפרעגט וואו שלאפט דער קיניג וואו עסט ער אונ זיא האט זייא אלץ גיווייזין דען דיא ווייבער ווילין אלץ וויסין ביום השביעי אין דעם זיבעטין טאג פון דער סעודה אז עש איז פריליך: גיווארין דאש הארץ פון דעם קיניג אין וויין אזוא האט ער גיזאגט צו מהומן אונ ביזתא אונ חרבונא אונ בגתא אונ אבגתא אונ זתר אונ כרכס דיא זיבין קאמער דינער וואש פלעגין תמיד זיצין פאר דעם קיניג בשעת זיי זיינען גיזעסין אונ האבין גיגעסין אונ גיטרונקען האבין זייא אן גיהויבין צוא ריידין

נארעשקייט אונ ניבול פה פון די ווייבער אזו
האבין גיזאגט די מלכי מערב אונזרע ווייבער
פון אונזער לאנד זיינען די שענסטע אונ אזוא
אויך האבין גיזאגט די מלכים פון מזרח אונ
אנדערע העררין דא הייבט אן צו ריידין דר ווין
אויש אחשורוש אונ זאגט מען קען ניט גיפינען
קיין שענערע ווייבער אז אין בבל ווילט איר
ניט גלייבין דא וועל איך שיקין ברייגען דיא
מלכה דא האבין גיזאגט דיא העררין מיר ווילין
דעם אמת ווישין אבר זיא זאל נאקעט קומען
דען מיר ווילין זעהען אין גאנצין איר שונהייט
להביא דר מלך האט גיהיישין ברייגן די מלכה
מיט דער קרוין פון מלוכה אום צו ווייזין פאר
די פעלקר איר שונהייט אונ דר מלך אחשורוש
האט גזאגט צו די העררין גייט צו דר מלכה ושתי
אונ זאגט איר זיא זאל אויף שטיין פון דר שטול
פון מלוכה אונ זאל זיך גאנץ נאקעט אויש טאן
אונ זיא זאל טאן די גילדערנע קרוין אויף איר
קאפ אונ איין גילדערנע שאל אין איר רעכטע
האנט · אונ איין בעכער אין איר לינקע האנט
אונ זאל קומן פאר מיר אונ פאר די הונדרט אונ
זיבין אונ צוואנציג מלכים וואש זיצין פאר מיר
כדי זיי זאלין זעהען דאש זיא איז די שענסטע
צווישין אלע ווייבר ותמאן המלכה האט די מלכה
ושתי גענטפערט צו די זיבין דינערש שענדליכע
רייד גייט אונ זאגט צו אייער הער דעם נאר
וואש איר זייט אויך אזעלכע נארין וויא ער איך
בין ושתי המלכה איין טאכטר פון די מלכים
פון בבל פון זייער איבער בלייבונג · בלשצר
מיין פאטער ער האט גיקענט טרינקען קעגין
טויזנט מענטשין אונ דער ווין האט אים ניט
פאר נארעשט צוא ריידין אזעלכע רייד וואש
זיינען ניט גוט אונ רעכט פארטיג אין דר זעלביגר
צייט זיינען זיי גיגאנגען אונ האבין גיזאגט צום
מלך די זעלביגע רייד וויא אחשורוש האט דאש
דר הערט איז ער זייער דר צערינט גיווארן אונ
האט גישיקט נאך אמאל דורך זיינע דינערם
יען דו ווילסט ניט קומען אזו זאלסטו וויסין אז
איך וועל דיר טייטין אונ וועל מאכן פאר לירין
דיין שוינקייט זיינען זיי גאנגען צו איר אונ זיא
האט זיא נאך אמאל גיענטפערט איר זאלט
זאגין דעם נארעשין קיניג ער האט פר קרימט
זיין עצה אונ האט ניט פאר ריכט מיט זיין
גזירה איך בין דאך ושתי המלכה די טאכטער
פון בלשצר דאש אייניקיל פון נבוכדנצר
מלך בבל אונ פון דעם טאג פון מיין גיבארן ביז
איצונד האט קיינער ניט גיזעהען מיין בלויזין
לייב נאר דוא אליין נוא אז איך וועל קומען
נאקעט פאר דיר אונ פאר די מלכים אזו וועלן
דיך די מלכים טייטין אונ וועלין מיך נעמן פאר
איין ווייב דא האבין איר דיא דינערש ווידער
גיזאגט פאר וואר דער קיניג וועט דיך טייטין
אונ וועט פאר לירין דיין שונהייט אונ דיין
נאמען אונ דיינע עלטערינס נאמן וועט שוין
מער ניט גידאכט ווערין אונ דיין לייב וועט
שוין מער ניט גיזעהען ווערין צום קיניג אין דר
זעלביגער צייט האבן זיי גיזאגט דעם קיניג אז
דיא מלכה ושתי האט ווידער גישפעניגט אין
דעם קיניג אונ דר צארין פון דעם מלך האט
גיברענט אין אים ויאמר המלך האט דער מלך
גיזאגט צו די חכמים וואש ווייסין דיא צייטין
דען אזו איז דער סדר פון דעם מלך צו דער
צוילין פאר דיא וואס ווייסין גזירות אונ דינים
והקרוב אונ דיא וואש זיינען נאהענט צום מלך
דאש זיינען דיא זיבין העררין כרשנא פון לאנד
אפריקי שתר פון לאנד אינדיא אדמתא פון
אדום תרשיש פון מצרים מרס פון גרעקן לאנד
מרסנא פון רום ממוכן פון ירושלים דיא אלע
זיינן גיוועזן פאר דעם מלך אונ האבן אים עצות
גיגעבין אונ אטייל זאגין איטליכער האט זיין
נאמן גהאט אויף זייער לשון וועדליג זיין דינסט
איז גיוועזן כדת זיי זאלין זאגין וואש רעכט איז
צו טאן צו דר קיניגין ושתי דרום ווייל זיא האט
ניט גיטאן דאש גיבאט פון דעם קיניג דר פסוק
לערינט מיך אז עש איז ראוי איטליכר מענטש
זאל האבין גיטרייע פריינט זיי זאלין אים עצות
געבין ויאמר ממוכן ער האט גיזאגט ממוכן דאש
איז דניאל ער הייסט דרום ממוכן דען ער איז
פאר טריבין גיווארן קיין בבל מיט שבט יהודה
אונ עם איז גיטאן גיווארין דורך אים נסים אונ
גבורות אונ נאך מער דרום הייסט ער ממוכן
ער איז אן גיברייט פון דעם הימיל דאש ושתי
זאל אום גיבראכט ווערין דורך אים אונ עם איז
גיוועזן דר סדר פון דעם מלך צוא פרעגין צום
ערשטין פון דעם קלענסטין אונ דר ממוכן איז
גיוועזן דר קלענסטער פון אלע דרום האט ער
גיזאגט צום ערשטין פאר אלע העררין אונ שרים
אונ דר ממוכן האט גהאט איין חשוב ווייב פון

פרסים און זיא האט גיוואלט ער זאל ריידין
אויף איר לשון דרום האט ער גזוכט איין עלילה
דאש זיא זאל מוזין ריידין אויף זיין לשון אזוא
זאגט דר ממוכן ניט אויף דעם מלך אליין האט
ושתי אום רעכט געטאן נאר אויף אלע שרים פון
אלע מדינות פון דעם קיניג אחשורוש כי יצא
דען עש ווערט ארויש גיין די זאך פון דר מלכה
אויף אלע ווייבער דאש זיי ווערלן פאר שעמען
זייערע מאנען אין זייערע אויגין דען זיי וועלין
זאגין צו זייערע מאנען זייט איר דען תשובר אז
אחשורוש דאש ער האט גיזאגט עש זאל קומן
פאר אים דיא מלכה ושתי און זיא האט ניט
גיוואלט קומען והיום הזה אין דעם דאזיגין טאג
וועלין אויך אזו זאגין דיא הארינטעם פון פרס
ומדי צו זייערע מאנען ווען זיי וועלין הערין די
זאך פון דר מלכה און עס ווערט זיין גינוג פאר
שעמונג דאש מען זאל דרויף צערענען אם על
המלך טוב אין דר צייט אז ממוכן האט גימאכט
די גזירה האט ער מורא גיהאט טאמער ווערט
דר מלך די גזירה ניט האלטין און ושתי ווערט
אים-אום ברייגען דרום האט ער גיזעהן דאש
זיא זאל שוין ניט קומען און די זאך זאל באלד
איין גישריבן ווערין אין די דינים פון פרס ומדי
דאש זיא האט ניט גיוואלט קומען און איר
מלוכה זאל דר מלך געבין צו איר גיזעלן וואש
איז מער בעסער אז זיא ונשמע און עס זאל
ווערין גהערט די זאך וואש דר קיניג ווערט טאן
אין זיין גאנץ קיניגרייך דען די זאך איז גרויש
אזו וועלין אלע ווייבער ערליך האלטין זייערע
מאנען פון גרויש ביז קליין וייטב און די זאך איז
וואול גיפעלין אין די אויגין פון דעם קיניג און
אין די הערין און דר קיניג האט גיטאן וויא די
רייד פון ממוכן וישלח ספרים און ער האט גשיקט
בריב אין אלע מדינות פון דעם קיניג צו איטליכע
מדינה וויא איר כתב און צוא איטלעכין פאלק
וויא זייער לשון און מען לאזט ווישין דורך דיא
בריב אז איטליכער מאן זאל גיוועלטיגין אין
זיין הויז און די ווייבער זאלין ריידין וויא דאש
לשון פון זייערע מאנען:

אחר הדברים האלה נאך די דאזיגע רייד אז עס
איז שטיל גיווארן דר צארין פון דעם קיניג
אחשורוש אזו האט ער גישיקט נאך זיינע הערן
און האט גיזאגט ניט אויף ושתי אליין בין איך
אין כעס נאר אויף אייך בין איך אין כעס דען

אז איך בין גיוועזן פאר טרונקען אין זיין אזוא
וואלט איר מיר גידארפט שטילין די טכעס ביז
איך וואלט קלאר גיווארין און איו האט מיך
נאך מער ברוגז גימאכט און איר דגט מיר איין
עצה גיגעבין אז איך זאל זיא הרגן און זאל אש
טאן פון איר איר קיניגרייך דרום וועל איך אייך
אלע הייסין אום ברייגען דר נאך אז זיי זייגען
אום גיבראכט גיווארין האט ער זיך דר מאנט
אן ושתי דאש זיא איז אום שולדיג גיוועזן נאר
גאט האט עס גיוואלט האבין דאש די זרע פון
נבוכדנצר זאל פאר לארין ווערין ויאמרו זיי האבן
גיזאגט די יונגע באדינער פון דעם קיניג מען
זאל זוכין דעם מלך יונגע פרויען בתולות פון
שיין גישטאלט ויפקד און דר קיניג זאל באפעלן
לייט אין אלע זיינע מדינות דאש זיי זאלן אויש
קלייבין אלע די בתולות פון שיין גישטאלט אין
דעם שלאס פון שושן אין הויז פון דיא ווייבער
אונטער דר האנט פון הגי דער קאמער דינער
פון דעם קיניג דר היטער פון דיא ווייבער און
ער זאל זיי געבין זייער צירונג והנערה און דיא
יונג פרויא וואש ווערט וואול גיפעלין אין די אויגן
פון דעם קיניג זאל זיא קיניגין אויף דעם ארט
פון ושתי און די זאך איז וואול גיפעלין אין די
אויגין פון דעם קיניג און ער האט אזו גיטאן •
איש איין מענטש פון יהודים איז גיוועזן אין שושן
הבירה זיין נאמען איז מרדכי ווארום האט ער
גיהייסין יהודי וויל ער האט זיך גיפארכטן פאר
הקדוש ברוך הוא צוא טאן עבירות אויף אים
האט דוד נביאות גיזאגט זאל דען איין מענטש
גיטייט ווערין אזו וויא ווייטר ווערט שטיין און
דר דאזיגער מענטש איז מרדכי דר זון פון יאיר
זון שמעי זון שמידע זון בענה זון אילה זון מיכה
זון מפיבושת זון יהונתן זון שאול זון קיש זון
אביאל זון צרור זון בכורת זון אפיה זון שחרים
זון עוזיה זון ששק זון מיכאל זון אליאל זון
עמיהוד זון שפטיה זון פתואל זון פיתון זון מליך
זון ירובעל זון ירוחם זון חנניה זון זבדי זון
אלפעל זון שמרי זון זבדיה זון מרימות זון
חושים זון שחורה זון גזה זון עזה זון גרא זון
בלע זון בנימין דר זון פון יעקב הבכור וואש ער
הייסט ישראל ווארום ווערט גירופין מרדכי דר
זון פון שמעי נאר וויל שמעי האט גיפלוכט
דוד המלך און האט גיזאגט גייא דו רשע דוא
ביסט חייב מיתה אזו האט גיזאגט אבישי בן

צרויה

צרויה צוא דוד איך וועל אים זיין קאפ אראפ נעמען אונ דר שמעי איז חייב מיתה גוועןדען עש שטייט אין דר תורה מיזאל קיין מלך ניט פלוכין נאר דוד המלך האט גיזעהען בנבואה דאש מרדכי אונ אסתר וועלין פון אים ארוים גיין אונ דורך זיי וועלין די ישראל אויש גלייזט ווערין דרום האט דוד המלך ניט גוואלט אבישי זאל אים טייטין נאר אז זיין זון שלמה איז מלך גיווארין דא האט אים דוד צוואה גילאזט אז שמעי וועט אויף הערין קינדער האבין זאלסטו אים טייטין כדי ער זאל זוכה זיין צו עולם הבא דען עש וועט פון אים אויש גיין איין זון איין צדיק דאש דורך אים וועט גיטאן ווערין נסים אונ גבורות צו די ישראל אין די פיר גלותן אונ דרום הייסט ער מרדכי דען מרדכי איז טייטש אויף תרגום ריין גיווירץ ער איז דער זון פון יאיר דר זון פון שמעי דר זון פון קיש פון שבט בנימין אשר הגלה וואש ער איז פר טריבן גיווארן מיט די פאר טריבענע וואש זיינן פאר טריבין גיווארין מיט יכניה מלך יהודה דאש אים האט פאר טריבין נבוכדנצר מלך בבל דען עטליכע יאר דר נאך איז מרדכי אויף גיגאנגען פון דעם גלות אונ אויך אנדערע יהודים אונ האבין גיוואלט בויען דאש בית המקדש אבר דר נאך האט אים נבוכדנצר פאר טריבין אין אנדערין מאל ויהי אומן אונ מרדכי האט גיטאן דר ציהען דיא הדסה דאש איז אסתר זיא הייסט דרום הדסה אזו וויא דר הדס מחמת זיין שטארקין ריח אונ גישמאק אפילו ער שטייט צווישין דערנער פאר לירט ער ניט זיין גישמאק אזוא אויך אסתר חאטשע זיא איז גוועזן צווישן עובדי כוכבים האט זיא דאך ניט פאר לאזט איר אידישקייט אונ מעשים טובים אונ זיא הייסט אויך דרום אסתר ווייל אירע מעשים זיינען גיוועזן שיין אונ גוט אונ אזו אויך דיא צדיקים זיינען גיגליכין צו איין הדס אז דר נביא ישעיה זאגט אין קאפיטיל נ״ה תחת הנעצוץ יעלה ברוש ותחת הסרפד יעלה הדס דאש איז טייטש אויף דעם ארט פון דעם דארין וועט אויף גיין איין בוקסן בוים דער נמשל איז אויף דעם ארט פון המן וועט אויף גיין מרדכי אונ אויף דעם ארט פון סרפד דאש איז דיסטלען וועט אויף גיין איין הדס איז דר נמשל דר פון אויף דעם ארט פון ושתי וועט אויף גיין אסתר זיא וועט לייכטן אזו וויא דער שטערין וואש הייסט נוגה אונ אין לטיינישע שפראך רופט מען דעם שטערין אסתירה אונ אלע די צדיקים זיינען גיגליכן צו איין הדס אזו וויא דר הדס איז גרין זומער אונ ווינטער אזו אויך דיא צדיקים האבין איין חלק אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט · אונ אזו איז אויך גזאגט גיווארן אויף חנניה מישאל ועזריה דאש זייא זיינען גישטאנען אין גלות צווישין הדסים אונ אסתר הייסט אויך הדסה דען זיא האט ניט אפ גיקערט אין איר יוגינט אונ אויף איר עלטער פון דעם גוטין וועג אונ פון וועגין אסתר האט מרדכי גיצויגין אוים ארץ ישראל דען ער זאגט איין יתום צו דער ציהען איז גלייך וויא צו זיין אין ארץ ישראל דען עס איז קיין גרעסערע מצוה ניט פון איתום דער ציהען אונ זיא איז גוועזן איין טאכטר פון מרדכס פאטערס ברודר אונ אז איר פאטר איז גשטארבן האט זיא די מוטער גיטראגין אונ אז זיא איז גיבארין גיווארין איז גישטארבין איר מוטער אזו האט זיך מרדכי דר בארימט איבר איר אונ האט זיא גינומען צוא זיך פאר איין קינד ויהי כהשמע עס איז גיוועזן אז עס איז גיהערט גיווארן די רייד פון דעם קיניג אונ זיין גזירה אונ אז עס זיינן איין גיזאמילט גיווארין פיל יונג פרויען אין דעם הויז פון דעם קיניג אין דר האנט פון הגי דר היטער פון די ווייבער אונ אז מרדכי האט דאש דר הערט האט ער אסתר פר בארגן פון די שלוחים פון דעם מלך אונ ער האט זיא גיהאלטין אויף איין באהאלטין ארט אבער די טעכטער פון עמלקים האבין זיך שיין אונ היפש גימאכט כדי די הערין זאלין זיי נעמען אונ דאש זייא זאלין וואול גיפעלין אונ אז דיא הערין האבין איין גיזאמילט אלע בתולות אונ האבין גיזעהען אסתר איז ניט דא צווישין זייא דען זייא האבין שוין לאנג גיוואוסט פון איר גוטקייט אונ שיינקייט אזוא האבין זייא גיזאגט צום קיניג מיר האבין זיך אום זיסט גימיט דען אלע דיא שענסטע טעכטער האט מען פאר בארגין פאר אונז · אז דר קיניג האט דאש דער הערט האט ער גילאזט אויש רופין וועלכער עש האט פאר בארגין זיין טאכטר אונ וויל זיא ניט ארויש געבין זאל מען אים פאר דער טיר אויף הייגגן · אונ מרדכי האט אל״ץ ניט גיוואלט זיא ארויש ווייזין נאר ער האט

גיזעהן וואש דרויש וועט ארויש קומן אונ אז דאש קומט פון גאט דא האט זיא מרדכי גינומן אונ האט זיא גיפירט אויף דעם פלאץ צו די הערין · אונ מען האט זיא גינומן מיט גוואלד אונ מען האט זיא גיפירט צווישין דיא אנדרע בתולות ותיטב הנערה אונ די יונג פרויא איז וואול גיפעלין אין זיינע אויגין אונ זיא האט גיקראגן גינאד פר אים אונ ער האט גיאיילט איר צירונג אונ אירע גאבין וואש מען בדארף איר געבין אונ די זיבין יונגע פרויען וואש מען דארף איר געבין פון הויז דעם קיניג אונ ער האט זיא פר ענדערט מיט אירע זיבין יונגע פרויען צו גוטין אין דעם הויז פון די ווייבער אין אסתר האט ניט גיזאגט איר פאלק אונ איר גיבירד דען מרדכי האט אויף איר גיבאטן דאש זיא זאל ניט זאגין ובכל אונ אלע טעג פלעגט מרדכי גיין פר דעם הויז פון די ווייבער צו ווישין דעם פריד פון אסתר אונ וואש עש איז איר גישעהן אונ וואש פאר נסים דורך איר וועט גישעהן ובהגיע אז עס האט גגרייכט די צייט פון איטליכר נערה אריין גיין צום מלך נאך דעם אז עש איז שוין גיוועזן צו איר דער סדר פון די ווייבער צוועלף חדשים זעקס חדשים פלעגין זיי זיך שמירין מיט בלסום אייל אונ זעקס חדשים מיט גיווירץ אונ מיט לויטערקייט פון די ווייבער ובזה אונ מיט דעם דאזיגין פלעגט קומען די נערה צום מלך אלץ וואש זיא האט גיזאגט איז ווארין גיגעבין אריין צו קומען מיט איר פון דעם הויז פון די ווייבער ביז דעם הויז פון דעם קיניג בערב אין אבינט פלעגט זיא ארין גיין אונ אין דר פריא האט זיא ווידער גיקערט אין אנדערין הויז פון די ווייבער אין האנט שעשגז דער היטער פון די קעפס ווייבער זיא איז שוין מער ניט גיקומן צום קיניג אונ אז דער קיניג האט זיא ווידער באגערט איז זיא ווארין גירופין מיט איר נאמן אזו איז גיוועזן דער סדר פון דעם קיניג ווען ער האט איין נאכט ביי איינער גישלאפן אזו האט ער זיא אפ גישיקט אין דר פריא צו די אנדרע קעפש ווייבר אונ איז שוין מער ניט בייא איר גישלאפן אונ זיא איז שוין מער ניט גיקומען פארין קיניג סיידין דער מלך אליין האט אין איר גידאכט אזו איז זיא ווארין גירופין מיט איר נאמן ובהגיע אונ אז עש האט גיגרייכט די צייט פון אסתר די טאכטר פון אביחיל דר פעטער

פון מרדכי דאש ער האט זיא גינומן צו זיך פר איין טאכטר זיא זאל קומען צום קיניג דא האט זיא קיין שום זאך ניט באגערט נאר דאס וואש הגי דער היטער פון די ווייבער האט גיזאגט אונ אסתר האט נושא חן גיוועזן אין די אלע אויגין וואש האבין זיא גיזעהן ותלקח אונ אסתר איז גינומן גיווארין צו דעם קיניג אחשורוש צו זיין קיניגליכן הויז אין דעם צעהענטן חודש דאס איז טבת אין זיבטין יאר צו זיין קיניגרייך ויאהב אונ דר קיניג האט ליב גיהאט אסתר מער אז אלע ווייבר אונ זיא האט גיטראגן לייט זעליקייט אונ גינאד פאר אים מער אז אלע יונג פרויען אונ ער האט גיטאן די קיניגליבע קרוין אויף איר קאפ אונ האט זיא גימאכט קיניגן אויף דעם ארט פון ושתי ויעש אונ דר קיניג האט גמאכט אגרויסע סעודה פון אסתר וועגין אונ האט גיטריבן מיט איר גרוישע חניפות דען ער האט גוואלט ווישן איר משפחה אונ פון וואש פר לייטין זיא קומט ארויש אונ ער האט זיא גיפרעגט ווער עס זיינן דיינע קרובים איך וועל זיי מאכין אייטל הערין אונ גראפין אונ זיא האט אים גיענטפערט מיין ליבר הער קיניג איך קען ניט מיין פאלק אונ מיין משפחה דען מיין פאטער אונ מוטר זיינען אין מיין יוגינט אפ גישטארבין אונ איך האב ניט גיקענט גיוואר ווערין ווער זיי זיינן גיוועזין נאר מרדכי האט מיך דער צויגין דורך גאטש ווילין וואלט איך גיוואוסט מיין משפחה וואלט איך דיר בוודאי גיזאגט אונ אז אחשורוש האט ניט גיקענט ווישין אירע קרובים אונ ער האט זייא גוואלט גרויסע מתנות געבן אזו האט ער גלאזט פריי דאס גאנצע לאנד פון מס פון אירינט וועגן דען ער האט זיך גטראכט צווישן דער גאנצר מדינה זיינען דאך בוודאי אירע קרובים אויך ובהקבץ אונ אז עש זיינען ווארין איין גיזאמילט בתולות צום אנדערין מאל ווארום איז דאש גיוועזן דר מלך האט דאך ליבער גיהאט אסתר מער וויא אלע ווייבר אונ האט איר גישיינקט איין קרוין פון מלוכה אויף איר קאפ נוא ווארום האט מען דאש אנדערע מאל איין גיזאמילט די בתולות נאר די הערין האבין גיזאגט צום קיניג ווען דו ווילשט האבין דאש אסתר זאל מגלה זיין איר פאלק אזו זאמיל איין אנדערע בתולות דא וועט זיא מקנא זיין אונ וועט אויש זאגין ווארום די ווייבער זיינן מקנא אונ מרדכי איז

גיזעסין

גיזעסין אין טויער פון דעם קיניג אין אסתר אונ אסתר האט אלץ ניט אויש גיזאגט איר פאלק אונ איר גיבורד אזו וויא מרדכי האט אויף איר גיבאטן אונ אסתר טוט דאס באפעל פון מרדכי גליך וויא דענמאלט אז זיא איז ביי אים אויף גיצויגין גיווארין חאטשע זיא האט גיזעהן מען האט איין גזאמילט בתולות אונ זיא האט גהערט וואש אחשורוש האט גיזאגט פון דעסט וועגין דאט זיא גיוואזגן איר האלז אונ האט ניט גוואלט זאגין אזו וויא מרדכי האט איר גיבאטן אונ זיא האט גיהאלטן זיינע גיבאט גליך וויא זיא איז גיוועזן אין זיין הויז אונ זיא האט ניט פר לאזט איר ענוות אונ זיא איז גיבליבין איין גרוישע קיניגין מיט גאטש הילף אונ דר פסוק בארימט זיא אונ זאגט חאטשע זיא האט גהאט איצונדרט גרויש כבוד אונ זיא איז גיוועזן גאר קעסטליך פון דעשט וועגין האט זיא ניט דר ווידר גיטאן מרדכי בימים ההם אין די זעלביגע טעג אז מרדכי איז גיזעסין אין טויער פון דעם קיניג דא האבין גיצערינט בגתן ותרש די צווייא קאמער דינער פון דעם קיניג דאש זיי היטין די שוועל זייא האבין גיוואלט שטרעקן די הענט אין דעם קיניג אחשורוש זיי האבין זיך ביידע איין עצה גינומן אונ זאגין זינט די צייט דאש ער איז מלך גווארין האבין מיר קיין רוא ניט גהאט מיר וועלין אריין טאן גיפט פון איין פיפר נאטיר אין דעם בעכר וואש דער מלך טרינקט נאך דעם שלאף ויודע הדבר אונ די זאך איז גוואוסט גיווארן צו מרדכי ברוח הקודש אונ ער האט עש גיזאגט צו דער קיניגין אסתר אונ אסתר האט עש גיזאגט צום קיניג אין נאמען פון מרדכי ויבוקש אונ די זאך איז גיזוכט גיווארן אונ עש איז גיפונן גיווארן אמת אזו האט מען זיי ביידע אויף גיהאנגן אויף איין האלץ אונ די זאך איז פר שריבן גיווארן

אין ספר זכרונות פאר דעם מלך:

אחר הדברים האלה נאך דער דאזיגר מעשה האט דער קיניג אחשורוש גרויש גימאכט צו המן דער זון פון המדתא ׳ ער איז גיוועזן פון אגג אונ דער מלך האט אים דער הויבן אונ האט גישטעלט זיין שטול איבער אלע הערין וואש ביי אים זיינען ׳ דער פסוק מיינט אזו נאך דעם אז אונזר הער גאט ברוך הוא האט אן גבריוט די רפואה ׳ דאש אסתר איז גאר קעסטליך גיווארן אונ מרדכי האט גיהאלפן דעם קיניג פון דעם טויט אזו האט דער קיניג גרויש גימאכט צו המן אונ דער המן האט זייער פיינט גיהאט די יהודים ווייל ער איז פון עמלק אונ דאס איז דער יחוס פון המן אונ עמלק ׳ המן איז דר זון פון המדתא פון אגג זון סרח זון בוזה זון אפלוטס זון דיוסף זון דיוסים זון פרום זון מעדי זון בלעקן זון אנתימרוס זון הרידוס זון שגר זון נגר זון פרמשתא זון ויזתא זון אגג זון סומקי זון עמלק זון אליפז דר בכור פון עשו אונ דעם עמלק האט אליפז גיהאט מיט תמנע זיין קעפש ווייב אונ אחשורוש האט דעם המן גאר חשוב גימאכט אונ האט דר הויבין זיין שטול איבר אלע שרים וואש בייא אים זיינן גיוועזין וכל עבדי אונ אלע קנעכט פון דעם קיניג וואש זיינען גיזעסן אין טויער פון דעם קיניג פלעגין זיך קניען אונ בוקן צו המן דען דר קיניג הט אזו גבאטן אבר מרדכי האט זיך ניט גיוואלט קניען אונ נייגין ויאמרו אונ זייא האבין גיזאגט די קנעכט וואש זיינן אין טויער פון דעם מלך צוא מרדכי מיט וואש האשטו מער הערשאפט פר אונז דאש דוא ווילשט זיך ניט בוקן אונ נייגן קעגן המן אונ מיר בוקין זיך יוא דוא בישט דאך עובר דעם גיבאט פון דעם מלך אונ מרדכי האט גיענטפערט אונ האט גיזאגט צו זיי מיט צארין איר נארין הערט צו וואש איך וועל אייך זאגן וואש איז גאר נחשב דער מענטש וואס ווערט גיבארין פון איין פרויא אז זיין מוטר זיצט אויף דער שטול בשעת זיין גיבארין ווערין דא איז אייטיל שרייען אונ וויינן אונ אויך אין זיין דער ציהען איז אייטיל קלאג אונ זיפצין אונ לייד אונ נאך דעם אלץ מוז ער ווידר צו דר ערד קערן אונ אלע זיינע טעג זיינען צארין אונ אום גליק נוא וויא זאל ער זיך אזוא הויך אונ קעסטליך מאכין אונ זיך האלטן בגאוה דאש קאן איך ניט צו זעהן וויא זאל איך מיך קניען אונ נייגין פאר אים נאר פר אונזר ליבן הער הקדוש ברוך הוא וועל איך מיך יוא בוקן אונ נייגין דען ער האט באשאפן די גאנצע וועלט מיט זיין שטארקייט אונ מיט זיין גרוישע מאכט ער האט באשאפן די הימיל אונ ערד אז ער וויל מאכט ער די זון פינצטר אונ מאכט פון פינצטערנש ווידר ליכט אונ מיט זיין חכמה האט ער באשאפין דעם ים מיט דעם זאמד ארום אים דאש ער טאר ניט אריבער גיין דאש זאמד צו פאר טרינקן דיא

וועלט אונ ער האט גימאכט דאש דיא זון אונ די לבנה אונ גלגלים לויפין פאר אים אלע צייט אונ שטייען ניט שטיל אונ איטליכער מוז טאן וואש השם יתברך האט אויף אים גיבאטן צו אים איז ראוי מען זאל זיך פאר אים בוקין אונ נייגין אונ דינן אים אבר ניט צו קיין אנדערן דא האבן זיי אים ווידר גיענטפערט עש זיינן דאך ניט אלע צייטן גלייך מיר גיפינען דאך דיינע עלטערין האבן זיך גיבוקט פר די עלטערין פון המן דאש איז יעקב האט זיך גיבוקט אנטקעגן עשו זיין עלטער פאטר פון המן האט ער זייא גיענטפערט איך קום אבר ארויש פון בנימין ער איז נאך ניט גבארן גוועזן אז יעקב מיט זיינע קינדר האבין זיך גיבוקט אנטקעגין עשו דרום האט השם יתברך גיזאגט דאש מען האט גיבויט דאש בית המקדש אין זיין טייל כדי אז אלע ישראל זאלין זיך פרייען אין זיין טייל אונ זאלין זיך בוקן אונ נייגן אין בית המקדש אונ אזו וועלן אויך אלע פעלקר טאן פר אונזר הער גאט אונ דרום וויל איך מיך ניט בוקין אונ נייגן פר דעם פיינט המן הרשע דער באליידיגער פון די יודין אונ ווען איך וואלט עש שוין גערין גיטאן פון אייערט וועגין דא טאר איך עש ניט טאן אונ אויך פון דעם בילד וועגין דאש ער האט אויף זיין הארצן דען דאש איז דר ווידר אונזר גלויבן אונ אז מרדכי האט אזו פיל גרעט דאך האבין דיא הערין דר צו ניט גיוואלט קערן אונ האבין גיזאגט זייא וועלין זאגין צו המן אלע רייד פון מרדכי ויהי אונ זיי פלעגין אים זאגין אלע טאג אונ ער האט זיי ניט גיוואלט צו הערין אזו האבן זייא עש גיזאגט צו המן אונ זיי האבין גיוואלט זעהען אויב דיא רייד פון מרדכי וועלין אקיום האבין · דען ער האט צו זיי גיזאגט אז ער איז איין יהודי וירא המן אז המן האט גיזעהען דאש מרדכי וויל זיך צו אים ניט בוקין אונ נייגן אזו איז ער דר פילט גיווארין מיט גרויס צארין ויבז אונ עש איז גיוועזן איין בזיון אין זיינע אויגין דאש ער זאל שטרעקין דיא האנט אין מרדכי אליין דען זיי האבן אים גיזאגט דאש פאלק פון מרדכי דא האט המן באגערט צו פאר טיליגין אלע יהודים דאש פאלק פון מרדכי וואש אין דר גאנצע מדינה פון אחשורוש בחודש אין דעם ערשטין חודש דאש איז ניסן אין צוועלפטן יאר צו דער קיניגרייך פון אחשורוש דא האט המן

גיווארפין גורל צוא פאר טיליגין דאש הייליגע פאלק ישראל אזוא איז ארויש גיגאנגן איין בת קול פון דעם הימיל אונ האט גיזאגט איר איין זאמלונג ישראל איר באדארפט קיין פארכט ניט האבין ווען איר וועט נאר חוזר בתשובה זיין אזוא וועט המן זיין אין אייערע הענט אונ המן האט גיבאטין צו שמשי דער שרייבר פון דעם מלך דאש ער זאל גורלווארפין פון טאג צו טאג אבער עש האט זיך ניט גיוואלט שיקין דען אום זונטאג איז הימיל אונ ערד באשאפין גיווארין אזו אויך אום מאנטיג איז גיוועזן איין אפ שיידונג צווישין די אויבערשטע וואשר אונ אונטערשטע וואשר אונ אום דינשטאג איז דר גן עדן בשאפין גיווארין אין מיטוואך איז דיא זון אונ די לבנה אונ די זיבן שטערין אונ צוועלף מזלות בשאפין גיווארין אום דאנערשטיג איז באשאפן גיווארן דר לויתן אונ דר אויער האן אונ דיא זיינען אן גברייט צו דר סעודה לעתיד לבוא אום פרייטג איז ארם אונ חוה באשאפין גיווארן אונ שבת איז איין עדות צווישין הקב"ה אונ ישראל דא האט המן אויף גיהערט פון די טעג אונ האט אן גיהויבין גורל ווארפן אויף די חדשים אזוא זאגט המן אין ניסן קאן ניט זיין פון וועגן דעם זכות פון קרבן פסח אין אייר אויך ניט דען ישראל האבין דעם זכות דאש דער מן איז דערנמאלט גיפאלין אין סיון אויך ניט דען דיא תורה איז דערנמאלט גיגעבין גיווארין אין תמוז אויך ניט דען אין דעם זעלביגין חודש איז דר מויער פון ירושלים צו שפאלטין גיווארן נוא זיינן זיי שוין איין צרה אויש גישטאנן אזו וועט זייא שוין הקדוש ברוך הוא נאך אמאל ניט שטראפן אין אב אויך ניט דען אין דעם זעלביגן חודש האבין דיא מתים אין דער מדבר אויף גיהערט צו שטארבין אונ אויך דערנמאלט האט די שכינה נאך אמאל אן גיפאנגן צו ריידן מיט משה אין אלול אויך ניט דען דעם זעלביגין ח"דש איז משה רבינו ווידר גיגאנגן אויפן בארג סיני אונ האט גינומען דיא אנדערע לוחות אין תשרי אויך ניט דען הקדוש ברוך הוא איז זיי דערנמאלט מוחל זייערע עבירות אין חשון אויך ניט דען דערנמאלט איז דר מבול גיקומן אונ נח מיט זיינע קינדר זיינן ניצול גיווארין אונ אויך אלץ וואש איז גיוועזן ביי אים אין דער תיבה אין כסליו אויך ניט דען דערנמאלט איז גיגרונד

פעסט גיווארין דער בית המקדש אונ אין דעם
זעלביגין חודש זיינען פיל נסים גישעהען אין
טבת אויך ניט דען אין דעם זעלביגין חודש
האבין שוין ישראל אויש גישטאנען איין צרה
דאש נבוכדנצר איז אויף גיגאנגן אויף ירושלים
אונ האט זיא באלעגערט אין שבט אויך ניט
דען דענמאלט איז ראש השנה פון די בוימער
דא ברייגגן ישראל דר פון בכורים אז המן האט
גיגרייכט צום צוועלפטין חודש דאס איז אדר
האט ער גיזאגט היינט וועלן זיי איין גישלונגן
ווערין אין מיין האנט גלייך אזו וויא איין פיש
שלינגט איין דעם אנדרין אבר המן האט ניט
גיוואוסט דאש זיי זיינן די קינדר פון יוסף דאש
ער איז גיבענטשט גיווארין זיינע קינדר וועלין
זיך מערן אזו וויא די פיש פון דעם ים ויאמר
אונ ער האט גיזאגט המן צום מלך עש איז
פאר האנדין איין פאלק יהודים פאר שפרייט
צווישין דיא פעלקער אין אלע מדינות פון
דיין מלוכה זיי זיינן בעלי גאוה זיי גייען נאך
אלע תענוגים אין טבת באדין זייא זיך אין
ווארימע וואשער אין תמוז קילין זיי זייערע
גיטראנקען אונ אלע זייערע ווערק איז פאר
ענדרט פון אלע פעלקר אונ זייערע דינים איז
ניט וויא ביי אנדערע פעלקער אונ אונזער דין
אכטין זיי ניט אונ אונזער ווערק ווילין זיי ניט
טאן אונ אזו אויך די ווערק פון דעם קיניג אונ
ווען זיי זעהען אונז שפייען זייא אויש פאר אונז
אונ האלטין אונז פאר איין אום ווערדיג פאלק
אונ זייערע טעכטער גיבין זייא אונז ניט פאר
ווייבר אונ אונזערע טעכטר נעמן זייא ניט · אונ
ווען מיר ווילין האבין דאש זייא זאלין טאן דיא
ווערק פון דעם קיניג דא זאגין זיי עש איז שבת
עש איז יום טוב אונ ווען מיר ווילין עפעש קויפן
פון זיי דא זאגין זיי עש איז אסור זיי טארן ניט
פר קויפן אונ ווען זיי ווילין פון אונז עפש קויפן
דא זאגין זיי עש איז מותר זיי מעגין וואול קויפן
אונ ווען מיר לויפן זיי צו פאנגן אזוא קערן זייא
זיך אום אונ זעהען אונז אן מיט זייערע אויגין
אונ קריצין מיט די ציין אונ קלאפין מיט די פים
אונ דר שרעקין אונז דאש מיר קענען זיי ניט
קריגן · די ערשטע שעה אויפין טאג זאגין זיי
מיר דארפין לייענען קריאת שמע דיא אנדערע
שעה זאגין זיי מיר מוזין תפלה טאן די דריטע
שעה זאגין זיי מיר מוזין עסין די פערטע שעה
זאגין זיי מיר מוזין לויבין דעם וואש האט אונז
גיגעבין עסין אונ טרינקען דיא פינפטע שעה
גייען זיי ארויש דיא זעקסטע שעה קומען זייא
ווידער די זיבעטע שעה זאגין זייא צו זייערע
ווייבער האט איר עפעש גימאכט צו עסין צוא
די צרות וואש טוט אונז אן דאש בייזע מלכות
אלע זיבין טאג מאכין זיי שבת דא גייען זייא
אין שול אונ לייענן אין זייער תורה · אונ זאגין
אום שבת האט גירועט דר גרוישער גאט · אונ
די ווייבער וואש זיינען נדה גייען צום זיבעטין
טאג אין וואשר אונ פאר אומריינינגן די וואשר ·
אונ ווען זיי האבין איין זון באשניידין זייא אים
צום אכטין טאג אונ זאגין ער זאל זיין פאר
ענדערט מער פון אלע פעלקער · אלע דרייסיג
טאג מאכין זיי ראש חודש זיי זאגין איינער איז
מלא אונ איינער איז חסר אין ניסן מאכין זייא
אכט טאג יום טוב אונ מאכין אלץ ריין אונ
פאר ברענען דעם חמץ אונ זאגין אין דר ציים
זיינען אונזערע עלטערין אויש גילייזט גיווארן
אויש מצרים אונ רופין דעם יום טוב פסח אונ
גייען אין שול אונ לייענען אין זייערע ספר תורה
אין חודש סיון מאכין זיי צו צוויי טאג יום טוב
אונ רופין אים שבועות אונ לייענען קריאת שמע
אונ טוען תפלה אין זייער שול אונ לייענען אין
דר תורה אונ תרגום אונ גייען אויש דער שול
אונ ווארפין פירות אונ קלייבין זיי ווידער אויף
אונ זאגין אזו זאל גאט אונז ווידר איין זאמלען
פון די עובדי כוכבים אונ זאגין אין דעם טאג
האט אונז גאט גיגעבין די תורה אויפין בארג
סיני · ראש חודש תשרי מאכין זיי צוויי טאג
יום טוב זיי רופין אים ראש השנה אונ גייען אין
שול אונ טוען תפלה אונ לייענען אין זייער
תורה אונ תרגום אונ בלאזין שופר אונ זאגין
גאט זאל אונז גידיינקען צו איין גוט יאר ניין
טאג אין תשרי שעכטין זיי פיל עופות אונ עסין
אונ טרינקען מיט זייערע ווייבער אונ קינדער
דעם צעהנטין טאג אין תשרי רופין זיי יום כפור
דעם טאג פאסטין זיי מיט זייערע ווייבער אונ
קינדער אונ פייניגין אויך זייערע קליינע קינדר
אונ דר בארימען זיך ניט איבער זיי אונ זאגין
דעם טאג פאר גיט אונז גאט אונזערע זינד אונ
זאלין קומען אויף אונזערע פיינד אונ לייענען אין
זייער תורה אונ תרגום פופצין טאג אין תשרי
מאכין זיי סוכות אונ גייען ארויש פון זייערע

היזער אונ גייען אין די גערטנער אפ צו ברעכן
די לולבים אונ אתרוגים אונ צוא ברעכין דיא
צווייגין אונ נעמען הושענות אונ הדסים אונ
שפרינגען דר מיט ארום ווען דר קיניג גייט אין
דר זעלביגער צייט אין דר מלחמה אזוא גייען
זיי אין שול אריין אונ טוען תפלה אונ פרייען
זיך אונ לייענען אין זייער תורה אונ גייען ווידר
ארום מיט די הושענות אונ שפרינגען וויא די
ציגין איך ווייש ניט אויב זיי שילטין אונז אויב
זיי בענטשין אונז אונ זיי טוען ניט דיא ווערג
פון דעם קיניג אונ פאר ברייגגען זייער צייט
מיט איטיל שבת אונ יום טוב צו פופציג יאר
רופין זיי יובל צו זיבין יאר רופין זיי שמיטה צו
צוועלף חדשים רופן זיי איין יאר אז זייער מלוכה
איז נאך גאנץ גיוועזין אזו איז אויף גישטאנען
פון זיי איין מלך ער האט גיהיישין דוד ער הט
גיטראכט אויף אונז בייזע גידאנקען אונ האט
אונז גיוואלט פאר טיליגין אונ פאר לירין פון
דר וועלט צוויי האט ער גיטייט אונ דעם דריטן
האט ער גילאזט לעבין אונ האט זיי גינומן צו
זיך פאר קנעכט אונ נאך דעם איז אויף זיי אויף
גישטאנען איין מלך דר וואש איז גיוועזן פאר
דיר דאש איז נבוכדנצר ער האט חרוב גמאכט
דאש בית המקדש אונ האט פאר ווישט זייער
לאנד אונ האט זייא פאר טריבין אין גלות אונ
זיי האלטין זיך נאך בגאוה אונ זאגן מיר קומן
ארויש פון די אבות העולם צום מלך ווען מיר
גיט דינען אונ זיין גיוועלטיקייט ווען מיר
ניט הערין אונ דאש ווייסין מיר דאך אויך דאש
זייערע עלטערין זיינען גיקומען קיין מצרים נאר
מיט זיבעציג נפשות אונ זיינן ארויש גיגאנגען
מיט ששים רבוא אונ איצונד זיינען זיי אין גלות
אונ האבין נאך קיין פאר שטאנד ניט אונ זאגן
מיר זיינען די קינדר פון די חסידים די בעסטע
פון דר וועלט אונ זיי זיינען איין ארימע פאלק
מער אז אלע זייא פאר שפרייטין זיך אין אלע
שטעט אטייל פאר קויפין וואקס אונ אטייל פר
קויפין ליכט אטייל זיינען רבנים אדר הערין אונ
דאש אלץ וואש זיי פאר קויפין טוען זיי גזלנן
אונ דאש פירונג אונ גיבאט פון דעם קיניג
האלטין זיי ניט אונ דעם קיניג טויג ניט דאש
ער זאל זיי לאזין לעבין אם על המלך טוב אויב פר
דעם מלך וואול גיפעלט אזו זאל ער שרייבן זיי
צו פאר לירין אונ פאר אטליכן יהודי ווער איך

געבין הונדרט גילדין אונ אז זיי זיינן גיגאנגען
אויש מצרים זיינען זייא גיוועזן זעקס הונדערט
טויזינט אזו קומט אין דר צאל צעהען טויזינט
צענטער זילבער דאש וועל איך געבן אויש מיין
הויז אין דעם אוצר פון דעם מלך נאר דר קיניג
זאל מיר געבין די פעון איך זאל מעגין שרייבין
וואש איך וועל ווען דא האט גאט גזאגט אז
ישראל זיינען גיגאנגען אויש מצרים האבין זיי
גיגעבין איין מחצית השקל דאש באטרעפט אויך
אן צעהן טויזינט צעהנטער זילבר דרום האשטו
המן קיין רשות ניט זייא צו קויפין אונ דוא
אחשורוש ניט צו פאר קויפין ויסר המלך דר קיניג
האט אפ גיטאן דאש פינגעריל פון זיין האנט
אונ האט עש גיגעבן צו המן דר זון פון המדתא
פון אגג דער באליידיגער פון די יהודים ויאמר
אונ דר קיניג האט גיזאגט צו המן דאש זילבער
שיינק איך דיר אונ מיט דעם פאלק מעגשטו
טאן וויא עש וואול גפעלט אין דיינע אויגן אבר
השם יתברך זאגט דו האסט נאך ניט פר קויפט
וויא מען באדארף צו פאר קויפין מען מוז איין
חזקה טאן ווען מען וויל קויפין אונ פאר קויפין
אונ דו האשט נאך גיזאגט צוא המן אז דוא
האשט אים גיגעבין דאש פינגעריל ער זאל טאן
מיט דעם פאלק וואש ער וויל דרום איז אויף
דיר מקוים דר פסוק אין משלי ויא נזם זהב באף
חזיר אשה יפה וסרת טעם דאש איז טייטש אזו וויא
עש שטייט אן דעם חזיר איין גילדערנע נאז
באנד אזו שטייט דיר אויך אן די מלוכה אונ דו
בישט גלייך צוא איין שיינע אשה וואש איר
אטום שטינקט ויקראו סופרי עש זיינען גירופין
גיווארין די שרייבערש פון דעם קיניג אין דעם
דרייצענטין טאג אין ערשטין חודש דאש איז
ניסן אונ עש איז גישריבין גיווארין אלץ וואש
המן האט גיבאטין צוא דיא הערין פון דעם
קיניג אונ דיא גראפין פון איטליכער מדינה צו
איטליכר מדינה וויא איר כתב אונ צו איטליכן
פאלק וויא זיין לשון אונ עש איז גישריבין
גיווארין מיט דעם נאמן פון דעם קיניג אחשורוש
אונ עש איז גיחתמת גיווארין מיט דעם קיניגש
פינגעריל ונשלוח אונ די בריב זיינען גישיקט
גיווארין דורך די הענט פון די לויפר אין אלע
מדינות פון דעם מלך דאש מען זאל פר טיליגן
אונ מאכין פאר לירין אלע יהודים פון יונג ביז
אלט קליין גיזינד אונ וויבר אין איין טאג אין

דעם

דעם דרייצעהנטן טאג אין צוועלפטן חודש דאס
איז אדר אונ דאש מען זאל רויבן זייער זאק
דרויב פתשגן הכתב אונ עש איז ווארין באשייד
דאש כתב אויפין וואר צו איטליכר מדינה אונ
צו אלע פעלקר דאש זיי זאלין אן גיברייט זיין
צו דעם דאזיגין טאג · איר זאלט ווישין דאש
השי״ באצאלט אלין מדה כנגד מדה ווייל דיא
ברידער האבין פאר קויפט יוסף אין אפרעמד
לאנד דרום זייגען זייערע קינדש קינדער פאר
קויפט גיווארין אין פרעמדע לענדר אבר בנימין
איז ניט גיוועזן ביי דער מכירה פון יוסף דרום
זיינען די ישראל אויש גילייזט גיווארין דורך
זיינע קינדער דאש איז מרדכי אונ אסתר הרצים
די לויפער זיינען אויש גיגאנגן איילינדיג אונ פר
שטויסין דורך די רייד פון דעם קיניג אונ דיא
בריב איז אויפין וואר גיגעבן גיווארין אין דעם
שלאס פון שושן אונ דער קיניג אונ המן האבן
זיך גיזעצט טרינקען אונ דיא שטאט שושן איז
גיוועזן פאר אירט :

ומרדכי ידע מרדכי דער צדיק האט אלץ גיזעהן
ברוח הקודש וואש דא וועט גישעהן
השי״ האט גישיקט דורך זיינע קנעכט צדיקים
אונ נביאים חגי זכריה ומלאכי וואס זיינן גיזעסן
אין לשכת הגזית דאש זיי זאלין דארטן נביאות
זאגין אויף דעם גרוישין מויער פון ירושלים אונ
זייער נביאות איז דאש עש וועלין גיבויט ווערן
צווייא אונ זיבעציג טורעמס אין ירושלים דאש
מיינט מען זיבעצג סנהדרין אונ דר אויבערשטער
פון סנהדרין אונ דר נשיא דאש איז מיט אנאנדר
צוויי אונ זיבעציג דאש איז דאש נביאות דאש
די דריי נביאים האבין גזאגט אויף דעם אנדערן
בית המקדש אין עזרא צייטן נאך דר צייט האט
אחשורוש הרשע גשיקט ברייגגן פר זיך הונדרט
אונ זיבין אונ צוואנציג סופרים פון די הונדערט
אונ זיבין אונ צוואנציג מדינות איטליכער מיט
זיין בוך אין דער האנט אונ זייא האבין אויף
גישריבין גזירות קשות אויף די יהודים אונ אויף
זייערע דינים דעם ערשטין בריב האבין זייא
גישריבן אין דעם נאמן פון דעם מלך אונ האבן
פאר חתמת מיט דעם חותם פון דעם מלך אונ
עש איז גישיקט גיווארן דורך די לויפערש אונ
דאש איז גישטאנן אין דער בריב מען זאל אויס
רופין פון מיר מלך אחשורוש אין אלע לענדער
צו איטליכן אין זיין לשון פריד צו אייך איך בין

אייך מודיע דאס איין מענטש איז צו אונז גיקומן
ער איז ניט פון אונזר שטאט אונ אויך ניט פון
אונזר לאנד ער וויל אונז מערין אונ שטארקן
אויף אונזרע פיינט דער דאזיגר מענטש הייסט
המן דער זון פון מלך אגג אונ דר זון פון עמלק
דער זון פון רעואל דער זון פון אליפז דר בכור
פון עשו ער איז פון גרויש יחוס ער איז אגרויסר
הער איין גוטער אונ רייך אין געלט דר זעלביגר
האט פון מיר באגערט איין קליינע זאך פון
וועגין די יהודים ער האט גיוויזין דאש זיי זיינן
ניט רעכט פארטיג אין אלע זייערע זאכין אונ
ער האט פאר מיר גיזאגט דאש ער וועט געבין
פר איטליכן מענטשין הונדערט גילדין אזו האב
איך דאש פאלק פאר קויפט צו טויטין זיי אונ
האב גינומן ביי אים דאש געלט אונ איך קיניג
אחשורוש האב מיך דרינן גיפרייט אונ אין מיין
דעה טוט עש מיר וואול גיפעלין אונ איר זאלט
אויך עסין אונ טרינקן אונ זאלט זיך פרייען גלייך
אז וויא איך עש אונ טרינק אונ פרייא מיך ווער
פון אייך קען שיסין מיט דעם בויגין זאל ער
שיסין אונ דער וואש קען מיט דער שווערד דר
זאל באגרייפין די שווערד · אין דעם דרייצעטן
אונ פערצעטין טאג אין חודש אדר זאלט איר
גיוועלטיגן אויף זייא אונ זאלט זיך ניט דער
בארעמן איבער זייערע מלכים אונ שרים אונ
אויך ניט אויף זייערע ווייבער אונ קינדר נאר
איר זאלט זיי אלע טייטין אונ זאלט צו נעמען
זייערע גיטער פון מיר קיניג אחשורוש צו אלע
פעלקר פון אלע מדינות צו אלע לייט פון דיא
שטעט וואו עש וועט ביי איינעם איבר בלייבן
איין קנעכט אדער איין דינשט מויד פון דיא
יהודים זאל מען דער הער שעכטין אויף דעם
טויער פון דר שטאט ווייל זיי האבן ניט גוואלט
האלטין מיינע גיבאט דען איך וויל האבין דאס
עש זאל ניט בלייבין קיין שום יהודי אין מיין
גאנצער מלוכה : ומרדכי ידע נאך די דאזיגע רייד
האט מרדכי צו ריסין זיינע קליידר אונ האט זיך
אן גיטאן איין זאק אונ האט גיטאן אש אויף זיין
קאפ אונ איז גילאפן אין דער שטאט אונ האט
גישריען איין ביטער גישריי אונ האט אזו גזאגט
ליבער הער גאט דער בארעם דיך איבער דיין
פאלק ישראל דען דר קיניג אונ המן האבין די
גזירה ניט גימאכט אויף העלפט פון אונזערע
אדער איין פערטל נייערט זיי ווילין דעם גאנצן

נארטין

גארטין אויש רייסין אונ אז די יהודים האבין דאש דער הערט אונ דער זעהען האבין זיי זיך נאר זייער דער שראקין אונ האבין ניט גוואוסט וואש דער מער איז מיט זייא אונ זיינען אלע גילאפין צו מרדכי צו הערין וואש דא איז גישעהען אונ עש האבין זיך איין גזאמילט פיל יהודים בייא אנאנדר דא איז אויף גישטאנען מרדכי אויף זיינע פיס אונ זאגט איר ליבע ברידר אונ פאלק ישראל די ליבע אונ די ווערדיגע פון אונזר הער גאט אונזר פאטער אין הימיל ווייסט איר ניט אדער האט איר ניט גיהערט וואש אחשורוש אונ המן האבין אויף אונז גיבאטין אונ פאר חתמות צו פר לירין אונז פון אונטר דעם הימיל אויש דר גאנצר וועלט • אונ מיר האבן ניט קיין שום מלך אין אונזר לאנד דאש מיר זאלין זיך אויף אים פאר לאזין ער זאל אונז העלפין אונ אויך האבן מיר ניט קיין נביא דאס ער זאל פאר אונז בעטין אונ זאל אונז ווייזין וואש מיר זאלין טאן אונ אויך האבין מיר ניט קיין שום שטאט דאש מיר זאלין אהין אנטלויפן נאט אלמאכטיגער זאל זיך דער בארימן איבר אונז אונ זאל אונז העלפין דען מיר זיינן אזו וויא די שאף וואש האבין ניט קיין פאסטוך אונ וויא איין שיף אן איין רודער אונ וויא יתומים וואס האבין ניט קיין פאטער אונ וויא די זייגעדיגע קינדר וואש האבין ניט קיין מוטר אונ איטליכר מענטש האט אן גיהויבין צו וויינען אונ צוא שרייען אונ האבין גינומן דעם ארון קודש אונ האבין אים גיטראגין אין דער גאס פון יהודים אונ האבין די ספר תורה אן גיטאן איין זאק מיט אש אונ האבין גילייענט אין דער פרשה פון בצר לך ומצאוך וויא עם שטייט אין פרשת ואתחנן דאש איז טייטש עש וועט צו דיר לייד זיין זיי האבין די פרשה אויש גלייענט ביז צום סוף דר נאך איז מרדכי ווידער אויף גישטאנן אונ האט דער וועקט די לייט זיי זאלין תשובה טאן • ער האט גזאגט ליב פאלק ישראל לאזט אייך לערנן וויא אונזרע עלטערן האבין גיטאן ווען עש איז זיי צו גיקומן איין אום גליק האבין זיי אלע מיט אנאנדער תשובה גיטאן אונ השי"ת האט זיך דער בארימט איבער זיי אונ אזו אויך האבין די לייט פון נינוה גיטאן אז יונה הנביא האט אויף זיי נביאות גיזאגט דאש די שטאט וועט אונטער גיין פון זייערע זינד וועגין אזו איז אויף

גישטאנען דער קיניג פון זיין שטול אונ האט אפ גיטאן זיין קרוין אונ זיינע גוטע קליידר אונ האט אן גיטאן איין זאק מיט אש אויף זיין קאפ אונ האט גילאזט אויש שרייען אין נינוה פון וועגין דעם קיניג אונ זיינע הערין דאש קיין שום מענטש מאנען אונ ווייבר אונ קינדר זאלן ניט עסין אונ אויך די פיך דריי טאג אונ דריי נעכט אונ זיי האבין אלע אזו גיטאן מיטן גאנצין הארצין אונ די קינדר האבן גיזעהן דר מוטרס בריסט אונ מען האט זיי ניט גילאזט זייגין אונ די פיך האבין גיזעהן זייערע קינדר אן גיבונדין דאש זיי האבין ניט גיקענט קומען צו דר מוטר צו זייגין אונ די גרוישע פיך האבין אויך ניט גיגעסין אונ עס איז גיוועזן אזו איין יאמערליך גישריי דאש עש איז גיגאנגן אונטר די וואלקין אונ עס איז קיין מאל אזו איין גישריי ניט גהערט גיווארין אונ איטליכער מענטש האט תשובה גיטאן מיט דעם גאנצין הארצין אונ האבן ווידר אפ גיגעבן די גזילות וואס זיי האבן אלע זייערע טאג גירויבט אונ איינר האט פאר געבין דעם אנדערין וואש ער האט אים דער ווידר גיטאן אונ דר וואש האט ארויין גישטעלט זיין חברש באלקין אין זיין הויז אזו האט ער צו בראכין דאש גאנצע הויז אונ האט דעם חבר אפ גגעבין דעם באלקין כדי ער זאל פון אים קיין הנאה ניט האבן אונ כדי די תשובה זאל זיין מיט דעם גאנצין הארצין ביז גאט האט זיך דר בארימט איבער זיי דאש עש איז זיי גאר ניט גישעהען וויא עש שטייט אין יונה דרום איר ליבע לייט טוט אויך פאסטין אונ שרייען וואלטין מיר אין ירושלים תשובה גיטאן וויא אונזערע נביאים האבין אונז גיזאגט וואלט אונז ניט אזו אויש גיגאנגן אונ מיר וואלטין איצונד ניט גיוועזן אין דעם גרוישין אום גליק אונ זעהט וויא ביז זיינן די ישראל גיוועזן אין דעם זעלביגן מאל אז זיי האבין אן גירייצט צו נבוכדנצר ער זאל אויף זיי אויף גיין קיין ירושלים דען ער וועט בוודאי דאש לאנד גיווינען וויל זיי זיינן ביז אונ ער וועט בוודאי אלץ איין נעמען אונ זייא האבין אים אליין ארויין גיבעטין פון בבל אונ אויך אלע די נביאים האבין אים דאש גיזאגט דאש ער וועט זיי איין נעמען וויא ער גילושט פון דעסט וועגין האט ער זיך דרינען ניט גיוואלט קערין דען ער האט מורא גיהאט דיא יהודים וועלין

תשובה טאן וועט אים גישעהן אזו וויא עס איז
גישעהן צו סנחריב דאש איין מלאך איז גיקומן
אונ האט גיטייט גאר זיין פאלק אין איין נאכט
הונדערט אונ פינף אכציג. טויזנט מאן פון זיין
חיל נאר ער זעלבערט מיט צעהן קנעכט זיינן
איבער גיבליבן אונ דער מלאך האט זיי גערן
איבער גילאזט דאש זיי זאלין וויסין פון דעם נס
עפעס צו זאגן דרום האט נבוכדנצר ניט גיוואלט
ציהען ביז איין קול האט גישריען פון דעם הימל
אין זיין פאלעץ אונ זאגט דוא בייזער קנעכט
נבוכדנצר גייא אויף אונ צו ברעך דיין הערינס
הויז ווארום זיינע קינדער טוען ניט וואש ער
האט זייא גיהייסין אונ פון דעסט וועגין האט
נבוכדנצר פארט ניט גיוואלט גלויבין דען ער
האט זיך גיפארכטן ישראל וועלין אלע צייט
תשובה טאן אונ וויל מרדכי האט דער ציילט
די מעשה האט ער גיוויינט אונ זיינע טרערין
זייגען גיפאלין אויף די באקין אונ דר נאך האט
ער אן גיהויבין צו שרייען וויא אייך ישראל
פון דער גרוישר גזירה אונ איז ווידער גילאפין
מיט דעם ביטערן גישריי דורך דר שטאט ויבא
עד ער איז גיקומן ביז פאר דעם טויער פון דעם
קיניג דען דער מלך האט גוזר גיוועזן מען זאל
ניט אריין גיין אין טויער אן גיקלייד אין איין
זאק עש איז גיקומען איין יהודי צו איין עמלק
אונ האט אים גיבעטין דאש ער זאל אים קויפין
מיט זיין ווייב אונ קינדר כדי ער זאל לעבן בלייבן
אזו האט גזאגט דר עמלק ווייסטו דען ניט דעם
דין פון דעם קיניג ווער עס וועט קויפן איין יהודי
זאל מען אים הרגענען דענמאלט איז מקוים
גיווארין דר פסוק פון דר תורה איר וועט אייך
וועלין פאר קויפין צו קנעכט אונ דינשטין אונ
קיינער וועט אייך ניט וועלין קויפין אונ אלע
טאג האבן די יהודים גיזעהן וויא פיל זיי האבן
נאך צו לעבן דא איז מקוים גיווארין וואס אין
דר תורה שטייט והיו חייך תלואים דיין לעבן וועט
זיין גיהאנגן ובכל מדינה אונ אין איטליכר מדינה
אונ אין איטלעכר לאנד שאפט אויף די ערטר
וואש האט גיגרייכט די רייד פון דעם מלך אונ
זיין דת איז אגרויש טרויערקייט צו די יהודים
מיט פאסטן אונ וויינן אונ קלאגין פיל לייט זיינן
גילעגין אין זעק אונ אש ותבואנה אונ דיא יונג
פרויען פון אסתר אונ אירע קאמר דינערש זיינן
גיקומען אונ האבין עש אים דר ציילט אונ דיא

מלכה האט זיך זייער דער שראקין אונ האט
גישיקט קליידר דאס מרדכי זאל זיך אן קליידן
אונ זאל אפ טאן זיין זאק פון זיך אבר ער האט
זיי ניט גיוואלט נעמען ותקרא אסתר אונ אסתר
האט גירופין צוא התך איינר פון דעם קיניגש
קאמר דינר אונ האט אים גיבאטין ער זאל גיין
צו מרדכי דאש זיא זאל ווישן וואס דאס בטייט
אונ איבער וואש איז דאש ויצא התך איז התך
ארויש גיגאנגן צו מרדכי אויף דעם ארט וואש
איז פר דעם טויער פון קיניג ויגד לו אונ מרדכי
האט אים גיזאגט אלץ וואש עש האט אים
גיטראפין אונ דאש אויש לייגונג פון דעם זילבר
וואש המן האט גיזאגט ער וועט וועגן אין דיא
אוצרות פון דעם מלך פר די יהודים דאש מען
זאל זיי מאכין פר לירן ואת פתשגן אונ האט אים
גיגעבן דאש באשיידונג פון דעם כתב וואס איז
גיגעבין גיווארין אין שושן הבירה דאש מען
זאל זיי פר טיליגין ער זאל עש ווייזין צו אסתר
דיא באשיידונג פון דעם כתב אונ ער זאל איר
דאש אלץ דר ציילין אונ האט באפוילין צו איר
דאש זיא זאל גיין צום קיניג אים פריינטליך צו
בעטין פון וועגין איר פאלק ויבא התך אונ התך
איז גיקומן צו אסתר אונ האט איר דער ציילט
דיא רייד פון מרדכי ותאמר אסתר האט אסתר
גזאגט צו התך אונ האט אים באפוילן ער זאל
זאגין צוא מרדכי כל עבדי אלע קנעכט פון דעם
קיניג אונ גאר דאש פאלק פון זיין מדינה ווייסן
דאך וואול אז דר מענטש וואש קומט צום קיניג
אין פאר הויף אונ ער איז ניט ווארין גירופין
אזו איז זיין דין ער זאל גיטייט ווערן סידן דר
מלך דר לאנגט דעם מענטשין זיין גילדערנע
רוט אזו בלייבט ער לעבן אונ איך בין נון שוין
דרייסיג טאג ניט גירופין גיווארין צום קיניג
ויגידו אונ די רייד פון אסתר זיינן גזאגט גיווארן
צו מרדכי דורך בריב כי אם החרש אונ ער האט
איר גיענטפערט ווען דוא וועשט שווייגין אונ
וועשט פאר געסין אין דער נויט אזו וועט השם
יתברך דאך העלפין דיא יהודים דורך אנאנדער
זייט דען ער העלפט זיי אלע מאל ווען זיי זיינן
אין איין צרה אונ דו אונ דיין פאטרש הויז גיזינט
וועלין פר לארין ווערין דען וויל דיין עלטער
פאטער שאול האט גיזינדיגט אונ האט גילאזט
לעבין אגג אונ דרום האט דיך גאט ווידר
גישיקט דאש דו זאלשט איין מלכה ווערן אז
זאלסט

זאלשט עש ווידער פאריכטין ותאמר אונ אסתר האט גישריבן ווידר צו קערן איין ענטפער צוא מרדכי לך כנוס גיי אונ זאמל איין אלע די יהודים פון שושן אונ איר זאלט ניט עסן אונ טרינקען דריי טאג אונ דרייא נעכט אונ איך מיט מיינע יונג פרויען וועלין אויך אזו טאן אונ דער נאך וועל איך גיין פאר דעם מלך אום גירופין אונ ווען אפילו איך וועל חס ושלום פר לארן ווערן פון דר וועלט פון אייערט וועגין וועל איך האבן עולם הבא אונ ביז אהער בין איך גיגאנגן צו דעם מלך איבר נויט אבר איצונדרט וועל איך גיין מיט מיין גוטין ווילין גיביט איך דאש חתן כלה זאלין גיין באנאנדר פון דר חופה אין זעק מיט אש אונ מענטשן אונ בהמות זאלין קיינר ניט עסין אונ מען זאל אויך אפ שיידן די קליינע קינדר פון דר ברוסט • אין דר זעלביגער צייט האבן זיך איין גיזאמילט אלע דיא יהודים אונ צווישין זיי איז גיוועזן טויזנט כהנים אונ זייא האבין גיטראגין שופרות אין זייערע רעכטע הענט אונ ספרי תורות אין די לינקע הענט אונ זייא האבין גיוויינט אונ גישריען צוא הקב"ה אונ האבין גיזאגט דו גאט פון ישראל ווען דיין גיליבט פאלק ישראל וועלן פר לארין ווערן פון דער וועלט ווער וועט לייענען אין דער תורה וואש דוא האסט אונז גיגעבין אונ ווער וועט גידיינקן דיין נאמן אונ זיי האבן גיבלאזן שופר אונ גאר דאש פאלק האבן אלע אזו גישריען ביז די מלאכים אין הימיל האבן אן גיהויבן צו וויינן אונ די אבות זיינען פר וואגילט גיווארין אויש זייערע קברים ויעבור מרדכי אונ מרדכי איז אהין גיגאנגן אונ האט גיטאן אלץ וואש אסתר האט אים גיבאטין :

ויהי ביום השלישי אונ עש איז גיוועזן צום דריטין טאג פון זייער פאסטין דא איז אסתר אויף גישטאנן פון דר ערד אונ פון דעם אש אונ איז אלץ גיגאנגן איין גיבויגין נאך דעם האט זיא זיך גיצירט מיט צירונג גלייך וויא איין מלכה שטייט אן מיט קליידער פון פיין גאלד פון אופיר אונ מיט זיידענע קליידר אונ מיט פעריל אונ דימענטין וואש מען האט גיבראכט פון אפריקא אונ זיא האט גיטאן די קרוין אויף איר קאפ אונ האט אן גיטאן גישמירטע שיך אונ נאך דעם האט זיא תפלה גיטאן אונ האט אזו גיזאגט דו גרוישער גאט פון אברהם יצחק אונ יעקב אונ דר גאט פון בנימין מיין פאטר חאטשע איך בין ניט זוכה פר דיר גיי איך דאך פון וועגין דיין פאלק ישראל דאש זיי זאלן ניט פאר לארין ווערן אונ ווען ישראל וועלין חס ושלום פר לארין ווערן ווער דען וועט פר דיר זאגין דריי מאל אין טאג קדוש קדוש קדוש אונ אזוא וויא דוא האשט גיהאלפין חנניה מישאל ועזריה אויש דעם קאלך אויבן אונ דניאל אויס דר לייבין גרוב אזו זאלשטו אונז אויך העלפין אויש דעם מלך אונ זאלשט מיר געבן חן אונ חסד אין זיינע אויגין דיא ווערטער האט זיא גיזאגט מיט טרערן אונ דר באַרימקייט אונ זיא האט גיזאגט די תפלה איך בעט דיך מיין גאט דר הער מיין תפלה אין דר צייט איז אנדערש נגזר גיווארין אויף אונז דאש מיר זאלין פאר לארין ווערין פון דר וועלט פון אונזערע עבירות וועגן אונ דרום האשטו אונז איבר גיענטפערט אין דיא הענט פון המן הרשע דר זון פון עמלק אונ אין אונז איז מקוים גיווארן דער פסוק איר וועט אייך וועלין פר קויפין צו קנעכט אונ צו דינסטין אונ קיינער וועט אייך ניט וועלן קויפן אונ דר דין איז אויש גיגאנגן אויף אונז צו טייטן אונ צו פר טיליגין אונז דיא קינדר פון אברהם קליידין אן זעק אונ טוען אש אויף זייערע קעפ ווען דיא עלטערין האבין גיזינדיגט וואס האבין דיא קליינע קינדר גיטאן אונ ווען דיא קליינע קינדער האבן אויך גיזינדיגט וואש האבין דען גיטאן די זייגינדיגע קינדר איר אבות וואס איר זייט באגראבין אין ירושלים שטייט אויף צוא אונז אויש אייערע קברים אונ בעט פאר אייערע קינדר וואש זיינן איבר געגטפערט צו שעכטן זיי אונ זיי וועלן פר גיין אז די וואלקן ווי גרינג זיינן דיא פרייד פון המן הרשע אויך אלע אונזרע פיינט מיר זיינען אין זייערע הענט צוא שעכטין • דוא גאט גידיינק אונז דעם זכות פון דיין ליב האבר אברהם דאש דוא האשט אים גיפרובט מיט אלע פרובונג אונ ער איז אלע צייט ווארהאפטיג גיוועזן פר דיר דרום זאלשטו אונטער לעהענן זיינע ליבע קינדר אונ זאלשט נעמן פאר דיר די חרפה פון המן דען ער וויל פר טיליגין דיין פאלק ישראל וויא די שאף אונ דו זאלשט העלפין ישראל אין דר דאזיגר צרות אויף אלע ערטר וואו זיי זיינן גידיינק אונז דאך דעם זכות פון יצחק דאש ער האט זיך גילאזט

ביטן צו שעכטן פון דיינט וועגן דורך דעם זכות זאלשטו אונז אויש לייזן המן האט אונז גיקויפט פר צעהן טויזנט צעהענטער זילבער רבונו של עולם דער הער אונזר קול אונ ענטפר אונז אונ ציא אונז אויש פון דר צרה צו פרייד צוא ברעך דיא גזירה צו ברעך המן דאם ער זאל קיין באשטאנד ניט האבן אונ איין מפלה זאל אויף אים קומען · אונ אסתר האט אויף גיהויבן איר שטים אונ האט גישריען איין ביטערע גישרייא אונ האט גיקלאגט איין ביטערליכע קלאג מיט גיוויין אונ מיט טרערין אונ אזו האט זיא גזאגט איר תפלה מיט תחנונים איר האלז איז פר הארט גיווארן פון דעם גיוויין איר מויל אונ אויגין זיינן פאר שלאסין גיווארין פון די טרערין זיא האט זיך גיטראכט אין איר הארצין איך וועל גיין צום מלך אונ ער וועט מיינע רייד ניט אן נעמן דרום וועל איך נעמען השם יתברך צו הילף אונ וועל גיין צום מלך בעטן פר זיין ארב טייל ישראל דער מלאך פון דר בארימקייט זאל פר מיר אריין ברייגגן חן וחסד דער זכות פון אברהם זאל פאר מיר גיין דיא עקידה פון יצחק זאל מיך אויף ריכטין אונ זאל מיר ביי שטיין דר חסד פון יעקב זאל גיגעבין ווערין אין מיין מויל אונ דר חן פון יוסף הצדיק זאל זיין אויף מיין צונג וואול צוא דעם מענטשן וואש פר זיכערט זיך אין גאט איטליכר וואש פר זיכערט זיך אין אים דער ווערט ניט פאר שעמט · רבונו של עולם דוא זאלשט אויף מיר אויש שטרעקן צו הילף דיין רעכטע האנט וואש דו האשט מיט איר בשאפין די וועלט אונ איר קינדר ישראל טוט תפלה פר מיר דען אויף אייער זכות טוא איך מיך אונטר לעהען אונ איך טוא תפלה פר אייך · דען איך טוא האפין דאש אונזר תפלה וועט אן גינומן ווערן · דען השם יתברך דר הערט אלע מאל די תפלה ווען ישראל זיינען אין אצרה לאמיר זעהן אונ לאמיר טאן גלייך אלץ די ווערק פון אונזערע עלטערין אזו וועט גאט אונז העלפין רבונו של עולם גדיינק אונז וויא אברהם אבינו האט באגריפין יצחק מיט זיין לינקע האנט אין זיין האלז אונ מיט דר רעכטער האנט האט ער גינומן דעם שעכט מעסר אים צו שעכטען אונ דאש האט ער דיר צוא ליב גיטאן אונ האט ניט אויף גיהאלטין דיינע רייד אונ האט גיטאן דיין שליחות · אזו

גיהערסטו זיך אויך דר בארימן איבר אונז איר היטיל עפינט אייערע פענצטר אונ לאזן די דער בארמיגע מלאכים אויך תפלה טאן אונ איר מלאכים שרייט מיט איין ביטערע גישריי אונ זאגט אזו ויי צו דר וועלט דאש זיא זאל פאר לארין ווערין איך האב צוא דיר גאט גירופין ענטפר מיר דען דו ענטפערשט דאך איטליכן וואש איז אין אצרה אונ איצונדרט זעסטו דאך אונזער גרוישע צרה אונ דוא היישט דאך רחום וחנון דוא האלשט אויף דעם רשע וואש טוט שלעכץ צו ישראל כדי צו מערן גוטץ צו ישראל דרום זאלסטו אונז מוחל זיין אונזרע עונות דוא הייסט עושה חסד לאלפים דאש דוא טושט גינאד צו טויזנט דורות דוא בישט אויך גיוועז איין רחום צוא אונזרע עלטערין אונ אזוא איז דיא שבועה וואש דו האשט באשטעטיגט מיט זיי · דו האשט גיהערט די צרה פון יונה הנביא אז ער איז גיוועז אין פיש אזו זאלשטו אויך הערין אונזר צרה וואש מיר זיינן דרינן · מיר זיינן אזו וויא איין אשה וואש זיצט אויף דעם בראך שטול דרום זאלשטו אונז ארויש העלפין פון אונזר צרה דריי תעניתים האב איך גיפאסט נוא וואש זאל איך נאך טאן האר פון דר וועלט איך וואלט וואול גפאסט פיר אדר פינף תעניתים נאר מיין כוונה איז מיט די דרייא תעניתים דאש דוא זאלשט גידיינקען דעם זכות פון אברהם דאש ער איז גיגאנגען דריי טעג מיט יצחק אויף צו ברייגגן אים אויף דער עקידה אונ דוא האשט אים מבטיח גיוועז ווען זיינע קינדער וועלין זיין אין איין צרה אזו וועשטו גידיינקן דעם זכות פון דער עקידה · אונ אויך דיא דרייא טעג זיינען קעגין כהנים לוים ישראלים וואש האבין מקבל גיוועז די תורה · אונ האבין גיזאגט נעשה ונשמע אויף דעם בארג סיני דרום זאלשטו זיי אויש לייזין אויש דר צרה אונ זיא האט גיזאגט יי׳ אלהי הצבאות דוא פרובשט די הערצר אונ דיא נירין · גידיינק אונז דעם זכות פון אברהם יצחק ויעקב אונ זאלשט ניט ווידער קערין פון מיינע רייד אונ מיין גיבעט זאלשטו ניט אויף האלטן ויהי כראות עש איז גיוועזן אז דר קיניג האט דר זעהן אסתר שטייט אין פאר הויף אזו האט זיא נושא חן גיוועזן אין זיינע אויגין אונ דער תלין איז גישטאנען מיט איין בלויזער שווערד אונ האט גיוואלט אסתר ממית זיין וויא דער מלך האט

דאש

דאש דר זעהען אזו האט ער איר גיגרייכט די גילדערנע רוט וואש אין זיין האנט אונ אסתר האט גינעהענט אונ האט אן גירירט אין שפיץ פון דר רוט ויאמר לה אונ דר קיניג האט צו איר גיזאגט וואש איז דיר קיניגין אסתר וואש איז דיין באגער עש וועט דיר ווערין גיגעבן אפילו ביז האלב פון מיין מלוכה ותאמר אסתר אונ אז אסתר האט דר הערט די דאזיגע רייד פון דעם מלך דאש ער זאגט איך וועל דיר געבין ביז האלב מלוכה אזו איז זיא פאר גרויש שמחה דר שראקין גיווארין אונ האט גיענטפערט אויב עש וואול גיפעלט דעם קיניג זאל קומען דר קיניג אונ המן אויף דער סעודה וואש איך האב אן גיברייט ויאמר המלך אונ דער מלך האט גיזאגט מען זאל גיך ברייענגען צו המן ער זאל טאן די רייד פון אסתר אונ דער קיניג אונ המן זיינען גיקומען אויף דר סעודה פון אסתר ויאמר המלך אונ דר מלך האט גיזאגט צו אסתר בייא דער סעודה פון דעם וויין וואש איז דיין באגער עש וועט דיר גיגעבין ווערין • אונ וואש איז דיין בקשה וועט עש גיטאן ווערין אפילו ביז האלב מלוכה אונ זיא האט אים גיענטפערט מיין באגער איז אם מצאתי אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגין זאלשטו נאך אמאל קומען אויף אנאנדר סעודה • אונ פון דרייא טעמים וועגין האט אסתר גיבעטין המן צו דר סעודה דאש ערשטע אסתר האט גיזעהען דאש המן האט ממית גיוועזן איר שליח התך דרום האט זיא אים גיוויזן דאש זיא האט אויף אים קיין שנאה ניט • דאש אנדערע דר מלך אונ די שרים זאלין מקנא זיין אין אים ווייל זיא האט קיינעם ניט גיבעטין צו דער סעודה נאר אים • דאש דריטע כדי די ישראל זאלין תשובה טאן אונ זאלין זיך אויף איר ניט פאר לאזין דען זייא וועלין זיך טראכטין זיא האט דרום גיבעטין המן אויף דר סעודה כדי ער זאל זיא ניט אום ברייגגן דען זיא איז אויך איין יהודית ויצא המן אונ המן איז ארויש גיגאנגען אין דעם זעלביגין טאג פרייליך אונ וואול גימיט אבער אז ער האט דר זעהען מרדכי זיצט אין טויער פון דעם קיניג אונ ער שטייט ניט אויף פאר אים אונ בוקט זיך ניט פאר אים דא איז ער פול גיווארין מיט גרוים צארין איבר מרדכי ויתאפק אונ המן איז גיקומען צו זיין הויז איילינדיג אונ האט גישיקט רופין זיינע פריינט אונ אויך

זרש זיין הויז פרויא ויספר להם אונ האט זיי דער ציילט זיין רייכקייט אונ אכפערקייט וואש דער קיניג האט אים גיאכפערט אונ וואש ער האט אים דר הויבין איבער אלע הערין אונ קנעכט פון דעם קיניג ויאמר המן אונ המן האט צו זייא גיזאגט די קיניגין אסתר האט אויך קיינעם ניט גיבעטין אויף דער סעודה מיט דעם קיניג נאר מיך אונ קעגין מארגן בין איך אויך גירופן אויף דר סעודה מיט דעם קיניג וכל זה אונ דאש אלץ בייא קומט מיר ניט בשעת איך דר זעה מרדכי דעם יהודי זיצין אין טויער פון דעם קיניג אונ דרום גייט מיר ניט קיין פרייד אין מיין הארצן ותאמר לו זרש אונ זרש זיין ווייב האט צוא אים גיזאגט אונ אויך אלע ליב האבערש אין פייער קענשטו אים ניט פאר ברענען דען זיין פאטר אברהם אונ אויך חנניה מישאל ועזריה זיינען ניצול גיווארין פון דעם קאלך אויבין אונ דיא וואש האבין זייא ארין גיווארפין זיינען פאר ברענט גיווארן • מיט דר שווערד קאנסטו אים אויך ניט טייטין דען זיין פאטר יצחק איז ניצול גיווארין דר פון • מיט וואשר קאנסטו אים אויך ניט טאן דען משה מיט די ישראל זיינען דער מיט גיהאלפין גיווארין • פאר די לייבין קענסטו אים אויך ניט ווארפין דען דניאל הנביא איז ניצול גיווארין דר פון • פאר שטיינען קענסטו אים אויך ניט דען דוד המלך האט ממית גיוועזן גלית הפלשתי מיט איין שטיין דרום איז קיין אנדערע עצה ניט מרדכי צו בייא קומען נאר זאלשט מאכין איין תליה פון פופציג איילין דען זיינע עלטערין זיינען נאך דר מיט ניט גפרובט גיווארן אונ מארגין פריא זאלשטו גיין צום מלך אונ זאלשט אים זאגין ער זאל דיר הייסן מרדכי דרויף הייגגן דר נאך וועסטו גיין אויף דר סעודה אונ פון דר סעודה מיט שמחה אונ די עצה איז פאר המן וואול גיפעלין אונ ער האט גימאכט די תליה אבער פאר זיך זעלבסט:

בלילה ההוא אין דר זעלביגר נאכט איז ארויש גיגאנגען דאש גישריי פון די קינדער ישראל פאר השם יתברך אז וויא דאש גישריי פון די ציקעליך אונ די מלאכים פון דעם הימל זיינען פאר וואגילט גיווארין אונ זיינן גישטאנן אין דר שרעקעניש אונ איינער האט גיזאגט צום אנדערין עש איז בוודאי גיקומען די צייט דאש די וועלט זאל חרוב ווערין אזו האבן זיך

אלע איין גיזאמילט אונ זי נען גינאנגען פאר השם יתברך אונ השם יתברך האט זיי גפרעגט וואש פאר איין קול פון ציקעליך איז דאש וואש איך הער דא האט אים גיענטפערט דער מדת הרחמים דאש איז ניט קיין קול פון ציקעליך נאר עש איז איין גישריי פון די קינדר ישראל דאש זיי זיינען אלע פאר קויפט גיווארין גיטייט צו ווערין דורך המן הרשע אזו באלד איז השם יתברך דר פילט גיווארין מיט דר בארימקייט אונ האט גיזאגט גוטש אויף זיין פאלק ישראל אונ האט גיהייסן אויף ברעכין דעם חותם וואש איז פאר חתמת גיווארין אויף ישראל צו בייזין אונ האט באפוילין אויף די מלאכים וואש זיינען ממונים אויף פאר טומלונג דאש זיי זאלן פאר טומלען צו אחשורוש אונ זאלין אים פר וואגלען פון זיין שלאף אונ דר מלך איז אויף גישטאנען גאנץ טרויעריג אונ ער האט גיזאגט צו שמשי דעם סופר ער זאל ברייגגען דעם ספר זכרונות אונ זאל זעהען וואש עש איז גישעהן צו אלע מלכים פון פרס ומדי אונ וואש פון אייביג אן איז גישעהען אז שמשי האט דער זעהען דעם בלאט וואש דרויף איז גישטאנען וואש מרדכי האט גיטאן צום מלך מיט בגתן ותרש אזו האט ער אום גיקערט די בלעטער אונ האט זיי ניט גיוואלט לייענען · אזו האט גימאכט דער ווילין פון השם יתברך דאש דיא בלעטער האבין זיך אליין גיעפינט אונ זיינען זעלבשט גילייענט גיווארין פאר דעם מלך · וימצא כתוב אונ מען האט גיפונען גישריבין וואש מרדכי האט פאר קלאגט פאר דעם מלך אויף די צווייא קאמער דינער בגתן ותרש דאש זייא האבין גיוואלט שטרעקן די הענט אין דעם קיניג אחשורוש ויאמר המלך אונ דר מלך האט גיזאגט וואש פאר איין כבוד אונ אכפערקייט זאל גטאן ווערין צו מרדכי פון וועגין דער זאך אזו האבין גיזאגט די יונגע באדינער פון דעם קיניג מען דארף קיין שום זאך אים ניט טאן ויאמר המלך אונ דער מלך האט גיזאגט ווער איז אין פאר הויף אונ המן איז גיקומען אין דעם אויסן ווייניגשטין פאר הויף אין דעם קיניגש הויז צו בעטין פון דעם קיניג ער זאל הייסין הייגגען מרדכי אויף דער תליה ויאמרו נערי המלך האבין גיזאגט די יונגע באדינער פון דעם מלך נון המן שטייט אין פאר הויף האט דר מלך גיזאגט לאז ער ארין גיין ·

ויבא המן אונ המן איז ארין גיקומען דא האט גיזאגט צו אים דר קיניג וואש פר איין כבוד זאל מען אן טאן צו דעם מענטשין וואש דער מלך באגערט אין זיין כבוד · אונ המן האט זיך גיטראכט אין הארצין צו וועמען באגערט דער מלך מען זאל אים כבוד אן טאן מער איידר מיר ויאמר המן האט המן גיזאגט צום קיניג דר מענטש וואש דר מלך באגערט אין זיין כבוד יביאו לבוש זאל מען ברייגגען דאש קיניגליכע קלייד וואש דער קיניג פלעגט אן קליידין אונ דאש פערד וואש דר קיניג פלעגט דרויף צו רייטין אונ די קיניגליכע קרוין זאל גיגעבין ווערין אויף זיין קאפ ונתון הלבוש אונ מען זאל דאש קלייד אונ דאש פערד געבין אין די הענט פון איינעם פון דעם קיניגש הערין אונ ער זאל דעם מענטשין אן קליידין אונ זאל אים מאכין רייטין אויפין פערד דורך די גאסין פון דר שטאט אונ מען זאל פאר אים אויש רופין אזו זאל ווערין גיטאן צו דעם מענטשין וואש דר קיניג באגערט אין זיין כבוד אז דר קיניג האט דר הערט די עצה פון המן איז אים די עצה וואול גיפעלין אז מען זאל מרדכי אזו איין גרוישין כבוד אן טאן ויאמר המלך האט דער מלך גיזאגט צו המן אייל באלד אונ גייא אין מיין אוצר אונ נעם פון דארטין גוטע פורפיל זיידענע קליידר וואש זיינן גימאכט פון זייד אונ גוטע שטיין אונ הייגג אין די קליידר אן גילדערנע שאלין אונ גילדערנע מיל גרוימען אונ נעם אויך פון דארטין די קרוין וואש עש איז מיר גשיקט גיווארין אויש גריכין לאנד אונ נעם די קעסטליכע שווערד וואש איז מיר גישיקט גיווארין פון לאנד כוש בשעת מען האט מיך גימאכט פאר איין מלך אונ אויך די צווייא האלז בענדער וואש זיינן גימאכט אויש אייטיל פעריל אונ איידיל גישטיין וויש זיינן מיר גישיקט גיווארין אויש אפריקא בשעת מען האט מיך גימאכט פאר איין מלך אונ לויף אין מיין שטאל אונ נעם דאש בעסטע פערד וואש שטייט צום ערשטין אין שטאל דאש דר פערד הייסט שפרגז אונ טוא דעם פערד אן אין אלע זיינע צירונג פון קלאר איידיל גישטיין אזו וויא ער איז גינאנגען אין דעם זעלביגין טאג אז איך האב דרויף גירייטן בשעת איך בין איין קיניג גיווארין דאש אלץ זאלשטו אן טאן מרדכי דעם יהודי אונ טוא אים אן דעם כבוד גלייך וויא

דו האשט גיזאגט אזו האט המן גיזאגט ליבער הער קיניג עש זיינען פאר האנדין פיל יהודים וואש הייסין מרדכי זאג מיר צו וועלכין זאל איך גיין אזו האט דר קיניג גיזאגט צו דעם מרדכי וואש זיצט אין מיין טויער אז המן האט דער הערט דאש דיא כוונה פון דעם מלך איז אויף מרדכי זיין פיינד איז ער זייער דער שראקין גיווארין אונ זיין פנים איז פר פינצטרט גיווארן אונ זיין מויל איז פאר קרימט גיווארין אונ אלע זיינע גלידר זיינען דר ציטערט גיווארן אונ זיינע קניא האבין גיקלאפט צו אנאנדר אונ ער האט גיזאגט ווידער צום מלך דוא האשט פיל טויערן איך ווייש ניט וועלכין טויער דוא מיינסט אזו האט דר מלך גזאגט איך האב דיר דאך גזאגט דר מרדכי וואש זיצט אין מיין טויער האט המן ווידר גיזאגט ליבר הער קיניג דוא האשט פיל מויערין אין דיין פאליץ האט דר מלך גיזאגט איך האב דיר גיזאגט דר מרדכי דר יהודי וואש זיצט אין מיין טויער וואו מען גייט צום פרויא הויז דא האט המן ווידר גיזאגט דר זעלביגער מרדכי איז מיין שונא אונ זיינע עלטערין זיינען גיוועזן מיינע עלטערינס שונאים דרום ליבר הער קיניג איך וועל דיר געבן צעהן טויזנט צענטנר זילבר אונ טוא אים דעם כבוד ניט אן׳ האט דר מלך גזאגט צו המן די צעהן טויזנט צענטנער זילבר זאלשטו אים אויך געבין אונ דעם כבוד מוזטו אים אויך טאן האט המן ווידער גיזאגט ליבער הער קיניג לאזין מיינע צעהן זין לויפין פאר אים האט דער מלך גיזאגט דו מיט דיין ווייב אונ קינדר מוזט איר אונטר טעניג זיין אונ דרום טוא אים זעלבערט אן דעם כבוד האט המן ווידער גיזאגט צום מלך גאר יאמערליך ליבר הער קיניג דער מרדכי איז גאר איין שלעכטר מאן אונ דעם כבוד וואס דו ווילשט אים אן טאן אכט ער גאר ניט דרום מאך אים ליבער צו איין הער איבער איין שטאט אדער איבר איין לאנד אבער דעם גרוישין כבוד טוא אים ניט אן האט דער מלך ווידער גיזאגט צו המן דוא דארפסט דער פאר גאר ניט צו זארגין זאלשט ווישין אז איך וועל אים לייט אונ לאנד אונטר טעניג מאכין אז דו מוזט אים דעם כבוד אן טאן האט המן ווידער גיזאגט ליבר הער קיניג איך וועל דיר ראטין נאך איין גרעסערע זאך דאש די גאנצע וועלט זאלין ווישין דאש דער מענטש האט דיר גוטש גיטאן לאז מען זיין נאמען אויש שלאגין אויף די געלטין וואש דו מאכשט אזו וועלין שוין די גאנצע וועלט ווישין גאר טוא אים ניט אן דעם גרוישין כבוד האט דער מלך ווידער גיזאגט איך וועל וואול מאכן מען זאל ווישין זיין נאמן אויף דר גאנצר וועלט אבער דער כבוד מוז אים וואול גישעהן האט המן ווידר גיזאגט ליבר קיניג דו האסט גשיקט בריב אונ גיבאט אין אלע לענדר דאש ער אונ גאר זיין פאלק זאלין פאר טיליגט ווערין נוא ווען דו ווילשט אים אזו איין כבוד אן טאן ווייזט דאך אויש אז דו ווילשט פאר שטערין די גזירה וואש וועלין די לייט זאגין דו ווייכסט דאך עש איז ניט רעכט דאש צו ברעכין דרום קאן מען אים אזו איין כבוד ניט אן טאן האט דער מלך ווידער גיזאגט איך וועל די גזירה פאר שטערין אונ דעם כבוד מוזטו אים אויך אן טאן אונ דער מלך האט אין המן אן גישריען אונ האט גיזאגט גיי אונ זאם ניט פיל אונ טוא דאש אלץ וואס דו האשט גיזאגט צו מיין גיטרייען מרדכי אונ זאלשט קיין שום זאך ניט אפ ברעכין ויקח המן את הלבוש אז המן האט גיזעהן דאש זיינע רייד זיינען ניט גיאכט ביא דעם מלך אזו איז ער גיגאנגן מיט ציטערניש אונ טרויערקייט אין דעם קיניגש אוצר אונ האט ארויש גינומן אלץ וואס דער מלך האט אים באפוילין אונ דער נאך איז ער גיגאנגען אין שטאל אריין אונ האט גינומן דאש גוטע פערד מיט גאר זיין צירונג אונ האט גינומען אלע קיניגליכע קליידר אויף זיין אקסיל אונ דאש פערד ביא דער גילדערנע צאם אין זיין האנט אונ איז גיגאנגן מיט כבוד צו מרדכי אונ דאש איז מרדכי אזו באשערט גיוועזן פון השי״ת אונ אזו האט אים גיבאטין דער מלך אחשורוש אבער אז מרדכי האט דר זעהען דעם רשע פון ווייטין אזו האט ער גיזאגט צו זיינע תלמידים ווער פון אייך עס קען פליהען דר זאל פליהען דען דא קומט המן דער רשע מיך צו טייטין דרום זאלט איר איבער מיר ניט גיהרגת ווערין אזו האבין די תלמידים אים גיענטפערט מיר וועלין איין טויט בנאנדער שטארבין אזו האט מרדכי צו זיי גיזאגט נוא גייט אונ לערינט פאר אייך מיר וועלין שטארבן אין אונזר לערנן אונ תפלה אונ דאש איז גיוועזן זעכצין טאג אין ניסן אונ זיי האבין גילערינט וויא מען פלעגט

ברייננן

בריינגען דעם עומר זעכצין טאג אין ניסן בשעת
דאש בית המקדש איז נאך גישטאנען אונ המן
האט זיך גישטעלט פון וויטין צו הערין וואש די
קינדער לערנן האט ער זיי גיפרעגט וואש זייא
האבין גילערינט האבין זיי אים גיענטפערט אז
מיר זיינען גיוועזן אין אונזער לאנד האבין מיר אין
דעם היינטיגין טאג גיבראכט דעם עומר אזו
האט המן גיפרעגט וואש איז דער עומר גיוועזן
זילבער אדער גאלד האבין די תלמידים גיזאגט
ניין עש איז ניט מער גיוועזן נאר איין הייפיל
גערשטין מעל האט המן גיזאגט אייער ביסיל
מעל האט אייך מער גיהאלפין פון די צעהען
טויזינט צענטנער זילבער וואש איך האב גיוואלט
געבין דעם קיניג דאש ער האט זיי ניט גיוואלט
נעמען אונ דאס איז דרום ווייל איר זייט גיליבט
צו אייער גאט אין הימיל ער העלפט אייך אלע
צייט פון אייערע פיינט ׃ אונ המן האט גיזאגט
צו מרדכי שטיי אויף ליבער מרדכי שטיי אויף
דו צדיק וואש דוא קומסט ארויש פון אברהם
יצחק ויעקב שטיי נון אויף אונ טוא אפ פון דיר
דיין זאק אונ גיי ארויש פון דעם אש דען דיין
תפלה האט מער גיהאלפין אז מיינע צעהן טויזינט
צעהענטנער זילבער וואש איך האב גיוואלט
דעם קיניג געבין ער זאל מיר די שאנד ניט אן
טאן אונ זיי ווישין דאש דיין גאט גיליבט איז
ער אייביג האט דיר דאש אלץ אזו אויף גיריכט
דרום קלייד אן די קעסטליכע קליידר פון דעם
קיניג דען מען האט זייא דיר גישיקט אונ דו
מוזט רייטין אויף דעם קיניגליכן פערד זעה נון
וויא מיט אגרוישין כבוד האט דיר גאט אויף
גיריכט ׃ אבער מרדכי האט גימיינט דאש דער
רשע שפעט פון אים ווען ער האט ניט גטראכט
דאש עש זאל ווערין דר פון אזו איין גוטש אזו
האט ער גיזאגט צו המן דו המן פון זרע עמלק
לאז מיך עסין איין ביטערין ברויט אונ לאז מיך
טרינקען איין ביטערין טרונק מיט רוא אונ דר
נאך וועשטו טאן מיר וואש דו ווענשט וועלין
אזו האט המן גיזאגט צו מרדכי קום ליבער
מרדכי אונ קלייד דיך אן גשווינד אונ רייט אויף
דעם פערד אונ ברעך ניט דעם קיניגש רייד ׃
אזו האט מרדכי צו אים גיזאגט וויא קען איך
דאש טאן איך פאסט דאך שוין דריי טאג אונ
דריי נעכט אונ וואלגר מיך אין אש אונ בין איין
גשמירט מיט שטויב איך מוז זיך פריער באדן

דא איז המן גילאפין גישווינד אין דעם קיניגש
אוצר אונ האט גיבראכט גוטין באלסום אונ האט
אים גישמירט אונ האט אים גיגעבין עסין פון
דער סעודה וואש אסתר המלכה האט אים
גישיקט ׃ אונ אז נון מרדכי האט גירייטין אויף
דעם קיניגש פערד אזו האט אסתר גשיקט אויס
דעם קיניגש הויז זיבין אונ צוואנציג טויזינט
אויש דר וויילטע יונגליך מיט גילדרנע בעכער
אין זייערע רעכטע הענט ׃ אונ גילדרנע קאנען
אין זייערע לינקע הענט אונ זיי האבין גילויבט
מרדכי אונ האבין גיזאגט אזו זאל גישעהן צו
דעם וואש דער קיניג באגערט אין זיין כבוד ׃
אונ אז די יהודים האבין דאש דער זעהן זיינען
זייא גיגאנגען ארום אים אונ האבין גיזאגט אזו
זאל גישעהן צו דעם מענטשין וואס השי"ת
באגערט אין זיין כבוד ׃ אונ אז אסתר האט
גיזעהן מרדכי אן גקלייד אין דעם קיניגס קליידר
אונ זיצט אויף דעם קיניגש פערד אונ די קרוין
אויף זיין קאפ ׃ אזו האט זיא גילויבט גאט אין
הימל אויף זיין גרוישע הילף ׃ דען פריער האט
זיא אים גיזעהן גיין אין צו ריסענע קליידער
אונ אש אויף זיין קאפ ׃ אונ היינט האט זיא
אים גיזעהן אין דער גדולה אזו האט זיא גיזאגט
אויף דיר איז מקוים גיווארן דר פסוק אין תהלים
קי"ג מאשפות ירים אביון אונ מרדכי האט גלויבט
גאט אונ האט גיזאגט הפכת מספדי למחול לי דאס
איז טייטש דו האשט פאר קערט מיין קלאג צו
פרייען מיך איך לויב דיך גאט מיין אויש לייזר
ווייל דו האסט ניט דר פרייט מיינע פיינט ׃ וישב
מרדכי אונ מרדכי האט ווידר גיקערט אין דעם
קיניגש טויער אונ המן איז גיוועזן פאר שטויסן
אונ איז גיגאנגען אין זיין הויז טרויעריג אונ זיין
קאפ באדעקט ׃ אין דער זעלביגער צייט איז
גישעהן פיר מלאכות דורך אים איין שערר דאס
ער האט גישערט מרדכי אונ איין באדער ער
האט אים גיבאדין אונ איין פירער ער האט
גיפירט דאס פערד אונ איין אויש שרייער דאס
ער האט אויש גישריען אזו זאל ווערין גיטאן
צו דעם וואש דר מלך באגערט אין זיין כבוד ׃
ויספר המן אז המן איז ווידער גיקומען אין זיין
הויז האט ער דער ציילט אלץ וואש איז אים
גישעהן ׃ אונ זיין ווייב אונ זיינע ליב האבער
האבין ניט גיוואוסט וואש אים צו ענטפערין
בשעת ער האט זיי גיפרעגט וויא ער זאל זיך

באגיין מיט מרדכי האט ער זיי גירופין ליבע
פריינט גיט מיר איין עצה · אונ איצונדרט רופט
ער זיי חכמים כלומר זעהעט מיט אייער חכמה
וויא איך זאל היינט טאן · אבער אייער פריינט
שאפט קאן מיר גאר גיט העלפין · איך בדארף
גאר איצונדערט אייער חכמה אונ אייער עצה ·
אזו האבין זיי אים גיענטפערט דער צו גהערט
גיט פיל חכמה דען אויב מרדכי קומט ארויש
פון יהודים זאלשטו ווישין השי"ת טוט זיי אלע
מאל נסים · ער האט גיטאן נסים צו דניאל
בשעת ער איז גיווארפין גיווארין אין דר לייבן
גרוב האט ער אים ארויש גיהאלפין · אונ צו
חנניה מישאל ועזריה בשעת זיי זיינן גיווארפין
גיווארין אין קאלך אויבין האט ער זיי ארויש
גיהאלפין · אונ די מענטשין וואש זיינן גישטאנן
פר דעם קאלך אויבין זיינען פר ברענט גווארין
דרום פארכטין מיר זיך דאש דוא וועסט אים
גיט קענן טאן נאר דוא וועסט נאך מער פאלין
פר אים עודם מדברים וויל זיי האבין נאך גירעט
מיט אים זיינען אן גיקומן דעם קיניגש קאמר
דינערש אונ האבין גיאיילט המן צו דר סעודה
וואש אסתר האט גימאכט ויבא המלך אונ דער
מלך אונ המן זיינען גיקומן טרינקן מיט אסתר
ויאמר המלך אונ דער מלך האט גזאגט צו אסתר
אין דעם אנדערן טאג אויף דר סעודה פון ויין
וואש איז דיין גיבעט דו קיניגן אסתר עס וועט
דיר גיגעבין ווערין אונ וואש איז דיין בקשה ·
אפילו דיין בקשה איז ביז האלב מלוכה וועט
עש דיר גיטאן ווערין ותען אסתר האט אסתר
גיענטפערט אונ האט גיזאגט אויב איך האב
גיפונען לייט זעליקייט אין דיינע אויגין · אונ
אויב עס וואול גיפעלט דעם קיניג זאל מיר מיין
לעבין גיגעבן ווערין דורך מיין גיבעט אונ מיין
פאלק דורך מיין בקשה כי נמכרנו דען מיר זיינן
פאר קויפט גיווארין איך אונ מיין פאלק צו פאר
טיליגין אונ דער שלאגין אונ צו מאכין פר לירין
אונז · אונ ווען מיר וואלטן פאר קויפט גווארין
צו קנעכט אונ דינשטין וואלט איך שטיל
גשוויגן דען דר בלידיגר אכט ניט דעם קיניגש
שאדין · ויאמר המלך האט דר מלך גיזאגט צו דעם
פיר שפרעכר אונ דער פיר שפרעכער האט
גיזאגט צו אסתר ווער איז דר דאזיגר אונ וואו
איז דר דאזיגער וואש האט דר פילט זיין הארץ
אזו צו טאן · ותאמר אסתר האט אסתר גיזאגט

דער בייזער מענטש המן דער פיינט ער הייסט
דרום המן דאש ווייזט הא בן ער האט גיוואלט
שטרעקין זיין האנט אין די יהודים גאטס קינדר
ער האט זיי גיוואלט הרגנען · אונ המן איז דר
שראקין גיווארן פר דעם מלך אונ די מלכה ·
והמלך אונ דער מלך איז אויף גישטאנען מיט
גרים צארין פון דער סעודה אונ איז גיגאנגען
אין גארטין ארין · אונ מען האט אפ גיהאקט
גוטע בוימער צו שטילין זיין רוגז אבר עש האט
ניט גיהאלפין · אונ המן איז דער וויל גישטאנן
פאר דער מלכה צו בעטין אויף זיין לעבין וויל
ער האט גיזעהן אז דאש בייז האט זיך צו אים
אויש גילאזט פון דעם מלך · והמלך אונ דער
מלך איז ווידער גיקומען פון דעם גארטין אויף
דר סעודה אונ המן איז גיפאלין אויף דעם בעט
וואש אסתר איז גיזעסין אזו האט דער קיניג
גיזאגט דו ווילשט באצווינגן די מלכה אין מיין
הויז אונ אז דאש ווארט איז ארויש גיגאנגן פון
דעם קיניגש מויל איז דאש פנים פון המן פר
שעמט גיווארן ויאמר חרבונה אונ ער האט גזאגט
חרבונה איינער פון דעם קיניגש באדינר אונ
דעם חרבונה גיהער מען אויך צוא גידיינקען
צוא בייזין נאר אין דער איינער זאך גיהער
מען אים צו גידיינקען צוא גוטין דען ער איז
אויך גיוועז אין דער עצה דאש מען זאל
מרדכי הייגנן אונ אז ער האט גיזעהן דאש די
עצה פון המן איז ניט מקוים גיווארין אונ דאס
בייז איז גיקומן אויף המן אונ זיין הויז · איז ער
זעלבשט גיגאנגן צום מלך אונ האט גיזאגט
אדוני המלך המן וויל דיך אום ברייגנן אונ וויל
אוועק נעמן דיין מלוכה אונ אויב דוא ווילשט
ניט גלייבין שיק אונ זעה די תליה וואש ער
האט גמאכט צו דעם מרדכי וואש האט גירעט
גוטין אויפן מלך זיא שטייט אין זיין הויז אונ
איז הויך פופציג איילן · אזו האט דער קיניג
גיזאגט מען זאל המן דרויף הייגנען · אונ אויף
מרדכי איז מקוים גיווארן דר פסוק וועמן גאט
האט ליב ווערין אלע זיינע פיינט צוא פריינט ·
אונ דר מלך האט גיזאגט צו מרדכי שטיי נן
אויף אונ נעם דעם בייזין המן דר באליידיגער
פון די יהודים אונ הייגג אים אויף דער תליה
וואש האט זיך זעלבערט גימאכט אונ טוא צוא
אים וואש דיר וואול גיפעלט · אין דר זעלבינר
צייט איז מרדכי גיגאנגן פון דעם קיניגש טויער

צוג נעמט המן פון דעם קיניגש טויער אונ זאגט צו אים בישטו דא המן הרשע מיין פיינט אונ באליידיגר פון די יהודים איך וויל דיך הייגן אויף דר תליה וואש דו האשט צו דיר זעלברט אן גיבריים · אזו האט המן גיזאגט צוא מרדכי דעם צדיק איך בעט דיך מרדכי דו צדיק זאלשט מיך ניט הייגן אז איין שלעכטין מאן אלע הערין אונ קיניגן האבין זיך גיפארכטין פר מיר איך האב גימאכט שטורימן מלכים מיט די רייד פון מיין מויל אונ איך בין גיוועזן דר קאמר דינר צום קיניג איך פארכט מיך דו זאלשט מיר ניט טאן אזו וויא איך האב גיטראכט דיר צו טאן דער בארים דיך איבער מיין כבוד דאש דוא זאלשט מיך ניט טייטן אונ פר דארבן אזו וויא מיין עלטר פאטר אגג דו מרדכי טוא וויא דיין פרומקייט איז איר זייט דאך גיט קיין רצחנים · דו זאלשט ניט גידיינקן די שנאה פון אגג · אונ די קנאה פון עמלק · אונ זאלשט ניט גידיינקן דאש עשו האט גיוואלט יעקב פון דעם חיות ברייננגען · גרוישע נסים זיינען איך גישעהען בשעת אייערע עלטערן זיינן גיגאנגן אויף דעם ים · מיינע אויגין זיינן פר פינצטרט דיך אן צוא זעהן מיין מויל קען איך ניט עפענען אנטקעגין דיר צו ריידין נייל איך האב איין עצה גינומן פון מיינע ליב האבערש אונ מיין וויב זרש אויף דיר צו בייזן ער הט אויף גהויבן זיין שטים אונ האט גיוויינט גאר ביטערליך אבר מרדכי האט זיינע רייד ניט גיוואלט הערין · האט המן גיזאגט איך בעט דיך דער בארים דיך איבער מיין לייב הער דו מרדכי דו צדיק זאלשט ניט אפ מעקין מיין נאמן וויא דעם נאמען פון מיין פאטר עמלק דר בארים דיך אויף מיינע אלטע טעג איך בעט דיך דו זאלשט מיך ניט הייגען אויף דר תליה טייט מיך בעסר מיט אנאנדרע מיתה לאז מיר אפ האקין מיין קאפ מיט דער שווערד אזו וויא מען פלעגט צו טאן אנדערע הערין ער האט אזוא פיל גירעט פאר מרדכי אבר מרדכי האט אים ניט גיוואלט הערין · אז המן האט גיזעהן דאש ער וויל אים ניט הערין האט ער זייער גיוויינט אונ גיקלאגט אין דעם גארטין · אונ האט גיזאגט הערט מיך צו איר בוימער דאש פלאנצונג פון ששת ימי בראשית איך המן ווער גיהאנגען אויף איין תליה פון פופציג איילין אזו האט דר וויין שטאק גיזאגט

אויף מיר קאנשטו ניט הייגן דען פון וויין האט מען מנסך גיוועזן אויפן מזבח · אונ דער פייגין בוים האט אויך גיזאגט פון מיר האט מען גיבראכט בכורים אונ אויך אדם אונ חוה האבן זיך באדעקט מיט מיינע בלעטר · אונ דר אייל בורט בוים האט גיזאגט פון מיר האט מען גיברענט די מנורה אונ אויך השם יתברך האט מיך באשאפין צו באצאלין דעם חוב פון עובדיה הנביא · דר טייטיל בוים האט גיזאגט צו השם יתברך ישראל זיינן דאך גיגליכן צו איין טייטל בוים אונ אלע מענטשין ווייסין וואול דאם המן הרשע איז דאש אייניקיל פון אגג אונ עמלק אלע מלכים ווערין דיך לויבין דאש דו בישט גאט אונ ניט קיינר מער דרום גיהערשטו אויס צו לייזין די ישראל אזו וויא דוא האשט אויך גילייזט זייערע עלטערין · האט השם יתברך גיענטפערט דו רעדשט גלייך ער זאל אויף דיר ניט גיהאנגן ווערין דר אתרוג בוים האט גזאגט אויף מיר אויך ניט דען מיט מיר לויבן דיך ישראל אום סוכות · דר הדס האט גיזאגט אויף מיר זאגט מען ששון אונ שמחה אונ איך בין איין חבר צום אתרוג · דער לינדין בוים האט גיזאגט אונטר מיר איז באגראבין דבורה דיא זייגעדין פון רבקה · דר אייכלן בוים האט גזאגט אין מיר איז גיהאנגן גיווארין אבשלום דער זון פון דוד · דר מילגרוים בוים האט גיזאגט צוא מיר זיינן גיגליכן די צדיקים · אזו האט גיזאגט דר דארין בוים אויף מיר זאל המן הייגן מיט זיינע צעהען זין · דען אין מיר איז ניט דא קיין שום זכות · ויתלו את המן אונ זייא האבין אויף גיהאנגען המן אויף דער תליה וואש ער האט גימאכט צוא מרדכי · אונ דער צארין פון השם יתברך איז גישטילט גיווארין דר צדיק ווערט אויש גיצויגין פון דר צרה אונ דער רשע קומט אויף זיין ארט :

ביום ההוא אין דעם זעלביגין טאג האט דער מלך אחשורוש גיגעבין צו אסתר המלכה דאש הויז פון המן דער באליידיגער פון דיא יהודים אונ מרדכי איז גיקומען פאר דעם מלך דען אסתר האט אים דער ציילט דאש מרדכי איז איר קרוב · ויסר המלך אונ דער מלך האט אפ גיטאן זיין פינגעריל וואש ער האט אראפ גינומן פון המן אונ האט עש גיגעבן צו מרדכי אונ אסתר המלכה האט גיזעצט מרדכי אויף

דעם

דעם הויז פון המן · וַתּוֹסֶף אֶסְתֵּר אונ אסתר האט נאך מער גיזאגט פאר דעם קיניג אונ זיא איז גיפאלין פאר זיינע פיס אונ האט גוויינט אונ האט אים גיבעטן גאר פריינטליך דאש ער זאל אפ טאן דאש בייז פון המן וואש ער קומט ארויש פון אגג · אונ זיינע גידאנקן וואש ער האט גיטראכט אויף די יהודים · וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ אונ דער מלך האט גיגרייכט די גילדרנע רוט צוא אסתר אונ זיא איז אויף גישטאנן אונ האט זיך גישטעלט פארין קיניג · וַתֹּאמֶר אונ זיא האט גיזאגט אויב עש וואול גיפעלט דעם קיניג · אונ אויב איך האב גיפונן לייט זעליקייט פאר אים אונ די זאך איז רעכט פארטיג פארן קיניג אונ איך גיפעל וואול אין זיינע אויגין · אזוא זאל ווערין גישריבין דאש עש זאל ווידער גיקערט ווערין די בריב אונ די גידאנקן פון המן דער זון פון המדתא פון אגג · וואש ער האט גישריבין מען זאל מאכן פר לירין אלע יהודים פון דיא מדינות פון דעם מלך כִּי דען ווי וועל איך קענן זעהן אין דעם בייז וואש וועט טרעפן מיין פאלק · אונ וויא וועל איך קענן זעהן מיין פאלק וועט פר לארין ווערין · וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר האט דר מלך גיזאגט צו אסתר המלכה אונ צו מרדכי דעם יהודי דו בישט זעלבשט שולדיג דען איך האב דיך גיפרעגט אויף דער סעודה פון וואש פאר איין פאלק דוא בישט אונ דוא האשט מיר ניט גיוואלט זאגין דען איך וואלט גימאכט פר לירין פון דיינט וועגין מלכים אונ שרים · אונ איך וואלט גמאכט פון דיין משפחה שרים ומלכים אבר דו האשט גיזאגט דאש דיין פאטר אונ מוטר זיינן דיר יונגר הייד גישטארבן אונ דוא האשט נאך דענמאלט קיין שכל ניט גיהאט · נון דאש הויז פון המן גיב איך דיר אסתר אונ צו המן האט מען אויף גיהאנגן ווייל ער האט גישטרעקט זיין האנט אין די יהודים וְאַתֶּם כִּתְבוּ אונ איר שרייבט אויף די יהודים וויא עש וואול גיפעלט אין אייערע אויגין מיט דעם קיניגש נאמן אונ פר חתמית מיט דעם קיניגש חותם · דען די בריב וואש איז גישריבן גיווארן מיט דעם קיניגש נאמן אונ איז גיחתמית גיווארן מיט דעם קיניגש חותם טאר מען עש ניט ווידר קערין וַיִּקָּרְאוּ סוֹפְרֵי עש זיינען גירופן גיווארן דיא שרייברש פון דעם מלך אין דער זעלביגער צייט דריי אונ צוואנציג טאג אין דעם דריטין חודש דאש איז סיון · אונ עש איז גישריבן גיווארן אלץ וואש מרדכי דר יהודי האט גיבאטן אויף די יהודים צו אלע הערין אונ גראפן וואס זיינען אין דיא הונדערט אונ זיבין אונ צוואנציג מדינות · צוא איטליכר מדינה וויא איר כתב · אונ צו איטליכן פאלק וויא זיין לשון אונ צוא דיא יהודים וויא זייער כתב אונ לשון · וַיִּכְתּוֹב בְּשֵׁם עש איז גישריבן גיווארין מיט דעם נאמען פון דעם קיניג · אונ מען האט גישיקט דיא בריב דורך דיא הענט פון דיא לויפערס וואש רייטן אויף פערד אונ שנעלע קעמליך אונ אויף יונגע מויל איזלן אֲשֶׁר נָתַן דאש דר קיניג האט גיגעבן צו די יהודים וואש וואונן אין איטליכר שטאט · דאש זיי זאלין זיך איין זאמלן פון אלע מדינות צו פר טיליגין אונ דר שלאגן אונ מאכן פר לירין אלע דיא באליידיגר פון דיא יהודים קליין גיזינד אונ ווייבער · אונ צו רויבן זייער זאק רויב · בְּיוֹם אֶחָד אין איין טאג אין אלע מדינות פון דעם מלך אחשורוש אין דעם דרייצעהענטין טאג אין דעם צוועלפטן חודש דאש איז אדר פַּתְשֶׁגֶן הַכְּתָב דאש באשיידונג פון די בריב איז גיוועזן אזו די גזירה זאל ווערין אן גיזאגט אין אלע מדינות פון דעם קיניג אויפן וואר צו אלע פעלקר דאש די יהודים זאלן אן גיברייט זיין צו דעם דאזיגין טאג גירעכינט צו ווערין פון זייערע פיינד אונ די בריב וואס דר קיניג האט גישריבין איז אזו גיוועזן · איך קיניג אחשורוש שיק די בריב צו אלע זיצר פון מיין מדינה אויף דער יבשה אונ אויף דעם ים אונ צו די קעסטליכע לייט אונ צו אלע זיצער פון מיין לאנד וואש אין אלע שטעט · אייער פריד זאל זיך מערין · איך בין אייך מודיע אונ שרייב אייך איר ווייסט דאך וואול דאש גאט האט גיגעבן די מלוכה איבר פיל מדינות אונ פאלק אין וואשר אונ אין טריקעניש איבר אלץ האט ער מיך גימאכט קיניגין · אונ איר ווייסט דאך וואול דאש איך האב קיינעם פון אייך קיין שלעכץ ניט גיטאן נאר איך האב גיהערשט איבער אייך מיט דעמוטיקייט אונ זעניפטיקייט אונ איך האב גימאכט דאש אלע מענטשן פון אונטר מיין מלוכה האבן גילעבט מיט פרידין אונ פריינט שאפט ביז אהער · ווער עש האט גיוואלט האנדלן אויפין ים אדר אויף דר יבשה צו קערין זיך פון איין פאלק צום אנדרין אונ פון

איין אומה צו דר אנדרע דר מעג עש טאן אונ איינער האט דעם אנדערין קיין לייד ניט גיטאן אזו האב איך מיין לאנד גיבראכט דר צו מיט גאטש הילף אונ איך דאנק אייך דאש איר זייט אין מיר געהרין גוועזן איך דאנק אייך אויף אייער פרומקייט אונ דעמוטיקייט דאש איר האט מיר אזוא איין כבוד אונ הערשאפט אן גיטאן אונ איצונדערט לאז איך אייך ווישין דאש עטליכע בייזע לייט האבין זיך צוא מיר גינעהענט אונ באהעפט ביז איך האב זיי פר טרויט מיין גאנץ קיניגרייך אונ האב זיי גיגעבין די מאכט זייא זאלין פירין נאך זייער לוסט נאך דען איך האב גמיינט זיי וועלן מיט מיר גיין מיט אמת · אבר זיי זיינן מיט מיר אום גיגאנגן מיט פאלשקייט אונ בייזהייט אונ האבין מיך אויך באטריבט אונ האבין גישריבן וואש זיי האבן גיוואלט אונ האבן נאך אויך גימאכט אזעלכע בריב שרייבן וואש זיינן ניט רעכט פר גאט אונ לייט · אונ דעם מלך איז דר פון איין שאדין · אונ דאש איז די גיבעט פון די שלעכטע לייט דאש איך זאל אום ברייננן פיל צדיקים אונ זאל זיי דער שלאגין אונ זייער בלוט פאר גיסין · אונ דיא מענטשין האבין קיין מאל קיין בייז ניט גיטאן אונ האבן דאש ניט פר שולדיגט מיט קיין שום זאך · אונ דאש זייגען אסתר אונ מרדכי מיט זייער פאלק · אונ די אסתר איז גילויבט מיט אלין דינג · אונ דער מרדכי איז קלוג אין אלע חכמות אונ קעסטליכקייט אונ קיינער קאן אין זיי קיין מום ניט גיפינען · אונ אז המן האט פון מיר גיבעטן איך זאל פר טיליגן די יהודים וייל זיי זיינן בייז האב איך מיך זעלברט גיטראכט עש איז פאר האנדין איין אנדער פאלק וואש היישין אויך יהודים אבער ער מיינט ניט דיא דאזיגע יהודים וואש ווערין גירופין קינדר צוא דעם וואש האט באשאפין הימיל אונ ערד אונ אלין דינג וואש אויף דער וועלט אונ אונז אלע מיט אנאנדר אונ ער טוט זיי אלע טאג נסים ונפלאות אונ ער איז איין גיאכפערטער אונ איין שטארקר אונ איין גרוישער מלך מער אז אלע מלכים פון דר ערד אונ וואלט איך דען אזעלכם איז מיין מחשבה גיהאט זיי צו פאר קויפין נאר נאר דר בייזר המן דער זון פון המדתא דער זון פון אגג פון אינדיאה דר בייזר זאמן פון עמלק ער האט דאש אלץ גיטאן אונ צוא גיריכט ער

האט גהאט פר מיר גרויש כבוד אונ הערשאפט אונ גוטש אונ איך האב אים דר הייבין איבר אלע הערין אונ מיר האבן אים אזוא פיל כבוד אן גטאן ביז מיר אלע האבין אים גרופין פאטר אבר ער האט דעם גרויסין כבוד ניט גיקענט ליידין · אונ דיא גרוישע הערשאפט האט ער ניט גיקענט אנטפאנגן נאר ער האט גיהאט אונ גיטראגן אייטל בייזע גידאנקען אין זיין הארצין אונ האט מיך אן גירייצט צו בייזן כדי איטליכר מענטש זאל מיך פיינט האבן אונ זאל מיך ניט קעסטלאך האלטין אונ דר נאך האט ער מיך גיוואלט טייטן אונ מיין מלוכה אוועק נעמן אז איך בין דאש גוואר גיווארין האב איך אים זיין לוין גיגעבין אונ האב אים גילאזט הייננן אויף דר תליה אונ דרום זאלט איר אלע ווישין דר וואש האט בשאפין הימל אונ ערד דער האט אים וואול באצאלט אונ דיא בייזע גידאנקען וואש ער האט גיטראגין אין זיין הארצין האט גאט יתברך גיבראכט אויף אים זעלבערט אונ אויף אלע די זייניגע דרום זאל איטליכער מענטש גיווארינט זיין אונ זאל פאר זיכטיג זיין דר מיט ווינטש איך אייך שלום · הרצים די לויפר וואש האבן גירטין אויף שנעלי קעמלעך אונ מויל אייזלען זיינן אויש גיגאנגען איילענדיג אונ גישטויסן דורך די רייד פון דעם קיניג אונ דיא באפעל איז גיגעבן גיווארין אין שושן ומרדכי יצא אונ מרדכי איז אויש גגאנגן פון פר דעם קיניג אין איין ווייס קיניגליך קלייד פון בלאהע וואל אונ מיט איין גרוישע גילדרנע קרוין אונ ארום גיהילט מיט פיינע ליינן אונ מאנטלען פון פירפיל וואל אונ די שטאט שושן איז גוועזן לוסטיג אונ פריילעך ליהודים צו די יהודים איז גוועזן ליכט אונ פרייד אונ פריילין אונ כבוד ובכל מדינה אונ אין איטליכר שטאט וואש האט גיגרייכט די רייד פון דעם קיניג אונ זיין בפעל איז גיוועזן פרייד אונ פריילין צוא די יהודים אונ אויך פיל סעודות אונ גוטע טעג אונ פון די פעלקר האבן זיך מגייר גוועזן דען די פארכט פון די יהודים איז אויף זיי גיפאלין:

ובשנים עשר אונ אין דעם צוועלפטין חודש דאש איז אדר אין דעם דרייצענטין אין אים דאש עש האט גיגרייכט דיא רייד פון דעם קיניג אונ זיין באפעל גיטאן צו ווערן אין דעם טאג דאש די פיינט פון די יהודים האבן

גיהאפט אין זיי צו גיוועלטיגן איז עס פר קערט
גיווארן דאש די יהודים האבן גיוועלטיגט אין
זייערע פיינט נקהלו היהודים די יהודים זיינן איין
גיזאמילט גיווארין אין זייערע שטעט אונ אין
אלע מדינות פון דעם קיניג אחשורוש צוא
שטערקין זייערע הענט אין די זעלביגע וואש
האבן באגערט ביוז טאן אין זיי אונ קיינר איז
פאר זייא ניט גישטאנען דען זייער פארכט איז
גיפאלין אויף אלע פעלקר וכל שרי אונ אלע הערן
פון די מדינות אונ די גיוועלטיגר אונ גראפין
אונ אלע וואש האבין גיטאן דיא דינסט פון
מלך אחשורוש האבן דר הויבן די יהודים דען
דיא פארכט פון מרדכי איז אויף זייא גיפאלין כי
גדול דען מרדכי איז גיוועזן גיאכפערט אין דעם
קינינש הויז אונ זיין הערונג איז גיגאנגן אין אלע
מדינות ויכו היהודים אונ די יהודים האבן גישלאגן
אין אלע זייערע פיינט מיט דר שווערד אונ דר
שלאגונג אונ פר לירונג אונ זיי האבין גטאן אין
זייערע פיינט וויא זייער ווילין ובשושן הבירה אונ
אין שושן הבירה האבן די יהודים גימאכט דר
שלאגין אונ פר לירין פינף הונדרט מאן ואת אונ
פרשנדתא אונ דלפון אונ אספתא אונ פורתא
אונ אדליא אונ ארידתא אונ פרמשתא אונ
אריסי אונ ארידי אונ ויזתא עשרת בני המן דיא
צעהן זין פון המן דר זון פון המדתא וואס קומט
ארוויש פון אגג דר באליידיגער פון די יהודים
האבן זיי דר שלאגן אבר זיי האבן זייערע הענט
ניט גישטרעקט צוא רויבין ביום ההוא אין דעם
זעלביגין טאג איז גיקומען פארין קיניג די צאל
פון די הרוגים וואש איז אין שושן ויאמר דער
קיניג האט גירופין צוא אסתר אונ האט צו איר
גיזאגט זעה וואש די יהודים האבן גיטאן אין
שושן דען איך ווייס וואול דאש זיי האבן דער
שלאגין אין שושן פינף הונדערט מאן אונ זעה
וואש זיי האבן גיטאן אין אנדערע שטעט וואו
איך בין ניט גיוועזן דרום אסתר ווען עס איז
דיר נאך ניט גינוג אזו זאג מיר וואש דיין בגער
איז וועט עש גיטאן ווערין ותאמר אסתר האט
אסתר אזוא גיזאגט ווען עש גיפעלט דעם קיניג
אזו זאל מארגין אויך גיגעבין ווערין צוא דיא
יהודים וואש זיינען אין שושן דאש זייא זאלין
טאן וויא דאש היינטיגע גירעכט · אונ די צעהן
זין פון המן זאל מען הייגען אויף דער תליה ·
ויאמר המלך להעשות כן האט דר מלך גיזאגט עש

זאל אזו גיטאן ווערן אונ המן מיט זיינע זין זיינן
גיהאנגען גיווארין אויף דער תליה המן איז
גיהאנגן אויף דרייא איילין אונ פרשנדתא איז
גיהאנגען ווייט פון אים איין אייל · פרשנדתא
אויף דרייא איילין דלפון איין אייל ווייט פון
אים · דלפון אויף דריי איילן אספתא איין אייל
פון אים אספתא. אויף דריי איילן פורתא איין
אייל פון אים · פורתא אויף דרייא איילן אדליא
איין אייל פון אים · אדליא אויף דרייא איילין
ארידתא איין אייל ווייט פון אים · ארידתא אויף
דרייא איילין · פרמשתא איין אייל ווייט פון
אים · פרמשתא אויף דרייא איילין אריסי איין
אייל פון אים אריסי אויף דריי איילן ארידי איין
אייל פון אים · ארידי אויף דרייא איילין ויזתא
איין אייל פון אים · ויזתא אויף דרייא איילן
אונ דיא תליה האט גישטעקט אין דער ערד
דרייא איילין אונ דרייא איילין פון דער ערד
איז ער גיהאנגען אונ דיא הייך פון דער תליה
איז גיוועזן פיר אונ פערציג איילן דאש איז סך
הכל פופציג איילין אונ מרדכי איז גיקומן אונ
האט זייא אלע גיזעהען הייגן · אזוא האט ער
גיזאגט צו המן דוא האסט גיטראכט ביוז צוא
טאן דעם פאלק ישראל אבער השם יתברך
ווייסט אלע פאר בארגינהייט ער האט דיר
בצאלט אויף דיין קאפ · דו האסט אונז גוואלט
פאר טיליגין פון גאטש פליגיל · דרום זאלשטו
האבין דיינע קינדר אונטר דיינע פליגיל אויף
דער תליה · ויקהלו אונ דיא יהודים האבין זיך
איין גיזאמילט אין דעם פערצענטין טאג אין
חודש אדר אונ האבין דר שלאגן אין שושן דריי
הונדרט אבר זיי האבן ניט גישטרעקט זייערע
הענט אין רויב ושאר אונ די איבעריגע יהודים
פון דיא מדינות פון אחשורוש האבין זיך
איין גיזאמילט אונ זיינען גישטאנן פאר זייער
לעבין אונ האבין גירועט פון זייערע פיינט
אונ האבין דר שלאגין פון זייערע פיינט פינף
אונ זיבעציג טויזינט מאן אבער זייא והאבין
זייערע הענט ניט גישטרעקט אין זאק רויב
ביום שלשה עשר דאש איז גיוועזן דעם דרייצעהנטן
טאג אין חודש אדר אונ דעם פערצענטין טאג
האבין זיי גירועט אונ האבין גימאכט איין טאג
פון סעודות אונ פרייד לקים דיא יהודים זאלין
אויף זיך באשטעטיגן אלע יאר דעם פערצענטן
טאג אין חודש אדר בימים אזו וויא די טעג וואס

זיי האבין רוא גיהאט פון זייערע פיינט אונ דר חודש איז פאר קערט גיווארין פון טרויערקייט צו פרייד אונ פון קלאג צו פרייליכע טעג דרום זאל מען אים מאכין ציכטיג אונ פרייד אונ איטליכר מענטש זאל שיקין מתנות צו זיין חבר אונ געבן צו דעם נויט באדערפטיגן וקבל היהודים אונ די יהודים האבין אויף זיך מקבל גיוועזן צו טאן וואש זייא האבין אן גיהויבין צו טאן אונ וואש מרדכי האט זיי גישריבן כי המן בן המדתא ווייל המן דר זון פון המדתא פון זרע אגג האט גיטראכט צו פאר טיליגין די יהודים · אז דיא שרייבערס פון דעם קיניג האבין גיזעהן דאש המן מיט זיינע קינדר זיינען גיהאנגען אלאנגע צייט אזו האבין זיי גיזאגט צו אסתר המלכה אונ צו מרדכי ווארום זייט איר עובר אויף אייער תורה דען עש שטייט אין אייער תורה איר זאלט קיינעם ניט לאזין היינגן איבר נאכט אזו האבין אסתר אונ מרדכי זיי ווידער גיענטפרט דאש איז דרום ווייל אונזר עלטער פאטר שאול המלך האט גילאזט אום בריינגן די גרים דיא גבעונים אזו האט מען דרום דער נאך גיהאנגן זיינן זיבין זין אונ זיי האבין גיהאנגן פון פסח ביז סוכות כדי אז ישראל זיינען עולה רגל גיוועזן האבן זיי גיזעהן וויא זיי היינגן אונ האבן גפרעגט ווארום לאזט מען זיי אזו לאנג היינגן האט מען זיי גיענטפרט ווייל שאול המלך האט די גרים פון דעם לעבין גיבראכט מכל שכן דר המן האט גיוואלט כל ישראל פר טיליגן גיהער מען פשיטא לאזין היינגען ובבאה לפני המלך אונ אז אסתר המלכה איז גיקומן צום מלך אזו האט זיא גזאגט אדוני המלך עש שטייט אין אונזר תורה מען זאל פאר טיליגין דעם גידעכנעש פון עמלק אונ דער שלעכטער המן האט דאש גיוואוסט דרום האט ער גיטראכט אויף אונז בייזע מחשבות צו פר טיליגין אלע יהודים אבער השי"ת האט אויף אים זעלברט גיבראכט זיינע בייזע מחשבות דרום איז ער מיט זיינע קינדר גיהאנגן גיווארן אויף איין תליה על כן דרום הייסין דיא דאזיגע טעג פורים פון וועגין דעם נאמען פור דאס איז טייטש גורל ובהכתוב אסתר אונ זיא האט גישריבן אסתר די טאכטער פון אביהיל אונ מרדכי דר יהודי מיט אגאנצער מאכט דאש מען זאל באשטעטיגן דעם דאזיגן בריב פון פורים דאס אנדערע מאל וישלח ספרים אונ ער האט גישיקט בריב צו אלע יהודים פון די הונדערט אונ זיבין אונ צוואנציג מדינות פון דעם קיניג אחשורוש מיט פרידליכע אונ גיטרייע ווערטר דאס מען זאל בשטעטיגין די דאזיגע טעג פון פורים אין זייער גיזעצטע צייט גלייך אז וויא מרדכי דר יהודי אונ אסתר המלכה האבין זיי בשטעטיגט אויף זיך זעלבערט אונ אויף זייערע קינדער די זאכין פון פאסטונג אונ זייער גיבעט ומאמר אסתר אונ דאש באפעל פון אסתר האט בשטעטיגט די מעשה פון פורים אונ עש איז איין גישריבין גיווארין אין איין בוך וישם דר קיניג אחשורוש האט גימאכט צינז אויף זיין לאנד אונ די אינזלן פון דעם ים וכל מעשה אונ אלע די ווערק פון זיין מאכט אונ שטארקייט אונ דאש באשיידעניש אונ אכפערקייט פון מרדכי דאש דר קיניג האט אים גיאכפערט פר וואר דאש איז אויף גישריבן אין דעם בוך פון דברי הימים צו די קיניגן פון מדי אונ פרס כי מרדכי דען מרדכי איז גיוועזן איין משנה צום מלך אחשורוש אונ איין קאמר הער פון די סנהדרין איין הער איבר אלע פעלקער פון דעם קיניג פון איין עק וועלט ביז דעם אנדרן האט מען גיפאלגט זיינע רייד אונ אלע מלכים האבין גיציטערט פאר אים ער איז דר מרדכי וואש ער איז גיגליכין צו ריין גיווירץ אונ ער איז גיוועזן גלייך צום שטערן וואש הייסט נוגה · דאש ער לייכט אונטער אלע שטערין אונ ער איז גיוועזן גלייך צו איין רויז וואש גייט אויף אין דר פריא אונ ער איז גיוועזן איין רבי צו דיא יהודים אונ איין פריינט צו די סנהדרין אונ האט גיפארשט גוטש צו דעם פאלק אונ האט גירעט פריד צו אלע זיינע קינדר :

# תרגום על שיר השירים

שיר השירים דאש איז דאש ליבליכע גיזאנג וואס דר נביא שלמה דער מלך פון ישראל האט גיזאגט פר הקב"ה · צעהען גיזאנג זיינן גזאגט גיווארין אויף דער וועלט אבר דאש גיזאנג פון שלמה איז דאש ליבליכסטע · דאש ערשטע גיזאנג האט גיזאגט אדם הראשון אז דר שבת האט אויף אים באשיצט · אונ השי"ת האט אים מוחל גיוועזן זיינע עבירות דא האט ער גזאגט דאש קפיטיל מזמור שיר ליום השבת · דאס אנדרע

גיזאנג איז אין בשלח אז ישיר משה ובני ישראל דאש האט משה גיזאגט מיט כל ישראל אז הקב"ה האט פאר זיי גשפאלטין דעם ים · דאס דריטע גיזאנג איז אין פרשה חוקת אז ישיר ישראל דאש האבן גיזאגט די ישראל אז הקב"ה האט זיי גיגעבין דעם ברונען אין דער מדבר דאש פערטע גיזאנג איז האזינו דאש האט משה גיזאגט פר זיין טויט · דאש פינפטע גיזאנג איז אין יהושוע (י) אז ידבר יהושע לה' דאס האט יהושוע גיזאגט ביי דער מלחמה פון גבעון בשעת די זון מיט דער לבנה זיינען שטיל גישטאנן אין מיטין דעם הימיל זעקס אונ דרייסיג שעה אונ האבין קיין שירה ניט גיזאגט · דאש זעקסטע גיזאנג איז אין שופטים (ה) ותשר דבורה וברק דאס האבין גיזאגט דבורה אונ ברק אז הש"י האט גיגעבין אין זייערע הענט סיסרא מיט זיין חיל · דאש זיבעטע גיזאנג איז ותתפלל חנה דאס האט גיזאגט חנה אז הקב"ה האט איר גיגעבן איין זון · דאש אכטע גיזאנג איז וידבר דוד לה' דאש האט דוד המלך גיזאגט וויא הקב"ה האט אים מציל גיוועזן פון זיינע פיינט · דאס ניינטע גיזאנג איז דאש דאזיגע שיר השירים דאש האט שלמה המלך גיזאגט צו הקב"ה מיט רוח נבואה · דאס צעהנטע גיזאנג וועלין זאגין די ישראל ווען זיי וועלין גיין קיין ירושלים וויא עש שטייט אין ישעיה (ל) דאש גיזאנג וועט אויך זיין מיט פרייד אזו וויא די נאכט פון פסח וואש איר זייט ארויש גיגאנגען פון מצרים אונ איר וועט אזו פריילעך זיין גלייך אזו וויא די צייט דאש איר פלעגט עולה רגל זיין דרייא מאל אין יאר מיט אלערליי כלי זמרים קיין ירושלים צו דינען גאט דעם הערין · ישקני דר נביא שלמה המלך זאגט גילויבט איז גאטש נאמען דאש ער האט אונז גיגעבין די תורה דורך משה גישריבין אויף צווייא טאבלען אונ האט מיט אונז גירעט פערזענליך גלייך אזו וויא איינר קושט דעם אנדערין פון וועגין גרויש ליבשאפט דאס ער האט אונז גיליבט מער אז אלע שבעים אומות כי טובים דודיך צו פאר דעם קול פון די נסים אונ זיין שטארקייט וואש ער האט גיטאן צום פאלק ישראל האבין גיציטערט אלע פעלקער אז זיי האבין גיהערט זיינע וואונדר אונ זיין הייליגר נאמען איז מער גשמעקט גיווארן פון הימל מער אין דעם בוימיל וואש מען האט גזאלבט מלכים

אונ כהנים אונ דרום האט זיי גאט ליב כדי די צדיקים זאלין וויסין צו גיין אין גוטין וועג אונ זאלין ארבין די וועלט אונ יענע וועלט משכני אז ישראל זיינן ארויש גיגאנגען פון גלות מצרים דא איז די שכינה פאר זיי גיגאנגען מיט איין זייל פון וואלקן ביי טאג · אונ מיט איין זייל פון פייער ביי נאכט דרענסט מאל האבין גזאגט די צדיקים פון דעם זעלביגן דור אונזר הער פון דר וועלט מיר וועלין דיר נאך גיין אונ לויפין נאך דעם רעכטין וועג · אונ טוא אונז גינעהען אונטער דעם בארג סיני אונ גיב אונז די תורה פון דיין אוצר פון דעם הימל מיר וועלין זיך פרייען מיט די צוויי אונ צוואנציג אותיות וואש זיינן ווארין גישריבן אונ מיר וועלין גידיינקן אין זיי גאט ליב צו האבין אונ מיר וועלין זיך דר ווייטערין פון דער עבודת כוכבים · אונ אלע די צדיקים וועלין זיך פארכטין פאר דיר · אונ וועלין ליב האבין דיין באפעל אונ גיבאט שחורה אז ישראל האבין גימאכט דאש עגל דא איז זייער פנים שווארץ גיווארן אזו וויא די כושים וואס רוען אין די גיצעלטין פון די טאטערן · אבער אז זיי האבין תשובה גיטאן אזו האט זייא גאט מוחל גיוועזן · דא איז זייער פנים ווידר לויטר גיווארן גלייך אז די מלאכים · אונ ווייל זיי האבן גמאכט איין פיר האנג צום משכן דא האט די שכינה פון גאט ווידר גירועט צווישין זיי אונ משה איז גיגאנגען אויף דעם הימל אונ האט שלום גמאכט צווישין זייא אונ זייער קיניג הקב"ה אויף דעם חטא העגל · אל תראוני דאש האבין גיזאגט דיא כנסת ישראל צו די עובדי כוכבים איר זאלט אונז ניט פר שעמען ווייל מיר זיינן שווארץ דאס איז דרום ווייל מיר האבין גיטאן בייזע מעשים אונ האבין זיך גיבוקט צו דער זון אונ לבנה דען די פאלשע נביאים האבן אונז דר צו גבראכט דאס אונזר גאט זאל שטארקין זיין צארין אויף אונז אונ זיי האבן אונז גלערינט דינן אייערע עבודת כוכבים אונ צו גיין אין אייער וועג אונ אונזר גאט דער הער פון דער וועלט האבין מיר ניט גידינט · אונ מיר זיינן ניט גיגאנגען אין זיין וועג אונ האבין ניט גיהיט זיין באפעל אונ די תורה אם לא דאס זאגט הקב"ה צו משה אויב דו ווילסט וויסין ווייא אזו עש זאלן גיין אין גלות די ישראל וואש זיינן גיגליכין צו איין שיינע בתולה אונ מיין לייב זאל זייא ליב האבין · זיי זאלין גיין

אין

אין דעם וועג פון די צדיקים אונ זאלין מסדר זיין זייערע תפלות דורך די חכמים אונ מנהיגים פון דעם דור אונ זאלין לערנען זייערע קינדער וואש זיי זיינן גיגליכין צו איין ציקעלע אין די גאסין דאש זיי זאלין גיין אין שול אונ אין בית המדרש · אונ פון דעם זכות וועגין וועלין זיי גשפייזט ווערין אין גלות ביז די צייט דאש איך וועל שיקין דעם מלך המשיח אונ ער וועט זיי פירין צו דעם בית המקדש וואש וועלין בויען דוד אונ שלמה דיא פירער פון ישראל · לסוסתי אז ישראל זיינן אויס גיגאנגן פון מצרים דא האט זיי פרעה נאך גיאגט מיט זיינע חיילות אונ רייטר ביז דעם ים אונ דארטן איז זיי גיוועזן דר וועג פאר שלאסין פון אלע פיר זייטין · פון דר רעכטר זייט אונ לינקער זייט איז גיוועזן מדבר פול מיט ברענענדיגע שלאנגן · הינטער זיי איז גיוועזן פרעה מיט זיינע חיילות · פר זיי איז גיוועזן דר ים סוף · וואש האט השי"ת גיטאן ער האט זיך אנפלעקט מיט זיין גבורה אונ האט גטריקינט דעם ים · אונ דאש ליים האט ער ניט גטריקינט דא האבין גיזאגט די רשעים דאש ערב רב אונ די פרעמדע אומות דאש ער קאן דאס ליים ניט טריקענן · אין דר זעלביגר צייט איז גשטארקט גיווארין דער צארין פון גאט דאש ער האט זיי אלע גוואלט דער טרינקן אין ים גלייך אז וויא פרעה מיט זיין פאלק אזו האט משה רבינו פר זיי גיבעטין פר גאט · דא האט גאט דעם צארין אפ גיטאן פון זיי אזו האבן משה אונ די צדיקים אן גיהויבין צו זאגין שירה אונ זיי זיינן גיגאנגן דורך דעם ים טרוקין פוס פון וועגין דעם זכות פון די גיליבטע אבות אברהם יצחק ויעקב נאוו לחייך אז די ישראל זיינן גיגאנגן אין דר מדבר דא האט גאט גיזאגט צו משה וויא שיין איז דאש פאלק מען זאל זיי געבין די תורה זיא זאל זיין צו זיי אז וויא איין מיול באנד אויף די קין באקן · אונ זיי זאלין ניט אפ קערין פון דעם רעכטין וועג אז וויא איין פערד וואס איז מיט דער צאם אויף די קין באקן · אונ וויא שיין איז זייער אקסל צו לײדין דעם יאך פון מצות · גלייך אזו וויא איין אקס וואש אקערט אין יאך · אונ קערט ניט אפ אונ ווערט גישפייזט פון זיין הערין תורי זהב דרום איז גיזאגט גיווארן צו משה גיי אויף דעם הימיל · איך וועל דיר געבן די צוויי לוחות וואש זיינן אויש גיהאקט פון ספיר זיי זיינען לויטער אז גין גאלד · זיי זיינען גיקריצט אונ גישריבן מיט מיין פינגר · אויף זיי איז גקריצט די עשרת הדברות זיי זיינן לויטערר אז דאש זילבר וואש איז גלייטערט גיווארן זיבין מאל · אין זיי שטייט גישריבן די צאל פון די ניין אונ פערציג פנים אונ דורך דיר וועל איך געבין די תורה צום פאלק ישראל עד שהמלך במסבו אז משה רבינו איז גוועזן אויפין הימיל מקבל צו זיין די צוויא לוחות אונ די תורה אונ מצות · דא זיינען אויף גישטאנען די רשעים מיט דעם ערב רב וואש זיינען גוועזן צווישן ישראל אונ האבן גמאכט דאש עגל · אונ עש איז פון זיי איין בייזע גשטאנק גיקומן · דען פריער איז פון זיי גיקומן איין גישמאק אזו וויא פון גוטע גווירץ אבער דר נאך איז פון זיי גיקומן איין בייזע גישטאנק וויא פון איין מצורע צרור המור אין דר זעלביגר צייט האט גאט גזאגט צו משה דוא משה גייא אונ נידר אראפ דען איך וועל פאר דארבן די ישראל ווארום זיי האבין גזינדיגט · דא האט משה רבינו גיבעטן צו גאט · אונ גאט האט גידאכט אין דר עקידה פון יצחק דאש דר פאטר האט אים גיבונדין אויף דעם בארג מוריה אויף דעם מזבח אזו האט גאט אפ גיטאן דעם רוגז פון ישראל אונ האט ווידער גילאזט רוען די שכינה צווישין ישראל אזו וויא פריער אשכול הכופר בשעת משה האט אראפ גינידערט האט ער גיהאלטין אין די הענט די צוויי לוחות · אונ פון וועגין די זינד פון ישראל זיינן זיינע הענט שוואך גיווארין · אונ די לוחות זיינן ארויש גיפאלין אונ זיינן צו בראכן גיווארן דא איז משה גיגאנגען אונ האט פאר ברענט דאש עגל אונ דאש אש האט ער פאר שפרייט אויף דעם באך וואשר אונ האט אן גיטרונקן די ישראל פון דר וואשר · אונ האט דר מיט אום גבראכט די וואש זיינן חייב מיתה גיוועזן אונ איז ווידר גיגאנגן דאש אנדרע מאל אויפן הימיל · אונ האט גיבעטין פאר השי' ער זאל זיי פאר געבין זייערע עבירות · דרום האט אים השי' באפוילין צו מאכין איין משכן אונ איין ארון · אין דר צייט אז משה הט אראפ גינידרט האט ער גימאכט דאש משכן אונ כלים אונ ארון · אונ האט גיטאן אין דעם ארון די אנדרע צוויי לוחות · אונ האט די קינדער פון אהרן גיזעצט פאר כהנים דאש זיי זאלין מקריב זיין קרבנות אויפין מזבח · אונ מנסך זיין דעם וויין

אויף די קרבנות · וואו האבין גינומען ישראל דעם ווייַן · אין דר מדבר וואקסט דאך ניט קיין ווייגין אונ קיין ווייַן טרויבין אונ קיין מיל גרויזן נאר זיי זיינען גיגאנגען צוא דעם ווייַן גארטין וואש הייסט עין גדי אונ האבין פון דארטין גינומען ווייַן טרויבין אונ האבין זייא אויש גידרעשט אונ דעם ווייַן האבין זיי מנסך גוועזן אויפין מזבח איין פערטיל מאס צו איין לעמלע · הנך יפה אז די ישראל האבין גיטאן דעם רצון פון גאט דא האט זיי גאט גילויבט פאר די מלאכים אין הימיל אונ האט גיזאגט וויא שיין זיינן דיינע מעשים מיין גליבטע טאכטר כנסת ישראל · ווען איר טוט מיין רצון אונ לערינט תורה · דיינע מעשים זיינן אזו שיין וויא די יונגע טויבן וואש זיינען כשר מקריב צו זיין אויפין מזבח · הנך יפה דודי אזו האבן די כנסת ישראל ווידער גיענטפרט פאר גאט הער פון דר וועלט · אונ האבין אזו גזאגט וויא שיין איז דיין הייליגע שכינה ווען דוא רועסט צווישין אונז אונ אנטפאנגשט אונזר גיבעט מיט גוטן ווילין אונ מאכשט דר פון איין ליבשאפט אונ אונזרע קינדר מערן זיך אויף דר ערד אונ מיר מערן זיך גלייך אז איין בוים שטייט אויף איין קוואל וואשר דא זיינן זיינע צווייגן שיין אונ זיינע טרויבן זיינן פיל · קורות בתינו ארזים שלמה המלך האט גזאגט וויא שיין איז דאש בהמ"ק פון גאט וואש איז גיבויט גיווארן דורך מיר פון טענן בוימר אבער דאש בית המקדש וואש וועט גיבויט ווערן אז משיח וועט קומן וועט בעסר אונ שענר זיין די באלקן וועלן זיין פון טענן בוימר פון דעם גן עדן אונ די ווענט וועלין זיין פון באקסארין בוימר :

אני חבצלת השרון דאש זאגן די כנסת ישראל אין דער צייט ווען גאט מאכט רוען די שכינה צווישן אונז דא זיינען מיר גיגליכן צו פייכטע זאפרען פון דעם גן עדן אין אונזערע מעשים גלייך אז איין רויז פון דעם גן עדן · כשושנה בין החוחים אבער אין דר צייט אז מיר קערן אפ פון דעם רעכטן וועג דא טוט גאט אפ פון אונז די שכינה · אזוא זיינן מיר גיגליכן צו איין רויז וואש בליט צווישין דערנר · דאש די בלעטר זיינן גישפאלטין · כתפוח אזו וויא איין אתרוג איז שיין צווישין לערע בוימער אונ די גאנצע וועלט לויבין אים אזו איז גאט גיוועזן גילויבט צווישן די מלאכים ווען ער האט גיגעבין דיא תורה צוא ישראל אויפין בארג סיני · אין דר צייט זיינען מיר גערין גיוועזן צו זיצן אין דעם שאטין פון דר שכינה אונ די רייד פון דר תורה איז אונז זיס גיוועזן צום גומען אונ דער שכר פון מצות איז גיהיט גיוועזן צו אונז לעולם הבא · הביאני גאט האט אונז גיבראכט אין דעם הויז פון דעם בית המקדש אונ צום בארג סיני צו לערנען דיא תורה פון משה רבינו דעם גרויסין שרייבר אונ אלע מצות האבין מיר מקבל גוועזן מיט ליבשאפט אונ האבין גיזאגט אלץ וואש גאט האט אונז באפוילין וועלין מיר טאן אונ הערין · סמכוני אין דער צייט אז מיר האבין גהערט דאש קול וואש איז גרעט גיווארין אויס דעם פלאם פייער זיינן מיר דר ציטערט גווארין אונ זיינן הינטר זיך גגאנגן פר גרויש דר שרעקנס דרום האבן מיר גנעהנט צו משה אונ אהרן אונ האבין גיזאגט זייט איר מקבל די רייד פון גאט אויש דעם פייער אונ ברייגנט עש אין בית המדרש אזו האבין זיי אונז גיזעטיגט מיט די רייד פון דער תורה דען אויף דעם שטייט דיא וועלט אונ גאט האט גיגעבין העפטלין אויף אונזר האלז דאש זיינען די הייליגע רייד וואש זיינן אזו זיס וויא איין עפיל פון דעם גן עדן אונ מיר האבין גיזאגט מיר וועלין לערנען דיא תורה ביז מיר וועלין גיהיילט ווערין פון דער קריינק פון וועגין ליבשאפט · שמאלו אז דאש פאלק זיינן גיגאנגן אין דר מדבר דא האבין זיי די וואלקין ארום גירינגילט פון אלע פיר זייטין כדי עש זאל אין זייא ניט שולט זיין קיין עין הרע · אונ איין וואלקין איז גיוועזן פון אויבין כדי צו בשיצין פר היץ אונ זון אונ רעגין אונ האגיל אונ איין וואלקין איז גיוועזן פון הינטין אונ האט זייא גיטראגין אז איין מוטער טראגט אירע קינדר אין איר שוים אונ איין וואלקין איז גגאנגן פר זיי אונ האט גלייך גימאכט די בערג אונ טאלין אונ האט אום גיבראכט אלע דיא שלאנגן אונ עגדישין וואש זיינן גיוועזן אין דער מדבר אונ האט זייא גימאכט עסין אונ איבער נעכטיגין דאש אלץ האבין זיי זוכה גיוועזן ווייל זיי האבין גילערינט די תורה וואש איז גיגעבין גיווארן מיט דר רעכטר האנט פון גאט השבעתי דער נאך איז גיזאגט גיווארן צו משה פון גאט בנבואה דאש ער זאל שיקין אשליח אונ זיי זאלין גיין אין לאנד ארץ ישראל · אונ ווייל זיי

האבין

האבין ניט גיוואלט גיין דא האבין זייא אויש גיצויגין איין שם רע אויף ארץ ישראל דריבער זיינען זיי אויף גיהאלטין גיווארין פערציג יאר אין דר מדבר דא האט משה גיעפינט זיין מויל אונ האט אזו גיזאגט איך באשווער אייך איר כנסת ישראל דאש איר זאלט ניט גיין קיין ארץ ישראל מיט אייער ווילין אליין ביז עש ווערט זיין דר ווילין פון הקב״ה • דא האבין גימערט צו שטארבין די שארין פון דעם דור גלייך אז וויא די ברידער פון קינדר אפרים וואש זיינען ארויש גיגאנגן פון מצרים דרייסיג יאר פר דער צייט אונ זיינען גיפאלין אין דיא הענט פון דיא פלשתים וואש האבין גיוואונט אין דר שטאט גת דרום ווארט אויש די פערציג יאר דר נאך ווילין אייערע קינדר אויף גיין צו ארבין דאש לאנד ארץ ישראל קול דודי שלמה המלך האט גיזאגט אין דר צייט אז ישראל זיינען גיזעסין אין מצרים דא איז אויף גיגאנגן זייער גיבעט ביז אין הימיל אונ דרום האט זיך אנפלעקט דער כבוד פון גאט צו משה אויף דעם בארג חורב אונ האט אים גישיקט קיין מצרים אויש צו לייזין די ישראל פון דעם גלות פון וועגין דעם זכות פון זייערע אבות דאש זיי זיינען גיגליכין צו איין בארג אונ האט זיי אויש גילייזט פאר דר צייט הונדערט אונ ניינציג יאר פון וועגין דעם זכות אמהות דאש זיי זיינען גיגליכין צו די הויך דומה דודי דאש זאגן די כנסת ישראל אין דר צייט אז די שכינה פון גאט האט זיך אנפלעקט אום פסח צו נאכט אונ האט גיטייט אלע די בכורים פון מצרים אזו האט ער גירוטין אויף איין גישווינדן וואלקין אז איין הירש אונ איין יונגע אינד וואש לויפין גישווינד • אונ האט באשיצט די הייזער וואש מיר זיינן דרינן גיוועזן אונ האט זיך גיפונן נאך אונזערע ווענט אונ האט זיך גיקערט צו די פענסטר פון דעם הימיל • אונ האט גילוגט דורך די לעכר אזו האט ער גיזעהן דאש בלוט פון דעם קרבן פסח אונ מילה וואש איז גישפריינגט גיווארין אויף אונזרע טירין אזו האט ער דאש גיבראכט אין הויכן הימיל אונ אז ער האט אונז גיזעהן עסין דעם קרבן פסח גיבראטן אויף דעם פייער • אונ אויך מרור אונ מצות • אזו האט ער זיך דר בארימט איבר אונז אונ האט ניט גיגעבן קיין מאכט אין דעם מלאך המשחית אונז צו פאר דארבין • ענה דודי אין דעם אנדערן מארגן פריא

האט ווידער גיקערט מיין גיליבטר הקב״ה אונ האט צו מיר גיזאגט שטייא אויף דו כנסת ישראל מיין אלט גליבט פאלק בשיינט מיך מיט מעשים אונ גייט אויש פון דר דינסט פון מצרים • כי הנה הסתיו עבר דען פאר ווארן די צייט פון דר שווערר ארבעט וואש איז גיגליכן צו ווינטר האט שוין אויף גיהערט • אונ די פיר הונדרט יאר וואש זיינן גזאגט גיווארן בברית בין הבתרים זיינען שוין אפ גישניטין גיווארן • אונ די הערשאפט פון מצרים וואש איז גיגליכן צו איין שטעטגליכן רעגן איז שוין פאר בייא אונ איר ווערט זיי שוין אייביג ניט זעהען הנצנים נראו משה אונ אהרן דאש זייא זיינען גיגליכין צוא איין לולב וואש שפראצט אויף דעם טייטיל בוים זיינען שוין גיזעהן גיווארין צו טאן נסים אין לאנד מצרים אונ עש האט גיגרייכט די צייט צו טייטין די בכורים פון מצרים • אונ דאש קול פון רוח הקודש צו דר לייזין וואש איז גיזאגט גיווארין צו אברהם אייער פאטער אונ דאש האט דאך שוין לאנג גהערט דאש איך וועל משפטין דאש פאלק וואש איר ווערט דינן אונטר זייא • אונ דאש איר ווערט אויש גיין פון זיי מיט פיל גוטש דרום איז איצונדערט מיין רצון צו טאן די רייד וואש איך האב בשטעטיגט מיט אברהם התאנה חנטה די כנסת ישראל וואש זיינן גיגליכין צו צייטיגע פייגן האבן גיעפינט זייער מויל אונ האבין גיזאגט שירה בייא דעם ים סוף אונ אויך די יונגע אונ זייגינדיגע קינדר האבין אין זייער לשון גאט גילויבט • אזו באלד האט הקב״ה גזאגט שטיי אויף דו כנסת ישראל מיין גליבטע אונ בשיינטע אונ גייא פון דאנען אין דעם לאנד וואש איז צוא גיזאגט דיינע עלטערן • יונתי בחגוי הסלע בשעת פרעה האט נאך גיאגט די ישראל דענמאלט זיינען זיי גיגליכין גיוועזן צו איין טויב וואש זיצט איין גישלאסן אין די שפאלטן פון דעם פעלזן אונ איין שלאנג פלאגט זיא אינווייני אונ אשפארביר אוישן ווייניג אזו אויך זיינע גוועזן די ישראל פאר שלאסן פון אלע פיר זייטן פאר זיי איז גיוועזן דר ים הינטר זיי די שונאים פון זייערע ביידע זייטין דער מדבר פול מיט ברענינדיגע שלאנגן וואש בייסן אונ טייטן דיא מענטשין מיט זייער גיפט • אזוא באל האבין זייא גיעפינט זייער מויל צוא גאט מיט תפלה • דא איז גיקומן איין בת קול פון דע

הימיל אונ האט גיזאגט דוא כנסת ישראל וואש
דוא בישט גיגליכן צו איין איינגשטיגע טויב
וואש פר שליסט זיך אונ פר בארגט זיך אין די
שפאלטין פון דעם פעלזין אונ אין דיא פאר
בארגענע ווענין וויז מיר דיין גישטאלט אונ
דיינע רעכט פארטיגע מעשים אונ לאז מיך
הערין דיין קול· עש איז זייער זיס מיר דיין
תפלה אין קליינעם בהמ"ק· דאש זיינען דיא
שולין אונ דיין גישטאלט אונ דיינע גוטע מעשים
זיינן זייער שיין אחזו לנו נאך דעם אז די ישראל
זיינען איבר גיפארן דעם ים· האבן זיי גיקריגט
אויף משה פון וועגן וואשר אזו איז גיקומן אויף
זייא דער עמלק הרשע· דאש ער האט נאך
גיטראגין דיא שנאה פון וועגין דיא בכורה אונ
די ברכות וואש יעקב אבינו האט אוועק גינומן
ביי זיין עלטר פאטר עשו· אונ האט מיט זייא
מלחמה גיהאלטין וויל זיי האבין מבטל גיוועזן
דיא תורה· אונ דר עמלק הרשע האט גיגנבת
עטליכע לייט פון שבט דן פון אונטער דיא
פליגיל פון די ענני הכבוד· אונ דאש איז זייא
גישעהן וויל זיי האבין גיהאט ביא זיך דעם
פסל מיכה· אין דער זעלביגער צייט זיינען דיא
ישראל גיוועזן גיגליכין צו איין וויין גארטן וואס
מען פאר דארבט אים אונ די צדיקים פון דעם
דור זיינן גיוועזן גיגליכין צו גוטע גיווירץ דודי לי
ואני לו אין דער זעלביגר צייט האבן זייא חוזר
בתשובה גיוועזן אזוא האט זיך גישטעלט דער
נביא משה אונ האט תפלה גיטאן צו גאט אונ
זיין משרת יהושע איז ארויש גיגאנגן גיפרישט
פון דיא ענני כבוד אונ האט מיט זיך גינומען
מענטשין צדיקים דאש זייא זייגען גיגליכין מיט
זייערע מעשים וויא שיינע רויזן אונ זיי האבין
מלחמה גיהאלטין מיט עמלק אונ האבן אים צו
בראכן מיט זיין פאלק דורך דעם חרם פון גאט
אונ האבין זייא אויך גיטייט מיט דער שווערד
עד שיפוח היום אין איין ווייניג צייטן דר נאך האבן
זייא ישראל גימאכט דאש עגל פון גאלד אזוא
האבין זיך אפ גיטאן די ענני כבוד וואס האבין
גימאכט איין שאטין איבר זייא אונ זייא זייגען
גיבליבין אפין אונ האבין גימוזט אפ לייגן זייער
שווערד וואש אויף איר איז גיוועזן גיקריצט
דער שם המפורש מיט זיבעציג שמות אונ גאט
אגערט זיי צו פרלירין פון דר וועלט· נאר ער
האט גידאכט אין דער שבועה וואש ער האט
גישווארין צוא אברהם יצחק ויעקב דאש זייא
זיינן גיוועזן גישיקט צו זיין דינסט אז איין הירש
אונ יונגע אינדרין אונ האט גידאכט דאס אברהם
האט מקריב גיוועזן זיין זון יצחק אויף דעם
בארג מוריה· אונ דאש ער האט פריער אויך
מקריב קרבנות גוועזן דאש זיי האבן גישפאלטן
דעם הימיל:

על משכבי בלילות אז די ישראל האבין דר זעהן
דאס עס איז אפ גיטאן גיווארין פון זיי דיא
ענני כבוד אונ די קרוין וואש איז גיגעבן גווארן
אויפין בארג סיני אזוא זייגען זייא גיוועזן פאר
פינסטערט אלע נאכט אונ האבין גיזוכט דיא
הייליגע קרוין אבר זייא האבין זיא ניט גיפונען
אקומה נא די ישראל האבין גיזאגט איינער צום
אנדערין קומט לאמיר ארום רינגלן דאס גיצעלט
וואש משה האט פאר שפרייט מחוץ למחנה
אונ לאמיר ווידר פאדערין דיא תורה פון גאט
אונ די הייליגע שכינה וואש איז פון אונז אפ
גיטאן גיווארין זייא האבין זיא גיזוכט אין דיא
שטעט אונ דערפר אונ פאלישען אבר זיי האבן
זיא ניט גיפונן מצאוני זאגין די כנסת ישראל זיי
האבן מיך גיפונן משה אונ אהרן אונ דיא לויים
וואס רינגלן ארום דאש משכן אזו האב איך זיי
גיפרעגט פון וועגין דער זאך פון דער הייליגער
שכינה אזוא האט משה רבינו גיענטפערט אונ
גיזאגט איך וועל אויף גיין אין הויכן הימל צוא
בעטין פון גאט טאמער וועט ער אייך מוחל זיין
אויף אייערע עבירות אונ וועט ווידער לאזין
רוען זיין שכינה צווישין אייך אזוא וויא פריער
כמעט שעברתי איין קליינע צייט דער נאך האט
הקב"ה ווידער גיקערט זיין צארין אונ האט
באפוילין דורך דעם נביא משה צו מאכין דאס
משכן אונ ארון אונ ער האט גיטאן רוען זיין
שכינה דרינן אונ ישראל האבן מקריב גיוועזן
זייערע קרבנות אונ האבין גילערינט תורה אין
דר קליינער ישיבה פון יהושע דר משרת פון
משה השבעתי אתכם אז די זיבין אומות האבן דר
הערט דאש די ישראל וועלין ירשנן זייער לאנד
אזו האבין זיי אפ גיהאקט אלע ביימר אונ פאר
שטאפט אלע קוואל וואשער אונ האבין אויש
גיליידיגט זייערע שטעט אונ זיינן אנטלאפין·
דא האט גיזאגט הקב"ה צוא דעם נביא משה
איך האב בפעסטיגט צו זייערע עלטערן ארין
צוא ברייננן זייערע קינדר אין אזוא איין לאנד

וואש

וואש פֿליסט מילך אונ האניק נוא וויא זאל איך איצונדרט זייערע קינדער אין איין וויסט לאנד ברייגגן דרום וויל איך איצונדרט אויף האלטין זיי פערציג יאר אין דר מדבר אונ אונטער דער צייט וועט מיין תורה ביי זיי פאר מישט ווערין אונ די פעלקר וועלן ווידר בויען וואש זיי האבן פר וויסט · אזו האט משה גיזאגט צו די כנסת ישראל איך באשווער אייך ביי גאט צבאות אונ בייא דעם שטארקין לאנד ארץ ישראל · דאש איר זאלט ניט אויף גיין מיט אייער ווילין אליין קיין ארץ ישראל ביז די פערציג יאר וועלין זיך אויש לאזין דר נאך וועט הקב״ה טאן זיין ווילין אונ וועט איבער ענטפערין אין אייערע הענט דיא זיצר פון דעם לאנד אונ איר וועט איבער פארין דעם ירדן אונ דאש לאנד וועט פר אייך באצוואונגען ווערין · מי זאת עולה אז דיא ישראל זיינן ארויס גיגאנגן פון דר מדבר אונ זיינן איבר גיפארין דעם ירדן מיט יהושע דא האבין דיא אומות גיזאגט וואש פאר איין אוים דער וועלט פאלק גייען אויש דר מדבר זיי זיינן בערייכערט מיט גיווירץ · אונ זיינן אונטער גילעהענט מיט זכות אברהם דאש ער האט תפלה גיטאן אויף דעם בארג מוריה אונ זיינן גיזאלבט מיט אלע הערשאפט דורך דעם זכות פון יצחק וואס ער איז גיוועזן גיבונדין אויף דעם פלאץ פון דעם בית המקדש וואש ער ווערט גירופן דר לבנון אונ עס איז זייא גישעהן נסים פון וועגין דאש חסידות פון יעקב דאש ער האט זיך גיראנגילט מיט דעם מלאך ביז עש איז אויף גיגאנגן דר מארגין שטערין אונ ער איז גיוועזן שטארקר פון דעם מלאך אונ איז ניצול גיווארין מיט זיינע צוועלף שבטים הנה מטתו אז שלמה המלך האט גיבויט דאש בית המקדש אין ירושלים · דא האט הקב״ה גיזאגט וויא גאר שיין איז דאס בית המקדש וואש איז צו מיר גיבויט גיווארן דורך די הענט פון שלמה המלך דער זון פון דוד · אונ וויא גאר שיין זיינן די כהנים אין דר צייט אז זיי פאר שפרייטין זייערע הענט אונ שטייען אויף זייער דוכן אונ בענטשין דאש פאלק ישראל מיט זעכציג אותיות וואש איז איבער גיענטפערט גיווארין צוא משה רבינו · אונ רינגלן זיי ארום מיט דר ברכה גלייך אז מיט איין פעסטין מויער אונ דורך דעם שטארקין אונ באגליקין אלע די ישראל כולם אחוזי אונ די כהנים אונ לוים אונ אלע די ישראל באגרייפן די רייד פון דער תורה דאש זיא איז גיגליכין צוא איין שווערד אונ זיינן אין איר נושא ונותן גלייך אז די מענטשין וואס זיינן גילערינט צו שטרייטין אונ איטליכר פון זיי איז גצייכינט מיט דר מילה אזו וויא אברהם אבינו אונ שטארקין זיך אין דר תורה גלייך אז וויא איינר וואש איז אן גיגורט מיט איין שווערד אונ דרום פארכטין זייא זיך ניט פר מזיקים אונ רוחות וואש וואנדערין בייא נאכט אפריון דאש הייליגע בעטיל דאש איז דר כפורת וואש שלמה המלך האט גבויט איז גוועזן פון איינגבר אונ שאגי אונ שורבני האלץ וואש קומט פון דעם וואלד לבנון אונ האט עס בדעקט מיט ריין גאלד עמודיו עשה כסף אז שלמה המלך האט שוין גאר אויש גיבויט דעם בית המקדש אזו האט ער דריין גטאן דעם ארון העדות דאס ער איז דיא קרוין פון דר וועלט · אונ דרינגען איז גוועזן פר בארגין די צוויי שטיינערנע לוחות וואש משה האט גינומן פון דעם בארג חורב וואש עס איז גיוועזן קעשטליכר אז גילייטערט זילבר אונ שענער אז פיין גאלד אונ האט דעם ארון איבער גישפרייט מיט אפרוכת פון תכלת אונ ארגמן אונ צווישין דיא כרובים וואש איז גיוועזן אויפין כפורת האט גירוט די שכינה פון גאט דער גאט וואש האט גירוט אין ירושלים מער אז אין אלע לענדר פון ארץ ישראל צאינה וראינה אז שלמה המלך איז גיקומן צוא מאכין חנוכת בית המקדש דא איז אויש גיגאנגן איין בת קול אין פאר הויף פון דעם בית המקדש אונ האט גיזאגט גייט אויש אונ זעהעט דיא באזיצער פון דער גראף שאפט פון דעם לאנד ארץ ישראל אונ זעהט דאש פאלק פון ציון אין זייערע קרונן וויש שלמה האט זיי גיקריינט אין דעם טאג פון חנוכת בית המקדש אונ פרייט אייך דיא פרייד פון דעם יום טוב סוכות וואש שלמה המלך האט גמאכט אין דר צייט פערצן טעג יום טוב :

הנך יפה אונ אין דעם זעלביגן טאג האט שלמה המלך מקריב גיוועזן טויזינט עולות אויף דעם מזבח אונ זיינע קרבנות זיינן גוועזן לרצון פאר גאט אונ איין בת קול איז ארויס גיגאנגע פון דעם הימל אונ האט גיזאגט וויא גאר שיין זיינען חשוב דיא כנסת ישראל אונ דיא קלוגי סנהדרין וואש לייכטין אייביג אונ זיינן גיגליכי

צוא יונגע טערקיל טויבין אונ אפילו דאש איבעריגע פאלק אונ די עמי הארצים זיינן אויך צדיקים אז וויא דיא קינדר פון יעקב דאש זייא האבין אויף גיקליבין שטיינר אונ האבן גמאכט איין הויפין אויף דעם בארג גלעד · שניך וויא שיין זיינען דיינע כהנים אונ לוים וואש זייגען מקריב דיינע קרבנות. אונ עסין דאש הייליגע פלייש אונ תרומות ומעשרות · אונ זיינען ריין פון גזילות אז וויא דיא שאף פון יעקב וואש זיינן איבער גיפארין דעם טייך יבוק אונ אלע זיינן גלייך גוועזן · אונ האבין גיוואוגן אלע צייט צווילינגן אונ קיין עקרה אונ איין אפ ווארפערן איז ניט גיוועזן צווישין זייא כחוט השני אונ ווען דיא לעפצין פון דעם כהן גדול האבין תפלה גיטאן אין בית המקדש אונ זיינע רייד האבן פר קערט די עבירות וואש זיינן גיגליכין צו רויטע פארים אונ האט זייא גימאכט וויים אז רייגע וואל · אונ דר מלך אייער ראש איז גיוועזן פול מיט מצות אז די מילגרוים אונ דיא הערין אונ שרים פון דעם מלך זיינן גיוועזן צדיקים אונ עש איז ניט גיוועזן אונטר זיי קיין שלעכץ כמגדל דויד אונ דער ראש ישיבה אונ אייער רב איז גיוועזן שטארק פון זכיות אונ האט גיהאט פיל מעשים טובים אזו וויא דוד מלך ישראל · אונ דורך זיין ווארט האט די וועלט אקיום גיהאט אונ דורך זיין תורה וואש ער האט גילערינט זייגען דיא ישראל גיוועזן פר זיכערט אין דר מלחמה גלייך וויא זיי וואלטין גיהאלטן אין זייערע הענט אלע כלי מלחמה שני שדיך דיינע צוויא דר לייזערש וואש וועלין אייך דער לייזין משיח בן דוד אונ משיח בן אפרים זייגען גלייך צו משה אונ אהרן די קינדר פון יוכבד דאש זיי זיינן גלייך אז וויא איין צווילינג פון צווי יונגע הערשין אונ זייא האבן גפאשעט דאש פאלק אין דר מדבר פערציג יאר מיט דעם מן אונ פעטע פויגיל אונ מיט דעם ברונן פון מרים עד שיפוח אונ כל זמן דיא ישראל האבין באגריפין אין זייערע הענט דאש אומנות פון זייערע פרומע עלטערן דא זיינן די מזיקים אוועק גיפלויגן פון זיי אבינט אונ מארגן וויל די ווערדיגע שכינה פון גאט האט גירוט אויף דעם בית המקדש וואש איז גבויט גיווארן אויף דעם בארג מוריה אונ אלע מזיקים אונ רוחות זייגען אוועק גיפלויגין פון פאר דעם גרוישין ריח פון די קטורת כלך יפה אונ אז דיא ישראל טוען דעם רצון פון דעם בשעפר פון דר וועלט אזו לויבט ער זיי אין הימיל אונ זאגט דו כנסת ישראל בישט גאר שיין אונ קיין מום איז אין דיר ניט דא אתי מלבנון גאט זאגט צו די כנסת ישראל ביי מיר וועסטו זיצין דוא פרומע כנסת ישראל וואש דוא בישט גיגליכין צוא איין פרומע ציכטיגע טויב אונ מיט מיר וועסטו גיין אין בית המקדש אונ די פעלקר וואס זיצין לעבין דעם באך אמנה וועלין דיר ברייגגען מתנות אונ די איין וואונר ביי די שנייא בערג אונ די אומות פון חרמון וועלין דיר געבין מס אונ מען וועט דיר ברייגגן מתנות פון די שטארקע שטעט וואש זייגען שטארקר אז די לייבין אונ פון די שטעט וואש זיינן אויף די בערג וואס זיינן פעסטר אז די לעמפערטן לבבתני אויף דעם טאביל פון מיין הארצן איז איין גיקריצט דיין ליבשאפט דו מיין שוועסטר כנסת ישראל וואס איז גיגליכן צו איין פרומע כלה אויך איז אויש גיקריצט אויף מיין הארצין די קליינע ליבשאפט פון דיין מלך דש ער איז פרום אז איינר פון דיא סנהדרין אונ אז איינר פון די קיניגין יהודה וואס איז גיגעבין גיווארין די קרוין פון מלוכה אויף זיין קאפ · מה יפו וויא גאר שיין גיפעלט מיר דיין ליבשאפט מיין שוועסטר כנסת ישראל וואס איז גיגליכן צו איין פרומע כלה אונ דר גוטר נאמן פון דיינע צדיקים שמעקט מער אז אלע בשמים נופת אז די כהנים האבין תפלה גיטאן אין דר הייליגער עזרה דא האבין גירונן זייערע לעפצין אזו וויא האניק אונ דיין צונג מיין שוועסטר כלה איז זיסר אז מילך אונ האניק אין דיין טאן ריידין לויב אונ גיזאנג אונ דר ריח פון די קליידר פון די כהנים שמעקט אזו וויא ווייריך גן נעול אונ די וואס נעמן פרומע מאנן זיינן גיגליכן אז איין פרומע כלה אונ אזו וויא דאש גן עדן וואש קיין שום מענטש האט ניט גימאגט אליין אריין גיין דריגן נאר די נשמות הצדיקים ווערין אריין גישיקט דורך די הענט פון מלאכים אונ דיינע בתולות זיינן פאר בארגין אז איין קוואל קוועלענדיגע וואסר וואש קומט ארויף פון אונטר איין בוים אונ צו שפרייט זיך אויף פיל טייכין אונ ווען דר קוואל וואלט ניט גיוועזן פר חתמית מיט דעם גרוישן הייליגן שם אזו וואלט ער פר פלייצט די גאנצע וועלט שלחיך פרדס דיינע יונגען זיינן פול מיט מצות אז די מילגרוים אונ דיא

האבין

האבן ליב זייערע ווייבר אזו גיווינן זיי גוטע קינדר וויא זיי זיינן אונ זייער גישמאק איז גלייך אז קאנפער אונ גיווירץ פון דעם גן עדן נרד אונ אז וויא הויבט גיווירץ אונ זאפרן אונ צמרונג אונ וויא אלע בשמים פון דעם וואלד לבנון אונ אויך וויא ריין גיווירץ אונ נעגעליך מיט אלע סארטין גיווירץ מעין גנים אונ דר באך וואסער וואש הייסט שילוח וואש רינט גאנץ גשווינט אויך די אנדרע וואסר וואש ריגען אויש דעם לבנון די אלע זיינן אן צו טרינקן דאס לאנד פון ישראל וויל זיי מיען זיך אין דער תורה דאש זיא איז גיגליכין צו איין קעמליכן ברונען אונ פון וועגן דעם זכות ניסוך המים וואש מען האט גיגאסין אין בית המקדש וואש איז גיוועזן אין ירושלים דאש ער ווערט גירופין לבנון עורי צפון אונ אין צפון זייט איז גישטאנן דר טיש מיט די צוועלף לחם הפנים אונ אין דרום זייט דיא מנורה צו לייכטין אונ אויף דעם מזבח האבין די כהנים מקריב גיוועזן קרבנות אונ גיווירצטע קטורת אונ די כנסת ישראל האבין גיזאגט מיין גאט דער גיליבטער זאל אריין גיין אין דעם בית המקדש אונ זאל אנטפאנגן מיט רצון דיא קרבנות פון זיין פאלק:

באתי לגני הקב"ה האט גיזאגט צו זיין פאלק ישראל איך בין אריין גיגאנגען אין בית המקדש דאש דו האסט גיבויט מיין גיליבטע שוועסטער כנסת ישראל וואש איז גיגליכין צו איין ציכטיגע כלה אונ איך האב מיין שכינה צווישן דיר גלאזט רוען איך האב אויך ווילינגליך אנטפאנגן דיינע קטורת דאש דו האסט גמאכט צו מיין נאמן אונ איך האב גישיקט פייער פון דעם הימיל צו פר ברענן די בראנד אפער אונ די היילגע שעכטונג האב איך צו גינומן לרצון אונ אויך דאש גיסונג פון דעם רויטן אונ ווייסן וויין וואש די כהנים האבין מנסך גיוועזן אויפין מזבח איצונדרט קומט איר כהנים די ליב האבר פון מיינע חוקים אונ עשט וואש איז איבער גיבליבין פון די קרבנות אונ זייט אייך מפנק פון דעם גוטש וואש איז אייך אן גיברייט אני ישנה נאך אלע די זאכין האבין די ישראל פר זינדיגט אזו האט זיי גאט איבר גיענטפערט אין די הענט פון נבוכדנצר מלך בבל אונ ער האט זיי גיפירט אין גלות אריין אונ זיי זיינן דארטין גיוועזן אזו וויא איין מענטש וואש קאן זיך ניט אויף וואכין פון דעם שלאף אונ דאש קול פון רוח הקודש האט זיי גילויכטין דורך די נביאים זיי האבין זיי אויף גיוואכט פון זייער שלאפענדיג הארץ אונ דר הער פון דר וועלט האט גירופין אונ גיזאגט זייא חוזר בתשובה אונ עפין דיין מויל אונ בעט אונ לויב צו מיר מיין גיליבטע שוועסטער כנסת ישראל וואש דו בישט גיגליכין צו איין טויב דורך דיינע פיל גוטע מעשים דען די האר פון מיין קאפ זיינן פול מיט דיינע טרערין אזו וויא מיט טויא אונ די לאקין פון מיינע האר זיינן פול פון טראפין דיינע טרערין פון די אויגין זייטען גלייך אזו וויא דר רעגין פון בייא נאכט וואלט גינידערט אויף זייא פשטתי דא האבין געגנטפערט די כנסת ישראל אונ האבין גיזאגט קעגין די נביאים איך האב דאך שוין אפ גיטאן פון מיר דעם שנור פון מצות וויא זאל איך ווידר קערין מיין פנים צו אים דא האט איר גענטפערט הקב"ה דורך די נביאים איך האב דאך אויך מיין שכינה שוין לאנג אפ גיטאן פון דיר אונ וויא זאל איך ווידער קערין צו דיר דו האסט דאך בייזע מעשים גיטאן אונ איך האב מיינע פים גירייניגט פון דיינע אום ווערדיקייט אונ וויא זאל איך זיי ווידער פר אום רייניגן צווישן דיר דורך דיינע בייזע מעשים דודי שלח ידו ער האט ער גשטרעקט זיינע שטארקע שלעק איבר שבט ראובן אונ גד אונ האלב שבט מנשה דאס זיי זיינן גיוועזן איבער דער זייט פון דעם ירדן אונ האט זיי איבר גיענטפערט אין דער האנט פון סנחריב מלך אשור אונ וויא איך כנסת ישראל האב דאס פאר נומען אזו האב איך גיוועלגערט איבר זיי מיין דר בארים הארציקייט קמתי אני אונ אז עס האט זיך אויף מיר גשטארקט גאטש שלאק דא האב איך מיך פר וואונדרט איבער די ווערק דאש די כהנים האבין מקריב גיוועזן קרבנות צו הקב"ה אונ עש איז אום מיגלעך גיוועזן אים צו אנטפאנגן אונ דאש איז גישעהן וויל דער הער פון דער וועלט האט צו גישלאסן די טויערן פון תשובה פתחתי אני די כנסת ישראל זאגין איך האב באגערט צו פאדערין די תורה פון השי"ת אבר ער האט אפ גטאן פון מיר די שכינה מיין לייב האט גיגלוסט צום קול פון זיינע רייד אונ איך האב גיזוכט זיין ווערדיגע שכינה אבר איך האב זיא ניט גיפונען איך האב פאר אים תפלה גיטאן אונ

ער

ער האט באדעקט זיינע הימלען מיט וואלקין ניט צו פר נעמען מיין תפלה · מצאוני זיי האבן מיך גיגרייכט די כשדים אונ דאש פאלק פון בבל אונ האבין מיך גישלאגן אונ גיביילט אונ האבין באלעגערט ארום דער שטאט ירושלים אטייל פון מיר האבן זיי גיטייט מיט דר שווערד אונ אטייל האבין זיי גיפירט אין גיפינקעניש אונ האבין אוועק גינומען די קיניגליכע קרוין פון צדקיהו מלך יהודה אונ האבין אים גיפירט קיין רבלה אונ האבין אים בלינד גימאכט זיינע אויגין השבעתי אזו האבין גזאגט די כנסת ישראל איך באשווער איך נביאים דורך גאטש רייד ווען מיין גיליבטר גאט ווער זיך צו אייך בווייזין אזו זאלט איר אים זאגין דאש איך בין קראנק פון ווענין זיין ליבשאפט · מה דודך אזו האבין די נביאים גיענטפערט אונ גיזאגט צו ישראל וועלכן גאט בגערשטו צו דינען דו כנסת ישראל די שענסטע אונטר אלע עובדי כוכבים צו וועלכן בגערסטו דיך צו פארכטין דאש דו בשווערסט אונז אזו דודי צח אזו באלד האבין די ישראל אן גיהויבן דר ציילין די לויב פון הקב״ה אונ האבן גיזאגט מיר וועלין דינען צו דעם גאט וואש קלייד זיך אן בייטאג אין ווייסע קליידר אז שניי אונ לערינט אין די פיר אונ צוואנציג ביכר פון תורה אונ נביאים כתובים אונ ביי נאכט לערינט ער ששה סדרי משנה אונ דער כבוד פון זיין לויטר גשטאלט איז לויטר אזו וויא פייער אונ עש איז פיל זיין חכמה אונ פאר שטאנד מיט זיינע הלכות וואש ער באנייט אלע טאג דאס ער וועט זיי אנפלעקין צו זיין פאלק לעתיד לבא אונ זיין ממשלה איז איבר צעהן טויזנט מלאכים וואש דינען פאר אים ראשו די תורה איז רויטר אז גין גאלד אונ דאש אוים לייגונג פון דיא ווערטר פון דער תורה זיינן גיצייכינט פון מצות אונ טעמים די וואש היטין זיי זיינן וויים אזו וויא שנייא אבר די וואש היטין זיי ניט זיינן שווארץ אז איין ראב עיניו זיינע אויגין לוגין תמיד אויף ירושלים אונ ישראל פון אן הייב ביז סוף צו באגיטיגין אונ צו בענטשין זיי גלייך אז וויא די טויבין שטייען אונ לוגין אויף דעם אוים גאנג פון וואסר דאס קומט צו ישראל פון וועגין דעם זכות דאש די סנהדרין זיצין אונ לערנען תורה אונ לייכטין מיט דינים וואש זיינן וויים אז מילך אונ זיצין אין בית המקדש אונ קלערין אין דין

ביז זיי זיינן רעכט מחייב אונ מזכה לחיו כערוגת די צווייא שטיינרנע לוחות וואש ער האט גיגעבן זיין פאלק זיינן גישריבן אויף צעהן שורות גלייך אז וויא די צייליו פון איין גיווירץ גארטן אונ זיי ברייננן דער פון דקדוקים אונ טעמים אז וויא דר גיווירץ גארטין ברייננט אויף איין גוטין ריח אונ די לעפצין פון די חכמים טריפן מיט טעמים פון אלע זייטין אונ זייערע ווערטר איז גלייך אז אלע דאס בעסטע גווירץ ידיו גלילי זהב די צוועלף שבטים די קנעכט פון יעקב זיינע גיוועו אוים גיגראבן אויף דעם הייליגין אונ גילדענעם חושן אונ אויף צוועלף קעסטליכע שטיינער מיט די דריי אבות פון דר וועלט אברהם ויצחק ויעקב ראובן איז גיוועו אויש גיגראבן אויף איין רובן · שמעון אויף איין פריזאנט אונ לוי אויף איין גארפינקל יהודה אויף איין שמאראק יששכר אויף איין ספיר זבולון אויף איין פעריל מוטער דן אויף איין טורקאס נפתלי אויף איין טופאז גד אויף איין קרישטאל אשר אויף איין יאכצונג יוסף אויף איין אניקיל בנימין אויף איין ישפה אזו זיינן זיי גיוועו גלייך אז די צוועלף מזלות אונ האבין גילויכטן אז איין לאנטרנע אונ זיינן גיוועו קלאר מיט זייערע מעשים אז דר ביין פון איין העלפאנד אונ אז ספיר · שוקיו די צדיקים וואש זיינן די זיילין פון דר וועלט זיינן גיגרונד פעסט אויף גילדענע זיילין דאש מיינט מען זיי שטראפין די ישראל מיט די רייד פון דר תורה וואש זיי לערנען זיי דאש זיי זאלין טאן דעם רצון פון הקב״ה אונ הקב״ה דר פילט זיך מיט בארעם הארציקייט אונ מאכט וויים די עבירות פון ישראל אז שנייא אונ ברייט זיך אן מיט שטארקייט צו שטרייטין אונ צו פאר לירין די רשעים וואש זיינן עובר זיינע גיבאט אז איין שטארק יונגלינג אונ איין פעסטר טענן בוים · חכו ממתקים די רייד פון זיין גומען זיינן זים אזו וויא האניק אונ זיינע גיזעץ זיינן ליבר צו דיא חכמים אז גאלד אונ זילבר דאש איז די לויב פון מיין גיליבטן גאט אונ דאש איז די קראפט אונ שטארקייט פון מיין גיליבטן העד איר נביאים אין ירושלים · אנה אז די נביאים האבן גהערט גאטש לויב דורך דער מויל פון כנסת ישראל אזו האבין זייא גיפרעגט צו די ישראל איבער וואש פר עבירות האט זיך די שכינה אפ גטאן פון דיר דו בשיינטע מיט מעשים אונ צו וועלכן

פלאין

פלאץ האט זיך דיין געליבטער געווענט אז ער
האט זיך אפ געטאן פון זיין בית המקדש דא
האבן געענטפערט די כנסת ישראל פון וועגן
די עבירות אונ ווידר שפעניקייט אונ מוטווילונג
דאש אונטר מיר איז געפונען געווארן אזו האבן
געזאגט די נביאים טוט איצונדערט תשובה אונ
קומט לאמיר מיט אנאנדר תפלה טאן אונ בעטן
פון גאט בארם הארציקייט דודי ירד דר הער פון דר
וועלט האט אנטפאנגן דאס גבעט מיט רצון אונ
האט אראפ גנידרט צו די חכמים אונ סנהדרין פון
בבל אונ האט געגעבן איין דר ווייטרנעש צו זיין
פאלק אונ האט זיי געבראכט אויש דעם גלות
דורך דיא הענט פון כורש אונ עזרא אונ נחמיה
אונ זרובבל בן שאלתיאל אונ דיא עלצטע פון
יהודה זיינען אויף געגאנגען קיין ירושלים אונ
האבן געבויט דאש בית המקדש אונ האבן
געשטעלט כהנים איבער דיא קרבנות אונ דיא
לוים צו היטן דאש בית המקדש אונ צו זינגען
אונ הקדוש ברוך הוא האט אראפ געשיקט איין
פייער פון דעם הימל צו אנטפאנגן די קרבנות
אונ קטורת. אונ דאס איז געווען גלייך אז וויא
איינר שפייזט זיין זון מיט קעסטליכע אונ לייכטע
שפייז אונ אזו וויא איינר קלייבט רוזין פון איין
גארטן אזו האט ער זיי איין געזאמילט פון בבל
אני לדודי אין דר זעלביגר צייט האב איך גירופן
צום הער פון דער וועלט מיין געליבטן אונ ער
האט געלאזט רוען דיא הייליגע שכינה צווישן
מיר אונ האט מיך געשפייזט מיט זעניפטיקייט
יפה את גאט האט געזאגט דורך זיין ווארט וויא
שיין ביסטו מיין געליבטע ווען דו בגערשט צו
טאן מיין רצון עש געפעלט מיר וואול דר בית
המקדש דאש דוא האשט מיר געבויט גלייך אז
דער בית המקדש וואש שלמה המלך האט מיר
געבויט אין ירושלים אונ דיין פארכט זאל זיין
איבער אלע עובדי כוכבים גלייך וויא עש איז
געווען פריער אז איר זייט געגאנגן אין דר מדבר
הסבי זיי האבן מיך געמאכט ארום רינגלן דיא
חכמים פון כנסת ישראל דען זייא מאכן מיך
קיניגין אין גלות אונ זיצן אין בתי מדרשים צו
לערנן דרינען תורה אונ דיינע אנדערע געמיינע
לייט אונ עמי הארצים זיינן גירעכט מיט זייערע
ווערטער גלייך אז וויא די קינדר פון יעקב דאס
זיי האבן געקליבן שטיינר אונ האבן געמאכט
איין הויפן אויף דעם בארג גלעד שניך כעדר

דיינע כהנים אונ לוים וואש עסין דיינע קרבנות
אונ תרומה ומעשר זייא זיינען ריין פון גזילות
גלייך אז וויא דיא שאף פון יעקב וואס זיינען
גיקומן אויש דעם באך יבוק דאש אונטר זייא
איז ניט געווען קיין אונס אונ גזילות אונ זיינען
געוועזן אלע גלייך אונ האבן געוואונן אלע צייט
צווילינגש אונ קיין עקרה אונ איין אפ ווארפן
איז ניט געווען צווישן זיי כפלח אונ דאס מלכות
חשמונאים זיינן פול מיט מצות אז איין מילגרוים
דר מתתיהו בן יוחנן כהן גדול אונ זיינע זין זיינן
גרעסערע צדיקים פון אלע אונ היטין די מצות
אונ תורה מיט לויטערקייט ששים אין דר צייט
זיינן אויף געשטאנן דיא רשעים אונ האבן איין
גיזאמילט זעכציג מלכים פון די קינדר עשו אונ
אלע זיינען געווען אן גיקלייד מיט פנצערם אונ
האבן גירייטן אויף פערד אונ רייט וועגין אונ
אויך אכציג דוכסים פון די קינדר ישמעאל אונ
זייא האבן גירייטן אויף העלפאנדין אונ אויך
אנדערע פעלקר גאר אן אצאל אונ האבן איבר
זיך גיזעצט דעם מלך אלכסנדר צוא איין ראש
אונ זיינן גיקומן צו שטרייטן אויף ירושלים אחת
היא אונ אין דר זעלביגר צייט זיינן דיא ישראל
געווען גיגליכן צו איין טויב צו דינן גאט מיט
איין הארצין אונ האבן זיך גיאיינציגט צוא דר
תורה אונ האבן זיא געלערנט מיט פולן הארצן
אונ זיינן געווען לויטר מיט זייערע זכיות גלייך
אז דעם טאג וואש זיי זיינן ארויש גיגאנגן פון
מצרים אזו זיינען ארויש גיגאנגען דיא קינדער
חשמונאים מיט מתתיהו אונ כל ישראל אונ
האבן אן גירייצט איין מלחמה מיט זייא אונ
גאט האט זיי איבר געענטפרט אין זייערע הענט
די זיצר פון די דערפר האבן דאש גיזעהען אונ
האבן זיי גלויבט אונ די קיניגין אונ געוועלטיגע
פון אנדרע לענדער האבן זיי גירימט • מי זאת
די עובדי כוכבים האבן גיזאגט וויא לויטר זיינן
דיא ווערק פון דעם פאלק אז וויא דער מארגין
שטערין אונ זייערע זכיות איז אזו קלאר אזוא
וויא די זון אונ זייער פארכט איז אויף אלע די
זיצער פון דר ערד גלייך אז וויא די צייט דאס
זיי זיינן גיגאנגען מיט פיר פענדליך אין דער
מדבר • אל גנת ער זאגט דר הער פון דר וועלט
איך האב דרום גילאזט רוען מיין שכינה אין
דעם אנדערין בית המקדש וואש איז גיבויט
גיווארן דורך כורש כדי צו זעהן די גוטע מעשים

פון

פון מיין פאלק אונ אויב עש מערין זיך זייערע חכמים דאש זייא זיינן גיגליכן צוא איין ווייןשטאק מיט זייערע בלעטר אונ אויב זיי זיינן פול מיט זייערע מעשים טובים אז איין מיל גרוים לא ידעתי אונ אז עש איז אנטפלעקט גיווארין פאר גאט דאש זייא זיינען צדיקים אונ לערנען תורה דא האט גאט גיזאגט איך וועל ניט מערין זייא צו שלאגין אונ וועל זיי ניט פארדארבין נאר איך האב מיר זעלבשט איין עצה גינומן צו באגיטיגין זיי אונ צו מאכין רייטין זיי אין קיניגליכע רייט וועגין אין דעם זכות פון זייערע צדיקים וואש זיינן אין דעם דור דאס זיי זיינען גלייך מיט זייערע מעשים אז וויא זייער פאטער אברהם:

שובי קער ווידר צו מיר דו כנסת ישראל קער ווידר צוא לערנן תורה · קער ווידר צוא אנטפאנגן די נבואה פון די נביאים וואס זאגין נביאות אין גאטש נאמען אונ וואש נוצין אייך די פאלשע נביאים וואש פר אירין דאס פאלק פון ירושלים מיט זייערע פאלשע נביאות אונ מאכין אייך אפ קערין פון גאטש פארכט אונ פאר שוועכין די מחנות פון יהודה אונ ישראל מה יפו שלמה המלך זאגט דורך דר רוח נבואה פון גאט וויא שיין זיינן די פיס פון ישראל ווען זיי גייען דריי מאל אין יאר עולה רגל זיין צוא גיזעהן ווערן פר גאט · אונ זייערע שיך זיינען מיט פיל שיינע פארבן אונ זיינן מקריב זייערע נדרים אונ נדבות אונ דיא קינדער וואש גייען אויש פון זייער דיך זיינן אזו שיין אז דיא אבנים טובות וואש דר מייסטער בצלאל האט גיזעצט אין דר קרוין פון אהרן הכהן שררך אונ דיין ראש ישיבה וואש דורך זיין זכות ווערין גישפייזט די גאנצע וועלט גלייך אז וויא דאש קינד ווערט גישפייזט דורך זיין מוטערש נאפיל ער לייכט לויטער אין דער תורה אז דיא שיין פון דיא לבנה ווען ער קומט מזכה אדר מחייב זיין אונ די תורה ווערט ניט אפ גיבראכין שטעטיגלעך פון זיי גלייך אזו ווי דיא גרוישע וואסער וואש גייען פון דעם באך פון דעם עדן אונ זייערע זיבעציג חכמים זיצין ארום גירינגילט בשעת משפט גלייך אז איין בעקין אונ זייערע אוצרות זיינן דער פילט מיט הייליגע מעשר אונ נדרים אונ נדבות אונ לערנן תורה שני שדיך דיינע צוויי דר לייזרש וואש וועלן דיך גיך דר לייזן דאש איז משיח בן דוד אונ משיח בן אפרים זייא זיינען גלייך צו משה אונ אהרן דיא קינדער פון יוכבד דאש זיי זיינן גלייך צוא איין צווילונג פון צווי יונגע אינדרין צוארך אונ דער אב בית דין וואש פסקת דיינע דינים דר איז שטארק איבר דיר וויא שלמה המלך וואש ער האט גימאכט איין שטול פון העלפאנד ביינר דאס ער האט ווידר גיקערט דאש פאלק ישראל אונ האט זיי באצוואונגן צו השי"ת אונ דיינע תלמידי חכמים זיינן פול מיט חכמה אזו וויא טייכן וואס זיינן פול מיט וואשער · אונ זיי ווייסן דעם חשבון צוא מאכין עיבור דאש יאר אונ ראש חודש אונ ראש השנה · דאש אלץ איז גיוועז ביי דיא סנהדרין הגדולה · אונ דער ראש בית אב פון שבט יהודה איז גלייך צוא דוד המלך דאש ער האט גיבויט מצודת ציון דאש ער ווערט גירופן מגדל לבנון · ווייל ער איז גיוועזן אזו הויך אז דר מענטש וואש האט זיך גישטעלט אויף אים האט גיקענט ציילין אלע די טויערין פון דמשק ראשך דר מלך וואס איז גיזעצט איבר דיר צוא איין ראש איז איין צדיק גלייך אז וויא אליהו הנביא דאס ער האט גיטאן גאטש ווילין אונ האט גטייט די פאלשע נביאים אויף דעם בארג כרמל · אונ האט ווידר גיקערט די ישראל צוא גאטש פארכט אונ דאש ארימע פאלק וואש גייען היינט שלעכט אן גיקלייד פון וועגן זייער ארימקייט וועלן דר נאך אן קליידן פירפיל וואל אז וויא דניאל איז גיוועזן אן גיקלייד אין דער שטאט בבל אונ מרדכי אין שושן מה יפית שלמה המלך זאגט ווי גאר שיין בישטו כנסת ישראל ווען דוא ליידסט דעם יאך פון די שלעכטע לייט אין דער צייט ווען הקב"ה טוט דיר אן יסורים פון וועגן דיינע עבירות אונ דו נעמסט אן דיא יסורים גלייך אז תענוגים זאת אונ אז די כהנים פאר שפרייטין זייערע הענט מיט תפלה אונ בענטשן זייערע ברידר ישראל דאש איז גלייך אז ווען עש פר שפרייטין זיך די לולבים פון אטייטיל בוים אונ זייער הויך איז אז איין טייטיל בוים אונ דאש קהל שטייען מיט זייער פנים צו די כהנים · אונ זייערע אויגן זיינן צו דר ערד · גלייך וויא איין הייגגיל וויין טרויבן אמרתי השי"ת האט גיזאגט איך וועל גיין פרובן דניאל צוא זעהן אויב ער וועט באשטיין בייא דעם נסיון גלייך אז אברהם וואש איז גיגליכן

צווא

צו איין לולב אונ איז באשטאנען מיט צעהען נסיונות · אונ אויך וועל איך פרובין חנניה מישאל ועזריה אויב זיי וועלן היילענדיג בשטיין איז מיין נסיון אזוא וועל איך פון וועגין זייער זכות דר לייזין דאש פאלק ישראל · דאש זיי זיינן גיגליכן צו איין היינגיל וויין טרויבן אונ דר נאמן פון חנניה מישאל ועזריה וועט גהערט ווערן דורך דר גאנצר וועלט אונ זייער גשמאק וועט שמעקין אז דיא עפיל פון דעם גן עדן · וחכך כיין דניאל אונ זיינע חברים האבן גיזאגט מיר וועלין גאטש גזרה אן נעמען גלייך וויא אברהם אבינו האט אויף זיך גינומען דאש ער איז גיגליכן צו שטארקין וויין · מיר וועלן גיין אין רעכט פארטיגן וועג גלייך ווי אליהו הנביא אונ אלישע האבן גטאן · דאש דורך זייער זכות זיינן אויף גישטאנען טויטע לייט · אונ אז וויא יחזקאל בן בוזי הכהן האט גיטאן דאש דורך זיין זכות זיינען לעבעדיג גיווארין דיא טויטע ביינער אין טאל דורא אני לדודי ירושלים זאגט ווען איך גיי אין גאטש וועג אזו לאזט ער רוען זיין שכינה ביי מיר אונ טוט מיר גוטש אבער ווען איך קער אפ פון זיין וועג דא טוט ער אפ די שכינה פון מיר אונ זיי גיוועלטיגן אויף מיר גלייך אזו וויא איין מאן גיוועלטיגט איבר זיין ווייב לכה דודי אז די ישראל האבן פר שולדיגט מיט זייערע עבירות דא האט זיי גאט פר טריבן אין לאנד שעיר דאש פעלד אדום אזו זאגין די כנסת ישראל רבונו של עולם מיר בעטין דיך פאר נעם אונזר תפלה אין די שטעט פון אונזר גלות נשכימה די ישראל זאגן אייער צו אנדערן לאמיר פריא גיין אין שול אונ אין בית המדרש אריין צו זעהן אויב עש האט גיגרייכט די צייט פון דר גאולה צוא דר לייזין די ישראל וואש זיינן גיגליכן צוא איין וויין שטאק אונ לאמיר פרעגין די חכמים אויב עש איז גיקומן דר קץ צו גיין קיין ירושלים צו לויבין גאט אונ מקריב צו זיין הייליגע עולות אונ נסכים דען פר השי״ איז ידוע דר זכות פון צדיקים וואש זיינען גיגליכן צוא איין מילגרום פול מיט מצות הדודאים אז עש וועט זיין דר ווילין פון גאט אויס צו לייזין די ישראל דא וועט גיזאגט ווערין צו מלך המשיח עש איז גיקומן דר קץ פון דער גאולה אונ דר זכות פון די צדיקים שמעקט מיר גלייך אזו וויא באלסום אייל אונ דיא חכמים אין דעם דור זיצין אין בית המדרש אונ לערנן תורה מיט כונה · דרום שטיי אויף איצונדערט אונ אנטפאנג דאש מלכות וואש איז ראוי צוא דיר מי יתנך אונ אין דר זעלביגר צייט וועט משיח זיך ווייזן אויפן וואר צו כנסת ישראל אונ זיי וועלן צו אים זאגין גיי דו זאלשט זיין מיט אונז צו איין ברודר אונ לאמיר אויף גיין קיין ירושלים אונ לאמיר זייגין די טעמים פון דר תורה גלייך אזוא וויא איין קינד זייגט זיין מוטערש ברוסט אונ אזו לאנג אז איך בין גיווען אין גלות האב איך אלץ גידאכט אין דעם נאמן פון גאט אונ האב מיך איבר גיענטפערט פון וועגן מיין גאט · אזו האבין מיך די פעלקער אויך ניט פאר שעמט אנהגך איך וועל דיך פירין מלך המשיח אונ וועל דיך ברייגגען אין בית המקדש אריין דארטין זאלשטו מיך לערנן צוא פארכטין זיך פאר גאט אונ צוא גיין אין זיין וועג אונ דארטן וועלין מיר עסין סעודת לויתן אונ טרינקען דעם שטארקין וויין וואש איז פר בארגין אין גן עדן פון ששת ימי בראשית שמאלו די כנסת ישראל זאגין איך בין אויש דער ווילט דען איך לייג תפלין אין מיין לינקער האנט אונ האב איין מזוזה אין דר רעכטער זייט פון מיין טיר כדי דאש די מזיקים זאלין קיין מאכט ניט האבין מיך מזיק צו זיין השבעתי דר מלך המשיח וועט זאגן איך בשווער אייך ישראל וואורום רייצט איר זיך צו גיין אויש דעם גלות אונ וואורום זייט איר ווידער שפעניג אין דעם חיל פון גוג ומגוג · ווארט אביסיל צייט ביז זיי וועלין קומן צו מלחמה אויף ירושלים אונ דער נאך וועט אייך גאט פירין איר ליב האבר די צדיקים · אונ זיין רצון וועט זיין אייך צו דר לייזין מי זאת שלמה המלך זאגט אז די מתים וועלין אויף שטיין דא וועט זיך דר אייל בארג שפאלטין אונ אלע די מתים פון ישראל וועלין פון אונטין ארויף קומן · אונ אפילו די צדיקים וואש זיינען גישטארבין אין גלות וועלין ארויש קומן דורך די היילין אונטר דעם אייל בארג · אונ די רשעים וואש זיינען גישטארבן אין ארץ ישראל וועלין זיין אוועק גיווארפין · אז וויא מען ווארפט אוועק איין שטיין · אזו וועלין זאגין אלע די איין וואונר פון דעם לאנד וואש איז דער זכות פון דעם פאלק דאש זיי זיינן אויש גיגאנגן צעהן מאל צעהען טויזינט גלייך אז וויא זיי זיינען גיגאנגן אויש

דער

דער מדבר קיין ארץ ישראל · אונ זיי זיינן זיך מפנק מיט גאטש ליבשאפט גלייך וויא זיי האבן זיך מפנק גיוועזן אויפן בארג סיני בשעת מתן תורה · אונ אין דר זעלביגר צייט אז משיח וועט קומען דא וועט ציון די מוטר פון ישראל גיווינען אירע קינדער · אונ ירושלים וועט מקבל זיין די לייט פון חוץ לארץ שימני ישראל וועלן זאגין דעם זעלביגן טאג צו זייער הערין הקב"ה מיר בעטין דיך טוא אונז אויף דיין האלז אונ ארום האלז וויא איין חותם דאש מיר זאלין ניט מער פאר טריבן ווערין · דען עש איז אזו שטארק וויא דער טויט די ליבשאפט פון דיר גאט מים רבים הקב"ה זאגט צו ישראל ווען אפילו עש זאלין זיך איין זאמלען אלע דאש מחמת זייער פילקייט זיינן זיי גיגליכן צו וואשר אזו וואלטין זיי ניט גיקענט פאר פלייצין מיין ליבשאפט פון דיר אונ אז אפילו עס זאלין זיך איין זאמלן אלע פון דער וועלט וואש זיי זיינען גיגליכן צו איין פלייצינדיגן טייך וועלין זיי דאך ניט קענן דיך אפ מעקין פון דער וועלט · אונ אז דר מענטש וועט געבין גאר זיין געלט צו קויפן די חכמת התורה אין גלות אזו וועל איך עש אים ווידר געבין כפל לעתיד לבא אונ אלע די רויב פון דעם חיל פון גוג ומגוג זאל גיהערין צו אים · אני חומה די כנסת ישראל ענטפערין אונ זאגין איך בין אזו פעסט אין דער תורה אז איין מויער · אונ מיינע קינדר זיינן אזו שטארק אז איין טורעם די זעלביגע צייט וועלין די כנסת ישראל גיפינן בארים הארציקייט אין גאטש אויגין אונ אלע וואונער פון דער ערד וועלין זיי שלום געבין כרם איין אומה איז גיפאלין אין דעם גורל פון הקב"ה דאש ער איז אייטל שלום זיא איז גיגליכן צו איין ויין גארטין ער האט זיא גיזעצט אין ירושלים אונ האט זיא איבר גיענטפערט אין די הענט פון מלכות בית דוד צו היטין זיי גלייך אז איין גערטנער היט זיין גארטין אבר נאך דעם טויט פון שלמה המלך אזו זיינן זיי גיבליבן אונטר זיין זון רחבעם אזו איז גיקומן ירבעם בן נבט אונ האט מיט אים גיטיילט דאש מלכות אונ האט אפ גינומן צעהן שבטים דורך דר נבואה פון אחיה השילוני דאש ער איז גיוועזן איין קעסטליכר מאן כרמי אז שלמה המלך האט דר הערט די נבואה פון אחיה השילוני אזו האט ער גיוואלט ירבעם טייטין אזו איז ירבעם אנטלאפין גיווארין קיין מצרים אונ דא איז צו שלמה נביאות גזאגט גווארין דאש ער וועט זיין איין מלך איבער אלע שבטים אלע זיינע לעב טאג אבער נאך זיין טויט וועט ירבעם בן נבט איבר זיי גיוועלטיגן נאר איבר די צוויי שבטים יהודה ובנימין וועט גיוועלטיגן זיין זון רחבעם היושבת דאש זאגט שלמה אין זיין סוף נבואה הקב"ה וועט זאגן צו ישראל אין דר לעצטע צייט דו כנסת ישראל וואס איז גיגליכן צו איין קליינם גארטין אונ דו זיצט אין בית המדרש מיט דיא תלמידי חכמים אונ דאש גימיינע פאלק הערין צו דעם ראש ישיבה אונ לערנן פון אים תורה לאז מיך הערין דיין קול פון תורה אונ ווען דו וועשט זיצין אין משפט מחייב אדער מזכה צו זיין אזו וועל איך מסכים זיין מיט אלץ וואש דו וועסט טאן ברח דודי די זעלביגע צייט וועלן זאגין די כנסת ישראל לויף אוועק דו גיליבטר הקב"ה אונ לאז דיין שכינה רוען אין הויכן הימיל אונ ווען עש וועט אונז לייד גישעהן אונ מיר וועלן דיך בעטין אזו זאלשטו זיין גלייך אז איין הירש אז ער שלאפט האלט ער איין אויג צו אונ דאש אנדערע אפין אדער אזו וויא איין יונגער אינד דאש ווען ער לויפט קוקט ער הינטר זיך אזו זאלשטו השם יתברך אויך צו אונז קערין אונ לוגין ביז דו וועשט באגערין אונז צו דער לייזין אונ בריינגען אויף דעם בארג ירושלים אונ דארטין וועלין דיא כהנים אויף בריינגען דיא קטורת פון בשמים :

## סליק תרגום על שיר השירים